THE HOLY BIBLE

Translated into Yiddish

by

Ch. Neuhausen, A. Hyman Charlap, and others.

Copyright 1912,
by the Hebrew Publishing Company, New York.

ישעיה

LIBER JESAIAE.

CAPUT I. א

חֲזוֹן יְשַׁעְיָהוּ בֶן־אָמוֹץ אֲשֶׁר חָזָה עַל־יְהוּדָה וִירוּשָׁלָם א
בִּימֵי עֻזִּיָּהוּ יוֹתָם אָחָז יְחִזְקִיָּהוּ מַלְכֵי יְהוּדָה׃ שִׁמְעוּ שָׁמַיִם 2
וְהַאֲזִינִי אֶרֶץ כִּי יְהוָה דִּבֵּר בָּנִים גִּדַּלְתִּי וְרוֹמַמְתִּי וְהֵם
פָּשְׁעוּ בִי׃ יָדַע שׁוֹר קֹנֵהוּ וַחֲמוֹר אֵבוּס בְּעָלָיו יִשְׂרָאֵל 3
לֹא יָדַע עַמִּי לֹא הִתְבּוֹנָן׃ הוֹי ׀ גּוֹי חֹטֵא עַם כֶּבֶד עָוֺן 4
זֶרַע מְרֵעִים בָּנִים מַשְׁחִיתִים עָזְבוּ אֶת־יְהוָה נִאֲצוּ אֶת־
קְדוֹשׁ יִשְׂרָאֵל נָזֹרוּ אָחוֹר׃ עַל־מֶה תֻכּוּ עוֹד תּוֹסִיפוּ סָרָה ה
כָּל־רֹאשׁ לָחֳלִי וְכָל־לֵבָב דַּוָּי׃ מִכַּף־רֶגֶל וְעַד־רֹאשׁ 6
אֵין־בּוֹ מְתֹם פֶּצַע וְחַבּוּרָה וּמַכָּה טְרִיָּה לֹא־זֹרוּ וְלֹא
חֻבָּשׁוּ וְלֹא רֻכְּכָה בַּשָּׁמֶן׃ אַרְצְכֶם שְׁמָמָה עָרֵיכֶם שְׂרֻפוֹת 7
אֵשׁ אַדְמַתְכֶם לְנֶגְדְּכֶם זָרִים אֹכְלִים אֹתָהּ וּשְׁמָמָה
כְּמַהְפֵּכַת זָרִים׃ וְנוֹתְרָה בַת־צִיּוֹן כְּסֻכָּה בְכָרֶם כִּמְלוּנָה 8
בְמִקְשָׁה כְּעִיר נְצוּרָה׃ לוּלֵי יְהוָה צְבָאוֹת הוֹתִיר לָנוּ 9
שָׂרִיד כִּמְעָט כִּסְדֹם הָיִינוּ לַעֲמֹרָה דָּמִינוּ׃ שִׁמְעוּ י
דְבַר־יְהוָה קְצִינֵי סְדֹם הַאֲזִינוּ תּוֹרַת אֱלֹהֵינוּ עַם עֲמֹרָה׃
לָמָּה לִּי רֹב־זִבְחֵיכֶם יֹאמַר יְהוָה שָׂבַעְתִּי עֹלוֹת אֵילִים 11
וְחֵלֶב מְרִיאִים וְדַם פָּרִים וּכְבָשִׂים וְעַתּוּדִים לֹא חָפָצְתִּי׃
כִּי תָבֹאוּ לֵרָאוֹת פָּנָי מִי־בִקֵּשׁ זֹאת מִיֶּדְכֶם רְמֹס חֲצֵרָי׃ 12
לֹא תוֹסִיפוּ הָבִיא מִנְחַת־שָׁוְא קְטֹרֶת תּוֹעֵבָה הִיא לִי 13
חֹדֶשׁ וְשַׁבָּת קְרֹא מִקְרָא לֹא־אוּכַל אָוֶן וַעֲצָרָה׃ חָדְשֵׁיכֶם 14

ומועדיכם

v. 1. הפטרת אלה הדברים

י ש ע י ה

קאַפּיטעל א

1 די פּראָפּעצייאונג פון ישעיהו, דעם זוהן פון אמוץ, וועלכע ער האָט גע־
זעהען איבער יהודה און ירושלים, אין די טעג פון עזיהו, יותם, אחז
און יחזקיהו, די קעניגע פון יהודה.
2 הערט, איהר הימלען, און פערנעהם, דו ערד, דען גאָט האָט גערעדט ;
קינדער האָב איך אויפגעצויגען און ערהויבען, אָבער זיי האָבען פער־
בראָכען קעגען מיר.
3 דער אָקס קען זיין אייגענטהימער, און דער עזעל די קרופּע (קאָרעטע)
פון זיין הערר, ישראל אָבער, קען מיך ניט, מיין פאָלק בעמערקט מיך
ניט.
4 וועה ! זינדיגעס פאָלק, נאַציאָן בעלאַדען מיט זינד, זאָמען וואָס טהוען
שלעכטס, פערדאָרבענע קינדער ; פערלאָזען האָבען זיי גאָט, פער־
אַכטעט דעם הייליגען פון ישראל, זיי האָבען זיך אָבגעקעהרט צוריק.
5 וואָרום זאָלט איהר ווידער געשלאָגען ווערען ? אַז איהר טהוט
נאָך אַלץ מעהר אָבקעהרען, יעדער קאָפּ איז קראַנק, יעדעס האַרץ איז
שמערצליך.
6 פון דעם פוסטריט ביז דעם קאָפּשייטעל איז ניטאָ אין איהם אַ גאַנצע
שטעלע ; נאָר אַ וואונד און אַ בייל, און א אייטערענדע וואונד, זיי
זיינען ניט אויסגעדריקט געוואָרען, און ניט פערבונדען געוואָרען און
ניט ערווייכט געוואָרען מיט אויל.
7 אייער לאַנד איז וויסט, אייערע שטעדט פערברענט מיט פייער, אייער
לאַנד פאר אייערע אויגען פרעמדע פערצעהרען זי, און עס איז פערוויסט
ווי דורך אַ איבערקעהרונג פון פרעמדע.
8 און בלויז די טאָכטער ציון איז נאָך איבערגעבליעבען, אָבער עלענד,
ווי אַביידעל אין אַ וויינגאָרטען, ווי אַ וואַכטהויז אין אַ קירבעס גאָרטען,
ווי אַ בעלאַגערטע שטאָדט.
9 ווען גאָט פון די הערשאַרען וואָלט אונז ניט איבערגעלאָזען אַ קליינעם
רעסט, וואָלטען מיר ווי סדום געוואָרען, צו עמרה וואָלטען מיר גלייך
געוועזן.
10 הערט דאָס וואָרט פון גאָט, איהר פירשטען פון סדום, פערנעהמט די
לעהרע פון אונזער גאָט, איהר פאָלק פון עמרה.
11 צו וואָס טויג מיר אייערע פיעל אָפּפער ? זאָגט גאָט. איך בין זאַט !
גאַנץ־אָפּפער פון ווידערס, און פעטס פון געשטאָפּטע אָקסען, און
בלוט פון אָקסען און שאָף און בעק בעגעהר איך ניט.
12 ווען איהר קומט צו בעווייזען זיך פאַר מיר, ווער פערלאַנגט עס פון אייך,
דאָס איהר זאָלט צוטרעטען מיין הויף ?
13 איהר זאָלט ניט מעהר ברענגען אומזיסטע אָפּפער, אייער רויכערונג
איז אן עקעל צו מיר, ראש חדש און שבת ווען איהר פעררופט אַ
הייליגע פערזאמלונג, איך לייד עס ניט ; טהאָן אונרעכט — אין היי־
ליגע פערזאַמלונגען.
14 אייערע מאָנאַט־פעסטען און אייערע פייערטעג האַסט מיין זעעל, זיי
זיינען צו מיר צו לאַכט, איך בין מיעד געוואָרען זיי צו ערטראגען.

וּמוֹעֲדֵיכֶם֙ שָׂנְאָ֣ה נַפְשִׁ֔י הָי֥וּ עָלַ֖י לָטֹ֑רַח נִלְאֵ֖יתִי נְשֹֽׂא׃
טו וּבְפָרִשְׂכֶ֣ם כַּפֵּיכֶ֗ם אַעְלִ֤ים עֵינַי֙ מִכֶּ֔ם גַּ֛ם כִּֽי־תַרְבּ֥וּ תְפִלָּ֖ה
16 אֵינֶ֣נִּי שֹׁמֵ֑עַ יְדֵיכֶ֖ם דָּמִ֥ים מָלֵֽאוּ׃ רַחֲצוּ֙ הִזַּכּ֔וּ הָסִ֛ירוּ רֹ֥עַ
17 מַעַלְלֵיכֶ֖ם מִנֶּ֣גֶד עֵינָ֑י חִדְל֖וּ הָרֵֽעַ׃ לִמְד֤וּ הֵיטֵב֙ דִּרְשׁ֣וּ
מִשְׁפָּ֔ט אַשְּׁר֖וּ חָמ֑וֹץ שִׁפְט֣וּ יָת֔וֹם רִ֖יבוּ אַלְמָנָֽה׃
18 לְכוּ־נָ֛א וְנִוָּכְחָ֖ה יֹאמַ֣ר יְהוָ֑ה אִם־יִהְי֨וּ חֲטָאֵיכֶ֤ם כַּשָּׁנִים֙
19 כַּשֶּׁ֣לֶג יַלְבִּ֔ינוּ אִם־יַאְדִּ֥ימוּ כַתּוֹלָ֖ע כַּצֶּ֥מֶר יִהְיֽוּ׃ אִם־תֹּאב֖וּ
כ וּשְׁמַעְתֶּ֑ם ט֥וּב הָאָ֖רֶץ תֹּאכֵֽלוּ׃ וְאִם־תְּמָאֲנ֖וּ וּמְרִיתֶ֑ם
21 חֶ֣רֶב תְּאֻכְּל֔וּ כִּ֛י פִּ֥י יְהוָ֖ה דִּבֵּֽר׃ אֵיכָה֙ הָיְתָ֣ה
לְזוֹנָ֔ה קִרְיָ֖ה נֶאֱמָנָ֑ה מְלֵאֲתִ֣י מִשְׁפָּ֗ט צֶ֛דֶק יָלִ֥ין בָּ֖הּ וְעַתָּ֥ה
22 מְרַצְּחִֽים׃ כַּסְפֵּ֖ךְ הָיָ֣ה לְסִיגִ֑ים סָבְאֵ֖ךְ מָה֥וּל בַּמָּֽיִם׃
23 שָׂרַ֣יִךְ סוֹרְרִ֗ים וְחַבְרֵי֙ גַּנָּבִ֔ים כֻּלּוֹ֙ אֹהֵ֣ב שֹׁ֔חַד וְרֹדֵ֖ף
שַׁלְמֹנִ֑ים יָתוֹם֙ לֹ֣א יִשְׁפֹּ֔טוּ וְרִ֥יב אַלְמָנָ֖ה לֹֽא־יָב֥וֹא אֲלֵיהֶֽם׃
24 לָכֵ֗ן נְאֻ֤ם הָֽאָדוֹן֙ יְהוָ֣ה צְבָא֔וֹת אֲבִ֖יר יִשְׂרָאֵ֑ל ה֚וֹי אֶנָּחֵ֣ם
כה מִצָּרַ֔י וְאִנָּקְמָ֖ה מֵאוֹיְבָֽי׃ וְאָשִׁ֤יבָה יָדִי֙ עָלַ֔יִךְ וְאֶצְרֹ֥ף כַּבֹּ֖ר
26 סִיגָ֑יִךְ וְאָסִ֖ירָה כָּל־בְּדִילָֽיִךְ׃ וְאָשִׁ֤יבָה שֹׁפְטַ֙יִךְ֙ כְּבָרִ֣אשֹׁנָ֔ה
וְיֹעֲצַ֖יִךְ כְּבַתְּחִלָּ֑ה אַחֲרֵי־כֵ֗ן יִקָּ֤רֵא לָךְ֙ עִ֣יר הַצֶּ֔דֶק קִרְיָ֖ה
27 28 נֶאֱמָנָֽה׃ צִיּ֖וֹן בְּמִשְׁפָּ֣ט תִּפָּדֶ֑ה וְשָׁבֶ֖יהָ בִּצְדָקָֽה׃ וְשֶׁ֧בֶר
29 פֹּשְׁעִ֛ים וְחַטָּאִ֖ים יַחְדָּ֑ו וְעֹזְבֵ֥י יְהוָ֖ה יִכְלֽוּ׃ כִּ֣י יֵבֹ֔שׁוּ
מֵאֵילִ֖ים אֲשֶׁ֣ר חֲמַדְתֶּ֑ם וְתַ֨חְפְּר֔וּ מֵהַגַּנּ֖וֹת אֲשֶׁ֥ר בְּחַרְתֶּֽם׃
ל כִּ֣י תִֽהְי֔וּ כְּאֵלָ֖ה נֹבֶ֣לֶת עָלֶ֑הָ וּֽכְגַנָּ֛ה אֲשֶׁר־מַ֖יִם אֵ֥ין לָֽהּ׃
31 וְהָיָ֤ה הֶחָסֹן֙ לִנְעֹ֔רֶת וּפֹעֲל֖וֹ לְנִיצ֑וֹץ וּבָעֲר֧וּ שְׁנֵיהֶ֛ם יַחְדָּ֖ו
וְאֵ֥ין מְכַבֶּֽה׃

CAP. II. ב

ב
א הַדָּבָר֙ אֲשֶׁ֣ר חָזָ֔ה יְשַֽׁעְיָ֖הוּ בֶּן־אָמ֑וֹץ עַל־יְהוּדָ֖ה וִירוּשָׁלִָֽם׃
2 וְהָיָ֣ה ׀ בְּאַחֲרִ֣ית הַיָּמִ֗ים נָכ֨וֹן יִהְיֶ֜ה הַ֤ר בֵּית־יְהוָה֙ בְּרֹ֣אשׁ
3 הֶהָרִ֔ים וְנִשָּׂ֖א מִגְּבָע֑וֹת וְנָהֲר֥וּ אֵלָ֖יו כָּל־הַגּוֹיִֽם׃ וְהָלְכ֞וּ

עמים

v. 28 ש׳ סע

15 און ווען איהר שפּרייט אויס אייערע הענד (תפלה צו טהאָן) פערבאָרג
איך מיינע אויגען פון אייך ; אויך ווען איהר פערמעהרט געבעט, הער
איך עס ניט, ווייל אייערע הענד זיינען פול מיט בלוט.
16 וואַשט זיך, רייניגט זיך, שאַפט אָב אייערע שלעכטע טהאַטען פון מיינע
17 אויגען, הערט אויף שלעכטס צו טהאָן, געוואָהנט זיך גוטס צו טהאָן,
שטרעבט נאָך גערעכטיגקייט. שטאַרקט דעם אונטערדריקטען, שאַפט
גערעכטיגקייט דעם יתום, נעהמט אָן די קלאַגען פון דער אַלמנה.
18 קומט. און לאָמיר זיך דורכרעדען, זאָגט גאָט, קענען אייערע זינד וועל־
כע זיינען רויט ווי פּורפּור, אויסזעהען ווייס ווי שנעע ? אויב זיי זיינען
רויט ווי קאַרמעזין פאַרב קענען זיי גלאַנצען ווי ווייסע וואָלל ?
19 ווען איהר וועט וועלען געהאָרכען, וועט איהר גענים דאָס בעסטע פון
20 דעם לאַנד. אָבער אויב איהר וועט אייך וויינגערען, און איהר
וועט ווידערשפּעניגען, וועט איהר פערניכטעט ווערען דורך דעם שווערד,
דען גאָט'ס מויל האָט עס גערעדט.
21 אוי, ווי איז די טרייע שטאָדט געוואָרען ווי אַ בוהלערין, זי איז פול
געוועזן מיט גערעכטיגקייט, די אונשולדיגקייט אַליין פלעגט זיך אויפ־
האַלטען אין איהר, אָבער יעצט — מערדערס.
22 דיין זילבער איז געוואָרען אָבפאַל (שלאַקען), דיין געטראַנק איז גע־
מישט מיט וואַסער.
23 דיינע פירשטען זיינען אָפּטריניגע געוואָרען, און פריינד פון גנבים,
אַלע ליעבען צו נעהמען בעשטעכונג, אַלע יאָגען זיך נאָך בעצאָהלונגען,
דעם יתום שאַפט קיינער קיין גערעכטיגקייט, און די קלאַגע פון דער
אַלמנה קומט ניט פאַר זיי.
24 דאַרום, זאָגט דער הערר, דער גאָט פון די הערשאַרען, דער שטאַרקער
גאָט פון ישראל : אָ, איך וועל זיך טרייסטען פון מיינע בעליידיגער ;
ראַכע וועל איך נעהמען פון מיינע פיינד.
25 און איך וועל אומקעהרען מיין האַנד איבער דיר, און איך וועל לייטערען
אַזוי ווי מיט לויג דיינע שלאַקען, און איך וועל אָבשאַפען דיין גאַנצעס צין.
26 און איך וועל צוריקקעהרען דיינע ריכטער ווי פאַרצייטען, און דיינע
ראטהגעבער ווי אין אָנהויב, דאן וועסטו ווידער גערופען ווערען :
שטאָדט פון גערעכטיגקייט ; די בעגלויבטע רעזידענץ־שטאָדט.
27 יאַ, ציון וועט דורך גערעכטיגקייט אויסגעלייזט ווערען, און איהרע בע־
קעהרטע (בעלי תשובה) — דורך טוגענד.
28 אָבער די פערברעכער און זינדער וועלען צוזאַמען צובראָכען ווערען. און
די וואָס פערלאָזען גאָט וועלען אונטערגעהן.
29 דען אַ מאָל וועט מען זיך שעהמען וועגען די לינדענבוימער וואָס איהר
האָט אַזוי געגלוסט (פאַר עבודה זרה) און איהר וועט רויט ווערען פאַר
שאַנדע וועגען די גערטנער וואָס איהר האָט אייך אויסערוועהלט.
30 דען איהר וועט זיין אַזוי ווי אַ לינדענבוים וואָס זיינע בלעטער פער־
וועלקען, און ווי אַ גאָרטען וואָס האָט ניט קיין וואַסער.
31 און אייער שטאַרקער (אָבגאָט) וועט ווערען אַזוי ווי די אָבפאַל פון
פלאַקס, און דער וואָס האָט איהם געמאַכט, (וועט ווערען) אַ פונק, און
זיי וועלען צוזאַמען ברענען, און קיינער וועט זיי ניט אויסלעשען.

קאַפּיטעל ב

1 דאָס וואָרט וואָס ישעיהו דער זוהן פון אמוץ האָט געזעהען איבער יהודה
2 און ירושלים. און עס וועט געשעהען אין די צוקינפטיגע צייטען ;
פעסט אויפגעשטעלט וועט זיין דער באַרג פון גאָט'ס הויז, העכער פון
אַלע בערג, און ערהויבען וועט ער זיין איבער אַלע היגעלען, און אַלע
נאַציאָנען וועלען זיך ציהען (שטראָמען) צו איהם.

עַמִּים רַבִּים וְאָמְרוּ לְכוּ ׀ וְנַעֲלֶה אֶל־הַר־יְהוָה אֶל־בֵּית
אֱלֹהֵי יַעֲקֹב וְיֹרֵנוּ מִדְּרָכָיו וְנֵלְכָה בְּאֹרְחֹתָיו כִּי מִצִּיּוֹן
4 תֵּצֵא תוֹרָה וּדְבַר־יְהוָה מִירוּשָׁלִָם׃ וְשָׁפַט בֵּין הַגּוֹיִם
וְהוֹכִיחַ לְעַמִּים רַבִּים וְכִתְּתוּ חַרְבוֹתָם לְאִתִּים וַחֲנִיתוֹתֵיהֶם
לְמַזְמֵרוֹת לֹא־יִשָּׂא גוֹי אֶל־גּוֹי חֶרֶב וְלֹא־יִלְמְדוּ עוֹד
ה 6 מִלְחָמָה׃ בֵּית יַעֲקֹב לְכוּ וְנֵלְכָה בְּאוֹר יְהוָה׃ כִּי
נָטַשְׁתָּה עַמְּךָ בֵּית יַעֲקֹב כִּי מָלְאוּ מִקֶּדֶם וְעֹנְנִים כַּפְּלִשְׁתִּים
7 וּבְיַלְדֵי נָכְרִים יַשְׂפִּיקוּ׃ וַתִּמָּלֵא אַרְצוֹ כֶּסֶף וְזָהָב וְאֵין
קֵצֶה לְאֹצְרֹתָיו וַתִּמָּלֵא אַרְצוֹ סוּסִים וְאֵין קֵצֶה לְמַרְכְּבֹתָיו׃
8 וַתִּמָּלֵא אַרְצוֹ אֱלִילִים לְמַעֲשֵׂה יָדָיו יִשְׁתַּחֲווּ לַאֲשֶׁר עָשׂוּ
9 אֶצְבְּעֹתָיו׃ וַיִּשַּׁח אָדָם וַיִּשְׁפַּל־אִישׁ וְאַל־תִּשָּׂא לָהֶם׃
י בּוֹא בַצּוּר וְהִטָּמֵן בֶּעָפָר מִפְּנֵי פַּחַד יְהוָה וּמֵהֲדַר גְּאֹנוֹ׃
11 עֵינֵי גַּבְהוּת אָדָם שָׁפֵל וְשַׁח רוּם אֲנָשִׁים וְנִשְׂגַּב יְהוָה
12 לְבַדּוֹ בַּיּוֹם הַהוּא׃ כִּי יוֹם לַיהוָה צְבָאוֹת עַל כָּל־
13 גֵּאֶה וָרָם וְעַל כָּל־נִשָּׂא וְשָׁפֵל׃ וְעַל כָּל־אַרְזֵי הַלְּבָנוֹן
14 הָרָמִים וְהַנִּשָּׂאִים וְעַל כָּל־אַלּוֹנֵי הַבָּשָׁן׃ וְעַל כָּל־הֶהָרִים
טו הָרָמִים וְעַל כָּל־הַגְּבָעוֹת הַנִּשָּׂאוֹת׃ וְעַל כָּל־מִגְדָּל גָּבֹהַּ
16 וְעַל כָּל־חוֹמָה בְצוּרָה׃ וְעַל כָּל־אֳנִיּוֹת תַּרְשִׁישׁ וְעַל כָּל־
17 שְׂכִיּוֹת הַחֶמְדָּה׃ וְשַׁח גַּבְהוּת הָאָדָם וְשָׁפֵל רוּם אֲנָשִׁים
18 וְנִשְׂגַּב יְהוָה לְבַדּוֹ בַּיּוֹם הַהוּא׃ וְהָאֱלִילִים כָּלִיל יַחֲלֹף׃
19 וּבָאוּ בִּמְעָרוֹת צֻרִים וּבִמְחִלּוֹת עָפָר מִפְּנֵי פַּחַד יְהוָה
כ וּמֵהֲדַר גְּאוֹנוֹ בְּקוּמוֹ לַעֲרֹץ הָאָרֶץ׃ בַּיּוֹם הַהוּא יַשְׁלִיךְ
הָאָדָם אֵת אֱלִילֵי כַסְפּוֹ וְאֵת אֱלִילֵי זְהָבוֹ אֲשֶׁר עָשׂוּ־לוֹ
21 לְהִשְׁתַּחֲוֹת לַחְפֹּר פֵּרוֹת וְלָעֲטַלֵּפִים׃ לָבוֹא בְּנִקְרוֹת
הַצֻּרִים וּבִסְעִפֵי הַסְּלָעִים מִפְּנֵי פַּחַד יְהוָה וּמֵהֲדַר גְּאוֹנוֹ
22 בְּקוּמוֹ לַעֲרֹץ הָאָרֶץ׃ חִדְלוּ לָכֶם מִן־הָאָדָם אֲשֶׁר נְשָׁמָה
בְּאַפּוֹ כִּי בַמֶּה נֶחְשָׁב הוּא׃

כִּי

3 און פיעל פעלקער וועלען אהינגעהן און זיי וועלען זאָגען : קומט, און
מיר וועלען ארויפגעהן צו דעם בארג פון גאָט, צו דעם הויז פון דעם גאָט
פון יעקב, דאָס ער זאָל אונז לעהרנען זיינע וועגען, און מיר וועלען וואנד־
לען אין זיינע שטעגען, דען פון ציון וועט ארויסקומען די לעהרע און
גאָט׳ס וואָרט — פון ירושלים.
4 און ער וועט ריכטען צווישען די פעלקער, און ער וועט ענטשיידען צו
פיעל נאציאָנען, (וועגען זייערע שטרייטען), און זיי וועלען אומשמיע־
דען זייערע שווערדען צו אקער־אייזענס, און זייערע שפּיזען צו שנייד־
מעסערס, איין פאָלק וועט ניט מעהר אויפהויבען א שווערד קעגען אן
אנדער פאָלק, און זיי וועלען מעהר ניט לעהרנען קיין קריעג.
5 איהר הויז פון יעקב, קומט ! און לאָזען מיר געהן אין דעם ליכט פון גאָט.
6 אך ! יעצט האָסטו פערלאָזען דיין פאָלק, דאָס הויזגעזינד פון יעקב,
דען זיי זיינען פול געוואָרען (מיט צויבעריי) מעהר אלס (די פעלקער)
פון דעם מאָרגענלאנד, און צויבערער זיינען זיי ווי די פלשתים, און
מיט פרעמדע קינדער (זיטען) בענוגענען זיי זיך.
7 און זיין לאנד איז פול געוואָרען מיט זילבער און גאָלד, און עס איז ניט
געוועזען קיין ענד צו זיינע שאצען ; און זיין לאנד איז פול געוואָרען מיט
פערד, און עס איז ניט געוועזען קיין ענד צו זיינע רייטוועגען.
8 זיין לאנד איז פול געוואָרען מיט געטצען. צו די ווערק פון זייערע אייגענע
הענד בוקען זיי זיך, צו דעם וואָס זייערע אייגענע פינגער האָבען געמאכט.
9 און אזוי איינגעבויגען איז געוואָרען דער מענש, און אזוי ערניעדריגט
איז דער מאַן, אז דו קענסט עס (כמעט) זיי ניט פערגעבען.
10 געה אין פעלזען און פערבאָרג זיך אין דעם שטויב, פאר דעם שרעק
פון גאָט, און פאר די פורכט פון זיין הויכע מאיעסטעט.
11 די שטאָלצע בליקען פון דעם מענשען וועלען ערניעדריגט ווערען, און
איינגעבויגען וועט ווערען די הויכקייט פון מענער, אָבער גאָט אליין וועט
ערהויבען ווערען אין יענעם טאָג.
12 דען א שטראף טאָג האָט גאָט פון די הערשארען איבער יעדען שטאָלצען
און הויכען, איבער יעדען ערהאבענעם. אלע וועלען ערניעדריגט ווערען.
13 און איבער אלע צעדערען פון לבנון, די הויכע און ערהאבענע, און איבער
אלע אייכען פון בשן.
14 און איבער אלע הויכע בערג, און איבער אלע ערהויבענע היגעלען.
15 און איבער יעדען הויכען טהורעם, און איבער יעדע שטארקע פעסטונג.
16 און איבער אלע שיפען פון תרשיש, און איבער אלע פראכטפאָלע בילדער.
17 און דער שטאָלץ פון דעם מענשען וועט ניעדערגעבויגען ווערען, און
די הויכקייט פון מענער וועט ערניעדריגט ווערען. און ערהאבען וועט
זיין נאָר גאָט אליין אין יענעם טאָג.
18 און די געצען אין גאנצען וועלען זיי פערשוואונדען ווערען.
19 און זיי (די דיענער פון די געצען) וועלען קומען אין הייהלען פון די פעל־
זען און אין די גריבער פון דער ערד, פאר דעם שרעק פון גאָט, און פאר די
פורכט פון זיין מאיעסטעט, ווען ער וועט אויפשטעהן צו שרעקען די ערד.
20 און אין יענעם טאָג וועט דער מענש אוועקוואַרפען זיינע געצען פון
גאָלד, וואָס ער האָט זיך געמאכט, אום זיך צו בוקען צו זיי, צו די מויל־
ווארפען און צו די פלעדערמייז,
21 אום אריינצוקומען אין די לעכער פון די פעלזען, און אין די שפּאלטען פון
די שטיינער, פאר דעם שרעק פון גאָט און פאר די פורכט פון זיין
הויכע מאיעסטעט, ווען ער וועט אויפשטעהען צו זעצען אין שרעק די ערד.
22 הערט נאָר אויף (צו פירכטען) פון דעם מענש, וואָס זיין לעבען איז נאָר
א קורצער אָטהעם, דען וואָס פאר א ווערטה האָט ער ?

קאַפּיטעל ג

1 דען זעה, דער הערר, דער גאָט פון די הערשאַרען נעהמט אַוועק פון
ירושלים און פון יהודה שטיצע און הילף, יעדע שטיצע פון ברויט און
2 יעדע שטיצע פון וואסער. דעם העלד און דעם קריעגסמאַן, דעם ריכטער
3 און דעם פּראָפעט, דעם וואַהרזאָגער און דעם אַלטען מאַן. דעם הויפּט־
מאַן איבער פופציג און דעם אנגעזעהענעם מאַן, און דעם ראַטהגעבער, און
און דעם קלוגען קינסטלער, און דעם פערשטענדיגען אין געהיימניסען.
4 און איך וועל זעצען איבער זיי אינגלאַך פאַר פירשטען, און אויסגעלאַ־
5 סענע יונגע לייט וועלען הערשען איבער זיי. און דאָס פאָלק וועט דריי־
קען איינער דעם אַנדערן, און יעדער זיין פריינד. זיי וועלען שטאָלצירען,
דער יונגער איבער דעם אַלטען, און דער פעראַכטעטער איבער דעם געאַכ־
6 טעטען. (דאַמאָלס) וועט אַ מאַן אָננעהמען זיין ברודער, אָדער אַ פער־
וואַנדטען פון זיין פאָטער'ס הויז (און ער וועט זאָגען:) דו זאָלסט טראָ־
גען דעם מאַנטעל פון אַ פיהרער; דו זאָלסט זיין אונזער פירשט, נאָר נעהם
7 דיעזע אונאָרדנונג אונטער דיין האַנד. וועט ער אויפהויבען אין יענעם
טאָג (זיין האַנד) און וועט שווערען: איך וועל ניט זיין אַ הערשער; און
אויך אַז אין מיין הויז זאָל ניט זיין קיין ברויט און קיין קלייד, זאָלט איהר
8 מיך ניט מאַכען צום פירשט איבער אַזאַ פאָלק. אַך! אַזוי איז געשטרויי־
כעלט געוואָרען ירושלים, און יהודה איז געפאַלען, דען זייער שפּראַך און
זייערע טהאַטען זיינען קעגען גאָט, צו ערצערנען זיינע געעהרטע אויגען.
9 זייערע פרעכהייט (עזות) האָט געצייגט קעגען זיי, און זייערע זינד וואָס
זיינען ווי די זינד פון סדום דערצעהלען זיי, זיי לייקענען ניט. וועה
צו זייער זעעל, דען זיי האָבען צייטיג געמאַכט איבער זיך דעם אונ־
10 גליק. זאָגט אַליין, נאָר דעם גערעכטען איז גוט! דען די פורכט פון
11 זייערע טהאַטען וועלען זיי געניסען. אָבער וועה איז צו דעם פערברע־
כער, אונגליק (איז זיין טהייל), דען נאָך דעם פערדיענסט פון זיינע הענד
12 וועט צו איהם געטהאָן ווערען. מיין פאָלק — זיינע אונטערדריקער
זיינען יונגע קינדער און ווייבער הערשען איבער זיי, מיין פאָלק! דיינע
פיהרער זיינען פערפיהרערס, און דיינע ריכטונגען, און דיינע אויסגעטראָ־
13 טענע וועגען האָבען זיי פערדאָרבען. גאָט שטעהט אָנגעגרייט צו קריעג,
14 און ער שטעהט אויף צו ריכטען פעלקער. גאָט געהט אין געריכט מיט די
עלטסטע פון זיין פאָלק, און מיט זיינע פירשטען: איהר זעלבסט האָט אויפ־
געפרעסען דעם וויינגאָרטען, דער רויב פון דעם אָרעמען איז אין אייערע
15 הייזער. וואָס (פאַר אַ רעכט) האָט איהר צו אונטערדריקען מיין פאָלק,
און דאָס געזיכט פון די אָרעמע צו צומאָלען? זאָגט דער הערר, דער גאָט
16 פון די הערשאַרען. און גאָט האָט (ווידער) געזאָגט: ווייל די טעכטער
פון ציון האַלטען זיך גרויס, און זיי געהן מיט אַן אויסגעשטרעקטען האַלז,
און ווינקען מיט די אויגען; טאַנצענדיג געהען זיי ארום, און מיט זייערע
פיס (קייטלאַך) קלינגען זיי.
17 דארום וועט גאָט מאַכען אויסזעטציג דעם שייטעל פון די טעכטער פון
ציון, און גאָט וועט זייער שאַנדע ענטבלויזען.
18 אין יענעם טאָג וועט גאָט אַפּשאַפען די פּראַכט פון די פוסקייטלאַך,
די קליינע זיגבילדער און די שטערן־בענדער, (האַלב־לבנות).
19 די פערל, די בראַסלעטען און די שלייערס,
20 די היט, די אַרמרינגען, די גירטעלן, די פאַרפום־פלעשלעך און די אויער־
רינגען.
21 די רינגען און די נאָז־רינגען.
22 די פּראַכטקליידער און די מאַנטלען, און די טיכער און די האַנד־בייטלען.

CAP. III. ג

ג

א כִּי הִנֵּה הָאָדוֹן יְהוָה צְבָאוֹת מֵסִיר מִירוּשָׁלַםִ וּמִֽיהוּדָה
2 מַשְׁעֵן וּמַשְׁעֵנָה כֹּל מִשְׁעַן־לֶחֶם וְכֹל מִשְׁעַן־מָֽיִם׃ גִּבּוֹר
3 וְאִישׁ מִלְחָמָה שׁוֹפֵט וְנָבִיא וְקֹסֵם וְזָקֵֽן׃ שַׂר־חֲמִשִּׁים
4 וּנְשׂוּא פָנִים וְיוֹעֵץ וַחֲכַם חֲרָשִׁים וּנְבוֹן לָֽחַשׁ׃ וְנָתַתִּי
ה נְעָרִים שָׂרֵיהֶם וְתַעֲלוּלִים יִמְשְׁלוּ־בָֽם׃ וְנִגַּשׂ הָעָם אִישׁ
בְּאִישׁ וְאִישׁ בְּרֵעֵהוּ יִרְהֲבוּ הַנַּעַר בַּזָּקֵן וְהַנִּקְלֶה בַּנִּכְבָּֽד׃
6 כִּֽי־יִתְפֹּשׂ אִישׁ בְּאָחִיו בֵּית אָבִיו שִׂמְלָה לְכָה קָצִין
7 תִּֽהְיֶה־לָּנוּ וְהַמַּכְשֵׁלָה הַזֹּאת תַּחַת יָדֶֽךָ׃ יִשָּׂא בַיּוֹם
הַהוּא ׀ לֵאמֹר לֹֽא־אֶהְיֶה חֹבֵשׁ וּבְבֵיתִי אֵין לֶחֶם וְאֵין
8 שִׂמְלָה לֹא תְשִׂימֻנִי קְצִין עָֽם׃ כִּי כָשְׁלָה יְרוּשָׁלַםִ וִיהוּדָה
נָפָל כִּֽי־לְשׁוֹנָם וּמַעַלְלֵיהֶם אֶל־יְהוָה לַמְרוֹת עֵנֵי כְבוֹדֽוֹ׃
9 הַכָּרַת פְּנֵיהֶם עָנְתָה בָּם וְחַטָּאתָם כִּסְדֹם הִגִּידוּ לֹא
י כִחֵדוּ אוֹי לְנַפְשָׁם כִּֽי־גָמְלוּ לָהֶם רָעָֽה׃ אִמְרוּ צַדִּיק כִּֽי־
11 טוֹב כִּֽי־פְרִי מַעַלְלֵיהֶם יֹאכֵֽלוּ׃ אוֹי לְרָשָׁע רָע כִּֽי־גְמוּל
12 יָדָיו יֵעָשֶׂה לּֽוֹ׃ עַמִּי נֹגְשָׂיו מְעוֹלֵל וְנָשִׁים מָשְׁלוּ בוֹ עַמִּי
13 מְאַשְּׁרֶיךָ מַתְעִים וְדֶרֶךְ אֹרְחֹתֶיךָ בִּלֵּֽעוּ׃ נִצָּב לָרִיב
14 יְהוָה וְעֹמֵד לָדִין עַמִּֽים׃ יְהוָה בְּמִשְׁפָּט יָבוֹא עִם־זִקְנֵי
עַמּוֹ וְשָׂרָיו וְאַתֶּם בִּעַרְתֶּם הַכֶּרֶם גְּזֵלַת הֶעָנִי בְּבָתֵּיכֶֽם׃
טו מַלָּכֶם תְּדַכְּאוּ עַמִּי וּפְנֵי עֲנִיִּים תִּטְחָנוּ נְאֻם־אֲדֹנָי יֱהוִה
16 צְבָאֽוֹת׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה יַעַן כִּי גָבְהוּ בְּנוֹת צִיּוֹן
וַתֵּלַכְנָה נְטוּוֹת גָּרוֹן וּמְשַׂקְּרוֹת עֵינָיִם הָלוֹךְ וְטָפֹף תֵּלַכְנָה
17 וּבְרַגְלֵיהֶם תְּעַכַּסְנָה׃ וְשִׂפַּח אֲדֹנָי קָדְקֹד בְּנוֹת צִיּוֹן וַיהוָה
18 פָּתְהֵן יְעָרֶֽה׃ בַּיּוֹם הַהוּא יָסִיר אֲדֹנָי אֵת תִּפְאֶרֶת
19 הָעֲכָסִים וְהַשְּׁבִיסִים וְהַשַּׂהֲרֹנִֽים׃ הַנְּטִפוֹת וְהַשֵּׁירוֹת
כ וְהָֽרְעָלֽוֹת׃ הַפְּאֵרִים וְהַצְּעָדוֹת וְהַקִּשֻּׁרִים וּבָתֵּי הַנֶּפֶשׁ
21 22 וְהַלְּחָשִֽׁים׃ הַטַּבָּעוֹת וְנִזְמֵי הָאָֽף׃ הַמַּחֲלָצוֹת וְהַמַּעֲטָפוֹת

והמטפחות

v. 8. חסר י   v. 15. מה לכם קרי   v. 16. נטויות קרי

וְהַמַּטְפָּחוֹת וְהָחֲרִיטִים׃ הַגִּלְיֹנִים וְהַסְּדִינִים וְהַצְּנִיפוֹת 23
וְהָרְדִידִים׃ וְהָיָה תַחַת בֹּשֶׂם מַק יִהְיֶה וְתַחַת חֲגוֹרָה 24
נִקְפָּה וְתַחַת מַעֲשֶׂה מִקְשֶׁה קָרְחָה וְתַחַת פְּתִיגִיל מַחֲגֹרֶת
שָׂק כִּי תַחַת יֹפִי׃ מְתַיִךְ בַּחֶרֶב יִפֹּלוּ וּגְבוּרָתֵךְ בַּמִּלְחָמָה׃ כה
וְאָנוּ וְאָבְלוּ פְּתָחֶיהָ וְנִקָּתָה לָאָרֶץ תֵּשֵׁב׃ 26

ד Cap. IV. ד

וְהֶחֱזִיקוּ שֶׁבַע נָשִׁים בְּאִישׁ אֶחָד בַּיּוֹם הַהוּא לֵאמֹר א
לַחְמֵנוּ נֹאכֵל וְשִׂמְלָתֵנוּ נִלְבָּשׁ רַק יִקָּרֵא שִׁמְךָ עָלֵינוּ אֱסֹף
חֶרְפָּתֵנוּ׃ בַּיּוֹם הַהוּא יִהְיֶה צֶמַח יְהוָה לִצְבִי וּלְכָבוֹד 2
וּפְרִי הָאָרֶץ לְגָאוֹן וּלְתִפְאֶרֶת לִפְלֵיטַת יִשְׂרָאֵל׃ וְהָיָה ׀ 3
הַנִּשְׁאָר בְּצִיּוֹן וְהַנּוֹתָר בִּירוּשָׁלַםִ קָדוֹשׁ יֵאָמֶר לוֹ כָּל־
הַכָּתוּב לַחַיִּים בִּירוּשָׁלָםִ׃ אִם ׀ רָחַץ אֲדֹנָי אֵת צֹאַת 4
בְּנוֹת־צִיּוֹן וְאֶת־דְּמֵי יְרוּשָׁלַםִ יָדִיחַ מִקִּרְבָּהּ בְּרוּחַ מִשְׁפָּט
וּבְרוּחַ בָּעֵר׃ וּבָרָא יְהוָה עַל כָּל־מְכוֹן הַר־צִיּוֹן וְעַל־ ה
מִקְרָאֶהָ עָנָן ׀ יוֹמָם וְעָשָׁן וְנֹגַהּ אֵשׁ לֶהָבָה לָיְלָה כִּי עַל־
כָּל־כָּבוֹד חֻפָּה׃ וְסֻכָּה תִּהְיֶה לְצֵל־יוֹמָם מֵחֹרֶב וּלְמַחְסֶה 6
וּלְמִסְתּוֹר מִזֶּרֶם וּמִמָּטָר׃

ה Cap. V. ה

אָשִׁירָה נָּא לִידִידִי שִׁירַת דּוֹדִי לְכַרְמוֹ כֶּרֶם הָיָה לִידִידִי א
בְּקֶרֶן בֶּן־שָׁמֶן׃ וַיְעַזְּקֵהוּ וַיְסַקְּלֵהוּ וַיִּטָּעֵהוּ שֹׂרֵק וַיִּבֶן 2
מִגְדָּל בְּתוֹכוֹ וְגַם־יֶקֶב חָצֵב בּוֹ וַיְקַו לַעֲשׂוֹת עֲנָבִים וַיַּעַשׂ
בְּאֻשִׁים׃ וְעַתָּה יוֹשֵׁב יְרוּשָׁלַםִ וְאִישׁ יְהוּדָה שִׁפְטוּ־נָא 3
בֵּינִי וּבֵין כַּרְמִי׃ מַה־לַּעֲשׂוֹת עוֹד לְכַרְמִי וְלֹא עָשִׂיתִי בּוֹ 4
מַדּוּעַ קִוֵּיתִי לַעֲשׂוֹת עֲנָבִים וַיַּעַשׂ בְּאֻשִׁים׃ וְעַתָּה אוֹדִיעָה־ ה
נָּא אֶתְכֶם אֵת אֲשֶׁר־אֲנִי עֹשֶׂה לְכַרְמִי הָסֵר מְשׂוּכָּתוֹ
וְהָיָה לְבָעֵר פָּרֹץ גְּדֵרוֹ וְהָיָה לְמִרְמָס׃ וַאֲשִׁיתֵהוּ בָתָה 6
לֹא יִזָּמֵר וְלֹא יֵעָדֵר וְעָלָה שָׁמִיר וָשָׁיִת וְעַל הֶעָבִים אֲצַוֶּה

מֵהַמְטִיר

23 און די טולקליידער און די העמדער, און די טורבאנען און די פלאָרען.
24 און עס וועט געשעהן, דאָס אנשטאט שמעקענדע געווירצען וועט זיין
פוילניס, און אנשטאט אַ גארטעל וועלען זיין צייכענס פון וואונדען, און
אנשטאָט די האָאר־פלעכטונג וועט זיין אויסקריכונג, און אנשטאט די
קליידער פון פוטץ וועט זיין אן אייגער זאק. עקעל וועט זיין אנשטאט
25 שעהנקייט. דיינע מענער וועלען פאלען דורך דעם שווערד. און דיין
26 מאַכט — אין קריעג. און עס וועלען זיפצען און טרויערען איהרע
טויערען. און זי (די שטאָדט) וועט בלייבען ליידיג, און אויף דער ערד
וועט זי זיצען (און קלאגען).

קאַפּיטעל ד

1 און אין יענעם טאָג וועלען זיעבען ווייבער אָננעהמען איין מאַן און
זאָגען : אונזער (אייגענען) ברויט וועלען מיר עסען, און מיט אונזערע
אייגענע קליידער וועלען מיר זיך קליידען ; נור דיין נאָמען זאָל אויף
2 אינז גערופען ווערען ; נעהם אַוועק אונזער שאַנדע. אין יענעם טאָג
(ווען זיי וועלען תשובה טהאָן) וועט זיין די געטליכע שפּראָצונג (דאָס
פאָלק) אַ שעהנקייט און אן עהרע, און די פרוכט פון דעם לאַנד (די אויפ־
פיהרונג) וועט זיין צום שטאָלץ און צו הערליכקייט פיר די איבערגעבליע־
3 בענע פון ישראל. און עס וועט געשעהן דאָס דער וואָס וועט איבער־
בלייבען אין ציון, און דער וואָס וועט צוריקגעלאָזען ווערען אין ירושלים
— „הייליג“ וועט ער אָנגערופען ווערען, יעדער וואָס איז אָנגעשריעבען
4 צו יענעם לעבען וועט זיין אין ירושלים. ווען גאָט וועט האָבען אָבגע־
וואַשען דעם שמוץ פון די טעכטער פון ציון, און דאָס בלוט פון ירושלים
וועט ער אפּשווענקען פון איהר מיטען, מיט אַ גייסט פון גערעכטיגקייט
5 און מיט אַ גייסט פון פערניכטונג. און גאָט וועט בעשאַפען איבער יע־
דען פעסטען זיין פון באַרג ציון, און איבער אלע איהרע פערזאמלונג־פלע־
צער אַ וואָלקען ביי טאָג, רויך און שיין פון פלאַמענדען פייער ביי נאַכט,
ווייל איבער אלעם וועט זיין אַ בעדעקונג (פון גאָט'ס גלאַנץ).
6 און דיעזע בעדעקונג וועט זיין, פאר אַ שאָטען ביי טאָג פון היץ, און פאר
אַ שיצונג און פאר אַ פערבארגענים פון אונגעוויטער און פון רעגען.

קאַפּיטעל ה

1 איך וועל נון זינגען פאר מיין פריינד אַ ליעבעס־געזאַנג וועגען זיין ווייג־
גארטען; אַ וויינגארטען האָט מיין פריינד געהאַט אויף אַ פעטען באַרג.
2 און ער האָט איהם אַרומגעצאַמט, און ער האָט איהם גערייניגט פון שטיי־
נער, און ער האָט איהם בעפלאַנצט מיט איידעלע צווייגען, און ער
האָט געבויט אַ טהורעם אין איהם, און אויך אַ קעלטער האָט ער אויס־
געהאַקט אין איהם, און ער האָט געהאָפט דאָס ער וועט ברענגען גוטע
וויינטרויבען, אָבער ער האָט געטראַגען פערדאָרבענע טרויבען.
3 און יעצט, איהר איינוואָהנער פון ירושלים, און איהר מענער פון יהודה,
ריכט דאָך איהר צווישען מיר און מיין וויינגארטען.
4 וואָס איז נאָך געווען צו טהאָן פאר מיין וויינגארטען, וואָס איך האָב ניט
געטהאָן ? טו וואָרום, אנשטאט וואָס איך האָב געהאָפט דאָס ער וועט
ברענגען גוטע וויינטרויבען, האָט ער געבראַכט פערדאָרבענע ?
5 און יעצט, וועל איך אייך לאָזען וויסען וואָס איך טהו צו מיין ווייג־
גארטען ; אַוועקנעהמען וועט מען זיין דערנער־צוים און ער וועט
ווערען אָפּגעפרעסען (פון בהמות), צוברעכען וועט מען זיין שטיינערנעם
צוים, און ער וועט ווערען צערטרעטען.
6 און איך וועל איהם מאַכען וויסט, ער וועט ניט בעשניטען ווערען און
וועט ניט אַרומגעגראָבען ווערען, און דערנער און דיסטלען וועלען

7 מֵהַמְטִיר עָלָיו מָטָר׃ כִּי כֶרֶם יְהוָה צְבָאוֹת בֵּית יִשְׂרָאֵל
וְאִישׁ יְהוּדָה נְטַע שַׁעֲשׁוּעָיו וַיְקַו לְמִשְׁפָּט וְהִנֵּה מִשְׂפָּח
8 לִצְדָקָה וְהִנֵּה צְעָקָה׃ הוֹי מַגִּיעֵי בַיִת בְּבַיִת שָׂדֶה
בְשָׂדֶה יַקְרִיבוּ עַד אֶפֶס מָקוֹם וְהוּשַׁבְתֶּם לְבַדְּכֶם בְּקֶרֶב
9 הָאָרֶץ׃ בְּאָזְנָי יְהוָה צְבָאוֹת אִם־לֹא בָּתִּים רַבִּים לְשַׁמָּה
י יִהְיוּ גְּדֹלִים וְטוֹבִים מֵאֵין יוֹשֵׁב׃ כִּי עֲשֶׂרֶת צִמְדֵּי־כֶרֶם
11 יַעֲשׂוּ בַּת אֶחָת וְזֶרַע חֹמֶר יַעֲשֶׂה אֵיפָה׃ הוֹי
מַשְׁכִּימֵי בַבֹּקֶר שֵׁכָר יִרְדֹּפוּ מְאַחֲרֵי בַנֶּשֶׁף יַיִן יַדְלִיקֵם׃
12 וְהָיָה כִנּוֹר וָנֶבֶל תֹּף וְחָלִיל וָיַיִן מִשְׁתֵּיהֶם וְאֵת פֹּעַל יְהוָה
13 לֹא יַבִּיטוּ וּמַעֲשֵׂה יָדָיו לֹא רָאוּ׃ לָכֵן גָּלָה עַמִּי מִבְּלִי־
14 דָעַת וּכְבוֹדוֹ מְתֵי רָעָב וַהֲמוֹנוֹ צִחֵה צָמָא׃ לָכֵן הִרְחִיבָה
שְׁאוֹל נַפְשָׁהּ וּפָעֲרָה פִיהָ לִבְלִי־חֹק וְיָרַד הֲדָרָהּ וַהֲמוֹנָהּ
טו וּשְׁאוֹנָהּ וְעָלֵז בָּהּ׃ וַיִּשַּׁח אָדָם וַיִּשְׁפַּל־אִישׁ וְעֵינֵי גְבֹהִים
16 תִּשְׁפַּלְנָה׃ וַיִּגְבַּהּ יְהוָה צְבָאוֹת בַּמִּשְׁפָּט וְהָאֵל הַקָּדוֹשׁ
17 נִקְדָּשׁ בִּצְדָקָה׃ וְרָעוּ כְבָשִׂים כְּדָבְרָם וְחָרְבוֹת מֵחִים
18 גָּרִים יֹאכֵלוּ׃ הוֹי מֹשְׁכֵי הֶעָוֺן בְּחַבְלֵי הַשָּׁוְא
19 וְכַעֲבוֹת הָעֲגָלָה חַטָּאָה׃ הָאֹמְרִים יְמַהֵר ׀ יָחִישָׁה מַעֲשֵׂהוּ
לְמַעַן נִרְאֶה וְתִקְרַב וְתָבוֹאָה עֲצַת קְדוֹשׁ יִשְׂרָאֵל וְנֵדָעָה׃
כ הוֹי הָאֹמְרִים לָרַע טוֹב וְלַטּוֹב רָע שָׂמִים חֹשֶׁךְ
לְאוֹר וְאוֹר לְחֹשֶׁךְ שָׂמִים מַר לְמָתוֹק וּמָתוֹק לְמָר׃
21 22 הוֹי חֲכָמִים בְּעֵינֵיהֶם וְנֶגֶד פְּנֵיהֶם נְבֹנִים׃ הוֹי גִּבּוֹרִים
23 לִשְׁתּוֹת יָיִן וְאַנְשֵׁי־חַיִל לִמְסֹךְ שֵׁכָר׃ מַצְדִּיקֵי רָשָׁע עֵקֶב
24 שֹׁחַד וְצִדְקַת צַדִּיקִים יָסִירוּ מִמֶּנּוּ׃ לָכֵן כֶּאֱכֹל קַשׁ
לְשׁוֹן אֵשׁ וַחֲשַׁשׁ לֶהָבָה יִרְפֶּה שָׁרְשָׁם כַּמָּק יִהְיֶה וּפִרְחָם
כָּאָבָק יַעֲלֶה כִּי מָאֲסוּ אֵת תּוֹרַת יְהוָה צְבָאוֹת וְאֵת
כה אִמְרַת קְדוֹשׁ־יִשְׂרָאֵל נִאֵצוּ׃ עַל־כֵּן חָרָה אַף־יְהוָה בְּעַמּוֹ
וַיֵּט יָדוֹ עָלָיו וַיַּכֵּהוּ וַיִּרְגְּזוּ הֶהָרִים וַתְּהִי נִבְלָתָם כַּסּוּחָה

בקרב

v. 9. קמץ בטרחא

אויף איהם וואַקסען, און די וואָלקענס וועל איך בעפעהלען, איהם ניט
7 צו בעוואַסערן מיט רעגען. ווייל דער וויינגאַרטען פון דעם גאָט פון די
הערשאַרען איז דאָס הויז פון ישראל, און די מענער פון יהודה זיין ליעבלי־
כע פלאַנצונג, און ער האָט געהאָפט אויף גערעכטיגקייט, ערשט, דאָ איז
8 געזעצלאָזיגקייט, אויף טוגענד—און דאָ איז קלאָג־געשריי. וועה צו די
וואָס רוקען צוזאַמען אַ הויז צו אַ הויז, אַ פעלד צו אַ פעלד ברענגען זיי,
ביז עס בלייבט מעהר קיין אָרט ניט. און איהר אַליין וועט בלייבען די
9 בעזיצער פון לאַנד ? אין מיינע אויערן (האָט געזאָגט) דער גאָט פון די
הערשאַרען : אויב עס וועלען ניט פיעל הייזער ווערען וויסט, גרויסע און
10 שעהנע (הייזער) וועלען בלייבען אָהן איינוואָהנער. דען צעהן אַקערס
וויינגאַרטען וועלען ברענגען נור איין בת (אַ מאָס) וויין, און אַ חמר זאָמען
11 וועט ברענגען איין איפה. וועה צו די, וואָס שטעהען אויף אין פריה־
מאָרגען, אָבער נאָך שטאַרקע געטרענקע יאָגען זיי זיך. פערשפעטיגען זיך
12 אין אָווענד, ביז דער וויין ברענט זיי דורך. און דאָרט האָבען זיי האַר־
פען און פיעדלען, פויקען און פלעטהען ביי די וויין פון זייערע מאהלצייי־
טען, און אויף די ווערק פון גאָט קוקען זיי ניט, און די ווערק פון זיינע
13 הענד זעהען זיי ניט. דארום איז מיין פאָלק פערטריבען געוואָרען, ווייל
זיי האָבען ניט קיין פערשטאַנד, און זיינע געעהרטע זיינען וועניג און
14 הונגעריג, און זיין פעבעל פערשמאַכטעט פון דאָרשט. דארום האָט די
גרוב ברייט געמאַכט איהר פרעס־באַגעהר, און האָט אויפגעעפענט איהר
מויל אָהן אַ מאָס, און אַראָפּנידערן וועט איהר שעהנהייט, און איהר רייכ־
טהום און איהר גערויש, און דער פרעהליכער וואָס איז אין איהר.
15 און דער מענש וועט ווערען איינגעבויגען, און דער מאַן וועט ערנידריגט
16 ווערען, און די אויגען פון די שטאָלצע וועלען זינקען. און גאָט פון די
הערשאַרען וועט ערהויבען ווערען דורך גערעכטיגקייט, און דער הייליגער
17 גאָט וועט געהייליגט ווערען דורך גנאַד. דאַן וועלען זיך די שאף ווידען
נאָך זייער געוואָהנהייט, און די טרימערן פון די פעטע וועלען דיעזע איינ־
18 וואָהנער פערצעהרען. וועה צו די וואָס ציהען די שולד מיט שטריק פון
19 בעטרוג, און אַזוי ווי מ׳מיט גראָבע שטריק פון וואַגען—די זינד. וואָס זאָ־
גען : זאָל ער איילען, און געשווינד מאַכען זיין ווערק, דאָס מיר זאָלען עס
זעהען, און לאָז גענעהנען און אָנקומען דער ראַטה־בעשלוס פון דעם היי־
20 ליגען פון ישראל, און מיר זאָלען עס ערפאַהרען. וועה צו די וואָס זאָגען
אויף שלעכטס, עס איז גוט און אויף גוטס, עס איז שלעכט, די וואָס מאַכען
פינסטערניס פאַר ליכטיגקייט, און ליכטיגקייט פאַר פינסטערניס ; זיי
21 מאַכען דאָס ביטערע זיס און דאָס זיסע ביטער. וועה צו די וואָס האַלטען
זיך קלוג אין זייערע אייגענע אויגען, און נאָך זייערע אנזיכטען זיינען זיי
22 פערשטענדיגע. וועה צו די, וואָס האַלטען זיך פאַר העלדען ; אָבער —
נור וויין צו טרינקען, און מעכטיגע מענער — אָבער, נור אנצוגיסען די
23 שטאַרקע געטרענקע. די וועלכע מאַכען גערעכט דעם שולדיגען, פאַר דעם
לאָהן פון בעשטעכונג, און פון דעם גערעכטען נעהמען זיי אַוועק די גע־
24 רעכטיגקייט. דארום, אַזוי ווי די צונג פון פייער פערברענט די
שטרוי, און היי ווערט צו ניכטס פון דעם פלאַם, אַזוי וועט זייער
וואָרצעל (די כהנים) ווערען ווי פוילניס, און זייער בליהונג (די נביאים)
וועט פעריאָגט ווערען ווי דער שטויב, ווייל זיי האָבען פעראַכטעט
די לעהרע פון דעם גאָט פון די הערשאַרען, און דעם בעפעהל פון דעם
הייליגען (גאָט) פון ישראל האָבען זיי פערוואָרפען.
25 דארום האָט געברענט דער צאָרן פון גאָט אויף זיין פאָלק, און ער האָט
אויסגעשטרעקט זיין האַנד איבער איהם און ער האָט איהם דערשלאַגען.
און די בערג (זייערע גרויסע לייט) האָבען געציטערט, און זייערע

בְּקֶרֶב חוּצוֹת בְּכׇל־זֹאת לֹא־שָׁב אַפּוֹ וְעוֹד יָדוֹ נְטוּיָה׃
26 וְנָשָׂא־נֵס לַגּוֹיִם מֵרָחוֹק וְשָׁרַק לוֹ מִקְצֵה הָאָרֶץ וְהִנֵּה
27 מְהֵרָה קַל יָבוֹא׃ אֵין־עָיֵף וְאֵין־כּוֹשֵׁל בּוֹ לֹא יָנוּם וְלֹא
יִישָׁן וְלֹא נִפְתַּח אֵזוֹר חֲלָצָיו וְלֹא נִתַּק שְׂרוֹךְ נְעָלָיו׃
28 אֲשֶׁר חִצָּיו שְׁנוּנִים וְכׇל־קַשְּׁתֹתָיו דְּרֻכוֹת פַּרְסוֹת סוּסָיו
29 כַּצַּר נֶחְשָׁבוּ וְגַלְגִּלָּיו כַּסּוּפָה׃ שְׁאָגָה לוֹ כַּלָּבִיא וְשָׁאַג
ל כַּכְּפִירִים וְיִנְהֹם וְיֹאחֵז טֶרֶף וְיַפְלִיט וְאֵין מַצִּיל׃ וְיִנְהֹם
עָלָיו בַּיּוֹם הַהוּא כְּנַהֲמַת־יָם וְנִבַּט לָאָרֶץ וְהִנֵּה־חֹשֶׁךְ צַר
וָאוֹר חָשַׁךְ בַּעֲרִיפֶיהָ׃

CAP. VI ו

ו

א בִּשְׁנַת־מוֹת הַמֶּלֶךְ עֻזִּיָּהוּ וָאֶרְאֶה אֶת־אֲדֹנָי יֹשֵׁב עַל־כִּסֵּא
2 רָם וְנִשָּׂא וְשׁוּלָיו מְלֵאִים אֶת־הַהֵיכָל׃ שְׂרָפִים עֹמְדִים ׀
מִמַּעַל לוֹ שֵׁשׁ כְּנָפַיִם שֵׁשׁ כְּנָפַיִם לְאֶחָד בִּשְׁתַּיִם ׀ יְכַסֶּה
3 פָנָיו וּבִשְׁתַּיִם יְכַסֶּה רַגְלָיו וּבִשְׁתַּיִם יְעוֹפֵף׃ וְקָרָא זֶה
אֶל־זֶה וְאָמַר קָדוֹשׁ ׀ קָדוֹשׁ קָדוֹשׁ יְהוָה צְבָאוֹת מְלֹא
4 כׇל־הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ׃ וַיָּנֻעוּ אַמּוֹת הַסִּפִּים מִקּוֹל הַקּוֹרֵא
ה וְהַבַּיִת יִמָּלֵא עָשָׁן׃ וָאֹמַר אוֹי־לִי כִי־נִדְמֵיתִי כִּי אִישׁ טְמֵא־
שְׂפָתַיִם אָנֹכִי וּבְתוֹךְ עַם־טְמֵא שְׂפָתַיִם אָנֹכִי יֹשֵׁב כִּי אֶת־
6 הַמֶּלֶךְ יְהוָה צְבָאוֹת רָאוּ עֵינָי׃ וַיָּעָף אֵלַי אֶחָד מִן־הַשְּׂרָפִים
7 וּבְיָדוֹ רִצְפָּה בְּמֶלְקַחַיִם לָקַח מֵעַל הַמִּזְבֵּחַ׃ וַיַּגַּע עַל־פִּי
וַיֹּאמֶר הִנֵּה נָגַע זֶה עַל־שְׂפָתֶיךָ וְסָר עֲוֺנֶךָ וְחַטָּאתְךָ תְּכֻפָּר׃
8 וָאֶשְׁמַע אֶת־קוֹל אֲדֹנָי אֹמֵר אֶת־מִי אֶשְׁלַח וּמִי יֵלֶךְ־לָנוּ
9 וָאֹמַר הִנְנִי שְׁלָחֵנִי׃ וַיֹּאמֶר לֵךְ וְאָמַרְתָּ לָעָם הַזֶּה שִׁמְעוּ
י שָׁמוֹעַ וְאַל־תָּבִינוּ וּרְאוּ רָאוֹ וְאַל־תֵּדָעוּ׃ הַשְׁמֵן לֵב־הָעָם
הַזֶּה וְאׇזְנָיו הַכְבֵּד וְעֵינָיו הָשַׁע פֶּן־יִרְאֶה בְעֵינָיו וּבְאׇזְנָיו
11 יִשְׁמָע וּלְבָבוֹ יָבִין וָשָׁב וְרָפָא לוֹ׃ וָאֹמַר עַד־מָתַי אֲדֹנָי
וַיֹּאמֶר עַד אֲשֶׁר אִם־שָׁאוּ עָרִים מֵאֵין יוֹשֵׁב וּבָתִּים מֵאֵין

אדם

ה׳ v. 28. כצל ibid. קמץ בז״ק v. 29. ישאג קרי ו׳ v. 1. הפטרת וישמע יתרו v. 10. קמץ ברביע

טוימע קערפּער וועלגערען זיך ווי מיסט אין מיטען פון די גאַסען. און
ביי אַלעם דעם לאָזט זיין צאָרן ניט אָפּ, און זיין האַנד איז נאָך מעהר
26 אויסגעשטרעקט. און ער וועט אויפהויבען אַ פאָהן צו די פעלקער פון
ווייטען, און ער וועט צו איהם פייפען (און איהם ברענגען) פון אַ ווייטען
עק פון דער ערד, און זעה, מיט האַסט און געשווינדיגקייט וועט ער אָנקור־
27 מען. קיין מיעדער און קיין אָבגעשוואַכטער איז ניטאָ ביי איהם, ער
וועט ניט שלומערן און ער וועט ניט שלאָפען, (אויפ׳ן וועג), דער גאַרטעל
פון זיינע לענדען וועט זיך ניט אָפּבינדען, און דאָס שנירעל פון זיינע
28 שיך וועט זיך ניט אָפּרייסען. (אַזאַ פאָלק וואָס) זיינע פיילען זיינען גע־
שאַרפט, און אַלע זיינע בויגענס געשפּאַנט, די קוילען פון זיינע פערד זיי־
נען געגליכען צו פעלזען, און זיינע רעדער זיינען ווי דער שטורם־ווינד.
29 אַ געבריל האָט ער ווי די לעווין, ער וועט ברילען ווי די יונגע לייבען, און
ער וועט ברומען, און ער וועט כאַפּען דעם רויב, און ער וועט (זיי) פער־
30 שליידערן, און קיינער וועט ניט רעטען. און ער וועט ברומען איבער
איהם אין יענעם טאָג דאָס ברומען פון מעער, און ווען מען וועט אויף דאָס
לאַנד (יהודה קוקען), ערשט עס איז אַ דריקענדע פינסטערניס, און די
ליכט (פון דער זונן) איז פינסטער געוואָרען דורך איהרע נעבעל.

קאַפּיטעל ו

1 אין דעם יאָהר פון קעניג עזיהו׳ס טויט האָב איך געזעהן (אין נבואה)
גאָט זיצט אויף אַ הויכען און ערהאַבענעם טהראָן, און זיינע מאַנטעל־
2 ברעגעס מאַכען פול דעם טעמפּעל. שרפים שטעהן איהם ביי דער זייט,
זעקס פליגלען, זעקס פליגלען האָט יעדערער; מיט צוויי בעדעקט ער זיין
געזיכט, און מיט צוויי בעדעקט ער זיינע פיס, און מיט צוויי פליהט ער.
3 און יעדער איינער רופט אויס צום צווייטען: און זאָגט: הייליג, הייליג,
הייליג, (איז) גאָט פון די הערשאַרען; זיין עהרע ערפילט די גאַנצע ערד.
4 און די זיילען פון די שוועלען האָבען געציטערט פון די שטימען פון די
רופענדע (שרפים), און דאָס הויז איז פול געוואָרען מיט רויך.
5 און איך האָב געזאָגט: וועה מיר, דען איך בין פערלאָרען, דען אַ מאַן
פון אונריינע ליפּען בין איך, און אין דעם מיטען פון אַ פאָלק פון אונ־
ריינע ליפּען וואָהן איך, דען דעם קעניג, דעם גאָט פון די הערשאַרען
האָבען מיינע אויגען געזעהן.
6 און איינער פון די שרפים איז צו מיר צוגעפלויגען, און אין זיין האַנד אַ
גליהענדע קאָהל, מיט אַ צוואַנג האָט ער (זי) פון אַלטאַר (מזבח) גענומען.
7 און ער האָט (דאמיט) אָנגעריהרט מיין מויל און ער האָט געזאָגט:
זעה, דאָס האָט דיינע ליפּען אָנגעריהרט, און דיין פערברעכען וועט
אָפּגעטהאָן ווערען און דיין זינד וועט פערגעבען ווערען.
8 און איך האָב געהערט די שטימע פון גאָט, ער זאָגט: וועמען זאָל איך
שיקען, און ווער וועט געהן פאַר אונז (נביאות זאָגען)? און איך האָב
געזאָגט: היער בין איך, שיק מיך.
9 און ער האָט געזאָגט: געה און זאָג צו דיעזעם פאָלק: שטענדיג הערט
איהר (די רייד פון די נביאים) אָבער איהר ווילט עס ניט פערשטעהן,
און זעהן זעהט איהר (גאָטס וואונדער) און איהר ווילט ניט וויסען.
10 פערשטאָפּ מיט פעטס דאָס הארץ פון דיעזעם פאָלק, און מאַך שווער
זיינע אויערן און פערבלענד זיינע אויגען, דאָס ער זאָל ניט זעהן מיט
זיינע אויגען, און ניט הערען מיט זיינע אויערן, און זיין האַרץ זאָל ניט
פערשטעהן זיך צוריק צוקעהרען (צו גאָט) דאָס ער זאָל געהיילט ווערען.
11 און איך האָב געזאָגט: ביז ווי לאַנג, אָך גאָט? און ער האָט געזאָגט:
ביז די שטעדט וועלען פערוויסט ווערען אָהן איין איינוואָהנער, און די
הייזער אָהן מענשען, און דאָס לאַנד וועט אין גאַנצען ווערען וויסט.

12 אָדָם וְהָאֲדָמָה תִּשָּׁאֶה שְׁמָמָה׃ וְרִחַק יְהוָה אֶת־הָאָדָם
13 וְרַבָּה הָעֲזוּבָה בְּקֶרֶב הָאָרֶץ׃ וְעוֹד בָּהּ עֲשִׂרִיָּה וְשָׁבָה
וְהָיְתָה לְבָעֵר כָּאֵלָה וְכָאַלּוֹן אֲשֶׁר בְּשַׁלֶּכֶת מַצֶּבֶת בָּם
זֶרַע קֹדֶשׁ מַצַּבְתָּהּ׃

CAP. VII. ז

א וַיְהִי בִּימֵי אָחָז בֶּן־יוֹתָם בֶּן־עֻזִּיָּהוּ מֶלֶךְ יְהוּדָה עָלָה רְצִין
מֶלֶךְ־אֲרָם וּפֶקַח בֶּן־רְמַלְיָהוּ מֶלֶךְ־יִשְׂרָאֵל יְרוּשָׁלַםִ
2 לַמִּלְחָמָה עָלֶיהָ וְלֹא יָכֹל לְהִלָּחֵם עָלֶיהָ׃ וַיֻּגַּד לְבֵית דָּוִד
לֵאמֹר נָחָה אֲרָם עַל־אֶפְרָיִם וַיָּנַע לְבָבוֹ וּלְבַב עַמּוֹ כְּנוֹעַ
3 עֲצֵי־יַעַר מִפְּנֵי־רוּחַ׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־יְשַׁעְיָהוּ צֵא־
נָא לִקְרַאת אָחָז אַתָּה וּשְׁאָר יָשׁוּב בְּנֶךָ אֶל־קְצֵה תְּעָלַת
4 הַבְּרֵכָה הָעֶלְיוֹנָה אֶל־מְסִלַּת שְׂדֵה כוֹבֵס׃ וְאָמַרְתָּ אֵלָיו
הִשָּׁמֵר וְהַשְׁקֵט אַל־תִּירָא וּלְבָבְךָ אַל־יֵרַךְ מִשְּׁנֵי זַנְבוֹת
הָאוּדִים הָעֲשֵׁנִים הָאֵלֶּה בָּחֳרִי־אַף רְצִין וַאֲרָם וּבֶן־
ה רְמַלְיָהוּ׃ יַעַן כִּי־יָעַץ עָלֶיךָ אֲרָם רָעָה אֶפְרַיִם וּבֶן־רְמַלְיָהוּ
6 לֵאמֹר׃ נַעֲלֶה בִיהוּדָה וּנְקִיצֶנָּה וְנַבְקִעֶנָּה אֵלֵינוּ וְנַמְלִיךְ
7 מֶלֶךְ בְּתוֹכָהּ אֵת בֶּן־טָבְאַל׃ כֹּה אָמַר אֲדֹנָי יֱהוִה
8 לֹא תָקוּם וְלֹא תִהְיֶה׃ כִּי רֹאשׁ אֲרָם דַּמֶּשֶׂק וְרֹאשׁ
דַּמֶּשֶׂק רְצִין וּבְעוֹד שִׁשִּׁים וְחָמֵשׁ שָׁנָה יֵחַת אֶפְרַיִם מֵעָם׃
9 וְרֹאשׁ אֶפְרַיִם שֹׁמְרוֹן וְרֹאשׁ שֹׁמְרוֹן בֶּן־רְמַלְיָהוּ אִם לֹא
י תַאֲמִינוּ כִּי לֹא תֵאָמֵנוּ׃ וַיּוֹסֶף יְהוָה דַּבֵּר אֶל־אָחָז
11 לֵאמֹר׃ שְׁאַל־לְךָ אוֹת מֵעִם יְהוָה אֱלֹהֶיךָ הַעְמֵק שְׁאָלָה
12 אוֹ הַגְבֵּהַּ לְמָעְלָה׃ וַיֹּאמֶר אָחָז לֹא־אֶשְׁאַל וְלֹא־אֲנַסֶּה
13 אֶת־יְהוָה׃ וַיֹּאמֶר שִׁמְעוּ־נָא בֵּית דָּוִד הַמְעַט מִכֶּם הַלְאוֹת
14 אֲנָשִׁים כִּי תַלְאוּ גַּם אֶת־אֱלֹהָי׃ לָכֵן יִתֵּן אֲדֹנָי הוּא לָכֶם
אוֹת הִנֵּה הָעַלְמָה הָרָה וְיֹלֶדֶת בֵּן וְקָרָאת שְׁמוֹ עִמָּנוּ אֵל׃
טו חֶמְאָה וּדְבַשׁ יֹאכֵל לְדַעְתּוֹ מָאוֹס בָּרָע וּבָחוֹר בַּטּוֹב׃

כי

ס v. 13. ע״כ ׳ז v. 2 מלעיל v. 14. כ״א עמנואל

16 דען איידער דער יונג וועט נאך פערשטעהן צו פעראכטען שלעכטס און
אויסצואוועהלען גוטס, וועט פערוויסטעט ווערען דאס לאנד (שמרון און
דמשק), וואס דיר איז איבערדריסיג פאר איהרע צוויי קעניגע.
17 גאט וועט ברענגען אויף דיר און אויף דיין פאלק און אויף דיין פאטערס
הויזגעזינד טעג, וועלכע זיינען נאך ניט געקומען פון דעם טאג אן וואס
אפרים האט זיך אפגעטהיילט פון יהודה, פון קעניג פון אשור.
18 און עס וועט געשעהן אין יענעם טאג וועט גאט פייפען (צו די מדינות פון
אשור) וועלכע זיינען פיעל ווי די פליגען ביי די ברעגעס פון די טייכען
פון מצרים, און ווי די ביהנען וועלכע זיינען אין דעם לאנד פון אשור.
19 און זיי וועלען קומען, און זיי אלע וועלען לאגערן אין די וויסטע טהאלען
און אין די שפאלטען פון פעלזען, און אין אלע דערנער און דיסטלען.
20 אבער אין יענעם טאג (נאכדעם) וועט גאט אבגאלען מיט א אנגעגריייטען
גאלמעסער די (מחנות) וועלכע זיינען געקומען פון יענער זייט טייך
(פרת) ; דעם קעניג פון אשור, דעם קאפ (די גענעראלען) און די האאר
פון די פיס (די זעלנער), און אויך דעם באַרד (דעם מלך) וועט ער (דער
גאלמעסער) פערניכטען.
21 און עס וועט געשעהן אין יענעם טאג ; דאס א מאן וועט האדעווען א
יונגע קאלב און צוויי שאף.
22 און עס וועט געשעהן דאס צוליעב דאס פיעל מילך וואס זיי וועלען געבען,
וועט ער עסען פוטער, דען פוטער און האניג וועט עסען יעדער וואס
וועט איבערבלייבען אין דעם מיטען פון דעם לאנד.
23 און עס וועט געשעהן אין יענעם טאג, וועט ווערען יעדער ארט וואו עס
פלעגען דארטען זיין טויזענד וויינשטאקען ווערטה טויזענד זילבערשטיק,
א ארט פון דערנער און דיסטלען.
24 מיט פיילען און מיט בויגען וועט מען מוזען אהין קומען, ווייל דאס
גאנצע לאנד וועט זיין דערנער און דיסטלען.
25 און אלע בערג וועלכע פלעגען געגראבען ווערען מיט א גראב־אייזען,
(אויך) דארטען וועסטו ניט קענען קומען פאר דעם שרעק פון די דער־
נער און דיסטלען, און זיי וועלען געהאלטען ווערען פאר אן ארט וואו
ארויסצושיקען די אקסען און פאר א צוטרעטונג פון די שעפסען.

קאפיטעל ח

1 און גאט האט געזאגט צו מיר : נעהם דיר א גרויסען טאוועל, און
שרייב אויף איהם אויף מיט א גריפעל, דאס עס וועט קומען שנעל די רויב,
עס וועט איילען די פלינדערונג.
2 און איך האב מיר בעשטעלט בעגלויבטע עדות : אוריה דעם כהן און
זכריהו דעם זוהן פון יברכיהו.
3 און איך האב גענעהנט צו דער פראפעטין און זי איז שוואנגער געווארען
און געבארען א זוהן, און גאט האט צו מיר געזאגט: רוף זיין נאמען מהר
שלל חש בז, (קומען וועט שנעל די רויב, איילען וועט די פלינדערונג).
4 דען איידער דער יונג וועט וויסען צו רופען : מיין פאטער, און מיין
מוטער, וועט מען אוועקטראגען דאס פערמעגען פון דמשק און דעם
רויב פון שמרון פאר דעם קעניג פון אשור.
5 און גאט האט ווידער נאך א מאל צו מיר גערעדט, אזוי צו זאגען :
6 ווייל דאס דאזיגע פאלק האט פעראכטעט די וואסער פון שלח וואס פליסט
לאנגזאם, און זיי פרעהען זיך מיט רצין און מיט דעם זוהן פון רמליהו.
7 און דארום זעה, ברענגט גאט אויף זיי די וואסער פון דעם שטראם, די
שטארקע און די פיעלע, דעם קעניג פון אשור און זיין גאנצען עהרענ־
צוג, און ער וועט פערפלייצען זיינע אלע טייכלאך, און ער וועט פער־
שווימען זיינע אלע ברעגעס.

הָעֲצוּמִים וְהָרַבִּים אֶת־מֶלֶךְ אַשּׁוּר וְאֶת־כָּל־כְּבוֹדוֹ וְעָלָה
8 עַל־כָּל־אֲפִיקָיו וְהָלַךְ עַל־כָּל־גְּדוֹתָיו׃ וְחָלַף בִּיהוּדָה
שָׁטַף וְעָבַר עַד־צַוָּאר יַגִּיעַ וְהָיָה מֻטּוֹת כְּנָפָיו מְלֹא־רֹחַב
9 אַרְצְךָ עִמָּנוּ אֵל׃ רֹעוּ עַמִּים וָחֹתּוּ וְהַאֲזִינוּ כֹּל
י מֶרְחַקֵּי־אָרֶץ הִתְאַזְּרוּ וָחֹתּוּ הִתְאַזְּרוּ וָחֹתּוּ׃ עֻצוּ עֵצָה
11 וְתֻפָר דַּבְּרוּ דָבָר וְלֹא יָקוּם כִּי עִמָּנוּ אֵל׃ כִּי
כֹה אָמַר יְהוָה אֵלַי כְּחֶזְקַת הַיָּד וְיִסְּרֵנִי מִלֶּכֶת בְּדֶרֶךְ
12 הָעָם־הַזֶּה לֵאמֹר׃ לֹא־תֹאמְרוּן קֶשֶׁר לְכֹל אֲשֶׁר־יֹאמַר
הָעָם הַזֶּה קָשֶׁר וְאֶת־מוֹרָאוֹ לֹא־תִירְאוּ וְלֹא תַעֲרִיצוּ׃
13 אֶת־יְהוָה צְבָאוֹת אֹתוֹ תַקְדִּישׁוּ וְהוּא מוֹרַאֲכֶם וְהוּא
14 מַעֲרִצְכֶם׃ וְהָיָה לְמִקְדָּשׁ וּלְאֶבֶן נֶגֶף וּלְצוּר מִכְשׁוֹל לִשְׁנֵי
טו בָתֵּי יִשְׂרָאֵל לְפַח וּלְמוֹקֵשׁ לְיוֹשֵׁב יְרוּשָׁלָםִ׃ וְכָשְׁלוּ בָם
16 רַבִּים וְנָפְלוּ וְנִשְׁבָּרוּ וְנוֹקְשׁוּ וְנִלְכָּדוּ׃ צוֹר תְּעוּדָה
17 חֲתוֹם תּוֹרָה בְּלִמֻּדָי׃ וְחִכִּיתִי לַיהוָה הַמַּסְתִּיר פָּנָיו מִבֵּית
18 יַעֲקֹב וְקִוֵּיתִי־לוֹ׃ הִנֵּה אָנֹכִי וְהַיְלָדִים אֲשֶׁר נָתַן־לִי יְהוָה
לְאֹתוֹת וּלְמוֹפְתִים בְּיִשְׂרָאֵל מֵעִם יְהוָה צְבָאוֹת הַשֹּׁכֵן
19 בְּהַר צִיּוֹן׃ וְכִי־יֹאמְרוּ אֲלֵיכֶם דִּרְשׁוּ אֶל־הָאֹבוֹת וְאֶל־
הַיִּדְּעֹנִים הַמְצַפְצְפִים וְהַמַּהְגִּים הֲלוֹא־עַם אֶל־אֱלֹהָיו יִדְרֹשׁ
כ בְּעַד הַחַיִּים אֶל־הַמֵּתִים׃ לְתוֹרָה וְלִתְעוּדָה אִם־לֹא יֹאמְרוּ
21 כַּדָּבָר הַזֶּה אֲשֶׁר אֵין־לוֹ שָׁחַר׃ וְעָבַר בָּהּ נִקְשֶׁה וְרָעֵב
וְהָיָה כִי־יִרְעַב וְהִתְקַצַּף וְקִלֵּל בְּמַלְכּוֹ וּבֵאלֹהָיו וּפָנָה
22 לְמָעְלָה׃ וְאֶל־אֶרֶץ יַבִּיט וְהִנֵּה צָרָה וַחֲשֵׁכָה מְעוּף צוּקָה
23 וַאֲפֵלָה מְנֻדָּח׃ כִּי לֹא מוּעָף לַאֲשֶׁר מוּצָק לָהּ כָּעֵת
הָרִאשׁוֹן הֵקַל אַרְצָה זְבֻלוּן וְאַרְצָה נַפְתָּלִי וְהָאַחֲרוֹן
הִכְבִּיד דֶּרֶךְ הַיָּם עֵבֶר הַיַּרְדֵּן גְּלִיל הַגּוֹיִם׃

ט CAP. IX. ט

א הָעָם הַהֹלְכִים בַּחֹשֶׁךְ רָאוּ אוֹר גָּדוֹל יֹשְׁבֵי בְּאֶרֶץ צַלְמָוֶת
אור

ח׳ v. 15. קמץ בז״ק

8 און ער וועט דורכגעהן (אויך) אין יהודה, ער וועט פלייצען אין שטראָ־
מען, ביז'ן האַלדז וועט ער גרייכען, און די אויסשפּרייטונג פון זיינע
פליגלען (די כּהנות) וועלען אָנפילען די גאַנצע ברייט פון דיין לאַנד.
9 אָבער דאָן—גאָט איז מיט אונז. געזעלט אייך, איהר פעלקער, איהר
וועט אָבער צובראָכען ווערען! און פערנעהמט עס איהר אַלע פון די ווייַ־
טע לענדער! גירטעט אייך, איהר וועט צובראָכען ווערען, גירטעט אייך,
10 איהר וועט צובראָכען ווערען! האַלט ראַטה צוזאַמען, עס וועט אָבער
צובראָכען ווערען, רעדט אויס אורטהיילען, עס וועט קיין בעשטאַנד האָ־
11 בען, דען גאָט איז מיט אונז. דען אַזוי האָט גאָט צו מיר געזאָגט אין
(מיין) שטאַרקע בעגייסטערונג, און ער האָט מיר פערזאָגט ניט צו געהן
אין דעם וועג פון דעם דאָזיגען פאָלק, אַזוי צו זאָגען:
12 איהר זאָלט ניט זאָגען אַ בונד צו אַלעם וואָס דיעזע פאָלק זאָגט אַ בונד,
און איהר זאָלט ניט פירכטען, און זיך ניט שרעקען פאַרוואָס ער פירכטעט.
13 דעם גאָט פון די הערשאַרען, איהם זאָלט איהר פערהייליגען און ער זאָל
זיין אייער פורכט, און ער זאָל זיין אייער שרעק.
14 און פאַר אייך וועט ער זיין אַ פעסטונג, און אַ שטיין צום שטרויכלען און
אַ פעלזען פון אָנשטויסונג פאַר דיביידע הייזער פון ישראל אַלס אַ נעץ
און אַ שלינגע פאַר די אַיינוואָהנער פון ירושלים.
15 און צוליעב זיי וועלען פיעלע געשטרויכעלט ווערען, און פאַלען און צו־
בראָכען ווערען, און וועלען אַריינפאַלען אין נעץ און געפאַנגען ווערען.
16 פערבינד דאָס צייגניס, פערזיעגעל די לעהרע צווישען מיינע שילער.
17 און איך האָף צו גאָט, יעדאָך ער פערבאַרגט יעצט זיין אַנגעזיכט פון
דעם הויזגעזינד פון יעקב, אָבער דאָך האָף איך צו איהם.
18 דען איך, און די קינדער וועלכע גאָט האָט מיר געגעבען, זיינען צייכענס
און בילדער פאַר ישראל, פון גאָט פון די הערשאַרען וועלכער רעגיערט
אויפ'ן באַרג ציון.
19 און ווען זיי וועלען זאָגען צו אייך: פאָרשט צו די טויטען־בעשווערער
און די צויבערערס, וועלכע פּיפּצען און מורמלען, דען יעדעס פאָלק
פאָרשט דאָך צו זיינע געטער, (און יעדעס פאָלק) בעט פאַר די לעבעדיגע
צו די טויטע.
20 (ענטפערט זיי) מיר מוזען פאָרשען די תורה און (אונזער) בעשטימונג.
[וועלען זיי דען ניט זאָגען אַזעלכע ווערטער ווי די דאָזיגע, אין וועלכע
עס איז ניטאָ קיין קלאַהרהייט.]
21 און דער וואָס געהט אין אַזאַ וועג, וועט ווערען געדריקט און הונגעריג.
און עס וועט געשעהן, אַז ווען ער וועט שטאַרק הונגעריג ווערען דאַן
וועט ער זיך דערצערנען און ער וועט פלוכען ביי זיין קעניג און ביי זיין
אָפּגאָט. און ער וועט זיך אַרומקעהרען צו דער הויך.
22 און ער וועט זיך אַרומקוקען צו דער ערד, אָבער זעה, נאָר אונגליק און
פינסטערניס, דיקע פינסטערניס, און אין דונקעלהייט פערשטויסען.
23 דען עס וועט קיין מידיגקייט ניט זיין צו איהם, וואָס קומט איהר צו
אונטערדריקען; אין דער צייט וואָס דער ערשטער (קעניג פון אשור)
האָט לייכט געמאַכט (האָט אַוועקגענומען) נאָר דאָס לאַנד זבלון און
דאָס לאַנד נפתלי, האָט דער לעצטער אָבער זיין האַנד שווער אַרויפגעַ־
לייגט אויף דאָס גאַנצע לאַנד ביי דעם מעער, די אַנדערע זייט ירדן, די
פראָווינצען פון די אַלע שטאַמען.

קאַפּיטעל ט

1 דאָס פאָלק וואָס האָט געוואַנדערט אין פינסטערניס האָט געזעהן אַ

אוֹר נָגַהּ עֲלֵיהֶם׃ הִרְבִּיתָ הַגּוֹי לֹא הִגְדַּלְתָּ הַשִּׂמְחָה 2
שָׂמְחוּ לְפָנֶיךָ כְּשִׂמְחַת בַּקָּצִיר כַּאֲשֶׁר יָגִילוּ בְּחַלְּקָם שָׁלָל׃
כִּי ׀ אֶת־עֹל סֻבֳּלוֹ וְאֵת מַטֵּה שִׁכְמוֹ שֵׁבֶט הַנֹּגֵשׂ בּוֹ הַחִתֹּתָ 3
כְּיוֹם מִדְיָן׃ כִּי כָל־סְאוֹן סֹאֵן בְּרַעַשׁ וְשִׂמְלָה מְגוֹלָלָה 4
בְדָמִים וְהָיְתָה לִשְׂרֵפָה מַאֲכֹלֶת אֵשׁ׃ כִּי־יֶלֶד יֻלַּד־לָנוּ ה
בֵּן נִתַּן־לָנוּ וַתְּהִי הַמִּשְׂרָה עַל־שִׁכְמוֹ וַיִּקְרָא שְׁמוֹ פֶּלֶא
יוֹעֵץ אֵל גִּבּוֹר אֲבִי־עַד שַׂר־שָׁלוֹם׃ לְםַרְבֵּה הַמִּשְׂרָה 6
וּלְשָׁלוֹם אֵין־קֵץ עַל־כִּסֵּא דָוִד וְעַל־מַמְלַכְתּוֹ לְהָכִין אֹתָהּ
וּלְסַעֲדָהּ בְּמִשְׁפָּט וּבִצְדָקָה מֵעַתָּה וְעַד־עוֹלָם קִנְאַת יְהוָה
צְבָאוֹת תַּעֲשֶׂה־זֹּאת׃ דָּבָר שָׁלַח אֲדֹנָי בְּיַעֲקֹב 7
וְנָפַל בְּיִשְׂרָאֵל׃ וְיָדְעוּ הָעָם כֻּלּוֹ אֶפְרַיִם וְיוֹשֵׁב שֹׁמְרוֹן 8
בְּגַאֲוָה וּבְגֹדֶל לֵבָב לֵאמֹר׃ לְבֵנִים נָפָלוּ וְגָזִית נִבְנֶה 9
שִׁקְמִים גֻּדָּעוּ וַאֲרָזִים נַחֲלִיף׃ וַיְשַׂגֵּב יְהוָה אֶת־צָרֵי רְצִין י
עָלָיו וְאֶת־אֹיְבָיו יְסַכְסֵךְ׃ אֲרָם מִקֶּדֶם וּפְלִשְׁתִּים מֵאָחוֹר 11
וַיֹּאכְלוּ אֶת־יִשְׂרָאֵל בְּכָל־פֶּה בְּכָל־זֹאת לֹא־שָׁב אַפּוֹ וְעוֹד
יָדוֹ נְטוּיָה׃ וְהָעָם לֹא־שָׁב עַד־הַמַּכֵּהוּ וְאֶת־יְהוָה צְבָאוֹת 12
לֹא דָרָשׁוּ׃ וַיַּכְרֵת יְהוָה מִיִּשְׂרָאֵל רֹאשׁ וְזָנָב כִּפָּה 13
וְאַגְמוֹן יוֹם אֶחָד׃ זָקֵן וּנְשׂוּא־פָנִים הוּא הָרֹאשׁ וְנָבִיא 14
מוֹרֶה־שֶּׁקֶר הוּא הַזָּנָב׃ וַיִּהְיוּ מְאַשְּׁרֵי הָעָם־הַזֶּה מַתְעִים טו
וּמְאֻשָּׁרָיו מְבֻלָּעִים׃ עַל־כֵּן עַל־בַּחוּרָיו לֹא־יִשְׂמַח ׀ אֲדֹנָי 16
וְאֶת־יְתֹמָיו וְאֶת־אַלְמְנֹתָיו לֹא יְרַחֵם כִּי כֻלּוֹ חָנֵף וּמֵרַע
וְכָל־פֶּה דֹּבֵר נְבָלָה בְּכָל־זֹאת לֹא־שָׁב אַפּוֹ וְעוֹד יָדוֹ
נְטוּיָה׃ כִּי־בָעֲרָה כָאֵשׁ רִשְׁעָה שָׁמִיר וָשַׁיִת תֹּאכֵל וַתִּצַּת 17
בְּסִבְכֵי הַיַּעַר וַיִּתְאַבְּכוּ גֵּאוּת עָשָׁן׃ בְּעֶבְרַת יְהוָה 18
צְבָאוֹת נֶעְתַּם אָרֶץ וַיְהִי הָעָם כְּמַאֲכֹלֶת אֵשׁ אִישׁ אֶל־
אָחִיו לֹא יַחְמֹלוּ׃ וַיִּגְזֹר עַל־יָמִין וְרָעֵב וַיֹּאכַל עַל־שְׂמֹאול 19
וְלֹא שָׂבֵעוּ אִישׁ בְּשַׂר־זְרֹעוֹ יֹאכֵלוּ׃ מְנַשֶּׁה אֶת־אֶפְרַיִם כ

ואפרים

v. 2. לו קרי   v. 6. מ סתומה באמצע תיבה   v. 9. קמץ בטרחא

גרויסע ליכטיגקייט. די איינוואָהנער פון דעם לאַנד פון טויט־שאַטען,
2 אויף זיי האָט אַ ליכט געשיינט. דו האָסט גרויס געמאַכט דאָס פאָלק,
גרויס געמאַכט איהם די פרייד, זיי האָבען זיך געפרעהט ווי אין שניט־
צייט, ווי מען איז ענטציקט ביי׳ם צוטהיילען זיך מיט׳ן רויב (פון פיינד).
3 דען דעם יאָך פון זיין לאַסט, אין דעם שטאַנג פון זיין שולטער, די רוטה
פון זיין אונטערדריקער האָסטו צובראָכען, ווי אין דעם טאָג פון מדין.
4 דען יעדער קריעגס־ליאַרעם ליאַרעמט מיט שטורעם, און יעדעם קלייד איז
פערבלוטיגט, אָבער דאָ איז געוואָרען אַ בראַנד, אַ פערצעהרונג פון פייער.
5 דען אַ קינד איז צו אונז געבאָרען געוואָרען, אַ זוהן איז צו אונז געגעבען
געוואָרען, (חזקיהו) און די הערשאַפט איז געקומען אויף זיינע שול־
טערען, און זיין נאָמען האָט מען גערופען: וואונדערבאַרער ראטה־
געבער, שטאַרקע מאַכט, עוויגער פאָטער, פירשט פון פריעדען.
6 צו פערמעהרען די הערשאַפט און צו די פריעדען זאָל קיין ענד ניט זיין,
אויפ׳ן טהראָן פון דוד, און אויף זיין קעניגרייך: איהר צו גרינדען, און
צו בעפעסטיגען מיט גערעכטיגקייט און טוגענד פון יעצט אָן ביז אויף
אייביג; די אויפרעגונג פון גאָט פון די הערשאַרען וועט דאָס מאַכען.
7 אַ וואָרט האָט גאָט געשיקט צו יעקב, און עס וועט אָנקומען צו ישראל.
8 און דאָס גאַנצע פאָלק וועט וויסען; אפרים און די איינוואָהנער פון
שמרון, וועלכע זאָגען מיט שטאָלץ און מיט האָכמוטהיגקייט:
9 איינגעפאַלען זיינען ציעגעל, אָבער אויפבויען וועלען מיר פון געהאַקטע
שטיינער, ווילדע פייגענבוימער זיינען אָבגעהאַקט געוואָרען, אָבער אויף
צעדערבוימער וועלען מיר זיי (יעצט) פאַרבייטען.
10 אָבער גאָט האָט געשטאַרקט די פיינד פון רצין קעגען איהם, (קעגען
אפרים) און זיינע (אַלע) וועט ער אויף איהם אָנרייצען.
11 ארם פון פאָרענט און די פלשתים פון הינטען, און זיי האָבען אויפגע־
געסען ישראל מיט׳ן פולען מויל, ביי דעם אַלעם איז נאָך זיין צאָרן ניט
אָבגעקעהרט, און נאָך, איז זיין האַנד אויסגעשטרעקט.
12 און ווייל דאָס פאָלק קעהרט זיך ניט צוריק צו דעם (גאָט) וואָס האָט
איהם געשלאָגען, און דעם גאָט פון די הערשאַרען זוכען זיי ניט.
13 דאַרום האָט גאָט אָבגעשניטען פון ישראל דעם קאָפּ און דעם עק, דעם
פאַלמענצווייג און ראָהר אין איין טאָג.
14 דער גרייז און דער אַנגעזעהענער, דאָס איז דער קאָפּ, און דער פראָפעט,
דער פאַלשער לעהרער דאָס איז דער עק.
15 און ווייל די פיהרער פון דעם דאָזיגען פאָלק זיינען פערפיהרער, און
זיינע געפיהרטע זיינען פערדאָרבען.
16 דאַרום וועט זיך גאָט ניט פרעהען מיט זיינע אויסערוועהלטע, און אויף
זיינע יתומים און זיינע אלמנות וועט ער זיך ניט דערבאַרעמען; דען
זיי זיינען אַלע אין גאַנצען פערדאָרבען און שלעכט, און יעדער מויל
רעדט שענדליכקייט. ביי דעם אַלעם איז נאָך זיין צאָרן ניט אָבגעקעהרט,
און נאָך, איז זיין האַנד אויסגעשטרעקט.
17 דען (זייער) שלעכטיגקייט ברענט ווי אַ פייער, (זיי אַליין) די דערנער
און די דיסטלען וועט זיי פערצעהרען, און זי האָט אָנגעצונדען די צוויי־
גען פון וואַלד, און עס האָבען זיך ערהויבען הויכע רויכזיילען.
18 דורך דעם צאָרן פון דעם גאָט פון די הערשאַרען איז דאָס לאַנד פער־
ברענט געוואָרען, און דאָס פאָלק איז געוואָרען ווי פערדאָרבענעם פייער,
דאָס זאָגאַר איינער דערבאַרעמט זיך ניט איבער דעם אַנדערען.
19 און ער שניידט אויף רעכטס און איז הונגעריג, און ער פערצעהרט אויף
לינקס און איז ניט זאַט. ביז יעדער עסט דאָס פלייש פון זיין אָרעם.
20 מנשה (עסט אויף) אפרים, און אפרים מנשה, זיי צוזאַמען קעגען יהודה.

וְאֶפְרַיִם אֶת־מְנַשֶּׁה יַחְדָּו הֵמָּה עַל־יְהוּדָה בְּכָל־זֹאת לֹא־
שָׁב אַפּוֹ וְעוֹד יָדוֹ נְטוּיָה׃

CAP. X. י

2 א הוֹי הַחֹקְקִים חִקְקֵי־אָוֶן וּמְכַתְּבִים עָמָל כִּתֵּבוּ׃ לְהַטּוֹת
מִדִּין דַּלִּים וְלִגְזֹל מִשְׁפַּט עֲנִיֵּי עַמִּי לִהְיוֹת אַלְמָנוֹת
3 שְׁלָלָם וְאֶת־יְתוֹמִים יָבֹזּוּ׃ וּמַה־תַּעֲשׂוּ לְיוֹם פְּקֻדָּה וּלְשׁוֹאָה
מִמֶּרְחָק תָּבוֹא עַל־מִי תָּנוּסוּ לְעֶזְרָה וְאָנָה תַעַזְבוּ כְּבוֹדְכֶם׃
4 בִּלְתִּי כָרַע תַּחַת אַסִּיר וְתַחַת הֲרוּגִים יִפֹּלוּ בְּכָל־זֹאת
ה לֹא־שָׁב אַפּוֹ וְעוֹד יָדוֹ נְטוּיָה׃ הוֹי אַשּׁוּר שֵׁבֶט
6 אַפִּי וּמַטֶּה־הוּא בְיָדָם זַעְמִי׃ בְּגוֹי חָנֵף אֲשַׁלְּחֶנּוּ וְעַל־עַם
עֶבְרָתִי אֲצַוֶּנּוּ לִשְׁלֹל שָׁלָל וְלָבֹז בַּז וּלְשִׂימוֹ מִרְמָס כְּחֹמֶר
7 חוּצוֹת׃ וְהוּא לֹא־כֵן יְדַמֶּה וּלְבָבוֹ לֹא־כֵן יַחְשֹׁב כִּי
8 לְהַשְׁמִיד בִּלְבָבוֹ וּלְהַכְרִית גּוֹיִם לֹא מְעָט׃ כִּי יֹאמַר
9 הֲלֹא שָׂרַי יַחְדָּו מְלָכִים׃ הֲלֹא כְּכַרְכְּמִישׁ כַּלְנוֹ אִם־לֹא
י כְאַרְפַּד חֲמָת אִם־לֹא כְדַמֶּשֶׂק שֹׁמְרוֹן׃ כַּאֲשֶׁר מָצְאָה
יָדִי לְמַמְלְכֹת הָאֱלִיל וּפְסִילֵיהֶם מִירוּשָׁלַםִ וּמִשֹּׁמְרוֹן׃
11 הֲלֹא כַּאֲשֶׁר עָשִׂיתִי לְשֹׁמְרוֹן וְלֶאֱלִילֶיהָ כֵּן אֶעֱשֶׂה
12 לִירוּשָׁלַםִ וְלַעֲצַבֶּיהָ׃ וְהָיָה כִּי־יְבַצַּע אֲדֹנָי אֶת־כָּל־
מַעֲשֵׂהוּ בְּהַר צִיּוֹן וּבִירוּשָׁלָםִ אֶפְקֹד עַל־פְּרִי־גֹדֶל לְבַב
13 מֶלֶךְ־אַשּׁוּר וְעַל־תִּפְאֶרֶת רוּם עֵינָיו׃ כִּי אָמַר בְּכֹחַ יָדִי
עָשִׂיתִי וּבְחָכְמָתִי כִּי נְבֻנוֹתִי וְאָסִיר ׀ גְּבֻלֹת עַמִּים וַעֲתִידֹתֵיהֶם
14 שׁוֹשֵׂתִי וְאוֹרִיד כַּאבִּיר יוֹשְׁבִים׃ וַתִּמְצָא כַקֵּן ׀ יָדִי לְחֵיל
הָעַמִּים וְכֶאֱסֹף בֵּיצִים עֲזֻבוֹת כָּל־הָאָרֶץ אֲנִי אָסָפְתִּי וְלֹא
טו הָיָה נֹדֵד כָּנָף וּפֹצֶה פֶה וּמְצַפְצֵף׃ הֲיִתְפָּאֵר הַגַּרְזֶן עַל
הַחֹצֵב בּוֹ אִם־יִתְגַּדֵּל הַמַּשּׂוֹר עַל־מְנִיפוֹ כְּהָנִיף שֵׁבֶט
16 אֶת־מְרִימָיו כְּהָרִים מַטֶּה לֹא־עֵץ׃ לָכֵן יְשַׁלַּח הָאָדוֹן
יְהוָה צְבָאוֹת בְּמִשְׁמַנָּיו רָזוֹן וְתַחַת כְּבֹדוֹ יֵקַד יְקֹד כִּיקוֹד

אש

י v. 6. ולשומו ק v. 13. ועתודותיהם קרי ibib. כבוד קרי

בײַ דעם אַלעם איז נאָך זײַן צאָרן ניט אָבגעקעהרט, און נאָך איז זײַן
האַנד אויסגעשטרעקט.

קאַפּיטעל י

1 װעה צו די געזעצגעבער װעלכע מאַכען אונרעכטע געזעצען, און די שרײַ־
בערס װעלכע שרײַבען אונרעכט.
2 אום צו דערװײַטערען פון גערעכטיגקײַט די אָרעמע, און צו רױבען דאָס
רעכט פון די אָרעמע פון מײַן פאָלק, דאָס די אַלמנות זאָלען װערען
זײער רױב, און די יתומים זאָלען זײ קענען בערױבען.
3 אָבער װאָס װעט איהר טהאָן אין דעם טאָג פון שטראָף, און צו דעם
געװיטער װעלכער קומט אָן פון װײַטען? צו װעמען װעט איהר לױפען
נאָך הילף, און װאוהין װעט איהר איבערלאָזען אײַער רײַכטהום?
4 װער עס װעט זיך ניט קניען אונטער די געפאַנגענע, װעט פאַלען אונטער
די דערשלאָגענע, און בײַ דעם אַלעם איז נאָך זײַן צאָרן ניט אָבגעקעהרט,
5 און נאָך איז זײַן האַנד אויסגעשטרעקט. אַך! אשור, די רוטה פון מײַן
צאָרן! און װי אַ שטעקען איז אין זײער (די אשורים) האַנד מײַן גרים.
6 קעגען אַ פערדאָרבענעם פאָלק טהו איך איהם שיקען, און קעגען אַ פאָלק
פון מײַן גרים טהו איך איהם בעפעהלען, צו רױבען רױב און צו פלינ־
דערען פלינדערונג, צו מאַכען עס צו אַ צוטרעטונג װי קױט פון די גאַסען.
7 אָבער ער דענקט ניט אַזױ און זײַן הארץ טראַכט ניט אַזױ, דען אין גאַנצען
צו פערטיליגען איז זײַן געדאַנקען און אויסצוראָטען ניט װעניג פעלקער.
8 דען ער ריהמט זיך: זײַנען ניט מײַנע פירשטען אַלע צוזאַמען קעניגע?
9 איז ניט אַזױ אויסגעגאַנגען צו כרכמוש װי צו כלנו? אָדער איז ניט גע־
װאָרען װי פון ארפּד חמת, אָדער איז ניט װי דמשק אויך פון
שמרון געװאָרען?
10 אַזױ װי מײַן האַנד האָט געפונען די קעניגרײַכען פון די געצען, װאָס זײ־
ערע געצען־בילדער זײַנען נאָך מעהר פון ירושלים און שמרון.
11 איז דאָך געװיס, דאָס אַזױ װי איך האָב געטהאָן צו שמרון און איהרע גע־
צען, אַזױ װעל איך אויך טהאָן צו ירושלים און צו איהרע געצענבילדער.
12 אָבער עס װעט געשעהען, דאָס װען גאָט װעט האָבען געענדיגט זײַן גאַנ־
צע װערק אויף דעם באַרג ציון און ירושלים, דאַן װעל איך בעשטראָפען
דעם קעניג פון אַשור, פאַר די פרוכט פון זײַן האָכמוטה (די גרויסקײַט
פון זײַן האַרץ), און פאַר זײַנע ריהמערײַ, און זײַנע שטאָלצע אויגען.
13 דען ער האָט געזאָגט: מיט דער קראַפט פון מײַן האַנד האָב איך עס
געטהאָן, און מיט מײַן קלוגהײַט, דען איך בין פערשטענדיג, און איך
האָב אָבגעשאַפט די גרענעצען פון פעלקער, און זײערע רײַכטהימער האָב
איך בערױבט, און װי אַ מעכטיגער העלד האָב איך אַראָבגעשלײַדערט
די װאָס זײַנען געזעסען (אויף די טהראָנען).
14 און מײַן האַנד האָט געפונען װי אַ נעסט דאָס רײַכטהום פון די פעלקער,
און אַזױ װי מען זאַמעלט אײַן פערלאָזענע אײער, אַזױ האָב איך אײַנ־
געזאַמעלט אַלע לענדער, און עס איז ניט געװען קײנער װאָס בעװעגט אַ
פליגעל, אָדער עפענט אַ מױל און צװיטשערט.
15 קען זיך אָבער די האַק ריהמען קעגען איהם װעלכער האַקט מיט איהר?
אָדער קען די זעג שטאָלצירען קעגען דעם װעלכער ציהט זי? אַזױ װי
די רוטה װאָלט אויפהױבען די יעניגע װאָס הױבען איהר אויף, אַזױ װי
דער שטעקען װאָלט זיך אַלײן אויפהױבען.
16 דאַרום װעט דער הערר דער גאָט פון די הערשאַרען אַרױפשיקען אויף
זײַנע דיק־בעלײַבטע אַן אויסצעהרונג און אונטער זײַן שטאָלצע (מחנה)
װעט ברענען אַ בראַנד — װי דער בראַנד פון אַ פײַער.
17 און דאָס ליכט ישראל װעט װערען אַ פײַער, און זײַן הײליגער — אַ פלאַם,

17 אש׃ והיה אור־ישראל לאש וקדושו ללהבה ובערה
18 ואכלה שיתו ושמירו ביום אחד׃ וכבוד יערו וכרמלו
19 מנפש ועד־בשר יכלה והיה כמסס נסס׃ ושאר עץ
כ יערו מספר יהיו ונער יכתבם׃ והיה ׀ ביום ההוא
לא־יוסיף עוד שאר ישראל ופליטת בית־יעקב להשען
21 על־מכהו ונשען על־יהוה קדוש ישראל באמת׃ שאר
22 ישוב שאר יעקב אל־אל גבור׃ כי אם־יהיה עמך
ישראל כחול הים שאר ישוב בו כליון חרוץ שוטף
23 צדקה׃ כי כלה ונחרצה אדני יהוה צבאות עשה
24 בקרב כל־הארץ׃ לכן כה־אמר אדני יהוה
צבאות אל־תירא עמי ישב ציון מאשור בשבט יככה
כה ומטהו ישא עליך בדרך מצרים׃ כי־עוד מעט
26 מזער וכלה זעם ואפי על־תבליתם׃ ועורר עליו יהוה
צבאות שוט כמכת מדין בצור עורב ומטהו על־הים
27 ונשאו בדרך מצרים׃ והיה ׀ ביום ההוא יסור סבלו
מעל שכמך ועלו מעל צוארך וחבל על מפני־שמן׃
28 29 בא על־עית עבר במגרון למכמש יפקיד כליו׃ עברו
מעברה גבע מלון לנו חרדה הרמה גבעת שאול נסה׃
ל 31 צהלי קולך בת־גלים הקשיבי לישה עניה ענתות׃ נדדה
32 מדמנה ישבי הגבים העיזו׃ ° עוד היום בנב לעמד
33 ינפף ידו הר בית־ציון גבעת ירושלם׃ הנה האדון
יהוה צבאות מסעף פארה במערצה ורמי הקומה גדעים
34 והגבהים ישפלו׃ ונקף סבכי היער בברזל והלבנון
באדיר יפול׃

יא CAP. XI. יא

א 2 ויצא חטר מגזע ישי ונצר משרשיו יפרה׃ ונחה עליו
רוח יהוה רוח חכמה ובינה רוח עצה וגבורה רוח דעת

ויראת

° v. 32. הפטרת יום שמיני של פסח ibid. בת קרי

אונ זי וועט ברענען און פערצעהרען זיינע דערנער און דיסטלען אין א טאָג.
18 און די אויסערוועהלטע פון זיין וואַלד און זיין פרוכט לאַנד פון דער זעעל
ביז אויף דעם פלייש וועט ער פערניכטען, און ווי צופרעסען פון ווערעם
וועט ווערען יעדער וואָס האָט מיט שטאָלץ די פאָהן געטראָגען.
19 און דער רעסט פון די בוימען פון זיין וואַלד וועט זיין אַ (קליינער) צאָהל,
און אַ קליינער יונג וועט זיי קענען אויפשרייבען.
20 און עס וועט געשעהען אין יענעם טאָג, דאָס דער רעסט פון ישראל און
די גערעטעטע פון דעם הויזגעזינד פון יעקב וועלען זיך ניט שטיצען
מעהר אויף איהם וואָס שלאָגט איהם, נאָר זיי וועלען זיך שטיצען אויף
גאָט, דעם הייליגען פון ישראל, מיט וואַהרהייט.
21 דער איבעררעסט וועט צוריקקעהרען (צו זיין לאַנד) — דער איבעררעסט
פון יעקב, (צוריקקעהרען וועט ער) צו דעם מעכטיגען גאָט.
22 וויאַהרליך, פאַר געוויס וועט נאָך אַ מאָל ווערען דיין פאָלק ישראל,
ווי דאָס זאַמד פון מעער, און פון דעם איבעררעסט וואָס וועט זיך פון
איהם צוריקקעהרען, דען ווען אויך פערניכטונג איז בעשלאָסען, גע־
רעכטיגקייט פלייצט עס אַוועק.
23 און ווען אויך אַ פערניכטונג און אַ פעסט בעשלאָסענע מאַכט דער גאָט
פון די הערשאַרען אין מיטען פון דער גאַנצען ערד.
24 דאַרום האָט אַזוי געזאָגט דער הערר, דער גאָט פון די הערשאַרען :
פירכטע דיך ניט, מיין פאָלק, איינוואָהנער פון ציון, פאַר אשור, וועל־
כער שלאָגט דיר מיט דעם רוטה, און וועלכער הויבט אויף אויף דיך
זיין שטעקען נאָך דעם שטייגער פון מצרים.
25 דען אין אַ גאַנץ קורצע צייט וועט דער גרים (אַשור) פערשוואונדען ווערען,
און מיין צאָרן (וועט זיך דערוועקען) אויף זייערע שענדליכקייטען.
26 און דער גאָט פון די הערשאַרען וועט דערוועקען איבער איהם (אַשור)
אַ רוטה, אַזוי ווי ביי דער שלאַכט פון מדין ביי דעם פעלזען פון עורב,
(און ער וועט דערוועקען) זיין שטעקען, וועלכען ער האָט געהאַלטען ביי
דעם ים. און ער וועט אויפהויבען אויף דעם שטייגער ווי אויף מצרים.
27 און עס וועט געשעהען, אין יענעם טאָג, דאָס זיין לאַסט וועט אָבגעטהאָן
ווערען פון דיין שולטער, און זיין יאָך פון דיין האַלז, דען דער יאָך וועט
28 צובראָכען ווערען צוליעב די פעטיגקייט (פון יהודה). ער האָט געמאַר־
שירט אויף עית, ער איז דורכגעגאַנגען מגרון, אין מכמיש האָט ער אָבגע־
29 לעגט זיינע געפעק. זיי זיינען אַריבער דעם דורכגאַנג, אין גבע האָבען זיי
געהאַלטען נאַכט־קוואַרטיר, רמה האָט געציטערט, גבעת שאול איז אַנט־
30 לאָפען. מאַך קלינגען דיין שטים, טאָכטער פון גלים, האָרך צו ליש, (פון
31 דאָרטען קומט אשור) און שריי שרעקליך ענתות. פערוואָגעלט געוואָרען
איז מדמנה, די איינוואָהנער פון גבעון האָבען איינגעזאַמעלט (זייער פער־
32 מעגען). דעם טאָג וועט ער נאָך זיך אויסרוהען אין נב, (פון דאַנען) הויבט
ער זיין האַנד קעגען דעם באַרג פון דער טאָכטער פון ציון, קעגען דעם הוגעל
33 פון ירושלים. אָבער זעה! דער הערר, דער גאָט פון די הערשאַרען האַקט
אָב דעם שטאָלצען בוים מיט אַ שרעקליכען געוואַלט, און די הויכגעוואַק־
סענע ווערען אָבגעשניטען, און די שטאָלצע וועלען ערניעדעריגט ווערען.
34 און די געפלאָכטענע צווייגען פון וואַלד וועלען אָבגעהאַקט ווערען מיט
דעם אַייזען, און דער לבנון וועט פאַלען דורך אַ מעכטיגען.

קאַפּיטעל יא

1 **און עס וועט אַרויסקומען אַ צווייג פון ישי׳ס שטאַם, און אַ רוטה וועט
שפּראָצען פון זיינע וואָרצלען.**
2 **און עס וועט רוהען אויף איהם דער גייסט פון גאָט, אַ גייסט פון קלוג־
הייט און פערשטאַנד, אַ גייסט פון ראַטה און שטאַרקייט, אַ גייסט פון**

3 וְיִרְאַת יְהוָה: וַהֲרִיחוֹ בְּיִרְאַת יְהוָה וְלֹא־לְמַרְאֵה עֵינָיו
4 יִשְׁפּוֹט וְלֹא־לְמִשְׁמַע אָזְנָיו יוֹכִיחַ: וְשָׁפַט בְּצֶדֶק דַּלִּים
וְהוֹכִיחַ בְּמִישׁוֹר לְעַנְוֵי־אָרֶץ וְהִכָּה־אֶרֶץ בְּשֵׁבֶט פִּיו וּבְרוּחַ
ה שְׂפָתָיו יָמִית רָשָׁע: וְהָיָה צֶדֶק אֵזוֹר מָתְנָיו וְהָאֱמוּנָה
6 אֵזוֹר חֲלָצָיו: וְגָר זְאֵב עִם־כֶּבֶשׂ וְנָמֵר עִם־גְּדִי יִרְבָּץ וְעֵגֶל
7 וּכְפִיר וּמְרִיא יַחְדָּו וְנַעַר קָטֹן נֹהֵג בָּם: וּפָרָה וָדֹב תִּרְעֶינָה
8 יַחְדָּו יִרְבְּצוּ יַלְדֵיהֶן וְאַרְיֵה כַּבָּקָר יֹאכַל־תֶּבֶן: וְשִׁעֲשַׁע
יוֹנֵק עַל־חֻר פָּתֶן וְעַל מְאוּרַת צִפְעוֹנִי גָּמוּל יָדוֹ הָדָה: לֹא־
9 יָרֵעוּ וְלֹא־יַשְׁחִיתוּ בְּכָל־הַר קָדְשִׁי כִּי־מָלְאָה הָאָרֶץ דֵּעָה
י אֶת־יְהוָה כַּמַּיִם לַיָּם מְכַסִּים: וְהָיָה בַּיּוֹם הַהוּא
שֹׁרֶשׁ יִשַׁי אֲשֶׁר עֹמֵד לְנֵס עַמִּים אֵלָיו גּוֹיִם יִדְרֹשׁוּ וְהָיְתָה
11 מְנֻחָתוֹ כָּבוֹד: וְהָיָה ׀ בַּיּוֹם הַהוּא יוֹסִיף אֲדֹנָי ׀
שֵׁנִית יָדוֹ לִקְנוֹת אֶת־שְׁאָר עַמּוֹ אֲשֶׁר יִשָּׁאֵר מֵאַשּׁוּר
וּמִמִּצְרַיִם וּמִפַּתְרוֹס וּמִכּוּשׁ וּמֵעֵילָם וּמִשִּׁנְעָר וּמֵחֲמָת
12 וּמֵאִיֵּי הַיָּם: וְנָשָׂא נֵס לַגּוֹיִם וְאָסַף נִדְחֵי יִשְׂרָאֵל וּנְפֻצוֹת
13 יְהוּדָה יְקַבֵּץ מֵאַרְבַּע כַּנְפוֹת הָאָרֶץ: וְסָרָה קִנְאַת אֶפְרַיִם
וְצֹרְרֵי יְהוּדָה יִכָּרֵתוּ אֶפְרַיִם לֹא־יְקַנֵּא אֶת־יְהוּדָה וִיהוּדָה
14 לֹא־יָצֹר אֶת־אֶפְרָיִם: וְעָפוּ בְכָתֵף פְּלִשְׁתִּים יָמָּה יַחְדָּו
יָבֹזּוּ אֶת־בְּנֵי־קֶדֶם אֱדוֹם וּמוֹאָב מִשְׁלוֹחַ יָדָם וּבְנֵי עַמּוֹן
טו מִשְׁמַעְתָּם: וְהֶחֱרִים יְהוָה אֵת לְשׁוֹן יָם־מִצְרַיִם וְהֵנִיף
יָדוֹ עַל־הַנָּהָר בַּעְיָם רוּחוֹ וְהִכָּהוּ לְשִׁבְעָה נְחָלִים וְהִדְרִיךְ
16 בַּנְּעָלִים: וְהָיְתָה מְסִלָּה לִשְׁאָר עַמּוֹ אֲשֶׁר יִשָּׁאֵר מֵאַשּׁוּר
כַּאֲשֶׁר הָיְתָה לְיִשְׂרָאֵל בְּיוֹם עֲלֹתוֹ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם:

CAP. XII. יב

יב

א וְאָמַרְתָּ בַּיּוֹם הַהוּא אוֹדְךָ יְהוָה כִּי אָנַפְתָּ בִּי יָשֹׁב אַפְּךָ
2 וּתְנַחֲמֵנִי: הִנֵּה אֵל יְשׁוּעָתִי אֶבְטַח וְלֹא אֶפְחָד כִּי עָזִּי
3 וְזִמְרָת יָהּ יְהוָה וַיְהִי־לִי לִישׁוּעָה: וּשְׁאַבְתֶּם־מַיִם
4 בְּשָׂשׂוֹן מִמַּעַיְנֵי הַיְשׁוּעָה: וַאֲמַרְתֶּם בַּיּוֹם הַהוּא הוֹדוּ

ליהוה

3 וויסענשאַפט און די פורכט פון גאָט. און ער (גאָט)וועט איהם בעגייס־
טערען מיט גאָטעספאַרכטיגקייט, און ער וועט ניט ריכטען נאָך דעם זעהען
פון די אויגען, (זיינע אויגען), און ער וועט ניט ריכטען נאָך דעם הערען
4 פון די אויערען (זיינע אויערען). נאָר ער וועט ריכטען מיט גערעכטיגקייט
די אָרעמע, און ער וועט ענטשיידען מיט עהרליכקייט פאַר די עלענדע פון
לאַנד. און ער וועט שלאָגען (די טיראַנען פון) די ערד מיט דעם רוטה פון
זיין מויל, און מיט דעם הויך פון זיינע ליפען וועט ער טוידטען דעם רשע.
5 און גערעכטיגקייט וועט זיין דער גאַרטעל פון זיינע לענדען און פריי־
6 הייט דער גאַרטעל פון זיינע זייטען (היפען). און עס וועט וואָהנען דער
וואָלף מיט אַ שעפס, און אַ טיגער וועט לאַגערען, מיט אַ ציגעלע, און אַ
קאַלב מיט און אַ יונגער לייב און א געשטאָפטעס פיה וועלען זיין צוזאַמען,
7 און אַ קליינער יונג טרייבט זיי אָן. און א קוה און אַ בער וועלען זיך פי־
טערען, צוזאַמען וועלען לאַגערען זייערע יונגע. און דער לייב וועט אַזוי ווי
8 דער רינד פרעסען שטרוי. און אַ זייגענדיג קינד וועט זיך שפּיעלען ביי
דעם לאָך פון דעם בייזען שלאַנג, און אין די הייהל פון דעם באַזעליסק
9 וועט דאָס ענטוואָהנטע קינד זיין האַנד אויסשטרעקען. זיי וועלען קיין
שלעכטס טהאָן און וועלען ניט פערדארבען אויף מיין גאַנצען הייליגען
באַרג, דען פול איז געוואָרען די ערד מיט די וויסענשאַפט פון גאָט, ווי די
10 פיעל וואַסערען וואָס בעדעקען דעם ים. און עס וועט געשעהען אין יענעם
טאָג, דאָס דער וואָרצעל פון ישי וועלכער וועט שטעהען אַלס אַ פאָהן פאַר
פעלקער, צו איהם וועלען זיך נאַציאָנען ווענדען, און זיין רעזידענץ וועט
11 זיין — דער כבוד זעלבסט. און עס וועט געשעהען, אין יענעם טאָג וועט
גאָט ווידער אויסשטרעקען זיין האַנד צום צווייטען מאָל, צו אויסקויפען
דעם איבעררעסט פון זיין פאָלק, וועלכער וועט איבערבלייבען פון אַשור
און פון מצרים, פון פתרוס און פון כוש, פון עילם און פון שנער, פון חמת
12 און פון די אינזלען פון ים. און ער וועט אויפהויבען אַ פאָהן צו די נאַ־
ציאָנען, און ער וועט איינזאַמלען די פערשטויסענע פון ישראל, און די צו־
שפּרייטע פון יהודה וועט ער צוזאַמען נעהמען פון די פיער עקען פון דער
13 ערד. און די אייפערזוכט פון אפרים וועט ווייכען, און די פיינד־
שאַפט פון יהודה וועט פארטיליגט ווערען ; אפרים וועט ניט זיין
אייפערזיכטיג אויף יהודה, און יהודה וועט ניט אונטערדריקען אפרים
14 און זיי וועלען פליהען צוזאַמען, שולטער ביי שולטער, אויף די פלשתים
קעגען מערב זייט, צוזאַמען (וועלען זיי פליהען און) רויבען די קינדער
פון מאָרגענלאַנד ; אדום און מואָב וועלען וואַרטען פאַר דעם אויסשטרע־
קונג פון זייער האַנד, און די קינדער פון עמון וועלען זיי געהאָרכזאַם זיין.
15 און גאָט וועט אויסטריקענען די צונג פון דעם ים ביי מצרים, און ער וועט
אויפהויבען זיין האַנד איבער דעם שטראָם מיט זיין מעכטיגען שטורעם,
און ער וועט איהם צושלאָגען אויף זיעבען טייכלאַך, און ער וועט מאַכען
16 טרעטען (איבער זיי) מיט שיך. און עס וועט זיין אַן אויסגעטרעטענע
וועג פאַר דעם איבעררעסט פון זיין פאָלק, וועלכע וועט איבערבלייבען
פון אַשור, אַזוי ווי עס איז געוועזן פאַר ישראל אין דעם טאָג ווען ער איז
ארויסגעצויגען פון לאַנד מצרים.

קאַפּיטעל יב

1 און דו וועסט זאָגען אין יענעם טאָג: איך דאַנק דיר גאָט. דו האָסט געצאָ־
רענט אויף מיר. אָבער, דיין צאָרן איז אַוועק און דו האָסט מיך געטרייסט.
2 זעה, גאָט איז מיין הילף, איך בין זיכער און פירכטע זיך ניט, דען מיין
שטאַרקייט און מיין געזאַנג איז גאָט, און נאָר ער איז געוועזן מיר צו הילף.
3 און איהר וועט שעפען וואַסער מיט פרייד, פון די קוואַלען פון דער הילף.
4 און איהר וועט זאָגען אין יענעם טאָג : לויבט גאָט, רופט זיין נאָמען,

לַיהוָה קִרְאוּ בִשְׁמוֹ הוֹדִיעוּ בָעַמִּים עֲלִילֹתָיו הַזְכִּירוּ כִּי
נִשְׂגָּב שְׁמוֹ׃ זַמְּרוּ יְהוָה כִּי גֵאוּת עָשָׂה מיֻדַעַת זֹאת ה
בְּכָל־הָאָרֶץ׃ צַהֲלִי וָרֹנִּי יוֹשֶׁבֶת צִיּוֹן כִּי־גָדוֹל בְּקִרְבֵּךְ 6
קְדוֹשׁ יִשְׂרָאֵל׃

Cap. XIII. יג

יג

מַשָּׂא בָּבֶל אֲשֶׁר חָזָה יְשַׁעְיָהוּ בֶּן־אָמוֹץ׃ עַל הַר־נִשְׁפֶּה א 2
שְׂאוּ־נֵס הָרִימוּ קוֹל לָהֶם הָנִיפוּ יָד וְיָבֹאוּ פִּתְחֵי נְדִיבִים׃
אֲנִי צִוֵּיתִי לִמְקֻדָּשָׁי גַּם קָרָאתִי גִבּוֹרַי לְאַפִּי עַלִּיזֵי גַּאֲוָתִי׃ 3
קוֹל הָמוֹן בֶּהָרִים דְּמוּת עַם־רָב קוֹל שְׁאוֹן מַמְלְכוֹת 4
גּוֹיִם נֶאֱסָפִים יְהוָה צְבָאוֹת מְפַקֵּד צְבָא מִלְחָמָה׃
בָּאִים מֵאֶרֶץ מֶרְחָק מִקְצֵה הַשָּׁמָיִם יְהוָה וּכְלֵי זַעְמוֹ ה
לְחַבֵּל כָּל־הָאָרֶץ׃ הֵילִילוּ כִּי קָרוֹב יוֹם יְהוָה כְּשֹׁד 6
מִשַּׁדַּי יָבוֹא׃ עַל־כֵּן כָּל־יָדַיִם תִּרְפֶּינָה וְכָל־לְבַב אֱנוֹשׁ 7
יִמָּס׃ וְנִבְהָלוּ ׀ צִירִים וַחֲבָלִים יֹאחֵזוּן כַּיּוֹלֵדָה יְחִילוּן אִישׁ 8
אֶל־רֵעֵהוּ יִתְמָהוּ פְּנֵי לְהָבִים פְּנֵיהֶם׃ הִנֵּה יוֹם־יְהוָה בָּא 9
אַכְזָרִי וְעֶבְרָה וַחֲרוֹן אָף לָשׂוּם הָאָרֶץ לְשַׁמָּה וְחַטָּאֶיהָ
יַשְׁמִיד מִמֶּנָּה׃ כִּי־כוֹכְבֵי הַשָּׁמַיִם וּכְסִילֵיהֶם לֹא יָהֵלּוּ י
אוֹרָם חָשַׁךְ הַשֶּׁמֶשׁ בְּצֵאתוֹ וְיָרֵחַ לֹא־יַגִּיהַ אוֹרוֹ׃ וּפָקַדְתִּי 11
עַל־תֵּבֵל רָעָה וְעַל־רְשָׁעִים עֲוֺנָם וְהִשְׁבַּתִּי גְּאוֹן זֵדִים
וְגַאֲוַת עָרִיצִים אַשְׁפִּיל׃ אוֹקִיר אֱנוֹשׁ מִפָּז וְאָדָם מִכֶּתֶם 12
אוֹפִיר׃ עַל־כֵּן שָׁמַיִם אַרְגִּיז וְתִרְעַשׁ הָאָרֶץ מִמְּקוֹמָהּ 13
בְּעֶבְרַת יְהוָה צְבָאוֹת וּבְיוֹם חֲרוֹן אַפּוֹ׃ וְהָיָה כִּצְבִי 14
מֻדָּח וּכְצֹאן וְאֵין מְקַבֵּץ אִישׁ אֶל־עַמּוֹ יִפְנוּ וְאִישׁ
אֶל־אַרְצוֹ יָנוּסוּ׃ כָּל־הַנִּמְצָא יִדָּקֵר וְכָל־הַנִּסְפֶּה יִפּוֹל טו
בֶּחָרֶב׃ וְעֹלְלֵיהֶם יְרֻטְּשׁוּ לְעֵינֵיהֶם יִשַּׁסּוּ בָּתֵּיהֶם וּנְשֵׁיהֶם 16
תִּשָּׁגַלְנָה׃ הִנְנִי מֵעִיר עֲלֵיהֶם אֶת־מָדָי אֲשֶׁר־כֶּסֶף לֹא 17
יַחְשֹׁבוּ וְזָהָב לֹא יַחְפְּצוּ־בוֹ׃ וּקְשָׁתוֹת נְעָרִים תְּרַטַּשְׁנָה 18

וּפְרִי־

י״ב v. 5. מודעת קרי   ע״כ v. 6.   י״ג v. 8. קמץ בז״ק   v. 16. תשכבנה קרי

מאַכט וויסען צווישען די פעלקער זיינע טהאַטען, ריהמט (גאָט), דען
5 ערהאַבען איז זיין נאָמען. זינגט צו גאָט, דען ערהאַבענע ווערק האָט
ער געטהאָן, בעוואוסט זאָל דאָס ווערען אויף דער גאַנצער ערד.
6 שריי אויס מיט פרייד און זינג, דו אײנוואָהנערין פון ציון, דען גרויס
איז אין דיין מיטען דער היילינער פון ישראל.

קאַפּיטעל יג

1 די פּראָפעצייהונג פון בבל איבער וועלכע עס האָט פּראָפעצייהעט ישעיהו
2 דער זוהן פון אמוץ. אויף אַ הויכען באַרג הויבט אויף אַ פאָהן, רופט זיי
(פּרס) מיט אַ לויטער שטים, ווינקט זיי צו מיט דער האַנד, דאָס זיי זאָלען
3 אַריינקומען אין די פירשטליכע טהויערען. איך זעלבסט האָב בעפאָהלען
מיינע אויסערוועהלטע, איך זעלבסט האָב גערופען מיינע העלדען — צו־
4 ראַכע ! פרעהלאַך זיינען זיי מיט מיין שטאָלץ. אַ גערויש איז אויף די
בערג, עס ערשיינט אַ פאָלק אָהן אַ צאָהל, אַ קלאַנג פון אַ געטומעל פון
קעניגרייכען פון פעלקער וועלכע פערזאמלען זיך, גאָט פון די הערשאַרען
5 אַליין מושטירט די אַרמעע צום שטרייט. זיי קומען פון אַ ווייטען לאַנד,
פון די ווייטעסטע גרענעצען פון הימעל. גאָט אַליין, מיט די ווערקצייג
6 פון זיין צאָרן (ערשיינט) דאָס גאַנצע לאַנד צו צושטערען. יאָמערט !
דען דער טאָג פון גאָט איז נאָהענט, ער קומט אָן (פּלוצלונג) ווי אַ פער־
7 וויסטונג פון גאָט. דארום וועלען אַלע הענד אָבגעשלאַפט ווערען, און
8 יעדער מענשענס האַרץ וועט צוגאַנגען ווערען. און זיי וועלען ווערען
בעשטירצט, שמערצען און וועהען וועלען אָננעהמען זיי, ווי אַ געווינערין
וועלען זיי ציטערען ; יעדער וועט קוקען ערשטוינט אויף דעם אַנדערען,
9 פייער פלאַמען בעדעקט זייער אַנגעזיכט. זעה ! דער טאָג פון גאָט קומט,
גרויזאַם און צאָרנדיג, און מיט ברענענדיגען גרימצאָרן, צו מאַכען דאָס
לאַנד פאַר אַ וויסטעניס, און איהרע זינדער וועט ער פאַרטיליגען פון איהר.
10 דען די שטערען פון הימעל און זייערע פּלאַנעטען וועלען ניט לייכטען
זייער ליכט, די זונן איז פערפינסטערט אין איהר אויפגעהען, און די לבנה
11 וועט ניט לאָזען איהר ליכט שיינען. און איך וועל די וועלט (בבל)
בעשטראָפען פאַר איהרע שלעכטיגקייט און די זינדער פאַר זייערע זינד,
און איך וועל צושטערען דעם שטאָלץ פון די מוטהוויליגע, און דעם האָכ־
12 מוטה פון די טיראַנען וועל איך דערניעדעריגען. זעלטענער פון גאָלד
וועל איך מאַכען אַ מענשען (אין בבל), און אַ מאַן (זעלטענער) פון די
13 פיין גאָלד פון אופיר. דארום וועל איך מאַכען די הימלען ציטערען,
דאָס די ערד זאָל ציטערען פון איהר גרונד, דען גאָט פון די הערשאַרען
איז אין צאָרן, דער טאָג פון זיין ברענענדיגען צאָרן איז אָנגעקומען !
14 און עס וועט זיין, ווי אַ פעריאָגטער הירש, ווי אַ שאָף אָהן אַ הירט
(וועלכע קיינער זאַמעלט איין) וועט יעדער זיך ווענדען צו זיין פאָלק,
און אַנטלויפען וועט יעדער נאָך זיין לאַנד.
15 דער וועלכער וועט געפונען ווערען (אין בבל) וועט דערשטאָכען ווערען,
און דער וועלכער וואָס וועט ערגריפען ווערען וועט פאַלען דורכ'ן שווערד.
16 און זייערע זויגעדיגע קינדער וועלען צושמעטערט ווערען פאַר זייערע אויי־
גען, זייערע הייזער וועלען בערויבט ווערען, און זייערע פרויען גע־
שענדעט ווערען.
17 דען זעה ! איך דערוועק קעגען זיי מדי, וועלכע אַכטען ניט קיין זילבער,
און גאָלד שעטצען זיי ניט.
18 און זייערע בויגענס וועלען צושמעטערען די יונגע לייט, אויף די **עדעלע**
פרוכט פון מוטערלייב האָבען זיי ניט קיין מיטלייד, **אויף שוואַכע קינ־**
דער האָט זייער אויג ניט קיין שאַנענדען בליק.

19 וּפְרִי־בֶטֶן לֹא יְרַחֵמוּ עַל־בָּנִים לֹא־תָחוֹס עֵינָם׃ וְהָיְתָה
בָבֶל צְבִי מַמְלָכוֹת תִּפְאֶרֶת גְּאוֹן כַּשְׂדִּים כְּמַהְפֵּכַת
כ אֱלֹהִים אֶת־סְדֹם וְאֶת־עֲמֹרָה׃ לֹא־תֵשֵׁב לָנֶצַח וְלֹא תִשְׁכֹּן
עַד־דּוֹר וָדוֹר וְלֹא־יַהֵל שָׁם עֲרָבִי וְרֹעִים לֹא־יַרְבִּצוּ שָׁם׃
21 וְרָבְצוּ־שָׁם צִיִּים וּמָלְאוּ בָתֵּיהֶם אֹחִים וְשָׁכְנוּ שָׁם בְּנוֹת
22 יַעֲנָה וּשְׂעִירִים יְרַקְּדוּ־שָׁם׃ וְעָנָה אִיִּים בְּאַלְמְנוֹתָיו וְתַנִּים
בְּהֵיכְלֵי עֹנֶג וְקָרוֹב לָבוֹא עִתָּהּ וְיָמֶיהָ לֹא יִמָּשֵׁכוּ׃

CAP. XIV. יד

א כִּי יְרַחֵם יְהוָה אֶת־יַעֲקֹב וּבָחַר עוֹד בְּיִשְׂרָאֵל וְהִנִּיחָם
עַל־אַדְמָתָם וְנִלְוָה הַגֵּר עֲלֵיהֶם וְנִסְפְּחוּ עַל־בֵּית יַעֲקֹב׃
2 וּלְקָחוּם עַמִּים וֶהֱבִיאוּם אֶל־מְקוֹמָם וְהִתְנַחֲלוּם בֵּית־
יִשְׂרָאֵל עַל אַדְמַת יְהוָה לַעֲבָדִים וְלִשְׁפָחוֹת וְהָיוּ שֹׁבִים
3 לְשֹׁבֵיהֶם וְרָדוּ בְּנֹגְשֵׂיהֶם׃ וְהָיָה בְּיוֹם הָנִיחַ יְהוָה
לְךָ מֵעָצְבְּךָ וּמֵרָגְזֶךָ וּמִן־הָעֲבֹדָה הַקָּשָׁה אֲשֶׁר עֻבַּד־בָּךְ׃
4 וְנָשָׂאתָ הַמָּשָׁל הַזֶּה עַל־מֶלֶךְ בָּבֶל וְאָמָרְתָּ אֵיךְ שָׁבַת
ה נֹגֵשׂ שָׁבְתָה מַדְהֵבָה׃ שָׁבַר יְהוָה מַטֵּה רְשָׁעִים שֵׁבֶט
6 מֹשְׁלִים׃ מַכֶּה עַמִּים בְּעֶבְרָה מַכַּת בִּלְתִּי סָרָה רֹדֶה
7 בָאַף גּוֹיִם מֻרְדָּף בְּלִי חָשָׂךְ׃ נָחָה שָׁקְטָה כָּל־הָאָרֶץ
8 פָּצְחוּ רִנָּה׃ גַּם־בְּרוֹשִׁים שָׂמְחוּ לְךָ אַרְזֵי לְבָנוֹן מֵאָז
9 שָׁכַבְתָּ לֹא־יַעֲלֶה הַכֹּרֵת עָלֵינוּ׃ שְׁאוֹל מִתַּחַת רָגְזָה לְךָ
לִקְרַאת בּוֹאֶךָ עוֹרֵר לְךָ רְפָאִים כָּל־עַתּוּדֵי אָרֶץ הֵקִים
י מִכִּסְאוֹתָם כֹּל מַלְכֵי גוֹיִם׃ כֻּלָּם יַעֲנוּ וְיֹאמְרוּ אֵלֶיךָ גַּם־
11 אַתָּה חֻלֵּיתָ כָמוֹנוּ אֵלֵינוּ נִמְשָׁלְתָּ׃ הוּרַד שְׁאוֹל גְּאוֹנֶךָ
12 הֶמְיַת נְבָלֶיךָ תַּחְתֶּיךָ יֻצַּע רִמָּה וּמְכַסֶּיךָ תּוֹלֵעָה׃ אֵיךְ
נָפַלְתָּ מִשָּׁמַיִם הֵילֵל בֶּן־שָׁחַר נִגְדַּעְתָּ לָאָרֶץ חוֹלֵשׁ עַל־
13 גּוֹיִם׃ וְאַתָּה אָמַרְתָּ בִלְבָבְךָ הַשָּׁמַיִם אֶעֱלֶה מִמַּעַל
לְכוֹכְבֵי־אֵל אָרִים כִּסְאִי וְאֵשֵׁב בְּהַר־מוֹעֵד בְּיַרְכְּתֵי

צפון

יד v. 3. הני׳ בחירק v. 9. לקמ׳ כו״ק

19 און דאָס וועט ווערען פון בבל, זי וואָס איז געווען די שעהנסטע פון
קעניגרייכען, דער שטאָלץ פון די איבערמוטהיגע כשדים, (זי וועט ווערען)
ווי די איבערקעהרעניס פון גאָט, ווי ער האָט איבערגעקעהרט סדום און
20 עמורה. אייביג וועט זי בלייבען אונבעוואָהנט, וויסט, און ניט בעזעצט
פון דור צו דור; קיין אראַבער וועט דאָרטען ניט אויפשטעלען זיין געצעלט,
און קיינע הירטען וועלען דאָרטען ניט מאַכען לאַגערען זייער שאָף.
21 נאָר ווילדע טהיערען וועלען זיך לאַגערען דאָרטען, און זייערע הייזער ווע־
לען זיין פול מיט נאַכט־איילען, און שטרויס־פויגלען וועלען דאָרטען וואָה־
נען, און וואַלדטייפלען וועלען דאָרטען האַלטען זייערע טענץ.
22 ווילדע טהיערען וועלען קרעכצען אין זייערע פאַלאַצען, און מאנסטערס
אין די שלעסער פון פערגניגען; יא! איהר צייט איז נאָהענט
עס קומט אָן, און איהרע טעג וועלען זיך ניט לאַנג צעהלען.

קאַפּיטעל יד

1 דען גאָט וועט זיך דערבאַרעמען איבער יעקב, און ער וועט ווידער אויס־
ערוועהלען ישראל, און ער וועט זיי לאָזען רוהען אין זיין לאַנד. און די
פרעמדע וועלען זיך צו זיי בעהעפטען און זיי וועלען זיך אָנשליעסען צו
2 דעם הויז פון יעקב. און פעלקער וועלען זיי נעהמען און וועלען זיי ברענ־
גען צו זייער אָרט, און דאָס הויז פון ישראל וועלען זיי מאַכען פאר זיך
פאר אן אייגענטהום אלס קנעכט און דיענסטען, אויף דעם לאַנד פון גאָט.
און דאָרטען וועלען זיי זיין פאַנגערס (הערדען) איבער די וואָס האָבען זיי
געפאנגען, און זיי וועלען הערשען איבער די וואָס זיינען געווען זייערע
3 אונטערדריקערס. און עס וועט געשעהען אין דעם טאָג ווען גאָט וועט דיר
שענקען רוהע, פון זיין קומער און פון זיין פערדרוס און פון די שווערע אר־
בייט וועלכע עס איז געווען אויפגעלאַדען (געאַרבייטעט געוואָרן) אויף דיר.
4 דאַן זאָלסטו אויפהויבען דיעזען קלאָג־ליעד אויף דעם קעניג פון בבל
און זאָלסט זאָגען: וועה, ווי רוהט יעצט דער אונטערדריקער; וועה,
5 ווי רוהט פאָרט די אונטערדריקונג. יא, גאָט האָט צובראָכען דעם שטע־
6 קען פון די גאָטלאָזע, דעם צעפּטער פון די טיראַנען. ער, דער וואָס האָט
אין זיין גרים פעלקער געשלאָגען, געשלאָגען אָהן אַן אויפהער, ער, דער
וואָס האָט געהערשט מיט צאָרן איבער נאַציאָנען, מיט פערפאָלגונג אונ־
7 אויפהערליך. יעצט רוהעט זי, יעצט איז שטיל די גאַנצע ערד, יעצט
8 האָבען (אַלע) אויסגעבראָכען אין געזאַנג. אויך די טענענבוימער פרעהען
זיך אויף דיין פאַל, (אויך) די צעדערען פון לבנון: זייט דעם דו ליעגסט,
9 וועט דער אויסהאַקער ניט קומען איבער אונז. די אונטערוועלט איילט
מיט שרעקען פון אונטען ענטקעגען דיר, ערוואַרטענדיג דיין אַריינצוג
(אָנקומען), די טוידטע זיינען וועגען דיר אויפגערעגט, די אַלע געוועזענע
שטאַרקע פון דער ערד, מען האָט אויפגעשטעלט פון זייערע טהראָנען די
10 אַלע (פאַרצייטיגע) קעניגע פון די נאַציאָנען. זיי אַלע וועלען אויסרופען
און זאָגען צו דיר: אויך דו ביזט שוואַך געוואָרען אַזוי ווי מיר, צו אונז
11 ביזטו געגליכען געוואָרען. עס איז געשטירצט געוואָרען אין דער אונטער־
וועלט דיין שטאָלץ, פערשטומט זיינען די טענער פון דיינע האַרפען, אונ־
טער דיר זיינען אונטערגעבעט ווערים, און דיין צודעק איז אויך פון ווערים.
12 ווי ביזטו אַראָבגעפאַלען פון הימעל, דו בעריהמטער מאָרגענשטערען, ווי
ביזטו אָבגעבראָכען געוואָרען און געשטירצט צו דער ערד, דו אונטער־
13 דריקער פון נאַציאָנען. און דו האָסט דיך געדאַכט אין דיין האַרצען:
צום הימעל וועל איך אַרויפגעהען, איבער די שטערען פון גאָט וועל איך
דערהויבען מיין זיטץ, און איך וועל זיצען אויף דעם פערזאַמלונגס־באַרג,
אין דער וויטעסטע זייט פון צפון.

14 טו צָפוֹן׃ אֶעֱלֶה עַל־בָּמֳתֵי עָב אֶדַּמֶּה לְעֶלְיוֹן׃ אַךְ אֶל־
16 שְׁאוֹל תּוּרָד אֶל־יַרְכְּתֵי־בוֹר׃ רֹאֶיךָ אֵלֶיךָ יַשְׁגִּיחוּ אֵלֶיךָ
יִתְבּוֹנָנוּ הֲזֶה הָאִישׁ מַרְגִּיז הָאָרֶץ מַרְעִישׁ מַמְלָכוֹת׃
17 שָׂם תֵּבֵל כַּמִּדְבָּר וְעָרָיו הָרָס אֲסִירָיו לֹא־פָתַח בָּיְתָה׃
18 19 כָּל־מַלְכֵי גוֹיִם כֻּלָּם שָׁכְבוּ בְכָבוֹד אִישׁ בְּבֵיתוֹ׃ וְאַתָּה
הָשְׁלַכְתָּ מִקִּבְרְךָ כְּנֵצֶר נִתְעָב לְבֻשׁ הֲרֻגִים מְטֹעֲנֵי חָרֶב
כ יוֹרְדֵי אֶל־אַבְנֵי־בוֹר כְּפֶגֶר מוּבָס׃ לֹא־תֵחַד אִתָּם בִּקְבוּרָה
כִּי־אַרְצְךָ שִׁחַתָּ עַמְּךָ הָרָגְתָּ לֹא־יִקָּרֵא לְעוֹלָם זֶרַע
21 מְרֵעִים׃ הָכִינוּ לְבָנָיו מַטְבֵּחַ בַּעֲוֺן אֲבוֹתָם בַּל־יָקֻמוּ
22 וְיָרְשׁוּ אָרֶץ וּמָלְאוּ פְנֵי־תֵבֵל עָרִים׃ וְקַמְתִּי עֲלֵיהֶם נְאֻם
יְהוָה צְבָאוֹת וְהִכְרַתִּי לְבָבֶל שֵׁם וּשְׁאָר וְנִין וָנֶכֶד נְאֻם־
23 יְהוָה׃ וְשַׂמְתִּיהָ לְמוֹרַשׁ קִפֹּד וְאַגְמֵי־מָיִם וְטֵאטֵאתִיהָ
24 בְּמַטְאֲטֵא הַשְׁמֵד נְאֻם יְהוָה צְבָאוֹת׃ נִשְׁבַּע יְהוָה
צְבָאוֹת לֵאמֹר אִם־לֹא כַּאֲשֶׁר דִּמִּיתִי כֵּן הָיָתָה וְכַאֲשֶׁר
כה יָעַצְתִּי הִיא תָקוּם׃ לִשְׁבֹּר אַשּׁוּר בְּאַרְצִי וְעַל־הָרַי
אֲבוּסֶנּוּ וְסָר מֵעֲלֵיהֶם עֻלּוֹ וְסֻבֳּלוֹ מֵעַל שִׁכְמוֹ יָסוּר׃
26 זֹאת הָעֵצָה הַיְּעוּצָה עַל־כָּל־הָאָרֶץ וְזֹאת הַיָּד הַנְּטוּיָה
27 עַל־כָּל־הַגּוֹיִם׃ כִּי־יְהוָה צְבָאוֹת יָעָץ וּמִי יָפֵר וְיָדוֹ
28 הַנְּטוּיָה וּמִי יְשִׁיבֶנָּה׃ בִּשְׁנַת־מוֹת הַמֶּלֶךְ אָחָז
29 הָיָה הַמַּשָּׂא הַזֶּה׃ אַל־תִּשְׂמְחִי פְלֶשֶׁת כֻּלֵּךְ כִּי נִשְׁבַּר
שֵׁבֶט מַכֵּךְ כִּי־מִשֹּׁרֶשׁ נָחָשׁ יֵצֵא צֶפַע וּפִרְיוֹ שָׂרָף
ל מְעוֹפֵף׃ וְרָעוּ בְּכוֹרֵי דַלִּים וְאֶבְיוֹנִים לָבֶטַח יִרְבָּצוּ
31 וְהֵמַתִּי בָרָעָב שָׁרְשֵׁךְ וּשְׁאֵרִיתֵךְ יַהֲרֹג׃ הֵילִילִי שַׁעַר
זַעֲקִי־עִיר נָמוֹג פְּלֶשֶׁת כֻּלֵּךְ כִּי מִצָּפוֹן עָשָׁן בָּא וְאֵין בּוֹדֵד
32 בְּמוֹעָדָיו׃ וּמַה־יַּעֲנֶה מַלְאֲכֵי־גוֹי כִּי יְהוָה יִסַּד צִיּוֹן וּבָהּ
יֶחֱסוּ עֲנִיֵּי עַמּוֹ׃

משא

v. 21. קמץ בז״ק v. 24. קמץ בז״ק v. 27. קמץ בטרחא

14 איך וועל אַרויפֿשטייגען אויף די העכסטע פֿלעצער פֿון די וואָלקענס, איך
15 וועל גלייך זיין צו דעם העכסטען (גאָט). אָבער נאָר צו דער אונטערוועלט
וועסטו אַראָבגעבראַכט ווערען, אין די ווייטעסטע טיפֿניסען פֿון דער גרוב.
16 די וועלכע וועלען דיך זעהען, (וועלען מיט ערשטוינען) קוקען אויף דיר,
זיי וועלען דיך גוט בעטראַכטען (און זאָגען) : איז דאָס דער וואָס האָט גע־
מאַכט ציטערען די ערד, וואָס האָט געמאַכט שטורעמען קעניגרייכען ?
17 ער, וואָס האָט געמאַכט די וועלט ווי אַ וויסטעניס, און איהרע שטעדט
האָט ער צושטערט, פֿאַר זיינע געבונדענע האָט ער קיינמאָל ניט אויפֿגע־
18 עפֿענט דאָס געפֿענגניס הויז. אַלע קעניגע פֿון די פֿעלקער, אַלע רוהען
19 עהרענפֿול יעדער אין זיין אייביגען הויז. אָבער דו ביזט אַרויסגעוואָרפֿען
געוואָרען פֿון דיין גרוב, ווי אַ פֿערפֿוילטער צווייג וואַלגערסטו זיך אין אַ
קלייד פֿון דערשלאָגענע, פֿון דערשטאָכענע דורך שווערד, ווי די וועל־
כע געהען אַרונטער צו די שטיינער פֿון גרוב ווי אַ צוטרעטענער פֿגר.
20 (ניין) אויך מיט זיי וועסטו ניט פֿעראייניגט ווערען אין בעערדיגונג,
דען דיין אייגענע לאַנד האָסטו פֿערוויסט, דיין אייגענע פֿאָלק האָסטו
געמאָרדעט. אויך די קינדער פֿון די פֿערברעכער זאָלען אויף אייביג ניט
21 דערמאָהנט ווערען. גרייט צו אַ שלאַכט פֿאַר זיינע קינדער, פֿאַר די זינד
פֿון זייערע עלטערען, ניט אויפֿקומען זאָלען זיי, און ניט זאָלען זיי בעהער־
שען די ערד, און דאַן וועט דאָס געזיכט פֿון דער וועלט פֿול ווערען מיט
22 שטעדט. און איך וועל אויפֿשטעהען קעגען זיי, זאָגט דער גאָט פֿון די
הערשאַרען, און איך וועל אויסראָטהען פֿון בבל אַ נאָמען און אַ שפּיר
23 א זוהן און אַן אייניקעל, זאָגט גאָט. און איך וועל איהר מאַכען
צום ערבטהייל פֿון איגעל, און וואַסער־זומפֿען, און איך וועל איהר אויס־
קעהרען מיט אַ בעזים פֿון פֿערניכטונג, זאָגט דער גאָט פֿון די הערשאַרען.
24 אַזוי האָט גאָט פֿון די הערשאַרען געשוואָרען : פֿיר וואהר ! ווי איך
האָב עס בעשלאָסען, אַזוי זאָל עס זיין, און אַזוי האָב איך מיך בעראַטהען
25 אַזוי וועט עס בעשטעהען. צו צוברעכען אַשור אין מיין לאַנד, און אויף
מיינע בערג וועל איך איהם צוטרעטען, און זיין יאָך זאָל פֿון זיי(די ישראל)
אָבגעטהאָן ווערען, און זיין לאַסט זאָל אָבגעטהאָן ווערען פֿון זיין שולטער.
26 דאָס איז דער בעשלוס וועלכער איז בעשלאָסען איבער די גאַנצע ערד,
און דאָס איז די האַנד וואָס איז אויסגעשטרעקט איבער די אַלע פֿעלקער.
27 דען דער גאָט פֿון די הערשאַרען האָט עס בעשלאָסען און ווער קען עס
צושטערען ? עס איז זיין האַנד, די וואָס איז אויסגעשטרעקט, און ווער
28 וועט איהר אָבווענדען ? אין דעם יאָהר פֿון קעניג אחז'ס טוידט איז דיע־
29 זער פֿאָרטראַג געווען : דו זאָלסט דיך ניט פֿרעהען, גאַנץ פֿלשת, ווען
איך עס איז צובראָכען געוואָרען דער שטעקען וואָס האָט דיר געשלאָגען
(אחז), אָבער פֿון דעם וואָרצעל פֿון אַ שלאַנג קומט אַרויס אַ נאָטער, און
30 זיין פֿרוכט איז אַ פֿליהענדער דראַכע. און די אַרעמע פֿון די ערשט־
געבאָרענע (ישראל) וועלען זיך ווידען (און לאַגערען) אין זיכערהייט, און
די נויטה בעדערפֿטיגע וועלען (זיך ווידען און) לאַגערען אין זיכערהייט,
אָבער דיין וואָרצעל וועל איך טוידטען דורך הונגער, און דיין איבער־
רעסט וועט ער (חזקיהו זוהן פֿון אחז) דערשלאָגען.
31 יאָמער, דו טהויער, שריי, דו שטאָדט, פֿון שרעק צוגאַנגען ביזטו גאַנץ
פֿלשת, דען פֿון צפון קומט אָן אַ רויך (די מחנה פֿון אַשור) און קיינער
פֿון זיי וועט ניט בלייבען אַיינזאַם ווען ער ציהט נאָך זיין בעשטימטען
אָרט.
32 אָבער וואָס וועט ער ענטפֿערען (חזקיהו) צו די געזאַנדטע פֿון די פֿעל־
קער : פֿירוואהר ! גאָט האָט געגרינדעט ציון, און אין איהר וועלען
זיך בעשיצען די אַרמע פֿון זיין פֿאָלק.

טו CAP. XV. טו

א מַשָּׂא מוֹאָב כִּי בְּלֵיל שֻׁדַּד עָר מוֹאָב נִדְמָה כִּי בְּלֵיל
2 שֻׁדַּד קִיר־מוֹאָב נִדְמָה׃ עָלָה הַבַּיִת וְדִיבֹן הַבָּמוֹת לְבֶכִי
עַל־נְבוֹ וְעַל מֵידְבָא מוֹאָב יְיֵלִיל בְּכָל־רֹאשָׁיו קָרְחָה כָּל־
3 זָקָן גְּרוּעָה׃ בְּחוּצֹתָיו חָגְרוּ שָׂק עַל־גַּגּוֹתֶיהָ וּבִרְחֹבֹתֶיהָ
4 כֻּלֹּה יְיֵלִיל יֹרֵד בַּבֶּכִי׃ וַתִּזְעַק חֶשְׁבּוֹן וְאֶלְעָלֵה עַד־יַהַץ
נִשְׁמַע קוֹלָם עַל־כֵּן חֲלֻצֵי מוֹאָב יָרִיעוּ נַפְשׁוֹ יָרְעָה לּוֹ׃
ה לִבִּי לְמוֹאָב יִזְעָק בְּרִיחֶהָ עַד־צֹעַר עֶגְלַת שְׁלִשִׁיָּה כִּי ׀
מַעֲלֵה הַלּוּחִית בִּבְכִי יַעֲלֶה־בּוֹ כִּי דֶּרֶךְ חוֹרֹנַיִם זַעֲקַת־
6 שֶׁבֶר יְעֹעֵרוּ׃ כִּי־מֵי נִמְרִים מְשַׁמּוֹת יִהְיוּ כִּי־יָבֵשׁ חָצִיר
7 כָּלָה דֶשֶׁא יֶרֶק לֹא הָיָה׃ עַל־כֵּן יִתְרָה עָשָׂה וּפְקֻדָּתָם
8 עַל נַחַל הָעֲרָבִים יִשָּׂאוּם׃ כִּי־הִקִּיפָה הַזְּעָקָה אֶת־גְּבוּל
9 מוֹאָב עַד־אֶגְלַיִם יִלְלָתָהּ וּבְאֵר אֵילִים יִלְלָתָהּ׃ כִּי מֵי
דִימוֹן מָלְאוּ דָם כִּי־אָשִׁית עַל־דִּימוֹן נוֹסָפוֹת לִפְלֵיטַת
מוֹאָב אַרְיֵה וְלִשְׁאֵרִית אֲדָמָה׃

טז CAP. XVI. טז

א שִׁלְחוּ־כַר מֹשֵׁל־אֶרֶץ מִסֶּלַע מִדְבָּרָה אֶל־הַר בַּת־צִיּוֹן׃
2 וְהָיָה כְעוֹף־נוֹדֵד קֵן מְשֻׁלָּח תִּהְיֶינָה בְּנוֹת מוֹאָב מַעְבָּרוֹת
3 לְאַרְנוֹן׃ הָבִיאוּ עֵצָה עֲשׂוּ פְלִילָה שִׁיתִי כַלַּיִל צִלֵּךְ
4 בְּתוֹךְ צָהֳרָיִם סַתְּרִי נִדָּחִים נֹדֵד אַל־תְּגַלִּי׃ יָגוּרוּ בָךְ
נִדָּחַי מוֹאָב הֱוִי־סֵתֶר לָמוֹ מִפְּנֵי שׁוֹדֵד כִּי־אָפֵס הַמֵּץ
ה כָּלָה שֹׁד תַּמּוּ רֹמֵס מִן־הָאָרֶץ׃ וְהוּכַן בַּחֶסֶד כִּסֵּא
וְיָשַׁב עָלָיו בֶּאֱמֶת בְּאֹהֶל דָּוִד שֹׁפֵט וְדֹרֵשׁ מִשְׁפָּט וּמְהִר
6 צֶדֶק׃ שָׁמַעְנוּ גְאוֹן־מוֹאָב גֵּא מְאֹד גַּאֲוָתוֹ וּגְאוֹנוֹ וְעֶבְרָתוֹ
7 לֹא־כֵן בַּדָּיו׃ לָכֵן יְיֵלִיל מוֹאָב לְמוֹאָב כֻּלֹּה יְיֵלִיל לַאֲשִׁישֵׁי
8 קִיר־חֲרֶשֶׂת תֶּהְגּוּ אַךְ־נְכָאִים׃ כִּי שַׁדְמוֹת חֶשְׁבּוֹן אֻמְלָל
גֶּפֶן שִׂבְמָה בַּעֲלֵי גוֹיִם הָלְמוּ שְׂרוּקֶּיהָ עַד־יַעְזֵר נָגָעוּ תָּעוּ

מדבר

ט״ו v 2 כ״א גרועה. v 5. קמץ בז״ק ט״ז 3 v הביאו ק
ibid. עיבו כרי v 8 דגש אחר ח״נ ibid קמץ בטרחא ibid מלעיל

קאַפּיטעל טו

1 די פּראָפעצייהונג איבער מואָב : אין איין נאַכט איז צורויבט געוואָרען
ער, מואָב איז אונטערגעגאַנגען, אין איין נאַכט איז צורויבט געוואָרען
2 קיר, מואָב איז אונטערגעגאַנגען. יעדער איז ארויפגעגאַנגען צו זיין גע־
צענטעמפּעל, און נאָך די הויכע געבעט הייזער פון דיבון לויפט מען צו וויי־
נען, אויף נבו און אויף מידבא יאָמערט מואָב, אין אַלע זיינע קעפּ איז די
האָאַר אויסגעפּליקט, יעדער באָרד איז אָבגעשניטען (אַ סימן פון טרויער).
3 אין זיינע גאַסען געהען אַלע אָנגעגורט מיט זעק, אויף איהרע דעכער און
אין איהרע שטראַסען יאָמערט אַלעס, יעדער צערפליסט אין געוויין.
4 און חשבון און אלעלה יאָמערען, ביז יהץ ווערט זייער שטים געהערט ;
דאַרום קלאָגען די קריעגערס העלדען פון מואָב, (אָבער) יעדערען איז
5 וועה נאָר פאַר זיין אייגען לעבען. מיין הערץ שרייט פאַר מואָב, איהרע
אַנטלאָפענע, אָט פון דער געשטאָפּטער קאַלב (האָבען זיי געלאָזט הערען אַ
געשריי) ביז צער, דען אויף דעם אַרויפגאַנג פון לוחית געהט יעדער אַרויף
מיט געוויין דען אויף דעם וועג פון חרנים דערהויבען זיי אַ יאָמער געשריי.
6 דען די וואַסערען פון נמרים וועלען וויסט ווערען, דען פערטריקענט איז
דאָס גראָז, אויסגעגאַנגען איז דאָס גרינס, קיין קרייטער איז מעהר ניטאָ.
7 דאַרום זייער פערמעגען וואָס זיי האָבען ערוואָרבען און זייער פער־
באָרגענעס גוט, וועלען זיי אַוועקטראָגען אויף דעם טייך פון די ווײַדען
8 (ביים גרענעץ פון אדום). דען דער יאָמער געשריי האָט אַרומגערינגעלט
די גרענעצען פון מואָב, ביז אגלים (הערט זיך) איהר יאָמער, און ביז באַר
9 אלים איהר יאָמער. דען די וואַסערען פון דימון זיינען פול מיט בלוט,
דען איך וועל נאָך צולעגען אויף (די וואַסער) פון דימון אַ פערמעהרונג
(בלוט). אויף די אַנטרונענע פון מואָב — אַ לייב (דער שונא), און אויף
דעם איבערערעסט פון דעם לאַנד (אַ לייב).

קאַפּיטעל טז

1 שיקט פעטע שעפּסען צו דעם הערשער פון לאַנד (יהודה), פון סלע נאָך דער
2 וויסטע, צו דעם באַרג פון דער טאָכטער פון ציון. און עס וועט געשעהען,
דאָס ווי אַ פערוואָגעלטע פויגעל, ווי אַ פערטריבענער (פויגעל) פון נעסט,
וועלען זיין די טעכטער פון מואב ביי די פאַראַמען(איבערגענגע)פון אַרנון.
3 (זאָגט צו יהודה) : „ברענג אַ ראַטה, טהו אַ זאָנדערבאַרע גנאַדע, מאַך
דיין שאָטען אין מיטען טאָג אַזוי ווי די נאַכט ; פערבאָרג די פערשטויי־
סענע, דעם פערוואָגעלטען זאָלסטו ניט אָפּענבאַרען (אַרויסגעבען).
4 לאָזען מיינע פערשטויסענע, מואָב, ביי דיר וואָהנען, זיי פאַר זיי אַ
פערבערגונג פון דעם רויבער, ביז די דריקונג וועט אויפהערען, (ביז)
עס וועט נעהמען אַן ענדע צו די רויב (ביז) די צוטרעטער וועלען פער־
5 שווינדען פון דעם לאַנד. און פעסט געשטעלט אויף גנאַד איז דאָך דער
(אייער) טהראָן, אין דעם געצעלט פון דוד, און אויף איהם זיצט אַ הער־
שער פון וואַהרהייט, אַ ריכטער, וועלכער זוכט רעכט, און איז געשיקט אין
6 גערעכטיגקייט”. מיר האָבען אָבער געהערט דעם שטאָלץ פון מואָב, ער
איז זעהר שטאָלץ, זיין איבערמוטה, און זיין שטאָלצהייט און זיין צאָרן.
7 מיר האָבען געהערט זיינע פאַלשקייט און זיינע ליגענס. דאַרום וועט
מואָב יאָמערען, אויף מואָב וועט יעדער יאָמערען, וועגען (דעם חרבן פון)
די געטריקענטע וויינטרויבען פון קיר חרשת וועט איהר זיפצען, נאָר גיע־
8 דערגעשלאַגען פון טרויער (וועט איהר זיין). דען די פעלדער פון חשבון
זיינען פערוועלקט, דער וויינשטאָק פון שבמה, [די הערשער פון די פעל־
קער, האָבען צושלאָגען איהרע צווייגען], זיי האָבען ביז יעזר געגרייכט,
זיין וויין איז געגאַנגען וויט ביז'ן מדבר, איהרע אויסגעשטרעקטע צווייגען
האָבען זיך פערשפּרייט, און זיינען אַריבער די ימים (איהר וויינהאַנדעל).

מִדְבָּר שְׁלֻחוֹתֶיהָ נִטְּשׁוּ עָבְרוּ יָם׃ עַל־כֵּן אֶבְכֶּה בִּבְכִי 9
יַעְזֵר גֶּפֶן שִׂבְמָה אֲרַיָּוֶךְ דִּמְעָתִי חֶשְׁבּוֹן וְאֶלְעָלֵה כִּי עַל־
קֵיצֵךְ וְעַל־קְצִירֵךְ הֵידָד נָפָל׃ וְנֶאֱסַף שִׂמְחָה וָגִיל מִן־ י
הַכַּרְמֶל וּבַכְּרָמִים לֹא־יְרֻנָּן לֹא יְרֹעָע יַיִן בַּיְקָבִים לֹא־יִדְרֹךְ
הַדֹּרֵךְ הֵידָד הִשְׁבַּתִּי׃ עַל־כֵּן מֵעַי לְמוֹאָב כַּכִּנּוֹר יֶהֱמוּ 11
וְקִרְבִּי לְקִיר חָרֶשׂ׃ וְהָיָה כִי־נִרְאָה כִּי־נִלְאָה מוֹאָב עַל־ 12
הַבָּמָה וּבָא אֶל־מִקְדָּשׁוֹ לְהִתְפַּלֵּל וְלֹא יוּכָל׃ זֶה הַדָּבָר 13
אֲשֶׁר דִּבֶּר יְהוָה אֶל־מוֹאָב מֵאָז׃ וְעַתָּה דִּבֶּר יְהוָה לֵאמֹר 14
בְּשָׁלֹשׁ שָׁנִים כִּשְׁנֵי שָׂכִיר וְנִקְלָה כְּבוֹד מוֹאָב בְּכֹל הֶהָמוֹן
הָרָב וּשְׁאָר מְעַט מִזְעָר לוֹא כַבִּיר׃

CAP. XVII. יז

רין

מַשָּׂא דַּמָּשֶׂק הִנֵּה דַמֶּשֶׂק מוּסָר מֵעִיר וְהָיְתָה מְעִי א
מַפָּלָה׃ עֲזֻבוֹת עָרֵי עֲרֹעֵר לַעֲדָרִים תִּהְיֶינָה וְרָבְצוּ וְאֵין 2
מַחֲרִיד׃ וְנִשְׁבַּת מִבְצָר מֵאֶפְרַיִם וּמַמְלָכָה מִדַּמֶּשֶׂק 3
וּשְׁאָר אֲרָם כִּכְבוֹד בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל יִהְיוּ נְאֻם יְהוָה צְבָאוֹת׃
וְהָיָה בַּיּוֹם הַהוּא יִדַּל כְּבוֹד יַעֲקֹב וּמִשְׁמַן 4
בְּשָׂרוֹ יֵרָזֶה׃ וְהָיָה כֶּאֱסֹף קָצִיר קָמָה וּזְרֹעוֹ שִׁבֳּלִים ה
יִקְצוֹר וְהָיָה כִּמְלַקֵּט שִׁבֳּלִים בְּעֵמֶק רְפָאִים׃ וְנִשְׁאַר־בּוֹ 6
עוֹלֵלֹת כְּנֹקֶף זַיִת שְׁנַיִם שְׁלֹשָׁה גַּרְגְּרִים בְּרֹאשׁ אָמִיר
אַרְבָּעָה חֲמִשָּׁה בִּסְעִפֶיהָ פֹּרִיָּה נְאֻם־יְהוָה אֱלֹהֵי
יִשְׂרָאֵל׃ בַּיּוֹם הַהוּא יִשְׁעֶה הָאָדָם עַל־עֹשֵׂהוּ וְעֵינָיו אֶל־ 7
קְדוֹשׁ יִשְׂרָאֵל תִּרְאֶינָה׃ וְלֹא יִשְׁעֶה אֶל־הַמִּזְבְּחוֹת 8
מַעֲשֵׂה יָדָיו וַאֲשֶׁר עָשׂוּ אֶצְבְּעֹתָיו לֹא יִרְאֶה וְהָאֲשֵׁרִים
וְהַחַמָּנִים׃ בַּיּוֹם הַהוּא יִהְיוּ ׀ עָרֵי מָעֻזּוֹ כַּעֲזוּבַת 9
הַחֹרֶשׁ וְהָאָמִיר אֲשֶׁר עָזְבוּ מִפְּנֵי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְהָיְתָה
שְׁמָמָה׃ כִּי שָׁכַחַתְּ אֱלֹהֵי יִשְׁעֵךְ וְצוּר מָעֻזֵּךְ לֹא זָכָרְתְּ י
עַל־כֵּן תִּטְּעִי נִטְעֵי נַעֲמָנִים וּזְמֹרַת זָר תִּזְרָעֶנּוּ׃ בְּיוֹם 11

נטעך

מ״ין v. 9. מלעיל v. 10 פתח בס״פ

9 דארום וועל איך בעווײנען מיט אַ געווײן, אַך יעזר ! אַך ווײנשטאָק פון
שבמה ! איך וועל דיך זעטיגען מיט מײנע טרעהרען חשבון און אלעלה, דען
איבער דײנע זומער פרוכט און דײן ווײן־אײנזאמלונג איז דער שלאַכט־
10 געשרײ געפאַלען. און פערניכטעט ווערט ווערען פרייד און לוסט פון די
פרוכטפעלדער, און אין די ווײנגערטנער וועט ניט געזונגען ווערען, און
עס וועט ניט געליארעמט ווערען. ווײן אין די קעלערען וועט ניט אויס־
11 טרעטען דער טרעטער, דעם פײנד־געשרײ האָב איך צושטערט. דארום
זײנען מײנע אינגעווײד אויפגערעגט פאַר מואָב, ווי אַ פידעל ברומען זיי,
12 און מײן אינערליכעס מיטלייד פאַר קיר חרש. און עס וועט זײן, ווען עס
וועט זיך אַרויסצײגען דאָס מואָב איז מיעד געוואָרען אויף די הויכע געבעט
הײזער (עס האָט איהם ניט געהאָלפען), דאַן וועט ער געהען צו זײן גרעס־
טען טעמפעל צו בעטען, אָבער ער וועט ניט קענען בײקומען (דעם פײנד).
13 דאָס איז דאָס וואָרט וואָס גאָט האָט גערעדט וועגען מואָב פון אַ לאַנגע
14 צײט אָן. און יעצט האָט גאָט גערעדט, אַזוי צו זאגען : אין דרײ יאהר,
אַזוי ווי די יאָהרען פון אַ טאָג־לאָהנער (ריכטיג אויפ׳ן מינוט), וועט
גרינג געשעצט ווערען די עהרע פון מואָב, טראָטץ זײן צאָהלרײכע מאַססע,
און דער איבעררעסט וועט זײן זעהר ווייניג, ניט פיעל.

קאַפּיטעל יז

1 די פּראָפעצײהונג איבער דמשק, זעה, דמשק ווערט אָבגעשאַפט פון צו
2 זײן אַ שטאָדט, און זי וועט ווערען אַ הויפען טרימער. פערלאָזען ווע־
לען ווערען די שטעדט פון ערער, פאַר העררען (סטאַדעס) וועלען
זיי זײן, און זיי וועלען דאָרטען לאַגערן און קײנער וועט זיי ניט דערשרעק־
3 קען. און עס וועט פערשטערט ווערען אַ פעסטונג פון אפרים, און אַ קע־
ניגרייך פון דמשק ; דער איבעררעסט פון דמשק וועט ווערען (ניעדעריג)
ווי די עהרע פון די קינדער פון ישראל, זאָגט גאָט פון די הערשאַרען.
4 און עס וועט געשעהען אין יענעם טאָג וועט אָרעם ווערען די עהרע פון
יעקב, און די פעטיגקײט פון זײן פלייש וועט אָבגעמאָגערט ווערען.
5 און עס וועט זײן, אַזוי ווי דער שניטער זאַמעלט אײן דאָס שטעהענ־
דיגע קאָרן, און מיט זײן אָרעם שנײדט ער די זאַנגען, (אַזוי וועט גאָט
זיי אָבשנײדען). און עס וועט זײן, אַזוי ווי מען קלײבט אויף די זאַנגען
6 אין דעם טהאָל פון רפאים (אײנעם ביי אײנעם). דאָך וועלען איבער־
בלײבען פון איהם (אין יהודה) יונגע פרוכט, ווי ביי דעם אָבשאָקלען פון
אַן אויילבערטבוים, צוויי דרײ קערנער אויף דעם שפּיץ פון דעם אויבערש־
טען צווייג, פיער פינף אויף די צווייגען פון דעם פרוכטבאַרען ווײנשטאָק,
7 זאָגט גאָט דער הערר פון ישראל. אין יענעם טאָג וועט זיך דער מענש
קעהרען צו זײן בעשעפער, און זײנע אויגען וועלען קוקען צו דעם הייליגען
8 פון ישראל. און ער וועט זיך ניט מעהר קעהרען צו די אַלטאַרען (מזבחות),
וואָס ער האָט געמאַכט (פאַר די געצען) די ווערק פון זײנע אײגענע הענד.
און דאָס וואָס זײנע פינגער האָבען געמאַכט וועט ער ניט מעהר אָנזעהען,
9 און ניט די הייליגע בוימער, און ניט די זונן־בילדער. אין יענעם טאָג
וועלען זײנע בעפעסטיגטע שטעדט ווערען ווי די פערוויסטונג פון די
וועלדער און די באַרגשפּיטצען וועלכע זיי האָבען אַמאָל פערלאָזען צו־
ליעב די קינדער פון ישראל. און אַזוי וויסט וועט זי (דאָס לאַנד) ווערען,
10 ווייל דו האָסט פערגעסען דעם גאָט פון דײן הילף, און אָן דעם פעלז פון
דײן שטאַרקײט האָסטו ניט געדענקט, דארום דאָס וואָס דו האָסט אַ
מאָל געפלאַנצט ליעבליכע פלאַנצונגען, זײנען געוואָרען ווי זיי וואָלטען
געוועזן אײנגעזעצט פון עקעלהאַפטע צווייגען.
11 אין דײן פלאַנצונגסטאָג האָסטו געוואַקסען וואונדערבאַר גרויס, און אין
יענעם פריה־מאָרגען איז געוועזן דײנע זאָמען אין פול בליהונג, אָבער פאַר־

נִטְעֵךְ תְּשַׂגְשֵׂגִי וּבַבֹּקֶר זַרְעֵךְ תַּפְרִיחִי נֵד קָצִיר בְּיוֹם
12 נַחֲלָה וּכְאֵב אָנוּשׁ׃ הוֹי הֲמוֹן עַמִּים רַבִּים כַּהֲמוֹת
יַמִּים יֶהֱמָיוּן וּשְׁאוֹן לְאֻמִּים כִּשְׁאוֹן מַיִם כַּבִּירִים יִשָּׁאוּן׃
13 לְאֻמִּים כִּשְׁאוֹן מַיִם רַבִּים יִשָּׁאוּן וְגָעַר בּוֹ וְנָס מִמֶּרְחָק
14 וְרֻדַּף כְּמֹץ הָרִים לִפְנֵי־רוּחַ וּכְגַלְגַּל לִפְנֵי סוּפָה׃ לְעֵת
עֶרֶב וְהִנֵּה בַלָּהָה בְּטֶרֶם בֹּקֶר אֵינֶנּוּ זֶה חֵלֶק שׁוֹסֵינוּ
וְגוֹרָל לְבֹזְזֵינוּ׃

יח CAP. XVIII. יח

א 2 הוֹי אֶרֶץ צִלְצַל כְּנָפָיִם אֲשֶׁר מֵעֵבֶר לְנַהֲרֵי־כוּשׁ׃ הַשֹּׁלֵחַ
בַּיָּם צִירִים וּבִכְלֵי־גֹמֶא עַל־פְּנֵי־מַיִם לְכוּ ׀ מַלְאָכִים קַלִּים
אֶל־גּוֹי מְמֻשָּׁךְ וּמוֹרָט אֶל־עַם נוֹרָא מִן־הוּא וָהָלְאָה גּוֹי
3 קַו־קָו וּמְבוּסָה אֲשֶׁר־בָּזְאוּ נְהָרִים אַרְצוֹ׃ כָּל־יֹשְׁבֵי תֵבֵל
וְשֹׁכְנֵי אָרֶץ כִּנְשֹׂא־נֵס הָרִים תִּרְאוּ וְכִתְקֹעַ שׁוֹפָר תִּשְׁמָעוּ׃
4 כִּי כֹה אָמַר יְהוָה אֵלַי אֶשְׁקוֹטָה וְאַבִּיטָה בִמְכוֹנִי
ה כְּחֹם צַח עֲלֵי־אוֹר כְּעָב טַל בְּחֹם קָצִיר׃ כִּי־לִפְנֵי קָצִיר
כְּתָם־פֶּרַח וּבֹסֶר גֹּמֵל יִהְיֶה נִצָּה וְכָרַת הַזַּלְזַלִּים
6 בַּמַּזְמֵרוֹת וְאֶת־הַנְּטִישׁוֹת הֵסִיר הֵתַז׃ יֵעָזְבוּ יַחְדָּו לְעֵיט
הָרִים וּלְבֶהֱמַת הָאָרֶץ וְקָץ עָלָיו הָעַיִט וְכָל־בֶּהֱמַת הָאָרֶץ
7 עָלָיו תֶּחֱרָף׃ בָּעֵת הַהִיא יוּבַל־שַׁי לַיהוָה צְבָאוֹת
עַם מְמֻשָּׁךְ וּמוֹרָט וּמֵעַם נוֹרָא מִן־הוּא וָהָלְאָה גּוֹי ׀ קַו־
קָו וּמְבוּסָה אֲשֶׁר בָּזְאוּ נְהָרִים אַרְצוֹ אֶל־מְקוֹם שֵׁם־יְהוָה
צְבָאוֹת הַר־צִיּוֹן׃

יט CAP. XIX. יט

א מַשָּׂא מִצְרָיִם הִנֵּה יְהוָה רֹכֵב עַל־עָב קַל וּבָא מִצְרַיִם
וְנָעוּ אֱלִילֵי מִצְרַיִם מִפָּנָיו וּלְבַב מִצְרַיִם יִמַּס בְּקִרְבּוֹ׃
2 וְסִכְסַכְתִּי מִצְרַיִם בְּמִצְרַיִם וְנִלְחֲמוּ אִישׁ בְּאָחִיו וְאִישׁ
3 בְּרֵעֵהוּ עִיר בְּעִיר מַמְלָכָה בְּמַמְלָכָה׃ וְנָבְקָה רוּחַ־

מצרים

יח v. 4. יתיר י v. 5. ה רפה ibid. פתח בס״פ

שוואונדרען זיינען די צווייגען פון די וויינטרויבען אין דעם טאָג פון דעם
12 ערבטהייל, און דער שמערץ איז געפעהרליך!— וועה, אַ גערויש פון פיעל
פעלקער, ווי דאָס רוישען פון ימים רוישען זיי, און אַ שטורעם פון נאַציאָ־
13 נען, ווי דער שטורעם פון געוואַלטיגע וואַסערען שטורמען זיי. לאָזען
די נאַציאָנען שטורמען ווי דער שטורעם פון די מעכטיגע וואַסערען, אָבער
ער (גאָט) וועט אויף איהם אָנשרייען, וועט ער מוזען אַנטלויפען צו אַ וויי־
טען אָרט, און ער וועט געיאָגט ווערען ווי דער שפּריי אויף די בערג פאַר'ן
14 ווינד, און ווי דער דינער שטויב פאַר דעם שטורעם־ווינד. צו אַבענד צייט,
ערשט, שרעק (איז געוועזן),—אָבער איידער עס ווערט נאָך פריה־מאָרגען,
און ער (אַשור) איז מעהר ניטאָ. דאָס איז דער בעשטימטער טהייל פון
די וואָס רויבען אונז, און דאָס לאָאז פון די וואָס פּלינדערען אונז.

קאַפּיטעל יח

1 אך, לאַנד שאָטענרייך פון פליגעל, וואָס איז פון יענער זייט פון די טייכען
2 פון כוש, וועלכע שיקט געזאַנדטע אויפ'ן ים, און אין געפעס פון ראָהר
שיקט זי געזאַנדטע אויפ'ן וואַסער (און זאָגט) : געהט אַהין איהר שנעלע
באָטען צו דעם פאָלק וואָס איז צערשטרייט און געפליקט, צו דעם פאָלק,
וואונדערפול זייט דעם עס עקזיסטירט און ווייטער, אַ פאָלק וואָס האָפט
און וואַרט ווען עס איז צערטרעטען, וואָס די שטראָמען (פעלקער) האָבען
3 זיין לאַנד צורויבט. איהר אַלע איינוואָהנער פון דער וועלט, און איהר
בירגער פון דער ערד ! ווען מען וועט אויפהויבען די פאָהן אויף די בערג,
וועט איהר זעהען, און ווען מען וועט בלאָזען דעם שופר פון הילף וועט
4 איהר הערען. דען אַזוי האָט גאָט צו מיר געזאָגט : איך וועל רוהיג זיין,
און וועל קוקען אין מיין וואָהנאָרט, אַזוי ווי די ליעבליכע וואַרעמקייט
ביי דעם מאָרגענליכט, אַזוי ווי די וואָלקען פון טהוי אין די היטץ פון
5 שניט־צייט. דען בעפאָר די שניט־צייט, ווען די בליהונג ווערט שוין
פערטיג, און די אונצייטיגע פרוכט האַלט ביים צייטיג ווערען, און עס
ווייזט זיך שוין איין בלום, (ווען אַשור וועט זיין ביים גרעסטען גליק),
דאַן וועט מען אָבשניידען די לאַנגע צווייגען מיט אַ שנייד־מעסער, און
די אויסגעשפּרייטע צווייגען וועט מען אַוועקנעהמען און אָבהאַקען.
6 זיי (די מחנה פון אַשור) וועלען אַלע צוזאַמען איבערגעלאָזען ווערען
פאַר די רויב־פויגלען פון די בערג, און פאַר די טהיערען פון דער ערד.
און די רויבפויגלען וועלען אויף זיי זומערען, און אַלע טהיערען פון דער
ערד וועלען אויף זיי ווינטערען. (אַ גאַנצען זומער און אַ גאַנצען ווינטער).
7 אין יענער צייט וועט געפיהרט ווערען אַ געשאַנק צו דעם גאָט פון די
הערשאַרען ; דאָס פאָלק וואָס איז צושטרייט און געפליקט, און פון
דעם פאָלק וואָס איז וואונדערפול פון זייט דעם עס עקסעסטירט און ווייַ־
טער, דאָס פאָלק וואָס האָפט און וואַרט, אויך ווען עס איז צערטרעטען,
וואָס די שטראָמען האָבען זיין לאַנד צורויבט, (צוריק וועלען זיי געבראַכט
ווערען) צו דעם אָרט פון דעם נאָמען פון דעם גאָט פון הערשאַרען, צו
דעם באַרג ציון.

קאַפּיטעל יט

1 די פּראָפעצייהונג איבער מצרים : זעה, גאָט רייט אויף אַ שנעלען וואָל־
קען, און ער קומט נאָך מצרים, און עס וועלען ציטערען די געצען פון
מצרים פאַר איהם, און דאָס האַרץ פון מצרים וועט צוגאַנגען ווערען
2 אין איהם. און איך וועל אויפרייצען מצרים קעגען מצרים, און זיי וועלען
שטרייטען איטליכער קעגען זיין ברודער און איטליכער קעגען זיין פריינד,
אַ שטאָדט קעגען אַ שטאָדט און אַ קעניגרייך קעגען אַ קעניגרייך.
3 און דער מוטה פון מצרים וועט אויסגעלעדיגט ווערען, אין זיין מיטען,

מִצְרַיִם בְּקִרְבּוֹ וַעֲצָתוֹ אֲבַלֵּעַ וְדָרְשׁוּ אֶל־הָאֱלִילִים וְאֶל־
הָאִטִּים וְאֶל־הָאֹבוֹת וְאֶל־הַיִּדְּעֹנִים׃ וְסִכַּרְתִּי אֶת־מִצְרַיִם 4
בְּיַד אֲדֹנִים קָשֶׁה וּמֶלֶךְ עַז יִמְשָׁל־בָּם נְאֻם הָאָדוֹן יְהוָה
צְבָאוֹת׃ וְנִשְּׁתוּ־מַיִם מֵהַיָּם וְנָהָר יֶחֱרַב וְיָבֵשׁ׃ וְהֶאֶזְנִיחוּ ה 6
נְהָרוֹת דָּלְלוּ וְחָרְבוּ יְאֹרֵי מָצוֹר קָנֶה וָסוּף קָמֵלוּ׃ עָרוֹת 7
עַל־יְאוֹר עַל־פִּי יְאוֹר וְכֹל מִזְרַע יְאוֹר יִיבַשׁ נִדַּף וְאֵינֶנּוּ׃
וְאָנוּ הַדַּיָּגִים וְאָבְלוּ כָּל־מַשְׁלִיכֵי בַיְאוֹר חַכָּה וּפֹרְשֵׂי 8
מִכְמֹרֶת עַל־פְּנֵי־מַיִם אֻמְלָלוּ׃ וּבֹשׁוּ עֹבְדֵי פִשְׁתִּים 9
שְׂרִיקוֹת וְאֹרְגִים חוֹרָי׃ וְהָיוּ שָׁתֹתֶיהָ מְדֻכָּאִים כָּל־עֹשֵׂי י
שֶׂכֶר אַגְמֵי־נָפֶשׁ׃ אַךְ־אֱוִלִים שָׂרֵי צֹעַן חַכְמֵי יֹעֲצֵי פַרְעֹה 11
עֵצָה נִבְעָרָה אֵיךְ תֹּאמְרוּ אֶל־פַּרְעֹה בֶּן־חֲכָמִים אֲנִי בֶּן־
מַלְכֵי־קֶדֶם׃ אַיָּם אֵפוֹא חֲכָמֶיךָ וְיַגִּידוּ נָא לָךְ וְיֵדְעוּ מַה־ 12
יָּעַץ יְהוָה צְבָאוֹת עַל־מִצְרָיִם׃ נוֹאֲלוּ שָׂרֵי צֹעַן נִשְּׁאוּ שָׂרֵי 13
נֹף הִתְעוּ אֶת־מִצְרַיִם פִּנַּת שְׁבָטֶיהָ׃ יְהוָה מָסַךְ בְּקִרְבָּהּ 14
רוּחַ עִוְעִים וְהִתְעוּ אֶת־מִצְרַיִם בְּכָל־מַעֲשֵׂהוּ כְּהִתָּעוֹת
שִׁכּוֹר בְּקִיאוֹ׃ וְלֹא־יִהְיֶה לְמִצְרַיִם מַעֲשֶׂה אֲשֶׁר יַעֲשֶׂה טו
רֹאשׁ וְזָנָב כִּפָּה וְאַגְמוֹן׃ בַּיּוֹם הַהוּא יִהְיֶה מִצְרַיִם 16
כַּנָּשִׁים וְחָרַד ׀ וּפָחַד מִפְּנֵי תְּנוּפַת יַד־יְהוָה צְבָאוֹת אֲשֶׁר־
הוּא מֵנִיף עָלָיו׃ וְהָיְתָה אַדְמַת יְהוּדָה לְמִצְרַיִם לְחָגָּא 17
כֹּל אֲשֶׁר יַזְכִּיר אֹתָהּ אֵלָיו יִפְחָד מִפְּנֵי עֲצַת יְהוָה
צְבָאוֹת אֲשֶׁר־הוּא יוֹעֵץ עָלָיו׃ בַּיּוֹם הַהוּא יִהְיוּ 18
חָמֵשׁ עָרִים בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם מְדַבְּרוֹת שְׂפַת כְּנַעַן וְנִשְׁבָּעוֹת
לַיהוָה צְבָאוֹת עִיר הַהֶרֶס יֵאָמֵר לְאֶחָת׃ בַּיּוֹם 19
הַהוּא יִהְיֶה מִזְבֵּחַ לַיהוָה בְּתוֹךְ אֶרֶץ מִצְרָיִם וּמַצֵּבָה אֵצֶל־
גְּבוּלָהּ לַיהוָה׃ וְהָיָה לְאוֹת וּלְעֵד לַיהוָה צְבָאוֹת בְּאֶרֶץ כ
מִצְרָיִם כִּי־יִצְעֲקוּ אֶל־יְהוָה מִפְּנֵי לֹחֲצִים וְיִשְׁלַח לָהֶם
מוֹשִׁיעַ וָרָב וְהִצִּילָם׃ וְנוֹדַע יְהוָה לְמִצְרַיִם וְיָדְעוּ מִצְרַיִם 21
אֶת־יְהוָה בַּיּוֹם הַהוּא וְעָבְדוּ זֶבַח וּמִנְחָה וְנָדְרוּ־נֵדֶר לַיהוָה

ושלמו

און זיין ראַטה וועל איך פֿערדאָרבען, און זיי וועלען פֿאָרשען ביי די געַ־
צען און ביי די צויבערערס, און ביי די טודטענבעשווערערס און די בויכ־
4 רעדנערס. און איך וועל איבערגעבען מצרים אין די האַנד פֿון אַ האַרטען
הערר, און אַ שטרענגער קעניג וועט הערשען איבער זיי. דאָס איז דער
5 שפּרוך פֿון דעם הערר, דער גאָט פֿון די הערשאַרען. און די וואַסערען ווע־
לען אויסגעטריקענט ווערען פֿון דעם ים (עס מיינט: דער נילוס), און יע־
6 דער טייך וועט פֿערוויסטעט און פֿערטריקענט ווערען. און זיי (די וואַ־
סערען) וועלען פֿערלאָזען די טייכען, אויסגעלעערט און אויסגעטריקענט
וועלען ווערען די קאַנאַלען פֿון מצרים, ראָהר און שילף וועלען פֿערוועלקען.
7 נאַקעטקייט איז ביים טייך (קיינע געוויקסען), ביי די ברעגעס פֿון טייך,
און אַלעס וואָס איז געזעעט ביים טייך איז פֿערטריקענט, פֿערוועלקט
8 און איז אוועק. און די פֿישער וועלען קלאָגען, און עס וועלען טרויערען
אַלע די וואָס וואַרפֿען אַן אנגעל אין דעם טייך. און די וואָס פֿערשפּרייטען
9 אַ נעטץ אויפֿ'ן וואַסער וועלען פֿערשמאַכט ווערען. און שעהמען וועלען
זיך די וואָס אַרבייטען ביי די געקאַמטע פֿלאַקס, און די וואָס וועבען ווייסע
10 ליינוואַנד, און איהרע פֿונדאַמענטען (די גרויסע לייט) וועלען זיין ניע־
דערגעשלאָגען, אַלע לאָהנאַרבייטער וועלען האָבען בעטריבטע געמיטהען.
11 נאַר נאַרען זיינען (געווען) די פֿירשטען פֿון צען, די קלוגע ראַטהגעבער
פֿון פּרעה האָבען געגעבען אַ דומען ראַטה, ווי קענט איהר זאגען צו פּרעה:
דער זוהן פֿון די בעריהמטע קלוגע בין איך, דער זוהן פֿון די פֿאַרצייטיגע
12 קעניגע? וואו זיינען יעצט דיינע קלוגע, און לאָזען זיי דיר יעצט זאָגען,
און זאָלען זיי וויסען וואָס דער גאָט פֿון די הערשאַרען האָט בעשלאָסען
13 איבער מצרים. נאַריש זיינען געוואָרען די פֿירשטען פֿון צען, פֿערפֿיהרט
זיינען די פֿירשטען פֿון נוף, פֿערפֿיהרט האָבען די מצרים די עקשטיינער
14 (די גרויסע לייט) פֿון איהרע שטאַמען. גאָט האָט אַריינגעגאָסען אין
איהר (אין זיי) אַ גייסט פֿון פֿערריקטהייט, און זיי האָבען פֿערפֿיהרט די
מצרים אין זייער יעדעס ווערק, אַזוי ווי אַ שכור שאָקעלט זיך ווען ער
15 האַלט ביים ברעכען. און עס וועט ניט בלייבען אין מצרים קיינע רעכטע
ווערק, וועלכע עס וועט האָבען געמאַכט דער קאָפּ אָדער דער עק, דער
16 פֿאַלמענצווייג אָדער דער ראָהר (גרויס אָדער קליין). אין יענעם טאָג
וועט מצרים ווערען (שוואַך) ווי די פֿרויען, און ער וועט ציטערען און
פֿירכטען פֿאַר דער אויפֿהעבונג פֿון דער האַנד פֿון דעם גאָט פֿון די הער־
17 שאַרען, וועלכער הויבט אויף אויף איהם. און דאָס לאַנד פֿון יהודה
וועט ווערען צו מצרים אַ שרעקען. אין יעדער צייט ווען יעמאַנד וועט
איהר דערמאָהנען צו איהם, וועט ער ציטערען, צוליעב דעם ראַטה פֿון
דעם גאָט פֿון די הערשאַרען, וואָס ער ראַטהעט קעגען איהם.
18 אין יענעם טאָג וועלען אין לאַנד מצרים זיין פֿינף שטעדט, וועלכע ריידען
די שפּראַך פֿון כנען, און שווערען ביי גאָט פֿון די הערשאַרען [די צער־
שטערטע שטאָדט, וועט איינע גערופֿען ווערען].
19 אין יענעם טאָג וועט זיין אַן אַלטאַר פֿאַר גאָט אין מיטען פֿון דעם לאַנד
מצרים, און אַ דענק־שטיין ביי איהר גרענעץ, צו גאָט.
20 און דאָס וועט זיין אַ צייכען און אַ צייגניס פֿאַר דעם גאָט פֿון די הער־
שאַרען אין דעם לאַנד פֿון מצרים, דען זיי וועלען שרייען צו גאָט
פֿון וועגען די בעדריקערס, און ער וועט שיקען צו זיי אַ העלפֿער און אַ
פֿערטהיידיגער, און ער וועט זיי רעטען.
21 און גאָט וועט בעוואוסט ווערען צו מצרים, און די מצרים וועלען אַנער־
קענען גאָט אין יענעם טאָג, און זיי וועלען (איהם) דיענען מיט שלאַכט־
אָפּפֿער און מעהל־אָפּפֿער, און זיי וועלען צוזאָגען צו גאָט אַ נדר און
זיי וועלען עס בעצאָהלען.

22 וְשִׁלֵּמוּ׃ וְנָגַף יְהוָה אֶת־מִצְרַיִם נָגֹף וְרָפוֹא וְשָׁבוּ עַד־יְהוָה
23 וְנֶעְתַּר לָהֶם וּרְפָאָם׃ בַּיּוֹם הַהוּא תִּהְיֶה מְסִלָּה
מִמִּצְרַיִם אַשּׁוּרָה וּבָא אַשּׁוּר בְּמִצְרַיִם וּמִצְרַיִם בְּאַשּׁוּר
24 וְעָבְדוּ מִצְרַיִם אֶת־אַשּׁוּר׃ בַּיּוֹם הַהוּא יִהְיֶה יִשְׂרָאֵל
כה שְׁלִישִׁיָּה לְמִצְרַיִם וּלְאַשּׁוּר בְּרָכָה בְּקֶרֶב הָאָרֶץ׃ אֲשֶׁר
בֵּרֲכוֹ יְהוָה צְבָאוֹת לֵאמֹר בָּרוּךְ עַמִּי מִצְרַיִם וּמַעֲשֵׂה יָדַי
אַשּׁוּר וְנַחֲלָתִי יִשְׂרָאֵל׃

CAP. XX. כ

כ

א בִּשְׁנַת בֹּא תַרְתָּן אַשְׁדּוֹדָה בִּשְׁלֹחַ אֹתוֹ סַרְגוֹן מֶלֶךְ אַשּׁוּר
2 וַיִּלָּחֶם בְּאַשְׁדּוֹד וַיִּלְכְּדָהּ׃ בָּעֵת הַהִיא דִּבֶּר יְהוָה בְּיַד־
יְשַׁעְיָהוּ בֶן־אָמוֹץ לֵאמֹר לֵךְ וּפִתַּחְתָּ הַשַּׂק מֵעַל מָתְנֶיךָ
וְנַעַלְךָ תַחֲלֹץ מֵעַל רַגְלֶךָ וַיַּעַשׂ כֵּן הָלֹךְ עָרוֹם וְיָחֵף׃
3 וַיֹּאמֶר יְהוָה כַּאֲשֶׁר הָלַךְ עַבְדִּי יְשַׁעְיָהוּ עָרוֹם וְיָחֵף שָׁלֹשׁ
4 שָׁנִים אוֹת וּמוֹפֵת עַל־מִצְרַיִם וְעַל־כּוּשׁ׃ כֵּן יִנְהַג מֶלֶךְ־
אַשּׁוּר אֶת־שְׁבִי מִצְרַיִם וְאֶת־גָּלוּת כּוּשׁ נְעָרִים וּזְקֵנִים עָרוֹם
ה וְיָחֵף וַחֲשׂוּפַי שֵׁת עֶרְוַת מִצְרָיִם׃ וְחַתּוּ וָבֹשׁוּ מִכּוּשׁ מַבָּטָם
6 וּמִן־מִצְרַיִם תִּפְאַרְתָּם׃ וְאָמַר יֹשֵׁב הָאִי הַזֶּה בַּיּוֹם הַהוּא
הִנֵּה־כֹה מַבָּטֵנוּ אֲשֶׁר נַסְנוּ שָׁם לְעֶזְרָה לְהִנָּצֵל מִפְּנֵי מֶלֶךְ
אַשּׁוּר וְאֵיךְ נִמָּלֵט אֲנָחְנוּ׃

CAP. XXI. כא

כא

א מַשָּׂא מִדְבַּר־יָם כְּסוּפוֹת בַּנֶּגֶב לַחֲלוֹף מִמִּדְבָּר בָּא מֵאֶרֶץ
2 נוֹרָאָה׃ חָזוּת קָשָׁה הֻגַּד־לִי הַבּוֹגֵד ׀ בּוֹגֵד וְהַשּׁוֹדֵד ׀ שׁוֹדֵד
3 עֲלִי עֵילָם צוּרִי מָדַי כָּל־אַנְחָתָה הִשְׁבַּתִּי׃ עַל־כֵּן מָלְאוּ
מָתְנַי חַלְחָלָה צִירִים אֲחָזוּנִי כְּצִירֵי יוֹלֵדָה נַעֲוֵיתִי מִשְּׁמֹעַ
4 נִבְהַלְתִּי מֵרְאוֹת׃ תָּעָה לְבָבִי פַּלָּצוּת בִּעֲתָתְנִי אֵת נֶשֶׁף
ה חִשְׁקִי שָׂם לִי לַחֲרָדָה׃ עָרֹךְ הַשֻּׁלְחָן צָפֹה הַצָּפִית אָכוֹל
6 שָׁתֹה קוּמוּ הַשָּׂרִים מִשְׁחוּ מָגֵן׃ כִּי כֹה אָמַר אֵלַי

אדני

כ v. 4. הס׳ בפתח   כ״א v. 2. ההי רפה   ibid. פתח בס״פ

22 און (פאַרדעם) וועט גאָט פּלאָגען די מצרים, פּלאָגען און היילען, און ווען
זיי וועלען (פאָלשטענדיג) צוריקקעהרען צו גאָט, דאַן וועט ער צו זיי
איבערגעבעטען ווערען און ער וועט זיי אין גאַנצען היילען.
23 אין יענעם טאָג וועט געהן איין (אויסגעטראָטענער) וועג פון מצרים נאָך
אשור. און אַשור וועט קומען נאָך מצרים, און מצרים אין אַשור, און
מצרים מיט אַשור וועלען (צוזאַמען) דיענען (גאָט).
24 אין יענעם טאָג וועט ישראל זיין א דריטע קעניגרייך צו מצרים און צו
אַשור, זי וועט זיין אַ זעגען אין מיטען פון דער ערד.
25 (ישראל וועט זיין אַ פאָלק) וועלכען דער גאָט פון די הערשארען האָט גע־
בענשט, מען וועט זאָגען : געבענשט איז מיין פאָלק מצרים, און דאָס
ווערק פון מיינע הענד, אַשור, אָבער מיין ערבטהייל איז (נאָר) ישראל.

קאַפּיטעל כ

1 אין דעם יאָהר ווען תרתן איז געקומען נאָך אַשדוד. ווען סרגון דער קעניג
פון אַשור האָט איהם געשיקט, און ער האָט געשטריטען מיט אַשדוד
און האָט זי איינגענומען.
2 אין יענער צייט האָט גאָט גערעדט דורך ישעיהו דעם זוהן פון אמוץ אזוי
צו זאָגען : געה און בינד אָב דעם זאַק פון דיינע לענדען, און דיין שוך
זאָלסטו אראָבציהען פון דיין פוס ; און ער האָט אַזוי געטהאָן, און ער
איז געגאַנגען נאַקעט (אָהן א אויבער קלייד) און באָרפוס.
3 און גאָט האָט געזאָגט : אַזוי ווי מיין קנעכט ישעיהו איז געגאַנגען נאַ־
קעט און בארפוס פאַר דריי יאָהר איז דאָס אַ צייכען און אַ פאָר־
בילד פאַר מצרים און פאַר כוש.
4 אַזוי וועט דער קעניג פון אַשור טרייבען די געפאַנגענע פון מצרים, און
די פאַרטריעבענע פון כוש ; יונגע און אַלטע, נאַקעט און באָרפוס, און
ענטבלעזט ביז אַם האַלבען קערפער — צו דער שאַנדע פון מצרים.
5 און זיי (יהודה) וועלען דערשראָקען ווערען און וועלען זיך שעהמען מיט
כוש זייער אויסזיכט (אויף וועמען זיי האָבען געהאָפט), און מיט מצרים
זייער רוהם (זיי האָבען זיך געריהמט מיט איהר בונד).
6 און דער אַיינוואָהנער פון דיעזען אינזעל (לאַנד. ד. ה. ארץ ישראל) וועט
זאָגען אין יענעם טאָג : זעה, אַזוי איז דאָס (אויסגעגאַנגען) צו אונזער
אויסזיכט, וואָס מיר זיינען דאָרט געלאָפען נאָך הילף, צו געראַטעט ווע־
רען פון דעם קעניג פון אַשור. און ווי אַזוי דען וועלען מיר אַנטרונען ווערן.

קאַפּיטעל כא

1 די פּראָפעציייהונג איבער דער וויסטע ביים מעער (בבל) : ווי די שטראָם
ווינדען וואָס קומען פון דרום זייט, אַזוי קומט ער (פרס) פון דער וויסטע,
2 פון א פורכטבאַרעם לאַנד. אַ שווערע פּראָפעצייהונג איז מיר געזאָגט
געוואָרען : דער פערדעטהער (געהט שוין) מיט פעררעטה (צו פרס) און
דער רויבער רויבט. קום אַרויף עילם ! בעלאַגער מדי ! די אַלע זיפצען
3 (וואָס בבל האָט פערשאַפט) האָב איך געמאַכט אויפהערען. דאַרום
זיינען מיינע לענדער פול געוואָרען מיט ציטערנים, וועהען האָבען מיך אָנ־
גענומען ווי די וועהען פון א געווינערין. איך האָב קראַמפּפען בעקומען,
איך קען מעהר ניט הערען, איך בין צושראָקען געוואָרען, איך קען מעהר
4 ניט זעהען. מיין האַרץ איז מיר שווינדעלט, אַ גרויזאַמער שרעק
האָט מיך דערשראָקען (בבל זאָגט עס) ; דעם אָבענד פון מיינע פערגע־
5 ניגען האָט ער מיר געמאַכט צו אַ ציטערנים. מען גרייט צום טיש, מען
לייכט די בעלייכטונגען, מען עסט און מען טרינקט, (מיט איין מאָל אַ גע־
שריי) : שטעהט אויף איהר פירשטען, זאַלבט דעם שילד (צו מלחמה).
6 דען אַזוי האָט צו מיר גאָט געזאָגט : געה, שטעל אַ וועכטער (אין דער
נבואה) און וואָס ער וועט זעהען זאָל ער זאָגען.

אֲדֹנָי לֵךְ הַעֲמֵד הַֽמְצַפֶּה אֲשֶׁר יִרְאֶה יַגִּֽיד׃ וְרָאָה רֶכֶב 7
צֶמֶד פָּֽרָשִׁים רֶכֶב חֲמוֹר רֶכֶב גָּמָל וְהִקְשִׁיב קֶשֶׁב רַב־
קָֽשֶׁב׃ וַיִּקְרָא אַרְיֵה עַל־מִצְפֶּה ׀ אֲדֹנָי אָנֹכִי עֹמֵד תָּמִיד 8
יוֹמָם וְעַל־מִשְׁמַרְתִּי אָנֹכִי נִצָּב כָּל־הַלֵּילֽוֹת׃ וְהִנֵּה־זֶה בָא 9
רֶכֶב אִישׁ צֶמֶד פָּֽרָשִׁים וַיַּעַן וַיֹּאמֶר נָֽפְלָה נָֽפְלָה בָּבֶל
וְכָל־פְּסִילֵי אֱלֹהֶיהָ שִׁבַּר לָאָֽרֶץ׃ מְדֻשָׁתִי וּבֶן־גָּרְנִי אֲשֶׁר י
שָׁמַעְתִּי מֵאֵת יְהוָה צְבָאוֹת אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל הִגַּדְתִּי לָכֶֽם׃
מַשָּׂא דּוּמָה אֵלַי קֹרֵא מִשֵּׂעִיר שֹׁמֵר מַה־מִּלַּיְלָה שֹׁמֵר 11
מַה־מִּלֵּֽיל׃ אָמַר שֹׁמֵר אָתָא בֹקֶר וְגַם־לָיְלָה אִם־תִּבְעָיוּן 12
בְּעָיוּ שֻׁבוּ אֵתָֽיוּ׃ מַשָּׂא בַּעְרָב בַּיַּעַר בַּעְרַב תָּלִינוּ 13
אֹרְחוֹת דְּדָנִֽים׃ לִקְרַאת צָמֵא הֵתָיוּ מָיִם יֹֽשְׁבֵי אֶרֶץ תֵּימָא 14
בְּלַחְמוֹ קִדְּמוּ נֹדֵֽד׃ כִּֽי־מִפְּנֵי חֲרָבוֹת נָדָדוּ מִפְּנֵי ׀ חֶרֶב טו
נְטוּשָׁה וּמִפְּנֵי קֶשֶׁת דְּרוּכָה וּמִפְּנֵי כֹּבֶד מִלְחָמָֽה׃
כִּי־כֹה אָמַר אֲדֹנָי אֵלָי בְּעוֹד שָׁנָה כִּשְׁנֵי שָׂכִיר וְכָלָה כָּל־ 16
כְּבוֹד קֵדָֽר׃ וּשְׁאָר מִסְפַּר־קֶשֶׁת גִּבּוֹרֵי בְנֵֽי־קֵדָר יִמְעָטוּ 17
כִּי יְהוָה אֱלֹהֵֽי־יִשְׂרָאֵל דִּבֵּֽר׃

כב CAP. XXII. כב

מַשָּׂא גֵּיא חִזָּיוֹן מַה־לָּךְ אֵפוֹא כִּֽי־עָלִית כֻּלָּךְ לַגַּגּֽוֹת׃ א
תְּשֻׁאוֹת ׀ מְלֵאָה עִיר הֽוֹמִיָּה קִרְיָה עַלִּיזָה חֲלָלַיִךְ לֹא 2
חַלְלֵי־חֶרֶב וְלֹא מֵתֵי מִלְחָמָֽה׃ כָּל־קְצִינַיִךְ נָֽדְדוּ־יַחַד 3
מִקֶּשֶׁת אֻסָּרוּ כָּל־נִמְצָאַיִךְ אֻסְּרוּ יַחְדָּו מֵרָחוֹק בָּרָֽחוּ׃
עַל־כֵּן אָמַרְתִּי שְׁעוּ מִנִּי אֲמָרֵר בַּבֶּכִי אַל־תָּאִיצוּ לְנַֽחֲמֵנִי 4
עַל־שֹׁד בַּת־עַמִּֽי׃ כִּי יוֹם מְהוּמָה וּמְבוּסָה וּמְבוּכָה ה
לַֽאדֹנָי יְהוִה צְבָאוֹת בְּגֵי חִזָּיוֹן מְקַרְקַר קִר וְשׁוֹעַ אֶל־
הָהָֽר׃ וְעֵילָם נָשָׂא אַשְׁפָּה בְּרֶכֶב אָדָם פָּרָשִׁים וְקִיר 6
עֵרָה מָגֵֽן׃ וַיְהִי מִבְחַר־עֲמָקַיִךְ מָלְאוּ רָכֶב וְהַפָּרָשִׁים 7
שֹׁת שָׁתוּ הַשָּֽׁעְרָה׃ וַיְגַל אֵת מָסַךְ יְהוּדָה וַתַּבֵּט בַּיּוֹם 8
הַהוּא אֶל־נֶשֶׁק בֵּית הַיָּֽעַר׃ וְאֵת בְּקִיעֵי עִיר־דָּוִד רְאִיתֶם 9

7 און ער האָט געזעהען איין רייטער, נאַכהער א פּאָאר רייטער, נאַכהער
רייטער אויף אייזלען און רייטער אויף קעמלען, און ער האָט פערנומען
8 אַ גערויש, אַ גרויסען גערויש. און ער האָט אויסגעשריען: דער לייב
(קומט)! מיין הער! אויף דער וואך שטעה איך נאָכאַנאַנד, טעג, און
9 אויף מיין היטונג שטעה איך אַלע נעכט. און זעה, ער (דער שונא) איז
פאָרט געקומען, מענער, רייטער, געשפּאַנען רייטער, און ער (דער שונא)
האָט (צו מיר) אויסגעשריען און האָט געזאָגט: געפאַלען, געפאַלען
איז בבל, און אַלע איהרע בילדער האָט ער צושמעטערט צו דער ערד.
10 דו מיין געדראָשענעס (פאָלק ישראל)! קינד פון מיין שייער! וואָס
איך האָב געהערט פון דעם גאָט פון די הערשארען, דעם גאָט פון ישראל,
11 דאָס האָב איך צו אייך אָנגעזאָגט. די פּראָפעצייהונג איבער דומה. צו
מיר רופט מען פון שעיר: וועכטער, וואָס (וועט ווערען) פון דער נאַכט?
12 וועכטער, (וואָס הערט זיך) פון דער נאַכט? האָט דער וועכטער געזאָגט:
עס קומט אָן דער מאָרגען, עס וועט זיין אויך נאַכט, אויב איהר ווילט
13 בעטען, בעט, קעהרט צוריק, קומט ווידער. די פּראָפעצייהונג איבער
ערב: אין דעם וואַלד פון ערב וועט איהר נעכטיגען, איהר קאַראַוואַנען
14 פון דדנים. קעגען לאַנד פון תימא, מיט אייער ברויט בעגעגענט דעם
15 פערוואָגעלטען. דען, וועגען די שווערדען זיינען זיי פערוואָגעלט, וועגען
דעם געשאַרפטען שווערד, און וועגען דעם געשפּאַנטען בויגען, און וועגען
16 דעם שווערען קריעג. דען אזוי האָט גאָט צו מיר געזאָגט: נאָך אין איין
יאָהר, אַזוי ווי די יאָהרען פון אַ טאָגלאָהנער, וועט אויסגעהען די גאַנצע
17 עהרע פון קדר (ערב). און עס וועט איבערבלייבען (אַ קליינע) צאָהל
פון די בויגענס; העלדען פון די זיהן פון קדר וועלען ווינציג ווערען, דען
גאָט דער הערר פון ישראל האָט (עס) גערעדט.

קאַפּיטעל כב

1 אַ פּראָפעצייהונג איבער דעם טהאָל פון ערשיינונג (ירושלים): וואָס
איז דיר דען יעצט געשעהען, וואָס דו ביזט אין גאַנצען אַרויפגעשטיגען
2 אויף די דעכער? דו גערוישפולע, ברומענדע שטאָדט, לוסטיגע פעסטונג,
דיינע דערשלאָגענע זיינען ניט דערשלאָגענע פון שווערד, אויך ניט גע־
3 שטאָרבענע אין שלאַכט. און דיינע פירשטען זיינען צוזאַמען אַנטלאָפען,
אָהן בויגענס, זיי זיינען געבונדען געוואָרען און אַלע וואָס האָבען זיך אין
דיר געפונען זיינען ווי זיי וואָלטען געווען צוזאַמענגעבונדען, צו אַנטלויי־
4 פען ווייט שטרעבען זיי. דארום האָב איך געזאָגט: קעהרט זיך אָב
פון מיר, איך וועל ביטערליך וויינען, דרינגט ניט מיך צו טרייסטען
5 וועגען די צערשטערונג פון דער טאָכטער פון מיין פאָלק. דען אַ טאָג
פון געטומעל, און צוטרעטונג און פערוויסטונג האָט דער הערר, דער
גאָט פון די הערשאַרען (געמאַכט) אין דעם טהאָל פון ערשיינונג.
מען ברעכט די מויערען און דער קריעגסגעשריי (קלינגט) ביז'ן באַרג.
6 און עילם האָט אויפגעהויבען די פיילענטאַש, (ער קומט) מיט רייטוועגען
בעזעצט מיט מענער, און רייטער, און קיר האָט אָבגעדעקט דאָס שילד.
7 און דיינע אויסערוועהלטע טהאָלען זיינען פול געוואָרען מיט רייטווע־
גען, און די רייטער האָבען זיך געווענדעט צו דעם טהויער.
8 און ער (דער שונא) האָט אויפגעדעקט דעם פאָרהאַנג פון יהודה, און דו
האָבסט אין יענעם טאָג געקוקט צו די געוועהר וואָס געפינט זיך אין דעם
הויז פון וואַלד.
9 און די שפּאַלטען פון דער שטאָדט פון דוד האָט איהר נאָכגעזעהן. און
ליידער זיי זיינען פיעל, און איהר האָט איינגעזאַמעלט די וואַסער פון
דעם טייך (אין שטאָדט אַריין).

י כִּי־רַבּוּ וַתְּקַבְּצוּ אֶת־מֵי הַבְּרֵכָה הַתַּחְתּוֹנָה׃ וְאֶת־בָּתֵּי
11 יְרוּשָׁלִַם סְפַרְתֶּם וַתִּתְצוּ הַבָּתִּים לְבַצֵּר הַחוֹמָה׃ וּמִקְוָה
עֲשִׂיתֶם בֵּין הַחֹמֹתַיִם לְמֵי הַבְּרֵכָה הַיְשָׁנָה וְלֹא הִבַּטְתֶּם
12 אֶל־עֹשֶׂיהָ וְיֹצְרָהּ מֵרָחוֹק לֹא רְאִיתֶם׃ וַיִּקְרָא אֲדֹנָי יְהוִֹה
צְבָאוֹת בַּיּוֹם הַהוּא לִבְכִי וּלְמִסְפֵּד וּלְקָרְחָה וְלַחֲגֹר שָׂק׃
13 וְהִנֵּה ׀ שָׂשׂוֹן וְשִׂמְחָה הָרֹג ׀ בָּקָר וְשָׁחֹט צֹאן אָכֹל בָּשָׂר
14 וְשָׁתוֹת יָיִן אָכוֹל וְשָׁתוֹ כִּי מָחָר נָמוּת׃ וְנִגְלָה בְאָזְנָי יְהוָה
צְבָאוֹת אִם־יְכֻפַּר הֶעָוֺן הַזֶּה לָכֶם עַד־תְּמֻתוּן אָמַר אֲדֹנָי
טו יְהוִֹה צְבָאוֹת׃ כֹּה אָמַר אֲדֹנָי יְהוִֹה צְבָאוֹת לֶךְ־בֹּא
16 אֶל־הַסֹּכֵן הַזֶּה עַל־שֶׁבְנָא אֲשֶׁר עַל־הַבָּיִת׃ מַה־לְּךָ פֹה
וּמִי־לְךָ פֹה כִּי־חָצַבְתָּ לְּךָ פֹּה קָבֶר חֹצְבִי מָרוֹם קִבְרוֹ
17 חֹקְקִי בַסֶּלַע מִשְׁכָּן לוֹ׃ הִנֵּה יְהוָה מְטַלְטֶלְךָ טַלְטֵלָה
18 גָּבֶר וְעֹטְךָ עָטֹה׃ צָנוֹף יִצְנָפְךָ צְנֵפָה כַּדּוּר אֶל־אֶרֶץ
רַחֲבַת יָדָיִם שָׁמָּה תָמוּת וְשָׁמָּה מַרְכְּבוֹת כְּבוֹדֶךָ קְלוֹן
19 בֵּית אֲדֹנֶיךָ׃ וַהֲדַפְתִּיךָ מִמַּצָּבֶךָ וּמִמַּעֲמָדְךָ יֶהֶרְסֶךָ׃
כ וְהָיָה בַּיּוֹם הַהוּא וְקָרָאתִי לְעַבְדִּי לְאֶלְיָקִים בֶּן־חִלְקִיָּהוּ׃
21 וְהִלְבַּשְׁתִּיו כֻּתָּנְתֶּךָ וְאַבְנֵטְךָ אֲחַזְּקֶנּוּ וּמֶמְשַׁלְתְּךָ
אֶתֵּן בְּיָדוֹ וְהָיָה לְאָב לְיוֹשֵׁב יְרוּשָׁלִַם וּלְבֵית יְהוּדָה׃
22 וְנָתַתִּי מַפְתֵּחַ בֵּית־דָּוִד עַל־שִׁכְמוֹ וּפָתַח וְאֵין סֹגֵר וְסָגַר
23 וְאֵין פֹּתֵחַ׃ וּתְקַעְתִּיו יָתֵד בְּמָקוֹם נֶאֱמָן וְהָיָה לְכִסֵּא כָבוֹד
24 לְבֵית אָבִיו׃ וְתָלוּ עָלָיו כֹּל ׀ כְּבוֹד בֵּית־אָבִיו הַצֶּאֱצָאִים
וְהַצְּפִעוֹת כֹּל כְּלֵי הַקָּטָן מִכְּלֵי הָאַגָּנוֹת וְעַד כָּל־כְּלֵי
כה הַנְּבָלִים׃ בַּיּוֹם הַהוּא נְאֻם יְהוָה צְבָאוֹת תָּמוּשׁ הַיָּתֵד
הַתְּקוּעָה בְּמָקוֹם נֶאֱמָן וְנִגְדְּעָה וְנָפְלָה וְנִכְרַת הַמַּשָּׂא אֲשֶׁר־
עָלֶיהָ כִּי יְהוָה דִּבֵּר׃

Cap. XXIII. כג

כג

א מַשָּׂא צֹר הֵילִילוּ ׀ אֳנִיּוֹת תַּרְשִׁישׁ כִּי־שֻׁדַּד מִבַּיִת מִבּוֹא
מארץ

כ״ב v. 11. הת רפה v. 14. קמץ בטרחא

10 און די הייזער פון ירושלים האָט איהר געצעהלט, און איהר האָט צושטויר־
סען די (ניט נעטהיגע) הייזער צו בעפעסטיגען די מויער.
11 און אַ וואַסער פערזאַמלונג האָט איהר געמאַכט צווישען די צוויי מויערען,
פאַר די וואַסער פון דעם אַלטען טייך, אָבער צו איהם וואָס ער האָט איהר
(די גזרה) געמאַכט האָט איהר ניט געקוקט, און דעם, וואָס האָט איהר
בעשאַפען פון אַ לאַנגע צייט אָן, האָט איהר ניט געזעהען.
12 און דער הערר, דער גאָט פון די הערשאַרען האָט אויסגערופען אין יענעם
טאָג, פאַר געוויין און פאַר קלאָג, און פאַר רייסונג די האָאר, און זיך
13 אָנצוגורטען זאַק־קליידער. אָבער זעה, דאָ איז לוסט און פרייד, מען
דערשלאָגט אָקס רינדער, און מען שלאַכט שאָף, מען עסט פלייש און מען
טרינקט וויין (מען זאָגט :) לאָמיר עסען און טרינקען, דען מאָרגען ווער־
14 לען מיר שטאַרבען [אָדער פערטריעבען ווערען]. און עס איז אָפענבאַרט
(געוואָרען) אין מיינע אויערען (האָט געזאגט) דער גאָט פון די הערשאַרען,
דאָס די דאָזיגע זינד וועט אייך ניט פערגעבען ווערען, ביז איהר וועט
געוויס שטאַרבען, זאָגט דער הערר, דער גאָט פון די הערשאַרען.
15 אַזוי האָט געזאָגט דער הערר, דער גאָט פון די הערשאַרען : געה, קום,
צו דעם דאָזיגען שאַצמייסטער, צו שבנא וואָס איז איבער דעם (קעניג־
16 ליכען) הויז. וואָס האָסטו דאָ צו מאַכען, און וועמען האָסטו דאָ, וואָס דו
האָסט זיך דאָ אויסגעהאַקט אַ קבר ? אויך ער האַקט זיך אויס אין דער
הויך זיין קבר ! ער גראָבט אויס אין דעם פעלז אַ וואָהנונג פיר זיך !
17 זעה, גאָט וועט דיר שליידערען אַ שטאַרקע שליידערונג, דו מאַן, און ער
18 וועט דיך פאַרוואָגלען און ארומטרייבען. ער וועט דיך צוזאַמענוויקלען
ווי אַ קנויל, ווי אַ באָלל, און וועט דיך אַרונטער־שליידערען אין אַ לאַנד
גערוים אין אַלע זייטען, דאָרטען וועסטו שטאַרבען, און דאָרטען וועלען
בלייבען דיינע פראַכטגעשפאַנען, צו שאַנד פון דעם הויז פון דיין הערר !
19 און איך וועל דיך אַראָבשטויסען פון דיין שטאַנד, און פון דיין שטעללע
20 וועל איך (וועט ער) דיך אַרונטערוואַרפען. און עס וועט געשעהען אין
יענעם טאָג, דאָס איך וועל רופען מיין קנעכט, אליקים דעם זוהן פון
21 חלקיהו. און איך וועל איהם בעקליידען מיט דיין העמד (אמט), און דיין
גאַרטעל וועל איך אויף איהם בעפעסטיגען, און דיין הערשאַפט וועל איך
אין זיין האַנד געבען. און ער וועט זיין אַ פאָטער צו די איינוואָהנער פון
ירושלים און צו דאָס הויז פון יהודה.
22 און איך וועל לעגען דעם שליסעל פון דעם הויז פון דוד אויף זיין שול־
טער, און וואָס ער וועט עפענען וועט קיינער ניט צושליסען, און וואָס
ער וועט צושליסען וועט קיינער ניט עפענען.
23 און איך וועל איהם אַריינשלאָגען ווי איין נאָגעל אין אַ זיכערען אָרט,
און ער וועט גילטען אַלס אַ טהראָן פון עהרע פאַר זיין פאָטער׳ס הויז.
24 און זיי וועלען אויף איהם אויפהענגען די גאַנצע עהרע פון זיין פאָטער׳ס
הויזגעזינד, די קינדער און קינדערס קינדער, אַלע קליינע געפעס, פון
די בעקענס (אין וואָס מען קנעט טייג) ביז די אַלע געפעס פון די פלעשער.
25 אין יענעם טאָג, זאָגט דער גאָט פון די הערשאַרען, וועט אָבער וועיכען
דער יעצטיגער נאָגעל (שבנא) וואָס איז אין אַ זיכערען אָרט, און ער וועט
אָבגעהאַקט ווערען, און וועט אַרונטערפאַלען, און די לאַסט וואָס איז אויף
איהם וועט אָבגעשניטען ווערען, דען גאָט האָט גערעדט.

קאַפּיטעל כג

1 די פּראָפעצייהונג איבער צר. יאָמערט, איהר שיפען פון תרשיש, דען
ער איז בערויבט, עס איז ניטאָ מעהר אַ הויז, ניטאָ אַן איינפאָהר (פאַר
שיפען). (ווען זיי זיינען געקומען) פון דעם לאַנד פון כתים איז דאָס צו
זיי אָפענבאַרט געוואָרען.

2 מֵאֶרֶץ כִּתִּים נִגְלָה־לָמוֹ׃ דֹּמּוּ יֹשְׁבֵי אִי סֹחֵר צִידוֹן עֹבֵר
3 יָם מִלְאוּךְ׃ וּבְמַיִם רַבִּים זֶרַע שִׁחֹר קְצִיר יְאוֹר תְּבוּאָתָהּ
4 וַתְּהִי סְחַר גּוֹיִם׃ בּוֹשִׁי צִידוֹן כִּי אָמַר יָם מָעוֹז הַיָּם לֵאמֹר
לֹא־חַלְתִּי וְלֹא־יָלַדְתִּי וְלֹא גִדַּלְתִּי בַחוּרִים רוֹמַמְתִּי
ה 6 בְתוּלוֹת׃ כַּאֲשֶׁר שֵׁמַע לְמִצְרָיִם יָחִילוּ כְּשֵׁמַע צֹר׃ עִבְרוּ
7 תַּרְשִׁישָׁה הֵילִילוּ יֹשְׁבֵי אִי׃ הֲזֹאת לָכֶם עַלִּיזָה מִימֵי־קֶדֶם
8 קַדְמָתָהּ יֹבִלוּהָ רַגְלֶיהָ מֵרָחוֹק לָגוּר׃ מִי יָעַץ זֹאת עַל־צֹר
9 הַמַּעֲטִירָה אֲשֶׁר סֹחֲרֶיהָ שָׂרִים כִּנְעָנֶיהָ נִכְבַּדֵּי־אָרֶץ׃ יְהוָה
צְבָאוֹת יְעָצָהּ לְחַלֵּל גְּאוֹן כָּל־צְבִי לְהָקֵל כָּל־נִכְבַּדֵּי־
י אָרֶץ׃ עִבְרִי אַרְצֵךְ כַּיְאֹר בַּת־תַּרְשִׁישׁ אֵין מֵזַח
11 עוֹד׃ יָדוֹ נָטָה עַל־הַיָּם הִרְגִּיז מַמְלָכוֹת יְהוָה צִוָּה אֶל־
12 כְּנַעַן לַשְׁמִד מָעֻזְנֶיהָ׃ וַיֹּאמֶר לֹא־תוֹסִיפִי עוֹד לַעְלוֹז
הַמְעֻשָּׁקָה בְּתוּלַת בַּת־צִידוֹן כִּתִּיים קוּמִי עֲבֹרִי גַּם־שָׁם
13 לֹא־יָנוּחַ לָךְ׃ הֵן ׀ אֶרֶץ כַּשְׂדִּים זֶה הָעָם לֹא הָיָה אַשּׁוּר
יְסָדָהּ לְצִיִּים הֵקִימוּ בַחוּנָיו עֹרְרוּ אַרְמְנוֹתֶיהָ שָׂמָהּ
14 לְמַפֵּלָה׃ הֵילִילוּ אֳנִיּוֹת תַּרְשִׁישׁ כִּי שֻׁדַּד מָעֻזְּכֶן׃
טו וְהָיָה בַּיּוֹם הַהוּא וְנִשְׁכַּחַת צֹר שִׁבְעִים שָׁנָה כִּימֵי מֶלֶךְ
16 אֶחָד מִקֵּץ שִׁבְעִים שָׁנָה יִהְיֶה לְצֹר כְּשִׁירַת הַזּוֹנָה׃ קְחִי
כִנּוֹר סֹבִּי עִיר זוֹנָה נִשְׁכָּחָה הֵיטִיבִי נַגֵּן הַרְבִּי־שִׁיר לְמַעַן
17 תִּזָּכֵרִי׃ וְהָיָה מִקֵּץ ׀ שִׁבְעִים שָׁנָה יִפְקֹד יְהוָה אֶת־צֹר
וְשָׁבָה לְאֶתְנַנָּה וְזָנְתָה אֶת־כָּל־מַמְלְכוֹת הָאָרֶץ עַל־פְּנֵי
18 הָאֲדָמָה׃ וְהָיָה סַחְרָהּ וְאֶתְנַנָּהּ קֹדֶשׁ לַיהוָה לֹא יֵאָצֵר
וְלֹא יֵחָסֵן כִּי לַיֹּשְׁבִים לִפְנֵי יְהוָה יִהְיֶה סַחְרָהּ לֶאֱכֹל
לְשָׂבְעָה וְלִמְכַסֶּה עָתִיק׃

כד

Cap. XXIV. כד

א הִנֵּה יְהוָה בּוֹקֵק הָאָרֶץ וּבוֹלְקָהּ וְעִוָּה פָנֶיהָ וְהֵפִיץ
2 יֹשְׁבֶיהָ׃ וְהָיָה כָעָם כַּכֹּהֵן כַּעֶבֶד כַּאדֹנָיו כַּשִּׁפְחָה כַּגְּבִרְתָּהּ

כקונה

כ״ד v. 12 כתים קרי · v. 13 בחוני קרי · v. 17 לא מפיק ה · v. 18 מפיק ה

2 זייט שטיל, איהר אײַנוואָהנער פון דעם אינזעל ; די קויפלייט פון צידון,
די ים־רייזענדער האָבען דיך פול געמאַכט (מיט רייכטהום).
3 און אויף די גרויסע וואַסערען (פלעגט קומען) דער זאָמען פון שחור ;
דער געטריידשניט פון טייך (נילוס) איז געווען איהר איינקונפט, און
דער האַנדעל פון די נאַציאָנען איז געוואָרען איהר אײַנקונפט.
4 שעהם זיך, צידון ; דער ים קלאָגט איבער די פעסטונג פון ים (צר)
און זאָגט : אַזוי ווי איך וואָלט קיינע וועהען געהאַט, און וואָלט ניט
געבאָרען, און וואָלט ניט אויפגעצויגען יונגע לייט, און ניט אויפגעבראַכט
5 יונגפרויען. אַזוי ווי פון דער נאַכריכט פון (דער מפּלה פון) מצרים האָ־
בען אַלע געציטערט, אַזוי וועט מען ציטערען פון דער נאַכריכט פון צר.
6 געהט אַריבער נאָך תרשיש, יאָמערט, איהר אײַנוואָהנער פון דעם אינזעל.
7 איז דאָס די לוסטיגע שטאָדט ، וואָס איהר אָנהויב איז נאָך עלטער ווי די
אוראַלטע צייטען ? אַך, יעצט פיהרען איהרע פיס איהר אַוועק צו וואָהנען
8 אין ווייטע לענדער. ווער האָט דאָס בעשלאָסען איבער צר, די געקרוינטע
שטאָדט, וואָס איהרע קויפלייטע זיינען געווען פירשטען, איהרע האַנ־
9 דעלס־לייטע די געעהרטע פון דער ערד ? דער גאָט פון די הערשאַרען
האָט דאָס בעשלאָסען צו שענדען דעם שטאָלץ פון די אַלע פּראַכט, צו ער־
10 ניעדעריגען די געעהרטע פון דעם לאַנד. געה אַוועק, דיין לאַנד איז ווי אַ
טייך, טאָכטער פון תרשיש, עס איז מעהר ניטאָ דער האַנדעלס־פערקעהר.
11 זיין האַנד האָט ער (גאָט) אויסגעשטרעקט איבער'ן ים, ער האָט געמאַכט
ציטערן די קעניגרייכען. גאָט האָט בעפוילען וועגען כנען צו פערטיליגען
12 איהרע פעסטונגען, און ער האָט געזאגט: דו וועסט שוין מעהר ניט פרעה־
ליך זיין, דו בערויבטע, יונגפרוי פון דער טאָכטער פון צידון, שטעה אויף
און געה אַריבער נאָך כתים, אויך דאָרטען וועסטו קיין רוה ניט האָבען.
13 זעה, דאָס לאַנד פון כשדים — דאָס דאָזיגע פאָלק וואָס איז אַ מאָל גאָר
ניט געאַכטעט געווען, אשור האָט איהר געגרינדעט פאַר די אײַנוואָהנער
פון דער וויסטע, זיי (אשור) האָבען דאָרטען אויפגעשטעלט וואַך־טהור־
רעמס, און יעצט האָבען זיי צערשטערט איהרע פּאַלאַצען (פון צר), ער
14 האָט איהר פאַר אַ רואינע געמאַכט. יאמערט, איהר שיפען פון תרשיש,
15 דען אייער שטאַרק[illegible] איז צורויבט געוואָרען. אין עס וועט געשעהען
אין יענעם טאָג, און צר וועט זיין אַ פערגעסענע זיעבציג יאָהר לאַנג, ווי די
טעג פון איין קעניג. נאָך דעם פערלויף פון זיעבציג יאָהר וועט עס געהען
16 מיט צר ווי מען זינגט פון דער זונה. נעהם די האַרף, רינגעל ארום די
שטאָדט, דו פערגעסענע זונה, שפּיעל שעהן, זינג פיעל, אום דו זאָלסט
17 דערמאָהנט ווערען. און עס וועט געשעהען, נאָך דעם פערלויף פון זיעבציג
יאָהר וועט גאָט געדענקען אָן צר, און זי וועט צוריקקומען צו איהר האַנ־
דעל, און זי וועט האַנדלען מיט אַלע קעניגרייכען פון'ם לאַנד אויף דער
18 גאַנצער ערד. און איהר האַנדעל און איהר ערוועֶרב וועט זיין היילינ צו
גאָט, ער וועט ניט בעהאַלטען ווערען אין אַ שאַץ און ער וועט ניט פער־
שלאָסען ווערען. נור פאַר די וועלכע זיצען פאַר גאָט וועט איהר האַנדעל
געהערען, צו עסען צו זעטיגונג, און פאַר פּראַכטפולע בעקליידונג.

קאַפּיטעל כד

1 זעה, גאָט לעדיגט אויס דאָס לאַנד און פערדערבט עס, און ער וועט
פערקרימען איהר געזיכט און ער וועט צושפּרייטען איהרע אײַנוואָהנער.
2 און גלייך וועלען ווערען (אין צרות) דאָס פאָלק און דער פּריסטער (און
דער פּריעסטער און דאָס פאָלק), דער העדר ווי דער קנעכט, (דער קנעכט
ווי זיין העדר), די דיענסט ווי איהר האַרינטע, דער קויפער ווי דער
פערקויפער, דער פערלייהער ווי דער לייהער, דער מאהנער ווי דער וואָס
מען מאָהנט ביי איהם.

כַּקּוֹנֶה כַּמּוֹכֵר כַּמַּלְוֶה כַּלֹּוֶה כַּנֹּשֶׁה כַּאֲשֶׁר נֹשֶׁא בוֹ׃
3 הִבּוֹק ׀ תִּבּוֹק הָאָרֶץ וְהִבּוֹז ׀ תִּבּוֹז כִּי יְהוָה דִּבֶּר אֶת־
4 הַדָּבָר הַזֶּה׃ אָבְלָה נָבְלָה הָאָרֶץ אֻמְלְלָה נָבְלָה תֵּבֵל
ה אֻמְלָלוּ מְרוֹם עַם־הָאָרֶץ׃ וְהָאָרֶץ חָנְפָה תַּחַת יֹשְׁבֶיהָ
6 כִּי־עָבְרוּ תוֹרֹת חָלְפוּ חֹק הֵפֵרוּ בְּרִית עוֹלָם׃ עַל־כֵּן אָלָה
אָכְלָה אֶרֶץ וַיֶּאְשְׁמוּ יֹשְׁבֵי בָהּ עַל־כֵּן חָרוּ יֹשְׁבֵי אֶרֶץ
7 וְנִשְׁאַר אֱנוֹשׁ מִזְעָר׃ אָבַל תִּירוֹשׁ אֻמְלְלָה־גָפֶן נֶאֶנְחוּ
8 כָּל־שִׂמְחֵי־לֵב׃ שָׁבַת מְשׂוֹשׂ תֻּפִּים חָדַל שְׁאוֹן עַלִּיזִים
9 שָׁבַת מְשׂוֹשׂ כִּנּוֹר׃ בַּשִּׁיר לֹא יִשְׁתּוּ־יָיִן יֵמַר שֵׁכָר לְשֹׁתָיו׃
י 11 נִשְׁבְּרָה קִרְיַת־תֹּהוּ סֻגַּר כָּל־בַּיִת מִבּוֹא׃ צְוָחָה עַל־הַיַּיִן
12 בַּחוּצוֹת עָרְבָה כָּל־שִׂמְחָה גָּלָה מְשׂוֹשׂ הָאָרֶץ׃ נִשְׁאַר
13 בָּעִיר שַׁמָּה וּשְׁאִיָּה יֻכַּת־שָׁעַר׃ כִּי־כֹה יִהְיֶה בְּקֶרֶב
הָאָרֶץ בְּתוֹךְ הָעַמִּים כְּנֹקֶף זַיִת כְּעוֹלֵלֹת אִם־כָּלָה בָצִיר׃
14 טו הֵמָּה יִשְׂאוּ קוֹלָם יָרֹנּוּ בִּגְאוֹן יְהוָה צָהֲלוּ מִיָּם׃ עַל־כֵּן
בָּאֻרִים כַּבְּדוּ יְהוָה בְּאִיֵּי הַיָּם שֵׁם יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל׃
16 מִכְּנַף הָאָרֶץ זְמִרֹת שָׁמַעְנוּ צְבִי לַצַּדִּיק וָאֹמַר
רָזִי־לִי רָזִי־לִי אוֹי לִי בֹּגְדִים בָּגָדוּ וּבֶגֶד בּוֹגְדִים בָּגָדוּ׃
17 18 פַּחַד וָפַחַת וָפָח עָלֶיךָ יוֹשֵׁב הָאָרֶץ׃ וְהָיָה הַנָּס מִקּוֹל
הַפַּחַד יִפֹּל אֶל־הַפַּחַת וְהָעוֹלֶה מִתּוֹךְ הַפַּחַת יִלָּכֵד בַּפָּח
19 כִּי־אֲרֻבּוֹת מִמָּרוֹם נִפְתָּחוּ וַיִּרְעֲשׁוּ מוֹסְדֵי אָרֶץ׃ רֹעָה
הִתְרֹעֲעָה הָאָרֶץ פּוֹר הִתְפּוֹרְרָה אֶרֶץ מוֹט הִתְמוֹטְטָה
כ אָרֶץ׃ נוֹעַ תָּנוּעַ אֶרֶץ כַּשִּׁכּוֹר וְהִתְנוֹדְדָה כַּמְּלוּנָה וְכָבַד
21 עָלֶיהָ פִּשְׁעָהּ וְנָפְלָה וְלֹא־תֹסִיף קוּם׃ וְהָיָה בַּיּוֹם הַהוּא
יִפְקֹד יְהוָה עַל־צְבָא הַמָּרוֹם בַּמָּרוֹם וְעַל־מַלְכֵי הָאֲדָמָה
22 עַל־הָאֲדָמָה׃ וְאֻסְּפוּ אֲסֵפָה אַסִּיר עַל־בּוֹר וְסֻגְּרוּ עַל־
23 מַסְגֵּר וּמֵרֹב יָמִים יִפָּקֵדוּ׃ וְחָפְרָה הַלְּבָנָה וּבוֹשָׁה

הַחַמָּה

v. 2. כצ״ל v. 16. v. 18. קמץ בז״ק

3 שטאַרק אויסגעליידיגט ווערט ווערען דאָס לאַנד, און אין גאַנצען ווערט זי
בערויבט ווערען, דען גאָט האָט גערעדט דאָס דאָזיגע וואָרט.
4 עס טרויערט, פערוועלקט איז די ערד ; עס שמאַכטעט און עס איז פער־
וועלקט די וועלט, עס שמאַכטען די העכסטע פון דעם פאָלק פון לאַנד.
5 און די ערד איז פערדאָרבען געוואָרען אונטער איהרע איינוואָהנער, דען
זיי האָבען איבערגעטרעטען די לעהרען, זיי האָבען פערביטען דאָס געּ
6 זעץ, זיי האָבען צושטערט דעם אייביגען בונד. דאַרום פערצעהרט אַ
פלוך דאָס לאַנד, און בעשטראָפט זיינען געוואָרען די וואָס וואָהנען אין
איהם. דאַרום זיינען פערדאַרט געוואָרען די איינוואָהנער פון דעם לאַנד,
7 און איבערגעבליעבען זיינען מענשען גאַנץ וועניג. דער פרישער וויין
טרויערט, דער ווייגשטאָק איז פערשמאַכט, אַלע פרעהליכע הערצער זיפ־
8 צען. עס האָט אויפגעהערט די פרייד פון די פויקען, אויפגעהערט האָט
דאָס רוישען פון די לוסטיגע, פערשטערט געוואָרען איז די פרייד פון דער
9 האַרפע. מיט געזאַנג וועט מען ניט טרינקען מעהר וויין, פערביטערט
10 וועט ווערען דער שטאַרקער געטראַנק צו זיינע טרינקערס. זי איז צו־
בראָכען געוואָרען, (זי איז יעצט) אַ וויסטע שטאַנד, יעדע הויז איז פער־
11 שלאָסען געוואָרען, ניטאָ קיין אַריינגאַנג. אַ יאָמער געשריי איז אין די
גאַסען, אונטערגעגאַנגען איז יעדע פרייד, עס איז פערטריעבען געוואָרען
12 די לוסט פון דעם לאַנד. איבערגעבליעבען איז אין דער שטאָדט וויסטיג־
13 קייט, און צו אַ פערוויסטונג איז דער טהויער צושלאָגען. דען אַזוי וועט
עס זיין אין מיטען פון דעם לאַנד, צווישען די פעלקער : ווי ביי דעם אָב־
שאָקלען פון אַן איילבערט־בוים, ווי די איבערגעבליעבענע וויינטרויבען
נאָכדעם ווי די טרויבענזאַמלונג ענדיגט זיך (וועלען נור וועניג איבערבלײ־
14 בען). אָבער זיי וועלען אויפהויבען זייער שטים, זיי וועלען זינגען ;
15 מיט די גרויסקייט פון גאָט וועלען זיי שאַלען פון איבער די ימים. דאַרום
פערעהרט גאָט מיט בעלייכטונגען, (איהר וואָס געפינט זיך) אין די אינז־
16 לען פון ים, פערעהרט דעם נאָמען פון גאָט דעם גאָט פון ישראל. פון די
עקען פון דער ערד הערען מיר געזאַנגען, צו דעם גערעכטען (חזקיהו) הער־
ליכקייט. און איך האָב געזאָגט : אָבער פאָרלויפיג איז אַ געהיימניס צו
מיר, פעררעטהער פערראַטהען, מיט איהם וואָס טראָגען דעם מאַנטעל האָ־
17 בען די פעררעטהער פערראַטהען. אַ שרעק און אַ גרוב און אַ נעץ איז
18 קעגען דיר, דו בעוואָהנער פון דעם לאַנד. און עס וועט געשעהען, דאָס
דער וואָס וועט ענטרינען פון דעם ליאַרעם פון דעם שרעק, וועט פאַלען אין
די גרוב, און דער וואָס וועט ארויפגעהען פון דער גרוב וועט ווערען געכו־
מען געפאַנגען אין דעם נעץ. פירוואהר, די פענסטער פון דער הויך זיינען
געעפענט געוואָרען, און די פונדאַמענטער פון דער ערד ציטערען.
19 די ערד איז שטאַרק צושמעטערט געוואָרען, די ערד איז אין גאַנצען
20 צוברעקעלט געוואָרען, די ערד וואַנקט און וואַנקט. די ערד שאָקעלט
זיך, אַזוי ווי אַ שכור, און זי וואַנקט הין און הער ווי אַ וואַכטהויז, דען
איהר פערברעכען איז אויף איהר אנגעלאַדען שווער, און זי וועט פאַלען און
21 וועט ניט מעהר אויפשטעהען. און עס וועט געשעהען אין יענעם טאָג,
דאָס גאָט וועט בעשטראָפען די שאַארען (מחנות) פון דער הויך, אין דער
הויך, און די קעניגע פון דער ערד אויף דער ערד.
22 און זיי (די קעניגע) וועלען איינגעזאַמעלט ווערען, הויפענווייז געפאַנ־
גען אין דער געפענגניס־גרוב, און זיי וועלען פערשלאָסען ווערען מיט אַ
שלאָס, אָבער נאָך דעם פערלויף פון פיעל צייטען וועלען זיי ווידער
דערמאָהנט ווערען (צום גוטען).
23 און עס וועט פערשעהמט ווערען די לבנה, און די זונן וועט זיך שעהמען,
ווען דער גאָט פון די הערשאַרען וועט רעגיערען אויף דעם באַרג ציון

הַחַמָּה כִּי־מָלַךְ יְהוָה צְבָאוֹת בְּהַר צִיּוֹן וּבִירוּשָׁלַםִ וְנֶגֶד
זְקֵנָיו כָּבוֹד׃

כה Cap. XXV. כה

יְהוָה אֱלֹהַי אַתָּה אֲרוֹמִמְךָ אוֹדֶה שִׁמְךָ כִּי עָשִׂיתָ פֶּלֶא א
עֵצוֹת מֵרָחוֹק אֱמוּנָה אֹמֶן׃ כִּי שַׂמְתָּ מֵעִיר לַגָּל קִרְיָה 2
בְצוּרָה לְמַפֵּלָה אַרְמוֹן זָרִים מֵעִיר לְעוֹלָם לֹא יִבָּנֶה׃ עַל־ 3
כֵּן יְכַבְּדוּךָ עַם־עָז קִרְיַת גּוֹיִם עָרִיצִים יִירָאוּךָ׃ כִּי־הָיִיתָ 4
מָעוֹז לַדָּל מָעוֹז לָאֶבְיוֹן בַּצַּר־לוֹ מַחְסֶה מִזֶּרֶם צֵל מֵחֹרֶב
כִּי רוּחַ עָרִיצִים כְּזֶרֶם קִיר׃ כְּחֹרֶב בְּצָיוֹן שְׁאוֹן זָרִים ה
תַּכְנִיעַ חֹרֶב בְּצֵל עָב זְמִיר עָרִיצִים יַעֲנֶה׃ וְעָשָׂה 6
יְהוָה צְבָאוֹת לְכָל־הָעַמִּים בָּהָר הַזֶּה מִשְׁתֵּה שְׁמָנִים
מִשְׁתֵּה שְׁמָרִים שְׁמָנִים מְמֻחָיִם שְׁמָרִים מְזֻקָּקִים׃ וּבִלַּע 7
בָּהָר הַזֶּה פְּנֵי־הַלּוֹט ׀ הַלּוֹט עַל־כָּל־הָעַמִּים וְהַמַּסֵּכָה
הַנְּסוּכָה עַל־כָּל־הַגּוֹיִם׃ בִּלַּע הַמָּוֶת לָנֶצַח וּמָחָה אֲדֹנָי 8
יְהוִה דִּמְעָה מֵעַל כָּל־פָּנִים וְחֶרְפַּת עַמּוֹ יָסִיר מֵעַל כָּל־
הָאָרֶץ כִּי יְהוָה דִּבֵּר׃ וְאָמַר בַּיּוֹם הַהוּא הִנֵּה 9
אֱלֹהֵינוּ זֶה קִוִּינוּ לוֹ וְיוֹשִׁיעֵנוּ זֶה יְהוָה קִוִּינוּ לוֹ נָגִילָה
וְנִשְׂמְחָה בִּישׁוּעָתוֹ׃ כִּי־תָנוּחַ יַד־יְהוָה בָּהָר הַזֶּה וְנָדוֹשׁ י
מוֹאָב תַּחְתָּיו כְּהִדּוּשׁ מַתְבֵּן בְּמֵי מַדְמֵנָה׃ וּפֵרַשׂ יָדָיו 11
בְּקִרְבּוֹ כַּאֲשֶׁר יְפָרֵשׂ הַשֹּׂחֶה לִשְׂחוֹת וְהִשְׁפִּיל גַּאֲוָתוֹ עִם
אָרְבּוֹת יָדָיו׃ וּמִבְצַר מִשְׂגַּב חוֹמֹתֶיךָ הֵשַׁח הִשְׁפִּיל הִגִּיעַ 12
לָאָרֶץ עַד־עָפָר׃

כו Cap. XXVI. כו

בַּיּוֹם הַהוּא יוּשַׁר הַשִּׁיר־הַזֶּה בְּאֶרֶץ יְהוּדָה עִיר עָז־לָנוּ א
יְשׁוּעָה יָשִׁית חוֹמוֹת וָחֵל׃ פִּתְחוּ שְׁעָרִים וְיָבֹא גוֹי־צַדִּיק 2
שֹׁמֵר אֱמֻנִים׃ יֵצֶר סָמוּךְ תִּצֹּר שָׁלוֹם ׀ שָׁלוֹם כִּי בְּךָ בָּטוּחַ׃ 3
בִּטְחוּ בַיהוָה עֲדֵי־עַד כִּי בְּיָהּ יְהוָה צוּר עוֹלָמִים׃ כִּי 4 ה

השח

כ״ה v. 10. במו קרי

און אין ירושלים, און פאר זיינע עלטסטע (די צדיקים) איז אָנגעגרייט
פיעל עהרע.

קאַפּיטעל כה

1 אָ, גאָט ! דו ביזט מיין גאָט, איך וועל דיך ערהויבען, איך וועל לויבען
דיין נאָמען, דען וואונדער האָסטו געטהאָן, דיינע בעשליסע פון לאנג אָן
2 מיט געטרייהייט און וואַהרהייט. דען דו האָסט געמאַכט די שטעדט (פון
שונא) אַ שטיינהויפען, אַ פעסטע שטאָדט פאַר אַן איינגעפאַלענע רואי־
נע, דעם פאַלאַץ פון די באַרבאַרען פאַר אַ שטאָדט וואָס זאָל קיינמאָל ניט
3 אויפגעבויט ווערען. דאַרום וועט דיר אָבגעבען עהרע יעדעם שטאַרקע
פאָלק, די שטאָדט פון די מעכטיגע נאַציאָנען, (זיי) וועלען פאַר דיר פירכ־
4 טען. דען דו ביזט געוואָרען אַ פעסטונג פאַר דעם אָרעמען, אַ שטאַרקייט
פאַר דעם נויטבעדירפטיגען, ווען ער איז אין נויט, אַ שוץ קעגען שטראָם,
אַ שאָטען קעגען היץ, דען דער צאָרן פון די טיראַנען איז ווי אַ וואַסער־
5 פאַל קעגען אַ וואַנד. ווי די היץ אין דער וויסטע, אַזוי ווערסטו דאָס גע־
רויש פון די באַרבאַרען אונטערטהעניג מאַכען, אַזוי ווי די היץ אונטער
אַ דיקען שאָטען, אַזוי וועט ער (גאָט) דעם געזאַנג פון די טיראַנען אונ־
6 טערדריקען. און דער גאָט פון די הערשאַרען וועט מאַכען פאַר די אַלע
פעלקער וואָס זיינען געקומען קעגען דעם דאָזיגען באַרג (ירושלים) אָנ־
שטאָט פעטע שפייזען מיט מאַרך, הייוועז געלייטערטע.
7 און ער וועט פערניכטען אויף דעם דאָזיגען באַרג, דעם שלייער, וועלכער
פערדעקט אַלע פעלקער, און די דעקע וואָס בעדעקט אַלע נאַציאָנען.
8 ער וועט פערניכטען דעם טויט אויף אייביג, און דער העדר גאָט וועט
אָפּווישען טרעהרען פון יעדען געזיכט, און די שאַנד פון זיין פאָלק וועט
ער אָפּטהאָן פון דער גאַנצער ערד ; דען גאָט האָט גערעדט.
9 און מען וועט אין יענעם טאָג זאָגען : זעה, דאָס איז אונזער גאָט, מיר
האָבען געהאָפט אויף איהם און ער וועט אונז העלפען, דאָס איז דער גאָט
וואָס מיר האָבען געהאָפט אויף איהם, לאָזען מיר זיין לוסטיג און מיר
10 וועלען זיך פרעהען מיט זיין הילף. דען די האַנד פון גאָט וועט רוהען אויף
דעם דאָזיגען באַרג (ארץ ישראל), אָבער מואָב וועט צודראָשען ווערען אויף
זיין אָרט, ווי אַ בונד שטרוי ווערט צודראָשען אין אַ מיסטהויפען.
11 און ער (מואָב) וועט אויסשפרייטען זיינע הענד, אַזוי ווי דער שווימער
שפרייט אויס (די הענד) צום שווימען, אָבער ער (גאָט) וועט ניעדעריג
מאַכען זיין שטאָלץ מיט די געלענקען פון זיינע הענד.
12 און דיינע מויערען (פון מואב) וואָס זיינען דיר געווען פעסטונגען און
טהורמען האָט ער איינגעבויגען, ניעדריג געמאַכט, ער האָט זיי געמאַכט
גרייכען צו דער ערד, צו דעם שטויב.

קאַפּיטעל כו

1 אין יענעם טאָג וועט דיעזער געזאַנג געזונגען ווערען אין לאַנד יהודה :
די שטאָדט (ירושלים) איז אַ שטאַרקהייט פאַר אונז, (זיין) הילף וועט ער
2 מאַכען פאַר מויערען און פעסטונג. עפענט די טהויערען, און עס זאָל
אריינקומען דאָס גערעכטע פאָלק, וואָס היט די טרייהייט (צו גאָט).
3 דעם (מאַן וואָס זיין) געדאַנקען פערטרויט זיך אויף דיר זאָלסטו היטען
מיט פריעדען. פריעדען (קומט איהם) דען אין דיר איז ער פערזיכערט.
4 פערזיכערט אייך אין גאָט אויף אייביג, דען נור אין דעם העדר גאָט (קען
מען זיך פערזיכערן), ווייל ער איז אַן אייביגער פעלז.
5 דען ער האָט איינגעבויגען די וואָס וואָהנען אין דער הויך, די דערהויי־
בענע שטאָדט מאַכט ער ניעדריג. ער מאַכט זי ניעדעריג ביז צו דער
ערד ; ער מאַכט איהר גרייכען צו דעם שטויב.

הֵשַׁח יֹשְׁבֵי מָרוֹם קִרְיָה נִשְׂגָּבָה יַשְׁפִּילֶנָּה יַשְׁפִּילָהּ עַד־
6 אֶרֶץ יַגִּיעֶנָּה עַד־עָפָר׃ תִּרְמְסֶנָּה רָגֶל רַגְלֵי עָנִי פַּעֲמֵי
7 דַלִּים׃ אֹרַח לַצַּדִּיק מֵישָׁרִים יָשָׁר מַעְגַּל צַדִּיק תְּפַלֵּס׃
8 אַף אֹרַח מִשְׁפָּטֶיךָ יְהוָה קִוִּינוּךָ לְשִׁמְךָ וּלְזִכְרְךָ תַּאֲוַת־
9 נָפֶשׁ׃ נַפְשִׁי אִוִּיתִךָ בַּלַּיְלָה אַף־רוּחִי בְקִרְבִּי אֲשַׁחֲרֶךָּ
י כִּי כַּאֲשֶׁר מִשְׁפָּטֶיךָ לָאָרֶץ צֶדֶק לָמְדוּ יֹשְׁבֵי תֵבֵל׃ יֻחַן
רָשָׁע בַּל־לָמַד צֶדֶק בְּאֶרֶץ נְכֹחוֹת יְעַוֵּל וּבַל־יִרְאֶה גֵּאוּת
11 יְהוָה׃ יְהוָה רָמָה יָדְךָ בַּל־יֶחֱזָיוּן יֶחֱזוּ וְיֵבֹשׁוּ קִנְאַת־
12 עָם אַף־אֵשׁ צָרֶיךָ תֹאכְלֵם׃ יְהוָה תִּשְׁפֹּת שָׁלוֹם
13 לָנוּ כִּי גַּם־כָּל־מַעֲשֵׂינוּ פָּעַלְתָּ לָּנוּ׃ יְהוָה אֱלֹהֵינוּ
14 בְּעָלוּנוּ אֲדֹנִים זוּלָתֶךָ לְבַד־בְּךָ נַזְכִּיר שְׁמֶךָ׃ מֵתִים בַּל־
יִחְיוּ רְפָאִים בַּל־יָקֻמוּ לָכֵן פָּקַדְתָּ וַתַּשְׁמִידֵם וַתְּאַבֵּד כָּל־
טו זֵכֶר לָמוֹ׃ יָסַפְתָּ לַגּוֹי יְהוָה יָסַפְתָּ לַגּוֹי נִכְבָּדְתָּ רִחַקְתָּ
16 כָּל־קַצְוֵי־אָרֶץ׃ יְהוָה בַּצַּר פְּקָדוּךָ צָקוּן לַחַשׁ
17 מוּסָרְךָ לָמוֹ׃ כְּמוֹ הָרָה תַּקְרִיב לָלֶדֶת תָּחִיל תִּזְעַק
18 בַּחֲבָלֶיהָ כֵּן הָיִינוּ מִפָּנֶיךָ יְהוָה׃ הָרִינוּ חַלְנוּ כְּמוֹ יָלַדְנוּ
19 רוּחַ יְשׁוּעֹת בַּל־נַעֲשֶׂה אֶרֶץ וּבַל־יִפְּלוּ יֹשְׁבֵי תֵבֵל׃ יִחְיוּ
מֵתֶיךָ נְבֵלָתִי יְקוּמוּן הָקִיצוּ וְרַנְּנוּ שֹׁכְנֵי עָפָר כִּי טַל אוֹרֹת
כ טַלֶּךָ וָאָרֶץ רְפָאִים תַּפִּיל׃ לֵךְ עַמִּי בֹּא בַחֲדָרֶיךָ
וּסְגֹר דְּלָתְךָ בַּעֲדֶךָ חֲבִי כִמְעַט־רֶגַע עַד־יַעֲבָור־זָעַם׃
21 כִּי־הִנֵּה יְהוָה יֹצֵא מִמְּקוֹמוֹ לִפְקֹד עֲוֹן יֹשֵׁב־הָאָרֶץ עָלָיו
וְגִלְּתָה הָאָרֶץ אֶת־דָּמֶיהָ וְלֹא־תְכַסֶּה עוֹד עַל־הֲרוּגֶיהָ׃

CAP. XXVII. כז — כז

א בַּיּוֹם הַהוּא יִפְקֹד יְהוָה בְּחַרְבּוֹ הַקָּשָׁה וְהַגְּדוֹלָה וְהַחֲזָקָה
עַל לִוְיָתָן נָחָשׁ בָּרִחַ וְעַל לִוְיָתָן נָחָשׁ עֲקַלָּתוֹן וְהָרַג אֶת־
2 הַתַּנִּין אֲשֶׁר בַּיָּם׃ בַּיּוֹם הַהוּא כֶּרֶם חֶמֶר עַנּוּ־לָהּ׃
3 אֲנִי יְהוָה נֹצְרָהּ לִרְגָעִים אַשְׁקֶנָּה פֶּן יִפְקֹד עָלֶיהָ לַיְלָה

ויום

כ״ג v. 20. יחיד · ibid. יחיד ·

6 צוטרעטען וועט זי דער פוס ; די פיס פון די אָרעמע, די טריט פון די
7 נויטבעדירפטיגע. דער וועג פון דעם גערעכטען איז גראדהייט. דו גע־
8 רעכטער (גאָט !) דעם שטעג פון דעם גערעכטען וועגסטו. אויך ווען דו
געהסט מיט אונז מיט דעם וועג פון דיין שטראָף, אָ גאָט, דאָך האָפען מיר
צו דיר, צו דיין נאָמען און צו דיין אַנדענקען איז די געלוסטיגקייט פון דער
9 זעעלע. דו מיין לעבען (גאָט), איך גלוסט נאָך דיר אין דער נאַכט און
אויך ווי לאַנג מיין גייסט איז אין מיר וועל איך דיך זוכען, דען ווען דיין
שטראָפגעריכט קומט אויף דער ערד, לעהרנען די איינוואָהנער פון דער
10 וועלט צו טהאָן גערעכטיגקייט. אָבער אויב דער רשע וועט בעגנאַדיגט
ווערען, וועט ער ניט לעהרנען קיין גערעכטיגקייט, אין דעם לאַנד פון גע־
רעכטיגקייט וועט ער טהאָן אונרעכט, און ער וויל ניט איינזעהען די גרויס־
11 קייט פון גאָט. אָ, גאָט ! דיין האַנד איז ערהאַבען, אָבער זיי זעהען עס
ניט ; זאָלען זיי זעהען און פערשעהמט ווערען, (זאָלען זיי זעהען) דיין
אייפערזיכטיגקייט פאַר דיין פאָלק, דער צאָרן פון דיינע פיינד זאָל ווערען
12 אַ פייער און עס זאָל זיי פערצעהרען. אָ, גאָט, פאַר אונז אָבער זאָלסטו
בעשטעלען פריעדען, דען דאָך אויך אַלע אונזערע ווערק, האָסטו פאַר
13 אונז געמאַכט. גאָט, אונזער הערר ! עס האָבען אונז בעהערשט הערען
אויסער דיך, אָבער נאָר דיר, נאָר דיין נאָמען דערמאָהנען מיר.
14 זיי (די געצען) זיינען טויט, און זיי וועלען אויך קיינמאָל ניט לעבען,
זיי זיינען געשטאָרבען, זיי וועלען קיינמאָל ניט אויפשטעהען, וואהרליך,
דו האָסט זיי אויפגעזוכט און האָסט זיי פערטיליגט, און דו האָסט פער־
ניכטעט יעדען אַנדענקען פון זיי.
15 דו האָסט איינגעזאַמעלט דאָס פאָלק (יהודה) אָ, גאָט, דו האָסט איינ־
געזאַמעלט דאָס פאָלק וואָס דורך איהם ווערסט דו געעהרט, (דאָס פאָלק)
וואָס דו האָסט געהאַט דערווייטערט אין די אַלע עקען פון דער ערד.
16 אָ, גאָט, אין נויטה האָבען זיי דיך דערמאַהנט, זיי גיעסען אויס זייער גע־
17 בעט, ווען דיין שטראָף קומט אויף זיי. אַזוי ווי אַ שוואַנגערע, וואָס די
צייט ברענגט איהר נאָהענט צו געווינען, זי האָט וועהען, זי שרייט אין
איהרע שמערצען, אַזוי זיינען מיר געוועזן פאַר דיר, אָ,גאָט.
18 מיר האָבען געשוואַנגערט, מיר האָבען געהאַט וועהען — אָבער אַזוי ווי
מיר וואָלטען ווינד געבאָרען ; קיינע הילף איז ניט געשעהען אויף דער
ערד, און די בעזיצער פון דער וועלט (די רשעים) פאַלען ניט.
19 לאָזען אויפלעבען דיינע טויטע, מיינע געפאַלענע טויטע קערפערס זאָלען
אויפשטעהען. ערוואַכט, און זינגט, איהר וואָס רוהט אין דעם שטויב,
דען אַ טהוי פון לעבענסליכט איז דיין טהוי, און די ערד וועט איהרע
20 טויטע אַרויסברענגען. געה מיין פאָלק, קום אַריין אין דיינע צימערען,
און פערשליעס דיינע טהירען הינטער דיר, פערבאַרג זיך אַ קורצען אוי־
גענבליק, ביז דער צאָרן (פון גאָט) וועט פאַראיבערגעהען.
21 דען זעה, גאָט קומט אַרויס פון זיין אָרט, צו בעשטראָפען די זינד פון
דעם בעוואָהנער פון דער ערד (אויף איהם), און די ערד וועט אויפדעקען
איהר בלוט, און זי וועט ניט מעהר פערדעקען אויף איהרע דערשלאַגענע.

קאַפּיטעל כז

1 אין יענעם טאָג וועט גאָט בעשטראָפען מיט זיין שווערד דעם האַרטען,
דעם גרויסען און דעם שטאַרקען דעם לויתן דעם ריגעל שלאַנג (אשור),
און דעם לויתן דעם געקרימטען שלאַנג (בבל), און ער וועט טויטען דעם
2 קראָקאָדיל וואָס איז אין ים (מצרים). אין יענעם טאָג זינגט צו איהר
(צו יהודה) : וויינגאָרטען פון דעם רויטען וויין.
3 איך גאָט היט איהר (ציון) יעדע ווייַלע וועל איך איהר אַנטרינקען ;
איהרע בלעטער זאָלען ניט געפעהלט ווערען, נאַכט און טאָג וועל איך

יוֹם אֶצֳּרֶנָּה׃ חֵמָה אֵין לִי מִי־יִתְּנֵנִי שָׁמִיר שַׁיִת בַּמִּלְחָמָה 4
אֶפְשְׂעָה בָהּ אֲצִיתֶנָּה יָּחַד׃ אוֹ יַחֲזֵק בְּמָעֻזִּי יַעֲשֶׂה שָׁלוֹם ה
לִי שָׁלוֹם יַעֲשֶׂה־לִּי׃ הַבָּאִים יַשְׁרֵשׁ יַעֲקֹב יָצִיץ וּפָרַח 6
יִשְׂרָאֵל וּמָלְאוּ פְנֵי־תֵבֵל תְּנוּבָה׃ הַכְּמַכַּת מַכֵּהוּ 7
הִכָּהוּ אִם־כְּהֶרֶג הֲרֻגָיו הֹרָג׃ בְּסַאסְּאָה בְּשַׁלְחָהּ תְּרִיבֶנָּה 8
הָגָה בְּרוּחוֹ הַקָּשָׁה בְּיוֹם קָדִים׃ לָכֵן בְּזֹאת יְכֻפַּר עֲוֹן 9
יַעֲקֹב וְזֶה כָּל־פְּרִי הָסִר חַטָּאתוֹ בְּשׂוּמוֹ ׀ כָּל־אַבְנֵי מִזְבֵּחַ
כְּאַבְנֵי־גִר מְנֻפָּצוֹת לֹא־יָקֻמוּ אֲשֵׁרִים וְחַמָּנִים׃ כִּי עִיר י
בְּצוּרָה בָּדָד נָוֶה מְשֻׁלָּח וְנֶעֱזָב כַּמִּדְבָּר שָׁם יִרְעֶה עֵגֶל
וְשָׁם יִרְבָּץ וְכִלָּה סְעִפֶיהָ׃ בִּיבֹשׁ קְצִירָהּ תִּשָּׁבַרְנָה 11
נָשִׁים בָּאוֹת מְאִירוֹת אוֹתָהּ כִּי לֹא עַם־בִּינוֹת הוּא עַל־כֵּן
לֹא־יְרַחֲמֶנּוּ עֹשֵׂהוּ וְיֹצְרוֹ לֹא יְחֻנֶּנּוּ׃ וְהָיָה בַּיּוֹם 12
הַהוּא יַחְבֹּט יְהוָה מִשִּׁבֹּלֶת הַנָּהָר עַד־נַחַל מִצְרָיִם וְאַתֶּם
תְּלֻקְּטוּ לְאַחַד אֶחָד בְּנֵי יִשְׂרָאֵל׃ וְהָיָה ׀ בַּיּוֹם הַהוּא 13
יִתָּקַע בְּשׁוֹפָר גָּדוֹל וּבָאוּ הָאֹבְדִים בְּאֶרֶץ אַשּׁוּר וְהַנִּדָּחִים
בְּאֶרֶץ מִצְרָיִם וְהִשְׁתַּחֲווּ לַיהוָה בְּהַר הַקֹּדֶשׁ בִּירוּשָׁלִָם׃

כח

Cap. XXVIII. כח

הוֹי עֲטֶרֶת גֵּאוּת שִׁכֹּרֵי אֶפְרַיִם וְצִיץ נֹבֵל צְבִי תִפְאַרְתּוֹ א
אֲשֶׁר עַל־רֹאשׁ גֵּיא־שְׁמָנִים הֲלוּמֵי יָיִן׃ הִנֵּה חָזָק וְאַמִּץ 2
לַאדֹנָי כְּזֶרֶם בָּרָד שַׂעַר קָטֶב כְּזֶרֶם מַיִם כַּבִּירִים שֹׁטְפִים
הִנִּיחַ לָאָרֶץ בְּיָד׃ בְּרַגְלַיִם תֵּרָמַסְנָה עֲטֶרֶת גֵּאוּת שִׁכּוֹרֵי 3
אֶפְרָיִם׃ וְהָיְתָה צִיצַת נֹבֵל צְבִי תִפְאַרְתּוֹ אֲשֶׁר עַל־רֹאשׁ 4
גֵּיא שְׁמָנִים כְּבִכּוּרָהּ בְּטֶרֶם קַיִץ אֲשֶׁר יִרְאֶה הָרֹאֶה
אוֹתָהּ בְּעוֹדָהּ בְּכַפּוֹ יִבְלָעֶנָּה׃ בַּיּוֹם הַהוּא יִהְיֶה ה
יְהוָה צְבָאוֹת לַעֲטֶרֶת צְבִי וְלִצְפִירַת תִּפְאָרָה לִשְׁאָר
עַמּוֹ׃ וּלְרוּחַ מִשְׁפָּט לַיּוֹשֵׁב עַל־הַמִּשְׁפָּט וְלִגְבוּרָה 6
מְשִׁיבֵי מִלְחָמָה שָׁעְרָה׃ וְגַם־אֵלֶּה בַּיַּיִן שָׁגוּ וּבַשֵּׁכָר תָּעוּ 7

כהן

כ״ז v. 3. הצ׳ בחי׳ק v. 4. הש׳ בחי׳ק v. 10. קָמֶץ בטרחא

4 איהר היטען. איך האָב ניט מעהר קיין צאָרן (אויף מיין וויינגאָרטען),
אַז איינער וואָלט מיר אָנצייגען דערנער און דיסטלען, אין דער צייט פון
שטרייט וואָלט איך זיי צוטרעטען אָדער איך וואָלט אָנצינדען אַלעמען צו־
5 זאַמען. אַך! הלואי זאָל נור יעדער אָנהאַלטען אָן מיין שטאַרקייט, און
זאָל מאַכען פריעדען מיט מיר, פריעדען וועט ער מיט מיר מאַכען.
6 אין די קומענדע טעג וועט יעקב איינוואָרצלען, שפּראָצען און בליהען וועט
ישראל, און די אַנגעזיכט פון דער וועלט וועט פול ווערען מיט זייער פרוכט.
7 האָט ער (גאָט) דען איהם (ישראל) אַזוי שטאַרק געשלאָגען ווי ער האָט
געשלאגען זיינע שלעגער (אשור און בבל)? אָדער איז ער אַזוי געמער־
דערט געוואָרען ווי עס זיינען געמאָרדעט געוואָרען זיינע מערדער?
8 מיט אַ גאַנץ קליינע מאָס, אין דעם וואָס דו האָסט איהר אַוועקגעשיקט
(אין גלות), האָסטו זיך מיט איהר געקריעגט, ער האָט איהר געלייטערט
9 מיט זיין שטאַרקען ווינד, אין דעם טאָג פון דעם מזרח ווינד. פירוואַהר!
אָבער דורך דעם וועט פערגעבען ווערען די זינד פון יעקב, און דאָס וועט
זיין דער בעסטער היילמיטעל פון אַלעס, דאָס אָבשאַפען פון זיינע זינד,
דען יעצט וועט ער מאַכען די אַלע שטיינער פון דעם אַלטאַר ווי צוהאַקטע
קאַלכ־שטיינער; עס וועלען שוין מעהר ניט אויפשטעהען די געצען־בוימער
10 און די זונבילדער. אָבער די בעפעסטיגטע שטאָדט וועט בלייבען איינ־
זאַם, די פּראַכטיגע וואָהנונגען פערלאָזען, און פערוויסטעט ווי אַ וויסטע,
דאָרט וועט זיך פיטערען אַ קאַלב, און דאָרט וועט עס זיך לאַגערען, און
11 וועט פערניכטען איהרע צווייגען. ווען איהרע צווייגען וועלען פערטריי־
קענט ווערען, וועלען זיי צובראָכען ווערען; פרויען וועלען קומען און ווע־
לען זיי אָנצינדען, דען אַ פאָלק אָהן פערשטאַנד איז עס (בבל), דאַרום
וועט זיין בעשעפער זיך ניט דערבאַרעמען אויף איהם, און זיין בלינדער
12 (גאָט) וועט ניט זיין גנעדיג צו איהם. און עס וועט געשעהען אין יענעם
טאָג וועט גאָט אַראָבשאָקלען (די פרוכט) פון דעם שטראָם פון טייך (פרת)
אָן, ביז צו דעם טייך מצרים, און איהר וועט צוזאַמענגעקליעבען ווערען
איינער ביי איינעם, איהר קינדער פון ישראל.
13 און עס וועט געשעהען אין יענעם טאָג; עס וועט געבלאָזען ווערען מיט
אַ גרויסען שופר, און עס וועלען צוריקקומען די פערלאָרענע (ישראל)
פון לאַנד אשור, און די פערשטויסענע פון לאַנד מצרים, און זיי וועלען
זיך בוקען צו גאָט אויף דעם הייליגען באַרג, אין ירושלים.

קאַפּיטעל כח

1 וועה צו דער שטאָלצער קרוין פון די בעטרונקענע פון אפרים, צו דער וועל־
קענדער בלום פון זיין שעהנער פּראַכט, און צו די בערוישטע וועלכע זיינען
2 אויף דעם שפּיטץ פון דעם פעטען טהאָל. זעה, אַ שטאַרקער און אַ מעכ־
טיגער איז געשיקט פון גאָט, ווי אַ האָגעל־שטורעם, ווי אַ געוויטער, ווי אַ
שטראָם פון שטאַרקע וואַסערען, מיט קראַפט וועט ער זיי וואַרפען צו דער
3 ערד. מיט די פיס וועלען זיי צוטרעטען ווערען, די קרוין און די שטאָלץ
4 פון די בעטרונקענע פון אפרים. און אַ פערוועלקטע בלום וועט ווערען
זיין שעהנע פּראַכט אויף דעם שפּיטץ פון דעם פעטען טהאָל. אַ פריהצייי־
טיגע פרוכט איידער דער זומער קומט, דאָס ווען דער זעהער דערזעהט
5 איהר, קוים איז זי אין זיין האַנד פערשלינגט ער איהר. אין יענעם טאָג
וועט דער גאָט פון די הערשאַרען זיין אַ קרוין פון שעהנהייט, און אַ קאָפּ־
6 ציערונג פון פּראַכט פאַר דעם איבערעסט פון זיין פאָלק. און אַ גייסט
פון גערעכטיגקייט פאַר איהם וואָס זיצט אויף דעם ריכטער־שטוהל, און
שטאַרקייט צו די וואָס טרייבען אַוועק דעם שטרייט פון דעם טהויער.
7 און אויך דיעזע (די גרויסע לייט פון ירושלים) האָבען זיך אַריינגעלאָזען

כֹּהֵן וְנָבִיא שָׁגוּ בַשֵּׁכָר נִבְלְעוּ מִן־הַיַּיִן תָּעוּ מִן־הַשֵּׁכָר שָׁגוּ
8 בָּרֹאֶה פָּקוּ פְּלִילִיָּה׃ כִּי כָּל־שֻׁלְחָנוֹת מָלְאוּ קִיא צֹאָה
9 בְּלִי מָקוֹם׃ אֶת־מִי יוֹרֶה דֵעָה וְאֶת־מִי יָבִין שְׁמוּעָה
י גְּמוּלֵי מֵחָלָב עַתִּיקֵי מִשָּׁדָיִם׃ כִּי צַו לָצָו צַו לָצָו קַו
11 לָקָו קַו לָקָו זְעֵיר שָׁם זְעֵיר שָׁם׃ כִּי בְּלַעֲגֵי שָׂפָה וּבְלָשׁוֹן
12 אַחֶרֶת יְדַבֵּר אֶל־הָעָם הַזֶּה׃ אֲשֶׁר ׀ אָמַר אֲלֵיהֶם זֹאת
הַמְּנוּחָה הָנִיחוּ לֶעָיֵף וְזֹאת הַמַּרְגֵּעָה וְלֹא אָבוּא שְׁמוֹעַ׃
13 וְהָיָה לָהֶם דְּבַר־יְהוָה צַו לָצָו צַו לָצָו קַו לָקָו קַו לָקָו
זְעֵיר שָׁם זְעֵיר שָׁם לְמַעַן יֵלְכוּ וְכָשְׁלוּ אָחוֹר וְנִשְׁבָּרוּ
14 וְנוֹקְשׁוּ וְנִלְכָּדוּ׃ לָכֵן שִׁמְעוּ דְבַר־יְהוָה אַנְשֵׁי לָצוֹן
טו מֹשְׁלֵי הָעָם הַזֶּה אֲשֶׁר בִּירוּשָׁלָםִ׃ כִּי אֲמַרְתֶּם כָּרַתְנוּ
בְרִית אֶת־מָוֶת וְעִם־שְׁאוֹל עָשִׂינוּ חֹזֶה שִׁיט שׁוֹטֵף כִּי־
יַעֲבֹר לֹא יְבוֹאֵנוּ כִּי שַׂמְנוּ כָזָב מַחְסֵנוּ וּבַשֶּׁקֶר נִסְתָּרְנוּ׃
16 לָכֵן כֹּה אָמַר אֲדֹנָי יֱהוִה הִנְנִי יִסַּד בְּצִיּוֹן אָבֶן אֶבֶן
17 בֹּחַן פִּנַּת יִקְרַת מוּסָד מוּסָּד הַמַּאֲמִין לֹא יָחִישׁ׃ וְשַׂמְתִּי
מִשְׁפָּט לְקָו וּצְדָקָה לְמִשְׁקָלֶת וְיָעָה בָרָד מַחְסֵה כָזָב
18 וְסֵתֶר מַיִם יִשְׁטֹפוּ׃ וְכֻפַּר בְּרִיתְכֶם אֶת־מָוֶת וְחָזוּתְכֶם
אֶת־שְׁאוֹל לֹא תָקוּם שׁוֹט שׁוֹטֵף כִּי יַעֲבֹר וִהְיִיתֶם לוֹ
19 לְמִרְמָס׃ מִדֵּי עָבְרוֹ יִקַּח אֶתְכֶם כִּי־בַבֹּקֶר בַּבֹּקֶר יַעֲבֹר
כ בַּיּוֹם וּבַלָּיְלָה וְהָיָה רַק־זְוָעָה הָבִין שְׁמוּעָה׃ כִּי־קָצַר
21 הַמַּצָּע מֵהִשְׂתָּרֵעַ וְהַמַּסֵּכָה צָרָה כְּהִתְכַּנֵּס׃ כִּי כְהַר־
פְּרָצִים יָקוּם יְהוָה כְּעֵמֶק בְּגִבְעוֹן יִרְגָּז לַעֲשׂוֹת מַעֲשֵׂהוּ
22 זָר מַעֲשֵׂהוּ וְלַעֲבֹד עֲבֹדָתוֹ נָכְרִיָּה עֲבֹדָתוֹ׃ וְעַתָּה אַל־
תִּתְלוֹצָצוּ פֶּן־יֶחְזְקוּ מוֹסְרֵיכֶם כִּי־כָלָה וְנֶחֱרָצָה שָׁמַעְתִּי
23 מֵאֵת אֲדֹנָי יֱהוִה צְבָאוֹת עַל־כָּל־הָאָרֶץ׃ הַאֲזִינוּ
24 וְשִׁמְעוּ קוֹלִי הַקְשִׁיבוּ וְשִׁמְעוּ אִמְרָתִי׃ הֲכֹל הַיּוֹם יַחֲרֹשׁ
כה הַחֹרֵשׁ לִזְרֹעַ יְפַתַּח וִישַׂדֵּד אַדְמָתוֹ׃ הֲלוֹא אִם־שִׁוָּה

פניה

v. 12. כצ״ל v. 13. קמץ בז״ק v. 15. שוט ק׳ ibid. יעבור ק׳ v. 16 דגש אחר שורק v. 22. קמץ בז״ק

אין טרינקען וויין, און דורך די שטאַרקע געטרענקע זיינען זיי פעראירט
געוואָרען, דער פריעסטער און דער פּראָפעט האבען געאירט דורך שטאַר־
קע געטרענקע, זיי זיינען פערשלונגען געוואָרען פון דעם וויין, זיי זיינען
פעראירט דורך שטאַרקע געטרענקע, זיי האָבען פארזעהען אין זייערע אור־
8 טהיילען, זיי שטרויכלען אין געזעץ. דען אַלע טישען זיינען פול מיט
9 עקעלהאַפטע שמוטץ, עס איז ניטאָ אַ (ריינער) אָרט. (זיי זאָגען) וועמען
וויל ער לעהרנען וויסענשאַפט, און וועמען גיט ער צו פערשטעהען די לעה־
רע? זיינען מיר דען יעצט ענטוועהנטע פון דעם מילך, צוריקגעצויגענע פון
10 דער ברוסט? דען ער גיט אונז אַ געבאָט צו אַ געבאָט, אַ געבאָט צו אַ
געבאָט, אַ פערזאַמלונג פון (דינים) נאָך אַ פערזאַמלונג, אַ פערזאַמלונג נאָך
11 אַ פערזאַמלונג, איין וועניג דאָ, איין וועניג דאָרט. וואַהרליך, ווי מיט אַ
שטאַמעלדיגע שפּראַך, און ווי מיט אַ פרעמדע שפּראַך רעדט ער (דער
12 נביא) צו דעם דאָזיגען פאָלק. ווען ער זאָגט צו זיי: דאָס איז אַ רוה;
לאָזט דעם פערמאַטערטען רוהען, און דאָס איז די ערהאַלטונג, אָבער זיי
13 ווילען ניט הערען. און גאָט'ס וואָרט איז צו זיי געוואָרען (אַ געלעכ־
טער): „אַ געבאָט צו אַ געבאָט, אַ געבאָט צו אַ געבאָט, אַ פערזאַמלונג
נאָך אַ פערזאַמלונג, אַ פערזאַמלונג נאָך אַ פערזאַמלונג, איין וועניג דאָ,
איין וועניג דאָרט", אום זיי זאָלען געהען און געשטרויכעלט ווערען
ריקווערטס, און זיי וועלען צובראָכען ווערען, און זיי וועלען ארייןפאַלען
14 אין נעץ און וועלען געפאַנגען ווערען. דאַרום הערט דאָס וואָרט פון גאָט,
איהר שפּאַסמאַכער, איהר הערשער פון דעם דאָזיגען פאָלק וואָס איז אין
15 ירושלים. דען איהר האָט געזאָגט: מיר האָבען געשלאָסען מיט דעם
טוידט אַ בונד, און מיט דער גרוב האָבען מיר אַן אָבמאַך געמאַכט, אַ פליי־
צענדער שטראָף ווען ער וועט דורכגעהען וועט ער אויף אונז ניט קומען,
דען מיר האָבען געמאַכט דעם ליגען פאַר אונזער שוטץ, און אין פאַלש־
16 קייט האָבען מיר זיך פערבאָרגען. דאַרום זאָגט דער הערר גאָט, זעהט, איך
וועל גרינדען אין ציון אַ שטיין, אַ פעסטען שטיין, אַ ווינקעל שטיין פון
עהרע (חזקיה), אַ פעסט געגרינדעטען פונדאַמענט, דער וואָס וועט זיין צו
17 איהם געטריי זאָל ניט איילען. און איך וועל מאַכען גערעכטיגקייט פאַר
אַ מעסט־שנור, און טוגענד פאַר אַ בוי־געוויכט; און אַ האָגעל וועט אוועק־
קעהרען דעם שוטץ פון ליגען, אין דאָס פערבאָרגענים וועלען די וואַסערען
18 פערפלייצטען. און עס וועט צושטערט ווערען אייער בונד מיט דעם
טוידט, און אייער אבמאַך מיט דעם גרוב וועט קיין בעשטאַנד ניט האבען.
אַ פלייצענדער שטראָף ווען ער וועט דורכגעהן, וועט איהר פון איהם צו־
19 טראָטען ווערען. ווען ער וועט נור דורכגעהן וועט ער אייך צונעהמען,
דען יעדען פריה־מאָרגען וועט ער דורכגעהן, ביי טאָג און ביי נאַכט, און עס
20 וועט זיין שרעקען נאָר צו פערנעהמען די נאַכריכט. דען דער געלעגער
וועט זיין קורץ אויסצוציהען זיך, און דער צודעק צו ענג אום זיך איינצו־
21 הילען. וואַהרליך, אַזוי ווי אויף דעם באַרג פּרצים וועט גאָט וויעדער
אויפשטעהען, אַזוי ווי אין דעם טהאָל פון גבעון וועט ער צערנען, צו טהאָן
זיין ראַכע ווערק, זיין אונגאַטירליכע ווערק, און צו אַרבייטען זיין אַרבייט
22 (אויף אשור), זיין זעלטענע אַרבייט. און יעצט, איהר זאָלט ניט שפּאָ־
טען, אום זייערע באַנדשטריק זאָלען ניט שטאַרק ווערען, דען אַ פאַלענדונג
און אַ פעסט בעשלאָסענע זאַך האָב איך געהערט פון גאָט, דער הערר פון
23 הערשאַרען איבער דער גאַנצער ערד. האָרכט און הערט מיין שטים,
24 פאַרנעהמט און הערט צו מיינע רייד. אַקערט דען דער אַקערמאַן דעם גאַנ־
צען טאָג אום צו זייען, שפּאַלט ער דען די ערד און מאַכט גלייך די בייטען?
25 איז עס ניט אַזוי, ווען ער האָט שוין איהר אויבערפלעכע גלייך געמאַכט,
דאַן שפּרייט ער שוואַרץ־קימעל, און וואַרפט (די זאָמען פון) קימעל,

פִּנֶּיהָ וְהֵפִיץ קֶצַח וְכַמֹּן יִזְרֹק וְשָׂם חִטָּה שׂוֹרָה וּשְׂעֹרָה
נִסְמָן וְכֻסֶּמֶת גְּבֻלָתוֹ׃ וְיִסְּרוֹ לַמִּשְׁפָּט אֱלֹהָיו יוֹרֶנּוּ׃ 26
כִּי לֹא בֶחָרוּץ יוּדַשׁ קֶצַח וְאוֹפַן עֲגָלָה עַל־כַּמֹּן יוּסָּב כִּי 27
בַמַּטֶּה יֵחָבֶט קֶצַח וְכַמֹּן בַּשָּׁבֶט׃ לֶחֶם יוּדָק כִּי לֹא 28
לָנֶצַח אָדוֹשׁ יְדוּשֶׁנּוּ וְהָמַם גִּלְגַּל עֶגְלָתוֹ וּפָרָשָׁיו לֹא
יְדֻקֶּנּוּ׃ גַּם־זֹאת מֵעִם יְהוָה צְבָאוֹת יָצָאָה הִפְלִא עֵצָה 29
הִגְדִּיל תּוּשִׁיָּה׃

כט Cap. XXIX. כט

הוֹי אֲרִיאֵל אֲרִיאֵל קִרְיַת חָנָה דָוִד סְפוּ שָׁנָה עַל־שָׁנָה א
חַגִּים יִנְקֹפוּ׃ וַהֲצִיקוֹתִי לַאֲרִיאֵל וְהָיְתָה תַאֲנִיָּה וַאֲנִיָּה 2
וְהָיְתָה לִּי כַּאֲרִיאֵל׃ וְחָנִיתִי כַדּוּר עָלָיִךְ וְצַרְתִּי עָלַיִךְ 3
מֻצָּב וַהֲקִמֹתִי עָלַיִךְ מְצֻרֹת׃ וְשָׁפַלְתְּ מֵאֶרֶץ תְּדַבֵּרִי 4
וּמֵעָפָר תִּשַּׁח אִמְרָתֵךְ וְהָיָה כְּאוֹב מֵאֶרֶץ קוֹלֵךְ וּמֵעָפָר
אִמְרָתֵךְ תְּצַפְצֵף׃ וְהָיָה כְּאָבָק דַּק הֲמוֹן זָרָיִךְ וּכְמֹץ ה
עֹבֵר הֲמוֹן עָרִיצִים וְהָיָה לְפֶתַע פִּתְאֹם׃ מֵעִם יְהוָה 6
צְבָאוֹת תִּפָּקֵד בְּרַעַם וּבְרַעַשׁ וְקוֹל גָּדוֹל סוּפָה וּסְעָרָה
וְלַהַב אֵשׁ אוֹכֵלָה׃ וְהָיָה כַּחֲלוֹם חֲזוֹן לַיְלָה הֲמוֹן כָּל־ 7
הַגּוֹיִם הַצֹּבְאִים עַל־אֲרִיאֵל וְכָל־צֹבֶיהָ וּמְצֹדָתָהּ וְהַמְּצִיקִים
לָהּ׃ וְהָיָה כַּאֲשֶׁר יַחֲלֹם הָרָעֵב וְהִנֵּה אוֹכֵל וְהֵקִיץ 8
וְרֵיקָה נַפְשׁוֹ וְכַאֲשֶׁר יַחֲלֹם הַצָּמֵא וְהִנֵּה שֹׁתֶה וְהֵקִיץ
וְהִנֵּה עָיֵף וְנַפְשׁוֹ שׁוֹקֵקָה כֵּן יִהְיֶה הֲמוֹן כָּל־הַגּוֹיִם הַצֹּבְאִים
עַל־הַר צִיּוֹן׃ הִתְמַהְמְהוּ וּתְמָהוּ הִשְׁתַּעַשְׁעוּ וָשֹׁעוּ 9
שָׁכְרוּ וְלֹא־יַיִן נָעוּ וְלֹא שֵׁכָר׃ כִּי־נָסַךְ עֲלֵיכֶם יְהוָה רוּחַ י
תַּרְדֵּמָה וַיְעַצֵּם אֶת־עֵינֵיכֶם אֶת־הַנְּבִיאִים וְאֶת־רָאשֵׁיכֶם
הַחֹזִים כִּסָּה׃ וַתְּהִי לָכֶם חָזוּת הַכֹּל כְּדִבְרֵי הַסֵּפֶר 11
הֶחָתוּם אֲשֶׁר־יִתְּנוּ אֹתוֹ אֶל־יוֹדֵעַ הַסֵּפֶר לֵאמֹר קְרָא־נָא
זֶה וְאָמַר לֹא אוּכַל כִּי חָתוּם הוּא׃ וְנִתַּן הַסֵּפֶר עַל אֲשֶׁר 12
לֹא־

כח v. 27. דגש אחר שורק v. 28. קמץ בז״ק כט v. 11. ספר קרי

און ער מאַכט רייהען פון ווייץ, און גערשטען אין אַ בעצייכענטען אָרט,
26 און רונקעלווייץ אין זיין בעשטימטען גרענעץ. און ווען ער האָט עס בעַ־
אַרבייטעט אין גוטען אָרדענונג, דאַן וועט זיין גאָט איהם געבען די פרוכט.
27 פירוואָהר! ניט מיט אַ דרעשפליעגעל ווערט גערראָשען שוואַרצקימעל,
און אַ ראָד פון אַ וואָגען ווערט ניט געדרעהט אויפ'ן קימעל, דען מיט
אַ שטעקען ווערט שוואַרצקימעל אויסגעקלאַפּט, און קימעל מיט אַ ראָהר.
28 ברויט־קאָרן מוז דין געשטויסען ווערען, אָבער פון דעסטוועגען דאַרף מען
עס ניט דרעשען אָהן אַן אויפהער, און ער טרייבט נאָר אי־
בער איהם דעם וואַלץ פון זיין וואָגען, אָבער זיינע שטאַרקע פערד צו
מאָהלען עס ניט.
29 אַזוי איז עס אויך אַרויסגעגאַנגען פון דעם גאָט פון די הערשאַרען, ער
האָט וואונדערבאַר געראַטהען, ער האָט גרויס געמאַכט די קלוגהייט.

קאַפּיטעל כט

1 וועה, מעכטיגער לייב, מעכטיגער לייב, (ירושלים), שטאָדט וואו דוד
האָט גערוהט, פערמעהרט אַ יאָהר אויף אַ יאָהר, לאָזען די פייערטעג זיך
2 אַרומרינגלען. און איך וועל בעדריקען דעם מעכטיגען לייב, און עס
וועט זיין קלאָג און יאָמער, און זי (די שטאָדט) וועט ווערען צו מיר ווי אַ
3 מעכטיגער לייב (געיאָגט פון יעגערס). און איך וועל לאַגערען ווי אַ
באַלל ארום דיך, און איך וועל דיך בעלאַגערען מיט אַ בעלאַגערונגס־
אַרמעע, און איך וועל קעגען דיר אויפריכטען (פעסטונגען).
4 און דו וועסט ניעדעריג ווערען; פון דער ערד וועסטו רײדען, און טיעף
פון שטויב וועט זיך הערען דיין שפּראַך, און אַזוי ווי פון טוידטענבעַ־
שווערערס גייסט וועט דיין שטים זיין פון דער ערד, און פון'ם שטויב
וועט פּיפּצען דיין שפּראַך.
5 אָבער דאַן וועט ווערען ווי אַ דינער שטויב די מענגע פון דיינע פיינד.
און ווי אַ שפּריי וואָס ווערט פאַרבייגעיאָגט — די מענגע פון די טיראַנען
(אַשור), און עס וועט געשעהען מיט אַ איבערראַשונג, פּלוצלונג.
6 פון דעם גאָט פון די הערשאַרען וועט דאָס בעפאָהלען ווערען, מיט
דונער און מיט ערד־ציטערנעס, און מיט גרויס גערויש, שטורעם און
געוויטער, און אַ פערצעהרענדער פייערפלאַם.
7 און עס וועט ווערען ווי פון אַ טרוים, אַ נאַכגעזיכט, פון דער מענגע פון
די אַלע פעלקער וועלכע פערזאַמלען זיך צום קריעג קעגען דעם מעכטיגען
לייב, און די אַלע וואָס בעלאַגערען איהר, און די וואָס בויען די פעס־
טונגען קעגען איהר, און די וואָס בעדריקען זי.
8 און עס וועט זיין, אַזוי ווי אַ הונגעריגער טרוימט דאָס ער עסט, און ער
ער האָט עס געלעזען, און ער איז אַרויפגעגאַנגען אין דעם הויז פון גאָט,
און חזקיהו האָט עס אויסגעשפּרייט פאַר גאָט.
15 און חזקיהו האָט געבעטען צו גאָט, און ער האָט געזאָגט:
16 גאָט פון די הערשאַרען, גאָט פון ישראל, וואָס דו טהראָנסט איבער כרבים,
דו אַליין ביזט דער גאָט איבער אַלע קעניגרייכען פון דער ערד, דו האָסט
געמאַכט די הימלען און די ערד.
17 נייג, אָ גאָט, דיין אויער און הער, עפען, אָ גאָט, דיין אויג זעה, און הער
די אַלע ווערטער פון סנחריב, וואָס ער האָט געשיקט, צו לעסטערן דעם
לעבעדיגען גאָט.

וּרְאֵה וּשְׁמַע אֵת כָּל־דִּבְרֵי סַנְחֵרִיב אֲשֶׁר שָׁלַח לְחָרֵף
18 אֱלֹהִים חָי׃ אָמְנָם יְהוָה הֶחֱרִיבוּ מַלְכֵי אַשּׁוּר אֶת־כָּל־
19 הָאֲרָצוֹת וְאֶת־אַרְצָם׃ וְנָתֹן אֶת־אֱלֹהֵיהֶם בָּאֵשׁ כִּי לֹא
אֱלֹהִים הֵמָּה כִּי אִם־מַעֲשֵׂה יְדֵי־אָדָם עֵץ וָאֶבֶן וַיְאַבְּדוּם׃
כ וְעַתָּה יְהוָה אֱלֹהֵינוּ הוֹשִׁיעֵנוּ מִיָּדוֹ וְיֵדְעוּ כָּל־מַמְלְכוֹת
21 הָאָרֶץ כִּי־אַתָּה יְהוָה לְבַדֶּךָ׃ וַיִּשְׁלַח יְשַׁעְיָהוּ בֶן־אָמוֹץ
אֶל־חִזְקִיָּהוּ לֵאמֹר כֹּה־אָמַר יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר
22 הִתְפַּלַּלְתָּ אֵלַי אֶל־סַנְחֵרִיב מֶלֶךְ אַשּׁוּר׃ זֶה הַדָּבָר אֲשֶׁר־
דִּבֶּר יְהוָה עָלָיו בָּזָה לְךָ לָעֲגָה לְךָ בְּתוּלַת בַּת־צִיּוֹן
23 אַחֲרֶיךָ רֹאשׁ הֵנִיעָה בַּת יְרוּשָׁלִָם׃ אֶת־מִי חֵרַפְתָּ וְגִדַּפְתָּ
וְעַל־מִי הֲרִימוֹתָה קּוֹל וַתִּשָּׂא מָרוֹם עֵינֶיךָ אֶל־קְדוֹשׁ
24 יִשְׂרָאֵל׃ בְּיַד עֲבָדֶיךָ חֵרַפְתָּ ׀ אֲדֹנָי וַתֹּאמֶר בְּרֹב רִכְבִּי
אֲנִי עָלִיתִי מְרוֹם הָרִים יַרְכְּתֵי לְבָנוֹן וְאֶכְרֹת קוֹמַת אֲרָזָיו
כה מִבְחַר בְּרוֹשָׁיו וְאָבוֹא מְרוֹם קִצּוֹ יַעַר כַּרְמִלּוֹ׃ אֲנִי
קַרְתִּי וְשָׁתִיתִי מָיִם וְאַחְרִב בְּכַף־פְּעָמַי כֹּל יְאֹרֵי מָצוֹר׃
26 הֲלוֹא־שָׁמַעְתָּ לְמֵרָחוֹק אוֹתָהּ עָשִׂיתִי מִימֵי קֶדֶם וִיצַרְתִּיהָ
עַתָּה הֲבֵאתִיהָ וּתְהִי לְהַשְׁאוֹת גַּלִּים נִצִּים עָרִים בְּצֻרוֹת׃
27 וְיֹשְׁבֵיהֶן קִצְרֵי־יָד חַתּוּ וָבֹשׁוּ הָיוּ עֵשֶׂב שָׂדֶה וִירַק דֶּשֶׁא
28 חֲצִיר גַּגּוֹת וּשְׁדֵמָה לִפְנֵי קָמָה׃ וְשִׁבְתְּךָ וְצֵאתְךָ וּבוֹאֲךָ
29 יָדָעְתִּי וְאֵת הִתְרַגֶּזְךָ אֵלָי׃ יַעַן הִתְרַגֶּזְךָ אֵלַי וְשַׁאֲנַנְךָ
עָלָה בְאָזְנָי וְשַׂמְתִּי חַחִי בְּאַפֶּךָ וּמִתְגִּי בִּשְׂפָתֶיךָ וַהֲשִׁיבֹתִיךָ
ל בַּדֶּרֶךְ אֲשֶׁר־בָּאתָ בָּהּ׃ וְזֶה־לְּךָ הָאוֹת אָכוֹל הַשָּׁנָה סָפִיחַ
וּבַשָּׁנָה הַשֵּׁנִית שָׁחִים וּבַשָּׁנָה הַשְּׁלִישִׁית זִרְעוּ וְקִצְרוּ
31 וְנִטְעוּ כְרָמִים וְאִכְלוּ פִרְיָם׃ וְיָסְפָה פְּלֵיטַת בֵּית־יְהוּדָה
32 הַנִּשְׁאָרָה שֹׁרֶשׁ לְמָטָּה וְעָשָׂה פְרִי לְמָעְלָה׃ כִּי מִירוּשָׁלַםִ
תֵּצֵא שְׁאֵרִית וּפְלֵיטָה מֵהַר צִיּוֹן קִנְאַת יְהוָה צְבָאוֹת
33 תַּעֲשֶׂה־זֹּאת׃ לָכֵן כֹּה־אָמַר יְהוָה אֶל־מֶלֶךְ אַשּׁוּר

לא

v. 30. ואכל קרי, v. 31. כ״א בת״

18 עס איז וואהר אָ גאָט, פערוויסט האָבען די קעניגע פון אשור די אַלע
איינוואָהנער פון די לענדער און זייערע לענדער.
19 און זייערע געטער האָבען זיי געוואָרפען אין דאָס פייער; דען זיי זייּ־
נען דאָך ניט קיין געטער, נור ווערק פון מענשענס הענד, האָלץ און שטיין,
דארום האָבען זיי זיי פערניכטעט.
20 און יעצט, אָ הערר אונזער גאָט, העלף אונז דאָך פון זיין האנד, און לאָ־
זען אַלע קעניגרייכע פון דער ערד וויסען, דאָס דו אַליין ביזט גאָט.
21 און ישעיהו דער זוהן אמוץ האָט געשיקט צו חזקיהו'ן אזוי צו זאָגען:
אַזוי האָט געזאָגט דער הערר דער גאָט פון ישראל: דאָס וואָס דו האָסט
געבעטען צו מיר וועגען סנחריב דעם קעניג פון אשור (האָב איך גע־
הערט).
22 דאָס איז דאָס וואָרט וואָס גאָט האָט גערעדט קעגען איהם: זי פער־
אַכטעט דיך, זי שפּאָטעט פון דיר, די יונגפרוי, די טאָכטער פון ציון,
הינטער דיר שאָקעלט זי דעם קאָפּ, די טאָכטער פון ירושלים.
23 וועמען האָסטו געשימפּפט און געלעסטערט, און קעגען וועמען האָסטו
אויפגעהויבען דיין שטים, און קעגען וועמען האָסטו דיינע אויגען אין
דער הויך אויפגעהויבען, קעגען דעם הייליגען פון ישראל?
24 דורך דיינע קנעכט האָסטו געלעסטערט, און דו האָסט געזאָגט: מיט מיינע
פיעלע רייטוועגען, בין איך אַרויפגעגאנגען אויף די הויך פון די בערג,
אויף די העכסטע שפּיטצען פון דעם לבנון. און איך וועל אָפּשניידען זיינע
הויכע צעדערן, די בעסטע פון זיינע ציפּרעסען, און אצונד קום איך אין די
העכסטע פון זיינע וואָהנונגען, אין דעם וואלד פון זיין פיינעם גארטען.
25 איך האָב געגראבען און האָב געטרונקען וואסער, און איך וועל טרוקען
מאַכען מיט די טריט פון מיינע פּיס־זוילען די אַלע טייכען פון מצרים.
26 האָסטו דען ניט געהערט? (זאָגט גאָט), פון לאנגע צייטען אָן האָב איך
עס געמאַכט, פון אוראלטע צייטען האָב איך עס בעשאַפען, יעצט האָב
איך עס געבראכט און עס איז געשעהען, אום (דורך דיר) צו פערוויסטען
די פעסטע שטעדט אויף וויסטע שטיינהויפענס.
27 און זייערע איינוואָהנער (זאָלען ווערען) קראַפטלאָז, זיי זיינען ערשראָקען
און זיינען פערשעהמט, זיי זיינען געוואָרען ווי קרויט פון דעם פעלד,
און ווי גרינע גראָז, ווי דער מאָך פון די דעכער, און ווי פערברענטע
תבואה בעפאָר עס איז צייטיג געוואָרען.
28 און דיין זיצען און דיין געהען און דיין קומען ווייס איך, און אויך דיין
שטורמענען קעגען מיר.
29 ווייל דו האָסט געשטורעמט קעגען מיר און דיין רוישען איז ארויפגע־
שטיגען צו מיינע אויערן, דארום וועל איך לעגען מיין רינג אין דיין נאָז
און מיין צוים אויף דיינע ליפּען, און איך וועל דיך אומקעהרען אויף דעם
וועג, וואָס דו ביזט אויף איהם געקומען.
30 און דאָס זאָל צו דיר (יחזקיהו) זיין דער צייכען; דעם יאָהר וועט עס
געבען צו עסען פון דעם נאכוואוקס, (פון פאָהריגען יאָהר), און אין
צווייטען יאָהר דעם צווייטען נאָכוואוקס, און אין דריטען יאָהר זעעהט
און שניידט און פלאנצט וויינגערטנער און עסט זייער פרוכט.
31 און דער געדעטעטער איבערעסט פון דעם הויז פון יהודה וועט פער־
מעהרען זיינע וואָרצלען אונטען, און ער וועט טראָגען פרוכט אויבען.
32 דען פון ירושלים וועט ארויסקומען אַן איבעררעסט, און אַ רעטונג פון
באַרג ציון; דער אייפער פון דעם גאָט פון די הערשאַרען וועט דאָס
מאַכען.
33 דארום אזוי האָט געזאָגט גאָט אויף דעם קעניג פון אשור: ער וועט
ניט אַריינקומען אין די דאָזיגע שטאָדט, און ער וועט אפילו אַ פייל ניט

לֹא יָבוֹא אֶל־הָעִיר הַזֹּאת וְלֹא־יוֹרֶה שָׁם חֵץ וְלֹא־יְקַדְּמֶנָּה
34 מָגֵן וְלֹא־יִשְׁפֹּךְ עָלֶיהָ סֹלְלָה׃ בַּדֶּרֶךְ אֲשֶׁר־בָּא בָּהּ יָשׁוּב
לה וְאֶל־הָעִיר הַזֹּאת לֹא יָבוֹא נְאֻם־יְהוָה׃ וְגַנּוֹתִי עַל־הָעִיר
36 הַזֹּאת לְהוֹשִׁיעָהּ לְמַעֲנִי וּלְמַעַן דָּוִד עַבְדִּי׃ וַיֵּצֵא ׀ מַלְאַךְ
יְהוָה וַיַּכֶּה בְּמַחֲנֵה אַשּׁוּר מֵאָה וּשְׁמֹנִים וַחֲמִשָּׁה אָלֶף
37 וַיַּשְׁכִּימוּ בַבֹּקֶר וְהִנֵּה כֻלָּם פְּגָרִים מֵתִים׃ וַיִּסַּע וַיֵּלֶךְ
38 וַיָּשָׁב סַנְחֵרִיב מֶלֶךְ־אַשּׁוּר וַיֵּשֶׁב בְּנִינְוֵה׃ וַיְהִי הוּא
מִשְׁתַּחֲוֶה בֵּית ׀ נִסְרֹךְ אֱלֹהָיו וְאַדְרַמֶּלֶךְ וְשַׂרְאֶצֶר בָּנָיו
הִכֻּהוּ בַחֶרֶב וְהֵמָּה נִמְלְטוּ אֶרֶץ אֲרָרָט וַיִּמְלֹךְ אֵסַר־חַדֹּן
בְּנוֹ תַּחְתָּיו׃

לח CAP. XXXVIII. לח

א בַּיָּמִים הָהֵם חָלָה חִזְקִיָּהוּ לָמוּת וַיָּבוֹא אֵלָיו יְשַׁעְיָהוּ
בֶן־אָמוֹץ הַנָּבִיא וַיֹּאמֶר אֵלָיו כֹּה־אָמַר יְהוָה צַו לְבֵיתֶךָ
2 כִּי מֵת אַתָּה וְלֹא תִחְיֶה׃ וַיַּסֵּב חִזְקִיָּהוּ פָּנָיו אֶל־הַקִּיר
3 וַיִּתְפַּלֵּל אֶל־יְהוָה׃ וַיֹּאמַר אָנָּה יְהוָה זְכָר־נָא אֵת אֲשֶׁר
הִתְהַלַּכְתִּי לְפָנֶיךָ בֶּאֱמֶת וּבְלֵב שָׁלֵם וְהַטּוֹב בְּעֵינֶיךָ עָשִׂיתִי
4 וַיֵּבְךְּ חִזְקִיָּהוּ בְּכִי גָדוֹל׃ וַיְהִי דְּבַר־יְהוָה אֶל־יְשַׁעְיָהוּ
ה לֵאמֹר׃ הָלוֹךְ וְאָמַרְתָּ אֶל־חִזְקִיָּהוּ כֹּה־אָמַר יְהוָה אֱלֹהֵי
דָּוִד אָבִיךָ שָׁמַעְתִּי אֶת־תְּפִלָּתֶךָ רָאִיתִי אֶת־דִּמְעָתֶךָ הִנְנִי
6 יוֹסִף עַל־יָמֶיךָ חֲמֵשׁ עֶשְׂרֵה שָׁנָה׃ וּמִכַּף מֶלֶךְ־אַשּׁוּר
7 אַצִּילְךָ וְאֵת הָעִיר הַזֹּאת וְגַנּוֹתִי עַל־הָעִיר הַזֹּאת׃ וְזֶה־
לְּךָ הָאוֹת מֵאֵת יְהוָה אֲשֶׁר יַעֲשֶׂה יְהוָה אֶת־הַדָּבָר הַזֶּה
8 אֲשֶׁר דִּבֵּר׃ הִנְנִי מֵשִׁיב אֶת־צֵל הַמַּעֲלוֹת אֲשֶׁר יָרְדָה
בְמַעֲלוֹת אָחָז בַּשֶּׁמֶשׁ אֲחֹרַנִּית עֶשֶׂר מַעֲלוֹת וַתָּשָׁב הַשֶּׁמֶשׁ
9 עֶשֶׂר מַעֲלוֹת בַּמַּעֲלוֹת אֲשֶׁר יָרָדָה׃ מִכְתָּב לְחִזְקִיָּהוּ
י מֶלֶךְ־יְהוּדָה בַּחֲלֹתוֹ וַיְחִי מֵחָלְיוֹ׃ אֲנִי אָמַרְתִּי בִּדְמִי יָמַי
11 אֵלֵכָה בְּשַׁעֲרֵי שְׁאוֹל פֻּקַּדְתִּי יֶתֶר שְׁנוֹתָי׃ אָמַרְתִּי לֹא־
אֶרְאֶה יָהּ יָהּ בְּאֶרֶץ הַחַיִּים לֹא־אַבִּיט אָדָם עוֹד עִם־יוֹשְׁבֵי

שיסען דאָרט, און ער וועט ניט קומען קעגען איהר מיט שילדען, און ער
וועט ניט אויפשיטען ארום איהר איין שאנץ (באַרג־ע־ד).
34 אין דעם וועג וואָס ער איז געקומען, אויף איהם וועט ער זיך צוריקקעהרען,
און אין דער דאָזיגע שטאָדט וועט ער ניט אריינקומען, זאָגט גאָט.
35 און איך וועל בעשיצען די דאָזיגע שטאָדט, איהר צו העלפען, פון מיינעט־
וועגען, און פון וועגען דוד מיין קנעכט.
36 און א מלאך פון גאָט איז ארויסגעגאַנגען, און ער האָט געשלאָגען אים
לאַגער. פון אשור הונדערט פינף און אכציג טויזענד, און אלס זיי
(יהודה) זיינען אויפגעשטאַנען אין דער פריה, און ערשט, אלע זיינען זיי
(אשור) געווען טויטע קערפערס.
37 און סנחריב דער קעניג פון אשור איז אַוועקגעצויגען און ער איז געגאַנגען,
און ער האָט זיך צוריקגעקעהרט, און ער האָט זיך בעזעצט אין נינוה.
38 און עס איז געשעהען אַלס ער האָט זיך געבוקט אין דעם הויז פון זיין
גאָט נסרך, האָבען אדרמלך און שראצר זיינע זיהן איהם דערשלאָגען
מיט דעם שווערד, און זיי זיינען אנטרונען געוואָרען אין דעם לאַנד אררט,
און זיין זוהן אסר־חדן האָט רעגיערט אנשטאט איהם.

קאַפּיטעל לח

1 אין יענע טעג איז חזקיהו קראַנק געוואָרען צו שטאַרבען, און דער פּראָ־
פעט ישעיהו דער זוהן פון אמוץ איז געקומען צו איהם, און ער האָט גע־
זאָגט צו איהם : אַזוי האָט געזאָגט גאָט : גיעב אַ בעפעהל צו דיין
הויז, דען דו שטאַרבסט און וועסט ניט בלייבען לעבען,
2 און חזקיהו האָט אומגעקעהרט זיין געזיכט צום וואנד צו און האָט גע־
בעטען צו גאָט :
3 און ער האָט געזאָגט : אָ גאָט, געדענק דאָך, דאָס איך האָב געפיהרט
(פאַר דיר) אן אויפריכטיגען וועג, און מיט אַ גאַנצען הערצען, און דאָס
וואָס איז גוט אין דיינע אויגען האָב איך געטהאָן. און חזקיהו האָט גע־
וויינט אַ גרויס געוויין.
4 און דאָס וואָרט פון גאָט איז געקומען צו ישעיהו אַזוי צו זאָגען :
5 געה אַהין צו יחזקיהו און זאָג איהם : אזוי האָט געזאָגט גאָט, דער גאָט
פון דיין פאָטער דוד : איך האָב געהערט דיין געבעט, איך האָב געזעהען
דיינע טרעהרען, זעה, איך וועל צולעגען צו דיינע (אָפּגעלעבטע) טעג נאָך
פופצעהן יאָהר.
6 און פון דער האַנד פון דעם קעניג פון אשור וועל איך דיך רעטען, און אויף
די דאָזיגע שטאָדט, דען איך וועל נעהמען אונטער מיין שוץ די דאָזיגע
שטאָדט.
7 און דאָס גאָט וועט טהון די דאָזיגע זאַך וואָס ער האָט גערעדט, וועט
דאָס זיין צו דיר דער צייכען פון גאָט.
8 זעה, איך וועל אומקעהרען (—זאָגט גאָט—) דעם שאטען פון די גראַדען,
וואָס האָט אַרונטערגענידערט אויף דעם זונן־זייגער פון אחז, דורך דער
זונן, צעהן גראַד צוריק. און די זונן האָט צוריקגעקעהרט צעהן גראַד,
אויף די גראַדען וועלכע זי האָט ארונטערגענידערט.
9 די שריפט פון חזקיהו דעם קעניג פון יהודה, ווען ער איז קראַנק געווען
און איז געזונד געוואָרען פון זיין קראַנקהייט.
10 איך האָב געדאַכט : אין דעם מיטאָג פון מיינע טעג וועל איך געהן
אין די טהויערען פון דעם גרוב ; איך בין בערויבט געוואָרען פון דעם
רעסט פון מיינע יאָהרען.
11 איך האָב געטראַכט : איך וועל ניט מעהר ערשיינען פאַר גאָט, פאַר גאָט
אין דעם לאַנד פון די לעבעדיגע : איך וועל ניט מעהר אנקוקען אַ מענש,
צווישען די איינוואָהנער פון דער וועלט.

12 חָדֶל׃ דּוֹרִי נִסַּע וְנִגְלָה מִנִּי כְּאֹהֶל רֹעִי קִפַּדְתִּי כָאֹרֵג
13 חַיַּי מִדַּלָּה יְבַצְּעֵנִי מִיּוֹם עַד־לַיְלָה תַּשְׁלִימֵנִי׃ שִׁוִּיתִי עַד־
בֹּקֶר כָּאֲרִי כֵּן יְשַׁבֵּר כָּל־עַצְמוֹתָי מִיּוֹם עַד־לַיְלָה
14 תַּשְׁלִימֵנִי׃ כְּסוּס עָגוּר כֵּן אֲצַפְצֵף אֶהְגֶּה כַּיּוֹנָה דַּלּוּ עֵינַי
טו לַמָּרוֹם יְהוָה עָשְׁקָה־לִּי עָרְבֵנִי׃ מָה־אֲדַבֵּר וְאָמַר־לִי
16 וְהוּא עָשָׂה אֶדַּדֶּה כָל־שְׁנוֹתַי עַל־מַר נַפְשִׁי׃ אֲדֹנָי עֲלֵיהֶם
17 יִחְיוּ וּלְכָל־בָּהֶן חַיֵּי רוּחִי וְתַחֲלִימֵנִי וְהַחֲיֵנִי׃ הִנֵּה לְשָׁלוֹם
מַר־לִי מָר וְאַתָּה חָשַׁקְתָּ נַפְשִׁי מִשַּׁחַת בְּלִי כִּי הִשְׁלַכְתָּ
18 אַחֲרֵי גֵוְךָ כָּל־חֲטָאָי׃ כִּי לֹא שְׁאוֹל תּוֹדֶךָּ מָוֶת יְהַלְלֶךָּ
19 לֹא־יְשַׂבְּרוּ יוֹרְדֵי־בוֹר אֶל־אֲמִתֶּךָ׃ חַי חַי הוּא יוֹדֶךָ כָּמוֹנִי
כ הַיּוֹם אָב לְבָנִים יוֹדִיעַ אֶל־אֲמִתֶּךָ׃ יְהוָה לְהוֹשִׁיעֵנִי וּנְגִנוֹתַי
21 נְנַגֵּן כָּל־יְמֵי חַיֵּינוּ עַל־בֵּית יְהוָה׃ וַיֹּאמֶר יְשַׁעְיָהוּ יִשְׂאוּ
22 דְּבֶלֶת תְּאֵנִים וְיִמְרְחוּ עַל־הַשְּׁחִין וְיֶחִי׃ וַיֹּאמֶר חִזְקִיָּהוּ
מָה אוֹת כִּי אֶעֱלֶה בֵּית יְהוָה׃

לט CAP. XXXIX. לט

א בָּעֵת הַהִוא שָׁלַח מְרֹאדַךְ בַּלְאֲדָן בֶּן־בַּלְאֲדָן מֶלֶךְ־בָּבֶל
סְפָרִים וּמִנְחָה אֶל־חִזְקִיָּהוּ וַיִּשְׁמַע כִּי חָלָה וַיֶּחֱזָק׃
2 וַיִּשְׂמַח עֲלֵיהֶם חִזְקִיָּהוּ וַיַּרְאֵם אֶת־בֵּית נְכֹתֹה אֶת־הַכֶּסֶף
וְאֶת־הַזָּהָב וְאֶת־הַבְּשָׂמִים וְאֵת ׀ הַשֶּׁמֶן הַטּוֹב וְאֵת כָּל־
בֵּית כֵּלָיו וְאֵת כָּל־אֲשֶׁר נִמְצָא בְּאוֹצְרֹתָיו לֹא־הָיָה דָבָר
3 אֲשֶׁר לֹא־הֶרְאָם חִזְקִיָּהוּ בְּבֵיתוֹ וּבְכָל־מֶמְשַׁלְתּוֹ׃ וַיָּבֹא
יְשַׁעְיָהוּ הַנָּבִיא אֶל־הַמֶּלֶךְ חִזְקִיָּהוּ וַיֹּאמֶר אֵלָיו מָה־אָמְרוּ ׀
הָאֲנָשִׁים הָאֵלֶּה וּמֵאַיִן יָבֹאוּ אֵלֶיךָ וַיֹּאמֶר חִזְקִיָּהוּ מֵאֶרֶץ
4 רְחוֹקָה בָּאוּ אֵלַי מִבָּבֶל׃ וַיֹּאמֶר מָה רָאוּ בְּבֵיתֶךָ וַיֹּאמֶר
חִזְקִיָּהוּ אֵת כָּל־אֲשֶׁר בְּבֵיתִי רָאוּ לֹא־הָיָה דָבָר אֲשֶׁר
ה לֹא־הִרְאִיתִים בְּאוֹצְרֹתָי׃ וַיֹּאמֶר יְשַׁעְיָהוּ אֶל־חִזְקִיָּהוּ שְׁמַע
6 דְּבַר־יְהוָה צְבָאוֹת׃ הִנֵּה יָמִים בָּאִים וְנִשָּׂא ׀ כָּל־אֲשֶׁר

בביתך

לח v. 13. הכ׳ בקמץ

12 מיין לעבענסצייט איז אָבגעבראָכען און איז פון מיר פערשוואונדען, ווי
עס ווערט פערשוואונדען אַן הירטענגעצעלט. צוליעב מיינע זינד האָב איך
אָפּגעשניטען מיין לעבען ווי אַ וועבער שניידט אָפּ דאָס געוועב, מיט
איין שלאָג וועט ער מיינע ליידען ענדיגען, פון טאָג ביז נאַכט וועסטו פון
13 מיר אַן ענד מאַכען. איך האָב זיך פאָרגעשטעלט אַז ביז דעם פריהמאָרגען
ווי אַ לייב, אַזוי צוברעכט ער אַלע מיינע ביינער; פון טאָג ביז נאַכט
14 וועסטו פון מיר איין ענד מאַכען. ווי אַ שוואַלב ווי אַ קראַניך אַזוי האָב
איך געקרעכצט, איך האָב געברומט ווי אַ טויב; מיינע אויגען האָבען זיך
אויפגעהויבען צו דעם וואָס איז אין דער הויך: אָ, אייביגער, נעהם צו
15 מיין זעלע, נור מאַך מיר גרינג מיינע ליידען. וואָס קען איך רעדען,
און ער (גאָט) האָט עס בעפוילען אויף מיר, און ער האָט עס אויך געטהאָן,
אין מיין ביטערען געמיטה געהט דורך טריט ביי טריט די געשיכטע פון
16 מיינע אַלע יאָהרען. אָך גאָט, מאַך דאָס זייערע בלעטער (פון מיינע
יאָהרען) זאָלען ווידער אויפלעבען, און שטאַרק מיך און גיעב מיר נייע
17 לעבענסקראַפט. זעה דאָך, צו פריעדען האָט ער מיר איבערגעביטען די
ביטערניס, און דו האָסט געגלוסט אין מיין זעלע, עס זאָל ניט געהן אין
דעם גרוב פון פוילניס, דען דו האָסט אַוועקגעוואָרפען הינטער דיין רוקען
18 אַלע מיינע זינד. דען די גרוב דאַנקט דיר ניט, דער טויט פרייזט דיך
19 ניט, די וואָס זינקען אין גרוב האָפען ניט אויף דיין וואַרהייט. דער לע־
בעדיגער, נור דער לעבעדיגער, ער דאַנקט דיר, ווי איך דאַנק דיר היינט.
אַ פאַטער (לערנט) לאָזט וויסען זיינע קינדער וועגען דיין וואַהרהייט.
20 גאָט איז געקומען צו מיין הילף. און ווי לאַנג מיר לעבען ווער֒לען מיר
אונזערע דאַנק־ליעדער זינגען אין דעם הויז פון גאָט.
21 און ישעיהו האָט געזאָגט: מען זאָל נעהמען אַ פייגענקוכען און מען
זאָל אויסדריקען אויף די געשווילעכטס, און ער וועט געזונד ווערען.
22 און חזקיהו האָט געזאָגט: וואָס פאַר אַ וואונדערבאַרער צייכען! גע־
ווים וועל איך נאָך אויך ווידער ארויפגעהען צו דעם הויז פון גאָט.

קאַפּיטעל לט

1 אין יענער צייט האָט געשיקט מראדך בלאדן, דער זוהן פון בלאדן, דער
קעניג פון בבל בריעף און אַ געשענק צו חזקיהו, דען ער האָט געהערט,
אַז חזקיהו איז קראַנק געוועזן און איז געזונד געוואָרען.
2 און חזקיהו האָט זיך מיט זיי געפרעהט און ער האָט זיי געוויזען זיין
שאַצהויז, דאָס זילבער און דאָס גאָלד, און די געווירץ און דעם גוטען
אויל, און דאָס גאַנצע הויז פון זיינע געפעס, און אַלעס וואָס האָט זיך
געפונען אין זיינע שאַצקאַמערען. עס איז ניט געוועזן אַ זאַך וואָס חזקיהו
האָט זיי ניט געוויעזען אין זיין הויז און אין זיין גאַנצע הערשאַפט.
3 און ישעיהו דער פּראָפעט איז געקומען צו דעם קעניג חזקיהו, און ער
האָט צו איהם געזאָגט: וואָס האָבען דיר די דאָזיגע מענשען געזאָגט
און פון וואַנען קומען זיי צו דיר? און חזקיהו האָט געזאָגט: פון
אַ ווייטען לאַנד זיינען זיי געקומען צו מיר, פון בבל.
4 און ער האָט געזאָגט: וואָס האָבען זיי געזעהען אין דיין הויז? און
חזקיהו האָט געזאָגט: אַלעס וואָס איז אין מיין הויז האָבען זיי געזעהען;
עס איז ניט געוועזן אַ זאַך וואָס איך האָב זיי ניט געוויעזען אין מיינע
שאַצקאַמערן.
5 און ישעיהו האָט געזאָגט צו חזקיהו: הער דאָס וואָרט פון דעם גאָט
פון די הערשאַרען:
6 זעה, עס ווער֒לען קומען טעג, און עס וועט אַוועקגעטראַגען ווערען אַלעס
וואָס איז אין דיין הויז, און וואָס דיינע עלטערן האָבען געזאַמעלט, ביז

בְּבֵיתֶךָ וַאֲשֶׁר אָצְרוּ אֲבֹתֶיךָ עַד־הַיּוֹם הַזֶּה בָּבֶל לֹא־יִוָּתֵר
7 דָּבָר אָמַר יְהוָה׃ וּמִבָּנֶיךָ אֲשֶׁר יֵצְאוּ מִמְּךָ אֲשֶׁר תּוֹלִיד
8 יִקָּחוּ וְהָיוּ סָרִיסִים בְּהֵיכַל מֶלֶךְ בָּבֶל׃ וַיֹּאמֶר חִזְקִיָּהוּ
אֶל־יְשַׁעְיָהוּ טוֹב דְּבַר־יְהוָה אֲשֶׁר דִּבַּרְתָּ וַיֹּאמֶר כִּי יִהְיֶה
שָׁלוֹם וֶאֱמֶת בְּיָמָי׃

מ CAP. XL. מ

2 א נַחֲמוּ נַחֲמוּ עַמִּי יֹאמַר אֱלֹהֵיכֶם׃ דַּבְּרוּ עַל־לֵב יְרוּשָׁלִַם
וְקִרְאוּ אֵלֶיהָ כִּי מָלְאָה צְבָאָהּ כִּי נִרְצָה עֲוֺנָהּ כִּי לָקְחָה
3 מִיַּד יְהוָה כִּפְלַיִם בְּכָל־חַטֹּאתֶיהָ׃ קוֹל קוֹרֵא בַּמִּדְבָּר
4 פַּנּוּ דֶּרֶךְ יְהוָה יַשְּׁרוּ בָּעֲרָבָה מְסִלָּה לֵאלֹהֵינוּ׃ כָּל־גֶּיא
יִנָּשֵׂא וְכָל־הַר וְגִבְעָה יִשְׁפָּלוּ וְהָיָה הֶעָקֹב לְמִישׁוֹר
ה וְהָרְכָסִים לְבִקְעָה׃ וְנִגְלָה כְּבוֹד יְהוָה וְרָאוּ כָל־בָּשָׂר
6 יַחְדָּו כִּי פִּי יְהוָה דִּבֵּר׃ קוֹל אֹמֵר קְרָא וְאָמַר מָה
7 אֶקְרָא כָּל־הַבָּשָׂר חָצִיר וְכָל־חַסְדּוֹ כְּצִיץ הַשָּׂדֶה׃ יָבֵשׁ
חָצִיר נָבֵל צִיץ כִּי רוּחַ יְהוָה נָשְׁבָה בּוֹ אָכֵן חָצִיר הָעָם׃
8 יָבֵשׁ חָצִיר נָבֵל צִיץ וּדְבַר אֱלֹהֵינוּ יָקוּם לְעוֹלָם׃
9 עַל הַר־גָּבֹהַ עֲלִי־לָךְ מְבַשֶּׂרֶת צִיּוֹן הָרִימִי בַכֹּחַ קוֹלֵךְ
מְבַשֶּׂרֶת יְרוּשָׁלִָם הָרִימִי אַל־תִּירָאִי אִמְרִי לְעָרֵי יְהוּדָה
י הִנֵּה אֱלֹהֵיכֶם׃ הִנֵּה אֲדֹנָי יְהוִה בְּחָזָק יָבוֹא וּזְרֹעוֹ מֹשְׁלָה
11 לוֹ הִנֵּה שְׂכָרוֹ אִתּוֹ וּפְעֻלָּתוֹ לְפָנָיו׃ כְּרֹעֶה עֶדְרוֹ יִרְעֶה
12 בִּזְרֹעוֹ יְקַבֵּץ טְלָאִים וּבְחֵיקוֹ יִשָּׂא עָלוֹת יְנַהֵל׃ מִי־
מָדַד בְּשָׁעֳלוֹ מַיִם וְשָׁמַיִם בַּזֶּרֶת תִּכֵּן וְכָל בַּשָּׁלִשׁ עֲפַר
13 הָאָרֶץ וְשָׁקַל בַּפֶּלֶס הָרִים וּגְבָעוֹת בְּמֹאזְנָיִם׃ מִי־תִכֵּן
14 אֶת־רוּחַ יְהוָה וְאִישׁ עֲצָתוֹ יוֹדִיעֶנּוּ׃ אֶת־מִי נוֹעָץ וַיְבִינֵהוּ
וַיְלַמְּדֵהוּ בְּאֹרַח מִשְׁפָּט וַיְלַמְּדֵהוּ דַעַת וְדֶרֶךְ תְּבוּנוֹת
טו יוֹדִיעֶנּוּ׃ הֵן גּוֹיִם כְּמַר מִדְּלִי וּכְשַׁחַק מֹאזְנַיִם נֶחְשָׁבוּ הֵן
16 אִיִּים כַּדַּק יִטּוֹל׃ וּלְבָנוֹן אֵין דֵּי בָּעֵר וְחַיָּתוֹ אֵין דֵּי

עולה

לט v. 8 פתח באתנח מ v. 1 הפטרה ואתחנן

צו דעם הײַנטיגען טאָג, קײן בבל; עס וועט ניט איבערבלײַבען קײן
7 זאַך. דאָס האָט גאָט געזאָגט. און פון דײַנע זיהן, וועלכע וועלען אַרויס־
קומען פון דיר, וועלכע דו וועסט געווינען וועלען זיי נעהמען; און זיי
וועלען זײַן הויפּדיענער אין דעם פּאַלאַץ פון דעם קעניג פון בבל.
8 און חזקיהו האָט געזאָגט צו ישעיהו׳ן: עס איז גוט דאָס וואָרט פון גאָט
וואָס דו האָסט גערעדט. און ער האָט (ווידער) געזאָגט: לאָז דאָך נור
זײַן פריעדען און זיכערהײט אין מײַנע צײַטען.

קאַפּיטעל מ

1 טרייסטעט, טרייסטעט, מײַן פאָלק, זאָגט גאָט.
2 רעדט (גיעט מוטה) צו דעם הערצען פון ירושלים און זאָגט אָן: געענ־
דיגט איז איהר לײַדענסצײַט איהרע זינד זײַנען פערגעבען, דען זי האָט
גענומען (געליטען) פון גאָט׳ס האַנד דאָפּעלט פאַר אַלע איהרע זינד.
3 אַ שטים רופט אין דער וויסטע: ראַמט אָפּ דעם וועג פון גאָט; מאַכט
גלײַך אין דער ווילדערנעס אַ שטעג פאַר אונזער העררן.
4 יעדעס טהאָל זאָל אויפגעהויבען ווערען, און יעדער באַרג און היגעל זאָ־
לען ווערען ניעדריג; און דער קרומער פּלאַץ זאָל ווערען אַ גלײַכער
אָרט און די באַרג־קעטען — אַ טהאָל.
5 און גאָטס מאַיעסטעט וועט אָפּענבאַרט ווערען, און אַלע בעשעפּעניסען
צוזאַמען וועלען עס זעהען, דען דאָס מויל פון גאָט האָט עס גערעדט.
6 אַ שטים זאָגט: רוף אויס, און ער (דער נביא) זאָגט: וואָס זאָל איך אויס־
רופען? יעדעס פלייש איז (ווי) גראָז, און אַלע זײַנע גנאַדען ווי די בלום
7 פון פעלד. פערטריקענט ווערט דאָס גראָז, פערוועלקט ווערט די בלום,
ווען דער ווינד פון גאָט האָט געבלאָזען אויף איהם. פירוואהר, דאָס פאָלק
איז גראָז. זאָל גראָז טריקענען, זאָלען בלומען פערוועלקען, אָבער דאָס
9 וואָרט פון אונזער גאָט בעשטעהט אויף אייביג. אויף אַ הויכען באַרג
שטײַג דיר אַרויף, דו גליק־אָנזאָגערין פון ציון; הייב אויף מיט מאַכט
דײַן שטים דו גליק־אָנזאָגערין פון ירושלים. הייב אויף, זאָלסט ניט
פירכטען, זאָג צו די שטעדט פון יהודה: זעהט, (דאָ איז) אײַער גאָט.
10 זעהט, דער העררן גאָט קומט מיט מאַכט, און זײַן אָרעם געוועלטיגט פאַר
איהם, זעהט, זײַן לוין קומט מיט איהם, און זײַן פערגעלטונג געהט פאַר
11 איהם. ווי אַ וואַהרער הירט וועט ער זײַן הערדע ווײַדען, מיט זײַן
אָרעם וועט ער אײַנזאַמלען די יונגע שאָף, און וועט זיי טראָגען אין זײַן
בוזעם, די זייגענדע וועט ער פיהרען לאַנגזאַם.
12 ווער האָט געמאָסטען מיט זײַן הויפען די וואַסערן, און די הימלען האָט
ער רעגולירט מיט אַ שפּאַן (פון זײַן האַנד), און ער האָט געמאָסטען
מיט אַ מאָס דעם שטויב פון דער ערד, און געוואויגען מיט אַ שנעלוואָג די
בערג, און די היגלען אויף וואַגשאַלען?
13 ווער האָט פעסטגעשטעלט גאָטס גײַסט? און ווער איז דער מאַן וואָס
האָט איהם (גאָט) געגעבען זײַן ראַטה?
14 מיט וועמען האָט ער זיך בעראַטהען, און (יענער) האָט איהם געמאַכט
פערשטענדיג, און (יענער) האָט איהם געוויזען נאָכצוגעהען אין זײַן גע־
רעכטע וועג, און ער האָט איהם געלערענט וויסענשאַפט, און דעם וועג פון
פערשטאַנד האָט ער איהם געמאַכט וויסען?
15 זעה, די פעלקער זײַנען (קעגען איהם) ווי אַ טראָפּען פון דעם עמער,
און ווי דער שטויב פון דער וואַגשאַל זײַנען זיי גערעכענט; זעה, די
אינזלען וואַרפט ער ווי אַ לײַכטען שטויב.
16 און דער (וואַלד) לבנון איז ניט גענוג פאַר אַ בראַנד (פאַר זײַן מזבח),
און זײַנע טהיערען (חיות) ניט גענוג פאַר אַ בראַנד־אָפּפער.

17 עֹלָֽה׃ כָּל־הַגּוֹיִם כְּאַיִן נֶגְדּוֹ מֵאֶפֶס וָתֹהוּ נֶחְשְׁבוּ
18 19 לֽוֹ׃ וְאֶל־מִי תְּדַמְּיוּן אֵל וּמַה־דְּמוּת תַּעַרְכוּ־לֽוֹ׃ הַפֶּסֶל
נָסַךְ חָרָשׁ וְצֹרֵף בַּזָּהָב יְרַקְּעֶנּוּ וּרְתֻקוֹת כֶּסֶף צוֹרֵֽף׃
כ הַֽמְסֻכָּן תְּרוּמָה עֵץ לֹֽא־יִרְקַב יִבְחָר חָרָשׁ חָכָם יְבַקֶּשׁ־
21 לוֹ לְהָכִין פֶּסֶל לֹא יִמּֽוֹט׃ הֲלוֹא תֵֽדְעוּ הֲלוֹא תִשְׁמָעוּ
הֲלוֹא הֻגַּד מֵרֹאשׁ לָכֶם הֲלוֹא הֲבִֽינוֹתֶם מוֹסְדוֹת הָאָֽרֶץ׃
22 הַיֹּשֵׁב עַל־חוּג הָאָרֶץ וְיֹשְׁבֶיהָ כַּחֲגָבִים הַנּוֹטֶה כַדֹּק
23 שָׁמַיִם וַיִּמְתָּחֵם כָּאֹהֶל לָשָֽׁבֶת׃ הַנּוֹתֵן רוֹזְנִים לְאָיִן שֹׁפְטֵי
24 אֶרֶץ כַּתֹּהוּ עָשָֽׂה׃ אַף בַּל־נִטָּעוּ אַף בַּל־זֹרָעוּ אַף בַּל־
שֹׁרֵשׁ בָּאָרֶץ גִּזְעָם וְגַם־נָשַׁף בָּהֶם וַיִּבָשׁוּ וּסְעָרָה כַּקַּשׁ
כה 26 תִּשָּׂאֵֽם׃ וְאֶל־מִי תְדַמְּיוּנִי וְאֶשְׁוֶה יֹאמַר קָדֽוֹשׁ׃ שְׂאוּ
מָרוֹם עֵינֵיכֶם וּרְאוּ מִי־בָרָא אֵלֶּה הַמּוֹצִיא בְמִסְפָּר צְבָאָם
לְכֻלָּם בְּשֵׁם יִקְרָא מֵרֹב אוֹנִים וְאַמִּיץ כֹּחַ אִישׁ לֹא
27 נֶעְדָּֽר׃ ׃ לָמָּה תֹאמַר יַעֲקֹב וּתְדַבֵּר יִשְׂרָאֵל נִסְתְּרָה
28 דַרְכִּי מֵיְהוָה וּמֵאֱלֹהַי מִשְׁפָּטִי יַעֲבֽוֹר׃ הֲלוֹא יָדַעְתָּ אִם־
לֹא שָׁמַעְתָּ אֱלֹהֵי עוֹלָם ׀ יְהוָה בּוֹרֵא קְצוֹת הָאָרֶץ לֹא
29 יִיעַף וְלֹא יִיגָע אֵין חֵקֶר לִתְבוּנָתֽוֹ׃ נֹתֵן לַיָּעֵף כֹּחַ וּלְאֵין
ל אוֹנִים עָצְמָה יַרְבֶּֽה׃ וְיִעֲפוּ נְעָרִים וְיִגָעוּ וּבַחוּרִים כָּשׁוֹל
31 יִכָּשֵֽׁלוּ׃ וְקוֵֹי יְהוָה יַחֲלִיפוּ כֹחַ יַעֲלוּ אֵבֶר כַּנְּשָׁרִים יָרוּצוּ
וְלֹא יִיגָעוּ יֵלְכוּ וְלֹא יִיעָֽפוּ׃

CAP. XLI. מא

מא

א הַחֲרִישׁוּ אֵלַי אִיִּים וּלְאֻמִּים יַחֲלִיפוּ כֹחַ יִגְּשׁוּ אָז יְדַבֵּרוּ
2 יַחְדָּו לַמִּשְׁפָּט נִקְרָֽבָה׃ מִי הֵעִיר מִמִּזְרָח צֶדֶק יִקְרָאֵהוּ
לְרַגְלוֹ יִתֵּן לְפָנָיו גּוֹיִם וּמְלָכִים יַרְדְּ יִתֵּן כֶּעָפָר חַרְבּוֹ כְּקַשׁ
3 נִדָּף קַשְׁתּֽוֹ׃ יִרְדְּפֵם יַעֲבוֹר שָׁלוֹם אֹרַח בְּרַגְלָיו לֹא יָבֽוֹא׃
4 מִי־פָעַל וְעָשָׂה קֹרֵא הַדֹּרוֹת מֵרֹאשׁ אֲנִי יְהוָה רִאשׁוֹן
ה וְאֶת־אַחֲרֹנִים אֲנִי־הֽוּא׃ רָאוּ אִיִּים וְיִירָאוּ קְצוֹת הָאָרֶץ

יחרדו

ס v. 24. קמץ בז״ק   v. 28. עד כאן   v. 27. הפטרת לך לך

17 אַלע פעלקער זיינען ווי נישט קעגען איהם ; נאָך וועניגער פון גאָרנישט
18 און ניכטס זיינען זיי אין פערגלייך צו איהם. און צו וועמען קענט
איהר פערגלייכען גאָט ? און וואָס פאַר אַ געשטאַלט וועט איהר צופּאַסען
19 צו איהם ? (איז ער גלייך) צו דעם בילד וואָס דער קינסטלער האָט
אויסגעגאָסען און דער גאָלדשמיד האָט איהם מיט גאָלד איבערגעצויגען,
20 אויך זילבערנע קייטלאַך גיעט איהם צו דער גאָלדשמיד. דער ערפּאַה־
רענער ערוועהלט פאַר זיין געשענק אַ האָלץ וואָס זאָל ניט פוילען, אַ קלו־
גען קינסטלער זוכט ער זיך אויס, פעסטצושטעלען אַ געצענבילד וואָס זאָל
21 ניט וואַנקען. ווייסט איהר עס דען ניט? האָט איהר דען ניט געהערט ?
איז עס אייך ניט אָנגעזאָגט געוואָרען פון לאַנג אָן ? האָט איהר עס דען
22 ניט בעמערקט פון די פונדאַמענטען פון דער ערד ? דאָס ער (גאָט)
טהראָנט איבער דעם קרייז פון דער ערד און איבער איהרע איינוואָהנער
וואָס זיינען ווי היישעריקען, דאָס ער האָט אויסגעשפּרייט די הימלען ווי אַ
דינעם פאָרהאַנג, און ער האָט זיי אָנגעצויגען ווי אַ געצעלט צום וואָה־
23 נען. דאָס ער פערוואַנדעלט די פירסטען צו נישט, די ריכטער פון לאַנד
24 מאַכט ער צו גאָר ניט. אַזוי ווי זיי וואָלטען גאָר ניט געווען געפלאַנצט,
אויך אַזוי ווי זיי וואָלטען ניט געווען געזעעהט, אויך אַזוי ווי זייער
שטאַם וואָלט ניט געווען איינגעוואָרצעלט אין דער ערד, און ווי ער גיט
נור אַ הויך אויף זיי ווערען זיי טרוקען, און דער שטורעם טראָגט זיי ווי
25 די שטיקלאַך פון די שטרוי אַוועק. און צו וועמען וועט איהר מיך פער־
גלייכען, דאָס איך זאָל צו איהם עהנליך זיין ? זאָגט דער הייליגער.
26 הויבט אויף צו דער הויך אייערע אויגען, און זעהט, ווער האָט בעשאַפען
אָט דיזע? ער, וואָס ער פיהרט אַרויס מיט אַ צאָהל זייערע הערשאַפטען,
זיי אַלעמען רופט ער אָן מיט אַ נאָמען, פון איהם וואָס איז דער שטאַרקס־
טער אין קראַפט, און דער מעכטיגסטער פון אַלע מאַכטען, ווערט קיינער
27 פון זיי ניט פערלאָרען. וואָרום דען זאָלסטו זאָגען, יעקב, און זאָלסטו
רעדען, ישראל : מיין וועג איז פערבאָרגען פון דעם אייביגען, און פון מיין
28 גאָט געהט מיין גערעכטיגקייט אַוועק ? ווייסטו דען ניט ? האָסטו דען
ניט געהערט, דאָס דער העדר פון אַלע וועלטען איז גאָט, דער בעשעפער
פון די אַלע גרענעצען פון דער ערד, ער ווערט ניט שלאַף און ער ווערט
29 ניט פערמאַטערט, און ניט אויסצופאָרשען איז זיין קלוגהייט. ער גיט
דעם מיעדען קראַפט, ער פערמעהרט דעם אָהנמעכטיגען נייע שטאַרקייט.
30 און עס ווערען מיעד און פערמאַטערט אויך אינגלאַך, און יונגע לייט
31 ווערען געשטרויכעלט. אָבער די וואָס האָפען אויף גאָט בענייען זייער
קראַפט, זיי דערהויבען זיך (צו גאָט) מיט פליגלען ווי די אדלערס, זיי לוי־
פען און פערמאַטערען זיך ניט, זיי געהען — און ווערען ניט מיעד.

קאַפיטעל מא

1 שווייגט שטיל פאַר מיר, איהר אינזלען־בעוואָהנער, און לאָזען די פעל־
קער בענייען קראַפט, לאָזען זיי גענעהנען, און דאַן זאָלען זיי רעדען, צו
2 אַ געריכט װעלען מיר גענעהנען צוזאַמען. ווער האָט איהם אויפגעוועקט
פון מאָר־ענלאַנד (כורש'ן) ? די גערעכטיגקייט טרעפט איהם, אויף זיין
יעדען טריט ? ער האָט געגעבען פאַר איהם די פעלקער, און די קעניגע
האָט ער געמאַכט אונטערטעניג, ער האָט זיי געמאַכט ווי שטויב פאַר
זיין שווערד, ווי פערשטויסענע שטרוי פאַר זיין בויגען.
3 ער האָט זיי נאָכגעיאָגט און איז אַריבער אין פריעדען, אין אַזאַ שטעג וואו
4 ער איז קיינמאָל ניט געקומען מיט זיינע פיס. ווער האָט עס געווירקט
און געטהאָן ? (איך גאָט) וואָס בעשטימט די דורות פון אָנפאַנג אָן, איך
5 גאָט, וועלכער בין דער ערשטער, און מיט די לעצטע בין איך. די אינז־
לען האָבען געפירכטעט, די אַלע גרענעצען פון דער ערד האָבען גע־

6 יַחְדָּו קָרְבוּ וַיֶּאֱתָיוּן׃ אִישׁ אֶת־רֵעֵהוּ יַעְזֹרוּ וּלְאָחִיו יֹאמַר
7 חֲזָק׃ וַיְחַזֵּק חָרָשׁ אֶת־צֹרֵף מַחֲלִיק פַּטִּישׁ אֶת־הוֹלֶם
פָּעַם אֹמֵר לַדֶּבֶק טוֹב הוּא וַיְחַזְּקֵהוּ בְמַסְמְרִים לֹא יִמּוֹט׃
8 וְאַתָּה יִשְׂרָאֵל עַבְדִּי יַעֲקֹב אֲשֶׁר בְּחַרְתִּיךָ זֶרַע
9 אַבְרָהָם אֹהֲבִי׃ אֲשֶׁר הֶחֱזַקְתִּיךָ מִקְצוֹת הָאָרֶץ וּמֵאֲצִילֶיהָ
קְרָאתִיךָ וָאֹמַר לְךָ עַבְדִּי־אַתָּה בְּחַרְתִּיךָ וְלֹא מְאַסְתִּיךָ׃
י אַל־תִּירָא כִּי־עִמְּךָ אָנִי אַל־תִּשְׁתָּע כִּי־אֲנִי אֱלֹהֶיךָ אִמַּצְתִּיךָ
11 אַף־עֲזַרְתִּיךָ אַף־תְּמַכְתִּיךָ בִּימִין צִדְקִי׃ הֵן יֵבֹשׁוּ וְיִכָּלְמוּ
כֹּל הַנֶּחֱרִים בָּךְ יִהְיוּ כְאַיִן וְיֹאבְדוּ אַנְשֵׁי רִיבֶךָ׃
12 תְּבַקְשֵׁם וְלֹא תִמְצָאֵם אַנְשֵׁי מַצֻּתֶךָ יִהְיוּ כְאַיִן וּכְאֶפֶס
13 אַנְשֵׁי מִלְחַמְתֶּךָ׃ כִּי אֲנִי יְהוָה אֱלֹהֶיךָ מַחֲזִיק יְמִינֶךָ
14 הָאֹמֵר לְךָ אַל־תִּירָא אֲנִי עֲזַרְתִּיךָ׃ אַל־תִּירְאִי תּוֹלַעַת
יַעֲקֹב מְתֵי יִשְׂרָאֵל אֲנִי עֲזַרְתִּיךְ נְאֻם־יְהוָה וְגֹאֲלֵךְ קְדוֹשׁ
טו יִשְׂרָאֵל׃ הִנֵּה שַׂמְתִּיךְ לְמוֹרַג חָרוּץ חָדָשׁ בַּעַל פִּיפִיּוֹת
16 תָּדוּשׁ הָרִים וְתָדֹק וּגְבָעוֹת כַּמֹּץ תָּשִׂים׃ תִּזְרֵם וְרוּחַ
תִּשָּׂאֵם וּסְעָרָה תָּפִיץ אוֹתָם וְאַתָּה תָּגִיל בַּיהוָה בִּקְדוֹשׁ
17 יִשְׂרָאֵל תִּתְהַלָּל׃ הָעֲנִיִּים וְהָאֶבְיוֹנִים מְבַקְשִׁים
מַיִם וָאַיִן לְשׁוֹנָם בַּצָּמָא נָשָׁתָּה אֲנִי יְהוָה אֶעֱנֵם אֱלֹהֵי
18 יִשְׂרָאֵל לֹא אֶעֶזְבֵם׃ אֶפְתַּח עַל־שְׁפָיִים נְהָרוֹת וּבְתוֹךְ
בְּקָעוֹת מַעְיָנוֹת אָשִׂים מִדְבָּר לַאֲגַם־מַיִם וְאֶרֶץ צִיָּה לְמוֹצָאֵי
19 מָיִם׃ אֶתֵּן בַּמִּדְבָּר אֶרֶז שִׁטָּה וַהֲדַס וְעֵץ שָׁמֶן אָשִׂים
כ בָּעֲרָבָה בְּרוֹשׁ תִּדְהָר וּתְאַשּׁוּר יַחְדָּו׃ לְמַעַן יִרְאוּ וְיֵדְעוּ
וְיָשִׂימוּ וְיַשְׂכִּילוּ יַחְדָּו כִּי יַד־יְהוָה עָשְׂתָה זֹּאת וּקְדוֹשׁ
21 יִשְׂרָאֵל בְּרָאָהּ׃ קָרְבוּ רִיבְכֶם יֹאמַר יְהוָה הַגִּישׁוּ
22 עֲצֻמוֹתֵיכֶם יֹאמַר מֶלֶךְ יַעֲקֹב׃ יַגִּישׁוּ וְיַגִּידוּ לָנוּ אֵת אֲשֶׁר
תִּקְרֶינָה הָרִאשֹׁנוֹת ׀ מָה הֵנָּה הַגִּידוּ וְנָשִׂימָה לִבֵּנוּ וְנֵדְעָה
23 אַחֲרִיתָן אוֹ הַבָּאוֹת הַשְׁמִיעֻנוּ׃ הַגִּידוּ הָאֹתִיּוֹת לְאָחוֹר

ונדעה

v. 7. כצ״ל   v. 16. עד כאן

ציטערט, זײ האָבען זיך גענעהענט און זײ זײנען צוזאַמענגעקומען.
6 אײנער העלפט דעם אַנדערען; און יעדער זאָגט צו זײן ברודער:
7 שטאַרק זיך. און דער שמיד שטאַרקט דעם גאָלדשמיד, דער וואָס גלע־
טעט מיט'ן האַמער דעם וואָס שלאָגט דעם אַמבאָס. און דער זאָגט אויף די
צוזאַמענלעטהונג: עס איז גוט געראַטהען, און ער פערפעסטיגט איהם
8 (דעם געץ) מיט נעגעל דאָס ער זאָל ניט וואַנקען. אָבער דו, ישראל, דו
ביזט מײן קנעכט. יעקב, דו ביזט וועמען איך האָב אויסערוועהלט, דער
9 זאָמען פון אברהם מײן פרײנד. דו, וואָס איך האָב דיך אַרויסגענומען
פון די עקען פון דער ערד, און פון איהרע ווײטע ענדען האָב איך דיך גע־
רופען, און איך האָב געזאָגט צו דיר: מײן קנעכט ביזטו. איך האָב דיך
10 אויסערוועהלט און איך האָב דיך ניט פעראַכטעט. דו זאָלסט ניט פירכ־
טען, דען מיט דיר בין איך, דו זאָלסט ניט זײן פערצווײפעלט, דען איך בין
דײן גאָט; איך האָב דיר מוטה געגעבען אויך האָב איך דיר געהאָלפען; איך
האָב דיך אויך געשטיצט מיט דער -לער האַנד פון מײן גערעכטיגקײט.
11 זעה, זײ וועלען זיך שעהמען און צו שאַנד ווערען אַלע וועלכע
זײער צאָרן ברענט אויף דיר, זײ וועלען ווערען ווי נישט און וועלען פער־
12 לאָרען ווערען די מענשען וואָס שטרײטען מיט דיר. דו וועסט זײ זוכען
און וועסט זײ ניט געפינען, די מענשען וועלכע קריגען זיך מיט דיר, זײ
וועלען ווערען ווי נישט און גאָרניט די מענשען וואָס האַלטען שטרײט
13 מיט דיר. דען איך גאָט דײן הערר, האַלט דיך שטאַרק בײ דײן רעכ־
טער האַנד, איך בין עס דער וואָס זאָגט צו דיר: דו זאָלסט ניט פירכטען,
14 איך זעלבסט האָב דיר געהאָלפען. דו זאָלסט ניט פירכטען, אָ וואָ־
רעם יעקב, איהר קלײנער צאָהל פון ישראל, איך האָב דיר געהאָלפען,
— זאָגט גאָט, — און דײן אויסלעזער איז דער הײליגער פון ישראל.
15 זעה, איך האָב דיך געמאַכט פאַר אַ שאַרפעם דרעשהאָלץ, אַ נײעס, מיט
פיעל שאַרפע שפּיצען, דו וועסט צודרעשען בערג און וועסט זײ דין צער־
16 מאָלען, און די הינגעלען וועסטו ווי שפּרײ מאַכען. דו וועסט זײ וואָר־
פען, און דער ווינד וועט זײ אַוועקטראָגען, און דער שטורעם וועט זײ צו־
שפּרײטען אָבער דו וועסט זיך פרעהען מיט גאָט; מיט דעם הײליגען פון
17 ישראל וועסטו זיך ריהמען. די אָרעמע און די נויטהבעדירפטיגע זוכען
וואַסער און ס'איז ניטאָ; זײער צונג איז פערדאַרט פון דורשט, איך, גאָט,
וועל זײ ענטפערן, (איך) דער הערר פון ישראל וועל זײ ניט פערלאָזען.
18 איך וועל עפענען אויף די באַרגשפּיצען טײכען, און אין מיטען פון די
טהאָלען קוואַלען, איך וועל מאַכען די ווי סטע צו אײן זאַמלונג פון וואַ־
סער, און די דאַרע לאַנד צו וואַסער־אויסגוסען.
19 אין' וועל געבען אין דער ווי סטע דעם צעדערבוים, דעם אַקאַציענבוים,
און דעם מירטענבוים און דעם אײלבוים; איך וועל פּלאַנצען אין דער
סטעפּע דעם ציפּרעסבוים, דעם טענענבוים און דעם בוקסבוים צוזאַמען.
20 אום זײ זאָלען זעהען און וויסען און זײ זאָלען זיך איבערלעגען (אין
הערץ), און צוזאַמען זאָלען זײ בעגרײפען, אַז גאָטס האַנד האָט דאָס גע־
מאַכט, און דער הײליגער פון ישראל האָט עס בעשאַפען.
21 ברענגט אַהער אײער שטרײט, זאָגט גאָט, דערלאַנגט אײערע שטאַרקע
אײנוווענדונגען, זאָגט דער קעניג פון יעקב.
22 זאָלען זײ ברענגען און זאָלען זײ אונז זאָגען וואָס עס וועט אין די צו־
קונפט טרעפען, וואָס זײנען די ערשטע (פון אײערע נבואות) געווען?
זאָגט אונז, און מיר וועלען אונזער הערץ צולײגען צו זײ, און מיר וועלען
בעטראַכטען וואָס איז זײער ענד געוואָרען; אָדער לאָזט אונז הערען
די צוקונפטיגע זאַכען.
23 דערצעהלט אונז וואָס עס וועט שפּעטער זײן, אום מיר זאָלען וויסען,

וְנֵדְעָה כִּי אֱלֹהִים אַתֶּם אַף־תֵּיטִיבוּ וְתָרֵעוּ וְנִשְׁתָּעָה וְנִרְאֶ
24 יַחְדָּו׃ הֵן־אַתֶּם מֵאַיִן וּפָעָלְכֶם מֵאָפַע תּוֹעֵבָה יִבְחַר בָּכֶם׃
כה הַעִירוֹתִי מִצָּפוֹן וַיַּאת מִמִּזְרַח־שֶׁמֶשׁ יִקְרָא בִשְׁמִי
26 וְיָבֹא סְגָנִים כְּמוֹ־חֹמֶר וּכְמוֹ יוֹצֵר יִרְמָס־טִיט׃ מִי־הִגִּיד
מֵרֹאשׁ וְנֵדָעָה וּמִלְּפָנִים וְנֹאמַר צַדִּיק אַף אֵין־מַגִּיד אַף
27 אֵין מַשְׁמִיעַ אַף אֵין־שֹׁמֵעַ אִמְרֵיכֶם׃ רִאשׁוֹן לְצִיּוֹן הִנֵּה
28 הִנָּם וְלִירוּשָׁלִַם מְבַשֵּׂר אֶתֵּן׃ וְאֵרֶא וְאֵין אִישׁ וּמֵאֵלֶּה
29 וְאֵין יוֹעֵץ וְאֶשְׁאָלֵם וְיָשִׁיבוּ דָבָר׃ הֵן כֻּלָּם אָוֶן אֶפֶס
מַעֲשֵׂיהֶם רוּחַ וָתֹהוּ נִסְכֵּיהֶם׃

CAP. XLII. מב   מב

א הֵן עַבְדִּי אֶתְמָךְ־בּוֹ בְּחִירִי רָצְתָה נַפְשִׁי נָתַתִּי רוּחִי עָלָיו
2 מִשְׁפָּט לַגּוֹיִם יוֹצִיא׃ לֹא יִצְעַק וְלֹא יִשָּׂא וְלֹא־יַשְׁמִיעַ
3 בַּחוּץ קוֹלוֹ׃ קָנֶה רָצוּץ לֹא יִשְׁבּוֹר וּפִשְׁתָּה כֵהָה לֹא
4 יְכַבֶּנָּה לֶאֱמֶת יוֹצִיא מִשְׁפָּט׃ לֹא יִכְהֶה וְלֹא יָרוּץ עַד־
ה יָשִׂים בָּאָרֶץ מִשְׁפָּט וּלְתוֹרָתוֹ אִיִּים יְיַחֵילוּ׃ כֹּה־אָמַר
הָאֵל ׀ יְהוָה בּוֹרֵא הַשָּׁמַיִם וְנוֹטֵיהֶם רֹקַע הָאָרֶץ וְצֶאֱצָאֶיהָ
6 נֹתֵן נְשָׁמָה לָעָם עָלֶיהָ וְרוּחַ לַהֹלְכִים בָּהּ׃ אֲנִי יְהוָה
קְרָאתִיךָ בְצֶדֶק וְאַחְזֵק בְּיָדֶךָ וְאֶצָּרְךָ וְאֶתֶּנְךָ לִבְרִית עָם
7 לְאוֹר גּוֹיִם׃ לִפְקֹחַ עֵינַיִם עִוְרוֹת לְהוֹצִיא מִמַּסְגֵּר אַסִּיר
8 מִבֵּית כֶּלֶא יֹשְׁבֵי חֹשֶׁךְ׃ אֲנִי יְהוָה הוּא שְׁמִי וּכְבוֹדִי
9 לְאַחֵר לֹא־אֶתֵּן וּתְהִלָּתִי לַפְּסִילִים׃ הָרִאשֹׁנוֹת הִנֵּה־בָאוּ
וַחֲדָשׁוֹת אֲנִי מַגִּיד בְּטֶרֶם תִּצְמַחְנָה אַשְׁמִיעַ אֶתְכֶם׃
י שִׁירוּ לַיהוָה שִׁיר חָדָשׁ תְּהִלָּתוֹ מִקְצֵה הָאָרֶץ יוֹרְדֵי הַיָּם
11 וּמְלֹאוֹ אִיִּים וְיֹשְׁבֵיהֶם׃ יִשְׂאוּ מִדְבָּר וְעָרָיו חֲצֵרִים תֵּשֵׁב
12 קֵדָר יָרֹנּוּ יֹשְׁבֵי סֶלַע מֵרֹאשׁ הָרִים יִצְוָחוּ׃ יָשִׂימוּ לַיהוָה
13 כָּבוֹד וּתְהִלָּתוֹ בָּאִיִּים יַגִּידוּ׃ יְהוָה כַּגִּבּוֹר יֵצֵא כְּאִישׁ
מִלְחָמוֹת יָעִיר קִנְאָה יָרִיעַ אַף־יַצְרִיחַ עַל־אֹיְבָיו יִתְגַּבָּר׃

החשיתי

מ״א v. 23 ונראה קרי v. 26. קמץ בז״ק מ״ב v. 5. הפטרת בראשית

דאָס איהר זייט געטער, און אַז אויך איהר קענט גוטעס און שלעכטעס
טהאָן, און מיר וועלען זיך דורכריידען און מיר וועלען אלעס צוזאמען
24 דורכקוקען. אָבער זעהט, איהר זייט פון נישט און אייערע ווערק איז פון
גאָרניט, דער וואָס וועהלט אייך אויס, וועהלט אויס אַן אומווירדיגקייט.
25 איך האָב איהם (כרש׳ן) דערוועקט פון צפון־זייט און ער קומט; פון דעם
אויפגאַנג פון דער זונן קומט דער וואָס רופט מיין נאָמען, און ער וועט
צוטרעטען די פירסטען ווי דעם לעהם, און ווי דער טעפּער צוטרעט דעם
26 לעהם. ווער האָט דאָס אָנגעזאָגט פאָראויס (וועגען כרש) אום מיר
זאָלען וויסען? און פון פריהער — אום מיר זאָלען זאָגען: ער איז
גערעכט? אָבער (ביי אייך) איז ניטאָ קיין אנזאגער, אויך קיינער וואָס
זאָל מאַכען עטוואס הערען. אויך קיינער הערט גאָר ניט אייערע
27 ווערטער. איך בין דער ערשטער וואָס זאָגט אָן צו ציון: זעה, אָט דאָ
זיינען זיי (זיינע קינדער), און צו ירושלים ברייננ איך דעם גוטען אנזאגער.
28 און איך זעה, און עס איז קיינער ניטאָ, און פון די דאָזיגע (די געצענ־
דיענער) איז קיין ראטהגעבער ניטאָ, אַז איך זאָל זיי פרעגען און זיי
29 זאָלען קענען ענטפערן אַ וואָרט זעה, זיי זיינען אַלע נישט, ניכטס זיי־
נען זייערע ווערק, ווינד און וויסט זיינען זייערע געגאָסענע געצען.

קאַפּיטעל מב

1 זעה, מיין קנעכט, וועלכען איך שטיץ, מיין אויסערוועהלטער וועלכען
מיין זעלע בעגעהרט, איך האָב געגעבען מיין גייסט אויף איהם, גערעכ־
2 טע אויפפיהרונגען וועט ער פאר די פעלקער ארויסגעבען. ער וועט ניט
שרייען, און ער וועט ניט אויפהויבען (קיין שטים), און ער וועט ניט לאָ־
3 זען הערען דרויסען זיין שטים. דעם שטעקעל וואָס האַלט ביים צובראָ־
כען ווערען וועט ער ניט צוברעכען; און דעם דונקעלען פלאקס־קנויל וועט
ער ניט פערלעשען, נאָך דער ווארהייט נאָך וועט ער אן אורטהייל ארויס־
4 געבען. ער וועט ניט שוואַך ווערען און ער וועט ניט צובראָכען ווערען
ביז ער וועט פעסטשטעלען אויף דער ערד גערעכטיגקייט, און אויף זיין
5 לעהרע וועלען האָפען די אינזעל־בעוואָהנער. אַזוי האָט געזאָגט דער
גאָט דער הערר, דער וואָס האָט בעשאַפען די הימלען און האָט זיי אויס־
געצויגען, דער וואָס האָט אויסגעשפּרייט די ערד און איהרע שפּראָצונגען,
דער וואָס גיט אַ זעלע צו דעם פאָלק וואָס אויף איהר און א געפיהל צו די
6 וואָס געהען אויף איהר. איך, גאָט, האָב דיך גערופען צו טהאָן גערעכ־
טיגקייט, און איך האָב (דיך) אָנגענומען ביי דיין האַנד, און איך היט
דיך און איך האָב דיך בעשטימט צו זיין אַ פאָלק פון א בונד, א ליכט
7 פאר נאַציאָנען. צו עפענען די בלינדע אויגען, ארויפצוציהען פון גע־
פענגנים דעם געבונדענעם, פון דעם הויז וואו זיי זיינען איינגעשפּארט
8 די וואָס זיצען אין דער פינסטערנים. איך, דער אייביגער, דאָס איז מיין
נאָמען; און מיין עהרע וועל איך ניט אָפּגעבען צו קיין אנדערען, און מיין
9 לויב צו די געצען. די ערשטע (נבואות) זיינען שוין אָנגעקומען, און
נייע זאָג איך יעצט אָן, איידער זיי וועלען ארויסשפּראצען וועל איך (זיי)
10 אייך לאָזען הערען. זינגט צו גאָט אַ נייעס ליעד, זיין לויב (זינגט) איהר
איינוואָהנער פון אַלע גרענעצען פון דער ערד, איהר וואָס נידערט אויפ׳ן
ים, און אַלץ וואָס פילט איהם אָן, די אינזלען און זייערע איינוואָהנער.
11 אויפהויבען אַ געזאַנג וועט די וויסטע און איהרע שטעדט, די דערפער
וואָס קדר בעוואָהנט, זינגען וועלען די איינוואָהנער פון די פעלזענס, פון
12 דעם שפּיץ פון די בערג וועלען זיי שרייען. זיי וועלען אָפּגעבען צו גאָט
13 עהרע, און זיין לויב וועלען זיי אָנזאָגען אין די אינזלען: „גאָט קומט
ארויס ווי אַ העלד, ווי אַ קריעגסמאַן ערוועקט ער זיין צאָרן, ער לאַרמט,
אויך ער שרייט (שרעקליך), איבער זיינע פיינד שטאַרקט ער זיך".

14 הֶחֱשֵׁיתִי מֵעוֹלָם אַחֲרִישׁ אֶתְאַפָּק כַּיּוֹלֵדָה אֶפְעֶה אֶשֹּׁם
וְאֶשְׁאַף יָחַד׃ אַחֲרִיב הָרִים וּגְבָעוֹת וְכָל־עֶשְׂבָּם אוֹבִישׁ טו
16 וְשַׂמְתִּי נְהָרוֹת לָאִיִּים וַאֲגַמִּים אוֹבִישׁ׃ וְהוֹלַכְתִּי עִוְרִים
בְּדֶרֶךְ לֹא יָדָעוּ בִּנְתִיבוֹת לֹא־יָדְעוּ אַדְרִיכֵם אָשִׂים מַחְשָׁךְ
לִפְנֵיהֶם לָאוֹר וּמַעֲקַשִּׁים לְמִישׁוֹר אֵלֶּה הַדְּבָרִים עֲשִׂיתִם
17 וְלֹא עֲזַבְתִּים׃ נָסֹגוּ אָחוֹר יֵבֹשׁוּ בֹשֶׁת הַבֹּטְחִים בַּפָּסֶל
18 הָאֹמְרִים לְמַסֵּכָה אַתֶּם אֱלֹהֵינוּ׃ הַחֵרְשִׁים שְׁמָעוּ
19 וְהַעִוְרִים הַבִּיטוּ לִרְאוֹת׃ מִי עִוֵּר כִּי אִם־עַבְדִּי וְחֵרֵשׁ
כְּמַלְאָכִי אֶשְׁלָח מִי עִוֵּר כִּמְשֻׁלָּם וְעִוֵּר כְּעֶבֶד יְהוָה׃
כ 21 רָאִית רַבּוֹת וְלֹא תִשְׁמֹר פָּקוֹחַ אָזְנַיִם וְלֹא יִשְׁמָע׃ יְהוָה
22 חָפֵץ לְמַעַן צִדְקוֹ יַגְדִּיל תּוֹרָה וְיַאְדִּיר׃ וְהוּא עַם־בָּזוּז
וְשָׁסוּי הָפֵחַ בַּחוּרִים כֻּלָּם וּבְבָתֵּי כְלָאִים הָחְבָּאוּ הָיוּ לָבַז
23 וְאֵין מַצִּיל מְשִׁסָּה וְאֵין־אֹמֵר הָשַׁב׃ מִי בָכֶם יַאֲזִין זֹאת
24 יַקְשִׁב וְיִשְׁמַע לְאָחוֹר׃ מִי־נָתַן לִמְשׁוֹסָּה יַעֲקֹב וְיִשְׂרָאֵל
לְבֹזְזִים הֲלוֹא יְהוָה זוּ חָטָאנוּ לוֹ וְלֹא־אָבוּ בִדְרָכָיו הָלוֹךְ
וְלֹא שָׁמְעוּ בְּתוֹרָתוֹ׃ וַיִּשְׁפֹּךְ עָלָיו חֵמָה אַפּוֹ וֶעֱזוּז כה
מִלְחָמָה וַתְּלַהֲטֵהוּ מִסָּבִיב וְלֹא יָדָע וַתִּבְעַר־בּוֹ וְלֹא־
יָשִׂים עַל־לֵב׃

מג Cap. XLIII. מג

וְעַתָּה כֹּה־אָמַר יְהוָה בֹּרַאֲךָ יַעֲקֹב וְיֹצֶרְךָ יִשְׂרָאֵל אַל־ א
2 תִּירָא כִּי גְאַלְתִּיךָ קָרָאתִי בְשִׁמְךָ לִי־אָתָּה׃ כִּי־תַעֲבֹר
בַּמַּיִם אִתְּךָ־אָנִי וּבַנְּהָרוֹת לֹא יִשְׁטְפוּךָ כִּי־תֵלֵךְ בְּמוֹ־אֵשׁ
3 לֹא תִכָּוֶה וְלֶהָבָה לֹא תִבְעַר־בָּךְ׃ כִּי אֲנִי יְהוָה אֱלֹהֶיךָ
קְדוֹשׁ יִשְׂרָאֵל מוֹשִׁיעֶךָ נָתַתִּי כָפְרְךָ מִצְרַיִם כּוּשׁ וּסְבָא
4 תַּחְתֶּיךָ׃ מֵאֲשֶׁר יָקַרְתָּ בְעֵינַי נִכְבַּדְתָּ וַאֲנִי אֲהַבְתִּיךָ וְאֶתֵּן
אָדָם תַּחְתֶּיךָ וּלְאֻמִּים תַּחַת נַפְשֶׁךָ׃ אַל־תִּירָא כִּי־אִתְּךָ ה
6 אֲנִי מִמִּזְרָח אָבִיא זַרְעֶךָ וּמִמַּעֲרָב אֲקַבְּצֶךָּ׃ אֹמַר לַצָּפוֹן

תְּנִי

מ״ב ∙ 16 קמץ בז״ק ∙ 20 ראות קרי ∙ 21 עד כאן ∙ 24 למשיסה קרי ∙ 25 הקמץ בז״ק

14 איך האָב אַ לאַנגע צייט געשוויגען ; איך בין געווען שטיל, איך האָב
זיך צוריקגעהאַלטען, (יעצט) וועל איך ווי אַ געווינערין שרייען ; איך וועל
15 אויסאָטהעמען און ציהען אטהעם צוזאַמען (אין מיין צאָרן). איך וועל
פערוויסטען בערג און היגלען, און אַלע זייערע גראזען וועל איך פערטרי־
קענען, און איך וועל מאַכען פון שטראָמען אינזלען, און די טייכען וועל
16 איך אויסטריקענען. און איך וועל פיהרען די בלינדע אויף אַ וועג וועלכע
זיי האָבען ניט געוואוסט, און שטעגען וועלכע זיי האָבען ניט געקענט וועל
איך זיי מאַכען טרעטען. איך וועל פאר זיי מאַכען די פינסטערנים צו ליכט,
און די קרימונגען צו אַ גלייכען פלאַץ, אַט די דאָזיגע וואונדער האָב איך
שוין פון לאַנג אויך געטהאָן, און איך וועל ניט אויפהערען זיי צו טהאָן.
17 אָבער אָפּגעטרעטען צוריק און זיי זיינען שטאַרק פערשעהמט די וואָס
פערזיכערען זיך אויף אַ געצענבילד, די וואָס זאָגען צו אַ געגאָסענעם
18 בלינד : „איהר זייט אונזערע געטער. (זיי זאָגען) איהר טויבע (בילדער),
19 הערט ! און איהר בלינדע, קוקט און זעהט.״ ווער איז בלינד, אויב ניט
מיין קנעכט, און טויב, ווי מיין געזאנדטעטער (ישראל) וואָס איך שיק, ווער
איז נאָך אַזוי בלינד ווי דער פאָלקאָמענער (ישראל), און בלינד ווי דער
20 קנעכט פון גאָט ? דו זעהסט דאָך פיעל זאכען אָבער דו היטסט ניט ;
21 די אויערען זיינען געעפענט, אָבער ער הערט ניט. גאָט האָט איהם
(ישראל) בעגעהרט, אום ער זאָל גרויס מאַכען זיינע גערעכטיגקייט, ער זאָל
22 גרויס מאַכען זיין לעהרע און זאָל איהר פערהערליכען. אָבער ער איז
געוואָרען אַ בערויבט און צופלינדערט פאָלק, אויסגעהויכט זייערע זעעלען
אין די לעכער האָבען זיי אַלע, און אין די געפענגניס־הייזער זיינען זיי
פערשפּאַרט געוואָרען, זיי זיינען געוואָרען צו רויב און קיינער רעטעט זיי
23 ניט, צו פלינדערונג — און קיינער זאָגט : האַלט אָפּ. ווער איז צווישען
אייך אַז ער זאָל דאָס דאָזיגע צוהערען ? ווער וועט פערנעהמען און וועט
24 הערען וואָס עס וועט זיין אַם ענדע ? ווער האָט עס אָפּגעגעבען צו פלינ־
דערונג יעקב׳ן און ישראל׳ן צו די רויבערס, איז עס ניט גאָט ? אָבער דאָס
איז דאָך ווייל מיר האָבען געזינדיגט קעגען איהם, און מען האָט ניט גע־
וואָלט געהן אין זיינע וועגען, און מען האָט ניט געהאָרכט צו זיין לעהרע.
25 דארום האָט ער אויסגעגאָסען אויף איהם זיין שטאַרקען צאָרן, און די
שטאַרקהייט פון אַ מלחמה, און זי האָט איהם אַרומגעפלאַמט רינגס
ארום און ער האָט זיך געמאַכט ניט וויסענדיג, און זי האָט שוין געברענט
זיין קערפּער זעלבסט, און ער האָט עס צום הערצען ניט גענומען.

קאַפּיטעל מג

1 אָבער יעצט, אַזוי זאָגט גאָט, דיין בעשעפער, יעקב, און דער וואָס האָט
דיך געפורעמט, ישראל : דו זאָלסט ניט פירכטען, דען איך האָב דיך
אויסגעלייזט, איך האָב דיך אויסגעצייכענט מיט דיין נאָמען : דו
2 ביזט מיינער. ווען דו וועסט געהן דורך וואַסערען, בין איך מיט דיר, און
אין די שטראָמען—וועלען זיי דיך ניט פערפלייצען; ווען דו וועסט וואַנ־
דלען אין דעם פייער וועסטו ניט פערברענט ווערען, און די פלאַם וועט
3 דיך ניט ברענען. דען איך דער אייביגער, וואָס איך בין דיין גאָט, איך
דער הייליגער פון ישראל וואָס איך בין דיין העלפער, איך האָב געמאַכט
דאָס מצרים זאָל זיין דיין פערבייטונג (כפרה), כוש און סבא זאָלען פער־
4 לאָרען געהן אנשטאט דיך, ווייל דו ביזט טהייער אין מיינע אויגען, גע־
אַכטעט, און איך ליעב דיך; דארום וועל איך אויפגעבען אַנדערע מענשען
5 אנשטאט דיך, און נאַציאָנען אנשטאט דיין זעעל. דו זאָלסט ניט פירכ־
טען, דען איך בין מיט דיר; פון מזרח וועל איך דיין זאָמען ברענגען, און
6 פון מערב וועל איך דיך איינזאמלען. איך וועל זאָגען צום צפון: גיעב אָב,
און צום דרום: האַלט ניט צוריק, ברענג מיינע זיהן פון די ווייטע ער־

תְּנִי וּלְתֵימָן אַל־תִּכְלָאִי הָבִיאִי בָנַי מֵרָחוֹק וּבְנוֹתַי מִקְצֵה
7 הָאָרֶץ׃ כֹּל הַנִּקְרָא בִשְׁמִי וְלִכְבוֹדִי בְּרָאתִיו יְצַרְתִּיו אַף־
8 עֲשִׂיתִיו׃ הוֹצִיא עַם־עִוֵּר וְעֵינַיִם יֵשׁ וְחֵרְשִׁים וְאָזְנַיִם לָמוֹ׃
9 כָּל־הַגּוֹיִם נִקְבְּצוּ יַחְדָּו וְיֵאָסְפוּ לְאֻמִּים מִי בָהֶם יַגִּיד זֹאת
וְרִאשֹׁנוֹת יַשְׁמִיעֻנוּ יִתְּנוּ עֵדֵיהֶם וְיִצְדָּקוּ וְיִשְׁמְעוּ וְיֹאמְרוּ
י אֱמֶת׃ אַתֶּם עֵדַי נְאֻם־יְהוָה וְעַבְדִּי אֲשֶׁר בָּחָרְתִּי לְמַעַן
תֵּדְעוּ וְתַאֲמִינוּ לִי וְתָבִינוּ כִּי־אֲנִי הוּא לְפָנַי לֹא־נוֹצַר אֵל
11 וְאַחֲרַי לֹא־יִהְיֶה׃ אָנֹכִי אָנֹכִי יְהוָה וְאֵין מִבַּלְעָדַי
12 מוֹשִׁיעַ׃ אָנֹכִי הִגַּדְתִּי וְהוֹשַׁעְתִּי וְהִשְׁמַעְתִּי וְאֵין בָּכֶם זָר
13 וְאַתֶּם עֵדַי נְאֻם־יְהוָה וַאֲנִי־אֵל׃ גַּם־מִיּוֹם אֲנִי הוּא וְאֵין
14 מִיָּדִי מַצִּיל אֶפְעַל וּמִי יְשִׁיבֶנָּה׃ כֹּה־אָמַר יְהוָה גֹּאַלְכֶם
קְדוֹשׁ יִשְׂרָאֵל לְמַעַנְכֶם שִׁלַּחְתִּי בָבֶלָה וְהוֹרַדְתִּי בָרִיחִים
טו כֻּלָּם וְכַשְׂדִּים בָּאֳנִיּוֹת רִנָּתָם׃ אֲנִי יְהוָה קְדוֹשְׁכֶם בּוֹרֵא
16 יִשְׂרָאֵל מַלְכְּכֶם׃ כֹּה אָמַר יְהוָה הַנּוֹתֵן בַּיָּם דָּרֶךְ
17 וּבְמַיִם עַזִּים נְתִיבָה׃ הַמּוֹצִיא רֶכֶב־וָסוּס חַיִל וְעִזּוּז יַחְדָּו
18 יִשְׁכְּבוּ בַּל־יָקוּמוּ דָּעֲכוּ כַּפִּשְׁתָּה כָבוּ׃ אַל־תִּזְכְּרוּ רִאשֹׁנוֹת
19 וְקַדְמֹנִיּוֹת אַל־תִּתְבֹּנָנוּ׃ הִנְנִי עֹשֶׂה חֲדָשָׁה עַתָּה תִצְמָח
הֲלוֹא תֵדָעוּהָ אַף אָשִׂים בַּמִּדְבָּר דֶּרֶךְ בִּישִׁמוֹן נְהָרוֹת׃
כ תְּכַבְּדֵנִי חַיַּת הַשָּׂדֶה תַּנִּים וּבְנוֹת יַעֲנָה כִּי־נָתַתִּי בַמִּדְבָּר
21 מַיִם נְהָרוֹת בִּישִׁימֹן לְהַשְׁקוֹת עַמִּי בְחִירִי׃ עַם־זוּ יָצַרְתִּי
22 לִי תְּהִלָּתִי יְסַפֵּרוּ׃ וְלֹא־אֹתִי קָרָאתָ יַעֲקֹב כִּי־יָגַעְתָּ בִּי
23 יִשְׂרָאֵל׃ לֹא־הֵבֵיאתָ לִּי שֵׂה עֹלֹתֶיךָ וּזְבָחֶיךָ לֹא כִבַּדְתָּנִי
24 לֹא הֶעֱבַדְתִּיךָ בְּמִנְחָה וְלֹא הוֹגַעְתִּיךָ בִּלְבוֹנָה׃ לֹא־קָנִיתָ
לִּי בַכֶּסֶף קָנֶה וְחֵלֶב זְבָחֶיךָ לֹא הִרְוִיתָנִי אַךְ הֶעֱבַדְתַּנִי
כה בְּחַטֹּאותֶיךָ הוֹגַעְתַּנִי בַּעֲוֺנֹתֶיךָ׃ אָנֹכִי אָנֹכִי הוּא מֹחֶה
26 פְשָׁעֶיךָ לְמַעֲנִי וְחַטֹּאתֶיךָ לֹא אֶזְכֹּר׃ הַזְכִּירֵנִי נִשָּׁפְטָה
27 יָחַד סַפֵּר אַתָּה לְמַעַן תִּצְדָּק׃ אָבִיךָ הָרִאשׁוֹן חָטָא

ומליציך

v. 9. 19. קמץ בז״ק v. 21. הפטרת ויקרא v. 24. מלא ו

טער, און מײנע טעכטער פון די װײטעסטע געגענדען פון דער ערד.
7 ברענגט יעדען װאָס װערט מיט מײן נאָמען גערופען, און װאָס צו מײן
8 עהרע האָב איך איהם בעשאַפען, געפורעמט און געמאַכט. ברענג אַרױס
דאָס בלינדע פאָלק און דאָך האָט עס אױגען, און די טױבע װאָס האָבען
9 אױערען. לאָזען זיך אַלע פעלקער צוזאַמען פערזאַמלען, און לאָזען צוזאַ־
מענקומען די נאַציאָנען, װער פון זײ קען דאָס דאָזיגע פאָראױסזאָגען ?
און אַזעלכע זאַכען װי די פאָריגעס זאָלען זײ אונז מאַכען הערען, זאָלען
זײערע עדות ענטפערען, דאָס זײ זאָלען גערעכט בלײבען, און אַלע װעלען
10 עס הערען און װעלען זאָגען: עס איז װאָהר. אָבער מײנע עדות זײט
איהר, זאָגט גאָט, און איהר זײט מײן קנעכט װעלכען איך האָב אױסגע־
װעהלט, אום איהר זאָלט װיסען, און איהר זאָלט מיר גלױבען און פער־
שטעהען דאָס איך בין אַלײן פאַר מיר איז קײן מאַכט ניט בעשאַפען געװאָ־
11 רען, און נאָך מיר װעט קײנער ניט זײן. איך, נאָר איך אַלײן בין דער
12 אײביגער, און אױסער מיר איז ניטאָ קײן רעטער. איך האָב עס פאָר־
אױסגעזאָגט, און איך האָב געהאָלפען, און איך האָב עס געלאָזט הערען,
און איהר זײט מײנע עדות, זאָגט גאָט. און נאָר איך אַלײן בין מעכטיג.
13 און פון צײט איך האָב בעשאַפען אַ טאָג, בין איך עס, און עס איז קײן
רעטער פון מײן האַנד ניטאָ. װאָס איך טהו, װער קען איהר צוריק האַל־
14 טען ? אַזױ האָט געזאָגט גאָט אײער אױסלײזער, דער הײליגער פון
ישראל: פון אײערעטװעגען האָב איך געשיקט קײן בבל. און איך האָב גע־
מאַכט זינקען די כשדים און זײערע אַלע אַנטרונענע אין זײערע פרעהליכע
15 שיפען. איך גאָט, אײער הײליגער, איך דער בעשעפער פון ישראל, אײער
16 קעניג (האָב עס געטהאָן). אַזױ האָט געזאָגט גאָט: דער װאָס מאַכט אין
17 ים אַ װעג, און דורך די שטאַרקע װאַסערען אַ שטעג. ער װאָס האָט פער־
אורזאַכט אַרױסצוברענגען רײטװעגען און פערד (פרעה'ן), אַן ארמײע און
א גרױסע מאַכט, דאָס צוזאַמען זאָלען זײ ליגען און זאָלען ניט אױפשטע־
הען, זײ זײנען אױסגעלאָשען געװאָרען װי אַ פלאַם קנױט, זײ זײנען אין
18 גאַנצען פערלאָשען געװאָרען. איהר װעט ניט דאַרפען דערמאַנען די ערש־
טע זאַכען, און די פערגאַנגענהײטען װעט איהר ניט דאַרפען בעטראַכטען.
19 דען זעה, איך מאַך נײעס, גלײך װעט עס אַרױסשפּראָצען, געװיס װעט
איהר עס באַלד װיסען; אױך יעצט װעל איך מאַכען אַ װעג — אין דער
20 װיסטע. אין דער װילדערניס װעל איך מאַכען טײכען. עהרע װעט מיר
אָבגעגעבען אױך דאָס טהיער פון פעלד, די דראַכען און שטרױס־פױגלען,
װײל איך האָב געגעבען װאַסער אין דער װיסטע, און טײכען אין דער
21 װילדערניס, אום אָנצוטרינקען מײן פאָלק, מײן אױסערװעהלטעס. דאָס
דאָזיגע פאָלק װאָס איך האָב בעשאַפען פיר מיר, זײ זאָלען דערצעהלען
22 מײן לױב. אָבער ניט מיך האָסטו גערופען יעקב, דען דו ביזט מיט מיר
23 מיעד געװאָרען, אָ ישראל. דו האָסט מיר ניט געדאַרפט ברענגען דעם
לאַם פון דײנע בראַנד־אָפּפער, און מיט דײנע שלאַכט־אָפּפער האָסטו מיר
ניט בעדאַרפט בעעהרען. איך האָב דיך ניט בעלעסטיגט מיט שפּײז־אָפּ־
24 פער, און איך האָב דיך ניט געמאַכט מיעד מיט װײהרױך. דו האָסט מיר
ניט געדאַרפט קױפען פאַר געלד געװירץ־ראָהר, און מיט דער פעטס פון
דײנע שלאַכט־אָפּפער האָסטו מיר ניט געדאַרפט זעטיגען. אָבער דו
האָסט מיך יאָ בעלעסטיגט—מיט דײנע זינד, דו האָסט מיך יאָ מיעד גע־
25 מאַכט—מיט דײנע פערברעכען. אָבער איך, איך אַלײן מעק אױס דײנע
פערברעכען פון מײנעטװעגען, און דײנע זינד װעל איך ניט געדענקען.
26 דערמאָהן מיך, זאָלען מיר זיך צוזאַמען דורכרעדען, דערצעהל דו, אום דו
27 זאָלסט גערעכט בלײבען. אָבער שױן דײן ערשטער פאָטער האָט געזינ־
דיגט, און דײנע פאָרשטעהער האָבען פערבראָכען געגען מיר.

28 מְלִיצֶיךָ פָּשְׁעוּ בִי׃ וַאֲחַלֵּל שָׂרֵי קֹדֶשׁ וְאֶתְּנָה לַחֵרֶם
יַעֲקֹב וְיִשְׂרָאֵל לְגִדּוּפִים׃

Cap. XLIV. מד

מד

א 2 וְעַתָּה שְׁמַע יַעֲקֹב עַבְדִּי וְיִשְׂרָאֵל בָּחַרְתִּי בוֹ׃ כֹּה־אָמַר
יְהוָה עֹשֶׂךָ וְיֹצֶרְךָ מִבֶּטֶן יַעְזְרֶךָּ אַל־תִּירָא עַבְדִּי יַעֲקֹב
3 וִישֻׁרוּן בָּחַרְתִּי בוֹ׃ כִּי אֶצָּק־מַיִם עַל־צָמֵא וְנֹזְלִים עַל־
4 יַבָּשָׁה אֶצֹּק רוּחִי עַל־זַרְעֶךָ וּבִרְכָתִי עַל־צֶאֱצָאֶיךָ׃ וְצָמְחוּ
ה בְּבֵין חָצִיר כַּעֲרָבִים עַל־יִבְלֵי־מָיִם׃ זֶה יֹאמַר לַיהוָה
אָנִי וְזֶה יִקְרָא בְשֵׁם־יַעֲקֹב וְזֶה יִכְתֹּב יָדוֹ לַיהוָה וּבְשֵׁם
6 יִשְׂרָאֵל יְכַנֶּה׃ כֹּה־אָמַר יְהוָה מֶלֶךְ־יִשְׂרָאֵל וְגֹאֲלוֹ
יְהוָה צְבָאוֹת אֲנִי רִאשׁוֹן וַאֲנִי אַחֲרוֹן וּמִבַּלְעָדַי אֵין אֱלֹהִים׃
7 וּמִי־כָמוֹנִי יִקְרָא וְיַגִּידֶהָ וְיַעְרְכֶהָ לִי מִשּׂוּמִי עַם־עוֹלָם
8 וְאֹתִיּוֹת וַאֲשֶׁר תָּבֹאנָה יַגִּידוּ לָמוֹ׃ אַל־תִּפְחֲדוּ וְאַל־
תִּרְהוּ הֲלֹא מֵאָז הִשְׁמַעְתִּיךָ וְהִגַּדְתִּי וְאַתֶּם עֵדָי הֲיֵשׁ
9 אֱלוֹהַּ מִבַּלְעָדַי וְאֵין צוּר בַּל־יָדָעְתִּי׃ יֹצְרֵי־פֶסֶל כֻּלָּם
תֹּהוּ וַחֲמוּדֵיהֶם בַּל־יוֹעִילוּ וְעֵדֵיהֶם הֵמָּה בַּל־יִרְאוּ וּבַל־
י יֵדְעוּ לְמַעַן יֵבֹשׁוּ׃ מִי־יָצַר אֵל וּפֶסֶל נָסָךְ לְבִלְתִּי הוֹעִיל׃
11 הֵן כָּל־חֲבֵרָיו יֵבֹשׁוּ וְחָרָשִׁים הֵמָּה מֵאָדָם יִתְקַבְּצוּ כֻלָּם
12 יַעֲמֹדוּ יִפְחֲדוּ יֵבֹשׁוּ יָחַד׃ חָרַשׁ בַּרְזֶל מַעֲצָד וּפָעַל
בַּפֶּחָם וּבַמַּקָּבוֹת יִצְּרֵהוּ וַיִּפְעָלֵהוּ בִּזְרוֹעַ כֹּחוֹ גַּם־רָעֵב
13 וְאֵין כֹּחַ לֹא־שָׁתָה מַיִם וַיִּיעָף׃ חָרַשׁ עֵצִים נָטָה קָו
יְתָאֲרֵהוּ בַשֶּׂרֶד יַעֲשֵׂהוּ בַּמַּקְצֻעוֹת וּבַמְּחוּגָה יְתָאֳרֵהוּ
וַיַּעֲשֵׂהוּ כְּתַבְנִית אִישׁ כְּתִפְאֶרֶת אָדָם לָשֶׁבֶת בָּיִת׃
14 לִכְרָת־לוֹ אֲרָזִים וַיִּקַּח תִּרְזָה וְאַלּוֹן וַיְאַמֶּץ־לוֹ בַּעֲצֵי־יָעַר
טו נָטַע אֹרֶן וְגֶשֶׁם יְגַדֵּל׃ וְהָיָה לְאָדָם לְבָעֵר וַיִּקַּח מֵהֶם
וַיָּחָם אַף־יַשִּׂיק וְאָפָה לָחֶם אַף־יִפְעַל־אֵל וַיִּשְׁתָּחוּ עָשָׂהוּ
16 פֶסֶל וַיִּסְגָּד־לָמוֹ׃ חֶצְיוֹ שָׂרַף בְּמוֹ־אֵשׁ עַל־חֶצְיוֹ בָּשָׂר
יאכל

מד v. 9. נקוד על   v. 14. נון זעירא   v. 15. קמץ בז״ק

28 דאַרום האָב איך פערשוועכט די הייליגע פירשטען, און איך האָב אָב־
געגעבען יעקב'ן צום פלוך, און ישראל'ן צו לעסטערונג.

קאַפּיטעל מד

1 און יעצט הער, יעקב מיין קנעכט, און ישראל, וועלכען איך האָב אויסער־
2 וועהלט. אַזוי האָט געזאָגט גאָט דיין בעשעפער, און ער וואָס פורעמט
דיך פון מוטערלייב אָן, און העלפט דיך; זאָלסט ניט פירכטען מיין קנעכט,
3 יעקב, און דו ישרון, וועלכען איך האָב אויסגעוועהלט. דען אַזוי ווי איך
גיעס וואַסער אויף אַ דאָרשטיגען אָרט, און פליעסענדע אויף דאָס טריקע־
נעס, אַזוי וועל איך גיעסען מיין גייסט אויף דיין זאָמען, און מיין זעגען
4 אויף דיינע קינדער. און זיי וועלען וואַקסען ווי צווישען גראָז, ווי די ווייד־
5 דען ביי די וואַסער־טייכען. דער וועט זאָגען: איך געהער צו גאָט, און
דער וועט זיך רופען מיט דעם נאָמען פון יעקב; דער וועט שרייבען מיט
זיין האַנד: „איך געהער צו גאָט", און דער וועט זיך אָנרופען מיט דעם
6 נאָמען ישראל. אַזוי האָט געזאָגט דער אייביגער, דער קעניג פון ישראל
און זיין אויסלייזער, דער גאָט פון די העַרשאַרען: איך בין דער ערשטער
7 און איך בין דער לעצטער און אויסער מיר איז קיינער ניטאָ. און ווער
איז ווי איך וואָס זאָל אויסרופען (די צוקונפט), (אויב עס איז דאָ איינער)
טו זאָל ער זאָגען, און זאָל ער עס פאָרלעגען פאַר מיר, צייט איך האָב בעַ־
שאַפען פעלקער אין די אַלטע צייטען. און די צוקונפטיגע בעגעבענהייטען
און וואָס עס וועט באַלד קומען, זאָלען זיי (די געטער) צו זיי זאָגען.
8 שרעקט אייך ניט (ישראל), און ציטערט ניט; האָב איך עס דיך ניט
דיין עהרע, און דו וועסט אָנגערופען ווערען מיט אַ נייעם נאָמען, וואָס
דאָס מויל פון גאָט וועט בעשטימען.
3 און דו וועסט זיין אַ פּראַכטפאָלע קרוין אין דער האַנד פון גאָט, און אַ
קעניגליכער קאָפּ־באַנד (וועסטו ווערען) דורך די האַנד פון דיין גאָט.
4 מען וועט ניט מעהר צו דיר געזאָגט ווערען: פערלאָזענע; און צו דיין
לאַנד וועט ניט מעהר געזאָגט ווערען: פערוויסטע. דען דו וועסט גערו־
פען ווערען: חפצי־בה (מיין פערלאַנג איז אין איהר), און דיין לאַנד:
פערהייראַטהעטע; דען זיין לוסט האָט גאָט אין דיר, און דיין לאַנד
וועט ווידער בעמאַנט ווערען.
5 דען אַזוי ווי אַ יונגער מאַן פערהייראַטהעט מיט אַ יונגפרוי, אַזוי וועלען
דיינע קינדער זיך פערהייראַטהען מיט דיר; און ווי די פרייד פון דעם
חתן מיט דער כלה, אַזוי וועט זיך פרעהען מיט דיר דיין גאָט.
6 אויף דיינע מויערען, ירושלים, האָב איך אויפגעשטעלט וועכטער, דעם
גאַנצען טאָג און די גאַנצע נאַכט, שטענדיג, זיי וועלען ניט שוויי־
גען; איהר, די וואָס דערמאָהנט גאָט, נעהמט זיך ניט קיין רוה.
7 און איהר זאָלט איהם קיין רוה ניט געבען, ביז ער וועט גרינדען און
ביז ער וועט מאַכען ירושלים צו אַ רוהם אויף דער ערד.
8 גאָט האָט געשוואָרען ביי זיין רעכטער האַנד, און ביי דעם אָרעם פון זיין
שטאַרקייט: איך וועל שוין מעהר ניט געבען דיין געטרייד אַ שפּייז
צו דיינע פיינד, און עס וועלען מעהר ניט טרינקען די זיהן פון די
פרעמדע דיין פרישען וויין, אויף וועלכע דו האָסט זיך געמיהט.
9 נאָר זיינע זאַמלערס וועלען עס עסען, און זיי וועלען לויבען גאָט; און
זיינע איינזאַמלערס וועלען איהם טרינקען אין די הויפען פון מיין היי־
ליגטהום.
10 פאָהרט, פאָהרט דורך אין די טהויערען (פון אַלע שטעדט), רוימט אָב
דעם וועג פאַר דעם פאָלק, באַהנט, באַהנט אַ שטעג, רייניגט עס פון
שטיינער, הויבט אויף אַ פאָהן פאַר די פעלקער.
11 זעה, גאָט האָט געלאָזט הערען ביז צו דעם עק פון דער ערד: זאָגט צו
דער טאָכטער פון ציון: זעה, דיין הילף קומט, זעה, זיין לוין איז
מיט איהם, און זיין פערגעלטונג געהט איהם פאָראויס.
12 און מען וועט זיי רופען: דאָס הייליגע פאָלק, די אויסגעלייזטע פון גאָט,
און דו וועסט גערופען ווערען: די געזוכטע, די ניט פערלאָזענע שטאָדט.

קאַפּיטעל סג

1 ווער איז דאָס, דער וואָס קומט פון אדום, מיט רויט געפאַרבטע קליי־
דער — פון בצרה? ער, דער וואָס איז (שטענדיג) פּראַכטיג אין זיין
קליידונג, ער וואַנדערט מיט זיין פולען קראַפט? — איך, וועלכער רייד,
און עס ווערט פערווירקליכט, (איך) וואָס האָב מאַכט צו העלפען.
2 וואָרום דען איז די רויטקייט אויף דיינע קליידונג, און דיינע קליידער
זיינען ווי פון דעם וואָס טרעט אין אַ וויינ־קעלטער?
3 אַ קעלטער האָב איך געטרעטען, איך אַליין, און פון די פעלקער איז
קיינער מיט מיר ניט געוועזען; און איך האָב זיי געטרעטען אין מיין
צאָרן, און איך האָב זיי צוטרעטען אין מיין גרים, און זייער לעבענס־
זאַפט האָט געשפּריצט אויף מיינע קליידער, און מיין גאַנצע קליידונג
האָב איך בעשמוצט.
4 דען אַ טאָג פון ראַכע איז אין מיין הערצען,
און דאָס יאָהר פון מיינע אויסגעלייזטע איז געקומען;
5 און איך האָב געקוקט, און עס איז ניטאָ קיין העלפער; און איך האָב זיך
פאַרוואונדערט, און עס איז ניטאָ קיין שטיצער; דאַן האָט מיר מיין
אייגענער אָרעם געהאָלפען, און מיין גרימצאָרן האָט מיך געשטיצט.

6 סְמָכָתְנִי׃ וְאָבוּס עַמִּים בְּאַפִּי וַאֲשַׁכְּרֵם בַּחֲמָתִי וְאוֹרִיד
7 לָאָרֶץ נִצְחָם׃ חַסְדֵי יְהוָה ׀ אַזְכִּיר תְּהִלּוֹת יְהוָה
כְּעַל כֹּל אֲשֶׁר־גְּמָלָנוּ יְהוָה וְרַב־טוּב לְבֵית יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר־
8 גְּמָלָם כְּרַחֲמָיו וּכְרֹב חֲסָדָיו׃ וַיֹּאמֶר אַךְ־עַמִּי הֵמָּה
9 בָּנִים לֹא יְשַׁקֵּרוּ וַיְהִי לָהֶם לְמוֹשִׁיעַ׃ בְּכָל־צָרָתָם ׀ לֹא
צָר וּמַלְאַךְ פָּנָיו הוֹשִׁיעָם בְּאַהֲבָתוֹ וּבְחֶמְלָתוֹ הוּא גְאָלָם
10 וַיְנַטְּלֵם וַיְנַשְּׂאֵם כָּל־יְמֵי עוֹלָם׃ וְהֵמָּה מָרוּ וְעִצְּבוּ אֶת־
11 רוּחַ קָדְשׁוֹ וַיֵּהָפֵךְ לָהֶם לְאוֹיֵב הוּא נִלְחַם־בָּם׃ וַיִּזְכֹּר
יְמֵי־עוֹלָם מֹשֶׁה עַמּוֹ אַיֵּה ׀ הַמַּעֲלֵם מִיָּם אֵת רֹעֵה צֹאנוֹ
12 אַיֵּה הַשָּׂם בְּקִרְבּוֹ אֶת־רוּחַ קָדְשׁוֹ׃ מוֹלִיךְ לִימִין מֹשֶׁה
זְרוֹעַ תִּפְאַרְתּוֹ בּוֹקֵעַ מַיִם מִפְּנֵיהֶם לַעֲשׂוֹת לוֹ שֵׁם עוֹלָם׃
13 14 מוֹלִיכָם בַּתְּהֹמוֹת כַּסּוּס בַּמִּדְבָּר לֹא יִכָּשֵׁלוּ׃ כַּבְּהֵמָה
בַּבִּקְעָה תֵרֵד רוּחַ יְהוָה תְּנִיחֶנּוּ כֵּן נִהַגְתָּ עַמְּךָ לַעֲשׂוֹת
טו לְךָ שֵׁם תִּפְאָרֶת׃ הַבֵּט מִשָּׁמַיִם וּרְאֵה מִזְּבֻל קָדְשְׁךָ
וְתִפְאַרְתֶּךָ אַיֵּה קִנְאָתְךָ וּגְבוּרֹתֶךָ הֲמוֹן מֵעֶיךָ וְרַחֲמֶיךָ
16 אֵלַי הִתְאַפָּקוּ׃ כִּי־אַתָּה אָבִינוּ כִּי אַבְרָהָם לֹא יְדָעָנוּ
וְיִשְׂרָאֵל לֹא יַכִּירָנוּ אַתָּה יְהוָה אָבִינוּ גֹּאֲלֵנוּ מֵעוֹלָם
17 שְׁמֶךָ׃ לָמָּה תַתְעֵנוּ יְהוָה מִדְּרָכֶיךָ תַּקְשִׁיחַ לִבֵּנוּ מִיִּרְאָתֶךָ
18 שׁוּב לְמַעַן עֲבָדֶיךָ שִׁבְטֵי נַחֲלָתֶךָ׃ לַמִּצְעָר יָרְשׁוּ עַם־
19 קָדְשֶׁךָ צָרֵינוּ בּוֹסְסוּ מִקְדָּשֶׁךָ׃ הָיִינוּ מֵעוֹלָם לֹא־מָשַׁלְתָּ
בָּם לֹא־נִקְרָא שִׁמְךָ עֲלֵיהֶם לוּא־קָרַעְתָּ שָׁמַיִם יָרַדְתָּ
מִפָּנֶיךָ הָרִים נָזֹלּוּ׃

סד CAP. LXIV. סד

א כִּקְדֹחַ אֵשׁ הֲמָסִים מַיִם תִּבְעֶה־אֵשׁ לְהוֹדִיעַ שִׁמְךָ לְצָרֶיךָ
2 מִפָּנֶיךָ גּוֹיִם יִרְגָּזוּ׃ בַּעֲשׂוֹתְךָ נוֹרָאוֹת לֹא נְקַוֶּה יָרַדְתָּ
3 מִפָּנֶיךָ הָרִים נָזֹלּוּ׃ וּמֵעוֹלָם לֹא־שָׁמְעוּ לֹא הֶאֱזִינוּ עַיִן
4 לֹא־רָאָתָה אֱלֹהִים זוּלָתְךָ יַעֲשֶׂה לִמְחַכֵּה־לוֹ׃ פָּגַעְתָּ אֶת־

ס״ג v. 9. לו קרי ibid. עד כאן v. 11. נ״א רעי ס״ד v. 3. קמץ בז״ק

6 און איך האָב צוטרעטען די פעלקער אין מיין צאָרן, און איך האָב זיי
בערוישט מיט מיין גרים, און איך האָב אַרונטערגעבראַכט צו דער ערד
7 זייער שטאַרקייט. די גנאדען פון גאָט וועל איך דערמאָהנען, די
לויבען פון גאָט, פאַר אַלץ וואָס גאָט האָט אונז פערגאָלטען,
און פאַר די פיעל גוטס פאַר דאָס הויז ישראל, וואָס ער האָט זיי פער־
גאָלטען נאָך זיינע בארעמהערציגקייט נאָך, און נאָך זיינען פיעל גנאָדען.
8 דען ער האָט געזאָגט : זיי זיינען דאָך מיין פאָלק, קינדער וועלכע ווע־
לען ניט זיין טריילאָז, און ער איז געוואָרען פאַר זיי אַ העלפער.
9 אין אַלע זייערע נויטהען — האָט ער געפיהלט נויטה, און אַן ענגעל
געשיקט פון איהם האָט זיי געהאָלפען, מיט זיין ליעבשאַפט און מיט זיין
דערבאַרעמונג האָט ער זיי אויסגעלייזט ; און ער האָט זיי ערהויבען,
10 און ער האָט זיי געטראָגען אין אַלע אוראַלטע צייטען. אָבער זיי האָבען
ווידערשפעניגט און האָבען געמאַכט פערדרוס צו זיין הייליגען גייסט, דאַ־
רום איז ער אומגעביטען געוואָרען צו זיין זייערער אַ פיינד : ער האָט גע־
11 שטריטען קעגען זיי. און אַז זיין פאָלק דערמאָהנט זיך אָן די פאַרציי־
טיגע טעג, אָן די טעג פון משה'ן, (זאָגען זיי :) וואו איז ער, דער וואָס
האָט זיי אַרויפגעבראַכט פון ים ? וואו איז דער הירט פון זיינע שאָף ?
וואו איז דער וואָס האָט אַריינגעגעבען אין איהם זיין הייליגען גייסט ?
12 ער, וואָס האָט געפיהרט מיט דעם אָרעם פון זיין פראַכט משה'ן ביי זיין
רעכטע האַנד, וואָס האָט צושפאָלטען פאַר זיי די וואַסערען, אום צו מאַ־
13 כען אַן אייביגען נאָמען צו איהם (ישראל). ער, וואָס האָט זיי געפיהרט
אין די אבגרונדען, אַזוי ווי (מען פיהרט) אַ פערד אין דער וויסטע, און זיי
14 זיינען ניט געשטרויכעלט געוואָרען ? ווי דאָס פיה ניעדערט אַרונטער צום
טהאַל, אַזוי האָט איהם דער גייסט פון גאָט געבראַכט צו זיין רוה. אַזוי
האָסטו אַ מאָל געפיהרט דיין פאָלק, צו מאַכען זיך אַ פרעכטיגען נאָמען.
15 קוק אַרונטער פון די הימלען און זעה, (קוק) פון דער וואָהנונג פון דיין
הייליגקייט און דיין פראַכט. וואו איז דיין ראַכע און דיינע שטאַרקיי־
טען ? האָט זיך דען די בעוועגונג פון דיינע איינגעווייד, און דיינע באַ־
16 רעמהערציגקייט קעגען מיר צוריקגעהאַלטען ? דען דו ביזט דאָך אונזער
פאָטער; דען אברהם וויל אונז ניט וויסען, און ישראל וויל אונז ניט קענען,
אָבער דו, גאָט, ביזט אונזער פאָטער; אונזער אויסלייזער פון אייביג אָן,
17 דאָס איז דיין נאָמען. ווארום לאָזטו אונז אירען, אָ גאָט, פון דיינע
וועגען ? דו מאַכסט האַרט אונזער הערץ, מיר זיינען אַוועק פון דיין
פורכט, קעהר זיך אום אום דיינע קנעכט'ס ווילען, די שטאַמען פון דיין
18 ערבטהייל. נאָר אַ קורצע צייט האָט דיין הייליגע פאָלק בעזעסען
(דאָס לאַנד), אונזערע פיינד האָבען צוטרעטען דיין הייליגטהום.
19 מיר זיינען געוואָרען, (ווי אַ פאָלק) וואָס דו האָסט קיינמאָל ניט געהערשט
איבער זיי, וואָס דיין נאָמען איז ניט גערופען געוואָרען אויף זיי. אָ,
ווען דו וואָלסט צורייסען די הימלען און אַראָבניעדערען ; פון דיין
צאָרן וואָלטען די בערג צערפליעסען.

קאַפּיטעל סד

1 אַזוי ווי פייער צוברענט שמעלצעדיגע זאַכען, און ווי פייער מאַכט זידען
וואַסער (אַזוי וועט זיין), ווען דו וועסט קומען לאָזען וויסען דיין נאָמען
2 צו דיינע פיינד, פאַר דיין געזיכט וועלען די פעלקער ציטערען. אַזוי ווי
דו האָסט אַ מאָל געטהאָן וואונדערבאַרע זאַכען, וועלכע מיר האָבען ניט
ערוואַרט, דו האָסט אַרונטערגעניעדערט, און פון דיין געזיכט זיינען די
3 בערג צופלאָסען. און פון אייביג אָן האָט מען ניט געהערט, ניט פערנו־
מען; קיין אויג האָט ניט געזעהען, אַז אַ גאָט אויסער דיר, זאָל אַזוי וואָס
4 טהאָן צו דעם וועלכער האָפט צו איהם. אָבער יעצט האָסטו דערשלאָגען

שָׂשׂ וְעֹשֵׂה צֶדֶק בִּדְרָכֶיךָ יִזְכְּרוּךָ הֵן־אַתָּה קָצַפְתָּ וַנֶּחֱטָא
בָּהֶם עוֹלָם וְנִוָּשֵׁעַ: וַנְּהִי כַטָּמֵא כֻּלָּנוּ וּכְבֶגֶד עִדִּים כָּל־
צִדְקֹתֵינוּ וַנָּבֶל כֶּעָלֶה כֻּלָּנוּ וַעֲוֹנֵנוּ כָּרוּחַ יִשָּׂאֻנוּ: וְאֵין 6
קוֹרֵא בְשִׁמְךָ מִתְעוֹרֵר לְהַחֲזִיק בָּךְ כִּי־הִסְתַּרְתָּ פָנֶיךָ מִמֶּנּוּ
וַתְּמוּגֵנוּ בְּיַד־עֲוֹנֵנוּ: וְעַתָּה יְהוָה אָבִינוּ אָתָּה אֲנַחְנוּ הַחֹמֶר 7
וְאַתָּה יֹצְרֵנוּ וּמַעֲשֵׂה יָדְךָ כֻּלָּנוּ: אַל־תִּקְצֹף יְהוָה עַד־מְאֹד 8
וְאַל־לָעַד תִּזְכֹּר עָוֺן הֵן הַבֶּט־נָא עַמְּךָ כֻלָּנוּ: עָרֵי קָדְשְׁךָ 9
הָיוּ מִדְבָּר צִיּוֹן מִדְבָּר הָיָתָה יְרוּשָׁלַ‍ִם שְׁמָמָה: בֵּית י
קָדְשֵׁנוּ וְתִפְאַרְתֵּנוּ אֲשֶׁר הִלְלוּךָ אֲבֹתֵינוּ הָיָה לִשְׂרֵפַת
אֵשׁ וְכָל־מַחֲמַדֵּינוּ הָיָה לְחָרְבָּה: הַעַל־אֵלֶּה תִתְאַפַּק 11
יְהוָה תֶּחֱשֶׁה וּתְעַנֵּנוּ עַד־מְאֹד:

סה CAP. LXV. סה

נִדְרַשְׁתִּי לְלוֹא שָׁאָלוּ נִמְצֵאתִי לְלֹא בִקְשֻׁנִי אָמַרְתִּי הִנֵּנִי א
הִנֵּנִי אֶל־גּוֹי לֹא־קֹרָא בִשְׁמִי: פֵּרַשְׂתִּי יָדַי כָּל־הַיּוֹם אֶל־ 2
עַם סוֹרֵר הַהֹלְכִים הַדֶּרֶךְ לֹא־טוֹב אַחַר מַחְשְׁבֹתֵיהֶם:
הָעָם הַמַּכְעִיסִים אוֹתִי עַל־פָּנַי תָּמִיד זֹבְחִים בַּגַּנּוֹת וּמְקַטְּרִים 3
עַל־הַלְּבֵנִים: הַיֹּשְׁבִים בַּקְּבָרִים וּבַנְּצוּרִים יָלִינוּ הָאֹכְלִים 4
בְּשַׂר הַחֲזִיר וּפְרַק פִּגֻּלִים כְּלֵיהֶם: הָאֹמְרִים קְרַב אֵלֶיךָ ה
אַל־תִּגַּשׁ־בִּי כִּי קְדַשְׁתִּיךָ אֵלֶּה עָשָׁן בְּאַפִּי אֵשׁ יֹקֶדֶת
כָּל־הַיּוֹם: הִנֵּה כְתוּבָה לְפָנָי לֹא אֶחֱשֶׁה כִּי אִם־שִׁלַּמְתִּי 6
וְשִׁלַּמְתִּי אֶל־חֵיקָם: עֲוֺנֹתֵיכֶם וַעֲוֺנֹת אֲבוֹתֵיכֶם יַחְדָּו אָמַר 7
יְהוָה אֲשֶׁר קִטְּרוּ עַל־הֶהָרִים וְעַל־הַגְּבָעוֹת חֵרְפוּנִי וּמַדֹּתִי
פְעֻלָּתָם רִאשֹׁנָה עַל־חֵיקָם: כֹּה ׀ אָמַר יְהוָה כַּאֲשֶׁר 8
יִמָּצֵא הַתִּירוֹשׁ בָּאֶשְׁכּוֹל וְאָמַר אַל־תַּשְׁחִיתֵהוּ כִּי בְרָכָה
בּוֹ כֵּן אֶעֱשֶׂה לְמַעַן עֲבָדַי לְבִלְתִּי הַשְׁחִית הַכֹּל: וְהוֹצֵאתִי 9
מִיַּעֲקֹב זֶרַע וּמִיהוּדָה יוֹרֵשׁ הָרָי וִירֵשׁוּהָ בְחִירַי וַעֲבָדַי
יִשְׁכְּנוּ־שָׁמָּה: וְהָיָה הַשָּׁרוֹן לִנְוֵה־צֹאן וְעֵמֶק עָכוֹר לְרֵבֶץ י

בָּקָר

ס״ד v. 9. קמץ בז״ק   ס״ה v. 1. קמץ בז״ק   v. 4. ומרק קרי   v. 7. אל קרי

דעם וואָס פרעהט זיך, און דעם וואָס טהוט גערעכטיגקייט, די וועלכע
דערמאָהנען דיך אין דיינע וועגען. זעה, דו האָסט געצאָרנט וויל מיר האָ־
בען געזינדיגט, אָבער מיט זיי (דיינע וועגען) פלעגען מיר דאָך פון אייביג
5 אָן געהאָלפען ווערען. ווארום זיינען מיר יעצט געוואָרען ווי אַן אונריי־
נער, מיר אַלע, און ווי אַ שמוציגעס קלייד—אונזערע אַלע גערעכטיגקיי־
טען ; און מיר וועלקען ווי אַ בלאַט, מיר אַלע, און אונזערע זינד טראָגען
6 אונז אַוועק ווי אַ ווינד. און קיינער רופט ניט דיין נאָמען, קיינער ער־
וועקט זיך ניט, זיך אָנצוהאַלטען אָן דיר, דען דו האָסט פערבאָרגען דיין
געזיכט פון אונז, און דו האָסט אונז געמאַכט צוגעהן דורך אונזער זינד.
7 און יעצט גאָט, אונזער פאָטער ביזטו ; מיר זיינען דער לעהם און דו
ביזט אונזער שעפער, און די ווערק פון דיינע הענד זיינען מיר אַלע.
8 דו זאָלסט ניט צאָרנען, אָ גאָט, צו שטאַרק, און דו זאָלסט ניט אויף אייביג
געדענקען די זינד, זעה, קוק דאָך, מיר אַלע זיינען דאָך דיין פאָלק.
9 דיינע הייליגע שטעדט זיינען געוואָרען אַ וויסטע, ציון איז אַ וויסטע גע־
10 וואָרען, ירושלים אַ וויסטעניש. דאָס הויז פון אונזער הייליגטהום און
פון אונזער פראַכט, וואו אונזערע עלטערען האָבען דיך געלויבט איז גע־
וואָרען אַ בראַנד־פייער, און אַלע אונזערע קאָסטבאַרע זאַכען זיינען פער־
11 וויסט געוואָרען. ועסטו נאָך אַלע דיזע זאַכען צוריקהאַלטען, אָ גאָט ?
ועסטו שווייגען און אונז פייניגען גאָר אָן אַן אויפהערונג ?

קאַפּיטעל סה

1 איך האָב זיך געלאָזט אויפזוכען צו די וועלכע האָבען ניט געפרעגט, איך
בין געפונען געוואָרען צו די וואָס האָבען מיך ניט געזוכט ; איך האָב
געזאָגט : דאָ בין איך, דאָ בין איך, צו אַ פאָלק וואָס איז ניט אָנגערו־
2 פען ביי מיין נאָמען איך האָב אויסגעשפּרייט מיינע הענד דעם גאַנ־
צען טאָג, צו אַ פאָלק וואָס קעהרט אָב, וועלכע געהען אויף אַ וועג וואָס
איז ניט גוט, נאָך זייערע אייגענע געדאַנקען.
3 דאָס פאָלק וואָס דערצאָרענט מיך שטענדיג. אין מיין געזיכט, וואָס אָפּ־
פערען אין די גערטנער און רויכערען אויף די ציעגעל.
4 די וואָס זיצען צווישען די גרעבער און נעכטיגען אין די רואינען, וואָס
עסען דאָס פלייש פון דעם שוויין, און אונריינע זופּ איז אין זייערע געפעס.
5 די וואָס זאָגען : געה דיר דיין וועג, קום ניט נאָהענט צו מיר, דען איך
בין הייליגער פון דיר. די דאָזיגע רייד זיינען ווי רויך אין מיין נאָז, אַ
פייער וואָס ברענט דעם גאַנצען טאָג.
6 זעה, דאָס איז אויפגעשריעבען פאַר מיין געזיכט, איך וועל ניט שטיל
שווייגען, ביז איך וועל האָבען באַצאָהלט, און איך וועל עס באַצאָהלען אין
זייער בוזים.
7 אייערע זינד און די זינד פון אייערע עלטערען צוזאַמען, זאָגט גאָט, וואָס
זיי האָבען גערויכערט אויף די בערג (פאַר די געצען) און אויף די היגּ־
לען האָבען זיי מיך געלעסטערט, און איך וועל אָבמעסטען זייער לוין
צום ערשטען אין זייער בוזעם.
8 אַזוי האָט געזאָגט גאָט : אַזוי ווי ווען עס ווערט געפונען דער טרויּ־
בענזאַפט אין בינטעל טרויבען, און מען זאָגט : דו זאָלסט עס (דעם
בינטעל) ניט פערדאַרבען, דען אַ זעגען איז אין איהם (די וויין), אַזוי
וועל איך טהאָן פון וועגען מיינע קנעכט, ניט צו פערדאַרבען אַלעמען.
9 און איך וועל אַרויסנעהמען פון יעקב די גוטע זאָמען, און פון יהודה
די גוטע זאָמען וועלכע ערבען מיינע בערג, און מיינע אויסערוועהלטע
וועלען עס ערבען, און מיינע קנעכט וועלען דאָרטען וואָהנען.
10 און דער שרון וועט זיין אַ וואָהנונג פאַר שאָף, און דאָס טהאָל פון עכור
אַ לאַגעראָרט פון רינדער, פאַר מיין פאָלק וואָס האָט מיך געזוכט.

11 בָּקָר לְעַמִּי אֲשֶׁר דְּרָשׁוּנִי׃ וְאַתֶּם עֹזְבֵי יְהוָה הַשְּׁכֵחִים
אֶת־הַר קָדְשִׁי הָעֹרְכִים לַגַּד שֻׁלְחָן וְהַמְמַלְאִים לַמְנִי
12 מִמְסָךְ׃ וּמָנִיתִי אֶתְכֶם לַחֶרֶב וְכֻלְּכֶם לַטֶּבַח תִּכְרָעוּ
יַעַן קָרָאתִי וְלֹא עֲנִיתֶם דִּבַּרְתִּי וְלֹא שְׁמַעְתֶּם וַתַּעֲשׂוּ הָרַע
13 בְּעֵינַי וּבַאֲשֶׁר לֹא־חָפַצְתִּי בְּחַרְתֶּם׃ לָכֵן כֹּה־אָמַר ׀
אֲדֹנָי יֱהוִה הִנֵּה עֲבָדַי ׀ יֹאכֵלוּ וְאַתֶּם תִּרְעָבוּ הִנֵּה עֲבָדַי
יִשְׁתּוּ וְאַתֶּם תִּצְמָאוּ הִנֵּה עֲבָדַי יִשְׂמָחוּ וְאַתֶּם תֵּבֹשׁוּ׃
14 הִנֵּה עֲבָדַי יָרֹנּוּ מִטּוּב לֵב וְאַתֶּם תִּצְעֲקוּ מִכְּאֵב לֵב
טו וּמִשֵּׁבֶר רוּחַ תְּיֵלִילוּ׃ וְהִנַּחְתֶּם שִׁמְכֶם לִשְׁבוּעָה לִבְחִירַי
16 וֶהֱמִיתְךָ אֲדֹנָי יֱהוִה וְלַעֲבָדָיו יִקְרָא שֵׁם אַחֵר׃ אֲשֶׁר
הַמִּתְבָּרֵךְ בָּאָרֶץ יִתְבָּרֵךְ בֵּאלֹהֵי אָמֵן וְהַנִּשְׁבָּע בָּאָרֶץ
יִשָּׁבַע בֵּאלֹהֵי אָמֵן כִּי נִשְׁכְּחוּ הַצָּרוֹת הָרִאשֹׁנוֹת וְכִי
17 נִסְתְּרוּ מֵעֵינָי׃ כִּי־הִנְנִי בוֹרֵא שָׁמַיִם חֲדָשִׁים וָאָרֶץ חֲדָשָׁה
18 וְלֹא תִזָּכַרְנָה הָרִאשֹׁנוֹת וְלֹא תַעֲלֶינָה עַל־לֵב׃ כִּי־אִם־
שִׂישׂוּ וְגִילוּ עֲדֵי־עַד אֲשֶׁר אֲנִי בוֹרֵא כִּי הִנְנִי בוֹרֵא אֶת־
19 יְרוּשָׁלִַם גִּילָה וְעַמָּהּ מָשׂוֹשׂ׃ וְגַלְתִּי בִירוּשָׁלִַם וְשַׂשְׂתִּי
כ בְעַמִּי וְלֹא־יִשָּׁמַע בָּהּ עוֹד קוֹל בְּכִי וְקוֹל זְעָקָה׃ לֹא־
יִהְיֶה מִשָּׁם עוֹד עוּל יָמִים וְזָקֵן אֲשֶׁר לֹא־יְמַלֵּא אֶת־יָמָיו
כִּי הַנַּעַר בֶּן־מֵאָה שָׁנָה יָמוּת וְהַחוֹטֶא בֶּן־מֵאָה שָׁנָה
21 יְקֻלָּל׃ וּבָנוּ בָתִּים וְיָשָׁבוּ וְנָטְעוּ כְרָמִים וְאָכְלוּ פִּרְיָם׃
22 לֹא יִבְנוּ וְאַחֵר יֵשֵׁב לֹא יִטְּעוּ וְאַחֵר יֹאכֵל כִּי כִימֵי הָעֵץ
23 יְמֵי עַמִּי וּמַעֲשֵׂה יְדֵיהֶם יְבַלּוּ בְחִירָי׃ לֹא יִיגְעוּ לָרִיק
וְלֹא יֵלְדוּ לַבֶּהָלָה כִּי זֶרַע בְּרוּכֵי יְהוָה הֵמָּה וְצֶאֱצָאֵיהֶם
24 אִתָּם׃ וְהָיָה טֶרֶם יִקְרָאוּ וַאֲנִי אֶעֱנֶה עוֹד הֵם מְדַבְּרִים
כה וַאֲנִי אֶשְׁמָע׃ זְאֵב וְטָלֶה יִרְעוּ כְאֶחָד וְאַרְיֵה כַּבָּקָר יֹאכַל־
תֶּבֶן וְנָחָשׁ עָפָר לַחְמוֹ לֹא־יָרֵעוּ וְלֹא־יַשְׁחִיתוּ בְּכָל־הַר
קָדְשִׁי אָמַר יְהוָה׃

כה

v. 13. קמץ בז״ק v. 13. קמץ בס״ק ibid. קמץ בטרחא v. 24. קמץ בטרחא

11 אָבער איהר וועלכע פערלאָזט גאָט, וואָס איהר פערגעסט מיין הייליגען
באַרג, וועלכע גרייטען אַ טיש צו גד (אַ געץ), און פילען אָן פאַר מני
12 (אַ געץ) אָפּפער־געטראַנק. איך וועל איך בעשטימען צו דעם שווערד,
און איהר וועט אייך אַלע קניען צו דער שלאַכטונג, וויל איך האָב גערופען
און איהר האָט ניט געענטפערט, איך האָב גערעדט און איהר האָט ניט
געהערט. און איהר האָט געטהאָן דאָס וואָס איז שלעכט אין מיינע אויי־
גען, און דאָס וואָס איך האָב ניט פאַרזאָגט האָט איהר אויסערוועהלט.
13 דאַרום, האָט אַזוי געזאָגט גאָט דער הערר, זעה, מיינע קנעכט וועלען
עסען. און איהר וועט הונגערען ; זעה, מיינע קנעכט וועלען טרינקען
און איהר וועט דאָרשטיג זיין. זעה, מיינע קנעכט וועלען זיך פרעהען און
14 איהר וועט פערשעהמט ווערען. זעה, מיינע קנעכט וועלען זינגען לוסטיג
פון הערצען, און איהר וועט שרייען פון הערצענסלייד, און פון אַ צובראָ־
15 כענעם געמיטה וועט איהר יאָמערען. און איהר וועט איבערלאָזען
אייער נאָמען אַלס פלוך־וואָרט פאַר מיינע אויסערוועהלטע : (מען וועט
זאָגען) „דער הערר גאָט זאָל דיך טוידטען” (ווי ער האָט זיי געטוידט),
אָבער זיינע קנעכט וועט ער רופען מיט אַ נייעם נאָמען.
16 דער וואָס וועט זיך בענשען אויף דער ערד, וועט זיך בענשען מיט דעם
וואַהרען גאָט ; און דער וואָס וועט שווערען אויף דער ערד, וועט שווערען
ביי דעם וואַהרען גאָט ; פירוואַהר, פערגעסען זיינען געוואָרען די ער־
שטע ליידען, און געוויס, זיי זיינען פערבאָרגען פון מיינע אויגען.
17 דען זעה, איך בעשאַף נייע הימלען און אַ נייע ערד ; און די פריהער־
דיגע (ליידען) וועלען ניט דערמאָהנט ווערען, און זיי וועלען ניט מעהר
קומען אין זינען.
18 נאָר, פרעהט זיך און זייט לוסטיג אויף אימער און אייביג און די (נייע
הימעל און ערד) וואָס איך בעשאַף. דען איך בעשאַף ירושלים פאַר אַ
לוסטיגקייט, און איהר פאָלק פאַר אַ פרייד.
19 און איך וועל זיך פרעהען מיט ירושלים, און איך וועל פרעהליך זיין מיט
מיין פאָלק, און עס וועט ניט מעהר געהערט ווערען אין איהר אַ שטים
פון געוויין, און אַ שטים פון יאָמער־געשריי.
20 עס וועט ניט מעהר זיין ביי זיי דאָרט אַ יונג קינד פון (עטליכע) טעג,
אָדער אַ גרייז וואָס וועט ניט אויספילען זיינע לעבענסטעג ; דען אַ
יונגער מאַן וועט הייסען, דער וואָס וועט שטאַרבען הונדערט יאָהר אַלט.
און אַלס אַ זינדיגער וועט געשאָלטען ווערען, דער וואָס וועט שטאַרבען
אַ הונדערט יאָהר אַלט.
21 און זיי וועלען בויען הייזער און וועלען וואָהנען, און זיי וועלען פלאַנצען
וויינגערטנער און זיי וועלען עסען זייער פרוכט.
22 זיי וועלען ניט בויען און אַן אַנדערער זאָל וואָהנען, זיי וועלען ניט פלאַנ־
צען און אַנדערער זאָל עסען ; דען אַזוי ווי די טעג פון דעם בוים (עץ
החיים) וועלען זיין די טעג פון מיין פאָלק, און מיינע אויערוועהלטע
וועלען איבערלעבען דאָס ווערק פון זייערע הענד.
23 זיי וועלען זיך ניט מיהען אומזיסט, און זיי וועלען ניט געבערען צום
אונטערגאַנג, דען דער זאָמען פון די געבענשטע פון גאָט זיינען זיי,
און זייערע נאָכקאָמען צוזאַמען מיט זיי.
24 און עס וועט געשעהען, אַז איידער זיי וועלען רופען, וועל איך ענטפערען,
ווען זיי האַלטען נאָך אין ריידען, וועל איך עס הערען.
25 אַ וואָלף און אַ שעפּס וועלען זיך ווידען צוזאַמען, און דער לייב וועט
ווי דער רינד, עסען שטרוי, און דער שלאַנג — שטויב וועט זיין זיין
ברויט ; זיי וועלען ניט טהאָן שלעכטס און זיי וועלען ניט פערדאַרבען
אין מיין גאַנצען הייליגען באַרג, זאָגט גאָט.

סו Cap. LXVI. סו

כֹּה אָמַר יְהוָה הַשָּׁמַיִם כִּסְאִי וְהָאָרֶץ הֲדֹם רַגְלָי אֵי־זֶה א
בַיִת אֲשֶׁר תִּבְנוּ־לִי וְאֵי־זֶה מָקוֹם מְנוּחָתִי׃ וְאֶת־כָּל־אֵלֶּה 2
יָדִי עָשָׂתָה וַיִּהְיוּ כָל־אֵלֶּה נְאֻם־יְהוָה וְאֶל־זֶה אַבִּיט אֶל־
עָנִי וּנְכֵה־רוּחַ וְחָרֵד עַל־דְּבָרִי׃ שׁוֹחֵט הַשּׁוֹר מַכֵּה־אִישׁ 3
זוֹבֵחַ הַשֶּׂה עֹרֵף כֶּלֶב מַעֲלֵה מִנְחָה דַּם־חֲזִיר מַזְכִּיר
לְבֹנָה מְבָרֵךְ אָוֶן גַּם־הֵמָּה בָּחֲרוּ בְּדַרְכֵיהֶם וּבְשִׁקּוּצֵיהֶם
נַפְשָׁם חָפֵצָה׃ גַּם־אֲנִי אֶבְחַר בְּתַעֲלֻלֵיהֶם וּמְגוּרֹתָם אָבִיא 4
לָהֶם יַעַן קָרָאתִי וְאֵין עוֹנֶה דִּבַּרְתִּי וְלֹא שָׁמֵעוּ וַיַּעֲשׂוּ הָרַע
בְּעֵינַי וּבַאֲשֶׁר לֹא־חָפַצְתִּי בָּחָרוּ׃ שִׁמְעוּ דְּבַר־יְהוָה ה
הַחֲרֵדִים אֶל־דְּבָרוֹ אָמְרוּ אֲחֵיכֶם שֹׂנְאֵיכֶם מְנַדֵּיכֶם לְמַעַן
שְׁמִי יִכְבַּד יְהוָה וְנִרְאֶה בְשִׂמְחַתְכֶם וְהֵם יֵבֹשׁוּ׃ קוֹל 6
שָׁאוֹן מֵעִיר קוֹל מֵהֵיכָל קוֹל יְהוָה מְשַׁלֵּם גְּמוּל לְאֹיְבָיו׃
בְּטֶרֶם תָּחִיל יָלָדָה בְּטֶרֶם יָבוֹא חֵבֶל לָהּ וְהִמְלִיטָה 7
זָכָר׃ מִי־שָׁמַע כָּזֹאת מִי רָאָה כָּאֵלֶּה הֲיוּחַל אֶרֶץ בְּיוֹם 8
אֶחָד אִם־יִוָּלֵד גּוֹי פַּעַם אֶחָת כִּי־חָלָה גַּם־יָלְדָה צִיּוֹן אֶת־
בָּנֶיהָ׃ הַאֲנִי אַשְׁבִּיר וְלֹא אוֹלִיד יֹאמַר יְהוָה אִם־אֲנִי 9
הַמּוֹלִיד וְעָצַרְתִּי אָמַר אֱלֹהָיִךְ׃ שִׂמְחוּ אֶת־יְרוּשָׁלִַם י
וְגִילוּ בָהּ כָּל־אֹהֲבֶיהָ שִׂישׂוּ אִתָּהּ מָשׂוֹשׂ כָּל־הַמִּתְאַבְּלִים
עָלֶיהָ׃ לְמַעַן תִּינְקוּ וּשְׂבַעְתֶּם מִשֹּׁד תַּנְחֻמֶיהָ לְמַעַן תָּמֹצּוּ 11
וְהִתְעַנַּגְתֶּם מִזִּיז כְּבוֹדָהּ׃ כִּי־כֹה ׀ אָמַר יְהוָה הִנְנִי 12
נֹטֶה־אֵלֶיהָ כְּנָהָר שָׁלוֹם וּכְנַחַל שׁוֹטֵף כְּבוֹד גּוֹיִם וִינַקְתֶּם
עַל־צַד תִּנָּשֵׂאוּ וְעַל־בִּרְכַּיִם תְּשָׁעֳשָׁעוּ׃ כְּאִישׁ אֲשֶׁר אִמּוֹ 13
תְּנַחֲמֶנּוּ כֵּן אָנֹכִי אֲנַחֶמְכֶם וּבִירוּשָׁלִַם תְּנֻחָמוּ׃ וּרְאִיתֶם 14
וְשָׂשׂ לִבְּכֶם וְעַצְמוֹתֵיכֶם כַּדֶּשֶׁא תִפְרַחְנָה וְנוֹדְעָה יַד־יְהוָה
אֶת־עֲבָדָיו וְזָעַם אֶת־אֹיְבָיו׃ כִּי־הִנֵּה יְהוָה בָּאֵשׁ יָבוֹא טו
וְכַסּוּפָה מַרְכְּבֹתָיו לְהָשִׁיב בְּחֵמָה אַפּוֹ וְגַעֲרָתוֹ בְּלַהֲבֵי־

אש

v. 1. הפטרת שבת וראש חדש   v. 2. קמץ בזיק   ibid. למדנחאי אֵל   v. 3. 8. כצ״ל

קאַפּיטעל סו

1 אַזוי האָט גאָט געזאָגט : דער הימעל איז מיין טהראָן, און די ערד איז
מיין פוס־בענקעל, וואָס פאַר אַ הויז קענט איהר דען בויען פאַר מיר ?
2 און וואו איז דער אָרט פאַר מיין רוה־פּלאַטץ ? און די אַלע האָט מיין
אייגענע האַנד בעשאַפען, און די אַלע זיינען פערבליעבען, זאָגט גאָט, (פונ־
דעסטוועגען) אויף אַזעלכען קוק איך; אויף אַן אָרעמען און אויף אַ ניעדער־
געשלאגענעם געמיטה, און אויף דעם וואָס איילט צו טהאָן מיין וואָרט.
3 דער וואָס שלאַכט אַן אָקס, (פאַר אַ קרבן, און טהוט אומרעכט) איז
אַזוי ווי ער וואָלט דערשלאָגען אַ מאַן, דער וואָס אָפּפערט אַ שעפּס, איז
אַזוי ווי ער וואָלט אָבגעהאַקט דעם געניק פון אַ הונד ; דער וואָס ברענגט
אַ שפּייז־אָפּפער, איז אַזוי ווי ער וואָלט אויפברענגען דאָס בלוט פון
אַ שווין, דער וואָס רויכערט ווייהרויך, איז אַזוי ווי ער וואָלט זיך בענ־
שען מיט דאָס אונרעכט. און ווייל אויך זיי האָבען אויסערוועהלט אין
אַזעלכע וועגען, און אין זייערע שענדליכע טהאַטען האָט זייער זעעל גע־
4 לוסט, דארום וועל איך אויך אויסערוועהלען (שפּאָט) זיי צו פערשפּאָטען
און זייער פורכט וועל איך ברענגען אויף זיי, ווייל איך האָב גערופען און
קיינער האָט ניט געענטפערט, איך האָב גערעדט און זיי האָבען ניט גע־
הערט, און זיי האָבען געטהאָן דאָס וואָס איז שלעכט אין מיינע אויגען,
און דאָס וואָס איך האָב ניט פערלאַנגט האָבען זיי אויסערוועהלט.
5 הערט צו דאָס וואָרט פון גאָט, איהר וואָס ציטערט פאַר זיין וואָרט :
אייערע ברידער, די וואָס האַסען אייך, די וואָס האַלטען אייך פאַר אונ־
ריין, זאָגען : „וועגען זיין (מיין) נאָמענס וועגען לאָז דאָך גאָט אייך
ווייזען זיין עהרע און לאָמיר דאָך זעהען אייער פרייד”. אָך, זאָלען זיי
6 דאָך פערשעהמט ווערען. אַ שטים פון גערויש (הערט זיך) פון שטאָדט;
אַ שטים פון טעמפּעל, די שטים פון גאָט, ער באַצאָהלט אַ פערגעלטונג
7 צו זיינע פיינד. איידער זי (ירושלים) וועט קינד־וועהען האָבען, האָט
זי געבאָרען. איידער אַ שמערץ איז געקומען צו איהר, האָט זי געבאָרען אַ
8 זוהן. ווער האָט אַזוי וואָס געהערט ? ווער האָט אַזעלכע זאַכען געזע־
הען ? קען דען געבאָרען ווערען אַ לאַנד אין איין טאָג ? אָדער קען גע־
באָרען ווערען אַ פאָלק מיט איין מאָל ? דען מיט איין מאָל האָט ציון
9 וועהען געקריעגען און האָט אויך גלייך געבאָרען איהרע קינדער. וועל איך
דען ברענגען צו דעם געבער־שטוהל, און ניט מאַכען געבאָרען ? זאָגט גאָט;
אָדער זאָל איך דער וואָס געבערט, יעצט פערשליעסען (דאָס מוטערלייב)?
10 זאָגט דיין גאָט. פרעהט זיך מיט ירושלים, און זייט פרעהליך מיט איהר,
אַלע איהרע ליעבהאָבערס, פרעהט זיך מיט איהר מיט גרויס פרייד,
11 איהר אַלע, וואָס איהר טרויערט אויף איהר. אום איהר זאָלט זויגען און
אייך אָנזעטיגען פון די ברוסט פון איהרע טרייסטונגען ; אום איהר
זאָלט אויסזויגען און זיך לאָבען מיט דעם איבערפלוס פון איהר עהרע.
12 דען אַזוי האָט געזאָגט גאָט : זעה, איך וועל נייגען צו איהר פריעדען
אַזוי ווי אַ טייך, און ווי אַ פלייצענדען שטראָם דעם רייכטהום פון די
פעלקער, און איהר וועט זויגען, אויפ'ן אָרעם וועט איהר געטראָגעןווע־
רען, און אויף די קניע וועט מען אייך לוסטיג מאַכען.
13 ווי אַ מאַן וואָס זיין מוטער טרייכט איהם, אַזוי וועל איך אייך טרייס־
טען ; און מיט ירושלים וועט איהר געטרייסט ווערען.
14 און איהר וועט זעהען, און אייער הערץ וועט זיך פרעהען, און אייערע
ביינער וועלען אויפבליהען ווי דאָס גרינס, און גאָט'ס האַנד וועט מיט
ליעבשאַפט בעוואוסט ווערען אויף זיינע קנעכט, אָבער ער וועט צאָרנען
אויף זיינע פיינד.
15 דען זעה, מיט דעם פייער וועט גאָט קומען, און ווי דער שטורעם־ווינד

16 אֵשׁ׃ כִּי בָאֵשׁ יְהוָה נִשְׁפָּט וּבְחַרְבּוֹ אֶת־כָּל־בָּשָׂר וְרַבּוּ
17 חַלְלֵי יְהוָה׃ הַמִּתְקַדְּשִׁים וְהַמִּטַּהֲרִים אֶל־הַגַּנּוֹת אַחַר
אַחַד בַּתָּוֶךְ אֹכְלֵי בְּשַׂר הַחֲזִיר וְהַשֶּׁקֶץ וְהָעַכְבָּר יַחְדָּו
18 יָסֻפוּ נְאֻם־יְהוָה׃ וְאָנֹכִי מַעֲשֵׂיהֶם וּמַחְשְׁבֹתֵיהֶם בָּאָה
לְקַבֵּץ אֶת־כָּל־הַגּוֹיִם וְהַלְּשֹׁנוֹת וּבָאוּ וְרָאוּ אֶת־כְּבוֹדִי׃
19 וְשַׂמְתִּי בָהֶם אוֹת וְשִׁלַּחְתִּי מֵהֶם ׀ פְּלֵיטִים אֶל־הַגּוֹיִם
תַּרְשִׁישׁ פּוּל וְלוּד מֹשְׁכֵי קֶשֶׁת תֻּבַל וְיָוָן הָאִיִּים הָרְחֹקִים
אֲשֶׁר לֹא־שָׁמְעוּ אֶת־שִׁמְעִי וְלֹא־רָאוּ אֶת־כְּבוֹדִי וְהִגִּידוּ
כ אֶת־כְּבוֹדִי בַּגּוֹיִם׃ וְהֵבִיאוּ אֶת־כָּל־אֲחֵיכֶם ׀ מִכָּל־הַגּוֹיִם ׀
מִנְחָה ׀ לַיהוָה בַּסּוּסִים וּבָרֶכֶב וּבַצַּבִּים וּבַפְּרָדִים
וּבַכִּרְכָּרוֹת עַל הַר קָדְשִׁי יְרוּשָׁלַם אָמַר יְהוָה כַּאֲשֶׁר יָבִיאוּ
21 בְנֵי יִשְׂרָאֵל אֶת־הַמִּנְחָה בִּכְלִי טָהוֹר בֵּית יְהוָה׃ וְגַם־
22 מֵהֶם אֶקַּח לַכֹּהֲנִים לַלְוִיִּם אָמַר יְהוָה׃ כִּי כַאֲשֶׁר הַשָּׁמַיִם
הַחֲדָשִׁים וְהָאָרֶץ הַחֲדָשָׁה אֲשֶׁר אֲנִי עֹשֶׂה עֹמְדִים לְפָנַי
23 נְאֻם־יְהוָה כֵּן יַעֲמֹד זַרְעֲכֶם וְשִׁמְכֶם׃ וְהָיָה מִדֵּי־חֹדֶשׁ בְּחָדְשׁוֹ
וּמִדֵּי שַׁבָּת בְּשַׁבַּתּוֹ יָבוֹא כָל־בָּשָׂר לְהִשְׁתַּחֲוֺת לְפָנַי אָמַר
24 יְהוָה׃ וְיָצְאוּ וְרָאוּ בְּפִגְרֵי הָאֲנָשִׁים הַפֹּשְׁעִים בִּי כִּי תוֹלַעְתָּם
לֹא תָמוּת וְאִשָּׁם לֹא תִכְבֶּה וְהָיוּ דֵרָאוֹן לְכָל־בָּשָׂר׃

v. 17. אחת קרי v. 23. סבירין יבואו

והיה מדי חדש
י'ת'ק'ק סימן

חזק ונתחזק

סכום הפסוקים של ישעיה אלף ומאתים ותשעים וחמשה. בריח ניחח ארצה אתכם סימן. וחציו. כי אם שם אדיר יי לנו. וסדריו. כ"ו. והיה יי למלך על כל הארץ סימן:

וועלען זיין זיינע רייטוועגען, אום צו באַצאָהלען מיט גרים זיין ראַכע,
אונ זיין געשריי — מיט פלאַמען פייער.
16 דען מיט פייער וועט גאָט ריכטען, אונ מיט זיין שווערד — קעגען יעדען
פלייש, אונ פיעל וועלען זיין די דערשלאָגענע פון גאָט.
17 (אָט פון די) וועלכע גרייטען זיך אָן אונ רייניגען זיך אונ די גערטנער
(פאַר די געצען), הינטער איין בעטריגערישען געץ אין מיטען, אונ דאָרט
עסען זיי די פלייש פון דעם שוויין ; פון די אונווירדיגע (בעשעפעני־
סען), אונ פון די מייז, צוזאַמען וועלען זיי פערניכטעט ווערען. דאָס
איז דער שפרוך פון גאָט.
18 אונ איך (וויים אַלעס), זייערע ווערק אונ זייערע געדאַנקען זיינען פאַר
מיר אָנגעקומען. (דאַרום) וועל איך איינזאַמלען אַלע נאַציאָנען אונ שפּראַ־
כען, אונ זיי וועלען קומען אונ זיי וועלען זעהען מיין עהרע, (אונ זיי וועלען
בעשטראָפט ווערען).
19 אָבער אויף אייך (זיי) וועל איך מאַכען אַ צייכען, אונ פון אייך (זיי)
וועל איך אַוועקלאָזען גערעטעטע, (אונ זיי וועלען געהען) צו די פעלקער
תרשיש, פול אונ לוד, די וואָס ציהען דעם בויגען, צו תובל אונ יון,
די ווייטע אינזלען וועלכע האָבען נאָך ניט געהערט פון מיין רוהם, אונ
האָבען ניט געזעהען מיין עהרע, אונ זיי וועלען אָנזאָגען מיין עהרע צו
די אַלע פעלקער.
20 אונ זיי (די פעלקער) וועלען ברענגען אַלע אייערע ברידער פון צווישען די
פעלקער איין געשאַנק פאַר גאָט, אויף פערד אונ אויף רייטוועגען, אונ אין
קאַרעטעס, אונ אויף מוילעזלען אונ אויף קעמלען, צו מיין הייליגען באַרג
נאָך ירושלים, זאָגט גאָט, אַזוי ווי די קינדער פון ישראל ברענגען דעם
שפייז־אָפּפער אין אַ ריינעם געפעס, צו דעם הויז פון גאָט.
21 אונ אויך פון זיי (די געבראַכטע) וועל איך אויסערוועהלען פריעסטער
אונ לוים, זאָגט גאָט.
22 דען אַזוי ווי די נייע הימלען אונ די נייע ערד וואָס איך טהו בעשאַפען,
וועלכע בעשטעהען פאַר מיר (שטענדיג), זאָגט גאָט, אַזוי וועלען (אייביג)
האָבען אַ בעשטאַנד אייער זאָמען אונ אייער נאָמען.
23 אונ עס וועט געשעהען, דאָס אין יעדער נייםאָנאַט (ראש חדש) אונ אין
יעדער שבת, וועט קומען יעדעס פלייש (בעשעפענים), זיך צו בוקען פאַר
מיר, זאָגט גאָט.
24 אונ זיי וועלען אַרויסגעהען אונ קוקען מיט פעראַכטונג אויף די טוידטע
קערפּערס פון די מענשען וועלכע האָבען פערבראָכען קעגען מיר ; דען
זייערע ווערים וועלען ניט אויסשטאַרבען, אונ זייער פייער וועט ניט פער־
לאָשען ווערען, אונ זיי וועלען זיין אַן עקעל פאַר יעדעס פלייש, (בעשע־
פענים).
אונ עס וועט געשעהען, דאָס אין יעדער נייםאָנאַט (ראש חדש) אונ יע־
דער שבת וועט קומען יעדעס פלייש, זיך צו בוקען פאַר מיר, זאָגט גאָט.

ח ז ק

יתק״ק איז דער סימן, דאָס הייסט : אין ישעיה, תרי עשר, קהלת, אונ
קינות, זאָגט מען איבער דעם פסוק וועלכער איז פאַר דעם לעצטען נאָך אַ
מאָל, ווייל דער לעצטער פסוק ענדיגט זיך מיט אַ שלעכטען וואָרט. דאַרום
דאָ אין ישעיה זאָגט מען איבער דעם פסוק 23 נאָך אַ מאָל.
דער צאָהל פון די פסוקים פון ספר ישעיה איז : **איין טויזענד צוויי
הונדערט פינף אונ נייצינג.**

ירמיה
LIBER JEREMIÆ.
CAPUT I. א

א דִּבְרֵי יִרְמְיָהוּ בֶּן־חִלְקִיָּהוּ מִן־הַכֹּהֲנִים אֲשֶׁר בַּעֲנָתוֹת
2 בְּאֶרֶץ בִּנְיָמִן׃ אֲשֶׁר הָיָה דְבַר־יְהוָה אֵלָיו בִּימֵי יֹאשִׁיָּהוּ
3 בֶן־אָמוֹן מֶלֶךְ יְהוּדָה בִּשְׁלֹשׁ־עֶשְׂרֵה שָׁנָה לְמָלְכוֹ׃ וַיְהִי
בִּימֵי יְהוֹיָקִים בֶּן־יֹאשִׁיָּהוּ מֶלֶךְ יְהוּדָה עַד־תֹּם עַשְׁתֵּי־
עֶשְׂרֵה שָׁנָה לְצִדְקִיָּהוּ בֶן־יֹאשִׁיָּהוּ מֶלֶךְ יְהוּדָה עַד־גְּלוֹת
4 יְרוּשָׁלַםִ בַּחֹדֶשׁ הַחֲמִישִׁי׃ וַיְהִי דְבַר־יְהוָה אֵלַי
ה לֵאמֹר׃ בְּטֶרֶם אֶצָּורְךָ בַבֶּטֶן יְדַעְתִּיךָ וּבְטֶרֶם תֵּצֵא
6 מֵרֶחֶם הִקְדַּשְׁתִּיךָ נָבִיא לַגּוֹיִם נְתַתִּיךָ׃ וָאֹמַר אֲהָהּ
7 אֲדֹנָי יֱהוִה הִנֵּה לֹא־יָדַעְתִּי דַּבֵּר כִּי־נַעַר אָנֹכִי׃ וַיֹּאמֶר
יְהוָה אֵלַי אַל־תֹּאמַר נַעַר אָנֹכִי כִּי עַל־כָּל־אֲשֶׁר אֶשְׁלָחֲךָ
8 תֵּלֵךְ וְאֵת כָּל־אֲשֶׁר אֲצַוְּךָ תְּדַבֵּר׃ אַל־תִּירָא מִפְּנֵיהֶם
9 כִּי־אִתְּךָ אֲנִי לְהַצִּלֶךָ נְאֻם־יְהוָה׃ וַיִּשְׁלַח יְהוָה אֶת־יָדוֹ
וַיַּגַּע עַל־פִּי וַיֹּאמֶר יְהוָה אֵלַי הִנֵּה נָתַתִּי דְבָרַי בְּפִיךָ׃
רְאֵה הִפְקַדְתִּיךָ ׀ הַיּוֹם הַזֶּה עַל־הַגּוֹיִם וְעַל־הַמַּמְלָכוֹת
לִנְתוֹשׁ וְלִנְתוֹץ וּלְהַאֲבִיד וְלַהֲרוֹס לִבְנוֹת וְלִנְטוֹעַ׃
11 וַיְהִי דְבַר־יְהוָה אֵלַי לֵאמֹר מָה־אַתָּה רֹאֶה יִרְמְיָהוּ וָאֹמַר
12 מַקֵּל שָׁקֵד אֲנִי רֹאֶה׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה אֵלַי הֵיטַבְתָּ לִרְאוֹת
13 כִּי־שֹׁקֵד אֲנִי עַל־דְּבָרִי לַעֲשֹׂתוֹ׃ וַיְהִי דְבַר־יְהוָה ׀
אֵלַי שֵׁנִית לֵאמֹר מָה אַתָּה רֹאֶה וָאֹמַר סִיר נָפוּחַ אֲנִי
14 רֹאֶה וּפָנָיו מִפְּנֵי צָפוֹנָה׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה אֵלַי מִצָּפוֹן תִּפָּתַח

הרעה

v. 1. הפטרת ואלה שמות וגם הפטרת ראשי המטות. v. 5. ו יתירה

ירמיה

קאַפּיטל א

1 די ווערטער פון ירמיהו, דער זוהן פון חלקיהו, פון די פּריסטער וואָס אין
ענתות, אין דעם לאַנד בנימין.

2 צו וועמען דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען אין די טעג פון יאשיהו,
דער זוהן פון אמון קעניג פון יהודה, אין דעם דרייצעהנטען יאָהר פון
זיין רעגיערונג.

3 און עס איז געשעהען אין דער צייט פון יהויקים דער זוהן פון יאשיהו
קעניג פון יהודה ביז צום ענדע פון דעם עלפטען יאָהר פון צדקיהו, דער
זוהן פון יאשיהו קעניג פון יהודה, ביז צו דער פערטרייבונג פון ירושלים
אין דעם פינפטען מאָנאַט.

4 און גאָט'ס וואָרט איז געווען צו מיר אַזוי צו זאָגען:

5 איידער איך האָב דיך בעשאַפען אין בויך האָב איך דיך געקענט און איי־
דער דו ביזט אַרויס פון דיין מוטער'ס לייב האָב איך דיך געהייליגט,
אַלס פּראָפעט צו די פעלקער האָב איך דיך בעשטימט.

6 און איך האָב געזאָגט: אָה, הערר גאָט, איך ווייס דאָך ניט ווי צו רעדען
ווייל איך בין יונג.

7 און גאָט האָט צו מיר געזאָגט: דו זאָלסט ניט זאָגען איך בין יונג, נאָר
אומעטום וואו איך וועל דיך שיקען זאָלסטו געהן און אלעס וואָס איך
וועל דיר הייסען זאָלסטו רעדען.

8 האָב קיין מורא ניט פאר זיי, ווייל איך בין מיט דיר דיך צו רעטען, זאָגט
גאָט.

9 און גאָט האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנד און בעריהרט מיין מויל, און
גאָט האָט צו מיר געזאָגט, נון איך לייג מיין וואָרט אין דיין מויל.

10 זעה, איך בעשטים דיך הייטע איבער פעלקער און איבער קעניגרייכע,
אום אויסצורייסען און צוברעכען, צושטערען און פערדארבען, צו בויען
און צו פלאַנצען.

11 און דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו מיר אַזוי צו זאָגען: וואָס זעהסטו
ירמיהו? און איך האָב געזאָגט: אַ שטעקען פון אַ מאַנדעל־בוים זעה איך.

12 און גאָט האָט צו מיר געזאָגט: דו האָסט ריכטיג געזעהען, דען איך
וואך איבער מיין וואָרט עס צו טהאָן.

13 און דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו מיר אַ צווייטען מאָל אַזוי צו זאָגען:
וואָס זעהסטו? און איך האָב געזאָגט אַ זידענדען טאָפּ זעה איך און
זיין פאָדערזייט איז פון נאָרד זייט.

טו הָרָעָה עַל כָּל־יֹשְׁבֵי הָאָרֶץ׃ כִּי ׀ הִנְנִי קֹרֵא לְכָל־
מִשְׁפְּחוֹת מַמְלְכוֹת צָפוֹנָה נְאֻם־יְהוָה וּבָאוּ וְנָתְנוּ אִישׁ
כִּסְאוֹ פֶּתַח ׀ שַׁעֲרֵי יְרוּשָׁלִַם וְעַל כָּל־חוֹמֹתֶיהָ סָבִיב וְעַל
16 כָּל־עָרֵי יְהוּדָה׃ וְדִבַּרְתִּי מִשְׁפָּטַי אוֹתָם עַל כָּל־רָעָתָם
אֲשֶׁר עֲזָבוּנִי וַיְקַטְּרוּ לֵאלֹהִים אֲחֵרִים וַיִּשְׁתַּחֲווּ לְמַעֲשֵׂי
17 יְדֵיהֶם׃ וְאַתָּה תֶּאְזֹר מָתְנֶיךָ וְקַמְתָּ וְדִבַּרְתָּ אֲלֵיהֶם אֵת
כָּל־אֲשֶׁר אָנֹכִי אֲצַוֶּךָּ אַל־תֵּחַת מִפְּנֵיהֶם פֶּן־אֲחִתְּךָ
18 לִפְנֵיהֶם׃ וַאֲנִי הִנֵּה נְתַתִּיךָ הַיּוֹם לְעִיר מִבְצָר וּלְעַמּוּד
בַּרְזֶל וּלְחֹמוֹת נְחֹשֶׁת עַל־כָּל־הָאָרֶץ לְמַלְכֵי יְהוּדָה לְשָׂרֶיהָ
19 לְכֹהֲנֶיהָ וּלְעַם הָאָרֶץ׃ וְנִלְחֲמוּ אֵלֶיךָ וְלֹא־יוּכְלוּ לָךְ כִּי־
אִתְּךָ אֲנִי נְאֻם־יְהוָה לְהַצִּילֶךָ׃

CAP. II. ב

ב

2 א וַיְהִי דְבַר־יְהוָה אֵלַי לֵאמֹר׃ הָלֹךְ וְקָרָאתָ בְאָזְנֵי יְרוּשָׁלִַם
לֵאמֹר כֹּה אָמַר יְהוָה זָכַרְתִּי לָךְ חֶסֶד נְעוּרַיִךְ אַהֲבַת
3 כְּלוּלֹתָיִךְ לֶכְתֵּךְ אַחֲרַי בַּמִּדְבָּר בְּאֶרֶץ לֹא זְרוּעָה׃ קֹדֶשׁ
יִשְׂרָאֵל לַיהוָה רֵאשִׁית תְּבוּאָתֹה כָּל־אֹכְלָיו יֶאְשָׁמוּ רָעָה
4 תָּבֹא אֲלֵיהֶם נְאֻם־יְהוָה׃ שִׁמְעוּ דְבַר־יְהוָה בֵּית
ה יַעֲקֹב וְכָל־מִשְׁפְּחוֹת בֵּית יִשְׂרָאֵל׃ כֹּה ׀ אָמַר יְהוָה מַה־
מָּצְאוּ אֲבוֹתֵיכֶם בִּי עָוֶל כִּי רָחֲקוּ מֵעָלָי וַיֵּלְכוּ אַחֲרֵי
6 הַהֶבֶל וַיֶּהְבָּלוּ׃ וְלֹא אָמְרוּ אַיֵּה יְהוָה הַמַּעֲלֶה אֹתָנוּ מֵאֶרֶץ
מִצְרָיִם הַמּוֹלִיךְ אֹתָנוּ בַּמִּדְבָּר בְּאֶרֶץ עֲרָבָה וְשׁוּחָה
בְּאֶרֶץ צִיָּה וְצַלְמָוֶת בְּאֶרֶץ לֹא־עָבַר בָּהּ אִישׁ וְלֹא־יָשַׁב
7 אָדָם שָׁם׃ וָאָבִיא אֶתְכֶם אֶל־אֶרֶץ הַכַּרְמֶל לֶאֱכֹל פִּרְיָהּ
וְטוּבָהּ וַתָּבֹאוּ וַתְּטַמְּאוּ אֶת־אַרְצִי וְנַחֲלָתִי שַׂמְתֶּם לְתוֹעֵבָה׃
8 הַכֹּהֲנִים לֹא אָמְרוּ אַיֵּה יְהוָה וְתֹפְשֵׂי הַתּוֹרָה לֹא יְדָעוּנִי
וְהָרֹעִים פָּשְׁעוּ בִי וְהַנְּבִאִים נִבְּאוּ בַבַּעַל וְאַחֲרֵי לֹא־
9 יוֹעִלוּ הָלָכוּ׃ לָכֵן עֹד אָרִיב אִתְּכֶם נְאֻם־יְהוָה וְאֶת־בְּנֵי

בניכם

ב׳ v. 3. קמץ בזיק ibid. ע״ב v. 4 הפטרת מסעי

14 און גאָט האָט צו מיר געזאָגט : פון נאָרד זייט וועט זיך אָנפאַנגען דאָס
אונגליק אויף אַלע איינוואָהנער פון לאַנד.
15 דען איך רוף גלייך צו אַלע פאַמיליען פון די קעניגרייכען פון נאָרד זייט,
זאָגט גאָט, און זיי וועלען קומען, און יעדערער וועט שטעלען זיין שטוהל
אין דעם אַריינגאַנג פון די טהויערען פון ירושלים, און איבער אַלע איהרע
מויערן ארום און איבער אַלע שטעדט פון יהודה.
16 און איך וועל אויסשפּרעכען מיינע אורטהיילע געגען זיי פאַר זייער גאַנ־
צע שלעכטס, ווייל זיי האָבען מיך פערלאָזען און געריכערט צו אַנדערע
געטער, און געבוקט זיך צו די ווערקע פון זייערע הענד.
17 און דו, גורט אָן דיינע לענדען, שטעה אויף און רייד צו זיי וואָס איך וועל
דיר הייסען, שרעק זיך ניט פאַר זיי, דען לאָזען וועל איך דיך דערשרע־
קען פאַר זיי ?
18 און נון איך מאַך דיך הייטע צו אַ פעסטע שטאָדט און צו איין אַייזערנע
זייל און צו אַ מויער פון קופּער איבער'ן גאַנצען לאַנד, פאַר די קעניגע פון
יהודה, פאַר איהרע פירשטען, פאַר איהרע פריעסטער און פאַר דאָס פאָלק
פון לאַנד.
19 און זיי וועלען שטרייטען געגען דיר און דיך ניט בייקומען, ווייל איך בין
מיט דיר, זאָגט גאָט, דיך צו רעטען.

קאַפּיטעל ב

1 און גאָט'ס וואָרט איז געווען צו מיר אַזוי צו זאָגען :
2 געה און רוף אין די אויערען פון ירושלים און זאָג : אַזוי זאָגט גאָט : איך
געדענק דיר די פריינדליכקייט פון דיין יוגענד, די ליעבע פון דיין פער־
לאָבונגס צייט, ווען דו ביזט מיר נאָכגעגאַנגען אין דער וויסטע, אין אַ
לאַנד וואָס איז ניט געזעעט געווען.
3 ישראל איז הייליג צו גאָט, דאָס ערשטע פון זיין פרוכט, אַלע וואָס עסען
איהם וועלען זיין שולדיג, אונגליק וועט קומען צו זיי, זאָגט גאָט.
4 הערט דאָס וואָרט פון גאָט, הויזגעזינד פון יעקב, און אַלע פאַמיליען פון
הויזגעזינד פון ישראל.
5 אַזוי האָט גאָט געזאָגט : וואָס פאַר אונרעכט האָבען אַייערע עלטערען
אין מיר געפונען וואָס זיי האָבען זיך פון מיר דערווייטערט ? און זיי
זיינען געגאַנגען נאָך נאַרישקייט און זיינען פערנאַרישט געוואָרען."
6 און האָבען ניט געזאָגט : וואו איז גאָט וואָס האָט אונז אַרויסגעבראַכט
פון לאַנד מצרים, וואָס האָט אונז געפיהרט אין דער וויסטע אין איין
אונפרוכטבאַר לאַנד און גריבער, אין אַ טרוקען לאַנד, אין שאָטען פון
טוידט, אין אַ לאַנד וואָס קיינער איז ניט דורכגעגאַנגען און קיין מענש
האָט דאָרט געוואָהנט.
7 און איך האָב אייך געבראַכט אין אַ גאָרטען־לאַנד, אום צו עסען איהרע
פרוכט און איהר גוטס און איהר זייט געקומען און פעראונרייניגט מיין
לאַנד, און מיין ערבטהייל האָט איהר געמאַכט צו אבשייליכקייט.
8 די פריסטער האָבען ניט געזאָגט וואו איז גאָט ? און די וואָס האַלטען
די לעהרע קענען מיך ניט, און די הירטען האָבען ווידערשפּעניגט געגען
מיר און די פּראָפעטען האָבען פראָפעצייהעט דורך בעל, און נאָך די וואָס
קענען זיי ניט ניטצען זיינען זיי נאָכגעגאַנגען.
9 דארום וועל איך זיך נאָך קריעגען מיט אייך, זאָגט גאָט, און מיט אייערע
קינדס קינדער וועל איך זיך קריעגען.

י בְּנֵיכֶם אָרִיב׃ כִּי עִבְרוּ אִיֵּי כִתִּיִּים וּרְאוּ וְקֵדָר שִׁלְחוּ
וְהִתְבּוֹנְנוּ מְאֹד וּרְאוּ הֵן הָיְתָה כָּזֹאת׃ הַהֵימִיר גּוֹי אֱלֹהִים 11
וְהֵמָּה לֹא אֱלֹהִים וְעַמִּי הֵמִיר כְּבוֹדוֹ בְּלוֹא יוֹעִיל׃ שֹׁמּוּ 12
שָׁמַיִם עַל־זֹאת וְשַׂעֲרוּ חָרְבוּ מְאֹד נְאֻם־יְהוָה׃ כִּי־שְׁתַּיִם 13
רָעוֹת עָשָׂה עַמִּי אֹתִי עָזְבוּ מְקוֹר ׀ מַיִם חַיִּים לַחְצֹב
לָהֶם בֹּארוֹת בֹּארֹת נִשְׁבָּרִים אֲשֶׁר לֹא־יָכִלוּ הַמָּיִם׃
הַעֶבֶד יִשְׂרָאֵל אִם־יְלִיד בַּיִת הוּא מַדּוּעַ הָיָה לָבַז׃ 14
עָלָיו יִשְׁאֲגוּ כְפִרִים נָתְנוּ קוֹלָם וַיָּשִׁיתוּ אַרְצוֹ לְשַׁמָּה עָרָיו טו
נִצְּתָה מִבְּלִי יֹשֵׁב׃ גַּם־בְּנֵי־נֹף וְתַחְפַּנֵס יִרְעוּךְ קָדְקֹד׃ 16
הֲלוֹא־זֹאת תַּעֲשֶׂה־לָּךְ עָזְבֵךְ אֶת־יְהוָה אֱלֹהַיִךְ בְּעֵת 17
מוֹלִכֵךְ בַּדָּרֶךְ׃ וְעַתָּה מַה־לָּךְ לְדֶרֶךְ מִצְרַיִם לִשְׁתּוֹת 18
מֵי שִׁחוֹר וּמַה־לָּךְ לְדֶרֶךְ אַשּׁוּר לִשְׁתּוֹת מֵי נָהָר׃ תְּיַסְּרֵךְ 19
רָעָתֵךְ וּמְשֻׁבוֹתַיִךְ תּוֹכִחֻךְ וּדְעִי וּרְאִי כִּי־רַע וָמָר עָזְבֵךְ
אֶת־יְהוָה אֱלֹהָיִךְ וְלֹא פַחְדָּתִי אֵלַיִךְ נְאֻם־אֲדֹנָי יְהוִה
צְבָאוֹת׃ כִּי מֵעוֹלָם שָׁבַרְתִּי עֻלֵּךְ נִתַּקְתִּי מוֹסְרוֹתַיִךְ כ
וַתֹּאמְרִי לֹא אֶעֱבוֹד כִּי עַל־כָּל־גִּבְעָה גְּבֹהָה וְתַחַת כָּל־
עֵץ רַעֲנָן אַתְּ צֹעָה זֹנָה׃ וְאָנֹכִי נְטַעְתִּיךְ שׂוֹרֵק כֻּלֹּה זֶרַע 21
אֱמֶת וְאֵיךְ נֶהְפַּכְתְּ לִי סוּרֵי הַגֶּפֶן נָכְרִיָּה׃ כִּי אִם־תְּכַבְּסִי 22
בַּנֶּתֶר וְתַרְבִּי־לָךְ בֹּרִית נִכְתָּם עֲוֺנֵךְ לְפָנַי נְאֻם אֲדֹנָי
יְהוִה׃ אֵיךְ תֹּאמְרִי לֹא נִטְמֵאתִי אַחֲרֵי הַבְּעָלִים לֹא 23
הָלַכְתִּי רְאִי דַרְכֵּךְ בַּגַּיְא דְּעִי מֶה עָשִׂית בִּכְרָה קַלָּה
מְשָׂרֶכֶת דְּרָכֶיהָ׃ פֶּרֶא ׀ לִמֻּד מִדְבָּר בְּאַוַּת נַפְשָׁו שָׁאֲפָה 24
רוּחַ תַּאֲנָתָהּ מִי יְשִׁיבֶנָּה כָּל־מְבַקְשֶׁיהָ לֹא יִיעָפוּ בְּחָדְשָׁהּ
יִמְצָאוּנְהָ׃ מִנְעִי רַגְלֵךְ מִיָּחֵף וּגוֹרֻנֵךְ מִצִּמְאָה וַתֹּאמְרִי כה
נוֹאָשׁ לוֹא כִּי־אָהַבְתִּי זָרִים וְאַחֲרֵיהֶם אֵלֵךְ׃ כְּבֹשֶׁת גַּנָּב 26
כִּי יִמָּצֵא כֵּן הֹבִישׁוּ בֵּית יִשְׂרָאֵל הֵמָּה מַלְכֵיהֶם שָׂרֵיהֶם
וְכֹהֲנֵיהֶם וּנְבִיאֵיהֶם׃ אֹמְרִים לָעֵץ אָבִי אַתָּה וְלָאֶבֶן אַתְּ 27
ילדתני

v. 14. פתח בס״פ v. 15. נצתו קרי v. 16. ותחפנחס קרי v. 19. קמץ בז״ק
v. 20. אעבור קרי v. 24. נפשה קרי v. 25. וגרונך קרי

10 דען פֿאָהרט דורך אינזלען פֿון די כּתּים און זעהט, און שיקט נאָך קדר
און בעטראַכט גוט און זעהט, אויב אַזעלכעס איז געשעהען.

11 האָט אַ פֿאָלק פֿערביטען זיינע געטער [אויף אַזעלכע] וואָס זיינען קיינע
געטער? און מיין פֿאָלק האָט פֿערביטען זיין עהרע פֿאַר אומניצליכעס.

12 שטוינט, הימלען, דעריבער און שטורעמט, ווערט זעהר וויסט, זאָגט גאָט.

13 דען צוויי־פֿאַכע שלעכטעס האָט מיין פֿאָלק געטהאָן. מיך האָבען זיי פֿערלאָ־
זען, די קוועלע פֿון לעבעדיגעס וואַסער אום זיך אויסצוגראָבען ברונימער,
צובראָכענע ברונימער, וואָס קענען ניט האַלטען דאָס וואַסער.

14 איז דען ישראל אַ קנעכט אָדער אַ הויזגעבאָרענער? וואָרום איז ער גע־
וואָרען צו רויב?

15 אויף איהם שרייען לייבען, הויבען זייערע שטימען און זיי האָבען געמאַכט
זיין לאַנד צו וויסט, זיינע שטעדט זיינען צושטערט געוואָרען אָהן איי־
וואָהנער.

16 אויך די קינדער פֿון נף און תחפּנס וועלען דיך צוברעכען דעם שארבען.

17 עס ווערט דאָך דיעזעס געטהאָן ווייל דו האָסט פֿערלאָזען דעם עווי־
גען דיין גאָט, אין דער צייט ווען ער האָט דיך געפֿיהרט אויף דעם וועג?

18 און יעצט, וואָס האָסטו צו טהאָן מיט דעם וועג נאָך מצרים, צו טרינקען
דאָס וואַסער פֿון שחור? און וואָס האָסטו צו טהאָן מיט דעם וועג נאָך
אַשור, צו טרינקען דאָס וואַסער פֿונ'ם טייך?

19 דיינע שלעכטיגקייט וועט דיך שטראָפֿען און דיין ווילדקייט וועט דיך
איבערצייגען, וועסט וויסען און זעהען ווי עס איז שלעכט און ביטער
וואָס דו האָסט פֿערלאָזען דעם עוויגען דיין גאָט, אָבער מיין פֿורכט איז
ניט ביי דיר, זאָגט דער עוויגער גאָט דער הערשאַפֿט.

20 פֿון אימער, ווען איך האָב צובראָכען דיין יאָך, צוריסען דיינע בענדער,
האָסטו געזאָגט: איך וועל ניט איבערטרעטען, און דאָך אויף יעדען הויי־
כען באַרג און אונטער יעדען גרינעם בוים וואַנדערסטו אום אַלס אויס־
געלאַסענע.

21 און איך האָב דיך געפֿלאַנצט אַלס צווייג פֿון גאַנץ ריכטיגע זוימען, און
ווי אַזוי ביזטו מיר פֿערקעהרט געוואָרען צו ווילדע צווייגען פֿון אַ פֿרעמ־
דען וויינשטאָק?

22 דען ווען דו וועסט זיך וואַשען מיט לויג און געברויכען פֿיעל זייף, דאָך
איז דיין זינד בעפֿלעקט פֿאַר מיר, זאָגט דער עוויגער גאָט.

23 ווי אַזוי קענסטו זאָגען: איך בין ניט אונריין געוואָרען, איך בין ניט נאָכ־
געגאַנגען נאָך די בעלים? זעה דיין אויפֿפֿיהרונג אין טהאָל, דערקען וואָס
דו האָסט געטהאָן, ווי אַ גרינגפֿיסיגער קעמעל, וואָס לויפֿט אַרום אויף
איהרע וועגען.

24 ווי אַ ווילדער אייזעל וואָס איז ערצויגען אין דער וויסטע, מיט דעם
באַגעהר פֿון איהר זעעלע אָטהעמט זי די לופֿט; ווער קען זי צוריקהאַל־
טען פֿון איהרע פֿערלאַנגען? אַלע וואָס זוכען זי, וועלען ניט מיעד ווע־
רען, אין איהר מאָנאַט וועלען זיי איהר געפֿינען.

25 האַלט אָב דיין פֿוס פֿון זיין באָרפֿוס און דיין האַלדז פֿון דורשט, אָבער
דו זאָגסט: עס איז פֿאַרפֿאַלען, ניין! דען איך ליעב די פֿרעמדע און וועל
זיי נאָכגעהן.

26 ווי די שאַנד פֿון אַ גנב ווען ער ווערט געחאַפּט, אַזוי וועט זיך שעהמען
דאָס הויזגעזינד פֿון ישראל, זיי, זייערע קינדער, זייערע פֿירשטען, און
זייערע פּריסטער און זייערע פּראָפֿעטען.

27 זיי זאָגען צו האָלץ: „דו ביזט מיין פֿאָטער", און צו שטיין: „דו האָסט

ילדתנו כי־פנו אלי ערף ולא פנים ובעת רעתם יאמרו
28 קומה והושיענו׃ ואיה אלהיך אשר עשית לך יקומו
אם־יושיעוך בעת רעתך כי מספר עריך היו אלהיך יהודה׃
29 ל למה תריבו אלי כלכם פשעתם בי נאם־יהוה׃ לשוא
הכיתי את־בניכם מוסר לא לקחו אכלה חרבכם
31 נביאיכם כאריה משחית׃ הדור אתם ראו דבר־יהוה
המדבר הייתי לישראל אם ארץ מאפליה מדוע אמרו
32 עמי רדנו לוא־נבוא עוד אליך׃ התשכח בתולה עדיה
33 כלה קשריה ועמי שכחוני ימים אין מספר׃ מה־תיטבי
דרכך לבקש אהבה לכן גם את־הרעות למדתי את־
34 דרכיך׃ גם בכנפיך נמצאו דם נפשות אביונים נקיים
לה לא־במחתרת מצאתים כי על־כל־אלה׃ ותאמרי כי
נקיתי אך שב אפו ממני הנני נשפט אותך על־אמרך
36 לא חטאתי׃ מה־תזלי מאד לשנות את־דרכך גם ממצרים
37 תבושי כאשר בשת מאשור׃ גם מאת זה תצאי וידיך
על־ראשך כי־מאס יהוה במבטחיך ולא תצליחי להם׃

CAP. III. ג

ג
א לאמר הן ישלח איש את־אשתו והלכה מאתו והיתה
לאיש־אחר הישוב אליה עוד הלוא חנוף תחנף הארץ
2 ההיא ואת זנית רעים רבים ושוב אלי נאם־יהוה׃ שאי
עיניך על־שפים וראי איפה לא שגלת על־דרכים ישבת
להם כערבי במדבר ותחניפי ארץ בזנותיך וברעתך׃
3 וימנעו רבבים ומלקוש לוא היה ומצח אשה זונה היה
4 לך מאנת הכלם׃ הלוא מעתה קראתי לי אבי אלוף
ה נערי אתה׃ הינטר לעולם אם־ישמר לנצח הנה דברת
6 ותעשי הרעות ותוכל׃ ויאמר יהוה אלי בימי
יאשיהו המלך הראית אשר עשתה משבה ישראל

הלכה

ב v. 27. ילדתנו ק׳ v. 31. ב׳ טעמים v. 33. למדת ק׳ ג׳ v. 2. שכבת ק׳ v. 4. יתיר י׳

מיך געבאָרען”, דען זיי קעהרען צו מיר דעם נאַקען און ניט דאָס געזיכט,
און אין דער צייט פון זייער אונגליק זאָגען זיי : שטעה אויף און העלף
אונז.
28 און וואו זיינען דיינע געטער וואָס דו האָסט זיך געמאַכט ? זאָלען זיי
אויפשטעהן, אויב זיי קענען דיר העלפען אין דער צייט פון דיין אונ־
גליק, דען וויפיעל שטעדט אַזוי פיעל געטער האָסטו יהודה.
29 וואָרום קלאָגט איהר זיך אויף מיר ? איהר אַלע האָט פערבראָכען געגען
מיר, זאָגט דער עוויגער גאָט.
30 אומזיסט האָב איך געשלאָגען אייערע קינדער, די שטראָף־לעהרע האָבען
זיי ניט אָנגענומען, אייער שווערד האָט פערצעהרט אייערע פּראָפעטען
אַזוי ווי אַ פערדארבענדער לייב.
31 אָ, די געבעהרונג ! זעהט דאָס וואָרט פון דעם עוויגען, בין איך דען
געוועזען אַ וויסטע צו ישראל אָדער אַ פינסטער לאַנד ? וואָרום זאָגט
מיין פאָלק מיר זיינען געשיידעט, מיר קומען ניט מעהר צו דיר ?
32 ויעט אַ יונג־פרוי פערגעסען איהר ציערונג, אָדער אַ כלה איהרע בענדער?
אָבער מיין פאָלק האָט מיך פערגעסען טעג אָהן צאָהל.
33 וואָס בעגיטיגסטו דיין וועג, אום ליעבע צו זוכען ? אין דער ווירקליכ־
קייט לעהרענסטו אויך די שלעכטע דיינע וועגען.
34 אויך אין די ברעגען פון דיינע קליידער ווערט געפונען בלוט פון אָרימע
ריינע זעעלען, ניט אין אַן אונטערגראבונג האָב איך זיי געפונען, נאָר
אויף דיעזע אַלע.
35 און דו זאָגסט נאָך : איך בין ריין, זיין צאָרן זאָל אָבגעקעהרט ווערען
פון מיר. איך אורטהייל דיך דערפאַר וואָס דו זאָגסט איך האָב ניט
געזינדיגט.
36 ווי זעהר ביליג דו מאַכסט זיך צו ענדערען דיין וועג, אויך פון מצרים
וועסטו פערשעהמט ווערען, ווי דו ביסט צו שאַנדע געוואָרען פון אשור.
37 אויך פון דיעזען וועסטו אַרויסגעהן מיט דיינע הענד אויף דיין קאָפּ,
דען דער עוויגער פערהאַסט די אויף וועלכע דו פערטרויעסט זיך, דו
וועסט דורך זיי ניט בעגליקען.

קאַפּיטעל ג

1 (צום ביישפּיעל) צו זאָגען : ווען אַ מאַן שיקט אַוועק זיין ווייב און
זי געהט אַוועק פון איהם און ווערט פערהייראַטעט צו איין אַנדער מאַן,
וועט ער דען צוריקקעהרען זיך צו איהר ? וועט דען ניט דאָס לאַנד
געשענדעט ווערען ? אָבער דו האָסט געטריעבען אונצוכט מיט פיעלע
פריינד, דאָך קעהר דיך צוריק צו מיר, זאָגט דער עוויגער.
2 הויב אויף דיינע אויגען צו די בערג און זעה, וואו ביזטו ניט בעשלאָפען
געוואָרען. אויף די וועגען ביזטו געזעסען פאַר זיי, ווי דער אַראַבער אין
דער וויסטע, און דו האָסט געשענדעט דאָס לאַנד מיט דיין אויסגעלאַ־
סענהייט און מיט דיינע שלעכטיגקייט.
3 און פריה־רעגען איז פערהאַלטען געוואָרען און שפּעט־רעגען איז ניט גע־
ווען, און דאָך האָסטו געהאַט אַ שטערען פון איין אויסגעלאַסענער, דו
האָסט זיך ניט געוואָלט שעהמען.
4 וועסטו דען ניט פון יעצט אָן צו מיר רופען : מיין פאָטער, דו ביסט
דער האַר פון מיין יוגענד ?
5 וועט ער דען אימער האַס טראָגען, היטען דעם צאָרן אויף עוויג ? זעה,
דו האָסט גערעדט, און דאָך האָכטו געטהאָן שלעכטס וויפיעל דו האָסט
געקענט.
6 און גאָט האָט צו מיר געזאָגט אין די טעג פון יאשיהו דעם קעניג, האָסטו

הָלְכָה הִיא עַל־כָּל־הַר גָּבֹהַּ וְאֶל־תַּחַת כָּל־עֵץ רַעֲנָן וַתִּזְנִי־
7 שָׁם׃ וָאֹמַר אַחֲרֵי עֲשׂוֹתָהּ אֶת־כָּל־אֵלֶּה אֵלַי תָּשׁוּב וְלֹא־
8 שָׁבָה וַתִּרְאֶה בָּגוֹדָה אֲחוֹתָהּ יְהוּדָה׃ וָאֵרֶא כִּי עַל־כָּל־
אֹדוֹת אֲשֶׁר נִאֲפָה מְשֻׁבָה יִשְׂרָאֵל שִׁלַּחְתִּיהָ וָאֶתֵּן אֶת־
סֵפֶר כְּרִיתֻתֶיהָ אֵלֶיהָ וְלֹא יָרְאָה בֹּגֵדָה יְהוּדָה אֲחוֹתָהּ
9 וַתֵּלֶךְ וַתִּזֶן גַּם־הִיא׃ וְהָיָה מִקֹּל זְנוּתָהּ וַתֶּחֱנַף אֶת־הָאָרֶץ
י וַתִּנְאַף אֶת־הָאֶבֶן וְאֶת־הָעֵץ׃ וְגַם־בְּכָל־זֹאת לֹא־שָׁבָה אֵלַי
בָּגוֹדָה אֲחוֹתָהּ יְהוּדָה בְּכָל־לִבָּהּ כִּי אִם־בְּשֶׁקֶר נְאֻם־
11 יְהוָה׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה אֵלַי צִדְּקָה נַפְשָׁהּ מְשֻׁבָה
12 יִשְׂרָאֵל מִבֹּגֵדָה יְהוּדָה׃ הָלֹךְ וְקָרָאתָ אֶת־הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה
צָפוֹנָה וְאָמַרְתָּ שׁוּבָה מְשֻׁבָה יִשְׂרָאֵל נְאֻם־יְהוָה לוֹא־אַפִּיל
13 פָּנַי בָּכֶם כִּי־חָסִיד אֲנִי נְאֻם־יְהוָה לֹא אֶטּוֹר לְעוֹלָם׃ אַךְ
דְּעִי עֲוֺנֵךְ כִּי בַּיהוָה אֱלֹהַיִךְ פָּשָׁעַתְּ וַתְּפַזְּרִי אֶת־דְּרָכַיִךְ
לַזָּרִים תַּחַת כָּל־עֵץ רַעֲנָן וּבְקוֹלִי לֹא־שְׁמַעְתֶּם נְאֻם־יְהוָה׃
14 שׁוּבוּ בָנִים שׁוֹבָבִים נְאֻם־יְהוָה כִּי אָנֹכִי בָּעַלְתִּי בָכֶם
וְלָקַחְתִּי אֶתְכֶם אֶחָד מֵעִיר וּשְׁנַיִם מִמִּשְׁפָּחָה וְהֵבֵאתִי
טו אֶתְכֶם צִיּוֹן׃ וְנָתַתִּי לָכֶם רֹעִים כְּלִבִּי וְרָעוּ אֶתְכֶם דֵּעָה
16 וְהַשְׂכֵּיל׃ וְהָיָה כִּי תִרְבּוּ וּפְרִיתֶם בָּאָרֶץ בַּיָּמִים הָהֵמָּה
נְאֻם־יְהוָה לֹא־יֹאמְרוּ עוֹד אֲרוֹן בְּרִית יְהוָה וְלֹא יַעֲלֶה עַל־
17 לֵב וְלֹא יִזְכְּרוּ־בוֹ וְלֹא יִפְקֹדוּ וְלֹא יֵעָשֶׂה עוֹד׃ בָּעֵת הַהִיא
יִקְרְאוּ לִירוּשָׁלִַם כִּסֵּא יְהוָה וְנִקְווּ אֵלֶיהָ כָל־הַגּוֹיִם לְשֵׁם
יְהוָה לִירוּשָׁלִָם וְלֹא־יֵלְכוּ עוֹד אַחֲרֵי שְׁרִרוּת לִבָּם הָרָע׃
18 בַּיָּמִים הָהֵמָּה יֵלְכוּ בֵית־יְהוּדָה עַל־בֵּית יִשְׂרָאֵל וְיָבֹאוּ
יַחְדָּו מֵאֶרֶץ צָפוֹן עַל־הָאָרֶץ אֲשֶׁר הִנְחַלְתִּי אֶת־
19 אֲבוֹתֵיכֶם׃ וְאָנֹכִי אָמַרְתִּי אֵיךְ אֲשִׁיתֵךְ בַּבָּנִים וְאֶתֶּן־לָךְ
אֶרֶץ חֶמְדָּה נַחֲלַת צְבִי צִבְאוֹת גּוֹיִם וָאֹמַר אָבִי תִּקְרְאוּ־
כ לִי וּמֵאַחֲרַי לֹא תָשׁוּבוּ׃ אָכֵן בָּגְדָה אִשָּׁה מֵרֵעָהּ כֵּן בְּגַדְתֶּם

בִּי

v. 7 ותרא ק׳ v. 19 תקראי ק׳ ibid. תשובי ק׳

געזעהען וואָס די אבטריניגע ישראל האָט געטהאָן ? זי איז געגאַנגען
אויף אַלע הויכע בערג און אונטער אַלע גרינע ביימער און האָט דאָרט בע־
גאַנגען שאַנדטהאַטען.
7 האָב איך געזאָגט נאָכדעם ווי זי האָט אַלעס געטהאָן, זאָל זי זיך צוריק־
קעהרען צו מיר, אָבער זי האָט זיך ניט צוריקגעקעהרט. און דאָס האָט
געזעהען איהר טריילאָזע שוועסטער יהודה.
8 און איך האָב געזעהען דאָס וועגען דעם אַלעם ווייל די אבטריניגע ישראל
האָט שאַנדטהאַטען בעגאַנגען, האָב איך זי פערשטויסען און האָב איהר
געגעבען אַ שיידע שריפט, און דאָך האָט זיך איהר טריילאָזע שוועסטער
יהודה ניט דערשראָקען און איז אויך בעגאַנגען שאַנדטהאַטען.
9 און עס איז געווען ווען דורך די געשרייען פון איהר אויסגעלאַסענהייט
איז דאָס לאַנד געשענדעט געוואָרען, און זי האָט געטריעבען אונצוכט
מיט דעם שטיין און מיט דעם האָלץ.
10 און אויך ביי דעם אַלעם האָט זיך צו מיר ניט צוריק געקעהרט איהר טריי־
לאָזע שוועסטער יהודה מיט איהר גאַנצען האַרצען, נאָר מיט פאַלש־
קייט, זאָגט גאָט.
11 און גאָט האָט צו מיר געזאָגט : די אבטריניגע ישראל איז גערעכטער,
אַלס די טריילאָזע יהודה.
12 געה און רוף אויס דיעזע ווערטער געגען נאָרד זייט און זאָלסט זאָגען :
קעהר זיך צוריק, אבטריניגע ישראל, זאָגט גאָט. איך וועל ניט צערע־
נען מעהר אויף אייך, ווייל איך בין גוט, זאָגט גאָט, ניט אימער וועל איך
טראָגען דעם האַס.
13 נאָר דו זאָלסט אַנערקענען דיין שולד, דען געגען דעם עוויגען דיין גאָט
האָסטו אַ פערברעכען בעגאַנגען, און האָסט אויסגעשפרייט דיינע וועגען
צו די פרעמדע אונטער יעדען גרינעם בוים, און אין מיין שטימע האָט
איהר ניט געהערט, זאָגט גאָט.
14 קעהרט אַייך צוריק איהר אבטרינענע קינדער, זאָגט גאָט, דען איך האָב
מיט אייך געהייראטעט און איך וועל אייך נעהמען איינעם פון א
שטאָדט און צוויי פון אַ פאַמיליע און וועל אַייך ברענגען נאָך ציון.
15 און איך וועל אייך געבען הירטען נאָך מיין האַרץ, און זיי וועלען אייך
פיהרען מיט וויסענשאַפט און קלוגהייט.
16 און עס וועט זיין, ווען איהר וועט זיך מעהרען און זיין פרוכטבאַר אין
דעם לאַנד אין יענער צייט, זאָגט גאָט, וועט מען מעהר ניט רעדען
גאָטעס בונדעס קאַסטען, קיינעם וועט עס אין זינן ניט קומען און מען
וועט ניט דענקען וועגען דעם און ניט פרעגען, און קיין אַנדערער וועט
ניט געמאַכט ווערען.
17 אין יענער צייט וועט מען רופען, ירושלים גאָטעס טהראָן און צו איהר
וועלען זיך זאַמלען אַלע פעלקער אין גאָט'ס נאָמען נאָך ירושלים, און
זיי וועלען מעהר ניט געהען נאָך די שטרעבונגען פון זייער שלעכטעס
האַרץ.
18 אין יענער צייט וועלען געהען דאָס הויז יהודה מיט דאָס הויז ישראל און
קומען צוזאַמען פון נאָרד־לאַנד אין דעם לאַנד וואָס איך האָב אַייערע
עלטערען געמאַכט ערבען.
19 און איך האָב געטראַכט : ווי זאָל איך דיך שטעלען צווישען די זיהן ?
האָב איך דיר געגעבען איין וווּנשענסווערטהעס־לאַנד, די הערליכסטע ערב־
טהייל פון די הערשאַפטען פון די פעלקער און איך האָב געדענקט דו
וועסט מיך רופען, מיין פאָטער, און מיר ניט אָבווייכען.
20 אָבער ווי אַ פרוי־איז אונטריי איהר געליעבטען, אַזוי זייט איהר געווען
מיר אונטריי, ישראל'ס הויז, זאָגט גאָט.

21 כִּי בֵּית יִשְׂרָאֵל נְאֻם־יְהוָה׃ קוֹל עַל־שְׁפָיִים נִשְׁמָע בְּכִי
תַּחֲנוּנֵי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל כִּי הֶעֱווּ אֶת־דַּרְכָּם שָׁכְחוּ אֶת־יְהוָה
22 אֱלֹהֵיהֶם׃ שׁוּבוּ בָּנִים שׁוֹבָבִים אֶרְפָּה מְשׁוּבֹתֵיכֶם הִנְנוּ
23 אָתָנוּ לָךְ כִּי אַתָּה יְהוָה אֱלֹהֵינוּ׃ אָכֵן לַשֶּׁקֶר מִגְּבָעוֹת
הָמוֹן הָרִים אָכֵן בַּיהוָה אֱלֹהֵינוּ תְּשׁוּעַת יִשְׂרָאֵל׃
24 וְהַבֹּשֶׁת אָכְלָה אֶת־יְגִיעַ אֲבוֹתֵינוּ מִנְּעוּרֵינוּ אֶת־צֹאנָם
כה וְאֶת־בְּקָרָם אֶת־בְּנֵיהֶם וְאֶת־בְּנוֹתֵיהֶם׃ נִשְׁכְּבָה בְּבָשְׁתֵּנוּ
וּתְכַסֵּנוּ כְּלִמָּתֵנוּ כִּי לַיהוָה אֱלֹהֵינוּ חָטָאנוּ אֲנַחְנוּ
וַאֲבוֹתֵינוּ מִנְּעוּרֵינוּ וְעַד־הַיּוֹם הַזֶּה וְלֹא שָׁמַעְנוּ בְּקוֹל
יְהוָה אֱלֹהֵינוּ׃

ד CAP. IV. ד

א אִם־תָּשׁוּב יִשְׂרָאֵל ׀ נְאֻם־יְהוָה אֵלַי תָּשׁוּב וְאִם־תָּסִיר
2 שִׁקּוּצֶיךָ מִפָּנַי וְלֹא תָנוּד׃ וְנִשְׁבַּעְתָּ חַי־יְהוָה בֶּאֱמֶת
בְּמִשְׁפָּט וּבִצְדָקָה וְהִתְבָּרְכוּ בוֹ גּוֹיִם וּבוֹ יִתְהַלָּלוּ׃
3 כִּי־כֹה ׀ אָמַר יְהוָה לְאִישׁ יְהוּדָה וְלִירוּשָׁלִַם נִירוּ לָכֶם
4 נִיר וְאַל־תִּזְרְעוּ אֶל־קוֹצִים׃ הִמֹּלוּ לַיהוָה וְהָסִרוּ עָרְלוֹת
לְבַבְכֶם אִישׁ יְהוּדָה וְיֹשְׁבֵי יְרוּשָׁלִָם פֶּן־תֵּצֵא כָאֵשׁ
ה חֲמָתִי וּבָעֲרָה וְאֵין מְכַבֶּה מִפְּנֵי רֹעַ מַעַלְלֵיכֶם׃ הַגִּידוּ
בִיהוּדָה וּבִירוּשָׁלִַם הַשְׁמִיעוּ וְאִמְרוּ וְתִקְעוּ שׁוֹפָר בָּאָרֶץ
קִרְאוּ מַלְאוּ וְאִמְרוּ הֵאָסְפוּ וְנָבוֹאָה אֶל־עָרֵי הַמִּבְצָר׃
6 שְׂאוּ־נֵס צִיּוֹנָה הָעִיזוּ אַל־תַּעֲמֹדוּ כִּי רָעָה אָנֹכִי מֵבִיא
7 מִצָּפוֹן וְשֶׁבֶר גָּדוֹל׃ עָלָה אַרְיֵה מִסֻּבְּכוֹ וּמַשְׁחִית גּוֹיִם
נָסַע יָצָא מִמְּקֹמוֹ לָשׂוּם אַרְצֵךְ לְשַׁמָּה עָרַיִךְ תִּצֶּינָה
8 מֵאֵין יוֹשֵׁב׃ עַל־זֹאת חִגְרוּ שַׂקִּים סִפְדוּ וְהֵילִילוּ כִּי לֹא־
9 שָׁב חֲרוֹן אַף־יְהוָה מִמֶּנּוּ׃ וְהָיָה בַיּוֹם־הַהוּא נְאֻם־יְהוָה
יֹאבַד לֵב־הַמֶּלֶךְ וְלֵב הַשָּׂרִים וְנָשַׁמּוּ הַכֹּהֲנִים וְהַנְּבִיאִים
י יִתְמָהוּ׃ וָאֹמַר אֲהָהּ ׀ אֲדֹנָי יֱהוִה אָכֵן הַשֵּׁא הִשֵּׁאתָ לָעָם

הזה

ג׳ v. 21 קמץ בז״ק   v. 22 כצ״ל   ד׳ v. 5 תקעו ק   ibid. המ׳ בפתח

21 אַ שטימע הערט זיך אויף די בערג, דאָס וויינען פון געבעט פון די קינ־
דער ישראל, ווייל זיי האָבען פערקרימט זייער וועג, האָבען פערגעסען
דעם עוויגען, זייער גאָט.
22 קעהרט זיך צוריק, אבטריניגע קינדער, איך וועל היילען אייער ווילד־
קייט ; מיר זיינען געקומען צו דיר, ווייל דו ביסט דער עוויגער, אונזער
גאָט.
23 עס איז וואַהר, פאַלשקייט ערוואַרטעט מען פון די בערגלאַך, דאָס גע־
טומעל פון די בערג, עס איז וואַהר אין דעם עוויגען אונזער גאָט
איז די הילף פון ישראל.
24 אָבער די שאַנדע האָט אויפגעגעסען וואָס אונזערע עלטערען האָבען
ערוואָרבען זייט אונזער יוגענד, זייער שאָף און זייערע רינדער, זייערע
זיהן און זייערע טעכטער.
25 מיר ליעגען אין אונזער שאַנדע און אונזער שמאַך דעקט אונז צו, ווייל
צום עוויגען, אונזער גאָט, האָבען מיר געזינדיגט, מיר און אונזערע על־
טערען, פון אונזער יוגענד אן ביז דיעזען טאָג. און מיר האָבען
ניט געהערט אין דער שטימע פון דעם עוויגען, אונזער גאָט.

קאַפּיטעל ד

1 ווען דו ישראל ווילסט זיך צוריקקעהרען, זאָגט גאָט, קעהר זיך אום צו
מיר, און ווען דו וועסט אָבשאַפען דיינע אומווירדיגקייטען פאַר מיין גע־
זיכט, וועסטו דאַן ניט מעהר פערוואָגעלט ווערען.
2 און דו וועסט שווערען ביי דעם לעבעדיגען גאָט מיט וואַהרהייט, מיט
רעכט און מיט גערעכטיגקייט, דאַן וועלען זיך פעלקער מיט איהם בענ־
שען און ריהמען מיט איהם.
3 דען אַזוי זאָגט גאָט צו די מענער פון יהודה און ירושלים : אַקערט אייך
דעם אַקער און זעעט ניט אויף דערנער.
4 בעשניידט אייך פאַר גאָט און שאַפט אָב די פאָרהויט פון אייערע הער־
צער, איהר מענער פון יהודה און איינוואָהנער פון ירושלים, זאָנסט וועט
אויסברעכען ווי אַ פייער מיין צאָרן און וועט ברענען אַז קיינער וועט ניט
קענען לעשען צוליעב די שווערע שלעכטע טהאַטען.
5 זאָגט־אָן אין יהודה און מאַכט הערען אין ירושלים, און זאָגט, און
בלאָזט שופר אין דעם לאַנד, רופט אַ פערזאַמלונג, און זאָגט : פער־
זאַמעלט אייך, לאָמיר אַריינקומען אין די פעסטע שטעדט.
6 הויבט אויף די פאָהן צו ציון, פערזאַמעלט אייך, שטעהט ניט שטיל,
ווייל איך ברענג אונגליק פון נאָרד זייט און אַ גרויסען בראָך.
7 עס שטייגט דער לייב פון זיין דיקען וואַלד און אַ פערדערבער פון פעל־
קער האָט אַרויסגעצויגען און פאַרלאָזען זיין אָרט וויסט צו מאַכען דיין
לאַנד, דיינע שטעדט וועלען פערוויסט ווערען, קיינער וועט דאָרט וואָהנען.
8 דאַרום גורט אייך אָן אין זעק, קלאָגט און יאָמערט, ווייל דער צאָרן פון
גאָט האָט זיך ניט אָבגעקעהרט פון אונז.
9 און עס וועט געשעהען אין יענעם טאָג, זאָגט גאָט, עס וועט מוטהלאָז ווע־
רען דאָס האַרץ פון דעם קעניג און דאָס האַרץ פון די פירשטען, און
די פריסטער וועלען שטוינען און די פראָפעטען וועלען זיך וואונדערען.
10 און איך האָב געזאָגט : אָה, עוויגער גאָט, אין דער וואַהרהייט האָסטו
פערפיהרט דיעזען פאָלק און ירושלים, זאָגענדיג : עס וועט זיין פריעדען צו
אייך, און יעצט גרייכט דאָס שווערד ביז דער זעלע.

הַזֶּה וְלִירוּשָׁלִַם לֵאמֹר שָׁלוֹם יִהְיֶה לָכֶם וְנָגְעָה חֶרֶב עַד־
11 הַנָּפֶשׁ׃ בָּעֵת הַהִיא יֵאָמֵר לָעָם־הַזֶּה וְלִירוּשָׁלִַם רוּחַ צַח
שְׁפָיִם בַּמִּדְבָּר דֶּרֶךְ בַּת־עַמִּי לוֹא לִזְרוֹת וְלוֹא לְהָבַר׃
12 רוּחַ מָלֵא מֵאֵלֶּה יָבוֹא לִי עַתָּה גַּם־אֲנִי אֲדַבֵּר מִשְׁפָּטִים
13 אוֹתָם׃ הִנֵּה ׀ כַּעֲנָנִים יַעֲלֶה וְכַסּוּפָה מַרְכְּבוֹתָיו קַלּוּ
14 מִנְּשָׁרִים סוּסָיו אוֹי לָנוּ כִּי שֻׁדָּדְנוּ׃ כַּבְּסִי מֵרָעָה לִבֵּךְ
יְרוּשָׁלִַם לְמַעַן תִּוָּשֵׁעִי עַד־מָתַי תָּלִין בְּקִרְבֵּךְ מַחְשְׁבוֹת
טו אוֹנֵךְ׃ כִּי קוֹל מַגִּיד מִדָּן וּמַשְׁמִיעַ אָוֶן מֵהַר אֶפְרָיִם׃
16 הַזְכִּירוּ לַגּוֹיִם הִנֵּה הַשְׁמִיעוּ עַל־יְרוּשָׁלִַם נֹצְרִים בָּאִים
17 מֵאֶרֶץ הַמֶּרְחָק וַיִּתְּנוּ עַל־עָרֵי יְהוּדָה קוֹלָם׃ כְּשֹׁמְרֵי שָׂדַי
18 הָיוּ עָלֶיהָ מִסָּבִיב כִּי־אֹתִי מָרָתָה נְאֻם יְהוָה׃ דַּרְכֵּךְ
וּמַעֲלָלַיִךְ עָשׂוֹ אֵלֶּה לָךְ זֹאת רָעָתֵךְ כִּי מָר כִּי נָגַע עַד־
19 לִבֵּךְ׃ מֵעַי ׀ מֵעַי ׀ אוֹחוּלָה קִירוֹת לִבִּי הֹמֶה־לִּי
לִבִּי לֹא אַחֲרִשׁ כִּי קוֹל שׁוֹפָר שָׁמַעַתְּ נַפְשִׁי תְּרוּעַת
כ מִלְחָמָה׃ שֶׁבֶר עַל־שֶׁבֶר נִקְרָא כִּי־שֻׁדְּדָה כָּל־הָאָרֶץ
21 פִּתְאֹם שֻׁדְּדוּ אֹהָלַי רֶגַע יְרִיעֹתָי׃ עַד־מָתַי אֶרְאֶה־נֵּס
22 אֶשְׁמְעָה קוֹל שׁוֹפָר׃ כִּי ׀ אֱוִיל עַמִּי אוֹתִי לֹא יָדָעוּ
בָּנִים סְכָלִים הֵמָּה וְלֹא נְבוֹנִים הֵמָּה חֲכָמִים הֵמָּה לְהָרַע
23 וּלְהֵיטִיב לֹא יָדָעוּ׃ רָאִיתִי אֶת־הָאָרֶץ וְהִנֵּה־תֹהוּ וָבֹהוּ
24 וְאֶל־הַשָּׁמַיִם וְאֵין אוֹרָם׃ רָאִיתִי הֶהָרִים וְהִנֵּה רֹעֲשִׁים
כה וְכָל־הַגְּבָעוֹת הִתְקַלְקָלוּ׃ רָאִיתִי וְהִנֵּה אֵין הָאָדָם וְכָל־
26 עוֹף הַשָּׁמַיִם נָדָדוּ׃ רָאִיתִי וְהִנֵּה הַכַּרְמֶל הַמִּדְבָּר וְכָל־
27 עָרָיו נִתְּצוּ מִפְּנֵי יְהוָה מִפְּנֵי חֲרוֹן אַפּוֹ׃ כִּי־כֹה אָמַר
יְהוָה שְׁמָמָה תִהְיֶה כָּל־הָאָרֶץ וְכָלָה לֹא אֶעֱשֶׂה׃
28 עַל־זֹאת תֶּאֱבַל הָאָרֶץ וְקָדְרוּ הַשָּׁמַיִם מִמָּעַל עַל כִּי־
29 דִבַּרְתִּי זַמֹּתִי וְלֹא נִחַמְתִּי וְלֹא־אָשׁוּב מִמֶּנָּה׃ מִקּוֹל
פָּרָשׁ וְרֹמֵה קֶשֶׁת בֹּרַחַת כָּל־הָעִיר בָּאוּ בֶּעָבִים וּבַכֵּפִים

עלו

v. 18. כצ״ל ibid. קמץ בז״ק v. 19. אחולה קרי ibid. שמעת קרי v. 22. קמץ בז״ק

11 אין יענער צייט וועט געזאָגט ווערען צו דיעזען פאָלק און צו ירושלים,
ס'קומט אַ טרוקענער ווינד פון דעם באַרג אין דער וויסטע אויף דעם וועג
פון דער טאָכטער פון מיין פאָלק ניט צו צערשטרייען און ניט צו רייניגען.
12 אַ פולער ווינד פון דיעזע וועט קומען צו מיר; יעצט וועל איך אויך
ריידען רעכטזאַכען צו זיי.
13 נון, ווי וואָלקענס קומט ער אַרויף ווי דער שטורעם ווינד זיינען זיינע
רייטוועגען, שנעלער אַלס אָדלער זיינען זיינע פערד. וועה צו אונז, דען
מיר זיינען גערויבט געוואָרען.
14 וואַש דיין האַרץ פון שלעכטעס, ירושלים, אום דו זאָלסט געהאָלפען ווע־
רען. ווי לאַנג נאָך וועסטו לאָזען נעכטיגען אין דיר דיינע אונרעכטע
געדאַנקען.
15 דען אַ שטימע זאָגט אָן פון דן, און לאָזט הערען עלענד פון אפרים.
16 מעלדעט עס צו די פעלקער, זעהט, לאָזט עס וויסען אין ירושלים: בע־
לאַגערער קומען אָן פון אַ ווייט לאַנד, און זיי האָבען אויפגעהויבען
זייער געשריי אויף די שטעדט פון יהודה.
17 ווי פעלד־וועכטער זיינען זיי אַרום איהר, ווייל זי האָט וויעדערגעשפע־
ניגט געגען מיר, זאָגט גאָט.
18 דיין וועג און דיין האַנדלונג האָבען עס דיר דיעזעס געמאַכט, דאָס
איז דיין שלעכטסקייט, דען עס איז ביטער, ווייל עס האָט געגרייכט ביז
דיין האַרץ.
19 מיינע אינגעווייד, מיינע אינגעווייד! עס וועטהאָגט מיר אין די אינ־
ווענינגסטע פון מיין האַרץ, עס ברומט מיין האַרץ, איך קען ניט שווייגען,
דען די שטימע פון שופר האָסטו, מיין זעלע, געהערט, דאָס ברומען פון
קריעג.
20 אַ בראָך נאָך אַ בראָך ווערט גערופען, דען דאָס גאַנצע לאַנד איז צורויבט;
פלוצלונג זיינען גערויבט געוואָרען מיינע געצעלטען, אין איין אויגענ־
בליק — מיינע פאָרהאַנגען.
21 ווי לאַנג נאָך וועל איך זעהען די פאָהן און הערען די שטימע פון שופר?
22 דען מיין פאָלק איז נאַריש, זיי ווילען מיך ניט קענען, נאַרישע קינדער
זיינען זיי, און ניט פערשטענדיגע זיינען זיי, זיי זיינען קלוג צו שלעכ־
טעס טהאָן, און צו טהאָן גוטעס וויסען זיי ניט.
23 איך האָב געזעהען די ערד און זי איז וויסט און לעער, און איך קוק צו
די הימלען און זייער ליכט איז ניטאָ.
24 איך האָב געזעהען די בערג און זיי ציטערען און אַלע הויכע בערג זיי־
נען פערדאָרבען.
25 איך האָב געזעהען אַז קיין מענש איז ניטאָ, און אַלע פויגלען פון הימעל
זיינען אַוועק געוואַנדערט.
26 איך האָב געזעהען דאָס פרוכטבאַרע פעלד איז געוואָרען אַ וויסטע און
אַלע שטעדט זיינען צובראָכען פאַר גאָט דורך זיין ברענענדען צאָרן.
27 דען אַזוי זאָגט גאָט, וויסט וועט זיין דאָס גאַנצע לאַנד, אָבער אין גאַנצען
פערניכטען וועל איך עס ניט טהאָן.
28 אויף דיעזעס טרויערט די ערד און די הימלען פון אויבען זיינען פערדונ־
קעלט געוואָרען, ווייל איך האָב גערעדט און בעשלאָסען און וועל ניט
בערייהען און וועל מיך ניט צוריקציהען פון דיעזעס.
29 פון דער שטימע פון די רייטער און בויגענשיסער לויפט אַוועק די גאַנ־
צע שטאָדט. זיי קומען אין די געדיכטע וועלדער און שטייגען אויף די
פעלזען, די גאַנצע שטאָדט איז פערלאָזען, און קיין מענש וואָהנט אין זיי.

ל עָלוּ כָּל־הָעִיר עֲזוּבָה וְאֵין־יוֹשֵׁב בָּהֵן אִישׁ׃ וְאַתְּי שָׁדוּד
מַה־תַּעֲשִׂי כִּי־תִלְבְּשִׁי שָׁנִי כִּי־תַעְדִּי עֲדִי־זָהָב כִּי־תִקְרְעִי
בַפּוּךְ עֵינַיִךְ לַשָּׁוְא תִּתְיַפִּי מָאֲסוּ־בָךְ עֹגְבִים נַפְשֵׁךְ יְבַקֵּשׁוּ׃
31 כִּי קוֹל כְּחוֹלָה שָׁמַעְתִּי צָרָה כְּמַבְכִּירָה קוֹל בַּת־צִיּוֹן
תִּתְיַפֵּחַ תְּפָרֵשׂ כַּפֶּיהָ אוֹי־נָא לִי כִּי־עָיְפָה נַפְשִׁי לְהֹרְגִים׃

Cap. V. ה

ה
א שׁוֹטְטוּ בְּחוּצוֹת יְרוּשָׁלַם וּרְאוּ־נָא וּדְעוּ וּבַקְשׁוּ בִרְחוֹבוֹתֶיהָ
אִם־תִּמְצְאוּ אִישׁ אִם־יֵשׁ עֹשֶׂה מִשְׁפָּט מְבַקֵּשׁ אֱמוּנָה
2 וְאֶסְלַח לָהּ׃ וְאִם חַי־יְהוָה יֹאמֵרוּ לָכֵן לַשֶּׁקֶר יִשָּׁבֵעוּ׃
3 יְהוָה עֵינֶיךָ הֲלוֹא לֶאֱמוּנָה הִכִּיתָה אֹתָם וְלֹא־חָלוּ כִּלִּיתָם
4 מֵאֲנוּ קַחַת מוּסָר חִזְּקוּ פְנֵיהֶם מִסֶּלַע מֵאֲנוּ לָשׁוּב׃ וַאֲנִי
אָמַרְתִּי אַךְ דַּלִּים הֵם נוֹאֲלוּ כִּי לֹא יָדְעוּ דֶּרֶךְ יְהוָה
ה מִשְׁפַּט אֱלֹהֵיהֶם׃ אֵלְכָה־לִּי אֶל־הַגְּדֹלִים וַאֲדַבְּרָה אוֹתָם
כִּי הֵמָּה יָדְעוּ דֶּרֶךְ יְהוָה מִשְׁפַּט אֱלֹהֵיהֶם אַךְ הֵמָּה יַחְדָּו
6 שָׁבְרוּ עֹל נִתְּקוּ מוֹסֵרוֹת׃ עַל־כֵּן הִכָּם אַרְיֵה מִיַּעַר זְאֵב
עֲרָבוֹת יְשָׁדְדֵם נָמֵר שֹׁקֵד עַל־עָרֵיהֶם כָּל־הַיּוֹצֵא מֵהֵנָּה
7 יִטָּרֵף כִּי רַבּוּ פִּשְׁעֵיהֶם עָצְמוּ מְשֻׁבוֹתֵיהֶם׃ אֵי לָזֹאת
אֶסְלוֹחַ־לָךְ בָּנַיִךְ עֲזָבוּנִי וַיִּשָּׁבְעוּ בְּלֹא אֱלֹהִים וָאַשְׂבִּעַ
8 אוֹתָם וַיִּנְאָפוּ וּבֵית זוֹנָה יִתְגּוֹדָדוּ׃ סוּסִים מְיֻזָּנִים מַשְׁכִּים
9 הָיוּ אִישׁ אֶל־אֵשֶׁת רֵעֵהוּ יִצְהָלוּ׃ הַעַל־אֵלֶּה לוֹא־אֶפְקֹד
נְאֻם־יְהוָה וְאִם־בְּגוֹי אֲשֶׁר כָּזֶה לֹא תִתְנַקֵּם נַפְשִׁי׃
י עֲלוּ בְשָׁרוֹתֶיהָ וְשַׁחֵתוּ וְכָלָה אַל־תַּעֲשׂוּ הָסִירוּ נְטִישׁוֹתֶיהָ
11 כִּי לוֹא לַיהוָה הֵמָּה׃ כִּי בָּגוֹד בָּגְדוּ בִּי בֵּית יִשְׂרָאֵל
12 וּבֵית יְהוּדָה נְאֻם־יְהוָה׃ כִּחֲשׁוּ בַּיהוָה וַיֹּאמְרוּ לוֹא־הוּא
13 וְלֹא־תָבוֹא עָלֵינוּ רָעָה וְחֶרֶב וְרָעָב לוֹא נִרְאֶה׃ וְהַנְּבִיאִים
14 יִהְיוּ לְרוּחַ וְהַדִּבֵּר אֵין בָּהֶם כֹּה יֵעָשֶׂה לָהֶם׃ לָכֵן
כֹּה־אָמַר יְהוָה אֱלֹהֵי צְבָאוֹת יַעַן דַּבֶּרְכֶם אֶת־הַדָּבָר הַזֶּה

הנני

ד׳ v. 30. ואתי ק׳ ה׳ v. 2 סבירין אכן v. 7. אסלח קי
ibid. כ״א ... ibid. קמץ בז״ק v. 8. מיוזנים קי

30 און דו גערויבטע, וואָס טהוסטו וואָס דו קליידעסט זיך אין פורפור ?
וואָס דו ציערסט זיך אין גאָלד־שמוק, וואָס דו בעדעקסט דיינע אויגען
מיט פוידער ? אימזיסט פוצסטו זיך, דיינע ליעבהאָבער פעראַכטען דיך
דיין לעבען זוכען זיי.
31 דען איך הער אַ שטימע ווי פון אַ קראַנקע, אַנגסט געשריי ווי ביי דער
ערשטער קינד געבורט, די שטימע פון דער טאָכטער פון ציון, זי זיפצט,
ברעכט די הענד, וועה צו מיר, דען מיין זעעלע איז מיעד פון די מערדער.

קאַפיטעל ה

1 לויפט דורך די גאַסען פון ירושלים, און זעהט נאָר, און ווייסט, און
זוכט אין איהרע שטראַסען אויב איהר וועט געפינען איין מאַן, אויב
עס איז פאַרהאַן איינער וואָס טהוט גערעכטיגקייט און זוכט די
וואַהרהייט, דאַן פערצייהע איך איהר.
2 און אויב זיי זאָגען : זאָ וואַהר ווי גאָט לעבט, איז עס ריכטיג אַז זיי
שווערען פאַלש.
3 אָה, גאָט ! דיינע אויגען זיינען דאָך צו וואַהרהייט [געווענדעט], דו
האָסט זיי געשלאָגען און עס קריינקט זיי ניט, דו האָסט זיי פערטיליגט
און זיי האָבען ניט געוואָלט נעהמען אַ מוסר, זיי האָבען האַרטער געמאַכט
זייערע געזיכטער אַלס אַ פעלז, זיי האָבען זיך ענטזאגט פון צוריקצו־
קעהרען.
4 און איך האָב געדאַכט זיי זיינען נאָר אָרעם, זיי זיינען פערנאַרישט, ווייל
זיי ווייסען ניט דעם וועג פון דעם עוויגען, דאָס געריכט פון זייער גאָט.
5 וועל איך מיר געהן צו די גרויסע און רעדען מיט זיי, ווייל זיי ווייסען
דאָך דעם עוויגענס וועג, גאָטעס געריכט, אָבער זיי האָבען אַלע צוזאַמען
צובראָכען דעם יאָך, צוריסען די שטריק.
6 דאַרום האָט זיי דער לייב פון וואַלד געשלאָגען, דער וואָלף פון דער וויס־
טע וועט זיי רויבען, דער טיגער לויערט אויף זייערע שטעדט, ווער
עס וועט אַרויס פון זיי וועט צוריסען ווערען, ווייל זייערע פערברעכענס
זיינען פיעל, שטאַרק אין צאָהל זייערע ווילדקייטען.
7 ווי זאָל איך דיר פאַר דיעזעס פערצייהען ? דיינע קינדער האָבען מיך
פערלאָזען, און זיי האָבען געשוואָרען און שווערען ביי דעם וואָס איז
קיין גאָט ניט. אַז איך זעטיג זיי און זיי טרייבען אונצוכט און פערזאַמ־
לען זיך אין שאַנד־הייזער.
8 ווי געשפייזטע פערד אם פריה־מאָרגען זיינען זיי געגליכען, איינער
צום צווייטענס פרוי הירזשען [רופען] זיי.
9 זאָל איך פאַר דיעזעס ניט שטראַפען ? זאָגט גאָט, אָדער זאָל איך ניט
נעהמען ראַכע פון אַזאַ פאָלק ?
10 געהט אַרויף אויף איהרע מויערן און צושטערט זיי, אָבער גאָר פאַרניכטען
זאָלט איהר ניט טהאָן, רייסט אַרום איהרע צווייגען ווייל זיי געהערען
ניט צו גאָט.
11 ווייל אונטריי זיינען מיר געוואָרען דאָס הויז ישראל און דאָס הויז
יהודה, זאָגט גאָט.
12 זיי האָבען געלייקענט אין גאָט און געזאָגט ער איז ניטאָ, און עס וועט
איבער אונז קיין שלעכטס קומען און שווערד און הונגער וועלען
מיר ניט זעהן.
13 און די פּראָפעטען וועלען זיין צו ווינד, דאָס וואָרט פון גאָט איז ניט
ביי זיי ; — אַזוי זאָל זיי געטהאָן ווערען.
14 דאַרום, אַזוי זאָגט דער עוויגער גאָט פון הערשאַפט : ווייל איהר האָט

הִנְנִי נֹתֵן דְּבָרַי בְּפִיךָ לְאֵשׁ וְהָעָם הַזֶּה עֵצִים וַאֲכָלָתַם׃
טו הִנְנִי מֵבִיא עֲלֵיכֶם גּוֹי מִמֶּרְחָק בֵּית יִשְׂרָאֵל נְאֻם־יְהוָה
גּוֹי ׀ אֵיתָן הוּא גּוֹי מֵעוֹלָם הוּא גּוֹי לֹא־תֵדַע לְשֹׁנוֹ וְלֹא
16 תִשְׁמַע מַה־יְדַבֵּר׃ אַשְׁפָּתוֹ כְּקֶבֶר פָּתוּחַ כֻּלָּם גִּבּוֹרִים׃
17 וְאָכַל קְצִירְךָ וְלַחְמֶךָ יֹאכְלוּ בָּנֶיךָ וּבְנוֹתֶיךָ יֹאכַל צֹאנְךָ
וּבְקָרֶךָ יֹאכַל גַּפְנְךָ וּתְאֵנָתֶךָ יְרֹשֵׁשׁ עָרֵי מִבְצָרֶיךָ אֲשֶׁר
18 אַתָּה בֹּטֵחַ בָּהֵנָּה בֶּחָרֶב׃ וְגַם בַּיָּמִים הָהֵמָּה נְאֻם־יְהוָה
19 לֹא־אֶעֱשֶׂה אִתְּכֶם כָּלָה׃ וְהָיָה כִּי תֹאמְרוּ תַּחַת מֶה עָשָׂה
יְהוָה אֱלֹהֵינוּ לָנוּ אֶת־כָּל־אֵלֶּה וְאָמַרְתָּ אֲלֵיהֶם כַּאֲשֶׁר
עֲזַבְתֶּם אוֹתִי וַתַּעַבְדוּ אֱלֹהֵי נֵכָר בְּאַרְצְכֶם כֵּן תַּעַבְדוּ
זָרִים בְּאֶרֶץ לֹא לָכֶם׃ הַגִּידוּ זֹאת בְּבֵית יַעֲקֹב כ
21 וְהַשְׁמִיעוּהָ בִיהוּדָה לֵאמֹר׃ שִׁמְעוּ־נָא זֹאת עַם־סָכָל
וְאֵין לֵב עֵינַיִם לָהֶם וְלֹא יִרְאוּ אָזְנַיִם לָהֶם וְלֹא יִשְׁמָעוּ׃
22 הַאוֹתִי לֹא־תִירָאוּ נְאֻם־יְהוָה אִם מִפָּנַי לֹא תָחִילוּ אֲשֶׁר־
שַׂמְתִּי חוֹל גְּבוּל לַיָּם חָק־עוֹלָם וְלֹא יַעַבְרֶנְהוּ וַיִּתְגָּעֲשׁוּ
23 וְלֹא יוּכָלוּ וְהָמוּ גַלָּיו וְלֹא יַעַבְרֻנְהוּ׃ וְלָעָם הַזֶּה הָיָה
24 לֵב סוֹרֵר וּמוֹרֶה סָרוּ וַיֵּלֵכוּ׃ וְלוֹא־אָמְרוּ בִלְבָבָם נִירָא
נָא אֶת־יְהוָה אֱלֹהֵינוּ הַנֹּתֵן גֶּשֶׁם וֹיֹרֶה וּמַלְקוֹשׁ בְּעִתּוֹ
שְׁבֻעֹת חֻקּוֹת קָצִיר יִשְׁמָר־לָנוּ׃ עֲוֺנוֹתֵיכֶם הִטּוּ־אֵלֶּה כה
26 וְחַטֹּאותֵיכֶם מָנְעוּ הַטּוֹב מִכֶּם׃ כִּי־נִמְצְאוּ בְעַמִּי רְשָׁעִים
יָשׁוּר כְּשַׁךְ יְקוּשִׁים הִצִּיבוּ מַשְׁחִית אֲנָשִׁים יִלְכֹּדוּ׃
27 כִּכְלוּב מָלֵא עוֹף כֵּן בָּתֵּיהֶם מְלֵאִים מִרְמָה עַל־כֵּן גָּדְלוּ
28 וַיַּעֲשִׁירוּ׃ שָׁמְנוּ עָשְׁתוּ גַּם עָבְרוּ דִבְרֵי־רָע דִּין לֹא־דָנוּ
29 דִּין יָתוֹם וְיַצְלִיחוּ וּמִשְׁפַּט אֶבְיוֹנִים לֹא שָׁפָטוּ׃ הַעַל־
אֵלֶּה לֹא־אֶפְקֹד נְאֻם־יְהוָה אִם בְּגוֹי אֲשֶׁר־כָּזֶה לֹא תִתְנַקֵּם
ל 31 נַפְשִׁי׃ שַׁמָּה וְשַׁעֲרוּרָה נִהְיְתָה בָּאָרֶץ׃ הַנְּבִאִים

נבאו

v. 22. קמץ בז״ק   v. 24. יורה קרי   v. 25. יתיר ו

גערעדט דיעזעס וואָרט, וועל איך אריינגעבען מיינע ווערטער אין דיין
מויל ווי פייער, און דיעזעס פאָלק וועט זיין ווי האָלץ און עס וועט זיי
פערברענען.
15 איך וועל ברענגען אויף אייך אַ פאָלק פון אַ וויטען אָרט, אָה, הויז
ישראל, זאָגט גאָט, אַ שטאַרק פאָלק איז עס, איין אלטעס פאָלק איז
עס, אַ פאָלק וואָס דו קענסט ניט זיין שפּראַך און פערשטעהסט ניט
וואָס עס רעדט.
16 זיין פיילענשייד איז ווי איין אָפענער קבר, אַלע זיינען זיי העלדען.
17 און ער וועט אויפעסען דיין שניט און דיין ברויט, זיי וועלען עסען
דיינע זיהן און דיינע טעכטער, ער וועט עסען דיינע שאָף און דיינע
רינדער, ער וועט עסען דיין ווינשטאָק און דיין פייגענבוים, ער וועט
ארעם מאַכען דיינע פעסטע שטעדט, אויף וועלכע דו פערלאָזט זיך, מיט
דעם שווערד.
18 און אויך אין יענע טעג, זאָגט גאָט, וועל איך אייך אין גאַנצען ניט פער־
ניכטען.
19 און ווען איהר וועט זאָגען, פארוואָס האָט אונז דער עוויגער גאָט דיעזעס
אַלעס געטהאָן ? זאָלסטו זיי זאָגען : אַזוי ווי איהר האָט מיך פער־
לאָזען און איהר האָט געדיענט פרעמדע געטער אין אייער לאַנד, אַזוי
וועט איהר דיענען פרעמדע אין אַ לאַנד וואָס געהערט ניט צו אייך.
20 זאָגט דאָס אן אין הויז פון יעקב און מאַכט עס הערען אין הויז פון יהודה
אַזוי צו זאָגען :
21 הערט נור דיעזעס, נאַרישעס, האַרצלאָזעס פאָלק, זיי האָבען אויגען און
זעהען ניט, האָבען אויערן און הערען ניט.
22 האָט איהר קיין פורכט פאר מיר ? זאָגט גאָט, אָדער איהר ציטערט
ניט פאר מיין געזיכט ? איך האָב געמאַכט דאָס זאמד אַלס אַ
גרענעץ צום ים, איין אייביגעם געזעטץ ער זאָל איהם ניט איבערטרע־
טען, זיי שטורמען און קענען ניט טהאָן, און די וועללען רוישען און
קענען איהם ניט איבערטרעטען.
23 אָבער דיעזעס פאָלק האָט איין אָבגעקעהרטעס ווידערשפּעניג האַרץ, זיי
האָבען אָבגעקעהרט און אַוועק.
24 און זיי האָבען ניט געזאָגט אין זייער האַרץ : לאָמיר פירכטען פאַר דעם
עוויגען אונזער גאָט, וועלכער גיט רעגען, פריהר און שפּעט־רעגען, אין
זיין צייט, די בעשטימטע וואכען פון שניט היט ער פאר אונז.
25 אייערע שולדען האָבען דיעזעס אָבגעווענדעט, און אייערע זינד האָבען
אָבגעהאַלטען דאָס גוטעס פון אייך.
26 דען עס געפינען זיך אונטער מיין פאָלק גאָטלאָזע, לויערן ווי פויגעל פאַ־
נגער, שטעלען אַוועק דעם נעץ און פאנגען מענשען.
27 ווי אַ שטייג פול מיט פויגלען זיינען זייערע הייזער, פול מיט בעטרוג ;
דעריבער זיינען זיי גרויס און רייך געוואָרען.
28 זיי זיינען פעט און גלענצען, און איבערטרעטען דאָס מאָס פון שלעכטעס,
אורטהיילען ניט ריכטיג דאָס רעכט פון יתום, און בעגליקען, דאָס רעכט
פון בעדירפטיגע ריכטען זיי ניט.
29 **זאָל איך פאר דיעזעס ניט שטראָפען ? זאָגט גאָט, אָדער זאָל איך ניט**
נעהמען קיין ראכע פון אזא פאָלק ?
30 גרויל און שוידער איז געשעהן אין לאַנד !
31 די פּראָפעטען פּראָפעצייהען פאלשקייט און די פריעסטער הערשען דורך

נִבְּאוּ בַשֶּׁקֶר וְהַכֹּהֲנִים יִרְדּוּ עַל־יְדֵיהֶם וְעַמִּי אָהֲבוּ כֵן
וּמַה־תַּעֲשׂוּ לְאַחֲרִיתָהּ׃

CAP. VI. ו

ו

א הָעִזוּ ׀ בְּנֵי בִנְיָמִן מִקֶּרֶב יְרוּשָׁלִַם וּבִתְקוֹעַ תִּקְעוּ שׁוֹפָר
וְעַל־בֵּית הַכֶּרֶם שְׂאוּ מַשְׂאֵת כִּי רָעָה נִשְׁקְפָה מִצָּפוֹן
2 3 וְשֶׁבֶר גָּדוֹל׃ הַנָּוָה וְהַמְּעֻנָּגָה דָּמִיתִי בַּת־צִיּוֹן׃ אֵלֶיהָ
יָבֹאוּ רֹעִים וְעֶדְרֵיהֶם תָּקְעוּ עָלֶיהָ אֹהָלִים סָבִיב רָעוּ אִישׁ
4 אֶת־יָדוֹ׃ קַדְּשׁוּ עָלֶיהָ מִלְחָמָה קוּמוּ וְנַעֲלֶה בַצָּהֳרָיִם אוֹי
ה לָנוּ כִּי־פָנָה הַיּוֹם כִּי־יִנָּטוּ צִלְלֵי־עָרֶב׃ קוּמוּ וְנַעֲלֶה
6 בַלָּיְלָה וְנַשְׁחִיתָה אַרְמְנוֹתֶיהָ׃ כִּי כֹה אָמַר יְהוָה
צְבָאוֹת כִּרְתוּ עֵצָה וְשִׁפְכוּ עַל־יְרוּשָׁלִַם סֹלְלָה הִיא הָעִיר
7 הָפְקַד כֻּלָּהּ עֹשֶׁק בְּקִרְבָּהּ׃ כְּהָקִיר בַּוִר מֵימֶיהָ כֵּן הֵקֵרָה
רָעָתָהּ חָמָס וָשֹׁד יִשָּׁמַע בָּהּ עַל־פָּנַי תָּמִיד חֳלִי וּמַכָּה׃
8 הִוָּסְרִי יְרוּשָׁלִַם פֶּן־תֵּקַע נַפְשִׁי מִמֵּךְ פֶּן־אֲשִׂימֵךְ שְׁמָמָה
9 אֶרֶץ לוֹא נוֹשָׁבָה׃ כֹּה אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת עוֹלֵל
יְעוֹלְלוּ כַגֶּפֶן שְׁאֵרִית יִשְׂרָאֵל הָשֵׁב יָדְךָ כְּבוֹצֵר עַל־
י סַלְסִלּוֹת׃ עַל־מִי אֲדַבְּרָה וְאָעִידָה וְיִשְׁמָעוּ הִנֵּה עֲרֵלָה
אָזְנָם וְלֹא יוּכְלוּ לְהַקְשִׁיב הִנֵּה דְבַר־יְהוָה הָיָה לָהֶם
11 לְחֶרְפָּה לֹא יַחְפְּצוּ־בוֹ׃ וְאֵת חֲמַת יְהוָה ׀ מָלֵאתִי נִלְאֵיתִי
הָכִיל שְׁפֹךְ עַל־עוֹלָל בַּחוּץ וְעַל סוֹד בַּחוּרִים יַחְדָּו כִּי־
12 גַם־אִישׁ עִם־אִשָּׁה יִלָּכֵדוּ זָקֵן עִם־מְלֵא יָמִים׃ וְנָסַבּוּ
בָתֵּיהֶם לַאֲחֵרִים שָׂדוֹת וְנָשִׁים יַחְדָּו כִּי־אַטֶּה אֶת־יָדִי
13 עַל־יֹשְׁבֵי הָאָרֶץ נְאֻם־יְהוָה׃ כִּי מִקְּטַנָּם וְעַד־גְּדוֹלָם
כֻּלּוֹ בּוֹצֵעַ בָּצַע וּמִנָּבִיא וְעַד־כֹּהֵן כֻּלּוֹ עֹשֶׂה שָּׁקֶר׃
14 וַיְרַפְּאוּ אֶת־שֶׁבֶר עַמִּי עַל־נְקַלָּה לֵאמֹר שָׁלוֹם ׀ שָׁלוֹם
טו וְאֵין שָׁלוֹם׃ הֹבִישׁוּ כִּי־תוֹעֵבָה עָשׂוּ גַּם־בּוֹשׁ לֹא־יֵבוֹשׁוּ
גַּם־הַכְלִים לֹא יָדָעוּ לָכֵן יִפְּלוּ בַנֹּפְלִים בְּעֵת־פְּקַדְתִּים

יכשלו

ס׳ v. 6. הה׳ רפה   v. 7. בור קרי   v. 10. 15. קמץ בז״ק

זייער מאַכט, און מיין פאָלק געפעהלט עס אזוי, אָבער וואָס וועט איהר
טהאָן אַם ענדע.

קאַפּיטעל ו

1 אנטלויפט צוזאַמען, בנימין׳ס קינדער, פון ירושלים ! און אין תקוע
בלאָזט שופר און אויף בית־הכרם הויבט אויף פייער־צייכענס, ווייל אונ־
גליק ערוואַרטעט פון נאָרד זייט און אַ גרויסער בראָך.

2 צו שעהנע און פערצערטעלטע האָב איך דיך געגליכען, טאָכטער פון ציון !

3 צו איהר קומען הירטען מיט זייערע הערדען, שטעלען ארום איהר געצ־
צעלטען, יעדערער פיטערט אויף זיין אָרט.

4 גרייט אָן אויף איהר אַ קריעג ! שטעהט אויף און לאָמיר שטייגען אין
מיטאָג צייט ! וועה אונז ! דער טאָג געהט אויס, די אבענד־שאַטענס
פערשפּרייטען זיך שוין.

5 שטעהט אויף און לאָמיר שטייגען ביי נאַכט, און לאָמיר פערדאַרבען
איהרע פּאַלאַצען,

6 דען אַזוי זאָגט גאָט דער הערשאַפט : שניידט בוימער און שיט אויף
אַ וואַל אויף ירושלים, דאָס איז די שטאָדט וואָס וועט ווערען בעזוכט, אין
איהר איז דורכאויס אונטערדריקונג.

7 ווי אַ ברונען לאָזט קוועלען זיין וואַסער אזוי קוועלט איהר שלעכטיגקייט,
געוואַלט און רויב ווערט געהערט אין איהר שטענדיג, פאַר מיר זיינען
אימער קראַנקהייט און פּלאָג.

8 בעסער זיך, ירושלים ! זאָנסט קעהרט זיך מיין זעעלע אָב פון דיר,
זאָנסט וועל איך דיך מאַכען וויסט, ווי אַ לאַנד וואָס איז אונבעוואָהנט.

9 אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער הערשאַפט, מען וועט אַרומרייסען ווי אַ וויינ־
שטאָק די איבערגעבליעבענע ישראל, קעהר צוריק דיין האַנד ווי אַ טרוי־
בען שניידער אויף די קערב.

10 צו וועמען זאָל איך רעדען און וואַרנען דאָס זיי זאָלען הערען ? זייער
אויער איז פערשטאָפּט, זיי קענען ניט פערנעהמען, גאָטעס וואָרט איז
זיי געוואָרען צו שפּאָט, זיי ווילען עס ניט.

11 און איך בין פול מיט גאָטעס צאָרן, בין שוין מיעד איינצוהאַלטען, זאָגט
גאָט, גיס איהם אויס איבער דאָס קינד אויף׳ן גאַס און אויף דער פער־
זאַמלונג פון יונגע לייט צוזאַמען, דען אויך דער מאַן מיט דער פרוי וועט־
לען געצוואונגען ווערען, דער אַלטער מיט דעם בעטאָגטען.

12 און זייערע הייזער וועלען איבערגעהן צו אַנדערע, פעלדער און פרויען
צוזאַמען, ווייל איך וועל אויסשטרעקען מיין האַנד אויף די איינוואָהנער
פון לאַנד, זאָגט גאָט.

13 דען פון זייער קלענסטען ביז זייער גרעסטען, אַלע זוכען רויב־געלד, און
פון דעם פּראָפעט ביז דעם פּריעסטער אַלע טהוען פאַלשקייט.

14 און זיי היילען דעם בראָך פון מיין פאָלק גאַנץ לייכט, זאָגענדיג : פריע־
דען, פריעדען ! — אָבער פריעדען איז דאָך ניטאָ !

15 זיי דאַרפען זיך שעהמען, ווייל זיי האָבען אבשייליכעס געטהאָן, אָבער
ניט זיי שעהמען זיך, ניט זיי ווייסען ווי זיך צו שעהמען, דעריבער וועלען

16 יִכָּשְׁלוּ אָמַר יְהוָה׃ כֹּה אָמַר יְהוָה עִמְדוּ עַל־דְּרָכִים
וּרְאוּ וְשַׁאֲלוּ ׀ לִנְתִבוֹת עוֹלָם אֵי־זֶה דֶרֶךְ הַטּוֹב וּלְכוּ־בָהּ
17 וּמִצְאוּ מַרְגּוֹעַ לְנַפְשְׁכֶם וַיֹּאמְרוּ לֹא נֵלֵךְ׃ וַהֲקִמֹתִי
עֲלֵיכֶם צֹפִים הַקְשִׁיבוּ לְקוֹל שׁוֹפָר וַיֹּאמְרוּ לֹא נַקְשִׁיב׃
18 19 לָכֵן שִׁמְעוּ הַגּוֹיִם וּדְעִי עֵדָה אֶת־אֲשֶׁר־בָּם׃ שִׁמְעִי הָאָרֶץ
הִנֵּה אָנֹכִי מֵבִיא רָעָה אֶל־הָעָם הַזֶּה פְּרִי מַחְשְׁבוֹתָם כִּי
כ עַל־דְּבָרַי לֹא הִקְשִׁיבוּ וְתוֹרָתִי וַיִּמְאֲסוּ־בָהּ׃ לָמָּה־זֶּה לִי
לְבוֹנָה מִשְּׁבָא תָבוֹא וְקָנֶה הַטּוֹב מֵאֶרֶץ מֶרְחָק עֹלוֹתֵיכֶם
21 לֹא לְרָצוֹן וְזִבְחֵיכֶם לֹא־עָרְבוּ לִי׃ לָכֵן כֹּה אָמַר יְהוָה
הִנְנִי נֹתֵן אֶל־הָעָם הַזֶּה מִכְשֹׁלִים וְכָשְׁלוּ בָם אָבוֹת וּבָנִים
22 יַחְדָּו שָׁכֵן וְרֵעוֹ יֹאבֵדוּ׃ כֹּה אָמַר יְהוָה הִנֵּה עַם
23 בָּא מֵאֶרֶץ צָפוֹן וְגוֹי גָּדוֹל יֵעוֹר מִיַּרְכְּתֵי־אָרֶץ׃ קֶשֶׁת
וְכִידוֹן יַחֲזִיקוּ אַכְזָרִי הוּא וְלֹא יְרַחֵמוּ קוֹלָם כַּיָּם יֶהֱמֶה
וְעַל־סוּסִים יִרְכָּבוּ עָרוּךְ כְּאִישׁ לַמִּלְחָמָה עָלַיִךְ בַּת־
24 צִיּוֹן׃ שָׁמַעְנוּ אֶת־שָׁמְעוֹ רָפוּ יָדֵינוּ צָרָה הֶחֱזִקַתְנוּ חִיל
כה כַּיּוֹלֵדָה׃ אַל־תֵּצְאִי הַשָּׂדֶה וּבַדֶּרֶךְ אַל־תֵּלֵכִי כִּי חֶרֶב
26 לְאֹיֵב מָגוֹר מִסָּבִיב׃ בַּת־עַמִּי חִגְרִי־שָׂק וְהִתְפַּלְּשִׁי בָאֵפֶר
אֵבֶל יָחִיד עֲשִׂי־לָךְ מִסְפַּד תַּמְרוּרִים כִּי פִתְאֹם יָבֹא
27 הַשֹּׁדֵד עָלֵינוּ׃ בָּחוֹן נְתַתִּיךָ בְעַמִּי מִבְצָר וְתֵדַע וּבָחַנְתָּ
28 אֶת־דַּרְכָּם׃ כֻּלָּם סָרֵי סוֹרְרִים הֹלְכֵי רָכִיל נְחֹשֶׁת וּבַרְזֶל
29 כֻּלָּם מַשְׁחִיתִם הֵמָּה׃ נָחַר מַפֻּחַ מֵאֵשְׁתַּם עֹפָרֶת לַשָּׁוְא
ל צָרַף צָרוֹף וְרָעִים לֹא נִתָּקוּ׃ כֶּסֶף נִמְאָס קָרְאוּ לָהֶם כִּי־
מָאַס יְהוָה בָּהֶם׃

ז CAP. VII. ז

2 א הַדָּבָר אֲשֶׁר הָיָה אֶל־יִרְמְיָהוּ מֵאֵת יְהוָה לֵאמֹר׃ עֲמֹד
בְּשַׁעַר בֵּית יְהוָה וְקָרָאתָ שָּׁם אֶת־הַדָּבָר הַזֶּה וְאָמַרְתָּ
שִׁמְעוּ דְבַר־יְהוָה כָּל־יְהוּדָה הַבָּאִים בַּשְּׁעָרִים הָאֵלֶּה

להשתחות

ק׳ v. 21. ואבדו קרי v. 25. תצאי קרי ibid. תלכי קרי v. 26. קמץ בפשטא v. 29. מאש תם קרי

זיי פאלען מיט די פאלענדע, אין דער צייט ווען איך וועל זיי אונטערזוכען
וועלען זיי געשטרויכעלט ווערען, זאגט גאט.
16 אזוי האט גאט געזאגט : שטעהט אויף די וועגען און זעהט, און פרעגט
נאך די אייביגע שטעגען, וועלכער איז דער גוטער וועג און געהט אין איהם,
און איהר וועט געפינען רוהע צו אייער זעלע, — אבער זיי האבען
געזאגט, מיר וועלען ניט געהן !
17 און איך האב אנגעשטעלט אויף אייך וועכטער, פערנעהמט די שטימע
פון שופר, און זיי האבען געזאגט, מיר וועלען ניט פערנעהמען.
18 דארום הערט פעלקער, און וויים פערזאמלונג, וואס עס געהט פאר ביי זיי.
19 הער צו — ערד ! איך ברענג נון אונגליק צו דיעזען פאלק, די פרוכט
פון זייערע געדאנקען, ווייל זיי האבען מיינע ווערטער ניט פערנומען און
מיין לעהרע האבען זיי פערהאסט.
20 וואס דארף איך די ווייהרויך וואס קומט פון שבא, און דעם גוטען גע־
ווירצראהר — פון א ווייט לאנד ? אייערע בראנד־אפפער זיינען מיר ניט
געפעליג, און אייערע שלאכט־אפפער זיינען מיר ניט אנגענעהם.
21 דארום האט גאט אזוי געזאגט : איך מאך שטרויכלונגען פאר דיעזען
פאלק, און עס וועלען שטרויכלען עלטערן און זיהן צוזאמען, דער נאכבאר
און זיין פריינד וועלען פערלארען געהן.
22 אזוי האט גאט געזאגט, א פאלק קומט פון נארד לאנד און א גרויסע
נאציאן ערוואכט זיך פון די ווייטעסטע געגענדען פון דער ערד.
23 זיי וועלען האלטען בויגען און שפיזען, ער איז גרויזאם, זיי ערבארמען
זיך ניט, זייער שטימע רוישט ווי דער ים, זיי וועלען רייטען אויף פערד,
גרייט צום קריעג ווי איין מאן, געגען דיר, טאכטער פון ציון.
24 מיר האבען געהערט די שלעכטע נאכריכט, אונזערע הענד זיינען אבגע־
לאזען געווארען, אנגסט האט אונז אנגענומען, און שמערץ ווי א געווי־
נערין.
25 געהט ניט ארויס צום פעלד און געהט ניט אויף דעם וועג, ווייל דאס
שווערד פון פיינד איז שרעקליך ארום און ארום.
26 טאכטער פון מיין פאלק ! גורט אן א זאק, בעדעק זיך מיט אש, מאך א
טרויער ווי נאך איין איינציגען, (זוהן), א ביטערען קלאג, ווייל פלוצלונג
בעפאלט אונז דער רויבער.
27 אלס וואכטהורעם האב איך דיך געמאכט אונטער מיין פאלק, ווי א פעסט־
טונג, זאלסט וויסען און אויספרובירען זייער וועג.
28 אלע זיינען גרויסע אפקעהרער, פערליימדער, קופער און אייזען, אלע זיינען
פערדערבער.
29 דער בלאז־זאק איז אנגעברענט, פון פייער איז פערצעהרט דאס בליי,
אומזיסט לייטערט מען עס אימער, די שלעכטע ווערען ניט אבגעריסען.
30 פערהאסטעס זילבער רופט מען זיי, רען גאט האט זיי פערהאסט.

קאפיטעל ז

1 דאסווארט איז געוועזען צו ירמיהו פון גאט אזוי צו זאגען :
2 שטעל זיך אין טויער פון גאטס־הויז און רוף דארט דיעזען ווארט, און
זאלסט זאגען : הערט צו גאטעס ווארט, גאנץ יהודה, וועלכע קומען
אין דיעזע טויערן צו בוקען זיך צו גאט.

3 לְהִשְׁתַּחֲוֺת לַיהוָה׃ כֹּה־אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל
הֵיטִיבוּ דַרְכֵיכֶם וּמַעַלְלֵיכֶם וַאֲשַׁכְּנָה אֶתְכֶם בַּמָּקוֹם
4 הַזֶּה׃ אַל־תִּבְטְחוּ לָכֶם אֶל־דִּבְרֵי הַשֶּׁקֶר לֵאמֹר הֵיכַל
ה יְהוָה הֵיכַל יְהוָה הֵיכַל יְהוָה הֵמָּה׃ כִּי אִם־הֵיטֵיב
תֵּיטִיבוּ אֶת־דַּרְכֵיכֶם וְאֶת־מַעַלְלֵיכֶם אִם־עָשׂוֹ תַעֲשׂוּ
6 מִשְׁפָּט בֵּין אִישׁ וּבֵין רֵעֵהוּ׃ גֵּר יָתוֹם וְאַלְמָנָה לֹא תַעֲשֹׁקוּ
וְדָם נָקִי אַל־תִּשְׁפְּכוּ בַּמָּקוֹם הַזֶּה וְאַחֲרֵי אֱלֹהִים אֲחֵרִים
7 לֹא תֵלְכוּ לְרַע לָכֶם׃ וְשִׁכַּנְתִּי אֶתְכֶם בַּמָּקוֹם הַזֶּה
בָּאָרֶץ אֲשֶׁר נָתַתִּי לַאֲבוֹתֵיכֶם לְמִן־עוֹלָם וְעַד־עוֹלָם׃
8 הִנֵּה אַתֶּם בֹּטְחִים לָכֶם עַל־דִּבְרֵי הַשָּׁקֶר לְבִלְתִּי הוֹעִיל׃
9 הֲגָנֹב ׀ רָצֹחַ וְנָאֹף וְהִשָּׁבֵעַ לַשֶּׁקֶר וְקַטֵּר לַבָּעַל וְהָלֹךְ
י אַחֲרֵי אֱלֹהִים אֲחֵרִים אֲשֶׁר לֹא־יְדַעְתֶּם׃ וּבָאתֶם וַעֲמַדְתֶּם
לְפָנַי בַּבַּיִת הַזֶּה אֲשֶׁר נִקְרָא־שְׁמִי עָלָיו וַאֲמַרְתֶּם נִצַּלְנוּ
11 לְמַעַן עֲשׂוֹת אֵת כָּל־הַתּוֹעֵבֹת הָאֵלֶּה׃ הַמְעָרַת פָּרִצִים
הָיָה הַבַּיִת הַזֶּה אֲשֶׁר־נִקְרָא שְׁמִי־עָלָיו בְּעֵינֵיכֶם גַּם אָנֹכִי
12 הִנֵּה רָאִיתִי נְאֻם־יְהוָה׃ כִּי לְכוּ־נָא אֶל־מְקוֹמִי אֲשֶׁר
בְּשִׁילוֹ אֲשֶׁר שִׁכַּנְתִּי שְׁמִי שָׁם בָּרִאשׁוֹנָה וּרְאוּ אֵת אֲשֶׁר־
13 עָשִׂיתִי לוֹ מִפְּנֵי רָעַת עַמִּי יִשְׂרָאֵל׃ וְעַתָּה יַעַן עֲשׂוֹתְכֶם
אֶת־כָּל־הַמַּעֲשִׂים הָאֵלֶּה נְאֻם־יְהוָה וָאֲדַבֵּר אֲלֵיכֶם הַשְׁכֵּם
14 וְדַבֵּר וְלֹא שְׁמַעְתֶּם וָאֶקְרָא אֶתְכֶם וְלֹא עֲנִיתֶם׃ וְעָשִׂיתִי
לַבַּיִת ׀ אֲשֶׁר נִקְרָא־שְׁמִי עָלָיו אֲשֶׁר אַתֶּם בֹּטְחִים בּוֹ
וְלַמָּקוֹם אֲשֶׁר־נָתַתִּי לָכֶם וְלַאֲבוֹתֵיכֶם כַּאֲשֶׁר עָשִׂיתִי
טו לְשִׁלוֹ׃ וְהִשְׁלַכְתִּי אֶתְכֶם מֵעַל פָּנָי כַּאֲשֶׁר הִשְׁלַכְתִּי אֶת־
16 כָּל־אֲחֵיכֶם אֵת כָּל־זֶרַע אֶפְרָיִם׃ וְאַתָּה אַל־תִּתְפַּלֵּל ׀
בְּעַד־הָעָם הַזֶּה וְאַל־תִּשָּׂא בַעֲדָם רִנָּה וּתְפִלָּה וְאַל־תִּפְגַּע־
17 בִּי כִּי־אֵינֶנִּי שֹׁמֵעַ אֹתָךְ׃ הַאֵינְךָ רֹאֶה מָה הֵמָּה עֹשִׂים
18 בְּעָרֵי יְהוּדָה וּבְחֻצוֹת יְרוּשָׁלִָם׃ הַבָּנִים מְלַקְּטִים עֵצִים

והאבות

v. 10. פתח באתנח

3 אַזוי האָט געזאָגט דער עווינער פון די הערשאַפטען, דער גאָט פון ישראל:
בעסערט אויס אייערע וועגען און אייערע טהאַטען און דאַן וועל איך
אייך לאָזען וואָהנען אין דיעזען אָרט.

4 פערלאָזט זיך ניט אויף פאַלשע ווערטער אַזוי צו זאָגען: גאָטס טעמפעל,
גאָטס טעמפעל, גאָטס טעמפעל (בעשיצט) זיי.

5 נור ווען איהר בעסערט אויס אייערע וועגען און אייערע טהאַטען, אויב
איהר וועט נור טהאָן גערעכטיגקייט צווישען איינעם און דעם אנדערן.

6 דעם פרעמדען, דעם יתום און אלמנה וועט איהר ניט אונטערדריקען,
און אונשולדיגעם בלוט וועט איהר ניט פערגיסען אין דיעזען אָרט,
און נאָך פרעמדע געטער וועט איהר ניט געהען אַליין זיך אונגליקליך
צו מאַכען.

7 דאַן וועל איך אייך לאָזען וואָהנען אין דיעזען אָרט, אין דעם לאַנד וואָס
איך האָב געגעבען צו אייערע עלטערן פון אייביג ביז אייביג.

8 אָבער איהר פערלאָזט זיך אויף פאַלשע ווערטער וואָס קענען ניט ניטצען.

9 אויב דען (דאָס איז רעכט) גנב'ענען, מערדערען און טרייבען אונצוכט,
און שווערען פאַלש, און רויכערען צום בעל און געהן נאָך אַנדערע געטער,
וועלכע איהר קענט גאָר ניט.

10 און דאַן קומט איהר נאָך און שטעלט זיך פאַר מיר אין דיעזען הויז,
אויף וועלכען מיין נאָמען איז גערופען, און רעדט זיך איין, אַז מיר
זיינען גערעטעט — אום אַלע דיעזע אַבשייליכקייטען ווידער צו טהאָן.

11 איז דען דיעזעס הויז, אויף וועלכער מיין נאָמען איז גערופען געוואָרען
אַ הייל פון רויבער געוואָרען אין אַייערע אויגען? אויך איך האָב עס גע־
זעהן, זאָגט גאָט.

12 דען געהט נאָר צו מיין אָרט, וואָס איז (געוועזען) אין שילו, וואָס איך
האָב צום ערשטען דאָרט מיין נאָמען געלאָזט וואָהנען, און זעהט, וואָס איך
האָב פון איהם געמאַכט צוליעב די שלעכטקייט פון מיין פאָלק ישראל.

13 און יעצט, ווייל איהר האָט אַלע דיעזע טהאַטען געטהאָן, זאָגט
גאָט, און איך האָב גערעדט צו אייך פון פריה־מאָרגען אָן, און איהר
האָט ניט געהערט, און איך האָב אייך גערופען און איהר האָט ניט
געענטפערט.

14 דעריבער וועל איך טהאָן צו דעם הויז, וואָס מיין נאָמען איז אויף
איהם גערופען, אויף וועלכען איהר פערלאָזט זיך, און צו דעם אָרט
וואָס איך האָב געגעבען אייך און אייערע עלטערן, אַזוי ווי איך האָב
געטהאָן אין שלו.

15 און איך וועל אייך פערוואַרפען פון מיין געזיכט, אַזוי ווי איך האָב
פערוואָרפען אַלע אייערע ברידער, אַלע קינדער פון אפרים.

16 און דו זאָלסט ניט בעטען פאַר דיעזען פאָלק און הויב ניט פאַר זיי
קלאַגען און געבעט און דרינג מיך ניט, ווייל איך הער דיך ניט.

17 זעהסטו דען ניט וואָס זיי טהוען אין די שטעדט פון יהודה און אין די
גאַסען פון ירושלים?

18 די קינדער קלייבען האָלץ און די עלטערן ברענען פייער און די ווייבער

וְהָאָבוֹת מְבַעֲרִים אֶת־הָאֵשׁ וְהַנָּשִׁים לָשׁוּת בָּצֵק לַעֲשׂוֹת
כַּוָּנִים לִמְלֶכֶת הַשָּׁמַיִם וְהַסֵּךְ נְסָכִים לֵאלֹהִים אֲחֵרִים
19 לְמַעַן הַכְעִסֵנִי׃ הַאֹתִי הֵם מַכְעִסִים נְאֻם־יְהוָה הֲלוֹא
כ אֹתָם לְמַעַן בֹּשֶׁת פְּנֵיהֶם׃ לָכֵן כֹּה־אָמַר ׀ אֲדֹנָי
יֱהוִה הִנֵּה אַפִּי וַחֲמָתִי נִתֶּכֶת אֶל־הַמָּקוֹם הַזֶּה עַל־הָאָדָם
וְעַל־הַבְּהֵמָה וְעַל־עֵץ הַשָּׂדֶה וְעַל־פְּרִי הָאֲדָמָה וּבָעֲרָה
21 וְלֹא תִכְבֶּה׃ כֹּה אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל
22 עֹלוֹתֵיכֶם סְפוּ עַל־זִבְחֵיכֶם וְאִכְלוּ בָשָׂר׃ כִּי לֹא־דִבַּרְתִּי
אֶת־אֲבוֹתֵיכֶם וְלֹא צִוִּיתִים בְּיוֹם הוֹצִיאִ אוֹתָם מֵאֶרֶץ
23 מִצְרָיִם עַל־דִּבְרֵי עוֹלָה וָזָבַח׃ כִּי אִם־אֶת־הַדָּבָר הַזֶּה
צִוִּיתִי אוֹתָם לֵאמֹר שִׁמְעוּ בְקוֹלִי וְהָיִיתִי לָכֶם לֵאלֹהִים
וְאַתֶּם תִּהְיוּ־לִי לְעָם וַהֲלַכְתֶּם בְּכָל־הַדֶּרֶךְ אֲשֶׁר אֲצַוֶּה
24 אֶתְכֶם לְמַעַן יִיטַב לָכֶם׃ וְלֹא שָׁמְעוּ וְלֹא־הִטּוּ אֶת־אָזְנָם
וַיֵּלְכוּ בְּמֹעֵצוֹת בִּשְׁרִרוּת לִבָּם הָרָע וַיִּהְיוּ לְאָחוֹר וְלֹא
כה לְפָנִים׃ לְמִן־הַיּוֹם אֲשֶׁר יָצְאוּ אֲבוֹתֵיכֶם מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם
עַד הַיּוֹם הַזֶּה וָאֶשְׁלַח אֲלֵיכֶם אֶת־כָּל־עֲבָדַי הַנְּבִיאִים
26 יוֹם הַשְׁכֵּם וְשָׁלֹחַ׃ וְלוֹא שָׁמְעוּ אֵלַי וְלֹא הִטּוּ אֶת־אָזְנָם
27 וַיַּקְשׁוּ אֶת־עָרְפָּם הֵרֵעוּ מֵאֲבוֹתָם׃ וְדִבַּרְתָּ אֲלֵיהֶם אֶת־
כָּל־הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה וְלֹא יִשְׁמְעוּ אֵלֶיךָ וְקָרָאתָ אֲלֵיהֶם
28 וְלֹא יַעֲנוּכָה׃ וְאָמַרְתָּ אֲלֵיהֶם זֶה הַגּוֹי אֲשֶׁר לוֹא־שָׁמְעוּ
בְּקוֹל יְהוָה אֱלֹהָיו וְלֹא לָקְחוּ מוּסָר אָבְדָה הָאֱמוּנָה
29 וְנִכְרְתָה מִפִּיהֶם׃ גָּזִּי נִזְרֵךְ וְהַשְׁלִיכִי וּשְׂאִי עַל־
ל שְׁפָיִם קִינָה כִּי מָאַס יְהוָה וַיִּטֹּשׁ אֶת־דּוֹר עֶבְרָתוֹ׃ כִּי־
עָשׂוּ בְנֵי־יְהוּדָה הָרַע בְּעֵינַי נְאֻם־יְהוָה שָׂמוּ שִׁקּוּצֵיהֶם
31 בַּבַּיִת אֲשֶׁר־נִקְרָא־שְׁמִי־עָלָיו לְטַמְּאוֹ׃ וּבָנוּ בָּמוֹת הַתֹּפֶת
אֲשֶׁר בְּגֵיא בֶן־הִנֹּם לִשְׂרֹף אֶת־בְּנֵיהֶם וְאֶת־בְּנֹתֵיהֶם בָּאֵשׁ
32 אֲשֶׁר לֹא צִוִּיתִי וְלֹא עָלְתָה עַל־לִבִּי׃ לָכֵן הִנֵּה־יָמִים

בָּאִים

v. 21 המסורת צד. v. 22. הוציאי קרי

קנעטען טייג, אום צו מאַכען קוכען פאַר דער קעניגין פון הימעל און גיע־
סען טראַנק־אָפּפער צו אַנדערע געטער, אום מיר פערדרוס צו מאַכען.
19 מאַכען זיי דען מיר פערדרוס ? זאָגט גאָט, זיך זעלבסט דאָך ! צו
דער שאַנדע פון זייערע געזיכטער !
20 דאַרום האָט אַזוי געזאָגט דער עוויגער גאָט, מיין צאָרן און גרים־צאָרן איז
אויסגעגאָסען אויף דיעזען אָרט, אויף מענשען און אויף פיה און אויף
די בוימער פון פעלד און אויף די פרוכט פון דער ערד, און עס וועט
ברענען און ניט פערלאָשען ווערען.
21 אַזוי האָט געזאָגט דער עוויגער פון הערשאַפטען, דער גאָט פון ישראל,
לעגט צו אַייערע בראַנד־אָפּפער צו די שלאַכט־אָפּפער און עסט (אַליין)
דאָס פלייש.
22 דען איך האָב ניט גערעדט צו אַייערע עלטערען און האָב זיי ניט פער־
זאָגט — אין דער צייט ווען איך האָב זיי אַרויסגעפיהרט פון מצרים —
וועגען בראַנד־אָפּפער און שלאַכט־אָפּפער.
23 זאָנדערען דיעזעס וואָרט האָב איך זיי געבאָטען אַזוי צו זאָגען : הערט
מיין שטימע און איך וועל זיין אַייער גאָט און איהר וועט זיין מיין
פאָלק, און איהר זאָלט געהן אין דעם גאַנצען וועג וואָס איך וועל אַייך
פערזאָגען, אום עס זאָל אַייך זיין גוט.
24 אָבער זיי האָבען ניט געהערט און האָבען ניט געניינט זייער אויער,
און זיי זיינען געגאַנגען נאָך די ראַטהען און שטרעבונגען פון זייער שלעכט
האַרץ און זיינען געוואָרען ריקווערטס און ניט פאָרווערטס.
25 פון טאָג אַן וואָס אַייערע עלטערן זיינען אַרויס פון מצרים ביז דיעזען
טאָג, און איך האָב געשיקט צו אַייך אַלע מיינע קנעכט — די פראָפעטען,
טעגליך פון פריה־מאָרגען געשיקט.
26 און זיי האָבען מיך ניט געהערט און האָבען זייער אויער ניט געניינט,
און האָבען האַרט געמאַכט זייער נאַקען, נאָך ערגער האָבען זיי געטהאָן
ווי זייערע עלטערן.
27 און דו וועסט צו זיי רעדען אַלע דיעזע ווערטער און זיי וועלען דיך ניט
הערען, און דו וועסט זיי רופען און זיי וועלען דיר ניט ענטפערען.
28 און דו זאָלסט זאָגען צו זיי : דאָס איז דאָס פאָלק, וואָס האָבען ניט
געוואָלט הערען גאָטס שטימע און האָבען קיין וואַרנונג ניט גענומען,
עס איז פערלאָרען די וואַהרהייט און אָבגעשניטען פון זייער מויל.
29 שער אָפּ דיינע האָאר און וואַרף אַוועק, און הויב אויף אויף די הויכע
בערג אַ קלאָג, דען גאָט האָט פערהאַסט און פערלאָזען די געבעהרונג
פון זיין צאָרן.
30 ווייל די קינדער פון יהודה האָבען געטהאָן שלעכטעס אין מיינע אויגען,
זאָגט גאָט, זיי האָבען אַריינגעשטעלט זייער אַבשייליכקייט אין דעם
הויז אויף וועלכען מיין נאָמען איז גערופען, צו פעראונרייניגען עס.
31 און זיי האָבען געבויט הויכע פלעצער פון תפת, וואָס אין טהאָל בן־הנם,
אום צו פערברענען זייערע זיהן און זייערע טעכטער אין דעם פייער, וואָס
איך האָב ניט געהייסען און עס איז ניט אַרויף אויף מיינע געדאַנקען.
32 דאַרום וועלען קומען טעג, זאָגט גאָט, וואָס מען וועט מעהר ניט זאָגען

בָאִים נְאֻם־יְהוָה וְלֹא־יֵאָמֵר עוֹד הַתֹּפֶת וְגֵיא בֶן־הִנֹּם
33 כִּי אִם־גֵּיא הַהֲרֵגָה וְקָבְרוּ בְתֹפֶת מֵאֵין מָקוֹם׃ וְהָיְתָה
נִבְלַת הָעָם הַזֶּה לְמַאֲכָל לְעוֹף הַשָּׁמַיִם וּלְבֶהֱמַת הָאָרֶץ
34 וְאֵין מַחֲרִיד׃ וְהִשְׁבַּתִּי ׀ מֵעָרֵי יְהוּדָה וּמֵחֻצוֹת יְרוּשָׁלִַם
קוֹל שָׂשׂוֹן וְקוֹל שִׂמְחָה קוֹל חָתָן וְקוֹל כַּלָּה כִּי לְחָרְבָּה
תִּהְיֶה הָאָרֶץ׃

ח CAP. VIII. ח

א בָּעֵת הַהִיא נְאֻם־יְהוָה וְיוֹצִיאוּ אֶת־עַצְמוֹת מַלְכֵי־יְהוּדָה
וְאֶת־עַצְמוֹת שָׂרָיו וְאֶת־עַצְמוֹת הַכֹּהֲנִים וְאֵת ׀ עַצְמוֹת
2 הַנְּבִיאִים וְאֵת עַצְמוֹת יוֹשְׁבֵי־יְרוּשָׁלִָם מִקִּבְרֵיהֶם׃ וּשְׁטָחוּם
לַשֶּׁמֶשׁ וְלַיָּרֵחַ וּלְכֹל ׀ צְבָא הַשָּׁמַיִם אֲשֶׁר אֲהֵבוּם וַאֲשֶׁר
עֲבָדוּם וַאֲשֶׁר הָלְכוּ אַחֲרֵיהֶם וַאֲשֶׁר דְּרָשׁוּם וַאֲשֶׁר
הִשְׁתַּחֲווּ לָהֶם לֹא יֵאָסְפוּ וְלֹא יִקָּבֵרוּ לְדֹמֶן עַל־פְּנֵי הָאֲדָמָה
3 יִהְיוּ׃ וְנִבְחַר מָוֶת מֵחַיִּים לְכֹל הַשְּׁאֵרִית הַנִּשְׁאָרִים מִן־
הַמִּשְׁפָּחָה הָרָעָה הַזֹּאת בְּכָל־הַמְּקֹמוֹת הַנִּשְׁאָרִים אֲשֶׁר
4 הִדַּחְתִּים שָׁם נְאֻם יְהוָה צְבָאוֹת׃ וְאָמַרְתָּ אֲלֵיהֶם כֹּה
ה אָמַר יְהוָה הֲיִפְּלוּ וְלֹא יָקוּמוּ אִם־יָשׁוּב וְלֹא יָשׁוּב׃ מַדּוּעַ
שׁוֹבְבָה הָעָם הַזֶּה יְרוּשָׁלִַם מְשֻׁבָה נִצַּחַת הֶחֱזִיקוּ בַּתַּרְמִית
6 מֵאֲנוּ לָשׁוּב׃ הִקְשַׁבְתִּי וָאֶשְׁמָע לוֹא־כֵן יְדַבֵּרוּ אֵין אִישׁ
נִחָם עַל־רָעָתוֹ לֵאמֹר מֶה עָשִׂיתִי כֻּלֹּה שָׁב בִּמְרֻצוֹתָם
7 כְּסוּס שׁוֹטֵף בַּמִּלְחָמָה׃ גַּם־חֲסִידָה בַשָּׁמַיִם יָדְעָה
מוֹעֲדֶיהָ וְתֹר וְסוּס וְעָגוּר שָׁמְרוּ אֶת־עֵת בֹּאָנָה וְעַמִּי
8 לֹא יָדְעוּ אֵת מִשְׁפַּט יְהוָה׃ אֵיכָה תֹאמְרוּ חֲכָמִים אֲנַחְנוּ
וְתוֹרַת יְהוָה אִתָּנוּ אָכֵן הִנֵּה לַשֶּׁקֶר עָשָׂה עֵט שֶׁקֶר
9 סֹפְרִים׃ הֹבִשׁוּ חֲכָמִים חַתּוּ וַיִּלָּכֵדוּ הִנֵּה בִדְבַר־יְהוָה
י מָאָסוּ וְחָכְמַת־מֶה לָהֶם׃ לָכֵן אֶתֵּן אֶת־נְשֵׁיהֶם לַאֲחֵרִים
שְׂדוֹתֵיהֶם לְיוֹרְשִׁים כִּי מִקָּטֹן וְעַד־גָּדוֹל כֻּלֹּה בֹּצֵעַ בָּצַע

מנביא

ח׳ v 1 יוציאו קרי ibid. קמץ בטרחא v 6. פתח באתנח
v 6 קמץ בפשטא ibid. במרוצתם ק׳ v 7 וסוס ק׳ v 9. קמץ בז״ק

דער תפת אין דעם טהאָל בן־הנם, זאָנדערן דאָס טהאָל פון טוידט־שלאַכט
און מען וועט בעגראבען אין תפת אוים מאנגעל אין פלאַץ.

33 און טויטע קערפּער פון דיעזען פאָלק וועלען זיין אַ שפּייז פאר די פויגעל
פון הימעל און פאַר די פיה פון לאַנד און קיינער וועט זיי ניט פערטרייבען.

34 און איך וועל פערהינדערען פון די שטעדט פון יהודה און פון די גאַסען
פון ירושלים די שטימע פון פרייד און די שטימע פון פרעהליכקייט, די
שטימע פון חתן און די שטימע פון כלה, דען צו אַ פערוויסטונג וועט
זיין דאָס לאַנד.

קאפּיטעל ח

1 אין יענער צייט, זאָגט גאָט, וועט מען ארויסנעהמען די ביינער פון
די קעניגע פון יהודה, און די ביינער פון זייערע האַררען, און די ביינער
פון די פּריעסטער, און די ביינער פון די פּראָפּעטען, און די ביינער פון
די איינוואָהנער פון ירושלים פון זייערע קברים.

2 און מען וועט זיי פערשפּרייטען פאר דער זונן און פאר דער לבנה און
פאר אַלע הערשאַפטען פון דעם הימעל, וועלכע זיי האָבען געליעבט
און וועלכע זיי האָבען געפאָרשט, און צו וועלכע זיי האָבען זיך געבוקט,
זיי וועלען ניט אויפגעזאַמעלט ווערען און ניט בעגראבען ווערען, צו
מיסט אויף דער ערד וועלען זיי ווערען.

3 און דער טוידט וועט געווינשטער זיין אַלס דאָס לעבען פאַר דער גאַנצער
איבערבלייבונג, וואָס וועלען פערבלייבען פון דיעזער שלעכטער פאמיליע,
אין אַלע ערטער פון די איבערגעבליעבענע, וועלכע איך האָב פער־
שטויסען אהין, זאָגט גאָט דער הערשאַפטען.

4 און דו זאָלסט זאָגען צו זיי, אַזוי האָט געזאָגט גאָט : וועלען זיי דען
פאַלען און וועלען ניט ווידער אויפשטעהען ? אָדער זיך אָבקעהרען און
ניט צוריקקעהרען ?

5 ווארום האָט זיך אָבגעקעהרט דיעזעס פאָלק — ירושלים איין עוויגע אב־
קעהרונג ? ווארום האלטען זיי זיך פעסט אין בעטרוג און ווילען ניט
צוריקקעהרען ?

6 איך האָב בעאָבאַכטעט און געהערט, וואָס ניט רעכט איז רעדען זיי,
קיינער בערייהעט ניט זיין שלעכטעס, צו זאָגען : וואָס האָב איך גע־
טהאָן ? אַלע ווענדען זיך אָב אין זייער לויפען, ווי איין שטורעם־לוי
פענדער פערד אין קריעג.

7 אויך דער שטאָרך אין דער לופט ווייס זיין צייט, די טירטל־טויב, און
די שוואלב און דער קראַניק ערוואַרטען די צייט פון זייער קומען, אָבער
מיין פאָלק ווייס ניט דאָס רעכט פון גאָט.

8 ווי קענט איהר זאָגען מיר זיינען קלוג און מיט אונז איז די לעהרע פון
גאָט, ווען צו פאַלשקייט האָט די פאַלשע פעדער פון שרייבער געאַרבייט.

9 זיי זיינען פערשעהמט געוואָרען די קלוגע, דערשראָקען און בעצוואונגען,
גאָטעס וואָרט האָבען זיי פערהאַסט, וועלכע קלוגשאַפט האָבען זיי ?

10 דערפאַר וועל איך זייערע ווייבער געבען צו אַנדערע, זייערע פעלדער
צו פרעמדע בעזיצער, ווייל פון קליין ביז גרויס אַלע זוכען רויב־
געלד, פון פּראָפּעט ביז'ן פּריסטער אַלע טהוען פאַלשקייט.

11 מִנָּבִיא וְעַד־כֹּהֵן כֻּלֹּה עֹשֶׂה שָּׁקֶר׃ וַיְרַפּוּ אֶת־שֶׁבֶר בַּת־
12 עַמִּי עַל־נְקַלָּה לֵאמֹר שָׁלוֹם ׀ שָׁלוֹם וְאֵין שָׁלוֹם׃ הֹבִשׁוּ
כִּי תוֹעֵבָה עָשׂוּ גַּם־בּוֹשׁ לֹא־יֵבֹשׁוּ וְהִכָּלֵם לֹא יָדָעוּ לָכֵן
יִפְּלוּ בַנֹּפְלִים בְּעֵת פְּקֻדָּתָם יִכָּשְׁלוּ אָמַר יְהוָה׃
13 אָסֹף אֲסִיפֵם נְאֻם־יְהוָה אֵין עֲנָבִים בַּגֶּפֶן וְאֵין תְּאֵנִים
14 בַּתְּאֵנָה וְהֶעָלֶה נָבֵל וָאֶתֵּן לָהֶם יַעַבְרוּם׃ עַל־מָה אֲנַחְנוּ
יֹשְׁבִים הֵאָסְפוּ וְנָבוֹא אֶל־עָרֵי הַמִּבְצָר וְנִדְּמָה־שָּׁם כִּי יְהוָה
טו אֱלֹהֵינוּ הֲדִמָּנוּ וַיַּשְׁקֵנוּ מֵי־רֹאשׁ כִּי חָטָאנוּ לַיהוָה׃ קַוֵּה
16 לְשָׁלוֹם וְאֵין טוֹב לְעֵת מַרְפֵּה וְהִנֵּה בְעָתָה׃ מִדָּן נִשְׁמַע
נַחְרַת סוּסָיו מִקּוֹל מִצְהֲלוֹת אַבִּירָיו רָעֲשָׁה כָּל־הָאָרֶץ
17 וַיָּבוֹאוּ וַיֹּאכְלוּ אֶרֶץ וּמְלוֹאָהּ עִיר וְיֹשְׁבֵי בָהּ׃ כִּי הִנְנִי מְשַׁלֵּחַ
בָּכֶם נְחָשִׁים צִפְעֹנִים אֲשֶׁר אֵין־לָהֶם לָחַשׁ וְנִשְּׁכוּ אֶתְכֶם
18 19 נְאֻם־יְהוָה׃ מַבְלִיגִיתִי עֲלֵי יָגוֹן עָלַי לִבִּי דַוָּי׃ הִנֵּה־
קוֹל שַׁוְעַת בַּת־עַמִּי מֵאֶרֶץ מַרְחַקִּים הַיהוָה אֵין בְּצִיּוֹן אִם־
מַלְכָּהּ אֵין בָּהּ מַדּוּעַ הִכְעִסוּנִי בִּפְסִלֵיהֶם בְּהַבְלֵי נֵכָר׃
כ 21 עָבַר קָצִיר כָּלָה קָיִץ וַאֲנַחְנוּ לוֹא נוֹשָׁעְנוּ׃ עַל־שֶׁבֶר בַּת־
22 עַמִּי הָשְׁבָּרְתִּי קָדַרְתִּי שַׁמָּה הֶחֱזִקָתְנִי׃ הַצֳרִי אֵין בְּגִלְעָד
אִם־רֹפֵא אֵין שָׁם כִּי מַדּוּעַ לֹא עָלְתָה אֲרֻכַת בַּת־עַמִּי׃
23 מִי־יִתֵּן רֹאשִׁי מַיִם וְעֵינִי מְקוֹר דִּמְעָה וְאֶבְכֶּה יוֹמָם וָלַיְלָה
אֵת חַלְלֵי בַת־עַמִּי׃

ט CAP. IX. ט

א מִי־יִתְּנֵנִי בַמִּדְבָּר מְלוֹן אֹרְחִים וְאֶעֶזְבָה אֶת־עַמִּי וְאֵלְכָה
2 מֵאִתָּם כִּי כֻלָּם מְנָאֲפִים עֲצֶרֶת בֹּגְדִים׃ וַיַּדְרְכוּ אֶת־
לְשׁוֹנָם קַשְׁתָּם שֶׁקֶר וְלֹא לֶאֱמוּנָה גָּבְרוּ בָאָרֶץ כִּי מֵרָעָה
3 אֶל־רָעָה ׀ יָצָאוּ וְאֹתִי לֹא־יָדָעוּ נְאֻם־יְהוָה׃ אִישׁ
מֵרֵעֵהוּ הִשָּׁמֵרוּ וְעַל־כָּל־אָח אַל־תִּבְטָחוּ כִּי כָל־אָח עָקוֹב

יעקב

ח v. 11. חסר א׳ v. 12. קמץ בז״ק v. 13. הפטרות ט׳ באב v. 15. ה׳ במקום א׳
v. 21. פתח באתנח ט׳ v. 2. קמץ בתביר ibid. קמץ בטרחא

11 און זיי היילען דעם בראָך פון דער טאָכטער פון מיין פאָלק גאַנץ לייכט,
זאָגענדיג פריעדען, פריעדען, אָבער פריעדען איז דאָך ניטאָ !
12 זיי דארפען זיך שעהמען, וויל זיי האָבען אבשייליכעס געטהאָן, אָבער
ניט זיי שעהמען זיך, ניט זיי ווייסען ווי זיך צו שעהמען, דעריבער
וועלען זיי פאלען מיט די פאלענדע אין דער צייט פון זייער אונטערזוכונג
וועלען זיי געשטרויכעלט ווערען, זאָגט גאָט.
13 איך וועל זיי גענצליך פערניכטען, זאָגט גאָט, קיינע טרויבען אין דעם
וויינשטאָק, קיינע פייגען אין דעם פייגענבוים, דאָס בלאט — פער־
וועלקט, און איך וועל זיי מאַכען מען זאָל זיי אוועקפיהרען.
14 ווארום זיצען מיר ? פערזאמעלט זיך און לאָמיר אַריינקומען אין די
פעסטע שטאָדט און דאָרט אומקומען, דען דער עוויגער אונזער גאָט
האָט בעשלאָסען מיר זאָלען אומקומען, ער האָט אונז אָנגעטרונקען מיט
גיפט־וואסער, וויל מיר האָבען געזינדיגט פאר גאָט.
15 מען האָפט אויף פריעדען און גוטעס איז ניטאָ, אויף אַ צייט פון
היילונג און עס איז גאָר שרעק.
16 פון דן ווערט געהערט דאָס שנארכען פון זיינע פערד, פון דער שטימע
פון די הירזשעריי פון זיינע קרעפטיגע פערד ציטערט דאָס גאַנצע לאַנד,
און זיי וועלען קומען און זיי וועלען פערצעהרען דאָס לאנד און וואָס
דאָרטען איז, די שטאָדט און איהרע איינוואָהנער.
17 דען איך שיק אויף אייך אַ שלאַנגען־אַטערן, וועלכע מען קען ניט
בעשווערען, און זיי וועלען אייך בייסען, זאָגט גאָט.
18 איך שטאַרק מיך איבער דעם שמערץ אָבער עס וויטאָגט אין מיר מיין
האַרץ.
19 אָט הערט מען די שטימע פון דער טאָכטער פון פאָלק פון אַ וויט לאַנד,
איז דען גאָט ניטאָ אין ציון ? אָדער איהר קעניג איז ניט אין איהר ?
וואָרום האָבען זיי מיך דערצערענט מיט זייערע געטצענבילדער, דורך
די נאַרישקייט פון די פרעמדע ?
20 עס איז פאריבער די שניט־צייט, דער זומער האָט זיך געענדיגט אָבער
מיר זיינען נאָך אַלץ ניט געהאָלפען געוואָרען.
21 איבער דעם בראָך פון דער טאָכטער פון פאָלק בין איך צובראָכען גע־
וואָרען, איך בין פערשווארצט געוואָרען, אַ שרעקליכע שטוינונג האָט
מיך אָנגעגריפען.
22 איז דען קיין באלזאם ניטאָ אין גלעד ? קיין דאָקטאָר איז דאָרט ניטאָ ?
ווארום איז ניט ארויפגעבראכט געוואָרען אַ היילונג צו דער טאָכטער
פון מיין פאָלק ?
23 ווער וואָלט מאַכען מיין קאָפּ פול מיט וואסער, מיינע אויגען אַ קוואל
טרעהרען, איך זאָל קענען בעוויינען טאָג און נאַכט די דערשלאָגענע
פון דער טאָכטער פון מיין פאָלק.

קאַפּיטעל ט

1 ווער וואָלט מיר געבען אין דער וויסטע אַ נאַכטלעגער פאר דורכפאהרער !
איך וואָלט פערלאָזען מיין פאָלק און אוועק פון זיי, וויל זיי זיינען אַלע
אויסגעלאַסענע, אַ פערזאַמלונג פון טרייּלאָזע.
2 זיי טרעטען אויס ווי אַ בויגען זייער צונג מיט פאַלשקייט, ניט דורך
וואָהרהייט זיינען זיי מעכטיג אין לאַנד. נור פון שלעכטס צו שלעכטס
געהען זיי אַרויס, און ווילען מיר ניט וויסען, זאָגט גאָט.
3 היט אייך איינער פון צווייטען, און פערטרויעט זיך ניט זאָגאר אויף

4 יַעְקֹב וְכָל־רֵעַ רָכִיל יַהֲלֹךְ׃ וְאִישׁ בְּרֵעֵהוּ יְהָתֵלּוּ וֶאֱמֶת
ה לֹא יְדַבֵּרוּ לִמְּדוּ לְשׁוֹנָם דַּבֶּר־שֶׁקֶר הַעֲוֵה נִלְאוּ׃ שִׁבְתְּךָ
בְּתוֹךְ מִרְמָה בְּמִרְמָה מֵאֲנוּ דַעַת־אוֹתִי נְאֻם־יְהוָה׃
6 לָכֵן כֹּה אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת הִנְנִי צוֹרְפָם וּבְחַנְתִּים כִּי־
7 אֵיךְ אֶעֱשֶׂה מִפְּנֵי בַּת־עַמִּי׃ חֵץ שׁוֹחֵט לְשׁוֹנָם מִרְמָה
דִבֵּר בְּפִיו שָׁלוֹם אֶת־רֵעֵהוּ יְדַבֵּר וּבְקִרְבּוֹ יָשִׂים אָרְבּוֹ׃
8 הַעַל־אֵלֶּה לֹא־אֶפְקָד־בָּם נְאֻם־יְהוָה אִם־בְּגוֹי אֲשֶׁר כָּזֶה
9 לֹא תִתְנַקֵּם נַפְשִׁי׃ עַל־הֶהָרִים אֶשָּׂא בְכִי וָנֶהִי וְעַל־
נְאוֹת מִדְבָּר קִינָה כִּי נִצְּתוּ מִבְּלִי־אִישׁ עֹבֵר וְלֹא שָׁמְעוּ
י קוֹל מִקְנֶה מֵעוֹף הַשָּׁמַיִם וְעַד־בְּהֵמָה נָדְדוּ הָלָכוּ׃ וְנָתַתִּי
אֶת־יְרוּשָׁלִַם לְגַלִּים מְעוֹן תַּנִּים וְאֶת־עָרֵי יְהוּדָה אֶתֵּן
11 שְׁמָמָה מִבְּלִי יוֹשֵׁב׃ מִי־הָאִישׁ הֶחָכָם וְיָבֵן אֶת־
זֹאת וַאֲשֶׁר דִּבֶּר פִּי־יְהוָה אֵלָיו וְיַגִּדָהּ עַל־מָה אָבְדָה הָאָרֶץ
12 נִצְּתָה כַמִּדְבָּר מִבְּלִי עֹבֵר׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה עַל־עָזְבָם
אֶת־תּוֹרָתִי אֲשֶׁר נָתַתִּי לִפְנֵיהֶם וְלֹא־שָׁמְעוּ בְקוֹלִי וְלֹא־
13 הָלְכוּ בָהּ׃ וַיֵּלְכוּ אַחֲרֵי שְׁרִרוּת לִבָּם וְאַחֲרֵי הַבְּעָלִים
14 אֲשֶׁר לִמְּדוּם אֲבוֹתָם׃ לָכֵן כֹּה־אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת
אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל הִנְנִי מַאֲכִילָם אֶת־הָעָם הַזֶּה לַעֲנָה
טו וְהִשְׁקִיתִים מֵי־רֹאשׁ׃ וַהֲפִיצוֹתִים בַּגּוֹיִם אֲשֶׁר לֹא יָדְעוּ
הֵמָּה וַאֲבוֹתָם וְשִׁלַּחְתִּי אַחֲרֵיהֶם אֶת־הַחֶרֶב עַד כַּלּוֹתִי
16 אוֹתָם׃ כֹּה אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת הִתְבּוֹנְנוּ וְקִרְאוּ
לַמְקוֹנְנוֹת וּתְבוֹאֶינָה וְאֶל־הַחֲכָמוֹת שִׁלְחוּ וְתָבוֹאנָה׃
17 וּתְמַהֵרְנָה וְתִשֶּׂנָה עָלֵינוּ נֶהִי וְתֵרַדְנָה עֵינֵינוּ דִּמְעָה
18 וְעַפְעַפֵּינוּ יִזְּלוּ־מָיִם׃ כִּי קוֹל נְהִי נִשְׁמַע מִצִּיּוֹן אֵיךְ שֻׁדָּדְנוּ
19 בֹּשְׁנוּ מְאֹד כִּי־עָזַבְנוּ אָרֶץ כִּי הִשְׁלִיכוּ מִשְׁכְּנוֹתֵינוּ׃ כִּי־
שְׁמַעְנָה נָשִׁים דְּבַר־יְהוָה וְתִקַּח אָזְנְכֶם דְּבַר־פִּיו וְלַמֵּדְנָה
כ בְנֹתֵיכֶם נֶהִי וְאִשָּׁה רְעוּתָהּ קִינָה׃ כִּי־עָלָה מָוֶת בְּחַלּוֹנֵינוּ

v. 4. הל׳ דגושה v. 7. שחוט ק׳ v. 17. חסר א׳ v. 18. קמץ ח״ק

אַ ברודער, ווייל יעדער ברודער בעטריגט אימער און יעדער פריינד געהט
אום מיט פערלײמדונג.
4 איינער מאַכט שפאס איבער דעם אנדערן, קיין וואהרהייט רעדען זיי
ניט, זיי האָבען געוועהנט זייער צונג צו רעדען פאַלש און מיהען זיך
פערקעהרט צו האַנדלען.
5 דו וואָהנסט צווישען בעטרוג, אויס בעטרוג ווילען זיי מיך ניט קענען,
זאָגט גאָט.
6 דעריבער, זאָגט גאָט דער הערשאַפטען, איך וועל זיי לייטערן און פרו־
בירען, דען ווי דען זאָל איך טהאָן פאר די זינד פון מיין פאָלק ?
7 אַ טויטענדער פייל איז זייער צונג, עס רעדט בעטרוג, מיט זיין מויל
רעדט ער פריעדען מיט זיין פריינד, און אין הארצען לויערט ער פאר
איהם.
8 זאָל איך פאר דיעזע ניט בעשטראפען זיי ? זאָגט גאָט, אָדער זאָל איך
ניט נעהמען קיין ראכע פון אזא פאָלק ?
9 אויף די בערג וועל איך אויפהויבען אַ געוויין און אַ יאָמער, און אויף
די ווידע־פלעצער פון דער וויסטע — אַ טרויער־ליעד, ווייל זיי זיינען
פערוויסט געוואָרען, קיין מענש געהט ניט דורך דאָרט, מען הערט
מעהר ניט די שטימע פון פיה, ווייל די פויגעל פון הימעל אַזוי אויך די
פיה זיינען אַוועקגעוואַנדערט און אַוועקגעגאַנגען.
10 און אויך פון ירושלים וועל איך מאַכען אַ שטיין־הויפען, א וואָהנונג
פון שלאַנגען, און די שטאָדט פון יהודה וועל איך מאַכען וויסט אָהנע
איינוואָהנער.
11 ווער איז דער קלוגער מאַן, וואָס זאָל דאָס פערשטעהן ? און צו וועמען
האָט גאָטעס מויל גערעדט — און ער זאָל עס זאָגען ? ווארום געהט
דאָס לאַנד צוגרונד, צושטערט ווי אַ וויסטע אָהנע דורכגעהער.
12 און גאָט האָט געזאָגט, ווייל זיי האָבען פערלאָזען מיין לעהרע, וועלכע
איך האָב פאר זיי געגעבען און מיין שטימע האָבען זיי ניט געהערט,
און זיי זיינען ניט געגאַנגען אין איהר (אין מיין לעהרע).
13 און זיינען געגאַנגען נאָך דער שטרעבונג פון זייער הארצען און נאָך די
בעלים, וואָס זייערע עלטערן האָבען זיי געלערענט.
14 דעריבער האָט אַזוי געזאָגט דער עוויגער פון די הערשאַפטען, דער גאָט
פון ישראל : איך וועל זיי, דיעזעס פאָלק, מאַכען צו עסען ביטער גראָז
און וועל זיי מאַכען צו טרינקען גיפטיג וואַסער.
15 און וועל זיי פערשפּרייטען צווישען די פעלקער וואָס ניט זיי און ניט
זייערע עלטערן האָבען געקענט, און וועל שיקען דאָס שווערד נאָך זיי
ביז איך וועל זיי פערניכטען.
16 אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער הערשאַפטען : בעאָבאַכטעט און רופט די
קלאָגערינס זיי זאָלען קומען און נאָך די קלוגע [פרויען] שיקט און זיי
זאָלען קומען.
17 און זיי זאָלען זיך איילען און אויפהויבען אויף אונז אַ קלאָג־ליעד, אַז
אונזערע אויגען זאָלען פליסען טרעהרען און אונזערע ברעמען זאָלען רינען
וואַסער.
18 דען א קלאָג שטימע ווערט געהערט פון ציון : ווי צוריבט זיינען מיר
געוואָרען ! מיר זיינען זעהר פערשעהמט געוואָרען, דען מיר האָבען
פערלאָזען דאָס לאַנד, זיי האָבען אונזערע וואָהנונגען ניעדערגע־
וואָרפען.
19 דען הערט, איהר פרויען, גאָטעס וואָרט, און אייערע אויערן זאָלען אויפ־
נעהמען דאָס וואָרט פון זיין מויל. און לערנט אייערע טעכטער אַ
קלאָג־ליעד, און איינע דער צווייטער — אַ טרויער־געזאַנג.

בָּא בְּאַרְמְנוֹתֵינוּ לְהַכְרִית עוֹלָל מִחוּץ בַּחוּרִים מֵרְחֹבוֹת׃
21 דַּבֵּר כֹּה נְאֻם־יְהוָה וְנָפְלָה נִבְלַת הָאָדָם כְּדֹמֶן עַל־פְּנֵי
22 הַשָּׂדֶה וּכְעָמִיר מֵאַחֲרֵי הַקֹּצֵר וְאֵין מְאַסֵּף׃ כֹּה ׀ אָמַר
יְהוָה אַל־יִתְהַלֵּל חָכָם בְּחָכְמָתוֹ וְאַל־יִתְהַלֵּל הַגִּבּוֹר
23 בִּגְבוּרָתוֹ אַל־יִתְהַלֵּל עָשִׁיר בְּעָשְׁרוֹ׃ כִּי אִם־בְּזֹאת יִתְהַלֵּל
הַמִּתְהַלֵּל הַשְׂכֵּל וְיָדֹעַ אוֹתִי כִּי אֲנִי יְהוָה עֹשֶׂה חֶסֶד מִשְׁפָּט
24 וּצְדָקָה בָּאָרֶץ כִּי־בְאֵלֶּה חָפַצְתִּי נְאֻם־יְהוָה׃ * הִנֵּה
כה יָמִים בָּאִים נְאֻם־יְהוָה וּפָקַדְתִּי עַל־כָּל־מוּל בְּעָרְלָה׃ עַל־
מִצְרַיִם וְעַל־יְהוּדָה וְעַל־אֱדוֹם וְעַל־בְּנֵי עַמּוֹן וְעַל־מוֹאָב
וְעַל כָּל־קְצוּצֵי פֵאָה הַיֹּשְׁבִים בַּמִּדְבָּר כִּי כָל־הַגּוֹיִם עֲרֵלִים
וְכָל־בֵּית יִשְׂרָאֵל עַרְלֵי־לֵב׃

Cap. X. י

יֵחַתּוּ הֵמָּה וְאַל־אֵחַתָּה אָנִי הָבִיא עֲלֵיהֶם יוֹם רָעָה וּמִשְׁנֶה
19 שִׁבָּרוֹן שָׁבְרֵם׃ כֹּה־אָמַר יְהוָה אֵלַי הָלֹךְ וְעָמַדְתָּ

בשער

v. 8. יראה קרי ibid. קמץ בז״ק v. 10. כדרכיו קרי v. 11. קמץ בז״ק
ibid. ימיו קרי v. 13. וסורי קרי v. 14. עד כאן v. 17. התי״ו בצרי

נאָגעל געמאַכט פון „שמיר” אויסגעקריצט אויף דעם טאַוועל פון זייער
2 האַרץ, אויף די ווינקלען פון אייערע אַלטאַרען. אַזוי ווי זייערע קינדער
אַזוי געדענקען זיי זייערע מזבחות, און זייערע לינדען־ביימער ביי די
3 גרינע ביימער אויף די הויכע בערג. אָה, דו בערג־בעוואָהנער אויף דעם
פעלד ! דיין פערמעגען, אַלע דיינע שאַטצען וועל איך אַוועקגעבען צום
רויב, פאַר די זינד פון דיינע במות אין אַלע דיינע גרענעצען.
4 און אין דיר איז די שולד, וואָס דו וועסט מוזען אָפּלאָזען דיין אייגענ־
טהום, וואָס איך האָב דיר געגעבען און איך וועל דיך מאַכען דיענען
דיינע פיינד אין אַ לאַנד, וואָס דו האָסט ניט געוואוסט, ווייל איהר האָט
אָנגעצונדען אַ פייער אין מיין צאָרן, אייביג וועט עס ברענען.
5 אַזוי האָט גאָט געזאָגט : פערפלוכט איז דער מאַן וואָס פערלאָזט זיך
אויף אַ מענשען, און מאַכט פלייש זיין שטיצע און פון גאָט קעהרט
זיין האַרץ אָב.
6 און ער וועט זיין ווי אַ נאַקעטער בוים אין דער וויסטע, און וועט ניט
זעהען ווען עס קומט גוטעס, ער וועט וואָהנען (צווישען) דערנער אין
דער וויסטע, אין אַ געזאַלצען לאַנד, וואו קיינער וואָהנט ניט.
7 געבענשט איז דער מאַן וואָס פערלאָזט זיך אויף גאָט, און גאָט איז
זיין פערזיכערונג.
8 און ער וועט זיין ווי אַ בוים וואָס איז געפּפלאַנצט ביים וואַסער, און
פערשפּרייט זיינע וואָרצלען אין שטראָם, ווען די היטץ קומט, זיין בלאַט
וועט זיין גרין, און אין אַ טרוקענעם יאָהר וועט ער ניט זאָרגען, און
וועט ניט אויפהערען צו ברענגען פרוכט.
9 מעהר פון אַלעס איז דאָס האַרץ פערקרימט, עס איז אַ וועהטאָג אָבער
ווער וויים עס ?
10 איך גאָט, פאָרש דאָס האַרץ, פּרוף די ניערען, און גיעב יעדען מענשען
נאָך זיינע וועגען, נאָך די פרוכט פון זיינע טהאַטען.
11 אַ רעבהון (סאַראַקע) בריט אויס אייער וועלכע זי האָט ניט געלעגט,
אַזוי איז דער וואָס ערווערבט רייכטהום און ניט מיט רעכט ; אין דער
העלפט פון זיינע לעבענס יאָהרען מוז ער איהם פערלאָזען און ענדליך
בלייבט ער איין אויסוואורף.
12 טהראָן פון עהרע, ערהויבען פון אַ מאָל איז דער אָרט פון אונזער הייליג־
קייט.
13 ישראל'ס האָפענונג, אָה גאָט ! אַלע וואָס פערלאָזען דיך וועלען פער־
שעהמט ווערען, די וואָס קעהרען אָב פון מיר אין לאַנד — וועלען פער־
שריעבען ווערען (צו שאַנד), ווייל זיי האָבען פערלאָזען דעם קוואַל
פון פרישע וואַסער — גאָט.
14 הייל מיך גאָט איך זאָל געהיילט ווערען, העלף מיר און איך זאָל געהאָל־
פען ווערען, ווייל דו ביזט מיין לויב.
15 זיי זאָגען צו מיר : וואו איז דאָס וואָרט פון גאָט ? זאָל עס שוין גע־
שעהען !
16 און איך האָב ניט געאיילט פון מיין זיין אַלס הירט דיר נאָכצוגעהען,
און דעם אונגליקס טאָג האָב איך ניט געוואונשען, דו ווייסט עס, וואָס
עס איז אַרויס פון מיינע ליפּען איז געווען פאַר דיין געזיכט.
17 זיי מיר ניט צו אַ שרעק, דו ביזט מיין שוטץ אין טאָג פון אונגליק.
18 זאָלען מיינע פערפאָלגער צו שאַנדע ווערען און איך זאָל ניט צו שאַנדע
זיין, זאָלען זיי דערשראָקען ווערען און איך זאָל מיך ניט שרעקען, ברענג
אויף זיי דעם טאָג פון אונגליק און מיט אַ צווייפאַכען בראָך צוברעך זיי.
19 אַזוי האָט גאָט געזאָגט צו מיר : געה און שטעל זיך אין טהויער פון

בְּשַׁעַר בְּנֵי־עָם אֲשֶׁר יָבֹאוּ בוֹ מַלְכֵי יְהוּדָה וַאֲשֶׁר
כ יֵצְאוּ בוֹ וּבְכֹל שַׁעֲרֵי יְרוּשָׁלִָם׃ וְאָמַרְתָּ אֲלֵיהֶם שִׁמְעוּ
דְּבַר־יְהוָה מַלְכֵי יְהוּדָה וְכָל־יְהוּדָה וְכֹל יֹשְׁבֵי יְרוּשָׁלִָם
21 הַבָּאִים בַּשְּׁעָרִים הָאֵלֶּה׃ כֹּה אָמַר יְהוָה הִשָּׁמְרוּ
בְּנַפְשׁוֹתֵיכֶם וְאַל־תִּשְׂאוּ מַשָּׂא בְּיוֹם הַשַּׁבָּת וַהֲבֵאתֶם
22 בְּשַׁעֲרֵי יְרוּשָׁלִָם׃ וְלֹא־תוֹצִיאוּ מַשָּׂא מִבָּתֵּיכֶם בְּיוֹם
הַשַּׁבָּת וְכָל־מְלָאכָה לֹא תַעֲשׂוּ וְקִדַּשְׁתֶּם אֶת־יוֹם הַשַּׁבָּת
23 כַּאֲשֶׁר צִוִּיתִי אֶת־אֲבוֹתֵיכֶם׃ וְלֹא שָׁמְעוּ וְלֹא הִטּוּ אֶת־
אָזְנָם וַיַּקְשׁוּ אֶת־עָרְפָּם לְבִלְתִּי שׁוֹמֵעַ וּלְבִלְתִּי קַחַת
24 מוּסָר׃ וְהָיָה אִם־שָׁמֹעַ תִּשְׁמְעוּן אֵלַי נְאֻם־יְהוָה לְבִלְתִּי ׀
הָבִיא מַשָּׂא בְּשַׁעֲרֵי הָעִיר הַזֹּאת בְּיוֹם הַשַּׁבָּת וּלְקַדֵּשׁ
כה אֶת־יוֹם הַשַּׁבָּת לְבִלְתִּי עֲשׂוֹת־בָּהּ כָּל־מְלָאכָה׃ וּבָאוּ
בְשַׁעֲרֵי הָעִיר הַזֹּאת מְלָכִים ׀ וְשָׂרִים יֹשְׁבִים עַל־כִּסֵּא
דָוִד רֹכְבִים ׀ בָּרֶכֶב וּבַסּוּסִים הֵמָּה וְשָׂרֵיהֶם אִישׁ יְהוּדָה
26 וְיֹשְׁבֵי יְרוּשָׁלִָם וְיָשְׁבָה הָעִיר־הַזֹּאת לְעוֹלָם׃ וּבָאוּ מֵעָרֵי־
יְהוּדָה וּמִסְּבִיבוֹת יְרוּשָׁלִַם וּמֵאֶרֶץ בִּנְיָמִן וּמִן־הַשְּׁפֵלָה
וּמִן־הָהָר וּמִן־הַנֶּגֶב מְבִאִים עֹלָה וְזֶבַח וּמִנְחָה וּלְבוֹנָה
27 וּמְבִאֵי תוֹדָה בֵּית יְהוָה׃ וְאִם־לֹא תִשְׁמְעוּ אֵלַי לְקַדֵּשׁ אֶת־
יוֹם הַשַּׁבָּת וּלְבִלְתִּי ׀ שְׂאֵת מַשָּׂא וּבֹא בְּשַׁעֲרֵי יְרוּשָׁלִַם
בְּיוֹם הַשַּׁבָּת וְהִצַּתִּי אֵשׁ בִּשְׁעָרֶיהָ וְאָכְלָה אַרְמְנוֹת יְרוּשָׁלִַם
וְלֹא תִכְבֶּה׃

Cap. XVIII. יח

יח

2 א הַדָּבָר אֲשֶׁר הָיָה אֶל־יִרְמְיָהוּ מֵאֵת יְהוָה לֵאמֹר׃ קוּם
3 וְיָרַדְתָּ בֵּית הַיּוֹצֵר וְשָׁמָּה אַשְׁמִיעֲךָ אֶת־דְּבָרָי׃ וָאֵרֵד
4 בֵּית הַיּוֹצֵר וְהִנֵּהוּ עֹשֶׂה מְלָאכָה עַל־הָאָבְנָיִם׃ וְנִשְׁחַת
הַכְּלִי אֲשֶׁר הוּא עֹשֶׂה בַּחֹמֶר בְּיַד הַיּוֹצֵר וְשָׁב וַיַּעֲשֵׂהוּ
ה כְּלִי אַחֵר כַּאֲשֶׁר יָשַׁר בְּעֵינֵי הַיּוֹצֵר לַעֲשׂוֹת׃ וַיְהִי

דבר־

יז v. 19. העם ק v. 23. שמוע קרי v. 24. בו קרי יח v. 3. והנה הוא קרי

די קינדער פון פאָלק דורך וועלכען די קעניגע פון יהודה קומען אריין
און געהן ארויס, און אין אַלע טהויערען פון ירושלים.

20 און דו זאָלסט זאָגען צו זיי: הערט דאָס וואָרט פון גאָט איהר קע־
ניגע פון יהודה און גאַנץ יהודה און די איינוואָהנער פון ירושלים וועל־
כען קומען ארויס דורך די טהויערען.

21 אזוי האָט גאָט געזאָגט: פערהיט אייערע זעלען און איהר זאָלט ניט
טראָגען קיין לאַסט אום שבת טאָג און ברענגט זיי ניט אין טהויערען
פון ירושלים.

22 און איהר זאָלט ניט ארויסטראָגען קיין לאַסט פון אייערע הייזער אין
טאָג פון שבת און איהר זאָלט ניט טהאָן קיינע ארבייט, נאָר הייליגען
זאָלט איהר דעם שבת טאָג אזוי ווי איך האָב געבאָטען אייערע עלטערען.

23 און זיי האָבען ניט געהערט און ניט גענייגט זייער אויער, האָבען האַרט
געמאַכט זייער נאַקען ניט אָנצונעהמען קיינע לעהרע.

24 און עס וועט זיין, ווען איהר וועט מיך נאָר צוהערען, ניט אריינצו־
ברענגען קיין לאַסט אין די טהויערען פון דיעזער שטאָדט אין דעם טאָג
פון שבת, און הייליגען דעם שבת טאָג ניט צו טהאָן אין איהם קיינע
ארבייט.

25 דאַן וועלען אריינקומען דורך די טהויערען פון דיעזער שטאָדט קעניגע
און פירשטען, וועלכע זיצען אויף דעם טהראָן פון דוד, רייטענדיג אויף
וועגען און פערד, זיי און זייערע פירשטען די מענער פון יהודה און
די איינוואָהנער פון ירושלים, און דיעזע שטאָדט וועט בעוואָהנט ווערען
אויף אייביג.

26 און זיי וועלען קומען פון די שטעדט יהודה און פון ארום ירושלים און
פון דעם לאַנד בנימין פון טהאָל און פון באַרג און פון זיד זייט, ברענ־
גען בראַנד־אָפפער און שלאַכט־אָפפער און שפייז־אָפפער און ווייהרויך
און וועלען ברענגען דאַנק־אָפפער אין דעם הויז פון גאָט.

27 אָבער ווען איהר וועט מיך ניט הערען צו הייליגען דעם טאָג פון שבת
און ניט צו טראָגען קיין לאַסט און אריינצוקומען אין די טהויערען פון
ירושלים אין דעם שבת טאָג, וועל איך אָנצינדען אַ פייער אין איהרע
טהויערען און עס וועט פארברענען די פּאַלאַצען פון ירושלים און עס
וועט ניט פארלאָשען ווערען.

קאַפּיטעל יח

1 דאָס וואָרט וואָס עס איז געוועזן צו ירמיהו פון גאָט אזוי:

2 שטעה אויף און געה ארונטער אין דעם טעפּערס הויז און דאָרט וועל
איך דיר מאַכען הערען מיינע רייד.

3 און איך בין ארונטערגעגאַנגען אין דעם טעפּערס הויז, ערשט ער ארבייט
אויפ'ן ווערק־שטוהל.

4 און דאָס געפעס וואָס ער האָט געמאַכט האָט ניט געטויגט, ווי (גע־
וועהנליך) ליים אין דער האַנד פון טעפּער, האָט ער דערפון ווידער גע־
מאַכט אַן אַנדער געפעס, ווי עס איז אין דעם טעפּערס אויגען געפעהלען
געווען צו מאַכען.

6 דְּבַר־יְהוָה אֵלַי לֵאמוֹר׃ הֲכַיּוֹצֵר הַזֶּה לֹא־אוּכַל לַעֲשׂוֹת
לָכֶם בֵּית יִשְׂרָאֵל נְאֻם־יְהוָה הִנֵּה כַחֹמֶר בְּיַד הַיּוֹצֵר
7 כֵּן־אַתֶּם בְּיָדִי בֵּית יִשְׂרָאֵל׃ רֶגַע אֲדַבֵּר עַל־גּוֹי
8 וְעַל־מַמְלָכָה לִנְתוֹשׁ וְלִנְתוֹץ וּלְהַאֲבִיד׃ וְשָׁב הַגּוֹי הַהוּא
מֵרָעָתוֹ אֲשֶׁר דִּבַּרְתִּי עָלָיו וְנִחַמְתִּי עַל־הָרָעָה אֲשֶׁר
9 חָשַׁבְתִּי לַעֲשׂוֹת לוֹ׃ וְרֶגַע אֲדַבֵּר עַל־גּוֹי וְעַל־
10 מַמְלָכָה לִבְנֹת וְלִנְטֹעַ׃ וְעָשָׂה הָרָעָה בְּעֵינַי לְבִלְתִּי
שְׁמֹעַ בְּקוֹלִי וְנִחַמְתִּי עַל־הַטּוֹבָה אֲשֶׁר אָמַרְתִּי לְהֵיטִיב
11 אוֹתוֹ׃ וְעַתָּה אֱמָר־נָא אֶל־אִישׁ יְהוּדָה וְעַל־יוֹשְׁבֵי יְרוּשָׁלִַם
לֵאמֹר כֹּה אָמַר יְהוָה הִנֵּה אָנֹכִי יוֹצֵר עֲלֵיכֶם רָעָה
וְחֹשֵׁב עֲלֵיכֶם מַחֲשָׁבָה שׁוּבוּ נָא אִישׁ מִדַּרְכּוֹ הָרָעָה
12 וְהֵיטִיבוּ דַרְכֵיכֶם וּמַעַלְלֵיכֶם׃ וְאָמְרוּ נוֹאָשׁ כִּי־אַחֲרֵי
מַחְשְׁבוֹתֵינוּ נֵלֵךְ וְאִישׁ שְׁרִרוּת לִבּוֹ־הָרָע נַעֲשֶׂה׃
13 לָכֵן כֹּה אָמַר יְהוָה שַׁאֲלוּ־נָא בַּגּוֹיִם מִי שָׁמַע כָּאֵלֶּה
14 שַׁעֲרֻרִת עָשְׂתָה מְאֹד בְּתוּלַת יִשְׂרָאֵל׃ הֲיַעֲזֹב מִצּוּר שָׂדַי
טו שֶׁלֶג לְבָנוֹן אִם־יִנָּתְשׁוּ מַיִם זָרִים קָרִים נוֹזְלִים׃ כִּי־
שְׁכֵחֻנִי עַמִּי לַשָּׁוְא יְקַטֵּרוּ וַיַּכְשִׁלוּם בְּדַרְכֵיהֶם שְׁבוּלֵי
16 עוֹלָם לָלֶכֶת נְתִיבוֹת דֶּרֶךְ לֹא סְלוּלָה׃ לָשׂוּם אַרְצָם
לְשַׁמָּה שְׁרוּקֹת עוֹלָם כֹּל עוֹבֵר עָלֶיהָ יִשֹּׁם וְיָנִיד בְּרֹאשׁוֹ׃
17 כְּרוּחַ־קָדִים אֲפִיצֵם לִפְנֵי אוֹיֵב עֹרֶף וְלֹא־פָנִים אֶרְאֵם
18 בְּיוֹם אֵידָם׃ וַיֹּאמְרוּ לְכוּ וְנַחְשְׁבָה עַל־יִרְמְיָהוּ
מַחֲשָׁבוֹת כִּי לֹא־תֹאבַד תּוֹרָה מִכֹּהֵן וְעֵצָה מֵחָכָם וְדָבָר
מִנָּבִיא לְכוּ וְנַכֵּהוּ בַלָּשׁוֹן וְאַל־נַקְשִׁיבָה אֶל־כָּל־דְּבָרָיו׃
19 כ הַקְשִׁיבָה יְהוָה אֵלָי וּשְׁמַע לְקוֹל יְרִיבָי׃ הַיְשֻׁלַּם תַּחַת־
טוֹבָה רָעָה כִּי־כָרוּ שׁוּחָה לְנַפְשִׁי זְכֹר ׀ עָמְדִי לְפָנֶיךָ
לְדַבֵּר עֲלֵיהֶם טוֹבָה לְהָשִׁיב אֶת־חֲמָתְךָ מֵהֶם׃
21 לָכֵן תֵּן אֶת־בְּנֵיהֶם לָרָעָב וְהַגִּרֵם עַל־יְדֵי־חֶרֶב וְתִהְיֶנָה

נשיהם

v. 5. מלא ר   v. 10. הרע קרי   v. 15. שבילי ק   v. 16. שריקת קי

5 און גאָט'ס וואָרט איז געוועזן צו מיר אַזוי :

6 קען איך אייך דען ניט מאַכען, בית ישראל, ווי דיזער טעפּער ? זאָגט
גאָט, אַזוי ווי די לעהם אין האַנד פון דעם טעפּער אַזוי זייט איהר אין
מיין האַנד, בית ישראל.

7 איין ווייל רייד איך וועגען אַ פאָלק און וועגען אַ קעניגרייך עס אויס־
צורייסען, צוברעכען און פערניכטען.

8 און ווען דאָס זעלבע פאָלק קעהרט זיך צוריק פון זיין שלעכטיגקייט,
וועגען וועלכע איך האָב גערעדט, דאַן גיעב איך אויף דאָס שלעכטעס,
וואָס איך האָב געדענקט איהם צו טהאָן.

9 און איין ווייל רייד איך וועגען אַ פאָלק און וועגען אַ קעניגרייך עס
צו בויען און צו פּפלאַנצען.

10 און עס טהוט וואָס עס איז שלעכט אין מיינע אויגען, און הערט מיין
שטימע ניט דאַן גיעב איך אויף די גוטעס, וואָס איך האָב געדענקט איהם
צו טהאָן.

11 און יעצט זאָג נאָר צו די מענער פון יהודה און די איינוואָהנער פון
ירושלים, אַזוי : גאָט האָט אַזוי געזאָגט איך בעשאַף פאַר אייך אַן
אונגליק, און דענק וועגען אייך אַ געדאַנק ! — קעהרט זיך צוריק יעדערער
פון זיין שלעכטען וועג און בעסערט אויס אייערע וועגען און אייערע
טהאַטען.

12 און זיי זאָגען : עס איז שוין פערפאַלען ! ווייל מיר וועלען געהען נאָך
אונזער געדאַנקען און מיר וועלען טהאָן יעדער איינער וואָס זיין שלעכ־
טעס הארץ געלוסט.

13 דאַרום זאָגט גאָט אַזוי : פרעג נאָר צווישען די פעלקער, ווער האָט זעל־
כעס געהערט ? זעהר גרויל האָט די יונגפרוי פון ישראל געטהאָן.

14 וועט דען דער שנעע פון לבנון ווייכען פון דעם שטיין פון פעלד ?
וועט דען אויסגעטריקענט ווערען רוישענדע, קאַלטע, פליעסענדע וואַסער?

15 נאָר מיין פאָלק האָט מיך פערגעסען, זיי רויכערען צו פאַלשע געטער
און האָבען זיי געמאַכט שטרויכלערס אין זייערע וועגען — די אויביגע
שטעגען, צו געהען אויף שטעגען פון ניט קיין אויסגעטראָטענעם וועג.

16 צו מאַכען זייער לאַנד פאַר אַ וויסטעניס, אייביגען שפּאָט (פּייפען),
ווער עס געהט פאַרביי איהר שטוינט און שאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

17 ווי איין אָסט (מזרח) ווינד וועל איך זיי פערשפּרייטען פאַר דעם פיינד,
דעם נאַקען ניט דעם געזיכט וועל איך זיי צייגען אין דעם טאָג פון זייער
בראָך.

18 און זיי האָבען געזאָגט : קומט לאָמיר דענקען וועגען ירמיהו'ס פּלענער,
ווייל די לעהרע וועט ניט פערלאָרען געהען פון פּירשט, דער ראַטה פון
קלוגען און דאָס וואָרט פון פּראָפעט, קומט לאָמיר איהם שלאָגען מיט'ן
צונג (טוידטען דורך פערליימדונג), מיר דאַרפען ניט הערען אַלעס וואָס
ער רעדט.

19 פערנעהם גאָט מיין געבעט און הער וואָס מיינע קריעגער ריידען.

20 זאָל דען פאַר גוטעס בעצאָהלט ווערען מיט שלעכטעס ? זיי האָבען גע־
גראָבען אַ גרוב פאַר מיר, געדענק ווי איך בין געשטאַנען פאַר דיר און
גערעדט אויף זיי גוטעס, זאָלסט אָבקעהרען דיין צאָרן פון זיי.

21 דאַרום גיעב זייערע קינדער איבער צו הונגער, מאַך זייער בלוט רינען

נְשֵׁיהֶם שַׁכֻּלוֹת וְאַלְמָנוֹת וְאַנְשֵׁיהֶם יִהְיוּ הֲרֻגֵי מָוֶת
22 בַּחוּרֵיהֶם מֻכֵּי־חֶרֶב בַּמִּלְחָמָה׃ תִּשָּׁמַע זְעָקָה מִבָּתֵּיהֶם
כִּי־תָבִיא עֲלֵיהֶם גְּדוּד פִּתְאֹם כִּי־כָרוּ שִׁיחָה לְלָכְדֵנִי
23 וּפַחִים טָמְנוּ לְרַגְלָי׃ וְאַתָּה יְהוָה יָדַעְתָּ אֶת־כָּל־עֲצָתָם
עָלַי לַמָּוֶת אַל־תְּכַפֵּר עַל־עֲוֺנָם וְחַטָּאתָם מִלְּפָנֶיךָ אַל־
תֶּמְחִי וְהָיוּ מֻכְשָׁלִים לְפָנֶיךָ בְּעֵת אַפְּךָ עֲשֵׂה בָהֶם׃

יט CAP. XIX. יט

א כֹּה אָמַר יְהוָה הָלֹךְ וְקָנִיתָ בַקְבֻּק יוֹצֵר חָרֶשׂ וּמִזִּקְנֵי הָעָם
2 וּמִזִּקְנֵי הַכֹּהֲנִים׃ וְיָצָאתָ אֶל־גֵּיא בֶן־הִנֹּם אֲשֶׁר פֶּתַח שַׁעַר
הַחַרְסוּת וְקָרָאתָ שָּׁם אֶת־הַדְּבָרִים אֲשֶׁר־אֲדַבֵּר אֵלֶיךָ׃
3 וְאָמַרְתָּ שִׁמְעוּ דְבַר־יְהוָה מַלְכֵי יְהוּדָה וְיֹשְׁבֵי יְרוּשָׁלָ͏ִם
כֹּה־אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל הִנְנִי מֵבִיא רָעָה
4 עַל־הַמָּקוֹם הַזֶּה אֲשֶׁר כָּל־שֹׁמְעָהּ תִּצַּלְנָה אָזְנָיו׃ יַעַן ׀
אֲשֶׁר עֲזָבֻנִי וַיְנַכְּרוּ אֶת־הַמָּקוֹם הַזֶּה וַיְקַטְּרוּ־בוֹ לֵאלֹהִים
אֲחֵרִים אֲשֶׁר לֹא־יְדָעוּם הֵמָּה וַאֲבוֹתֵיהֶם וּמַלְכֵי יְהוּדָה
ה וּמָלְאוּ אֶת־הַמָּקוֹם הַזֶּה דַּם נְקִיִּם׃ וּבָנוּ אֶת־בָּמוֹת הַבַּעַל
לִשְׂרֹף אֶת־בְּנֵיהֶם בָּאֵשׁ עֹלוֹת לַבָּעַל אֲשֶׁר לֹא־צִוִּיתִי
6 וְלֹא דִבַּרְתִּי וְלֹא עָלְתָה עַל־לִבִּי׃ לָכֵן הִנֵּה־יָמִים
בָּאִים נְאֻם־יְהוָה וְלֹא־יִקָּרֵא לַמָּקוֹם הַזֶּה עוֹד הַתֹּפֶת וְגֵיא
7 בֶן־הִנֹּם כִּי אִם־גֵּיא הַהֲרֵגָה׃ וּבַקֹּתִי אֶת־עֲצַת יְהוּדָה
וִירוּשָׁלַ͏ִם בַּמָּקוֹם הַזֶּה וְהִפַּלְתִּים בַּחֶרֶב לִפְנֵי אֹיְבֵיהֶם
וּבְיַד מְבַקְשֵׁי נַפְשָׁם וְנָתַתִּי אֶת־נִבְלָתָם לְמַאֲכָל לְעוֹף
8 הַשָּׁמַיִם וּלְבֶהֱמַת הָאָרֶץ׃ וְשַׂמְתִּי אֶת־הָעִיר הַזֹּאת
לְשַׁמָּה וְלִשְׁרֵקָה כֹּל עֹבֵר עָלֶיהָ יִשֹּׁם וְיִשְׁרֹק עַל־כָּל־
9 מַכֹּתֶהָ׃ וְהַאֲכַלְתִּים אֶת־בְּשַׂר בְּנֵיהֶם וְאֵת בְּשַׂר בְּנֹתֵיהֶם
וְאִישׁ בְּשַׂר־רֵעֵהוּ יֹאכֵלוּ בְּמָצוֹר וּבְמָצוֹק אֲשֶׁר יָצִיקוּ
לָהֶם אֹיְבֵיהֶם וּמְבַקְשֵׁי נַפְשָׁם׃ וְשָׁבַרְתָּ הַבַּקְבֻּק לְעֵינֵי י

האנשים

י״ח v. 22 שוחה קרי v. 23 והיו קרי י״ט v. 2 התרסית קרי

דורכ'ן שווערד, זאָלען זייערע פרויען בלייבען קינדער־לאָז און אַלמנות
און זייערע מענער זאָלען זיין דערשלאָגען אויף טוידט, זייערע יונגע
לייט דערשלאָגען פון שווערד אין קריעג (מלחמה.)
22 אַ געשריי זאָל געהערט ווערען פון זייערע הייזער, ווען דו וועסט אויף
זיי ברעינגען פּלוצלונג אַן אַרמעע, ווייל זיי האָבען געגראָבען אַ גרוב
מיך צו פאַנגען, און בעהאַלטען פאַר מיינע פיס נעטצען.
23 און דו גאָט ווייסט דאָך אַלע זייערע פּלענער וועגען מיר צו טוידטען
מיך, זאָלסט ניט פערגעבען זייער שולד, מעק ניט אָב די זינד וואָס פאַר
דיר, זאָלען זיי געשטרויכעלט ווערען פאַר דיר, אין דער צייט פון דיין
צאָרן שטראָף זיי.

קאַפּיטעל יט

1 אזוי האָט גאָט געזאָגט: געה און קויף אַ פלאַש פון אַ טעפּער, — נעהם
מיט זיך פון די עלטערען פון פאָלק און די עלטערע פון די פּריסטער.
2 און דו זאָלסט אַרויסגעהען צום טהאָל בן הנם, וואָס איז ביים אַריינ־
גאַנג פונ'ם טהויער חרסות און דו זאָלסט דאָרט אויסרופען די ווערטער
וואָס איך וועל מיט דיר ריידען.
3 און דו זאָלסט זאָגען: הערט דאָס וואָרט פון גאָט איהר קעניגע פון
יהודה און איינוואָהנער פון ירושלים, אַזוי האָט דער עוויגער גאָט געזאָגט,
איך וועל ברענגען אונגליק אויף דיעזען אָרט, וואָס יעדערער וואָס וועט
עס הערען וועלען זיינע אויערען קלינגען.
4 דארום ווייל זיי האָבען מיך פערלאָזען און האָבען פאַרפרעמדט דיעזען
אָרט, און זיי האָבען געריכערט אין איהם צו אַנדערע געטער, וועלכע
ניט זיי, ניט זייערע עלטערען און די קעניגע פון יהודה האָבען געוואוסט,
און האָבען דיעזען אָרט אָנגעפיהלט מיט בלוט פון אונשולדיגע.
5 און זיי האָבען געבויט במות פון בעל צו פערברענען זייערע קינדער אין
פייער אַלס בראַנד־אָפּפער, וואָס איך האָב ניט געבאָטען און ניט גע־
רעדט און מיר איז אויפ'ן זינען ניט אַרויף.
6 דאריבער וועלען קומען טעג, זאָגט גאָט, און דיעזער אָרט וועט מעהר
ניט גערופען ווערען תפת אין טהאָל בן־הנם, זאָנדערען דער טהאָל פון
דערשלאָגונג.
7 און איך וועל מאַכען לעער דעם ראַטה פון יהודה און ירושלים אין דיעזען
אָרט, און וועל זיי מאַכען פאַלען דורכ'ן שווערד פאַר זייערע פיינדע און
אין די הענד פון די וואָס פערפאָלגען זיי, און איך וועל געבען זייערע
טוידטע קערפּער פאַר אַ שפּייז צו די פויגעל פון הימעל און די טהיערע
פון דער ערד.
8 און איך וועל דיעזע שטאָדט מאַכען צו וויסט און צו שפּאָט, יעדערער וואָס
וועט פאָהרען פאַרביי איהר וועט שטוינען און שפּאָטען אויף איהרע
וואונדען.
9 און איך וועל זיי מאַכען עסען דאָס פלייש פון זייערע זיהן און דאָס
פלייש פון זייערע טעכטער, איינער וועט עסען דעם צווייטענס פלייש
אין דער בעלאַגערונג און אין נויטה, וואָס זייערע פיינד און זייערע
פערפאָלגער וועלען זיי ענג מאַכען.
10 און דו זאָלסט צוברעכען די פלאַש פאַר די אויגען פון די מענשען וואָס
וועלען געהן מיט דיר.

11 הָאֲנָשִׁים הַהֹלְכִים אוֹתָךְ׃ וְאָמַרְתָּ אֲלֵיהֶם כֹּה־אָמַר ׀
יְהוָה צְבָאוֹת כָּכָה אֶשְׁבֹּר אֶת־הָעָם הַזֶּה וְאֶת־הָעִיר הַזֹּאת
כַּאֲשֶׁר יִשְׁבֹּר אֶת־כְּלִי הַיּוֹצֵר אֲשֶׁר לֹא־יוּכַל לְהֵרָפֵה
12 עוֹד וּבְתֹפֶת יִקְבְּרוּ מֵאֵין מָקוֹם לִקְבּוֹר׃ כֵּן־אֶעֱשֶׂה
לַמָּקוֹם הַזֶּה נְאֻם־יְהוָה וּלְיוֹשְׁבָיו וְלָתֵת אֶת־הָעִיר הַזֹּאת
13 כְּתֹפֶת׃ וְהָיוּ בָּתֵּי יְרוּשָׁלַםִ וּבָתֵּי מַלְכֵי יְהוּדָה כִּמְקוֹם
הַתֹּפֶת הַטְּמֵאִים לְכֹל הַבָּתִּים אֲשֶׁר קִטְּרוּ עַל־גַּגֹּתֵיהֶם
לְכֹל צְבָא הַשָּׁמַיִם וְהַסֵּךְ נְסָכִים לֵאלֹהִים אֲחֵרִים׃
14 וַיָּבֹא יִרְמְיָהוּ מֵהַתֹּפֶת אֲשֶׁר שְׁלָחוֹ יְהוָה שָׁם לְהִנָּבֵא
טו וַיַּעֲמֹד בַּחֲצַר בֵּית־יְהוָה וַיֹּאמֶר אֶל־כָּל־הָעָם׃ כֹּה־אָמַר
יְהוָה צְבָאוֹת אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל הִנְנִי מֵבִי אֶל־הָעִיר הַזֹּאת
וְעַל־כָּל־עָרֶיהָ אֵת כָּל־הָרָעָה אֲשֶׁר דִּבַּרְתִּי עָלֶיהָ כִּי
הִקְשׁוּ אֶת־עָרְפָּם לְבִלְתִּי שְׁמוֹעַ אֶת־דְּבָרָי׃

CAP. XX. כ

כ

א וַיִּשְׁמַע פַּשְׁחוּר בֶּן־אִמֵּר הַכֹּהֵן וְהוּא־פָקִיד נָגִיד בְּבֵית
2 יְהוָה אֶת־יִרְמְיָהוּ נִבָּא אֶת־הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה׃ וַיַּכֶּה פַשְׁחוּר
אֵת יִרְמְיָהוּ הַנָּבִיא וַיִּתֵּן אֹתוֹ עַל־הַמַּהְפֶּכֶת אֲשֶׁר בְּשַׁעַר
3 בִּנְיָמִן הָעֶלְיוֹן אֲשֶׁר בְּבֵית יְהוָה׃ וַיְהִי מִמָּחֳרָת וַיֹּצֵא
פַשְׁחוּר אֶת־יִרְמְיָהוּ מִן־הַמַּהְפָּכֶת וַיֹּאמֶר אֵלָיו יִרְמְיָהוּ
לֹא פַשְׁחוּר קָרָא יְהוָה שְׁמֶךָ כִּי אִם־מָגוֹר מִסָּבִיב׃
4 כִּי־כֹה אָמַר יְהוָה הִנְנִי נֹתֶנְךָ לְמָגוֹר לְךָ ׀ וּלְכָל־אֹהֲבֶיךָ
וְנָפְלוּ בְּחֶרֶב אֹיְבֵיהֶם וְעֵינֶיךָ רֹאוֹת וְאֶת־כָּל־יְהוּדָה אֶתֵּן
ה בְּיַד מֶלֶךְ־בָּבֶל וְהִגְלָם בָּבֶלָה וְהִכָּם בֶּחָרֶב׃ וְנָתַתִּי אֶת־
כָּל־חֹסֶן הָעִיר הַזֹּאת וְאֶת־כָּל־יְגִיעָהּ וְאֶת־כָּל־יְקָרָהּ וְאֵת
כָּל־אוֹצְרוֹת מַלְכֵי יְהוּדָה אֶתֵּן בְּיַד אֹיְבֵיהֶם וּבְזָזוּם וּלְקָחוּם
6 וֶהֱבִיאוּם בָּבֶלָה׃ וְאַתָּה פַשְׁחוּר וְכֹל יֹשְׁבֵי בֵיתֶךָ תֵּלְכוּ
בַּשֶּׁבִי וּבָבֶל תָּבוֹא וְשָׁם תָּמוּת וְשָׁם תִּקָּבֵר אַתָּה וְכָל־

אהביך

יט v. 11. ה׳ במקום א׳ v. 15. מביא קרי

11 און דו זאָלסט זאָגען צו זיי, אזוי האָט גאָט דער הערשאַפטען געזאָגט: אזוי וועל איך צוברעכען דיעזעס פאָלק און דיעזע שטאָדט, ווי מען צו־ברעכט די געפעס פון די טעפּער, וואָס עס קען מעהר ניט געהיילט ווערען, און אין תפת וועט מען (זיי) בעגראָבען אַלס מאַנגעל אין פּלאַטץ צו באַגראָבען.

12 אזוי וועל איך טהאָן מיט דיעזען אָרט און מיט זיינע איינוואָהנער, זאָגט גאָט, און מאַכען דיעזע שטאָדט ווי תפת.

13 און די הייזער פון ירושלים און די הייזער פון די קעניגע פון יהודה וועלען זיין אונריין ווי דער תפת, אַלע הייזער וואו מען האָט אויף זייערע דעכער געראויכערט צו אַלע הערשאַפטען פון הימעל און געגאָסען טראַנק־אָפּפער צו אַנדערע געטער.

14 און ירמיהו איז געקומען פון דעם תפת, וואוהין גאָט האָט איהם געשיקט צו פּראָפעצייהען דאָרט, און ער האָט זיך געשטעלט אין דעם הויף פון גאָטעס הויז און ער האָט געזאָגט צום גאַנצען פאָלק.

15 אזוי האָט געזאָגט דער עוויגער פון די הערשאַפטען דער גאָט פון ישראל, איך וועל ברענגען אויף דיעזער שטאָדט און אויף אַלע איהרע שטעדט דעם גאַנצען אונגליק, וואָס איך האָב גערעדט איבער איהר, ווייל זיי האָבען שטייף געמאַכט זייער נאַקען, ניט צו הערען צו מיינע רייד.

קאַפּיטעל כ

1 און ווען פשחור דער זוהן פון אמר, דעם פּריעסט — און ער איז געוועזען דער בעשטימטער אויפזעהער אין גאָטעס הויז—האָט געהערט ווי ירמיהו האָט פּראָפעצייהעט דיעזע ווערטער.

2 האָט פשחור געשלאָגען דעם פּראָפעט ירמיהו און האָט איהם אַריינגע־זעצט אין געפענגעניס, וועלכעס איז געוועזען אין דעם אויבערשטען טהויער פון בנימין, אין גאָטעס הויז.

3 און עס איז געשעהען אויף מאָרגען ווען פשחור האָט אַרויסגעפיהרט ירמיהו פון געפענגניס, האָט ירמיהו צו איהם געזאָגט, ניט פשחור האָט גאָט גערופען דיין נאָמען, נאָר מגור (שרעק) פון ארום.

4 ווייל אזוי האָט גאָט געזאָגט: איך וועל דיך מאַכען פאַר אַ שרעק פאַ־דיר זעלבסט און פאַר אַלע דיינע ליעבהאָבער און זיי וועלען פאַלען דורך דעם שווערד פון זייערע פיינד, און דיינע אויגען וועלען עס זעהען, און גאַנץ יהודה וועל איך איבערגעבען אין די הענד פון דעם קעניג פון בבל און ער וועט זיי פערטרייבען אין בבל און דערשלאָגען זיי מיט דעם שווערד.

5 און איך וועל אוועקגעבען דעם גאַנצען רייכטהום פון דיעזער שטאָדט און אַלעס וואָס זי האָט ערוואָרבען און אַלע איהרע טהייערע זאַכען און אַלע שאַטצען פון די קעניגע פון יהודה — וועל איך אוועקגעבען אין דער האַנד פון זייערע פיינד אין זיי וועלען זיי בערויבען און וועל זיי צונעהמען און ברענגען נאָך בבל.

6 און דו פשחור און אַלע, וואָס וואָהנען אין דיין הויז, וועלען אוועקגעהן אין געפאַנגענשאַפט און אין בבל וועסטו קומען און דאָרט שטאַרבען און דאָרט וועסטו בעגראָבען ווערען מיט אַלע דיינע ליעבהאָבער צו וועמען דו האָסט פּראָפעצייהעט פאַלשקייט.

7 אֹהֲבֶ֔יךָ אֲשֶׁר־נִבֵּ֥אתָ לָהֶ֖ם בַּשָּֽׁקֶר׃ פִּתִּיתַ֤נִי יְהוָה֙
וָאֶפָּ֔ת חֲזַקְתַּ֖נִי וַתּוּכָ֑ל הָיִ֤יתִי לִשְׂחוֹק֙ כָּל־הַיּ֔וֹם כֻּלֹּ֖ה לֹעֵ֥ג
8 לִֽי׃ כִּֽי־מִדֵּ֤י אֲדַבֵּר֙ אֶזְעָ֔ק חָמָ֥ס וָשֹׁ֖ד אֶקְרָ֑א כִּֽי־הָיָ֨ה
9 דְבַר־יְהוָ֥ה לִ֛י לְחֶרְפָּ֥ה וּלְקֶ֖לֶס כָּל־הַיּֽוֹם׃ וְאָמַרְתִּ֣י לֹֽא־
אֶזְכְּרֶ֗נּוּ וְלֹֽא־אֲדַבֵּ֥ר עוֹד֙ בִּשְׁמ֔וֹ וְהָיָ֤ה בְלִבִּי֙ כְּאֵ֣שׁ בֹּעֶ֔רֶת
י עָצֻ֖ר בְּעַצְמֹתָ֑י וְנִלְאֵ֥יתִי כַּלְכֵ֖ל וְלֹ֥א אוּכָֽל׃ כִּ֣י שָׁמַ֗עְתִּי
דִּבַּ֣ת רַבִּים֮ מָג֣וֹר מִסָּבִיב֒ הַגִּ֙ידוּ֙ וְנַגִּידֶ֔נּוּ כֹּ֚ל אֱנ֣וֹשׁ שְׁלֹמִ֔י
שֹׁמְרֵ֖י צַלְעִ֑י אוּלַ֤י יְפֻתֶּה֙ וְנ֣וּכְלָה ל֔וֹ וְנִקְחָ֥ה נִקְמָתֵ֖נוּ מִמֶּֽנּוּ׃
11 וַֽיהוָ֤ה אוֹתִי֙ כְּגִבּ֣וֹר עָרִ֔יץ עַל־כֵּ֛ן רֹדְפַ֥י יִכָּשְׁל֖וּ וְלֹ֣א יֻכָ֑לוּ
בֹּ֤שׁוּ מְאֹד֙ כִּי־לֹ֣א הִשְׂכִּ֔ילוּ כְּלִמַּ֣ת עוֹלָ֔ם לֹ֖א תִשָּׁכֵֽחַ׃
12 וַֽיהוָ֣ה צְבָא֗וֹת בֹּחֵ֣ן צַדִּ֔יק רֹאֶ֥ה כְלָי֖וֹת וָלֵ֑ב אֶרְאֶ֤ה נִקְמָֽתְךָ֙
13 מֵהֶ֔ם כִּ֥י אֵלֶ֖יךָ גִּלִּ֥יתִי אֶת־רִיבִֽי׃ שִׁ֚ירוּ לַֽיהוָ֔ה הַֽלְל֖וּ
אֶת־יְהוָ֑ה כִּ֥י הִצִּ֛יל אֶת־נֶ֥פֶשׁ אֶבְי֖וֹן מִיַּ֥ד מְרֵעִֽים׃
14 אָר֣וּר הַיּ֔וֹם אֲשֶׁ֥ר יֻלַּ֖דְתִּי בּ֑וֹ י֛וֹם אֲשֶׁר־יְלָדַ֥תְנִי אִמִּ֖י אַל־
טו יְהִ֥י בָרֽוּךְ׃ אָר֣וּר הָאִ֗ישׁ אֲשֶׁ֨ר בִּשַּׂ֤ר אֶת־אָבִי֙ לֵאמֹ֔ר יֻלַּד־
16 לְךָ֖ בֵּ֣ן זָכָ֑ר שַׂמֵּ֖חַ שִׂמְּחָֽהוּ׃ וְהָיָה֙ הָאִ֣ישׁ הַה֔וּא כֶּֽעָרִ֛ים
אֲשֶׁר־הָפַ֥ךְ יְהוָ֖ה וְלֹ֣א נִחָ֑ם וְשָׁמַ֤ע זְעָקָה֙ בַּבֹּ֔קֶר וּתְרוּעָ֖ה
17 בְּעֵ֥ת צָהֳרָֽיִם׃ אֲשֶׁ֥ר לֹא־מוֹתְתַ֖נִי מֵרָ֑חֶם וַתְּהִי־לִ֤י אִמִּי֙
18 קִבְרִ֔י וְרַחְמָ֖ה הֲרַ֥ת עוֹלָֽם׃ לָ֤מָּה זֶּה֙ מֵרֶ֣חֶם יָצָ֔אתִי לִרְא֖וֹת
עָמָ֣ל וְיָג֑וֹן וַיִּכְל֥וּ בְּבֹ֖שֶׁת יָמָֽי׃

כא CAP. XXI. כא

א הַדָּבָ֛ר אֲשֶׁר־הָיָ֥ה אֶֽל־יִרְמְיָ֖הוּ מֵאֵ֣ת יְהוָ֑ה בִּשְׁלֹ֨חַ אֵלָ֜יו
הַמֶּ֣לֶךְ צִדְקִיָּ֗הוּ אֶת־פַּשְׁחוּר֙ בֶּן־מַלְכִּיָּ֔ה וְאֶת־צְפַנְיָ֧ה בֶן־
2 מַעֲשֵׂיָ֛ה הַכֹּהֵ֖ן לֵאמֹֽר׃ דְּרָשׁ־נָ֤א בַעֲדֵ֙נוּ֙ אֶת־יְהוָ֔ה כִּ֛י
נְבוּכַדְרֶאצַּ֥ר מֶֽלֶךְ־בָּבֶ֖ל נִלְחָ֣ם עָלֵ֑ינוּ אוּלַ֡י יַעֲשֶׂה֩ יְהוָ֨ה
3 אוֹתָ֜נוּ כְּכָל־נִפְלְאֹתָ֗יו וְיַעֲלֶ֖ה מֵעָלֵֽינוּ׃ וַיֹּ֖אמֶר יִרְמְיָ֑הוּ
4 אֲלֵיהֶ֕ם כֹּ֥ה תֹאמְרֻ֖ן אֶל־צִדְקִיָּֽהוּ׃ כֹּֽה־אָמַ֤ר יְהוָה֙ אֱלֹהֵ֣י

יִשְׂרָאֵל

כ v. 8. קמץ בז״ק v. 9. כצ״ל

7 דו האָסט מיך איינגערעדט, גאָט, און איך בין איבערגערעדט געוואָרען,
דו האָסט מיך פעסט אָנגענומען און האָסט אויסגעפיהרט, איך בין גע־
וואָרען צום געלעכטער דעם גאַנצען טאָג, אַלע שפּאָטען פון מיר.
8 דען ווען איך רייד, שריי איך און רוף אויס וועגען די גוואַלד־טהאַטען
און בעדריקונג, דרום איז גאָט'ס וואָרט מיר געוואָרען צו שפּאָט און צו
שאַנד דעם גאַנצען טאָג.
9 און איך האָב געטראַכט, איך וועל איהם ניט דערמאָהנען מעהר, און
מעהר ניט ריידען אין זיין נאָמען. ווערט מיר אָבער אין מיין הארצען
ווי ברענענדיג פייער, איינגעהאַלטען אין מיינע ביינער, איך מיה מיך
צו פערטראָגען אָבער איך קען ניט.
10 ווייל איך האָב געהערט די רייד פון פיעלע, שרעקליך פון אַלע זייטען :
„זאָגט עס און לאָמיר איהם זאָגען" (אַלע מיינע פריינדע ווינשען מיין
בראָך) „פיללייכט וועט ער זיך לאָזען איבעררײדען און דאַן וועלען מיר
איהם בעזיעגען און נעהמען, אונזער ראַכע פון איהם".
11 אָבער גאָט — האָט מיך געמאַכט — ווי אַ מעכטיגען העלד, דאָרום ווע־
לען מיינע פערפאָלגער געשטרויכעלט ווערען און וועלען ניט בעזיעגען,
זעהר צו שאַנדע וועלען זיי זיין ווייל זיי האָבען ניט קלוג געהאַנדעלט,
איין אייביגע שאַנדע, וואָס וועט נים פערגעסען ווערען.
12 און גאָט פון הערשאַפטען פּרובט דעם גערעכטען, זעהט די ניערען
און האַרץ, איך וועל זעהען דיין ראַכע פון זיי, ווייל צו דיר האָב איך
אַנטפּלעקט מיין אַנקלאַגע.
13 זינגט צו גאָט, לויבט גאָט, ווייל ער האָט גערעטעט די זעעלע פון אונ־
גליקליכען פון שלעכטע הענד.
14 פערפלוכט זאָל זיין דער טאָג אין וועלכען איך בין געבאָרען געוואָרען,
דער טאָג וואָס מיין מוטער האָט מיך געבאָרען זאָל נישט געבענשט זיין.
15 פערפלוכט זאָל זיין דער מאַן וואָס האָט אָנגעזאָגט מיין פאָטער זאָגענדיג,
אַ זוהן איז דיר געבאָרען געוואָרען, ער האָט איהם דערפרעהט.
16 יענער מאַן זאָל זיין ווי די שטעדט וואָס גאָט האָט צוואָרפען און
ניט בערייעט, ער זאָל הערען וועה געשריי אין דער פריה און שאַלונג
פון קריעג אין מיטאָג צייט.
17 ווייל ער האָט מיך ניט געטוידט פון דעם מוטער־לייב, און מיין מוטער
וואָלט געווען מיין קבר, און איהר מוטער־לייב שוואַנגער אויף אייביג.
18 וואָרום בין איך אַרויס פון מוטער־לייב ? צו זעהען אונגליק און טרויער?
און אַזוי זיינען מיינע טעג פערשוואונדען אין שאַנדע !

קאַפּיטעל כא

1 דאָס וואָרט וואָס עס איז געווען צו ירמיהו פון גאָט, ווען דער קעניג
צדקיהו האָט צו איהם געשיקט פשחור'ן דער זוהן פון מלכיה און צפניה'ן
דער זוהן פון מעשיה דער פּריעסט זאָגענדיג :
2 בעט, איך בעט דיך, פאַר אונז ביי גאָט, ווייל נבוכדראצר דער קעניג
פון בבל שטרייט געגען אונז, פיללייכט וועט אונז גאָט טהאָן אַזוי ווי
אַלע זיינע וואונדער און דער פיינד וועט פון אונז אַוועק.
3 און ירמיהו האָט געזאָגט צו זיי : אַזוי זאָלט איהר זאָגען צו צדקיהו.
4 אַזוי האָט דער עוויגער גאָט פון ישראל געזאָגט : איך וועל צוריק ווענ־

יִשְׂרָאֵל הִנְנִי מֵסֵב אֶת־כְּלֵי הַמִּלְחָמָה אֲשֶׁר בְּיֶדְכֶם אֲשֶׁר
אַתֶּם נִלְחָמִים בָּם אֶת־מֶלֶךְ בָּבֶל וְאֶת־הַכַּשְׂדִּים הַצָּרִים
עֲלֵיכֶם מִחוּץ לַחוֹמָה וְאָסַפְתִּי אוֹתָם אֶל־תּוֹךְ הָעִיר
ה הַזֹּאת׃ וְנִלְחַמְתִּי אֲנִי אִתְּכֶם בְּיָד נְטוּיָה וּבִזְרוֹעַ חֲזָקָה
6 וּבְאַף וּבְחֵמָה וּבְקֶצֶף גָּדוֹל׃ וְהִכֵּיתִי אֶת־יוֹשְׁבֵי הָעִיר
הַזֹּאת וְאֶת־הָאָדָם וְאֶת־הַבְּהֵמָה בְּדֶבֶר גָּדוֹל יָמֻתוּ׃
7 וְאַחֲרֵי־כֵן נְאֻם־יְהוָה אֶתֵּן אֶת־צִדְקִיָּהוּ מֶלֶךְ־יְהוּדָה ׀ וְאֶת־
עֲבָדָיו ׀ וְאֶת־הָעָם וְאֶת־הַנִּשְׁאָרִים בָּעִיר הַזֹּאת מִן־הַדֶּבֶר ׀
מִן־הַחֶרֶב וּמִן־הָרָעָב בְּיַד נְבוּכַדְרֶאצַּר מֶלֶךְ־בָּבֶל וּבְיַד
אֹיְבֵיהֶם וּבְיַד מְבַקְשֵׁי נַפְשָׁם וְהִכָּם לְפִי־חֶרֶב לֹא־יָחוּס
8 עֲלֵיהֶם וְלֹא יַחְמֹל וְלֹא יְרַחֵם׃ וְאֶל־הָעָם הַזֶּה תֹּאמַר
כֹּה אָמַר יְהוָה הִנְנִי נֹתֵן לִפְנֵיכֶם אֶת־דֶּרֶךְ הַחַיִּים וְאֶת־
9 דֶּרֶךְ הַמָּוֶת׃ הַיֹּשֵׁב בָּעִיר הַזֹּאת יָמוּת בַּחֶרֶב וּבָרָעָב
וּבַדָּבֶר וְהַיּוֹצֵא וְנָפַל עַל־הַכַּשְׂדִּים הַצָּרִים עֲלֵיכֶם *יִחְיֶה
י וְהָיְתָה־לּוֹ נַפְשׁוֹ לְשָׁלָל׃ כִּי שַׂמְתִּי פָנַי בָּעִיר הַזֹּאת
לְרָעָה וְלֹא לְטוֹבָה נְאֻם־יְהוָה בְּיַד־מֶלֶךְ־בָּבֶל תִּנָּתֵן וּשְׂרָפָהּ
11 12 בָּאֵשׁ׃ וּלְבֵית מֶלֶךְ יְהוּדָה שִׁמְעוּ דְּבַר־יְהוָה׃ בֵּית דָּוִד
כֹּה אָמַר יְהוָה דִּינוּ לַבֹּקֶר מִשְׁפָּט וְהַצִּילוּ גָזוּל מִיַּד עוֹשֵׁק
פֶּן־תֵּצֵא כָאֵשׁ חֲמָתִי וּבָעֲרָה וְאֵין מְכַבֶּה מִפְּנֵי רֹעַ
13 מַעַלְלֵיהֶם׃ הִנְנִי אֵלַיִךְ יֹשֶׁבֶת הָעֵמֶק צוּר הַמִּישֹׁר נְאֻם־
יְהוָה הָאֹמְרִים מִי־יֵחַת עָלֵינוּ וּמִי יָבוֹא בִּמְעוֹנוֹתֵינוּ׃
14 וּפָקַדְתִּי עֲלֵיכֶם כִּפְרִי מַעַלְלֵיכֶם נְאֻם־יְהוָה וְהִצַּתִּי אֵשׁ
בְּיַעְרָהּ וְאָכְלָה כָּל־סְבִיבֶיהָ׃

Cap. XXII. כב

כב

א כֹּה אָמַר יְהוָה רֵד בֵּית־מֶלֶךְ יְהוּדָה וְדִבַּרְתָּ שָּׁם אֶת־
2 הַדָּבָר הַזֶּה׃ וְאָמַרְתָּ שְׁמַע דְּבַר־יְהוָה מֶלֶךְ יְהוּדָה הַיֹּשֵׁב
עַל־כִּסֵּא דָוִד אַתָּה וַעֲבָדֶיךָ וְעַמְּךָ הַבָּאִים בַּשְּׁעָרִים
האלה

כ"א v. 9. וחיה קרי v. 12. מעלליכם קרי

דען די קריעגס־וואפען, וואס זיינען אין אייערע הענד, מיט וועלכע איהר
שטרייט געגען דעם קעניג פון בבל און די כשדים, וועלכע בעלאגערען
אייך פון דרויסען פון מויער, און וועל זיי צוזאמען ברענגען אין מיטען
פון דיעזער שטאדט.

5 און איך וועל מיט אייך שטרייטען מיט אן אויסגעשטרעקטע האנד און
מיט א שטארקען ארעם און מיט צארן און מיט היטץ און מיט גרויסען
גרימצארן.

6 און וועל שלאגען די איינוואהנער פון דיעזער שטאדט, מענשען און פיה.
דורך א גרויסען מארד וועלען זיי שטארבען.

7 און נאכהער, זאגט גאט, וועל איך איבערגעבען צדקיהו׳ן דעם קעניג פון
יהודה און זיינע קנעכט און דאס פאלק און די וואס זיינען איבערגעבליע־
בען אין דיעזער שטאדט פון דעם פעסט, פון דעם שווערד און פון דעם הונ־
גער — אין דער האנד פון נבוכדראצר דער קעניג פון בבל און אין דער
האנד פון זייערע פיינדע און אין דער האנד פון זייערע פערפאלגער, און
זיי וועלען זיי שלאגען מיט דעם שארף פון שווערד, ער וועט ניט דער־
בארעמען איבער זיי, וועט ניט שוינען און וועט קיין מיטלייד האבען.

8 און צו דיעזען פאלק זאלסטו זאגען: אזוי האט גאט געזאגט, איך
לייג אייך פאר דעם וועג פון לעבען און דעם וועג פון טוידט.

9 דער וואס פערבלייבט אין דיעזער שטאדט וועט שטארבען דורכ׳ן שווערד,
הונגער און פעסט, און דער וואס וועט ארויסגעהען און איבערגעהן צו
די כשדים, וועלכע בעלאגערען אויף אייך, וועט בלייבען לעבען און זיין
זעעלע וועט זיין זיין פערדיענסט.

10 ווייל איך האב געריכטעט מיין געזיכט צו דיעזער שטאדט צום שלעכטען
און ניט צום גוטען, זאגט גאט, אין דער האנד פון דעם קעניג פון בבל
וועט זי געגעבען ווערען און ער וועט זי פערברענען מיט פייער.

11 און (זאג) צום הויז פון קעניג פון יהודה: הערט צו גאטעס ווארט.

12 הויז פון דוד! אזוי האט גאט געזאגט, ריכטעט געריכט אין פריה מאר־
גען און רעטעט דעם געראויבטען פון דער האנד פון אונטערדריקער, ווען
ניט וועט אויסברעכען מיין צארן ווי א פייער און עס וועט ברענען און
קיינער וועט ניט קענען פערלעשען, פאר אייערע שלעכטע האנדלונגען.

13 איך וועל קומען צו דיר דו איינוואהנער פון טהאל, פעלז פון פליין, זאגט
גאט, איהר טראכט דאך ווער וועט עס אראבשטייגען צו אונז? און ווער
וועט עס אריינקומען אין אונזערע וואהנונגען.

14 און איך וועל אייך שטראפען נאך די פרוכט פון אייערע טהאטען, זאגט
גאט, און איך וועל אנצינדען א פייער אין איהר וואלד און עס וועט פער־
ברענען אלעס וואס ארום איהר.

קאפיטעל כב

1 אזוי זאגט גאט, געה ארונטער צום הויז פון קעניג פון יהודה און רייד
דארט דיעזען ווארט.

2 און דו זאלסט זאגען: הער צו גאטעס ווארט, קעניג פון יהודה, וואס
זיטצט אויף דעם טהראן פון דוד, דו און דיינע קנעכט און דיין פאלק,
וואס קומען אין דיעזע טהויערען.

הָאֵלֶּה׃ כֹּה ׀ אָמַר יְהוָה עֲשׂוּ מִשְׁפָּט וּצְדָקָה וְהַצִּילוּ 3
גָזוּל מִיַּד עָשׁוֹק וְגֵר יָתוֹם וְאַלְמָנָה אַל־תֹּנוּ אַל־תַּחְמֹסוּ
וְדָם נָקִי אַל־תִּשְׁפְּכוּ בַּמָּקוֹם הַזֶּה׃ כִּי אִם־עָשׂוֹ תַּעֲשׂוּ 4
אֶת־הַדָּבָר הַזֶּה וּבָאוּ בְשַׁעֲרֵי הַבַּיִת הַזֶּה מְלָכִים יֹשְׁבִים
לְדָוִד עַל־כִּסְאוֹ רֹכְבִים בָּרֶכֶב וּבַסּוּסִים הוּא וַעֲבָדָו וְעַמּוֹ׃
וְאִם לֹא תִשְׁמְעוּ אֶת־הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה בִּי נִשְׁבַּעְתִּי נְאֻם־ ה
יְהוָה כִּי־לְחָרְבָּה יִהְיֶה הַבַּיִת הַזֶּה׃ כִּי־כֹה ׀ אָמַר 6
יְהוָה עַל־בֵּית מֶלֶךְ יְהוּדָה גִּלְעָד אַתָּה לִי רֹאשׁ הַלְּבָנוֹן
אִם־לֹא אֲשִׁיתְךָ מִדְבָּר עָרִים לֹא נוֹשָׁבָה׃ וְקִדַּשְׁתִּי עָלֶיךָ 7
מַשְׁחִתִים אִישׁ וְכֵלָיו וְכָרְתוּ מִבְחַר אֲרָזֶיךָ וְהִפִּילוּ עַל־
הָאֵשׁ׃ וְעָבְרוּ גּוֹיִם רַבִּים עַל הָעִיר הַזֹּאת וְאָמְרוּ אִישׁ 8
אֶל־רֵעֵהוּ עַל־מֶה עָשָׂה יְהוָה כָּכָה לָעִיר הַגְּדוֹלָה הַזֹּאת׃
וְאָמְרוּ עַל אֲשֶׁר עָזְבוּ אֶת־בְּרִית יְהוָה אֱלֹהֵיהֶם וַיִּשְׁתַּחֲווּ 9
לֵאלֹהִים אֲחֵרִים וַיַּעַבְדוּם׃ אַל־תִּבְכּוּ לְמֵת וְאַל־ י
תָּנֻדוּ לוֹ בְּכוּ בָכוֹ לַהֹלֵךְ כִּי לֹא יָשׁוּב עוֹד וְרָאָה אֶת־
אֶרֶץ מוֹלַדְתּוֹ׃ כִּי כֹה אָמַר־יְהוָה אֶל־שַׁלֻּם בֶּן־יֹאשִׁיָּהוּ 11
מֶלֶךְ יְהוּדָה הַמֹּלֵךְ תַּחַת יֹאשִׁיָּהוּ אָבִיו אֲשֶׁר יָצָא מִן־
הַמָּקוֹם הַזֶּה לֹא־יָשׁוּב שָׁם עוֹד׃ כִּי בִּמְקוֹם אֲשֶׁר־הִגְלוּ 12
אֹתוֹ שָׁם יָמוּת וְאֶת־הָאָרֶץ הַזֹּאת לֹא־יִרְאֶה עוֹד׃
הוֹי בֹּנֶה בֵיתוֹ בְּלֹא־צֶדֶק וַעֲלִיּוֹתָיו בְּלֹא מִשְׁפָּט בְּרֵעֵהוּ 13
יַעֲבֹד חִנָּם וּפֹעֲלוֹ לֹא יִתֶּן־לוֹ׃ הָאֹמֵר אֶבְנֶה־לִּי בֵּית 14
מִדּוֹת וַעֲלִיּוֹת מְרֻוָּחִים וְקָרַע לוֹ חַלּוֹנָי וְסָפוּן בָּאָרֶז וּמָשׁוֹחַ
בַּשָּׁשַׁר׃ הֲתִמְלֹךְ כִּי אַתָּה מְתַחֲרֶה בָאָרֶז אָבִיךָ הֲלוֹא טו
אָכַל וְשָׁתָה וְעָשָׂה מִשְׁפָּט וּצְדָקָה אָז טוֹב לוֹ׃ דָּן דִּין־ 16
עָנִי וְאֶבְיוֹן אָז טוֹב הֲלוֹא־הִיא הַדַּעַת אֹתִי נְאֻם־יְהוָה׃ כִּי 17
אֵין עֵינֶיךָ וְלִבְּךָ כִּי אִם־עַל־בִּצְעֶךָ וְעַל דַּם־הַנָּקִי לִשְׁפּוֹךְ
וְעַל־הָעֹשֶׁק וְעַל־הַמְּרוּצָה לַעֲשׂוֹת׃ לָכֵן כֹּה־אָמַר 18

יהוה

v. 4. ועבדיו קרי v. 6. נושבו קרי v. 14. קמץ בז״ק

3 אַזוי האָט גאָט געזאָגט : טהוט רעכט און גערעכטיגקייט, און רעטעט דעם
גערויבטען פון האַנד פון אונטערדריקער, און דעם פרעמדען, דעם יתום
און די אַלמנה זאָלט איהר ניט בעטריעגען און ניט בערויבען, און פער־
גיעסט ניט קיין אונשולדיגעס בלוט אין דיעזען אָרט.
4 ווייל ווען איהר וועט אימער דיעזע זאַך טהאָן, וועלען דורך דיעזע טהויע־
רען אַריינקומען קעניגע, וואָס זיצען אויף דוד׳ס טהראָן, פאָהרען אין
וועגען און רייטען אויף פערד, ער און זיינע קנעכט און זיין פאָלק.
5 אָבער ווען איהר וועט ניט צוהערען דיעזע ווערטער, שווער איך ביי מיר,
זאָגט גאָט, אַז דיעזע הויז וועט ווערען וויסט.
6 ווייל אַזוי האָט געזאָגט גאָט וועגען דעם הויז פון קעניג יהודה, מעגסט
זיך זיין צו מיר ווי גלעד, די הויפט פון לבנון, וועסטו זעהען אויב איך
וועל דיך ניט מאַכען פאַר אַ וויסטע, אונבעוואָהנטע שטעדט.
7 און איך וועל אָנברייטען פאַר דיר פערדערבער יעדערער מיט זיינע ווערק־
צייג, און זיי וועלען אויסהאַקען דיינע בעסטע טענענבוימער און וואַר־
פען אויפ׳ן פייער.
8 און פיעלע פעלקער וועלען פאַרביי דיעזע שטאָדט פאָהרען און זיי וועלען
זאָגען איינער צום אַנדערען, וואָרום האָט גאָט אַזוי געטהאָן מיט דיעזער
גרויסער שטאָדט ?
9 און זיי וועלען זאָגען : ווייל זיי האָבען פערלאָזען דעם עוויגענס זייער
גאָטעס בונד און זיי האָבען זיך געבוקט צו אַנדערע געטער און געדיענט
זיי.
10 וויינט ניט נאָך אַ טוידטען און בעקלאָגט איהם ניט, וויינט פיעל מעהר
נאָך דעם וואָס געהט אַוועק ווייל ער וועט זיך ניט מעהר צוריקקעהרען
און זעהען זיין געבורטסלאַנד.
11 ווייל אַזוי האָט געזאָגט גאָט וועגען שלם דער זוהן פון יאשיהו קעניג
פון יהודה, וואָס רעגיערט אָנשטאָט זיין פאָטער יאשיהו, וועלכער איז
אַרויס פון דיעזען אָרט — ער וועט מעהר דאָרט צוריק ניט קעהרען.
12 זאָנדערן אין דעם אָרט וואו מען האָט איהם פערטריעבען דאָרט וועט
ער שטאַרבען, און דיעזעס לאַנד וועט ער מעהר ניט זעהען.
13 וועה דעם וואָס בויעט זיין הויז מיט אונגערעכטיגקייט און זיין אויבער־
הייזער מיט אונרעכט, וואָס לאָזט זיין פריינד אַרבייטען אומזיסט און
בעצאָהלט איהם ניט פאַר זיין אַרבייט.
14 וואָס ער זאָגט איך וועל מיר בויען אַ גערױמע הויז, בעקוועמע אויבער־
הייזער, האַקט אויס ברייטע פענסטער און פאַסט איין אין טענען האָלץ
און פאָלירט מיט רויטען פאַרב.
15 וועסטו דען רעגיערען דאַמיט וואָס דו שטאָלצירסט מיט דיין טענען
האָלץ ? דיין פאָטער האָט דאָך (אויך) גענעסען און געטרונקען ער האָט
אָבער געטהאָן רעכט און גערעכטיגקייט, דאַן איז געווען וואָהל צו איהם.
16 ער האָט געריכטעט רעכט פאַר׳ן אָרימען און בעדערפטיגען, דאַן איז גע־
ווען וואָהל צו איהם, דער הויפט צוועק איז דאָך מיך צו ערקענען, זאָגט
גאָט.
17 אָבער דיינע אויגען און דיין האַרץ איז דאָך נאָר פאַר דיין אייגעננוטץ,
צו פאַרגיעסען אונשולדיג בלוט, צו אונטערדריקען און צו טהאָן גע־
וואַלדטהאַט.
18 דאַרום זאָגט גאָט אַזוי וועגען יהויקים דער זוהן פון יאשיהו קעניג פון

יְהוָה אֶל־יְהוֹיָקִים בֶּן־יֹאשִׁיָּהוּ מֶלֶךְ יְהוּדָה לֹא־יִסְפְּדוּ לוֹ
הוֹי אָחִי וְהוֹי אָחוֹת לֹא־יִסְפְּדוּ לוֹ הוֹי אָדוֹן וְהוֹי הֹדֹה׃
19 קְבוּרַת חֲמוֹר יִקָּבֵר סָחוֹב וְהַשְׁלֵךְ מֵהָלְאָה לְשַׁעֲרֵי
כ יְרוּשָׁלִָם׃ עֲלִי הַלְּבָנוֹן וּצְעָקִי וּבַבָּשָׁן תְּנִי קוֹלֵךְ
21 וְצַעֲקִי מֵעֲבָרִים כִּי נִשְׁבְּרוּ כָּל־מְאַהֲבָיִךְ׃ דִּבַּרְתִּי אֵלַיִךְ
בְּשַׁלְוֺתַיִךְ אָמַרְתְּ לֹא אֶשְׁמָע זֶה דַרְכֵּךְ מִנְּעוּרַיִךְ כִּי לֹא־
22 שָׁמַעַתְּ בְּקוֹלִי׃ כָּל־רֹעַיִךְ תִּרְעֶה־רוּחַ וּמְאַהֲבַיִךְ בַּשְּׁבִי
23 יֵלֵכוּ כִּי אָז תֵּבֹשִׁי וְנִכְלַמְתְּ מִכֹּל רָעָתֵךְ׃ יֹשַׁבְתִּי בַּלְּבָנוֹן
מְקֻנַּנְתִּי בָּאֲרָזִים מַה־נֵּחַנְתְּ בְּבֹא־לָךְ חֲבָלִים חִיל כַּיֹּלֵדָה׃
24 חַי־אָנִי נְאֻם־יְהוָה כִּי אִם־יִהְיֶה כָּנְיָהוּ בֶּן־יְהוֹיָקִים מֶלֶךְ
כה יְהוּדָה חוֹתָם עַל־יַד יְמִינִי כִּי מִשָּׁם אֶתְּקֶנְךָּ׃ וּנְתַתִּיךָ
בְּיַד מְבַקְשֵׁי נַפְשֶׁךָ וּבְיַד אֲשֶׁר־אַתָּה יָגוֹר מִפְּנֵיהֶם וּבְיַד
26 נְבוּכַדְרֶאצַּר מֶלֶךְ־בָּבֶל וּבְיַד הַכַּשְׂדִּים׃ וְהֵטַלְתִּי אֹתְךָ
וְאֶת־אִמְּךָ אֲשֶׁר יְלָדַתְךָ עַל הָאָרֶץ אַחֶרֶת אֲשֶׁר לֹא־יֻלַּדְתֶּם
27 שָׁם וְשָׁם תָּמוּתוּ׃ וְעַל־הָאָרֶץ אֲשֶׁר הֵם מְנַשְּׂאִים אֶת־
28 נַפְשָׁם לָשׁוּב שָׁם שָׁמָּה לֹא יָשׁוּבוּ׃ הַעֶצֶב נִבְזֶה נָפוּץ
הָאִישׁ הַזֶּה כָּנְיָהוּ אִם־כְּלִי אֵין חֵפֶץ בּוֹ מַדּוּעַ הוּטְלוּ הוּא
29 וְזַרְעוֹ וְהֻשְׁלְכוּ עַל־הָאָרֶץ אֲשֶׁר לֹא־יָדָעוּ׃ אֶרֶץ אֶרֶץ אָרֶץ
ל שִׁמְעִי דְּבַר־יְהוָה׃ כֹּה ׀ אָמַר יְהוָה כִּתְבוּ אֶת־הָאִישׁ הַזֶּה
עֲרִירִי גֶּבֶר לֹא־יִצְלַח בְּיָמָיו כִּי לֹא יִצְלַח מִזַּרְעוֹ אִישׁ
יֹשֵׁב עַל־כִּסֵּא דָוִד וּמֹשֵׁל עוֹד בִּיהוּדָה׃

CAP. XXIII. כג

כג

א הוֹי רֹעִים מְאַבְּדִים וּמְפִצִים אֶת־צֹאן מַרְעִיתִי נְאֻם־יְהוָה׃
2 לָכֵן כֹּה־אָמַר יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל עַל־הָרֹעִים הָרֹעִים
אֶת־עַמִּי אַתֶּם הֲפִצֹתֶם אֶת־צֹאנִי וַתַּדִּחוּם וְלֹא פְקַדְתֶּם
אֹתָם הִנְנִי פֹקֵד עֲלֵיכֶם אֶת־רֹעַ מַעַלְלֵיכֶם נְאֻם־יְהוָה׃
3 וַאֲנִי אֲקַבֵּץ אֶת־שְׁאֵרִית צֹאנִי מִכֹּל הָאֲרָצוֹת אֲשֶׁר־הִדַּחְתִּי

אתם

כ״ב v. 20 כצ״ל v. 23 ישבת קרי ibid מקננת קרי

יהודה : מען וועט ניט קלאָגען איבער איהר וועה, מיין ברודער ! וועה,
שוועסטער ! מען וועט ניט קלאָגען איבער איהר וועה, האאר ! וועה,
זיין הערליכקייט.

19 ווי איין עזעל וועט ער בעגראָבען ווערען, געשלעפּט און געוואָרפען ווייד
טער פון די טהויערען פון ירושלים.

20 געה אַרויף אויפ'ן לבנון און שריי, און אין בשן גיעב אַרויס דיין שטימע,
און שריי פון עברים, ווייל אַלע דיינע ליעבהאָבער זיינען צובראָכען.

21 איך האָב צו דיר גערעדט אין דיינע רוהע צייטען, האָסטו געזאָגט איך
וויל ניט הערען. דאָס איז דיין שטייגער פון דיין יוגענד אָן ווייל דו האָסט
מיין שטימע ניט געהערט.

22 אַלע דיינע הירטען וועט דער ווינד פערשפּרייטען, און דיינע ליעבהאָבער
וועלען אַוועק אין געפאַנגענשאַפט, ערשט דאַן וועסטו זיין צו שאַנד און
וועסט זיך שעהמען פון אַלע שלעכטס דיינע.

23 דו וואָהנסט אויף לבנון, האָסט זיך אַ נעסט געמאַכט אויף טענענבוימער,
אָבער ווי בעדויערענסווערטה וועסטו זיין ווען עס וועלען קומען צו דיר
שמערצען, וועהען ווי אַ געווינכרין !

24 זאָ וואָהר ווי איך לעב, זאָגט גאָט, ווען כניהו דער זוהן פון יהויקים זאָל
זיין אַ זיגעלרינג אויף מיין רעכטע האַנד, וועל איך אויך פון דאָרט
אַברייסען.

25 און איך וועל דיך איבערגעבען אין האַנד פון דיינע פערפאָלגער און
אין האַנד פון די וואָס דו פירכטעסט פאַר זיי און אין האַנד פון
נבוכדראצר דער קעניג פון בבל און אין האַנד פון די כשדים.

26 און איך וועל דיך פערוואָרפען און דיין מוטער וואָס האָט דיך געבאָרען
אין אַ פרעמד לאַנד וואו איהר זייט ניט געבאָרען געוואָרען און דאָרט
וועט איהר שטאַרבען.

27 און אין לאַנד וואו זייער זעעלע געלוסט אַהין זיך צוריקקעהרען, אַהין
וועלען זיי זיך ניט צוריקקעהרען.

28 איז דען דיעזער מאַן, כניהו, אַ פעראַכטעט, צובראָכען בילד אָדער אַ געד
פעס וואָס מען קען עס ניט צו געברויכען ? וואָרום זיינען זיי פערוואָרפען
געוואָרען, ער און זיינע קינדער, אין אַ לאַנד, וואָס זיי האָבען ניט געקענט ?

29 אָה, לאַנד ! לאַנד ! לאַנד ! הער דאָס וואָרט פון גאָט.

30 אַזוי האָט גאָט געזאָגט : פערשרייבט דיעזען מאַן אַלס קינדער־לאָז, אַ
מאַן וואָס וועט ניט בעגליקען זיין גאַנצען לעבען, קיינעם פון זיינע קינדער
וועט ניט גליקען, איינער זאָל זיטצען אויף דוד'ס טהראָן און ווידער הערד
שען איבער יהודה.

קאַפּיטעל כג

1 וועה, די הירטען פערדאַרבען און פערשפּרייטען די שאָף פון מיין פיטעד
רונג, זאָגט גאָט.

2 דאַרום זאָגט דער עוויגער גאָט פון ישראל אויף די הירטען וואָס פיטערען
מיין פאָלק, איהר האָט פערשפּרייט מיין שאָף און פערשטויסען זיי און
ניט אַכטונג געגעבען אויף זיי, איך וועל בעזוכען אייערע שלעכטע בעד
האַנדלונגען, זאָגט גאָט.

3 און איך אַליין וועל איבערקלייבען די איבערגעבליענע פון מיינע שאָף

4 אֹתָם שָׁם וַהֲשִׁבֹתִי אֶתְהֶן עַל־נְוֵהֶן וּפָרוּ וְרָבוּ׃ וַהֲקִמֹתִי
עֲלֵיהֶם רֹעִים וְרָעוּם וְלֹא־יִירְאוּ עוֹד וְלֹא־יֵחַתּוּ וְלֹא יִפָּקֵדוּ
ה נְאֻם־יְהוָה׃ הִנֵּה יָמִים בָּאִים נְאֻם־יְהוָה וַהֲקִמֹתִי
לְדָוִד צֶמַח צַדִּיק וּמָלַךְ מֶלֶךְ וְהִשְׂכִּיל וְעָשָׂה מִשְׁפָּט
6 וּצְדָקָה בָּאָרֶץ׃ בְּיָמָיו תִּוָּשַׁע יְהוּדָה וְיִשְׂרָאֵל יִשְׁכֹּן לָבֶטַח
7 וְזֶה־שְּׁמוֹ אֲשֶׁר־יִקְרְאוֹ יְהוָה ׀ צִדְקֵנוּ׃ לָכֵן הִנֵּה־יָמִים
בָּאִים נְאֻם־יְהוָה וְלֹא־יֹאמְרוּ עוֹד חַי־יְהוָה אֲשֶׁר הֶעֱלָה
8 אֶת־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם׃ כִּי אִם־חַי־יְהוָה אֲשֶׁר
הֶעֱלָה וַאֲשֶׁר הֵבִיא אֶת־זֶרַע בֵּית יִשְׂרָאֵל מֵאֶרֶץ צָפֹנָה
וּמִכֹּל הָאֲרָצוֹת אֲשֶׁר הִדַּחְתִּים שָׁם וְיָשְׁבוּ עַל־אַדְמָתָם׃
9 לַנְּבִאִים נִשְׁבַּר לִבִּי בְקִרְבִּי רָחֲפוּ כָּל־עַצְמוֹתַי
הָיִיתִי כְּאִישׁ שִׁכּוֹר וּכְגֶבֶר עֲבָרוֹ יָיִן מִפְּנֵי יְהוָה וּמִפְּנֵי
י דִּבְרֵי קָדְשׁוֹ׃ כִּי מְנָאֲפִים מָלְאָה הָאָרֶץ כִּי־מִפְּנֵי אָלָה
אָבְלָה הָאָרֶץ יָבְשׁוּ נְאוֹת מִדְבָּר וַתְּהִי מְרוּצָתָם רָעָה
11 וּגְבוּרָתָם לֹא־כֵן׃ כִּי־גַם־נָבִיא גַם־כֹּהֵן חָנֵפוּ גַּם־בְּבֵיתִי
12 מָצָאתִי רָעָתָם נְאֻם־יְהוָה׃ לָכֵן יִהְיֶה דַרְכָּם לָהֶם
כַּחֲלַקְלַקּוֹת בָּאֲפֵלָה יִדַּחוּ וְנָפְלוּ בָהּ כִּי־אָבִיא עֲלֵיהֶם
13 רָעָה שְׁנַת פְּקֻדָּתָם נְאֻם־יְהוָה׃ וּבִנְבִיאֵי שֹׁמְרוֹן
רָאִיתִי תִפְלָה הִנַּבְּאוּ בַבַּעַל וַיַּתְעוּ אֶת־עַמִּי אֶת־יִשְׂרָאֵל׃
14 וּבִנְבִאֵי יְרוּשָׁלַם רָאִיתִי שַׁעֲרוּרָה נָאוֹף וְהָלֹךְ
בַּשֶּׁקֶר וְחִזְּקוּ יְדֵי מְרֵעִים לְבִלְתִּי־שָׁבוּ אִישׁ מֵרָעָתוֹ הָיוּ־
טו לִי כֻלָּם כִּסְדֹם וְיֹשְׁבֶיהָ כַּעֲמֹרָה׃ לָכֵן כֹּה־אָמַר
יְהוָה צְבָאוֹת עַל־הַנְּבִאִים הִנְנִי מַאֲכִיל אוֹתָם לַעֲנָה
וְהִשְׁקִתִים מֵי־רֹאשׁ כִּי מֵאֵת נְבִיאֵי יְרוּשָׁלַם יָצְאָה חֲנֻפָּה
16 לְכָל־הָאָרֶץ׃ כֹּה־אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת אַל־תִּשְׁמְעוּ
עַל־דִּבְרֵי הַנְּבִאִים הַנִּבְּאִים לָכֶם מַהְבִּלִים הֵמָּה אֶתְכֶם
17 חֲזוֹן לִבָּם יְדַבֵּרוּ לֹא מִפִּי יְהוָה׃ אֹמְרִים אָמוֹר לִמְנַאֲצַי

דבר

v. 5. מלעיל v. 12. מלעיל ופתח במקום קמץ

פון אלע לענדער וואוהין איך האָב זיי פערשטויסען, און וועל זיי צוריק
ברענגען צו זייער וואָהנונג און זיי וועלען זיין פרוכטבאַר און זיך מעהרען.
4 און איך וועל בעשטימען פאַר זיי הירטען און זיי וועלען זיך פיטערען
און זיי וועלען מעהר ניט פירכטען און ניט שרעקען און זיי וועלען ניט
פעהלען, זאָגט גאָט.
5 עס וועלען קומען צייטען, זאָגט גאָט, ווען איך וועל אויפשטעלען פון
דוד'ס שטאַם אַ גערעכטע שפּראָצונג, און עס וועט רעגיערען אַלס קעניג
און וועט בעגליקען און וועט טהאָן רעכט און גערעכטיגקייט אין לאַנד.
6 אין זיינע טעג וועט יהודה געהאָלפען ווערען און ישראל וועט וואָהנען
אין זיכערהייט, און דאָס איז זיין נאָמען וואָס מען וועט רופען : (אין
זיין צייט) מאַכט אונז גאָט גערעכט.
7 דאַרום וועלען קומען טעג, זאָגט גאָט, וואָס מען וועט מעהר ניט זאָגען,
זאָ וואַהר ווי גאָט לעבט, וואָס ער האָט ארויסגעפיהרט די קינדער פון
ישראל פונ'ם לאַנד מצרים.
8 נאָר, זאָ וואַהר ווי גאָט לעבט, וואָס ער האָט אַרויסגעפיהרט און גע־
בראַכט די קינדער פון ישראל'ס הויז פון נאָרד־זייט לאַנד און פון אלע
לענדער וואָס איך האָב זיי אהין פערשטויסען, און זיי וועלען וויעדער
וואָהנען אין זייער אייגען לאַנד.
9 איבער די פּראָפעטען איז אין מיר מיין האַרץ צובראָכען, אַלע מיינע
גליעדער (ביינער) ציטערען, איך בין געוואָרען ווי אַ בעטרונקענער מאַן,
ווי אַ מאַן וואָס דער וויין האָט איהם דורכגענומען, פאַר גאָט און פאַר
זיינע הייליגע ווערטער.
10 ווייל מיט אונצוכט טרייבעריי איז דאָס לאַנד פול, ווייל פאַר דעם פלוך
טרויערט די ערד, זיינען טרוקען געוואָרען די פיטערונגס־פּלעצער פון
דער וויסטע. דאָך לויפען זיי צו שלעכטעס און זייער קראַפט בענוצען
זיי ניט צו רעכט.
11 דען דער פּראָפעט ווי דער פּריעסט שמייכלען, אויך אין מיין הויז געפין
איך זייער שלעכטיגקייט, זאָגט גאָט.
12 דאַרום וועט זיי זייער וועג זיין ווי גליטשיגקייט אין דער פינסטער, זיי
וועלען געשטויסען ווערען און גלייך פאַלען, ווייל איך וועל אויף זיי
אַן אונגליק ברענגען אין דעם יאָהר ווען זיי וועלען אונטערגעזוכט ווע־
רען, זאָגט גאָט.
13 און ביי די פּראָפעטען פון שמרון, האָב איך געזעהען נאַרישקייט, זיי
האָבען פּראָפעצייהעט אין נאָמען פון בעל און פערפיהרט מיין פאָלק
ישראל.
14 אָבער ביי די פּראָפעטען פון ירושלים האָב איך געזעהען שוידערהאַפטיג־
קייט, אונצוכט טרייבעריי, אומגעהן מיט פאַלשקייט, אונטערשטיצען
די שלעכטסטהוער, זיי זאָלען זיך ניט צוריקציהען יעדערער פון זיין
שלעכטסקייט, זיי אַלע זיינען מיר געוואָרען ווי סדום און איהרע איינ־
וואָהנער ווי עמרה.
15 דאַרום, אַזוי זאָגט דער הערשאַפטען וועגען די פּראָפעטען : איך וועל
זיי מאַכען צו עסען ביטער גראָז און מאַכען צו טרינקען גיפטיג וואַסער,
ווייל פון די פּראָפעטען פון ירושלים איז אַרויס שמייכלעריי איבער דאָס
גאַנצע לאַנד.
16 אַזוי זאָגט גאָט דער הערשאַפטען : איהר זאָלט ניט הערען די רייד פון
די פּראָפעטען וואָס פּראָפעצייהען צו אַייך, זיי פערנאַרישען אַייך, זיי
ריידען וואָס זייער אייגען האַרץ זעהט, אָבער ניט פון גאָט'ס מויל.
17 זיי זאָגען אַלין צו מיינע פעראַכטער, גאָט האָט גערעדט, עס וועט זיין

דִּבֶּר יְהוָה שָׁלוֹם יִהְיֶה לָכֶם וְכֹל הֹלֵךְ בִּשְׁרִרוּת לִבּוֹ
18 אָמְרוּ לֹא־תָבוֹא עֲלֵיכֶם רָעָה׃ כִּי מִי עָמַד בְּסוֹד יְהוָה
וְיֵרֶא וְיִשְׁמַע אֶת־דְּבָרוֹ מִי־הִקְשִׁיב דְּבָרִי וַיִּשְׁמָע׃
19 הִנֵּה ׀ סַעֲרַת יְהוָה חֵמָה יָצְאָה וְסַעַר מִתְחוֹלֵל עַל רֹאשׁ
כ רְשָׁעִים יָחוּל׃ לֹא יָשׁוּב אַף־יְהוָה עַד־עֲשֹׂתוֹ וְעַד־הֲקִימוֹ
21 מְזִמּוֹת לִבּוֹ בְּאַחֲרִית הַיָּמִים תִּתְבּוֹנְנוּ בָהּ בִּינָה׃ לֹא־
שָׁלַחְתִּי אֶת־הַנְּבִאִים וְהֵם רָצוּ לֹא־דִבַּרְתִּי אֲלֵיהֶם וְהֵם
22 נִבָּאוּ׃ וְאִם־עָמְדוּ בְּסוֹדִי וְיַשְׁמִעוּ דְבָרַי אֶת־עַמִּי וִישִׁבוּם
23 מִדַּרְכָּם הָרָע וּמֵרֹעַ מַעַלְלֵיהֶם׃ הַאֱלֹהֵי מִקָּרֹב
24 אָנִי נְאֻם־יְהוָה וְלֹא אֱלֹהֵי מֵרָחֹק׃ אִם־יִסָּתֵר אִישׁ
בַּמִּסְתָּרִים וַאֲנִי לֹא־אֶרְאֶנּוּ נְאֻם־יְהוָה הֲלוֹא אֶת־הַשָּׁמַיִם
כה וְאֶת־הָאָרֶץ אֲנִי מָלֵא נְאֻם־יְהוָה׃ שָׁמַעְתִּי אֵת אֲשֶׁר־
אָמְרוּ הַנְּבִאִים הַנִּבְּאִים בִּשְׁמִי שֶׁקֶר לֵאמֹר חָלַמְתִּי
26 חָלָמְתִּי׃ עַד־מָתַי הֲיֵשׁ בְּלֵב הַנְּבִאִים נִבְּאֵי הַשָּׁקֶר וּנְבִיאֵי
27 תַּרְמִת לִבָּם׃ הַחֹשְׁבִים לְהַשְׁכִּיחַ אֶת־עַמִּי שְׁמִי בַּחֲלוֹמֹתָם
אֲשֶׁר יְסַפְּרוּ אִישׁ לְרֵעֵהוּ כַּאֲשֶׁר שָׁכְחוּ אֲבוֹתָם אֶת־שְׁמִי
28 בַּבָּעַל׃ הַנָּבִיא אֲשֶׁר־אִתּוֹ חֲלוֹם יְסַפֵּר חֲלוֹם וַאֲשֶׁר דְּבָרִי
אִתּוֹ יְדַבֵּר דְּבָרִי אֱמֶת מַה־לַתֶּבֶן אֶת־הַבָּר נְאֻם־יְהוָה׃
29 הֲלוֹא כֹה דְבָרִי כָּאֵשׁ נְאֻם־יְהוָה וּכְפַטִּישׁ יְפֹצֵץ סָלַע׃
ל לָכֵן הִנְנִי עַל־הַנְּבִאִם נְאֻם־יְהוָה מְגַנְּבֵי דְבָרַי אִישׁ מֵאֵת
31 רֵעֵהוּ׃ הִנְנִי עַל־הַנְּבִיאִם נְאֻם־יְהוָה הַלֹּקְחִים לְשׁוֹנָם
32 וַיִּנְאֲמוּ נְאֻם׃ הִנְנִי עַל־נִבְּאֵי חֲלֹמוֹת שֶׁקֶר נְאֻם־יְהוָה
וַיְסַפְּרוּם וַיַּתְעוּ אֶת־עַמִּי בְּשִׁקְרֵיהֶם וּבְפַחֲזוּתָם וְאָנֹכִי לֹא־
שְׁלַחְתִּים וְלֹא צִוִּיתִים וְהוֹעֵיל לֹא־יוֹעִילוּ לָעָם־הַזֶּה נְאֻם־
33 יְהוָה׃ וְכִי־יִשְׁאָלְךָ הָעָם הַזֶּה אוֹ־הַנָּבִיא אוֹ־כֹהֵן לֵאמֹר
מַה־מַּשָּׂא יְהוָה וְאָמַרְתָּ אֲלֵיהֶם אֶת־מַה־מַּשָּׂא וְנָטַשְׁתִּי
34 אֶתְכֶם נְאֻם־יְהוָה׃ וְהַנָּבִיא וְהַכֹּהֵן וְהָעָם אֲשֶׁר יֹאמַר מַשָּׂא

יהוה

v. 18. דברו ק׳

פריעדען צו אייך און צו אַלע וואָס געהען נאָך דעם אויסקוק פון זייער
האַרצען האָבען זיי געזאָגט דער אונגליק וועט אייך ניט טרעפען.
18 דאָך ווער פון זיי איז געשטאַנען ביי דעם געהיימס־ראַטה פון גאָט און
געזעהען און זיין וואָרט געהערט? ווער האָט זיין וואָרט פערנומען און
געהערט?
19 דער שטורעם פון גאָט איז אַרויס מיט צאָרן, און אַ שרעקליך שטורעם
אויף די קעפּ פון די שלעכטע וועט עס פאַלען.
20 גאָט׳ס צאָרן וועט זיך ניט צוריקקעהרען ביז ער וועט האָבען געטהאָן
און ערפילט די געדאַנקען פון זיין האַרץ, אין די לעצטע צייטען וועט
איהר עס גוט פערשטעהען.
21 איך האָב ניט געשיקט די פּראָפעטען און זיי זיינען געלאָפען איך האָב
צו זיי ניט גערעדט און זיי האָבען פּראָפעצייהעט.
22 און ווען זיי וואָלטען געשטאַנען אין מיין ראַטה, און וואָלטען מיינע ווער־
טער איבערגעבען צו מיין פאָלק וואָלטען זיי דאָך צוריקקעהרען זיי פון
זייער שלעכטען וועג און פון זייער שלעכטע האַנדלונגען.
23 בין איך נאָר אַ גאָט פון נאָהענטען, זאָגט גאָט, און ניט אַ גאָט פון ווייטען?
24 קען זיך דען אַ מענש פערבאָרגען אין געהיימע ערטער און איך זאָל איהם
ניט זעהען? זאָגט גאָט, ערפיל איך דען ניט די הימעל און די ערד?
זאָגט גאָט.
25 איך האָב געהערט וואָס די פּראָפעטען האָבען געזאָגט, וועלכע האָבען פּראָ־
פעצייהעט ליגען אין מיין נאָמען, זאָגענדיג: מיר האָט זיך געטרוימט,
מיר האָט זיך געטרוימט.
26 אָבער ביז ווי לאַנג? — איז דען דאָ ווארהייט אין האַרץ פון די פּראָ־
פעטען, וואָס פּראָפעצייהען ליגען, און פּראָפעטען פון בעטרוג פון זייער
27 האַרץ? — דענקען זיי צו מאַכען מיין פאָלק זאָל גאָר פערגעסען מיין
נאָמען דורך זייערע טרוימען, ווי זייערע עלטערען האָבען פערגעסען מיין
נאָמען דורך דעם בעל?
28 דער פּראָפעט וואָס האָט אַ טרוים זאָל דערצעהלען אַ טרוים, אָבער ווער
עס בעזיצט מיין וואָרט, דער זאָל ריידען מיין וואָרט פון ווארהייט, וואָס
פאַר אַ גלייכעניש איז שטרוי מיט קאָרן? זאָגט גאָט.
29 איז ניט מיין וואָרט ווי פייער? זאָגט גאָט, און ווי אַ האַמער וואָס צו־
שמעטערט אַ פעלזענשטיין?
30 דאַרום נון, איך בין געגען די פּראָפעטען, זאָגט גאָט, וואָס גנב׳ענען מיינע
ווערטער איינעם פון דעם אַנדערען.
31 איך בין געגען די פּראָפעטען, זאָגט גאָט, וואָס מאַכען גלאַט זייער שפּראַך
און האַלטען אַ רעדע.
32 איך בין געגען די וואָס פּראָפעצייען טרוימען־ליגענס, זאָגט גאָט, און
דערצעהלען זיי און פערפיהרען מיין פאָלק מיט זייערע ליגענס און לייכט־
זיניגקייט, און איך האָב זיי ניט געשיקט און ניט בעפוילען און זיי
קענען גאָר קיין נוטצען ברענגען פאר מיין פאָלק, זאָגט גאָט.
33 און אַז דיעזעס פאָלק וועט דיך פרעגען, אָדער דער פּראָפעט אָדער דער
פּריסטער אַזוי: וואָס איז די לאַסט פון גאָט? זאָלסטו זיי זאָגען
וואָס די לאַסט איז: איך וועל אייך פערשטויסען, זאָגט גאָט.
34 און דער פּראָפעט און דער פּריסטער און דאָס פאָלק, וואָס זאָגט: „לאַסט
פון גאָט”, וועל איך יענעם מאַן און זיין הויז בעשטראָפען.

לה יְהוָה וּפָקַדְתִּי עַל־הָאִישׁ הַהוּא וְעַל־בֵּיתוֹ׃ כֹּה תֹאמְרוּ
אִישׁ עַל־רֵעֵהוּ וְאִישׁ אֶל־אָחִיו מֶה־עָנָה יְהוָה וּמַה־דִּבֶּר
36 יְהוָה׃ וּמַשָּׂא יְהוָה לֹא תִזְכְּרוּ־עוֹד כִּי הַמַּשָּׂא יִהְיֶה לְאִישׁ
דְּבָרוֹ וַהֲפַכְתֶּם אֶת־דִּבְרֵי אֱלֹהִים חַיִּים יְהוָה צְבָאוֹת
37 אֱלֹהֵינוּ׃ כֹּה תֹאמַר אֶל־הַנָּבִיא מֶה־עָנָךְ יְהוָה וּמַה־דִּבֶּר
38 יְהוָה׃ וְאִם־מַשָּׂא יְהוָה תֹּאמֵרוּ לָכֵן כֹּה אָמַר יְהוָה יַעַן
אֲמָרְכֶם אֶת־הַדָּבָר הַזֶּה מַשָּׂא יְהוָה וָאֶשְׁלַח אֲלֵיכֶם
39 לֵאמֹר לֹא תֹאמְרוּ מַשָּׂא יְהוָה׃ לָכֵן הִנְנִי וְנָשִׁיתִי אֶתְכֶם
נָשֹׁא וְנָטַשְׁתִּי אֶתְכֶם וְאֶת־הָעִיר אֲשֶׁר־נָתַתִּי לָכֶם
מ וְלַאֲבוֹתֵיכֶם מֵעַל פָּנָי׃ וְנָתַתִּי עֲלֵיכֶם חֶרְפַּת עוֹלָם וּכְלִמּוּת
עוֹלָם אֲשֶׁר לֹא תִשָּׁכֵחַ׃

כד CAP. XXIV. כד

א הִרְאַנִי יְהוָה וְהִנֵּה שְׁנֵי דּוּדָאֵי תְאֵנִים מוּעָדִים לִפְנֵי הֵיכַל
יְהוָה אַחֲרֵי הַגְלוֹת נְבוּכַדְרֶאצַּר מֶלֶךְ־בָּבֶל אֶת־יְכָנְיָהוּ
בֶן־יְהוֹיָקִים מֶלֶךְ יְהוּדָה וְאֶת־שָׂרֵי יְהוּדָה וְאֶת־הֶחָרָשׁ
2 וְאֶת־הַמַּסְגֵּר מִירוּשָׁלִַם וַיְבִאֵם בָּבֶל׃ הַדּוּד אֶחָד תְּאֵנִים
טֹבוֹת מְאֹד כִּתְאֵנֵי הַבַּכֻּרוֹת וְהַדּוּד אֶחָד תְּאֵנִים רָעוֹת
3 מְאֹד אֲשֶׁר לֹא־תֵאָכַלְנָה מֵרֹעַ׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה אֵלַי
מָה־אַתָּה רֹאֶה יִרְמְיָהוּ וָאֹמַר תְּאֵנִים הַתְּאֵנִים הַטֹּבוֹת
טֹבוֹת מְאֹד וְהָרָעוֹת רָעוֹת מְאֹד אֲשֶׁר לֹא־תֵאָכַלְנָה
4 ה מֵרֹעַ׃ וַיְהִי דְבַר־יְהוָה אֵלַי לֵאמֹר׃ כֹּה־אָמַר
יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל כַּתְּאֵנִים הַטֹּבוֹת הָאֵלֶּה כֵּן אַכִּיר אֶת־
גָּלוּת יְהוּדָה אֲשֶׁר שִׁלַּחְתִּי מִן־הַמָּקוֹם הַזֶּה אֶרֶץ כַּשְׂדִּים
6 לְטוֹבָה׃ וְשַׂמְתִּי עֵינִי עֲלֵיהֶם לְטוֹבָה וַהֲשִׁבֹתִים עַל־
הָאָרֶץ הַזֹּאת וּבְנִיתִים וְלֹא אֶהֱרֹס וּנְטַעְתִּים וְלֹא אֶתּוֹשׁ׃
7 וְנָתַתִּי לָהֶם לֵב לָדַעַת אֹתִי כִּי אֲנִי יְהוָה וְהָיוּ־לִי לְעָם
וְאָנֹכִי אֶהְיֶה לָהֶם לֵאלֹהִים כִּי־יָשֻׁבוּ אֵלַי בְּכָל־לִבָּם׃
8 וְכַתְּאֵנִים הָרָעוֹת אֲשֶׁר לֹא־תֵאָכַלְנָה מֵרֹעַ כִּי־

כה

35 אזוי זאָלט איהר זאָגען איין מאַן צום צווייטען, און איין מאַן צו זיין
ברודער „וואָס האָט געענטפערט און וואָס האָט גאָט גערעדט ?”

כָּל־יוֹשְׁבֵי יְרוּשָׁלַם אֵת כָּל־הָרָעָה אֲשֶׁר דִּבַּרְתִּי עֲלֵיהֶם
יַעַן דִּבַּרְתִּי אֲלֵיהֶם וְלֹא שָׁמֵעוּ וָאֶקְרָא לָהֶם וְלֹא עָנוּ׃
18 וּלְבֵית הָרֵכָבִים אָמַר יִרְמְיָהוּ כֹּה־אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת
אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל יַעַן אֲשֶׁר שְׁמַעְתֶּם עַל־מִצְוַת יְהוֹנָדָב אֲבִיכֶם
וַתִּשְׁמְרוּ אֶת־כָּל־מִצְוֹתָיו וַתַּעֲשׂוּ כְּכֹל אֲשֶׁר־צִוָּה אֶתְכֶם׃
19 לָכֵן כֹּה אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל לֹא־יִכָּרֵת אִישׁ
לְיוֹנָדָב בֶּן־רֵכָב עֹמֵד לְפָנַי כָּל־הַיָּמִים׃

לו CAP. XXXVI. לו

א וַיְהִי בַּשָּׁנָה הָרְבִיעִת לִיהוֹיָקִים בֶּן־יֹאשִׁיָּהוּ מֶלֶךְ יְהוּדָה
2 הָיָה הַדָּבָר הַזֶּה אֶל־יִרְמְיָהוּ מֵאֵת יְהוָה לֵאמֹר׃ קַח־לְךָ
מְגִלַּת־סֵפֶר וְכָתַבְתָּ אֵלֶיהָ אֵת כָּל־הַדְּבָרִים אֲשֶׁר דִּבַּרְתִּי

אליך

ל״ה v. 15. כ״א על

10 און אַזוי האָבען מיר געוואָהנט אין געצעלטען און מיר האָבען געהערט
און געטהאָן אַלעס ווי יונדב אונזער פּאָטער האָט אונז בעפאָהלען.
11 און עס איז געשעהען אַז נבוכדראצר דער קעניג פון בבל איז אַרויפגע־
קומען אויף אונזער לאַנד, האָבען מיר געזאָגט, קומט לאָמיר קומען נאָך
ירושלים צוליעב די אַרמעע פון די כשדים און צוליעב די אַרמעע פון
אַרם און אַזוי וואָהנען מיר אין ירושלים.
12 און גאָט׳ס וואָרט איז געוועזען צו ירמיהו אַזוי :
13 אַזוי האָט געזאָגט דער אייביגער פון הערשאַפטען דער גאָט פון ישראל,
געה און זאָג צו די מענשען פון יהודה און צו די אַיינוואָהנער פון
ירושלים, איהר האָט דאָך געדאַרפט דערפון אַראָב־נעהמען א מוסר ווי
צו הערען צו מיינע ווערטער, זאָגט גאָט.
14 עס ווערען דאָך אויסגעפיהרט די ווערטער פון יהונדב דער זוהן פון רכב,
וואָס ער האָט בעפאָהלען זיינע קינדער ניט צו טרינקען קיין וויין, און
זיי האָבען ווירקליך ניט געטרונקען ביז דיעזען טאָג, ווייל זיי האָבען גע־
הערט דעם בעפעהל פון זייער פאָטער, און איך האָב גערעדט צו אַייך
פון גאַנץ פריה און וויעדער גערעדט און איהר האָט דאָך ניט געהערט
צו מיר.
15 און איך האָב געשיקט צו אַייך אַלע מיינע קנעכט די פּראָפּעטען, פון
פריה אָן געשיקט זאָגענדיג : קעהרט זיך צוריק יעדער איינער פון זיין
שלעכטען וועג און בעסערט אויס אַייערע טהאַטען און געהט ניט נאָך
אַנדערע געטער צו דיענען זיי, און בלייבט וואָהנען אויף דער ערד וואָס
איך האָב געגעבען צו אַייך און צו אַייערע עלטערען, און איהר האָט אָבער
אַייער אויער ניט צוגעלעגט און האָט ניט געהערט צו מיר.
16 ווייל די זיהן פון יהונדב דער זוהן רכב האַלטען דעם בעפעהל פון זייער
פּאָטער, וואָס ער האָט זיי בעפאָהלען, און דיעזעס פאָלק האָבען ניט צו־
געהערט צו מיר.
17 דאַרום אַזוי זאָגט דער אייביגער גאָט פון די הערשאַפטען גאָט פון ישראל,
און, איך ברענג אויף יהודה און אויף ירושלים דעם גאַנצען אונגליק וואָס
איך האָב גערעדט איבער זיי, ווייל איך האָב גערעדט און זיי האָבען ניט
געהערט, און איך האָב צו זיי גערופען און זיי האָבען ניט געענטפערט.
18 און צו דעם הויז פון די רכבים האָט ירמיהו געזאָגט, אַזוי האָט גאָט גע־
זאָגט, ווייל איהר האָט געהערט דעם בעפעהל פון אַייער פאָטער יהונדב,
און איהר האָט געהיט אַלע זיינע געבאָט און איהר האָט געטהאָן אַלעס
ווי ער האָט אַייך בעפאָהלען.
19 דערפאַר, זאָגט דער אייביגער פון הערשאַפטען גאָט פון ישראל, וועט
ניט פעהלען אַ מאַן צו יונדב דער זוהן פון רכב וואָס זאָל פאַר מיר
שטעהען אַלע צייט.

קאַפּיטעל לו

1 און עס איז געשעהען אין דעם פיערטען יאָהר פון יהויקים דער זוהן פון
יאשיהו קעניג פון יהודה. איז געוועזען דיעזעס וואָרט צו ירמיהו פון
גאָט אַזוי :
2 נעהם דיר אַ ראָלל־בוך (מגילה) און שרייב אויף איהר אַלע ווערטער וואָס
איך האָב גערעדט צו דיר איבער ישראל און איבער יהודה און איבער אַלע

אֵלֶיךָ עַל־יִשְׂרָאֵל וְעַל־יְהוּדָה וְעַל־כָּל־הַגּוֹיִם מִיּוֹם דִּבַּרְתִּי
3 אֵלֶיךָ מִימֵי יֹאשִׁיָּהוּ וְעַד הַיּוֹם הַזֶּה׃ אוּלַי יִשְׁמְעוּ בֵּית
יְהוּדָה אֵת כָּל־הָרָעָה אֲשֶׁר אָנֹכִי חֹשֵׁב לַעֲשׂוֹת לָהֶם
לְמַעַן יָשׁוּבוּ אִישׁ מִדַּרְכּוֹ הָרָעָה וְסָלַחְתִּי לַעֲוֹנָם
4 וּלְחַטָּאתָם׃ וַיִּקְרָא יִרְמְיָהוּ אֶת־בָּרוּךְ בֶּן־נֵרִיָּה
וַיִּכְתֹּב בָּרוּךְ מִפִּי יִרְמְיָהוּ אֵת כָּל־דִּבְרֵי יְהוָה אֲשֶׁר־דִּבֶּר
ה אֵלָיו עַל־מְגִלַּת־סֵפֶר׃ וַיְצַוֶּה יִרְמְיָהוּ אֶת־בָּרוּךְ לֵאמֹר
6 אֲנִי עָצוּר לֹא אוּכַל לָבוֹא בֵּית יְהוָה׃ וּבָאתָ אַתָּה וְקָרָאתָ
בַמְּגִלָּה אֲשֶׁר־כָּתַבְתָּ מִפִּי אֶת־דִּבְרֵי יְהוָה בְּאָזְנֵי הָעָם
בֵּית יְהוָה בְּיוֹם צוֹם וְגַם בְּאָזְנֵי כָל־יְהוּדָה הַבָּאִים
7 מֵעָרֵיהֶם תִּקְרָאֵם׃ אוּלַי תִּפֹּל תְּחִנָּתָם לִפְנֵי יְהוָה וְיָשֻׁבוּ
אִישׁ מִדַּרְכּוֹ הָרָעָה כִּי־גָדוֹל הָאַף וְהַחֵמָה אֲשֶׁר־דִּבֶּר
8 יְהוָה אֶל־הָעָם הַזֶּה׃ וַיַּעַשׂ בָּרוּךְ בֶּן־נֵרִיָּה כְּכֹל אֲשֶׁר־
צִוָּהוּ יִרְמְיָהוּ הַנָּבִיא לִקְרֹא בַסֵּפֶר דִּבְרֵי יְהוָה בֵּית
9 יְהוָה׃ וַיְהִי בַשָּׁנָה הַחֲמִשִׁית לִיהוֹיָקִים בֶּן־יֹאשִׁיָּהוּ
מֶלֶךְ־יְהוּדָה בַּחֹדֶשׁ הַתְּשִׁעִי קָרְאוּ צוֹם לִפְנֵי יְהוָה כָּל־
הָעָם בִּירוּשָׁלָםִ וְכָל־הָעָם הַבָּאִים מֵעָרֵי יְהוּדָה בִּירוּשָׁלָםִ׃
י וַיִּקְרָא בָרוּךְ בַּסֵּפֶר אֶת־דִּבְרֵי יִרְמְיָהוּ בֵּית יְהוָה בְּלִשְׁכַּת
גְּמַרְיָהוּ בֶן־שָׁפָן הַסֹּפֵר בֶּחָצֵר הָעֶלְיוֹן פֶּתַח שַׁעַר בֵּית־
11 יְהוָה הֶחָדָשׁ בְּאָזְנֵי כָּל־הָעָם׃ וַיִּשְׁמַע מִכָיְהוּ בֶן־גְּמַרְיָהוּ
12 בֶן־שָׁפָן אֶת־כָּל־דִּבְרֵי יְהוָה מֵעַל־הַסֵּפֶר׃ וַיֵּרֶד בֵּית־
הַמֶּלֶךְ עַל־לִשְׁכַּת הַסֹּפֵר וְהִנֵּה־שָׁם כָּל־הַשָּׂרִים יוֹשְׁבִים
אֱלִישָׁמָע הַסֹּפֵר וּדְלָיָהוּ בֶן־שְׁמַעְיָהוּ וְאֶלְנָתָן בֶּן־עַכְבּוֹר
13 וּגְמַרְיָהוּ בֶן־שָׁפָן וְצִדְקִיָּהוּ בֶן־חֲנַנְיָהוּ וְכָל־הַשָּׂרִים׃ וַיַּגֵּד
לָהֶם מִכָיְהוּ אֵת כָּל־הַדְּבָרִים אֲשֶׁר שָׁמֵעַ בִּקְרֹא בָרוּךְ
14 בַּסֵּפֶר בְּאָזְנֵי הָעָם׃ וַיִּשְׁלְחוּ כָל־הַשָּׂרִים אֶל־בָּרוּךְ אֶת־
יְהוּדִי בֶּן־נְתַנְיָהוּ בֶּן־שֶׁלֶמְיָהוּ בֶן־כּוּשִׁי לֵאמֹר הַמְּגִלָּה
אֲשֶׁר קָרָאתָ בָּהּ בְּאָזְנֵי הָעָם קָחֶנָּה בְיָדְךָ וָלֵךְ וַיִּקַּח

פעלקער, פון'ם טאָג אָן וואָס איך האָב צו דיר גערעדט, פון די טעג פון יאשיהו און ביז דיעזען טאָג.

3 פיעלייכט וועלען דאָס הויז פון יהודה הערען אַלע שלעכטעס, וואָס איך דענק צו טהאָן מיט זיי, אום זיי זאָלען צוריקקעהרען יעדערער פון זיין שלעכטען וועג, און דאַן וועל איך פערגעבען זייער שולד און זייער זינד.

4 און ירמיהו האָט גערופען ברוך דעם זוהן פון נריה און ברוך האָט געשריעבען פון ירמיהו'ס מויל אַלע ווערטער פון גאָט וואָס ער האָט צו איהם גערעדט אויף אַ ראָלל־בוך (מגלה).

5 און ירמיהו האָט בעפאָהלען ברוך'ן אַזוי : **איך בין פערהאַפטעט, איך** קען ניט קומען אין גאָט'ס הויז.

6 זאָלסטו קומען און לעזען אין דער מגלה, וואָס דו האָסט געשריעבען פון מיין מויל, גאָט'ס ווערטער אין די אויערען פון פאָלק אין גאָט'ס הויז אין אַ פאַסט־טאָג, און אויך אין די אויערען פון גאַנץ יהודה, וואָס זיי קומען פון זייערע שטעדט זאָלסטו זיי לייענען.

7 פיללייכט וועט זייער געבעט פאַלען פאַר גאָט און זיי וועלען זיך צוריקקעהרען יעדערער פון זיין שלעכטען וועג, ווייל גרויס זיינען דער צאָרן און דער גרימצאָרן, וואָס גאָט האָט גערעדט איבער דיעזען פאָלק.

8 און ברוך דער זוהן פון נריה האָט געטהאָן אַלעס ווי ירמיהו דער פּראָפעט האָט איהם געהייסען, צו לעזען אין דעם בוך גאָט'ס ווערטער אין גאָט'ס הויז.

9 און עס איז געווען אין דעם פינפטען יאָהר צו יהויקים דער זוהן פון יאשיהו קעניג פון יהודה, אין דעם נייַנטען מאָנאַט, האָבען זיי אויסגערופען אַ פאַסט־טאָג פאַר גאָט, גאָר דאָס פאָלק אין ירושלים און גאָר דאָס פאָלק, וואָס זיינען געקומען פון די שטעדט פון יהודה און ירושלים.

10 און ברוך דער זוהן פון נריה האָט געלעזען אין דעם בוך ירמיהו'ס ווערטער אין גאָט'ס הויז, אין דעם קאַמער פון גמריהו דער זוהן פון שפן דעם שרייבער אין דעם אויבערשטען הויף אין דעם אַריינגאַנג פון נייעם טהויער פון גאָט'ס הויז, אין די אויערען פון גאָר דאָס פאָלק.

11 און מכיהו דער זוהן פון גמריהו דער זוהן פון שפן האָט געהערט אַלע ווערטער פון גאָט אויס דעם בוך.

12 און ער איז אַרונטערגעגאַנגען אין דעם קעניגס הויז אין קאַמער פון שרייבער און דאָרט זיינען געזעסען אַלע פירשטען : אלישמע דער שרייבער און דליהו דער זוהן פון שמעיהו און אלנתן דער זוהן פון עכבור און גמריהו דער זוהן פון שפן און צדקיהו דער זוהן פון חנניה און אַלע פירשטען.

13 און מכיהו האָט זיי געזאָגט אַלע ווערטער, וואָס ער האָט געהערט, ווען ברוך האָט געלעזען אין דעם בוך אין די אויערען פון פאָלק.

14 האָבען אַלע פירשטען געשיקט צו ברוך'ן יהודה דעם זוהן שלמיהו דער זוהן פון כושי, זאָגענדיג : די מגלה וואָס דו האָסט אין איהר געלעזען אין די אויערען פון פאָלק, נעהם זי אין דיין האַנד און געה, און ברוך דער זוהן פון נריהו האָט גענומען די מגלה אין זיין האַנד און איז געקומען צו זיי.

טו בָּרוּךְ בֶּן־נֵרִיָּהוּ אֶת־הַמְּגִלָּה בְּיָדוֹ וַיָּבֹא אֲלֵיהֶם׃ וַיֹּאמְרוּ
אֵלָיו שֵׁב־נָא וּקְרָאֶנָּה בְּאָזְנֵינוּ וַיִּקְרָא בָרוּךְ בְּאָזְנֵיהֶם׃
16 וַיְהִי כְּשָׁמְעָם אֶת־כָּל־הַדְּבָרִים פָּחֲדוּ אִישׁ אֶל־רֵעֵהוּ
וַיֹּאמְרוּ אֶל־בָּרוּךְ הַגֵּיד נַגִּיד לַמֶּלֶךְ אֵת כָּל־הַדְּבָרִים
17 הָאֵלֶּה׃ וְאֶת־בָּרוּךְ שָׁאֲלוּ לֵאמֹר הַגֶּד־נָא לָנוּ אֵיךְ כָּתַבְתָּ
18 אֶת־כָּל־הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה מִפִּיו׃ וַיֹּאמֶר לָהֶם בָּרוּךְ מִפִּיו
יִקְרָא אֵלַי אֵת כָּל־הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה וַאֲנִי כֹּתֵב עַל־הַסֵּפֶר
19 בַּדְּיוֹ׃ וַיֹּאמְרוּ הַשָּׂרִים אֶל־בָּרוּךְ לֵךְ הִסָּתֵר אַתָּה
כ וְיִרְמְיָהוּ וְאִישׁ אַל־יֵדַע אֵיפֹה אַתֶּם׃ וַיָּבֹאוּ אֶל־הַמֶּלֶךְ
חָצֵרָה וְאֶת־הַמְּגִלָּה הִפְקִדוּ בְּלִשְׁכַּת אֱלִישָׁמָע הַסֹּפֵר
21 וַיַּגִּידוּ בְּאָזְנֵי הַמֶּלֶךְ אֵת כָּל־הַדְּבָרִים׃ וַיִּשְׁלַח הַמֶּלֶךְ
אֶת־יְהוּדִי לָקַחַת אֶת־הַמְּגִלָּה וַיִּקָּחֶהָ מִלִּשְׁכַּת אֱלִישָׁמָע
הַסֹּפֵר וַיִּקְרָאֶהָ יְהוּדִי בְּאָזְנֵי הַמֶּלֶךְ וּבְאָזְנֵי כָּל־הַשָּׂרִים
22 הָעֹמְדִים מֵעַל הַמֶּלֶךְ׃ וְהַמֶּלֶךְ יוֹשֵׁב בֵּית הַחֹרֶף בַּחֹדֶשׁ
23 הַתְּשִׁיעִי וְאֶת־הָאָח לְפָנָיו מְבֹעָרֶת׃ וַיְהִי ׀ כִּקְרוֹא יְהוּדִי
שָׁלֹשׁ דְּלָתוֹת וְאַרְבָּעָה יִקְרָעֶהָ בְּתַעַר הַסֹּפֵר וְהַשְׁלֵךְ
אֶל־הָאֵשׁ אֲשֶׁר אֶל־הָאָח עַד־תֹּם כָּל־הַמְּגִלָּה עַל־הָאֵשׁ
24 אֲשֶׁר עַל־הָאָח׃ וְלֹא פָחֲדוּ וְלֹא קָרְעוּ אֶת־בִּגְדֵיהֶם
הַמֶּלֶךְ וְכָל־עֲבָדָיו הַשֹּׁמְעִים אֵת כָּל־הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה׃
כה וְגַם אֶלְנָתָן וּדְלָיָהוּ וּגְמַרְיָהוּ הִפְגִּעוּ בַמֶּלֶךְ לְבִלְתִּי שְׂרֹף
26 אֶת־הַמְּגִלָּה וְלֹא שָׁמַע אֲלֵיהֶם׃ וַיְצַוֶּה הַמֶּלֶךְ אֶת־
יְרַחְמְאֵל בֶּן־הַמֶּלֶךְ וְאֶת־שְׂרָיָהוּ בֶן־עַזְרִיאֵל וְאֶת־שֶׁלֶמְיָהוּ
בֶּן־עַבְדְּאֵל לָקַחַת אֶת־בָּרוּךְ הַסֹּפֵר וְאֵת יִרְמְיָהוּ הַנָּבִיא
27 וַיַּסְתִּרֵם יְהוָה׃ וַיְהִי דְבַר־יְהוָה אֶל־יִרְמְיָהוּ אַחֲרֵי ׀
שְׂרֹף הַמֶּלֶךְ אֶת־הַמְּגִלָּה וְאֶת־הַדְּבָרִים אֲשֶׁר כָּתַב
28 בָּרוּךְ מִפִּי יִרְמְיָהוּ לֵאמֹר׃ שׁוּב קַח־לְךָ מְגִלָּה אַחֶרֶת
וּכְתֹב עָלֶיהָ אֵת כָּל־הַדְּבָרִים הָרִאשֹׁנִים אֲשֶׁר הָיוּ עַל־
הַמְּגִלָּה הָרִאשֹׁנָה אֲשֶׁר שָׂרַף יְהוֹיָקִים מֶלֶךְ־יְהוּדָה׃

וְעַל־

15 און זיי האָבען איהם געזאָגט זעטץ זיך נאָר און לעז זי אין אונזערע אוי־
ערען, און ברוך האָט געלעזען אין זייערע אויערען.

16 און עס איז געווען ווען זיי האָבען געהערט אַלע ווערטער האָבען זיי זיך
דערשראָקען איינער אַנטקעגען דעם אַנדערען און זיי האָבען געזאָגט צו
ברוך'ן, מיר מוזען אַלע דיעזע ווערטער זאָגען צו קעניג.

17 און זיי האָבען געפרעגט ברוך'ן אַזוי : זאָג אונז נאָר ווי אַזוי האָסטו גע־
שריעבען אַלע דיעזע ווערטער פון זיין מויל ?

18 און ברוך האָט געזאָגט צו זיי, פון זיין מויל האָט ער מיר דיקטירט אַלע
דיעזע ווערטער און איך האָב געשריעבען מיט טינט.

19 און די פירשטען האָבען געזאָגט צו ברוך'ן געה און בעהאַלט זיך, דו
און ירמיהו, קיינער זאָל ניט וויסען וואו איהר זייט.

20 און זיי זיינען געקומען צום קעניג אין הויף און די מגלה האָבען זיי אי־
בערגעלאָזען אין דעם קאַמער פון אלישמע דעם שרייבער, און זיי האָבען
געזאָגט אַלע ווערטער אין די אויערען פון קעניג.

21 און דער קעניג האָט געשיקט יהודי'ן צו נעהמען די מגלה, און ער האָט
זי גענומען פונ'ם קאַמער פון אלישמע דעם שרייבער, און יהודי האָט זי
געלעזען אין די אויערען פון קעניג און אין די אויערען פון אַלע פירש־
טען, וועלכע זיינען געשטאַנען אַרום דעם קעניג.

22 און דער קעניג איז געזעסען אין דעם ווינטער־הויז אין דעם נײַנטען מאָ־
נאַט, און דער פייערטאָפּ האָט געברענט פאַר איהם.

23 און עס איז געווען, ווען יהודי האָט געלעזען דריי זייטען אָדער פיער
האָט ער צושניטען מיט'ן פעדער מעסער און געוואָרפען אויפ'ן פייער
וואָס אין פייערטאָפּ, ביז די גאַנצע מגלה איז פערברענט געוואָרען אויפ'ן
פייער וואָס אין פייער טאָפּ.

24 און זיי האָבען זיך ניט געשראָקען און ניט צוריסען זייערע קליידער,
דער קעניג און זיינע קנעכט, וואָס האָבען געהערט אַלע דיעזע ווערטער.

25 און (אַבוואָהל) אויך אלנתן און דליהו און גמריהו האָבען זיך געבעטען
ביים קעניג ער זאָל ניט פערברענען די מגלה, ער האָט אָבער זיי ניט
געהערט.

26 און דער קעניג האָט בעפאָהלען ירחמיאל דעם זוהן פון מלך און שריהו
דעם זוהן פון עזריאל און שלמיהו דעם זוהן פון עבדאל צו נעהמען ברוך
דעם שרייבער און ירמיהו דעם פראָפעט אָבער גאָט דאָט זיי פערבאָרגען.

27 און דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו ירמיהו, נאָכדעם ווי דער קעניג
האָט פערברענט די מגלה און די ווערטער וואָס ברוך האָט געשריעבען
פון ירמיהו'ס מויל אַזוי :

28 נעהם דיר ווידער אַן אַנדער מגלה און שרייב אויף איהר אַלע ערשטע
ווערטער וואָס זיינען געווען אויף דער ערשטער מגלה, וואָס יהויקים
דער קעניג פון יהודה האָט פערברענט.

29 וְעַל־יְהוֹיָקִים מֶלֶךְ־יְהוּדָה תֹּאמַר כֹּה אָמַר יְהוָה אַתָּה
שָׂרַפְתָּ אֶת־הַמְּגִלָּה הַזֹּאת לֵאמֹר מַדּוּעַ כָּתַבְתָּ עָלֶיהָ
לֵאמֹר בֹּא־יָבוֹא מֶלֶךְ־בָּבֶל וְהִשְׁחִית אֶת־הָאָרֶץ הַזֹּאת
ל וְהִשְׁבִּית מִמֶּנָּה אָדָם וּבְהֵמָה׃ לָכֵן כֹּה־אָמַר יְהוָה
עַל־יְהוֹיָקִים מֶלֶךְ יְהוּדָה לֹא־יִהְיֶה־לּוֹ יוֹשֵׁב עַל־כִּסֵּא
דָוִד וְנִבְלָתוֹ תִּהְיֶה מֻשְׁלֶכֶת לַחֹרֶב בַּיּוֹם וְלַקֶּרַח בַּלָּיְלָה׃
31 וּפָקַדְתִּי עָלָיו וְעַל־זַרְעוֹ וְעַל־עֲבָדָיו אֶת־עֲוֺנָם וְהֵבֵאתִי
עֲלֵיהֶם וְעַל־יֹשְׁבֵי יְרוּשָׁלִַם וְאֶל־אִישׁ יְהוּדָה אֵת כָּל־
32 הָרָעָה אֲשֶׁר־דִּבַּרְתִּי אֲלֵיהֶם וְלֹא שָׁמֵעוּ׃ וְיִרְמְיָהוּ
לָקַח ׀ מְגִלָּה אַחֶרֶת וַיִּתְּנָהּ אֶל־בָּרוּךְ בֶּן־נֵרִיָּהוּ הַסֹּפֵר
וַיִּכְתֹּב עָלֶיהָ מִפִּי יִרְמְיָהוּ אֵת כָּל־דִּבְרֵי הַסֵּפֶר אֲשֶׁר
שָׂרַף יְהוֹיָקִים מֶלֶךְ־יְהוּדָה בָּאֵשׁ וְעוֹד נוֹסַף עֲלֵיהֶם דְּבָרִים
רַבִּים כָּהֵמָּה׃

לז Cap. XXXVII. לז

א וַיִּמְלָךְ־מֶלֶךְ צִדְקִיָּהוּ בֶּן־יֹאשִׁיָּהוּ תַּחַת כָּנְיָהוּ בֶּן־יְהוֹיָקִים
2 אֲשֶׁר הִמְלִיךְ נְבוּכַדְרֶאצַּר מֶלֶךְ־בָּבֶל בְּאֶרֶץ יְהוּדָה׃ וְלֹא
שָׁמַע הוּא וַעֲבָדָיו וְעַם הָאָרֶץ אֶל־דִּבְרֵי יְהוָה אֲשֶׁר
3 דִּבֶּר בְּיַד יִרְמְיָהוּ הַנָּבִיא׃ וַיִּשְׁלַח הַמֶּלֶךְ צִדְקִיָּהוּ אֶת־
יְהוּכַל בֶּן־שֶׁלֶמְיָה וְאֶת־צְפַנְיָהוּ בֶן־מַעֲשֵׂיָה הַכֹּהֵן אֶל־
יִרְמְיָהוּ הַנָּבִיא לֵאמֹר הִתְפַּלֶּל־נָא בַעֲדֵנוּ אֶל־יְהוָה
4 אֱלֹהֵינוּ׃ וְיִרְמְיָהוּ בָּא וְיֹצֵא בְּתוֹךְ הָעָם וְלֹא־נָתְנוּ אֹתוֹ
ה בֵּית הַכְּלִיא׃ וְחֵיל פַּרְעֹה יָצָא מִמִּצְרָיִם וַיִּשְׁמְעוּ
הַכַּשְׂדִּים הַצָּרִים עַל־יְרוּשָׁלִַם אֶת־שִׁמְעָם וַיֵּעָלוּ מֵעַל
6 יְרוּשָׁלִָם׃ וַיְהִי דְּבַר־יְהוָה אֶל־יִרְמְיָהוּ הַנָּבִיא
7 לֵאמֹר׃ כֹּה־אָמַר יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל כֹּה תֹאמְרוּ אֶל־
מֶלֶךְ יְהוּדָה הַשֹּׁלֵחַ אֶתְכֶם אֵלַי לְדָרְשֵׁנִי הִנֵּה ׀ חֵיל
8 פַּרְעֹה הַיֹּצֵא לָכֶם לְעֶזְרָה שָׁב לְאַרְצוֹ מִצְרָיִם׃ וְשָׁבוּ

הכשדים

לז 4. ° הכלא קרי

29 און איבער יהויקים דעם קעניג פון יהודה זאָלסטו זאָגען, אַזוי האָט גאָט געזאָגט : דו האָסט פאַרברענט דיעזע מגלה זאָגענדיג, וואָרום האָסטו געשריעבען אויף איהר אַזוי, דער קעניג פון בבל וועט ווירקליך קומען און פערדאַרבען דיעזעם לאַנד און וועט פערטיליגען פון איהר מענשען און פיה.

30 דאָרום אַזוי זאָגט גאָט איבער יהויקים קעניג פון יהודה, ער וועט ניט האָ־בען איינעם, וואָס זאָל זיצען אויף דוד'ס טהראָן, און זיין טויטער קער־פער וועט זיך וואַלגערען אין די היטץ ביי טאָג און אין די קעלט ביי נאַכט.

31 און איך וועל דערמאָהנען אויף איהם און אויף זיינע קינדער און זיינע קנעכט זייערע זינד, און איך וועל ברענגען אויף זיי און אויף די איינ־וואָהנער פון ירושלים און אַלע מענשען פון יהודה גאָר דעם אונגליק, ווייל איך האָב גערעדט צו זיי און זיי האָבען ניט געהערט.

32 און ירמיהו האָט גענומען אַן אַנדער מגלה און זי געגעבען צו ברוך דעם זוהן פון נריהו דעם שרייבער און ער האָט אויף איהם געשריעבען פון ירמיהו'ס מויל אַלע ווערטער פון דעם בוך וואָס יהויקים דער קעניג פון יהודה האָט פאַרברענט אין פייער, און נאָך איז צוגעקומען צו זיי פיעלע ווערטער ווי יענע.

קאַפּיטעל לז

1 און צדקיהו דער זוהן פון יאשיהו איז געוואָרען קעניג אַנשטאָט כניהו דער זוהן פון יהויקים, וועלכען נבוכדראצר קעניג פון בבל האָט געמאַכט פאַר קעניג פון לאַנד יהודה.

2 און ער און זיינע קנעכט און דאָס פאָלק פון לאַנד האָבען ניט געהערט צו די ווערטער פון גאָט, וואָס ער האָט גערעדט דורך ירמיהו דעם פּראָ־פעט.

3 און דער קעניג האָט געשיקט יהוכל דער זוהן פון שלמיה און צפניה דעם זוהן פון מעשיה דעם פּריעסט צו ירמיהו דעם פּראָפעט זאָגענדיג : בעט נאָר פאַר אונז ביי דעם אייביגען אונזער גאָט.

4 און ירמיהו פלעגט אַריינקומען און אַרויסגעהען צווישען פאָלק (פריי) און זיי האָבען איהם ניט אַריינגעזעצט אין געפענגניס.

5 און די אַרמעע פון פרעה איז אַרויס פון מצרים, און די כשדים וועלכע האָבען בעלאַגערט ירושלים האָבען דערפון געהערט, האָבען זיי זיך אָבגע־צויגען פון ירושלים.

6 און גאָט'ס וואָרט איז געווען צו ירמיהו דעם פּראָפעט אַזוי :

7 אַזוי האָט דער אייביגער גאָט פון ישראל געזאָגט, אַזוי זאָלט איהר זאָגען צום קעניג פון יהודה, וועלכער שיקט אייך צו מיר צו פאָרשען, נון, די אַר־מעע פון פרעה, וואָס איז אַרויס אייך צו הילף, האָט זיך צוריקגעקעהרט אין זיין לאַנד מצרים.

הַכַּשְׂדִּים וְנִלְחֲמוּ עַל־הָעִיר הַזֹּאת וּלְכָדֻהָ וּשְׂרָפֻהָ בָאֵשׁ׃
9 כֹּה אָמַר יְהוָה אַל־תַּשִּׁאוּ נַפְשֹׁתֵיכֶם לֵאמֹר הָלֹךְ
י יֵלְכוּ מֵעָלֵינוּ הַכַּשְׂדִּים כִּי לֹא יֵלֵכוּ׃ כִּי אִם־הִכִּיתֶם כָּל־
חֵיל כַּשְׂדִּים הַנִּלְחָמִים אִתְּכֶם וְנִשְׁאֲרוּ־בָם אֲנָשִׁים
מְדֻקָּרִים אִישׁ בְּאָהֳלוֹ יָקוּמוּ וְשָׂרְפוּ אֶת־הָעִיר הַזֹּאת
11 בָּאֵשׁ׃ וְהָיָה בְּהֵעָלוֹת חֵיל הַכַּשְׂדִּים מֵעַל יְרוּשָׁלִָם מִפְּנֵי
12 חֵיל פַּרְעֹה׃ וַיֵּצֵא יִרְמְיָהוּ מִירוּשָׁלִַם לָלֶכֶת אֶרֶץ
13 בִּנְיָמִן לַחֲלִק מִשָּׁם בְּתוֹךְ הָעָם׃ וַיְהִי־הוּא בְּשַׁעַר בִּנְיָמִן
וְשָׁם בַּעַל פְּקִדֻת וּשְׁמוֹ יִרְאִיָּיה בֶּן־שֶׁלֶמְיָה בֶּן־חֲנַנְיָה
וַיִּתְפֹּשׂ אֶת־יִרְמְיָהוּ הַנָּבִיא לֵאמֹר אֶל־הַכַּשְׂדִּים אַתָּה
14 נֹפֵל׃ וַיֹּאמֶר יִרְמְיָהוּ שֶׁקֶר אֵינֶנִּי נֹפֵל עַל־הַכַּשְׂדִּים וְלֹא
שָׁמַע אֵלָיו וַיִּתְפֹּשׂ יִרְאִיָּיה בְּיִרְמְיָהוּ וַיְבִאֵהוּ אֶל־הַשָּׂרִים׃
טו וַיִּקְצְפוּ הַשָּׂרִים עַל־יִרְמְיָהוּ וְהִכּוּ אֹתוֹ וְנָתְנוּ אוֹתוֹ בֵּית
הָאֵסוּר בֵּית יְהוֹנָתָן הַסֹּפֵר כִּי־אֹתוֹ עָשׂוּ לְבֵית הַכֶּלֶא׃
16 כִּי בָא יִרְמְיָהוּ אֶל־בֵּית הַבּוֹר וְאֶל־הַחֲנֻיוֹת וַיֵּשֶׁב־שָׁם
17 יִרְמְיָהוּ יָמִים רַבִּים׃ וַיִּשְׁלַח הַמֶּלֶךְ צִדְקִיָּהוּ וַיִּקָּחֵהוּ
וַיִּשְׁאָלֵהוּ הַמֶּלֶךְ בְּבֵיתוֹ בַּסֵּתֶר וַיֹּאמֶר הֲיֵשׁ דָּבָר מֵאֵת
יְהוָה וַיֹּאמֶר יִרְמְיָהוּ יֵשׁ וַיֹּאמֶר בְּיַד־מֶלֶךְ בָּבֶל תִּנָּתֵן׃
18 וַיֹּאמֶר יִרְמְיָהוּ אֶל־הַמֶּלֶךְ צִדְקִיָּהוּ מֶה חָטָאתִי לְךָ
וְלַעֲבָדֶיךָ וְלָעָם הַזֶּה כִּי־נְתַתֶּם אוֹתִי אֶל־בֵּית הַכֶּלֶא׃
19 וְאַיֵּו נְבִיאֵיכֶם אֲשֶׁר־נִבְּאוּ לָכֶם לֵאמֹר לֹא־יָבֹא מֶלֶךְ
כ בָּבֶל עֲלֵיכֶם וְעַל הָאָרֶץ הַזֹּאת׃ וְעַתָּה שְׁמַע־נָא אֲדֹנִי
הַמֶּלֶךְ תִּפָּל־נָא תְחִנָּתִי לְפָנֶיךָ וְאַל־תְּשִׁבֵנִי בֵּית יְהוֹנָתָן
21 הַסֹּפֵר וְלֹא אָמוּת שָׁם׃ וַיְצַוֶּה הַמֶּלֶךְ צִדְקִיָּהוּ וַיַּפְקִדוּ
אֶת־יִרְמְיָהוּ בַּחֲצַר הַמַּטָּרָה וְנָתֹן לוֹ כִכַּר־לֶחֶם לַיּוֹם
מִחוּץ הָאֹפִים עַד־תֹּם כָּל־הַלֶּחֶם מִן־הָעִיר וַיֵּשֶׁב יִרְמְיָהוּ
בַּחֲצַר הַמַּטָּרָה׃

וישמע

19 ׳ ואיה קרי

8 און די כשדים וועלען זיך צוריקקעהרען און שטרייטען מיט דיעזער שטאָדט און וועלען זי איינגעהמען און פערברענען זי אין פייער.

9 אַזוי האָט גאָט געזאָגט, נאַרט ניט אָב זיך אַליין זאָגענדיג: די כשדים וועלען מוזען אַוועק פון אונז, ווייל זיי וועלען ניט אַוועקגעהן.

10 ווייל, ווען איהר וועט זאָגאַר צושלאָגען די גאַנצע אַרמעע פון די כשדים, וועלכע שטרייטען מיט אייך, און פון זיי זאָלען נאָך בלייבען איינציגע פערוואונדעטע מענער, וועלען יענע אויפשטעהן, יעדער איינער פון זיין געצעלט, און וועלען פאַרברענען דיעזע שטאָדט אין פייער.

11 און דאָס איז געווען ווען די אַרמעע פון די כשדים האָט אָבגעצויגען פון ירושלים פאַר דער אַרמעע פון פּרעה.

12 און ירמיהו איז אַרויסגעגאַנגען פון ירושלים צו געהן אין דעם לאַנד פון בנימין צו נעהמען זיין אַנטהייל פון דאָרט צווישען פאָלק.

13 און ווען ער איז געווען אין טויער פון בנימין און דאָרט איז געווען איין אויפזעהער און זיין נאָמען איז יראייה דער זוהן פון שלמיה דער זוהן פון חנניה, און ער האָט אָנגענומען דעם פּראָפעט ירמיהו זאָגענדיג: דו ווילסט איבערגעהן צו די כשדים?

14 און ירמיהו האָט געזאָגט: עס איז אַ ליעגען, איך וויל ניט איבערגעהן צו די כשדים, אָבער ער האָט איהם ניט געהערט און יראייה האָט אָנגענומען ירמיהו'ן און האָט איהם געבראַכט צו די פירשטען.

15 און די פירשטען האָבען געצערענט אויף ירמיהו און זיי האָבען איהם געשלאָגען, און האָבען איהם אַריינגעזעצט אין געפענגניס אין הויז פון יהונתן דעם שרייבער, ווייל זיי האָבען איהם געמאַכט פאַר אַ געפענגעניס.

16 אַזוי איז ירמיהו אַריין אין געפענגעניס און אין די קאַמערען און איז דאָרט אָבגעזעסען פיעלע טעג.

17 און קעניג צדקיהו האָט געשיקט און איהם גענומען צו זיך אין הויז און דער קעניג האָט איהם געפרעגט אין געהיים און געזאָגט: איז דאָ אַ וואָרט פון גאָט? און ירמיהו האָט געזאָגט, עס איז דאָ, און ער האָט געזאָגט, אין דער האַנד פון קעניג פון בבל וועסטו איבערגעגעבען ווערען.

18 און ירמיהו האָט געזאָגט צום קעניג צדקיהו, וואָס האָב איך געזינדיגט צו דיר און צו דיינע קנעכט און צו דיעזען פאָלק, וואָס איהר האָט מיך פערשפאַרט אין געפענגעניס?

19 און וואו זיינען אייערע פּראָפעטען וואָס האָבען אייך פּראָפעצייהעט אַזוי: דער קעניג פון בבל וועט ניט קומען צו אייך און צו דיעזער לאַנד?

20 און יעצט הער נאָר מיין הארר קעניג, לאָז מיין געבעט פאַר דיר פאַלען און לאָז מיך ניט צוריק ברענגען אין הויז פון יהונתן דעם שרייבער און איך זאָל דאָרט ניט שטאַרבען.

21 און דער קעניג האָט בעפאָהלען און מען האָט ירמיהו'ן אָבגעגעבען אין הויף פון געפענגעניס און מען האָט איהם געגעבען אַ לעבעל ברויט טעג-ליך פון דער בעקער גאַס, ביז עס איז אויסגעגאַנגען דאָס גאַנצע ברויט פון שטאָדט, און ירמיהו איז פערבליעבען אין דעם הויף פון געפענגעניס.

לז

Cap. XXXVIII. לח

א וַיִּשְׁמַע שְׁפַטְיָה בֶּן מַתָּן וּגְדַלְיָהוּ בֶּן־פַּשְׁחוּר וְיוּכַל בֶּן־
שֶֽׁלֶמְיָהוּ וּפַשְׁחוּר בֶּן־מַלְכִּיָּה אֶת־הַדְּבָרִים אֲשֶׁר יִרְמְיָהוּ
2 מְדַבֵּר אֶל־כָּל־הָעָם לֵאמֹר׃ כֹּה אָמַר יְהוָה הַיֹּשֵׁב בָּעִיר
הַזֹּאת יָמוּת בַּחֶרֶב בָּרָעָב וּבַדָּבֶר וְהַיֹּצֵא אֶל־הַכַּשְׂדִּים
3 יְחִיֶה וְהָיְתָה־לּוֹ נַפְשׁוֹ לְשָׁלָל וָחָי׃ כֹּה אָמַר יְהוָה
הִנָּתֹן תִּנָּתֵן הָעִיר הַזֹּאת בְּיַד חֵיל מֶלֶךְ־בָּבֶל וּלְכָדָהּ׃
4 וַיֹּאמְרוּ הַשָּׂרִים אֶל־הַמֶּלֶךְ יוּמַת נָא אֶת־הָאִישׁ הַזֶּה כִּי
עַל־כֵּן הוּא מְרַפֵּא אֶת־יְדֵי אַנְשֵׁי הַמִּלְחָמָה הַנִּשְׁאָרִים ׀
בָּעִיר הַזֹּאת וְאֵת יְדֵי כָל־הָעָם לְדַבֵּר אֲלֵיהֶם כַּדְּבָרִים
הָאֵלֶּה כִּי ׀ הָאִישׁ הַזֶּה אֵינֶנּוּ דֹרֵשׁ לְשָׁלוֹם לָעָם הַזֶּה כִּי
ה אִם־לְרָעָה׃ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ צִדְקִיָּהוּ הִנֵּה־הוּא בְּיֶדְכֶם כִּי־
6 אֵין הַמֶּלֶךְ יוּכַל אֶתְכֶם דָּבָר׃ וַיִּקְחוּ אֶת־יִרְמְיָהוּ וַיַּשְׁלִכוּ
אֹתוֹ אֶל־הַבּוֹר ׀ מַלְכִּיָּהוּ בֶן־הַמֶּלֶךְ אֲשֶׁר בַּחֲצַר הַמַּטָּרָה
וַיְשַׁלְּחוּ אֶת־יִרְמְיָהוּ בַּחֲבָלִים וּבַבּוֹר אֵין־מַיִם כִּי אִם־
7 טִיט וַיִּטְבַּע יִרְמְיָהוּ בַּטִּיט׃ וַיִּשְׁמַע עֶבֶד־מֶלֶךְ הַכּוּשִׁי
אִישׁ סָרִיס וְהוּא בְּבֵית הַמֶּלֶךְ כִּי־נָתְנוּ אֶת־יִרְמְיָהוּ אֶל־
8 הַבּוֹר וְהַמֶּלֶךְ יוֹשֵׁב בְּשַׁעַר בִּנְיָמִן׃ וַיֵּצֵא עֶבֶד־מֶלֶךְ מִבֵּית
9 הַמֶּלֶךְ וַיְדַבֵּר אֶל־הַמֶּלֶךְ לֵאמֹר׃ אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ הֵרֵעוּ
הָאֲנָשִׁים הָאֵלֶּה אֵת כָּל־אֲשֶׁר עָשׂוּ לְיִרְמְיָהוּ הַנָּבִיא
אֵת אֲשֶׁר־הִשְׁלִיכוּ אֶל־הַבּוֹר וַיָּמָת תַּחְתָּיו מִפְּנֵי הָרָעָב
י כִּי אֵין הַלֶּחֶם עוֹד בָּעִיר׃ וַיְצַוֶּה הַמֶּלֶךְ אֵת עֶבֶד־מֶלֶךְ
הַכּוּשִׁי לֵאמֹר קַח בְּיָדְךָ מִזֶּה שְׁלֹשִׁים אֲנָשִׁים וְהַעֲלִיתָ
11 אֶת־יִרְמְיָהוּ הַנָּבִיא מִן־הַבּוֹר בְּטֶרֶם יָמוּת׃ וַיִּקַּח ׀ עֶבֶד־
מֶלֶךְ אֶת־הָאֲנָשִׁים בְּיָדוֹ וַיָּבֹא בֵית־הַמֶּלֶךְ אֶל־תַּחַת
הָאוֹצָר וַיִּקַּח מִשָּׁם בְּלוֹיֵ הַסְחָבוֹת וּבְלוֹיֵ מְלָחִים
12 וַיְשַׁלְּחֵם אֶל־יִרְמְיָהוּ אֶל־הַבּוֹר בַּחֲבָלִים׃ וַיֹּאמֶר עֶבֶד־

מלך

v. 2. וחיה קרי   v. 11. סחבות קרי

קאַפּיטעל לח

1 און שפטיה דער זוהן פון מתן און גדליהו דער זוהן פון פשחור און יוכל
דער זוהן פון שלמיהו און פשחור דער זוהן פון מלכיה האָבען געהערט די
ווערטער וואָס ירמיהו רעדט צום פאָלק אַזוי :

2 אַזוי האָט גאָט געזאָגט, דער וואָס וועט פערבלייבען אין דיעזער שטאָדט
וועט שטאַרבען דורך דעם שווערד און פון הונגער און פון פּעסט, און
דער וואָס וועט אַרויסגעהען צו די כשדים וועט בלייבען לעבען, זיין
זעעלע וועט זיין געווינס זיין און ער וועט לעבען.

3 אַזוי זאָגט גאָט, דיעזע שטאָדט וועט מוזען איבערגעגעבען ווערען אין
דער האַנד פון דער אַרמעע פון קעניג פון בבל און ער וועט זי איינגעהמען.

4 און די פירשטען האָבען געזאָגט צום קעניג, ערלויב נאָר דיעזען מאַן צו
טוידטען, ווייל ער מאַכט אָבהענדיג די קריעגס־מעננער, וואָס זיינען
פערבליעבען אין דיעזער שטאָדט, און דאָס גאַנצע פאָלק ריידענדיג צו
זיי דיעזע ווערטער, ווייל דיעזער מאַן זוכט ניט פריעדען פאַר דיעזען
פאָלק זאָנדערען זיין אונגליק.

5 און דער קעניג צדקיהו האָט געזאָגט, ער איז דאָך אין אייערע הענד, ווייל
דער קעניג קען קיין זאַך ניט טהאָן אייך דאַגעגען.

6 און זיי האָבען גענומען ירמיהו׳ן און האָבען איהם אַריינגעוואָרפען אין
דעם גרוב פון מלכיהו דעם זוהן פון מלך, וואָס אין הויף פון געפענגע־
ניס, און זיי האָבען אַרונטערגעלאָזען ירמיהו׳ן מיט שטריק, און אין׳ם
גרוב איז קיין וואַסער ניט געווען נאָר לעהם און ירמיהו איז געזונקען אין
די לעהם.

7 און עבד־מלך דער כושי, אַ הויף־דיענער אין דעם קעניג׳ס הויז, האָט גע־
הערט אַז מען האָט ירמיהו׳ן אַריינגעזעצט אין גרוב, און דער קעניג
איז דאַן געזעסען אין טהויער פון בנימין.

8 און עבד־מלך איז אַרויס פון קעניגס הויז און גערעדט צום קעניג אַזוי :

9 מיין הערר קעניג דיעזע מענשען האָבען שלעכט געהאַנדעלט מיט אַלעם
דעם וואָס זיי האָבען געטהאָן צו ירמיהו דעם פּראָפעט, וואָס זיי האָבען
איהם אַריינגעוואָרפען אין גרוב, ער וואָלט דאָך בעסער שטאַרבען פון
הונגער אויף זיין אָרט, ווייל עס איז שוין מעהר קיין ברויט אין שטאָדט
ניטאָ.

10 און דער קעניג האָט בעפאָהלען עבד־מלך דעם כושי זאָגענדיג : נעהם
מיט זיך דרייסיג מענשען פון דאַנען און ברענג אַרויף ירמיהו דעם
פּראָפעט פון גרוב בעפאָר ער וועט שטאַרבען.

11 און עבד־מלך האָט גענומען מיט זיך די מענשען און ער איז געקומען
אין קעניגס הויז אונטער דעם שאַטץ קאַמער, און האָט פון דאָרט גענומען
אַלטע קליידער און אַלטע שמאַטעס און אַרונטערגעלאָזען צו ירמיהו׳ן אין
גרוב.

מֶלֶךְ הַכּוּשִׁי אֶל־יִרְמְיָהוּ שִׂים נָא בְּלוֹאֵי הַסְּחָבוֹת
וְהַמְּלָחִים תַּחַת אַצִּלוֹת יָדֶיךָ מִתַּחַת לַחֲבָלִים וַיַּעַשׂ
13 יִרְמְיָהוּ כֵּן׃ וַיִּמְשְׁכוּ אֶת־יִרְמְיָהוּ בַּחֲבָלִים וַיַּעֲלוּ אֹתוֹ
14 מִן־הַבּוֹר וַיֵּשֶׁב יִרְמְיָהוּ בַּחֲצַר הַמַּטָּרָה׃ וַיִּשְׁלַח הַמֶּלֶךְ
צִדְקִיָּהוּ וַיִּקַּח אֶת־יִרְמְיָהוּ הַנָּבִיא אֵלָיו אֶל־מָבוֹא הַשְּׁלִישִׁי
אֲשֶׁר בְּבֵית יְהוָה וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ אֶל־יִרְמְיָהוּ שֹׁאֵל אֲנִי
טו אֹתְךָ דָּבָר אַל־תְּכַחֵד מִמֶּנִּי דָּבָר׃ וַיֹּאמֶר יִרְמְיָהוּ אֶל־
צִדְקִיָּהוּ כִּי אַגִּיד לְךָ הֲלוֹא הָמֵת תְּמִיתֵנִי וְכִי אִיעָצְךָ
16 לֹא תִשְׁמַע אֵלָי׃ וַיִּשָּׁבַע הַמֶּלֶךְ צִדְקִיָּהוּ אֶל־יִרְמְיָהוּ
בַּסֵּתֶר לֵאמֹר חַי־יְהוָה *אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה־לָנוּ אֶת־הַנֶּפֶשׁ
הַזֹּאת אִם־אֲמִיתֶךָ וְאִם־אֶתֶּנְךָ בְּיַד הָאֲנָשִׁים הָאֵלֶּה אֲשֶׁר
17 מְבַקְשִׁים אֶת־נַפְשֶׁךָ׃ וַיֹּאמֶר יִרְמְיָהוּ אֶל־צִדְקִיָּהוּ
כֹּה־אָמַר יְהוָה אֱלֹהֵי צְבָאוֹת אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל אִם־יָצֹא תֵצֵא
אֶל־שָׂרֵי מֶלֶךְ־בָּבֶל וְחָיְתָה נַפְשֶׁךָ וְהָעִיר הַזֹּאת לֹא תִשָּׂרֵף
18 בָּאֵשׁ וְחָיִתָה אַתָּה וּבֵיתֶךָ׃ וְאִם לֹא־תֵצֵא אֶל־שָׂרֵי מֶלֶךְ
בָּבֶל וְנִתְּנָה הָעִיר הַזֹּאת בְּיַד הַכַּשְׂדִּים וּשְׂרָפוּהָ בָּאֵשׁ
19 וְאַתָּה לֹא־תִמָּלֵט מִיָּדָם׃ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ צִדְקִיָּהוּ
אֶל־יִרְמְיָהוּ אֲנִי דֹאֵג אֶת־הַיְּהוּדִים אֲשֶׁר נָפְלוּ אֶל־
כ הַכַּשְׂדִּים פֶּן־יִתְּנוּ אֹתִי בְּיָדָם וְהִתְעַלְּלוּ־בִי׃ וַיֹּאמֶר
יִרְמְיָהוּ לֹא יִתֵּנוּ שְׁמַע־נָא ׀ בְּקוֹל יְהוָה לַאֲשֶׁר אֲנִי דֹּבֵר
21 אֵלֶיךָ וְיִיטַב לְךָ וּתְחִי נַפְשֶׁךָ׃ וְאִם־מָאֵן אַתָּה לָצֵאת זֶה
22 הַדָּבָר אֲשֶׁר הִרְאַנִי יְהוָה׃ וְהִנֵּה כָל־הַנָּשִׁים אֲשֶׁר נִשְׁאֲרוּ
בְּבֵית מֶלֶךְ־יְהוּדָה מוּצָאוֹת אֶל־שָׂרֵי מֶלֶךְ בָּבֶל וְהֵנָּה
אֹמְרוֹת הִסִּיתוּךָ וְיָכְלוּ לְךָ אַנְשֵׁי שְׁלֹמֶךָ הָטְבְּעוּ בַבֹּץ רַגְלֶךָ
23 נָסֹגוּ אָחוֹר׃ וְאֶת־כָּל־נָשֶׁיךָ וְאֶת־בָּנֶיךָ מוֹצִאִים אֶל־
הַכַּשְׂדִּים וְאַתָּה לֹא־תִמָּלֵט מִיָּדָם כִּי בְיַד מֶלֶךְ־בָּבֶל
24 תִּתָּפֵשׂ וְאֶת־הָעִיר הַזֹּאת תִּשְׂרֹף בָּאֵשׁ׃ וַיֹּאמֶר

צדקיהו

16. ᵛ כתיב ולא קרי   22. ᵛ חסר יו״ד

12 און עבד־מלך דער כושי האָט געזאָגט צו ירמיהו, לייג די אַלטע קליידער
און שמאַטעס אונטער דיינע אָרעמס אונטער די שטריק, און ירמיהו האָט
אַזוי געטהאָן.

13 און זיי האָבען אַרויסגעצויגען ירמיהו׳ן מיט שטריק און זיי האָבען איהם
אַרויפגעבראַכט פון גרוב, און ירמיהו איז פערבליעבען אין הויף פון
געפענגענים.

14 און צדקיהו דער קעניג האָט געשיקט און געבראַכט ירמיהו צו איהם צו
דעם דריטען אַריינגאַנג וואָס אין גאָט׳ס הויז, און דער קעניג האָט גע־
זאָגט צו ירמיהו, איך פרעג דיך עטוואָס, זאָלסט מיר קיין זאַך ניט פער־
לייקענען.

15 און ירמיהו האָט געזאָגט צום קעניג: ווען איך וועל דיר זאָגען וועסטו
דען מיך ניט טוידטען? און ווען איך זאָל דיר ראַטהען וועסטו דאָך
מיך ניט פאָלגען.

16 און דער קעניג האָט געשוואָרען צו ירמיהו אין געהיים אַזוי: זאָ
וואהר ווי גאָט לעבט, וואָס ער האָט אונז בעשאַפען דיעזע זעעלע, אַז
איך וועל דיך ניט לאָזען טוידטען און וועל דיך ניט איבערגעבען אין
די הענד פון דיעזע מענשען וואָס ווילען נעהמען דיין לעבען.

17 און ירמיהו האָט געזאָגט צו צדקיהו, אַזוי האָט דער אייביגער פון הער־
שאַפטען גאָט פון ישראל געזאָגט: ווען דו וועסט אַליין אַרויסגעהען
צו די פירשטען פון קעניג פון בבל, וועט דאַן דיין זעעלע לעבען בלייבען
און דיעזע שטאָדט וועט ניט פאַרברענט ווערען אין פייער און דו און
דיין הויז וועלען בלייבען לעבען.

18 אָבער ווען דו וועסט ניט אַרויסגעהען צו די פירשטען פון קעניג פון בבל,
וועט דיעזע שטאָדט איבערגעגעבען ווערען אין די הענד פון די כשדים
און זיי וועלען פערברענען זי אין פייער, און דו וועסט ניט ענטרינען
ווערען פון זייערע הענד.

19 און דער קעניג צדקיהו האָט געזאָגט צו ירמיהו, איך שרעק מיך פאַר די
יהודים, וואָס זיינען איבערגעגאַנגען צו די כשדים, פיליכט גיט מען
מיך איבער אין זייערע הענד און זיי וועלען פון מיר שפּאָטען.

20 און ירמיהו האָט געזאָגט: זיי וועלען ניט איבערגעבען, הער נאָר צו די
שטימע פון גאָט, צו דעם וואָס איך רייד צו דיר, און עס וועט דיר גוט
זיין און דיין זעעלע וועט לעבען בלייבען.

21 און ווען דו ענטזאָגסט זיך אַרויסצוגעהען, איז דיעזעס דאָס וואָרט וואָס
גאָט האָט מיר געוויעזען.

22 און, נון, אַלע פרויען וואָס זיינען פערבליעבען אין הויז פון קעניג פון
יהודה וועלען אַרויסגעפיהרט ווערען צו די פירשטען פון קעניג פון בבל,
און זיי וועלען זאָגען: דיינע פריעדענס־מענער האָבען דיך איבערגע־
רעדט און בעזיעגט, דיינע פיס זיינען געזונקען אין לעהם, און זיי האָבען
זיך אָבגעצויגען צוריק.

23 און אַלע דיינע פרויען און דיינע זיהן וועט מען אַרויספיהרען צו די
כשדים און דו וועסט ניט אַנטרינען ווערען פון זייערע הענד, ווייל אין
דער האַנד פון קעניג פון בבל וועסטו בעצוואונגען ווערען, און דיעזע
שטאָדט וועט ער פערברענען אין פייער.

צִדְקִיָּ֙הוּ֙ אֶֽל־יִרְמְיָ֔הוּ אִ֕ישׁ אַל־יֵ֥דַע בַּדְּבָרִֽים־הָאֵ֖לֶּה וְלֹ֥א
תָמֽוּת׃ וְכִֽי־יִשְׁמְע֣וּ הַשָּׂרִים֮ כִּֽי־דִבַּ֣רְתִּי אִתָּךְ֒ וּבָ֣אוּ אֵלֶ֡יךָ כה
וְאָמְר֣וּ אֵלֶ֗יךָ הַגִּֽידָה־נָּ֥א לָ֛נוּ מַה־דִּבַּ֥רְתָּ אֶל־הַמֶּ֖לֶךְ אַל־
תְּכַחֵ֥ד מִמֶּ֖נּוּ וְלֹ֣א נְמִיתֶ֑ךָ וּמַה־דִּבֶּ֥ר אֵלֶ֖יךָ הַמֶּֽלֶךְ׃ וְאָמַרְתָּ֣ 26
אֲלֵיהֶ֔ם מַפִּֽיל־אֲנִ֥י תְחִנָּתִ֖י לִפְנֵ֣י הַמֶּ֑לֶךְ לְבִלְתִּ֧י הֲשִׁיבֵ֛נִי
בֵּ֥ית יְהוֹנָתָ֖ן לָמ֥וּת שָֽׁם׃ וַיָּבֹ֨אוּ כָל־הַשָּׂרִ֤ים אֶל־ 27
יִרְמְיָ֙הוּ֙ וַיִּשְׁאֲל֣וּ אֹת֔וֹ וַיַּגֵּ֤ד לָהֶם֙ כְּכָל־הַדְּבָרִ֣ים הָאֵ֔לֶּה אֲשֶׁ֥ר
צִוָּ֖ה הַמֶּ֑לֶךְ וַיַּחֲרִ֣שׁוּ מִמֶּ֔נּוּ כִּ֥י לֹא־נִשְׁמַ֖ע הַדָּבָֽר׃ וַיֵּ֤שֶׁב 28
יִרְמְיָ֙הוּ֙ בַּחֲצַ֣ר הַמַּטָּרָ֔ה עַד־י֖וֹם אֲשֶׁר־נִלְכְּדָ֣ה יְרוּשָׁלִָ֑ם ·
וְהָיָ֕ה כַּאֲשֶׁ֖ר נִלְכְּדָ֥ה יְרוּשָׁלִָֽם׃

לט

Cap. XXXIX. לט

בַּשָּׁנָ֨ה הַתְּשִׁעִ֜ית לְצִדְקִיָּ֣הוּ מֶֽלֶךְ־יְהוּדָ֗ה בַּחֹ֙דֶשׁ֙ הָעֲשִׂרִ֔י א
בָּ֠א נְבוּכַדְרֶאצַּ֨ר מֶלֶךְ־בָּבֶ֤ל וְכָל־חֵילוֹ֙ אֶל־יְר֣וּשָׁלִַ֔ם וַיָּצֻ֖רוּ
עָלֶֽיהָ׃ בְּעַשְׁתֵּֽי־עֶשְׂרֵ֤ה שָׁנָה֙ לְצִדְקִיָּ֔הוּ בַּחֹ֥דֶשׁ הָרְבִיעִ֖י 2
בְּתִשְׁעָ֣ה לַחֹ֑דֶשׁ הָבְקְעָ֖ה הָעִֽיר׃ וַיָּבֹ֜אוּ כֹּ֣ל שָׂרֵ֣י 3
מֶֽלֶךְ־בָּבֶ֗ל וַיֵּשְׁב֛וּ בְּשַׁ֣עַר הַתָּ֑וֶךְ נֵרְגַ֣ל שַׂר־אֶ֡צֶר סַֽמְגַּר־נְבוּ֩
שַׂר־סְכִ֨ים רַב־סָרִ֜יס נֵרְגַ֤ל שַׂר־אֶ֙צֶר֙ רַב־מָ֔ג וְכָל־שְׁאֵרִ֕ית
שָׂרֵ֖י מֶ֥לֶךְ־בָּבֶֽל׃ וַיְהִ֡י כַּאֲשֶׁ֣ר רָ֠אָם צִדְקִיָּ֨הוּ מֶֽלֶךְ־יְהוּדָ֜ה 4
וְכֹ֣ל ׀ אַנְשֵׁ֣י הַמִּלְחָמָ֗ה וַֽיִּבְרְחוּ֩ וַיֵּצְא֨וּ לַ֤יְלָה מִן־הָעִיר֙ דֶּ֚רֶךְ
גַּ֣ן הַמֶּ֔לֶךְ בְּשַׁ֖עַר בֵּ֣ין הַחֹמֹתָ֑יִם וַיֵּצֵ֖א דֶּ֥רֶךְ הָעֲרָבָֽה׃
וַיִּרְדְּפ֨וּ חֵיל־כַּשְׂדִּ֜ים אַחֲרֵיהֶ֗ם וַיַּשִּׂ֤גוּ אֶת־צִדְקִיָּ֙הוּ֙ בְּעַֽרְב֣וֹת ה
יְרֵח֔וֹ וַיִּקְח֣וּ אֹת֗וֹ וַֽיַּעֲלֻ֡הוּ אֶל־נְבוּכַדְרֶאצַּ֣ר מֶלֶךְ־בָּ֠בֶל
רִבְלָ֛תָה בְּאֶ֥רֶץ חֲמָ֖ת וַיְדַבֵּ֥ר אִתּ֖וֹ מִשְׁפָּטִֽים׃ וַיִּשְׁחַט֩ 6
מֶ֨לֶךְ בָּבֶ֜ל אֶת־בְּנֵ֧י צִדְקִיָּ֛הוּ בְּרִבְלָ֖ה לְעֵינָ֑יו וְאֵת֙ כָּל־חֹרֵ֣י
יְהוּדָ֔ה שָׁחַ֖ט מֶ֥לֶךְ בָּבֶֽל׃ וְאֶת־עֵינֵ֥י צִדְקִיָּ֖הוּ עִוֵּ֑ר וַיַּאַסְרֵ֙הוּ֙ 7
בַּֽנְחֻשְׁתַּ֔יִם לָבִ֥יא אֹת֖וֹ בָּבֶֽלָה׃ וְאֶת־בֵּ֤ית הַמֶּ֙לֶךְ֙ וְאֶת־בֵּ֣ית 8
הָעָ֔ם שָׂרְפ֥וּ הַכַּשְׂדִּ֖ים בָּאֵ֑שׁ וְאֶת־חֹמ֥וֹת יְרוּשָׁלִַ֖ם נָתָֽצוּ׃

ואת

ל״ח v 28. פסקא באמצע פסוק   ל״ט v. 3. כצ״ל בסין   v. 7. כצ״ל

24 און צדקיהו האָט געזאָגט צו ירמיהו: קיינער זאָל ניט געוואָהר ווערען פון דיעזע רייד, און דו וועסט ניט געטוידט ווערען.

25 און אַז די פירשטען וועלען זיך דערוויסען אַז איך האָב מיט דיר גערעדט, און זיי וועלען קומען און זאָגען צו דיר: זאָג אונז נאָר וואָס האָסטו גערעדט צום קעניג? לייקען ניט פון אונז און מיר וועלען דיך ניט טוידטען, און וואָס האָט דער קעניג גערעדט צו דיר?

26 זאָלסטו זאָגען צו זיי: איך האָב מיין געבעט ניעדערגעלעגט פאַר'ן קעניג, ער זאָל מיך ניט צוריקקעהרען אין הויז פון יהונתן צו שטאַרבען דאָרט.

27 און אַלע פירשטען זיינען געקומען צו ירמיהו און האָבען איהם געפרעגט, און ער האָט זיי געזאָגט דיעזע אַלע ווערטער ווי דער קעניג האָט איהם געהייסען און זיי זיינען אַוועק פון איהם שווייגענדיג, ווייל די זאַך איז ניט געוואָהר געוואָרען.

28 און ירמיהו איז פערבליעבען אין הויף פון געפענגעניס ביז דעם טאָג וואָס ירושלים איז איינגענומען געוואָרען און עס איז געשעהען ווען ירושלים איז איינגענומען געוואָרען.

קאַפּיטעל לט

1 אין דעם ניינטען יאָהר פון צדקיהו קעניג פון יהודה, אין דעם צעהנטען מאָנאַט, איז געקומען נבוכדראצר דער קעניג פון בבל און זיין גאַנצע אַרמעע צו ירושלים און האָבען זי בעלאַגערט.

2 אין דעם עלפטען יאָהר פון צדקיהו און דעם פיערטען מאָנאַט, ניין טעג אין דעם מאָנאַט איז די שטאָדט אויפגעבראָכען געוואָרען.

3 און עס זיינען געקומען אַלע פירשטען פון קעניג פון בבל און האָבען זיך געזעצט אין מיטעלסטען טהויער. נרגל שראצר, סמגר־נבו, שרסכים, דער עלטסטער פון די הויפּ־דיענער, דער הויפּט מאגיקער נרגל שראצר און די איבעריגע פירשטען פון קעניג פון בבל.

4 און עס איז געשעהען ווען צדקיהו דער קעניג פון יהודה האָט זיי דער־זעהען און אַלע קריעגס־מענער, זיינען זיי אַנטלאָפען און אַרויסגעגאַנגען ביז נאַכט פון שטאָדט פון קעניגס גאָרטען, דורך דעם טהויער צווישען די מויערען און אַרוים אויף דעם וועג פון פליין.

5 און די אַרמעע פון די כשדים האָבען זיי נאָכגעיאָגט און אָנגעיאָגט צדקיהו'ן אין די פליין פון ירחו, און זיי האָבען איהם גענומען און אַרויפ־געבראַכט צו נבוכדראצר דעם קעניג פון בבל קיין רבלה אין דעם לאַנד חמת און ער האָט געזאָגט וועגען איהם אַ אורטהייל.

6 און דער קעניג פון בבל האָט געקוילעט די זיהן פון צדקיהו פאַר זיינע אויגען, און אַלע האַררען פון יהודה האָט דער קעניג פון בבל געקוילעט.

7 און די אויגען פון צדקיהו האָט ער בלינד געמאַכט און ער האָט איהם געבונדען אין קייטען צו ברענגען איהם נאָך בבל.

8 און דעם קעניגס און דאָס פאָלקס־הויז האָבען די כשדים פאַרברענט אין פייער און די מויערען פון ירושלים האָבען זיי צובראָכען.

9 וְאֵת יֶתֶר הָעָם הַנִּשְׁאָרִים בָּעִיר וְאֶת־הַנֹּפְלִים אֲשֶׁר נָפְלוּ
עָלָיו וְאֵת יֶתֶר הָעָם הַנִּשְׁאָרִים הֶגְלָה נְבוּזַרְאֲדָן רַב־טַבָּחִים
י בָּבֶל׃ וּמִן־הָעָם הַדַּלִּים אֲשֶׁר אֵין־לָהֶם מְאוּמָה הִשְׁאִיר
נְבוּזַרְאֲדָן רַב־טַבָּחִים בְּאֶרֶץ יְהוּדָה וַיִּתֵּן לָהֶם כְּרָמִים
11 וִיגֵבִים בַּיּוֹם הַהוּא׃ וַיְצַו נְבוּכַדְרֶאצַּר מֶלֶךְ־בָּבֶל עַל־
12 יִרְמְיָהוּ בְּיַד נְבוּזַרְאֲדָן רַב־טַבָּחִים לֵאמֹר׃ קָחֶנּוּ וְעֵינֶיךָ
שִׂים עָלָיו וְאַל־תַּעַשׂ לוֹ מְאוּמָה רָּע כִּי אִם כַּאֲשֶׁר יְדַבֵּר
13 אֵלֶיךָ כֵּן עֲשֵׂה עִמּוֹ׃ וַיִּשְׁלַח נְבוּזַרְאֲדָן רַב־טַבָּחִים
וּנְבוּשַׁזְבָּן רַב־סָרִיס וְנֵרְגַל שַׂרְאֶצֶר רַב־מָג וְכֹל רַבֵּי מֶלֶךְ־
14 בָּבֶל׃ וַיִּשְׁלְחוּ וַיִּקְחוּ אֶת־יִרְמְיָהוּ מֵחֲצַר הַמַּטָּרָה וַיִּתְּנוּ
אֹתוֹ אֶל־גְּדַלְיָהוּ בֶּן־אֲחִיקָם בֶּן־שָׁפָן לְהוֹצִאֵהוּ אֶל־הַבָּיִת
טו וַיֵּשֶׁב בְּתוֹךְ הָעָם׃ וְאֶל־יִרְמְיָהוּ הָיָה דְבַר־יְהוָה
16 בִּהְיֹתוֹ עָצוּר בַּחֲצַר הַמַּטָּרָה לֵאמֹר׃ הָלוֹךְ וְאָמַרְתָּ לְעֶבֶד־
מֶלֶךְ הַכּוּשִׁי לֵאמֹר כֹּה־אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל
הִנְנִי מֵבִי אֶת־דְּבָרַי אֶל־הָעִיר הַזֹּאת לְרָעָה וְלֹא לְטוֹבָה
17 וְהָיוּ לְפָנֶיךָ בַּיּוֹם הַהוּא׃ וְהִצַּלְתִּיךָ בַיּוֹם־הַהוּא נְאֻם־יְהוָה
18 וְלֹא תִנָּתֵן בְּיַד הָאֲנָשִׁים אֲשֶׁר־אַתָּה יָגוֹר מִפְּנֵיהֶם׃ כִּי
מַלֵּט אֲמַלֶּטְךָ וּבַחֶרֶב לֹא תִפֹּל וְהָיְתָה לְךָ נַפְשְׁךָ לְשָׁלָל
כִּי־בָטַחְתָּ בִּי נְאֻם־יְהוָה׃

CAP. XL. מ

מ

א הַדָּבָר אֲשֶׁר־הָיָה אֶל־יִרְמְיָהוּ מֵאֵת יְהוָה אַחַר ׀ שַׁלַּח
אֹתוֹ נְבוּזַרְאֲדָן רַב־טַבָּחִים מִן־הָרָמָה בְּקַחְתּוֹ אֹתוֹ וְהוּא־
אָסוּר בָּאזִקִּים בְּתוֹךְ כָּל־גָּלוּת יְרוּשָׁלַםִ וִיהוּדָה הַמֻּגְלִים
2 בָּבֶלָה׃ וַיִּקַּח רַב־טַבָּחִים לְיִרְמְיָהוּ וַיֹּאמֶר אֵלָיו יְהוָה
3 אֱלֹהֶיךָ דִּבֶּר אֶת־הָרָעָה הַזֹּאת אֶל־הַמָּקוֹם הַזֶּה׃ וַיָּבֵא
וַיַּעַשׂ יְהוָה כַּאֲשֶׁר דִּבֵּר כִּי־חֲטָאתֶם לַיהוָה וְלֹא־שְׁמַעְתֶּם
4 בְּקוֹלוֹ וְהָיָה לָכֶם דָּבָר הַזֶּה׃ וְעַתָּה הִנֵּה פִתַּחְתִּיךָ הַיּוֹם

מִן־

ל״ט v. 12. ר׳ דגושה ibid כתיב ולא קרי v. 13. ט׳ן זעירא v. 16. מביא ק׳ מ׳ v. 1. א׳ נחה v. 3. הדבר ק׳

9 און דאָס איבעריגע פאָלק וואָס זיינען פערבליעבען אין שטאָדט און די
אונטערגעגעבענע וואָס האָבען זיך אונטערגעגעבען אזן דאָס איבעריגע פון
פאָלק וואָס זיינען איבערגעבליעבען האָט נבוזראדן דער הויפט פון די
שלאַכטער פערטריעבען נאָך בבל.

10 און פון די אָרימע פון פאָלק וואָס זיי האָבען גאָר ניט געהאַט האָט
נבוזראדן דער הויפט פון די שלאַכטער איבערגעלאָזען אין יהודה, און ער
האָט זיי געגעבען וויינגערטנער און אַקערלאַנד אין דעם זעלבען טאָג.

11 און נבוכדראצר דער קעניג פון בבל האָט בעפאָהלען וועגען ירמיהו דורך
נבוזראדן דעם הויפט פון די שלאַכטער אַזוי :

12 נעהם איהם אַון גיעב אַכטונג אויף איהם און טהו איהם ניט קיינע
שלעכטס; נאָר אַזוי ווי ער וועט ריידען צו דיר אַזוי זאָלסטו טהאָן.

13 און נבוזראדן דער הויפט פון די שלאַכטער האָט געשיקט (און מיט איהם)
נבושזבן דעם עלטסטען פון די הויף־דיענער און נרגל שראצר דעם הויפט
מאַגיקער און אַלע עלטסטע פון קעניג פון בבל.

14 און זיי האָבען געשיקט און אַרויסגענומען ירמיהו׳ן פון הויף פון געפענ־
גענים און זיי האָבען איהם איבערגעגעבען צו גדליהו דעם זוהן פון אַחיקם
דעם זוהן פון שפן ער זאָל איהם אַרויספיהרען אין זיין היים, און ער
איז פערבליעבען צווישען פאָלק.

15 און צו ירמיהו איז געוועזען גאָט׳ס וואָרט, ווען ער איז נאָך געוועזען פער־
שפאַרט אין הויף פון געפענגענים אַזוי :

16 געה און זאָג צו עבד־מלך דעם כושי אַזוי : אַזוי האָט געזאָגט דער איי־
ביגער פון הערשאַפטען דער גאָט פון ישראל, איך וועל ברענגען מיינע
ווערטער אין דיעזער שטאָדט צו שלעכטען און ניט צו גוטען, און זיי
וועלען געשעהען פאַר דיר אין יענעם טאָג.

17 און דיך וועל איך רעטען אין יענעם טאָג, זאָגט גאָט, און דו וועסט ניט
איבערגעגעבען ווערען אין דער האַנד פון די מענשען, פאַר וועמען דו
פירכסט זיך.

18 ווייל איך וועל דיך רעטען אויף זיכער און דורך׳ן שווערד וועסטו ניט
פאַלען, און דיין זעלע וועט זיין דיין געווינס, דער פאַר וואָס דו האָסט
זיך פערטרויעט אויף מיר, זאָגט גאָט.

קאַפיטעל מ

1 דאָס וואָרט וואָס עס איז געוועזען צו ירמיהו פון גאָט נאָכדעם ווי נבוזראדן
דער הויפט פון די שלאַכטער האָט איהם אַוועקגעשיקט פון רמה ווען
ער האָט איהם גענומען און ער איז נאָך געוועזען געבונדען אין קייטען
צווישען אַלע געפאַנגענע פון ירושלים און יהודה, וועלכע זיינען פער־
טריעבען געוואָרען נאָך בבל.

2 און דער הויפט פון די שלאַכטער האָט גענומען ירמיהו׳ן און האָט צו איהם
געזאָגט : דער אייביגער דיין גאָט האָט גערעדט דיעזע שלעכטס אויף
דיעזען אָרט.

3 און ער האָט געבראַכט און געטהאָן וואָס ער האָט גערעדט, ווייל איהר
האָט געזינדיגט צו גאָט און האָט ניט געהערט אין זיין שטימע און
דיעזעס וואָרט איז אייך געשעהען.

4 און יעצט, נון, האָב איך דיך היינט פריי געבונדען פון די קייטען וואָס

מִן־הָאזִקִּים אֲשֶׁר עַל־יָדֶךָ אִם־טוֹב בְּעֵינֶיךָ לָבוֹא אִתִּי
בָבֶל בֹּא וְאָשִׂים אֶת־עֵינִי עָלֶיךָ וְאִם־רַע בְּעֵינֶיךָ לָבוֹא־
אִתִּי בָבֶל חֲדָל רְאֵה כָּל־הָאָרֶץ לְפָנֶיךָ אֶל־טוֹב וְאֶל־
ה הַיָּשָׁר בְּעֵינֶיךָ לָלֶכֶת שָׁמָּה לֵךְ׃ וְעוֹדֶנּוּ לֹא־יָשׁוּב וְשֻׁבָה
אֶל־גְּדַלְיָה בֶן־אֲחִיקָם בֶּן־שָׁפָן אֲשֶׁר הִפְקִיד מֶלֶךְ־בָּבֶל
בְּעָרֵי יְהוּדָה וְשֵׁב אִתּוֹ בְּתוֹךְ הָעָם אוֹ אֶל־כָּל־הַיָּשָׁר
בְּעֵינֶיךָ לָלֶכֶת לֵךְ וַיִּתֶּן־לוֹ רַב־טַבָּחִים אֲרֻחָה וּמַשְׂאֵת
6 וַיְשַׁלְּחֵהוּ׃ וַיָּבֹא יִרְמְיָהוּ אֶל־גְּדַלְיָה בֶן־אֲחִיקָם הַמִּצְפָּתָה
7 וַיֵּשֶׁב אִתּוֹ בְּתוֹךְ הָעָם הַנִּשְׁאָרִים בָּאָרֶץ׃ וַיִּשְׁמְעוּ
כָל־שָׂרֵי הַחֲיָלִים אֲשֶׁר בַּשָּׂדֶה הֵמָּה וְאַנְשֵׁיהֶם כִּי־הִפְקִיד
מֶלֶךְ־בָּבֶל אֶת־גְּדַלְיָהוּ בֶן־אֲחִיקָם בָּאָרֶץ וְכִי ׀ הִפְקִיד
אִתּוֹ אֲנָשִׁים וְנָשִׁים וָטָף וּמִדַּלַּת הָאָרֶץ מֵאֲשֶׁר לֹא־הָגְלוּ
8 בָּבֶלָה׃ וַיָּבֹאוּ אֶל־גְּדַלְיָה הַמִּצְפָּתָה וְיִשְׁמָעֵאל בֶּן־נְתַנְיָהוּ
וְיוֹחָנָן וְיוֹנָתָן בְּנֵי־קָרֵחַ וּשְׂרָיָה בֶן־תַּנְחֻמֶת וּבְנֵי ׀ עֵופַי
9 הַנְּטֹפָתִי וִיזַנְיָהוּ בֶּן־הַמַּעֲכָתִי הֵמָּה וְאַנְשֵׁיהֶם׃ וַיִּשָּׁבַע
לָהֶם גְּדַלְיָהוּ בֶן־אֲחִיקָם בֶּן־שָׁפָן וּלְאַנְשֵׁיהֶם לֵאמֹר אַל־
תִּירְאוּ מֵעֲבוֹד הַכַּשְׂדִּים שְׁבוּ בָאָרֶץ וְעִבְדוּ אֶת־מֶלֶךְ
י בָּבֶל וְיִיטַב לָכֶם׃ וַאֲנִי הִנְנִי יֹשֵׁב בַּמִּצְפָּה לַעֲמֹד
לִפְנֵי הַכַּשְׂדִּים אֲשֶׁר יָבֹאוּ אֵלֵינוּ וְאַתֶּם אִסְפוּ יַיִן וְקַיִץ
11 וְשֶׁמֶן וְשִׂמוּ בִּכְלֵיכֶם וּשְׁבוּ בְּעָרֵיכֶם אֲשֶׁר־תְּפַשְׂתֶּם׃ וְגַם
כָּל־הַיְּהוּדִים אֲשֶׁר־בְּמוֹאָב ׀ וּבִבְנֵי־עַמּוֹן וּבֶאֱדוֹם וַאֲשֶׁר
בְּכָל־הָאֲרָצוֹת שָׁמְעוּ כִּי־נָתַן ׀ מֶלֶךְ־בָּבֶל שְׁאֵרִית לִיהוּדָה
וְכִי הִפְקִיד עֲלֵיהֶם אֶת־גְּדַלְיָהוּ בֶּן־אֲחִיקָם בֶּן־שָׁפָן׃
12 וַיָּשֻׁבוּ כָל־הַיְּהוּדִים מִכָּל־הַמְּקֹמוֹת אֲשֶׁר נִדְּחוּ־שָׁם וַיָּבֹאוּ
אֶרֶץ־יְהוּדָה אֶל־גְּדַלְיָהוּ הַמִּצְפָּתָה וַיַּאַסְפוּ יַיִן וָקַיִץ
13 הַרְבֵּה מְאֹד׃ וְיוֹחָנָן בֶּן־קָרֵחַ וְכָל־שָׂרֵי הַחֲיָלִים אֲשֶׁר
14 בַּשָּׂדֶה בָּאוּ אֶל־גְּדַלְיָהוּ הַמִּצְפָּתָה׃ וַיֹּאמְרוּ אֵלָיו הֲיָדֹעַ

4. ס א' נוזה   v. 8. עיפי קרי

אויף דיינע הענד, אויב אין דיינע אויגען איז עס גוט צו קומען מיט מיר קיין בבל — קום און איך וועל מיין אויג אויף דיר האלטען און אויב עס איז שלעכט אין דיינע אויגען צו קומען מיט מיר נאך בבל, פערמייד עס. זעה דאס גאנצע לאנד איז פאר דיר וואוהין עס איז גוט און גלייך אין דיינע אויגען צו געהן אהין געה.

5 און ער האט נאך ניט געענטפערט (זאגט נבוזראדן וויעדער :) און קעהר זיך צוריק צו גדליה דער זוהן פון אחיקם דער זוהן פון שפן וועמען דער קעניג פון בבל האט בעשטעלט איבער די שטאדט פון יהודה, און בלייב ביי איהם צווישען דאס פאלק אדער וואו עס געפעלהט דיר צו געהן געה, און דער הויפט פון די שלאכטער האט איהם געגעבען שפייז און געשאנק און האט איהם אוועקגעשיקט.

6 און ירמיהו איז געקומען צו גדליה דער זוהן פון אחיקם נאך מצפה און איז פערבליעבען מיט איהם צווישען פאלק וואס איז איבערגעבליעבען אין לאנד.

7 און ווען עס האבען געהערט די פירשטען פון די ארמעען וואס זיינען געוועזן אויפ'ן פעלד, זיי און זייערע מענשען, אז דער קעניג פון בבל האט בעשטעלט גדליהו דעם זוהן פון אחיקם אין לאנד. און האט איהם איבער־געלאזען מעננער און פרויען און קליינע קינדער און פון די ארימע פון לאנד, פון וועלכע עס זיינען ניט פערטריעבען געווארען נאך בבל.

8 און זיינען געקומען צו גדליהו'ן קיין מצפה און ישמעאל דער זוהן פון נתניהו און יוחנן און יונתן די זיהן פון קרח און שריה דער זוהן פון תנחמת און די זיהן פון עיפי דעם נטופתי און יזניהו דער זוהן פון מעכתי, זיי און זייערע מענשען.

9 און גדליהו דער זוהן פון אחיקם דער זוהן פון שפן האט צו זיי געשווא־רען און צו זייערע מענער זאגענדיג : איהר זאלט ניט פירכטען צו דיע־נען די כשדים, וואהנט אין לאנד און דיענט דעם קעניג פון בבל און עס וועט אייך גוט זיין.

10 און איך פערבלייב דאך אין מצפה אום צו שטעהען פאר די כשדים וועל־קומען צו אונז, און וואהנט אין אייערע שטעדט, וואס איהר פערכאפט.

11 און אויך אלע יהודים וואס זיינען אין מואב און ביי די בני עמון און אין אדום, און וועלכע זיינען אין אלע לענדער, האבען געהארכט אז דער קעניג פון בבל האט געלאזען אן איבערבלייבונג צו יהודה, און אז ער האט בעשטעלט אויף זיי גדל הו דער זוהן פון אחיקם דער זוהן פון שפן.

12 אזוי האבען זיך אלע יהודים צוריקגעקעהרט פון אלע ערטער וואוהין זיי זיינען פארשטויסען געווארען, און זיי זיינען געקומען אין לאנד יהודה צו גדליהו קיין מצפה און זיי האבען געזאמעלט אין זומער פרוכט זעהר פיעל.

13 און יוחנן דער זוהן פון קרח און אלע הארען פון די ארמעען וואס אין פעלד זיינען געקומען צו גדליהו קיין מצפה.

14 און זיי האבען צו איהם געזאגט : ווייסטו אז בעלים דער קעניג פון עמון

תֵּדַע כִּי בַּעֲלִיס ׀ מֶלֶךְ בְּנֵי־עַמּוֹן שָׁלַח אֶת־יִשְׁמָעֵאל בֶּן־
נְתַנְיָה לְהַכֹּתְךָ נָפֶשׁ וְלֹא־הֶאֱמִין לָהֶם גְּדַלְיָהוּ בֶּן־אֲחִיקָם׃
טו וְיוֹחָנָן בֶּן־קָרֵחַ אָמַר אֶל־גְּדַלְיָהוּ בַסֵּתֶר בַּמִּצְפָּה לֵאמֹר
אֵלְכָה נָּא וְאַכֶּה אֶת־יִשְׁמָעֵאל בֶּן־נְתַנְיָה וְאִישׁ לֹא יֵדָע
לָמָּה יַכֶּכָּה נֶּפֶשׁ וְנָפֹצוּ כָּל־יְהוּדָה הַנִּקְבָּצִים אֵלֶיךָ וְאָבְדָה
16 שְׁאֵרִית יְהוּדָה׃ וַיֹּאמֶר גְּדַלְיָהוּ בֶן־אֲחִיקָם אֶל־יוֹחָנָן
בֶּן־קָרֵחַ אַל־תַּעַשׂ אֶת־הַדָּבָר הַזֶּה כִּי־שֶׁקֶר אַתָּה דֹבֵר
אֶל־יִשְׁמָעֵאל׃

CAP. XLI. מא

מא

א וַיְהִי ׀ בַּחֹדֶשׁ הַשְּׁבִיעִי בָּא יִשְׁמָעֵאל בֶּן־נְתַנְיָה בֶן־אֱלִישָׁמָע
מִזֶּרַע הַמְּלוּכָה וְרַבֵּי הַמֶּלֶךְ וַעֲשָׂרָה אֲנָשִׁים אִתּוֹ אֶל־
גְּדַלְיָהוּ בֶן־אֲחִיקָם הַמִּצְפָּתָה וַיֹּאכְלוּ שָׁם לֶחֶם יַחְדָּו
2 בַּמִּצְפָּה׃ וַיָּקָם יִשְׁמָעֵאל בֶּן־נְתַנְיָה וַעֲשֶׂרֶת הָאֲנָשִׁים ׀
אֲשֶׁר־הָיוּ אִתּוֹ וַיַּכּוּ אֶת־גְּדַלְיָהוּ בֶן־אֲחִיקָם בֶּן־שָׁפָן בַּחֶרֶב
3 וַיָּמֶת אֹתוֹ אֲשֶׁר־הִפְקִיד מֶלֶךְ־בָּבֶל בָּאָרֶץ׃ וְאֵת כָּל־
הַיְּהוּדִים אֲשֶׁר־הָיוּ אִתּוֹ אֶת־גְּדַלְיָהוּ בַּמִּצְפָּה וְאֶת־
הַכַּשְׂדִּים אֲשֶׁר נִמְצְאוּ־שָׁם אֵת אַנְשֵׁי הַמִּלְחָמָה הִכָּה
4 יִשְׁמָעֵאל׃ וַיְהִי בַּיּוֹם הַשֵּׁנִי לְהָמִית אֶת־גְּדַלְיָהוּ וְאִישׁ לֹא
ה יָדָע׃ וַיָּבֹאוּ אֲנָשִׁים מִשְּׁכֶם מִשִּׁלוֹ וּמִשֹּׁמְרוֹן שְׁמֹנִים אִישׁ
מְגֻלְּחֵי זָקָן וּקְרֻעֵי בְגָדִים וּמִתְגֹּדְדִים וּמִנְחָה וּלְבוֹנָה בְּיָדָם
6 לְהָבִיא בֵּית יְהוָה׃ וַיֵּצֵא יִשְׁמָעֵאל בֶּן־נְתַנְיָה לִקְרָאתָם
מִן־הַמִּצְפָּה הֹלֵךְ הָלֹךְ וּבֹכֶה וַיְהִי כִּפְגֹשׁ אֹתָם וַיֹּאמֶר
7 אֲלֵיהֶם בֹּאוּ אֶל־גְּדַלְיָהוּ בֶן־אֲחִיקָם׃ וַיְהִי כְּבוֹאָם אֶל־
תּוֹךְ הָעִיר וַיִּשְׁחָטֵם יִשְׁמָעֵאל בֶּן־נְתַנְיָה אֶל־תּוֹךְ הַבּוֹר
8 הוּא וְהָאֲנָשִׁים אֲשֶׁר־אִתּוֹ׃ וַעֲשָׂרָה אֲנָשִׁים נִמְצְאוּ־בָם
וַיֹּאמְרוּ אֶל־יִשְׁמָעֵאל אַל־תְּמִתֵנוּ כִּי־יֶשׁ־לָנוּ מַטְמֹנִים
בַּשָּׂדֶה חִטִּים וּשְׂעֹרִים וְשֶׁמֶן וּדְבָשׁ וַיֶּחְדַּל וְלֹא הֱמִיתָם

בתוך

מ׳ v. 16. תעשה קרי

האָט געשיקט ישמעאל דעם זוהן פון נתניה דיך טוידט צו שלאָגען ?
אָבער גדליהו דער זוהן פון אחיקם האָט זיי ניט געגלויבט.

15 און יוחנן דער זוהן פון קרח האָט געזאָגט צו גדליהו אין געהיים אין
מצפה אזוי : לאָז מיך געהען און טוידטען ישמעאל דעם זוהן פון נתניה
און קיינער זאָל עס ניט וויסען, וואָרום זאָל ער דיך טוידטען און גאַנץ
יהודה וואָס האָט זיך פערזאַמעלט צו דיר וועלען פערשפּרייט ווערען און
די איבערגעבליעבענע יהודה וועט דאַן פערלאָרען געהען.

16 און גדליהו דער זוהן פון אחיקם האָט געזאָגט צו יוחנן דעם זוהן פון
קרח, דו זאָלסט דיעזע זאַך ניט טהאָן, ווייל דו רעדסט פאַלשקייט וועגען
ישמעאל.

קאַפּיטעל מא

1 און עס איז געווען אין זיעבעטען מאָנאַט איז געקומען ישמעאל דער
זוהן פון נתניה דער זוהן פון אלישמע פון די קעניגליכע קינדער, און
די הויפּט לייט פון קעניג און צעהן מענשען מיט איהם צו גדליהו דעם
זוהן פון אחיקם נאָך מצפה, און זיי האָבען צוזאַמען געגעסען ברויט
דאָרט אין מצפה.

2 און ישמעאל דער זוהן פון נתניה און די צעהן לייטע, וואָס זיינען געווען
מיט איהם, זיינען אויפגעשטאַנען און זיי האָבען דערשלאָגען גדליהו
דעם זוהן פון אחיקם דער זוהן פון שפן מיט'ן שווערד און האָבען גע־
טוידטעט איהם, וועמען דער קעניג פון בבל האָט אויפגענומען איבער'ן
לאַנד.

3 און אלע יהודים וואָס זיינען געווען מיט גדליהו'ן אין מצפה און די
כשדים, וועלכע האָבען זיך דאָרט געפונען, די קריעגס־לייטע, האָט
ישמעאל דערשלאָגען.

4 און עס איז געשעהען נאָך דעם צווייטען טאָג נאָך די ערמאָרדונג פון
גדליהו, און קיינער האָט ניט געוואוסט.

5 און עס זיינען געקומען לייטע פון שכם און פון שלו און פון שמרון
אַכציג מאַן מיט געגאָלטע בערד און צוריסענע קליידער און צושניטענע
לייבער, און אין זייערע הענד זיינען געווען שפּייז־אָפּפער און ווייה־
רויך צו ברענגען עס אין גאָט'ס הויז.

6 און ישמעאל דער זוהן פון נתניה איז אַרויס זיי אַנטקעגען פון מצפה,
אומגעגאַנגען און געוויינט, און עס איז געווען ווען ער האָט זיי בעגעג־
נעט, האָט ער צו זיי געזאָגט : קומט צו גדליהו דעם זוהן פון אחיקם.

7 און עס איז געשעהען ווען זיי זיינען אריינגעקומען אין מיטען שטאָדט,
האָט זיי ישמעאל דער זוהן פון נתניה געקוילעט און ער און די מעננער
וואָס זיינען געווען מיט איהם האָבען זיי אַריינגעוואָרפען אין גרוב.

8 און צווישען זיי זיינען געווען צעהן מענשען און זיי האָבען געזאָגט צו
ישמעאל'ן : טוידט אונז ניט, ווייל מיר האָבען אין פעלד פערבאָרגען
ווייץ און גערשטען און אויל און האָניג, און ער האָט זיי אָבגעלאָזען און
זיי ניט געטוידט צווישען זייערע ברידער.

9 בְּתוֹךְ אֲחֵיהֶם׃ וְהַבּוֹר אֲשֶׁר הִשְׁלִיךְ שָׁם יִשְׁמָעֵאל אֵת ׀
כָּל־פִּגְרֵי הָאֲנָשִׁים אֲשֶׁר הִכָּה בְּיַד־גְּדַלְיָהוּ הוּא אֲשֶׁר
עָשָׂה הַמֶּלֶךְ אָסָא מִפְּנֵי בַּעְשָׁא מֶלֶךְ־יִשְׂרָאֵל אֹתוֹ מִלֵּא
י יִשְׁמָעֵאל בֶּן־נְתַנְיָהוּ חֲלָלִים׃ וַיִּשְׁבְּ ׀ יִשְׁמָעֵאל אֶת־כָּל־
שְׁאֵרִית הָעָם אֲשֶׁר בַּמִּצְפָּה אֶת־בְּנוֹת הַמֶּלֶךְ וְאֶת־כָּל־
הָעָם הַנִּשְׁאָרִים בַּמִּצְפָּה אֲשֶׁר הִפְקִיד נְבוּזַרְאֲדָן רַב־
טַבָּחִים אֶת־גְּדַלְיָהוּ בֶּן־אֲחִיקָם וַיִּשְׁבֵּם יִשְׁמָעֵאל בֶּן־
11 נְתַנְיָה וַיֵּלֶךְ לַעֲבֹר אֶל־בְּנֵי עַמּוֹן׃ וַיִּשְׁמַע יוֹחָנָן בֶּן־קָרֵחַ
וְכָל־שָׂרֵי הַחֲיָלִים אֲשֶׁר אִתּוֹ אֵת כָּל־הָרָעָה אֲשֶׁר עָשָׂה
12 יִשְׁמָעֵאל בֶּן־נְתַנְיָה׃ וַיִּקְחוּ אֶת־כָּל־הָאֲנָשִׁים וַיֵּלְכוּ לְהִלָּחֵם
עִם־יִשְׁמָעֵאל בֶּן־נְתַנְיָה וַיִּמְצְאוּ אֹתוֹ אֶל־מַיִם רַבִּים אֲשֶׁר
13 בְּגִבְעוֹן׃ וַיְהִי כִּרְאוֹת כָּל־הָעָם אֲשֶׁר אֶת־יִשְׁמָעֵאל אֶת־
יוֹחָנָן בֶּן־קָרֵחַ וְאֵת כָּל־שָׂרֵי הַחֲיָלִים אֲשֶׁר אִתּוֹ וַיִּשְׂמָחוּ׃
14 וַיָּסֹבּוּ כָּל־הָעָם אֲשֶׁר־שָׁבָה יִשְׁמָעֵאל מִן־הַמִּצְפָּה וַיָּשֻׁבוּ
טו וַיֵּלְכוּ אֶל־יוֹחָנָן בֶּן־קָרֵחַ׃ וְיִשְׁמָעֵאל בֶּן־נְתַנְיָה נִמְלַט
16 בִּשְׁמֹנָה אֲנָשִׁים מִפְּנֵי יוֹחָנָן וַיֵּלֶךְ אֶל־בְּנֵי עַמּוֹן׃ וַיִּקַּח
יוֹחָנָן בֶּן־קָרֵחַ וְכָל־שָׂרֵי הַחֲיָלִים אֲשֶׁר־אִתּוֹ אֵת כָּל־
שְׁאֵרִית הָעָם אֲשֶׁר הֵשִׁיב מֵאֵת יִשְׁמָעֵאל בֶּן־נְתַנְיָה מִן־
הַמִּצְפָּה אַחַר הִכָּה אֶת־גְּדַלְיָה בֶּן־אֲחִיקָם גְּבָרִים אַנְשֵׁי
הַמִּלְחָמָה וְנָשִׁים וְטַף וְסָרִסִים אֲשֶׁר הֵשִׁיב מִגִּבְעוֹן׃
17 וַיֵּלְכוּ וַיֵּשְׁבוּ בְּגֵרוּת כִּמְוֹהָם אֲשֶׁר־אֵצֶל בֵּית לָחֶם לָלֶכֶת
18 לָבוֹא מִצְרָיִם׃ מִפְּנֵי הַכַּשְׂדִּים כִּי יָרְאוּ מִפְּנֵיהֶם כִּי־הִכָּה
יִשְׁמָעֵאל בֶּן־נְתַנְיָה אֶת־גְּדַלְיָהוּ בֶּן־אֲחִיקָם אֲשֶׁר־הִפְקִיד
מֶלֶךְ־בָּבֶל בָּאָרֶץ׃

מב Cap. XLII. מב

א וַיִּגְּשׁוּ כָּל־שָׂרֵי הַחֲיָלִים וְיוֹחָנָן בֶּן־קָרֵחַ וִיזַנְיָה בֶּן־הוֹשַׁעְיָה
2 וְכָל־הָעָם מִקָּטֹן וְעַד־גָּדוֹל׃ וַיֹּאמְרוּ אֶל־יִרְמְיָהוּ הַנָּבִיא
תפל

מ״א v. 17. כמוהם קרי

9 און דער גרוב, וואָס ישמעאל האָט דאָרט אַריינגעוואָרפען אַלע טויטע קערפּער פון די מענשען, וואָס ער האָט דערשלאָגען דורך גדליהו, איז דערזעלבער, וואָס דער קעניג אָסאָ האָט געמאַכט אוים פורכט פאַר בעשא דעם קעניג פון ישראל, דיזען האָט ישמעאל דער זוהן פון נתניה אָנגעפילט מיט דערשלאָגענע.

10 און ישמעאל האָט געפאַנגען די איבערגעבליעבענע פון פאָלק וואָס אין מצפה, דעם קעניגס טעכטער און גאָר דאָס פאָלק, וועלכע זיינען פערבליעבען אין מצפה, וואָס נבוזראדן דער הויפט פון די שלאַכטער האָט איבערגעגעבען צו גדליהו דעם זוהן פון אחיקם, זיי האָט ישמעאל דער זוהן פון נתניה געפאַנגען און איז געגאַנגען צו אַוועקפיהרען זיי צו די בני־עמון.

11 און יוחנן דער זוהן פון קרח און אַלע הארען פון די אַרמעען, וואָס זיינען געוועזען מיט איהם, האָבען געהערט דאָס שלעכטס וואָס ישמעאל דער זוהן פון נתניה האָט געטהאָן.

12 און זיי האָבען גענומען אַלע לייטע און זיינען אַוועק צו שטרייטען מיט ישמעאל דעם זוהן נתניה, און זיי האָבען איהם געפונען ביים גרויסען וואסער וואָס אין גבעון.

13 און עס איז געוועזען ווען גאָר דאָס פאָלק וואָס זיינען געוועזען מיט ישמעאל האָבען דערזעהען יוחנן דעם זוהן פון קרח און אַלע הארען פון די ארמעען האָבען זיי זיך דערפרעהט.

כִּי־כֹה ׀ אָמַר יְהוָה הִנֵּה אֲשֶׁר־אֵין מִשְׁפָּטָם 12
לִשְׁתּוֹת הַכּוֹס שָׁתוֹ יִשְׁתּוּ וְאַתָּה הוּא נָקֹה תִּנָּקֶה לֹא
תִנָּקֶה כִּי שָׁתֹה תִּשְׁתֶּה׃ כִּי בִי נִשְׁבַּעְתִּי נְאֻם־יְהוָה כִּי־ 13
לְשַׁמָּה לְחֶרְפָּה לְחֹרֶב וְלִקְלָלָה תִּהְיֶה בָצְרָה וְכָל־עָרֶיהָ
תִּהְיֶינָה לְחָרְבוֹת עוֹלָם׃ שְׁמוּעָה שָׁמַעְתִּי מֵאֵת יְהוָה 14
וְצִיר בַּגּוֹיִם שָׁלוּחַ הִתְקַבְּצוּ וּבֹאוּ עָלֶיהָ וְקוּמוּ לַמִּלְחָמָה׃
כִּי־הִנֵּה קָטֹן נְתַתִּיךָ בַּגּוֹיִם בָּזוּי בָּאָדָם׃ תִּפְלַצְתְּךָ הִשִּׁיא טו 16
אֹתָךְ זְדוֹן לִבֶּךָ שֹׁכְנִי בְּחַגְוֵי הַסֶּלַע תֹּפְשִׂי מְרוֹם גִּבְעָה
כִּי־תַגְבִּיהַּ כַּנֶּשֶׁר קִנֶּךָ מִשָּׁם אוֹרִידְךָ נְאֻם־יְהוָה׃ וְהָיְתָה 17
אֱדוֹם לְשַׁמָּה כֹּל עֹבֵר עָלֶיהָ יִשֹּׁם וְיִשְׁרֹק עַל־כָּל־מַכּוֹתֶהָ׃
כְּמַהְפֵּכַת סְדֹם וַעֲמֹרָה וּשְׁכֵנֶיהָ אָמַר יְהוָה לֹא־יֵשֵׁב שָׁם 18
אִישׁ וְלֹא־יָגוּר בָּהּ בֶּן־אָדָם׃ הִנֵּה כְּאַרְיֵה יַעֲלֶה מִגְּאוֹן 19
הַיַּרְדֵּן אֶל־נְוֵה אֵיתָן כִּי־אַרְגִּיעָה אֲרִיצֶנּוּ מֵעָלֶיהָ וּמִי
בָחוּר אֵלֶיהָ אֶפְקֹד כִּי מִי כָמוֹנִי וּמִי יֹעִידֶנִּי וּמִי־זֶה רֹעֶה
אֲשֶׁר יַעֲמֹד לְפָנָי׃ לָכֵן שִׁמְעוּ עֲצַת־יְהוָה אֲשֶׁר יָעַץ אֶל־ כ
אֱדוֹם וּמַחְשְׁבוֹתָיו אֲשֶׁר חָשַׁב אֶל־יֹשְׁבֵי תֵימָן אִם־לֹא
יִסְחָבוּם צְעִירֵי הַצֹּאן אִם־לֹא יַשִּׁים עֲלֵיהֶם נְוֵהֶם׃
מִקּוֹל נִפְלָם רָעֲשָׁה הָאָרֶץ צְעָקָה בְּיַם־סוּף נִשְׁמַע 21
קוֹלָהּ׃ הִנֵּה כַנֶּשֶׁר יַעֲלֶה וְיִדְאֶה וְיִפְרֹשׂ כְּנָפָיו עַל־ 22
בָּצְרָה וְהָיָה לֵב גִּבּוֹרֵי אֱדוֹם בַּיּוֹם הַהוּא כְּלֵב אִשָּׁה

מצרה

v. 21. כ״א קלם

7 איבער אדום: אַזוי זאָגט גאָט פון העֶרשאַפטען, איז דען קיין קלוג־
הייט מעהר ניטאָ אין תימן? איז דען פערלאָרען אַ ראַטה פון די פער־
שטענדיגע? זייער קלוגהייט איז פערדאָרבען געוואָרען?
8 אַנטלאָפען, געקעהרט זיך מיט'ן נאַקען, פערקראָכען אין אַ טיעפען אָרט
צו וואָהנען, איינוואָהנער פון דדן, ווייל איך האָב געבראַכט עשו'ס בראָך
אויף איהם, אין דערצייט וואָס איך האָב איהם בעזוכט.
9 ווען טרויבען־קלייבער זיינען געקומען צו דיר, וואָלטען זיי דיר ניט
איבערגעלאָזען די קליינע טרויבען? ווען גנבים ביי נאַכט, זאָגאַר,
וואָלטען דאָך פערדאַרבען וויפיעל זיי דאַרפען.
10 אָבער איך האָב אַנטפּלעקט עשו'ן, האָב אויפגעדעקט זיינע פערבאָרגע־
ניסען, און ער האָט זיך ניט געקענט בעהאַלטען, צושטערט זיינען זיינע
קינדער און זיינע ברידער און נאַכבאַרען — ער איז שוין מעהר ניטאָ.
11 פאַרלאָז דיינע יתומים, איך וועל זיי אויפהאַלטען ביים לעבען און דיינע
אַלמנות זאָלען זיך אויף מיר פערטרויען.
12 ווייל אַזוי האָט גאָט געזאָגט, נון, די יעניגע, וואָס זייער רעכט איז ניט
געווען צו טרינקען פון בעכער, האָבען געמוזט טרינקען, וועסט דען גאָר
דיין אַרויס ריין? דו וועסט ניט אַרויס ריין! דו וועסט מוזען טרינקען.
13 ווייל איך שווער ביי מיר זאָגט גאָט, אַז צו וויסט, צו שאַנדע, צו צושטע־
רונג און צו פלוך וועט בצרה זיין, און אַלע איהרע שטעדט וועלען זיין
אין אייביגע וויסטענים.
14 איך האָב געהערט אַ נייעס פון גאָט, אַז אַ געזאַנדטער (שליח) איז
געשיקט געוואָרען צו די פעלקער: זאַמעלט אייך, און קומט אויף איהר,
און שטעלט זיך אויף צום שטרייט.
15 ווייל קליין האָב איך דיך געמאַכט אונטער די פעלקער, פעראַכטעט מעהר
פון אַלע מענשען.
16 דיין שרעק בילד האָט דיך פערפיהרט, דיין פרעכהייט, דו וואָהנסט אין
די שפּאַלטען פון אַ פעלז, האַלסט פעסט די הויכקייט פון באַרג, ווען
דו וועסט זאָגאַר אויפהויבען ווי איין אָדלער דיין נעסט, וועל איך דיך
פון דאָרט אַרונטערנעהמען, זאָגט גאָט.
17 און אדום וועט זיין צו וויסט, יעדער פערבייפאָהרער אַרום איהר וועט
שטוינען און אויספייפען איבער אַלע איהרע וואונדען.
18 וועסט זיין ווי די איבערקעהרונג פון סדם און עמרה און איהרע נאַכ־
באַרען, האָט גאָט געזאָגט, קיין מענש וועט דאָרט ניט וואָהנען און קיין
מענשענזוהן וועט זיך ניט אויפהאַלטען.
19 נון, ווי אַ לייב וועט ער אַרויף פון דעם שטאָלצען ירדן צום פעסטען
וואָהנונג, ווייל אין איין אויגענבליק וועל איך איהם (אדום) פערטריבען
פון איהר און איך וועל בעשטימען פאַר איהר דעם וואָס איז אויסער־
וועהלט, ווייל ווער איז צו מיר גלייך? און ווער וועט עס מיך אויפפאָ־
דערען? און ווער איז דער הירט, וואָס זאָל זיך שטעלען אַנטקעגען מיר?
20 דאַרום העֶרט גאָט'ס ראַטה, וואָס ער בעשטימט וועגען אדום, און זיינע
געדאַנקען וואָס ער האָט געטראַכט וועגען די איינוואָהנער פון תימן,
(וועט איהר זעהען) אויב מען וועט זיי ניט אַוועקשלעפען ווי יונגע שעֶ־
פילאַך, אויב מען וועט ניט פערוויסטען זייערע וואָהנונגען.
21 פון דער שטימע פון זייער פאַל האָט די ערד געציטערט, אַ געשריי, ביז
ים־סוף, איז געהערט געוואָרען איהר שטימע.
22 נון, ווי אַן אָדלער געהט ער אַרויף און שוועבט און פערשפּרייט זיינע
פליגלען איבער בצרה, און דאָס האַרץ פון די העלדען פון אדום וועט זיין
אין יענעם טאָג ווי דאָס האַרץ פון אַ פרוי אין איהרע וועהען.

23 מְצֵרָה׃ לְדַמֶּשֶׂק בֹּושָׁה חֲמָת וְאַרְפָּד כִּֽי־שְׁמֻעָה
24 רָעָה שָׁמְעוּ נָמֹגוּ בַּיָּם דְּאָגָה הַשְׁקֵט לֹא יוּכָל׃ רָפְתָה
דַמֶּשֶׂק הִפְנְתָה לָנוּס וְרֶטֶט הֶחֱזִיקָה צָרָה וַחֲבָלִים
כה אֲחָזַתָּה כַּיּוֹלֵדָה׃ אֵיךְ לֹא־עֻזְּבָה עִיר תְּהִלָּה קִרְיַת
26 מְשׂוֹשִׂי׃ לָכֵן יִפְּלוּ בַחוּרֶיהָ בִּרְחֹבֹתֶיהָ וְכָל־אַנְשֵׁי
27 הַמִּלְחָמָה יִדַּמּוּ בַּיּוֹם הַהוּא נְאֻם יְהוָה צְבָאוֹת׃ וְהִצַּתִּי
אֵשׁ בְּחוֹמַת דַּמָּשֶׂק וְאָכְלָה אַרְמְנוֹת בֶּן־הֲדָד׃
28 לְקֵדָר ׀ וּלְמַמְלְכוֹת חָצוֹר אֲשֶׁר הִכָּה נְבוּכַדְרֶאצּוֹר מֶלֶךְ־
בָּבֶל כֹּה אָמַר יְהוָה קוּמוּ עֲלוּ אֶל־קֵדָר וְשָׁדְדוּ אֶת־בְּנֵי־
29 קֶדֶם׃ אָהֳלֵיהֶם וְצֹאנָם יִקָּחוּ יְרִיעוֹתֵיהֶם וְכָל־כְּלֵיהֶם
ל וּגְמַלֵּיהֶם יִשְׂאוּ לָהֶם וְקָרְאוּ עֲלֵיהֶם מָגוֹר מִסָּבִיב׃ נֻסוּ
נֻּדוּ מְאֹד הֶעְמִיקוּ לָשֶׁבֶת יֹשְׁבֵי חָצוֹר נְאֻם־יְהוָה כִּי־
יָעַץ עֲלֵיכֶם נְבוּכַדְרֶאצַּר מֶלֶךְ־בָּבֶל עֵצָה וְחָשַׁב עֲלֵיהֶם
31 מַחֲשָׁבָה׃ קוּמוּ עֲלוּ אֶל־גּוֹי שְׁלֵיו יוֹשֵׁב לָבֶטַח נְאֻם־יְהוָה
32 לֹא־דְלָתַיִם וְלֹא־בְרִיחַ לוֹ בָּדָד יִשְׁכֹּנוּ׃ וְהָיוּ גְמַלֵּיהֶם
לָבַז וַהֲמוֹן מִקְנֵיהֶם לְשָׁלָל וְזֵרִתִים לְכָל־רוּחַ קְצוּצֵי פֵאָה
33 וּמִכָּל־עֲבָרָיו אָבִיא אֶת־אֵידָם נְאֻם־יְהוָה׃ וְהָיְתָה חָצוֹר
לִמְעוֹן תַּנִּים שְׁמָמָה עַד־עוֹלָם לֹא־יֵשֵׁב שָׁם אִישׁ וְלֹא־
34 יָגוּר בָּהּ בֶּן־אָדָם׃ אֲשֶׁר הָיָה דְבַר־יְהוָה אֶל־
יִרְמְיָהוּ הַנָּבִיא אֶל־עֵילָם בְּרֵאשִׁית מַלְכוּת צִדְקִיָּה מֶלֶךְ־
לה יְהוּדָה לֵאמֹר׃ כֹּה אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת הִנְנִי שֹׁבֵר אֶת־
36 קֶשֶׁת עֵילָם רֵאשִׁית גְּבוּרָתָם׃ וְהֵבֵאתִי אֶל־עֵילָם אַרְבַּע
רוּחוֹת מֵאַרְבַּע קְצוֹת הַשָּׁמַיִם וְזֵרִתִים לְכֹל הָרֻחוֹת
הָאֵלֶּה וְלֹא־יִהְיֶה הַגּוֹי אֲשֶׁר לֹא־יָבוֹא שָׁם נִדְּחֵי עוֹלָם׃
37 וְהַחְתַּתִּי אֶת־עֵילָם לִפְנֵי אֹיְבֵיהֶם וְלִפְנֵי ׀ מְבַקְשֵׁי נַפְשָׁם
וְהֵבֵאתִי עֲלֵיהֶם ׀ רָעָה אֶת־חֲרוֹן אַפִּי נְאֻם־יְהוָה וְשִׁלַּחְתִּי
38 אַחֲרֵיהֶם אֶת־הַחֶרֶב עַד כַּלּוֹתִי אוֹתָם׃ וְשַׂמְתִּי כִסְאִי

בעילם

v. 25. תהלת ק׳. v. 28. יתיר ו׳. v. 29. קמץ בז״ק. v. 30. עליכם ק׳. v. 36. סבירין יבאו. ibid. עילם ק׳

23 איבער דמשק : פערשעהמט זיינען חמת, און ארפד, ווייל א שלעכטע
נייעס האָבען זיי געהערט, זיי זיינען אין אונמאַכט געפאַלען, די זאָרג
איז גרויס ווי דער ים, ער קען ניט רוהיג זיין.

24 דמשק איז שלאַף געוואָרען, האָט זיך אומגעקעהרט צו אַנטלויפען און
עס האָט זי אָנגענומען אַ ציטערניס, אַנגסט און שמערץ האָט איהר אָנ־
גענומען ווי אַ געווינערין.

25 אַך, ווי אָהן הילף איז געבליעבען די בעריהמטע שטאָדט, די שטאָדט פון
מיין פריינד.

26 דארום פאַלען איהרע יונגע לייט אין די גאַסען און אַלע קריעגס־לייט
וועלען אומקומען אין יענעם טאָג, זאָגט גאָט פון הערשאַפטען.

27 און איך וועל אָנצינדען אַ פייער אין מויער פון דמשק און עס וועט פער־
ברענען די פּאַלאַצען פון בן הדד.

28 איבער קדר און די קעניגרייכען פון חצור וואָס נבוכדראצר דער קעניג
פון בבל האָט געשלאָגען : אַזוי האָט גאָט געזאָגט, שטעהט אויף און
געהט אַרויף צו קדר און בערויבט די קינדער פון אַסט זייט.

29 זייערע געצעלטען און זייער שאָף וועלען זיי צונעהמען, זייערע פאָר־
האַנגען און אַלע זייערע געפעס און זייערע קעמלען וועלען זיי אַוועק־
פיהרען און מען וועט רופען אויף זיי שרעק פון אַרום.

30 אַנטלויפט, וואַנדערער זעהר וויים, מאַכט טיעף אייער וואָהנונג, איינ־
וואָהנער פון חצור, זאָגט גאָט, ווייל נבוכדראצר דער קעניג פון בבל
האָט געראַטהען וועגען אייך אַ ראַטה און געטראַכט אַ געדאַנק.

31 שטעהט אויף, געהט אַרויף צו אַ רוהיג פאָלק, וואָס וואָהנט זיכער, זאָגט
גאָט, ער האָט ניט קיין טהירען און קיין ריגעל, זיי וואָהנען איינזאַם.

32 און זייערע קעמלען וועלען זיין צו רויב, און זייערע פיעלע פיה צו פּליג־
דערונג, און איך וועל זיי פערשפּרייטען צו אַלע ווינטען, די אָבגעשאָ־
רענע לאָקען, און פון זיינע אַלע זייטען וועל איך ברענגען זייער בראָך,
זאָגט גאָט.

33 און חצור וועט זיין אַ וואָהנונג פאַר שלאַנגען, וויסט אויף אייביג, קיין
מענש וועט דאָרט ניט וואָהנען און קיין מענשענזוהן וועט זיך דאָרט
אויפהאַלטען.

34 דאָס וואָרט פון גאָט וואָס עס איז געוועזען צו ירמיהו דעם פּראָפעט איבער
עילם, אין אָנפאַנג פון דער רעגיערונג פון צדקיהו קעניג פון יהודה אַזוי :

35 אַזוי האָט געזאָגט גאָט פון הערשאַפטען, נון, איך צוברעך דעם בויגען
פון עילם די ערשטע קראַפט זייערע.

36 און איך וועל ברענגען אויף עילם פיער ווינטען פון פיער עקען פונ'ם
הימעל און וועל זיי פערשפּרייטען צו אַלע דיעזע ווינטען, און עס וועט
ניט זיין אַ פאָלק וואָס אַהין זאָלען ניט קומען די פערשטויסענע פון עילם.

37 און איך וועל עילם צוברעכען פאַר זייערע פיינדע און פאַר זייערע פער־
פאָלגער, און וועל ברענגען אויף זיי אונגליק דעם גרים פון מיין צאָרן,
זאָגט גאָט. און וועל שיקען נאָך זיי דעם שווערד, ביז איך וועל זיי פער־
ניכטען.

39 בְּעֵילָם וְהַאֲבַדְתִּי מִשָּׁם מֶלֶךְ וְשָׂרִים נְאֻם־יְהוָה׃ וְהָיָה ׀
בְּאַחֲרִית הַיָּמִים אָשׁוּב אֶת־שְׁבִית עֵילָם נְאֻם־יְהוָה׃

נ CAP. L. נ

א הַדָּבָר אֲשֶׁר דִּבֶּר יְהוָה אֶל־בָּבֶל אֶל־אֶרֶץ כַּשְׂדִּים בְּיַד
2 יִרְמְיָהוּ הַנָּבִיא׃ הַגִּידוּ בַגּוֹיִם וְהַשְׁמִיעוּ וּשְׂאוּ־נֵס הַשְׁמִיעוּ
אַל־תְּכַחֵדוּ אִמְרוּ נִלְכְּדָה בָבֶל הֹבִישׁ בֵּל חַת מְרֹדָךְ
3 הֹבִישׁוּ עֲצַבֶּיהָ חַתּוּ גִּלּוּלֶיהָ׃ כִּי עָלָה עָלֶיהָ גּוֹי מִצָּפוֹן
הוּא־יָשִׁית אֶת־אַרְצָהּ לְשַׁמָּה וְלֹא־יִהְיֶה יוֹשֵׁב בָּהּ מֵאָדָם
4 וְעַד־בְּהֵמָה נָדוּ הָלָכוּ׃ בַּיָּמִים הָהֵמָּה וּבָעֵת הַהִיא נְאֻם־
יְהוָה יָבֹאוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל הֵמָּה וּבְנֵי־יְהוּדָה יַחְדָּו הָלוֹךְ וּבָכוֹ
ה יֵלֵכוּ וְאֶת־יְהוָה אֱלֹהֵיהֶם יְבַקֵּשׁוּ׃ צִיּוֹן יִשְׁאָלוּ דֶּרֶךְ הֵנָּה
פְּנֵיהֶם בֹּאוּ וְנִלְווּ אֶל־יְהוָה בְּרִית עוֹלָם לֹא תִשָּׁכֵחַ׃
6 צֹאן אֹבְדוֹת הָיָה עַמִּי רֹעֵיהֶם הִתְעוּם הָרִים שׁוֹבְבִים מֵהַר
7 אֶל־גִּבְעָה הָלָכוּ שָׁכְחוּ רִבְצָם׃ כָּל־מוֹצְאֵיהֶם אֲכָלוּם
וְצָרֵיהֶם אָמְרוּ לֹא נֶאְשָׁם תַּחַת אֲשֶׁר חָטְאוּ לַיהוָה נְוֵה־
8 צֶדֶק וּמִקְוֵה אֲבוֹתֵיהֶם יְהוָה׃ נֻדוּ מִתּוֹךְ בָּבֶל וּמֵאֶרֶץ
9 כַּשְׂדִּים יֵצְאוּ וִהְיוּ כְּעַתּוּדִים לִפְנֵי־צֹאן׃ כִּי הִנֵּה אָנֹכִי
מֵעִיר וּמַעֲלֶה עַל־בָּבֶל קְהַל־גּוֹיִם גְּדֹלִים מֵאֶרֶץ צָפוֹן
וְעָרְכוּ לָהּ מִשָּׁם תִּלָּכֵד חִצָּיו כְּגִבּוֹר מַשְׁכִּיל לֹא יָשׁוּב
י רֵיקָם׃ וְהָיְתָה כַשְׂדִּים לְשָׁלָל כָּל־שֹׁלְלֶיהָ יִשְׂבָּעוּ נְאֻם־
11 יְהוָה׃ כִּי תִשְׂמְחִי כִּי תַעַלְזִי שֹׁסֵי נַחֲלָתִי כִּי תָפוּשִׁי
12 כְּעֶגְלָה דָשָׁה וְתִצְהֲלִי כָּאַבִּרִים׃ בּוֹשָׁה אִמְּכֶם מְאֹד
חָפְרָה יוֹלַדְתְּכֶם הִנֵּה אַחֲרִית גּוֹיִם מִדְבָּר צִיָּה וַעֲרָבָה׃
13 מִקֶּצֶף יְהוָה לֹא תֵשֵׁב וְהָיְתָה שְׁמָמָה כֻּלָּהּ כֹּל עֹבֵר עַל־
14 בָּבֶל יִשֹּׁם וְיִשְׁרֹק עַל־כָּל־מַכּוֹתֶיהָ׃ עִרְכוּ עַל־בָּבֶל ׀
סָבִיב כָּל־דֹּרְכֵי קֶשֶׁת יְדוּ אֵלֶיהָ אַל־תַּחְמְלוּ אֶל־חֵץ כִּי

לִיהוה

מ״ט v. 39. אשיב קרי ibid. שבות קרי נ׳ v. 5. קמץ בז״ק v. 6. היו קרי ibid. שובבם קרי
ibid. קמץ בז״ק v. 8. צאו קרי v. 9. נ״א משכיל v. 10. קמץ בטרחא v. 11. תשמחו קרי
ibid. תעלזו קרי ibid. תפושו קרי ibid. נ״א דשא ibid. ותצהלו קרי

38 און איך וועל מיין טהראָן שטעלען אין עילם און וועל פערטיליגען פון
דאָרט קעניג און פירשטען, זאָגט גאָט.
39 און עס וועט געשעהען אין די לעצטע טעג וועל איך צוריקקעהרען די
געפאַנגענע פון עילם, זאָגט גאָט.

קאַפּיטעל נ

1 דאָס וואָרט וואָס גאָט האָט גערעדט איבער בבל, איבער דאָס לאַנד כשדים
דורך ירמיהו דעם פּראָפעט.
2 זאָגט אָן צווישען די פעלקער, מאַכט עס הערען און הויבט אויף אַ פאָהן,
מאַכט הערען (די נייעס), פאַרלייקענט ניט, זאָגט : בבל איז בע־
צוואונגען געוואָרען, בל איז צו שאַנדע, מרודך איז צובראָכען, איהרע
אָבגעטער זיינען צו שאַנדע, איהרע געטצען צובראָכען.
3 ווייל אויף איהר איז אַרויף אַ פאָלק פון נאָרד זייט, ער וועט מאַכען איהר
לאַנד צו וויסט, עס וועט אין איהר קיין אַיינוואָהנער ניט זיין, ווי מענ־
שען אַזוי פיה זיינען אַוועקגעוואַנדערט אַוועקגעגאַנגען.
4 אין יענע טעג און אין יענער צייט, זאָגט גאָט, וועלען קומען די קינדער
פון ישראל, זיי און די קינדער פון יהודה צוזאַמען, זיי וועלען געהען,
געהען און וויינען, און דעם אייביגען זייער גאָט וועלען זיי זוכען.
5 זיי וועלען פרעגען נאָך ציון, אַהין אויף דעם וועג ווענדען זיי זייערע
געזיכטער, קומט לאָמיר זיך פעראייניגען מיט גאָט מיט איין אייביגען
בונד וואָס וועט ניט פאַרגעסען ווערען.
6 פאַרלאָרענע שאָף זיינען מיין פאָלק געוועזען, זייערע הירטען האָבען זיי
פערפיהרט, געלאָזט זיי לויפען ווילד אויף די בערג, פון באַרג צום היגעל
(ניעדעריגען באַרג) זיינען זיי געגאַנגען, זיי האָבען זייער לאַגער פער־
געסען.
7 אַלע וואָס האָבען זיי געפונען האָבען זיי געגעסען און זייערע פיינדע
זאָגען, מיר וועלען קיין שולד ניט האָבען ווייל זיי האָבען געזינדיגט צו
גאָט, דער וואָהנונג פון גערעכטיגקייט, די האָפענונג פון זייערע עלטער־
רען — גאָט.
8 וואַנדערט אַרויס פון בבל און געהט אַרויס פון כשדים און זייט ווי די
בעק פאַר די שאָף.
9 ווייל, נון, איך ערוועק און ברענג אַרויף אויף בבל אַ פערזאַמלונג פון
גרויסע פעלקער פון נאָרד זייט, און זיי וועלען זיי אָנגרייפען פון דאָרט
וועט זי בעצוואונגען ווערען, זיינע פיילען זיינען ווי פון אַ געלעהרנטען
העלד וואָס ער וועט זיך ניט אומקעהרען אומזיסט.
10 און כשדים וועט זיין צו רויב, אַלע איהרע רויבער וועלען זיך אָנזעטיגען
זאָגט גאָט.
11 ווייל איהר האָט זיך געפרעהט, ווייל איהר האָט זיך לוסטיג געמאַכט,
איהר רויבער פון מיין ערב, ווייל איהר זייט געוואָרען פעט ווי אַ קאַלב
וואָס דרעשט און האָט געהירזשעט ווי די שטאַרקע פערד.
12 אייער מוטער איז פערשעמט, צו שאַנדע איז אַייער געווינערין, נון די
ענדע פון פעלקער וועט זיין וויסט, טרוקען און פערלאָזען.
13 דורך דעם צאָרן פון גאָט וועט זי ניט בעזעצט ווערען און זי וועט אין
גאַנצען זיין וויסט. יעדערער וואָס וועט פערבייפאָהרען בבל וועט שטוי־
נען און אויספייפען איבער אַלע איהרע פּלאָגען.
14 ברייט זיך פאָר פון אַרום בבל אַלע וואָס טרעטען דעם בויגען, שיסט אויף
איהר, זשאַלעוועט ניט קיין פיילען, ווייל זי האָט געזינדיגט פאַר גאָט.

טו לַיהוָה חָטָאָה׃ הָרִיעוּ עָלֶיהָ סָבִיב נָתְנָה יָדָהּ נָפְלוּ
אָשְׁיוֹתֶיהָ נֶהֶרְסוּ חוֹמוֹתֶיהָ כִּי נִקְמַת יְהוָה הִיא הִנָּקְמוּ
16 בָהּ כַּאֲשֶׁר עָשְׂתָה עֲשׂוּ־לָהּ׃ כִּרְתוּ זוֹרֵעַ מִבָּבֶל וְתֹפֵשׂ
מַגָּל בְּעֵת קָצִיר מִפְּנֵי חֶרֶב הַיּוֹנָה אִישׁ אֶל־עַמּוֹ יִפְנוּ
17 וְאִישׁ לְאַרְצוֹ יָנֻסוּ׃ שֶׂה פְזוּרָה יִשְׂרָאֵל אֲרָיוֹת הִדִּיחוּ
הָרִאשׁוֹן אֲכָלוֹ מֶלֶךְ אַשּׁוּר וְזֶה הָאַחֲרוֹן עִצְּמוֹ נְבוּכַדְרֶאצַּר
18 מֶלֶךְ בָּבֶל׃ לָכֵן כֹּה־אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת אֱלֹהֵי
יִשְׂרָאֵל הִנְנִי פֹקֵד אֶל־מֶלֶךְ בָּבֶל וְאֶל־אַרְצוֹ כַּאֲשֶׁר
19 פָּקַדְתִּי אֶל־מֶלֶךְ אַשּׁוּר׃ וְשֹׁבַבְתִּי אֶת־יִשְׂרָאֵל אֶל־נָוֵהוּ
וְרָעָה הַכַּרְמֶל וְהַבָּשָׁן וּבְהַר אֶפְרַיִם וְהַגִּלְעָד תִּשְׂבַּע
כ נַפְשׁוֹ׃ בַּיָּמִים הָהֵם וּבָעֵת הַהִיא נְאֻם־יְהוָה יְבֻקַּשׁ אֶת־
עֲוֺן יִשְׂרָאֵל וְאֵינֶנּוּ וְאֶת־חַטֹּאת יְהוּדָה וְלֹא תִמָּצֶאינָה כִּי
21 אֶסְלַח לַאֲשֶׁר אַשְׁאִיר׃ עַל־הָאָרֶץ מְרָתַיִם עֲלֵה
עָלֶיהָ וְאֶל־יוֹשְׁבֵי פְּקוֹד חֲרֹב וְהַחֲרֵם אַחֲרֵיהֶם נְאֻם־יְהוָה
22 וַעֲשֵׂה כְּכֹל אֲשֶׁר צִוִּיתִיךָ׃ קוֹל מִלְחָמָה בָּאָרֶץ וְשֶׁבֶר
23 גָּדוֹל׃ אֵיךְ נִגְדַּע וַיִּשָּׁבֵר פַּטִּישׁ כָּל־הָאָרֶץ אֵיךְ הָיְתָה
24 לְשַׁמָּה בָּבֶל בַּגּוֹיִם׃ יָקֹשְׁתִּי לָךְ וְגַם־נִלְכַּדְתְּ בָּבֶל וְאַתְּ
לֹא יָדָעַתְּ נִמְצֵאת וְגַם־נִתְפַּשְׂתְּ כִּי בַיהוָה הִתְגָּרִית׃
כה פָּתַח יְהוָה אֶת־אוֹצָרוֹ וַיּוֹצֵא אֶת־כְּלֵי זַעְמוֹ כִּי־מְלָאכָה
26 הִיא לַאדֹנָי יְהוִה צְבָאוֹת בְּאֶרֶץ כַּשְׂדִּים׃ בֹּאוּ־לָהּ מִקֵּץ
פִּתְחוּ מַאֲבֻסֶיהָ סָלּוּהָ כְמוֹ־עֲרֵמִים וְהַחֲרִימוּהָ אַל־תְּהִי־
27 לָהּ שְׁאֵרִית׃ חִרְבוּ כָּל־פָּרֶיהָ יֵרְדוּ לַטָּבַח הוֹי עֲלֵיהֶם
28 כִּי־בָא יוֹמָם עֵת פְּקֻדָּתָם׃ קוֹל נָסִים וּפְלֵטִים מֵאֶרֶץ
בָּבֶל לְהַגִּיד בְּצִיּוֹן אֶת־נִקְמַת יְהוָה אֱלֹהֵינוּ נִקְמַת הֵיכָלוֹ׃
29 הַשְׁמִיעוּ אֶל־בָּבֶל ׀ רַבִּים כָּל־דֹּרְכֵי קֶשֶׁת חֲנוּ עָלֶיהָ
סָבִיב אַל־יְהִי־ פְּלֵיטָה שַׁלְּמוּ־לָהּ כְּפָעֳלָהּ כְּכֹל אֲשֶׁר
עָשְׂתָה עֲשׂוּ־לָהּ כִּי אֶל־יְהוָה זָדָה אֶל־קְדוֹשׁ יִשְׂרָאֵל׃

לכן

15 ׳v אשויתיה קרי. v. 20. יתיר י׳. v. 29. לה קרי ולא כתיב

15 שאַלט אויף איהר פון אַרום, זי האָט זיך שוין אונטערגעגעבען, איהרע פונדאַמענטען זיינען איינגעפאַלען, צוואוואָרפען איהרע מויערען, ווייל דאָס איז גאָט׳ס ראַכע, נעהמט ראַכע פון איהר, ווי זי האָט געטהאָן, אַזוי טהוט איהר.

16 פאַרטיליגט דעם וואָס זעעהט פון בבל און דעם וואָס האַלט דעם סערפּ אין שניט צייט פאַר דעם פערדאָרבענעם שווערד וועט יעדערער זיך צוריקקעהרען צו זיין פאָלק, און יעדער וועט אַנטלויפען צו זיין לאַנד.

17 אַ פערשפּרייטע שאָף איז ישראל, לייבען האָבען איהם פערטריעבען, דער ערשטער האָט איהם אויפגעגעסען, דער קעניג פון אַשור, און דער לעצטער האָט זיינע ביינער צובראָכען, נבוכדראצר דער קעניג פון בבל.

18 דאַרום אַזוי זאָגט דער אייביגער פון הערשאַפטען גאָט פון ישראל, נון בעזוך איך דעם קעניג פון בבל און זיין לאַנד, אַזוי ווי איך האָב בעזוכט דעם קעניג פון אַשור.

19 און איך וועל צוריקקעהרען ישראל צו זיין וואָהנונג און עס וועט זיך פיטערען אויף כרמל און בשן, און אויפ׳ן באַרג אפרים און אין גלעד וועט זיך זיין זעעלע זעטיגען.

20 אין יענע טעג און אין יענער צייט, זאָגט גאָט, וועט די שולד פון יהודה געזוכט ווערען אָבער עס וועט ניט זיין, און די זינד פון יהודה און עס וועט ניט געפונען ווערען, ווייל איך וועל פערגעבען די וואָס איך לאָז איבער.

21 איבער דאָס לאַנד פון ווידערשפּעניגקייט (בבל) : געה אַרויף אויף איהר און אויף די אַיינוואָהנער פון פקוד, רואינער און פערוויסט הינטער זיי, זאָגט גאָט, און טהו ווי איך בעפעהל דיך.

22 אַ שטימע פון אַ שטרייט אינ׳ם לאַנד און אַ גרויסער בראָך.

23 אַך! ווי איז אָבגעהאַקט און צובראָכען דער האַמער פון דער גאַנצער ערד! ווי איז בבל געוואָרען צו ערשטוינונג ביי אַלע פעלקער.

24 איך האָב געמאַכט אַ נעץ פאַר דיר און דו ביסט בעצוואונגען געוואָרען און דו האָסט גאָר ניט געוואוסט, דו ביזט געפונען געוואָרען און אויך געכאַפּט געוואָרען, ווייל דו האָסט זיך גערייצט מיט גאָט.

25 גאָט האָט געעפענט זיין שאַטיז־קאַמער און ארויסגענומען אַלע געוועהר פון זיין צאָרן, ווייל דאָס איז די אַרבייט פון דעם אייביגען גאָט פון הער־שאַפטען וואָס וועט זיין אין לאַנד כשדים.

26 קומט צו איהר פון עק וועלט, עפענט איהרע שפּייכלערס, טרעט אויף איהר ווי אויף גאַרבען און פערוויסט זי, עס זאָל קיין איבערבלייבונג ניט זיין פאַר איהר.

27 פערניכטעט אַלע איהרע אָקסען זאָלען זיי אַרונטער געהען צום שלאַכט, וועה צו זיי, ווייל עס איז געקומען זייער טאָג, די צייט פון זייער שטראָף.

28 (ס׳הערט זיך) אַ שטימע פון די אַנטלאָפענע און אַנטרונענע פון לאַנד בבל, אָנצוזאָגען אין ציון די ראַכע פון דעם אייביגען אונזער גאָט, די ראַכע פון זיין טעמפּעל.

29 רופט צוזאַמען צו בבל פיעלע, אַלע וואָס טרעטען דעם בויגען, לאַגערט אַרום איהר פון אַרום, זאָל זי ניט האָבען קיין אַנטרינונג, בעצאָהלט איהר אַזוי ווי איהר אַרבייט, ווי אַלעס וואָס זי האָט געטהאָן טהוט איהר אויך, ווייל זי האָט געמוטהוויליגט פאַר גאָט, פאַר דעם הייליגען פון ישראל.

לָכֵן יִפְּלוּ בַחוּרֶיהָ בִּרְחֹבֹתֶיהָ וְכָל־אַנְשֵׁי מִלְחַמְתָּהּ יִדַּמּוּ ל
בַּיּוֹם הַהוּא נְאֻם־יְהוָה׃ הִנְנִי אֵלֶיךָ זָדוֹן נְאֻם־אֲדֹנָי 31
יְהוִה צְבָאוֹת כִּי בָּא יוֹמְךָ עֵת פְּקַדְתִּיךָ׃ וְכָשַׁל זָדוֹן 32
וְנָפַל וְאֵין לוֹ מֵקִים וְהִצַּתִּי אֵשׁ בְּעָרָיו וְאָכְלָה כָּל־
סְבִיבֹתָיו׃ כֹּה אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת עֲשׁוּקִים בְּנֵי־ 33
יִשְׂרָאֵל וּבְנֵי־יְהוּדָה יַחְדָּו וְכָל־שֹׁבֵיהֶם הֶחֱזִיקוּ בָם מֵאֲנוּ
שַׁלְּחָם׃ גֹּאֲלָם ׀ חָזָק יְהוָה צְבָאוֹת שְׁמוֹ רִיב יָרִיב אֶת־ 34
רִיבָם לְמַעַן הִרְגִּיעַ אֶת־הָאָרֶץ וְהִרְגִּיז לְיֹשְׁבֵי בָבֶל׃ חֶרֶב לה
עַל־כַּשְׂדִּים נְאֻם־יְהוָה וְאֶל־יֹשְׁבֵי בָבֶל וְאֶל־שָׂרֶיהָ וְאֶל־
חֲכָמֶיהָ׃ חֶרֶב אֶל־הַבַּדִּים וְנֹאָלוּ חֶרֶב אֶל־גִּבּוֹרֶיהָ וָחָתּוּ׃ 36
חֶרֶב אֶל־סוּסָיו וְאֶל־רִכְבּוֹ וְאֶל־כָּל־הָעֶרֶב אֲשֶׁר בְּתוֹכָהּ 37
וְהָיוּ לְנָשִׁים חֶרֶב אֶל־אוֹצְרֹתֶיהָ וּבֻזָּזוּ׃ חֹרֶב אֶל־מֵימֶיהָ 38
וְיָבֵשׁוּ כִּי אֶרֶץ פְּסִלִים הִיא וּבָאֵימִים יִתְהֹלָלוּ׃ לָכֵן יֵשְׁבוּ 39
צִיִּים אֶת־אִיִּים וְיָשְׁבוּ בָהּ בְּנוֹת יַעֲנָה וְלֹא־תֵשֵׁב עוֹד
לָנֶצַח וְלֹא תִשְׁכּוֹן עַד־דּוֹר וָדֹר׃ כְּמַהְפֵּכַת אֱלֹהִים אֶת־ מ
סְדֹם וְאֶת־עֲמֹרָה וְאֶת־שְׁכֵנֶיהָ נְאֻם־יְהוָה לֹא־יֵשֵׁב שָׁם
אִישׁ וְלֹא־יָגוּר בָּהּ בֶּן־אָדָם׃ הִנֵּה עַם בָּא מִצָּפוֹן וְגוֹי 41
גָּדוֹל וּמְלָכִים רַבִּים יֵעֹרוּ מִיַּרְכְּתֵי־אָרֶץ׃ קֶשֶׁת וְכִידֹן 42
יַחֲזִיקוּ אַכְזָרִי הֵמָּה וְלֹא יְרַחֵמוּ קוֹלָם כַּיָּם יֶהֱמֶה וְעַל־
סוּסִים יִרְכָּבוּ עָרוּךְ כְּאִישׁ לַמִּלְחָמָה עָלַיִךְ בַּת־בָּבֶל׃
שָׁמַע מֶלֶךְ־בָּבֶל אֶת־שִׁמְעָם וְרָפוּ יָדָיו צָרָה הֶחֱזִיקַתְהוּ 43
חִיל כַּיּוֹלֵדָה׃ הִנֵּה כְּאַרְיֵה יַעֲלֶה מִגְּאוֹן הַיַּרְדֵּן אֶל־נְוֵה 44
אֵיתָן כִּי־אַרְגִּעָה אֲרוּצֵם מֵעָלֶיהָ וּמִי בָחוּר אֵלֶיהָ אֶפְקֹד
כִּי מִי כָמוֹנִי וּמִי יוֹעִדֶנִּי וּמִי־זֶה רֹעֶה אֲשֶׁר יַעֲמֹד לְפָנָי׃
לָכֵן שִׁמְעוּ עֲצַת־יְהוָה אֲשֶׁר יָעַץ אֶל־בָּבֶל וּמַחְשְׁבוֹתָיו מה
אֲשֶׁר חָשַׁב אֶל־אֶרֶץ כַּשְׂדִּים אִם־לֹא יִסְחָבוּם צְעִירֵי

הצאן

44. v ארוצם קרי

30 דאַרום וועלען פאַלען איהרע יונגע לייט אין איהרע גאַסען און אַלע איהרע
קריעגס־מענער וועלען אומקומען אין יענעם טאָג, זאָגט גאָט.

31 נון, איך קום צו דיר, מוטהוויליגער, זאָגט דער אייביגער גאָט פון הער־
שאַפטען, ווייל דיין טאָג איז געקומען, די צייט איך זאָל דיך בעזוכען.

32 און דער מוטהוויליגער וועט געשטרויכעלט ווערען און פאַלען און וועט
ניט האָבען ווער עס זאָל איהם אויפהויבען, און איך וועל אָנצינדען אַ
פייער אין זיינע שטעדט און עס וועט פערברענען אַלעס אַרום איהם.

33 אַזוי האָט געזאָגט גאָט פון הערשאַפטען, אונטערדריקט זיינען די קינ־
דער פון ישראל און די קינדער פון יהודה צוזאַמען, און אַלע וואָס האָבען
זיי געפאַנגען האַלטען זיי פעסט, זיי ענטזאַגען זיך אַוועק צו שיקען זיי.

34 אָבער זייער אויסלייזער איז שטאַרק, גאָט פון הערשאַפטען איז זיין
נאָמען, ער וועט געוויס קעמפפען זייער קאַמפף, אום צו ברענגען רוהע
אין לאַנד און מאַכען ציטערען די איינוואָהנער פון בבל.

35 דאָס שווערד איבער די כשדים, זאָגט גאָט, און איבער די איינוואָהנער
פון בבל און איבער איהרע פירשטען און איבער איהרע קלוגע לייט.

36 דאָס שווערד איבער די ליגנער און זיי וועלען בלייבען צום נאַרען, דאָס
שווערד איבער די העלדען און זיי וועלען זיין דערשראָקען.

37 דאָס שווערד איבער זיינע פערד און איבער זיינע רייט־וועגען און אי־
בער גאָר די געמישטע פעלקערשאַפט וואָס אין איהר און זיי וועלען זיין
שלאַף ווי פרויען, דאָס שווערד איבער איהרע שאַטצען און זיי וועלען צו־
רויבט ווערען.

38 אַ טריקעניס איבער איהרע וואַסערען און זיי וועלען אויסגעטריקענט ווע־
רען, ווייל אַ לאַנד פון געטצען איז עס און מיט שרעקליכע אָבגעטער
מאַכען זיי זיך נאַריש.

39 דאַרום וועלען דאָרט וואָהנען ווילדע טהיערע און שאַקאַלען, און שטרויס־
סען וועלען אין איהר וואָהנען, און אויף אייביג וועט זי מעהר ניט בע־
וואָהנט ווערען, און עס וועט דאָרט קיין רוהע אָרט ניט זיין פון דור
צו דור.

40 ווי די איבערקעהרונג פון גאָט פון סדום און עמרה און איהרע נאַכבאַרען,
זאָגט גאָט, וועט דאָרט ניט וואָהנען קיין מענש און זיך ניט אויפהאַלטען
אַ מענשענזוהן.

41 נון, אַ פאָלק קומט פון נאָרד זייט און אַ גרויסע נאַציאָן, און פיעלע קעני־
גע ערוואַכען פון וויטעסטע ענדען פון דער ערד.

42 בויגען און שפיזען האַלטען זיי, זיי זיינען טיראַנען און ערבאַרעמען ניט,
זייער שטימע וועט ברומען ווי א ים און אויף פערד וועלען זיי רייטען,
געגרייט אַלע ווי איין מאַן צום שטרייט אויף דיר טאָכטער פון בבל.

43 דער קעניג פון בבל האָט געהערט די נייעס פון זיי און האָט אָבגעלאָ־
זיינע הענד, עס האָט איהם אָנגענומען אנגסט, אַ שמערץ ווי אַ געווינערין.

44 נון, ווי אַ לייב וועט ער אַרויף פון שטאָלצען ירדן אין פעסטען וואָהנונג,
ווייל אין איין אויגענבליק וועל איך זיי (בבל) פערטריבען פון איהר, און
איך וועל בעשטימען פאַר איהר, דעם וואָס איז אויסערוועהלט, ווייל
ווער איז צו מיר גלייך ? און ווער וועט עס מיך אויפפאָדערען ? און
ווער איז דער הירט, וואָס זאָל זיך שטעלען קעגען מיר ?

45 דאַרום הערט די ראַטה פון גאָט וואָס ער האָט בעשלאָסען פאַר בבל,
און זיינע געדאַנקען וואָס ער האָט געטראַכט וועגען דעם לאַנד פון כשדים,

46 הצאן אם־לא ישים עליהם נוה: מקול נתפשה בבל
נרעשה הארץ וזעקה בגוים נשמע:

Cap. LI. נא

נא

א כה אמר יהוה הנני מעיר על־בבל ואל־ישבי לב קמי
2 רוח משחית: ושלחתי לבבל | זרים וזרוה ויבקקו את־
3 ארצה כי־היו עליה מסביב ביום רעה: אל־ידרך ידרך
הדרך קשתו ואל־יתעל בסרינו ואל־תחמלו אל־בחריה
4 החרימו כל־צבאה: ונפלו חללים בארץ כשדים ומדקרים
ה בחוצותיה: כי לא־אלמן ישראל ויהודה מאלהיו
מיהוה צבאות כי ארצם מלאה אשם מקדוש ישראל:
6 נסו | מתוך בבל ומלטו איש נפשו אל־תדמו בעונה כי
7 עת נקמה היא ליהוה גמול הוא משלם לה: כוס־זהב
בבל ביד־יהוה משכרת כל־הארץ מיינה שתו גוים על־
8 כן יתהללו גוים: פתאם נפלה בבל ותשבר הילילו
9 עליה קחו צרי למכאובה אולי תרפא: רפאנו את־בבל
ולא נרפתה עזבוה ונלך איש לארצו כי־נגע אל־השמים
י משפטה ונשא עד־שחקים: הוציא יהוה את־צדקתינו
11 באו ונספרה בציון את־מעשה יהוה אלהינו: הברו
החצים מלאו השלטים העיר יהוה את־רוח מלכי מדי
כי־על־בבל מזמתו להשחיתה כי־נקמת יהוה היא נקמת
12 היכלו: אל־חומת בבל שאו־נס החזיקו המשמר הקימו
שמרים הכינו הארבים כי גם־זמם יהוה גם־עשה את
13 אשר־דבר אל־ישבי בבל: שכנתי על־מים רבים רבת
14 אוצרת בא קצך אמת בצעך: נשבע יהוה צבאות בנפשו
טו כי אם־מלאתיך אדם כילק וענו עליך הידד: עשה
ארץ בכחו מכין תבל בחכמתו ובתבונתו נטה שמים:
16 לקול תתו המון מים בשמים ויעל נשאים מקצה־ארץ

ברקים

נא v. 3. כא אל ואל ibid. כתיב ולא קרי v. 9. חסר א׳ v. 13. שכנת קרי

(וועט איהר זעהען) אויב מען וועט זיי ניט אַוועקשלעפּען ווי יונגע שע־
פּעלאַך, אויב מען וועט זיי ניט פערוויסטען דעם וואָהנונג.
46 פון דעם געשריי וואָס בבל איז אײַנגענומען געוואָרען האָט די ערד גע־
ציטערט, און דער וועה געשריי איז געהערט געוואָרען צווישען די פעל־
קער.

קאַפּיטעל נא

1 אַזוי האָט גאָט געזאָגט, איך ערוועק איבער בבל און די אײַנוואָהנער
פון „לב קמי" (האַרץ פון מיינע פיינדע, אָדער כשדים בא"ת ב"ש) אַ
פאַרדאַרבענדען ווינט.
2 און וועל שיקען אויף בבל פערשפּרייטער און זיי וועלען זיי פערשפּריי־
טען און וועלען אויסלעדיגען איהר לאַנד, ווייל זיי וועלען זיין אויף איהר
פון אַרום אין דעם טאָג פון אונגליק.
3 אויף איהר וועט דער טרעטער טרעטען זיין בויגען און געגען איהר וועט
ער אויפהויבען זיין פּאַנציר, איהר זאָלט ניט דערבאַרעמען איהרע יונגע
לייט, פערוויסט איהר גאַנצע אַרמעע.
4 און זאָלען פאַלען דערשלאָגענע אין לאַנד כשדים און דערשטאָכענע
אין איהרע גאַסען.
5 ווייל ישראל און יהודה זיינען ניט פערלאָזען פון זייער גאָט פון דעם
אייביגען פון הערשאַפטען, ווייל זייער לאַנד איז פול מיט שולד געגען
דעם הייליגען פון ישראל.
6 אַנטלויפט פון בבל און רעטעט יעדער איינער זיין לעבען, איהר זאָלט ניט
אומקומען פאַר איהרע זינד, ווייל עס איז אַ צייט פון ראַכע פאַר גאָט,
ווי זי האָט פערדיענט אַזוי בעצאָהלט ער איהר.
7 אַ גאָלדענער בעכער איז בבל געווען אין גאָט'ס האַנד, ער בעטרינקט די
גאַנצע ערד, פון איהר ווײַן האָבען נאַציאָנען געטרונקען, דאַרום זיינען
די נאַציאָנען געוואָרען פערריקט.
8 פּלוצלונג איז בבל געפאַלען, געפאַלען און צובראָכען געוואָרען, קלאָגט
אויף איהר, נעהמט באַלזאַם פאַר איהר וואונד פיללייכט וועט זי געהיילט
ווערען.
9 מיר האָבען געהיילט בבל און זי איז ניט אויסגעהיילט געוואָרען, פאַר־
לאָזט זי, לאָמיר געהען יעדערער צו זיין לאַנד, ווייל איהר געריכט האָט
געגרייכט צום הימעל און אויפגעהויבען ביז די וואָלקענס.
10 גאָט האָט אַרויסגעבראַכט אונזער גערעכטיגקייט, קומט און לאָמיר דער־
צעהלען אין ציון דאָס ווערק פון דעם אייביגען אונזער גאָט.
11 מאַכט ריין די פיילען, פילט אָן די שילדען, גאָט האָט ערוועקט דעם
גייסט פון די קעניגע פון מדי, ווייל זיין געדאַנקען וועגען בבל איז
צו פאַרדאַרבען זי, ווייל דאָס איז גאָט'ס נקמה, די ראַכע פאַר זיין
טעמפּעל.
12 געגען די מויערען פון בבל הויבט אויף אַ פאָהן, פאַרשטאַרקט די וואַך,
שטעלט אויס וועכטער, גרייט אָן לויערער, ווייל גאָט האָט געטראַכט
און אויך געטהאָן וואָס ער האָט גערעדט איבער בבל.
13 דו וואָהנסט אין גרויסע וואַסערען, ביזט מיט פיעל שאַטצען, דיין ענדע
איז אָבער געקומען, דער פולער מאָס פון דיין רויבעריי.
14 גאָט פון הערשאַפטען האָט געשוואָרען ביי זיך זעלבסט, איך וועל דיך
אָנפילען מיט מענשען ווי מיט היישעריקען און זיי וועלען שרייען איבער
דיר „הידד !".
15 ער מאַכט די ערד מיט זיין קראַפט, פערפערטיגט די וועלט מיט זיין
קלוגשאַפט און מיט זיין פערשטאַנד שפּרייט ער אויס די הימלען.
16 ווען ער גיט זיין דונער־שטימע, ווערען פיעלע וואַסערען אין הימעל און

17 בְּרָקִים לַמָּטָר עָשָׂה וַיּוֹצֵא רוּחַ מֵאֹצְרֹתָיו׃ נִבְעַר כָּל־
אָדָם מִדַּעַת הֹבִישׁ כָּל־צוֹרֵף מִפָּסֶל כִּי שֶׁקֶר נִסְכּוֹ וְלֹא־
18 רוּחַ בָּם׃ הֶבֶל הֵמָּה מַעֲשֵׂה תַּעְתֻּעִים בְּעֵת פְּקֻדָּתָם יֹאבֵדוּ׃
19 לֹא־כְאֵלֶּה חֵלֶק יַעֲקוֹב כִּי־יוֹצֵר הַכֹּל הוּא וְשֵׁבֶט נַחֲלָתוֹ
כ יְהוָה צְבָאוֹת שְׁמוֹ׃ מַפֵּץ־אַתָּה לִי כְּלֵי מִלְחָמָה
21 וְנִפַּצְתִּי בְךָ גּוֹיִם וְהִשְׁחַתִּי בְךָ מַמְלָכוֹת׃ וְנִפַּצְתִּי בְךָ
22 סוּס וְרֹכְבוֹ וְנִפַּצְתִּי בְךָ רֶכֶב וְרֹכְבוֹ׃ וְנִפַּצְתִּי בְךָ אִישׁ
וְאִשָּׁה וְנִפַּצְתִּי בְךָ זָקֵן וָנָעַר וְנִפַּצְתִּי בְךָ בָּחוּר וּבְתוּלָה׃
23 וְנִפַּצְתִּי בְךָ רֹעֶה וְעֶדְרוֹ וְנִפַּצְתִּי בְךָ אִכָּר וְצִמְדּוֹ וְנִפַּצְתִּי
24 בְךָ פַּחוֹת וּסְגָנִים׃ וְשִׁלַּמְתִּי לְבָבֶל וּלְכֹל ׀ יוֹשְׁבֵי כַשְׂדִּים
אֵת כָּל־רָעָתָם אֲשֶׁר־עָשׂוּ בְצִיּוֹן לְעֵינֵיכֶם נְאֻם יְהוָה׃
כה הִנְנִי אֵלֶיךָ הַר הַמַּשְׁחִית נְאֻם־יְהוָה הַמַּשְׁחִית
אֶת־כָּל־הָאָרֶץ וְנָטִיתִי אֶת־יָדִי עָלֶיךָ וְגִלְגַּלְתִּיךָ מִן־הַסְּלָעִים
26 וּנְתַתִּיךָ לְהַר שְׂרֵפָה׃ וְלֹא־יִקְחוּ מִמְּךָ אֶבֶן לְפִנָּה וְאֶבֶן
27 לְמוֹסָדוֹת כִּי־שִׁמְמוֹת עוֹלָם תִּהְיֶה נְאֻם־יְהוָה׃ שְׂאוּ־נֵס
בָּאָרֶץ תִּקְעוּ שׁוֹפָר בַּגּוֹיִם קַדְּשׁוּ עָלֶיהָ גּוֹיִם הַשְׁמִיעוּ
עָלֶיהָ מַמְלְכוֹת אֲרָרַט מִנִּי וְאַשְׁכְּנָז פִּקְדוּ עָלֶיהָ טִפְסָר
28 הַעֲלוּ־סוּס כְּיֶלֶק סָמָר׃ קַדְּשׁוּ עָלֶיהָ גוֹיִם אֶת־מַלְכֵי מָדַי
אֶת־פַּחוֹתֶיהָ וְאֶת־כָּל־סְגָנֶיהָ וְאֵת כָּל־אֶרֶץ מֶמְשַׁלְתּוֹ׃
29 וַתִּרְעַשׁ הָאָרֶץ וַתָּחֹל כִּי קָמָה עַל־בָּבֶל מַחְשְׁבוֹת יְהוָה
ל לָשׂוּם אֶת־אֶרֶץ בָּבֶל לְשַׁמָּה מֵאֵין יוֹשֵׁב׃ חָדְלוּ גִבּוֹרֵי
בָבֶל לְהִלָּחֵם יָשְׁבוּ בַּמְּצָדוֹת נָשְׁתָה גְבוּרָתָם הָיוּ לְנָשִׁים
31 הִצִּיתוּ מִשְׁכְּנֹתֶיהָ נִשְׁבְּרוּ בְרִיחֶיהָ׃ רָץ לִקְרַאת־רָץ יָרוּץ
וּמַגִּיד לִקְרַאת מַגִּיד לְהַגִּיד לְמֶלֶךְ בָּבֶל כִּי־נִלְכְּדָה עִירוֹ
32 מִקָּצֶה׃ וְהַמַּעְבָּרוֹת נִתְפָּשׂוּ וְאֶת־הָאֲגַמִּים שָׂרְפוּ בָאֵשׁ
33 וְאַנְשֵׁי הַמִּלְחָמָה נִבְהָלוּ׃ כִּי כֹה אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת
אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל בַּת־בָּבֶל כְּגֹרֶן עֵת הִדְרִיכָהּ עוֹד מְעַט וּבָאָה

עת

19. v מלא ו v. 27. כא מלחמה v. 32. קמץ בז"ק

ער ברענגט וואָלקענס פון דער ענדע פון דער ערד, בליטצען מאַכט ער
אין צייט פון רעגען און לאָזט אַרויס דעם ווינט פון זיינע שאַטצקאַמערען.
17 יעדער מענש (פון די פעלקער) איז פערנאַרישט, האָט ניט קיין וויסענ־
שאַפט, צו שאַנדע איז יעדער גאָלדשמידט פון זיין געטצען־בילד, וויל
זיין געגאָסענער (אָבגאָט) איז פאַלש און אין זיי איז קיין גייסט ניטאָ.
18 זיי זיינען נאַריש, ווערק פון בעטרוג, אין דער צייט פון זייער שטראָף
וועלען זיי פערשווינדען.
19 ניט ווי דיעזע איז אָבער דער טהייל פון יעקב, וויל ער איז דער בעשע־
פער פון אַלעס, און (ישראל) איז דער שטאַם פון זיין אייגענטהום, גאָט
פון הערשאַפטען איז זיין נאָמען.
20 אַ צושמעטערער (אַ האַמער) ביסטו ביי מיר געווען, קריעגס־וואַפען, און
מיט דיר האָב איך צושמעטערט נאַציאָנען און מיט דיר האָב איך פאַר־
דאָרבען קעניגרייכען.
21 און מיר דיר האָב איך צושמעטערט דעם פערד מיט זיין רייטער, און
מיט דיר האָב איך צושמעטערט דעם רייט־וואָגען מיט זיין פיהרער.
22 און מיט דיר האָב איך צושמעטערט מאַן און פרוי, און מיט דיר האָב איך
צושמעטערט אַלט און יונג, און מיט דיר האָב איך צושמעטערט יונגמאַן
און יונגפרוי.
23 און מיט דיר האָב איך צושמעטערט דעם הירט מיט זיין הערדע, און
מיט דיר האָב איך צושמעטערט דעם אַקערער מיט זיין געשפאַן (פאָאַר
אָקסען), און מיט דיר האָב איך צושמעטערט פירשטען און וויצע־קעניגע
(שטעל פערטרעטער).
24 (און יעצט) וועל איך בעצאָהלען צו בבל און צו אַלע איינוואָהנער פון
כשדים זייער גאַנצע שלעכטס, וואָס זיי האָבען געטהאָן אין ציון, פאַר
אייערע אויגען, זאָגט גאָט.
25 נון, איך קום צו דיר, פערדערבענדער באַרג, זאָגט גאָט, וואָס האָט רוי־
אינירט די גאַנצע ערד, און איך וועל אויסשטרעקען מיין האַנד איבער
דיר, און וועל דיך אַראָבקייקלען פון די פעלזען און וועל דיך מאַכען פאַר
אַ פייער־שפייענדען באַרג.
26 און מען וועט ניט נעהמען פון דיר אַ שטיין פאַר אַ ווינקעל און אַ שטיין
פאַר אַ פונדאַמענט, וויל איין אייביגע וויסטעניס וועסטו זיין, זאָגט
גאָט.
27 הויבט אַ פאָהן אין לאַנד, בלאָזט שופר צווישען די נאַציאָנען, ברייט
זיך אויף איהר נאַציאָנען רופט צוזאַמען אויף איהר די קעניגרייכען
אררט, מני און אַשכנז, בעשטעלט געגען איהר אַ פעלדמאַרשאַל, ברענג
אַרויף פערד ווי שטעכיג האָאריגע היישעריקען.
28 ברייט אָן אויף איהר נאַציאָנען די קעניגע פון מדי, איהרע פירשטען און
אַלע איהרע וויצע גענערעלע און דאָס גאַנצע לאַנד פון איהר רעגיערונג.
29 און די ערד האָט זיך געטרייסעלט און געציטערט, וויל עס איז ערפילט
געוואָרען אַלע געדאַנקען פון גאָט צו מאַכען בבל צו וויסט, קיינער זאָל
דאָרט ניט וואָהנען.
30 די העלדען פון בבל האָבען אויפגעהערט צוו שטרייטען, זיי זיינען געזע־
סען אין די פעסטונגען, ס'האָט זיך אָבגעטהאָן זייער העלדישקייט, זיי
זיינען געוואָרען ווי פרויען, מען האָט אונטערגעצונדען איהרע וואָה־
נונגען, איהרע ריגלען זיינען צובראָכען געוואָרען.
31 איין לויפער איז געלאָפען אַנטקעגען דעם אַנדער לויפער, און איין אָנ־
זאָגער אַנטקעגען דעם אַנדער אָנזאָגער אָנצוזאָגען דעם קעניג פון בבל,
אז זיין שטאָדט איז בעצוואונגען געוואָרען פון ברעג.
32 און די איבערגעננגע זיינען פערכאַפט געוואָרען און די ראָהרען (וואַסער

34 עֵת־הַקָּצִיר לָהּ׃ אֲכָלַנוּ הֲמָמַנוּ נְבוּכַדְרֶאצַּר מֶלֶךְ בָּבֶל
הִצִּיגָנוּ כְּלִי רִיק בְּלָעַנוּ כַּתַּנִּין מִלָּא כְרֵשׂוֹ מֵעֲדָנָי הֱדִיחָנוּ׃
לה חֲמָסִי וּשְׁאֵרִי עַל־בָּבֶל תֹּאמַר יֹשֶׁבֶת צִיּוֹן וְדָמִי אֶל־יֹשְׁבֵי
36 כַשְׂדִּים תֹּאמַר יְרוּשָׁלָם׃ לָכֵן כֹּה אָמַר יְהוָה
הִנְנִי־רָב אֶת־רִיבֵךְ וְנִקַּמְתִּי אֶת־נִקְמָתֵךְ וְהַחֲרַבְתִּי אֶת־
37 יַמָּהּ וְהֹבַשְׁתִּי אֶת־מְקוֹרָהּ׃ וְהָיְתָה בָבֶל ׀ לְגַלִּים ׀ מְעוֹן
38 תַּנִּים שַׁמָּה וּשְׁרֵקָה מֵאֵין יוֹשֵׁב׃ יַחְדָּו כַּכְּפִרִים יִשְׁאָגוּ
39 נָעֲרוּ כְּגוֹרֵי אֲרָיוֹת׃ בְּחֻמָּם אָשִׁית אֶת־מִשְׁתֵּיהֶם
וְהִשְׁכַּרְתִּים לְמַעַן יַעֲלֹזוּ וְיָשְׁנוּ שְׁנַת־עוֹלָם וְלֹא יָקִיצוּ נְאֻם
מ יְהוָה׃ אוֹרִידֵם כְּכָרִים לִטְבוֹחַ כְּאֵילִים עִם־עַתּוּדִים׃
41 אֵיךְ נִלְכְּדָה שֵׁשַׁךְ וַתִּתָּפֵשׂ תְּהִלַּת כָּל־הָאָרֶץ אֵיךְ הָיְתָה
42 לְשַׁמָּה בָּבֶל בַּגּוֹיִם׃ עָלָה עַל־בָּבֶל הַיָּם בַּהֲמוֹן גַּלָּיו
43 נִכְסָתָה׃ הָיוּ עָרֶיהָ לְשַׁמָּה אֶרֶץ צִיָּה וַעֲרָבָה אֶרֶץ לֹא־
44 יֵשֵׁב בָּהֵן כָּל־אִישׁ וְלֹא־יַעֲבֹר בָּהֵן בֶּן־אָדָם׃ וּפָקַדְתִּי
עַל־בֵּל בְּבָבֶל וְהֹצֵאתִי אֶת־בִּלְעוֹ מִפִּיו וְלֹא־יִנְהֲרוּ אֵלָיו
מה עוֹד גּוֹיִם גַּם־חוֹמַת בָּבֶל נָפָלָה׃ צְאוּ מִתּוֹכָהּ עַמִּי וּמַלְּטוּ
46 אִישׁ אֶת־נַפְשׁוֹ מֵחֲרוֹן אַף־יְהוָה׃ וּפֶן־יֵרַךְ לְבַבְכֶם
וְתִירְאוּ בַּשְּׁמוּעָה הַנִּשְׁמַעַת בָּאָרֶץ וּבָא בַשָּׁנָה הַשְּׁמוּעָה
וְאַחֲרָיו בַּשָּׁנָה הַשְּׁמוּעָה וְחָמָס בָּאָרֶץ מֹשֵׁל עַל־מֹשֵׁל׃
47 לָכֵן הִנֵּה יָמִים בָּאִים וּפָקַדְתִּי עַל־פְּסִילֵי בָבֶל וְכָל־אַרְצָהּ
48 תֵּבוֹשׁ וְכָל־חֲלָלֶיהָ יִפְּלוּ בְתוֹכָהּ׃ וְרִנְּנוּ עַל־בָּבֶל שָׁמַיִם
וָאָרֶץ וְכֹל אֲשֶׁר בָּהֶם כִּי מִצָּפוֹן יָבוֹא־לָהּ הַשּׁוֹדְדִים
49 נְאֻם־יְהוָה׃ גַּם־בָּבֶל לִנְפֹּל חַלְלֵי יִשְׂרָאֵל גַּם־לְבָבֶל
נ נָפְלוּ חַלְלֵי כָל־הָאָרֶץ׃ פְּלֵטִים מֵחֶרֶב הִלְכוּ אַל־תַּעֲמֹדוּ
זִכְרוּ מֵרָחוֹק אֶת־יְהוָה וִירוּשָׁלַם תַּעֲלֶה עַל־לְבַבְכֶם׃
51 בֹּשְׁנוּ כִּי־שָׁמַעְנוּ חֶרְפָּה כִּסְּתָה כְלִמָּה פָּנֵינוּ כִּי בָּאוּ זָרִים
52 עַל־מִקְדְּשֵׁי בֵּית יְהוָה׃ לָכֵן הִנֵּה־יָמִים בָּאִים נְאֻם־

יהוה

v. 34. אכלני ק ibid. הממני ק idib. הציגני ק ibid. בלעני ק ibid. הדיחני ק v. 48. סבירין יבאו

גראָז) האָבען זיי פערברענט אין פייער און די קריעגס־מעננער זיינען
דערשראָקען געוואָרען.
33 ווייל אַזוי האָט געזאָגט דער אייביגער פון הערשאַפטען, גאָט פון ישראל:
די טאָכטער פון בבל איז ווי אַ שייער אין דער צייט וואָס מען דרעשט
דאָרט, נאָך איין ווײַלע, און עס וועט קומען דער שניט צייט פאַר איהר.
34 נבוכדראצר דער קעניג פון בבל האָט מיך געגעסען און צוקלאַפּט, האָט
מיך אָוועקגעשטעלט ווי אַ לעדיג געפעס, האָט מיך פערשלונגען ווי אַ
שלאַנג, האָט אָנגעפילט זיין בויך מיט מיינע זיסע שפּייזען, ער האָט מיך
פערשטויסען.
35 די רויב וואָס מיר איז געטהאָן געוואָרען אין מיין פלייש, (זאָל קומען)
אויף בבל, זאָגט די בעוואָהנערין פון ציון, און מיין בלוט זאָל זיין אויף
די איינוואָהנער פון כשדים, זאָגט ירושלים.
36 דאַרום זאָגט גאָט אַזוי, נון, איך וועל קעמפּפען דיין קאַמפּף און וועל
נעהמען ראַכע פאַר דיר, און וועל אויסטריקענען איהר ים און טרוקען
מאַכען איהר קוואַל.
37 און בבל וועט ווערען צו שטיינהויפענס, אַ וואָהנונג פאַר שלאַנגען, וויסט
און שפּאָט (אויספייפונג) אָהנע איינוואָהנער.
38 צוזאַמען וועלען זיי ברילען ווי לייבען, און שרייען ווי יונגע לייבען.
39 ווען זיי וועלען זיין דערהיצט וועל איך זיי בעטרינקען אום זיי זאָלען זיין
לוסטיג און זיי וועלען אַנשלאָפען ווערען אַן אייביגען שלאָף און זיך
ניט אויפכאַפּען, זאָגט גאָט.
40 איך וועל אונטערברענגען ווי שאָף צום שלאַכט, די ווידער (באַראַנען) מיט
די בעק.
41 ווי איז ששך (בבל) בעצוואונגען געוואָרען! און בעזיעגט איז די לויב
פון דער גאַנצער ערד, ווי איז בבל געוואָרען צום שטוינען צווישען פעל־
קער.
42 דער מעער איז אַרויף אויף בבל, מיט די פיעלע וועללען (כוואַליעס) איז
זי פערדעקט געוואָרען.
43 איהרע שטעדט זיינען געוואָרען צו וויסט, אַ לאַנד פון טריקעניש און
וויסטעניש, אַ לאַנד וואָס קיין מענש וואָהנט אין איהר און קיין מענשען־
זוהן געהט ניט דורך אין זיי.
44 און איך וועל בעזוכען בל און בבל און וועל אַרויסציהען וואָס ער האָט
פערשלונגען פון זיין מויל, און נאַציאָנען וועלען מעהר ניט שטראָמען
צו איהם, אויך דער מויער פון בבל איז איינגעפאַלען.
45 געהט אַרויס פון איהר מיין פאָלק און רעטעט יעדער איינער זיין לעבען
פון דעם ברענענדיגען צאָרן פון גאָט.
46 און אייער הארץ זאָל ניט שוואַך ווערען און פירכטען פון די נייעס וואָס
עס וועט געהערט ווערען אין לאַנד, און די נייעס וועט קומען אין דעם
יאָהר און נאָך איהם און דעם צווייטען יאָהר נאָך אַ בעריכט פון דער רויב
פון לאַנד, איין הערשער געגען דעם צווייטען הערשער.
47 דאַרום, נון, עס קומען טעג און איך וועל בעזוכען אַלע געטצען פון בבל
און איהר גאַנצע לאַנד וועט ווערען צו שאַנדע, און אַלע איהרע דערשלאָ־
גענע וועלען פאַלען אין איהר מיטטע.
48 און דאַן וועלען זינגען איבער בבל הימעל און ערד און אַלעס וואָס אין
זיי, ווייל פון נאָרד זייט וועלען קומען צו איהם די פערוויסטער, זאָגט גאָט.
49 אויך בבל האַלט ביים פאַלען, (טרייסט זיך) דערשלאָגענע פון ישראל,
אויך אין בבל זיינען געפאַלען די דערשלאָגענע פון גאַנץ לאַנד.
50 איהר אַנטרונענע פון שווערד, געהט, שטעהט ניט! געדענקט פון דער
ווייטענס גאָט, און ירושלים זאָל אַרויפקומען אויף אייער געדאַנק.

53 יְהֹוָה וּפָקַדְתִּי עַל־פְּסִילֶיהָ וּבְכָל־אַרְצָהּ יֶאֱנֹק חָלָל׃ כִּי־
תַעֲלֶה בָבֶל הַשָּׁמַיִם וְכִי תְבַצֵּר מְרוֹם עֻזָּהּ מֵאִתִּי יָבֹאוּ
54 שֹׁדְדִים לָהּ נְאֻם־יְהֹוָה׃ קוֹל זְעָקָה מִבָּבֶל וְשֶׁבֶר גָּדוֹל
מֵאֶרֶץ כַּשְׂדִּים׃ כִּי־שֹׁדֵד יְהֹוָה אֶת־בָּבֶל וְאִבַּד מִמֶּנָּה נה
קוֹל גָּדוֹל וְהָמוּ גַלֵּיהֶם כְּמַיִם רַבִּים נִתַּן שְׁאוֹן קוֹלָם׃
56 כִּי בָא עָלֶיהָ עַל־בָּבֶל שׁוֹדֵד וְנִלְכְּדוּ גִּבּוֹרֶיהָ חִתְּתָה
57 קַשְּׁתוֹתָם כִּי אֵל גְּמֻלוֹת יְהֹוָה שַׁלֵּם יְשַׁלֵּם׃ וְהִשְׁכַּרְתִּי
שָׂרֶיהָ וַחֲכָמֶיהָ פַּחוֹתֶיהָ וּסְגָנֶיהָ וְגִבּוֹרֶיהָ וְיָשְׁנוּ שְׁנַת־עוֹלָם
58 וְלֹא יָקִיצוּ נְאֻם־הַמֶּלֶךְ יְהֹוָה צְבָאוֹת שְׁמוֹ׃ כֹּה־
אָמַר יְהֹוָה צְבָאוֹת חֹמוֹת בָּבֶל הָרְחָבָה עַרְעֵר תִּתְעַרְעָר
וּשְׁעָרֶיהָ הַגְּבֹהִים בָּאֵשׁ יִצַּתּוּ וְיִגְעוּ עַמִּים בְּדֵי־רִיק וּלְאֻמִּים
59 בְּדֵי־אֵשׁ וְיָעֵפוּ׃ הַדָּבָר אֲשֶׁר־צִוָּה ׀ יִרְמְיָהוּ הַנָּבִיא
אֶת־שְׂרָיָה בֶן־נֵרִיָּה בֶּן־מַחְסֵיָה בְּלֶכְתּוֹ אֶת־צִדְקִיָּהוּ
מֶלֶךְ־יְהוּדָה בָּבֶל בִּשְׁנַת הָרְבִעִית לְמָלְכוֹ וּשְׂרָיָה שַׂר־
מְנוּחָה׃ וַיִּכְתֹּב יִרְמְיָהוּ אֵת כָּל־הָרָעָה אֲשֶׁר־תָּבוֹא אֶל־ ס
בָּבֶל אֶל־סֵפֶר אֶחָד אֵת כָּל־הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה הַכְּתֻבִים
61 אֶל־בָּבֶל׃ וַיֹּאמֶר יִרְמְיָהוּ אֶל־שְׂרָיָה כְּבֹאֲךָ בָבֶל וְרָאִיתָ
62 וְקָרָאתָ אֵת כָּל־הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה׃ וְאָמַרְתָּ יְהֹוָה אַתָּה
דִבַּרְתָּ אֶל־הַמָּקוֹם הַזֶּה לְהַכְרִיתוֹ לְבִלְתִּי הֱיוֹת־בּוֹ יוֹשֵׁב
63 לְמֵאָדָם וְעַד־בְּהֵמָה כִּי־שִׁמְמוֹת עוֹלָם תִּהְיֶה׃ וְהָיָה
כְּכַלֹּתְךָ לִקְרֹא אֶת־הַסֵּפֶר הַזֶּה תִּקְשֹׁר עָלָיו אֶבֶן
64 וְהִשְׁלַכְתּוֹ אֶל־תּוֹךְ פְּרָת׃ וְאָמַרְתָּ כָּכָה תִּשְׁקַע בָּבֶל וְלֹא־
תָקוּם מִפְּנֵי הָרָעָה אֲשֶׁר אָנֹכִי מֵבִיא עָלֶיהָ וְיָעֵפוּ עַד־הֵנָּה
דִּבְרֵי יִרְמְיָהוּ׃

נב CAP. LII. נב

א בֶּן־עֶשְׂרִים וְאַחַת שָׁנָה צִדְקִיָּהוּ בְמָלְכוֹ וְאַחַת עֶשְׂרֵה
שָׁנָה מָלַךְ בִּירוּשָׁלִָם וְשֵׁם אִמּוֹ חֲמִיטַל בַּת־יִרְמְיָהוּ
מלבנה

נא v. 56. שצ״ל — v. 58. פתח באתנח — נב v. 1. חמיטל קרי

51 מיר זיינען פערשעהמט געוואָרען, מיר האָבען געהערט שפּאָט, שאַנדע האָט פערדעקט אונזער געזיכט, ווייל פרעמדע זיינען אריינגעקומען אין די הייליגטהימער פון גאָט'ס הויז.

52 דאַרום, נון, עס קומען טעג, זאָגט גאָט, און איך וועל בעזוכען אַלע איהרע אויסגעהאַקטע בילדער, און אין איהר גאַנצען לאַנד וועלען קרעבצען די טוידט פערוואונדעטע.

53 ווען בבל זאָל זאָגאַר שטייגען ביז'ן הימעל און בעפעסטיגען אין דער הויך איהר מאַכט, וועלען פון מיר קומען צו איהר די פערוויסטער, זאָגט גאָט.

54 אַ שטימע פון קלאָג־געשריי הערט זיך פון בבל און אַ גרויסער בראָך פון כשדים.

55 ווייל גאָט צושטערט בבל, און פערטיליגט פון איהר די גרויסע שטימע, און זייערע וועללען וועלען ברומען ווי גרויסע וואַסערען, וואָס גיבען אַרויס זעהר רוישיג געשריי.

56 ווייל עס קומט איבער איהם, איבער בבל, דער צושטערער, און איהרע העלדען וועלען בעצוואונגען ווערען און איהרע קלוגע לייט, זייערע בויגענס וועלען צובראָכען ווערען, ווייל דער אייביגער איז אַ גאָט פון בעלוינונג ער וועט געוויס בעצאָהלען.

57 און איך וועל בעטרינקען איהרע האַרען און איהרע קלוגע לייט, איהרע פירשטען און וויצע גענערעלע און איהרע העלדען און זיי וועלען אַנטשלאָפען ווערען מיט אַן אייביג שלאָף און זיך ניט מעהר אויפכאַפּען, זאָגט דער קעניג גאָט פון הערשאַפטען איז זיין נאָמען.

58 אַזוי האָט געזאָגט גאָט פון הערשאַפטען בבל'ס ברייטע מויערען זאָלען אונטערגעגראָבען ווערען, און איהרע הויכע טהויערען זאָלען אָנגעצונדען ווערען אין פייער, און פעלקער זאָלען זיך מאַטערען אומזיסט, און נאַציאָנען (וועלען אַרבייטען) פאַרן פייער, און זיי וועלען מיעד ווערען.

59 דאָס וואָרט, וואָס ירמיהו דער פּראָפעט האָט בעפאָהלען שריה דעם זוהן פון נריה דער זוהן פון מחסיה, ווען ער איז אַוועק מיט צדקיהו דעם קעניג פון יהודה נאָך בבל, אין דעם פיערטען יאָהר פון זיין רעגיערונג, און שריה איז געווען דער פירשט פון רוהע־לאַגער.

60 און ירמיהו האָט בעשריעבען דעם גאַנצען אונגליק, וואָס דאַרף קומען אויף בבל אין איין בוך, אַלע דיעזע ווערטער וועלכע זיינען געשריעבען וועגען בבל.

61 און ירמיהו האָט געזאָגט צו שריה'ן : ווען דו וועסט קומען נאָך בבל, זאָלסטו איבערקוקען און איבערלעזען אַלע דיעזע ווערטער.

62 און דו זאָלסט זאָגען : גאָט ! דו האָסט גערעדט וועגען דיעזען אָרט צו פערניכטען איהם, עס זאָל אין איהם ניט זיין איין אַיינוואָהנער, ניט מענש און ניט פיה, זאָנדערען פאַר איין אייביגע וויסטעניס זאָל עס ווערען.

63 און עס זאָל זיין, ווען דו וועסט ענדיגען לעזען דיעזען בוך, זאָלסטו אויף איהם אָנבינדען אַ שטיין און זאָלסט איהם אַריינוואַרפען אין דער מיטען (טייך) פּרת.

64 און דו זאָלסט זאָגען : אַזוי זאָל פערזינקען בבל און זאָל מעהר ניט אויפשטעהן פון דעם אונגליק וואָס איך וועל ברענגען אויף איהר, און זיי זאָלען מיעד זיין. ביז דאַנען זיינען די ווערטער פון ירמיהו.

קאַפּיטעל נב

1 איין און צוואַנציג יאָהר איז צדקיהו אַלט געווען ווען ער איז געוואָרען קעניג, און עלף יאָהר האָט ער רעגיערט אין ירושלים, און דער נאָמען פון זיין מוטער איז געווען חמוטל, די טאָכטער פון ירמיהו פון לבנה.

2 מִלִּבְנָה׃ וַיַּעַשׂ הָרַע בְּעֵינֵי יְהוָה כְּכֹל אֲשֶׁר־עָשָׂה יְהוֹיָקִים׃
3 כִּי ׀ עַל־אַף יְהוָה הָיְתָה בִּירוּשָׁלִַם וִיהוּדָה עַד־הִשְׁלִיכוֹ
4 אוֹתָם מֵעַל פָּנָיו וַיִּמְרֹד צִדְקִיָּהוּ בְּמֶלֶךְ בָּבֶל׃ וַיְהִי
בַשָּׁנָה הַתְּשִׁעִית לְמָלְכוֹ בַּחֹדֶשׁ הָעֲשִׂירִי בֶּעָשׂוֹר לַחֹדֶשׁ
בָּא נְבוּכַדְרֶאצַּר מֶלֶךְ־בָּבֶל הוּא וְכָל־חֵילוֹ עַל־יְרוּשָׁלִַם
ה וַיַּחֲנוּ עָלֶיהָ וַיִּבְנוּ עָלֶיהָ דָּיֵק סָבִיב׃ וַתָּבֹא הָעִיר בַּמָּצוֹר
6 עַד עַשְׁתֵּי־עֶשְׂרֵה שָׁנָה לַמֶּלֶךְ צִדְקִיָּהוּ׃ בַּחֹדֶשׁ הָרְבִיעִי
בְּתִשְׁעָה לַחֹדֶשׁ וַיֶּחֱזַק הָרָעָב בָּעִיר וְלֹא־הָיָה לֶחֶם לְעַם
7 הָאָרֶץ׃ וַתִּבָּקַע הָעִיר וְכָל־אַנְשֵׁי הַמִּלְחָמָה יִבְרְחוּ וַיֵּצְאוּ
מֵהָעִיר לַיְלָה דֶּרֶךְ שַׁעַר בֵּין־הַחֹמֹתַיִם אֲשֶׁר עַל־גַּן הַמֶּלֶךְ
8 וְכַשְׂדִּים עַל־הָעִיר סָבִיב וַיֵּלְכוּ דֶּרֶךְ הָעֲרָבָה׃ וַיִּרְדְּפוּ
חֵיל־כַּשְׂדִּים אַחֲרֵי הַמֶּלֶךְ וַיַּשִּׂיגוּ אֶת־צִדְקִיָּהוּ בְּעַרְבֹת
9 יְרֵחוֹ וְכָל־חֵילוֹ נָפֹצוּ מֵעָלָיו׃ וַיִּתְפְּשׂוּ אֶת־הַמֶּלֶךְ וַיַּעֲלוּ
אֹתוֹ אֶל־מֶלֶךְ בָּבֶל רִבְלָתָה בְּאֶרֶץ חֲמָת וַיְדַבֵּר אִתּוֹ
י מִשְׁפָּטִים׃ וַיִּשְׁחַט מֶלֶךְ־בָּבֶל אֶת־בְּנֵי צִדְקִיָּהוּ לְעֵינָיו וְגַם
11 אֶת־כָּל־שָׂרֵי יְהוּדָה שָׁחַט בְּרִבְלָתָה׃ וְאֶת־עֵינֵי צִדְקִיָּהוּ
עִוֵּר וַיַּאַסְרֵהוּ בַנְחֻשְׁתַּיִם וַיְבִאֵהוּ מֶלֶךְ־בָּבֶל בָּבֶלָה
12 וַיִּתְּנֵהוּ בְבֵית־הַפְּקֻדֹּת עַד־יוֹם מוֹתוֹ׃ וּבַחֹדֶשׁ הַחֲמִישִׁי
בֶּעָשׂוֹר לַחֹדֶשׁ הִיא שְׁנַת תְּשַׁע־עֶשְׂרֵה שָׁנָה לַמֶּלֶךְ
נְבוּכַדְרֶאצַּר מֶלֶךְ־בָּבֶל בָּא נְבוּזַרְאֲדָן רַב־טַבָּחִים עָמַד
13 לִפְנֵי מֶלֶךְ־בָּבֶל בִּירוּשָׁלִָם׃ וַיִּשְׂרֹף אֶת־בֵּית־יְהוָה וְאֶת־
בֵּית הַמֶּלֶךְ וְאֵת כָּל־בָּתֵּי יְרוּשָׁלִַם וְאֶת־כָּל־בֵּית הַגָּדוֹל
14 שָׂרַף בָּאֵשׁ׃ וְאֶת־כָּל־חֹמוֹת יְרוּשָׁלִַם סָבִיב נָתְצוּ כָּל־חֵיל
טו כַּשְׂדִּים אֲשֶׁר אֶת־רַב־טַבָּחִים׃ וּמִדַּלּוֹת הָעָם וְאֶת־יֶתֶר
הָעָם ׀ הַנִּשְׁאָרִים בָּעִיר וְאֶת־הַנֹּפְלִים אֲשֶׁר נָפְלוּ אֶל־מֶלֶךְ
בָּבֶל וְאֵת יֶתֶר הָאָמוֹן הֶגְלָה נְבוּזַרְאֲדָן רַב־טַבָּחִים׃
16 וּמִדַּלּוֹת הָאָרֶץ הִשְׁאִיר נְבוּזַרְאֲדָן רַב־טַבָּחִים לְכֹרְמִים

וליוגבים

v. 11. בית קרי

2 און ער האָט געטהאָן שלעכטס אין די אויגען פון גאָט, אַלעס ווי יהויקים
האָט געטהאָן.
3 ווייל אַלעס וואָס ס'איז געוועזן אין ירושלים און יהודה, האָט אַרויפגע־
בראַכט גאָט'ס צאָרן, ביז ער האָט זיי אַוועקגעוואָרפען פון זיין געזיכט—
און צדקיהו האָט רעוואָלטירט געגען דעם קעניג פון בבל.
4 און עס איז געשעהען אין דעם ניינטען יאָהר פון זיין רעגיערונג, אין דעם
צעהנטען מאָנאַט, און צעהן טעג אין מאָנאַט, איז נבוכדראצר דער
קעניג פון בבל געקומען, ער זיין גאַנצע אַרמעע צו ירושלים און זיי האָבען
זי בעלאַגערט און זיי האָבען געבויט אַנטקעגען איהר אַ וואַכטהורעם
אַרום און אַרום.
5 און די שטאָדט איז בעלאַגערט געוואָרען ביז דעם עלפטען יאָהר פון קע־
ניג צדקיהו.
6 אין דעם פיערטען מאָנאַט ניין טעג אין מאָנאַט איז דער הונגער שטאַרק
געוואָרען אין שטאָדט און עס איז קיין ברויט ניט געוועזן פאַר דעם פאָלק
פון לאַנד.
7 און די שטאָדט איז דורכגעבראָכען געוואָרען און אַלע קריעגס־לייט זיינען
אַנטלאָפען און אַרויס פון שטאָדט ביי נאַכט, דורך'ן טהויער צווישען די
מויערן, וואָס ביים קעניג'ס גאָרטען, און די כשדים זיינען געוועזן אַרום
דער שטאָדט, און זיי זיינען געגאַנגען אויפ'ן וועג פון פלאַכען לאַנד.
8 און די אַרמעען פון כשדים האָבען נאָכגעיאָגט דעם קעניג און זיי
האָבען אָנגעיאָגט צדקיהו'ן אין דעם פלאַכען פעלד פון יריחו, און זיין
גאַנצע אַרמעע האָבען זיך צושפּרייט פון איהם.

9 האָבען זיי געכאַפּט דעם קעניג און אַרויפגעבראַכט איהם צום קעניג
פון בבל אין רבלה אינ'ם לאַנד חמת, און ער האָט מיט איהם גערעדט
קריעגס געריכט.
10 און דער קעניג פון בבל האָט געשאָכטען צדקיהו'ס זיהן פאַר איהם אין
די אויגען, און אַלע פירשטען פון יהודה האָט ער אויך געשאָכטען אין
רבלה.
11 און די אויגען פון צדקיהו האָט ער בלינד געמאַכט, און ער האָט איהם
געבונדען אין קייטען, און דער קעניג פון בבל האָט איהם געבראַכט נאָך
בבל און האָט איהם אַריינגעזעצט אין געפענגעניס ביז דעם טאָג פון זיין
טוידט.
12 און אין דעם פינפטען מאָנאַט אין צעהנטען פון מאָנאַט, דאָס איז דער
ניינצעהנטער יאָהר פון קעניג נבוכדראצר, קעניג פון בבל, איז געקומען
נבוזראדן דער הויפּט פון די שלאַכטער, וועלכער איז געשטאַנען (אין
דיענסט) פאַרן קעניג פון בבל, נאָך ירושלים.
13 און ער האָט פאַרברענט גאָט'ס הויז און דעם קעניגס הויז און אַלע הייזער
פון ירושלים, און אַלע הייזער פון גרויס־שטאַנד האָט ער פערברענט אין
פייער.
14 און אַלע מויערען אַרום פון ירושלים האָט צובראָכען די אַרמעע פון די
כשדים, וועלכע זיינען געוועזן מיט'ן הויפּט פון די שלאַכטער.
15 און פון די אָרימע פון פאָלק און דאָס איבריגע פון פאָלק, וועלכע זיינען
פערבליעבען אין שטאָדט, און די אונטערגעגעבענע וואָס האָבען זיך אונ־
טערגעגעבען צום קעניג פון בבל און די איבעריגע פון דער פאָלקס־מענגע
האָט נבוזראדן דער הויפּט פון די שלאַכטער אַוועקגעפיהרט געפאַנגען.
16 און פון די אָרימע פון לאַנד האָט נבוזראדן דער הויפּט פון די שלאַכטער
איבערגעלאָזען צו זיין וויינגערטנער און אַקער לייט.

וּלְיֹגְבִים׃ וְאֶת־עַמּוּדֵי הַנְּחֹשֶׁת אֲשֶׁר לְבֵית־יְהוָה וְאֶת־ 17
הַמְּכֹנוֹת וְאֶת־יָם הַנְּחֹשֶׁת אֲשֶׁר בְּבֵית־יְהוָה שִׁבְּרוּ כַשְׂדִּים
וַיִּשְׂאוּ אֶת־כָּל־נְחֻשְׁתָּם בָּבֶלָה׃ וְאֶת־הַסִּרוֹת וְאֶת־הַיָּעִים 18
וְאֶת־הַמְזַמְּרוֹת וְאֶת־הַמִּזְרָקֹת וְאֶת־הַכַּפּוֹת וְאֵת כָּל־כְּלֵי
הַנְּחֹשֶׁת אֲשֶׁר־יְשָׁרְתוּ בָהֶם לָקָחוּ׃ וְאֶת־הַסִּפִּים וְאֶת־ 19
הַמַּחְתּוֹת וְאֶת־הַמִּזְרָקוֹת וְאֶת־הַסִּירוֹת וְאֶת־הַמְּנֹרוֹת וְאֶת־
הַכַּפּוֹת וְאֶת־הַמְּנַקִּיּוֹת אֲשֶׁר זָהָב זָהָב וַאֲשֶׁר־כֶּסֶף כָּסֶף
לָקַח רַב טַבָּחִים׃ הָעַמּוּדִים ׀ שְׁנַיִם הַיָּם אֶחָד וְהַבָּקָר כ
שְׁנֵים־עָשָׂר נְחֹשֶׁת אֲשֶׁר־תַּחַת הַמְּכֹנוֹת אֲשֶׁר עָשָׂה הַמֶּלֶךְ
שְׁלֹמֹה לְבֵית יְהוָה לֹא־הָיָה מִשְׁקָל לִנְחֻשְׁתָּם כָּל־הַכֵּלִים
הָאֵלֶּה׃ וְהָעַמּוּדִים שְׁמֹנֶה עֶשְׂרֵה אַמָּה קוֹמָה הָעַמֻּד 21
הָאֶחָד וְחוּט שְׁתֵּים־עֶשְׂרֵה אַמָּה יְסֻבֶּנּוּ וְעָבְיוֹ אַרְבַּע
אֶצְבָּעוֹת נָבוּב׃ וְכֹתֶרֶת עָלָיו נְחֹשֶׁת וְקוֹמַת הַכֹּתֶרֶת 22
הָאַחַת חָמֵשׁ אַמּוֹת וּשְׂבָכָה וְרִמּוֹנִים עַל־הַכּוֹתֶרֶת סָבִיב
הַכֹּל נְחֹשֶׁת וְכָאֵלֶּה לַעַמּוּד הַשֵּׁנִי וְרִמּוֹנִים׃ וַיִּהְיוּ הָרִמֹּנִים 23
תִּשְׁעִים וְשִׁשָּׁה רוּחָה כָּל־הָרִמּוֹנִים מֵאָה עַל־הַשְּׂבָכָה
סָבִיב׃ וַיִּקַּח רַב־טַבָּחִים אֶת־שְׂרָיָה כֹּהֵן הָרֹאשׁ וְאֶת־ 24
צְפַנְיָה כֹּהֵן הַמִּשְׁנֶה וְאֶת־שְׁלֹשֶׁת שֹׁמְרֵי הַסַּף׃ וּמִן־הָעִיר כה
לָקַח סָרִיס אֶחָד אֲשֶׁר־הָיָה פָקִיד ׀ עַל־אַנְשֵׁי הַמִּלְחָמָה
וְשִׁבְעָה אֲנָשִׁים מֵרֹאֵי פְנֵי־הַמֶּלֶךְ אֲשֶׁר־נִמְצְאוּ בָעִיר וְאֵת
סֹפֵר שַׂר הַצָּבָא הַמַּצְבִּא אֶת־עַם הָאָרֶץ וְשִׁשִּׁים אִישׁ
מֵעַם הָאָרֶץ הַנִּמְצְאִים בְּתוֹךְ הָעִיר׃ וַיִּקַּח אוֹתָם נְבוּזַרְאֲדָן 26
רַב־טַבָּחִים וַיֹּלֶךְ אוֹתָם אֶל־מֶלֶךְ בָּבֶל רִבְלָתָה׃ וַיַּכֶּה 27
אוֹתָם מֶלֶךְ בָּבֶל וַיְמִתֵם בְּרִבְלָה בְּאֶרֶץ חֲמָת וַיִּגֶל יְהוּדָה
מֵעַל אַדְמָתוֹ׃ זֶה הָעָם אֲשֶׁר הֶגְלָה נְבוּכַדְרֶאצַּר בִּשְׁנַת־ 28
שֶׁבַע יְהוּדִים שְׁלֹשֶׁת אֲלָפִים וְעֶשְׂרִים וּשְׁלֹשָׁה׃ בִּשְׁנַת 29
שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה לִנְבוּכַדְרֶאצַּר מִירוּשָׁלַם נֶפֶשׁ שְׁמֹנֶה מֵאוֹת

שלשים

v. 20 כצ״ל כתיב וקרי   v. 21 קומת ק

17 און די קופערנע זײַלען וואָס אין גאָט'ס הויז, און די געשטאַלטען אין דעם קופערנעם ים וואָס אין גאָט'ס הויז האָבען די כשדים צושמעטערט און אַוועקגעטראָגען זייער גאַנצען קופער נאָך בבל.

18 און די טעפּ, און די שויפלען און די מעסער און די שפּריץ־בעקענס, און די לעפעל און אַלע קופערנע געפעס, וואָס מען האָט גענוצט צו גאָטעס־דיענסט האָבען זיי צוגענומען.

19 און די בעקען און די פייער־פּאַנען און די שפּריץ־בעקען און די טעפּ און די לייכטער און די לעפעל און די ריינרעהרען, וואָס פון גאָלד איז גאָלד און וואָס פון זילבער איז זילבער, האָט דער הויפּט פון די שלאַכטער צוגענומען.

20 די צוויי זײַלען פון דעם איין ים און די צוועלף קופערנע רינדער וואָס זיינען געווען אָנשטאָט געשטאַלטען (פיס), וועלכע דער קעניג שלמה האָט געמאַכט אין גאָט'ס הויז, עס איז גאָר קיין וואָג ניט געווען פאַר דעם קופער פון דיעזע אַלע געפעס.

21 און די זײַלען, אַכטצעהן איילען די הויך פון איין זײַל, און אַ פאָדים פון צוועלף איילען האָט געקענט זי אַרומרינגלען, און איהר גרעב איז געווען פיער פינגער, עס איז געווען הויל (לעדיג).

22 און אַ קופערנער קאָפּ איז געווען אויף איהר און די הויך פון איין קאָפּ איז געווען פינף איילען אַ נעטץ־ווערק און מילגרוימען זיינען געווען אויף דעם קאָפּ אַרום, אַלעס קופער, און דאָס זעלבע איז געווען צו דער אַנדער זײַל, און מילגרוימען.

23 און די מילגרוימען זיינען געווען זעקס און נײַנציג אין אַ זייט, הונדערט מילגרוימען איז געווען איבער די נעטץ־ווערק אַרום.

24 און דער הויפּט פון די שלאַכטער האָט גענומען שריה דעם אויבער פּריעסט און צפניה דעם אונטער פּריעסט און די דריי וועכטער פון שוועל.

25 און פון דער שטאָדט האָט ער גענומען איין הויפּבאַדיענטען וואָס ער איז געווען אָנגעשטעלט איבער די קריעגס־מעננער און זיעבען מעננער, פון די, וועלכע פלעגען אימער זיך זעהען מיט'ן קעניג, וואָס זיינען געפונען געוואָרען אין שטאָדט, און דעם שרייבער פון דעם האַר פון דער אַרמעע, וועלכער פלעגט צושטעלען פון פאָלק פון לאַנד (מענשען) צו דער אַרמעע, און זעכציג מענשען פון'ם פאָלק פון לאַנד, וואָס האָבען זיך געפונען אין שטאָדט.

26 און נבוזראדן דער הויפּט פון די שלאַכטער האָט זיי גענומען און אַוועק־געפיהרט זיי צום קעניג פון בבל נאָך רבלה.

27 און דער קעניג פון בבל האָט זיי געשלאָגען און האָט זיי געטוידטעט אין רבלה, אין לאַנד חמת, און ער האָט פערטריעבען יהודה פון זיין לאַנד.

28 דאָס איז דאָס פאָלק וואָס נבוכדראצר האָט פערטריעבען אין זיבעטען יאָהר, דריי טויזענד און דריי און צוואַנציג יהודים.

29 אין דעם אַכטצעהנטען יאָהר פון נבוכדראצר פון ירושלים אַכט הונדערט צוויי און דרייסיג פּערזאָנען.

ל שְׁלֹשִׁים וּשְׁנָיִם׃ בִּשְׁנַת שָׁלֹשׁ וְעֶשְׂרִים לִנְבוּכַדְרֶאצַּר
הֶגְלָה נְבוּזַרְאֲדָן רַב־טַבָּחִים יְהוּדִים נֶפֶשׁ שְׁבַע מֵאוֹת
אַרְבָּעִים וַחֲמִשָּׁה כָּל־נֶפֶשׁ אַרְבַּעַת אֲלָפִים וְשֵׁשׁ מֵאוֹת׃
31 וַיְהִי בִשְׁלֹשִׁים וָשֶׁבַע שָׁנָה לְגָלוּת יְהוֹיָכִן מֶלֶךְ־
יְהוּדָה בִּשְׁנֵים עָשָׂר חֹדֶשׁ בְּעֶשְׂרִים וַחֲמִשָּׁה לַחֹדֶשׁ נָשָׂא
אֱוִיל מְרֹדַךְ מֶלֶךְ בָּבֶל בִּשְׁנַת מַלְכֻתוֹ אֶת־רֹאשׁ יְהוֹיָכִין
32 מֶלֶךְ־יְהוּדָה וַיֹּצֵא אֹתוֹ מִבֵּית הַכְּלִיא׃ וַיְדַבֵּר אִתּוֹ טֹבוֹת
וַיִּתֵּן אֶת־כִּסְאוֹ מִמַּעַל לְכִסֵּא מְלָכִים אֲשֶׁר אִתּוֹ בְּבָבֶל׃
33 וְשִׁנָּה אֵת בִּגְדֵי כִלְאוֹ וְאָכַל לֶחֶם לְפָנָיו תָּמִיד כָּל־יְמֵי
34 חַיָּו׃ וַאֲרֻחָתוֹ אֲרֻחַת תָּמִיד נִתְּנָה־לּוֹ מֵאֵת מֶלֶךְ־בָּבֶל
דְּבַר־יוֹם בְּיוֹמוֹ עַד־יוֹם מוֹתוֹ כֹּל יְמֵי חַיָּיו׃

31. v הכלוא ק׳ 32 v המלכים ק׳ 33. v חסר יו״ד

חזק ונתחזק

סכום הפסוקים של ירמיהו אלף ושלש מאות וששים וחמשה. וכל אנשיה נכרים סימן. וחציו. ויאמר חנניה. וסדריו אחד ושלשים. לא איש אל ויכזב סימן: ופרקיו חמשים ושנים אודה יהוה בכל לבב סימן:

30 אין דעם דריי און צוואַנציגסטען יאָהר פון נבוכדראצר, האָט נבוזראדן
דער הויפּט פון די שלאַכטער פערטריעבען זיעבען הונדערט פינף און
פיערציג יהודים, אַלע פערזאָנען פיער טויזענד און זעקס הונדערט.

31 און עס איז געוועזן אין דעם זיעבען און דרייסיגסטען יאָהר נאָך דער
פאַרטרייבונג פון יהויכין דעם קעניג פון יהודה, אין דעם צוועלפטען מאָ־
נאַט אין פינף און צוואַנציגסטען אין מאָנאַט, האָט אויל מרודך דער
קעניג פון בבל, אין דעם יאָהר וואָס ער איז געוואָרען קעניג, ערהויבען
דעם קאָפּ פון יהויכין דעם קעניג פון יהודה און האָט איהם אַרויסגע־
פיהרט פון געפענגנעניס.

32 און האָט צו איהם גערעדט גוטעס, און האָט געמאַכט זיין טהראָן העכער
פון די טהראָנען פון די קעניגע וואָס זיינען געוועזן מיט איהם אין בבל.

33 און ער האָט געביטען זיינע געפענגנעניס קליידער, און ער האָט געגעסען
ברויט פאַר איהם אַלע צייט, אַלע טעג פון זיין לעבען.

34 און זיין שפּייז איז געוועזן אַ שטענדיגע שפּייז, געגעבען צו איהם פון
דעם קעניג פון בבל, די זאַך וואָס ער האָט בעדאַרפט טאָג טעגליך, ביז
דעם טאָג פון זיין טוידט, אַלע טעג פון זיין לעבען.

חזק.

די צאָהל פון פּסוקים אין ספר ירמיה זיינען טויזענד און דריי הונדערט
און פינף און זעכציג. די העלפט דאפון איז קאַפּיטעל כח פּסוק 11.

יחזקאל

LIBER EZECHIELIS.

CAPUT I. א

וַיְהִי׀ בִּשְׁלֹשִׁים שָׁנָה בָּרְבִיעִי בַּחֲמִשָּׁה לַחֹדֶשׁ וַאֲנִי בְתוֹךְ־ א
הַגּוֹלָה עַל־נְהַר־כְּבָר נִפְתְּחוּ הַשָּׁמַיִם וָאֶרְאֶה מַרְאוֹת
אֱלֹהִים׃ בַּחֲמִשָּׁה לַחֹדֶשׁ הִיא הַשָּׁנָה הַחֲמִישִׁית לְגָלוּת 2
הַמֶּלֶךְ יוֹיָכִין׃ הָיֹה הָיָה דְבַר־יְהוָה אֶל־יְחֶזְקֵאל בֶּן־בּוּזִי 3
הַכֹּהֵן בְּאֶרֶץ כַּשְׂדִּים עַל־נְהַר־כְּבָר וַתְּהִי עָלָיו שָׁם יַד־
יְהוָה׃ וָאֵרֶא וְהִנֵּה רוּחַ סְעָרָה בָּאָה מִן־הַצָּפוֹן עָנָן גָּדוֹל 4
וְאֵשׁ מִתְלַקַּחַת וְנֹגַהּ לוֹ סָבִיב וּמִתּוֹכָהּ כְּעֵין הַחַשְׁמַל
מִתּוֹךְ הָאֵשׁ׃ וּמִתּוֹכָהּ דְּמוּת אַרְבַּע חַיּוֹת וְזֶה מַרְאֵיהֶן 5
דְּמוּת אָדָם לָהֵנָּה׃ וְאַרְבָּעָה פָנִים לְאֶחָת וְאַרְבַּע כְּנָפַיִם 6
לְאַחַת לָהֶם׃ וְרַגְלֵיהֶם רֶגֶל יְשָׁרָה וְכַף רַגְלֵיהֶם כְּכַף 7
רֶגֶל עֵגֶל וְנֹצְצִים כְּעֵין נְחֹשֶׁת קָלָל׃ וִידֵו אָדָם מִתַּחַת 8
כַּנְפֵיהֶם עַל אַרְבַּעַת רִבְעֵיהֶם וּפְנֵיהֶם וְכַנְפֵיהֶם לְאַרְבַּעְתָּם׃
חֹבְרֹת אִשָּׁה אֶל־אֲחוֹתָהּ כַּנְפֵיהֶם לֹא־יִסַּבּוּ בְלֶכְתָּן 9
אִישׁ אֶל־עֵבֶר פָּנָיו יֵלֵכוּ׃ וּדְמוּת פְּנֵיהֶם פְּנֵי אָדָם וּפְנֵי 10
אַרְיֵה אֶל־הַיָּמִין לְאַרְבַּעְתָּם וּפְנֵי־שׁוֹר מֵהַשְּׂמֹאול
לְאַרְבַּעְתָּן וּפְנֵי־נֶשֶׁר לְאַרְבַּעְתָּן׃ וּפְנֵיהֶם וְכַנְפֵיהֶם פְּרֻדוֹת 11
מִלְמָעְלָה לְאִישׁ שְׁתַּיִם חֹבְרוֹת אִישׁ וּשְׁתַּיִם מְכַסּוֹת אֵת
גְּוִיֹּתֵיהֶנָה׃ וְאִישׁ אֶל־עֵבֶר פָּנָיו יֵלֵכוּ אֶל אֲשֶׁר יִהְיֶה־ 12
שָׁמָּה הָרוּחַ לָלֶכֶת יֵלֵכוּ לֹא יִסַּבּוּ בְּלֶכְתָּן׃ וּדְמוּת הַחַיּוֹת 13
מַרְאֵיהֶם כְּגַחֲלֵי־אֵשׁ בֹּעֲרוֹת כְּמַרְאֵה הַלַּפִּדִים הִיא

מתהלכת

v. 1. הפטרה ליום א׳ של שבועות. v. 8. וידי קרי. v. 10. מלא ו׳

יחזקאל

קאַפּיטעל א

1 דאָס איז געווען אין דרייסיגסטען יאָהר, אין פינפטען טאָג פון פערטען
מאָנאַט, ווען איך בין געווען צווישען די פערטריעבענע אויפ׳ן טייך כבר,
האָבען זיך געעפענט די הימלען און איך האָב געזעהן געטליכע ערשיי־
נונגען.
2 דעם פינפטען טאָג אין מאָנאַט איז פינף יאָהר געוואָרען זינט קעניג
יויכין איז פערטריעבען.
3 דאַן איז געווען גאָט׳ס וואָרט צו יחזקאל דעם כהן, בוזי׳ס זוהן, אינ׳ם
לאַנד כשדים, נעבען טייך כבר ; דאָרטען האָט ערשיינט פאַר איהם
גאָט׳ס מאַכט.
4 איך האָב געזעהען אַ שטורעם ווינד קומט אָן פון צפון, אַ גרויסער וואָל־
קען און אַ פאַנאַנדער געפלאַקערטען פייער, שיינט אַרום איהם, פון אינ־
וויניג האָט עס אויסגעזעהען ווי אַ ליכטיגע קראַנץ פון פייער.
5 פון אינווייניג (האָט ערשיענען) אַ געשטאַלט פון פיער טהיערען, זייער
ריכטיגע אויסזעהען איז געווען אַ מענשען געשטאַלט.
6 יעדער האָט געהאַט פיער געזיכטער אויף פיער פליעגלען האָט יעדער
פון זיי געהאַט.
7 זייערע פיס זיינען געוואָרען גלייכע און זייערע פוס־זאָהלען זיינען ווי די
זאָהל פון אַ קעלבערנע פוס נאָר זיי פינקלען ווי געשליעפענע קופער.
8 מענשעשע הענד (האָבען זיך געזעהען) פון אונטער זייערע פליעגלען
אויף זייערע פיער זייטען, אַזוי ווי זיי האָבען געזיכטער און פליעגלען
אין אַלע פיער זייטען.
9 זייערע פליעגלען זיינען בעהעפט געווען איינער צום אַנדערען ; זיי
דאַרפען זיך ניט אומקעהרען געהענדיג — אין יעדער זייט וואו זיי
האָבען אַ געזיכט קענען זיי געהן
10 דער געשטאַלט פון זייערע געזיכטער רעכטס־צו, ביי אַלע פיער (איז)
אַ מענשען געזיכט און אַ לייבען געזיכט ; לינקס־צו האָבען אַלע פיער
געהאַט אַ אָקסען געזיכט און אַ אָדלער געזיכט.
11 פון אויבען זיינען זייערע געזיכטער און פליעגלען געווען פאַנאַנדער־
גענומען ביי יעדע — צוויי זיינען געווען בעהעפט צוזאַמען און צוויי
האָבען בעדעקט זייערע קערפּערס.
12 צו יעדער זייט וואו זיי האָבען אַ געזיכט קענען זיי געהן, וואו זיי ווילען
קענען זיי געהן, זיי דאַרפען זיך ניט אומקעהרען געהענדיג.
13 דער געשטאַלט פון די טהיערען, ד. ה. זייער אויסזעהען איז ווי פייער־
דיגע קויהלען ברענענדיגע, ווי אַ ערשיינונג פון פאַקלען איז אַרומגע־

מִתְהַלֶּכֶת בֵּין הַחַיּוֹת וְנֹגַהּ לָאֵשׁ וּמִן־הָאֵשׁ יוֹצֵא בָרָק׃
14 טו וְהַחַיּוֹת רָצוֹא וָשׁוֹב כְּמַרְאֵה הַבָּזָק׃ וָאֵרֶא הַחַיּוֹת וְהִנֵּה
16 אוֹפַן אֶחָד בָּאָרֶץ אֵצֶל הַחַיּוֹת לְאַרְבַּעַת פָּנָיו׃ מַרְאֵה
הָאוֹפַנִּים וּמַעֲשֵׂיהֶם כְּעֵין תַּרְשִׁישׁ וּדְמוּת אֶחָד לְאַרְבַּעְתָּן
וּמַרְאֵיהֶם וּמַעֲשֵׂיהֶם כַּאֲשֶׁר יִהְיֶה הָאוֹפַן בְּתוֹךְ הָאוֹפָן׃
17 עַל־אַרְבַּעַת רִבְעֵיהֶן בְּלֶכְתָּם יֵלֵכוּ לֹא יִסַּבּוּ בְּלֶכְתָּן׃
18 וְגַבֵּיהֶן וְגֹבַהּ לָהֶם וְיִרְאָה לָהֶם וְגַבֹּתָם מְלֵאֹת עֵינַיִם
19 סָבִיב לְאַרְבַּעְתָּן׃ וּבְלֶכֶת הַחַיּוֹת יֵלְכוּ הָאוֹפַנִּים אֶצְלָם
כ וּבְהִנָּשֵׂא הַחַיּוֹת מֵעַל הָאָרֶץ יִנָּשְׂאוּ הָאוֹפַנִּים׃ עַל אֲשֶׁר
יִהְיֶה־שָּׁם הָרוּחַ לָלֶכֶת יֵלֵכוּ שָׁמָּה הָרוּחַ לָלֶכֶת וְהָאוֹפַנִּים
21 יִנָּשְׂאוּ לְעֻמָּתָם כִּי רוּחַ הַחַיָּה בָּאוֹפַנִּים׃ בְּלֶכְתָּם יֵלֵכוּ
וּבְעָמְדָם יַעֲמֹדוּ וּבְהִנָּשְׂאָם מֵעַל הָאָרֶץ יִנָּשְׂאוּ הָאוֹפַנִּים
22 לְעֻמָּתָם כִּי רוּחַ הַחַיָּה בָּאוֹפַנִּים׃ וּדְמוּת עַל־רָאשֵׁי
הַחַיָּה רָקִיעַ כְּעֵין הַקֶּרַח הַנּוֹרָא נָטוּי עַל־רָאשֵׁיהֶם
23 מִלְמָעְלָה׃ וְתַחַת הָרָקִיעַ כַּנְפֵיהֶם יְשָׁרוֹת אִשָּׁה אֶל־
אֲחוֹתָהּ לְאִישׁ שְׁתַּיִם מְכַסּוֹת לָהֵנָּה וּלְאִישׁ שְׁתַּיִם מְכַסּוֹת
24 לָהֵנָּה אֵת גְּוִיֹּתֵיהֶם׃ וָאֶשְׁמַע אֶת־קוֹל כַּנְפֵיהֶם כְּקוֹל
מַיִם רַבִּים כְּקוֹל־שַׁדַּי בְּלֶכְתָּם קוֹל הֲמֻלָּה כְּקוֹל מַחֲנֶה
כה בְּעָמְדָם תְּרַפֶּינָה כַנְפֵיהֶן׃ וַיְהִי־קוֹל מֵעַל לָרָקִיעַ אֲשֶׁר
26 עַל־רֹאשָׁם בְּעָמְדָם תְּרַפֶּינָה כַנְפֵיהֶן׃ וּמִמַּעַל לָרָקִיעַ
אֲשֶׁר עַל־רֹאשָׁם כְּמַרְאֵה אֶבֶן־סַפִּיר דְּמוּת כִּסֵּא וְעַל
27 דְּמוּת הַכִּסֵּא דְּמוּת כְּמַרְאֵה אָדָם עָלָיו מִלְמָעְלָה׃ וָאֵרֶא ׀
כְּעֵין חַשְׁמַל כְּמַרְאֵה־אֵשׁ בֵּית־לָהּ סָבִיב מִמַּרְאֵה מָתְנָיו
וּלְמָעְלָה וּמִמַּרְאֵה מָתְנָיו וּלְמַטָּה רָאִיתִי כְּמַרְאֵה־אֵשׁ וְנֹגַהּ
28 לוֹ סָבִיב׃ כְּמַרְאֵה הַקֶּשֶׁת אֲשֶׁר יִהְיֶה בֶעָנָן בְּיוֹם הַגֶּשֶׁם
כֵּן מַרְאֵה הַנֹּגַהּ סָבִיב הוּא מַרְאֵה דְּמוּת כְּבוֹד־יְהוָה
וָאֶרְאֶה וָאֶפֹּל עַל־פָּנַי וָאֶשְׁמַע קוֹל מְדַבֵּר׃ ·

ויאמר

28. ע עד כאן

נומען צווישען די טהיערען; דער פייער האט אזא גלאנץ געהאט אזוי ווי בליצען וואלטען ארוים פון'ם פייער.
14 די טהירען זיינען הין־און־צוריק ארומגעלאפען ווי א בליצענשטראהל.
15 איך האב בעטראכט די טהירען ערשט זיי האבען צו איין ראד אויף דער ערד ביי די פיער געזיכטער פון די טהירען.
16 דאס אויסזעהען פון די רעדער (און זייער אויסארבייטונג) איז ווי קריזאליט — אלע פיער האבען איין געשטאלט געהאט; זייער אויסזעהען און זייער אויסארבייטונג איז געווען ווי עס איז א ראד אין א ראד.
17 אין אלע פיער זייטען קענען זיי געהן ווען זיי געהען — זיי דארפען זיך ניט אומקעהרען געהענדיג.
18 זייער אומקרייז איז שרעקליך הויך, איך אנגעזעהען, אויך איז זייער אומקרייז פול מיט אויגען ארום אלע פיער.
19 ווען די טהירען געהען בעוועגען זיך די רעדער מיט זיי, און ווען די טהירען הויבען זיך אויף פון באדען, הויבען זיך אויף די רעדער.
20 וואוהין זיי ווילען געהן געהען זיי, און וואו זיי ווילען געהן הויבען זיך די רעדער אין זייער ריכטונג — ווארום דער ווילען פון די טהירעןווירקט אויף די רעדער.
21 ווען זיי געהען, געהען זיי (די רעדער) מיט און ווען זיי בלייבען שטעהן, שטעלען זיי זיך אויך אב; ערהויבען זיי זיך פון דער ערד, הויבען זיך אויף די רעדער אויף אין זייער ריכטונג, ווארום דער ווילען פון די טהירען ווירקט אויף די רעדער.
22 דער געשטאלט וואס איז איבער די קעפ פון די טהירען איז א אויסגעצויגענע שרעקליכע שטיק אייז אויסגעשפרייט איבער זייערע קעפ פון אויבען.
23 אויך אונטער דאס אויסגעצויגענע זיינען זייערע פליעגלען גלייך ביי איינע ווי די אנדערע; יעדע פון זיי האט צו צוויי (פליעגלען) וועלכע בעדעקען זייערע קערפערס.
24 איך האב געהערט דעם גערויש פון זייערע פליעגלען, ווען זיי בעוועגען זיך, ווי דאס גערויש פון א גרויסען וואסער, א פירכטערליכער גערויש; א טומעל ווי פון אן ארמעע. ווען זיי בלייבען שטעהן לאזען זיי ארונטער זייערע פליעגלען.
25 דאס גערויש האט זיך געהערט פון איבער דאס אויסגעצויגענע, דאן ווען זיי האבען זיך אבגעשטעלט און ארונטערגעלאזען זייערע פליעגלען.
26 העכער אלס דאס אויסגעצויגענע וואס איבער זייערע קעפ זעהט אויס אזוי ווי א טהראן פון סאפירשטיין, אויף דעם טהראן־געשטאלט האט אויסגעזעהען ווי א מענשען געשטאלט איז אויבען.
27 דאן האב איך בעמערקט עפעס אזוינס ווי א פייער קראנץ וועלכער איז בעראמט געווען ארום ווי מיט פייער, פון דעם ארט וואס עס האבען זיך געזעהען די לענדען און העכער; ניעדעריגער פון די לענדען האב איך געזעהען אזוי ווי א פייער וואס האט ארום א גלאנץ.
28 ווי עס זעהט אויס א רעגענבויגען וואס איז אין וואלקען אין א רעגענטאג אזוי האט אויסגעזעהען דער ארומיגער גלאנץ — דאס איז געווען דער אויסזעהען פון גאט'ס געשטאלט. ווי איך האב דאס דערזעהען בין איך אויף מיין געזיכט געפאלען און האב געהערט א רעדעוודיגע שטימע.

ב Cap. II. ב

וַיֹּאמֶר אֵלָי בֶּן־אָדָם עֲמֹד עַל־רַגְלֶיךָ וַאֲדַבֵּר אֹתָךְ׃ וַתָּבֹא א 2
בִי רוּחַ כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר אֵלַי וַתַּעֲמִדֵנִי עַל־רַגְלָי וָאֶשְׁמַע אֵת
מִדַּבֵּר אֵלָי׃ וַיֹּאמֶר אֵלַי בֶּן־אָדָם שׁוֹלֵחַ אֲנִי אוֹתְךָ 3
אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אֶל־גּוֹיִם הַמּוֹרְדִים אֲשֶׁר מָרְדוּ־בִי הֵמָּה
וַאֲבוֹתָם פָּשְׁעוּ בִי עַד־עֶצֶם הַיּוֹם הַזֶּה׃ וְהַבָּנִים קְשֵׁי פָנִים 4
וְחִזְקֵי־לֵב אֲנִי שׁוֹלֵחַ אוֹתְךָ אֲלֵיהֶם וְאָמַרְתָּ אֲלֵיהֶם כֹּה
אָמַר אֲדֹנָי יֱהוִֹה׃ וְהֵמָּה אִם־יִשְׁמְעוּ וְאִם־יֶחְדָּלוּ כִּי בֵּית ה
מְרִי הֵמָּה וְיָדְעוּ כִּי־נָבִיא הָיָה בְתוֹכָם׃ וְאַתָּה בֶן־אָדָם 6
אַל־תִּירָא מֵהֶם וּמִדִּבְרֵיהֶם אַל־תִּירָא כִּי סָרָבִים וְסַלּוֹנִים
אוֹתָךְ וְאֶל־עַקְרַבִּים אַתָּה יוֹשֵׁב מִדִּבְרֵיהֶם אַל־תִּירָא
וּמִפְּנֵיהֶם אַל־תֵּחָת כִּי בֵּית מְרִי הֵמָּה׃ וְדִבַּרְתָּ אֶת־דְּבָרַי 7
אֲלֵיהֶם אִם־יִשְׁמְעוּ וְאִם־יֶחְדָּלוּ כִּי מְרִי הֵמָּה׃
וְאַתָּה בֶן־אָדָם שְׁמַע אֵת אֲשֶׁר־אֲנִי מְדַבֵּר אֵלֶיךָ אַל־תְּהִי־ 8
מֶרִי כְּבֵית הַמֶּרִי פְּצֵה פִיךָ וֶאֱכֹל אֵת אֲשֶׁר־אֲנִי נֹתֵן אֵלֶיךָ׃
וָאֶרְאֶה וְהִנֵּה־יָד שְׁלוּחָה אֵלָי וְהִנֵּה־בוֹ מְגִלַּת־סֵפֶר׃ וַיִּפְרֹשׂ 9 י
אוֹתָהּ לְפָנַי וְהִיא כְתוּבָה פָּנִים וְאָחוֹר וְכָתוּב אֵלֶיהָ קִנִים
וָהֶגֶה וָהִי׃

ג Cap. III. ג

וַיֹּאמֶר אֵלַי בֶּן־אָדָם אֵת אֲשֶׁר־תִּמְצָא אֱכוֹל אֱכוֹל אֶת־ א
הַמְּגִלָּה הַזֹּאת וְלֵךְ דַּבֵּר אֶל־בֵּית יִשְׂרָאֵל׃ וָאֶפְתַּח אֶת־ 2
פִּי וַיַּאֲכִלֵנִי אֵת הַמְּגִלָּה הַזֹּאת׃ וַיֹּאמֶר אֵלַי בֶּן־אָדָם 3
בִּטְנְךָ תַאֲכֵל וּמֵעֶיךָ תְמַלֵּא אֵת הַמְּגִלָּה הַזֹּאת אֲשֶׁר אֲנִי
נֹתֵן אֵלֶיךָ וָאֹכְלָה וַתְּהִי בְּפִי כִּדְבַשׁ לְמָתוֹק׃ וַיֹּאמֶר 4
אֵלָי בֶּן־אָדָם לֶךְ־בֹּא אֶל־בֵּית יִשְׂרָאֵל וְדִבַּרְתָּ בִדְבָרַי
אֲלֵיהֶם׃ כִּי לֹא אֶל־עַם עִמְקֵי שָׂפָה וְכִבְדֵי לָשׁוֹן אַתָּה ה
שָׁלוּחַ אֶל־בֵּית יִשְׂרָאֵל׃ לֹא ׀ אֶל־עַמִּים רַבִּים עִמְקֵי שָׂפָה 6

וכבדי

כ v. 5. קמץ בז״ק

קאַפּיטעל ב

1 און ער האָט צו מיר געזאָגט: מענשענקינד! **שטעל זיך אויף דיינע**
פיס וועל איך צו דיר רײדען!
2 ווי ער האָט צו מיר גערעדט האָב איך מוטה בעקומען און עס האָט מיר
אויף די פיס געשטעלט, דאַן האָב איך פערשטאַנען ווער עס רעדט צו
מיר.
3 ער האָט צו מיר געזאָגט: מענשענקינד! איך שיק דיר צו די קינדער
ישראל, צו די רעבעלענדע שטאַמען, וועלכע האָבען רעבעלט קעגען מיר
(ווייל זייערע עלטערען האָבען מיר ווידערשפעניגט) פונקט ביז דעם טאָג.
4 די קינדער זיינען אונפערשעהמטע און הארט הערציגע, אַט צו זיי שיק
איך דיר אַז דו זאָלסט זיי זאָגען: „אזוי האָט גאָט דער אַלמעכטיגער
געזאָגט״!
5 אום זיי — אויב זיי וועלען יאָ הערען אָדער ניט (וואָרום זיי זיינען דאָך
אַ הויז פון ווידערשפעניגקייט) — זאָלען וויסען אַז עס האָט ביי זיי
אַ נביא עקסעסטירט.
6 דו, מענשענקינד, שרעק זיך ניט פאַר זיי און ווער ניט דערשראָקען פון
זייערע רייד, דו ביזט דאָך איינגעוואָהנט מיט דערנער און דיסטלען
וואָהנענדיג צווישען עקדישען, שרעק זיך ניט פאַר זייערע רייד און
האָב קיין אַנגסט פאַר זייערע בייזע געזיכטער, זיי זיינען דאָך ניט מעהר
ווי אַ הויז פון ווידערשפעניגער.
7 דו רייד צו זיי מיינע ווערטער, אויב זיי וועלען יאָ הערען אָדער ניט
הערען — זיי זיינען דאָך ווידערשפעניגער.
8 הער נאָר אויס דו מענשענקינד וואָס איך רייד צו דיר — זיי דו ניט
ווידערשפעניג ווי דאָס ווידערשפעניג הויז! עפען דיין מויל און
עס דאָס וואָס איך גיעב דיר.
9 דאַן האָב איך דערזעהען אַז אַ האַנד איז אויסגעשטרעקט צו מיר און אין
איהם איז אַ צוזאַמענגעראָלטער בוך.
10 ער האָט זי פאַנאַנדערגעשפרייט פאַר מיר, ערשט זי איז בעשריעבען
פון פאָרענט און פון הינטען; אויף איהר זיינען אויסגעשריעבען קלאָג,
יאָמער און וועהעניש.

קאַפּיטעל ג

1 ער האָט צו מיר געזאָגט: מענשענקינד! וואָס דו געפינסט עסס!
עסס דאָס צוזאַמענגעראָלטעס בוך און געה רייד צו דאָס הויז פון ישראל״.
2 איך האָב מיין מויל געעפענט און ער האָט מיר געמאַכט עססען דאָס צו־
זאַמענגעראָלטעס בוך,
3 און האָט געזאָגט צו מיר: „מענשענקינד! זעטיג אַן דיין בויך און
מאַך פול דיינע געדערים מיט דאָס צוזאַמענגעראָלטעס בוך, וועלכע איך
גיעב דיר״. אַז איך האָב עס אויפגעגעסען האָב איך אין׳ם מויל געפיהלט
זיס ווי האָניג.
4 דאַן האָט ער צו מיר געזאָגט: מענשענקינד! געה, קום צו דאָס הויז
ישראל און רייד צו זיי מיינע ווערטער;
5 וואָרום ניט צו אַ פאָלק פון אַ אונפערשטענדליכע שפּראַך אָדער אַ שווע־
רע אויסשפּראַכע ווערסטו געשיקט — דו ווערסט געשיקט צו דאָס הויז
ישראל.
6 נישט צו גרויסע פעלקער, וועלכע האָבען אַ אונפערשטענדליכע שפּראַך

וְכִבְדֵי לָשׁוֹן אֲשֶׁר לֹא־תִשְׁמַע דִּבְרֵיהֶם אִם־לֹא אֲלֵיהֶם
7 שְׁלַחְתִּיךָ הֵמָּה יִשְׁמְעוּ אֵלֶיךָ׃ וּבֵית יִשְׂרָאֵל לֹא יֹאבוּ
לִשְׁמֹעַ אֵלֶיךָ כִּי־אֵינָם אֹבִים לִשְׁמֹעַ אֵלָי כִּי כָּל־בֵּית יִשְׂרָאֵל
8 חִזְקֵי־מֵצַח וּקְשֵׁי־לֵב הֵמָּה׃ הִנֵּה נָתַתִּי אֶת־פָּנֶיךָ חֲזָקִים
9 לְעֻמַּת פְּנֵיהֶם וְאֶת־מִצְחֲךָ חָזָק לְעֻמַּת מִצְחָם׃ כְּשָׁמִיר
חָזָק מִצֹּר נָתַתִּי מִצְחֶךָ לֹא־תִירָא אוֹתָם וְלֹא־תֵחַת
י מִפְּנֵיהֶם כִּי בֵּית מְרִי הֵמָּה׃ וַיֹּאמֶר אֵלַי בֶּן־אָדָם
אֶת־כָּל־דְּבָרַי אֲשֶׁר אֲדַבֵּר אֵלֶיךָ קַח בִּלְבָבְךָ וּבְאָזְנֶיךָ
11 שְׁמָע׃ וְלֵךְ בֹּא אֶל־הַגּוֹלָה אֶל־בְּנֵי עַמֶּךָ וְדִבַּרְתָּ אֲלֵיהֶם
וְאָמַרְתָּ אֲלֵיהֶם כֹּה אָמַר אֲדֹנָי יֱהֹוִה אִם־יִשְׁמְעוּ וְאִם־
12 יֶחְדָּלוּ׃ וַתִּשָּׂאֵנִי רוּחַ וָאֶשְׁמַע אַחֲרַי קוֹל רַעַשׁ גָּדוֹל
13 בָּרוּךְ כְּבוֹד־יְהֹוָה מִמְּקוֹמוֹ׃ וְקוֹל ׀ כַּנְפֵי הַחַיּוֹת מַשִּׁיקוֹת
אִשָּׁה אֶל־אֲחוֹתָהּ וְקוֹל הָאוֹפַנִּים לְעֻמָּתָם וְקוֹל רַעַשׁ
14 גָּדוֹל׃ וְרוּחַ נְשָׂאַתְנִי וַתִּקָּחֵנִי וָאֵלֵךְ מַר בַּחֲמַת רוּחִי
טו וְיַד־יְהֹוָה עָלַי חָזָקָה׃ וָאָבוֹא אֶל־הַגּוֹלָה תֵּל אָבִיב
הַיֹּשְׁבִים אֶל־נְהַר־כְּבָר וָאֵשֵׁר הֵמָּה יוֹשְׁבִים שָׁם וָאֵשֵׁב
16 שָׁם שִׁבְעַת יָמִים מַשְׁמִימִים בְּתוֹכָם׃ וַיְהִי מִקְצֵה
17 שִׁבְעַת יָמִים • וַיְהִי דְבַר־יְהֹוָה אֵלַי לֵאמֹר׃ בֶּן־
אָדָם צֹפֶה נְתַתִּיךָ לְבֵית יִשְׂרָאֵל וְשָׁמַעְתָּ מִפִּי דָּבָר
18 וְהִזְהַרְתָּ אוֹתָם מִמֶּנִּי׃ בְּאָמְרִי לָרָשָׁע מוֹת תָּמוּת וְלֹא
הִזְהַרְתּוֹ וְלֹא דִבַּרְתָּ לְהַזְהִיר רָשָׁע מִדַּרְכּוֹ הָרְשָׁעָה
19 לְחַיֹּתוֹ הוּא רָשָׁע בַּעֲוֺנוֹ יָמוּת וְדָמוֹ מִיָּדְךָ אֲבַקֵּשׁ׃ וְאַתָּה
כִּי־הִזְהַרְתָּ רָשָׁע וְלֹא־שָׁב מֵרִשְׁעוֹ וּמִדַּרְכּוֹ הָרְשָׁעָה הוּא
כ בַּעֲוֺנוֹ יָמוּת וְאַתָּה אֶת־נַפְשְׁךָ הִצַּלְתָּ׃ וּבְשׁוּב צַדִּיק
מִצִּדְקוֹ וְעָשָׂה עָוֶל וְנָתַתִּי מִכְשׁוֹל לְפָנָיו הוּא יָמוּת כִּי
לֹא הִזְהַרְתּוֹ בְּחַטָּאתוֹ יָמוּת וְלֹא תִזָּכַרְןָ צִדְקָתוֹ אֲשֶׁר
21 עָשָׂה וְדָמוֹ מִיָּדְךָ אֲבַקֵּשׁ׃ וְאַתָּה כִּי הִזְהַרְתּוֹ צַדִּיק לְבִלְתִּי

חטא

v. 15. ואשב ק v. 16. פסקא באמצע פסוק v. 20. צדקותיו ק

אָדער אַ שווערע אויסשפּראַכע, וואָס דו קענסט זייערע רייד ניט פֿער־
שטעהען; ווען איך וואָלט דיר זאָגאַר צו זיי געשיקט וואָלטען זיי
דיר אויך אויסהערען.
7 דאָס הויז ישראל אָבער וועט דיר ניט וועלען אויסהערען ווייל זיי ווילען
מיר ניט אויסהערען, וואָרום דאָס גאַנצע הויז ישראל זיינען אונפֿער־
שעהמטע און האַרטהערציגע.
8 איך האָב דיין געזיכט שטאַרק געמאַכט קעגען זייערע געזיכטער און
דיין שטערען אַזוי שטאַרק ווי זייערע שטערענס.
9 ווי דיימאַנד, וואָס איז שטאַרקער פֿאַר שטיין, האָב איך דיין שטערען
געמאַכט, אום דו זאָלסט זיך ניט שרעקען פֿאַר זיי, וואָרום זיי זיינען
אַ הויז פֿון ווידערשפּעניגער.
10 ער האָט צו מיר ווידער געזאָגט: אַלע מיינע ווערטער וואָס איך רייד
צו דיר נעהם זיך אַריין אין האַרצען און הער אויס מיט דיינע אויערען.
11 דאַן געה צו די אויסגעוואַנדערטע, ד. ה. צו די קינדער פֿון דיין פֿאָלק;
צו זיי זאָלסטו ריידען און זאָגען: „אַזוי זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער!"
אויב זיי וועלען יאָ הערען אָדער ניט.
12 ווען דער ווינט האָט מיר אויפֿגעהויבען האָב איך הינטער מיר געהערט
אַ גערויש פֿון אַ גרויסען שטורעם: „גאָט'ס הערליכקייט ווערט געלויבט
פֿון זיין אָרט!"
13 איך אַ טומעל פֿון די טהיערישע פֿליגלען וואָס האָבען געקלאַפּט איינער
אָן דעם אַנדערען, און דער טומעל פֿון די רעדער מיט זיי — אַ גערויש
פֿון אַ גרויסען שטורעם.
14 מיר האָט אַ ווינד אַרומגענומען און אויפֿגעהויבען, איך בין געגאַנגען
פֿערביטערט און אויפֿגערעגט, וואָרום גאָט'ס מאַכט האָט מיר שטאַרק
אָנגענומען.
15 איך בין געקומען אין תל־אביב צו די איינגעוואַנדערטע, וואָס זיצען
ביי'ן טייך כבר, איך האָב אַ קוק געטהאָן אז זיי זיצען דאָרטען, בין איך
פֿערבליעבען מיט זיי זיעבען טעג; איך בין ווי צומישט געוועזען.
16 ענדע זיעבען טעג איז גאָט'ס וואָרט געוועזען צו מיר אַזוי צו זאָגען:
17 מענשענקינד! איך שטעל דיר אָן אַלס אויפֿזעהער צום הויז ישראל,
ווען דו וועסט פֿון מיר הערען עטוואָס, זאָלסטו זיי וואָרנען אין מיין נאָ־
מען.
18 ווען איך זאָג אויף אַ פֿערברעכער: „דו וועסט שטאַרבען!" און דו
האָסט איהם ניט געוואָרענט און האָסט ניט גערעדט אום דעם פֿערברעכער
צו וואָרענען (ער זאָל אַראָב) פֿון זיין שלעכטע וועג, לעבען צו בלייבען,
וועט ער, דער פֿערברעכער, שטאַרבען פֿאַר זיינע זינד, אָבער איך
וועל פֿון דיר זיין בלוט פֿאָדערען.
19 אויב אָבער דו האָסט דעם פֿערברעכער געוואָרענט און ער האָט זיך דאָך
ניט צוריקגעקעהרט פֿון זיין פֿערברעכען און שלעכטע וועג, דאַן וועט ער
שטאַרבען פֿאַר זיינע זינד און דו האָסט דיין זעעל געראַטעוועט.
20 איך ווען אַ פֿרומער געהט אַראָב פֿון פֿרומען וועג און טהוט אונרעכט
(ווייל איך האָב איהם אַ שטרויכלונג געמאַכט), וועט ער שטאַרבען [אויב
דו וועסט איהם ניט וואָרנען]. ער וועט שטאַרבען פֿאַר זיינע זינד,
עס וועט איהם ניט דערמאָהנט ווערען זיין טוגענד וואָס ער האָט גע־
טהאָן; אָבער פֿון דיר וועל איך זיין בלוט פֿאָדערען.
21 אויב דו האָסט יאָ געוואָרענט דעם פֿרומען: „זינדיג ניט, פֿרומער!"

חָטָא צַדִּיק וְהוּא לֹא־חָטָא חָיוֹ יִחְיֶה כִּי נִזְהָר וְאַתָּה
22 אֶת־נַפְשְׁךָ הִצַּלְתָּ׃ וַתְּהִי עָלַי שָׁם יַד־יְהוָה וַיֹּאמֶר
23 אֵלַי קוּם צֵא אֶל־הַבִּקְעָה וְשָׁם אֲדַבֵּר אוֹתָךְ׃ וָאָקוּם
וָאֵצֵא אֶל־הַבִּקְעָה וְהִנֵּה־שָׁם כְּבוֹד־יְהוָה עֹמֵד כַּכָּבוֹד
24 אֲשֶׁר רָאִיתִי עַל־נְהַר־כְּבָר וָאֶפֹּל עַל־פָּנָי׃ וַתָּבֹא־בִי רוּחַ
וַתַּעֲמִדֵנִי עַל־רַגְלָי וַיְדַבֵּר אֹתִי וַיֹּאמֶר אֵלַי בֹּא הִסָּגֵר
כה בְּתוֹךְ בֵּיתֶךָ׃ וְאַתָּה בֶן־אָדָם הִנֵּה נָתְנוּ עָלֶיךָ עֲבוֹתִים
26 וַאֲסָרוּךָ בָּהֶם וְלֹא תֵצֵא בְּתוֹכָם׃ וּלְשׁוֹנְךָ אַדְבִּיק אֶל־
חִכֶּךָ וְנֶאֱלַמְתָּ וְלֹא־תִהְיֶה לָהֶם לְאִישׁ מוֹכִיחַ כִּי בֵּית מְרִי
27 הֵמָּה׃ וּבְדַבְּרִי אוֹתְךָ אֶפְתַּח אֶת־פִּיךָ וְאָמַרְתָּ אֲלֵיהֶם
כֹּה אָמַר אֲדֹנָי יְהוִה הַשֹּׁמֵעַ ׀ יִשְׁמָע וְהֶחָדֵל ׀ יֶחְדָּל כִּי
בֵּית מְרִי הֵמָּה׃

ד Cap. IV. ד

א וְאַתָּה בֶן־אָדָם קַח־לְךָ לְבֵנָה וְנָתַתָּה אוֹתָהּ לְפָנֶיךָ וְחַקּוֹתָ
2 עָלֶיהָ עִיר אֶת־יְרוּשָׁלִָם׃ וְנָתַתָּה עָלֶיהָ מָצוֹר וּבָנִיתָ
עָלֶיהָ דָּיֵק וְשָׁפַכְתָּ עָלֶיהָ סֹלְלָה וְנָתַתָּה עָלֶיהָ מַחֲנוֹת
3 וְשִׂים־עָלֶיהָ כָּרִים סָבִיב׃ וְאַתָּה קַח־לְךָ מַחֲבַת בַּרְזֶל
וְנָתַתָּה אוֹתָהּ קִיר בַּרְזֶל בֵּינְךָ וּבֵין הָעִיר וַהֲכִינֹתָה אֶת־
פָּנֶיךָ אֵלֶיהָ וְהָיְתָה בַמָּצוֹר וְצַרְתָּ עָלֶיהָ אוֹת הִיא לְבֵית
4 יִשְׂרָאֵל׃ וְאַתָּה שְׁכַב עַל־צִדְּךָ הַשְּׂמָאלִי וְשַׂמְתָּ אֶת־
עֲוֺן בֵּית־יִשְׂרָאֵל עָלָיו מִסְפַּר הַיָּמִים אֲשֶׁר תִּשְׁכַּב עָלָיו
ה תִּשָּׂא אֶת־עֲוֺנָם׃ וַאֲנִי נָתַתִּי לְךָ אֶת־שְׁנֵי עֲוֺנָם לְמִסְפַּר
יָמִים שְׁלֹשׁ־מֵאוֹת וְתִשְׁעִים יוֹם וְנָשָׂאתָ עֲוֺן בֵּית־יִשְׂרָאֵל׃
6 וְכִלִּיתָ אֶת־אֵלֶּה וְשָׁכַבְתָּ עַל־צִדְּךָ הַיְמָנִי שֵׁנִית וְנָשָׂאתָ
אֶת־עֲוֺן בֵּית־יְהוּדָה אַרְבָּעִים יוֹם יוֹם לַשָּׁנָה יוֹם לַשָּׁנָה
7 נְתַתִּיו לָךְ׃ וְאֶל־מְצוֹר יְרוּשָׁלִַם תָּכִין פָּנֶיךָ וּזְרֹעֲךָ חֲשׂוּפָה
8 וְנִבֵּאתָ עָלֶיהָ׃ וְהִנֵּה נָתַתִּי עָלֶיךָ עֲבוֹתִים וְלֹא־תֵהָפֵךְ

מצדך

ג׳ v. 21. קמץ בז״ק v. 27. הפ׳ בקמץ ibid. קמץ בז״ק ד׳ v. 6. הימני ק׳

און ער האָט צוליעב דעם ניט געזינדיגט, וועט ער לעבען בלייבען ווייל
ער איז פאָרזיכטיג, און דו האָסט דיין זעעל גערעטעט.

22 דאָן איז געוועזן אויף מיר גאָט'ס מאַכט און ער האָט צו מיר געזאָגט:
„שטעה אויף! געה אַרויס אין טהאָל, דאָרט וועל איך מיט דיר ריידען".

23 איך בין אויפגעשטאַנען און אַרויס אין טהאָל ערשט דאָרט שטעהט גאָט'ס
הערליכקייט אַזוי ווי די הערליכקייט וואָס איך האָב געזעהען נעבען טייך
כבר, איך בין אויף מיין געזיכט געפאַלען.

24 דאָן איז אין מיר אַריין אַ גייסט און אוועקגעשטעלט מיר אויף מיינע
פיס, ער האָט גערעדט מיט מיר און געזאָגט צו מיר: געה, שליס זיך
איין אין דיין הויז.

25 און יעצט, דו מענשענקינד, מען האָט אויף דיר אַרויפגעלעגט דיקע שטריק
און געבונדען דיר מיט זיי, אום דו זאָלסט ניט אַרויסגעהן פון זיי.

26 אויך וועל איך דיר דיין צונג צוקלעפּען צום גומען, אום דו זאָלסט ווי
שטום זיין און ניט מעהר זיין פאַר יעדערען פון זיי אַ שטראָפע, וואָרום
זיי זיינען אַ הויז פון ווידערשפעניגע.

27 ווען איך וועל מיט דיר ריידען וועל איך עפענען דיין מויל און דו זאָלסט
זיי זאָגען: אַזוי האָט געזאָגט דער אַלמעכטיגער גאָט: „דער וואָס וויל
הערען זאָל הערען, און דער וואָס וויל ניט הערען זאָל ניט הערען" —
וואָרום זיי זיינען דאָך אַ הויז פון ווידערשפעניגער.

קאַפּיטעל ד

1 און דו, מענשענקינד, נעהם זיך אַ ציעגעל און לעג אוועק פאַר דיר, קריץ
אויס אויף איהר אַ שטאָדט — ירושלים.

2 שטעל אַרום איהר אַ בעלאַגערונג און בוי אַרום איהר אַ טהורעם, שיט
אַרום אַ זאַמדוואַנד און שטעל אַרום אַרמעען אויך מאַך אַרום איהם
שטורעמבעק.

3 דו אַליין נעהם אַ אייזערנע פאַן און שטעל עס אוועק אַלס אַ אייזערנע
וואַנד צווישען דיר און צווישען שטאָדט; האַלט דיין געזיכט גלייך
קעגען איהר, אום זי זאָל בעלאַגערט זיין ווייל דו בעלאַגערסט איהר —
דאָס איז אַ צייכען צו הויז ישראל.

4 דאָן לעג זיך אויף דיין לינקער זייט ווי דו וואָלסט אויף איהם אַרויפ־
לעגען די זינד פונ'ם הויז ישראל; דעם צאָהל טעג וואָס דו וועסט אויף
איהם ליגען וועסטו אָבליידען פאַר זייערע זינד.

5 איך האָב פאַר דיר בעשטימט פאַר ביידע זינד זייערע אַ צאָהל טעג —
דריי הונדערט מיט ניינציג טעג, אַזוי פיעל וועסטו ליידען פאַר די זינד
פונ'ם הויז ישראל.

6 אז דו וועסט ענדיגען דיעזע (טעג), זאָלסטו ליגען נאָך אַ מאָל אויף דיין
רעכטען זייט פיערציג טעג, דו וועסט דאָס אָבקומען פאַר די זינד פון
דאָס הויז יהודה אַ טאָג פאַר אַ יאָהר; אַ טאָג פאַר אַ יאָהר האָב איך
פאַר דיר בעשטימט.

7 דיין געזיכט זאָל געווענדעט זיין צום בעלאַגערונג פון ירושלים און דיין
אָרעם זאָל אָבגעדעקט זיין, דאָס וועסטו אויף איהר פּראָפעצייהען.

8 איך האָב שוין געלעגט אויף דיר דיקע שטריק אום דו זאָלסט זיך ניט

9 מִצִּדְּךָ אֶל־צִדֶּךָ עַד־כַּלּוֹתְךָ יְמֵי מְצוּרֶךָ׃ וְאַתָּה קַח־לְךָ
חִטִּין וּשְׂעֹרִים וּפוֹל וַעֲדָשִׁים וְדֹחַן וְכֻסְּמִים וְנָתַתָּה אוֹתָם
בִּכְלִי אֶחָד וְעָשִׂיתָ אוֹתָם לְךָ לְלָחֶם מִסְפַּר הַיָּמִים אֲשֶׁר־
אַתָּה ׀ שׁוֹכֵב עַל־צִדְּךָ שְׁלֹשׁ־מֵאוֹת וְתִשְׁעִים יוֹם תֹּאכְלֶנּוּ׃
10 וּמַאֲכָלְךָ אֲשֶׁר תֹּאכְלֶנּוּ בְּמִשְׁקוֹל עֶשְׂרִים שֶׁקֶל לַיּוֹם מֵעֵת
11 עַד־עֵת תֹּאכְלֶנּוּ׃ וּמַיִם בִּמְשׂוּרָה תִשְׁתֶּה שִׁשִּׁית הַהִין
12 מֵעֵת עַד־עֵת תִּשְׁתֶּה׃ וְעֻגַת שְׂעֹרִים תֹּאכְלֶנָּה וְהִיא בְּגֶלְלֵי
13 צֵאַת הָאָדָם תְּעֻגֶנָה לְעֵינֵיהֶם׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה כָּכָה
יֹאכְלוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל אֶת־לַחְמָם טָמֵא בַּגּוֹיִם אֲשֶׁר אַדִּיחֵם
14 שָׁם׃ וָאֹמַר אֲהָהּ אֲדֹנָי יְהוִה הִנֵּה נַפְשִׁי לֹא מְטֻמָּאָה
וּנְבֵלָה וּטְרֵפָה לֹא־אָכַלְתִּי מִנְּעוּרַי וְעַד־עַתָּה וְלֹא־בָא
טו בְּפִי בְּשַׂר פִּגּוּל׃ וַיֹּאמֶר אֵלַי רְאֵה נָתַתִּי לְךָ אֶת־
צְפוּעֵי הַבָּקָר תַּחַת גֶּלְלֵי הָאָדָם וְעָשִׂיתָ אֶת־לַחְמְךָ עֲלֵיהֶם׃
16 וַיֹּאמֶר אֵלַי בֶּן־אָדָם הִנְנִי שֹׁבֵר מַטֵּה־לֶחֶם בִּירוּשָׁלִַם
וְאָכְלוּ־לֶחֶם בְּמִשְׁקָל וּבִדְאָגָה וּמַיִם בִּמְשׂוּרָה וּבְשִׁמָּמוֹן
17 יִשְׁתּוּ׃ לְמַעַן יַחְסְרוּ לֶחֶם וָמָיִם וְנָשַׁמּוּ אִישׁ וְאָחִיו
וְנָמַקּוּ בַּעֲוֺנָם׃

CAP. V. ה

ה
א וְאַתָּה בֶן־אָדָם קַח־לְךָ ׀ חֶרֶב חַדָּה תַּעַר הַגַּלָּבִים תִּקָּחֶנָּה
לָּךְ וְהַעֲבַרְתָּ עַל־רֹאשְׁךָ וְעַל־זְקָנֶךָ וְלָקַחְתָּ לְךָ מֹאזְנֵי
2 מִשְׁקָל וְחִלַּקְתָּם׃ שְׁלִשִׁית בָּאוּר תַּבְעִיר בְּתוֹךְ הָעִיר
כִּמְלֹאת יְמֵי הַמָּצוֹר וְלָקַחְתָּ אֶת־הַשְּׁלִשִׁית תַּכֶּה בַחֶרֶב
סְבִיבוֹתֶיהָ וְהַשְּׁלִשִׁית תִּזְרֶה לָרוּחַ וְחֶרֶב אָרִיק אַחֲרֵיהֶם׃
3 4 וְלָקַחְתָּ מִשָּׁם מְעַט בְּמִסְפָּר וְצַרְתָּ אוֹתָם בִּכְנָפֶיךָ׃ וּמֵהֶם
עוֹד תִּקָּח וְהִשְׁלַכְתָּ אוֹתָם אֶל־תּוֹךְ הָאֵשׁ וְשָׂרַפְתָּ אֹתָם
ה בָּאֵשׁ מִמֶּנּוּ תֵצֵא־אֵשׁ אֶל־כָּל־בֵּית יִשְׂרָאֵל׃ כֹּה אָמַר
אֲדֹנָי יְהוִה זֹאת יְרוּשָׁלִַם בְּתוֹךְ הַגּוֹיִם שַׂמְתִּיהָ וּסְבִיבוֹתֶיהָ

ארצות

ד׳ v. 15 צפיעי ק׳ ה׳ v. 4 קמץ בז״ק

קעהרען פון איין זייט אויף דעם אַנדערען ביז דו ווערסט ענדיגען דיינע בעלאַגערונגס טעג.

9 און דו נעהם זיך ווייץ, גערשטען, באָב, לינזען, הירזש און גריקע, לעג דאָס אריין אין איין כלי און מאַך דערפון ברויט פאַר זיך, עס זאָל געננג זיין אויף דעם צאָהל טעג וואָס דו ליעגסט אויף דיין לינקען זייט — דריי הונדערט און ניינציג טעג וועסטו דערפון עסען.

10 יעדער מאָל וואָס דו וועסט דערפון עסען זאָל זיין מיט אַ וואָג — (די וואָג פון) צוואַנציג שקלים אין אַ טאָג, פון צייט צו צייט זאָלסטו דערפון עסען.

11 אויך וואַסער זאָלסטו מיט אַ מאָאָס טרינקען — אַ זעקסטעל פון אַ הין, פון צייט צו צייט זאָלסטו טרינקען.

12 דו זאָלסט עסען אַ גערשטין־קיכעל, עס זאָל אויף שטיקער מענשענקאָטה אין קיכלאַך געבאַקט ווערען פאַר זיינע אויגען.

13 און גאָט האָט געזאָגט : אַזוי וועלען די קינדער ישראל זייער אונריינעס ברויט עסען צווישען די פעלקער וואָס איך וועל זיי פערוואַרפען.

14 האָב איך געענטפערט : „אוי ווער, אַלמעכטיגער גאָט ! מיין זעעלע איז ניעמאַלס אונריין געווען — געפאַלענעס אָדער צוריסענעס האָב איך ניט געגעסען פון מיין קינדהייט אָן ביז יעצט, קיינע אונריינע פלייש איז אין מיין מויל ניט אַריינגעקומען”.

15 דאַן האָט ער צו מיר געזאָגט : זעה ! איך ערלויב דיר רינדערנקאָטה אַנשטאָט מענשענקאָטה, דו קענסט דיין ברויט אויף זיי פערפערטיגען.

16 אויך האָט ער צו מיר געזאָגט : מענשענקינד ! איך צוברעך דעם ברויט־שטאַם אין ירושלים, מען וועט דאָרט עסען ברויט מיט אַ וואָג און אין זאָרג, אויך וואַסער וועט מען טרינקען מיט אַ מאָאָס אונרוהיגערהייד.

17 ווייל עס וועט זיי פעהלען ברויט און וואַסער, זיי וועלען פערשמאַכט ווע־רען איינער ווי דער אַנדערער און צושמאָלצען ווערען פאַר זייערע זינד.

קאַפּיטעל ה

1 און דו, מענשענקינד, נעהם זיך צו אַ שאַרפען שווערד, אַ ראַזירמעסער פון אַ באַרבאַר זאָלסטו זיך נעהמען און פיהרען אויף די האָאר פון דיין קאָפּ און באָרד ; דאַן זאָלסטו וואָגשאָלען נעהמען און פאַנאַנדערטהיי־לען דאָס.

2 איין דריטעל זאָלסטו אין פייער פערברענען אין מיטען שטאָדט ווען עס וועט זיך ענדיגען די צייט פון בעלאַגערונג, נאָך אַ דריטעל זאָלסטו נעהמען און קלאַפּען אַרום איהר מיט'ן שווערד, און די לעצטע דריטעל זאָלסטו צושפּרייטען אויפ'ן ווינד, נאָך זיי וועל איך שוין דעם שווערד אַרויסנעהמען.

3 אַ ביסעל (האָאר) מיט אַ צאָהל נעהם פון דאָרטען, דאָס זאָלסטו אָנבינ־דען אין דיין קלייד.

4 נאָך אַ ביסעל נעהם פון זיי און וואַרף אַריין אין פייער, ד. ה. פערברען דאָס אין פייער ; דערפון וועט אַרויס אַ פייער צו דאָס גאַנצע הויז ישראל.

5 אַזוי האָט דער אַלמעכטיגער גאָט געזאָגט : ירושלים האָב איך אויס־געצייכענט צווישען די פעלקער און לענדער וואָס אַרום איהר.

6 אֲרָצֽוֹת׃ וַתֶּ֨מֶר אֶת־מִשְׁפָּטַ֤י לְרִשְׁעָה֙ מִן־הַגּוֹיִ֔ם וְאֶת־
חֻקּוֹתַ֔י מִן־הָאֲרָצ֖וֹת אֲשֶׁ֣ר סְבִיבוֹתֶ֑יהָ כִּ֤י בְמִשְׁפָּטַי֙ מָאָ֔סוּ
7 וְחֻקּוֹתַ֕י לֹא־הָלְכ֖וּ בָהֶֽם׃ לָכֵ֞ן כֹּֽה־אָמַ֣ר ׀ אֲדֹנָ֣י יֱהֹוִ֗ה
יַ֤עַן הֲמָנְכֶם֙ מִן־הַגּוֹיִם֙ אֲשֶׁ֣ר סְבִיבוֹתֵיכֶ֔ם בְּחֻקּוֹתַי֙ לֹ֣א
הֲלַכְתֶּ֔ם וְאֶת־מִשְׁפָּטַ֖י לֹ֣א עֲשִׂיתֶ֑ם וּֽכְמִשְׁפְּטֵ֧י הַגּוֹיִ֛ם אֲשֶׁ֥ר
8 סְבִיבוֹתֵיכֶ֖ם לֹ֥א עֲשִׂיתֶֽם׃ לָכֵ֗ן כֹּ֤ה אָמַר֙ אֲדֹנָ֣י יֱהֹוִ֔ה
הִנְנִ֥י עָלַ֖יִךְ גַּם־אָ֑נִי וְעָשִׂ֧יתִי בְתוֹכֵ֛ךְ מִשְׁפָּטִ֖ים לְעֵינֵ֥י הַגּוֹיִֽם׃
9 וְעָשִׂ֣יתִי בָ֔ךְ אֵ֚ת אֲשֶׁ֣ר לֹֽא־עָשִׂ֔יתִי וְאֵ֛ת אֲשֶׁר־לֹא־אֶֽעֱשֶׂ֥ה
י כָּמֹ֖הוּ ע֑וֹד יַ֖עַן כָּל־תּוֹעֲבֹתָֽיִךְ׃ לָכֵ֗ן אָב֞וֹת יֹאכְל֤וּ
בָנִים֙ בְּתוֹכֵ֔ךְ וּבָנִ֖ים יֹאכְל֣וּ אֲבוֹתָ֑ם וְעָשִׂ֤יתִי בָךְ֙ שְׁפָטִ֔ים
11 וְזֵרִיתִ֥י אֶת־כָּל־שְׁאֵרִיתֵ֖ךְ לְכָל־רֽוּחַ׃ לָכֵ֣ן חַי־אָ֗נִי נְאֻם֮
אֲדֹנָ֣י יֱהֹוִה֒ אִם־לֹ֗א יַ֚עַן אֶת־מִקְדָּשִׁ֣י טִמֵּ֔את בְּכָל־שִׁקּוּצַ֖יִךְ
וּבְכָל־תּוֹעֲבֹתָ֑יִךְ וְגַם־אֲנִ֤י אֶגְרַע֙ וְלֹֽא־תָח֣וֹס עֵינִ֔י וְגַם־אֲנִ֖י
12 לֹ֥א אֶחְמֽוֹל׃ שְׁלִשִׁתַ֞יִךְ בַּדֶּ֣בֶר יָמ֗וּתוּ וּבָֽרָעָב֮ יִכְל֣וּ
בְתוֹכֵךְ֒ וְהַשְּׁלִשִׁ֕ית בַּחֶ֖רֶב יִפְּל֣וּ סְבִיבוֹתָ֑יִךְ וְהַשְּׁלִישִׁ֞ית
13 לְכָל־ר֤וּחַ אֱזָרֶה֙ וְחֶ֖רֶב אָרִ֥יק אַחֲרֵיהֶֽם׃ וְכָלָ֣ה אַפִּ֗י וַהֲנִחוֹתִ֧י
חֲמָתִ֛י בָּ֖ם וְהִנֶּחָ֑מְתִּי וְיָֽדְע֗וּ כִּֽי־אֲנִ֤י יְהֹוָה֙ דִּבַּ֣רְתִּי בְּקִנְאָתִ֔י
14 בְּכַלּוֹתִ֥י חֲמָתִ֖י בָּֽם׃ וְאֶתְּנֵ֛ךְ לְחָרְבָּ֥ה וּלְחֶרְפָּ֖ה בַּגּוֹיִ֑ם
טו אֲשֶׁר֙ סְבִיבוֹתַ֔יִךְ לְעֵינֵ֖י כָּל־עוֹבֵֽר׃ וְהָיְתָ֞ה חֶרְפָּ֤ה וּגְדוּפָה֙
מוּסָ֣ר וּמְשַׁמָּ֔ה לַגּוֹיִ֖ם אֲשֶׁ֣ר סְבִיבוֹתָ֑יִךְ בַּעֲשׂוֹתִ֨י בָ֜ךְ
שְׁפָטִ֗ים בְּאַ֧ף וּבְחֵמָ֛ה וּבְתֹכְח֥וֹת חֵמָ֖ה אֲנִ֥י יְהֹוָ֖ה דִּבַּֽרְתִּי׃
16 בְּשַׁלְּחִ֡י אֶת־חִצֵּי֩ הָרָעָ֨ב הָרָעִ֤ים בָּהֶם֙ אֲשֶׁר־הָי֣וּ לְמַשְׁחִ֔ית
אֲשֶׁר־אֲשַׁלַּ֥ח אוֹתָ֖ם לְשַֽׁחֶתְכֶ֑ם וְרָעָב֙ אֹסֵ֣ף עֲלֵיכֶ֔ם
17 וְשָׁבַרְתִּ֥י לָכֶ֖ם מַטֵּה־לָֽחֶם׃ וְשִׁלַּחְתִּ֨י עֲלֵיכֶ֜ם רָעָ֨ב וְחַיָּ֤ה
רָעָה֙ וְשִׁכְּלֻ֔ךְ וְדֶ֥בֶר וָדָ֖ם יַֽעֲבָר־בָּ֑ךְ וְחֶ֙רֶב֙ אָבִ֣יא עָלַ֔יִךְ אֲנִ֖י
יְהֹוָ֥ה דִּבַּֽרְתִּי׃

ויהי

v. 6. קמץ בז"ק   v. 11. למדנחאי אגרע כתיב   v. 12. כצ"ל

6 און זי האָט אומגעביטען מיינע רעכטע אויף פערברעכענס מעהר פאַר
אַנדערע פעלקער, אויך מיינע געזעצען מעהר פאַר די לענדער וואָס זיינען
אַרום איהר, ווייל זיי האָבען מיין רעכט פערהאַסט און ניט געגאַנגען
אין מיינע געזעצען.

7 דערפאַר זאָגט אַזוי דער אַלמעכטיגער גאָט : ווייל איהר זייט ערגער
פאַר די פעלקער וועלכע זיינען אַרום אייך — אין מיינע געזעצען געהט
איהר ניט און מיינע רעכטע טהוט איהר ניט, איהר האַנדעלט זאָגאַר ניט
לויט די רעכטע פון די פעלקער וואָס אַרום אייך ;

8 דערפאַר זאָגט אַזוי דער אַלמעכטיגער גאָט : איך וועל זיך אויך צו דיר
נעהמען איך וועל אויף דיר מיין שטראָף אויספיהרען פאַר די אויגען פון
די פעלקער.

9 איך וועל דיר טהאָן וואָס איך האָב נאָך ביז יעצט ניט געטהאָן און
מעהר וועל איך דאָס ניט טהאָן — איבער דיינע גרוילטהאַטען.

10 דערפאַר וועלען ביי דיר עלטערען עסען די קינדער און קינדער וועלען
עסען די עלטערען, איך וועל אויף דיר אויספיהרן שטראַפען און נאָכדעם
וועל איך דיינע געבליעבענע אויף אַלע זייטען צושפּרייטען.

11 דערפאַר זאָגט דער אַלמעכטיגער גאָט : ווי איך לעב ! אויב ניט ווייל
דו האָסט פעראונרייניגט מיין היילינגטהום מיט אַלע דיינע העסליכ־
קייטען און מיט אַלע דיינע גרוילטהאַטען, וועל איך אייך פערקלענערען
מיין אויג וועט קיין מיטלייד האָבען און איך וועל קיינעם ערבאַרעמען.

12 א דריטעל פון דיר וועט שטאַרבען פון פעסט און וועלען ביי דיר פון
הונגער אונטערגעהען, אַ דריטעל וועט פאַלען פון שווערד וואָס רינגעלט
דיר אַרום, און די לעצטע דריטעל וועל איך אויף אַלע זייטען צושפּריי־
טען און אַרויסנעהמען אַ שווערד נאָך זיי.

13 ביז מיין צאָרן וועט אויפהערען און מיין וואוטה אויף זיי וועט זיך
איינשטילען, ערשט דאַן וועל איך זיך בערוהיגען ; דאַן וועלען זיי
אַנערקענען אַז איך, גאָט, האָב פון אויפרעגונג גערעדט איידער מיין
צאָרן אויף זיי האָט אויפגעהערט.

14 איך וועל דיר מאַכען צו וויסט און שאַנד צווישען די פעלקער וואָס אַרום
דיר, פאַר די אויגען פון אַלע פערבייגעהער.

15 דו וועסט ווערען צו שאַנדע און לעסטער, אַלס ווארנונג און ערשטוינונג
צו די פעלקער וואָס אַרום דיר, ווען איך וועל אויף דיר מיין שטראָף
אויספיהרען מיין צאָרן און וואוטה, אויך צאָרנדיגען שטראָף — איך,
גאָט, האָב דאָס גערעדט.

16 ווען איך וועל אויף זיי אָנשיקען מיינע שלעכטע הונגער פיילען, וואָס
דיענען אַלס פערדאַרב, וועלכע איך וועל אויף אייך אָנשיקען אייך צו
פערדארבען, אויסער וואָס איך וועל אויף אייך אַ גרויסען הונגער שי־
קען אום צוברעכען אייך אייער ברויט־שטאַם.

17 איך וועל אויף אייך אָנשיקען הונגער און בייזע טהיערען וואָס וועלען דיר
קינדערלאָז מאַכען, אויך פעסט און מאָרד וועלען דיך פערבייגעהען אוי־
סער וואָס איך וועל אויף דיר ברענגען אַ שווערד. איך, גאָט, האָב
גערעדט.

CAP. VI. ו

א וַיְהִי דְבַר־יְהוָה אֵלַי לֵאמֹר׃ בֶּן־אָדָם שִׂים פָּנֶיךָ אֶל־הָרֵי
3 יִשְׂרָאֵל וְהִנָּבֵא אֲלֵיהֶם׃ וְאָמַרְתָּ הָרֵי יִשְׂרָאֵל שִׁמְעוּ דְּבַר־
אֲדֹנָי יְהוִה כֹּה־אָמַר אֲדֹנָי יְהוִה לֶהָרִים וְלַגְּבָעוֹת לָאֲפִיקִים
וְלַגֵּאָוֹת הִנְנִי אֲנִי מֵבִיא עֲלֵיכֶם חֶרֶב וְאִבַּדְתִּי בָּמוֹתֵיכֶם׃
4 וְנָשַׁמּוּ מִזְבְּחוֹתֵיכֶם וְנִשְׁבְּרוּ חַמָּנֵיכֶם וְהִפַּלְתִּי חַלְלֵיכֶם
ה לִפְנֵי גִּלּוּלֵיכֶם׃ וְנָתַתִּי אֶת־פִּגְרֵי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לִפְנֵי גִּלּוּלֵיהֶם
6 וְזֵרִיתִי אֶת־עַצְמוֹתֵיכֶם סְבִיבוֹת מִזְבְּחוֹתֵיכֶם׃ בְּכֹל
מוֹשְׁבוֹתֵיכֶם הֶעָרִים תֶּחֱרַבְנָה וְהַבָּמוֹת תִּישָׁמְנָה לְמַעַן
יֶחֶרְבוּ וְיֶאְשְׁמוּ מִזְבְּחוֹתֵיכֶם וְנִשְׁבְּרוּ וְנִשְׁבְּתוּ גִּלּוּלֵיכֶם
7 וְנִגְדְּעוּ חַמָּנֵיכֶם וְנִמְחוּ מַעֲשֵׂיכֶם׃ וְנָפַל חָלָל בְּתוֹכְכֶם
8 וִידַעְתֶּם כִּי־אֲנִי יְהוָה׃ וְהוֹתַרְתִּי בִּהְיוֹת לָכֶם פְּלִיטֵי חֶרֶב
9 בַּגּוֹיִם בְּהִזָּרוֹתֵיכֶם בָּאֲרָצוֹת׃ וְזָכְרוּ פְלִיטֵיכֶם אוֹתִי בַּגּוֹיִם
אֲשֶׁר נִשְׁבּוּ־שָׁם אֲשֶׁר נִשְׁבַּרְתִּי אֶת־לִבָּם הַזּוֹנֶה אֲשֶׁר־
סָר מֵעָלַי וְאֵת עֵינֵיהֶם הַזֹּנוֹת אַחֲרֵי גִּלּוּלֵיהֶם וְנָקֹטּוּ
י בִּפְנֵיהֶם אֶל־הָרָעוֹת אֲשֶׁר עָשׂוּ לְכֹל תּוֹעֲבֹתֵיהֶם׃ וְיָדְעוּ
כִּי־אֲנִי יְהוָה לֹא אֶל־חִנָּם דִּבַּרְתִּי לַעֲשׂוֹת לָהֶם הָרָעָה
11 הַזֹּאת׃ כֹּה־אָמַר אֲדֹנָי יֱהוִה הַכֵּה בְכַפְּךָ וּרְקַע
בְּרַגְלְךָ וֶאֱמָר־אָח אֶל כָּל־תּוֹעֲבוֹת רָעוֹת בֵּית יִשְׂרָאֵל
12 אֲשֶׁר בַּחֶרֶב בָּרָעָב וּבַדֶּבֶר יִפֹּלוּ׃ הָרָחוֹק בַּדֶּבֶר יָמוּת
וְהַקָּרוֹב בַּחֶרֶב יִפּוֹל וְהַנִּשְׁאָר וְהַנָּצוּר בָּרָעָב יָמוּת וְכִלֵּיתִי
13 חֲמָתִי בָּם׃ וִידַעְתֶּם כִּי־אֲנִי יְהוָה בִּהְיוֹת חַלְלֵיהֶם בְּתוֹךְ
גִּלּוּלֵיהֶם סְבִיבוֹת מִזְבְּחוֹתֵיהֶם אֶל כָּל־גִּבְעָה רָמָה בְּכֹל
רָאשֵׁי הֶהָרִים וְתַחַת כָּל־עֵץ רַעֲנָן וְתַחַת כָּל־אֵלָה עֲבֻתָּה
14 מְקוֹם אֲשֶׁר נָתְנוּ־שָׁם רֵיחַ נִיחֹחַ לְכֹל גִּלּוּלֵיהֶם׃ וְנָטִיתִי
אֶת־יָדִי עֲלֵיהֶם וְנָתַתִּי אֶת־הָאָרֶץ שְׁמָמָה וּמְשַׁמָּה מִמִּדְבַּר
דִּבְלָתָה בְּכֹל מוֹשְׁבוֹתֵיהֶם וְיָדְעוּ כִּי־אֲנִי יְהוָה׃

ויהי

v. 3. ולגאיות קרי

קאַפּיטעל ו

1 און גאָט׳ס וואָרט איז געווען צו מיר אַזוי צו זאָגען:
2 מענשענקינד! ווענדע דיין געזיכט צו די בערג פון ישראל און פּראָפּע־
3 צייהע אויף זיי. און זאָג: בערג פון ישראל, הערט דאָס וואָרט פון
אַלמעכטיגען גאָט! אַזוי האָט געזאָגט דער אַלמעכטיגער גאָט צו די
בערג און בערגלאַך, צו די שטראָמען און טהאָלען: איך וועל ברענגען
אויף אייך אַ שווערד און צושטערען אייערע בערג־אַלטאַרען.
4 עס וועלען פערוויסט ווערען אייערע אַלטאַרען און וועלען צובראָכען ווע־
רען אייערע זונען־בילדער, איך וועל וואַרפען אייערע ערשלאָגענע פאַר
אייערע געטצען.
5 איך וועל לעגען די טוידטע קערפּערס פון די קינדער ישראל פאַר זייערע
געטצען און אייערע ביינער וועל איך צושפּרייטען אַרום אייערע אַלטאַרען.
6 און אַלע אייערע וואָהנונגען וועלען פערוויסט ווערען, די שטעדט און די
בארג אַלטאַרען וועלען צושמעטערט ווערען, און עס זאָלען וויסט ווערען
און פערניכטעט ווערען אייערע אַלטאַרען, און עס זאָלען צובראָכען ווערען
און צושטערט ווערען אייערע געטצען, זאָלען אָבגעשניטען ווערען אייערע
זונענבילדער און אויסגעמעקט ווערען אייערע טהאַטען.
7 עס וועלען פאַלען ערמאָרדעטע פון אייך — דאַן וועט איהר אַנערקענען
אַז איך בין גאָט.
8 איך וועל איבערלאָזען ווען עס וועלען זיין ביי אייך נאָר שווערד אַנטרו־
נענע אונטער די פעלקער, דאַן ווען איהר וועט צושפּרייט זיין אין די
לענדער.
9 אייערע אַנטרונענע וועלען מיר דערמאָהנען צווישען די פעלקער, וואו מען
האָט זיי אַוועקגעפיהרט געפאַנגענע, נאָכדעם ווי איך האָב צובראָכען
זייער פערברעכערישע הארץ וואָס האָט אָבגעקעהרט פון מיר, אויך זיי־
ערע אויגען וואָס ווענדען זיך נאָך זייערע געטצען; דאַן וועלען זיי זיך
זעלבסט פאַראווירפע מאַכען פאַר דאָס שלעכטעס וואָס זיי האָבען געטהאָן
מיט זייערע אַלע גרוילטהאַטען.
10 דאַן וועלען זיי אַנערקענען אַז איך בין גאָט און אַז ניט אומזיסט האָב
איך זיי פאָראויס געזאָגט אַז איך וועל זיי דיעזע שלעכטעס טהאָן.
11 אַזוי האָט געזאָגט דער אַלמעכטיגער גאָט: שלאָג מיט דיין האַנד,
קלאַפּ מיט דיין פוס און זאָג: וועה צו דאָס הויז ישראל פאַר אַלע שלעכ־
טע גרוילטהאַטען, איבער וועלכע זיי וועלען פאַלען פון שווערד, פון
הונגער און פון פּעסט.
12 דער וואָס איז וויית וועט שטאַרבען פון פּעסט און דער נאָהענטער וועט
פאַלען פונ׳ם שווערד, יעדער איבערגעבליעבענער אָדער בעהאַלטענער
אין שטאָדט, וועט שטאַרבען פון הונגער — איך וועל אויסלאָזען מיין
צאָרן צו זיי.
13 ערשט דאַן וועט איהר אַנערקענען אַז איך בין גאָט, ווען אייערע ער־
שלאָגענע וועלען אַרום אייערע אַלטאַרען ליגען צווישען זייערע געטצען,
(וועלכע זיי האָבען אַנגעשטעלט) אויף יעדער הויכען בערגעל, אויף
די שפּיצען פון אַלע בערג, אונטער יעדער פרישען בוים און אונטער
יעדער פונאַנדערגעצווייגטע אייכע, דאָרט וואו זיי האָבען אַלע געצען
זייער אַנגענעהמען דופט געגעבען.
14 איך וועל אויף זיי אויסשטרעקען מיין האַנד, איך וועל מאַכען דאָס
לאַנד פערוויסטעט און צושטערט מעהר אַלס די וויסטע פון דבלה; דאַן
וועט מען אַנערקענען אין אַלע אייערע וואָהנונגען, אַז איך בין גאָט.

Cap. VII. ז

וַיְהִי דְבַר־יְהוָה אֵלַי לֵאמֹר׃ וְאַתָּה בֶן־אָדָם כֹּה־אָמַר א 2
אֲדֹנָי יְהוִה לְאַדְמַת יִשְׂרָאֵל קֵץ בָּא הַקֵּץ עַל־אַרְבַּעַת
כַּנְפוֹת הָאָרֶץ׃ עַתָּה הַקֵּץ עָלַיִךְ וְשִׁלַּחְתִּי אַפִּי בָּךְ 3
וּשְׁפַטְתִּיךְ כִּדְרָכָיִךְ וְנָתַתִּי עָלַיִךְ אֵת כָּל־תּוֹעֲבוֹתָיִךְ׃ וְלֹא־ 4
תָחוֹס עֵינִי עָלַיִךְ וְלֹא אֶחְמוֹל כִּי דְרָכַיִךְ עָלַיִךְ אֶתֵּן
וְתוֹעֲבוֹתַיִךְ בְּתוֹכֵךְ תִּהְיֶיןָ וִידַעְתֶּם כִּי־אֲנִי יְהוָה׃
כֹּה אָמַר אֲדֹנָי יְהוִה רָעָה אַחַת רָעָה הִנֵּה בָאָה׃ קֵץ ה 6
בָּא בָּא הַקֵּץ הֵקִיץ אֵלָיִךְ הִנֵּה בָּאָה׃ בָּאָה הַצְּפִירָה 7
אֵלֶיךָ יוֹשֵׁב הָאָרֶץ בָּא הָעֵת קָרוֹב הַיּוֹם מְהוּמָה וְלֹא־הֵד
הָרִים׃ עַתָּה מִקָּרוֹב אֶשְׁפּוֹךְ חֲמָתִי עָלַיִךְ וְכִלֵּיתִי אַפִּי בָּךְ 8
וּשְׁפַטְתִּיךְ כִּדְרָכָיִךְ וְנָתַתִּי עָלַיִךְ אֵת כָּל־תּוֹעֲבוֹתָיִךְ׃ וְלֹא־ 9
תָחוֹס עֵינִי וְלֹא אֶחְמוֹל כִּדְרָכַיִךְ עָלַיִךְ אֶתֵּן וְתוֹעֲבוֹתַיִךְ
בְּתוֹכֵךְ תִּהְיֶיןָ וִידַעְתֶּם כִּי אֲנִי יְהוָה מַכֶּה׃ הִנֵּה הַיּוֹם י
הִנֵּה בָאָה יָצְאָה הַצְּפִרָה צָץ הַמַּטֶּה פָּרַח הַזָּדוֹן׃ הֶחָמָס 11
קָם לְמַטֵּה־רֶשַׁע לֹא־מֵהֶם וְלֹא מֵהֲמוֹנָם וְלֹא מֶהֱמֵהֶם
וְלֹא־נֹהַּ בָּהֶם׃ בָּא הָעֵת הִגִּיעַ הַיּוֹם הַקּוֹנֶה אַל־יִשְׂמָח 12
וְהַמּוֹכֵר אַל־יִתְאַבָּל כִּי חָרוֹן אֶל־כָּל־הֲמוֹנָהּ׃ כִּי הַמּוֹכֵר 13
אֶל־הַמִּמְכָּר לֹא יָשׁוּב וְעוֹד בַּחַיִּים חַיָּתָם כִּי־חָזוֹן אֶל־כָּל־
הֲמוֹנָהּ לֹא יָשׁוּב וְאִישׁ בַּעֲוֺנוֹ חַיָּתוֹ לֹא־יִתְחַזָּקוּ׃ תָּקְעוּ 14
בַתָּקוֹעַ וְהָכִין הַכֹּל וְאֵין הֹלֵךְ לַמִּלְחָמָה כִּי חֲרוֹנִי אֶל־
כָּל־הֲמוֹנָהּ׃ הַחֶרֶב בַּחוּץ וְהַדֶּבֶר וְהָרָעָב מִבָּיִת אֲשֶׁר טו
בַּשָּׂדֶה בַּחֶרֶב יָמוּת וַאֲשֶׁר בָּעִיר רָעָב וָדֶבֶר יֹאכְלֶנּוּ׃
וּפָלְטוּ פְּלִיטֵיהֶם וְהָיוּ אֶל־הֶהָרִים כְּיוֹנֵי הַגֵּאָיוֹת כֻּלָּם הֹמוֹת 16
אִישׁ בַּעֲוֺנוֹ׃ כָּל־הַיָּדַיִם תִּרְפֶּינָה וְכָל־בִּרְכַּיִם תֵּלַכְנָה מָּיִם׃ 17
וְחָגְרוּ שַׂקִּים וְכִסְּתָה אוֹתָם פַּלָּצוּת וְאֶל כָּל־פָּנִים בּוּשָׁה 18
וּבְכָל־רָאשֵׁיהֶם קָרְחָה׃ כַּסְפָּם בַּחוּצוֹת יַשְׁלִיכוּ וּזְהָבָם 19

לנדה

2. ׳ ארבע קר׳ 12. ׳ קמץ בז״ק

קאַפּיטעל ז

1 און גאָט'ס וואָרט איז געווען צו מיר אַזוי צו זאָגען:
2 דו מענשען־קינד! אַזוי זאָגט דער עוויגער גאָט: צו דאָס לאַנד פון
ישראל איז אַן ענדע געקומען, די ענדע קומט אויף אַלע פיער זייטען
פון'ם לאַנד.
3 יעצט איז אַן ענדע פון דיר — איך וועל אויף דיר אנשיקען מיין צאָרן
און וועל דיר אַן אורטהייל געבען לויט דיין אויפפיהרונג, איך וועל
אויף דיר אַ שטראָף לעגען פאַר אַלע דיינע גרוילטהאַטען.
4 מיין אויג וועט מיט דיר קיין מיטלייד האָבען און קיין ערבאַרמונג, איך
וועל דיר געבען לויט דיין אויפפיהרונג און דיינע גרויל־טהאַטען וואָס
געפינען זיך ביי דיר; דאַן וועט איהר אנערקענען, אַז איך בין גאָט.
5 אַזוי זאָגט דער עוויגער גאָט: אַן אונגליק, אַ זאָנדערבאַרער אונגליק
קומט אָן.
6 אַן ענדע קומט, די ענדע איז שוין געקומען! עס האָט זיך ערמונטערט
אויף דיר — עס איז שוין געקומען.
7 עס איז שוין אָנגעקומען דער מאָרגענשיין (פון שטראָף טאָג) צו דיר,
בעוואוינער פון'ם לאַנד; עס איז געקומען די צייט, עס איז נאָהענט
דער טומעל־טאָג, ניט דער לוסטיגער גערויש אויף די בערג.
8 גאַנץ שנעל וועל איך יעצט אויסגיסען מיין צאָרן אויף דיר, איך וועל
אויסלאָזען מיין צאָרן צו דיר און וועל דיר אַן אורטהייל געבען לויט
דיין אויפפיהרונג, איך וועל דיר געבען פאַר אַלע דיינע גרויל־טהאַטען.
9 מיין אויג וועט קיין מיטלייד האָבען און קיינע ערבאַרמונג; לויט דיינע
אויפפיהרונג וועל איך אויף דיר אַ שטראָף לעגען, און לויט די גרויל־
טהאַטען וואָס געפינען זיך ביי דיר — דאַן וועט איהר וויסען, אַז איך
גאָט שטראָף.
10 אָט איז דער טאָג — עס איז שוין געקומען! עס איז אַרויס די בליהונג,
עס וואַקסט די אונרעכט, עס בליהט דאָס פערברעכען.
11 די גוואַלדטהאַט האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַלס אַ שטראָף־שטעקען, עס
וועט קיינער בלייבען פון זיי, פון זייער מאַסע אויך ניט פון זייער רוי־
שיגע בעפעלקערונג; קיינער וועט נאָך זיי ניט בויינקען.
12 עס איז געקומען די צייט, עס איז אָנגעקומען דער טאָג, עס וועט זיך
ניט פרעהען דער קויפער און ניט טרויערן דער פערקויפער, ווארום
דער צאָרן איז אויף די גאַנצע מאַסע איהרע.
13 דער פערקויפער וועט ניט קומען צוריק צו דאָס פערקויפטע זאָלאַנג ער
וועט לעבען; דאָס איז אַ פאָראויסזעהונג וועגען איהר גאַנצע מאַסע
וואָס וועט אַנדערש ניט זיין — איבער זיינע זינד וועט קיינער זיין לע־
בען קענען אויפהאַלטען.
14 מען האָט אין טראָמפּייט געבלאָזען און אַלץ פאָרבערייטעט, עס איז
אָבער ניטאָ ווער עס זאָל אין שטרייט געהן ווארום מיין צאָרן איז אויף
דער גאַנצער מאַסע איהרער.
15 אויסערן הויז איז דער שווערד און אינוויינינג איז פעסט און הונגער;
דער וואָס איז אין פעלד וועט פון שווערד שטאַרבען און דער וואָס איז
16 אין שטאָדט וועט איהם פערניכטען הונגער און פעסט. די פון זיי וועלכע
וועלען אַנטרונען ווערען, וועלען זיי אַלע אויף די בערג בלייבען ברוּ־
17 מענדיג ווי די טויבען פון די טהאָלען, יעדער פאַר זיינע זינד. אַלע
הענד וועלען שוואַך ווערען און אַלע קניע וועלען ציטערען ווי געהענדיג
18 אין וואַסער. זיי וועלען אומגאַרטלען זיך מיט זעק און אַ שוידער וועט
זיי בעדעקען, אויף יעדער געזיכט וועט זיין שאַנד און אויף יעדער קאָפּ
אַ פּליעך.

לְנִדָּה יִהְיֶה כַּסְפָּם וּזְהָבָם לֹא־יוּכַל לְהַצִּילָם בְּיוֹם עֶבְרַת
יְהוָה נַפְשָׁם לֹא יְשַׂבֵּעוּ וּמְעֵיהֶם לֹא יְמַלֵּאוּ כִּי־מִכְשׁוֹל
כ עֲוֺנָם הָיָה׃ וּצְבִי עֶדְיוֹ לְגָאוֹן שָׂמָהוּ וְצַלְמֵי תוֹעֲבֹתָם
21 שִׁקּוּצֵיהֶם עָשׂוּ בוֹ עַל־כֵּן נְתַתִּיו לָהֶם לְנִדָּה׃ וּנְתַתִּיו
22 בְּיַד־הַזָּרִים לָבַז וּלְרִשְׁעֵי הָאָרֶץ לְשָׁלָל וְחִלְּלוּהָ׃ וַהֲסִבּוֹתִי
פָנַי מֵהֶם וְחִלְּלוּ אֶת־צְפוּנִי וּבָאוּ־בָהּ פָּרִיצִים וְחִלְּלוּהָ׃
23 עֲשֵׂה הָרַתּוֹק כִּי הָאָרֶץ מָלְאָה מִשְׁפַּט דָּמִים וְהָעִיר מָלְאָה
24 חָמָס׃ וְהֵבֵאתִי רָעֵי גוֹיִם וְיָרְשׁוּ אֶת־בָּתֵּיהֶם וְהִשְׁבַּתִּי
כה גְּאוֹן עַזִּים וְנִחֲלוּ מְקַדְשֵׁיהֶם׃ קְפָדָה־בָא וּבִקְשׁוּ שָׁלוֹם
26 וָאָיִן׃ הֹוָה עַל־הֹוָה תָּבוֹא וּשְׁמֻעָה אֶל־שְׁמוּעָה תִּהְיֶה
וּבִקְשׁוּ חָזוֹן מִנָּבִיא וְתוֹרָה תֹּאבַד מִכֹּהֵן וְעֵצָה מִזְּקֵנִים׃
27 הַמֶּלֶךְ יִתְאַבָּל וְנָשִׂיא יִלְבַּשׁ שְׁמָמָה וִידֵי עַם־הָאָרֶץ
תִּבָּהַלְנָה מִדַּרְכָּם אֶעֱשֶׂה אוֹתָם וּבְמִשְׁפְּטֵיהֶם אֶשְׁפְּטֵם
וְיָדְעוּ כִּי־אֲנִי יְהוָה׃

CAP. VIII. ח

ח

א וַיְהִי ׀ בַּשָּׁנָה הַשִּׁשִּׁית בַּשִּׁשִּׁי בַּחֲמִשָּׁה לַחֹדֶשׁ אֲנִי יוֹשֵׁב
בְּבֵיתִי וְזִקְנֵי יְהוּדָה יוֹשְׁבִים לְפָנָי וַתִּפֹּל עָלַי שָׁם יַד
2 אֲדֹנָי יֱהוִה׃ וָאֶרְאֶה וְהִנֵּה דְמוּת כְּמַרְאֵה־אֵשׁ מִמַּרְאֵה
מָתְנָיו וּלְמַטָּה אֵשׁ וּמִמָּתְנָיו וּלְמַעְלָה כְּמַרְאֵה־זֹהַר כְּעֵין
3 הַחַשְׁמַלָה׃ וַיִּשְׁלַח תַּבְנִית יָד וַיִּקָּחֵנִי בְּצִיצִת רֹאשִׁי וַתִּשָּׂא
אֹתִי רוּחַ ׀ בֵּין־הָאָרֶץ וּבֵין־הַשָּׁמַיִם וַתָּבֵא אֹתִי יְרוּשָׁלַמָה
בְּמַרְאוֹת אֱלֹהִים אֶל־פֶּתַח שַׁעַר הַפְּנִימִית הַפּוֹנֶה צָפוֹנָה
4 אֲשֶׁר־שָׁם מוֹשַׁב סֵמֶל הַקִּנְאָה הַמַּקְנֶה׃ וְהִנֵּה־שָׁם כְּבוֹד
ה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל כַּמַּרְאֶה אֲשֶׁר רָאִיתִי בַּבִּקְעָה׃ וַיֹּאמֶר אֵלַי
בֶּן־אָדָם שָׂא־נָא עֵינֶיךָ דֶּרֶךְ צָפוֹנָה וָאֶשָּׂא עֵינַי דֶּרֶךְ
צָפוֹנָה וְהִנֵּה מִצָּפוֹן לְשַׁעַר הַמִּזְבֵּחַ סֵמֶל הַקִּנְאָה הַזֶּה
6 בַּבִּאָה׃ וַיֹּאמֶר אֵלַי בֶּן־אָדָם הֲרֹאֶה אַתָּה מָהֵם עֹשִׂים

תועבות

ז v. 21. וחללוה קרי   v. 25. כצ״ל   ח v. 2. פתח בס״פ   v. 6. מה הם קרי

19 זייער זילבער וועלען זיי ווארפען אין גאַס און זייער גאָלד וועט פאר זיי
עקעלהאַפט זיין, ווייל זייער זילבער און גאָלד וועלען זיי ניט קענען רעטען
אינ׳ם טאָג פון גאָט׳ס צאָרן ; זיי קענען זיך ניט זאט מאַכען און
זייערע געדערים וועלען זיי ניט פול מאַכען, ווייל דאָס האָט זיי צו
זינדיגען געבראכט.
20 זיין פּרעכטיגע ציערונג וועלכע האָט איהם שטאָלץ געמאַכט אויך זייערע
אבשייליכע בילדער, ד. ה. די געצען וואָס זיי האָבען געמאַכט, האָב איך
אויך פערוואַנדעלט אַלס עקעלהאַפט פאר זיי.
21 איך וועל זיי איבערגעבען אין האַנד פון פרעמדע אַלס פעראַכטונג, און
צו די לאַנד פערברעכער אַלס רויב, זיי וועלען איהר פערשוועכען.
22 איך וועל אָבקעהרען פון זיי מיין געזיכט, ווייל זיי האָבען פערשוועכט
מיינע געהיימניסע, זאָלען יעצט בארבארען קומען אַהין און פערשווע־
כען דאָס.
23 מאַך אַ קייט ! ווארום דאָס לאַנד איז פול מיט בלוט־שולד און יעדער
שטאָדט איז פול מיט גוואַלדטהאַטען.
24 איך וועל ברענגען די שלעכטעסטע פעלקער זיי וועלען אבנעהמען זייערע
הייזער, איך וועל מאַכען עס זאָל אויפהערען דער שטאָלץ פון די מעכ־
טיגע, זיי וועלען צווישען זיך צוטהיילען זייערע הייליגטהימער.
25 אַ צושטערונג קומט אָן, זיי וועלען זוכען פריעדען, עס וועט אָבער ניט
זיין
26 אַן אונגליק נאָך אַן אונגליק וועט קומען, איין נאַכריכט נאָך דער אַנ־
דער נאַכריכט וועט זיין ; דאַן וועלען זיי בעטען פונ׳ם נביא אַ פּראָפע־
ציהונג, ווארום עס וועט פערשווינדען לעהרע פון כהן און ראַטה פון
די אַלטע.
27 דער קעניג זעלבסט וועט טרויערן, דעם פירשט וועט ארומנעהמען אַן
ערשטוינונג און דאָס פאָלק פונ׳ם לאַנד וועט אבהענדיג ווערען ; לויט
זייער אויפפיהרונג וועל איך צו זיי טהאָן און לויט זייערע רעכטע וועל
איך זיי אורטהיילען — דאַן וועלען זיי וויסען אַז איך בין גאָט.

קאַפּיטעל ח

1 דאָס איז געווען אין זעקסטען יאָהר, פינף טעג אין זעקסטען מאָנאַט,
איך בין געזעסען אין מיין הויז און די עלטסטע פון יהודה זיינען גע־
זעסען נעבען מיר, איז אויף מיר דאָרטען ארויף די מאַכט פון אַלמעכטי־
גען גאָט.
2 איך האָב דערזעהען אַ געשטאַלט וואָס ווייזט אויס ווי פייער — פון
זיינע לענדען און ניעדעריגער ווי פייער, פון זיינע לענדען און העכער ווי
אַ העלער שיין, אַזוי ווי אַ פייער־קראַנץ.
3 עס האָט זיך אויסגעצויגען אַ געשטאַלט ווי אַ האַנד און האָט מיר אָנגע־
נומען ביי די לאָקען פון מיין קאָפּ. דאַן האָט מיר אַ ווינד אויפגעהויבען
(אין די געטליכע ערשיינונג) צווישען ערד און הימעל און האָט מיר
געבראַכט אין ירושלים צום איינגאַנג פון אינערליכען טהויער, וואָס
איז געווענדעט צפון־צו, דאָרט וואו עס שטעהט דאָס בילד פון אויפ־
רעגענדען אייפער.
4 דאָרט איז געווען די הערליכקייט פונ׳ם גאָט פון ישראל, אַזוי ווי די.
ערשיינונג, וועלכע איך האָב געזעהען אין טהאַל,
5 און ער האָט צו מיר געזאָגט : מענשענקינד ! הויב אויף דיינע אויגען
צום צפון־זייט ! אַז איך האָב אויפגעהויבען מיינע אויגען צו צפון־זייט,
ערשט צפון־צו פון טהויער נעבען מזבח, אין אריינגאַנג, איז דאָס זעלבינע
אייפער־בילד.
6 און ער האָט צו מיר געזאָגט : מענשענקינד ! זעהסטו וואָס זיי טהוען ?

תֹּעֵבוֹת גְּדֹלוֹת אֲשֶׁר בֵּית־יִשְׂרָאֵל ׀ עֹשִׂים פֹּה לְרָחֳקָה
מֵעַל מִקְדָּשִׁי וְעוֹד תָּשׁוּב תִּרְאֶה תּוֹעֵבוֹת גְּדֹלוֹת׃ 7 וַיָּבֵא
אֹתִי אֶל־פֶּתַח הֶחָצֵר וָאֶרְאֶה וְהִנֵּה חֹר־אֶחָד בַּקִּיר׃
8 וַיֹּאמֶר אֵלַי בֶּן־אָדָם חֲתָר־נָא בַקִּיר וָאֶחְתֹּר בַּקִּיר וְהִנֵּה
9 פֶּתַח אֶחָד׃ וַיֹּאמֶר אֵלָי בֹּא וּרְאֵה אֶת־הַתּוֹעֵבוֹת הָרָעוֹת
י אֲשֶׁר הֵם עֹשִׂים פֹּה׃ וָאָבוֹא וָאֶרְאֶה וְהִנֵּה כָל־תַּבְנִית
רֶמֶשׂ וּבְהֵמָה שֶׁקֶץ וְכָל־גִּלּוּלֵי בֵּית יִשְׂרָאֵל מְחֻקֶּה עַל־
11 הַקִּיר סָבִיב ׀ סָבִיב׃ וְשִׁבְעִים אִישׁ מִזִּקְנֵי בֵית־יִשְׂרָאֵל
וְיַאֲזַנְיָהוּ בֶן־שָׁפָן עֹמֵד בְּתוֹכָם עֹמְדִים לִפְנֵיהֶם וְאִישׁ
12 מִקְטַרְתּוֹ בְּיָדוֹ וַעֲתַר עֲנַן־הַקְּטֹרֶת עֹלֶה׃ וַיֹּאמֶר אֵלַי
הֲרָאִיתָ בֶן־אָדָם אֲשֶׁר זִקְנֵי בֵית־יִשְׂרָאֵל עֹשִׂים בַּחֹשֶׁךְ
אִישׁ בְּחַדְרֵי מַשְׂכִּיתוֹ כִּי אֹמְרִים אֵין יְהוָה רֹאֶה אֹתָנוּ
13 עָזַב יְהוָה אֶת־הָאָרֶץ׃ וַיֹּאמֶר אֵלָי עוֹד תָּשׁוּב תִּרְאֶה
14 תּוֹעֵבוֹת גְּדֹלוֹת אֲשֶׁר־הֵמָּה עֹשִׂים׃ וַיָּבֵא אֹתִי אֶל־פֶּתַח
שַׁעַר בֵּית־יְהוָה אֲשֶׁר אֶל־הַצָּפוֹנָה וְהִנֵּה־שָׁם הַנָּשִׁים
טו יֹשְׁבוֹת מְבַכּוֹת אֶת־הַתַּמּוּז׃ וַיֹּאמֶר אֵלַי הֲרָאִיתָ בֶן־אָדָם
16 עוֹד תָּשׁוּב תִּרְאֶה תּוֹעֵבוֹת גְּדֹלוֹת מֵאֵלֶּה׃ וַיָּבֵא אֹתִי אֶל־
חֲצַר בֵּית־יְהוָה הַפְּנִימִית וְהִנֵּה־פֶתַח הֵיכַל יְהוָה בֵּין
הָאוּלָם וּבֵין הַמִּזְבֵּחַ כְּעֶשְׂרִים וַחֲמִשָּׁה אִישׁ אֲחֹרֵיהֶם
אֶל־הֵיכַל יְהוָה וּפְנֵיהֶם קֵדְמָה וְהֵמָּה מִשְׁתַּחֲוִיתֶם קֵדְמָה
17 לַשָּׁמֶשׁ׃ וַיֹּאמֶר אֵלַי הֲרָאִיתָ בֶן־אָדָם הֲנָקֵל לְבֵית יְהוּדָה
מֵעֲשׂוֹת אֶת־הַתּוֹעֵבוֹת אֲשֶׁר עָשׂוּ־פֹה כִּי־מָלְאוּ אֶת־הָאָרֶץ
חָמָס וַיָּשֻׁבוּ לְהַכְעִיסֵנִי וְהִנָּם שֹׁלְחִים אֶת־הַזְּמוֹרָה אֶל־
18 אַפָּם׃ וְגַם־אֲנִי אֶעֱשֶׂה בְחֵמָה לֹא־תָחוֹס עֵינִי וְלֹא אֶחְמֹל
וְקָרְאוּ בְאָזְנַי קוֹל גָּדוֹל וְלֹא אֶשְׁמַע אוֹתָם׃

CAP. IX. ט

א וַיִּקְרָא בְאָזְנַי קוֹל גָּדוֹל לֵאמֹר קָרְבוּ פְּקֻדּוֹת הָעִיר וְאִישׁ
2 כְּלִי מַשְׁחֵתוֹ בְּיָדוֹ׃ וְהִנֵּה שִׁשָּׁה אֲנָשִׁים בָּאִים ׀ מִדֶּרֶךְ־

שער

די גרויסע גרוילטהאטען וואס דאס הויז ישראל טהוט דא אום צו ער־
ווייטערן זיך פון מיין היילינטהום, דו וועסט נאך זעהען גרעסערע
גרוילטהאטען.

7 דאן האט ער מיר געבראכט צום איינגאנג פון הויף, דארט האב איך
דערזעהען א לאך אין וואנד.

8 און ער האט צו מיר געזאגט : מענשענקינד ! גראב אין וואנד ! איך
האב געגראבען אין וואנד ערשט דארטען איז א טהיר.

9 און ער האט צו מיר געזאגט : קום און זעה די שלעכטע גרוילטהאטען
וואס זיי טהוען דא !

10 איך בין אריינגעקומען און געזעהען פערשיעדענע געשטאלטען פון ווערים
און פיה, אלערליי עקעלהאפטען — אלע געצען פון די קינדער ישראל
אויסגעקריצט אויף די וואנד רונד ארום.

11 און זיעבציג מענער פון די עלטעסטע פונ'ם הויז ישראל, שטעהען פאר
זיי, יעדער האלט זיין רויכפאן אין האנד, דער דיקער רויך פון די רויב־
ווערק געהט אין דער הויך ; אויף יאזניהו, שפן'ס זוהן, שטעהט צווי־
שען זיי.

12 ער האט צו מיר ווידער געזאגט : זעהסטו, מענשענקינד, וואס די
עלטסטע פון ישראל טהוען אין דער פינסטער, יעדער אין זיין געצען־
צימער ? דאס איז ווייל זיי זאגען : „גאט זעהט אונז ניט, גאט האט
דאס לאנד פערלאזען".

13 ער האט נאך צו מיר געזאגט : דו וועסט נאך ווידער זעהען גרויסע
גרוילטהאטען וואס זיי טהוען !

14 דאן האט ער מיר געבראכט צום איינגאנג פון טהויער וואס איז אין
צפון־זייט פון גאט'ס הויז, ערשט דארט זיצען פרויען און בעוויינען
דעם תמוז.

15 און ער האט צו מיר געזאגט : האסטו געזעהען, מענשענקינד ? דו
וועסט נאך זעהען גרוילטהאטען גרעסערע פאר די.

16 דאן האט ער מיר געבראכט אין אינערליכען הויף פון גאט'ס הויז, נעבען
איינגאנג פון גאט'ס טעמפעל, צווישען זאאל און מזבח, דארט זיינען
געוועזען פינף־און־צוואנציג מענשען שטעהענדיג הינטערווייליעך צו גאט'ס
טעמפעל מיט די געזיכטער צו מזרח, האבען זיי זיך געבוקט אין מזרח צו
דער זונן.

17 און ער האט צו מיר געזאגט : האסטו געזעהן, מענשענקינד ? די גרויל־
טהאטען, וועלכע זיי טהוען דא, זיינען פאר די הויז פון יהודה די אונבעדיי־
טענדע ; זיי האבען פול געמאכט דאס לאנד מיט געוואלדטהאטען, און זיי
ערצארנען מיר נאך מעהר—זיי רוקען זיך אליין א צווייג אין נאז !

18 איך וועל אבער אויך טהאן מיט וואוטה, מיין אויג וועט קיין מיטלייד
האבען און קיינע ערבארמונג; זיי וועלען שוין רופען צו מיר מיט א הויכע
שטימע, איך וועל זיי אבער ניט הערען.

קאפיטעל ט

1 דאן האט ער מיט א הויכע שטימע מיר אין אויער אויסגעשריען : עס
ערנעהענט זיך די שטראף־בעשטימונג פון שטאדט, יעדער האלט זיינע
ברעכגעצייג אין האנד !

2 און זעקס מענשען זיינען געקומען פונ'ם וועג (וואס געהט) צום אויי־
בערשטען טהויער, וואס פערקעהרט זיך אין צפון זייט, יעדער מיט זיין

שַׁעַר הָעֶלְיוֹן אֲשֶׁר ׀ מָפְנֶה צָפוֹנָה וְאִישׁ כְּלִי מַפָּצוֹ בְּיָדוֹ
וְאִישׁ־אֶחָד בְּתוֹכָם לָבֻשׁ בַּדִּים וְקֶסֶת הַסֹּפֵר בְּמָתְנָיו
3 וַיָּבֹאוּ וַיַּעַמְדוּ אֵצֶל מִזְבַּח הַנְּחֹשֶׁת׃ וּכְבוֹד ׀ אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל
נַעֲלָה מֵעַל הַכְּרוּב אֲשֶׁר הָיָה עָלָיו אֶל מִפְתַּן הַבָּיִת
וַיִּקְרָא אֶל־הָאִישׁ הַלָּבֻשׁ הַבַּדִּים אֲשֶׁר קֶסֶת הַסֹּפֵר
4 בְּמָתְנָיו׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה אֵלָו עֲבֹר בְּתוֹךְ הָעִיר בְּתוֹךְ
יְרוּשָׁלָ‍ִם וְהִתְוִיתָ תָּו עַל־מִצְחוֹת הָאֲנָשִׁים הַנֶּאֱנָחִים
ה וְהַנֶּאֱנָקִים עַל כָּל־הַתּוֹעֵבוֹת הַנַּעֲשׂוֹת בְּתוֹכָהּ׃ וּלְאֵלֶּה
אָמַר בְּאָזְנַי עִבְרוּ בָעִיר אַחֲרָיו וְהַכּוּ עַל־תָּחֹס עֵינֵיכֶם
6 וְאַל־תַּחְמֹלוּ׃ זָקֵן בָּחוּר וּבְתוּלָה וְטַף וְנָשִׁים תַּהַרְגוּ
לְמַשְׁחִית וְעַל־כָּל־אִישׁ אֲשֶׁר־עָלָיו הַתָּו אַל־תִּגַּשׁוּ
וּמִמִּקְדָּשִׁי תָּחֵלּוּ וַיָּחֵלּוּ בָּאֲנָשִׁים הַזְּקֵנִים אֲשֶׁר לִפְנֵי הַבָּיִת׃
7 וַיֹּאמֶר אֲלֵיהֶם טַמְּאוּ אֶת־הַבַּיִת וּמַלְאוּ אֶת־הַחֲצֵרוֹת
8 חֲלָלִים צֵאוּ וְיָצְאוּ וְהִכּוּ בָעִיר׃ וַיְהִי כְּהַכּוֹתָם וְנֵאשַׁאַר
אֲנִי וָאֶפְּלָה עַל־פָּנַי וָאֶזְעַק וָאֹמַר אֲהָהּ אֲדֹנָי יֱהוִה הֲמַשְׁחִית
אַתָּה אֵת כָּל־שְׁאֵרִית יִשְׂרָאֵל בְּשָׁפְכְּךָ אֶת־חֲמָתְךָ עַל־
9 יְרוּשָׁלָ‍ִם׃ וַיֹּאמֶר אֵלַי עֲוֹן בֵּית־יִשְׂרָאֵל וִיהוּדָה גָּדוֹל
בִּמְאֹד מְאֹד וַתִּמָּלֵא הָאָרֶץ דָּמִים וְהָעִיר מָלְאָה מֻטֶּה כִּי
י אָמְרוּ עָזַב יְהוָה אֶת־הָאָרֶץ וְאֵין יְהוָה רֹאֶה׃ וְגַם־אֲנִי
11 לֹא־תָחוֹס עֵינִי וְלֹא אֶחְמֹל דַּרְכָּם בְּרֹאשָׁם נָתָתִּי׃ וְהִנֵּה
הָאִישׁ ׀ לְבֻשׁ הַבַּדִּים אֲשֶׁר הַקֶּסֶת בְּמָתְנָיו מֵשִׁיב דָּבָר
לֵאמֹר עָשִׂיתִי כַּאֲשֶׁר צִוִּיתָנִי׃

CAP. X. י

א וָאֶרְאֶה וְהִנֵּה אֶל־הָרָקִיעַ אֲשֶׁר עַל־רֹאשׁ הַכְּרֻבִים כְּאֶבֶן
2 סַפִּיר כְּמַרְאֵה דְּמוּת כִּסֵּא נִרְאָה עֲלֵיהֶם׃ וַיֹּאמֶר אֶל־
הָאִישׁ ׀ לְבֻשׁ הַבַּדִּים וַיֹּאמֶר בֹּא אֶל־בֵּינוֹת לַגַּלְגַּל
אֶל־תַּחַת לַכְּרוּב וּמַלֵּא חָפְנֶיךָ גַחֲלֵי־אֵשׁ מִבֵּינוֹת

לכרבים

ט v. 4. אליו קרי v. 5. אל קרי ibid. עינכם ק׳ v. 8. כצ׳ל v. 9. נ״א חמס v. 11. ככל אשר ק׳

האַמער אין האַנד ; צווישען זיי איז געווען איינער אָנגעטהאָן אין ליי־נענע קליידער מיט אַ שרייבצייג אונטער זיינע לענדען. זיי זיינען גע־קומען און אַוועקגעשטעלט זיך נעבען קופּערנעם מזבח.

3 דאַן איז גאָט׳ס הערליכקייט אַראָב פון די כרובים, אויף וועלכע עס איז געווען צום שוועל פון הויז, און האָט גערופען דעם מאַן וועלכער איז אָנגעקליידעט אין ליינענע קליידער וואָס האַלט אונטער זיינע לענדען דאָס שרייבצייג ;

4 און גאָט האָט צו איהם געזאָגט : געה דורך די שטאָדט, ד. ה. ירושלים, און מאַך אַ צייכען אויף די שטערענס פון די מענער וואָס זיפצען און אָכצען אויף אַלע גרוילטהאַטען וואָס ווערען געטהאָן אין איהר.

5 צו די איבריגע האָט ער געזאָגט אין מיין געגענוואַרט : געהט איבער׳ן שטאָדט נאָך איהם און שלאָגט, זאָל אייער אויג קיין מיטלייד האָבען און קיינע ערבאַרמונג.

6 אַלטע און יונגע, מיידלאַך, קליינע קינדער און פרויען זאָלט איהר אין גאַנצען אויס׳הרג׳ענען ; אָבער אויף יעדער מענשען וואָס אויף איהם איז אַ צייכען זאָלט איהר ניט נאָהענט קומען, פון מיין היילינגטהום זאָלט איהר אָנפאַנגען. זיי האָבען אָנגעפאַנגען פון די עלטערע מענשען, וועלכע זיינען געשטאַנען נעבען הויז.

7 אויך האָט ער צו זיי געזאָגט מאַכט אונריין דאָס הויז און די הויפען מאַכט פול מיט ערשלאַגענע, געהט ! זיי זיינען ארויס און געשלאַגען אין שטאָדט.

8 ווען זיי האָבען געשלאַגען בין איך אַליין געבליעבען ; דאַן בין איך אויף מיין געזיכט געפאַלען, איך האָב געשריען און געזאָגט : אָה, אַלמעכטיגער גאָט ! ווילסטו פערניכטען אַלע איבערגעבליעבענע פון ישראל, אויסגיסענדיג דיין צאָרן אויף ירושלים ?

9 האָט ער מיר געענטפערט : די זינד פון הויז ישראל און יהודה איז זעהר גרויס — דאָס לאַנד איז פול מיט בלוטשולד און יעדער שטאָדט מיט אונרעכט, ווארום זיי זאָגען : „גאָט האָט פערלאָזען דאָס לאַנד, גאָט זעהט קיין זאַך !"

10 דערפאַר וועט אויך מיין אויג אויף זיי קיין מיטלייד ניט האָבען און קיינע ערבאַרמונג — זייער אויפפיהרונג וועט צו זייער קאָפּ אויסגעהן.

11 דער מאַן וואָס איז אנגעקליידעט אין לינענע קליידער, אונטער וועמעס לענדען דאָס שרייבצייג איז געווען, האָט געענטפערט אַזוי צו זאָגען : איך האָב געטהאָן ווי דו האָסט מיר בעפוילען.

קאַפּיטעל י

1 איך האָב געזעהען אויף דעם אויסשפּרייטונג וואָס איבער די קעפּ פון די כרובים אַן ערשיינונג ווי דאָס געשטאַלט פון אַ טהראָן פון סאַפּיר־שטיין, דאָס האָט זיך געזעהען אויף זיי.

2 פון דאָרטען האָט מען גערעדט צום מאַן וואָס איז אנגעקליידעט אין לינען און געזאָגט : „געה אַריין צווישען די רעדער אונטער די כרובים און נעהם אַ פולען הויפען פייער־קויהלען פון צווישען די כרובים און וואַרף אויפ׳ן שטאָדט !" ער איז אַהין אַריין אין מיין געגענוואַרט.

3 לַכְּרֻבִים וּזְרֹק עַל־הָעִיר וַיָּבֹא לְעֵינָי׃ וְהַכְּרֻבִים עֹמְדִים
מִימִין לַבַּיִת בְּבֹאוֹ הָאִישׁ וְהֶעָנָן מָלֵא אֶת־הֶחָצֵר
4 הַפְּנִימִית׃ וַיָּרָם כְּבוֹד־יְהוָה מֵעַל הַכְּרוּב עַל מִפְתַּן
הַבָּיִת וַיִּמָּלֵא הַבַּיִת אֶת־הֶעָנָן וְהֶחָצֵר מָלְאָה אֶת־נֹגַהּ
ה כְּבוֹד יְהוָה׃ וְקוֹל כַּנְפֵי הַכְּרוּבִים נִשְׁמַע עַד־הֶחָצֵר
6 הַחִיצֹנָה כְּקוֹל אֵל־שַׁדַּי בְּדַבְּרוֹ׃ וַיְהִי בְּצַוֺּתוֹ אֶת־הָאִישׁ
לְבֻשׁ־הַבַּדִּים לֵאמֹר קַח אֵשׁ מִבֵּינוֹת לַגַּלְגַּל מִבֵּינוֹת
7 לַכְּרוּבִים וַיָּבֹא וַיַּעֲמֹד אֵצֶל הָאוֹפָן׃ וַיִּשְׁלַח הַכְּרוּב אֶת־
יָדוֹ מִבֵּינוֹת לַכְּרוּבִים אֶל־הָאֵשׁ אֲשֶׁר בֵּינוֹת הַכְּרֻבִים
8 וַיִּשָּׂא וַיִּתֵּן אֶל־חָפְנֵי לְבֻשׁ הַבַּדִּים וַיִּקַּח וַיֵּצֵא׃ וַיֵּרָא
9 לַכְּרֻבִים תַּבְנִית יַד־אָדָם תַּחַת כַּנְפֵיהֶם׃ וָאֶרְאֶה וְהִנֵּה
אַרְבָּעָה אוֹפַנִּים אֵצֶל הַכְּרוּבִים אוֹפַן אֶחָד אֵצֶל הַכְּרוּב
אֶחָד וְאוֹפַן אֶחָד אֵצֶל הַכְּרוּב אֶחָד וּמַרְאֵה הָאוֹפַנִּים
כְּעֵין אֶבֶן תַּרְשִׁישׁ׃ וּמַרְאֵיהֶם דְּמוּת אֶחָד לְאַרְבַּעְתָּם
11 כַּאֲשֶׁר יִהְיֶה הָאוֹפַן בְּתוֹךְ הָאוֹפָן׃ בְּלֶכְתָּם אֶל־אַרְבַּעַת
רִבְעֵיהֶם יֵלֵכוּ לֹא יִסַּבּוּ בְּלֶכְתָּם כִּי הַמָּקוֹם אֲשֶׁר־יִפְנֶה
12 הָרֹאשׁ אַחֲרָיו יֵלֵכוּ לֹא יִסַּבּוּ בְּלֶכְתָּם׃ וְכָל־בְּשָׂרָם
וְגַבֵּהֶם וִידֵיהֶם וְכַנְפֵיהֶם וְהָאוֹפַנִּים מְלֵאִים עֵינַיִם סָבִיב
13 לְאַרְבַּעְתָּם אוֹפַנֵּיהֶם׃ לָאוֹפַנִּים לָהֶם קוֹרָא הַגַּלְגַּל בְּאָזְנָי׃
14 וְאַרְבָּעָה פָנִים לְאֶחָד פְּנֵי הָאֶחָד פְּנֵי הַכְּרוּב וּפְנֵי הַשֵּׁנִי
טו פְּנֵי אָדָם וְהַשְּׁלִישִׁי פְּנֵי אַרְיֵה וְהָרְבִיעִי פְּנֵי־נָשֶׁר׃ וַיֵּרֹמּוּ
16 הַכְּרוּבִים הִיא הַחַיָּה אֲשֶׁר רָאִיתִי בִּנְהַר־כְּבָר׃ וּבְלֶכֶת
הַכְּרוּבִים יֵלְכוּ הָאוֹפַנִּים אֶצְלָם וּבִשְׂאֵת הַכְּרוּבִים אֶת־
כַּנְפֵיהֶם לָרוּם מֵעַל הָאָרֶץ לֹא־יִסַּבּוּ הָאוֹפַנִּים גַּם־הֵם
17 מֵאֶצְלָם׃ בְּעָמְדָם יַעֲמֹדוּ וּבְרוֹמָם יֵרוֹמּוּ אוֹתָם כִּי רוּחַ
18 הַחַיָּה בָּהֶם׃ וַיֵּצֵא כְּבוֹד יְהוָה מֵעַל מִפְתַּן הַבָּיִת וַיַּעֲמֹד
19 עַל־הַכְּרוּבִים׃ וַיִּשְׂאוּ הַכְּרוּבִים אֶת־כַּנְפֵיהֶם וַיֵּרוֹמּוּ

מן

3 די כרובים זיינען געשטאַנען אין רעכטען זייט פון הויז וואו דער מאַן
איז אַריין און דער וואָלקען האָט אָנגעפילט דעם אינערליכען הויף.

4 גאָט'ס הערליכקייט איז אַראָב פון כרוב (און געבליעבען) אויפ'ן שוועל
פון הויז, דאַן איז דאָס הויז פול געוואָרען מיט וואָלקען און דער הויף
איז פול געוואָרען מיט'ן שיין פון גאָט'ס הערליכקייט.

5 דער גערויש פון די כרובים'ס פליגלען האָט זיך געהערט ביז'ן אויסער־
ליכען הויף, אַזוי ווי די שטימע פון אַלמעכטיגען גאָט ווען ער רעדט.

6 ווען ער האָט אַ בעפעהל געגעבען דעם מאַן, אַנגעקליידעט אין לינען,
זאָגענדיג: „נעהם פייער פון צווישען די רעדער וואָס צווישען די
כרובים”, איז ער אַריינגעקומען און שטעהן געבליעבען נעבען ראַד.

7 דאַן האָט איין כרוב אויסגעשטרעקט זיין האַנד פון צווישען די כרובים
צום פייער וואָס צווישען די כרובים; ער האָט אויפגעהויבען און אַריינ־
געלייגט אין די הויפענס פון דעם אָנגעקליידעטען אין לינען. יענער האָט
עס גענומען און איז אַרויסגעגאַנגען.

8 דאַן האָט זיך בעוויזען די כרובים פון אונטער זייערע פליגלען אַ גע־
שטאַלט פון אַ מענשעשע האַנד.

9 איך האָב אויך געזעהען פיער רעדער נעבען די כרובים — צו איין ראַד
נעבען יעדער כרוב; דאָס אויסזעהען פון די רעדער איז געווען ווי
קריזאָליט־שטיין.

10 דאָס אויסזעהען פון אַלע פיער האָט איין געשטאַלט געהאַט — אַזוי ווי
עס ווייזט אויס אַ ראַד אין אַ ראַד.

11 ווען זיי געהען, קענען זיי געהען אין אַלע פיער זייטען — זיי דאַרפען
זיך ניט אומקעהרען געהענדיג, וואָרום וואו די ערשטע ווענדעט זיך
געהען זיי אַלע נאָך; זיי דאַרפען זיך ניט אומקעהרען געהענדיג.

12 זייער גאַנצער קערפּער, זייערע רוקענס, זייערע הענד און זייערע
פליגלען אויך די רעדער זיינען פול מיט אויגען, די רעדער זיינען געווען
אַרום זיי פיער.

13 [די זעלביגע אופנים האָט מען אין מיין געגענוואַרט גערופען „גלגלים”.]

14 יעדער פון זיי האָט פיער געזיכטען: איין געזיכט פון אַ כרוב, די צוויי־
טע פון אַ מענשען, די דריטע פון אַ לייב און די פירטע פון אַ אָדלער:

15 די כרובים האָבען זיך אימער געהויבען. (דאָס זיינען די זעלביגע טהיערען
וועלכע איך האָב געזעהען ביים טייך כבר).

16 ווען די כרובים געהען, געהען אויך די רעדער נעבען זיי. און ווען די
כרובים הויבען אויף זייערע פליגלען אום אויפצוהויבען זיך פון דר'ערד,
אויך דאַן קעהרען זיך די רעדער ניט אָוועק פון זיי.

17 ווען זיי (די טהירען) שטעלען זיך אָב בלייבען זיי (די רעדער) אויך
שטעהען, ווען זיי הויבען זיך אויף ערהויבען זיי זיך אויך — דער ווילען
פון די טהירען אין אויך אין זיי.

18 דאַן איז גאָט'ס הערליכקייט אַראָב פונ'ם שוועל פון הויז און איז גע־
בליעבען שטעהן אויף די כרובים.

19 די כרובים האָבען אויפגעהויבען זייערע פליגלען און ערהויבען זיך פון

מִן־הָאָרֶץ לְעֵינַי בְּצֵאתָם וְהָאוֹפַנִּים לְעֻמָּתָם וַיַּעֲמֹד
פֶּתַח שַׁעַר בֵּית־יְהוָה הַקַּדְמוֹנִי וּכְבוֹד אֱלֹהֵי־יִשְׂרָאֵל
כ עֲלֵיהֶם מִלְמָעְלָה׃ הִיא הַחַיָּה אֲשֶׁר רָאִיתִי תַּחַת אֱלֹהֵי־
21 יִשְׂרָאֵל בִּנְהַר־כְּבָר וָאֵדַע כִּי כְרוּבִים הֵמָּה׃ אַרְבָּעָה
אַרְבָּעָה פָנִים לְאֶחָד וְאַרְבַּע כְּנָפַיִם לְאֶחָד וּדְמוּת יְדֵי
22 אָדָם תַּחַת כַּנְפֵיהֶם׃ וּדְמוּת פְּנֵיהֶם הֵמָּה הַפָּנִים אֲשֶׁר
רָאִיתִי עַל־נְהַר־כְּבָר מַרְאֵיהֶם וְאוֹתָם אִישׁ אֶל־עֵבֶר
פָּנָיו יֵלֵכוּ׃

CAP. XI. יא

יא
א וַתִּשָּׂא אֹתִי רוּחַ וַתָּבֵא אֹתִי אֶל־שַׁעַר בֵּית־יְהוָה הַקַּדְמוֹנִי
הַפּוֹנֶה קָדִימָה וְהִנֵּה בְּפֶתַח הַשַּׁעַר עֶשְׂרִים וַחֲמִשָּׁה אִישׁ
וָאֶרְאֶה בְתוֹכָם אֶת־יַאֲזַנְיָה בֶן־עַזֻּר וְאֶת־פְּלַטְיָהוּ בֶן־
2 בְּנָיָהוּ שָׂרֵי הָעָם׃ וַיֹּאמֶר אֵלָי בֶּן־אָדָם אֵלֶּה
הָאֲנָשִׁים הַחֹשְׁבִים אָוֶן וְהַיֹּעֲצִים עֲצַת־רָע בָּעִיר הַזֹּאת׃
3 הָאֹמְרִים לֹא בְקָרוֹב בְּנוֹת בָּתִּים הִיא הַסִּיר וַאֲנַחְנוּ
4 ה הַבָּשָׂר׃ לָכֵן הִנָּבֵא עֲלֵיהֶם הִנָּבֵא בֶּן־אָדָם׃ וַתִּפֹּל עָלַי
רוּחַ יְהוָה וַיֹּאמֶר אֵלַי אֱמֹר כֹּה־אָמַר יְהוָה כֵּן אֲמַרְתֶּם
6 בֵּית יִשְׂרָאֵל וּמַעֲלוֹת רוּחֲכֶם אֲנִי יְדַעְתִּיהָ׃ הִרְבֵּיתֶם
7 חַלְלֵיכֶם בָּעִיר הַזֹּאת וּמִלֵּאתֶם חוּצוֹתֶיהָ חָלָל׃ לָכֵן כֹּה־
אָמַר אֲדֹנָי יֱהוִה חַלְלֵיכֶם אֲשֶׁר שַׂמְתֶּם בְּתוֹכָהּ הֵמָּה
8 הַבָּשָׂר וְהִיא הַסִּיר וְאֶתְכֶם הוֹצִיא מִתּוֹכָהּ׃ חֶרֶב יְרֵאתֶם
9 וְחֶרֶב אָבִיא עֲלֵיכֶם נְאֻם אֲדֹנָי יֱהוִה׃ וְהוֹצֵאתִי אֶתְכֶם
מִתּוֹכָהּ וְנָתַתִּי אֶתְכֶם בְּיַד־זָרִים וְעָשִׂיתִי בָכֶם שְׁפָטִים׃
י בַּחֶרֶב תִּפֹּלוּ עַל־גְּבוּל יִשְׂרָאֵל אֶשְׁפּוֹט אֶתְכֶם וִידַעְתֶּם
11 כִּי־אֲנִי יְהוָה׃ הִיא לֹא־תִהְיֶה לָכֶם לְסִיר וְאַתֶּם תִּהְיוּ
12 בְתוֹכָהּ לְבָשָׂר אֶל־גְּבוּל יִשְׂרָאֵל אֶשְׁפֹּט אֶתְכֶם׃ וִידַעְתֶּם
כִּי־אֲנִי יְהוָה אֲשֶׁר בְּחֻקַּי לֹא הֲלַכְתֶּם וּמִשְׁפָּטַי לֹא

עשיתם

v. 6. למדנחאי ומלאתם v. 7. סבירין אוציא

דר׳ערד פאר מיינע אויגען ; ווען זיי האָבען זיך בעוועגט זיינען די רעדער געווען נעבען זיי, זיי האָבען זיך אָבגעשטעלט ביים איינגאנג פונ׳ם מזרח טהויער פון גאָט׳ס הויז, אויבען אויף זיי איז געווען גאָט׳ס הערליכקייט.

20 דאָס איז די זעלביגע טהירען וועלכע איך האָב געזעהען ביים טייך כבר אונטער דעם גאָט פון ישראל ; איך האָב פערשטאַנען אַז דאָס זיי־נען די כרובים.

21 יעדע האָט פיער געזיכטער, און יעדע האָט פיער פליגלען ; אונטער זייערע פליגלען איז אַ געשטאַלט פון אַ מענשעשע האַנד.

22 דאָס אויסזעהען פון זייערע געזיכטער איז די זעלביגע געזיכטער וועלכע איך האָב געזעהען ביים טייך כבר — זייער אויסזעהען און זיי זעלבסט. יעדער איז געגאַנגען צום זייט פון זיין געזיכט.

קאַפּיטעל יא

1 און און אַ ווינד האָט מיך אויפגעהויבען און געבראַכט מיך צום מזרח־טהויער (וואָס איז געווענדעט מזרח־צו), ערשט אין איינגאנג פונ׳ם טהויער זיינען פינף־און־צוואַנציג מענשען ; צווישען זיי האָב איך גע־זעהען יאזניהו, עזר׳ס זוהן, און פלטיהו, בניהו׳ס זוהן, די פאַרשטעהער פון פאָלק.

2 און ער האָט צו מיר געזאָגט : מענשענקינד ! דאָס זיינען די מענער וואָס טראַכטען אונרעכט און גיבען שלעכטע ראטהען אין דיעזע שטאָדט ;

3 זיי זאָגען : „נאָך ניט אַזוי גיך ! מען קען נאָך בויען הייזער ! אַזוי ווי זי איז דער טאָפּ, אַזוי זיינען מיר דאָס פלייש״.

4 דערפאַר פּראָפעצייהע אויף זיי ; פּראָפעצייהע, מענשענקינד !

5 און אַ געטליכע בעגייסטערונג איז אראָב אויף מיר און האָט צו מיר געזאָגט : אַזוי האָט גאָט געזאָגט — איהר האָט ריכטיג געזאָגט ; הויז פון ישראל ! איך ווייס אַלץ וואָס איהר טראַכט.

6 איהר האָט גרוים געמאַכט דעם צאָהל פון ערשלאַגענע אין דיעזע שטאָדט, און איהרע גאַסען האָט איהר פול געמאַכט מיט ערמאָרדעטע.

7 דערפאַר אַזוי האָט געזאָגט דער אַלמעכטיגער גאָט : אייערע ערמאָרדע־טע וואָס איהר האָט אין איהר אנגעלייגט — זיי זיינען דאָס פלייש, און זי (די שטאָדט) איז דער טאָפּ, פון וועלכען איך וועל אייך ארויסנעהמען.

8 איהר שרעקט זיך פאַר׳ן שווערד, וועל איך אויף אייך ברענגען אַ שווערד — זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער —

9 און פון איהר (פון שטאָדט) וועל איך אייך ארויסנעהמען, איך וועל אייך איבערגעבען אין האַנד פון באַרבאַרען, דאַן וועל איך אויף אייך מיין שטראַף אויסאיבען.

10 איהר וועט פאַלען פון שווערד אויפ׳ן גרענעץ פון ישראל, דאָרט וועל איך אייך שטראָפען, אום איהר זאָלט וויסען אַז איך בין גאָט.

11 זי וועט פאַר אייך ניט זיין אַלס טאָפּ, אָבער איהר וועט אין איהר זיין ווי פלייש, אויפ׳ן גרענעץ פון ישראל וועל איך אייך שטראָפען.

12 אום איהר זאָלט וויסען, אַז איך בין גאָט, וואָס אין מיינע געזעצען זייט

13 עֲשִׂיתֶם וּכְמִשְׁפְּטֵי הַגּוֹיִם אֲשֶׁר סְבִיבוֹתֵיכֶם עֲשִׂיתֶם׃ וַיְהִי
כְּהִנָּבְאִי וּפְלַטְיָהוּ בֶן־בְּנָיָה מֵת וָאֶפֹּל עַל־פָּנַי וָאֶזְעַק קוֹל
גָּדוֹל וָאֹמַר אֲהָהּ אֲדֹנָי יֱהוִה כָּלָה אַתָּה עֹשֶׂה אֵת שְׁאֵרִית
14 טו יִשְׂרָאֵל׃ וַיְהִי דְבַר־יְהוָה אֵלַי לֵאמֹר׃ בֶּן־אָדָם
אַחֶיךָ אַחֶיךָ אַנְשֵׁי גְאֻלָּתֶךָ וְכָל־בֵּית יִשְׂרָאֵל כֻּלֹּה אֲשֶׁר
אָמְרוּ לָהֶם יֹשְׁבֵי יְרוּשָׁלַםִ רַחֲקוּ מֵעַל יְהוָה לָנוּ הִיא
16 נִתְּנָה הָאָרֶץ לְמוֹרָשָׁה׃ לָכֵן אֱמֹר כֹּה אָמַר אֲדֹנָי
יֱהוִה כִּי הִרְחַקְתִּים בַּגּוֹיִם וְכִי הֲפִיצוֹתִים בָּאֲרָצוֹת וָאֱהִי
17 לָהֶם לְמִקְדָּשׁ מְעַט בָּאֲרָצוֹת אֲשֶׁר־בָּאוּ שָׁם׃ לָכֵן
אֱמֹר כֹּה־אָמַר אֲדֹנָי יֱהוִה וְקִבַּצְתִּי אֶתְכֶם מִן־הָעַמִּים
וְאָסַפְתִּי אֶתְכֶם מִן־הָאֲרָצוֹת אֲשֶׁר נְפֹצוֹתֶם בָּהֶם וְנָתַתִּי
18 לָכֶם אֶת־אַדְמַת יִשְׂרָאֵל׃ וּבָאוּ־שָׁמָּה וְהֵסִירוּ אֶת־
19 כָּל־שִׁקּוּצֶיהָ וְאֶת־כָּל־תּוֹעֲבוֹתֶיהָ מִמֶּנָּה׃ וְנָתַתִּי לָהֶם
לֵב אֶחָד וְרוּחַ חֲדָשָׁה אֶתֵּן בְּקִרְבְּכֶם וַהֲסִרֹתִי לֵב הָאֶבֶן
כ מִבְּשָׂרָם וְנָתַתִּי לָהֶם לֵב בָּשָׂר׃ לְמַעַן בְּחֻקֹּתַי יֵלֵכוּ וְאֶת־
מִשְׁפָּטַי יִשְׁמְרוּ וְעָשׂוּ אֹתָם וְהָיוּ־לִי לְעָם וַאֲנִי אֶהְיֶה לָהֶם
21 לֵאלֹהִים׃ וְאֶל־לֵב שִׁקּוּצֵיהֶם וְתוֹעֲבוֹתֵיהֶם לִבָּם הֹלֵךְ
22 דַּרְכָּם בְּרֹאשָׁם נָתַתִּי נְאֻם אֲדֹנָי יֱהוִה׃ וַיִּשְׂאוּ הַכְּרוּבִים
אֶת־כַּנְפֵיהֶם וְהָאוֹפַנִּים לְעֻמָּתָם וּכְבוֹד אֱלֹהֵי־יִשְׂרָאֵל
23 עֲלֵיהֶם מִלְמָעְלָה׃ וַיַּעַל כְּבוֹד יְהוָה מֵעַל תּוֹךְ הָעִיר וַיַּעֲמֹד
24 עַל־הָהָר אֲשֶׁר מִקֶּדֶם לָעִיר׃ וְרוּחַ נְשָׂאַתְנִי וַתְּבִאֵנִי
כַשְׂדִּימָה אֶל־הַגּוֹלָה בַּמַּרְאֶה בְּרוּחַ אֱלֹהִים וַיַּעַל מֵעָלַי
הַמַּרְאֶה אֲשֶׁר רָאִיתִי׃ וָאֲדַבֵּר אֶל־הַגּוֹלָה אֵת כָּל־דִּבְרֵי כה
יְהוָה אֲשֶׁר הֶרְאָנִי׃

יב CAP. XII. יב

א 2 וַיְהִי דְבַר־יְהוָה אֵלַי לֵאמֹר׃ בֶּן־אָדָם בְּתוֹךְ בֵּית־הַמֶּרִי
אַתָּה יֹשֵׁב אֲשֶׁר עֵינַיִם לָהֶם לִרְאוֹת וְלֹא רָאוּ אָזְנַיִם לָהֶם

לשמע

י״א v. 18. 19. כצ״ל

איהר ניט געגאַנגען און מיינע רעכטע האָט איהר ניט געטהאָן, איהר
האָט נאָר געטהאָן לויט די רעכטע פון די פעלקער וואָס אַרום אייך.
13 ווען איך האָב דאָס פּראָפּעצייהעט איז פּלטיהו, בניהו'ס זוהן, געשטאָר־
בען, בין איך געפאַלען אויף מיין געזיכט און געשריען מיט אַ הויכע
שטימע, איך האָב געזאָגט : ווער, אַלמעכטיגער גאָט ! דו פערניכ־
טעסט דאָך אין גאַנצען די געבליעבענע פון ישראל !
14 איז גאָט'ס וואָרט געווען צו מיר אַזוי צו זאָגען :
15 מענשענקינד ! דיינע ברידער, דיינע פריינד, דיינע פערוואַנדטע און
דאָס גאַנצע הויז פון ישראל, צו וועלכע די איינוואוינער פון ירושלים
האָבען געזאָגט : „ערווייטערט זיך פון גאָט, צו אונז געהערט די ערד —
עס איז אונז געגעבען אַלס בעזיץ !"
16 דערפאַר זאָג (צו זיי) : אַזוי האָט געזאָגט דער אַלמעכטיגער — זאָ־
גאר ווען איך האָב זיי ווייט פערוואָרפען און פערשפּרייט זיי אין די
פערשיעדענע לענדער, וועל איך צו זיי זיין אַלס אַ קליינער היילינגטהום
אין די לענדער וואו זיי זיינען געקומען.
17 אַלזאָ זאָג (זיי) : אַזוי האָט געזאָגט דער אַלמעכטיגער גאָט : איך
וועל אייך צונויפקלייבען פון די פעלקער און צוזאַמענקלייבען אייך פון
די לענדער אין וועלכע איהר זייט צושפּרייט ; איך וועל אייך צוריק־
געבען דאָס לאַנד פון ישראל.
18 אַז זיי וועלען אַהין קומען וועלען זיי אָבשאַפען אַלע איהרע געצען אויך
אַלע גרוילטהאַטען פון איהר.
19 איך וועל זיי געבען איין (אַנדער) האַרץ און אַ נייעם גייסט וועל איך
אַריינגעבען אין אייך ; איך וועל פון זייער קערפּער אַרויסנעהמען דאָס
(האַרטע) שטיינערנע האַרץ און וועל זיי געבען אַ (ווייכע) האַרץ פון
פלייש.
20 אום זיי זאָלען געהען אין מיינע געזעצע, אָבהיטען מיינע רעכטע און
טהאָן זיי ; דאַן וועלען זיי זיין מיין פאָלק און איך וועל זיין זייער
גאָט.
21 און די וואָס עס ציהט זיי צו אַבשייליכקייטען און גרוילטהאַטען, וועט
זייער אויפפיהרונג אויסגעהען צו זייער קאָפּ — זאָגט גאָט דער אַל־
מעכטיגער.
22 די כרובים האָבען אויפגעהויבען זייערע פליגלען אויף די רעדער (האָבען
זיך אויפגעהויבען) מיט זיי, די הערליכקייט פונ'ם גאָט פון ישראל איז
געווען אויף זיי פון אויבען.
23 דאַן איז גאָט'ס הערליכקייט אַוועק פון מיטען שטאָדט און האָט זיך
געשטעלט אויפ'ן באַרג וואָס אין מזרח־זייט פון שטאָדט.
24 מיר האָט אַ ווינד געטראַגען און געבראַכט אין כשדים צו די אויסגע־
וואַנדערטע, וועלכע איך האָב אַלס ערשיינונג געזעהען אין מיין שטאַרקע
בעגייסטערונג, דאַן איז אַוועק פון מיר די ערשיינונג, וועלכע איך האָב
געזעהען.
25 איך האָב צו די אויסגעוואַנדערטע גערעדט אַלע ווערטער גאָט'ס, וועגען
אַלץ וואָס ער האָט מיר געוויעזען.

קאַפּיטעל יב

1 און גאָטס וואָרט איז געווען צו מיר אַזוי צו זאָגען :
2 מענשענקינד ! דו געפינסט זיך אין אַ הויז פון ווידערשפּעניגער, וועל־

3 לִשְׁמֹעַ וְלֹא שָׁמֵעוּ כִּי בֵּית מְרִי הֵם׃ וְאַתָּה בֶן
אָדָם עֲשֵׂה לְךָ כְּלֵי גוֹלָה וּגְלֵה יוֹמָם לְעֵינֵיהֶם וְגָלִיתָ
מִמְּקוֹמְךָ אֶל־מָקוֹם אַחֵר לְעֵינֵיהֶם אוּלַי יִרְאוּ כִּי בֵּית
4 מְרִי הֵמָּה׃ וְהוֹצֵאתָ כֵלֶיךָ כִּכְלֵי גוֹלָה יוֹמָם לְעֵינֵיהֶם
ה וְאַתָּה תֵּצֵא בָעֶרֶב לְעֵינֵיהֶם כְּמוֹצָאֵי גּוֹלָה׃ לְעֵינֵיהֶם
6 חֲתָר־לְךָ בַקִּיר וְהוֹצֵאתָ בּוֹ׃ לְעֵינֵיהֶם עַל־כָּתֵף תִּשָּׂא
בָּעֲלָטָה תוֹצִיא פָּנֶיךָ תְכַסֶּה וְלֹא תִרְאֶה אֶת־הָאָרֶץ כִּי־
7 מוֹפֵת נְתַתִּיךָ לְבֵית יִשְׂרָאֵל׃ וָאַעַשׂ כֵּן כַּאֲשֶׁר צֻוֵּיתִי כֵּלַי
הוֹצֵאתִי כִּכְלֵי גוֹלָה יוֹמָם וּבָעֶרֶב חָתַרְתִּי־לִי בַקִּיר בְּיָד
8 בָּעֲלָטָה הוֹצֵאתִי עַל־כָּתֵף נָשָׂאתִי לְעֵינֵיהֶם׃ וַיְהִי
9 דְבַר־יְהוָה אֵלַי בַּבֹּקֶר לֵאמֹר׃ בֶּן־אָדָם הֲלֹא אָמְרוּ אֵלֶיךָ
י בֵּית יִשְׂרָאֵל בֵּית הַמֶּרִי מָה אַתָּה עֹשֶׂה׃ אֱמֹר אֲלֵיהֶם
כֹּה אָמַר אֲדֹנָי יֱהוִה הַנָּשִׂיא הַמַּשָּׂא הַזֶּה בִּירוּשָׁלַםִ
11 וְכָל־בֵּית יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר־הֵמָּה בְתוֹכָם׃ אֱמֹר אֲנִי מוֹפֶתְכֶם
כַּאֲשֶׁר עָשִׂיתִי כֵּן יֵעָשֶׂה לָהֶם בַּגּוֹלָה בַשְּׁבִי יֵלֵכוּ׃
12 וְהַנָּשִׂיא אֲשֶׁר־בְּתוֹכָם אֶל־כָּתֵף יִשָּׂא בָּעֲלָטָה וְיֵצֵא בַּקִּיר
יַחְתְּרוּ לְהוֹצִיא בוֹ פָּנָיו יְכַסֶּה יַעַן אֲשֶׁר לֹא־יִרְאֶה לַעַיִן
13 הוּא אֶת־הָאָרֶץ׃ וּפָרַשְׂתִּי אֶת־רִשְׁתִּי עָלָיו וְנִתְפַּשׂ
בִּמְצוּדָתִי וְהֵבֵאתִי אֹתוֹ בָבֶלָה אֶרֶץ כַּשְׂדִּים וְאוֹתָהּ לֹא־
14 יִרְאֶה וְשָׁם יָמוּת׃ וְכֹל אֲשֶׁר סְבִיבֹתָיו עֶזְרֹה וְכָל־אֲגַפָּיו
טו אֱזָרֶה לְכָל־רוּחַ וְחֶרֶב אָרִיק אַחֲרֵיהֶם׃ וְיָדְעוּ כִּי־אֲנִי
יְהוָה בַּהֲפִיצִי אוֹתָם בַּגּוֹיִם וְזֵרִיתִי אוֹתָם בָּאֲרָצוֹת׃
16 וְהוֹתַרְתִּי מֵהֶם אַנְשֵׁי מִסְפָּר מֵחֶרֶב מֵרָעָב וּמִדָּבֶר לְמַעַן
יְסַפְּרוּ אֶת־כָּל־תּוֹעֲבוֹתֵיהֶם בַּגּוֹיִם אֲשֶׁר־בָּאוּ שָׁם וְיָדְעוּ
17 18 כִּי־אֲנִי יְהוָה׃ וַיְהִי דְבַר־יְהוָה אֵלַי לֵאמֹר׃ בֶּן־
אָדָם לַחְמְךָ בְּרַעַשׁ תֹּאכֵל וּמֵימֶיךָ בְּרָגְזָה וּבִדְאָגָה תִּשְׁתֶּה׃
19 וְאָמַרְתָּ אֶל־עַם־הָאָרֶץ כֹּה־אָמַר אֲדֹנָי יֱהוִה לְיוֹשְׁבֵי

ירושלם

v. 12. הל׳ קמוצה v. 14 עזרו קרי

כע האָבען אויגען צו זעהען און זעהען ניט, זיי האָבען אויערן צו הערען
און הערען ניט, ווארום זיי זיינען אַ הויז פון ווידערשפּעניגער.
3 און דו, מענשענקינד, מאַך זיך קליידער פון א אויסוואַנדערער און וואַנ־
דער אויס ביי טאָג פאר זייערע אויגען, וואנדער אויס פון דיין אָרט אין
אן אנדער אָרט, פאר זייערע אויגען, פיעלייכט וועלען זיי איינזעהען,
אַז זיי זיינען אַ הויז פון ווידערשפּעניגער.
4 דיינע קליידער, די וואנדער־קליידער, טראג ארויס ביי טאָג פאר זייערע
אויגען, דו אַליין זאָלסט ארויסגעהען אבענד־צייט, פאר זייערע אויגען,
ווי עס געהען ארויס וואנדערער.
5 פאר זייערע אויגען גראב איין אין וואַנד און טראג דאָס דורך דאָרטען
ארויס.
6 פאר זייערע אויגען זאָלסטו אויפ'ן שולטער טראגען, אין דער פינסטער
זאָלסטו עס ארויסטראגען, דיין געזיכט דעק צו אום דו זאָלסט ניט זעהען
דאָס לאנד, איך שטעל דיר אלס וואונדער צייכען פאָר דאָס הויז ישראל.
7 איך האָב געטהאָן אַזוי ווי איך בין בעפוילען געוואָרען, מיינע זאכען,
ווי וואנדער־זאכען, האָב איך אַרויסגעטראגען ביי טאָג, פון אָווענד האָב
איך מיט'ן האַנד איינגעגראבען אין וואַנד, איך האָב עס אין דער פינסטער
אַרויסגעטראָגען, איך האָב עס אויפ'ן שולטער געטראָגען אום זיי זאָלען
זעהען.
8 אין דער פריה איז גאָט'ס וואָרט געוועזן צו מיר אַזוי צו זאָגען :
9 מענשענקינד ! דאָס הויז ישראל, דאָס ווידערשפּעניגטע הויז, האָבען
דאָך ביי דיר געפרעגט : „וואָס טהוסטו ?"
10 זאָג צו זיי : אַזוי האָט גאָט דער אַלמעכטיגער געזאָגט — דער פאר־
טראג ווערט אויסגעשפּראָכען איבער ירושלים און דאָס גאנצע הויז
ישראל, וועלכע זיינען אין איהר.
11 זאָג (זיי) : איך בין אייער פאָרצייכען ! אַזוי ווי איך האָב געטהאָן
וועט מיט זיי געטהאָן ווערען. — אין געפאנגענשאַפט וועלען זיי געהען.
12 זאָגאר זייער פירשט וועט אויפ'ן שולטער טראגען אין דער פינסטער
ווען ער וועט ארויסגעהען ; מען וועט אין וואנד איינגראבען, דורך
דאָרטען ארויס־צוטראגען, ער וועט זיין געזיכט צודעקען אום ער זאָל
ניט גוט זעהען דאָס לאנד.
13 איך וועל אָבער אויסשפּרייטען מיין נעץ איבער איהם ביז ער וועט גע־
כאַפּט ווערען אין מיין פאנג־נעץ, איך וועל איהם ברענגען אין בבל,
אינ'ם לאנד כשדים, ער וועט איהר אָבער ניט זעהען — דאָרטען וועט
ער שטאַרבען.
14 אויך אַלע וואָס זיינען ארום איהם, זיין הילף, און אלע וואָס שטעהען
ביי זיינע זייטען, וועל איך צושפּרייטען אויף אַלע זייטען און ארויס־
נעהמען א שווערד נאָך זיי.
15 ערשט דאן וועלען זיי אנערקענען, אַז איך בין גאָט, ווען איך וועל זיי
צושפּרייטען איבער די פעלקער און פונאַנדערוואַרפען זיי אין די לענדער.
16 איך וועל פון זיי איבערלאָזען מענשען מיט אַ צאהל, (די וואָס וועלען
בלייבען) פון שווערד, הונגער און פעסט, אום זיי זאָלען דערצעהלען
אלע זייערע גרוילטהאַטען צווישען די פעלקער וואוהין זיי זיינען גע־
קומען ; דאן וועלען זיי אנערקענען אַז איך בין גאָט.
17 אויך איז גאָט'ס וואָרט געוועזן צו מיר אַזוי צו זאָגען :
18 מענשענקינד ! דיין ברויט וועסטו עסען אויפגערעגטערהייט, און דיין
וואסער וועסטו טרינקען ציטערענדיג און זאָרגענדיג.
19 און צו דעם פאָלק פון לאנד זאָלסטו זאָגען : אזוי זאָגט גאָט דער אל־

יְרוּשָׁלִַם אֶל־אַדְמַת יִשְׂרָאֵל לַחְמָם בִּדְאָגָה יֹאכֵלוּ
וּמֵימֵיהֶם בְּשִׁמָּמוֹן יִשְׁתּוּ לְמַעַן תֵּשַׁם אַרְצָהּ מִמְּלֹאָהּ
כ מֵחֲמַס כָּל־הַיֹּשְׁבִים בָּהּ׃ וְהֶעָרִים הַנּוֹשָׁבוֹת תֶּחֱרַבְנָה
21 וְהָאָרֶץ שְׁמָמָה תִהְיֶה וִידַעְתֶּם כִּי־אֲנִי יְהוָה׃ וַיְהִי
22 דְבַר־יְהוָה אֵלַי לֵאמֹר׃ בֶּן־אָדָם מָה־הַמָּשָׁל הַזֶּה לָכֶם
עַל־אַדְמַת יִשְׂרָאֵל לֵאמֹר יַאַרְכוּ הַיָּמִים וְאָבַד כָּל־חָזוֹן׃
23 לָכֵן אֱמֹר אֲלֵיהֶם כֹּה־אָמַר אֲדֹנָי יְהוִה הִשְׁבַּתִּי אֶת־
הַמָּשָׁל הַזֶּה וְלֹא־יִמְשְׁלוּ אֹתוֹ עוֹד בְּיִשְׂרָאֵל כִּי אִם־דַּבֵּר
24 אֲלֵיהֶם קָרְבוּ הַיָּמִים וּדְבַר כָּל־חָזוֹן׃ כִּי לֹא יִהְיֶה עוֹד
כה כָּל־חֲזוֹן שָׁוְא וּמִקְסַם חָלָק בְּתוֹךְ בֵּית יִשְׂרָאֵל׃ כִּי ׀ אֲנִי
יְהוָה אֲדַבֵּר אֵת אֲשֶׁר אֲדַבֵּר דָּבָר וְיֵעָשֶׂה לֹא תִמָּשֵׁךְ
עוֹד כִּי בִימֵיכֶם בֵּית הַמֶּרִי אֲדַבֵּר דָּבָר וַעֲשִׂיתִיו נְאֻם
26 27 אֲדֹנָי יְהוִה׃ וַיְהִי דְבַר־יְהוָה אֵלַי לֵאמֹר׃ בֶּן־אָדָם
הִנֵּה בֵית־יִשְׂרָאֵל אֹמְרִים הֶחָזוֹן אֲשֶׁר־הוּא חֹזֶה לְיָמִים
28 רַבִּים וּלְעִתִּים רְחוֹקוֹת הוּא נִבָּא׃ לָכֵן אֱמֹר אֲלֵיהֶם כֹּה
אָמַר אֲדֹנָי יְהוִה לֹא־תִמָּשֵׁךְ עוֹד כָּל־דְּבָרָי אֲשֶׁר אֲדַבֵּר
דָּבָר וְיֵעָשֶׂה נְאֻם אֲדֹנָי יְהוִה׃

יג CAP. XIII. יג

2 א וַיְהִי דְבַר־יְהוָה אֵלַי לֵאמֹר׃ בֶּן־אָדָם הִנָּבֵא אֶל־נְבִיאֵי
יִשְׂרָאֵל הַנִּבָּאִים וְאָמַרְתָּ לִנְבִיאֵי מִלִּבָּם שִׁמְעוּ דְּבַר־
3 יְהוָה׃ כֹּה אָמַר אֲדֹנָי יְהוִה הוֹי עַל־הַנְּבִיאִים הַנְּבָלִים
4 אֲשֶׁר הֹלְכִים אַחַר רוּחָם וּלְבִלְתִּי רָאוּ׃ כְּשֻׁעָלִים בָּחֳרָבוֹת
ה נְבִיאֶיךָ יִשְׂרָאֵל הָיוּ׃ לֹא עֲלִיתֶם בַּפְּרָצוֹת וַתִּגְדְּרוּ גָדֵר
6 עַל־בֵּית יִשְׂרָאֵל לַעֲמֹד בַּמִּלְחָמָה בְּיוֹם יְהוָה׃ חָזוּ שָׁוְא
וְקֶסֶם כָּזָב הָאֹמְרִים נְאֻם־יְהוָה וַיהוָה לֹא שְׁלָחָם וְיִחֲלוּ
7 לְקַיֵּם דָּבָר׃ הֲלוֹא מַחֲזֵה־שָׁוְא חֲזִיתֶם וּמִקְסַם כָּזָב
אֲמַרְתֶּם וְאֹמְרִים נְאֻם־יְהוָה וַאֲנִי לֹא דִבַּרְתִּי׃
8 לָכֵן כֹּה אָמַר אֲדֹנָי יְהוִה יַעַן דַּבֶּרְכֶם שָׁוְא וַחֲזִיתֶם כָּזָב

מעכטיגער צו די איינוואוינער פון ירושלים — אויף דאָס לאַנד פון
ישראל וועלען זיי זאָרגענדיג עסען ברויט און וואסער טרינקען ערשטוי־
נענדיג, אום דאָס לאַנד זאָל פערוויסטעט ווערען פון דאָס מיט וואָס
זי איז פול — פון די געוואַלדטהאַטען פון אַלע איהרע בעוואוינער.
20 די בעוואוינטע שטעדט וועלען וויסט ווערען, און דאָס גאַנצע לאַנד
ווערט לוידיג ווערען — דאַן וועט איהר אנערקענען אַז איך בין גאָט.
21 אויך איז גאָט'ס וואָרט געוועזן צו מיר אַזוי צו זאָגען :
22 מענשענקינד ! וואָס בעדייט דער שפּריכוואָרט וואָס איהר האָט זיך
אין'ם לאַנד ישראל'ס, זאָגענדיג : „עס וועט עטוואס צייט נעהמען
און פון אַלע פּראָפעצייהונגען וועט גאָרנישט ווערען".
23 דערפאַר זאָג צו זיי : אַזוי זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער — איך האָב
אָבגעשאַפט דיעזען שפּריכוואָרט, מען וועט איהם שוין מעהר ניט ניצען
אין ישראל ; זאָג זיי : „עס איז נאָהענט די צייט (וואָס עס וועט גע־
שעהען) דאָס וואָרט פון יעדער פּראָפעצייהונג.
24 דאמאלס וועט שוין מעהר ניט זיין קיין פאַלשע פּראָפעצייהונג און קיינע
אונבעדייטענדע צויבעררייען אינ'ם הויז ישראל".
25 אַז איך גאָט רייד, וועט יעדער וואָרט וואָס איך רייד געשעהען, עס וועט
לאַנג ניט געדויערן — נאָך אין פערלויף פון אייער צייט, איהר ווידער־
שפּעניגע הויז, וועל איך רעדען אַ וואָרט און פערווירקליכען דאָס —
זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער.
26 אויך איז גאָט'ס וואָרט געוועזן צו מיר אַזוי צו זאָגען :
27 מענשענקינד ! דאָס הויז ישראל זאָגען : „דאָס פאָראויסזעהונג, וועל־
כע ער פּראָפעצייהעט איז פאַר די שפּעטערע צוקונפט, נאָר פאַר ווייטע
צייטען פּראָפעצייהעט ער".
28 דערפאַר זאָג צו זיי : אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער —
מיינע ווערטער וועלען זיך מעהר ניט פערציהען, דאָס וואָס איך רייד
וועט גלייך געשעהען — זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער.

קאַפּיטעל יג

1 און גאָט'ס וואָרט איז געוועזן צו מיר אַזוי צו זאָגען :
2 מענשענקינד ! פּראָפעצייהע אויף די נביאים פון ישראל, וועלכע פּראָ־
פעצייהען ; זאָג צו די נביאים, וועלכע רעדען וואָס זייער האַרץ וויל :
„הערט דאָס וואָרט פון גאָט !
3 אַזוי זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער — וועה צו די ניכסטווירדיגע פּראָפע־
טען, וועלכע געהן נאָך זייער אייגענעם גייסט, ניט האָבענדיג קיינע (געט־
ליכע) ערשיינונג.
4 ווי פוקסען אין די רואינען, זיינען געוואָרען דיינע נביאים, ישראל !
5 איהר זייט ניט געקומען צו די צובראָכענע ערטער אום צו פאַרריכטען
דעם צאַם פאַר דאָס הויז ישראל אַז זיי זאָלען קענען אויסשטעהען אין
צייט פון קריעג — אינ'ם טאָג פון גאָט'ס שטראָף.
6 זיי האָבען פאָראויסגעזעהען ליגענס און געצויבערט פאַלש, זיי זאָגען :
„גאָט האָט גערעדט" ווען גאָט האָט זיי גאָר ניט געשיקט, און זיי
גיעבען האָפנונג אַז יעדעס וואָרט וועט ערפילט ווערען.
7 האָט איהר ניט ליגען פאָראויסגעזעהען און פאַלשע צויבערייען פאָראויס־
געזאָגט ? איהר זאָגט : „גאָט האָט גערעדט" ווען איך רייד צו אייך ניט;
8 דערפאַר — אַזוי זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער — ווייל איהר רעדט פאַלש

9 לָכֵן הִנְנִי אֲלֵיכֶם נְאֻם אֲדֹנָי יֱהֹוִה׃ וְהָיְתָה יָדִי אֶל־
הַנְּבִיאִים הַחֹזִים שָׁוְא וְהַקֹּסְמִים כָּזָב בְּסוֹד עַמִּי לֹא־יִהְיוּ
וּבִכְתָב בֵּית־יִשְׂרָאֵל לֹא יִכָּתֵבוּ וְאֶל־אַדְמַת יִשְׂרָאֵל לֹא
י יָבֹאוּ וִידַעְתֶּם כִּי־אֲנִי אֲדֹנָי יֱהֹוִה׃ יַעַן וּבְיַעַן הִטְעוּ אֶת־
עַמִּי לֵאמֹר שָׁלוֹם וְאֵין שָׁלוֹם וְהוּא בֹּנֶה חַיִץ וְהִנָּם טָחִים
11 אֹתוֹ תָּפֵל׃ אֱמֹר אֶל־טָחֵי תָפֵל וְיִפֹּל הָיָה ׀ גֶּשֶׁם שׁוֹטֵף
וְאַתֵּנָה אַבְנֵי אֶלְגָּבִישׁ תִּפֹּלְנָה וְרוּחַ סְעָרוֹת תְּבַקֵּעַ׃
12 וְהִנֵּה נָפַל הַקִּיר הֲלוֹא יֵאָמֵר אֲלֵיכֶם אַיֵּה הַטִּיחַ אֲשֶׁר
13 טַחְתֶּם׃ לָכֵן כֹּה אָמַר אֲדֹנָי יֱהֹוִה וּבִקַּעְתִּי רוּחַ־
סְעָרוֹת בַּחֲמָתִי וְגֶשֶׁם שֹׁטֵף בְּאַפִּי יִהְיֶה וְאַבְנֵי אֶלְגָּבִישׁ
14 בְּחֵמָה לְכָלָה׃ וְהָרַסְתִּי אֶת־הַקִּיר אֲשֶׁר־טַחְתֶּם תָּפֵל
וְהִגַּעְתִּיהוּ אֶל־הָאָרֶץ וְנִגְלָה יְסֹדוֹ וְנָפְלָה וּכְלִיתֶם בְּתוֹכָהּ
טו וִידַעְתֶּם כִּי־אֲנִי יְהֹוָה׃ וְכִלֵּיתִי אֶת־חֲמָתִי בַּקִּיר וּבַטָּחִים
16 אֹתוֹ תָּפֵל וְאֹמַר לָכֶם אֵין הַקִּיר וְאֵין הַטָּחִים אֹתוֹ׃ נְבִיאֵי
יִשְׂרָאֵל הַנִּבְּאִים אֶל־יְרוּשָׁלַםִ וְהַחֹזִים לָהּ חֲזוֹן שָׁלֹם
17 וְאֵין שָׁלֹם נְאֻם אֲדֹנָי יֱהֹוִה׃ וְאַתָּה בֶן־אָדָם שִׂים
פָּנֶיךָ אֶל־בְּנוֹת עַמְּךָ הַמִּתְנַבְּאוֹת מִלִּבְּהֶן וְהִנָּבֵא עֲלֵיהֶן׃
18 וְאָמַרְתָּ כֹּה־אָמַר ׀ אֲדֹנָי יֱהֹוִה הוֹי לִמְתַפְּרוֹת כְּסָתוֹת
עַל ׀ כָּל־אַצִּילֵי יָדַי וְעֹשׂוֹת הַמִּסְפָּחוֹת עַל־רֹאשׁ כָּל־
קוֹמָה לְצוֹדֵד נְפָשׁוֹת הַנְּפָשׁוֹת תְּצוֹדֵדְנָה לְעַמִּי וּנְפָשׁוֹת
19 לָכֶנָה תְחַיֶּינָה׃ וַתְּחַלֶּלְנָה אֹתִי אֶל־עַמִּי בְּשַׁעֲלֵי שְׂעֹרִים
וּבִפְתוֹתֵי לֶחֶם לְהָמִית נְפָשׁוֹת אֲשֶׁר לֹא־תְמוּתֶנָה וּלְחַיּוֹת
נְפָשׁוֹת אֲשֶׁר לֹא־תִחְיֶינָה בְּכַזֶּבְכֶם לְעַמִּי שֹׁמְעֵי כָזָב׃
כ לָכֵן כֹּה־אָמַר ׀ אֲדֹנָי יֱהֹוִה הִנְנִי אֶל־כִּסְּתוֹתֵיכֶנָה
אֲשֶׁר אַתֵּנָה מְצֹדְדוֹת שָׁם אֶת־הַנְּפָשׁוֹת לְפֹרְחוֹת וְקָרַעְתִּי
אֹתָם מֵעַל זְרוֹעֹתֵיכֶם וְשִׁלַּחְתִּי אֶת־הַנְּפָשׁוֹת אֲשֶׁר אַתֶּם
21 מְצֹדְדוֹת אֶת־נְפָשִׁים לְפֹרְחֹת׃ וְקָרַעְתִּי אֶת־מִסְפְּחֹתֵיכֶם

והצלתי

v. 9 קָמֵץ בסמך

און זעהט פֿאַראויס ליגען, וועל איך זיך דערפֿאַר נעהמען צו אייך — זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער.

9 איך וועל מיין האַנד לעגען אויף די נביאים וואָס זעהען פֿאַראויס ליגען און צויבערען פֿאַלש — אין פֿערזאַמלונג פֿון מיין פֿאָלק וועלען זיי ניט זיין, און אין דאָס פֿערצייכניס פֿון'ם הויז ישראל וועלען זיי ניט איינגעשריעבען זיין, אויך צו דאָס לאַנד פֿון ישראל וועלען זיי ניט קומען ; אום איהר זאָלט אַנערקענען אז איך בין גאָט דער אַלמעכטיגער.

10 נאָר דערפֿאַר וואָס זיי האָבען פֿערפֿיהרט מיין פֿאָלק זאָגענדיג : „פֿריעדען, פֿריעדען !" ווען עס איז קיין פֿריעדען ; ער (דאָס פֿאָלק) בויט אַ וועגטעל און זיי בעשמירען דאָס מיט טינק.

11 זאָג די טינקשמירער : עס וועט אַראָבפֿאַלען ! עס וועט זיין אַ שטאַרקער רעגען, אויך וועל איך מאַכען אַז האָגעל־שטיינער וועלען אומוואַרפֿען אַלעס און שטורעמווינדען וועלען צוברעכען,

12 און דאַן ווען די וואַנד וועט איינפֿאַלען וועט מען דאָך אייך פֿרעגען : „וואו איז דער טינק וואָס איהר האָט אָנגעשמירט ?"

13 דערפֿאַר — אזוי זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער — איך וועל מיט מיין וואוטה ברעכען דורך שטורעמווינדען אויך אַ שטאַרקער רעגען וועט זיין לויט מיין צאָרן, די האָגעלשטיינער וועלען מיין וואוטה אין גאַנצען דורכפֿיהרען.

14 איך וועל צושמעטערען די וואַנד וואָס איהר האָט מיט טינק בעשמירט ביז איך וועל איהר צו דער ערד ערניעדריגען אַז עס וועט זיך זעהען דער פֿונדאַמענט ; זי וועט איינפֿאַלען און איהר וועט אונטער איהר פֿערניכטעט ווערען — דאַן וועט איהר וויסען אַז איך בין גאָט.

15 איך וועל אויסלאָזען מיין צאָרן צום וואַנד און די וואָס שמירען איהם מיט טינק ; דאַן וועל איך אייך זאָגען : אָט איז אוים וואַנד און אוים שמירערס !

16 ד. ה. ישראל'ס נביאים וואָס פּראָפֿעצייהען אויף ירושלים און זעהען פֿאַראויס פֿאַר איהר אַ אויסזיכט אויף פֿריעדען ווען עס איז קיין פֿריעדען — זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער.

17 און דו, מענשענקינד, ווענדע דיין געזיכט צו די טעכטער פֿון דיין פֿאָלק, וועלכע פּראָפֿעצייהען וואָס זייער האַרץ געלוסט, פּראָפֿעצייהע אויף זיי,

18 און זאָג : אַזוי זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער — וועה אויף די וואָס נעהען קיסעלאַך אונטער די אַרעמס פֿון אַלע הענד און מאַכען קאָפּטיכער אויפ'ן קאָפּ פֿון יעדער ערוואַקסענע, אום זעעלען צו פֿאַנגען. זיי פֿאַנגען זעעלען פֿון מיין פֿאָלק אום זייערע אייגענע זעעלען צו ערנעהרען.

19 אויך פֿעראַכטעט איהר מיר ביי מיין פֿאָלק פֿאַר הויפֿענס גערשטען און ברעקלאַך ברויט, אום צו טוידטען פֿערזאָנען וואָס דאַרפֿען ניט געטוידט ווערען אָדער צו ערנעהרען פֿערזאָנען וועלכע דאַרפֿען ניט ערנעהרט ווערען, לייגענדיג צו מיין פֿאָלק וואָס הערט אוים אייערע ליגענס.

20 דערפֿאַר — אַזוי זאָגט דער אַלמעכטיגער — איך וועל זיך נעהמען פֿאַר אייערע קיסעלאַך, מיט וועלכע איהר פֿאַנגט דאָרטען די יונגע זעעלען, און איך וועל זיי אַרונטער רייסען פֿון אייערע אָרעמס ; איך וועל בעפֿרייען די זעעלען וועלכע איהר פֿאַנגט — די יונגע זעעלען.

21 איך וועל אויך אַרונטעררייסען אייערע קאָפּטיכער און וועל רעטען מיין

וְהִצַּלְתִּ֤י אֶת־עַמִּי֙ מִיֶּדְכֶ֔ן וְלֹא־יִהְי֥וּ ע֛וֹד בְּיֶדְכֶ֖ן לִמְצוּדָ֑ה
22 וִֽידַעְתֶּ֖ן כִּֽי־אֲנִ֥י יְהוָֽה׃ יַ֣עַן הַכְא֤וֹת לֵב־צַדִּיק֙ שֶׁ֔קֶר וַאֲנִ֖י לֹ֣א
הִכְאַבְתִּ֑יו וּלְחַזֵּק֙ יְדֵ֣י רָשָׁ֔ע לְבִלְתִּי־שׁ֛וּב מִדַּרְכּ֥וֹ הָרָ֖ע
23 לְהַחֲיֹתֽוֹ׃ לָכֵ֗ן שָׁ֚וְא לֹ֣א תֶחֱזֶ֔ינָה וְקֶ֖סֶם לֹא־תִקְסַ֣מְנָה ע֑וֹד
וְהִצַּלְתִּ֤י אֶת־עַמִּי֙ מִיֶּדְכֶ֔ן וִידַעְתֶּ֖ן כִּֽי־אֲנִ֥י יְהוָֽה׃

יד CAP. XIV. יד

2 א וַיָּב֣וֹא אֵלַ֔י אֲנָשִׁ֖ים מִזִּקְנֵ֣י יִשְׂרָאֵ֑ל וַיֵּשְׁב֖וּ לְפָנָֽי׃ וַיְהִ֥י
3 דְּבַר־יְהוָ֖ה אֵלַ֥י לֵאמֹֽר׃ בֶּן־אָדָ֗ם הָאֲנָשִׁ֤ים הָאֵ֙לֶּה֙ הֶעֱל֤וּ
גִלּֽוּלֵיהֶם֙ עַל־לִבָּ֔ם וּמִכְשׁ֣וֹל עֲוֺנָ֔ם נָתְנ֖וּ נֹ֣כַח פְּנֵיהֶ֑ם הַאִדָּרֹ֥שׁ
4 אִדָּרֵ֖שׁ לָהֶֽם׃ לָכֵ֞ן דַּבֵּר־אוֹתָ֣ם וְאָמַרְתָּ֣ אֲלֵיהֶ֗ם
כֹּֽה־אָמַר֮ ׀ אֲדֹנָ֣י יְהוִה֒ אִ֣ישׁ אִ֣ישׁ מִבֵּ֣ית יִשְׂרָאֵ֡ל אֲשֶׁר֩
יַעֲלֶ֨ה אֶת־גִּלּוּלָ֜יו אֶל־לִבּ֗וֹ וּמִכְשׁ֤וֹל עֲוֺנוֹ֙ יָשִׂ֣ים נֹ֣כַח פָּנָ֔יו
וּבָ֖א אֶל־הַנָּבִ֑יא אֲנִ֣י יְהוָ֗ה נַעֲנֵ֧יתִי ל֛וֹ בָ֖ה* בְּרֹ֥ב גִּלּוּלָֽיו׃
ה לְמַ֛עַן תְּפֹ֥שׂ אֶת־בֵּֽית־יִשְׂרָאֵ֖ל בְּלִבָּ֑ם אֲשֶׁ֤ר נָזֹ֙רוּ֙ מֵעָלַ֔י
6 בְּגִלּוּלֵיהֶ֖ם כֻּלָּֽם׃ לָכֵ֞ן אֱמֹ֣ר ׀ אֶל־בֵּ֣ית יִשְׂרָאֵ֗ל
כֹּ֤ה אָמַר֙ אֲדֹנָ֣י יְהוִ֔ה שׁ֣וּבוּ וְהָשִׁ֔יבוּ מֵעַ֖ל גִּלּֽוּלֵיכֶ֑ם וּמֵעַ֥ל
7 כָּל־תּוֹעֲבֹתֵיכֶ֖ם הָשִׁ֥יבוּ פְנֵיכֶֽם׃ כִּ֡י אִ֣ישׁ אִישׁ֩ מִבֵּ֨ית
יִשְׂרָאֵ֜ל וּמֵהַגֵּ֣ר ׀ אֲשֶׁר־יָג֣וּר בְּיִשְׂרָאֵ֗ל וְיִנָּזֵר֙ מֵאַחֲרַ֔י וְיַ֤עַל
גִּלּוּלָיו֙ אֶל־לִבּ֔וֹ וּמִכְשׁ֣וֹל עֲוֺנ֔וֹ יָשִׂ֖ים נֹ֣כַח פָּנָ֑יו וּבָ֣א אֶל־
8 הַנָּבִ֗יא לִדְרָשׁ־ל֥וֹ בִ֛י אֲנִ֥י יְהוָ֖ה נַעֲנֶה־לּ֥וֹ בִּֽי׃ וְנָתַתִּ֨י פָנַ֜י
בָּאִ֣ישׁ הַה֗וּא וַהֲשִֽׁמֹתִ֙יהוּ֙ לְא֣וֹת וְלִמְשָׁלִ֔ים וְהִכְרַתִּ֖יו
9 מִתּ֣וֹךְ עַמִּ֑י וִֽידַעְתֶּ֖ם כִּֽי־אֲנִ֥י יְהוָֽה׃ וְהַנָּבִ֤יא כִֽי־יְפֻתֶּה֙
וְדִבֶּ֣ר דָּבָ֔ר אֲנִ֤י יְהוָה֙ פִּתֵּ֔יתִי אֵ֖ת הַנָּבִ֣יא הַה֑וּא וְנָטִ֤יתִי אֶת־
י יָדִי֙ עָלָ֔יו וְהִ֨שְׁמַדְתִּ֔יו מִתּ֖וֹךְ עַמִּ֥י יִשְׂרָאֵֽל׃ וְנָשְׂא֖וּ עֲוֺנָ֑ם
11 כַּעֲוֺן֙ הַדֹּרֵ֔שׁ כַּעֲוֺ֥ן הַנָּבִ֖יא יִהְיֶֽה׃ לְמַ֡עַן לֹֽא־יִתְע֨וּ ע֜וֹד בֵּֽית־
יִשְׂרָאֵל֙ מֵאַחֲרַ֔י וְלֹֽא־יִטַּמְּא֥וּ ע֖וֹד בְּכָל־פִּשְׁעֵיהֶ֑ם וְהָ֥יוּ לִי֙
לְעָ֔ם וַאֲנִ֗י אֶהְיֶ֥ה לָהֶ֛ם לֵֽאלֹהִ֖ים נְאֻ֖ם אֲדֹנָ֥י יְהוִֽה׃

ויהי

יד v. 1. סבירין ויבואו v. 4. בא קרי

פאָלק פון אײַערע הענד, זיי וועלען שוין מעהר ביי אייך ניט דיענען אַלס
אַ נעץ ; דאַן וועט איהר אַנערקענען אַז איך בין גאָט.
22 ווייל איהר האָט מיט ליגענס געקריינקט דאָס הארץ פון פרומען וועל־
כען איך וואָלט ניט קרענקען, און געשטאַרקט די הענד פונ׳ם פערברעכער
און געשטיצט איהם אום ער זאָל זיך ניט צוריקקעהרען פון זיין שלעכטע
וועג.
23 דערפאַר וועט איהר שוין מעהר קיינע ליגענס פאָראויסזעהען אויף
קיינע צויבעריי געברויכען, איך וועל רעטען מיין פאָלק פון אײַער האַנד
אום איהר זאָלט וויסען אַז איך בין גאָט.

קאַפּיטעל יד

1 אַ מאָל זיינען צו מיר געקומען מענער פון די עלטסטע פון ישראל און
געזעסען ביי מיר,
2 איז גאָט׳ס וואָרט געוועזן צו מיר אַזוי צו זאָגען :
3 מענשענקינד ! די זעלביגע מענער האַלטען זייערע געצען אויף זייער
האַרצען און די אורזאַכען פון זייער זינד איז אימער פאַר זייער געזיכט ;
זאָל איך זיך לאָזען אויפזוכען פון זיי ?
4 אַלזאָ רייד מיט זיי און זאָג זיי : אַזוי זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער —
יעדער מענש פונ׳ם הויז ישראל וואָס טראָגט זיינע געצען אויפ׳ן האַרצען
און די אורזאַכע פון זיין זינד איז אימער פאַר זיין געזיכט, און דאָך וועט
ער קומען צום נביא, מוז איך איהם גאָט ענטפערען אָבוואָהל ער איז
געקומען מיט די פיעל געצען זיינע.
5 אום אָנצונעהמען דאָס הויז ישראל נאָך זייער האַרצען וועלכע האָבען זיך
דערווייטערט פון מיר צוליעב אַלע זייערע געצען.
6 דערפאַר זאָג צום דאָס הויז ישראל : אַזוי זאָגט גאָט דער אַלמעכטי־
גער — קעהרט זיך (צו מיר) און געהט אַוועק פון אײַערע געצען, פון
אַלע גרוילטהאַטען אײַערע ווענדעט אָב אײַער געזיכט.
7 וואָרום יעדער איינער פונ׳ם הויז ישראל אויך פון די פרעמדלינגע
וועלכע וואָהנען אין ישראל, וואָס וועט זיך ערווייטערען פון מיר, ער
וועט האַלטען זיינע געצען אויפ׳ן האַרצען און די אורזאַכע פון זיין זינד
וועט ער אימער האַלטען פאַר זיך, און דאָך וועט ער קומען צום נביא
און וועגען מיר פרעגען, ווי איך בין גאָט, איך וועל איהם זיין ביטע
ענטפערען.
8 וועל איך אָבער מיין צאָרן לעגען אויף יענעם מאַן, וועל איך איהם שוין
מאַכען אַלס צייכען און ביי־שפּיעל און וועל איהם אויסראָטהען פון
מיין פאָלק, אום איהר זאָלט וויסען אַז איך בין גאָט.
9 ווען אָבער דער נביא וועט זיך לאָזען איבעררײדען און וועט וואָס־עס־איז
ריידען, האָב איך גאָט געמאַכט דער נביא זאָל איבערגערעדט ווערען ;
איך האָב דאָס אויסגעשטרעקט מיין האַנד אויף איהם, אום איהם צו פאַר־
טיליגען פון מיין פאָלק ישראל.
10 זיי וועלען ביידען ליידען פאַר זייער זינד, אַזוי ווי פאַר דעם זינד פון
פאָרשער אַזוי וועט זיין פאַר דעם זינד פון נביא.
11 אום זיי זאָלען מעהר ניט פערפיהרען פון מיר דאָס הויז ישראל און
ניט אונריין ווערען מעהר דורך אַלע פערברעכען זייערע ; אַז זיי וועלען
זיין מיין פאָלק, וועל איך זיין זייער גאָט — זאָגט גאָט דער אַלמעכטי־
גער.

12 13 וַיְהִי דְבַר־יְהוָה אֵלַי לֵאמֹר׃ בֶּן־אָדָם אֶרֶץ כִּי תֶחֱטָא־לִי
לִמְעָל־מַעַל וְנָטִיתִי יָדִי עָלֶיהָ וְשָׁבַרְתִּי לָהּ מַטֵּה־לָחֶם
14 וְהִשְׁלַחְתִּי־בָהּ רָעָב וְהִכְרַתִּי מִמֶּנָּה אָדָם וּבְהֵמָה׃ וְהָיוּ
שְׁלֹשֶׁת הָאֲנָשִׁים הָאֵלֶּה בְּתוֹכָהּ נֹחַ דָּנִאֵל וְאִיּוֹב הֵמָּה
טו בְצִדְקָתָם יְנַצְּלוּ נַפְשָׁם נְאֻם אֲדֹנָי יֱהוִה׃ לוּ־חַיָּה רָעָה
אַעֲבִיר בָּאָרֶץ וְשִׁכְּלַתָּה וְהָיְתָה שְׁמָמָה מִבְּלִי עוֹבֵר מִפְּנֵי
16 הַחַיָּה׃ שְׁלֹשֶׁת הָאֲנָשִׁים הָאֵלֶּה בְּתוֹכָהּ חַי־אָנִי נְאֻם אֲדֹנָי
יֱהוִה אִם־בָּנִים וְאִם־בָּנוֹת יַצִּילוּ הֵמָּה לְבַדָּם יִנָּצֵלוּ וְהָאָרֶץ
17 תִּהְיֶה שְׁמָמָה׃ אוֹ חֶרֶב אָבִיא עַל־הָאָרֶץ הַהִיא וְאָמַרְתִּי
18 חֶרֶב תַּעֲבֹר בָּאָרֶץ וְהִכְרַתִּי מִמֶּנָּה אָדָם וּבְהֵמָה׃ וּשְׁלֹשֶׁת
הָאֲנָשִׁים הָאֵלֶּה בְּתוֹכָהּ חַי־אָנִי נְאֻם אֲדֹנָי יֱהוִה לֹא יַצִּילוּ
19 בָּנִים וּבָנוֹת כִּי הֵם לְבַדָּם יִנָּצֵלוּ׃ אוֹ דֶּבֶר אֲשַׁלַּח אֶל־
הָאָרֶץ הַהִיא וְשָׁפַכְתִּי חֲמָתִי עָלֶיהָ בְּדָם לְהַכְרִית מִמֶּנָּה
כ אָדָם וּבְהֵמָה׃ וְנֹחַ דָּנִאֵל וְאִיּוֹב בְּתוֹכָהּ חַי־אָנִי נְאֻם
אֲדֹנָי יֱהוִה אִם־בֵּן אִם־בַּת יַצִּילוּ הֵמָּה בְצִדְקָתָם יַצִּילוּ
21 נַפְשָׁם׃ כִּי כֹה אָמַר אֲדֹנָי יֱהוִה אַף כִּי־אַרְבַּעַת
שְׁפָטַי ׀ הָרָעִים חֶרֶב וְרָעָב וְחַיָּה רָעָה וָדֶבֶר שִׁלַּחְתִּי
22 אֶל־יְרוּשָׁלִָם לְהַכְרִית מִמֶּנָּה אָדָם וּבְהֵמָה׃ וְהִנֵּה
נוֹתְרָה־בָּהּ פְּלֵטָה הַמּוּצָאִים בָּנִים וּבָנוֹת הִנָּם יוֹצְאִים
אֲלֵיכֶם וּרְאִיתֶם אֶת־דַּרְכָּם וְאֶת־עֲלִילוֹתָם וְנִחַמְתֶּם עַל־
הָרָעָה אֲשֶׁר הֵבֵאתִי עַל־יְרוּשָׁלִַם אֵת כָּל־אֲשֶׁר הֵבֵאתִי
23 עָלֶיהָ׃ וְנִחֲמוּ אֶתְכֶם כִּי־תִרְאוּ אֶת־דַּרְכָּם וְאֶת־עֲלִילוֹתָם
וִידַעְתֶּם כִּי לֹא חִנָּם עָשִׂיתִי אֵת כָּל־אֲשֶׁר־עָשִׂיתִי בָהּ נְאֻם
אֲדֹנָי יֱהוִה׃

CAP. XV. טו

טו

א 2 וַיְהִי דְבַר־יְהוָה אֵלַי לֵאמֹר׃ בֶּן־אָדָם מַה־יִּהְיֶה עֵץ
3 הַגֶּפֶן מִכָּל־עֵץ הַזְּמוֹרָה אֲשֶׁר הָיָה בַּעֲצֵי הַיָּעַר׃ הֲיֻקַּח

מִמֶּנּוּ

יד v. 15. פתח באתנח v. 19. למדנחאי על v. 22. למדנחאי אל v. 23. כ״א לה

12 אויך איז גאָט'ס וואָרט געוועזן צו מיר אַזוי צו זאָגען :
13 מענשענקינד ! אַז אַ לאַנד פערבּרעכט קעגען מיר ווערענדיג אונטריי,
און איך וועל אויסשטרעקען מיין האַנד אויף איהר און צוברעכען איהר
ברויט־שטאָם, אָדער איך וועל אויף איהר אָנשיקען אַ הונגער אום צו
פערניכטען פון איהר מענשען און פיה.
14 זאָגאַר אויב עס וועלען אין איהר זיין אַזעלכע דריי מענער ווי נח,
דניאל און איוב, וועלען זיי מיט זייער פרומקייט נאָר זיך אַליין רעט־
טען — זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער.
15 אויב איך וועל ברענגען אַ בייזע טהיער אויפ'ן לאַנד און זי וועט
קינדער ערשלאָגען ביז די שטאָדט וועט פערוויסט ווערען אָהן דורכגעהער,
צוליעב די טהיערען.
16 און די דריי מענער וועלען זיך דאָרטען געפינען, ביי מיין לעבען —
זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער — אויב זיי וועלען רעטען זיהן אָדער טעכ־
טער ; זיי אַליין וועלען גערעטעט ווערען אָבער דאָס לאַנד וועט וויסט
ווערען.
17 אויב איך וועל אַ שווערד ברענגען אויף יענע לאַנד, ד. ה. איך וועל בּע־
שטימען אַז אַ שווערד זאָל דורכגעהען, אין לאַנד, אום צו פערניכטען
פון איהר מענשען און פיה,
18 און די דריי מענער וועלען זיך דאָרטען געפינען, ביי מיין לעבען — זאָגט
גאָט דער אַלמעכטיגער — וועלען זיי ניט רעטען זיהן אָדער טעכטער,
בּלויז זיי אַליין וועלען גערעטעט ווערען.
19 אויב איך וועל אויף יענע לאַנד אָנשיקען אַ פּעסט און איך וועל מיין צאָרן
אויסגיעסען אויף איהר דורך בּלוט פערגיעסונג, אום אויסצוראָטהען פון
איהר מענשען און פיה,
20 און נח, דניאל און איוב, וועלען זיך געפינען אין איהר, ביי מיין לעבען —
זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער — אויב זיי וועלען רעטען אַ זוהן אָדער
אַ טאָכטער, נאָר זיי אַליין וועלען זייערע זעעלען רעטען צוליעב זייער
פרומקייט.
21 אַזוי זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער : זאָגאָר ווען אַלע פיער שלעכטע
שטראָפען מיינע — שווערד, הונגער, אַ בייזע טהיער און פּעסט —
האָב איך אָנגעשיקט אויף ירושלים, אום צו פערניכטען פון איהר מענשען
און פיה ;
22 און עס איז געבּליעבען אין איהר אַ רעסט זיהן און טעכטער וואָס וועלען
אַוועקגעפיהרט ווערען, ווי זיי וועלען אַרויס צו אייך וועט איהר זעהען
זייער אויפפיהרונג און זייערע טהאַטען, וועט איהר זיך טרייסטען אויף
דעם אונגליק וואָס איך האָב געבּראַכט אויף ירושלים, אַלץ וואָס איך האָב
אויף איהר געבּראַכט.
23 זיי וועלען אייך טרייסטען, ווען איהר וועט זעהען זייער אויפפיהרונג
און זייערע טהאַטען ; דאַן וועט איהר וויסען אַז ניט אומזיסט האָב
איך געטהאָן אַלץ וואָס איך האָב געטהאָן אין איהר — זאָגט גאָט דער
אַלמעכטיגער.

קאַפּיטעל טו

1 און גאָטס וואָרט איז געוועזן צו מיר אַזוי צו זאָגען :
2 מענשענקינד ! מיט וואָס איז בּעסער דער וויינבוים פאַר אַלע צווייגען
בּוימער, וועלכע זיינען צווישען די וואַלד־בּוימער?
3 נעהמט מען פון איהם האָלץ אַרבּייט צו טהאָן ? אָדער נעהמט מען פון
איהם אַ פּלעקעל אַ וועלכע־עס־איז כּלי אויף איהם אויפצוהענגען ?

מִמֶּ֥נּוּ עֵ֖ץ לַעֲשׂ֣וֹת לִמְלָאכָ֑ה אִם־יִקְח֤וּ מִמֶּ֙נּוּ֙ יָתֵ֔ד לִתְל֥וֹת
עָלָ֖יו כָּל־כֶּֽלִי׃ הִנֵּ֥ה לָאֵ֖שׁ נִתַּ֣ן לְאָכְלָ֑ה אֵת֩ שְׁנֵ֨י קְצוֹתָ֜יו 4
אָכְלָ֤ה הָאֵשׁ֙ וְתוֹכ֣וֹ נָחָ֔ר הֲיִצְלַ֖ח לִמְלָאכָֽה׃ הִנֵּ֙ה בִּֽהְיוֹת֣וֹ ה
תָמִ֔ים לֹ֥א יֵעָשֶׂ֖ה לִמְלָאכָ֑ה אַ֣ף כִּֽי־אֵ֤שׁ אֲכָלַ֙תְהוּ֙ וַיֵּחָ֔ר
וְנַעֲשָׂ֥ה ע֖וֹד לִמְלָאכָֽה׃ לָכֵ֗ן כֹּ֤ה אָמַר֙ אֲדֹנָ֣י יֱהֹוִ֔ה 6
כַּאֲשֶׁ֤ר עֵֽץ־הַגֶּ֙פֶן֙ בְּעֵ֣ץ הַיַּ֔עַר אֲשֶׁר־נְתַתִּ֥יו לָאֵ֖שׁ לְאָכְלָ֑ה
כֵּ֣ן נָתַ֔תִּי אֶת־יֹשְׁבֵ֖י יְרוּשָׁלִָֽם׃ וְנָתַתִּ֤י אֶת־פָּנַי֙ בָּהֶ֔ם מֵהָאֵ֣שׁ 7
יָצָ֔אוּ וְהָאֵ֖שׁ תֹּאכְלֵ֑ם וִֽידַעְתֶּם֙ כִּֽי־אֲנִ֣י יְהֹוָ֔ה בְּשׂוּמִ֥י אֶת־
פָּנַ֖י בָּהֶֽם׃ וְנָתַתִּ֥י אֶת־הָאָ֖רֶץ שְׁמָמָ֑ה יַ֚עַן מָ֣עֲלוּ מַ֔עַל נְאֻ֖ם 8
אֲדֹנָ֥י יֱהֹוִֽה׃

טז

Cap. XVI. טז

וַיְהִ֥י דְבַר־יְהֹוָ֖ה אֵלַ֥י לֵאמֹֽר׃ בֶּן־אָדָ֕ם הוֹדַ֥ע אֶת־יְרוּשָׁלִַ֖ם א 2
אֶת־תּוֹעֲבֹתֶֽיהָ׃ וְאָמַרְתָּ֞ כֹּה־אָמַ֨ר אֲדֹנָ֤י יֱהֹוִה֙ לִיר֣וּשָׁלִַ֔ם 3
מְכֹרֹתַ֙יִךְ֙ וּמֹ֣לְדֹתַ֔יִךְ מֵאֶ֖רֶץ הַֽכְּנַעֲנִ֑י אָבִ֥יךְ הָאֱמֹרִ֖י וְאִמֵּ֥ךְ
חִתִּֽית׃ וּמֽוֹלְדוֹתַ֗יִךְ בְּיוֹם֙ הוּלֶּ֣דֶת אֹתָ֔ךְ לֹא־כָרַּ֣ת שָׁרֵּ֔ךְ 4
וּבְמַ֥יִם לֹֽא־רֻחַ֖צְתְּ לְמִשְׁעִ֑י וְהָמְלֵ֙חַ֙ לֹ֣א הֻמְלַ֔חַתְּ וְהָחְתֵּ֖ל
לֹ֥א חֻתָּֽלְתְּ׃ לֹא־חָ֨סָה עָלַ֜יִךְ עַ֗יִן לַעֲשׂ֥וֹת לָ֛ךְ אַחַ֥ת מֵאֵ֖לֶּה ה
לְחֻמְלָ֣ה עָלָ֑יִךְ וַתֻּשְׁלְכִ֞י אֶל־פְּנֵ֤י הַשָּׂדֶה֙ בְּגֹ֣עַל נַפְשֵׁ֔ךְ בְּי֖וֹם
הֻלֶּ֥דֶת אֹתָֽךְ׃ וָאֶעֱבֹ֤ר עָלַ֙יִךְ֙ וָֽאֶרְאֵ֔ךְ מִתְבּוֹסֶ֖סֶת בְּדָמָ֑יִךְ 6
וָאֹ֥מַר לָ֛ךְ בְּדָמַ֥יִךְ חֲיִ֖י וָאֹ֥מַר לָ֛ךְ בְּדָמַ֥יִךְ חֲיִֽי׃ רְבָבָה֙ כְּצֶ֣מַח 7
הַשָּׂדֶ֔ה נְתַתִּ֔יךְ וַתִּרְבִּי֙ וַֽתִּגְדְּלִ֔י וַתָּבֹ֖אִי בַּעֲדִ֣י עֲדָיִ֑ים שָׁדַ֨יִם
נָכֹ֜נוּ וּשְׂעָרֵ֣ךְ צִמֵּ֔חַ וְאַ֖תְּ עֵרֹ֥ם וְעֶרְיָֽה׃ וָאֶעֱבֹ֨ר עָלַ֜יִךְ וָאֶרְאֵ֗ךְ 8
וְהִנֵּ֤ה עִתֵּךְ֙ עֵ֣ת דֹּדִ֔ים וָאֶפְרֹ֤שׂ כְּנָפִי֙ עָלַ֔יִךְ וָאֲכַסֶּ֖ה עֶרְוָתֵ֑ךְ
וָאֶשָּׁ֣בַֽע לָ֠ךְ וָאָב֨וֹא בִבְרִ֜ית אֹתָ֗ךְ נְאֻ֛ם אֲדֹנָ֥י יֱהֹוִ֖ה וַתִּֽהְיִי־
לִֽי׃ וָאֶרְחָצֵ֣ךְ בַּמַּ֔יִם וָאֶשְׁטֹ֥ף דָּמַ֖יִךְ מֵעָלָ֑יִךְ וָאֲסֻכֵ֖ךְ בַּשָּֽׁמֶן׃ 9
וָאַלְבִּישֵׁ֣ךְ רִקְמָ֔ה וָאֶנְעֲלֵ֖ךְ תָּ֑חַשׁ וָאֶחְבְּשֵׁ֣ךְ בַּשֵּׁ֔שׁ וַאֲכַסֵּ֖ךְ י
מֶֽשִׁי׃ וָאֶעְדֵּ֖ךְ עֶ֑דִי וָאֶתְּנָ֤ה צְמִידִים֙ עַל־יָדַ֔יִךְ וְרָבִ֖יד עַל־ 11

גרונך

ט״ו 6. 7. ˅ קָמֵץ ב״ק ט״ז v. 4. דגש אחר שורק ibid. ב׳ רישין דגושין

4 ווען מען לעגט איהם אַריין אין פייער ווערט ער פערברענט, ביידע עקען
פערברענט דער פייער און אין מיטען ווערט ער צוטריקענט ; קען עס
בענוצט ווערען צו אַרבייט ?
5 אויב ווען עס איז גאַנץ געוועזן האָט עס ניט גענוצט צו אַרבייט, ווי איז
שוין ווען אַ פייער האָט עס געברענט און עס איז צוטריקענט געוואָרען ;
קען דאָס בענוצט ווערען צו אַרבייט ?
6 דערפאַר — אַזוי זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער — אַזוי ווי דער ווייַנבוים
וועלכען איך האָב געמאַכט אַז פייער זאָל איהם פערברענען אַזוי ווי אַ
וואַלד־בוים, אַזוי האָב איך אויך געמאַכט די איינוואָהנער פון ירושלים.
7 איך וועל לעגען אויף זיי מיין צאָרן, זיי זיינען אַוועק פון'ם פייער
אָבער דער פייער וועט זיי דאָך פערברענען ; און איהר זאָלט אַנער־
קענען אַז איך בין גאָט (אַמווייניגסטען) ווען איך וועל לעגען אויף זיי
מיין צאָרן,
8 און פערוויסטען דאָס לאַנד, ווייל זיי האָבען טריילאָז געהאַנדעלט —
זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער.

קאַפּיטעל טז

1 און גאָט'ס וואָרט איז געוועזן צו מיר אַזוי צו זאָגען :
2 מענשענקינד ! מאַך בעקאַנט ירושלים מיט איהרע גרוילטהאַטען,
3 און זאָג : אַזוי זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער צו ירושלים — דיין אַב־
שטאַמונג און דיין געבורט איז פון'ם לאַנד כנען, דיין פאָטער איז פון
אמרי און דיין מוטער איז פון חת.
4 אַזוי איז דיין געבורט געוועזן : דעם טאָג וואָס דו ביזט געבאָרען געוואָ־
רען האָט מען דיין נאָפּעל ניט אָבגעשניטען, דו ביזט אויך ניט געוואַשען
געוואָרען מיט וואַסער אום דיר גלאַט צו מאַכען : מיט זאַלץ האָט מען
דיר ניט אַרומגעריבען און אין וויקעלאַך האָט מען דיר ניט געוויקעלט.
5 עס האָט קיינעם ניט געהאַרט צו טהאָן דיר איינע פון דיזע אַלס מיט־
לייד אויף דיר, דו ביזט אַרויסגעוואָרפען געוואָרען אויפ'ן פרייען פעלד
מיט דיין שמוציגען קערפּער, אין דעם זעלביגען טאָג וואָס דו ביזט געבאָ־
רען געוואָרען.
6 איך בין דיר פערבייגעגאַנגען און האָב דיר געזעהען איינגעשמוצטערהייד
אין דיין בלוט, האָב איך צו דיר געזאָגט : אין דיין בלוט לעב ! איך
האָב דאָס דיר פאָראויסגעזאָגט : אַז מיט דיין בלוט וועסטו אימער
לעבען.
7 און איך האָב דיר צאָהלרייך געמאַכט ווי דאָס גראָז פון'ם פעלד ;
דו ביזט גרעסער געוואָרען, אויפגעוואַקסען, און געקומען אין יוגענד־
שעהנעם עלטער : דיינע בריסט זיינען רונד געוואָרען און דיין האָאר
לאַנג געוואַקסען ; אָבער דו ביזט געוועזן מוטער־נאַקעט.
8 איך בין דיר נאָך אַ מאָל פערבייגעגאַנגען און האָב דיר בעטראַכט, ערשט
דיין עלטער פאַסט פאַר ליעבע, האָב איך מיין ברעג קלייד אויסגע־
שפּרייט אויף דיר אום דיין נאַקעטקייט צו בעדעקען, איך האָב דיר
(ליעבע) געשוואָרען און בין געקומען אין פערבינדונג מיט דיר — זאָגט
גאָט דער אַלמעכטיגער — און דו ביזט מיינע געוואָרען.
9 דאַן האָב איך דיר אָבגעוואַשען מיט וואַסער, איך האָב אָבגעשווייַנקט
דיינע בלוט־פלעקען פון דיר און אויסגעשמריט דיר מיט אויל.
10 איך האָב דיר בעקליידעט מיט געשטיקטע קליידער און האָב דיר שיך
געמאַכט פון אַנטילאָפּען פעל, איך האָב אייַנגעוויקעלט אין לינען און
בעדעקט דיר מיט זיידענס.
11 איך האָב דיר בעציערט מיט ציערונג — איך האָב אָנגעטהאָן אַרעמ־
בענדער אויף דיינע הענד און אַ קייט אויף דיין האַלז.

12 גְּרוֹנֵךְ׃ וָאֶתֵּן נֶזֶם עַל־אַפֵּךְ וַעֲגִילִים עַל־אָזְנָיִךְ וַעֲטֶרֶת
13 תִּפְאֶרֶת בְּרֹאשֵׁךְ׃ וַתַּעְדִּי זָהָב וָכֶסֶף וּמַלְבּוּשֵׁךְ שֵׁשִׁי וָמֶשִׁי
וְרִקְמָה סֹלֶת וּדְבַשׁ וָשֶׁמֶן אָכָלְתִּי וַתִּיפִי בִּמְאֹד מְאֹד
14 וַתִּצְלְחִי לִמְלוּכָה׃ וַיֵּצֵא לָךְ שֵׁם בַּגּוֹיִם בְּיָפְיֵךְ כִּי ׀ כָּלִיל
הוּא בַּהֲדָרִי אֲשֶׁר־שַׂמְתִּי עָלַיִךְ נְאֻם אֲדֹנָי יֱהוִה׃
טו וַתִּבְטְחִי בְיָפְיֵךְ וַתִּזְנִי עַל־שְׁמֵךְ וַתִּשְׁפְּכִי אֶת־תַּזְנוּתַיִךְ
16 עַל־כָּל־עוֹבֵר לוֹ־יֶהִי׃ וַתִּקְחִי מִבְּגָדַיִךְ וַתַּעֲשִׂי־לָךְ בָּמוֹת
17 טְלֻאוֹת וַתִּזְנִי עֲלֵיהֶם לֹא בָאוֹת וְלֹא יִהְיֶה׃ וַתִּקְחִי כְּלֵי
תִפְאַרְתֵּךְ מִזְּהָבִי וּמִכַּסְפִּי אֲשֶׁר נָתַתִּי לָךְ וַתַּעֲשִׂי־לָךְ
18 צַלְמֵי זָכָר וַתִּזְנִי־בָם׃ וַתִּקְחִי אֶת־בִּגְדֵי רִקְמָתֵךְ וַתְּכַסִּים
19 וְשַׁמְנִי וּקְטָרְתִּי נָתַתִּי לִפְנֵיהֶם׃ וְלַחְמִי אֲשֶׁר־נָתַתִּי לָךְ
סֹלֶת וָשֶׁמֶן וּדְבַשׁ הֶאֱכַלְתִּיךְ וּנְתַתִּיהוּ לִפְנֵיהֶם לְרֵיחַ
כ נִיחֹחַ וַיֶּהִי נְאֻם אֲדֹנָי יֱהוִה׃ וַתִּקְחִי אֶת־בָּנַיִךְ וְאֶת־בְּנוֹתַיִךְ
אֲשֶׁר יָלַדְתְּ לִי וַתִּזְבָּחִים לָהֶם לֶאֱכוֹל הַמְעַט מִתַּזְנוּתָךְ׃
21 22 וַתִּשְׁחֲטִי אֶת־בָּנָי וַתִּתְּנִים בְּהַעֲבִיר אוֹתָם לָהֶם׃ וְאֵת
כָּל־תּוֹעֲבֹתַיִךְ וְתַזְנֻתַיִךְ לֹא זָכַרְתִּי אֶת־יְמֵי נְעוּרָיִךְ בִּהְיוֹתֵךְ
23 עֵירֹם וְעֶרְיָה מִתְבּוֹסֶסֶת בְּדָמֵךְ הָיִית׃ וַיְהִי אַחֲרֵי כָּל־
24 רָעָתֵךְ אוֹי אוֹי לָךְ נְאֻם אֲדֹנָי יֱהוִה׃ וַתִּבְנִי־לָךְ גָּב וַתַּעֲשִׂי־
כה לָךְ רָמָה בְּכָל־רְחוֹב׃ אֶל־כָּל־רֹאשׁ דֶּרֶךְ בָּנִית רָמָתֵךְ
וַתְּתַעֲבִי אֶת־יָפְיֵךְ וַתְּפַשְּׂקִי אֶת־רַגְלַיִךְ לְכָל־עוֹבֵר וַתַּרְבִּי
26 אֶת־תַּזְנוּתָךְ׃ וַתִּזְנִי אֶל־בְּנֵי־מִצְרַיִם שְׁכֵנַיִךְ גִּדְלֵי בָשָׂר
27 וַתַּרְבִּי אֶת־תַּזְנֻתֵךְ לְהַכְעִיסֵנִי׃ וְהִנֵּה נָטִיתִי יָדִי עָלַיִךְ
וָאֶגְרַע חֻקֵּךְ וָאֶתְּנֵךְ בְּנֶפֶשׁ שֹׂנְאוֹתַיִךְ בְּנוֹת פְּלִשְׁתִּים
28 הַנִּכְלָמוֹת מִדַּרְכֵּךְ זִמָּה׃ וַתִּזְנִי אֶל־בְּנֵי אַשּׁוּר מִבִּלְתִּי
29 שָׂבְעָתֵךְ וַתִּזְנִים וְגַם לֹא שָׂבָעַתְּ׃ וַתַּרְבִּי אֶת־תַּזְנוּתֵךְ אֶל־
ל אֶרֶץ כְּנַעַן כַּשְׂדִּימָה וְגַם־בְּזֹאת לֹא שָׂבָעַתְּ׃ מָה אֲמֻלָה
לִבָּתֵךְ נְאֻם אֲדֹנָי יֱהוִה בַּעֲשׂוֹתֵךְ אֶת־כָּל־אֵלֶּה מַעֲשֵׂה

אשה־

v. 13. 18. יתיר י v. 20. מתזנותך ק v. 22. יתיר י v. 25. תזנותך קי

12 איך האָב דיר אויך אָנגעטהאָן אַ רינג אויף דיין נאָז, אוירינגלאַך אויף
דיינע אויערען און אַ פּראַכטפאָלע קרוין אויף דיין קאָפּ.
13 אַז דו האָסט זיך אָנגעציערט אין גאָלד און אין זילבער און געקליידעט
זיך אין לינען, זייד און געשטיקטע צייג, און געגעסען פיין־מעהל, האָניג
אין אויל, ביזטו זעהר שעהן געוואָרן און האָסט געפּאַסט צו זיי אַ קעניגין.
14 צוליעב דיין שעהנהייט האָסטו אַ נאָמען געקראָגען ביי די פעלקער, עס
איז פאָלקאָם געוואָרען דורך מיין בעפּוצונג וואָס איך האָב אויף דיר אָנ־
געטהאָן — זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער.
15 דאַן האָסטו זיך פאַרלאָזען אויף דיין שעהנהייט און ביזט אויסגעלאַסען
געוואָרען צוליעב דיין נאָמען, דו האָסט פערשווענדעט דיין אויסגעלאַ־
סענהייט מיט יעדער פערבייגעהער, ווער עס זאָל ניט זיין.
16 דו האָסט צוזאַמענגענומען דיינע קליידער און געמאַכט זיך פון זיי
קאָלירטע בערגלאַך אום דיין אויסגעלאַסענהייט צו טרייבען אויף זיי;
אַזעלכעס איז ניעמאַלס געשעהען און קען ניט געשעהען.
17 דו האָסט נאָך גענומען דיינע שמוק זאַכען פון מיין גאָלד און מיין זיל־
בער, וואָס איך האָב דיר געגעבען, און האָסט זיך דערפון געמאַכט מענ־
ליכע בילדער און געטריעבען מיט זיי אויסגעלאַסענהייט.
18 אויך האָסטו גענומען דיינע געשטריקטע קליידער און אַיינגעדעקט זיי
(די בילדער), און אַוועקגעגעבען זיי מיין אויל און מיינע רויכווערק.
19 מיין ברויט וואָס איך האָב דיר געגעבען, די פיינמעהל, אויל און האָניג,
מיט וועלכע איך האָב דיר געשפּייזט, האָסטו זיי אַוועקגעגעבען אַלס
אנגענעהמער גערוך, אָט וואָס איז געשעהען, זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער.
20 אויך דיינע זיהן און טעכטער, וועלכע דו האָסט פון מיר געבוירען, האָסטו
געשלאַכטעט פאר זיי אַלס שפּייז־אָפּפער, — איז דאָס דאָס קלענסטע
פון דיין אויסגעלאַסענהייט.
21 וואָס דו האָסט געקוילעט מיינע קינדער און איבערגעגעבען זיי צו פער־
ברענען פאַר די געצען ?
22 איבער אַלע גרוילטהאַטען דיינע און אויסגעלאַסענהייט האָסטו ניט גע־
דענקט דיין יוגענד צייט, ווען דו ביזט געווען מוטער־נאַקעט, ווען דו ביזט
געווען אַיינגעשמוצט אין דיין בלוט.
23 און וואָס איז געווען די ענדע פון דיינע שלעכטע טהאַטען ? — אַך
און וועה צו דיר ! — זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער.
24 דו האָסט זיך געוועלבען געבויט און געמאַכט זיך הויכע געצעלטען אין
אַלע גאַסען.
25 נעבען יעדער הויפּט וועג האָסטו דיינע הויכע געצעלטען געבויט וואו
צו שענדען דיין שעהנקייט — פאַר יעדער פערבייגעהער האָסטו דיינע
פיס פאַנאַנדערגענומען און פיעל אויסגעלאַסענהייט געטריעבען.
26 דו ביזט אויסגעלאַסען געווען מיט די יונגע עגיפּטער, דיינע נאַכבאַרען,
די פעט בעפליישטע ; דו ביזט זעהר אויסגעלאַסען געווען אום מיר צו
ערצאָרענען.
27 דאַן האָב איך אַ מאַך געטהאָן מיט'ן האַנד אויף דיר, איך האָב קלענער
געמאַכט דיינע איינקונפט און האָב דיר איבערגעגעבען אין ווילען פון
דיינע פיינדינען, די טעכטער פון פלשתים, וועלכע בעליידיגען זיך פון
דיין אויסגעלאַסענעם אויפפיהרונג.
28 דו ביזט אויך אויסגעלאַסען געווען מיט די זיהן פון אשור ניט אָנזע־
טיגענדיג זיך, מיט זיי ביזטו אויסגעלאַסען געווען און נאָך אַלץ ניט זאַט
געוואָרען.
29 דאַן האָסטו פאַרברייטעט דיין אויסגעלאַסענהייט פון דאָס לאַנד כנען
ביז כשדים, און אויך דאַן ניט זאַט געוואָרען.

31 אִשָּׁה זוֹנָה שַׁלָּטֶת׃ בִּבְנוֹתַיִךְ גַּבֵּךְ בְּרֹאשׁ כָּל־דֶּרֶךְ וְרָמָתֵךְ
32 עָשִׂיתִי בְּכָל־רְחוֹב וְלֹא־הָיִיתִי כַּזּוֹנָה לְקַלֵּס אֶתְנָן׃ הָאִשָּׁה
33 הַמְּנָאָפֶת תַּחַת אִישָׁהּ תִּקַּח אֶת־זָרִים׃ לְכָל־זֹנוֹת יִתְּנוּ־
נֵדֶה וְאַתְּ נָתַתְּ אֶת־נְדָנַיִךְ לְכָל־מְאַהֲבַיִךְ וַתִּשְׁחֳדִי אוֹתָם
34 לָבוֹא אֵלַיִךְ מִסָּבִיב בְּתַזְנוּתָיִךְ׃ וַיְהִי־בָךְ הֶפֶךְ מִן־הַנָּשִׁים
בְּתַזְנוּתַיִךְ וְאַחֲרַיִךְ לֹא זוּנָּה וּבְתִתֵּךְ אֶתְנָן וְאֶתְנַן לֹא־נִתַּן־
לה 36 לָךְ וַתְּהִי לְהֶפֶךְ׃ לָכֵן זוֹנָה שִׁמְעִי דְּבַר־יְהוָה׃ כֹּה־
אָמַר אֲדֹנָי יֱהוִה יַעַן הִשָּׁפֵךְ נְחֻשְׁתֵּךְ וַתִּגָּלֶה עֶרְוָתֵךְ
בְּתַזְנוּתַיִךְ עַל־מְאַהֲבָיִךְ וְעַל כָּל־גִּלּוּלֵי תוֹעֲבוֹתַיִךְ וְכִדְמֵי
37 בָנַיִךְ אֲשֶׁר נָתַתְּ לָהֶם׃ לָכֵן הִנְנִי מְקַבֵּץ אֶת־כָּל־מְאַהֲבַיִךְ
אֲשֶׁר עָרַבְתְּ עֲלֵיהֶם וְאֵת כָּל־אֲשֶׁר אָהַבְתְּ עַל כָּל־אֲשֶׁר
שָׂנֵאת וְקִבַּצְתִּי אֹתָם עָלַיִךְ מִסָּבִיב וְגִלֵּיתִי עֶרְוָתֵךְ אֲלֵהֶם
38 וְרָאוּ אֶת־כָּל־עֶרְוָתֵךְ׃ וּשְׁפַטְתִּיךְ מִשְׁפְּטֵי נֹאֲפוֹת וְשֹׁפְכֹת
39 דָּם וּנְתַתִּיךְ דַּם חֵמָה וְקִנְאָה׃ וְנָתַתִּי אוֹתָךְ בְּיָדָם וְהָרְסוּ
גַבֵּךְ וְנִתְּצוּ רָמֹתַיִךְ וְהִפְשִׁיטוּ אוֹתָךְ בְּגָדַיִךְ וְלָקְחוּ כְּלֵי
מ תִפְאַרְתֵּךְ וְהִנִּיחוּךְ עֵירֹם וְעֶרְיָה׃ וְהֶעֱלוּ עָלַיִךְ קָהָל וְרָגְמוּ
41 אוֹתָךְ בָּאָבֶן וּבִתְּקוּךְ בְּחַרְבוֹתָם׃ וְשָׂרְפוּ בָתַּיִךְ בָּאֵשׁ
וְעָשׂוּ־בָךְ שְׁפָטִים לְעֵינֵי נָשִׁים רַבּוֹת וְהִשְׁבַּתִּיךְ מִזּוֹנָה
42 וְגַם־אֶתְנַן לֹא תִתְּנִי־עוֹד׃ וַהֲנִחֹתִי חֲמָתִי בָּךְ וְסָרָה קִנְאָתִי
43 מִמֵּךְ וְשָׁקַטְתִּי וְלֹא אֶכְעַס עוֹד׃ יַעַן אֲשֶׁר לֹא־זָכַרְתִּי*
אֶת־יְמֵי נְעוּרַיִךְ וַתִּרְגְּזִי־לִי בְּכָל־אֵלֶּה וְגַם־אֲנִי הֵא דַּרְכֵּךְ ׀
בְּרֹאשׁ נָתַתִּי נְאֻם אֲדֹנָי יֱהוִה וְלֹא עָשִׂיתִי* אֶת־הַזִּמָּה עַל
44 כָּל־תּוֹעֲבֹתָיִךְ׃ הִנֵּה כָּל־הַמֹּשֵׁל עָלַיִךְ יִמְשֹׁל לֵאמֹר כְּאִמָּה
מה בִּתָּהּ׃ בַּת־אִמֵּךְ אַתְּ גֹּעֶלֶת אִישָׁהּ וּבָנֶיהָ וַאֲחוֹת אֲחוֹתֵךְ
אַתְּ אֲשֶׁר גָּעֲלוּ אַנְשֵׁיהֶן וּבְנֵיהֶן אִמְּכֶן חִתִּית וַאֲבִיכֶן אֱמֹרִי׃
46 וַאֲחוֹתֵךְ הַגְּדוֹלָה שֹׁמְרוֹן הִיא וּבְנוֹתֶיהָ הַיּוֹשֶׁבֶת עַל־
שְׂמֹאולֵךְ וַאֲחוֹתֵךְ הַקְּטַנָּה מִמֵּךְ הַיּוֹשֶׁבֶת מִימִינֵךְ סְדֹם

ובנותיה

v. 31. יחיד ק׳   v. 34. הב׳ בדגש   ibid. הב׳ בפתח   v. 41. הב׳ בפתח
v. 43. יחיד ק׳   ibid. יתיר י׳   v. 46. יתיר ו׳

30 ווי פערשמאַכטעט איז דיין האַרץ טהוענדיג דאָס אַלעס — די טהאַטען פון אַן אַוועקגעלאָזענע פרוי !

31 דו בויסט געוועלבען אויף אַלע הויפּט וועגען און מאַכסט הויכע געצעלטען אויף יעדער גאַס, דו ביזט זאָגאַר ניט געוועזען ווי יענע גאַסענפרויען וואָס פערשעהנערען דאָס געצאָהלט.

32 די פרוי וואָס איז אונטריי איהר מאַן נעהמט אָן פרעמדע.

33 יעדער גאַסענפרוי גיט מען געשענק, דו אָבער האָסט זעלבסט געשענקע געגעבען דיינע געליעבטע, דו האָסט זיי בעשאָנקען מיט דיין אויסגעלאַסענהייט אום זיי זאָלען קומען צו דיר פון אַרום.

34 אין דיין אויסגעלאַסענהייט ביזטו געוועזען אַנדעריש ווי אַלע פרויען, קיינע פון זיי האָט דיין אויסגעלאַסענהייט ניט נאָכגעמאַכט ; דערמיט וואָס דו האָסט צוגעצאָהלט און דיר האָט מען ניט געצאָהלט, ביזטו אַנדעריש געוועזען פון אַלע פרויען.

35 דערפאַר, גאַסענפרוי, הער גאָט׳ס וואָרט !

36 אַזוי זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער : ווייל דיין קעסעל איז אַריבערגערונען ווען דו האָסט דיין שאַנדגליעד אָבגעדעקט אויסגעלאַסענערהייט מיט דיינע געליעבטע, אויך פאַר דיינע גרוילהאַפטע געצען און דאָס בלוט פון דיינע קינדער וואָס דו האָסט זיי געגעבען —

37 דערפאַר וועל איך פערזאַמלען אַלע דיינע געליעבטע, וועמען דו ביזט אַנגענעהם געוועזען, אַלעמען וועמען דו האָסט געליעבט, מיט אַלע יענע וועלכע דו האָסט געהאַסט, זיי אַלעמען וועל איך אַרומקלייבען אַרום דיר און וועל דיין שאַנדגליעד אָבדעקען פאַר זיי אום זיי זאָלען דיין שאַנד זעהען.

38 איך וועל דיר פעראורטהיילען מיט דעם אורטהייל פון עהע־ברעכערינס און מערדערינס, איך וועל דיר שטראָפען מיט בלוט, וואוטה און אייפערזוכט.

39 אַז איך וועל דיר איבערגעבען אין זייערע הענד וועלען זיי צושמעטערען דיינע געוועלבען און צוברעכען דיינע הויכע געצעלטען, זיי וועלען דיר אויסטהאָן דיינע קליידער און אַראָבנעהמען פון דיר דיינע שעהנע זאַכען ; זיי וועלען דיר לאָזען מוטער־נאַקעט.

40 זיי וועלען צוזאַמענברענגען נעבען דיר אַ פערזאַמלונג, זיי וועלען דיך פערוואַרפען מיט שטיינער און דורכשטעכען דיך מיט זייערע שווערדען.

41 דיינע הייזער וועלען זיי מיט פייער אָנצינדען, און דיר אליין וועלען זיי קוועלען אין געגענוואַרט פון פיעל פרויען ; איך וועל מאַכען אַז דו זאָלסט אויפהערען צו זיין אויסגעלאַסען און זאָלסט מעהר קיינעם קיין געצאָהלט געבען.

42 ווען מיין צאָרן אויף דיר וועט זיך בערוהיגען און מיין אייפערזוכט אויף דיר וועט אויפהערען, דאַן וועל איך זיך בערוהיגען און מעהר ניט זיין צאָרניג.

43 ווייל דו האָסט ניט געדענקט דיין יוגענד צייט און האָסט מיר אויפגערעגט מיט דאָס אַלעס, האָב איך אויך דיר אויפ׳ן קאָפּ געוואָרפען דעם אויפפיהרונג דיינעם — זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער, דו האָסט ניעמאָלס געטראַכט וועגען אַלע דיינע גרוילטהאַטען.

44 יעדער שפּריכוואָרט זאָגער וועט אויף דיר זאָגען אַ שפּריכוואָרט : „ווי די מוטער אַזוי איז די טאָכטער !"

45 דו ביזט די טאָכטער פון אַ מוטער וועלכע מאַכט צו שאַנדע איהר מאַן און איהרע קינדער, דו ביזט אַ שוועסטער צו שוועסטערן וואָס האָבען צו שאַנדע געמאַכט זייערע מענער און קינדער — פון חת שטאַמט אייער מוטער און אייער פאָטער פון אמרי.

46 דיין גרעסערע שוועסטער איז שמרון, וועלכע זיצט מיט איהרע פראַ־

47 וּבְנוֹתֶיהָ׃ וְלֹא בְדַרְכֵיהֶן הָלַכְתְּ וּבְתוֹעֲבוֹתֵיהֶן עָשִׂיתְי
48 כִּמְעַט קָט וַתַּשְׁחִתִי מֵהֵן בְּכָל־דְּרָכָיִךְ׃ חַי־אָנִי נְאֻם
אֲדֹנָי יֱהֹוִה אִם־עָשְׂתָה סְדֹם אֲחוֹתֵךְ הִיא וּבְנוֹתֶיהָ כַּאֲשֶׁר
49 עָשִׂית אַתְּ וּבְנוֹתָיִךְ׃ הִנֵּה־זֶה הָיָה עֲוֺן סְדֹם אֲחוֹתֵךְ גָּאוֹן
שִׂבְעַת־לֶחֶם וְשַׁלְוַת הַשְׁקֵט הָיָה לָהּ וְלִבְנוֹתֶיהָ וְיַד־עָנִי
נ וְאֶבְיוֹן לֹא הֶחֱזִיקָה׃ וַתִּגְבְּהֶינָה וַתַּעֲשֶׂינָה תוֹעֵבָה לְפָנָי
51 וָאָסִיר אֶתְהֶן כַּאֲשֶׁר רָאִיתִי׃ וְשֹׁמְרוֹן כַּחֲצִי חַטֹּאתַיִךְ לֹא
חָטָאָה וַתַּרְבִּי אֶת־תּוֹעֲבוֹתַיִךְ מֵהֵנָּה וַתְּצַדְּקִי אֶת־אֲחוֹתֵךְ
52 בְּכָל־תּוֹעֲבֹתַיִךְ אֲשֶׁר עָשִׂיתִי׃ גַּם־אַתְּ ׀ שְׂאִי כְלִמָּתֵךְ אֲשֶׁר
פִּלַּלְתְּ לַאֲחוֹתֵךְ בְּחַטֹּאתַיִךְ אֲשֶׁר־הִתְעַבְתְּ מֵהֵן תִּצְדַּקְנָה
מִמֵּךְ וְגַם־אַתְּ בּוֹשִׁי וּשְׂאִי כְלִמָּתֵךְ בְּצַדֶּקְתֵּךְ אַחְיוֹתֵךְ׃
53 וְשַׁבְתִּי אֶת־שְׁבִיתְהֶן אֶת־שְׁבִית סְדֹם וּבְנוֹתֶיהָ וְאֶת־שְׁבִית
54 שֹׁמְרוֹן וּבְנוֹתֶיהָ וּשְׁבִית שְׁבִיתַיִךְ בְּתוֹכָהְנָה׃ לְמַעַן תִּשְׂאִי
נה כְלִמָּתֵךְ וְנִכְלַמְתְּ מִכֹּל אֲשֶׁר עָשִׂית בְּנַחֲמֵךְ אֹתָן׃ וַאֲחוֹתַיִךְ
סְדֹם וּבְנוֹתֶיהָ תָּשֹׁבְןָ לְקַדְמָתָן וְשֹׁמְרוֹן וּבְנוֹתֶיהָ תָּשֹׁבְןָ
56 לְקַדְמָתָן וְאַתְּ וּבְנוֹתַיִךְ תְּשֻׁבֶינָה לְקַדְמַתְכֶן׃ וְלוֹא הָיְתָה
57 סְדֹם אֲחוֹתֵךְ לִשְׁמוּעָה בְּפִיךְ בְּיוֹם גְּאוֹנָיִךְ׃ בְּטֶרֶם תִּגָּלֶה
רָעָתֵךְ כְּמוֹ עֵת חֶרְפַּת בְּנוֹת־אֲרָם וְכָל־סְבִיבוֹתֶיהָ בְּנוֹת
58 פְּלִשְׁתִּים הַשָּׁאטוֹת אוֹתָךְ מִסָּבִיב׃ אֶת־זִמָּתֵךְ וְאֶת־
59 תּוֹעֲבוֹתַיִךְ אַתְּ נְשָׂאתִים נְאֻם יְהֹוָה׃ כִּי כֹה אָמַר
אֲדֹנָי יֱהֹוִה וְעָשִׂית אוֹתָךְ כַּאֲשֶׁר עָשִׂית אֲשֶׁר־בָּזִית אָלָה
ס לְהָפֵר בְּרִית׃ וְזָכַרְתִּי אֲנִי אֶת־בְּרִיתִי אוֹתָךְ בִּימֵי נְעוּרָיִךְ
61 וַהֲקִמוֹתִי לָךְ בְּרִית עוֹלָם׃ וְזָכַרְתְּ אֶת־דְּרָכַיִךְ וְנִכְלַמְתְּ
בְּקַחְתֵּךְ אֶת־אֲחוֹתַיִךְ הַגְּדֹלוֹת מִמֵּךְ אֶל־הַקְּטַנּוֹת מִמֵּךְ
62 וְנָתַתִּי אֶתְהֶן לָךְ לְבָנוֹת וְלֹא מִבְּרִיתֵךְ׃ וַהֲקִימוֹתִי אֲנִי
63 אֶת־בְּרִיתִי אִתָּךְ וְיָדַעַתְּ כִּי־אֲנִי יְהֹוָה׃ לְמַעַן תִּזְכְּרִי וָבֹשְׁתְּ

ולא

v. 47. יתיר י׳ v. 51. אחותיך ק׳ ibid. יתיר י׳ v. 53. שבות ק׳
ibid שבית קרי ibid. ושבית קרי v.59. ועשית קרי

ווינצען בײַ דײַן לינקען זײַט, דײַן קלענערע שוועסטער איז סדם וועלכע
זיצט מיט איהרע פּראָווינצען בײַ דײַן רעכטען זײַט.
47 ביזטו ניט געגאַנגען אין זײערע וועגען ? האָסטו ניט געטהאָן ווי
זײערע גרויליטהאַטען ? עטוואָס מעהר און דײַן פערדאָרבענע אויפ־
פיהרונג האָט איבערגעשטײגט זײערע.
48 בײַ מײַן לעבען ! — זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער — אויב דײַן שוועס־
טער סדם צוזאַמען מיט איהרע פּראָווינצען האָט געטהאָן דאָס וואָס
דו מיט דײַנע פּראָווינצען.
49 אָט אין וואָס עס איז בעשטאַנען דער זינד פון דײַן שוועסטער סדם :
שטאָלץ, ברויט צו זאַט האָט זי געהאַט אין איהרע פּראָווינצען, שטיל
און רוהיג (האָבען זײ געלעבט) און אַן אָרעמען אָדער אַ בעדערפטיגען
קײנמאָל ניט געשטיצט.
50 שטאָלץ זײענדיג האָבען זײ גרויליטאַהטען געטהאָן קעגען מיר, האָב
איך זײ אָבגעשפּאַט, ווי דו האָסט געזעהען.
51 שמרון האָט זאָגאר ניט געזינדיגט אַ העלפט פון דײַנע זינד, דו האָסט
מעהר גרויליטהאַטען געטהאָן פאַר זײ ; אַלע גרויליטהאַטען דײַנע וואָס
דו האָסט געטהאָן האָסטו דײַן שוועסטער פאַר אַ צדקניות געמאַכט.
52 יעצט טראָג דו די זעלביגע שאַנדע צו וועלכע דו האָסט פעראורטהײלט
דײַן שוועסטער, איבער דײַנע זינד, וואָס זײנען ערגער פאַר זײערע.
זײנען זײ שוין בעסער פאַר דיר ; דו דאַרפסט זיך שעהמען און טראָ־
גען שאַנדע פון דעם וואָס קענען דיר זײנען שוין דײַנע שוועסטער פרומע.
53 ווען איך וועל אויסבעסערען זײערע פערפיהרערס — די פערפיהרערינס
פון סדם און איהרע פּראָווינצען, אויך די פערפיהרערינס פון שמרון מיט
איהרע פּראָווינצען, וועל איך, צוזאַמען מיט זײ, אויך דײַן פערפיהרע־
נים אויסבעסערען.
54 אום דו זאָלסט זיך האַלטען מיט דײַן שאַנדע און זאָלסט זיך שעהמען
פאַר אַלץ וואָס דו האָסט געטהאָן, ווען דו וועסט זײ בעטראַכטען.
55 בײדע שוועסטער דײַנע : סדם מיט איהרע פּראָווינצען און שמרון מיט
איהרע פּראָווינצען, וועלען צוריקקומען צו זײער פריהערדיגען שטאַנד,
אויך דו מיט דײַנע פּראָווינצען וועלען צוריקקומען צו אײער פריהערדי־
גען שטאַנד.
56 האָט ניט דײַן שוועסטער סדם געהאַט בײַ דיר אַ שלעכטען בערוף אין
דער צײַט פון דײַן שטאָלץ.
57 (אײדער עס איז ענטדעקט געוואָרען דײַן שלעכטס ווי יעצט) אַלס די
ערגסטע צווישען די טעכטער פון ארם און אַלע טעכטער פון פלשתים
וועלכע זײנען ארום איהר, אָט צו די אַלע פון אַרום וואָס האַסען דיר.
58 יעצט וועסטו לײדען פאַר דײַן אויסגעלאַסענהײט און גרויליטהאַטען —
זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער.
59 וואָרום גאָט דער אַלמעכטיגער האָט אַזוי געזאָגט : איך וועל דיר טהאָן
אַזוי ווי דו האָסט געטהאָן, דו וועלכע האָט פעראַכטעט אַ בעשווערונג
אום דאָס פערבינדונג צוברעכען.
60 דאָך וועל איך דיר דערמאָהנען מײַן פערבינדונג מיט דיר אין דײַנע יו־
גענד יאָהרען און וועל מיט דיר פעסטשטעלען אַ אײביגען פערבאַנד.
61 דאַן וועסטו דײַן אויפפיהרונג דערמאָהנען און וועסט זיך שעהמען, ווען
דו וועסט צוזאַמענגעהמען אַלע שוועסטער דײַנע, ווי די גרעסערע פאַר
דיר אַזוי אויך די קלענערע, וועלכע איך וועל דיר איבערגעבען אַלס טעכ־
טער אָבוואָהל זײ זײנען ניט אין דײַן פערבאַנד.
62 איך וועל פעסטשטעלען מײַן פערבאַנד מיט דיר נאָר דאַן ווען דו וועסט
אַנערקענען אַז איך בין גאָט.

וְלֹא יִהְיֶה־לָּךְ עוֹד פִּתְחוֹן פֶּה מִפְּנֵי כְּלִמָּתֵךְ בְּכַפְּרִי־לָךְ
לְכָל־אֲשֶׁר עָשִׂית נְאֻם אֲדֹנָי יֱהֹוִה׃

Cap. XVII. יז

יז

א וַיְהִי דְבַר־יְהוָה אֵלַי לֵאמֹר׃ בֶּן־אָדָם חוּד חִידָה וּמְשֹׁל 2
3 מָשָׁל אֶל־בֵּית יִשְׂרָאֵל׃ וְאָמַרְתָּ כֹּה־אָמַר ׀ אֲדֹנָי יֱהֹוִה
הַנֶּשֶׁר הַגָּדוֹל גְּדוֹל הַכְּנָפַיִם אֶרֶךְ הָאֵבֶר מָלֵא הַנּוֹצָה
אֲשֶׁר־לוֹ הָרִקְמָה בָּא אֶל־הַלְּבָנוֹן וַיִּקַּח אֶת־צַמֶּרֶת הָאָרֶז׃
4 אֵת רֹאשׁ יְנִיקוֹתָיו קָטָף וַיְבִיאֵהוּ אֶל־אֶרֶץ כְּנַעַן בְּעִיר
ה רֹכְלִים שָׂמוֹ׃ וַיִּקַּח מִזֶּרַע הָאָרֶץ וַיִּתְּנֵהוּ בִּשְׂדֵה־זָרַע
6 קָח עַל־מַיִם רַבִּים צַפְצָפָה שָׂמוֹ׃ וַיִּצְמַח וַיְהִי לְגֶפֶן
סֹרַחַת שִׁפְלַת קוֹמָה לִפְנוֹת דָּלִיּוֹתָיו אֵלָיו וְשָׁרָשָׁיו תַּחְתָּיו
7 יִהְיוּ וַתְּהִי לְגֶפֶן וַתַּעַשׂ בַּדִּים וַתְּשַׁלַּח פֹּארוֹת׃ וַיְהִי נֶשֶׁר־
אֶחָד גָּדוֹל גְּדוֹל כְּנָפַיִם וְרַב נוֹצָה וְהִנֵּה הַגֶּפֶן הַזֹּאת
כָּפְנָה שָׁרָשֶׁיהָ עָלָיו וְדָלִיּוֹתָיו שִׁלְּחָה־לּוֹ לְהַשְׁקוֹת אוֹתָהּ
8 מֵעֲרֻגוֹת מַטָּעָהּ׃ אֶל־שָׂדֶה טּוֹב אֶל־מַיִם רַבִּים הִיא
שְׁתוּלָה לַעֲשׂוֹת עָנָף וְלָשֵׂאת פֶּרִי לִהְיוֹת לְגֶפֶן אַדָּרֶת׃
9 אֱמֹר כֹּה אָמַר אֲדֹנָי יֱהֹוִה תִּצְלָח הֲלוֹא אֶת־שָׁרָשֶׁיהָ
יְנַתֵּק וְאֶת־פִּרְיָהּ ׀ יְקוֹסֵס וְיָבֵשׁ כָּל־טַרְפֵּי צִמְחָהּ תִּיבָשׁ
וְלֹא־בִזְרֹעַ גְּדוֹלָה וּבְעַם רָב לְמַשְׂאוֹת אוֹתָהּ מִשָּׁרָשֶׁיהָ׃
וְהִנֵּה שְׁתוּלָה הֲתִצְלָח הֲלֹא כְגַעַת בָּהּ רוּחַ הַקָּדִים תִּיבַשׁ
11 יָבֹשׁ עַל־עֲרֻגֹת צִמְחָהּ תִּיבָשׁ׃ וַיְהִי דְבַר־יְהוָה
12 אֵלַי לֵאמֹר׃ אֱמָר־נָא לְבֵית הַמֶּרִי הֲלֹא יְדַעְתֶּם מָה־
אֵלֶּה אֱמֹר הִנֵּה־בָא מֶלֶךְ־בָּבֶל יְרוּשָׁלַםִ וַיִּקַּח אֶת־מַלְכָּהּ
13 וְאֶת־שָׂרֶיהָ וַיָּבֵא אוֹתָם אֵלָיו בָּבֶלָה׃ וַיִּקַּח מִזֶּרַע הַמְּלוּכָה
וַיִּכְרֹת אִתּוֹ בְּרִית וַיָּבֵא אֹתוֹ בְּאָלָה וְאֶת־אֵילֵי הָאָרֶץ לָקָח׃
14 לִהְיוֹת מַמְלָכָה שְׁפָלָה לְבִלְתִּי הִתְנַשֵּׂא לִשְׁמֹר אֶת־
טו בְּרִיתוֹ לְעָמְדָהּ׃ וַיִּמְרָד־בּוֹ לִשְׁלֹחַ מַלְאָכָיו מִצְרַיִם

לָתֶת־

פ״ג v. 3 ה׳ רפה   v. 9 קמץ בז״ק   v. 10 כ דגושה

63 אום דו זאָלסט זיך שעהמען וועןָ דו וועסט זיך דערמאָהנען, דו וועסט מעהר קיין מויל ניט עפענען פון שאַנדע, ווען איך וועל דיר פערצייהען אַלין וואָס דו האָסט געטהאָן — זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער.

קאַפּיטעל יז

1 און גאָט'ס וואָרט איז געוועזן צו מיר אַזוי צו זאָגען :

2 מענשענקינד ! פרעג אַ רעטעניס און זאָג אַ שפּריכוואָרט אויף דאָס הויז ישראל.

3 און זאָג : אַזוי זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער — **דער גרויסער אָדלער** מיט גרויסע פליעגלען און לאַנגע שווינגען, דער וואָס איז פול מיט קאָלירטע פעדערן, איז געקומען פון לבנון און אראָבגענומען דעם העכסטען צווייג פון צעדער.

4 זיינע בעסטע שפּראָצונגען האָט ער אָבגעריסען און אַוועקגעטראָגען איהם אין לאַנד כנען, אין אַ האַנדעלשטאָדט האָט ער איהם אַריינגעזעצט.

5 ער האָט אויך גענומען פון די זוימען פון'ם לאַנד און האָט זיי אַיינגע־זעצט אין אַ פרוכטבארע פעלד, וועלכע ער האָט אויסגעקליעבען ביי אַ גרויסען וואַסער, ער האָט עס געמאַכט פאַר אַ זאַפטפולע פלאַנצונג.

6 עס האָט געוואַקסען און געוואָרען אַ פאַנאַנדערגעשפּרייטער ווייַנבוים אַ ניעדריג געוואַקסענער, וואָס די צווייגען זיינען צו איהם געבויגען און זיינע וואָרצלען זיינען אונטען ; אַז עס איז אַ ווייַנבוים געוואָרען זיינען אויף איהר געוואַקסען שטאַנגען און זי האָט פאַנאַנדערגעלאָזען צווייגען.

7 נאָך איין גרויסער אָדלער איז געוועזן מיט גרויסע פליעגלען און פיעל פעד־דערן, האָט דיעזער ווייַנבוים צוגעצויגען די וואָרצלען צו איהם און האָט צו איהם אויסגעצויגען די צווייגען, פון די בעעטען וואו ער איז געפלאַנצט, אום ער זאָל איהם בעוואַסערן.

8 אָבוואָהל ער איז געפלאַנצט אויף אַ גוטע פעלד נעבען אַ גרויסען וואַסער וואָס איז גענוג צווייגען צו וואַקסען, פרוכט צו ברענגען און מאַכען איהם פאַר אַ פּראַכטפאָלען ווייַנבוים.

9 זאָג [זיי] : אַזוי זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער : וועט עס גערייהען ? ער וועט דאָך איבעררייסען זיינע וואָרצלען און אַרומרייסען די פרוכט ביז ער וועט אויסטריקענען, אַלע וואַקסענדע בלעטער וועלען פער־טריקענט ווערען ; מען דאַרף קיין גרויס קראַפט אָדער פיעל פאָלק אַראָבצוהויבען איהם פון זיינע וואָרצלען.

10 און אַז עס איז אַיינגעפלאַנצט וועט עס גערייהען ? וועט עס ניט אויס־טריקענען ווען דער איסט ווינד וועט עס בעריהרען ? מיט די פלאַנצונ־גען פון בעעט וועט עס טרוקען ווערען.

11 און גאָט'ס וואָרט איז געוועזן צו מיר אַזוי צו זאָגען :

12 זאָג נאָר צו דאָס הויז פון ווידערשפעניגער : פערשטעהט איהר וואָס דאָס בעדייטעט ? זאָג [זיי] : אָט קומט דער קעניג פון בבל אין ירושלים און וועט צונעהמען איהר קעניג און איהרע פירשטען און וועט זיי ברייגגען צו איהם אין בבל.

13 ער האָט אויך גענומען איינעם פון די קעניגליכע קינדער, האָט געשלאָסען מיט איהם אַ פערבאַנד און האָט איהם געמאַכט שווערען, ער האָט צוגע־נומען די מעכטיגע פון'ם לאַנד.

14 אום עס זאָל ווערען אַ ניעדעריגע קעניגרייך, ניט קיין שטאָלצע, זיי זאָ־לען שטענדיג זיין פערבאַנד היטען.

15 ער האָט אָבער קעגען איהם ווידערשפעניגט און געשיקט ־ייטע אין מצרים

לָֽתֶת־ל֥וֹ סוּסִ֖ים וְעַם־רָ֑ב הֲיִצְלָ֞ח הֲיִמָּלֵ֨ט הָעֹ֥שֵׂה אֵ֛לֶּה
16 וְהֵפֵ֥ר בְּרִ֖ית וְנִמְלָֽט׃ חַי־אָ֗נִי נְאֻם֮ אֲדֹנָ֣י יֱהֹוִה֒ אִם־לֹ֡א
בִּמְק֞וֹם הַמֶּ֣לֶךְ הַמַּמְלִ֣יךְ אֹת֗וֹ אֲשֶׁ֤ר בָּזָה֙ אֶת־אָ֣לָת֔וֹ וַאֲשֶׁ֥ר
17 הֵפֵ֖ר אֶת־בְּרִית֑וֹ אִתּ֥וֹ בְתוֹךְ־בָּבֶ֖ל יָמֽוּת׃ וְלֹא֩ בְחַ֨יִל גָּד֜וֹל
וּבְקָהָ֣ל רָ֗ב יַעֲשֶׂ֨ה אוֹת֤וֹ פַרְעֹה֙ בַּמִּלְחָמָ֔ה בִּשְׁפֹּ֣ךְ סֹלְלָ֔ה
18 וּבִבְנ֥וֹת דָּיֵ֖ק לְהַכְרִ֥ית נְפָשׁ֥וֹת רַבּֽוֹת׃ וּבָזָ֥ה אָלָ֖ה לְהָפֵ֣ר
בְּרִ֑ית וְהִנֵּ֨ה נָתַ֥ן יָד֛וֹ וְכָל־אֵ֥לֶּה עָשָׂ֖ה לֹ֥א יִמָּלֵֽט׃
19 לָכֵ֞ן כֹּה־אָמַ֣ר אֲדֹנָ֣י יֱהֹוִה֮ חַי־אָ֒נִי֒ אִם־לֹ֗א אָלָתִי֙ אֲשֶׁ֣ר בָּזָ֔ה
כ וּבְרִיתִ֖י אֲשֶׁ֣ר הֵפִ֑יר וּנְתַתִּ֖יו בְּרֹאשֽׁוֹ׃ וּפָרַשְׂתִּ֤י עָלָיו֙ רִשְׁתִּ֔י
וְנִתְפַּ֖שׂ בִּמְצֽוּדָתִ֑י וַהֲבִיאוֹתִ֨יהוּ בָבֶ֜לָה וְנִשְׁפַּטְתִּ֤י אִתּוֹ֙ שָׁ֔ם
21 מַעֲל֖וֹ אֲשֶׁ֥ר מָֽעַל־בִּֽי׃ וְאֵ֨ת כָּל־מִבְרָחָ֤ו בְּכָל־אֲגַפָּיו֙
בַּחֶ֣רֶב יִפֹּ֔לוּ וְהַנִּשְׁאָרִ֖ים לְכָל־ר֣וּחַ יִפָּרֵ֑שׂוּ וִידַעְתֶּ֕ם כִּ֛י אֲנִ֥י
22 יְהֹוָ֖ה דִּבַּֽרְתִּי׃ * כֹּ֤ה אָמַר֙ אֲדֹנָ֣י יֱהֹוִ֔ה וְלָקַ֣חְתִּי אָ֗נִי
מִצַּמֶּ֧רֶת הָאֶ֛רֶז הָרָמָ֖ה וְנָתָ֑תִּי מֵרֹ֤אשׁ יֹֽנְקוֹתָיו֙ רַ֣ךְ אֶקְטֹ֔ף
23 וְשָׁתַ֣לְתִּי אָ֔נִי עַ֥ל הַר־גָּבֹ֖הַּ וְתָלֽוּל׃ בְּהַ֨ר מְר֤וֹם יִשְׂרָאֵל֙
אֶשְׁתֳּלֶ֔נּוּ וְנָשָׂ֥א עָנָ֛ף וְעָ֥שָׂה פֶ֖רִי וְהָיָ֣ה לְאֶ֣רֶז אַדִּ֑יר וְשָׁכְנ֣וּ
24 תַחְתָּ֗יו כֹּ֚ל צִפּ֣וֹר כָּל־כָּנָ֔ף בְּצֵ֥ל דָּלִיּוֹתָ֖יו תִּשְׁכֹּֽנָּה׃ וְיָדְע֞וּ
כָּל־עֲצֵ֣י הַשָּׂדֶ֗ה כִּ֣י אֲנִ֣י יְהֹוָה֮ הִשְׁפַּ֣לְתִּי ׀ עֵ֣ץ גָּבֹ֗הַּ הִגְבַּ֙הְתִּי֙
עֵ֣ץ שָׁפָ֔ל הוֹבַ֙שְׁתִּי֙ עֵ֣ץ לָ֔ח וְהִפְרַ֖חְתִּי עֵ֣ץ יָבֵ֑שׁ אֲנִ֧י יְהֹוָ֦ה
דִּבַּ֖רְתִּי וְעָשִֽׂיתִי׃

יח CAP. XVIII. יח

2 א וַיְהִ֥י דְבַר־יְהֹוָ֖ה אֵלַ֥י לֵאמֹֽר׃ מַה־לָּכֶ֗ם אַתֶּם֙ מֹֽשְׁלִים֙ אֶת־
הַמָּשָׁ֣ל הַזֶּ֔ה עַל־אַדְמַ֥ת יִשְׂרָאֵ֖ל לֵאמֹ֑ר אָב֗וֹת יֹ֣אכְלוּ בֹ֔סֶר
3 וְשִׁנֵּ֥י הַבָּנִ֖ים תִּקְהֶֽינָה׃ חַי־אָ֕נִי נְאֻ֖ם אֲדֹנָ֣י יֱהֹוִ֑ה אִם־יִֽהְיֶ֨ה
4 לָכֶ֜ם ע֗וֹד מְשֹׁ֛ל הַמָּשָׁ֥ל הַזֶּ֖ה בְּיִשְׂרָאֵֽל׃ הֵ֤ן כָּל־הַנְּפָשׁוֹת֙
לִ֣י הֵ֔נָּה כְּנֶ֧פֶשׁ הָאָ֛ב וּכְנֶ֥פֶשׁ הַבֵּ֖ן לִי־הֵ֑נָּה הַנֶּ֥פֶשׁ הַחֹטֵ֖את
ה הִ֥יא תָמֽוּת׃ וְאִ֕ישׁ כִּֽי־יִהְיֶ֣ה צַדִּ֑יק וְעָשָׂ֥ה מִשְׁפָּ֖ט וּצְדָקָֽה׃

אל־

v. 15. ס״א קמץ בלא אתנח. v. 21. מברחו קרי. v. 22. הפטרת האזינו.

מען זאָל איהם געבען פּערד און אַ גרויסע אַרמעע ; וועט ער גליק האָ־
בען ? קען געדעטעט ווערען דער וואָס טהוט אַזוינע זאַכען ? דער
וואָס ברעכט אַ פערבאַנד קען גערעטעט ווערען ?
16 ביי מיין לעבען — זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער — אויב ניט אין דעם
וואָהנונג פון קעניג, וועלכער האָט איהם פאַר קעניג געמאַכט, וועמעס
בעשווערונג ער האָט פעראַכטעט און וועמעס פערבאַנד ער האָט גע־
בראָכען, אין זיין געגענוואַרט וועט ער שטאַרבען, אין בבל.
17 ניט מיט אַ גרויס אַרמעע אָדער אַ גרויסע פערזאַמלונג וועט פרעה מיט
איהם קריעג פיהרען, ניט מיט אַנשיטען זאַמד־בערג און בויען מויער
ברעכערס, אום צו פערניכטען פיעל זעעלען.
18 קוים האָט ער דאָס בעשווערען פעראַכטעט אום דעם פערבאַנד צו ברעכען
און זיך אָנגעשלאָסען אָן איהם ; טהוענדיג דאָס אַלעס קען ער ניט גע־
רעטעט ווערען.
19 דערפאַר — אַזוי זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער — ביי מיין לעבען !
אויב ניט צו זיין קאָפּ וועט אויסגעהען מיין פערשווערונג וועלכע ער
האָט פעראַכטעט און מיין פערבאַנד וועלכען ער האָט צובראָכען.
20 איך וועל פאַר איהם אויסשפּרייטען מיין נעץ און ער וועט געפאַנגען
ווערען אין מיין כאַפּ־נעץ, דאַן וועל איך איהם ברענגען אין בבל און
וועל זיך מיט איהם אָברעכענען פאַר זיין טריילאָזיגקייט וואָס ער איז
בעגאַנגען קעגען מיר.
21 אַלע זיינע בעסטע (העלדען) וואָס אין זיינע אַרמעען, וועלען פאַלען פון
שווערד, די איבעריגע וועלען צושפּרייט ווערען אין אַלע זייטען ; דאַן
וועט איהר וויסען אַז איך גאָט האָב גערעדט.
22 אַזוי זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער : איך זעלבסט וועל אָראָבנעהמען
דעם העכסטען צווייג פון צעדער און וועל עס איינזעצען ; איך וועל
אָברייסען איינעם פון זיינע בעסטע אָבזעצערס, אַ יונגען, און וועל עס
איינפלאַנצען אויף אַ גאַנץ הויכען באַרג.
23 אויף איינעם פון די העכסטע בערג פון ישראל, וועל איך איהם איינ־
פפלאַנצען, ער וועט טראַגען צווייגען און וואַקסען פריכט — ער וועט
ווערען אַ מעכטיגער צעדער ; פערשיעדענע פויגלען וועלען אונטער
איהם רוהען, אַלערליי געפליגעלטע וועלען רוהען אינ'ם שאָטען פון
זיינע צווייגען.
24 אַלע פעלד־בוימער וועלען דאַן אַנערקענען אַז איך גאָט קען ניעדעריג
מאַכען אַ הויכען בוים און הויך מאַכען אַ ניעדעריגען בוים, טרוקען מאַ־
כען אַ פייכטען בוים און לאָזען בליהען אַ טרוקענעם בוים, אויב איך גאָט
רייד, מוז עס געשעהען.

קאַפּיטעל יח

1 און גאָט'ס וואָרט איז געוועזן צו מיר אַזוי צו זאָגען :
2 וואָס פיר אַ שפּריכוואָרט זאָגט איהר אויף דאָס לאַנד ישראל, אַזוי צו
זאָגען : „עלטערען עסען אונרייפע פרוכט און ביי די קינדער ווערען
איילינג די צייהען ?"
3 ביי מיין לעבען — זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער — אויב איהר וועט
מעהר דעם שפּריכוואָרט זאָגען אין ישראל.
4 אַלע זעעלען בעלאַנגען צו מיר, מיר געהערט דעם פאָטערס זעעלע ווי
דעם זוהנ'ס זעעלע — די פערזאָן וואָס זינדיגט, יענע וועט שטאַרבען.
5 אויב איינער וועט פרום זיין און טהאָן גערעכטיגקייט און וואָהלטהאָט ;

6 אֶל־הֶהָרִים לֹא אָכָל וְעֵינָיו לֹא נָשָׂא אֶל־גִּלּוּלֵי בֵּית
יִשְׂרָאֵל וְאֶת־אֵשֶׁת רֵעֵהוּ לֹא טִמֵּא וְאֶל־אִשָּׁה נִדָּה לֹא
7 יִקְרָב׃ וְאִישׁ לֹא יוֹנֶה חֲבֹלָתוֹ חוֹב יָשִׁיב גְּזֵלָה לֹא יִגְזֹל
8 לַחְמוֹ לְרָעֵב יִתֵּן וְעֵירֹם יְכַסֶּה־בָּגֶד׃ בַּנֶּשֶׁךְ לֹא־יִתֵּן
וְתַרְבִּית לֹא יִקָּח מֵעָוֶל יָשִׁיב יָדוֹ מִשְׁפַּט אֱמֶת יַעֲשֶׂה
9 בֵּין אִישׁ לְאִישׁ׃ בְּחֻקּוֹתַי יְהַלֵּךְ וּמִשְׁפָּטַי שָׁמַר לַעֲשׂוֹת
י אֱמֶת צַדִּיק הוּא חָיֹה יִחְיֶה נְאֻם אֲדֹנָי יֱהוִה׃ וְהוֹלִיד בֵּן
11 פָּרִיץ שֹׁפֵךְ דָּם וְעָשָׂה אָח מֵאַחַד מֵאֵלֶּה׃ וְהוּא אֶת־
כָּל־אֵלֶּה לֹא עָשָׂה כִּי גַם אֶל־הֶהָרִים אָכַל וְאֶת־אֵשֶׁת
12 רֵעֵהוּ טִמֵּא׃ עָנִי וְאֶבְיוֹן הוֹנָה גְּזֵלוֹת גָּזָל חֲבֹל לֹא יָשִׁיב
13 וְאֶל־הַגִּלּוּלִים נָשָׂא עֵינָיו תּוֹעֵבָה עָשָׂה׃ בַּנֶּשֶׁךְ נָתַן
וְתַרְבִּית לָקַח וָחָי לֹא יִחְיֶה אֵת כָּל־הַתֹּעֵבוֹת הָאֵלֶּה
14 עָשָׂה מוֹת יוּמָת דָּמָיו בּוֹ יִהְיֶה׃ וְהִנֵּה הוֹלִיד בֵּן וַיַּרְא
אֶת־כָּל־חַטֹּאת אָבִיו אֲשֶׁר עָשָׂה וַיִּרְאֶ וְלֹא יַעֲשֶׂה כָּהֵן׃
טו עַל־הֶהָרִים לֹא אָכָל וְעֵינָיו לֹא נָשָׂא אֶל־גִּלּוּלֵי בֵּית
16 יִשְׂרָאֵל אֶת־אֵשֶׁת רֵעֵהוּ לֹא טִמֵּא׃ וְאִישׁ לֹא הוֹנָה חֲבֹל
לֹא חָבָל וּגְזֵלָה לֹא גָזָל לַחְמוֹ לְרָעֵב נָתָן וְעֵרוֹם כִּסָּה־
17 בָגֶד׃ מֵעָנִי הֵשִׁיב יָדוֹ נֶשֶׁךְ וְתַרְבִּית לֹא לָקָח מִשְׁפָּטַי
עָשָׂה בְּחֻקּוֹתַי הָלָךְ הוּא לֹא יָמוּת בַּעֲוֹן אָבִיו חָיֹה יִחְיֶה׃
18 אָבִיו כִּי־עָשַׁק עֹשֶׁק גָּזַל גֵּזֶל אָח וַאֲשֶׁר לֹא־טוֹב עָשָׂה
19 בְּתוֹךְ עַמָּיו וְהִנֵּה־מֵת בַּעֲוֹנוֹ׃ וַאֲמַרְתֶּם מַדֻּעַ לֹא־נָשָׂא
הַבֵּן בַּעֲוֹן הָאָב וְהַבֵּן מִשְׁפָּט וּצְדָקָה עָשָׂה אֵת כָּל־חֻקּוֹתַי
כ שָׁמַר וַיַּעֲשֶׂה אֹתָם חָיֹה יִחְיֶה׃ הַנֶּפֶשׁ הַחֹטֵאת הִיא תָמוּת
בֵּן לֹא־יִשָּׂא ׀ בַּעֲוֹן הָאָב וְאָב לֹא יִשָּׂא בַּעֲוֹן הַבֵּן צִדְקַת
הַצַּדִּיק עָלָיו תִּהְיֶה וְרִשְׁעַת רָשָׁע עָלָיו תִּהְיֶה׃
21 וְהָרָשָׁע כִּי יָשׁוּב מִכָּל־חַטֹּאתָו אֲשֶׁר עָשָׂה וְשָׁמַר אֶת־
כָּל־חֻקּוֹתַי וְעָשָׂה מִשְׁפָּט וּצְדָקָה חָיֹה יִחְיֶה לֹא יָמוּת׃

כל־

v. 6. 8. קמץ בז״ק   v. 10. צירי בסמיך   v. 12. 13. קמץ בז״ק

v. 14. ויראה קרי   v. 15. 16. 17. קמץ בז״ק   v. 20. הרשע ק׳   v. 21. חטאתיו ק׳

6 ער האָט ניט געגעסען אויף די בערג און האָט ניט אויפגעהויבען זיינע
אויגען צו די געצען פונ'ם הויז ישראל, די פרוי פון אַן אַנדערען האָט ער
ניט אונריין געמאַכט און צו אַ אבגעזונדערטע פרוי קומט ער ניט נאָהענט.
7 ער נאַרט קיינעם אָב, דעם מישכון פאר אן אנלייהע ברענגט ער אָב,
פרעמדע רויבט ער ניט, זיין ברויט גיט ער צו אַ הונגעריגען און אַ נאַ־
קעטען בעדעקט ער מיט קליידער.
8 ער גיט קיין זאך אויף צינזען און נעהמט קיינע פערמעהרונג — ער
ציהט זיך צוריק פון אונרעכט, אַ ריכטיגען אורטהייל גיט ער ארויס
צווישען איינעם און דעם אנדערן.
9 לויט מיינע געזעצען געהט ער און מיינע רעכטע היט ער אום ריכטיג
צו האַנדלען, דער צדיק וועט אימער לעבען — זאָגט גאָט דער אל־
מעכטיגער.
10 וועט ער אָבער האָבען אַ פרעכען זוהן, אַ בלוט־פערגיסער, און ער וועט
צו זיין ברודער טהאָן איינע פון די אויבענדערמאָהנטע
11 (דאָס אַלעס וואָס זיין פאטער האָט ניט געטהאָן) : ער האָט געגעסען
אויף די געצען־בערג און פעראונרייניגט אַ פרעמדענס פרוי,
12 ער וועט נאַרען אָרעמע און בעדירפטיגע, רויבען פרעמדען פערמעגען,
ניט אבברענגען קיין מישכון, צו די געצען האָט ער זיינע אויגען אויפגע־
הויבען און גרוילטהאַטען געטהאָן ;
13 ער האָט אויף צינזען געגעבען און פערמעהרונג גענומען, זאָל ער לעבען ?
קוים האָט ער די אַלע גרוילטהאַטען געטהאָן וועט ער ניט לעבען — ער
מוז שטאַרבען, און זיין בלוט פאַלט אויף איהם.
14 און אויב ער האָט אַ זוהן, וועלכער האָט געזעהען זיין פאטער'ס אַלע
זינד וואָס ער האָט געטהאָן — ער האָט עס געזעהן און דאָך אַזעלכעס
ניט געטהאָן :
15 ער האָט אויף די געצען־בערג ניט געגעסען, אויך ניט אויפגעהויבען
זיינע אויגען צו די געצען פונ'ם הויז ישראל ; אַ פרעמדענס ווייב האָט
ער ניט אונריין געמאַכט.
16 און ניט גענאַרט קיינעם, ער האָט קיין משכון גענומען און ניט גערויבט
פרעמדען פערמעגען ; ער האָט הונגעריגע פון זיין ברויט געגעבען און
נאַקעטע מיט קליידונג בעדעקט.
17 ער האָט זיין האַנד צוריקגעצויגען און ניט גענומען פון אָרעמען צינזען
אָדער פערמעהרונג, ער האָט מיינע רעכטע געטהאָן און געגאַנגען אין
מיינע געזעצע. דער וועט ניט שטאַרבען פאר זיין פאָטער'ס זינד — ער
וועט לעבען !
18 זיין פאטער וועלכער האָט אימער גערויבט, צוגענומען זיין ברודער'ס
פערמעגען און אַלץ וואָס עס איז ניט גוט האָט ער אין זיין פאָלק גע־
טהאָן — יענער איז פאר זיינע זינד געשטאָרבען.
19 וועט איהר פרעגען : „פאר וואָס האָט דער זוהן ניט געליטען פאר זיין
פאטער'ס זינד ?" דער זוהן האָט אָבער געטהאָן רעכט און גערעכטיג־
קייט, ער האָט אָבגעהיט אַלע מיינע געזעצע און געטהאָן זיי — ער דאַרף
לעבען.
20 די פערזאָן וואָס זינדיגט די שטאַרבט, אַ זוהן ליידט ניט פאר זיין פא־
טער'ס זינד, און אַ פאטער ליידט ניט פאר אַ זוהן'ס זינד — דער צדיק
געניסט פון זיין וואָהלטהאַט און דער רשע פון זיין פערברעכען.
21 און זאָגאר דער רשע אַז ער וועט זיך צוריקציהען פון אַלע זיינע זינד
וואָס ער האָט געטהאָן און אבהיטען מיינע אַלע געזעצע און טהאָן גע־
רעכטיגקייט און וואָהלטהאַט, וועט ער לעבען בלייבען — ער וועט ניט
שטאַרבען.

22 כָּל־פְּשָׁעָיו֙ אֲשֶׁ֣ר עָשָׂ֔ה לֹ֥א יִזָּכְר֖וּ ל֑וֹ בְּצִדְקָת֥וֹ אֲשֶׁר־עָשָׂ֖ה
23 יִחְיֶֽה׃ הֶחָפֹ֤ץ אֶחְפֹּץ֙ מ֣וֹת רָשָׁ֔ע נְאֻ֖ם אֲדֹנָ֣י יֱהֹוִ֑ה הֲל֛וֹא
24 בְּשׁוּב֥וֹ מִדְּרָכָ֖ו וְחָיָֽה׃ וּבְשׁ֨וּב צַדִּ֤יק מִצִּדְקָתוֹ֙
וְעָ֣שָׂה עָ֔וֶל כְּכֹ֨ל הַתּוֹעֵב֜וֹת אֲשֶׁר־עָשָׂ֧ה הָרָשָׁ֛ע יַעֲשֶׂ֖ה וָחָ֑י
כָּל־צִדְקֹתָ֤ו אֲשֶׁר־עָשָׂה֙ לֹ֣א תִזָּכַ֔רְנָה בְּמַעֲל֧וֹ אֲשֶׁר־מָעַ֛ל
כה וּבְחַטָּאת֥וֹ אֲשֶׁר־חָטָ֖א בָּ֥ם יָמֽוּת׃ וַאֲמַרְתֶּ֕ם לֹ֥א יִתָּכֵ֖ן דֶּ֣רֶךְ
אֲדֹנָ֑י שִׁמְעוּ־נָא֙ בֵּ֣ית יִשְׂרָאֵ֔ל הֲדַרְכִּי֙ לֹ֣א יִתָּכֵ֔ן הֲלֹ֥א
26 דַרְכֵיכֶ֖ם לֹ֥א יִתָּכֵֽנוּ׃ בְּשׁוּב־צַדִּ֧יק מִצִּדְקָת֛וֹ וְעָ֥שָׂה עָ֖וֶל
27 וּמֵ֣ת עֲלֵיהֶ֑ם בְּעַוְל֥וֹ אֲשֶׁר־עָשָׂ֖ה יָמֽוּת׃ וּבְשׁ֣וּב רָשָׁ֗ע
מֵֽרִשְׁעָתוֹ֙ אֲשֶׁ֣ר עָשָׂ֔ה וַיַּ֥עַשׂ מִשְׁפָּ֖ט וּצְדָקָ֑ה ה֖וּא אֶת־נַפְשׁ֥וֹ
28 יְחַיֶּֽה׃ וַיִּרְאֶ֣ה וַיָּשׁ֔וֹב מִכָּל־פְּשָׁעָ֖יו אֲשֶׁ֣ר עָשָׂ֑ה חָי֥וֹ יִחְיֶ֖ה
29 לֹ֥א יָמֽוּת׃ וְאָמְרוּ֙ בֵּ֣ית יִשְׂרָאֵ֔ל לֹ֥א יִתָּכֵ֖ן דֶּ֣רֶךְ אֲדֹנָ֑י
הַדְּרָכַ֞י לֹ֤א יִתָּֽכְנוּ֙ בֵּ֣ית יִשְׂרָאֵ֔ל הֲלֹ֥א דַרְכֵיכֶ֖ם לֹ֥א יִתָּכֵֽן׃
ל לָכֵן֩ אִ֨ישׁ כִּדְרָכָ֜יו אֶשְׁפֹּ֤ט אֶתְכֶם֙ בֵּ֣ית יִשְׂרָאֵ֔ל נְאֻ֖ם אֲדֹנָ֣י
יֱהֹוִ֑ה שׁ֤וּבוּ וְהָשִׁ֙יבוּ֙ מִכָּל־פִּשְׁעֵיכֶ֔ם וְלֹא־יִהְיֶ֥ה לָכֶ֛ם
31 לְמִכְשׁ֖וֹל עָוֺֽן׃ הַשְׁלִ֣יכוּ מֵעֲלֵיכֶ֗ם אֶת־כָּל־פִּשְׁעֵיכֶם֙ אֲשֶׁ֣ר
פְּשַׁעְתֶּ֣ם בָּ֔ם וַעֲשׂ֥וּ לָכֶ֛ם לֵ֥ב חָדָ֖שׁ וְר֣וּחַ חֲדָשָׁ֑ה וְלָ֥מָּה
32 תָמֻ֖תוּ בֵּ֥ית יִשְׂרָאֵֽל׃ כִּ֣י לֹ֤א אֶחְפֹּץ֙ בְּמ֣וֹת הַמֵּ֔ת נְאֻ֖ם אֲדֹנָ֣י
יֱהֹוִ֑ה וְהָשִׁ֖יבוּ וִחְיֽוּ׃

CAP. XIX. יט

יט

א 2 וְאַתָּה֙ שָׂ֣א קִינָ֔ה אֶל־נְשִׂיאֵ֖י יִשְׂרָאֵֽל׃ וְאָמַרְתָּ֗ מָ֤ה אִמְּךָ֙
לְבִיָּ֔א בֵּ֥ין אֲרָי֖וֹת רָבָ֑צָה בְּת֥וֹךְ כְּפִרִ֖ים רִבְּתָ֥ה גוּרֶֽיהָ׃
3 וַתְּעַ֛ל אֶחָ֥ד מִגֻּרֶ֖יהָ כְּפִ֣יר הָיָ֑ה וַיִּלְמַ֥ד לִטְרָף־טֶ֖רֶף אָדָ֥ם
4 אָכָֽל׃ וַיִּשְׁמְע֥וּ אֵלָ֛יו גּוֹיִ֖ם בְּשַׁחְתָּ֣ם נִתְפָּ֑שׂ וַיְבִאֻ֥הוּ בַחַחִ֖ים
ה אֶל־אֶ֥רֶץ מִצְרָֽיִם׃ וַתֵּ֗רֶא כִּ֤י נֽוֹחֲלָה֙ אָבְדָ֣ה תִּקְוָתָ֔הּ וַתִּקַּ֛ח
6 אֶחָ֥ד מִגֻּרֶ֖יהָ כְּפִ֥יר שָׂמָֽתְהוּ׃ וַיִּתְהַלֵּ֥ךְ בְּתוֹךְ־אֲרָי֖וֹת כְּפִ֣יר
7 הָיָ֑ה וַיִּלְמַ֥ד לִטְרָף־טֶ֖רֶף אָדָ֥ם אָכָֽל׃ וַיֵּ֙דַע֙ אַלְמְנוֹתָ֔יו

ועריהם

v. 23. מדרכיו ק׳ v. 24. צדקתיו ק׳ v. 28. יתיר ו׳ v. 32. עד כאן יט v. 4 פתח באתנח

22 אַלע זיינע פערברעכענס וואָס ער האָט געטהאָן, וועלען איהם ניט
דערמאהנט ווערען צוליעב זיין וואָהלטהאַט וואָס ער האָט געטהאָן — ער
וועט לעבען בלייבען !
23 בין איך דען אויסען דעם רשע׳ס טוידט ? — זאָגט גאָט דער אַלמעכטי־
גער — ווען ער קעהרט זיך נאָר צוריק פון זיין (שלעכטע) וועג, וועט ער
לעבען בלייבען.
24 אויך ווען דער צדיק ציהט זיך צוריק פון זיין וואָהלטהאַט און טהוט
אונרעכט, ווי די אַלע גרוילטהאַטען וואָס דער רשע האָט געטהאָן,
וועט ער דען טהאָן און בלייבען לעבען ? [ניין !] אַלע וואָהלטהאַטען
זיינע וואָס ער האָט געטהאָן, וועלען איהם ניט דערמאהנט ווערען אי־
בער זיין פערברעכען וואָס ער האָט בעגאַנגען, איבער זיינע זינד וואָס
ער האָט געזינדיגט, איבער זיי וועט ער שטאַרבען.
25 וועט איהר דאָך זאָגען : „גאָט׳ס וועג איז ניט ריכטיג !" הערט נאָר,
הויז פון ישראל, איז מיין וועג ניט ריכטיג ? דאכט זיך אייערע וועגען
זיינען ניט ריכטיג.
26 ווען אַ צדיק ציהט זיך צוריק פון זיין וואָהלטהאַט און טהוט אונרעכט,
וועט ער דערפאר שטאַרבען, ד. ה. פאר זיין אונרעכט וואָס ער איז
בעגאַנגען וועט ער שטאַרבען.
27 און אז אַ רשע ציהט זיך צוריק פון זיינע שלעכטע טהאַטען וואָס ער
האָט געטהאָן און טהוט רעכט און גערעכטיגקייט, ערהאַלט ער זיך ביים
לעבען.
28 קוים האָט ער זיך אַרומגעזעהען און צוריקגעקעהרט פון אַלע פער־
ברעכענס זיינע, וואָס ער האָט געטהאָן, וועט ער לעבען בלייבען — ער
וועט ניט שטאַרבען !
29 זאָגט מען אָבער אינ׳ם הויז ישראל : „גאָט׳ס וועג איז ניט ריכטיג !"
זיינען מיינע וועגען ניט ריכטיג, הויז ישראל ? ! דאכט זיך אייערע
וועגען זיינען ניט ריכטיג.
30 אימער וועל איך יעדערן פון אייך, הויז ישראל, אורטהיילען נאָך זיין
אויפפיהרונג — זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער — קעהרט זיך צוריק און
קעהרט דעם צווייטען צוריק פון אַלע פערברעכענס אייערע, וועט איהר
מעהר קיין זינד האָבען געשטרויכעלט צו ווערען.
31 ווארפט פון זיך אַראָב אַלע זינד אייערע, וועלכע איהר האָט קעגען מיר
געזינדיגט, מאַכט זיך אַ נייע האַרץ און אַ נייען גייסט ; צו וואָס זאָלט
איהר אויסשטאַרבען, הויז פון ישראל ?
32 איך וויל גאָרניט אַז ווער־עס־איז זאָל שטאַרבען — זאָגט גאָט דער אַלמעכ־
טיגער — קעהרט זיך אום און לעבט !

קאַפּיטעל יט

1 דו הויב אויף אַ קלאַגליעד איבער די פירשטען פון ישראל,
2 און זאָג : ווי דרייסט דיין לעווין־מוטער איז צווישען לייבען געלעגען,
און צווישען יונגע לייבען איהרע קינדער ערצויגען !
3 ווי זי האָט אויפגעבראַכט איינעם פון איהרע קינדער, איז ער שוין אַ
יונגער לייב געוואָרען, ער האָט זיך אויסגעלערנט שפייז ערויבערן,
זאָגאר מענשען האָט ער געגעסען.
4 האָבען אָבער די פעלקער דערהערט וועגען איהם, איז ער אין זייער נעץ
אַריינגעפאַלען און זיי האָבען איהם אין קייטען אַוועקגעפיהרט אין מצרים.
5 ווען זי האָט דערזעהען אַז זי איז האָפנונגסלאָז, איהר האָפנונג איז
אומזיסט, האָט זי גענומען איין אַנדערן פון איהרע קינדער און ערצויגען
איהם אַלס יונגען לייב.
6 אַרומגעהענדיג צווישען די אַלטע לייבען, איז ער אַ דרייסטער לייב

8 וְעָרֵיהֶם הֶחֱרִיב וַתֵּשַׁם אֶרֶץ וּמְלֹאָהּ מִקּוֹל שַׁאֲגָתוֹ׃ וַיִּתְּנוּ
עָלָיו גּוֹיִם סָבִיב מִמְּדִינוֹת וַיִּפְרְשׂוּ עָלָיו רִשְׁתָּם בְּשַׁחְתָּם
9 נִתְפָּשׂ׃ וַיִּתְּנֻהוּ בַסּוּגַר בַּחַחִים וַיְבִאֻהוּ אֶל־מֶלֶךְ בָּבֶל
יְבִאֻהוּ בַּמְּצֹדוֹת לְמַעַן לֹא־יִשָּׁמַע קוֹלוֹ עוֹד אֶל־הָרֵי
י יִשְׂרָאֵל׃ אִמְּךָ כַגֶּפֶן בְּדָמְךָ עַל־מַיִם שְׁתוּלָה פֹּרִיָּה
11 וַעֲנֵפָה הָיְתָה מִמַּיִם רַבִּים׃ וַיִּהְיוּ־לָהּ מַטּוֹת עֹז אֶל־שִׁבְטֵי
מֹשְׁלִים וַתִּגְבַּהּ קוֹמָתוֹ עַל־בֵּין עֲבֹתִים וַיֵּרָא בְגָבְהוֹ בְּרֹב
12 דָּלִיֹּתָיו׃ וַתֻּתַּשׁ בְּחֵמָה לָאָרֶץ הֻשְׁלָכָה וְרוּחַ הַקָּדִים הוֹבִישׁ
13 פִּרְיָהּ הִתְפָּרְקוּ וְיָבֵשׁוּ מַטֵּה עֻזָּהּ אֵשׁ אֲכָלָתְהוּ׃ וְעַתָּה
14 שְׁתוּלָה בַמִּדְבָּר בְּאֶרֶץ צִיָּה וְצָמָא׃ וַתֵּצֵא אֵשׁ מִמַּטֵּה
בַדֶּיהָ פִּרְיָהּ אָכָלָה וְלֹא־הָיָה בָהּ מַטֵּה־עֹז שֵׁבֶט לִמְשׁוֹל
קִינָה הִיא וַתְּהִי לְקִינָה׃

כ CAP. XX. כ

א וַיְהִי ׀ בַּשָּׁנָה הַשְּׁבִיעִית בַּחֲמִשִׁי בֶּעָשׂוֹר לַחֹדֶשׁ בָּאוּ
אֲנָשִׁים מִזִּקְנֵי יִשְׂרָאֵל לִדְרֹשׁ אֶת־יְהוָה וַיֵּשְׁבוּ לְפָנָי׃
2 3 וַיְהִי דְבַר־יְהוָה אֵלַי לֵאמֹר׃ בֶּן־אָדָם דַּבֵּר אֶת־זִקְנֵי
יִשְׂרָאֵל וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם כֹּה אָמַר אֲדֹנָי יְהוִה הֲלִדְרֹשׁ
אֹתִי אַתֶּם בָּאִים חַי־אָנִי אִם־אִדָּרֵשׁ לָכֶם נְאֻם אֲדֹנָי
4 יְהוִה׃ הֲתִשְׁפֹּט אֹתָם הֲתִשְׁפּוֹט בֶּן־אָדָם אֶת־תּוֹעֲבֹת
ה אֲבוֹתָם הוֹדִיעֵם׃ וְאָמַרְתָּ אֲלֵיהֶם כֹּה־אָמַר אֲדֹנָי יְהוִה
בְּיוֹם בָּחֳרִי בְיִשְׂרָאֵל וָאֶשָּׂא יָדִי לְזֶרַע בֵּית יַעֲקֹב וָאִוָּדַע
לָהֶם בְּאֶרֶץ מִצְרָיִם וָאֶשָּׂא יָדִי לָהֶם לֵאמֹר אֲנִי יְהוָה
6 אֱלֹהֵיכֶם׃ בַּיּוֹם הַהוּא נָשָׂאתִי יָדִי לָהֶם לְהוֹצִיאָם מֵאֶרֶץ
מִצְרָיִם אֶל־אֶרֶץ אֲשֶׁר־תַּרְתִּי לָהֶם זָבַת חָלָב וּדְבַשׁ צְבִי
7 הִיא לְכָל־הָאֲרָצוֹת׃ וָאֹמַר אֲלֵהֶם אִישׁ שִׁקּוּצֵי עֵינָיו
הַשְׁלִיכוּ וּבְגִלּוּלֵי מִצְרַיִם אַל־תִּטַּמָּאוּ אֲנִי יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם׃
8 וַיַּמְרוּ־בִי וְלֹא אָבוּ לִשְׁמֹעַ אֵלַי אִישׁ אֶת־שִׁקּוּצֵי עֵינֵיהֶם

לא

יט v. 14. קמץ בז״ק כ v. 2. הפטרת קדושים

גוואָרען — ער האָט זיך אויסגעלערענט שפּייז עראָבערן און האָט
זאָגאַר מענשען געגעסען.
7 ער האָט צושמעטערט זייערע פּאַלאַצען און פּערוויסטעט זייערע שטעדט ;
די ערד און אַלעס וואָס אויף איהר האָבען געשטוינט פון זיין ברילען.
8 האָבען זיך אויף איהם פערזאַמעלט פעלקער פון די ארומיגע פּראָווינצען,
זיי האָבען אויסגעשפּרייט פאר איהם זייער נעץ, אין וועלכע ער איז
געכאַפּט געוואָרען.
9 דאן האָבען זיי איהם אין א שטייג אַריינגעשטעלט אין קייטען און
אוועקגעפיהרט איהם צום קעניג פון בבל, דאָרט האָט מען איהם אין אַ
פעסטונג געהאַלטען אום זיין שטימע זאָל זיך מעהר ניט הערען אויף
די בערג פון ישראל.
10 דיין מוטער, וואָס איז אין דיין יוגענדצייט געווען ווי אַ ווייכבוים וואָס
איז ביים וואסער געפלאַנצט, פונ׳ם גרויסען וואסער איז זי פרוכטבאַר
און צווייגיג געווען,
11 און האָט געהאַט שטאַרקע צווייגען ווי שטעקענס פון די רעגיערערס,
וואָס איהר געוואוקס איז העכער געווען פאר אַלע געדיכט־בעצווייגטע
און האָט זיך ארויסגעזעהען איבער איהר הויך און גרויסע צווייגען —
12 יעצט איז זי מיט וואוטה אויסגעריסען, צו דר׳ערד געשליידערט און
דער איסט ווינד האָט אויסגעטריקענט איהרע פרוכט, עס זיינען אָראָב־
געפאַלען און אויסגעדארט איהרע שטאַרקע צווייגען, אַ פייער האָט איהר
פערברענט.
13 יעצט איז זי געפלאַנצט אין אַ וויסטע, אין אַ טרוקענע און דורשטיגע לאַנד.
14 אַ פייער איז ארויס פון איהרע שטאַנגען־צווייגען און פערברענט איהרע
פרוכט, עס איז ביי איהר מעהר ניטאָ אַ שטאַרקער צווייג — אַ שטעקען
צו רעגיערען ; אָט דאָס איז אַ קלאַגעליעד וואָס וועט בלייבען אַ קלאַגע־
ליעד !

קאַפּיטעל כ

1 דאָס איז געווען אינ׳ם זיעבענטען יאָהר, צעהן טעג אין פינפטען מאָנאַט,
זיינען געקומען מענער פון די עלטסטע פון ישראל צו פרעגען ביי גאָט ;
ווען זיי זיינען ביי מיר געזעסען
2 איז גאָט׳ס וואָרט געווען צו מיר אַזוי צו זאָגען :
3 מענשענקינד ! רייד צו די עלטסטע פון ישראל און זאָג צו זיי : אַזוי
זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער — קומט איהר מיר אויספאָרשען ? ביי
מיין לעבען אויב איך וועל זיך פון אייך לאָזען פאָרשען, זאָגט גאָט
דער אַלמעכטיגער.
4 ווילסטו זיי אורטהיילען ? אויב דו מענשענקינד, ווילסט זיי אורטהיי־
לען דערמאַן זיי די גרוילטהאַטען פון זייערע עלטערן,
5 און זאָג צו זיי : אַזוי זאָגט דער אַלמעכטיגער — ווען איך האָב ישראל
אויסערוועהלט, ווען איך האָב מיין האַנד אויפגעהויבען צו די קינדער
פונ׳ם הויז ישראל און געלאָזען זיך ערקענען צו זיי אינ׳ם לאַנד מצרים,
דאן האָב איך אויפגעהויבען צו זיי מיין האַנד זאָגענדיג : איך, עוויגער,
בין אייער גאָט !
6 אין דעם זעלביגען טאָג האָב איך צו זיי געשוואָרען, אז איך וועל זיי
ארויסנעהמען פונ׳ם לאַנד מצרים צו די לאַנד וועלכע איך האָב פאר זיי
אויסגעזעהען, די וואָס פליסט מילך און האָניג — די שעהנסטע פון
אַלע לענדער.
7 איך האָב זיי געזאָגט : ווארפט אַוועק יעדער זיינע עכטע געצען און
פעראונרייניגט זיך ניט מיט די שאַנדטהאַטען פון מצרים — נאָר איך,
עוויגער, בין אייער גאָט !

לֹא הִשְׁלִיכוּ וְאֶת־גִּלּוּלֵי מִצְרַיִם לֹא עָזָבוּ וָאֹמַר לִשְׁפֹּךְ
חֲמָתִי עֲלֵיהֶם לְכַלּוֹת אַפִּי בָּהֶם בְּתוֹךְ אֶרֶץ מִצְרָיִם׃
9 וָאַעַשׂ לְמַעַן שְׁמִי לְבִלְתִּי הֵחֵל לְעֵינֵי הַגּוֹיִם אֲשֶׁר־הֵמָּה
בְתוֹכָם אֲשֶׁר נוֹדַעְתִּי אֲלֵיהֶם לְעֵינֵיהֶם לְהוֹצִיאָם מֵאֶרֶץ
י מִצְרָיִם׃ וָאוֹצִיאֵם מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם וָאֲבִאֵם אֶל־הַמִּדְבָּר׃
11 וָאֶתֵּן לָהֶם אֶת־חֻקּוֹתַי וְאֶת־מִשְׁפָּטַי הוֹדַעְתִּי אוֹתָם אֲשֶׁר
12 יַעֲשֶׂה אוֹתָם הָאָדָם וָחַי בָּהֶם׃ וְגַם אֶת־שַׁבְּתוֹתַי נָתַתִּי
לָהֶם לִהְיוֹת לְאוֹת בֵּינִי וּבֵינֵיהֶם לָדַעַת כִּי אֲנִי יְהוָה
13 מְקַדְּשָׁם׃ וַיַּמְרוּ־בִי בֵית־יִשְׂרָאֵל בַּמִּדְבָּר בְּחֻקּוֹתַי לֹא־
הָלָכוּ וְאֶת־מִשְׁפָּטַי מָאָסוּ אֲשֶׁר יַעֲשֶׂה אֹתָם הָאָדָם וָחַי
בָּהֶם וְאֶת־שַׁבְּתֹתַי חִלְּלוּ מְאֹד וָאֹמַר לִשְׁפֹּךְ חֲמָתִי עֲלֵיהֶם
14 בַּמִּדְבָּר לְכַלּוֹתָם׃ וָאֶעֱשֶׂה לְמַעַן שְׁמִי לְבִלְתִּי הֵחֵל לְעֵינֵי
טו הַגּוֹיִם אֲשֶׁר הוֹצֵאתִים לְעֵינֵיהֶם׃ וְגַם־אֲנִי נָשָׂאתִי יָדִי
לָהֶם בַּמִּדְבָּר לְבִלְתִּי הָבִיא אוֹתָם אֶל־הָאָרֶץ אֲשֶׁר־נָתַתִּי
16 זָבַת חָלָב וּדְבַשׁ צְבִי הִיא לְכָל־הָאֲרָצוֹת׃ יַעַן בְּמִשְׁפָּטַי
מָאָסוּ וְאֶת־חֻקּוֹתַי לֹא־הָלְכוּ בָהֶם וְאֶת־שַׁבְּתוֹתַי חִלֵּלוּ כִּי
17 אַחֲרֵי גִלּוּלֵיהֶם לִבָּם הֹלֵךְ׃ וַתָּחָס עֵינִי עֲלֵיהֶם מִשַּׁחֲתָם
18 וְלֹא־עָשִׂיתִי אוֹתָם כָּלָה בַּמִּדְבָּר׃ וָאֹמַר אֶל־בְּנֵיהֶם
בַּמִּדְבָּר בְּחוּקֵּי אֲבוֹתֵיכֶם אַל־תֵּלֵכוּ וְאֶת־מִשְׁפְּטֵיהֶם
19 אַל־תִּשְׁמֹרוּ וּבְגִלּוּלֵיהֶם אַל־תִּטַּמָּאוּ׃ אֲנִי יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם
כ בְּחֻקּוֹתַי לֵכוּ וְאֶת־מִשְׁפָּטַי שִׁמְרוּ וַעֲשׂוּ אוֹתָם׃ וְאֶת־
שַׁבְּתוֹתַי קַדֵּשׁוּ וְהָיוּ לְאוֹת בֵּינִי וּבֵינֵיכֶם לָדַעַת כִּי אֲנִי
21 יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם׃ וַיַּמְרוּ־בִי הַבָּנִים בְּחֻקּוֹתַי לֹא־הָלָכוּ וְאֶת־
מִשְׁפָּטַי לֹא־שָׁמְרוּ לַעֲשׂוֹת אוֹתָם אֲשֶׁר יַעֲשֶׂה אוֹתָם
הָאָדָם וָחַי בָּהֶם אֶת־שַׁבְּתוֹתַי חִלֵּלוּ וָאֹמַר לִשְׁפֹּךְ חֲמָתִי
22 עֲלֵיהֶם לְכַלּוֹת אַפִּי בָּם בַּמִּדְבָּר׃ וַהֲשִׁבֹתִי אֶת־יָדִי וָאַעַשׂ
לְמַעַן שְׁמִי לְבִלְתִּי הֵחֵל לְעֵינֵי הַגּוֹיִם אֲשֶׁר־הוֹצֵאתִי

אתם

v. 13. הל׳ בקמץ   v. 13.16. קמץ ברביעי   v. 18. דגש אחר שורק   v. 21. הל בקמץ

8 האָבען זיי אָבער קעגען מיר ווידערשפּעניגט און מיר ניט געוואָלט הע־
רען, קיינער פון זיי האָט זיינע עכטע געצען ניט אַוועקגעוואָרפען, אויך
ניט פערלאָזען די שאַנדטהאַטען פון מצרים. דאמאלס האָב איך גע־
דענקט אויסצוגיסען מיין וואוטה אויף זיי און אויסלאָזען צו זיי מיין
צאָרן אינ׳ם לאנד מצרים,
9 איך האָב אָבער צוליעב מיין נאָמען געטהאָן אום ניט פערשוועכט צו
ווערען פאר די אויגען פון די פעלקער, צווישען וועלכע זיי געפינען זיך,
וואָס פאר זייערע אויגען האָב איך זיך געלאָזען ערקענען צו זיי, אום
זיי פון מצרים ארויסצונעהמען.
10 אַז איך האָב זיי ארויסגענומען פון מצרים האָב איך זיי געבראַכט אין
מדבר,
11 דאָרטען האָב איך זיי געגעבען מיינע געזעצע און ערקלעהרט זיי מיינע
רעכטע, וואָס דער מענש וואָס טהוט זיי לעבט פון זיי,
12 אויך מיינע רוהעטעג האָב איך זיי געגעבען, אום עס זאָל זיין אַ צייכען
צווישען מיר און זיי, און זיי זאָלען אנערקענען אַז איך, עוויגער, מאַך
זיי היילינ.
13 האָבען אָבער די קינדער ישראל ווידערשפּעניגט קעגען מיר נאָך אין
מדבר ; אין מיינע געזעצע זיינען זיי ניט געגאַנגען און מיינע רעכטע
האָבען זיי פערראַכטעט, אָט די וואָס דער וואָס טהוט זיי לעבט פון זיי,
אויך מיינע רוהעטעג האָבען זיי גאַנץ וואָכעדיג געמאַכט ; דאן האָב
איך געדענקט אויסגיסען מיין צאָרן אויף זיי אין מדבר און פערניכ־
טען זיי.
14 איך האָב געטהאָן צוליעב מיין נאָמען, אום ניט פערשוועכט צו ווערען
פאר די אויגען פון די פעלקער, פאר די אויגען פון וועלכע איך האָב
זיי ארויסגענומען.
15 אין מדבר האָב איך זיי זאָגאר געשוואָרען ניט צו ברענגען זיי צו דאָס
לאַנד וואָס איך האָב זיי געגעבען, די וואָס פליסט מילך און האָניג
— די שעהנסטע פון אלע לענדער.
16 ווייל זיי האָבען פערהאַסט מיינע רעכטע און ניט געגאַנגען אין מיינע
געזעצע אויך וואָכעדיג געמאַכט מיינע רוהעטעג — זייער האַרץ האָט
געצויגען נאָך זייערע שאַנדטהאַטען.
17 איך האָב אויף זיי מיטלייד געהאַט צו פערדארבען זיי, דערפאר האָב
איך זיי ניט פערניכטעט אין מדבר.
18 נאָר צו זייערע קינדער האָב איך געזאָגט אין מדבר : געהט ניט אין די
געזעצע פון אייערע עלטערן, היט ניט זייערע רעכטע און פעראונרייניגט
זיך ניט מיט זייערע שאַנדטהאַטען,
19 איך, עוויגער, בין אייער גאָט ; אין מיינע געזעצע געהט און מיינע רעכטע
היט און טהוט זיי.
20 מיינע רוהעטעג האַלט היילינ, זאָלען זיי זיין אַלס צייכען צווישען מיר
און אייך, אַלס אַנערקענונג אַז איך, עוויגער, בין אייער גאָט.
21 אָבער אויך די קינדער האָבען ווידערשפּעניגט קעגען מיר : אין מיינע
געזעצע זיינען זיי ניט געגאַנגען און מיינע רעכטע האָבען זיי ניט אָב־
געהיט צו טהאָן זיי, די וואָס דער וואָס טהוט זיי לעבט פון זיי ; אויך
מיינע רוהעטעג האָבען זיי וואָכעדיג געמאַכט, האָב איך שוין געדענקט
אויסגיסען מיין וואוטה אויף זיי אין מדבר און אויסלאָזען מיין צאָרן
צו זיי ;
22 איך האָב אָבער מיין האַנד צוריקגעהאַלטען און געטהאָן צוליעב מיין
נאָמען, אום ניט פערשוועכט צו ווערען קעגען די פעלקער וואָס פאר
זייערע אויגען האָב איך זיי [פון מצרים] אַרויסגענומען.

23 אֹתָם לְעֵינֵיהֶם׃ גַּם־אֲנִי נָשָׂאתִי אֶת־יָדִי לָהֶם בַּמִּדְבָּר
24 לְהָפִיץ אֹתָם בַּגּוֹיִם וּלְזָרוֹת אוֹתָם בָּאֲרָצוֹת׃ יַעַן מִשְׁפָּטַי
לֹא־עָשׂוּ וְחֻקּוֹתַי מָאָסוּ וְאֶת־שַׁבְּתוֹתַי חִלֵּלוּ וְאַחֲרֵי גִּלּוּלֵי
כה אֲבוֹתָם הָיוּ עֵינֵיהֶם׃ וְגַם־אֲנִי נָתַתִּי לָהֶם חֻקִּים לֹא
26 טוֹבִים וּמִשְׁפָּטִים לֹא יִחְיוּ בָּהֶם׃ וָאֲטַמֵּא אוֹתָם בְּמַתְּנוֹתָם
בְּהַעֲבִיר כָּל־פֶּטֶר רָחַם לְמַעַן אֲשִׁמֵּם לְמַעַן אֲשֶׁר יֵדְעוּ
27 אֲשֶׁר אֲנִי יְהוָה׃ לָכֵן דַּבֵּר אֶל־בֵּית יִשְׂרָאֵל בֶּן־אָדָם
וְאָמַרְתָּ אֲלֵיהֶם כֹּה אָמַר אֲדֹנָי יְהוִה עוֹד זֹאת גִּדְּפוּ אוֹתִי
28 אֲבוֹתֵיכֶם בְּמַעֲלָם בִּי מָעַל׃ וָאֲבִיאֵם אֶל־הָאָרֶץ אֲשֶׁר
נָשָׂאתִי אֶת־יָדִי לָתֵת אוֹתָהּ לָהֶם וַיִּרְאוּ כָל־גִּבְעָה רָמָה
וְכָל־עֵץ עָבֹת וַיִּזְבְּחוּ־שָׁם אֶת־זִבְחֵיהֶם וַיִּתְּנוּ־שָׁם כַּעַס
קָרְבָּנָם וַיָּשִׂימוּ שָׁם רֵיחַ נִיחוֹחֵיהֶם וַיַּסִּיכוּ שָׁם אֶת־נִסְכֵּיהֶם׃
29 וָאֹמַר אֲלֵהֶם מָה הַבָּמָה אֲשֶׁר־אַתֶּם הַבָּאִים שָׁם וַיִּקָּרֵא
ל שְׁמָהּ בָּמָה עַד הַיּוֹם הַזֶּה׃ לָכֵן אֱמֹר ׀ אֶל־בֵּית
יִשְׂרָאֵל כֹּה אָמַר אֲדֹנָי יְהוִה הַבְדֶרֶךְ אֲבוֹתֵיכֶם אַתֶּם
31 נִטְמְאִים וְאַחֲרֵי שִׁקּוּצֵיהֶם אַתֶּם זֹנִים׃ וּבִשְׂאֵת מַתְּנֹתֵיכֶם
בְּהַעֲבִיר בְּנֵיכֶם בָּאֵשׁ אַתֶּם נִטְמְאִים לְכָל־גִּלּוּלֵיכֶם עַד־
הַיּוֹם וַאֲנִי אִדָּרֵשׁ לָכֶם בֵּית יִשְׂרָאֵל חַי־אָנִי נְאֻם אֲדֹנָי
32 יְהוִה אִם־אִדָּרֵשׁ לָכֶם׃ וְהָעֹלָה עַל־רוּחֲכֶם הָיוֹ לֹא
תִהְיֶה אֲשֶׁר ׀ אַתֶּם אֹמְרִים נִהְיֶה כַגּוֹיִם כְּמִשְׁפְּחוֹת
33 הָאֲרָצוֹת לְשָׁרֵת עֵץ וָאָבֶן׃ חַי־אָנִי נְאֻם אֲדֹנָי יְהוִה אִם־
לֹא בְּיָד חֲזָקָה וּבִזְרוֹעַ נְטוּיָה וּבְחֵמָה שְׁפוּכָה אֶמְלוֹךְ
34 עֲלֵיכֶם׃ וְהוֹצֵאתִי אֶתְכֶם מִן־הָעַמִּים וְקִבַּצְתִּי אֶתְכֶם מִן־
הָאֲרָצוֹת אֲשֶׁר נְפוֹצוֹתֶם בָּם בְּיָד חֲזָקָה וּבִזְרוֹעַ נְטוּיָה
לה וּבְחֵמָה שְׁפוּכָה׃ וְהֵבֵאתִי אֶתְכֶם אֶל־מִדְבַּר הָעַמִּים
36 וְנִשְׁפַּטְתִּי אִתְּכֶם שָׁם פָּנִים אֶל־פָּנִים׃ כַּאֲשֶׁר נִשְׁפַּטְתִּי
אֶת־אֲבוֹתֵיכֶם בְּמִדְבַּר אֶרֶץ מִצְרָיִם כֵּן אִשָּׁפֵט אִתְּכֶם

נאם

v. 24 קמץ בז״ק

23 אויך האָב איך בעשלאָסען אין מדבר זיי צוווישען די פעלקער צוצושפּריי־
טען און פונאַנדערוואַרפען זיי אין פערשיעדענע לענדער.
24 ווייל זיי האָבען ניט געטהאָן מיינע רעכטע און פעראַכטעט מיינע גע־
זעצע אויך מיינע רוהעטעג וואָכעדיג געמאַכט, זיי האָבען נאָר אויסגע־
קוקט נאָך די שאַנדטהאַטען פון זייערע עלטערן.
25 האָב איך זיי דען געגעבען ניט גוטע געזעצע אָדער רעכטע וואָס זיי
קענען פון זיי ניט לעבען ?
26 דאַן האָב איך זיי געלאָזען פעראונרייניגען זיך דורך זייערע אָפּפער־
געשענקע, פערברענענדיג יעדען ערשטלינג, אום זיי צו פערניכטען און
זיי זאָלען אנערקענען אַז איך בין גאָט.
27 דערפאַר רייד צו דאָס הויז ישראל, דו מענשענקינד, און זאָג צו זיי :
אַזוי זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער — אויך דערמיט האָבען אייערע על־
טערן געלעסטערט מיר, וואָס זיי זיינען מיר אונטריי געווען.
28 ווען איך האָב זיי שוין געבראַכט צו דאָס לאַנד וואָס איך האָב געשוואָ־
רען זיי צו געבען, איז וואו זיי האָבען נאָר געזעהען אַ הויכען באַרג
אָדער אַ געדיכט בעצווייגטען בוים, האָבען זיי דאָרטען זייער אָפּפער
געשאָכטען, דאָרטען האָבען זיי געמאַכט אַ רויך פון זייערע אָפּפער,
דאָרטען האָבען זיי געמאַכט זייערע אַנגענעהמע גערוכען, אויך דאָרטען
האָבען זיי זייערע גיס־אָפּפער געגאָסען.
29 און איך האָב זיי געזאָגט : „וואָס איז דאָס פאַר אַ באַרג אַלטאַר וואָס
איהר מאַכט זיך דאָרטען צום נאַרען ? דאָך רופט מען עס „במה״
(באַרג־אַלטאַר) נאָך יעצט.
30 דערפאַר זאָג צו דאָס הויז ישראל : אַזוי זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער
— פעראונרייניגט איהר זיך אויך לויט די וועג פון אייערע עלטערן ?
ווענדעט איהר זיך אויך נאָך זייערע שאַנדטהאַטען ?
31 אויך מיט דעם ברענגען אייערע געשענקע, מיט׳ן ברענגען אייערע קינדער
אין פייער, פעראונרייניגט איהר זיך ווי מיט אַלע אַנדערע געצען אייע־
רע זאָגאַר היינט, און איך זאָל זיך לאָזען פון אייך, הויז ישראל ערפאָר־
שען ? ביי מיין לעבען — זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער — אויב איך
וועל זיך לאָזען ערפאָרשען פון אייך.
32 און דאָס וואָס איהר האָט אין זינען וועט ניעמאַלס זיין, דאָס וואָס איהר
זאָגט זיך : „מיר וועלען זיין ווי אַלע פעלקער, ווי די פאַמיליען פון
אַנדערע צו דיענען האָלץ און שטיין״.
33 ביי מיין לעבען — זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער — אויב ניט דורך אַ
שטאַרקע האַנד און אַ אויסגעשטרעקטען אָרעם און אויסגעגאָסענעם
וואוטה וועל איך רעגיערען איבער אייך.
34 איך וועל אייך ארויספיהרען פון די פעלקער, און פערזאַמלען אייך פון
די לענדער וואָס איהר זייט פערשפּרייט אין זיי, מיט אַ שטאַרקע האַנד
און אַ אויסגעשטרעקטען ארעם און אויסגעגאָסענעם וואוטה !
35 איך וועל אייך צוזאַמענברענגען וואו די פעלקער קומען זיך צוזאַמען,
דאָרטען וועל איך זיך מיט אייך פונאַנדעררעכענען געזיכט קעגען גע־
זיכט.
36 אַזוי ווי איך האָב זיך פונאַנדערגערעכענט מיט אייערע עלטערן אין מדבר,
וואָס נעבען לאַנד מצרים, אַזוי וועל איך זיך אויך מיט אייך אויסרעכענען
— זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער.

37 נְאֻם אֲדֹנָי יֱהֹוִה׃ וְהַעֲבַרְתִּי אֶתְכֶם תַּחַת הַשָּׁבֶט וְהֵבֵאתִי
38 אֶתְכֶם בְּמָסֹרֶת הַבְּרִית׃ וּבָרוֹתִי מִכֶּם הַמֹּרְדִים וְהַפּוֹשְׁעִים
בִּי מֵאֶרֶץ מְגוּרֵיהֶם אוֹצִיא אוֹתָם וְאֶל־אַדְמַת יִשְׂרָאֵל
39 לֹא יָבוֹא וִידַעְתֶּם כִּי־אֲנִי יְהֹוָה׃ וְאַתֶּם בֵּית־יִשְׂרָאֵל כֹּה־
אָמַר ׀ אֲדֹנָי יֱהֹוִה אִישׁ גִּלּוּלָיו לְכוּ עֲבֹדוּ וְאַחַר אִם־אֵינְכֶם
שֹׁמְעִים אֵלָי וְאֶת־שֵׁם קָדְשִׁי לֹא תְחַלְּלוּ־עוֹד בְּמַתְּנוֹתֵיכֶם
מ וּבְגִלּוּלֵיכֶם׃ כִּי בְהַר־קָדְשִׁי בְּהַר ׀ מְרוֹם יִשְׂרָאֵל נְאֻם
אֲדֹנָי יֱהֹוִה שָׁם יַעַבְדֻנִי כָּל־בֵּית יִשְׂרָאֵל כֻּלֹּה בָּאָרֶץ שָׁם
אֶרְצֵם וְשָׁם אֶדְרוֹשׁ אֶת־תְּרוּמֹתֵיכֶם וְאֶת־רֵאשִׁית
41 מַשְׂאוֹתֵיכֶם בְּכָל־קָדְשֵׁיכֶם׃ בְּרֵיחַ נִיחֹחַ אֶרְצֶה
אֶתְכֶם בְּהוֹצִיאִי אֶתְכֶם מִן־הָעַמִּים וְקִבַּצְתִּי אֶתְכֶם מִן־
הָאֲרָצוֹת אֲשֶׁר נְפֹצֹתֶם בָּם וְנִקְדַּשְׁתִּי בָכֶם לְעֵינֵי הַגּוֹיִם׃
42 וִידַעְתֶּם כִּי־אֲנִי יְהֹוָה בַּהֲבִיאִי אֶתְכֶם אֶל־אַדְמַת יִשְׂרָאֵל
אֶל־הָאָרֶץ אֲשֶׁר נָשָׂאתִי אֶת־יָדִי לָתֵת אוֹתָהּ לַאֲבוֹתֵיכֶם׃
43 וּזְכַרְתֶּם־שָׁם אֶת־דַּרְכֵיכֶם וְאֵת כָּל־עֲלִילוֹתֵיכֶם אֲשֶׁר
נִטְמֵאתֶם בָּם וּנְקֹטֹתֶם בִּפְנֵיכֶם בְּכָל־רָעוֹתֵיכֶם אֲשֶׁר
44 עֲשִׂיתֶם׃ וִידַעְתֶּם כִּי־אֲנִי יְהֹוָה בַּעֲשׂוֹתִי אִתְּכֶם לְמַעַן
שְׁמִי לֹא כְדַרְכֵיכֶם הָרָעִים וְכַעֲלִילוֹתֵיכֶם הַנִּשְׁחָתוֹת בֵּית
יִשְׂרָאֵל נְאֻם אֲדֹנָי יֱהֹוִה׃

CAP. XXI. כא

כא

2 א וַיְהִי דְבַר־יְהֹוָה אֵלַי לֵאמֹר׃ בֶּן־אָדָם שִׂים פָּנֶיךָ דֶּרֶךְ
תֵּימָנָה וְהַטֵּף אֶל־דָּרוֹם וְהִנָּבֵא אֶל־יַעַר הַשָּׂדֶה נֶגֶב׃
3 וְאָמַרְתָּ לְיַעַר הַנֶּגֶב שְׁמַע דְּבַר־יְהֹוָה כֹּה־אָמַר אֲדֹנָי יֱהֹוִה
הִנְנִי מַצִּית־בְּךָ ׀ אֵשׁ וְאָכְלָה בְךָ כָל־עֵץ־לַח וְכָל־עֵץ יָבֵשׁ
לֹא־תִכְבֶּה לַהֶבֶת שַׁלְהֶבֶת וְנִצְרְבוּ־בָהּ כָּל־פָּנִים מִנֶּגֶב
4 צָפוֹנָה׃ וְרָאוּ כָּל־בָּשָׂר כִּי אֲנִי יְהֹוָה בִּעַרְתִּיהָ לֹא תִּכְבֶּה׃
ה וָאֹמַר אֲהָהּ אֲדֹנָי יֱהֹוִה הֵמָּה אֹמְרִים לִי הֲלֹא מְמַשֵּׁל

משלים

כ׳ v. 37. חסר א

37 איך וועל אייך דורכפיהרען אונטער'ן רוט און וועל אייך ברענגען אין א פערפליכטונג און פערבאַנד.

38 איך וועל אבזאָנדערן פון אייך די ווידערשפּעניגער און פערברעכער, איך וועל זיי ארויסנעהמען פון זייער וואוינונגס־לאנד, אָבער צום לאנד פון ישראל וועלען זיי ניט קומען; דאן וועט איהר אנערקענען, אַז איך בין גאָט.

39 און צו אייך, הויז פון ישראל — אַזוי זאָגט גאָט, דער אַלמעכטיגער — געהט און דיענט יעדער זיינע געצען, קוים פאָלגט איהר מיר זאָ־ווי־זאָ ניט, פערשוועכט נאָר מעהר ניט מיין הייליגען נאָמען מיט אייערע גע־שענקע און אייערע געצען.

40 ווארום אויף מיין הייליגען בארג, אויף דעם העכסטען באַרג פון ישראל — זאָגט גאָט, דער אַלמעכטיגער — דאָרטען וועלען מיר דיענען דאָס גאַנצע הויז ישראל פון לאנד; דאָרטען וועל איך זיי וויליג אננעהמען און דאָרטען וועל איך אויפפאָדערן אייערע הויב־אָפּפער און אייערע ערשטע גאבען פון אַלע אייערע הייליגטהימער.

41 דורך אַן אנגענעהמען גערוך וועל איך אייך וויליג אננעהמען, ווען איך וועל אייך ארויסנעהמען פון די פעלקער און פערזאמלען אייך פון די לענדער אין וועלכע איהר זייט צושפּרייט; דאן וועל איך דורך אייך הייליג ווערען ביי אַלע פעלקער.

42 דאמאלס וועט איהר אנערקענען אַז איך בין גאָט, ווען איך וועל אייך צוזאמענברענגען אויף דאָס לאנד פון ישראל, דאָס לאנד וואָס איך האָב צו אייערע עלטערן געשוואָרען אַז איך וועל אייך געבען.

43 דאָרטען וועט איהר זיך דערמאהנען אייער אויפפיהרונג און אלע אייערע טהאַטען מיט וועלכע איהר זייט פעראונרייניגט געוואָרען; איהר וועט זיך זעלבסט פאָרווירפע מאַכען פאר אלע שלעכטע טהאַטען וואָס איהר האָט געטהאָן.

44 איהר וועט דאמאלס אנערקענען, אַז איך בין גאָט, ווען איך וועל מיט אייך גוטס טהאָן צוליעב מיין נאָמען, ניט לויט אייערע שלעכטע וועגען און פערדאָרבענע טהאַטען, הויז ישראל — זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער.

קאַפּיטעל כא

1 און גאָט'ס וואָרט איז געווען צו מיר אַזוי צו זאָגען:

2 מענשענקינד! ווענדע דיין געזיכט צום וועג פון זידען, האַלט דיין רעדע אויף דרום און פּראָפעצייהע אויפ'ן וואלד וואָס נעבען די פעלדער פון די טרוקענע לאנד;

3 זאָג צום וואלד פון די טרוקענע לאנד: הער גאָט'ס וואָרט! אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער. איך וועל אנצינדען אַ פייער אין דיר און זי וועט אין דיר אויסברענען אַלע פייכטע בוימער און אלע טרוקענע בוימער; אַזאַ גרויסער פלאַם וואָס וועט ניט איינגעלאָשען ווערען, פון איהם וועלען פערברענט ווערען אלע פּערזאָנען פון דרום— צפון זייט.

4 אַלע בעשעפעניסען וועלען זעהען אַז איך, גאָט, האָב עס אָנגעצונדען — עס וועט ניט פערלאָשען ווערען.

5 האָב איך געזאָגט: אָ, אלמעכטיגער גאָט! זיי זאָגען דאָך אויף מיר: „ער איז נאָר אַ שפּריכוואָרט־זאָגער!"

6 7 מְשָׁלִים הוּא׃ וַיְהִי דְבַר־יְהוָה אֵלַי לֵאמֹר׃ בֶּן־
אָדָם שִׂים פָּנֶיךָ אֶל־יְרוּשָׁלִַם וְהַטֵּף אֶל־מִקְדָּשִׁים וְהִנָּבֵא
8 אֶל־אַדְמַת יִשְׂרָאֵל׃ וְאָמַרְתָּ לְאַדְמַת יִשְׂרָאֵל כֹּה אָמַר
יְהוָה הִנְנִי אֵלַיִךְ וְהוֹצֵאתִי חַרְבִּי מִתַּעְרָהּ וְהִכְרַתִּי מִמֵּךְ
9 צַדִּיק וְרָשָׁע׃ יַעַן אֲשֶׁר־הִכְרַתִּי מִמֵּךְ צַדִּיק וְרָשָׁע לָכֵן
תֵּצֵא חַרְבִּי מִתַּעְרָהּ אֶל־כָּל־בָּשָׂר מִנֶּגֶב צָפוֹן׃ וְיָדְעוּ י
כָּל־בָּשָׂר כִּי אֲנִי יְהוָה הוֹצֵאתִי חַרְבִּי מִתַּעְרָהּ לֹא תָשׁוּב
11 עוֹד׃ וְאַתָּה בֶן־אָדָם הֵאָנַח בְּשִׁבְרוֹן מָתְנַיִם
12 וּבִמְרִירוּת תֵּאָנַח לְעֵינֵיהֶם׃ וְהָיָה כִּי־יֹאמְרוּ אֵלֶיךָ עַל־
מָה אַתָּה נֶאֱנָח וְאָמַרְתָּ אֶל־שְׁמוּעָה כִי־בָאָה וְנָמֵס כָּל־
לֵב וְרָפוּ כָל־יָדַיִם וְכִהֲתָה כָל־רוּחַ וְכָל־בִּרְכַּיִם תֵּלַכְנָה
13 מַּיִם הִנֵּה בָאָה וְנִהְיָתָה נְאֻם אֲדֹנָי יְהוִה׃ וַיְהִי
14 דְבַר־יְהוָה אֵלַי לֵאמֹר׃ בֶּן־אָדָם הִנָּבֵא וְאָמַרְתָּ כֹּה אָמַר
אֲדֹנָי אֱמֹר חֶרֶב חֶרֶב הוּחַדָּה וְגַם־מְרוּטָה׃ לְמַעַן טְבֹחַ טו
טֶבַח הוּחַדָּה לְמַעַן־הֱיֵה־לָהּ בָּרָק מֹרָטָּה אוֹ נָשִׂישׂ שֵׁבֶט
16 בְּנִי מֹאֶסֶת כָּל־עֵץ׃ וַיִּתֵּן אֹתָהּ לְמָרְטָה לִתְפֹּשׂ בַּכָּף
הִיא־הוּחַדָּה חֶרֶב וְהִיא מֹרָטָּה לָתֵת אוֹתָהּ בְּיַד־הוֹרֵג׃
17 זְעַק וְהֵילֵל בֶּן־אָדָם כִּי־הִיא הָיְתָה בְעַמִּי הִיא בְּכָל־
נְשִׂיאֵי יִשְׂרָאֵל מְגוּרֵי אֶל־חֶרֶב הָיוּ אֶת־עַמִּי לָכֵן סְפֹק
18 אֶל־יָרֵךְ׃ כִּי בֹחַן וּמָה אִם־גַּם־שֵׁבֶט מֹאֶסֶת לֹא יִהְיֶה
19 נְאֻם אֲדֹנָי יְהוִה׃ וְאַתָּה בֶן־אָדָם הִנָּבֵא וְהַךְ כַּף
אֶל־כָּף וְתִכָּפֵל חֶרֶב שְׁלִישִׁתָה חֶרֶב חֲלָלִים הִיא חֶרֶב
חָלָל הַגָּדוֹל הַחֹדֶרֶת לָהֶם׃ לְמַעַן ׀ לָמוּג לֵב וְהַרְבֵּה כ
הַמִּכְשֹׁלִים עַל כָּל־שַׁעֲרֵיהֶם נָתַתִּי אִבְחַת־חָרֶב אָח
21 עֲשׂוּיָה לְבָרָק מְעֻטָּה לְטָבַח׃ הִתְאַחֲדִי הֵימִנִי הָשִׂימִי
22 הַשְׂמִילִי אָנָה פָּנַיִךְ מֻעָדוֹת׃ וְגַם־אֲנִי אַכֶּה כַפִּי אֶל־כַּפִּי
23 וַהֲנִחֹתִי חֲמָתִי אֲנִי יְהוָה דִּבַּרְתִּי׃ וַיְהִי דְבַר־יְהוָה
אלי

v. 11. פתח באתנח   v. 12. קמץ בז״ק   v. 17. סבירין למען   v. 19. למדנחאי על   v. 21. חסר א

6 איז גאָט'ס וואָרט געווען צו מיר אַזוי צו זאָגען :

7 מענשענקינד ! ווענדע דיין געזיכט צו ירושלים און רייד וועגען די
הייליגטהימער ; פּראָפעצייהע וועגען דאָס לאַנד ישראל,

8 און זאָג אויף דאָס לאַנד ישראל : אַזוי זאָגט גאָט — איך וועל זיך
נעהמען פאר דיר ! אַז איך וועל שוין מיין שווערד ארויסנעהמען פון
איהר שייד, וועל איך אויסראָטען פון דיר די פרומע מיט די פער־
ברעכער,

9 און ווען איך וועל פון דיר אויסראטהען פרומע מיט פערברעכער, וועט שוין
מיין שווערד ארויס פון שייד אויף אַלע בעשעפעניסען פון דרום—צפון
זייט.

10 דאַן וועלען אַלע בעשעפעניסען וויסען, אַז ווען איך, גאָט, נעהם ארויס
מיין שווערד פון שייד געהט זי שוין ניט צוריק.

11 און דו, מענשענקינד, זיפצע ; מיט צובראָכענע לענדען און ביטערקייט
זיפצע אין זייער געגענוואַרט.

12 און אַז זיי וועלען דיר פרעגען : „פאַר וואָס זיפצעסטו ?" זאָלסטו
זאָגען : ווייל עס איז אנגעקומען אַ נאַכריכט, פון וועלכע יעדעס האַרץ
צוגעהט, אַלע הענד ווערען שוואַך, יעדער גייסט ווערט געפאַלען און אַלע
קניע געהען ווי אין וואסער. עס איז שוין געקומען און געשעהען ! —
זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער.

13 אויך איז גאָט'ס וואָרט געווען צו מיר אַזוי צו זאָגען :

14 מענשענקינד ! פּראָפעצייהע און זאָג : אַזוי זאָגט גאָט — זאָג זיי
וועגען אַ שווערד, אַ שווערד וואָס איז געשאַרפט און געשליפען.

15 אום פיעל צו שלאַכטען איז זי געשאַרפט, און אום זי זאָל האָבען אַ
גלאַנץ איז זי געשליפען ; קען מען זיך פרעהען ? דאָס איז אַ שטראף־
רוט פאר מיין זוהן, וועלכער פעראכטעט דעם שטעקען.

16 מען האָט איהר געגעבען שלייפען, אום איהר אין האַנד צו נעהמען, דאָס
זעלביגע שווערד איז געשאַרפט און געשליפען אום צו געבען איהר צום
מערדער.

17 שריי און יאָמער, מענשענקינד ! דאָס זעלביגע וואָס האָט מיט מיין
פאָלק פאסירט, האָט אויך פאסירט מיט די פירשטען פון ישראל —
אויך זיי זיינען איבערגעשראָקען פון שווערד ווי מיין פאָלק. שלאָג זיך
אַלזאָ איבער די היפטען !

18 עס איז שוין פעסט בעשטימט זאָגאר אויב דער שטעקען וועט שוין ניט
פעראכטעט זיין — זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער.

19 און דו, מענשענקינד, פּראָפעצייהע און קלאפּ איין האַנד אין די אַנ־
דערע, און זאָל דאָס פערדאָפּעלט ווערען ; דאָס שווערד איז אַ שטאַרקע,
אַ שווערד וואָס וואַרפט אַן ערשלאָגענע, אַ שווערד פאַר גרויסע מער־
דערייען איז די וואָס דרינגט אויף זיי.

20 אום צו צושמעלצען יעדער האַרץ, און פערמעהרען די שטרויכלונגען
ביי אַלע זייערע טהויערן, האָב איך זיי איבערגעגעבען צום גערויש פון
שווערד, וועלכע איז געשווינד ווי אַ בליץ פארטיג געוואָרען, שנעל צום
שלאכט.

21 פעראייניג זיך רעכטס, שטעל זיך לינקס — וואו נאָר דיין געזיכט
איז געווענדעט.

22 איך וועל אויך קלאפּען איין האַנד אין די אנדערע ביז מיין צאָרן וועט
זיך בערוהיגען — איך, גאָט, האָב גערעדט.

23 און גאָט'ס וואָרט איז געווען צו מיר אזוי צו זאָגען :

24 אֵלַ֖י לֵאמֹֽר׃ וְאַתָּ֣ה בֶן־אָדָ֡ם שִׂים־לְךָ֣ ׀ שְׁנַ֣יִם דְּרָכִ֗ים
לָבוֹא֙ חֶ֣רֶב מֶֽלֶךְ־בָּבֶ֔ל מֵאֶ֧רֶץ אֶחָ֛ד יֵצְא֖וּ שְׁנֵיהֶ֑ם וְיָ֣ד בָּרֵ֔א
כה בְּרֹ֥אשׁ דֶּֽרֶךְ־עִ֖יר בָּרֵֽא׃ דֶּ֚רֶךְ תָּשִׂ֔ים לָב֣וֹא חֶ֔רֶב אֵ֖ת
26 רַבַּ֣ת בְּנֵֽי־עַמּ֑וֹן וְאֶת־יְהוּדָ֥ה בִירוּשָׁלִַ֖ם בְּצוּרָֽה׃ כִּֽי־עָמַ֨ד
מֶֽלֶךְ־בָּבֶ֜ל אֶל־אֵ֣ם הַדֶּ֗רֶךְ בְּרֹ֛אשׁ שְׁנֵ֥י הַדְּרָכִ֖ים לִקְסָם־
27 קָ֑סֶם קִלְקַ֤ל בַּֽחִצִּים֙ שָׁאַ֣ל בַּתְּרָפִ֔ים רָאָ֖ה בַּכָּבֵֽד׃ בִּֽימִינ֞וֹ
הָיָ֣ה ׀ הַקֶּ֣סֶם יְרוּשָׁלִַ֗ם לָשׂ֣וּם כָּרִ֔ים לִפְתֹּ֥חַ פֶּה֙ בְּרֶ֔צַח
לְהָרִ֥ים ק֖וֹל בִּתְרוּעָ֑ה לָשׂ֤וּם כָּרִים֙ עַל־שְׁעָרִ֔ים לִשְׁפֹּ֥ךְ
28 סֹלְלָ֖ה לִבְנ֥וֹת דָּיֵֽק׃ וְהָיָ֨ה לָהֶ֤ם כִּקְס֨וֹם־שָׁוְא֙ בְּעֵ֣ינֵיהֶ֔ם
שְׁבֻעֵ֥י שְׁבֻע֖וֹת לָהֶ֑ם וְהֽוּא־מַזְכִּ֥יר עָוֺ֖ן לְהִתָּפֵֽשׂ׃
29 לָכֵ֞ן כֹּֽה־אָמַ֣ר אֲדֹנָ֣י יֱהֹוִ֗ה יַ֚עַן הַזְכַּרְכֶ֣ם עֲוֺנְכֶ֔ם בְּהִגָּלוֹת֙
פִּשְׁעֵיכֶ֔ם לְהֵֽרָאוֹת֙ חַטֹּ֣אותֵיכֶ֔ם בְּכֹ֖ל עֲלִילֽוֹתֵיכֶ֑ם יַ֚עַן
ל הִזָּ֣כֶרְכֶ֔ם בַּכַּ֖ף תִּתָּפֵֽשׂוּ׃ וְאַתָּה֙ חָלָ֣ל רָשָׁ֔ע נְשִׂ֖יא
31 יִשְׂרָאֵ֑ל אֲשֶׁר־בָּ֣א יוֹמ֔וֹ בְּעֵ֖ת עֲוֺ֥ן קֵֽץ׃ כֹּ֤ה אָמַר֙
אֲדֹנָ֣י יֱהֹוִ֔ה הָסִיר֙ הַמִּצְנֶ֔פֶת וְהָרִ֖ים הָעֲטָרָ֑ה זֹ֣את לֹא־זֹ֔את
32 הַשָּׁפָ֣לָה הַגְבֵּ֔ה וְהַגָּבֹ֖הַּ הַשְׁפִּֽיל׃ עַוָּ֥ה עַוָּ֖ה עַוָּ֑ה אֲשִׂימֶ֑נָּה
גַּם־זֹאת֙ לֹ֣א הָיָ֔ה עַד־בֹּ֞א אֲשֶׁר־ל֧וֹ הַמִּשְׁפָּ֖ט וּנְתַתִּֽיו׃
33 וְאַתָּ֨ה בֶן־אָדָ֜ם הִנָּבֵ֣א וְאָמַרְתָּ֗ כֹּ֤ה אָמַר֙ אֲדֹנָ֣י יֱהֹוִ֔ה אֶל־
בְּנֵ֥י עַמּ֖וֹן וְאֶל־חֶרְפָּתָ֑ם וְאָמַרְתָּ֗ חֶ֤רֶב חֶ֙רֶב֙ פְּתוּחָ֔ה לְטֶ֣בַח
34 מְרוּטָ֔ה לְהָכִ֖יל לְמַ֥עַן בָּרָֽק׃ בַּחֲז֥וֹת לָךְ֙ שָׁ֔וְא בִּקְסָם־
לָ֖ךְ כָּזָ֑ב לָתֵ֣ת אוֹתָ֗ךְ אֶל־צַוְּארֵי֙ חַֽלְלֵ֣י רְשָׁעִ֔ים אֲשֶׁר־בָּ֣א
לה יוֹמָ֔ם בְּעֵ֖ת עֲוֺ֥ן קֵֽץ׃ הָשַׁ֖ב אֶל־תַּעְרָ֑הּ בִּמְק֧וֹם אֲשֶׁר־
36 נִבְרֵ֛את בְּאֶ֥רֶץ מְכֻרוֹתַ֖יִךְ אֶשְׁפֹּ֥ט אֹתָֽךְ׃ וְשָׁפַכְתִּ֤י עָלַ֙יִךְ֙
זַעְמִ֔י בְּאֵ֥שׁ עֶבְרָתִ֖י אָפִ֣יחַ עָלָ֑יִךְ וּנְתַתִּ֗יךְ בְּיַד֙ אֲנָשִׁ֣ים
37 בֹּֽעֲרִ֔ים חָרָשֵׁ֖י מַשְׁחִֽית׃ לָאֵ֤שׁ תִּֽהְיֶה֙ לְאָכְלָ֔ה דָּמֵ֥ךְ יִהְיֶ֖ה
בְּת֣וֹךְ הָאָ֑רֶץ לֹ֣א תִזָּכֵ֔רִי כִּ֛י אֲנִ֥י יְהֹוָ֖ה דִּבַּֽרְתִּי׃

ויהי

מלא ו׳ v. 28. 29.

24 דו, מענשענקינד, צייכען זיך אן צוויי וועגען, דורך וועלכע דער שווערד פון בבל וועט קומען; פון איין לאנד וועלען זיך ביידע ציהען, און קלייב זיך אויס א אָרט ביים אנפאנג וועג, נעבען שטאָדט קלייב זיך אויס [א אָרט].

25 בעצייכען אַ וועג דורך וועלכע דאָס שווערד זאָל קומען אויף רבה די שטאָדט פון עמון און אויף יהודה וואָס בעוואוינען די בעפעסטיגטע ירושלים.

26 ווארום דער קעניג פון בבל איז שטעהן געבליעבען אויפ'ן הויפּט־וועג, וואו עס אַנגען זיך אן ביידע וועגען אום צויבעריי צו טרייבען: ער האָט שנעל געוואָרפען פיילען, ער האָט ביי די בילדער געפרעגט און אויפ'ן לעבער געקוקט.

27 זיין הויפט צויבעריי איז געווען וועגען ירושלים, וואו צו שטעלען וואנד־ברעכערס, וואו אנפאנגען דעם שלאכט, וואו אנצופאנגען דעם קריעג־שטורם, אויף וועלכע טהויערן ארומצושטעלען וואנדברעכערס, אנצו־שיטען אַ זאמד־באַרג און וואו צו בויען אַ טהורם.

28 ביי זיי וועט עס זיין ווי אַ אונגוציגע צויבעריי, ווייל זיי האָבען זיך איינער דעם אנדערן געשוואָרען, דאָס וועט זיי אָבער דעם אונגליק ברענגען אום געכאַפּט צו ווערען.

29 דערפאר — אַזוי זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער — ווייל איהר ווייזט ארויס אייער זינד, טהוענדיג אָפענבאַר אייערע פערברעכענס, אום עס זאָלען געזעהען ווערען אַלע אייערע זינדיגע טהאַטען; ווייל איהר ווייזט עס ארויס וועט איהר מיט'ן האַנד געכאַפּט ווערען.

30 דו, ניעדערטרעכטיגער פערברעכער, פירשט פון ישראל, וועמעס שטראָף־טאָג עס איז געקומען ווען די זינד איז צו ענדע.

31 אַזוי זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער: נעהם אַראָב די מיץ און הויב אַראָב די קרוין, קיין זאַך איז ניט ריכטיג — וואָס עס דארף זיין ניעדעריג איז הויך, און וואָס עס דארף הויך זיין איז ערניעדערט.

32 וויסט, פערוויסטעט און רואינירט וועל איך איהר מאַכען, אָבער דאָס וועט אויך נאָר דאן געשעהען, ווען עס וועט קומען יענער וואָס איז בע־רעכטיגט צו אורטהיילען — איהם וועל איך עס איבערגעבען.

33 און דו, מענשענקינד, פּראָפעצייהע און זאָג: אַזוי זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער, וועגען די קינדער פון עמון און זייערע שאַנדטהאַטען: זאָג זיי אן שווערד־שטראָף, דאָס שווערד איז שוין געעפענט צום שלאכט, געשליפען צום שניידען און צום בלאַנקען.

34 אנשטאט וואָס מען האָט דיר פאַראויסגעזעהען פאַלש און געצויבערט פאר דיר ליגענס, אום צו לעגען דיר נעבען די העלזער פון אנדערע ער־מאָרדעטע פערברעכערס, וועמעס שטראָף־טאָג עס איז געקומען, ווען די זינד האָט זיך געענדיגט.

35 זי איז צוריקגעזעצט אין איהר שייד! דאָרט וואו דו ביזט אויפגעוואק־סען, אין דיין געבורטס־לאנד וועל איך דיך אורטהיילען.

36 איך וועל אויף דיר אויסגיסען מיין צאָרן, מיט מיין פייערדיגען גרימ־צאָרן וועל איך אויף דיר בלאָזען, איך וועל דיך איבערגעבען צו מענשען־צושטערער, קינסטלער צו פערדארבען.

37 דו וועסט זיין אַ שפּייז צום פייער, אינ'ם גאַנצען לאנד וועט דיין בלוט זיין און קיינער וועט זיך וועגען דיר ניט קימערן, אַזוי ווי איך, גאָט, האָב גערעדט.

כב CAP. XXII. כב

וַיְהִי דְבַר־יְהוָה אֵלַי לֵאמֹר׃ וְאַתָּה בֶן־אָדָם הֲתִשְׁפֹּט א 2
הֲתִשְׁפֹּט אֶת־עִיר הַדָּמִים וְהוֹדַעְתָּהּ אֵת כָּל־תּוֹעֲבוֹתֶיהָ׃
וְאָמַרְתָּ כֹּה אָמַר אֲדֹנָי יֱהוִה עִיר שֹׁפֶכֶת דָּם בְּתוֹכָהּ 3
לָבוֹא עִתָּהּ וְעָשְׂתָה גִלּוּלִים עָלֶיהָ לְטָמְאָה׃ בְּדָמֵךְ אֲשֶׁר־ 4
שָׁפַכְתְּ אָשַׁמְתְּ וּבְגִלּוּלַיִךְ אֲשֶׁר־עָשִׂית טָמֵאת וַתַּקְרִיבִי
יָמַיִךְ וַתָּבוֹא עַד־שְׁנוֹתָיִךְ עַל־כֵּן נְתַתִּיךְ חֶרְפָּה לַגּוֹיִם
וְקַלָּסָה לְכָל־הָאֲרָצוֹת׃ הַקְּרֹבוֹת וְהָרְחֹקוֹת מִמֵּךְ יִתְקַלְּסוּ־ ה
בָךְ טְמֵאַת הַשֵּׁם רַבַּת הַמְּהוּמָה׃ הִנֵּה נְשִׂיאֵי יִשְׂרָאֵל 6
אִישׁ לִזְרֹעוֹ הָיוּ בָךְ לְמַעַן שְׁפָךְ־דָּם׃ אָב וָאֵם הֵקַלּוּ בָךְ 7
לַגֵּר עָשׂוּ בַעֹשֶׁק בְּתוֹכֵךְ יָתוֹם וְאַלְמָנָה הוֹנוּ בָךְ׃ קָדָשַׁי 8
בָּזִית וְאֶת־שַׁבְּתֹתַי חִלָּלְתְּ׃ אַנְשֵׁי רָכִיל הָיוּ בָךְ לְמַעַן 9
שְׁפָךְ־דָּם וְאֶל־הֶהָרִים אָכְלוּ בָךְ זִמָּה עָשׂוּ בְתוֹכֵךְ׃ עֶרְוַת־ י
אָב גִּלָּה־בָךְ טְמֵאַת הַנִּדָּה עִנּוּ־בָךְ׃ וְאִישׁ ׀ אֶת־אֵשֶׁת 11
רֵעֵהוּ עָשָׂה תּוֹעֵבָה וְאִישׁ אֶת־כַּלָּתוֹ טִמֵּא בְזִמָּה וְאִישׁ
אֶת־אֲחֹתוֹ בַת־אָבִיו עִנָּה־בָךְ׃ שֹׁחַד לָקְחוּ־בָךְ לְמַעַן 12
שְׁפָךְ־דָּם נֶשֶׁךְ וְתַרְבִּית לָקַחַתְּ וַתְּבַצְּעִי רֵעַיִךְ בַּעֹשֶׁק וְאֹתִי
שָׁכַחַתְּ נְאֻם אֲדֹנָי יֱהוִה׃ וְהִנֵּה הִכֵּיתִי כַפִּי אֶל־בִּצְעֵךְ 13
אֲשֶׁר עָשִׂית וְעַל־דָּמֵךְ אֲשֶׁר הָיוּ בְּתוֹכֵךְ׃ הֲיַעֲמֹד לִבֵּךְ 14
אִם־תֶּחֱזַקְנָה יָדַיִךְ לַיָּמִים אֲשֶׁר אֲנִי עֹשֶׂה אוֹתָךְ אֲנִי
יְהוָה דִּבַּרְתִּי וְעָשִׂיתִי׃ וַהֲפִיצוֹתִי אוֹתָךְ בַּגּוֹיִם וְזֵרִיתִיךְ טו
בָּאֲרָצוֹת וַהֲתִמֹּתִי טֻמְאָתֵךְ מִמֵּךְ׃ וְנִחַלְתְּ בָּךְ לְעֵינֵי גוֹיִם 16
וְיָדַעַתְּ כִּי־אֲנִי יְהוָה׃ וַיְהִי דְבַר־יְהוָה אֵלַי לֵאמֹר׃ 17
בֶּן־אָדָם הָיוּ־לִי בֵית־יִשְׂרָאֵל לְסִוג כֻּלָּם נְחֹשֶׁת וּבְדִיל 18
וּבַרְזֶל וְעוֹפֶרֶת בְּתוֹךְ כּוּר סִגִים כֶּסֶף הָיוּ׃ לָכֵן כֹּה 19
אָמַר אֲדֹנָי יֱהוִה יַעַן הֱיוֹת כֻּלְּכֶם לְסִגִים לָכֵן הִנְנִי קֹבֵץ
אֶתְכֶם אֶל־תּוֹךְ יְרוּשָׁלָםִ׃ קְבֻצַת כֶּסֶף וּנְחֹשֶׁת וּבַרְזֶל כ

ועופרת

¹ v. הפטרת אחרי מות. v. 4. למדנחאי עת כתיב עד ק׳. ibid. נ״א בגוים. v. 16. ע״כ. v. 18. לסג ק׳

קאַפּיטעל כב

1 און גאָט'ס וואָרט איז געווען צו מיר אַזוי צו זאָגען :
2 און דו, מענשענקינד, ווערסטו פּאָרווירפע מאַכען די בלוטשולדיגע שטאָדט
אין בעקאַנט מאַכען איהר אַלע איהרע גרוילטהאַטען ?
3 זאָג [איהר] : אַזוי זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער : אַ שטאָדט וואָס
אין איהר איז בלוטפערגיסונג און מאַכט געצען פאַר זיך אונריין צו
ווערען, וועט איהר שטראָף־צייט קומען.
4 איבער דאָס בלוט וואָס דו האָסט פערגאָסען ביזטו פערשולדיגט, דורך
דיינע געצען וואָס דו האָסט זיך געמאַכט ביזטו פעראונרייניגט געוואָרען;
דערמיט האָסטו ערנעהענט דיינע שטראָף־טעג און פערעלטערט געוואָ־
רען. דערפאַר האָב איך דיך געמאַכט אַ שאַנדע פאַר די פעלקער און
אַ לעסטערונג פאַר אַלע לענדער.
5 די וואָס זיינען צו דיר נאָהענט אַזוי ווי די וואָס זיינען ווייט פון דיר
וועלען דיך זידלען : פעראונרייניגטער נאָמען, גרויסער טומעל.
6 זאָגאַר די פירשטען ישראל'ס האָבען יעדער זיין מאַכט געברויכט אום
בלוט צו פערגיסען.
7 פאָטער און מוטער האָט מען אין דיר גרינג געשעצט, אַ פרעמדלינג
האָט מען אין דיר געדריקט, אַ יתום אויך אַלמנה האָט מען אין דיר
גענאַרט.
8 מיינע היילינגטהימער האָסטו פעראַכטעט און מיינע רוהעטעג פער־
שוועכט.
9 מענשען בעריידער זיינען ביי דיר געווען אום צו פערגיסען בלוט, אויף
די בערג האָט מען ביי דיר געגעסען, אויסגעלאַסענהייט האָט עקזיס־
טירט ביי דיר.
10 די שאַנדע פון אַ פאָטער האָט מען ענטדעקט ביי דיר, מען האָט אויך
פערבראָכען קעגען די אונריינקייט פון אַ אבגעזונדערטע.
11 איינער מיט זיין פריינד'ס פרוי האָבען גרוילטהאַטען געטהאָן, יעדער
האָט מיט אויסגעלאַסענהייט זיין שנור פעראונרייניגט, אויך האָט מען
ביי דיר געפייניגט אַ לייבליכע שוועסטער.
12 מען האָט ביי דיר בעשטעכונג גענומען אום בלוט צו פערגיסען, צינזען
און פערמעהרונג האָסט דו גענומען, מיט דיינע פריינד האָסטו זיך
פערגלייכט אין רויב און מיר האָסטו פערגעסען — זאָגט גאָט דער אַל־
מעכטיגער.
13 דענקסטו אַז איך האָב צוגעקלאַפּט מיט'ן האַנד אויף דיינע פערגלייכונ־
גען וואָס דו האָסט געטהאָן און אויף דאָס בלוטפערגיסונג וואָס עקזיס־
טירט ביי דיר ? !
14 וועט דיין האַרץ הוהיג בלייבען, אָדער וועלען דיינע הענד שטאַרק זיין
אין יענער צייט ווען איך וועל דיך אונטערדריקען ? וואָס איך, גאָט,
האָב גערעדט, איז געטהאָן.
15 איך וועל דיך צושפּרייטען איבער די פעלקער און פונאַנדערוואַרפען
איבער די לענדער, איך וועל אויסראָטען דיין אונריינקייט פון דיר.
16 דו ווערסט זיך אַליין פעראונווירדיגען פאַר אַלע פעלקער, און דאַן ווערסטו
אנערקענען אַז איך, בין גאָט.
17 און גאָט'ס וואָרט איז געווען צו מיר אַזוי צו זאָגען :
18 מענשענקינד ! דאָס הויז ישראל זיינען ביי מיר ווי אָבפאַל, זיי זיינען
אַלע געוואָרען ווי קופּער, צינק, אייזען און בליי אָבפאַל פון זילבער.
19 דערפאַר — אַזוי זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער — ווייל איהר זייט אַלע
געוואָרען ווי אָבפאַל, דערפאַר וועל איך אייך פערזאַמלען אין ירושלים.
20 אַזוי ווי מען קלייבט צוזאַמען זילבער, קופּער, אייזען, בליי און צינק

וְעוֹפֶרֶת וּבְדִיל אֶל־תּוֹךְ כּוּר לָפַחַת־עָלָיו אֵשׁ לְהַנְתִּיךְ
21 כֵּן אֶקְבֹּץ בְּאַפִּי וּבַחֲמָתִי וְהִנַּחְתִּי וְהִתַּכְתִּי אֶתְכֶם: וְכִנַּסְתִּי
אֶתְכֶם וְנָפַחְתִּי עֲלֵיכֶם בְּאֵשׁ עֶבְרָתִי וְנִתַּכְתֶּם בְּתוֹכָהּ:
22 כְּהִתּוּךְ כֶּסֶף בְּתוֹךְ כּוּר כֵּן תֻּתְּכוּ בְתוֹכָהּ וִידַעְתֶּם כִּי־
23 אֲנִי יְהוָה שָׁפַכְתִּי חֲמָתִי עֲלֵיכֶם: וַיְהִי דְבַר־יְהוָה
24 אֵלַי לֵאמֹר: בֶּן־אָדָם אֱמָר־לָהּ אַתְּ אֶרֶץ לֹא מְטֹהָרָה
כה הִיא לֹא גֻשְׁמָהּ בְּיוֹם זָעַם: קֶשֶׁר נְבִיאֶיהָ בְּתוֹכָהּ כַּאֲרִי
שׁוֹאֵג טֹרֵף טָרֶף נֶפֶשׁ אָכָלוּ חֹסֶן וִיקָר יִקָּחוּ אַלְמְנוֹתֶיהָ
26 הִרְבּוּ בְתוֹכָהּ: כֹּהֲנֶיהָ חָמְסוּ תוֹרָתִי וַיְחַלְּלוּ קָדָשַׁי בֵּין־
קֹדֶשׁ לְחֹל לֹא הִבְדִּילוּ וּבֵין־הַטָּמֵא לְטָהוֹר לֹא הוֹדִיעוּ
27 וּמִשַּׁבְּתוֹתַי הֶעְלִימוּ עֵינֵיהֶם וָאֵחַל בְּתוֹכָם: שָׂרֶיהָ בְקִרְבָּהּ
כִּזְאֵבִים טֹרְפֵי טָרֶף לִשְׁפָּךְ־דָּם לְאַבֵּד נְפָשׁוֹת לְמַעַן
28 בְּצֹעַ בָּצַע: וּנְבִיאֶיהָ טָחוּ לָהֶם תָּפֵל חֹזִים שָׁוְא וְקֹסְמִים
לָהֶם כָּזָב אֹמְרִים כֹּה אָמַר אֲדֹנָי יֱהוִה וַיהוָה לֹא דִבֵּר:
29 עַם הָאָרֶץ עָשְׁקוּ עֹשֶׁק וְגָזְלוּ גָּזֵל וְעָנִי וְאֶבְיוֹן הוֹנוּ וְאֶת־
ל הַגֵּר עָשְׁקוּ בְּלֹא מִשְׁפָּט: וָאֲבַקֵּשׁ מֵהֶם אִישׁ גֹּדֵר־גָּדֵר
וְעֹמֵד בַּפֶּרֶץ לְפָנַי בְּעַד הָאָרֶץ לְבִלְתִּי שַׁחֲתָהּ וְלֹא מָצָאתִי:
31 וָאֶשְׁפֹּךְ עֲלֵיהֶם זַעְמִי בְּאֵשׁ עֶבְרָתִי כִּלִּיתִים דַּרְכָּם בְּרֹאשָׁם
נָתַתִּי נְאֻם אֲדֹנָי יֱהוִה:

CAP. XXIII. כג

כג

2 א וַיְהִי דְבַר־יְהוָה אֵלַי לֵאמֹר: בֶּן־אָדָם שְׁתַּיִם נָשִׁים בְּנוֹת
3 אֵם־אַחַת הָיוּ: וַתִּזְנֶינָה בְמִצְרַיִם בִּנְעוּרֵיהֶן זָנוּ שָׁמָּה
4 מֹעֲכוּ שְׁדֵיהֶן וְשָׁם עִשּׂוּ דַּדֵּי בְּתוּלֵיהֶן: וּשְׁמוֹתָן אָהֳלָה
הַגְּדוֹלָה וְאָהֳלִיבָה אֲחוֹתָהּ וַתִּהְיֶינָה לִי וַתֵּלַדְנָה בָּנִים
ה וּבָנוֹת וּשְׁמוֹתָן שֹׁמְרוֹן אָהֳלָה וִירוּשָׁלִַם אָהֳלִיבָה: וַתִּזֶן
אָהֳלָה תַּחְתָּי וַתַּעְגַּב עַל־מְאַהֲבֶיהָ אֶל־אַשּׁוּר קְרוֹבִים:
6 לְבֻשֵׁי תְכֵלֶת פַּחוֹת וּסְגָנִים בַּחוּרֵי חֶמֶד כֻּלָּם פָּרָשִׁים

רכבי

ר״ב v. 24. הש׳ רפה והה במפיק v. 25. כצ״ל ibid. קמץ ברביע ibid. קמץ מ״ק

אין אַ שמעלץ־טאָפּ אום אויף איהם פייער צו בלאָזען דאָס צו צושמעלצען,
אַזוי וועל איך פערזאַמלען מיט צאָרן און וואוטה, איך וועל אייך צו־
זאַמענלעגען און צושמעלצען.
21 איך וועל אייך צונויפקלייבען און בלאָזען אויף אייך מיט מיין פייער־
ריגען צאָרן, ביז איהר וועט אין איהר צושמאָלצען ווערען.
22 ווי מען צושמעלט זילבער אין אַ שמעלצטאָפּ, אַזוי וועט איהר אין איהר
צושמאָלצען ווערען, אום איהר זאָלט וויסען אַז איך, גאָט, האָב אויסגע־
גאָסען מיין צאָרן אויף אייך.
23 און גאָט'ס וואָרט איז געוועזן צו מיר אַזוי צו זאָגען :
24 מענשענקינד ! זאָג צו איהם : דאָס איז אַ ניט גערייניגטע לאַנד, זי
וועט ניט בערעגענט ווערען אין דעם שטראָפטאָג.
25 די פערראַטהערישע פּראָפעצייהונג פון איהרע פּראָפעטען איז ווי דער
בריללען פון אַ לייב ווען ער עסט זיין רויב — זיי פערצעהרען זייער
זעעלע, זיי נעהמען צו די בעהאַלטענע און קאָסטבאַרע זאַכען ; זיי האָ־
בען נאָר דעם עלענד פערגרעסערט אין איהר.
26 איהרע כהנים האָבע קעגען מיין תורה גוואַלד־טהאַטען בעגאַנגען און
פערשוועכט מיינע היילינגטהימער. זיי האָבען ניט אונטערשיערען צווי־
שען היילינגעס און וואָכיגעס, אויך ניט בעקאַנט געמאַכט צווישען אונריין
און ריין, מיינע רוהע־טעג האָבען זיי ניט געאַכטעט, ביז איך בין פער־
שוועכט געוואָרען ביי זיי.
27 איהרע פירשטען זיינען ווי רויב־וועלף, זיי שטרעבען נאָר צו פערגיעסען
בלוט און אונטערברענגען פערזאָנען אום צו זאַמלען פערמעגען.
28 און איהרע פּראָפעטען האָבען זיי געטינקעוועט מיט בעטרוג, זיי האָבען
פאָראויסגעזעהען פאַלש און געצויבערט ליגען ; זיי זאָגען : „אַזוי
האָט גאָט געזאָגט", און גאָט האָט צו זיי ניט גערעדט.
29 דאָס געמיינע פאָלק האָבען זיי גוואַלדטהאַטען בעגאַנגען און פערמעגען
גערויבט, אָרעמע און בעדירפטיגע האָבען זיי גענאַרט און דעם פרעמד־
לינג האָבען זיי אָהן אורזאַכע גערויבט.
30 איך האָב אונטער זיי געזוכט אַ מאַן וואָס זאָל שיצען זיי ווי אַ צוים
און זאָל זיך שטעלען פאַר מיר אין צובראָכענעם אָרט בעטען פיר דאָס
לאַנד איך זאָל איהר ניט פערדאַרבען, איך האָב אָבער ניט געפונען.
31 האָב איך אויף זיי אויסגעגאָסען מיין צאָרן און האָב זיי פערניכטעט
מיט מיין פייערדיגען צאָרן ; זייער אויפפיהרונג האָב איך אויף זייער
קאָפּ געלעגט — זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער.

קאַפּיטעל כג

1 און גאָט'ס וואָרט איז צו מיר געוועזן אַזוי צו זאָגען :
2 מענשענקינד ! עס זיינען געוועזן צוויי פרויען, טעכטער פון איין מוטער ;
3 זיינען זיי אין מצרים אויסגעלאַסען געוועזן, נאָך ווען זיי זיינען גאַנץ
יונג געוועזן זיינען זיי אויסגעלאַסען געוואָרען — דאָרטען האָט מען
זיי די בריסט געריבען, און דאָרטען האָט מען זיי זייערע יונגע ברוסט־
נאָפּעל גערריקט.
4 נעריפען האָט מען זיי ; די גרעסערע — אהלה און איהר שוועסטער
אהליבה ; זיי זיינען מיינע געוועזן און האָבען מיר געבאָרען זיהן און
טעכטער. זייערע ריכטיגע נעמען : אהלה איז שמרון, און אהליבה —
ירושלים.
5 אהלה איז אויסגעלאַסען געוואָרען זייענדיג ביי מיר, זי האָט זיך אָנגע־
טשעפּעט אָן איהרע געליעבטע, נאָהענטע צו אַשור.
6 אָנגעקליידעטע אין בלויען, גובערנאַטאָרען און פירשטען — אַלע רייצ־
שעהנע יונגען, רייטער וואָס בערייטען פערד.

7 רֹכְבֵי סוּסִים׃ וַתִּתֵּן תַּזְנוּתֶיהָ עֲלֵיהֶם מִבְחַר בְּנֵי־אַשּׁוּר
8 כֻּלָּם וּבְכֹל אֲשֶׁר־עָגְבָה בְּכָל־גִּלּוּלֵיהֶם נִטְמָאָה׃ וְאֶת־
תַּזְנוּתֶיהָ מִמִּצְרַיִם לֹא עָזָבָה כִּי אוֹתָהּ שָׁכְבוּ בִנְעוּרֶיהָ
9 וְהֵמָּה עִשּׂוּ דַּדֵּי בְתוּלֶיהָ וַיִּשְׁפְּכוּ תַזְנוּתָם עָלֶיהָ׃ לָכֵן
נְתַתִּיהָ בְּיַד־מְאַהֲבֶיהָ בְּיַד בְּנֵי אַשּׁוּר אֲשֶׁר עָגְבָה עֲלֵיהֶם׃
י הֵמָּה גִּלּוּ עֶרְוָתָהּ בָּנֶיהָ וּבְנוֹתֶיהָ לָקָחוּ וְאוֹתָהּ בַּחֶרֶב
11 הָרָגוּ וַתְּהִי־שֵׁם לַנָּשִׁים וּשְׁפוּטִים עָשׂוּ בָהּ׃ וַתֵּרֶא אֲחוֹתָהּ
אָהֳלִיבָה וַתַּשְׁחֵת עַגְבָתָהּ מִמֶּנָּה וְאֶת־תַּזְנוּתֶיהָ מִזְּנוּנֵי
12 אֲחוֹתָהּ׃ אֶל־בְּנֵי אַשּׁוּר עָגָבָה פַּחוֹת וּסְגָנִים קְרֹבִים
לְבֻשֵׁי מִכְלוֹל פָּרָשִׁים רֹכְבֵי סוּסִים בַּחוּרֵי חֶמֶד כֻּלָּם׃
13 14 וָאֵרֶא כִּי נִטְמָאָה דֶּרֶךְ אֶחָד לִשְׁתֵּיהֶן׃ וַתּוֹסֶף אֶל־תַּזְנוּתֶיהָ
וַתֵּרֶא אַנְשֵׁי מְחֻקֶּה עַל־הַקִּיר צַלְמֵי כַשְׂדִּיים חֲקֻקִים
טו בַּשָּׁשַׁר׃ חֲגוֹרֵי אֵזוֹר בְּמָתְנֵיהֶם סְרוּחֵי טְבוּלִים בְּרָאשֵׁיהֶם
מַרְאֵה שָׁלִשִׁים כֻּלָּם דְּמוּת בְּנֵי־בָבֶל כַּשְׂדִּים אֶרֶץ
16 מוֹלַדְתָּם׃ וַתַּעְגַּב עֲלֵיהֶם לְמַרְאֵה עֵינֶיהָ וַתִּשְׁלַח מַלְאָכִים
17 אֲלֵיהֶם כַּשְׂדִּימָה׃ וַיָּבֹאוּ אֵלֶיהָ בְנֵי־בָבֶל לְמִשְׁכַּב דֹּדִים
וַיְטַמְּאוּ אוֹתָהּ בְּתַזְנוּתָם וַתִּטְמָא־בָם וַתֵּקַע נַפְשָׁהּ מֵהֶם׃
18 וַתְּגַל תַּזְנוּתֶיהָ וַתְּגַל אֶת־עֶרְוָתָהּ וַתֵּקַע נַפְשִׁי מֵעָלֶיהָ
19 כַּאֲשֶׁר נָקְעָה נַפְשִׁי מֵעַל אֲחוֹתָהּ׃ וַתַּרְבֶּה אֶת־תַּזְנוּתֶיהָ
כ לִזְכֹּר אֶת־יְמֵי נְעוּרֶיהָ אֲשֶׁר זָנְתָה בְּאֶרֶץ מִצְרָיִם׃ וַתַּעְגְּבָה
עַל פִּלַגְשֵׁיהֶם אֲשֶׁר בְּשַׂר־חֲמוֹרִים בְּשָׂרָם וְזִרְמַת סוּסִים
21 זִרְמָתָם׃ וַתִּפְקְדִי אֵת זִמַּת נְעוּרָיִךְ בַּעְשׂוֹת מִמִּצְרַיִם
22 דַּדַּיִךְ לְמַעַן שְׁדֵי נְעוּרָיִךְ׃ לָכֵן אָהֳלִיבָה כֹּה־אָמַר
אֲדֹנָי יֱהוִה הִנְנִי מֵעִיר אֶת־מְאַהֲבַיִךְ עָלַיִךְ אֵת אֲשֶׁר־נָקְעָה
23 נַפְשֵׁךְ מֵהֶם וַהֲבֵאתִים עָלַיִךְ מִסָּבִיב׃ בְּנֵי בָבֶל וְכָל־
כַּשְׂדִּים פְּקוֹד וְשׁוֹעַ וְקוֹעַ כָּל־בְּנֵי אַשּׁוּר אוֹתָם בַּחוּרֵי
חֶמֶד פַּחוֹת וּסְגָנִים כֻּלָּם שָׁלִשִׁים וּקְרוּאִים רֹכְבֵי סוּסִים

כלם

v. 8. 10. קמץ בז״ק   v. 12. הג׳ בקמץ   v. 14. כשדים קרי   v. 16. ותעגבה קרי

7 זי האָט זיי אײַנגעטהיילט מיט איהר אויסגעלאַסענקייט, אַט די אַלע
בעסטע אַשורי'שע יונגען; ווען זי האָט זיך אָן זיי אָנגעטשעפּעט איז
זי אויך מיט זייערע געצען פעראונרייניגט געוואָרען.
8 איהר אויסגעלאַסענהייט מיט מצרים האָט זי ניט אויפגעגעבען, וואָרום
זיי זיינען מיט איהר געלעגען ווען זי איז נאָך גאַנץ יונג געווען, דאַן
האָבען זיי געדריקט איהרע יונגע ברוסט־נאָפּעל און בעשטראָמט איהר
מיט אויסגעלאַסענהייט.
9 דערפאַר האָב איך איהר איבערגעגעבען אין האַנד פון איהרע גע־
ליעבטע — אינ'ם האַנד פון די יונגע אַשור'יער אָן וועלכע זי האָט זיך
אָנגעטשעפּעט,
10 זיי האָבען אויפגעדעקט איהר שאַנדע, איהרע זיהן און טעכטער האָבען
זיי צוגענומען און איהר גע'הרג'עט מיט'ן שווערד און געלעגט אויף איהר
פערשיעדענע שטראָפען, ביז זי איז געוואָרען אַ וואַרנונג־צייכען פאַר
אַלע פרויען.
11 דאָס האָט געזעהען איהר שוועסטער אהליבה און האָט דאָך פערדאָרבען
איהר בוהלעריי נאָך מעהר פאַר איהר און האָט איבערשטיגען איהר שוועס־
טער אין אויסגעלאַסענהייט.
12 זי האָט בוהלעריי געטריעבען מיט די יונגע אַשור'יער, מיט גובערנאַ־
טאָרען און נאָהענטע פירשטען, פּראַכטפאָל געקליידעטע, רייטער, וואָס
בעריימען פערד, אַלע רייץ־שעהנע יונגען.
13 ווען זי איז אונריין געוואָרען האָב איך געטראַכט אַז זיי האָבעןביידע
איין אויפפיהרונג.
14 אָבער זי האָט נאָך איבערשטיגען אין איהר אויסגעלאַסענהייט — זי
האָט אָנגעקוקט מענער אויסגעקריצט אויפ'ן וואַנד, כשדי'שע בילדער
מיט פאַרב געמאָהלען —
15 מיט אַ גורט פערגאַרטעלט די לענדען, בריימע טורבאַנעס אויף זייערע
קעפּ, זיי ווייזען אַלע אויס ווי אדיוטאַנטען, ווי עס ווייזען אויס די
יונגע בבל'אָנער וואָס זייער פאָטערלאַנד איז כשדים.
16 זי האָט זיך אין זיי פערליעבט ווי זי האָט זיי דערזעהען און האָט געשיקט
לייטע צו זיי אין כשדים.
17 דאַן זיינען די יונגע בבל'אנער צו איהר געקומען צו לוסטיגען בוהלען און
האָבען איהר פעראונרייניגט מיט זייערע אויסגעלאַסענהייט, ווען זי איז
פון זיי פעראונרייניגט געוואָרען, האָט איהר אָבגעעקעלט פון זיי.
18 ווען עס איז ענטדעקט געוואָרען איהר אויסגעלאַסענהייט איז אויך איהר
שאַנדע ענטדעקט געוואָרען, האָט מיר אָבגעעקעלט פון איהר אַזוי ווי עס
האָט מיר אָבגעעקעלט פון איהר שוועסטער.
19 וועלכע האָט פיעל אויסגעלאַסענהייט געטריעבען אום צו געדענקען איהרע
יוגענד יאָהרען, ווען זי איז אויסגעלאַסען געווען אין מצרים.
20 זי האָט זיי געליעבט מעהר ווי זייערע קעבסווייבער, וואָס זייער קער־
פּער איז עזעל־קערפּער און זייער זאָמענשטראָם איז ווי פון אַ פערד.
21 דו האָסט זיך ערמאָנערט די אויסגעלאַסענהייט פון דיין יוגענד ווען די
מצרים האָבען דיינע בריסט געדריקט און געריבען דיינע יונגע ברוסט־
נאָפּעל.
22 דערפאַר, אהליבה — אַזוי זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער — איך וועל
אָנרייצען אויף דיר דיינע געליעבטע, די פון וועלכע עס האָט דיר שוין
אָבגעעקעלט, זיי וועל איך ברענגען צו דיר פון רונד אַרום.
23 די יונגע בבל'אָנער און אַלע כשדים, פון פקוד, שוע און קוע, אַלע
יונגע אַשור'יער — יענע רייץ־שעהנע יונגען, גובערנאַטאָרען און פירשטען, אַלע אדיוטאַנטען און בערופענע, אַלע וואָס רייטען אויף פערד.

24 כֻּלָּם׃ וּבָאוּ עָלַיִךְ הֹצֶן רֶכֶב וְגַלְגַּל וּבִקְהַל עַמִּים צִנָּה
וּמָגֵן וְקוֹבַע יָשִׂימוּ עָלַיִךְ סָבִיב וְנָתַתִּי לִפְנֵיהֶם מִשְׁפָּט
כה וּשְׁפָטוּךְ בְּמִשְׁפְּטֵיהֶם׃ וְנָתַתִּי קִנְאָתִי בָּךְ וְעָשׂוּ אוֹתָךְ
בְּחֵמָה אַפֵּךְ וְאָזְנַיִךְ יָסִירוּ וְאַחֲרִיתֵךְ בַּחֶרֶב תִּפּוֹל הֵמָּה
26 בָּנַיִךְ וּבְנוֹתַיִךְ יִקָּחוּ וְאַחֲרִיתֵךְ תֵּאָכֵל בָּאֵשׁ׃ וְהִפְשִׁיטוּךְ
27 אֶת־בְּגָדַיִךְ וְלָקְחוּ כְּלֵי תִפְאַרְתֵּךְ׃ וְהִשְׁבַּתִּי זִמָּתֵךְ מִמֵּךְ
וְאֶת־זְנוּתֵךְ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם וְלֹא־תִשְׂאִי עֵינַיִךְ אֲלֵיהֶם
28 וּמִצְרַיִם לֹא תִזְכְּרִי־עוֹד׃ כִּי כֹה אָמַר אֲדֹנָי יֱהֹוִה
הִנְנִי נֹתְנָךְ בְּיַד אֲשֶׁר שָׂנֵאת בְּיַד אֲשֶׁר־נָקְעָה נַפְשֵׁךְ מֵהֶם׃
29 וְעָשׂוּ אוֹתָךְ בְּשִׂנְאָה וְלָקְחוּ כָּל־יְגִיעֵךְ וַעֲזָבוּךְ עֵירֹם
ל וְעֶרְיָה וְנִגְלָה עֶרְוַת זְנוּנַיִךְ וְזִמָּתֵךְ וְתַזְנוּתָיִךְ׃ עָשֹׂה אֵלֶּה
לָךְ בִּזְנוֹתֵךְ אַחֲרֵי גוֹיִם עַל אֲשֶׁר־נִטְמֵאת בְּגִלּוּלֵיהֶם׃
31 32 בְּדֶרֶךְ אֲחוֹתֵךְ הָלָכְתְּ וְנָתַתִּי כוֹסָהּ בְּיָדֵךְ׃ כֹּה אָמַר
אֲדֹנָי יֱהֹוִה כּוֹס אֲחוֹתֵךְ תִּשְׁתִּי הָעֲמֻקָּה וְהָרְחָבָה תִּהְיֶה
33 לִצְחֹק וּלְלַעַג מִרְבָּה לְהָכִיל׃ שִׁכָּרוֹן וְיָגוֹן תִּמָּלֵאִי כּוֹס
34 שַׁמָּה וּשְׁמָמָה כּוֹס אֲחוֹתֵךְ שֹׁמְרוֹן׃ וְשָׁתִית אוֹתָהּ וּמָצִית
וְאֶת־חֲרָשֶׂיהָ תְּגָרֵמִי וְשָׁדַיִךְ תְּנַתֵּקִי כִּי אֲנִי דִבַּרְתִּי נְאֻם
לה אֲדֹנָי יֱהֹוִה׃ לָכֵן כֹּה אָמַר אֲדֹנָי יֱהֹוִה יַעַן שָׁכַחַתְּ
אוֹתִי וַתַּשְׁלִיכִי אוֹתִי אַחֲרֵי גַוֵּךְ וְגַם־אַתְּ שְׂאִי זִמָּתֵךְ וְאֶת־
36 תַּזְנוּתָיִךְ׃ וַיֹּאמֶר יְהֹוָה אֵלַי בֶּן־אָדָם הֲתִשְׁפּוֹט אֶת־
37 אָהֳלָה וְאֶת־אָהֳלִיבָה וְהַגֵּד לָהֶן אֵת תּוֹעֲבוֹתֵיהֶן׃ כִּי
נִאֵפוּ וְדָם בִּידֵיהֶן וְאֶת־גִּלּוּלֵיהֶן נִאֵפוּ וְגַם אֶת־בְּנֵיהֶן אֲשֶׁר
38 יָלְדוּ־לִי הֶעֱבִירוּ לָהֶם לְאָכְלָה׃ עוֹד זֹאת עָשׂוּ לִי טִמְּאוּ
39 אֶת־מִקְדָּשִׁי בַּיּוֹם הַהוּא וְאֶת־שַׁבְּתוֹתַי חִלֵּלוּ׃ וּבְשַׁחֲטָם
אֶת־בְּנֵיהֶם לְגִלּוּלֵיהֶם וַיָּבֹאוּ אֶל־מִקְדָּשִׁי בַּיּוֹם הַהוּא
מ לְחַלְּלוֹ וְהִנֵּה־כֹה עָשׂוּ בְּתוֹךְ בֵּיתִי׃ וְאַף כִּי תִשְׁלַחְנָה
לַאֲנָשִׁים בָּאִים מִמֶּרְחָק אֲשֶׁר מַלְאָךְ שָׁלוּחַ אֲלֵיהֶם

והנה

v. 25. קמץ בז״ק

24 זיי וועלען אויף דיר ארויף מיט וואפען, וואגענס און רעדער, א גרויסע
אַרמעע פון פאַנצערס, שילדען און העלמס וועלען זיך אַרום דיר אַרומ־
שטעלען ; זיי וועל איך איבערגעבען דיין אורטהייל און זאָלען זיי דיר
לויט זייער אורטהייל בעשטראָפען.
25 איך וועל אויסלאָזען מיין צאָרן אויף דיר, אום זיי זאָלען דיר גרויזאַם
בעהאַנדלען — זיי וועלען דיר אָבשניידען נאָז און אויערען און נאָכדעם
וועסטו פון שווערד פאַלען ; זיי וועלען צונעהמען דיינע זיהן און
טעכטער און וואָס עס וועט בלייבען וועלען זיי אויפ׳ן פייער פערברענען.
26 זיי וועלען פון דיר אויסטהאָן דיינע קליידער און צונעהמען דיינע שעהנע
זאַכען.
27 דערמיט וועל איך אָבשאַפען דיינע שאַנדטהאַטען, אויך דיין אויסגעלאַ־
סענהייט וואָס האָט זיך אָנגעהאַנגען אין מצרים ; דו וועסט מעהר צו זיי
דיינע אויגען ניט אויפהויבען און וועסט מעהר ניט דערמאָהנען מצרים.
28 וואָרום אַזוי זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער : איך וועל דיר איבערגעבען
אין האַנד פון דעם וועמען דו האָסט פיינד, אין האַנד פון די וואָס עס האָט
דיר פון זיי אָבגעעקעלט.
29 זיי וועלען דיר בעהאַנדלען מיט האַס, זיי וועלען צו נעהמען דיין גאַנצען
פערמעגען און אָבלאָזען דיר מוטער־נאַקעט, דאַן וועט אויפגעדעקט ווע־
רען דיין שענדליכע אויסגעלאַסענהייט דיינע שאַנדטהאַטען און בוה־
לעריען.
30 דאָס וועט דיר געטהאָן ווערען פאַר דיין אויסגעלאַסען זיין מיט פעלקער,
און ווייל דו ביזט אונריין געוואָרען מיט זייערע געצען.
31 דו ביזט געגאַנגען אין דיין שוועסטער׳ס וועג, האָב איך דיר יעצט געגע־
בען אין דיין האַנד איהר שטראָף־בעכער.
32 אַזוי זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער : דיין שוועסטער׳ס בעכער וועסטו
טרינקען, רעם טיעפען און ברייטען בעכער ; דו וועסט ווערען צו שפּאַס
און געלעכטער אונערטרעגליך.
33 דו וועסט פול ווערען מיט בעטרינקונג און אומעט פון דעם פערוויסטענ־
דען און פערטומעלדיגען בעכער — דאָס איז דיין שוועסטער׳ס שמרון׳ס
בעכער.
34 דו וועסט דאָס אויסטרינקען און אויסלעקען, דו וועסט אויך די שערב־
לאַך אַרומגריזשען און דעם שנויץ אָברייסען, אַזוי ווי איך האָב גע־
רעדט — זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער.
35 דערפאַר — אַזוי זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער — ווייל דו האָסט מיר פער־
געסען און פערוואָרפען מיר הינטער זיך, לייד דו יעצט פאַר דיינע שאַנד־
טהאַטען און דיין אויסגעלאַסענהייט.
36 און גאָט האָט צו מיר געזאָגט : מענשענקינד ! וועסטו פאָרווירפע
מאַכען אהלה און אהליבה און בעקאַנט מאַכען זיי זייערע גרוילטהאַטען ?
37 זיי זיינען פערברעכעריש געווען, זייערע הענד זיינען מיט בלוט בע־
שמוצט, איבער זייערע געצען זיינען זיי פערברעכעריש געוואָרען ; זאָ־
גאַר זייערע קינדער וועלכע זיי האָבען פון מיר געבוירען האָבען זיי פאַר
זיי פערברענט אַלס שפּייז־אָפּפערס.
38 זיי האָבען מיר נאָך דאָס אָבגעטהאָן : אין דעם זעלביגען טאָג האָבען
זיי מיין הייליגטהום פעראונרייניגט און וואָכעדיג געמאַכט מיינע רוהע־
טעג.
39 נאָכדעם ווי זיי האָבען געקוילעט זייערע קינדער פאַר זייערע געצען,
זיינען זיי אין זעלביגען טאָג געקומען אין מיין הייליגטהום אום צו פער־
שוועכען איהם — אַזעלכע פערברעכענס האָבען זיי אין מיין הויז געטהאָן.
40 אויכער וואָס זיי האָבען געשיקט נאָך מענשען, וועלכע האָבען געדאַרפט

41 וְהִנֵּה־בָאוּ לַאֲשֶׁר רָחַצְתְּ כָּחַלְתְּ עֵינַיִךְ וְעָדִית עֶדִי׃ וְיָשַׁבְתְּ
עַל־מִטָּה כְבוּדָּה וְשֻׁלְחָן עָרוּךְ לְפָנֶיהָ וּקְטָרְתִּי וְשַׁמְנִי
42 שַׂמְתְּ עָלֶיהָ׃ וְקוֹל הָמוֹן שָׁלֵו בָהּ וְאֶל־אֲנָשִׁים מֵרֹב
אָדָם מוּבָאִים סָבָאִים מִמִּדְבָּר וַיִּתְּנוּ צְמִידִים אֶל־יְדֵיהֶן
43 וַעֲטֶרֶת תִּפְאֶרֶת עַל־רָאשֵׁיהֶן׃ וָאֹמַר לַבָּלָה נִאוּפִים עֶתָּ
44 יִזְנֶה תַזְנוּתֶהָ וָהִיא׃ וַיָּבוֹא אֵלֶיהָ כְּבוֹא אֶל־אִשָּׁה זוֹנָה
מה כֵּן בָּאוּ אֶל־אָהֳלָה וְאֶל־אָהֳלִיבָה אִשֹּׁת הַזִּמָּה׃ וַאֲנָשִׁים
צַדִּיקִם הֵמָּה יִשְׁפְּטוּ אוֹתְהֶם מִשְׁפַּט נֹאֲפוֹת וּמִשְׁפַּט
46 שֹׁפְכוֹת דָּם כִּי נֹאֲפֹת הֵנָּה וְדָם בִּידֵיהֶן׃ כִּי כֹה אָמַר
אֲדֹנָי יֱהוִה הַעֲלֵה עֲלֵיהֶם קָהָל וְנָתֹן אֶתְהֶן לְזַעֲוָה וָלָבַז׃
47 וְרָגְמוּ עֲלֵיהֶן אֶבֶן קָהָל וּבָרֵא אוֹתְהֶן בְּחַרְבוֹתָם בְּנֵיהֶם
48 וּבְנוֹתֵיהֶם יַהֲרֹגוּ וּבָתֵּיהֶן בָּאֵשׁ יִשְׂרֹפוּ׃ וְהִשְׁבַּתִּי זִמָּה מִן־
49 הָאָרֶץ וְנִוַּסְּרוּ כָּל־הַנָּשִׁים וְלֹא תַעֲשֶׂינָה כְּזִמַּתְכֶנָה׃ וְנָתְנוּ
זִמַּתְכֶנָה עֲלֵיכֶן וַחֲטָאֵי גִלּוּלֵיכֶן תִּשֶּׂאינָה וִידַעְתֶּם כִּי אֲנִי
אֲדֹנָי יֱהוִה׃

כד Cap. XXIV. כד

א וַיְהִי דְבַר־יְהוָה אֵלַי בַּשָּׁנָה הַתְּשִׁיעִית בַּחֹדֶשׁ הָעֲשִׂירִי
2 בֶּעָשׂוֹר לַחֹדֶשׁ לֵאמֹר׃ בֶּן־אָדָם כְּתוֹב־לְךָ אֶת־שֵׁם הַיּוֹם
אֶת־עֶצֶם הַיּוֹם הַזֶּה סָמַךְ מֶלֶךְ־בָּבֶל אֶל־יְרוּשָׁלִַם בְּעֶצֶם
3 הַיּוֹם הַזֶּה׃ וּמְשֹׁל אֶל־בֵּית־הַמֶּרִי מָשָׁל וְאָמַרְתָּ אֲלֵיהֶם
כֹּה אָמַר אֲדֹנָי יֱהוִה שְׁפֹת הַסִּיר שְׁפֹת וְגַם־יְצֹק בּוֹ מָיִם׃
4 אֱסֹף נְתָחֶיהָ אֵלֶיהָ כָּל־נֵתַח טוֹב יָרֵךְ וְכָתֵף מִבְחַר עֲצָמִים
ה מַלֵּא׃ מִבְחַר הַצֹּאן לָקוֹחַ וְגַם דּוּר הָעֲצָמִים תַּחְתֶּיהָ
6 רַתַּח רְתָחֶיהָ גַּם־בָּשְׁלוּ עֲצָמֶיהָ בְּתוֹכָהּ׃ לָכֵן כֹּה־
אָמַר ׀ אֲדֹנָי יֱהוִה אוֹי עִיר הַדָּמִים סִיר אֲשֶׁר חֶלְאָתָה בָהּ
וְחֶלְאָתָהּ לֹא יָצְאָה מִמֶּנָּה לִנְתָחֶיהָ לִנְתָחֶיהָ הוֹצִיאָהּ
לֹא־

כ״ג v. 41. דגש אחר שורק v. 42. הב׳ רפה ibid. סבאים קרי v. 43. עתה יזנו קרי
v. 44. סבירין ויבאו v. 46. פתח בס״ם v. 49. יתיר י׳ כ״ד v. 2. כתב קרי v. 6. הה״א רפה

קומען פון זעהר ווייט, די נאך וועלכע זי האט געשיקט ; ווי זיי זיינען
געקומען האסטו זיך געוואשען, געשמינקט דיינע אויגען און פערפוצט זיך
מיט ציערונג.
41 דו האסט זיך געזעצט אויף א שעהנע בעט, פאר וועלכע עס איז געשטא־
נען א געגרייטער טיש, דו האסט איהר בעלעגט מיט מיין רויכווערק און
אויל.
42 דער גערויש פון די פערזאמעלטע איז דארטען שטיל געווארען, זאגאר ווען
צו די מענשען, אבוואהל זיי זיינען פיעל געווען, זיינען צוגעקומען סבא'ער
פון מדבר ; זיי האבען זיי אנגעטהאן ארמבענדער אויף זייערע הענד
און פראכטפאלע קרוינען אויף זייערע קעפ.
43 און איך האב געזאגט צו דער אבגעניצטער אויסוואורף ; „וועלען זיי אויך
יעצט זייער אויסגעלאסענהייט טרייבען מיט איהר ?"
44 יעדער וואס איז צו איהר געקומען , איז געקומען ווי צו א אויסגעלאסע־
נע פרוי ; אזוי פלעגט מען קומען צו אהלה און אהליבה די אויסגע־
לאסענע פרויען.
45 פרומע מענער וועלען זיי אורטהיילען לויט דעם אורטהייל פון גאסען־
פרויען און מערדערינס, ווארום אי זיי זיינען אויסגעלאסען אי זייערע
הענד זיינען אין בלוט פערפלעקט.
46 אזוי האט געזאגט גאט דער אלמעכטיגער : עס וועט זיך ארום זיי
פערזאמלען א גרויסע פערזאמלונג און וועט זיי מאכען צו שוידער און
שאנדע.
47 דאס גאנצע פערזאמלונג וועט אויף זיי ווארפען שטיינער און צושניי־
דען זיי מיט זייערע שווערדען, זייערע זיהן און טעכטער וועלען זיי
הרג'ענען און זייערע הייזער פערברענען אין פייער.
48 איך וועל אבשאפען אויסגעלאסענהייט פון לאנד, אלע פרויען וועלען גע־
ווארענט זיין און וועלען ניט נאכטהאן אייערע שאנדטהאטען.
49 אייערע שאנדטהאטען וועט מען אויף אייך ארויפווארפען, איהר אליין
וועט ליידען פאר אייערע פערברעכערישע גרוילטהאטען ; דאן וועט
איהר אנערקענען אז איך בין גאט דער אלמעכטיגער.

קאפיטעל כד

1 אויך איז גאט'ס ווארט געווען צו מיר אין ניינטען יאהר, צעהנטען טאג
פון צעהנטען מאנאט, אזוי צו זאגען :
2 מענשענקינד ! פערשרייב זיך דעם נאמען פון טאג, פונקט דעם טאג.
דער קעניג פון בבל איז נאהענט געקומען צו ירושלים פונקט אין דעם
טאג.
3 זאג אויף דאס הויז פון ווידערשפעניגער א שפריכווארט ; זאג זיי :
אזוי זאגט גאט דער אלמעכטיגער — שטעל אן דעם טאפ, שטעל
אן און גיעס אריין וואסער.
4 לעג אריין די פלייששטיקער אינעווייניג, יעדער גוטע שטיק — היפט
און שולטער, מאך עס פול מיט די בעסטע קנאכענס.
5 נעהם די בעסטע פון די שעפסען און לעג אונטער א רייהע ביינער ;
לאז דאס אזוי לאנג קאכען אז די ביינער וואס זיינען אינעווייניג זאלען
זיך איינקאכען.
6 ווייל אזוי זאגט גאט דער אלמעכטיגער : וועה צו די בלוטדורשטיגע
שטאדט ! א טאפ וואס איז פול מיט שמוטץ געהט די שמוטץ ניעמאלס
ארויס, שטיקערווייז נעהמט פון איהר ארויס זאגאר אויף די וועלכע עס
איז קיין גורל געפאלען.

7 לֹֽא־נָפַל עָלֶיהָ גּוֹרָל׃ כִּֽי דָמָהּ בְּתוֹכָהּ הָיָה עַל־צְחִיחַ
סֶלַע שָׂמָתְהוּ לֹא שְׁפָכַתְהוּ עַל־הָאָרֶץ לְכַסּוֹת עָלָיו עָפָר׃
8 לְהַעֲלוֹת חֵמָה לִנְקֹם נָקָם נָתַתִּי אֶת־דָּמָהּ עַל־צְחִיחַ סָלַע
9 לְבִלְתִּי הִכָּסוֹת׃ לָכֵן כֹּה אָמַר אֲדֹנָי יֱהוִה אוֹי עִיר
י הַדָּמִים גַּם־אֲנִי אַגְדִּיל הַמְּדוּרָה׃ הַרְבֵּה הָעֵצִים הַדְלֵק
הָאֵשׁ הָתֵם הַבָּשָׂר וְהַרְקַח הַמֶּרְקָחָה וְהָעֲצָמוֹת יֵחָרוּ׃
11 וְהַעֲמִידֶהָ עַל־גֶּחָלֶיהָ רֵקָה לְמַעַן תֵּחַם וְחָרָה נְחֻשְׁתָּהּ
12 וְנִתְּכָה בְתוֹכָהּ טֻמְאָתָהּ תִּתֹּם חֶלְאָתָהּ׃ תְּאֻנִים הֶלְאָת
13 וְלֹא־תֵצֵא מִמֶּנָּה רַבַּת חֶלְאָתָהּ בְּאֵשׁ חֶלְאָתָהּ׃ בְּטֻמְאָתֵךְ
זִמָּה יַעַן טִהַרְתִּיךְ וְלֹא טָהַרְתְּ מִטֻּמְאָתֵךְ לֹא תִטְהֲרִי־עוֹד
14 עַד־הֲנִיחִי אֶת־חֲמָתִי בָּךְ׃ אֲנִי יְהוָה דִּבַּרְתִּי בָּאָה וְעָשִׂיתִי
לֹא־אֶפְרַע וְלֹא־אָחוּס וְלֹא אֶנָּחֵם כִּדְרָכַיִךְ וְכַעֲלִילוֹתַיִךְ
טו שְׁפָטוּךְ נְאֻם אֲדֹנָי יֱהוִה׃ וַיְהִי דְבַר־יְהוָה אֵלַי לֵאמֹר׃
16 בֶּן־אָדָם הִנְנִי לֹקֵחַ מִמְּךָ אֶת־מַחְמַד עֵינֶיךָ בְּמַגֵּפָה וְלֹא
17 תִסְפֹּד וְלֹא תִבְכֶּה וְלוֹא תָבוֹא דִּמְעָתֶךָ׃ הֵאָנֵק ׀ דֹּם
מֵתִים אֵבֶל לֹא־תַעֲשֶׂה פְּאֵרְךָ חֲבוֹשׁ עָלֶיךָ וּנְעָלֶיךָ תָּשִׂים
בְּרַגְלֶיךָ וְלֹא תַעְטֶה עַל־שָׂפָם וְלֶחֶם אֲנָשִׁים לֹא תֹאכֵל׃
18 וָאֲדַבֵּר אֶל־הָעָם בַּבֹּקֶר וַתָּמָת אִשְׁתִּי בָּעָרֶב וָאַעַשׂ
19 בַּבֹּקֶר כַּאֲשֶׁר צֻוֵּיתִי׃ וַיֹּאמְרוּ אֵלַי הָעָם הֲלֹא־תַגִּיד לָנוּ
כ מָה־אֵלֶּה לָּנוּ כִּי אַתָּה עֹשֶׂה׃ וָאֹמַר אֲלֵיהֶם דְּבַר־יְהוָה
21 הָיָה אֵלַי לֵאמֹר׃ אֱמֹר ׀ לְבֵית יִשְׂרָאֵל כֹּה־אָמַר אֲדֹנָי
יֱהוִה הִנְנִי מְחַלֵּל אֶת־מִקְדָּשִׁי גְּאוֹן עֻזְּכֶם מַחְמַד עֵינֵיכֶם
וּמַחְמַל נַפְשְׁכֶם וּבְנֵיכֶם וּבְנוֹתֵיכֶם אֲשֶׁר עֲזַבְתֶּם בַּחֶרֶב
22 יִפֹּלוּ׃ וַעֲשִׂיתֶם כַּאֲשֶׁר עָשִׂיתִי עַל־שָׂפָם לֹא תַעְטוּ וְלֶחֶם
23 אֲנָשִׁים לֹא תֹאכֵלוּ׃ וּפְאֵרֵכֶם עַל־רָאשֵׁיכֶם וְנַעֲלֵיכֶם
בְּרַגְלֵיכֶם לֹא תִסְפְּדוּ וְלֹא תִבְכּוּ וּנְמַקֹּתֶם בַּעֲוֺנֹתֵיכֶם
24 וּנְהַמְתֶּם אִישׁ אֶל־אָחִיו׃ וְהָיָה יְחֶזְקֵאל לָכֶם לְמוֹפֵת
כְּכֹל אֲשֶׁר־עָשָׂה תַּעֲשׂוּ בְּבֹאָהּ וִידַעְתֶּם כִּי אֲנִי אֲדֹנָי

7 איהר בלוטשולד איז אין איהר בעגאַנגען געוואָרען, אויף אַ טרוקענעם
שטיין האָט זי דאָס געלעגט, זי האָט עס ניט געגאָסען אויף דער ערד
וואו ערד זאָל עס פערדעקען.
8 אום אָנצוצינדען מיין וואוטה, ריכטיגע ראַכע צו נעהמען, האָב איך אויך
איהר בלוט אויף'ן טרוקענעם שטיין געגאָסען, אום עס זאָל ניט פער־
דעקט ווערען.
9 וואָרום אַזוי זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער : וועה צו די בלוטשולדיגע
שטאָדט ! איך וועל אויך מאַכען אַ גרויסען פייער —
10 אָנלעגען פיעל האָלץ, אָנצינדען אַ פייער, אַריינלעגען דאָס גאַנצע פלייש
און פערגלען דאָס שטאַרק ביז די ביינער וועלען פערברענט ווערען.
11 דאַן וועט מען איהר לעדיגערהייד אויף קויהלען שטעלען אום עס זאָל
היים ווערען און דער דעק זאָל פערברענט ווערען, איהר אונריינקייט זאָל
אין איהר צושמאָלצען ווערען, עס זאָל אין גאַנצען אויסברענען די שמוץ.
12 קרעפטען האָט זי אָנגעשטרענגט אַז איהרע פיעל שמוץ זאָל פון איהר
ניט אַרויס — דאַרום מוז איהר שמוץ אין פייער קומען.
13 פאַר דיין פעראונרייניגען זיך מיט שאַנדטהאַטען, ווייל איך האָב דיר
גערייניגט פון דיין אונריינקייט און דו האָסט זיך ניט געוואָלט רייניגען,
וועסטו זיך שוין מעהר ניט קענען רייניגען ביז איך וועל אויסלאָזען מיין
צאָרן צו דיר.
14 אַז איך, גאָט, האָב גערעדט וועט עס אָנקומען און איך וועל טהאָן.
איך וועל ניט צוריקציהען [מיין שטראָף], איך וועל קיין מיטלייד האָ־
בען און וועל מיין בעשלוס ניט ענדערען — לויט דיין אויפפיהרונג און
דיינע טהאַטען האָט מען דיר פעראורטהיילט — זאָגט גאָט דער אַל־
מעכטיגער.
15 און גאָט'ס וואָרט איז געוועזן צו מיר אַזוי צו זאָגען.
16 מענשענקינד ! איך נעהם פון דיר צו דאָס ליעבסטע פון דיינע אויגען
דורך אַ פּלאָג, דו זאָלסט ניט קלאָגען און ניט וויינען, קיין טרעהר זאָל
פון דיר ניט אַרויס.
17 זיפצע שטילערהייט, מאַך קיין טוידטען טרויער, בינד אַרום דיין קאָפּ־
באַנד און טראָג דיינע שיך אויף דיינע פיס ; פערוויקעל זיך ניט איבער
די ליפען און עס ניט טרויער־ברויט.
18 מאָרגענס האָב איך צום פאָלק גערעדט און אין אָוועגד איז מיין פרוי
געשטאָרבען, איך האָב געטהאָן אויף מאָרגען ווי איך בין פערזאָגט גע־
וואָרען.
19 דאָס פאָלק האָבען צו מיר געזאָגט : וועסט אונז פיעלייכט זאָגען וואָס
פאַר אַ בעדייטונג האָט פאַר אונז דאָס וואָס דו טהוסט ?
20 האָב איך זיי געזאָגט : גאָט'ס וואָרט איז געוועזן צו מיר אַזוי צו זאָגען :
21 זאָג צו דאָס הויז ישראל : אַזוי זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער — איך
וועל פערשוועכען מיין הייליגטהום, אייער שטאַרקען שטאָלץ, דאָס
ליעבסטע פון אייערע אויגען און צו וואָס אייער זעעלע האָט מיטלייד —
אייערע זיהן און אייערע טעכטער וואָס איהר האָט איבערגעלאָזען ווע־
לען פאַלען פון שווערד.
22 דאַן וועט איהר טהאָן ווי איך האָב געטהאָן — איהר וועט זיך ניט
פערוויקלען ביז איבער די ליפען, אויך וועט איהר קיין טרויער־ברויט עסען.
23 אייערע קאָפּ־בענדער וועלען זיין אויף אייערע קעפּ און אייערע שיך
אויף אייערע פיס — איהר וועט ניט בעקלאָגען און ניט וויינען ; איהר
וועט צושמאָלצען ווערען פאַר אייערע זינד און וועט טרייסטען איינער
דעם אַנדערען.
24 דאַמאָלס וועט יחזקאל זיין פאַר אייך אַ ביישפּיעל : אַלץ וואָס ער האָט

יהוה׃ ואתה בן־אדם הלוא ביום קחתי מהם את־ כה
מעוזם משוש תפארתם את־מחמד עיניהם ואת־משא
נפשם בניהם ובנותיהם׃ ביום ההוא יבוא הפליט אליך 26
להשמעות אזנים׃ ביום ההוא יפתח פיך את־הפליט 27
ותדבר ולא תאלם עוד והיית להם למופת וידעו כי־
אני יהוה׃

כה

Cap. XXV. כה

ויהי דבר־יהוה אלי לאמר׃ בן־אדם שים פניך אל־בני א 2
עמון והנבא עליהם׃ ואמרת לבני עמון שמעו דבר־ 3
אדני יהוה כה־אמר אדני יהוה יען אמרך האח אל־
מקדשי כי־נחל ואל־אדמת ישראל כי נשמה ואל־בית
יהודה כי הלכו בגולה׃ לכן הנני נתנך לבני־קדם 4
למורשה וישבו טירותיהם בך ונתנו בך משכניהם
המה יאכלו פריך והמה ישתו חלבך׃ ונתתי את־רבה ה
לנוה גמלים ואת־בני עמון למרבץ־צאן וידעתם כי־אני
יהוה׃ כי כה אמר אדני יהוה יען מחאך יד 6
ורקעך ברגל ותשמח בכל־שאטך בנפש אל־אדמת
ישראל׃ לכן הנני נטיתי את־ידי עליך ונתתיך לבג 7
לגוים והכרתיך מן־העמים והאבדתיך מן־הארצות
אשמידך וידעת כי־אני יהוה׃ כה אמר אדני 8
יהוה יען אמר מואב ושעיר הנה ככל־הגוים בית
יהודה׃ לכן הנני פתח את־כתף מואב מהערים מעריו 9
מקצהו צבי ארץ בית הישימות בעל מעון וקריתמה׃
לבני־קדם על־בני עמון ונתתיה למורשה למען לא־ י
תזכר בני־עמון בגוים׃ ובמואב אעשה שפטים וידעו 11
כי־אני יהוה׃ כה אמר אדני יהוה יען עשות אדום 12
בנקם נקם לבית יהודה ויאשמו אשום ונקמו בהם׃

לכן

כ״ה v. 3. קמץ בלא אס״ף v. 7. לבז קרי v. 9. וקריתמה קרי

געטהאָן וועט איהר טהאָן, ווען די צייט וועט קומען ; דאַן וועט איהר
אַנערקענען אַז איך בין דער אַלמעכטיגער גאָט.
25 און דו, מענשענקינד ! ווען איך וועל פון זיי צו נעהמען זייער שטאָלץ,
זייער פּראַכטפאָלע פּרייד, דאָס ליעבסטע פון זייערע אויגען און דאָס
שטרעבען פון זייער זעעלע — זייערע זיהן און זייערע טעכטער.
26 דאַן ווען איין געַרעטעטער וועט צו דיר קומען אָנזאָגען דיר,
27 דעם זעלביגען טאָג וועסטו אָנפאַנגען ריידען מיט דעם געַרעטעטען און
וועסט ניט אַנשוויגען ווערען מעהר, דו וועסט זיי דיענען אַלס ביישפּיעל,
אום זיי זאָלען אַנערקענען אַז איך בין גאָט.

קאַפּיטעל כה

1 און גאָט'ס וואָרט איז געוועזן צו מיר אַזוי צו זאָגען :
2 מענשענקינד ! ווענדע דיין געזיכט צו די קינדער פון עמון און פּראָפע־
צייהע אויף זיי ;
3 זאָג צו די קינדער פון עמון : הערט דאָס וואָרט פון'ם אַלמעכטיגען
גאָט ! אַזוי זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער : ווייל דו האָסט מיט פרייד
געַרעדט וועגען מיין הייליגטהום וואָס איז פערשוועכט געוואָרען, וועַ־
גען דאָס לאַנד פון ישראל וועלכע איז פערוויסטעט, אויך אויף דאָס
הויז יהודה וועלכע האָט אויסגעוואַנדערט.
4 דערפאַר וועל איך דיר אָוועקגעבען אַלס בעזיץ צו די בעוואָהנער פון
איסט, זיי וועלען אויף דיין לאַנד זייערע פּאַלאַצען בויען און אַנשטעלען
זייערע וואָהנונגען ; זיי וועלען אויפעסען דיין פרוכט און זיי וועלען
אויסטרינקען דיין מילך.
5 איך וועל מאַכען רבה פאַר אַ קעמלען שטאַל און עמון פאַר אַ שעפּסען
שטאַל, אום איהר זאָלט וויסען אַז איך בין גאָט.
6 אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער : ווייל דו האָסט געקלאַפּט
מיט'ן האַנד און געטופּעט מיט'ן פוס, דו האָסט מיט דעם גאַנצען האַס
פון דיין זעעלע אָבגעלאַכט פון'ם לאַנד ישראל,
7 דערפאַר וועל איך אויסציהען מיין האַנד אויף דיר און וועל דיר מאַכען
אַלס שפּייז־רויב פאַר די פעלקער, איך וועל דיר אויסשליעסען פון נאַצ־
יאָנען און אויסראָטהען דיר פון אַלע לענדער ; דאַמאָלס ווען איך וועל
דיר פערטיליגען וועסטו אַנערקענען אַז איך בין גאָט.
8 אַזוי זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער : ווייל מואָב און שעיר זאָגען : „דאָס
הויז יהודה איז ניט אַנדערש פון אַלע פעלקער".
9 דערפאַר וועל איך עפענען מואָב'ס גרענעץ פון די שטעדט, פון זיינע
גרענעצשטעדט, די שעהנהייט פון לאַנד — בית הישימות, בעל מעון
און קריתים.
10 [וואָס איך האָב געטהאָן] צו די בעפעלקערונג פון איסט [וועל איך אויך
ברענגען] אויף די בעפעלקערונג פון עמון, איך וועל איהר איבערגעבען
צו אַ בעזיץ, אום די זעלבסשטענדיגקייט פון עמון זאָל ניט דערמאָהנט
ווערען צווישען די פעלקער.
11 אויך אויף מואָב וועל איך שטראָף ברענגען, אום זיי זאָלען וויסען אַז
איך בין גאָט.
12 אַזוי זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער : ווייל אדום האָט געדריקט דאָס הויז
יהודה ראַכגיריג, זיינען זיי שטאַרק פערשולדיגט געוואָרען ראַכנעהמע־
מענדיג פון זיי ;

13 לָכֵן כֹּה אָמַר אֲדֹנָי יְהוִה וְנָטִתִי יָדִי עַל־אֱדוֹם וְהִכְרַתִּי
מִמֶּנָּה אָדָם וּבְהֵמָה וּנְתַתִּיהָ חָרְבָּה מִתֵּימָן וּדְדָנֶה בַּחֶרֶב
14 יִפֹּלוּ׃ וְנָתַתִּי אֶת־נִקְמָתִי בֶּאֱדוֹם בְּיַד עַמִּי יִשְׂרָאֵל וְעָשׂוּ
בֶאֱדוֹם כְּאַפִּי וְכַחֲמָתִי וְיָדְעוּ אֶת־נִקְמָתִי נְאֻם אֲדֹנָי יְהוִה׃
טו כֹּה אָמַר אֲדֹנָי יְהוִה יַעַן עֲשׂוֹת פְּלִשְׁתִּים בִּנְקָמָה
16 וַיִּנָּקְמוּ נָקָם בִּשְׁאָט בְּנֶפֶשׁ לְמַשְׁחִית אֵיבַת עוֹלָם׃ לָכֵן
כֹּה אָמַר אֲדֹנָי יְהוִה הִנְנִי נוֹטֶה יָדִי עַל־פְּלִשְׁתִּים וְהִכְרַתִּי
17 אֶת־כְּרֵתִים וְהַאֲבַדְתִּי אֶת־שְׁאֵרִית חוֹף הַיָּם׃ וְעָשִׂיתִי בָם
נְקָמוֹת גְּדֹלוֹת בְּתוֹכְחוֹת חֵמָה וְיָדְעוּ כִּי־אֲנִי יְהוָה בְּתִתִּי
אֶת־נִקְמָתִי בָּם׃

כו CAP. XXVI. כו

א וַיְהִי בְּעַשְׁתֵּי־עֶשְׂרֵה שָׁנָה בְּאֶחָד לַחֹדֶשׁ הָיָה דְבַר־יְהוָה
2 אֵלַי לֵאמֹר׃ בֶּן־אָדָם יַעַן אֲשֶׁר־אָמְרָה צֹּר עַל־יְרוּשָׁלַםִ
הֶאָח נִשְׁבְּרָה דַּלְתוֹת הָעַמִּים נָסֵבָּה אֵלָי אִמָּלְאָה הָחֳרָבָה׃
3 לָכֵן כֹּה אָמַר אֲדֹנָי יְהוִה הִנְנִי עָלַיִךְ צֹר וְהַעֲלֵיתִי עָלַיִךְ
4 גּוֹיִם רַבִּים כְּהַעֲלוֹת הַיָּם לְגַלָּיו׃ וְשִׁחֲתוּ חוֹמוֹת צֹר
וְהָרְסוּ מִגְדָּלֶיהָ וְסִחֵיתִי עֲפָרָהּ מִמֶּנָּה וְנָתַתִּי אוֹתָהּ לִצְחִיחַ
ה סָלַע׃ מִשְׁטַח חֲרָמִים תִּהְיֶה בְּתוֹךְ הַיָּם כִּי אֲנִי דִבַּרְתִּי
6 נְאֻם אֲדֹנָי יְהוִה וְהָיְתָה לְבַז לַגּוֹיִם׃ וּבְנוֹתֶיהָ אֲשֶׁר בַּשָּׂדֶה
7 בַּחֶרֶב תֵּהָרַגְנָה וְיָדְעוּ כִּי־אֲנִי יְהוָה׃ כִּי כֹה אָמַר
אֲדֹנָי יְהוִה הִנְנִי מֵבִיא אֶל־צֹר נְבוּכַדְרֶאצַּר מֶלֶךְ־בָּבֶל
מִצָּפוֹן מֶלֶךְ מְלָכִים בְּסוּס וּבְרֶכֶב וּבְפָרָשִׁים וְקָהָל וְעַם־
8 רָב׃ בְּנוֹתַיִךְ בַּשָּׂדֶה בַּחֶרֶב יַהֲרֹג וְנָתַן עָלַיִךְ דָּיֵק וְשָׁפַךְ
9 עָלַיִךְ סֹלְלָה וְהֵקִים עָלַיִךְ צִנָּה׃ וּמְחִי קָבָלּוֹ יִתֵּן בְּחֹמוֹתָיִךְ
י וּמִגְדְּלֹתַיִךְ יִתֹּץ בְּחַרְבוֹתָיו׃ מִשִּׁפְעַת סוּסָיו יְכַסֵּךְ אֲבָקָם
מִקּוֹל פָּרַשׁ וְגַלְגַּל וָרֶכֶב תִּרְעַשְׁנָה חוֹמוֹתַיִךְ בְּבֹאוֹ
11 בִּשְׁעָרַיִךְ כִּמְבוֹאֵי עִיר מְבֻקָּעָה׃ בְּפַרְסוֹת סוּסָיו יִרְמֹס
אֶת־

כ״ו v. 1 חצי הספר בפסוקים. v. 10 דד׳ כפתח

13 דארום זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער אַזוי: איך וועל אויסשטרעקן מיין
האַנד אויף אדום און וועל אויסראָטהען פון איהר מענשען און פיה, און
וועל איהר וויסט מאַכען ערגער פון תימן און דדן — פון שווערד וועלען
זיי פאַלען.
14 איך וועל געבען מיין ראַכע אויף אדום צוליעב מיין פאָלק ישראל, זיי
וועלען דורכפיהרען מיין ראַכע לויט מיין צאָרן און וואוטה; זאָלען
זיי פיהלען מיין ראַכע — זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער.
15 אַזוי זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער: ווייל די פלשתים דריקען (זיי)
מיט ראַכעגיריגקייט, זיי האָבען זייער ראַכע דורכגעפיהרט מיט גייסט־
ליכען האַס ביז צו דעם פערדארבען, מיט אַ אייביגען האַס;
16 דערפאַר — אַזוי זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער — איך וועל אויסשטרע־
קען מיין האַנד אויף די פלשתים און אויסראָטהען כרתים, אויך וועל איך
אונטערברענגען די געבליעבענע ביי'ן ברעג ים.
17 איך וועל אויף זיי דורכפיהרען אַ גרויסע ראַכע מיט איבערצייגונג און
וואוטה; דאַמאָלס, ווען איך וועל דורכפיהרען מיין ראַכע אויף זיי,
וועלען זיי אַנערקענען אַז איך בין גאָט.

קאַפּיטעל כו

1 דאָס איז געווען אין עלפטען יאָהר, אין ערשטען מאָנאַט, איז געווען צו
מיר גאָט'ס וואָרט אַזוי צו זאָגען:
2 מענשענקינד! ווייל צר האָט געזאָגט אויף ירושלים, „איך טריאומפיר!
זי איז צובראָכען די איינפאָהרשטאָדט פאַר פעלקער; אַלץ וועט זיך
יעצט ווענדען צו מיר, איך וועל זיך אָנפילען פאַר איהר צושטערונג!"
3 דערפאַר — אַזוי זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער — איך וועל זיך נעהמען
פאַר דיר, צר! איך וועל איבער דיר ערהויבען פיעל פעלקער, אַזוי
ווי עס הויבען זיך די וועללען פון ים.
4 זיי וועלען צוברעכען די וואַנד מויערען פון צר און צושמעטערען איהרע
טהורעמס; איך זעלבסט וועל אויסרייסען איהר ערד און וועל איהר
מאַכען טרוקען ווי אַ שטיין.
5 זי וועט ווערען אַ פּלאַץ פאַר אויסציהען נעצען אין מיטען ים, אַזוי
ווי איך גאָט האָב גערעדט — זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער — און
זי וועט ווערען רויב פאַר די פעלקער.
6 אויך איהרע פּראָווינצען וואָס אין פעלד וועלען גע'הרג'עט ווערען פון
שווערד; דאַן וועלען זיי אַנערקענען אַז איך בין גאָט.
7 אַזוי זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער: איך ברענג אויף צר, פון צפון זייט,
נבוכדראצר, דער קעניג פון בבל, דער קעניג איבער קעניגען, מיט פערד,
וועגען און רייטער און אַ פיהלצאָהליגע אַרמעע.
8 דיינע פּראָווינצען אין פעלד וועט ער מיט'ן שווערד אויס'הרג'ענען,
ער וועט דיר אַרומשיטען מיט זאַמד־בערג און וועט אַרום דיר אַנשטעלען
פאַנצער־טרעגער.
9 נעבען דיינע מויערען וועט ער אַנשטעלען מויער־ברעכערס און דיינע
טהורעמס וועט ער צושמעטערען מיט זיינע צושטערער.
10 דער שטויב פון זיינע פיעל פערד וועט דיר צודעקען, פון רויש פון די
רייטער, רעדער און וועגען וועלען דיינע מויערען ציטערען, ווען ער וועט
אריין אין דיינע שטאָדט־טהויערען ווי מען געהט אריין אין אַ דורכ־
געבראָכענע שטאָדט.
11 מיט די הופען פון זיינע פערד וועט ער אַלע דיינע גאַסען צוטראָמפּלען,

אֶת־כָּל־חוּצוֹתַיִךְ עַמֵּךְ בַּחֶרֶב יַהֲרֹג וּמַצְּבוֹת עֻזֵּךְ לָאָרֶץ
12 תֵּרֵד׃ וְשָׁלְלוּ חֵילֵךְ וּבָזְזוּ רְכֻלָּתֵךְ וְהָרְסוּ חוֹמוֹתַיִךְ
וּבָתֵּי חֶמְדָּתֵךְ יִתֹּצוּ וַאֲבָנַיִךְ וְעֵצַיִךְ וַעֲפָרֵךְ בְּתוֹךְ מַיִם
13 יָשִׂימוּ׃ וְהִשְׁבַּתִּי הֲמוֹן שִׁירָיִךְ וְקוֹל כִּנּוֹרַיִךְ לֹא יִשָּׁמַע
14 עוֹד׃ וּנְתַתִּיךְ לִצְחִיחַ סֶלַע מִשְׁטַח חֲרָמִים תִּהְיֶה לֹא
תִבָּנֶה עוֹד כִּי אֲנִי יְהוָה דִּבַּרְתִּי נְאֻם אֲדֹנָי יֱהוִה׃
טו כֹּה אָמַר אֲדֹנָי יֱהוִה לְצוֹר הֲלֹא ׀ מִקּוֹל מַפַּלְתֵּךְ בֶּאֱנֹק
16 חָלָל בְּהֵהָרֵג הֶרֶג בְּתוֹכֵךְ יִרְעֲשׁוּ הָאִיִּים׃ וְיָרְדוּ מֵעַל
כִּסְאוֹתָם כֹּל נְשִׂיאֵי הַיָּם וְהֵסִירוּ אֶת־מְעִילֵיהֶם וְאֶת־בִּגְדֵי
רִקְמָתָם יִפְשֹׁטוּ חֲרָדוֹת ׀ יִלְבָּשׁוּ עַל־הָאָרֶץ יֵשֵׁבוּ וְחָרְדוּ
17 לִרְגָעִים וְשָׁמְמוּ עָלָיִךְ׃ וְנָשְׂאוּ עָלַיִךְ קִינָה וְאָמְרוּ לָךְ אֵיךְ
אָבַדְתְּ נוֹשֶׁבֶת מִיַּמִּים הָעִיר הַהֻלָּלָה אֲשֶׁר הָיְתָה חֲזָקָה
18 בַיָּם הִיא וְיֹשְׁבֶיהָ אֲשֶׁר־נָתְנוּ חִתִּיתָם לְכָל־יוֹשְׁבֶיהָ׃ עַתָּה
יֶחֶרְדוּ הָאִיִּן יוֹם מַפַּלְתֵּךְ וְנִבְהֲלוּ הָאִיִּים אֲשֶׁר־בַּיָּם
19 מִצֵּאתֵךְ׃ כִּי כֹה אָמַר אֲדֹנָי יֱהוִה בְּתִתִּי אֹתָךְ עִיר
נֶחֱרֶבֶת כֶּעָרִים אֲשֶׁר לֹא־נוֹשָׁבוּ בְּהַעֲלוֹת עָלַיִךְ אֶת־תְּהוֹם
כ וְכִסּוּךְ הַמַּיִם הָרַבִּים׃ וְהוֹרַדְתִּיךְ אֶת־יוֹרְדֵי בוֹר אֶל־עַם
עוֹלָם וְהוֹשַׁבְתִּיךְ בְּאֶרֶץ תַּחְתִּיּוֹת כָּחֳרָבוֹת מֵעוֹלָם אֶת־
יוֹרְדֵי בוֹר לְמַעַן לֹא תֵשֵׁבִי וְנָתַתִּי צְבִי בְּאֶרֶץ חַיִּים׃
21 בַּלָּהוֹת אֶתְּנֵךְ וְאֵינֵךְ וּתְבֻקְשִׁי וְלֹא־תִמָּצְאִי עוֹד לְעוֹלָם
נְאֻם אֲדֹנָי יֱהוִה׃

כז CAP. XXVII. כז

א 2 וַיְהִי דְבַר־יְהוָה אֵלַי לֵאמֹר׃ וְאַתָּה בֶן־אָדָם שָׂא עַל־צֹר
3 קִינָה׃ וְאָמַרְתָּ לְצוֹר הַיֹּשֶׁבְתִּי עַל־מְבוֹאֹת יָם רֹכֶלֶת
הָעַמִּים אֶל־אִיִּים רַבִּים כֹּה אָמַר אֲדֹנָי יֱהוִה צוֹר אַתְּ
4 אָמַרְתְּ אֲנִי כְּלִילַת יֹפִי׃ בְּלֵב יַמִּים גְּבוּלָיִךְ בֹּנַיִךְ כָּלְלוּ
ה יָפְיֵךְ׃ בְּרוֹשִׁים מִשְּׂנִיר בָּנוּ לָךְ אֵת כָּל־לֻחֹתָיִם אֶרֶז

מלבנון

v. 15. כצ״ל v. 16. קמץ בפשטא v. 20. כצ״ל כ״ז v. 3 הישבת קרי

דיין פאָלק וועט ער מיט'ן שווערד הרג'ענען און דיינע שטאַרקע סטאַ־
טוען וועט ער צו דער ערד וואַרפען.
12 זיי וועלען אויסרויבען דיין פערמעגען און צופּלינדערען דיינע האַנד־
לונגס וואַרע, דיינע מויערען וועלען זיי צוברעכען און דיינע בעסטע
הייזער צושמעטערען, דיינע שטיינער, האָלץ און ערד וועלען זיי אין
וואַסער אַריינוואַרפען.
13 איך וועל צושטערען דיינע פיעל ליעדער און עס וועט זיך מעהר ניט
הערען דער קלאַנג פון דיינע פידלען.
14 איך וועל דיר מאַכען ווי אַ טרוקענער שטיין, עס וועט פון דיר ווערען
אַ פלאַץ אויסצושפּרייטען נעצען, דו וועסט ניט אָבגעבויט ווערען מעהר,
אַזוי ווי איך גאָט האָב גערעדט — זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער.
15 אַזוי זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער צו צר: פון דעם רויש פון דיין פאַלען,
ווען ערשלאָגענע וועלען קרעכצען ווען דער מאָרד וועט אָנגעהען אין
דיר, וועלען ציטערען אַלע אינזלען.
16 עס וועלען אַראָבגעהען פון זייערע טהראָנען אַלע הערשער פון די אינז־
לען, זיי וועלען אַראָבנעהמען זייערע אויבערקליידער, אויך זייערע גע־
שטריקטע קליידער וועלען זיי אַראָבנעהמען; אַ שוידער וועט זיי ארומ־
נעהמען, זיי וועלען זיצען אויף דער ערד און אויפציטערען יעדער מינוט
דיר בעוואונדערענדיג.
17 זיי וועלען אויף דיר אויפהויבען אַ קלאַג ליעד און וועלען צו דיר זאָגען:
„ווי ביזטו אַרונטערגעגאַנגען דו בעפעלקערטע פון פערשיעדענע פעלקער,
דו געריהמטע שטאָדט, וועלכע איז מעכטיג געווען אויפ'ן ים, די וואָס מיט
איהרע איינוואָהנער זיינען זיי אַ שרעק געווען פאַר אַנדערע בעוואָהנער?
18 יעצט ציטערען די אינזלען זינט דו ביזט געפאַלען, איבערראַשט זיינען
די ים אינזלען פון דיין אונטערגאַנג!"
19 וואָרום אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער: ווען איך וועל דיר
מאַכען אַ פערוויסטע שטאָדט ווי שטעדט וואָס זיינען נאָך ניט בעזעצט,
ווען איך וועל אויף דיר אַרויפברענגען דעם אָבגרונד אום דאָס גרויסע
וואַסער זאָל דיר צודעקען.
20 איך וועל דיר ניעדעריג מאַכען ווי די וואָס געהען אַראָב אין גרוב צום
אייביגען פאָלק, איך וועל דיר אַריינזעצען טיעף אין דער ערד, און די
אַלטע רואינען, ווי די וואָס געהען אַראָב אין גרוב, אום דו זאָלסט ניט
בעזעצט ווערען זאָגאַר ווען אַלעס וועט פּראַכטיג זיין אינ'ם לאַנד פון
לעבען.
21 איך וועל דיר מאַכען צו שרעק איידער דו וועסט אונטערגעהן, דו וועסט
געזוכט ווערען און ניעמאַלס מעהר געפונען ווערען — זאָגט גאָט דער
אַלמעכטיגער.

קאַפּיטעל כז

1 און גאָט'ס וואָרט איז געווען צו מיר אַזוי צו זאָגען:
2 אויך דו, מענשענקינד! הויב אויף אַ קלאָג אויף צר.
3 און זאָג צו צר, וועלכע זיצט ביי'ן ים־האַפען, די האַנדעלס־שטאָדט פאַר
פיעלע אינזלען: אַזוי זאָגט גאָט: צר! דו האָסט געזאָגט: „איך
4 בין פאָלקאָם שעהן!". דיינע גרענעצען גרייכען ביז'ן מיטען ים, דיינע
בוימייסטערס האָבען דיין שעהנהייט פאָלקאָם געמאַכט.
5 מיט ציפּריסען פון שניר האָבען זיי אַלע דיינע ברעטער־געצעלטען גע־
בויט, צעדערען פון לבנון האָבען זיי גענומען דיינע מאַסט־בוימער צו
מאַכען.

6 מִלְּבָנוֹן לָקָחוּ לַעֲשׂוֹת תֹּרֶן עָלָיִךְ׃ אַלּוֹנִים מִבָּשָׁן עָשׂוּ
7 מִשּׁוֹטָיִךְ קַרְשֵׁךְ עָשׂוּ־שֵׁן בַּת־אֲשֻׁרִים מֵאִיֵּי כִּתִּיִּם׃ שֵׁשׁ
בְּרִקְמָה מִמִּצְרַיִם הָיָה מִפְרָשֵׂךְ לִהְיוֹת לָךְ לְנֵס תְּכֵלֶת
8 וְאַרְגָּמָן מֵאִיֵּי אֱלִישָׁה הָיָה מְכַסֵּךְ׃ יֹשְׁבֵי צִידוֹן וְאַרְוַד הָיוּ
9 שָׁטִים לָךְ חֲכָמַיִךְ צוֹר הָיוּ בָךְ הֵמָּה חֹבְלָיִךְ׃ זִקְנֵי גְבַל
וַחֲכָמֶיהָ הָיוּ בָךְ מַחֲזִיקֵי בִּדְקֵךְ כָּל־אֳנִיּוֹת הַיָּם וּמַלָּחֵיהֶם
י הָיוּ בָךְ לַעֲרֹב מַעֲרָבֵךְ׃ פָּרַס וְלוּד וּפוּט הָיוּ בְחֵילֵךְ
אַנְשֵׁי מִלְחַמְתֵּךְ מָגֵן וְכוֹבַע תִּלּוּ־בָךְ הֵמָּה נָתְנוּ הֲדָרֵךְ׃
11 בְּנֵי אַרְוַד וְחֵילֵךְ עַל־חוֹמוֹתַיִךְ סָבִיב וְגַמָּדִים בְּמִגְדְּלוֹתַיִךְ
הָיוּ שִׁלְטֵיהֶם תִּלּוּ עַל־חוֹמוֹתַיִךְ סָבִיב הֵמָּה כָּלְלוּ יָפְיֵךְ׃
12 תַּרְשִׁישׁ סֹחַרְתֵּךְ מֵרֹב כָּל־הוֹן בְּכֶסֶף בַּרְזֶל בְּדִיל וְעוֹפֶרֶת
13 נָתְנוּ עִזְבוֹנָיִךְ׃ יָוָן תֻּבַל וָמֶשֶׁךְ הֵמָּה רֹכְלָיִךְ בְּנֶפֶשׁ אָדָם
14 וּכְלֵי נְחֹשֶׁת נָתְנוּ מַעֲרָבֵךְ׃ מִבֵּית תּוֹגַרְמָה סוּסִים
טו וּפָרָשִׁים וּפְרָדִים נָתְנוּ עִזְבוֹנָיִךְ׃ בְּנֵי דְדָן רֹכְלַיִךְ אִיִּים
רַבִּים סְחֹרַת יָדֵךְ קַרְנוֹת שֵׁן וְהוֹבְנִים הֵשִׁיבוּ אֶשְׁכָּרֵךְ׃
16 אֲרָם סֹחַרְתֵּךְ מֵרֹב מַעֲשָׂיִךְ בְּנֹפֶךְ אַרְגָּמָן וְרִקְמָה וּבוּץ
17 וְרָאמֹת וְכַדְכֹּד נָתְנוּ בְּעִזְבוֹנָיִךְ׃ יְהוּדָה וְאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל
הֵמָּה רֹכְלָיִךְ בְּחִטֵּי מִנִּית וּפַנַּג וּדְבַשׁ וָשֶׁמֶן וָצֹרִי נָתְנוּ
18 מַעֲרָבֵךְ׃ דַּמֶּשֶׂק סֹחַרְתֵּךְ בְּרֹב מַעֲשַׂיִךְ מֵרֹב כָּל־הוֹן
19 בְּיֵין חֶלְבּוֹן וְצֶמֶר צָחַר׃ וְדָן וְיָוָן מְאוּזָּל בְּעִזְבוֹנַיִךְ נָתָנוּ
כ בַּרְזֶל עָשׁוֹת קִדָּה וְקָנֶה בְּמַעֲרָבֵךְ הָיָה׃ דְּדָן רֹכַלְתֵּךְ
21 בְּבִגְדֵי־חֹפֶשׁ לְרִכְבָּה׃ עֲרַב וְכָל־נְשִׂיאֵי קֵדָר הֵמָּה סֹחֲרֵי
22 יָדֵךְ בְּכָרִים וְאֵילִם וְעַתּוּדִים בָּם סֹחֲרָיִךְ׃ רֹכְלֵי שְׁבָא
וְרַעְמָה הֵמָּה רֹכְלָיִךְ בְּרֹאשׁ כָּל־בֹּשֶׂם וּבְכָל־אֶבֶן יְקָרָה
23 וְזָהָב נָתְנוּ עִזְבוֹנָיִךְ׃ חָרָן וְכַנֵּה וָעֶדֶן רֹכְלֵי שְׁבָא אַשּׁוּר
24 כִּלְמַד רֹכַלְתֵּךְ׃ הֵמָּה רֹכְלַיִךְ בְמַכְלֻלִים בִּגְלוֹמֵי תְּכֵלֶת
וְרִקְמָה וּבְגִנְזֵי בְּרֹמִים בַּחֲבָלִים חֲבֻשִׁים וַאֲרֻזִים

במרכלתך

v. 5. קמץ בז״ק v 6. כתיים קרי v. 15. והבנים קרי v. 16. דגש אחר שורק ibid. דני בדגש

6 פון בשן'ער אייכען האָבען זיי דיינע רודערס געמאַכט, דיינע ברעטער
זיינען פון עלפענביין געמאַכט, פון טאַפּאַלען וואס קומען פון די כתי'שע
אינזלען.
7 געשטריקטע לינען פון מצרים איז דיין זעגעל געווען, דאָס האָט דיר אויך
אַלס פלאַג געדיענט, בלויע און פורפור וועבונגען פון אַלישה'ער אינזלען
איז דיין צודעק געווען.
8 פון די איינוואָהנער פון צידון און אדום זיינען דיינע רודערער געווען,
דיינע שטייערמענער, צר, זיינען זעהר פערנינפטיג געווען.
9 די עלטסטע און קליגסטע פון גבל זיינען ביי דיר געווען אַלס פעררינ־
טער פון די צובראָכענע שיפען, זייערע מאַטראָזען האָבען ביי דיר אַלס
געשעפטס לייטע געדיענט.
10 פרס, לוד און פוט זיינען אין דיין אַרמעע געווען אַלס קריעגס־לייט,
שילד און העלם האָבען זיי ביי דיר געהאַנגען ; זיי האָבען דיר שעהן
געמאַכט.
11 די יונגע ארודי'ער זיינען מיט דיין אַרמעע געווען רונד אַרום אויף דיינע
מויערען, אויך גמדים אין דיינע טהורעמס, זייערע פאַנציערען ד...
זיי אַרום דיינע מויערען אויפגעהאַנגען ; זיי האָבען פאָלקאָם געמאַכט
דיין שעהנקייט.
12 מיט תרשיש איז דיין געשעפטס־פערקעהר געווען מיט פיעל פערשיעדענע
קאָסטבאַרקייטען : מיט זילבער, אַייזען און בליי האָבען זיי אָנגעפי...
דיינע מערק.
13 יון, תובל און משך זיינען דיינע קויפלייטע געווען, זיי האָבען דיר האַנ־
דעל געשאַפט מיט שקלאַפען און קופערנע כלים.
14 פונ'ם הויז תוגרמה האָבען דיר צום האַנדעל געגעבען פערד, רייט גע־
שפאַנען און מויל עזלען.
15 די בעפעלקערונג פון דדן זיינען דיינע האַנדעל פערמיטלערס געווען מיט
פיעל אינזלען, אויסצוברענגען דיין האַנד־וואַרע ; הערנער, עלפענ־
ביין און עבענהאָלץ האָבען זיי דיר געבראַכט אַלס געגענפרייז.
16 ארם האַנדעלט ביי דיר דיינע פיעל אַרבייט ; קאָסטבאַרע שטיינער,
פורפור, שטריק אַרבייט, לינען, קאראַלען און רובינען האָבען זיי פאַר
דיינע וואַרע געגעבען.
17 יהודה און דאָס לאַנד ישראל זיי האָבען ביי דיר געהאַנדעלט מנית'ער
ווייץ, געבעק, האָניג, אויל און באַלזאַם האָבען זיי פאַר דיינע וואַרע
געצאַלט.
18 דמשק האָט ביי דיר געהאַנדעלט אַלערליי קאָסטבאַרע אויסאַרבייטונגען
דיינע — חלבון־וויין און ווייסע וואָל.
19 דן און יון האָבען מיט גאַנגבאַרע זאַכען פאַר דיינע וואַרע געצאַלט :
אייזען שטאָל, קאַציאַ און צימערינג, אויך דאָס איז דיין האַנדעל געווען.
20 דדן האָט מיט דיר געהאַנדעלט מיט פיינע צייג צום רייטען.
21 ערב און אַלע פירשטען פון קדר זיי האָבען דיינע פּראָדוקטען געהאַנדעלט:
לעמער, ווידערס און בעק, וועלכע דו האָסט פערהאַנדעלט.
22 די הענדלער פון שבא און רעמה האָבען מיט דיר געשעפט געמאַכט —
די בעסטע געווירצען. אַלערליי טהייערע שטיינער און גאָלד, האָבען זיי
פאַר דיינע וואַרע געגעבען.
23 חרן, כנה און עדען די הענדלער פון שבא, אויך אשור און כלמד האָבען
מיט דיר געהאַנדעלט.
24 זיי האָבען מיט דיר געהאַנדעלט מיט פיינע צייג, שטיקער בלויע וואָל,
געשטריקטע, קאָלירטע צייגען, געפלאָכטענע שטריק און געצויגענע, וואָס
דו האָסט פערקויפט.

בְּמַרְכֻלְתֵּךְ׃ אֳנִיּוֹת תַּרְשִׁישׁ שָׁרוֹתַיִךְ מַעֲרָבֵךְ וַתִּמָּלְאִי כה
וַתִּכְבְּדִי מְאֹד בְּלֵב יַמִּים׃ בְּמַיִם רַבִּים הֱבִאוּךְ הַשָּׁטִים 26
אֹתָךְ רוּחַ הַקָּדִים שְׁבָרֵךְ בְּלֵב יַמִּים׃ הוֹנֵךְ וְעִזְבוֹנַיִךְ 27
מַעֲרָבֵךְ מַלָּחַיִךְ וְחֹבְלָיִךְ מַחֲזִיקֵי בִדְקֵךְ וְעֹרְבֵי מַעֲרָבֵךְ
וְכָל־אַנְשֵׁי מִלְחַמְתֵּךְ אֲשֶׁר־בָּךְ וּבְכָל־קְהָלֵךְ אֲשֶׁר בְּתוֹכֵךְ
יִפְּלוּ בְּלֵב יַמִּים בְּיוֹם מַפַּלְתֵּךְ׃ לְקוֹל זַעֲקַת חֹבְלָיִךְ 28
יִרְעֲשׁוּ מִגְרֹשׁוֹת׃ וְיָרְדוּ מֵאָנִיּוֹתֵיהֶם כֹּל תֹּפְשֵׂי מָשׁוֹט 29
מַלָּחִים כֹּל חֹבְלֵי הַיָּם אֶל־הָאָרֶץ יַעֲמֹדוּ׃ וְהִשְׁמִיעוּ עָלַיִךְ ל
בְּקוֹלָם וְיִזְעֲקוּ מָרָה וְיַעֲלוּ עָפָר עַל־רָאשֵׁיהֶם בָּאֵפֶר
יִתְפַּלָּשׁוּ׃ וְהִקְרִיחוּ אֵלַיִךְ קָרְחָא וְחָגְרוּ שַׂקִּים וּבָכוּ אֵלַיִךְ 31
בְּמַר־נֶפֶשׁ מִסְפֵּד מָר׃ וְנָשְׂאוּ אֵלַיִךְ בְּנִיהֶם קִינָה וְקוֹנְנוּ 32
עָלָיִךְ מִי כְצוֹר כְּדֻמָה בְּתוֹךְ הַיָּם׃ בְּצֵאת עִזְבוֹנַיִךְ מִיַּמִּים 33
הִשְׂבַּעַתְּ עַמִּים רַבִּים בְּרֹב הוֹנַיִךְ וּמַעֲרָבַיִךְ הֶעֱשַׁרְתְּ מַלְכֵי־
אָרֶץ׃ עֵת נִשְׁבֶּרֶת מִיַּמִּים בְּמַעֲמַקֵּי־מָיִם מַעֲרָבֵךְ וְכָל־ 34
קְהָלֵךְ בְּתוֹכֵךְ נָפָלוּ׃ כֹּל יֹשְׁבֵי הָאִיִּים שָׁמְמוּ עָלָיִךְ לה
וּמַלְכֵיהֶם שָׂעֲרוּ שַׂעַר רָעֲמוּ פָּנִים׃ סֹחֲרִים בָּעַמִּים שָׁרְקוּ 36
עָלָיִךְ בַּלָּהוֹת הָיִית וְאֵינֵךְ עַד־עוֹלָם׃

כח CAP. XXVIII. כח

וַיְהִי דְבַר־יְהוָה אֵלַי לֵאמֹר׃ בֶּן־אָדָם אֱמֹר לִנְגִיד צֹר כֹּה־ א 2
אָמַר ׀ אֲדֹנָי יֱהֹוִה יַעַן גָּבַהּ לִבְּךָ וַתֹּאמֶר אֵל אָנִי מוֹשַׁב
אֱלֹהִים יָשַׁבְתִּי בְּלֵב יַמִּים וְאַתָּה אָדָם וְלֹא־אֵל וַתִּתֵּן לִבְּךָ
כְּלֵב אֱלֹהִים׃ הִנֵּה חָכָם אַתָּה מִדָּנִאֵל כָּל־סָתוּם לֹא 3
עֲמָמוּךָ׃ בְּחָכְמָתְךָ וּבִתְבוּנָתְךָ עָשִׂיתָ לְּךָ חָיִל וַתַּעַשׂ זָהָב 4
וָכֶסֶף בְּאוֹצְרוֹתֶיךָ׃ בְּרֹב חָכְמָתְךָ בִּרְכֻלָּתְךָ הִרְבִּיתָ חֵילֶךָ ה
וַיִּגְבַּהּ לְבָבְךָ בְּחֵילֶךָ׃ לָכֵן כֹּה אָמַר אֲדֹנָי יֱהֹוִה 6
יַעַן תִּתְּךָ אֶת־לְבָבְךָ כְּלֵב אֱלֹהִים׃ לָכֵן הִנְנִי מֵבִיא עָלֶיךָ 7
זָרִים עָרִיצֵי גוֹיִם וְהֵרִיקוּ חַרְבוֹתָם עַל־יְפִי חָכְמָתֶךָ וְחִלְּלוּ

יפעתך

כ"ו v. 28. הר' בחולם   v. 31. א' במקום ה'   v. 32. הכ' בחירק

25 די שיפען פון תרשיש זיינען דיינע האַנדעל־קאַראוואַנען ; דו ביזט
פול געוואָרען און ביזט זעהר רייך געוואָרען צווישען די פעלקער.
26 אָבער ווען דיינע שיפליט האָבען דיר געבראַכט אין די גרויסע וואַסערן,
אין מיטען ים, האָט דיר אַ איסט ווינד צובראָכען.
27 דיין פערמעגען, דיינע וואַרע און האַנדעל, דיינע מאַטראָזען און שטייער־
ליט, די וואָס פעררינכטען דיינע צובראָכענע שיפען, דיינע האַנדעלס־
ליט און אַלע דיינע קריעגס־ליט וואָס זיינען ביי דיר, אין דיינע פער־
זאַמלונגען, וועלען אין מיטען ים אַריינפאַלען אינ'ם טאָג פון דיין ניע־
דערלאַגע.
28 פון יאָמערגעשריי פון דיינע שטייערלייט וועלען אויפציטערן דיינע
ווייַדע־פעלצער.
29 עס וועלען אַראָבגעהן פון זייערע שיפען אַלע די וואָס האַלטען דעם רודער,
אַלע מאַטראָזען און שטייערלייט וועלען שטעהן בלייבען אויף דר'ערד.
30 זיי וועלען אויף דיר הויך שרייען, זיי וועלען יאָמערן ביטערליך, ערד
וועלען זיי אויף זייערע קעפּ לעגען און אין אַש וועלען זיי זיך וואַלגערן.
31 צוליעב דיר וועלען זיי זיך אויסרייסען פּליעכעס, זיי וועלען זיך פער־
גאַרטלען מיט זעק און בעוויינען דיר, מיט אַ ביטערע זעעלע, אַ ביטער־
ליכען קלאַנג.
32 אין זייערע יאָמערען וועלען זיי אויף דיר אויפהויבען א קלאַג, זיי
וועלען דיר בעקלאַגען : ווער נאָך איז שטיל געוואָרען אינ'ם מיטען
ים ווי צר ?
33 ווען דיין האַנדעל איז איבער ימים געגאַנגען האָסטו געזעטיגט פיעל
פעלקער ; מיט דיין גרויסען פערמעגען און האַנדעל האָסטו רייך גע־
מאַכט די קעניגע פונ'ם לאַנד.
34 יעצט ווען דו ביזט פון ימים צובראָכען געוואָרען אין די טיעפע וואַסערן,
איז געפאַלען אי דיין האַנדעל אי דיין בעפעלקערונג.
35 די בעוואוינער פון אַלע אינזלען האָבען זיך אויף דיר געוואונדערט, און
זייערע קעניגע זיינען פערציטערט געוואָרען, עס האָט אויף זיי דאָס
געזיכט געציטערט.
36 די קויפלייטע פון אַלע פעלקער האָבען דיר אויסגעפייפט, דו ביזט זייער
שרעק געווען אָבער יעצט וועסטו שוין מעהר ניט זיין, קיינמאָל.

קאַפּיטעל כח

1 און גאָט'ס וואָרט איז געווען צו מיר אַזוי צו זאָגען :
2 מענשענקינד ! זאָג צום פירשט פון צר : אַזוי זאָגט גאָט דער אַל־
מעכטיגער — ווייל דו ביזט שטאָלץ געוואָרען און האָסט געזאָגט : „איך
בין אַ גאָט ! איך בין אלס אַלמעכטיגער געזעסען אין מיטען ים !” —
אָבער דו ביזט דאָך אַ מענש ניט קיין גאָט, נאָר דו ביזט ווי אַ אַלמעכטי־
גער שטאָלץ געוואָרען
3 דו האַלסט זיך קליגער פאַר דניאל'ן קיין פערבאָרגענעס איז פון דיר פער־
דונקעלט ;
4 דורך דיין קלוגהייט און פערשטאַנד האָסטו זיך אַ פערמעגען געמאַכט,
און האָסט אין דיינע זאַמלונגען אנגעקליבען גאָלד און זילבער ;
5 דורך דיין קלוגהייט און האַנדעל האָסטו דיין פערמעגען פערגרעסערט,
ביז דו ביזט שטאָלץ געוואָרען אויף דיין פערמעגען.
6 דערפאַר — אַזוי זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער — ווייל דו האָסט זיך
געמאַכט אַ האַרץ אַז דו ביזט אַלמעכטיג ;
7 דערפאַר וועל איך אויף דיר ברענגען טיראַנען פון פרעמדע פעלקער,
זיי וועלען זייערע שווערדען ארויסנעהמען אויף דיין שעהנע קלוגהייט
און וועלען פערניכטען דיין גלאַנץ.

8 יִפְעָתֶךָ׃ לַשַּׁחַת יוֹרִדוּךָ וָמַתָּה מְמוֹתֵי חָלָל בְּלֵב יַמִּים׃
9 הַאָמֹר תֹּאמַר אֱלֹהִים אָנִי לִפְנֵי הֹרְגֶךָ וְאַתָּה אָדָם וְלֹא־
י אֵל בְּיַד מְחַלְלֶךָ׃ מוֹתֵי עֲרֵלִים תָּמוּת בְּיַד זָרִים כִּי אֲנִי
11 דִבַּרְתִּי נְאֻם אֲדֹנָי יֱהוִה׃ וַיְהִי דְבַר־יְהוָה אֵלַי
12 לֵאמֹר׃ בֶּן־אָדָם שָׂא קִינָה עַל־מֶלֶךְ צוֹר וְאָמַרְתָּ לּוֹ כֹּה
אָמַר אֲדֹנָי יֱהוִה אַתָּה חוֹתֵם תָּכְנִית מָלֵא חָכְמָה וּכְלִיל
13 יֹפִי׃ בְּעֵדֶן גַּן־אֱלֹהִים הָיִיתָ כָּל־אֶבֶן יְקָרָה מְסֻכָתֶךָ אֹדֶם
פִּטְדָה וְיָהֲלֹם תַּרְשִׁישׁ שֹׁהַם וְיָשְׁפֵה סַפִּיר נֹפֶךְ וּבָרְקַת
וְזָהָב מְלֶאכֶת תֻּפֶּיךָ וּנְקָבֶיךָ בָּךְ בְּיוֹם הִבָּרַאֲךָ כּוֹנָנוּ׃
14 אַתְּ־כְּרוּב מִמְשַׁח הַסּוֹכֵךְ וּנְתַתִּיךָ בְּהַר קֹדֶשׁ אֱלֹהִים הָיִיתָ
טו בְּתוֹךְ אַבְנֵי־אֵשׁ הִתְהַלָּכְתָּ׃ תָּמִים אַתָּה בִּדְרָכֶיךָ מִיּוֹם
16 הִבָּרְאָךְ עַד־נִמְצָא עַוְלָתָה בָּךְ׃ בְּרֹב רְכֻלָּתְךָ מָלוּ תוֹכְךָ
חָמָס וַתֶּחֱטָא וָאֲחַלֶּלְךָ מֵהַר אֱלֹהִים וָאַבֶּדְךָ כְּרוּב הַסֹּכֵךְ
17 מִתּוֹךְ אַבְנֵי־אֵשׁ׃ גָּבַהּ לִבְּךָ בְּיָפְיֶךָ שִׁחַתָּ חָכְמָתְךָ עַל־
יִפְעָתֶךָ עַל־אֶרֶץ הִשְׁלַכְתִּיךָ לִפְנֵי מְלָכִים נְתַתִּיךָ לְרַאֲוָה
18 בָךְ׃ מֵרֹב עֲוֺנֶיךָ בְּעֶוֶל רְכֻלָּתְךָ חִלַּלְתָּ מִקְדָּשֶׁיךָ וָאוֹצִא־
אֵשׁ מִתּוֹכְךָ הִיא אֲכָלַתְךָ וָאֶתֶּנְךָ לְאֵפֶר עַל־הָאָרֶץ לְעֵינֵי
19 כָּל־רֹאֶיךָ׃ כָּל־יוֹדְעֶיךָ בָּעַמִּים שָׁמְמוּ עָלֶיךָ בַּלָּהוֹת הָיִיתָ
כ וְאֵינְךָ עַד־עוֹלָם׃ וַיְהִי דְבַר־יְהוָה אֵלַי לֵאמֹר׃
21 22 בֶּן־אָדָם שִׂים פָּנֶיךָ אֶל־צִידוֹן וְהִנָּבֵא עָלֶיהָ׃ וְאָמַרְתָּ כֹּה
אָמַר אֲדֹנָי יֱהוִה הִנְנִי עָלַיִךְ צִידוֹן וְנִכְבַּדְתִּי בְּתוֹכֵךְ וְיָדְעוּ
23 כִּי־אֲנִי יְהוָה בַּעֲשׂוֹתִי בָהּ שְׁפָטִים וְנִקְדַּשְׁתִּי בָהּ׃ וְשִׁלַּחְתִּי־
בָהּ דֶּבֶר וָדָם בְּחוּצוֹתֶיהָ וְנִפְלַל חָלָל בְּתוֹכָהּ בְּחֶרֶב
24 עָלֶיהָ מִסָּבִיב וְיָדְעוּ כִּי־אֲנִי יְהוָה׃ וְלֹא־יִהְיֶה עוֹד לְבֵית
יִשְׂרָאֵל סִלּוֹן מַמְאִיר וְקוֹץ מַכְאִב מִכֹּל סְבִיבֹתָם הַשָּׁאטִים
כה אוֹתָם וְיָדְעוּ כִּי אֲנִי אֲדֹנָי יֱהוִה׃ כֹּה־אָמַר אֲדֹנָי
יֱהוִה בְּקַבְּצִי ׀ אֶת־בֵּית יִשְׂרָאֵל מִן־הָעַמִּים אֲשֶׁר נָפֹצוּ
בָם

v. 16. חסר א   v. 25. הפטרת וארא

8 זיי וועלען דיר אין העלל ווארפען, און דו וועסט שטארבען אלס שווערד
ערשלאגענער אין מיטען ים.
9 וועסטו אויך צו דיינע מערדער זאגען : „איך בין אלמעכטיג ! — ניין,
דו ביזט נאר א מענש און ניט קיין גאט ווען דו ביזט אינ׳ם האנד פון
דיינע קוועלער.
10 מיט א שענדליכען טוידט וועסטו שטארבען פון בארבארישע הענד,
אזוי ווי איך האב גערעדט — זאגט גאט דער אלמעכטיגער.
11 און גאט׳ס ווארט איז געווען צו מיר אזוי צו זאגען.
12 מענשענקינד ! הויב אויף א קלאג אויפ׳ן קעניג פון צר און זאג צו
איהם : אזוי זאגט גאט דער אלמעכטיגער — דו ענטהאלסט פאלקאָ־
מענהייט, פול מיט קלוגהייט און פראכטפאל אין שעהנהייט ;
13 אינ׳ם געטליכען גארטען — עדן — ביזטו געווען, דיין געצעלט איז בע־
פוצט געווען מיט אלערליי קאסטבארע שטיינער : רובין, טאפאז און
דיאמאנט, מאצערג, אניקס און יאספיס, סאפיר, סמאראגד, עדעלשטיין
און גאלד ; פויקען און בלאז־אינסטרומענטען זיינען צום ארבייט גע־
שטעלט געווארען דעם זעלביגען טאג וואס דו ביזט בעשאפען געווארען.
14 דו געפארבענער כרוב וואס איך האב דיר אלס שיצער אנגעשטעלט,
דו ביזט אויפ׳ן געטליך־הייליגען בארג געווען און ביזט צווישען פייער־
דיגע שטיינער ארומגעגאנגען.
15 דו ביזט אונשולדיג געווען אין דיין אויפפיהרונג זינט דו ביזט בעשאַ־
פען געווארען ביז עס איז אין דיר ענטדעקט געווארען אונגערעכ־
טיגקייט.
16 דורך דיין גרויסען האנדעל־פערקעהר ביזטו פול געווארען מיט געוואלד־
טהאטען און דו ביזט זינדיג געווארען, דאן האב איך דיר אראבגעוואָר־
פען פונ׳ם געטליכען בארג און האב דיר, דו שיצענדער כרוב, ארויסגע־
שליידערט פון צווישען די פייער־שטיינער.
17 זינד דו ביזט שטאלץ געווארען אויף דיין שעהנהייט, האסטו פערדאָר־
בען דיין קלוגהייט מיט דיין גלאנץ; איך האב דיר אויף דר׳ערד **געווארפען**
און האב דיר איבערגעגעבען פאר קעניגע זיי זאלען דיר בעקוקען.
18 איבער דיינע פיעלע זינד און דיין אונגערעכטיגקייט אין האנדעל, האסטו
פערשוועכט דיינע הייליגטהימער ; איך האב פון דיר זעלבסט ארויס־
געבראכט א פייער וועלכער האט דיר פערברענט און געמאכט דיר ווי אש
אינ׳ם לאנד פאר די אויגען פון אלע יענע וואס האבען דיר בעקוקט.
19 אלע די פעלקער וואס קענען דיר האבען זיך אויף דיר געוואונדערט ;
דו ביזט(פאר זיי)א שרעק געווען, אבער וועסט שוין מעהר ניעמאלס זיין.
20 און גאט׳ס ווארט איז געווען צו מיר אזוי צו זאגען :
21 מענשענקינד ! ווענדע דיין געזיכט צו צידון, פראפעצייהע אויף איהר
22 און זאג : אזוי זאגט גאט דער אלמעכטיגער — איך וועל זיך נעהמען
פאר דיר, צידון ! איך וועל געעהרט ווערען אין דיר, און זיי וועלען
אנערקענען אז איך בין גאט, ווען איך וועל אויף איהר שטראף לעגען
און אנערקענט צו ווערען אלס הייליגער אין איהר.
23 **איך וועל אויף איהר אנשיקען פעסט און בלוט אין אלע גאסען איהרע ;
עס וועלען אין איהר פאלען ערשלאגענע פון די שווערד־ארמעע וואס וועט
איהר ארומרינגלען און זיי וועלען וויסען אז איך בין גאט.**
24 **און זי וועט מעהר ניט זיין פאר דאס הויז ישראל אלס א שטעך־דארן
אדער א דארן וואס מאכט וועהטאג פון אלע זייערע ארומיגע פעלקער.
וועלכע האסען זיי — אום זיי זאלען אנערקענען אז איך בין גאט דער
אלמעכטיגער.**

בָּם וְנִקְדַּשְׁתִּי בָם לְעֵינֵי הַגּוֹיִם וְיָשְׁבוּ עַל־אַדְמָתָם אֲשֶׁר
26 נָתַתִּי לְעַבְדִּי לְיַעֲקֹב׃ וְיָשְׁבוּ עָלֶיהָ לָבֶטַח וּבָנוּ בָתִּים
וְנָטְעוּ כְרָמִים וְיָשְׁבוּ לָבֶטַח בַּעֲשׂוֹתִי שְׁפָטִים בְּכֹל הַשָּׁאטִים
אֹתָם מִסְּבִיבוֹתָם וְיָדְעוּ כִּי אֲנִי יְהוָה אֱלֹהֵיהֶם׃

כט CAP. XXIX. כט

א בַּשָּׁנָה הָעֲשִׂירִית בָּעֲשִׂרִי בִּשְׁנֵים עָשָׂר לַחֹדֶשׁ הָיָה דְבַר־
2 יְהוָה אֵלַי לֵאמֹר׃ בֶּן־אָדָם שִׂים פָּנֶיךָ עַל־פַּרְעֹה מֶלֶךְ
3 מִצְרָיִם וְהִנָּבֵא עָלָיו וְעַל־מִצְרַיִם כֻּלָּהּ׃ דַּבֵּר וְאָמַרְתָּ
כֹּה־אָמַר ׀ אֲדֹנָי יְהוִה הִנְנִי עָלֶיךָ פַּרְעֹה מֶלֶךְ־מִצְרַיִם
הַתַּנִּים הַגָּדוֹל הָרֹבֵץ בְּתוֹךְ יְאֹרָיו אֲשֶׁר אָמַר לִי יְאֹרִי
4 וַאֲנִי עֲשִׂיתִנִי׃ וְנָתַתִּי חַחִיים בִּלְחָיֶיךָ וְהִדְבַּקְתִּי דְגַת־
יְאֹרֶיךָ בְּקַשְׂקְשֹׂתֶיךָ וְהַעֲלִיתִיךָ מִתּוֹךְ יְאֹרֶיךָ וְאֵת כָּל־
ה דְּגַת יְאֹרֶיךָ בְּקַשְׂקְשֹׂתֶיךָ תִּדְבָּק׃ וּנְטַשְׁתִּיךָ הַמִּדְבָּרָה
אוֹתְךָ וְאֵת כָּל־דְּגַת יְאֹרֶיךָ עַל־פְּנֵי הַשָּׂדֶה תִּפּוֹל לֹא
תֵאָסֵף וְלֹא תִקָּבֵץ לְחַיַּת הָאָרֶץ וּלְעוֹף הַשָּׁמַיִם נְתַתִּיךָ
6 לְאָכְלָה׃ וְיָדְעוּ כָּל־יֹשְׁבֵי מִצְרַיִם כִּי אֲנִי יְהוָה יַעַן הֱיוֹתָם
7 מִשְׁעֶנֶת קָנֶה לְבֵית יִשְׂרָאֵל׃ בְּתָפְשָׂם בְּךָ בַכַּפְּךָ* תֵּרוֹץ
וּבָקַעְתָּ לָהֶם כָּל־כָּתֵף וּבְהִשָּׁעֲנָם עָלֶיךָ תִּשָּׁבֵר וְהַעֲמַדְתָּ
8 לָהֶם כָּל־מָתְנָיִם׃ לָכֵן כֹּה אָמַר אֲדֹנָי יְהוִה הִנְנִי
9 מֵבִיא עָלַיִךְ חָרֶב וְהִכְרַתִּי מִמֵּךְ אָדָם וּבְהֵמָה׃ וְהָיְתָה
אֶרֶץ־מִצְרַיִם לִשְׁמָמָה וְחָרְבָּה וְיָדְעוּ כִּי־אֲנִי יְהוָה יַעַן
י אָמַר יְאֹר לִי וַאֲנִי עָשִׂיתִי׃ לָכֵן הִנְנִי אֵלֶיךָ וְאֶל־יְאֹרֶיךָ
וְנָתַתִּי אֶת־אֶרֶץ מִצְרַיִם לְחָרְבוֹת חֹרֶב שְׁמָמָה מִמִּגְדֹּל
11 סְוֵנֵה וְעַד־גְּבוּל כּוּשׁ׃ לֹא תַעֲבָר־בָּהּ רֶגֶל אָדָם וְרֶגֶל
12 בְּהֵמָה לֹא תַעֲבָר־בָּהּ וְלֹא תֵשֵׁב אַרְבָּעִים שָׁנָה׃ וְנָתַתִּי
אֶת־אֶרֶץ מִצְרַיִם שְׁמָמָה בְּתוֹךְ ׀ אֲרָצוֹת נְשַׁמּוֹת וְעָרֶיהָ
בְּתוֹךְ עָרִים מָחֳרָבוֹת תִּהְיֶיןָ שְׁמָמָה אַרְבָּעִים שָׁנָה וַהֲפִצֹתִי

את־

כ״ט v. 4. חחים קרי v. 7. בכף קרי

25 אַזוי זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער : ווען איך וועל צוזאַמענקלייבען דאָס הויז ישראל פֿון די פֿעלקער אונטער וועלכע זיי זיינען צושפּרייט, וועל איך דורך זיי ביי די פֿעלקער געהייליגט ווערען און זיי וועלען זיצען אויף זייער לאַנד, וועלכע איך האָב אָוועקגעגעבען מיין קנעכט יעקב׳ן.

26 זיי וועלען אויף איהר זיצען זיכער, זיי וועלען בויען הייזער, פֿלאַנצען וויינגערטנער און זיצען זיכער ; נאָכדעם ווי איך וועל שטראָף לעגען אויף אַלע זייערע ארומיגע וואָס האַסען זיי — דאַן וועלען זיי אנערקענען אַז איך עוויגער בין זייער גאָט.

קאַפּיטעל כט

1 אין צעהנטען יאָהר, אין צעהנטען טאָג פֿון צוועלפֿטען מאָנאַט, איז גאָט׳ס וואָרט געווען צו מיר אַזוי צו זאָגען.

2 מענשענקינד ! ווענדע דיין געזיכט צו פּרעה קעניג פֿון מצרים ; פּראָפּעצייהע אויף איהם און אויף גאַנץ מצרים.

3 רייד און זאָג : אַזוי זאָגט גאָט דער אלמעכטיגער : איך וועל זיך נעהמען פֿאַר דיר, פּרעה, קעניג פֿון מצרים ; דער גרויסער קראָקאָדיל וואָס ליגט אין זיינע טייכען און זאָגט : „מיינער איז דער טייך, איך האָב עס פֿאַר מיר זעלבסט איינגעריכטעט !“

4 איך וועל ארויפֿטהאָן רינגען אויף דיינע באַקען און וועל אנקלעפּען די פֿיש פֿון דיין טייך אַן דיינע פֿלוספֿעדערן, דאַן וועל איך דיר ארויסציהען פֿון דיין טייך צוזאַמען מיט אַלע פֿיש וואָס זיינען אנגעקלעפּט אַן דיינע פֿלוספֿעדערן.

5 איך וועל דיר אוועקשליידערן אין מדבר, דיר מיט אַלע פֿיש פֿון דיין טייך ; אויפ׳ן פֿעלד וועסטו ליגען, דו וועסט ניט אויפֿגעקליבען אָדער אויפֿגעזאַמעלט ווערען — פֿאַר די טהיערען פֿונ׳ם לאַנד און די פֿויגלען וואָס פֿליהען אונטערן הימעל האָב איך דיר אַלס שפּייז געגעבען.

6 דאַן וועלען אנערקענען אַלע איינוואוינער פֿון מצרים אַז איך בין גאָט, ווייל זיי זיינען אַ שוואַכע ראָהר־שטיצע פֿאַר דאָס הויז ישראל.

7 ווען זיי נעהמען דיר אַן פֿאַר׳ן האַנד וועסטו צושפּאַלטען ווערען און דו וועסט יעדערן פֿון זיי דעם שולטער דורכברעכען ; ווען זיי שפּארען זיך אַן אויף דיר ווערסטו צובראָכען און לינקסט זיי אויס די לענדען.

8 דערפֿאַר — אַזוי זאָגט גאָט דער אלמעכטיגער — איך וועל אויף דיר ברענגען אַ שווערד און וועל אויסראָטען פֿון דיר מענשען און פֿיה.

9 דאַן וועט מצרים ווערען פֿערוויסט און צושטערט, ווייל ער האָט געזאָגט : „מיינער איז דער טייך, איך האָב עס פֿאַר מיר זעלבסט איינגעריכטעט !“ זיי וועלען שוין אנערקענען אַז איך בין גאָט.

10 ווארום איך וועל זיך נעהמען פֿאַר דיר און דיינע טייכען, איך וועל מאַכען מצרים פֿאַר וויסטע רואינען, עס וועט צושטערט זיין פֿון טהורם סונה ביז דעם גרענעץ פֿון כוש.

11 קיין מענשעשע פֿוס וועט איהר בעטרעטען, אויך קיין פֿוס פֿון אַ פֿיה וועט איהר בעטרעטען — פֿיערציג יאָהר וועט זי ניט בעוואוינט ווערען.

12 איך וועל וויסט מאַכען דאָס לאַנד מצרים אונטער אנדערע פֿערוויסטעטע לענדער, איהרע שטעדט וועלען פֿערציג יאָהר זיין ווי אנדערע פֿערוויסטעטע שטעדט ; דאַן וועל איך מצרים צושפּרייטען איבער פֿעלקער און פֿונאַנדערוואַרפֿען אין פֿערשיעדענע לענדער.

13 אֶת־מִצְרַיִם בַּגּוֹיִם וְזֵרִיתִים בָּאֲרָצוֹת׃ כִּי כֹּה אָמַר
אֲדֹנָי יֱהֹוִה מִקֵּץ אַרְבָּעִים שָׁנָה אֲקַבֵּץ אֶת־מִצְרַיִם מִן־
14 הָעַמִּים אֲשֶׁר־נָפֹצוּ שָׁמָּה׃ וְשַׁבְתִּי אֶת־שְׁבוּת מִצְרַיִם
וַהֲשִׁבֹתִי אֹתָם אֶרֶץ פַּתְרוֹס עַל־אֶרֶץ מְכוּרָתָם וְהָיוּ שָׁם
טו מַמְלָכָה שְׁפָלָה׃ מִן־הַמַּמְלָכוֹת תִּהְיֶה שְׁפָלָה וְלֹא־
תִתְנַשֵּׂא עוֹד עַל־הַגּוֹיִם וְהִמְעַטְתִּים לְבִלְתִּי רְדוֹת בַּגּוֹיִם׃
16 וְלֹא יִהְיֶה־עוֹד לְבֵית יִשְׂרָאֵל לְמִבְטָח מַזְכִּיר עָוֺן בִּפְנוֹתָם
17 אַחֲרֵיהֶם וְיָדְעוּ כִּי אֲנִי אֲדֹנָי יֱהֹוִה׃ וַיְהִי בְּעֶשְׂרִים
וָשֶׁבַע שָׁנָה בָּרִאשׁוֹן בְּאֶחָד לַחֹדֶשׁ הָיָה דְבַר־יְהוָה אֵלַי
18 לֵאמֹר׃ בֶּן־אָדָם נְבוּכַדְרֶאצַּר מֶלֶךְ־בָּבֶל הֶעֱבִיד אֶת־חֵילוֹ
עֲבֹדָה גְדוֹלָה אֶל־צֹר כָּל־רֹאשׁ מֻקְרָח וְכָל־כָּתֵף מְרוּטָה
וְשָׂכָר לֹא־הָיָה לוֹ וּלְחֵילוֹ מִצֹּר עַל־הָעֲבֹדָה אֲשֶׁר־עָבַד
19 עָלֶיהָ׃ לָכֵן כֹּה אָמַר אֲדֹנָי יֱהֹוִה הִנְנִי נֹתֵן לִנְבוּכַדְרֶאצַּר
מֶלֶךְ־בָּבֶל אֶת־אֶרֶץ מִצְרָיִם וְנָשָׂא הֲמֹנָהּ וְשָׁלַל שְׁלָלָהּ
כ וּבָזַז בִּזָּהּ וְהָיְתָה שָׂכָר לְחֵילוֹ׃ פְּעֻלָּתוֹ אֲשֶׁר־עָבַד בָּהּ נָתַתִּי
לוֹ אֶת־אֶרֶץ מִצְרָיִם אֲשֶׁר עָשׂוּ לִי נְאֻם אֲדֹנָי יֱהֹוִה׃ בַּיּוֹם
21 הַהוּא אַצְמִיחַ קֶרֶן לְבֵית יִשְׂרָאֵל וּלְךָ אֶתֵּן פִּתְחוֹן־פֶּה
בְּתוֹכָם וְיָדְעוּ כִּי־אֲנִי יְהוָה׃

CAP. XXX. ל

ל

א 2 וַיְהִי דְבַר־יְהוָה אֵלַי לֵאמֹר׃ בֶּן־אָדָם הִנָּבֵא וְאָמַרְתָּ כֹּה
3 אָמַר אֲדֹנָי יֱהֹוִה הֵילִילוּ הָהּ לַיּוֹם׃ כִּי־קָרוֹב יוֹם וְקָרוֹב
4 יוֹם לַיהוָה יוֹם עָנָן עֵת גּוֹיִם יִהְיֶה׃ וּבָאָה חֶרֶב בְּמִצְרַיִם
וְהָיְתָה חַלְחָלָה בְּכוּשׁ בִּנְפֹל חָלָל בְּמִצְרָיִם וְלָקְחוּ הֲמוֹנָהּ
ה וְנֶהֶרְסוּ יְסוֹדֹתֶיהָ׃ כּוּשׁ וּפוּט וְלוּד וְכָל־הָעֶרֶב וְכוּב וּבְנֵי
6 אֶרֶץ הַבְּרִית אִתָּם בַּחֶרֶב יִפֹּלוּ׃ כֹּה אָמַר יְהוָה
וְנָפְלוּ סֹמְכֵי מִצְרַיִם וְיָרַד גְּאוֹן עֻזָּהּ מִמִּגְדֹּל סְוֵנֵה בַּחֶרֶב
7 יִפְּלוּ־בָהּ נְאֻם אֲדֹנָי יֱהֹוִה׃ וְנָשַׁמּוּ בְּתוֹךְ אֲרָצוֹת נְשַׁמּוֹת

כ״ט v. 21. עד כאן ל v. 4. מלרע

13 וואר:ם אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער : ערשט נאָך דעם
פערלויף פון פיערציג יאָהר וועל איך צונויפקלייבען מצרים פון די פעל־
קער אונטער וועלכע זיי זיינען צושפּרייט.
14 דאַן וועל איך צוריקברענגען די געפאַנגענשאַפט פון מצרים, איך וועל
זיי צוריק בעזעצען אין פּתרוס, זייער געבורטס־לאַנד, דאָרטען וועלען
זיי זיין אַן אונבעדייטענדע קעניגרייך.
15 זי וועט ניעדעריגער זיין פאַר אַלע קעניגרייכען און וועט זיך מעהר ניט
ערהויבען איבער די פעלקער ; איך וועל זיי קליין מאַכען אום זיי זאָלען
ניט בעהערשען קיינע פעלקער.
16 זיי וועלען מעהר ניט זיין פאַר דאָס הויז ישראל אַ שטיצע וואָס ער־
אינערט אַ ניערערלאַגע, (ווי דאַן) ווען זיי האָבען זיך געווענדעט צו
זיי, און זיי וועלען אנערקענען אַז איך בין גאָט דער אַלמעכטיגער.
17 דאָס איז געוועזן אין זיעבען־און־צוואַנציגסטען יאָהר, אין ערשטען טאָג
פון ערשטען מאָנאַט. גאָט'ס וואָרט איז געוועזן צו מיר אַזוי צו זאָגען :
18 מענשענקינד ! נבוכדראצר קעניג פון בבל האָט זיין ארמעע געמאַכט
שווער אַרבייטען ביי צר, יעדער קאָפּ איז אויסגעקראָכען און יעדער
שולטער אנגעריבען ; אָבער ער מיט זיין ארמעע האָבען קיינע פער־
דיענסט געהאַט פון צר פאַר די שווערע ארבייט וואָס זיי האָבען ארום
איהם געהאַט.
19 דערפאַר — אַזוי זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער — וועל איך איבערגעבען
צו נבוכדראצר, קעניג פון בבל, דאָס לאַנד מצרים ; ער וועט אַוועק־
פיהרען איהרע בעפעלקערונג, צורויבען איהר פערמעגען און צופלינדערן
איהר אייגענטהום —. דאָס וועט זיין דער לוין פאַר זיין ארמעע.
20 פאַר זיין ארבייט וואָס ער האָט נעבען איהר געטהאָן גיעב איך איהם
איבער דאָס לאַנד מצרים, וועלכע האָט קעגען מיר פערבראָכען. דאָס
זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער.
21 אין דעם זעלביגען טאָג וועל איך מאַכען וואקסען די מאַכט פונ'ם הויז
ישראל, אויך דיר וועל איך לאָזען אַ מויל עפענען צווישען זיי — דאמאלס
וועלען זיי אנערקענען, אַז איך בין גאָט.

קאַפּיטעל ל

1 און גאָט'ס וואָרט איז געוועזן צו מיר אַזוי צו זאָגען :
2 מענשענקינד ! פּראָפעצייהע און זאָג : אַזוי זאָגט גאָט דער אַלמעכ־
טיגער — הויבט אויף אַ יאָמער־קלאַג איבער דעם טאָג !
3 דער טאָג ערנעהענט זיך, באַלד קומט אַן גאָט'ס שטראָף־טאָג, אַ וואָל־
קענטאָג ; ער וועט בעשטימט קומען אויף די פעלקער.
4 אַ שווערד וועט בעפאַלען מצרים, דער שרעק וועט גרייכען ביז כוש ווען
די ערשלאַגענע וועלען פאַלען אין מצרים ; מען וועט אַוועקפיהרען
איהר בעפעלקערונג און צוברעכען איהרע פונדאַמענטען.
5 כוש, פּוט, לוד אויך גאַנץ ערב מיט כוב און די בעוואוינער פון די לענדער
וואָס זיינען מיט זיי פערבונדען, וועלען מיט זיי צוזאַמען פאַלען פון
שווערד.
6 אַזוי האָט גאָט געזאָגט : עס וועלען פאַלען די שטיצער פון מצרים און
דער שטאָלץ פון איהר מאַכט וועט אַראָפּ ניעדערן פונ'ם טהורם סונה,
אַלע וועלען אין איהר פאַלען פון שווערד — זאָגט גאָט דער אַלמעכ־
טיגער.
7 זיי וועלען פערוויסטעט ווערען ווי אנדערע וויסטע לענדער און זיינע
שטעדט וועלען זיין ווי אַנדערע רואינירטע שטעדט ;

וְעָרָיו בְּתוֹךְ־עָרִים נַחֲרָבוֹת תִּהְיֶינָה׃ וְיָדְעוּ כִּי־אֲנִי יְהוָה 8
בְּתִתִּי־אֵשׁ בְּמִצְרַיִם וְנִשְׁבְּרוּ כָּל־עֹזְרֶיהָ׃ בַּיּוֹם הַהוּא 9
יֵצְאוּ מַלְאָכִים מִלְּפָנַי בַּצִּים לְהַחֲרִיד אֶת־כּוּשׁ בֶּטַח
וְהָיְתָה חַלְחָלָה בָהֶם בְּיוֹם מִצְרַיִם כִּי הִנֵּה בָּאָה׃
כֹּה אָמַר אֲדֹנָי יְהוִה וְהִשְׁבַּתִּי אֶת־הֲמוֹן מִצְרַיִם בְּיַד י
נְבוּכַדְרֶאצַּר מֶלֶךְ־בָּבֶל׃ הוּא וְעַמּוֹ אִתּוֹ עָרִיצֵי גוֹיִם 11
מוּבָאִים לְשַׁחֵת הָאָרֶץ וְהֵרִיקוּ חַרְבוֹתָם עַל־מִצְרַיִם
וּמָלְאוּ אֶת־הָאָרֶץ חָלָל׃ וְנָתַתִּי יְאֹרִים חָרָבָה וּמָכַרְתִּי 12
אֶת־הָאָרֶץ בְּיַד־רָעִים וַהֲשִׁמֹּתִי אֶרֶץ וּמְלֹאָהּ בְּיַד־זָרִים
אֲנִי יְהוָה דִּבַּרְתִּי׃ כֹּה־אָמַר אֲדֹנָי יְהוִה וְהַאֲבַדְתִּי 13
גִלּוּלִים וְהִשְׁבַּתִּי אֱלִילִים מִנֹּף וְנָשִׂיא מֵאֶרֶץ־מִצְרַיִם לֹא
יִהְיֶה־עוֹד וְנָתַתִּי יִרְאָה בְּאֶרֶץ מִצְרָיִם׃ וַהֲשִׁמֹּתִי אֶת־ 14
פַּתְרוֹס וְנָתַתִּי אֵשׁ בְּצֹעַן וְעָשִׂיתִי שְׁפָטִים בְּנֹא׃ וְשָׁפַכְתִּי טו
חֲמָתִי עַל־סִין מָעוֹז מִצְרָיִם וְהִכְרַתִּי אֶת־הֲמוֹן נֹא׃ וְנָתַתִּי 16
אֵשׁ בְּמִצְרַיִם חוֹל תָּחִיל סִין וְנֹא תִּהְיֶה לְהִבָּקֵעַ וְנֹף צָרֵי
יוֹמָם׃ בַּחוּרֵי אָוֶן וּפִי־בֶסֶת בַּחֶרֶב יִפֹּלוּ וְהֵנָּה בַּשְּׁבִי תֵלַכְנָה׃ 17
וּבִתְחַפְנְחֵס חָשַׂךְ הַיּוֹם בְּשִׁבְרִי־שָׁם אֶת־מֹטוֹת מִצְרַיִם 18
וְנִשְׁבַּת־בָּהּ גְּאוֹן עֻזָּהּ הִיא עָנָן יְכַסֶּנָּה וּבְנוֹתֶיהָ בַּשְּׁבִי
תֵלַכְנָה׃ וְעָשִׂיתִי שְׁפָטִים בְּמִצְרָיִם וְיָדְעוּ כִּי־אֲנִי יְהוָה׃ 19
וַיְהִי בְּאַחַת עֶשְׂרֵה שָׁנָה בָּרִאשׁוֹן בְּשִׁבְעָה לַחֹדֶשׁ הָיָה כ
דְבַר־יְהוָה אֵלַי לֵאמֹר׃ בֶּן־אָדָם אֶת־זְרוֹעַ פַּרְעֹה מֶלֶךְ־ 21
מִצְרַיִם שָׁבָרְתִּי וְהִנֵּה לֹא־חֻבְּשָׁה לָתֵת רְפֻאוֹת לָשׂוּם
חִתּוּל לְחָבְשָׁהּ לְחָזְקָהּ לִתְפֹּשׂ בֶּחָרֶב׃ לָכֵן כֹּה־אָמַר 22
אֲדֹנָי יְהוִה הִנְנִי אֶל־פַּרְעֹה מֶלֶךְ־מִצְרַיִם וְשָׁבַרְתִּי אֶת־
זְרֹעֹתָיו אֶת־הַחֲזָקָה וְאֶת־הַנִּשְׁבָּרֶת וְהִפַּלְתִּי אֶת־הַחֶרֶב
מִיָּדוֹ׃ וַהֲפִצוֹתִי אֶת־מִצְרַיִם בַּגּוֹיִם וְזֵרִיתִם בָּאֲרָצוֹת׃ 23
וְחִזַּקְתִּי אֶת־זְרֹעוֹת מֶלֶךְ בָּבֶל וְנָתַתִּי אֶת־חַרְבִּי בְּיָדוֹ 24

ושברתי 56*

v. 16. תחול ק׳ v. 18. נ״א חשך

8 זיי וועלען דאַן אנערקענען אַז איך בין גאָט, ווען איך וועל איבערגע־
בען מצרים צו פייער און אַלע איהרע העלפערס וועלען צובראָכען
ווערען.
9 אין יענעם טאָג וועלען ארויסגעהן מיינע געשיקטע אין שיפען צו בע־
פאַלען כוש, וואָס איך בין זיכער; עס וועט אויך ביי זיי זיין אַ שרעק
אַזוי ווי עס איז געוועזן ווען אויף מצרים איז דער שטראַפטאָג גע־
קומען.
10 אַזוי זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער: איך וועל פערניכטען די בעפעל־
קערונג פון מצרים דורך נבוכדראצר קעניג פון בבל.
11 ער מיט זיין ארמעע אויך טיראַנען פון אנדערע פעלקער מיט איהם
ווערען געבראַכט צו פערדארבען דאָס לאַנד; זיי וועלען ארויסציהען
זייערע שווערדען אויף מצרים און פול מאַכען דאָס לאַנד מיט ער־
שלאַגענע.
12 די טייכען וועל איך מאַכען טרוקען, דאָס לאַנד וועל איך איבערגעבען
צו צושטערער; דאָס לאַנד און אַלץ וואָס אין איהר וועל איך פערניכ־
טען דורך באַרבאַרען — איך, גאָט, האָב דאָס גערעדט.
13 אַזוי זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער: איך וועל פערניכטען די געצענ־
בילדער, איך וועל אויסראָטען געצען פון נף און עס וועט מעהר קיין
פירשט זיין אינ'ם לאַנד מצרים, אַ שרעק וועל איך וואַרפען אויף דאָס
לאַנד מצרים.
14 פתרס וועל איך פערוויסטען, אין צען וועל איך אַ פייער מאַכען און
געריכט־שטראַף וועל איך טהאָן אין נא.
15 איך וועל אויך אויסגיסען מיין צאָרן אויף סין, דער פעסטונג פון מצרים,
און וועל אויסראָטען די גרויסע בעפעלקערונג פון נא.
16 איך וועל אַזאַ פייער מאַכען אין מצרים אַז סין וועט אויפגעציטערט
ווערען, נא וועט דורכגעבראָכען ווערען אויך נף וועט דורכגעבראכען
ווערען פון שטענדיגען בעלאַגערן.
17 די יונגען פון און און פי־בסת, וועלען פון שווערד פאַלען, און זייערע
מיידלאַך וועלען געפאַנגענע געהן.
18 אין תחפנחס וועט זיין אַ פינסטערער טאָג ווען איך וועל דאָרטען צוברע־
כען די שטיצע פון מצרים, אום איהר מעכטיגער שטאָלץ זאָל אויפהע־
רען; איהר זעלבסט וועט אַ וואָלקען פערדעקען, און איהרע פּראָווינצען
וועלען געפאַנגענע געהן.
19 איך וועל שטראַף מאַכען אין מצרים, אום זיי זאָלען וויסען, אַז איך בין
גאָט.
20 דאָס איז געוועזן אין עלפטען יאָהר, זיעבען טעג אין ערשטען מאָנאַט,
איז גאָט'ס וואָרט געוועזן צו מיר אַזוי צו זאָגען:
21 מענשענקינד! איך האָב צובראָכען די מאַכט פון פרעה, קעניג פון
מצרים, און עס איז ניט פערבונדען געוואָרען ארויפצולעגען היילמיטלען
אָדער ארויפטהאָן אַ באַנד צו פערבינדען עס שטאַרק אום אַ שווערד צו
האַלטען.
22 דערפאַר — אַזוי זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער — איך וועל זיך נעהמען
פאַר פרעה קעניג פון מצרים, איך וועל זיינע ארעמס צוברעכען, ווי די
שטאַרקע אַזוי די צובראָכענע, און דעם שווערד וועל איך פון זיין האַנד
ארויסוואַרפען.
23 דאַן וועל איך צושפּרייטען מצרים איבער די פעלקער און פונאַנדער־
וואַרפען איבער די לענדער.
24 איך וועל שטאַרק מאַכען די ארעמס פונ'ם קעניג פון בבל, איך וועל איהם

וְשָׁבַרְתִּי אֶת־זְרֹעוֹת פַּרְעֹה וְנָאַק נַאֲקוֹת חָלָל לְפָנָיו׃
כה וְהַחֲזַקְתִּי אֶת־זְרֹעוֹת מֶלֶךְ בָּבֶל וּזְרֹעוֹת פַּרְעֹה תִּפֹּלְנָה
וְיָדְעוּ כִּי־אֲנִי יְהוָה בְּתִתִּי חַרְבִּי בְּיַד מֶלֶךְ־בָּבֶל וְנָטָה
26 אוֹתָהּ אֶל־אֶרֶץ מִצְרָיִם׃ וַהֲפִצוֹתִי אֶת־מִצְרַיִם בַּגּוֹיִם
וְזֵרִיתִי אוֹתָם בָּאֲרָצוֹת וְיָדְעוּ כִּי־אֲנִי יְהוָה׃

CAP. XXXI. לא

לא

א וַיְהִי בְּאַחַת עֶשְׂרֵה שָׁנָה בַּשְּׁלִישִׁי בְּאֶחָד לַחֹדֶשׁ הָיָה
2 דְבַר־יְהוָה אֵלַי לֵאמֹר׃ בֶּן־אָדָם אֱמֹר אֶל־פַּרְעֹה מֶלֶךְ־
3 מִצְרַיִם וְאֶל־הֲמוֹנוֹ אֶל־מִי דָּמִיתָ בְגָדְלֶךָ׃ הִנֵּה אַשּׁוּר
אֶרֶז בַּלְּבָנוֹן יְפֵה עָנָף וְחֹרֶשׁ מֵצַל וּגְבַהּ קוֹמָה וּבֵין עֲבֹתִים
4 הָיְתָה צַמַּרְתּוֹ׃ מַיִם גִּדְּלוּהוּ תְּהוֹם רֹמְמָתְהוּ אֶת־
נַהֲרֹתֶיהָ הֹלֵךְ סְבִיבוֹת מַטָּעָהּ וְאֶת־תְּעָלֹתֶיהָ שִׁלְחָה אֶל
ה כָּל־עֲצֵי הַשָּׂדֶה׃ עַל־כֵּן גָּבְהָא קֹמָתוֹ מִכֹּל עֲצֵי הַשָּׂדֶה
וַתִּרְבֶּינָה סַרְעַפֹּתָיו וַתֶּאֱרַכְנָה פֹארֹתָו מִמַּיִם רַבִּים
6 בְּשַׁלְּחוֹ׃ בִּסְעַפֹּתָיו קִנְנוּ כָּל־עוֹף הַשָּׁמַיִם וְתַחַת פֹּארֹתָיו
7 יָלְדוּ כֹּל חַיַּת הַשָּׂדֶה וּבְצִלּוֹ יֵשְׁבוּ כֹּל גּוֹיִם רַבִּים׃ וַיְּיִף
בְּגָדְלוֹ בְּאֹרֶךְ דָּלִיּוֹתָיו כִּי־הָיָה שָׁרְשׁוֹ אֶל־מַיִם רַבִּים׃
8 אֲרָזִים לֹא־עֲמָמֻהוּ בְּגַן־אֱלֹהִים בְּרוֹשִׁים לֹא דָמוּ אֶל־
סְעַפֹּתָיו וְעַרְמֹנִים לֹא־הָיוּ כְּפֹארֹתָיו כָּל־עֵץ בְּגַן־אֱלֹהִים
9 לֹא־דָמָה אֵלָיו בְּיָפְיוֹ׃ יָפֶה עֲשִׂיתִיו בְּרֹב דָּלִיּוֹתָיו וַיְקַנְאֻהוּ
כָּל־עֲצֵי־עֵדֶן אֲשֶׁר בְּגַן הָאֱלֹהִים׃ לָכֵן כֹּה אָמַר
אֲדֹנָי יְהוִה יַעַן אֲשֶׁר גָּבַהְתָּ בְּקוֹמָה וַיִּתֵּן צַמַּרְתּוֹ אֶל־
11 בֵּין עֲבוֹתִים וְרָם לְבָבוֹ בְּגָבְהוֹ׃ וְאֶתְּנֵהוּ בְּיַד אֵיל גּוֹיִם
12 עָשׂוֹ יַעֲשֶׂה לוֹ כְּרִשְׁעוֹ גֵּרַשְׁתִּהוּ׃ וַיִּכְרְתֻהוּ זָרִים עָרִיצֵי
גוֹיִם וַיִּטְּשֻׁהוּ אֶל־הֶהָרִים וּבְכָל־גֵּאָיוֹת נָפְלוּ דָלִיּוֹתָיו
וַתִּשָּׁבַרְנָה פֹארֹתָיו בְּכֹל אֲפִיקֵי הָאָרֶץ וַיֵּרְדוּ מִצִּלּוֹ כָּל־
13 עַמֵּי הָאָרֶץ וַיִּטְּשֻׁהוּ׃ עַל־מַפַּלְתּוֹ יִשְׁכְּנוּ כָּל־עוֹף הַשָּׁמַיִם

ואל־

לא v. 4 הל׳ רפה. v. 5 א׳ במקום ה׳ ibid פארתו ק׳ v. 11 למדנחאי איל ibid. כ״א כרשעו

אין האַנד געבען מיין שווערד ; דאמאלס וועל איך צוברעכען פּרעה׳ס
ארעמס און ער וועט פאר איהם שרייען ווי עס שרייט אַ ערשלאגענער.
25 די ארעמס פונ׳ם קעניג פון בבל וועל איך שטאַרק מאַכען און פּרעה׳ס
ארעמס וועלען פאלען, דאן וועלען זיי אנערקענען אַז איך בין גאָט, ווען
איך וועל מיין שווערד געבען אין האַנד פונ׳ם קעניג פון בבל, ער וועט
איהם שוין בעוועגען אויף דאָס לאַנד מצרים.
26 און איך וועל צושפּרייטען מצרים איבער די פעלקער און פונאַנדערוואר־
פען זיי איבער די לענדער — זאָלען זיי וויסען, אַז איך בין גאָט !

קאַפּיטעל לא

1 דאָס איז געווען אין עלפטען יאָהר, אין ערשטען טאָג פון דריטען מאָנאַט,
איז גאָט׳ס וואָרט געווען צו מיר אַזוי צו זאָגען :
2 מענשענקינד ! זאָג צו פּרעה קעניג פון מצרים און צו זיין בעפעלקערונג :
צו וועמען גלייכסטו זיך שטאָלץ זייענדיג ? !
3 אָט איז אשור ווי אַ צעדער פון לבנון, שעהן בעצווייגט, געדיכט בעשאָטענט
און הויך געוואקסען, זאָגאר זיין שפּיץ איז געדיכט בעצווייגט געווען.
4 וואסערן האָבען איהם ערצויגען, דער אבגרונד האָט איהם געהויבען,
פליסענדיג זיינע טייכען ארום זיינע אבפלאנצונגען און מיט זיינע קאַ־
נאַלען האָט ער בעוואסערט אַלע פעלד בוימער.
5 דערפאַר איז זיין געוויקס געווען העכער פאַר אַלע בוימער פון פעלד,
ער האָט פיעל פערנאַנדערצווייגונגען געהאַט אין זיינע צווייגען זיינען
לאַנג געוואָרען פון די בעוואַסערונג פון גרויסען וואַסער.
6 אין זיינע פערנאַנדערצווייגונגען האָבען נעסטען געמאַכט אַלע פויגלען פון
הימעל, אונטער זיינע צווייגען האָבען קינדער געבוירען פערשיעדענע
טהיערען פון פעלד און אין זיין שאָטען זיינען אַלע גרויסע פעלקער גע־
זעסען.
7 ער איז שעהן געווען מיט זיין וואוקס און דעם לענג פון זיינע צווייגען,
ווייל זיינע וואָרצלען זיינען געווען נעבען גרויסע וואַסערען.
8 זאָגאַר די צעדערען פון גרויסען גאָרטען האָבען איהם ניט פערדונקעלט,
ציפּרעסען האָבען זיך ניט פערגליכען מיט זיינע פערנאַנאַנדערצווייגונ־
גען און קאָסטאַנען־בוימער זיינען ניט אַזוי גרויס געווען ווי זיינע צוויי־
גען ; קיין בוים פון געטליכען גאָרטען האָט זיך צו איהם ניט געגלי־
כען אין שעהנהייט.
9 איך האָב איהם אַזוי פערפּוצט מיט זיינע גרויסע צווייגען אַז אַלע בוי־
מער פון עדן, ד. ה. אין געטליכען גאָרטען, האָבען איהם מקנא געווען.
10 דערפאר — אַזוי זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער — ווייל זינט ער איז הויך
געוואָרען אין וואוקס און אוועקגעלאָזען זיינע צווייגען העכער פאַר אַלע
בעצווייגטע בוימער, און איז צוליעב זיין הויך, שטאָלץ געוואָרען,
11 וועל איך איהם איבערגעבען אין האַנד פון די מעכטיגע פעלקער און
מען וועט איהם טהאָן לויט זיין פערברעכען ; איך ערווייטער איהם
(פון זיך).
12 דאַן האָבען איהם די באַרבאַרען און מעכטיגע פעלקער אָבגעשניטען און
אַוועקגעוואָרפען, אויף בערג און טהאָלען זיינען זיינע צווייגען געפאַלען,
צובראָכענערהייד וואַלגערען זיך זיינע צווייגען איבער אַלע זומפּען פון
לאַנד ; דאַן זיינען אַלע פעלקער פון לאַנד אַוועקגעגאַנגען פון אינטער
זיין שאָטען און האָבען איהם פערלאָזען.
13 **יעצט רוהען פערשיעדענע פויגלען פון הימעל אויף זיין איינגעפאלע־**
נעם שטאַם און אויף זיינע צווייגען זיינען אלע טהיערען פון פעלד.

14 וְאֶל־פֹּרֹאתָיו הָיוּ כֹּל חַיַּת הַשָּׂדֶה׃ לְמַעַן אֲשֶׁר לֹא־יִגְבְּהוּ
בְקוֹמָתָם כָּל־עֲצֵי־מַיִם וְלֹא־יִתְּנוּ אֶת־צַמַּרְתָּם אֶל־בֵּין
עֲבֹתִים וְלֹא־יַעַמְדוּ אֵלֵיהֶם בְּגָבְהָם כָּל־שֹׁתֵי מָיִם כִּי כֻלָּם
נִתְּנוּ לַמָּוֶת אֶל־אֶרֶץ תַּחְתִּית בְּתוֹךְ בְּנֵי אָדָם אֶל־יוֹרְדֵי
טו בוֹר׃ כֹּה־אָמַר אֲדֹנָי יֱהֹוִה בְּיוֹם רִדְתּוֹ שְׁאֹלָה הֶאֱבַלְתִּי
כִּסֵּתִי עָלָיו אֶת־תְּהוֹם וָאֶמְנַע נַהֲרוֹתֶיהָ וַיִּכָּלְאוּ מַיִם רַבִּים
16 וָאַקְדִּר עָלָיו לְבָנוֹן וְכָל־עֲצֵי הַשָּׂדֶה עָלָיו עֻלְפֶּה׃ מִקּוֹל
מַפַּלְתּוֹ הִרְעַשְׁתִּי גוֹיִם בְּהוֹרִדִי אֹתוֹ שְׁאֹלָה אֶת־יוֹרְדֵי בוֹר
וַיִּנָּחֲמוּ בְּאֶרֶץ תַּחְתִּית כָּל־עֲצֵי־עֵדֶן מִבְחַר וְטוֹב־לְבָנוֹן
17 כָּל־שֹׁתֵי מָיִם׃ גַּם־הֵם אִתּוֹ יָרְדוּ שְׁאֹלָה אֶל־חַלְלֵי־חָרֶב
18 וּזְרֹעוֹ יָשְׁבוּ בְצִלּוֹ בְּתוֹךְ גּוֹיִם׃ אֶל־מִי דָמִיתָ כָּכָה בְּכָבוֹד
וּבְגֹדֶל בַּעֲצֵי־עֵדֶן וְהוּרַדְתָּ אֶת־עֲצֵי־עֵדֶן אֶל־אֶרֶץ תַּחְתִּית
בְּתוֹךְ עֲרֵלִים תִּשְׁכַּב אֶת־חַלְלֵי־חֶרֶב הוּא פַרְעֹה וְכָל־
הֲמוֹנֹה נְאֻם אֲדֹנָי יֱהֹוִה׃

לב CAP. XXXII. לב

א וַיְהִי בִּשְׁתֵּי עֶשְׂרֵה שָׁנָה בִּשְׁנֵי־עָשָׂר חֹדֶשׁ בְּאֶחָד לַחֹדֶשׁ
2 הָיָה דְבַר־יְהֹוָה אֵלַי לֵאמֹר׃ בֶּן־אָדָם שָׂא קִינָה עַל־
פַּרְעֹה מֶלֶךְ־מִצְרַיִם וְאָמַרְתָּ אֵלָיו כְּפִיר גּוֹיִם נִדְמֵיתָ
וְאַתָּה כַּתַּנִּים בַּיַּמִּים וַתָּגַח בְּנַהֲרוֹתֶיךָ וַתִּדְלַח־מַיִם
3 בְּרַגְלֶיךָ וַתִּרְפֹּס נַהֲרוֹתָם׃ כֹּה אָמַר אֲדֹנָי יֱהֹוִה
וּפָרַשְׂתִּי עָלֶיךָ אֶת־רִשְׁתִּי בִּקְהַל עַמִּים רַבִּים וְהֶעֱלוּךָ
4 בְּחֶרְמִי׃ וּנְטַשְׁתִּיךָ בָאָרֶץ עַל־פְּנֵי הַשָּׂדֶה אֲטִילֶךָ וְהִשְׁכַּנְתִּי
עָלֶיךָ כָּל־עוֹף הַשָּׁמַיִם וְהִשְׂבַּעְתִּי מִמְּךָ חַיַּת כָּל־הָאָרֶץ׃
ה וְנָתַתִּי אֶת־בְּשָׂרְךָ עַל־הֶהָרִים וּמִלֵּאתִי הַגֵּאָיוֹת רָמוּתֶךָ׃
6 וְהִשְׁקֵיתִי אֶרֶץ צָפָתְךָ מִדָּמְךָ אֶל־הֶהָרִים וַאֲפִקִים יִמָּלְאוּן
7 מִמֶּךָּ׃ וְכִסֵּיתִי בְכַבּוֹתְךָ שָׁמַיִם וְהִקְדַּרְתִּי אֶת־כֹּכְבֵיהֶם
8 שֶׁמֶשׁ בֶּעָנָן אֲכַסֶּנּוּ וְיָרֵחַ לֹא־יָאִיר אוֹרוֹ׃ כָּל־מְאוֹרֵי אוֹר

בשמים

ל״א v. 14. דא׳ בצרי

14 אום עס זאָלען ניט שטאָלציערען מיט זייער וואוקס אַלע בוימער וואָס
נעבען וואַסער, זיי זאָלען ניט אַוועקלאָזען זייער שפּיטץ צווישען די בע־
צווייגטע און זיי זאָלען ניט אויסשטעלען מיט שטאָלץ זייערע שטאַמען
אַלע וואַסער־טרינקער; וואָרום זיי אַלע זיינען צו טוידט איבערגעגע־
בען, טיעף אין דער ערד, צווישען מענשען וואָס געהען אין דער ערד.
15 אַזוי זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער: ווען ער וועט אַראָבגעהן אין העלל,
האָב איך טרויער בעשטימט; זינט איך האָב איהם מיט'ן אָבגרונד
פערדעקט, האָב איך איהם פערהאַלטען די טייכען און איינגעשלאָסען
די גרויסע וואַסערען, איך האָב צוליעב איהם דעם לבנון פערשווארצט,
אויך אַלע פעלד־בוימער זיינען איבער איהם פערשמאַכטעט.
16 פון דעם גערויש ווען ער איז געפאַלען, ווען איך האָב איהם אין העלל
געוואָרפען ווי די וואָס געהען אין גרוב, האָב איך פעלקער אויפגעצי־
טערט, עס וועלען אין אונטערוועלט בעדויערען אַלע בוימער פון עדן,
די אויסערוועהלטע און בעסטע פון לבנון — אַלע וואַסער־טרינקער.
17 אויך זיי זיינען מיט איהם אַריין אין העלל צו די פון שווערד דערשלאָ־
גענע, אויך זיין שטיצע און די וואָס זיינען צווישען אַנדערע פעלקער
אין זיין שאָטען געזעסען.
18 צו וועמען פון די עדן־בוימער ביזטו אין יעצטיגען צושטאַנד געגליכען אין
עהרע און שטאָלץ? ! דו וועסט צוזאַמען מיט די עדן־בוימער אַראָב־
געהן אינ'ם אונטערערד, צווישען די אונבעזינטע וועסטו ליעגען מיט
אַלע פון שווערד דערשלאָגענע — דאָס איז פּרעה מיט זיין גאַנצע בע־
פעלקערונג — זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער.

קאַפּיטעל לב

1 דאָס איז געווען אין צוועלפטען יאָהר, אין ערשטען טאָג פון צוועלפטען
מאָנאַט. גאָט'ס וואָרט איז געווען צו מיר אַזוי צו זאָגען:
2 מענשענקינד! הויב אויף אַ קלאָג אויף פּרעה פון מצרים, און זאָג צו
איהם: דו ביזט גלייך געווען צו אַ יונגען לייב, אויך ביזטו ווי אַ קראָ־
קאָדיל אין די טייכען; דו האָסט זיך אַרומגעוואָרפען אין דיינע טייכען,
דו האָסט מיט דיינע פיס דאָס וואַסער געקלאַפּט און האָסט שמוציג גע־
מאַכט זייערע טייכען.
3 אַזוי זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער: איך וועל פאַר דיר אויסשפּרייטען
מיין נעץ אין געגענוואַרט פון פיעל פעלקער, און מען וועט דיר אַרויס־
שלעפּען מיט מיין נעץ.
4 איך וועל דיר איבערלאָזען אויף דער ערד, אויפ'ן פעלד וועל איך דיר
אַוועקוואַרפען; איך וועל מאַכען רוהען אויף דיר אַלע פויגלען פון
הימעל און וועל זאַט מאַכען פון דיר אַלע פעלד־טהיערען.
5 איך וועל דיין קערפּער אויף די בערג אַוועקלעגען און וועל פול מאַכען די
טהאָלען מיט דיין געפאַלענעם קערפּער.
6 איך וועל דיין פערפלייצטע לאַנד אָנטרינקען פון דיין בלוט ביז די בערג,
אויך אַלע זומפּען וועלען פול ווערען פון דיר.
7 ווען דו וועסט אויסגעלאָשען ווערען וועל איך דעם הימעל פערדעקען און
שוואַרץ מאַכען די שטערען, די זונן וועל איך מיט אַ וואָלקען צודעקען
אום זי זאָל איהר ליכט ניט וואַרפען אויף די לבנה.
8 איך וועל צוליעב דיר פערפינסטערען אַלע ליכט שטראַהלענדע פון הי־

בַּשָּׁמַ֔יִם אַקְדִּירֵ֖ם עָלֶ֑יךָ וְנָתַ֤תִּי חֹ֙שֶׁךְ֙ עַל־אַרְצְךָ֔ נְאֻ֖ם אֲדֹנָ֥י
9 יֱהוִֽה׃ וְהִ֨כְעַסְתִּ֔י לֵ֖ב עַמִּ֣ים רַבִּ֑ים בַּהֲבִיאִ֤י שִׁבְרְךָ֙ בַּגּוֹיִ֔ם
י עַל־אֲרָצ֖וֹת אֲשֶׁ֥ר לֹא־יְדַעְתָּֽם׃ וַהֲשִׁמּוֹתִ֨י עָלֶ֜יךָ עַמִּ֣ים
רַבִּ֗ים וּמַלְכֵיהֶם֙ יִשְׂעֲר֤וּ עָלֶ֙יךָ֙ שַׂ֔עַר בְּעוֹפְפִ֥י חַרְבִּ֖י עַל־
פְּנֵיהֶ֑ם וְחָרְד֤וּ לִרְגָעִים֙ אִ֣ישׁ לְנַפְשׁ֔וֹ בְּי֖וֹם מַפַּלְתֶּֽךָ׃
11 12 כִּ֛י כֹּ֥ה אָמַ֖ר אֲדֹנָ֣י יֱהוִ֑ה חֶ֥רֶב מֶֽלֶךְ־בָּבֶ֖ל תְּבוֹאֶֽךָ׃ בְּחַרְב֤וֹת
גִּבּוֹרִים֙ אַפִּ֣יל הֲמוֹנֶ֔ךָ עָרִיצֵ֥י גוֹיִ֖ם כֻּלָּ֑ם וְשָֽׁדְדוּ֙ אֶת־גְּא֣וֹן
13 מִצְרַ֔יִם וְנִשְׁמַ֖ד כָּל־הֲמוֹנָֽהּ׃ וְהַֽאֲבַדְתִּי֙ אֶת־כָּל־בְּהֶמְתָּ֔הּ
מֵעַ֖ל מַ֣יִם רַבִּ֑ים וְלֹ֨א תִדְלָחֵ֤ם רֶֽגֶל־אָדָם֙ ע֔וֹד וּפַרְס֥וֹת
14 בְּהֵמָ֖ה לֹ֥א תִדְלָחֵֽם׃ אָ֚ז אַשְׁקִ֣יעַ מֵֽימֵיהֶ֔ם וְנַהֲרוֹתָ֖ם כַּשֶּׁ֣מֶן
טו אוֹלִ֑יךְ נְאֻ֖ם אֲדֹנָ֥י יֱהוִֽה׃ בְּתִתִּ֞י אֶת־אֶ֣רֶץ מִצְרַ֗יִם שְׁמָמָ֡ה
וּנְשַׁמָּ֣ה אֶ֠רֶץ מִמְּלֹאָ֔הּ בְּהַכּוֹתִ֖י אֶת־כָּל־י֣וֹשְׁבֵי בָ֑הּ וְיָדְע֖וּ
16 כִּֽי־אֲנִ֥י יְהוָֽה׃ קִינָ֥ה הִיא֙ וְק֣וֹנְנ֔וּהָ בְּנ֥וֹת הַגּוֹיִ֖ם תְּקוֹנֵ֣נָּה
אוֹתָ֑הּ עַל־מִצְרַ֤יִם וְעַל־כָּל־הֲמוֹנָהּ֙ תְּקוֹנֵ֣נָּה אוֹתָ֔הּ נְאֻ֖ם
17 אֲדֹנָ֥י יֱהוִֽה׃ וַיְהִי֙ בִּשְׁתֵּ֣י עֶשְׂרֵ֣ה שָׁנָ֔ה בַּחֲמִשָּׁ֥ה עָשָׂ֖ר
18 לַחֹ֑דֶשׁ הָיָ֥ה דְבַר־יְהוָ֖ה אֵלַ֥י לֵאמֹֽר׃ בֶּן־אָדָ֕ם נְהֵ֛ה עַל־
הֲמ֥וֹן מִצְרַ֖יִם וְהוֹרִדֵ֑הוּ אוֹתָ֞הּ וּבְנ֨וֹת גּוֹיִ֧ם אַדִּרִ֛ם אֶל־אֶ֥רֶץ
19 תַּחְתִּיּ֖וֹת אֶת־י֥וֹרְדֵי בֽוֹר׃ מִמִּ֖י נָעָ֑מְתְּ רְדָ֥ה וְהָשְׁכְּבָ֖ה
כ אֶת־עֲרֵלִֽים׃ בְּת֥וֹךְ חַלְלֵי־חֶ֖רֶב יִפֹּ֑לוּ חֶ֣רֶב נִתָּ֔נָה מָשְׁכ֥וּ
21 אוֹתָ֖הּ וְכָל־הֲמוֹנֶֽיהָ׃ יְדַבְּרוּ־ל֞וֹ אֵלֵ֧י גִבּוֹרִ֛ים מִתּ֥וֹךְ שְׁא֖וֹל
22 אֶת־עֹֽזְרָ֑יו יָרְד֛וּ שָׁכְב֥וּ הָעֲרֵלִ֖ים חַלְלֵי־חָֽרֶב׃ שָׁ֤ם אַשּׁוּר֙
וְכָל־קְהָלָ֔הּ סְבִיבוֹתָ֖יו קִבְרֹתָ֑יו כֻּלָּ֣ם חֲלָלִ֔ים הַנֹּפְלִ֖ים
23 בֶּחָֽרֶב׃ אֲשֶׁ֨ר נִתְּנ֤וּ קִבְרֹתֶ֙יהָ֙ בְּיַרְכְּתֵי־ב֔וֹר וַיְהִ֣י קְהָלָ֔הּ
סְבִיב֖וֹת קְבֻרָתָ֑הּ כֻּלָּ֤ם חֲלָלִים֙ נֹפְלִ֣ים בַּחֶ֔רֶב אֲשֶׁר־נָתְנ֥וּ
24 חִתִּ֖ית בְּאֶ֥רֶץ חַיִּֽים׃ שָׁ֤ם עֵילָם֙ וְכָל־הֲמוֹנָ֔הּ סְבִיב֖וֹת קְבֻרָתָ֑הּ
כֻּלָּ֣ם חֲלָלִים֩ הַנֹּפְלִ֨ים בַּחֶ֜רֶב אֲשֶׁר־יָרְד֥וּ עֲרֵלִ֣ים ׀ אֶל־אֶ֣רֶץ
תַּחְתִּיּ֗וֹת אֲשֶׁ֨ר נָתְנ֤וּ חִתִּיתָם֙ בְּאֶ֣רֶץ חַיִּ֔ים וַיִּשְׂא֥וּ כְלִמָּתָ֖ם

את־

קמץ בז״ק v. 20.

מעל, איך וועל מאַכען אַ פינסטערניס אויף דיין לאַנד — זאָגט גאָט
דער אַלמעכטיגער.
9 איך וועל ערצאָרענען די הארץ פון פיעל פעלקער, ווען איך וועל דייז
אונגליק בעקאַנט מאַכען אונטער די פעלקער אין לענדער וועלכע דו
קענסט ניט.
10 איך וועל מאַכען פיעל פעלקער וואונדערען זיך אויף דיר, און זייערע קע־
ניגע וועלען (קוקענדיג) אויף דיר אויפשוידערען, און איך וועל בעוועגען
מיין שווערד זיי אויפ'ן געזיכט ; זיי וועלען אָפּט אויפציטערען יעדער
פאַר זיין לעבען, אינ'ם טאָג פון דיין ניעדערלאַגע.
11 וואָרום אַזוי זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער : דער שווערד פונ'ם קעניג
פון בבל וועט אויף דיר קומען.
12 מיט די שווערדען פון די העלדען פון אלע מעכטיגע פעלקער וועל איך
ניעדערשלאָגען דיין בעפעלקערונג ; זיי וועלען צורויבען דעם שטאָלץ
פון מצרים און איהר גאַנצע בעפעלקערונג וועט פערטיליגט ווערען.
13 איך וועל אויך פערניכטען אַלע פיה איהרע פון נעבען די גרויסע וואסע־
רען, עס וועט זיי מעהר ניט שמוציג מאַכען קיין מענשעשע פוס, אויך
די קלויען פון פיה וועלען זיי ניט פערשמוציגען.
14 דאַמאָלס וועל איך זייערע וואַסערען לאָזען זיך אָבשטעהען און זייערע
טייכען וועל איך מאַכען געהען ריין ווי אויל — זאָגט גאָט דער אַלמעכ־
טיגער —
15 ווען איך וועל דאָס לאַנד מצרים מאַכען וויסט, דאָס לאַנד וועט לעדיג
ווערען פון אַלעם וואָס פילט איהר אָן, ווען איך וועל ערשלאָגען אַלע
איהרע איינוואָהנער, דאן וועלען זיי אַנערקענען אַז איך בין גאָט.
16 דאָס איז אַ קלאָגליעד וועלכע מען קלאָגט, די פּראָווינצען פון די פעלקער
וועלען עס קלאָגען אויף מצרים און איהר גאַנצע בעפעלקערונג, דאָס
וועלען זיי קלאָגען — זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער.
17 דאָס איז געווען אין צוועלפטען יאָהר, אין פופצעהנטען טאָג פון (ערש־
טען) מאָנאַט, איז גאָט'ס וואָרט געווען צו מיר אַזוי צו זאָגען :
18 מענשענקינד ! קלאָג אויף די בעפעלקערונג פון מצרים, איך וועל איהר
צוזאַמען מיט די מעכטיגע פעלקער פּראָווינצען אַראָבוואַרפען אין אונ־
טערוועלט, ווי די וואָס געהען אין גרוב.
19 פאַר וועמען ביזטו בעסער ? געה אראָב און ליעג מיט אַלע אונבעזינטע !
20 אונטער שווערד ערשלאָגענע וועלען זיי פאַלען, דאָס שווערד איז פריי
געלאָזען און האָט זיי פערשלעפּט מיט די גאַנצע בעפעלקערונג.
21 די מעכטיגע העלדען פון העלל וועלען רעדען וועגען איהם און זיינע
העלפערס : עס זיינען ניעדערגעשלאָגען און געבליעבען ליעגען די
אונבעזינטע, אַלס שווערד ערשלאָגענע.
22 דאָרטען איז אַשור מיט זיין גאַנצע געמיינדע אין אַ קרייז פון גראָבען,
אַלע ערשלאָגענע, געפאַלענע פון שווערד.
23 זיי וועמעס גראָבען עס זיינען אין זייט גרוב און פונ'ם פערזאַמלונג איז
געוואָרען אַ קרייז גראַבען, אַלע ערשלאָגענע, פון שווערד געפאַלענע, וועל־
כע האָבען בייּ'ן לעבען אַ שרעק געוואָרפען אויפ'ן לאַנד.
24 דאָרטען איז אויך עילם מיט זיין גאַנצע בעפעלקערונג אין אַ קרייז פון
גראַבען, אַלע ערשלאָגענע, פון שווערד געפאַלענע, וואָס זיינען אונזיניג
אַרונטערגעפאַלען אין אונטערוועלט ; די וועלכע האָבען בייּ'ן לעבען
אַ שרעק געוואָרפען אויפ'ן לאַנד, האָבען מיטגעטראַגען זייער שאַנדע
מיט אַלע וואָס געהען אין גרוב.

כה אֶת־יוֹרְדֵי בוֹר׃ בְּתוֹךְ חֲלָלִים נָתְנוּ מִשְׁכָּב לָהּ בְּכָל־הֲמוֹנָהּ
סְבִיבוֹתָיו קִבְרֹתֶהָ כֻּלָּם עֲרֵלִים חַלְלֵי־חֶרֶב כִּי נִתַּן חִתִּיתָם
בְּאֶרֶץ חַיִּים וַיִּשְׂאוּ כְלִמָּתָם אֶת־יוֹרְדֵי בוֹר בְּתוֹךְ חֲלָלִים
26 נִתָּן׃ שָׁם מֶשֶׁךְ תֻּבַל וְכָל־הֲמוֹנָהּ סְבִיבוֹתָיו קִבְרוֹתֶיהָ
כֻּלָּם עֲרֵלִים מְחֻלְלֵי חֶרֶב כִּי־נָתְנוּ חִתִּיתָם בְּאֶרֶץ חַיִּים׃
27 וְלֹא יִשְׁכְּבוּ אֶת־גִּבּוֹרִים נֹפְלִים מֵעֲרֵלִים אֲשֶׁר יָרְדוּ־שְׁאוֹל
בִּכְלֵי־מִלְחַמְתָּם וַיִּתְּנוּ אֶת־חַרְבוֹתָם תַּחַת רָאשֵׁיהֶם וַתְּהִי
28 עֲוֺנֹתָם עַל־עַצְמוֹתָם כִּי־חִתִּית גִּבּוֹרִים בְּאֶרֶץ חַיִּים׃ וְאַתָּה
29 בְּתוֹךְ עֲרֵלִים תִּשָּׁבַר וְתִשְׁכַּב אֶת־חַלְלֵי־חָרֶב׃ שָׁמָּה אֱדוֹם
מְלָכֶיהָ וְכָל־נְשִׂיאֶיהָ אֲשֶׁר־נִתְּנוּ בִגְבוּרָתָם אֶת־חַלְלֵי־חָרֶב
ל הֵמָּה אֶת־עֲרֵלִים יִשְׁכָּבוּ וְאֶת־יֹרְדֵי בוֹר׃ שָׁמָּה נְסִיכֵי צָפוֹן
כֻּלָּם וְכָל־צִדֹנִי אֲשֶׁר־יָרְדוּ אֶת־חֲלָלִים בְּחִתִּיתָם מִגְּבוּרָתָם
בּוֹשִׁים וַיִּשְׁכְּבוּ עֲרֵלִים אֶת־חַלְלֵי־חֶרֶב וַיִּשְׂאוּ כְלִמָּתָם
31 אֶת־יוֹרְדֵי בוֹר׃ אוֹתָם יִרְאֶה פַרְעֹה וְנִחַם עַל־כָּל־הֲמוֹנֹה
32 חַלְלֵי־חֶרֶב פַּרְעֹה וְכָל־חֵילוֹ נְאֻם אֲדֹנָי יֱהוִה׃ כִּי־נָתַתִּי
אֶת־חִתִּיתוֹ בְּאֶרֶץ חַיִּים וְהֻשְׁכַּב בְּתוֹךְ עֲרֵלִים אֶת־חַלְלֵי־
חֶרֶב פַּרְעֹה וְכָל־הֲמוֹנֹה נְאֻם אֲדֹנָי יֱהוִה׃

לג Cap. XXXIII. לג

א 2 וַיְהִי דְבַר־יְהוָה אֵלַי לֵאמֹר׃ בֶּן־אָדָם דַּבֵּר אֶל־בְּנֵי־עַמְּךָ
וְאָמַרְתָּ אֲלֵיהֶם אֶרֶץ כִּי־אָבִיא עָלֶיהָ חָרֶב וְלָקְחוּ עַם־
הָאָרֶץ אִישׁ אֶחָד מִקְצֵיהֶם וְנָתְנוּ אֹתוֹ לָהֶם לְצֹפֶה׃
3 וְרָאָה אֶת־הַחֶרֶב בָּאָה עַל־הָאָרֶץ וְתָקַע בַּשּׁוֹפָר וְהִזְהִיר
4 אֶת־הָעָם׃ וְשָׁמַע הַשֹּׁמֵעַ אֶת־קוֹל הַשּׁוֹפָר וְלֹא נִזְהָר
ה וַתָּבוֹא חֶרֶב וַתִּקָּחֵהוּ דָּמוֹ בְרֹאשׁוֹ יִהְיֶה׃ אֵת קוֹל
הַשּׁוֹפָר שָׁמַע וְלֹא נִזְהָר דָּמוֹ בּוֹ יִהְיֶה וְהוּא נִזְהָר נַפְשׁוֹ
6 מִלֵּט׃ וְהַצֹּפֶה כִּי־יִרְאֶה אֶת־הַחֶרֶב בָּאָה וְלֹא־תָקַע
בַּשּׁוֹפָר וְהָעָם לֹא־נִזְהָר וַתָּבוֹא חֶרֶב וַתִּקַּח מֵהֶם נָפֶשׁ

הוא

לב v. 28 רבי׳ בפתח v. 30 דגי׳ רזה v. 32 חתיתי ק׳

25 צווישען ערשלאָגענע האָט מען איהר אַ אָרט געגעבען צו ליעגען מיט איהר גאַנצע בעפעלקערונג, אַ קרייז מיט גראבען; אַלע אוזיניגע, פון שווערד ערשלאָגענע, ווייל זיי האָבען ביי'ן לעבען אַ שרעק געוואָרפען אויפ'ן לאַנד, יעצט האָבען זיי מיטגעטראָגען זייער שאַנד, ווי אַלע וואָס געהען אין גרוב, צווישען ערשלאָגענע ליעגט ער.

26 דאָרטען איז משך און תבל מיט די גאַנצע בעפעלקערונג, אין אַ קרייז פון גראבען, אַלע אונזיניגע פון שווערד ערשלאָגענע, ווייל זיי האָבען ביי'ן לעבען אַ שרעק געוואָרפען אויפ'ן לאַנד.

27 זיי ווע‍לען אָבער ניט ליעגען נעבען די העלדען וואָס זיינען געפאַלען פון די אונבעזינטע, וועלכע זיינען אַראָב אין העלל מיט זייערע קריעגס־וואַפען און האָבען זייערע שווערדען אונטער זייערע קעפּ געלעגט, זייערע זינד זיינען אויף זיי זעלבסט געפאַלען, ווייל די העלדען האָבען אַ שרעק געוואָרפען אויפ'ן לאַנד ביי'ן לעבען.

28 דו וועסט אויך צוּבראָכען ווערען צווישען די אונבעזינטע און וועסט ליעגען מיט די פון שווערד ערשלאָגענע.

29 דאָרטען איז אויך אדום מיט איהרע קעניגע און אַלע פירשטען איהרע, וועלכע זיינען, טראָטץ זייער העלדען טהאַט, געוואָרען ערשלאָגען פון שווערד; אויך זיי ווע‍לען ליעגען מיט די אונבעזינטע און די וואָס געהען אין גרוב.

30 דאָרטען זיינען אַלע פירשטען פון צפון און אַלע פון **צדן,** וועלכע זיינען געפאַלען אַלס ערשלאָגענע, טראָטץ זייער שרעק און העלדענטהאַט זיינען זיי צו שאַנד געוואָרען, און געפאַלען אונבעזינטע ווי ערשלאַגענע פון שווערד; זיי האָבען זייער שאַנדע מיטגעטראָגען ווי אַלע וואָס געהען אין גרוב.

31 ווען פרעה וועט זיי דערזעהען וועט ער זיך טרייסטען אויף זיין גאַנצע בעפעלקערונג וואָס זיינען פון שווערד ערשלאָגען, ווי פרעה אַזוי זיין גאַנצע אַרמעע — זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער.

32 יעצט וואַרף איך אָן מיין שרעק אינ'ם לאַנד פון לעבען, וועט פרעה מיט זיין גאַנצע בעפעלקערונג בלייבען ליעגען אַלס שווערד ערשלאָגענע צווישען די אונבעזינטע — זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער.

קאַפּיטעל לג

1 און גאָט'ס וואָרט איז געוועזען צו מיר אַזוי צו זאָגען:

2 מענשענקינד! רייד צו די קינדער פון דיין פאָלק און זאָג צו זיי: ווען איך ברענג אויף אַ לאַנד אַ שווערד־אַרמעע, נעהמען די בעוואָהנער פונ'ם לאַנד איין מאַן פון ענדע (שטאָדט) און בעשטימען איהם פאַר זיי אַלס אַ וועכטער.

3 ווי ער דערזעהט די שווערד־אַרמעע אָנקומענדיג אויפ'ן לאַנד, בלאָזט ער אין שופר און וואַרענט דאָס פאָלק.

4 יעדער וואָס דערהערט די שטימע פון שופר און איז ניט פאָרזיכטיג, און דאָס שווערד קומט און נעהמט איהם צו, איז ער אַליין שולדיג.

5 קוים האָט ער געהערט די שטימע פון שופר און איז ניט פאָרזיכטיג געוועזען, פאַלט זיין בלוט אויף איהם; וואָרום ווען ער וואָלט פאָרזיכטיג געוועזען וואָלט ער זיך גערעטעט.

6 ווען אָבער דער וועכטער וועט זעהען די שווערד־אַרמעע אָנקומענדיג און האָט ניט געבלאָזען מיט'ן שופר און דאָס פאָלק איז ניט געוואַרענט געוועזען, און די שווערד־אַרמעע איז געקומען און צוגענומען וועמען פון זיי; יענער איז פאַר זיינע זינד צוגענומען געוואָרען, אָבער זיין בלוט וועל איך אויפפאָדערען פון וועכטער.

הוּא בַּעֲוֺנוֹ נִלְקָח וְדָמוֹ מִיַּד־הַצֹּפֶה אֶדְרֹשׁ׃ וְאַתָּה
7 בֶן־אָדָם צֹפֶה נְתַתִּיךָ לְבֵית יִשְׂרָאֵל וְשָׁמַעְתָּ מִפִּי
8 דָּבָר וְהִזְהַרְתָּ אֹתָם מִמֶּנִּי׃ בְּאָמְרִי לָרָשָׁע רָשָׁע מוֹת
תָּמוּת וְלֹא דִבַּרְתָּ לְהַזְהִיר רָשָׁע מִדַּרְכּוֹ הוּא רָשָׁע בַּעֲוֺנוֹ
9 יָמוּת וְדָמוֹ מִיָּדְךָ אֲבַקֵּשׁ׃ וְאַתָּה כִּי־הִזְהַרְתָּ רָשָׁע מִדַּרְכּוֹ
לָשׁוּב מִמֶּנָּה וְלֹא־שָׁב מִדַּרְכּוֹ הוּא בַּעֲוֺנוֹ יָמוּת וְאַתָּה
י נַפְשְׁךָ הִצַּלְתָּ׃ וְאַתָּה בֶן־אָדָם אֱמֹר אֶל־בֵּית יִשְׂרָאֵל
כֵּן אֲמַרְתֶּם לֵאמֹר כִּי־פְשָׁעֵינוּ וְחַטֹּאתֵינוּ עָלֵינוּ וּבָם
11 אֲנַחְנוּ נְמַקִּים וְאֵיךְ נִחְיֶה׃ אֱמֹר אֲלֵיהֶם חַי־אָנִי ׀ נְאֻם ׀
אֲדֹנָי יֱהֹוִה אִם־אֶחְפֹּץ בְּמוֹת הָרָשָׁע כִּי אִם־בְּשׁוּב רָשָׁע
מִדַּרְכּוֹ וְחָיָה שׁוּבוּ שׁוּבוּ מִדַּרְכֵיכֶם הָרָעִים וְלָמָּה תָמוּתוּ
12 בֵּית יִשְׂרָאֵל׃ וְאַתָּה בֶן־אָדָם אֱמֹר אֶל־בְּנֵי־עַמְּךָ
צִדְקַת הַצַּדִּיק לֹא תַצִּילֶנּוּ בְּיוֹם פִּשְׁעוֹ וְרִשְׁעַת הָרָשָׁע לֹא־
יִכָּשֶׁל בָּהּ בְּיוֹם שׁוּבוֹ מֵרִשְׁעוֹ וְצַדִּיק לֹא יוּכַל לִחְיוֹת בָּהּ
13 בְּיוֹם חֲטֹאתוֹ׃ בְּאָמְרִי לַצַּדִּיק חָיֹה יִחְיֶה וְהוּא־בָטַח
עַל־צִדְקָתוֹ וְעָשָׂה עָוֶל כָּל־צִדְקֹתָו לֹא תִזָּכַרְנָה וּבְעַוְלוֹ
14 אֲשֶׁר־עָשָׂה בּוֹ יָמוּת׃ וּבְאָמְרִי לָרָשָׁע מוֹת תָּמוּת וְשָׁב
טו מֵחַטָּאתוֹ וְעָשָׂה מִשְׁפָּט וּצְדָקָה׃ חֲבֹל יָשִׁיב רָשָׁע גְּזֵלָה
יְשַׁלֵּם בְּחֻקּוֹת הַחַיִּים הָלַךְ לְבִלְתִּי עֲשׂוֹת עָוֶל חָיוֹ יִחְיֶה
16 לֹא יָמוּת׃ כָּל־חַטֹּאתָו אֲשֶׁר חָטָא לֹא תִזָּכַרְנָה לוֹ מִשְׁפָּט
17 וּצְדָקָה עָשָׂה חָיוֹ יִחְיֶה׃ וְאָמְרוּ בְּנֵי עַמְּךָ לֹא יִתָּכֵן דֶּרֶךְ
18 אֲדֹנָי וְהֵמָּה דַּרְכָּם לֹא־יִתָּכֵן׃ בְּשׁוּב־צַדִּיק מִצִּדְקָתוֹ
19 וְעָשָׂה עָוֶל וּמֵת בָּהֶם׃ וּבְשׁוּב רָשָׁע מֵרִשְׁעָתוֹ וְעָשָׂה
כ מִשְׁפָּט וּצְדָקָה עֲלֵיהֶם הוּא יִחְיֶה׃ וַאֲמַרְתֶּם לֹא יִתָּכֵן
דֶּרֶךְ אֲדֹנָי אִישׁ כִּדְרָכָיו אֶשְׁפּוֹט אֶתְכֶם בֵּית יִשְׂרָאֵל׃
21 וַיְהִי בִּשְׁתֵּי עֶשְׂרֵה שָׁנָה בָּעֲשִׂרִי בַּחֲמִשָּׁה לַחֹדֶשׁ
לְגָלוּתֵנוּ בָּא־אֵלַי הַפָּלִיט מִירוּשָׁלַםִ לֵאמֹר הֻכְּתָה

v. 6. קמץ בז״ק   v. 13. צדקתו ק   v. 16. חטאתו ק

7 אויך דו, מענשענקינד ! איך האָב דיר אָנגעשטעלט אַלס וועכטער פאַר
דאָס הויז ישראל, ווען דו וועסט נאָר פון מיר וואָס הערען, מוזטו זיי
וואַרענען פון מיינט וועגען.
8 ווען איך זאָג צום פערברעכער : „פערברעכער, דו מוזט שטאַרבען !”
און דו האָסט צו איהם ניט גערעדט צו וואַרענען דעם פערברעכער (ער
זאָל אַראָבגעהן) פון זיין וועג ; ער, דער פערברעכער, ווערט פון זיינע
זינד שטאַרבען, אָבער פון דיר וועל איך זיין בלוט אויפמאָהנען.
9 אויב אָבער דו האָסט דעם פערברעכער געוואָרענט אַז ער זאָל זיך צוריק־
ציהען פון זיין וועג, נאָר ער האָט זיך ניט צוריקגעצויגען, דאַן וועט ער,
איבער זיינע זינד, שטאַרבען, אָבער דו האָסט זיך גערעטעט.
10 און דו, מענשענקינד, זאָג צו דאָס הויז ישראל : איהר האָט זיך ריכטיג
אויסגעדריקט זאָגענדיג : אונזערע זינד און פערברעכענס זיינען אויף
אונז, איבער זיי ווערען מיר צושמאָלצען און ווי זאָלען מיר דאָס אויס־
האַלטען ?
11 זאָג צו זיי : ביי מיין לעבען — זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער — אויב
איך פערלאַנג דער פערברעכער זאָל שטאַרבען ; זאָל דער פערברעכער
בלויז צוריקציהען זיך פון זיין פערברעכערישען וועג און וועט לעבען.
ציהט זיך צוריק פון אַייערע שלעכטע וועגען, צו וואָס זאָלט איהר שטאַר־
בען, הויז פון ישראל ? !
12 און דו, מענשענקינד, זאָג צו די זיהן פון דיין פאָלק : די טוגענד פון
פרומען וועט איהם ניט רעטען ווען ער טהוט אַ פערברעכען, אויך דאָס
פערברעכען פון פערברעכער וועט פאַר איהם קיין אָבהאַלט זיין ווען
ער וועט זיך פון זיין פערברעכען צוריקציהען, אַזוי ווי דער פרומער קען
צוליעב זיין געוועזענע פרומקייט ניט בלייבען לעבען ווען ער בעגעהט
אַ פערברעכען.
13 ווען איך זאָג צו דעם פרומען אַז ער וועט לעבען, און ער האָט זיך פערזי־
כערט אויף זיין טוגענד און איז בעגאַנגען אַן אונרעכט, דאַן וועט קיינע
פון זיינע גוטע טהאַטען איהם ניט דערמאָהנט ווערען — ער וועט שטאַר־
בען איבער זיין אונרעכט וועלכע ער האָט בעגאַנגען.
14 און ווען, איך זאָג צום פערברעכער : „דו מוזט שטאַרבען !” און ער
ציהט זיך צוריק פון זיינע פערברעכענס און טהוט רעכט און גערעכטיג־
קייט :
15 דעם משכון (פפאַנד) וואָס ער האָט מיט געוואַלד גענומען גיט ער צוריק,
פאַר דאָס גערויבטע בעצאָהלט ער, ער געהט לויט די לעבענס־געזעצען
אום קיינע אונרעכט צוטהאָן, ער וועט שוין לעבען, ער וועט ניט שטאַרבען!
16 אַלע זיינע זינד, וועלכע ער איז בעגאַנגען, וועלען איהם ניט דערמאָהנט
ווערען ; קוים האָט ער געטהאָן רעכט און גערעכטיגקייט וועט ער בליי־
בען לעבען.
17 וועלען דאָך די קינדער פון דיין פאָלק זאָגען : „גאָט'ס וועג איז ניט
ריכטיג !” — אָבער זייער וועג איז ניט ריכטיג.
18 ווען אַ פרומער ציהט זיך צוריק פון זיין פרומקייט און בעגעהט אונ־
רעכט, דאַרף ער דערפאַר שטאַרבען,
19 דאָסזעלביגע ווען אַ פערברעכער ציהט זיך צוריק פון זיינע שלעכטע
טהאַטען און טהוט רעכט און גערעכטיגקייט, דאַרף ער צוליעב דעם
בלייבען לעבען.
20 זאָגט איהר נאָך אַלץ אַז גאָט'ס וועג איז ניט ריכטיג ? — יעדערען נאָך
זיין אויפפיהרונג וועל איך אורטהיילען, הויז פון ישראל !
21 דאָס איז געווען אין צוועלפטען יאָהר, פינף טעג אין צעהנטען מאָנאַט
זינט מיר זיינען אויסגעוואַנדערט, איז צו מיר געקומען פון ירושלים איי־

הָעִיר׃ וְיַד־יְהוָה הָיְתָה אֵלַי בָּעֶרֶב לִפְנֵי בּוֹא הַפָּלִיט 22
וַיִּפְתַּח אֶת־פִּי עַד־בּוֹא אֵלַי בַּבֹּקֶר וַיִּפָּתַח פִּי וְלֹא נֶאֱלַמְתִּי
עוֹד׃ וַיְהִי דְבַר־יְהוָה אֵלַי לֵאמֹר׃ בֶּן־אָדָם יֹשְׁבֵי 23 24
הֶחֳרָבוֹת הָאֵלֶּה עַל־אַדְמַת יִשְׂרָאֵל אֹמְרִים לֵאמֹר אֶחָד
הָיָה אַבְרָהָם וַיִּירַשׁ אֶת־הָאָרֶץ וַאֲנַחְנוּ רַבִּים לָנוּ נִתְּנָה
הָאָרֶץ לְמוֹרָשָׁה׃ לָכֵן אֱמֹר אֲלֵיהֶם כֹּה־אָמַר ׀ אֲדֹנָי כה
יֱהוִה עַל־הַדָּם ׀ תֹּאכֵלוּ וְעֵינֵכֶם תִּשְׂאוּ אֶל־גִּלּוּלֵיכֶם וְדָם
תִּשְׁפֹּכוּ וְהָאָרֶץ תִּירָשׁוּ׃ עֲמַדְתֶּם עַל־חַרְבְּכֶם עֲשִׂיתֶן 26
תּוֹעֵבָה וְאִישׁ אֶת־אֵשֶׁת רֵעֵהוּ טִמֵּאתֶם וְהָאָרֶץ תִּירָשׁוּ׃
כֹּה־תֹאמַר אֲלֵהֶם כֹּה־אָמַר אֲדֹנָי יֱהוִה חַי־אָנִי אִם־לֹא 27
אֲשֶׁר בֶּחֳרָבוֹת בַּחֶרֶב יִפֹּלוּ וַאֲשֶׁר עַל־פְּנֵי הַשָּׂדֶה לַחַיָּה
נְתַתִּיו לְאָכְלוֹ וַאֲשֶׁר בַּמְּצָדוֹת וּבַמְּעָרוֹת בַּדֶּבֶר יָמוּתוּ׃
וְנָתַתִּי אֶת־הָאָרֶץ שְׁמָמָה וּמְשַׁמָּה וְנִשְׁבַּת גְּאוֹן עֻזָּהּ וְשָׁמְמוּ 28
הָרֵי יִשְׂרָאֵל מֵאֵין עוֹבֵר׃ וְיָדְעוּ כִּי־אֲנִי יְהוָה בְּתִתִּי אֶת־ 29
הָאָרֶץ שְׁמָמָה וּמְשַׁמָּה עַל כָּל־תּוֹעֲבֹתָם אֲשֶׁר עָשׂוּ׃
וְאַתָּה בֶן־אָדָם בְּנֵי עַמְּךָ הַנִּדְבָּרִים בְּךָ אֵצֶל הַקִּירוֹת ל
וּבְפִתְחֵי הַבָּתִּים וְדִבֶּר־חַד אֶת־אַחַד אִישׁ אֶת־אָחִיו לֵאמֹר
בֹּאוּ־נָא וְשִׁמְעוּ מַה הַדָּבָר הַיּוֹצֵא מֵאֵת יְהוָה׃ וְיָבוֹאוּ 31
אֵלֶיךָ כִּמְבוֹא־עָם וְיֵשְׁבוּ לְפָנֶיךָ עַמִּי וְשָׁמְעוּ אֶת־דְּבָרֶיךָ
וְאוֹתָם לֹא יַעֲשׂוּ כִּי־עֲגָבִים בְּפִיהֶם הֵמָּה עֹשִׂים אַחֲרֵי
בִצְעָם לִבָּם הֹלֵךְ׃ וְהִנְּךָ לָהֶם כְּשִׁיר עֲגָבִים יְפֵה קוֹל 32
וּמֵטִב נַגֵּן וְשָׁמְעוּ אֶת־דְּבָרֶיךָ וְעֹשִׂים אֵינָם אוֹתָם׃ וּבְבֹאָהּ 33
הִנֵּה בָאָה וְיָדְעוּ כִּי נָבִיא הָיָה בְתוֹכָם׃

לד CAP. XXXIV. לד

וַיְהִי דְבַר־יְהוָה אֵלַי לֵאמֹר׃ בֶּן־אָדָם הִנָּבֵא עַל־רוֹעֵי א 2
יִשְׂרָאֵל הִנָּבֵא וְאָמַרְתָּ אֲלֵיהֶם לָרֹעִים כֹּה־אָמַר ׀ אֲדֹנָי
יֱהוִה הוֹי רֹעֵי־יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר הָיוּ רֹעִים אוֹתָם הֲלוֹא
הַצֹּאן יִרְעוּ הָרֹעִים׃ אֶת־הַחֵלֶב תֹּאכֵלוּ וְאֶת־הַצֶּמֶר 3

תלבשו

נער פון די וואָס האָבען זיך גערעטעט, און האָט מיר אָנגעזאָגט אַז די
שטאָדט איז צושלאָגען.
22 נאָך פון אָבענד איז גאָט'ס מאַכט געווען אויף מיר, איידער דער גערע־
טעטער איז געקומען, ער האָט מיין מויל געעפענט ביז דעם מאָרגען ווען
דער גערעטעטער איז צו מיר געקומען; זינט מיין מויל איז אָפען גע־
וואָרען האָב איך שוין מעהר ניט געשוויגען.
23 און גאָט'ס וואָרט איז געווען צו מיר אַזוי צו זאָגען:
24 מענשענקינד! די בעוואָהנער פון די רואינען אויף דאָס לאַנד ישראל
זאָגען אַזוי: „אברהם איז אַליין געווען ווען ער האָט דאָס לאַנד צום
בעזיץ בעקומען, יעצט זיינען מיר פיעל אין צאָהל איז אונז איבערגעגעבען
דאָס לאַנד צום בעזיץ!"
25 דערפאַר זאָג זיי — אַזוי זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער — מיט דאָס
בלוט עסט איהר, אייערע אויגען הויבט איהר צו אייערע געצען און בלוט
פערגיעסט איהר — ווילט איהר נאָך דאָס לאַנד בעזיצען?!
26 איהר האָט זיך אויפגעהאַלטען אויף אייער שווערד, איהר האָט בעגאַנ־
גען גרויליטהאַטען און יעדער האָט פעראונרייניגט דעם צווייטענס פרוי —
ווילט איהר נאָך דאָס לאַנד בעזיצען?
27 אַט וואָס דו זאָלסט זיי זאָגען: אַזוי זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער —
ביי מיין לעבען! אויב ניט די וואָס האַלטען זיך אויף אין די רואינען,
וועלען פאַלען פון שווערד, די וואָס זיינען אויפ'ן פעלד האָב איך איבער־
געגעבען אַלס שפּייז פאַר די טהיערען און די וואָס אין די פעסטונגען
און הייהלען וועלען שטאַרבען פון פעסט.
28 דאָס לאַנד וועל איך מאַכען וויסט און לעדיג, עס וועט אויפהערען איהר
מעכטיגער שטאָלץ און די בערג פון ישראל וועלען פערוויסט ווערען
אָהן דורכגעהער.
29 דאַן וועלען זיי אַנערקענען אַז איך בין גאָט ווען איך וועל דאָס לאַנד
מאַכען וויסט און לעדיג, פאַר אַלע זייערע גרויליטהאַטען וואָס זיי האָבען
געטהאָן.
30 און דו, מענשענקינד! די קינדער פון דיין פאָלק וואָס ריידען וועגען
דיר נעבען די ווענד און אין די טהירען פון די הייזער, איינער רעדט
צום אַנדערען זאָגענדיג: „קומט נאָר און הערט וואָס פאַר אַ וואָרט
איז געקומען פון גאָט!"
31 דאַן וועלען זיי קומען צו דיר אַלס אַ פאָלקס פערזאַמלונג, מיין פאָלק
וועט זיך זעצען פאַר דיר און אויסהערען דיינע רייד, אָבער טהאָן וועלען
זיי דאָס ניט, וואָרום זיי טהוען נאָר לויט זייערע אויסגעלאַסענע רייד —
זייער הארץ ציהט נאָר נאָך אייגענוצען.
32 אויף דו ביזט ביי זיי ווי אַ אויסגעלאַסענעם ליעד—אַ שעהנע שטימע און
אַ גוטער קלאַנג; זיי הערען אוים דיינע ווערטער און פאָלגען זיי ניט.
33 נאָר דאַן ווען דאָס פינסטערניס וועט אָנקומען וועלען זיי אַנערקענען
אַז זיי האָבען געהאַט אַ נביא.

קאַפּיטעל לד

1 און גאָט'ס וואָרט איז געווען צו מיר אַזוי צו זאָגען:
2 מענשענקינד! פּראָפעצייהע אויף די הירטען פון ישראל, פּראָפעצייהע
און זאָג זיי צו די הירטען: אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער אַלמעכטי־
גער — וועה צו די הירטען פון ישראל, וועלכע האָבען זיי געפיטערט!
די שעפּסען פיטערען דאָך די הירטען!
3 דאָס פעטס עסט איהר אויף, פון דעם וואָל מאַכט איהר זיך קליידער,
די געזונדע קוילעט איהר — איהר פיטערט ניט די שעפּסען!

4 תִּלְבָּשׁוּ הַבְּרִיאָה תִּזְבָּחוּ הַצֹּאן לֹא תִרְעוּ׃ אֶת־הַנַּחְלוֹת
לֹא חִזַּקְתֶּם וְאֶת־הַחוֹלָה לֹא־רִפֵּאתֶם וְלַנִּשְׁבֶּרֶת לֹא
חֲבַשְׁתֶּם וְאֶת־הַנִּדַּחַת לֹא הֲשֵׁבֹתֶם וְאֶת־הָאֹבֶדֶת לֹא
ה בִקַּשְׁתֶּם וּבְחָזְקָה רְדִיתֶם אֹתָם וּבְפָרֶךְ׃ וַתְּפוּצֶינָה מִבְּלִי
רֹעֶה וַתִּהְיֶינָה לְאָכְלָה לְכָל־חַיַּת הַשָּׂדֶה וַתְּפוּצֶינָה׃
6 יִשְׁגּוּ צֹאנִי בְּכָל־הֶהָרִים וְעַל כָּל־גִּבְעָה רָמָה וְעַל כָּל־
7 פְּנֵי הָאָרֶץ נָפֹצוּ צֹאנִי וְאֵין דּוֹרֵשׁ וְאֵין מְבַקֵּשׁ׃ לָכֵן
8 רֹעִים שִׁמְעוּ אֶת־דְּבַר יְהוָה׃ חַי־אָנִי נְאֻם ׀ אֲדֹנָי יֱהוִה
אִם־לֹא יַעַן הֱיוֹת־צֹאנִי ׀ לָבַז וַתִּהְיֶינָה צֹאנִי לְאָכְלָה לְכָל־
חַיַּת הַשָּׂדֶה מֵאֵין רֹעֶה וְלֹא־דָרְשׁוּ רֹעַי אֶת־צֹאנִי וַיִּרְעוּ
9 הָרֹעִים אוֹתָם וְאֶת־צֹאנִי לֹא רָעוּ׃ לָכֵן הָרֹעִים שִׁמְעוּ
י דְּבַר־יְהוָה׃ כֹּה־אָמַר אֲדֹנָי יֱהוִה הִנְנִי אֶל־הָרֹעִים
וְדָרַשְׁתִּי אֶת־צֹאנִי מִיָּדָם וְהִשְׁבַּתִּים מֵרְעוֹת צֹאן וְלֹא־
יִרְעוּ עוֹד הָרֹעִים אֹתָם וְהִצַּלְתִּי צֹאנִי מִפִּיהֶם וְלֹא־תִהְיֶיןָ
11 לָהֶם לְאָכְלָה׃ כִּי כֹּה אָמַר אֲדֹנָי יֱהוִה הִנְנִי־אָנִי
12 וְדָרַשְׁתִּי אֶת־צֹאנִי וּבִקַּרְתִּים׃ כְּבַקָּרַת רֹעֶה עֶדְרוֹ בְּיוֹם
הֱיוֹתוֹ בְתוֹךְ־צֹאנוֹ נִפְרָשׁוֹת כֵּן אֲבַקֵּר אֶת־צֹאנִי וְהִצַּלְתִּי
אֶתְהֶם מִכָּל־הַמְּקוֹמֹת אֲשֶׁר נָפֹצוּ שָׁם בְּיוֹם עָנָן וַעֲרָפֶל׃
13 וְהוֹצֵאתִים מִן־הָעַמִּים וְקִבַּצְתִּים מִן־הָאֲרָצוֹת וַהֲבִיאוֹתִים
אֶל־אַדְמָתָם וּרְעִיתִים אֶל־הָרֵי יִשְׂרָאֵל בָּאֲפִיקִים וּבְכֹל
14 מוֹשְׁבֵי הָאָרֶץ׃ בְּמִרְעֶה־טּוֹב אֶרְעֶה אֹתָם וּבְהָרֵי מְרוֹם־
יִשְׂרָאֵל יִהְיֶה נְוֵהֶם שָׁם תִּרְבַּצְנָה בְּנָוֶה טּוֹב וּמִרְעֶה שָׁמֵן
טו תִּרְעֶינָה אֶל־הָרֵי יִשְׂרָאֵל׃ אֲנִי אֶרְעֶה צֹאנִי וַאֲנִי אַרְבִּיצֵם
16 נְאֻם אֲדֹנָי יֱהוִה׃ אֶת־הָאֹבֶדֶת אֲבַקֵּשׁ וְאֶת־הַנִּדַּחַת אָשִׁיב
וְלַנִּשְׁבֶּרֶת אֶחֱבֹשׁ וְאֶת־הַחוֹלָה אֲחַזֵּק וְאֶת־הַשְּׁמֵנָה וְאֶת־
17 הַחֲזָקָה אַשְׁמִיד אֶרְעֶנָּה בְמִשְׁפָּט׃ וְאַתֵּנָה צֹאנִי כֹּה אָמַר
אֲדֹנָי יֱהוִה הִנְנִי שֹׁפֵט בֵּין־שֶׂה לָשֶׂה לָאֵילִים וְלָעַתּוּדִים׃

המעט

v. 3. קמץ בז״ק

4 די שוואכע האָט איהר ניט געשטאַרקט, די קראַנקע האָט איהר ניט גע־
היילט, די פערוואונדעטע האָט איהר ניט פערבונדען, די פערפאַלענע
האָט איהר ניט צוריקגעבראַכט און פערלאָרען געגאַנגענע האָט איהר
ניט געזוכט; איהר האָט איבער זיי געהערשט מיט מאַכט און שווערע
אַרבייט.
5 ביז זיי זיינען צושפּרייט געוואָרען ניט האָבענדיג קיין הירט, און ווערענ־
דיג צושפּרייט זיינען זיי געוואָרען אַלס שפּייז צו אַלע פעלדטהיערען.
6 זיי וואַנדערען אַרום מיינע שעפסען איבער אַלע בערג, אויף אַלע הויכע
היגלען און איבער׳ן גאַנצען לאַנד — קיינעם אינטערעסירט דאָס ניט
און קיינער זוכט זיי ניט.
7 דערפאַר הערט, איהר הירטען, גאָט׳ס וואָרט!
8 ביי מיין לעבען! — זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער — אויב ניט וויל
מיינע שעפסען זיינען געוואָרען צו רויב און מיינע שעפסען זיינען גע־
וואָרען אַלס שפּייז פאַר אַלע פעלד־טהיערען, ניט האָבענדיג קיין הירט;
דאָך האָבען מיינע הירטען ניט געזוכט מיינע שעפסען — זיך זעלבסט
האָבען די הירטען געפיטערט און מיינע שעפסען האָבען זיי ניט געפי־
טערט.
9 דערפאַר, איהר הירטען, הערט גאָט׳ס וואָרט!
10 אַזוי זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער: איך וועל זיך נעהמען צו די היר־
טען; איך וועל אויפמאָהנען מיינע שעפסען פון זייערע הענד, איך
וועל זיי אָבשאַפען פון זיין הירטען און זיי וועלען זאָגאַר זיך זעלבסט
ניט פיטערען, אויך מיינע שעפסען וועל איך רעטען פון זייער מויל, אַז
זיי זאָלען מעהר ניט זיין אַלס שפּייז פאַר זיי.
11 וואָרום אַזוי זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער: איך זעלבסט וועל זיך
נעהמען דערצו אויפמאָהנען מיינע שעפסען און אונטערזוכען זיי.
12 אַזוי ווי אַ הירט אונטערזוכט זיין הערדע ווען ער איז צווישען זיינע
צושפּרייטע שעפסען, אַזוי וועל איך אויך אונטערזוכען מיינע שעפסען
און וועל זיי רעטען פון אַלע ערטער וואוהין זיי זיינען צושפּרייט גע־
וואָרען אינ׳ם טאָג פון וואָלקען און נעבעל.
13 איך וועל זיי אַרויסנעהמען פון די פעלקער און פערזאַמלען פון די לענ־
דער, איך וועל זיי ברענגען אויף זייער לאַנד און וועל זיי פיטערען אויף
די בערג פון ישראל, נעבען וואַסער־קוואַלען און אין אַלע בעוואָהנטע
ערטער פונ׳ם לאַנד.
14 אויף אַ גוטען ווייד פּלאַץ וועל איך זיי פיטערען און אויף די העכסטע
בערג פון ישראל וועט זייער וואָהנונג זיין, דאָרט וועלען זיי ליעגען אין
אַ גוטען וואָהנונג און וועלען זיך פיטערען אויף די בערג פון ישראל, אויף
אַ פעטען פיטער פּלאַץ.
15 איך זעלבסט וועל מיינע שעפסען פיטערען און איך זעלבסט וועל זיי
אַ געלעגער געבען — זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער.
16 די פערלאָרען־געגאַנגענע וועל איך אויפזוכען און די פערפאַלענע וועל
איך צוריק ברענגען; די צובראָכענע וועל איך איינבינדען און די קראַנ־
קע וועל איך שטאַרק מאַכען. די פעטע און די שטאַרקע וועל איך פער־
טיליגען; איך וועל עס פיטערען ווי עס דאַרף זיין.
17 און איהר מיינע שעפסען — אַזוי זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער — איך
זעלבסט וועל אורטהיילען צווישען איין שעפס און די צווייטע, צווישען
ווידערים און בעק.

18 הַמְעַט מִכֶּם הַמִּרְעֶה הַטּוֹב תִּרְעוּ וְיֶתֶר מִרְעֵיכֶם תִּרְמְסוּ
בְּרַגְלֵיכֶם וּמִשְׁקַע־מַיִם תִּשְׁתּוּ וְאֵת הַנּוֹתָרִים בְּרַגְלֵיכֶם
19 תִּרְפֹּשׂוּן׃ וְצֹאנִי מִרְמַס רַגְלֵיכֶם תִּרְעֶינָה וּמִרְפַּשׂ רַגְלֵיכֶם
כ תִּשְׁתֶּינָה׃ לָכֵן כֹּה אָמַר אֲדֹנָי יֱהוִה אֲלֵיהֶם הִנְנִי־
21 אָנִי וְשָׁפַטְתִּי בֵּין־שֶׂה בִרְיָה וּבֵין שֶׂה רָזָה׃ יַעַן בְּצַד
וּבְכָתֵף תֶּהְדֹּפוּ וּבְקַרְנֵיכֶם תְּנַגְּחוּ כָּל־הַנַּחְלוֹת עַד אֲשֶׁר
22 הֲפִיצוֹתֶם אוֹתָנָה אֶל־הַחוּצָה׃ וְהוֹשַׁעְתִּי לְצֹאנִי וְלֹא־
23 תִהְיֶינָה עוֹד לָבַז וְשָׁפַטְתִּי בֵּין שֶׂה לָשֶׂה׃ וַהֲקִמֹתִי עֲלֵיהֶם
רֹעֶה אֶחָד וְרָעָה אֶתְהֶן אֵת עַבְדִּי דָוִיד הוּא יִרְעֶה אֹתָם
24 וְהוּא־יִהְיֶה לָהֶן לְרֹעֶה׃ וַאֲנִי יְהוָה אֶהְיֶה לָהֶם לֵאלֹהִים
כה וְעַבְדִּי דָוִד נָשִׂיא בְתוֹכָם אֲנִי יְהוָה דִּבַּרְתִּי׃ וְכָרַתִּי לָהֶם
בְּרִית שָׁלוֹם וְהִשְׁבַּתִּי חַיָּה־רָעָה מִן־הָאָרֶץ וְיָשְׁבוּ בַמִּדְבָּר
26 לָבֶטַח וְיָשְׁנוּ בַּיְּעוֹרִים׃ וְנָתַתִּי אוֹתָם וּסְבִיבוֹת גִּבְעָתִי
27 בְּרָכָה וְהוֹרַדְתִּי הַגֶּשֶׁם בְּעִתּוֹ גִּשְׁמֵי בְרָכָה יִהְיוּ׃ וְנָתַן
עֵץ הַשָּׂדֶה אֶת־פִּרְיוֹ וְהָאָרֶץ תִּתֵּן יְבוּלָהּ וְהָיוּ עַל־אַדְמָתָם
לָבֶטַח וְיָדְעוּ כִּי־אֲנִי יְהוָה בְּשִׁבְרִי אֶת־מֹטוֹת עֻלָּם
28 וְהִצַּלְתִּים מִיַּד הָעֹבְדִים בָּהֶם׃ וְלֹא־יִהְיוּ עוֹד בַּז לַגּוֹיִם
וְחַיַּת הָאָרֶץ לֹא תֹאכְלֵם וְיָשְׁבוּ לָבֶטַח וְאֵין מַחֲרִיד׃
29 וַהֲקִמֹתִי לָהֶם מַטָּע לְשֵׁם וְלֹא־יִהְיוּ עוֹד אֲסֻפֵי רָעָב
ל בָּאָרֶץ וְלֹא־יִשְׂאוּ עוֹד כְּלִמַּת הַגּוֹיִם׃ וְיָדְעוּ כִּי אֲנִי יְהוָה
אֱלֹהֵיהֶם אִתָּם וְהֵמָּה עַמִּי בֵּית יִשְׂרָאֵל נְאֻם אֲדֹנָי יֱהוִה׃
31 וְאַתֵּן צֹאנִי צֹאן מַרְעִיתִי אָדָם אַתֶּם אֲנִי אֱלֹהֵיכֶם נְאֻם
אֲדֹנָי יֱהוִה׃

לה CAP XXXV. לה

2 א וַיְהִי דְבַר־יְהוָה אֵלַי לֵאמֹר׃ בֶּן־אָדָם שִׂים פָּנֶיךָ עַל־הַר
3 שֵׂעִיר וְהִנָּבֵא עָלָיו׃ וְאָמַרְתָּ לּוֹ כֹּה אָמַר אֲדֹנָי יֱהוִה
הִנְנִי אֵלֶיךָ הַר־שֵׂעִיר וְנָטִיתִי יָדִי עָלֶיךָ וּנְתַתִּיךָ שְׁמָמָה

ומשמה

לד v. 25. בישרים קרי

18 איז דאָס נאָך ווייניג פאַר אייך ? דעם גוטען פיטער פלאַץ פיטערט איהר
אויס, און די איבעריגע פיטער פלעצער צוטרעט איהר מיט די פיס,
איהר טרינקט די אָבגעשטאַנענע וואסער, און די איבעריגע מאַכט איהר
שמוציג מיט אייערע פיס.
19 און מיינע שעפּסען דאַרפען זיך פיטערען וואו איהר האָט מיט אייערע פיס
געטראָטען און וואו איהר האָט שמוציג געמאַכט מיט אייערע פיס דאַר־
פען זיי טרינקען.
20 דערפאַר — אַזוי זאָגט צו זיי גאָט דער אַלמעכטיגער — וועל איך זעלבסט
זיך נעהמען און וועל אורטהיילען צווישען אַ פעטען שעפּס און מאָגערען
שעפּס.
21 ווייל איהר שטופּט מיט'ן זייט און שולטער און מיט אייערע הערנער
שטעכט איהר אַלע שוואַכע ביז איהר האָט זיי אַרויסגעשטויסען ;
22 איך וועל אָבער העלפען מיינע שעפּסען אַז זיי זאָלען מעהר ניט ווערען
צו רויב ; איך זעלבסט וועל אורטהיילען צווישען איין שעפּס און די
צווייטע.
23 איך וועל אויף זיי אַנשטעלען איין הירט און ער וועט זיי פיטערען —
מיין קנעכט דוד ; ער וועט זיי פיטערען און ער וועט זייער הירט זיין.
24 איך, עוויגער, וועל זייער גאָט זיין, און מיין קנעכט דוד וועט זייער פירשט
זיין ; איך, גאָט, האָב דאָס גערעדט.
25 איך וועל מיט זיי שליעסען אַ פריעדליכען בונד און וועל אויסראָטהען
שלעכטע טהיערען פונ'ם לאַנד, דאַן וועלען זיי וואָהנען זיכער אינ'ם
מדבר און שלאָפען רוהיג אין די וועלדער.
26 איך וועל מיין ברכה געבען צו זיי און רונד אַרום מיין באַרג, איך וועל
לאָזען געהן רעגען אין דער צייט ; אַז עס זאָל זיין אַ זעגענרייכער רעגען.
27 דער פעלד־בוים וועט פרוכט געבען און די ערד וועט איהרע געוויקסע
אַרויסגעבען אום זיי זאָלען זיין זיכער אין זייער לאַנד ; דאַן וועלען זיי
אַנערקענען אַז איך בין גאָט, ווען איך וועל צוברעכען די שטאַנגען פון
זייער יאָך און וועל זיי רעטען פון די הענד פון די וואָס אַרבייטען מיט
זיי.
28 זיי וועלען מעהר ניט זיין צו שאַנדע אונטער די פעלקער, אויך די טהיע־
רען פון לאַנד וועלען זיי ניט פערצעהרען ; זיי וועלען וואָהנען רוהיג
און קיינער וועט זיי בעאונרוהיגען.
29 איך וועל זיי אַוועקשטעלען אַלס אויסגעצייכענטע פלאַנצונג, עס וועלען
מעהר ניט זיין אינ'ם לאַנד פון הונגער אומגעקומענע און זיי וועלען מעהר
ניט טראָגען שאַנדע פון די פעלקער.
30 זיי וועלען פיהלען אַז איך, עוויגער, זייער גאָט, בין מיט זיי, און זיי
דאָס הויז ישראל זיינען מיין פאָלק — זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער.
31 און איהר מענשען זייט מיינע שעפּסען, מיינע געפיטערטע שעפּסען זייט
איהר, איך בין אייער גאָט ! — זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער.

קאַפּיטעל לה

1 און גאָט'ס וואָרט איז געווען צו מיר אַזוי צו זאָגען :
2 מענשענקינד ! ווענד דיין געזיכט צום באַרג שעיר, פּראָפעצייהע אויף
איהם.
3 און זאָג צו איהם : אַזוי זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער — איך וועל זיך
נעהמען צו דיר, באַרג שעיר ! איך וועל אויסציהען מיין האַנד אויף דיר
4 און וועל דיר מאַכען וויסט און לעדיג.

4 וּמְשַׁמָּה׃ עָרֶיךָ חָרְבָּה אָשִׂים וְאַתָּה שְׁמָמָה תִהְיֶה וְיָדַעְתָּ
ה כִּי־אֲנִי יְהוָה׃ יַעַן הֱיוֹת לְךָ אֵיבַת עוֹלָם וַתַּגֵּר אֶת־בְּנֵי־
6 יִשְׂרָאֵל עַל־יְדֵי־חָרֶב בְּעֵת אֵידָם בְּעֵת עֲוֺן קֵץ׃ לָכֵן חַי־
אָנִי נְאֻם אֲדֹנָי יֱהֹוִה כִּי־לְדָם אֶעֶשְׂךָ וְדָם יִרְדֲּפֶךָ אִם־לֹא
7 דָם שָׂנֵאתָ וְדָם יִרְדֲּפֶךָ׃ וְנָתַתִּי אֶת־הַר שֵׂעִיר לְשִׁמְמָה
8 וּשְׁמָמָה וְהִכְרַתִּי מִמֶּנּוּ עֹבֵר וָשָׁב׃ וּמִלֵּאתִי אֶת־הָרָיו
חֲלָלָיו גִּבְעוֹתֶיךָ וְגֵאוֹתֶיךָ וְכָל־אֲפִיקֶיךָ חַלְלֵי־חֶרֶב יִפְּלוּ
9 בָהֶם׃ שִׁמְמוֹת עוֹלָם אֶתֶּנְךָ וְעָרֶיךָ לֹא תִשֹׁבְנָה וִידַעְתֶּם
י כִּי־אֲנִי יְהוָה׃ יַעַן אֲמָרְךָ אֶת־שְׁנֵי הַגּוֹיִם וְאֶת־שְׁתֵּי
11 הָאֲרָצוֹת לִי תִהְיֶינָה וִירַשְׁנוּהָ וַיהוָה שָׁם הָיָה׃ לָכֵן חַי־אָנִי
נְאֻם אֲדֹנָי יֱהֹוִה וְעָשִׂיתִי כְּאַפְּךָ וּכְקִנְאָתְךָ אֲשֶׁר עָשִׂיתָה
12 מִשִּׂנְאָתֶיךָ בָּם וְנוֹדַעְתִּי בָם כַּאֲשֶׁר אֶשְׁפְּטֶךָ׃ וְיָדַעְתָּ כִּי
אֲנִי יְהוָה שָׁמַעְתִּי ׀ אֶת־כָּל־נָאָצוֹתֶיךָ אֲשֶׁר אָמַרְתָּ עַל־
13 הָרֵי יִשְׂרָאֵל לֵאמֹר ׀ שָׁמֵמָה לָנוּ נִתְּנוּ לְאָכְלָה׃ וַתַּגְדִּילוּ
עָלַי בְּפִיכֶם וְהַעְתַּרְתֶּם עָלַי דִּבְרֵיכֶם אֲנִי שָׁמָעְתִּי׃
14 כֹּה אָמַר אֲדֹנָי יֱהֹוִה כִּשְׂמֹחַ כָּל־הָאָרֶץ שְׁמָמָה אֶעֱשֶׂה־
טו לָּךְ׃ כְּשִׂמְחָתְךָ לְנַחֲלַת בֵּית־יִשְׂרָאֵל עַל אֲשֶׁר־שָׁמֵמָה
כֵּן אֶעֱשֶׂה־לָּךְ שְׁמָמָה תִהְיֶה הַר־שֵׂעִיר וְכָל־אֱדוֹם כֻּלָּהּ
וְיָדְעוּ כִּי־אֲנִי יְהוָה׃

לו CAP. XXXVI. לו

א וְאַתָּה בֶן־אָדָם הִנָּבֵא אֶל־הָרֵי יִשְׂרָאֵל וְאָמַרְתָּ הָרֵי יִשְׂרָאֵל
2 שִׁמְעוּ דְּבַר־יְהוָה׃ כֹּה אָמַר אֲדֹנָי יֱהֹוִה יַעַן אָמַר הָאוֹיֵב
3 עֲלֵיכֶם הֶאָח וּבָמוֹת עוֹלָם לְמוֹרָשָׁה הָיְתָה לָּנוּ׃ לָכֵן
הִנָּבֵא וְאָמַרְתָּ כֹּה אָמַר אֲדֹנָי יֱהֹוִה יַעַן בְּיַעַן שַׁמּוֹת וְשָׁאֹף
אֶתְכֶם מִסָּבִיב לִהְיוֹתְכֶם מוֹרָשָׁה לִשְׁאֵרִית הַגּוֹיִם וַתַּעֲלוּ
4 עַל־שְׂפַת לָשׁוֹן וְדִבַּת־עָם׃ לָכֵן הָרֵי יִשְׂרָאֵל שִׁמְעוּ
דְּבַר־אֲדֹנָי יֱהֹוִה כֹּה־אָמַר אֲדֹנָי יֱהֹוִה לֶהָרִים וְלַגְּבָעוֹת

לאפיקים

ל״ה v. 9. תשובנה קרי v. 12. שממו קרי

4 דיינע שטעדט וועל איך מאַכען וויסט, און דו אַליין וועסט אויך פּערוויסט ווערען ; אום דו זאָלסט וויסען אַז איך בין גאָט.

5 ווייל דו האָסט געהאַט אַ אייביגע פיינדשאַפט און האָסט געמאַכט רינען (דאָס בלוט פון) די קינדער ישראל מיט'ן שווערד אין'ם טאָג פון זייער אונגליק, אין דער צייט פון לעצטען זינד ;

6 דערפאַר, ביי מיין לעבען — זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער — אַז איך וועל דיר אַלס בלוטשולדיגען שטראָפען און בלוט וועט דיר פערפאָלגען ; ווייל דו האָסט קיין בלוט פערגיעסונג געהאַסט וועט דיר בלוט פערפאָל־גען.

7 אויך דעם באַרג שעיר וועל איך מאַכען וויסט און לעדיג און וועל פערניכ־טען פון איהם דורכגעהער.

8 זיינע בערג וועל איך פול מאַכען מיט ערשלאַגענע, דיינע הויכע בערג דיינע טהאַלען און אַלע דיינע וואַסערקוואַלען, שווערד־ערשלאַגענע וועלען דאָרטען ליעגען.

9 איך וועל דיר מאַכען אַ אייביגע פערוויסטונג אַז דיינע שטעדט זאָלען ניט בעזעצט ווערען, אום איהר זאָלט אַנערקענען אַז איך בין גאָט.

10 ווייל דו האָסט געזאָגט : „די צוויי פעלקער און די צוויי לענדער וועלען מיינע זיין, מיר וועלען בעזיצען דעם אָרט וואו גאָט איז געווען" !

11 דערפאַר, ביי מיין לעבען — זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער — איך וועל דיר טהאָן לויט דיין צאָרן און אייפער וואָס דו האָסט געטהאָן האַסענ־דיג זיי ; איך וועל דורך דיר בעוואוסט ווערען ווען איך וועל דיר פער־אורטהיילען.

12 דאַן וועסטו וויסען אַז איך גאָט האָב געהערט אַלע דיינע זידלערייען וואָס דו האָסט געזאָגט, וועגען די בערג פון ישראל, אַזוי צו זאָגען : „זיי זיינען פערוויסטעט, אונז איז עס אָבגעגעבען צו פערצעהרען".

13 וואָס איהר האָט וועגען מיר שטאָלץ גערעדט מיט אייער מויל, און פיעל וועגען מיר גערעדט — האָב איך געהערט.

14 אַזוי זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער : אַזוי ווי דאָס גאַנצע לאַנד האָט זיך געפרעהט, אַזוי וועל איך דיר (אין גאַנצען) וויסט מאַכען.

15 אַזוי ווי דו האָסט זיך געפרעהט איבער דעם בעזיץ פונ'ם הויז ישראל וועלכע איז פערוויסט געוואָרען, אַזוי וועל איך דיר טהאָן ; פערוויסטעט וועסטו ווערען באַרג שעיר און גאַנץ אדום — דאַן וועלען זיי אַנערקענען אַז איך בין גאָט.

קאַפּיטעל לו

1 און דו מענשענקינד, פּראָפעצייהע אויף די בערג פון ישראל און זאָג : בערג פון ישראל, הערט אויס גאָט'ס רייד.

2 אַזוי זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער : ווייל דער פיינד האָט וועגען אייך געזאָגט : „טריאומף ! די אוראַלטע בערג זיינען יעצט אַלס אונזער בעזיץ געוואָרען !"

3 דערפאַר, פּראָפעצייהע און זאָג : אַזוי זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער — ווייל מען פערוויסטעט אייך און פערשלינגט פון אַלע זייטען, אום איהר זאָלט אַ בעזיץ זיין פאַר די איבעריגע פעלקער, מען האָט אייך געטראָגען אויף אַלע צינגער און בערײדערייען פון פאָלק.

4 דערפאַר, בערג פון ישראל, הערט דאָס וואָרט פון גאָט דעם אַלמעכטי־גען ! אַזוי זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער צו די בערג און בערגלאַך, זומ־

לָאֲפִיקִים וְלַגֵּאָיוֹת וְלֶחֳרָבוֹת הַשֹּׁמְמוֹת וְלֶעָרִים הַנֶּעֱזָבוֹת
ה אֲשֶׁר הָיוּ לְבַז וּלְלַעַג לִשְׁאֵרִית הַגּוֹיִם אֲשֶׁר מִסָּבִיב׃ לָכֵן
כֹּה־אָמַר אֲדֹנָי יֱהוִה אִם־לֹא בְּאֵשׁ קִנְאָתִי דִבַּרְתִּי עַל־
שְׁאֵרִית הַגּוֹיִם וְעַל־אֱדוֹם כֻּלָּא אֲשֶׁר נָתְנוּ־אֶת־אַרְצִי ׀
לָהֶם לְמוֹרָשָׁה בְּשִׂמְחַת כָּל־לֵבָב בִּשְׁאָט נֶפֶשׁ לְמַעַן
6 מִגְרָשָׁהּ לָבַז׃ לָכֵן הִנָּבֵא עַל־אַדְמַת יִשְׂרָאֵל וְאָמַרְתָּ
לֶהָרִים וְלַגְּבָעוֹת לָאֲפִיקִים וְלַגֵּאָיוֹת כֹּה־אָמַר ׀ אֲדֹנָי יֱהוִה
הִנְנִי בְקִנְאָתִי וּבַחֲמָתִי דִּבַּרְתִּי יַעַן כְּלִמַּת גּוֹיִם נְשָׂאתֶם׃
7 לָכֵן כֹּה אָמַר אֲדֹנָי יֱהוִה אֲנִי נָשָׂאתִי אֶת־יָדִי אִם־
8 לֹא הַגּוֹיִם אֲשֶׁר־לָכֶם מִסָּבִיב הֵמָּה כְּלִמָּתָם יִשָּׂאוּ׃ וְאַתֶּם
הָרֵי יִשְׂרָאֵל עַנְפְּכֶם תִּתֵּנוּ וּפֶרְיְכֶם תִּשְׂאוּ לְעַמִּי יִשְׂרָאֵל
9 כִּי קֵרְבוּ לָבוֹא׃ כִּי הִנְנִי אֲלֵיכֶם וּפָנִיתִי אֲלֵיכֶם וְנֶעֱבַדְתֶּם
י וְנִזְרַעְתֶּם׃ וְהִרְבֵּיתִי עֲלֵיכֶם אָדָם כָּל־בֵּית יִשְׂרָאֵל כֻּלֹּה
11 וְנֹשְׁבוּ הֶעָרִים וְהֶחֳרָבוֹת תִּבָּנֶינָה׃ וְהִרְבֵּיתִי עֲלֵיכֶם אָדָם
וּבְהֵמָה וְרָבוּ וּפָרוּ וְהוֹשַׁבְתִּי אֶתְכֶם כְּקַדְמוֹתֵיכֶם וְהֵטִבֹתִי
12 מֵרִאשֹׁתֵיכֶם וִידַעְתֶּם כִּי־אֲנִי יְהוָה׃ וְהוֹלַכְתִּי עֲלֵיכֶם
אָדָם אֶת־עַמִּי יִשְׂרָאֵל וִירֵשׁוּךָ וְהָיִיתָ לָהֶם לְנַחֲלָה וְלֹא־
13 תוֹסִף עוֹד לְשַׁכְּלָם׃ כֹּה אָמַר אֲדֹנָי יֱהוִה יַעַן אֹמְרִים
14 לָכֶם אֹכֶלֶת אָדָם אָתְּי וּמְשַׁכֶּלֶת גּוֹיַךְ הָיִית׃ לָכֵן אָדָם
לֹא־תֹאכְלִי עוֹד וְגוֹיַךְ לֹא תְכַשְּׁלִי־עוֹד נְאֻם אֲדֹנָי יֱהוִה׃
ט וְלֹא־אַשְׁמִיעַ אֵלַיִךְ עוֹד כְּלִמַּת הַגּוֹיִם וְחֶרְפַּת עַמִּים לֹא
תִשְׂאִי־עוֹד וְגוֹיַךְ לֹא־תַכְשִׁלִי עוֹד נְאֻם אֲדֹנָי יֱהוִה׃
16 17 וַיְהִי דְבַר־יְהוָה אֵלַי לֵאמֹר׃ בֶּן־אָדָם בֵּית יִשְׂרָאֵל
יֹשְׁבִים עַל־אַדְמָתָם וַיְטַמְּאוּ אוֹתָהּ בְּדַרְכָּם וּבַעֲלִילוֹתָם
18 כְּטֻמְאַת הַנִּדָּה הָיְתָה דַרְכָּם לְפָנָי׃ וָאֶשְׁפֹּךְ חֲמָתִי עֲלֵיהֶם
עַל־הַדָּם אֲשֶׁר־שָׁפְכוּ עַל־הָאָרֶץ וּבְגִלּוּלֵיהֶם טִמְּאוּהָ׃
19 וָאָפִיץ אֹתָם בַּגּוֹיִם וַיִּזָּרוּ בָּאֲרָצוֹת כְּדַרְכָּם וְכַעֲלִילוֹתָם

שפטתים

v. 5. כצ״ל   v. 13 את קרי   ibid. גויך קרי   v. 14 וגויך קרי
ibid. תשכלי קרי   v. 15. וגויך קרי   16. הפטרת פרשת פרה

פען און טהאָלען, צו די פערוויסטעטע רואינען און פערלאָזענע שטעדט,
וועלכע זיינען געוואָרען צו שאַנדע און צו שפּאָט צו אַלע איבעריגע
פעלקער פון אַרום.
5 דערפאַר — אַזוי זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער — אויב ניט מיט מיין
פייערדיגען צאָרן האָב איך גערעדט אויף די איבעריגע פעלקער און
אויף גאַנץ אדום, וועלכע האָבען זיך צוגענומען מיין לאַנד אַלס בעזיץ
מיט פרייד פון פולען הארצען און מיט אינערליכען האַס, אום איהרע
וויידע פלעצער אַוועקצונעהמען.
6 אַלזאָ פּראָפעצייהע וועגען דאָס לאַנד ישראל און זאָג צו די בערג און
בערגלאָך, צו די זומפּען און טהאָלען: אַזוי האָט גאָט דער אַלמעכטי־
גער געזאָגט — איך האָב גערעדט פון צאָרן און וואוטה וויל איהר האָט
געליטען שאַנדע פון די פעלקער.
7 דערפאַר — אַזוי זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער — איך האָב אויפגעהוי־
בען מיין האַנד, אויב ניט די פעלקער פון אַרום אייך זיי אַליין וועלען
שאַנדע ליידען.
8 און איהר, בערג פון ישראל! גיט אַרויס אייערע בּעצווייג־בוימער און
ברענגט פרוכט פאַר מיין פאָלק ישראל, וועלכע ערנעהנטערען זיך צו
קומען.
9 וואָרום איך בין גינסטיג צו אייך; איך וועל זיך ווענדען צו אייך וועט
איהר שוין בעארבייט ווערען און פערזעהעט ווערען.
10 איך וועל אייער בעפעלקערונג פערגרעסערען, דאָס גאַנצע הויז פון
ישראל, וועלען בעזעצט ווערען די שטעדט און די רואינען וועלען איבער־
געבויט ווערען.
11 איך וועל פערגרעסערען דעם צאָהל פון מענשען און פיה, זיי וועלען זיך
פערמעהרען און וואַקסען; איך וועל אייך בעזעצען ווי אין די אַלטע
צייטען און וועל צו אייך בעסער זיין אַלס פריהער, אום איהר זאָלט
וויסען אַז איך בין גאָט.
12 איך וועל אויף אייך ארויפפיהרען מענשען, ד. ה. מיין פאָלק ישראל,
זיי וועלען דיר בעזיצען און דו וועסט זייער אייגענטהום זיין, און
וועסט שוין זיי מעהר ניט פערטרייבען.
13 אַזוי זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער: וויל מען זאָגט אויף אייך: „איהר
זייט מענשענפרעסער, און דו ביזט אימער געגען דיין בעפעלקערונג".
14 דערפאַר וועסטו מעהר קיינע מענשען פערצעהרען און וועסט דיין
בעפעלקערונג מעהר ניט פערטרייבען — זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער.
15 איך וועל דיר מעהר ניט לאָזען הערען די בעליידיגונג פון פעלקער און
די שאַנדע פון נאַציאָנען וועסטו מעהר ניט ליידען, וואָרום דו וועסט
מעהר ניט פערטרייבען דיין בעפעלקערונג — זאָגט גאָט דער אַלמעכטי־
גער.
16 און גאָט'ס וואָרט איז געווען צו מיר אַזוי צו זאָגען:
17 מענשענקינד! דאָס הויז ישראל, וועלכע זיצען אויף זייער לאַנד, האָבען
איהר פעראונרייניגט מיט זייער אויפפיהרונג און מיט זייערע טהאַטען,
זייער אויפפיהרונג קעגען מיר איז אַזוי ווי די אונריינקייט פון אַ
אָבגעזונדערטע פרוי.
18 דערפאַר, האָב איך אויסגעגאָסען מיין וואוטה אויף זיי, איבער דאָס בלוט
וואָס זיי האָבען פערגאָסען אינ'ם לאַנד און פעראונרייניגט איהר מיט
זייערע געצען.
19 דאן האָב איך זיי צושפּרייט איבער די פעלקער ביז זיי זיינען פאַנאַנדער־
געוואָרפען געוואָרען אין פערשיעדענע לענדער — איך האָב זיי געאור־
טהיילט לויט זייער אויפפיהרונג און זייערע טהאַטען.

כ שְׂפָתַיִם׃ וַיָּבוֹא אֶל־הַגּוֹיִם אֲשֶׁר־בָּאוּ שָׁם וַיְחַלְּלוּ אֶת־
שֵׁם קָדְשִׁי בֶּאֱמֹר לָהֶם עַם־יְהוָה אֵלֶּה וּמֵאַרְצוֹ יָצָאוּ׃
21 וָאֶחְמֹל עַל־שֵׁם קָדְשִׁי אֲשֶׁר חִלְּלֻהוּ בֵּית יִשְׂרָאֵל בַּגּוֹיִם
22 אֲשֶׁר־בָּאוּ שָׁמָּה׃ לָכֵן אֱמֹר לְבֵית־יִשְׂרָאֵל כֹּה
אָמַר אֲדֹנָי יֱהוִה לֹא לְמַעַנְכֶם אֲנִי עֹשֶׂה בֵּית יִשְׂרָאֵל כִּי
אִם־לְשֵׁם־קָדְשִׁי אֲשֶׁר חִלַּלְתֶּם בַּגּוֹיִם אֲשֶׁר־בָּאתֶם שָׁם׃
23 וְקִדַּשְׁתִּי אֶת־שְׁמִי הַגָּדוֹל הַמְחֻלָּל בַּגּוֹיִם אֲשֶׁר חִלַּלְתֶּם
בְּתוֹכָם וְיָדְעוּ הַגּוֹיִם כִּי־אֲנִי יְהוָה נְאֻם אֲדֹנָי יֱהוִה בְּהִקָּדְשִׁי
24 בָכֶם לְעֵינֵיהֶם׃ וְלָקַחְתִּי אֶתְכֶם מִן־הַגּוֹיִם וְקִבַּצְתִּי אֶתְכֶם
כה מִכָּל־הָאֲרָצוֹת וְהֵבֵאתִי אֶתְכֶם אֶל־אַדְמַתְכֶם׃ וְזָרַקְתִּי
עֲלֵיכֶם מַיִם טְהוֹרִים וּטְהַרְתֶּם מִכֹּל טֻמְאוֹתֵיכֶם וּמִכָּל־
26 גִּלּוּלֵיכֶם אֲטַהֵר אֶתְכֶם׃ וְנָתַתִּי לָכֶם לֵב חָדָשׁ וְרוּחַ
חֲדָשָׁה אֶתֵּן בְּקִרְבְּכֶם וַהֲסִרֹתִי אֶת־לֵב הָאֶבֶן מִבְּשַׂרְכֶם
27 וְנָתַתִּי לָכֶם לֵב בָּשָׂר׃ וְאֶת־רוּחִי אֶתֵּן בְּקִרְבְּכֶם וְעָשִׂיתִי
28 אֵת אֲשֶׁר־בְּחֻקַּי תֵּלֵכוּ וּמִשְׁפָּטַי תִּשְׁמְרוּ וַעֲשִׂיתֶם׃ וִישַׁבְתֶּם
בָּאָרֶץ אֲשֶׁר נָתַתִּי לַאֲבֹתֵיכֶם וִהְיִיתֶם לִי לְעָם וְאָנֹכִי
29 אֶהְיֶה לָכֶם לֵאלֹהִים׃ וְהוֹשַׁעְתִּי אֶתְכֶם מִכֹּל טֻמְאוֹתֵיכֶם
וְקָרָאתִי אֶל־הַדָּגָן וְהִרְבֵּיתִי אֹתוֹ וְלֹא־אֶתֵּן עֲלֵיכֶם רָעָב׃
ל וְהִרְבֵּיתִי אֶת־פְּרִי הָעֵץ וּתְנוּבַת הַשָּׂדֶה לְמַעַן אֲשֶׁר לֹא־
31 תִקְחוּ עוֹד חֶרְפַּת רָעָב בַּגּוֹיִם׃ וּזְכַרְתֶּם אֶת־דַּרְכֵיכֶם
הָרָעִים וּמַעַלְלֵיכֶם אֲשֶׁר לֹא־טוֹבִים וּנְקֹטֹתֶם בִּפְנֵיכֶם עַל
32 עֲוֺנֹתֵיכֶם וְעַל־תּוֹעֲבוֹתֵיכֶם׃ לֹא לְמַעַנְכֶם אֲנִי־עֹשֶׂה נְאֻם
אֲדֹנָי יֱהוִה יִוָּדַע לָכֶם בּוֹשׁוּ וְהִכָּלְמוּ מִדַּרְכֵיכֶם בֵּית
33 יִשְׂרָאֵל׃ כֹּה אָמַר אֲדֹנָי יֱהוִה בְּיוֹם טַהֲרִי אֶתְכֶם מִכֹּל
34 עֲוֺנוֹתֵיכֶם וְהוֹשַׁבְתִּי אֶת־הֶעָרִים וְנִבְנוּ הֶחֳרָבוֹת׃ וְהָאָרֶץ
הַנְּשַׁמָּה תֵּעָבֵד תַּחַת אֲשֶׁר הָיְתָה שְׁמָמָה לְעֵינֵי כָּל־עוֹבֵר׃
לה וְאָמְרוּ הָאָרֶץ הַלֵּזוּ הַנְּשַׁמָּה הָיְתָה כְּגַן־עֵדֶן וְהֶעָרִים הֶחֳרֵבוֹת

והנשמות

v. 20. סבירין ויבואו v. 23. 25. כצ״ל v. 35. הר׳ בצירי

20 ווען זיי זיינען געקומען צו די פעלקער וואוהין זיי זיינען אַוועקגעגאַנגען
האָבען זיי פערשוועכט מיין הייליגען נאָמען דערמיט וואָס מען האָט צו
זיי געזאָגט : „דיעזע זיינען גאָט׳ס פאָלק וואָס זיינען פון זיין לאַנד
פערטריעבען“.
21 מיר האָט נאָר פערדראָסען מיין הייליגער נאָמען וועלכען דאָס הויז
ישראל האָט פערשוועכט צווישען די פעלקער וואוהין זיי זיינען געקומען.
22 דערפאר זאָג איך צו דאָס הויז ישראל : אַזוי זאָגט גאָט דער אַלמעכטי־
גער — ניט צוליעב אייך, הויז פון ישראל, טהו איך דאָס ; נאָר צוליעב
מיין הייליגען נאָמען, וועלכען איהר האָט פערשוועכט צווישען די פעל־
קער, וואוהין איהר זייט געקומען.
23 איך וועל הייליג האַלטען מיין גרויסען נאָמען, וועלכער איז פערשוועכט
געוואָרען צווישען די פעלקער, ווייל איהר האָט איהם פערשוועכט צווישען
זיי ; דאַמאָלס וועלען די פעלקער אַנערקענען אַז איך בין גאָט —
זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער — ווען איך וועל דורך אייך געהייליגט
ווערען פאר זייערע אויגען.
24 אייך וועל איך צוזאַמענגעהמען פון די פעלקער און פערזאַמלען אייך
פון אַלע לענדער און צוריקברענגען אייך אויף אייער לאַנד.
25 איך וועל אויף אייך שפריצען ריינע וואסער, אום איהר זאָלט ריין ווערען
אין גאַנצען פון אייער אונריינהייט, אויך פון אייערע פערשיעדענע
געצענדיענעריי וועל איך אייך רייניגען.
26 איך וועל אייך אריינגעבען אַ נייעס האַרץ, אויך אַ נייעס גייסט וועל
איך אריינגעבען אין אייך ; איך וועל אָבשאַפען פון אייער קערפער
דאָס פערשטיינערטע האַרץ און וועל אייך געבען אַ פיהלענדעס האַרץ.
27 אויך וועל איך אייך מיין גייסט אריינגעבען און וועל מאַכען אַז איהר
זאָלט געהען אין מיינע געזעצען, היטען און טהאָן מיינע רעכטע.
28 דאַן וועט איהר בלייבען זיצען אין דאָס לאַנד וועלכע איך האָב צו אייערע
עלטערען געגעבען ; אַז איהר וועט מיין פאָלק זיין וועל איך אייער גאָט
זיין.
29 איך וועל אייך ארויסהעלפען פון אלע אייערע אונריינהייטען, איך וועל
ארויסרופען דעם קאָרן און פערמעהרען איהם, איך וועל אויף אייך מעהר
קיין הונגער ברענגען.
30 איך וועל אויך פערמעהרען די פרוכט פון בוים און די פרוכט פון פעלד,
אום איהר זאָלט מעהר ניט האָבען הונגער שאַנדע זייענדיג צווישען די
פעלקער.
31 דאַמאָלס וועט איהר זיך דערמאָהנען אייער שלעכטען אויפיהרען זיך
און אייערע ניט גוטע טהאַטען, און איהר וועט זיך זעלבסט פאָרווירפע
מאַכען פאר אייערע זינד און אייערע גרוילטהאַטען.
32 זייט וויסען אַז ניט צוליעב אייך טהו איך דאָס — זאָגט גאָט דער
אַלמעכטיגער, שעהמט זיך און האָט שאַנדע פאר אייער אויפפיהרונג,
הויז פון ישראל !
33 אַזוי זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער : דאַן ווען איך וועל אייך רייניגען
פון אַלע אייערע זינד, ווען איך וועל בעזעצען די שטעדט און די רואינען
וועלען אָבגעבויט ווערען,
34 ווען דאָס וויסטע לאַנד וועט בעאַרבייט ווערען, אָנשטאָדט וואָס זי איז
געוועזן וויסט, ווי עס האָבען געזעהען אַלע פערבייגעהער —
35 וועט מען זאָגען : אָט דיעזע פערוויסטע לאַנד איז געוואָרען ווי דער
גאָרטען פון עדן, און די רואינערטע, פערוויסטע און צושטערטע שטעדט
זיינען ווי בעפעסטיגטע שטעדט בעזעצט.

וְהַנְּשַׁמּוֹת וְהַנֶּהֱרָסוֹת בְּצוּרוֹת יָשָׁבוּ׃ וְיָדְעוּ הַגּוֹיִם אֲשֶׁר 36
יִשָּׁאֲרוּ סְבִיבוֹתֵיכֶם כִּי ׀ אֲנִי יְהוָה בָּנִיתִי הַנֶּהֱרָסוֹת
נָטַעְתִּי הַנְּשַׁמָּה אֲנִי יְהוָה דִּבַּרְתִּי וְעָשִׂיתִי׃ כֹּה 37
אָמַר אֲדֹנָי יְהוִה עוֹד זֹאת אִדָּרֵשׁ לְבֵית־יִשְׂרָאֵל לַעֲשׂוֹת
לָהֶם אַרְבֶּה אֹתָם כַּצֹּאן אָדָם׃ כְּצֹאן קָדָשִׁים כְּצֹאן 38
יְרוּשָׁלִַם בְּמוֹעֲדֶיהָ כֵּן תִּהְיֶינָה הֶעָרִים הֶחֳרֵבוֹת מְלֵאוֹת
צֹאן אָדָם וְיָדְעוּ כִּי־אֲנִי יְהוָה׃

לז CAP. XXXVII. לז

הָיְתָה עָלַי יַד־יְהוָה וַיּוֹצִאֵנִי בְרוּחַ יְהוָה וַיְנִיחֵנִי בְּתוֹךְ א
הַבִּקְעָה וְהִיא מְלֵאָה עֲצָמוֹת׃ וְהֶעֱבִירַנִי עֲלֵיהֶם סָבִיב ׀ 2
סָבִיב וְהִנֵּה רַבּוֹת מְאֹד עַל־פְּנֵי הַבִּקְעָה וְהִנֵּה יְבֵשׁוֹת
מְאֹד׃ וַיֹּאמֶר אֵלַי בֶּן־אָדָם הֲתִחְיֶינָה הָעֲצָמוֹת הָאֵלֶּה 3
וָאֹמַר אֲדֹנָי יְהוִה אַתָּה יָדָעְתָּ׃ וַיֹּאמֶר אֵלַי הִנָּבֵא עַל־ 4
הָעֲצָמוֹת הָאֵלֶּה וְאָמַרְתָּ אֲלֵיהֶם הָעֲצָמוֹת הַיְבֵשׁוֹת שִׁמְעוּ
דְּבַר־יְהוָה׃ כֹּה אָמַר אֲדֹנָי יְהוִה לָעֲצָמוֹת הָאֵלֶּה ה
הִנֵּה אֲנִי מֵבִיא בָכֶם רוּחַ וִחְיִיתֶם׃ וְנָתַתִּי עֲלֵיכֶם גִּידִים 6
וְהַעֲלֵתִי עֲלֵיכֶם בָּשָׂר וְקָרַמְתִּי עֲלֵיכֶם עוֹר וְנָתַתִּי בָכֶם
רוּחַ וִחְיִיתֶם וִידַעְתֶּם כִּי־אֲנִי יְהוָה׃ וְנִבֵּאתִי כַּאֲשֶׁר צֻוֵּיתִי 7
וַיְהִי־קוֹל כְּהִנָּבְאִי וְהִנֵּה־רַעַשׁ וַתִּקְרְבוּ עֲצָמוֹת עֶצֶם אֶל־
עַצְמוֹ׃ וְרָאִיתִי וְהִנֵּה עֲלֵיהֶם גִּדִים וּבָשָׂר עָלָה וַיִּקְרַם 8
עֲלֵיהֶם עוֹר מִלְמָעְלָה וְרוּחַ אֵין בָּהֶם׃ וַיֹּאמֶר אֵלַי הִנָּבֵא 9
אֶל־הָרוּחַ הִנָּבֵא בֶן־אָדָם וְאָמַרְתָּ אֶל־הָרוּחַ כֹּה־אָמַר ׀
אֲדֹנָי יְהוִה מֵאַרְבַּע רוּחוֹת בֹּאִי הָרוּחַ וּפְחִי בַּהֲרוּגִים
הָאֵלֶּה וְיִחְיוּ׃ וְהִנַּבֵּאתִי כַּאֲשֶׁר צִוָּנִי וַתָּבוֹא בָהֶם הָרוּחַ י
וַיִּחְיוּ וַיַּעַמְדוּ עַל־רַגְלֵיהֶם חַיִל גָּדוֹל מְאֹד מְאֹד׃ וַיֹּאמֶר 11
אֵלַי בֶּן־אָדָם הָעֲצָמוֹת הָאֵלֶּה כָּל־בֵּית יִשְׂרָאֵל הֵמָּה הִנֵּה
אֹמְרִים יָבְשׁוּ עַצְמוֹתֵינוּ וְאָבְדָה תִקְוָתֵנוּ נִגְזַרְנוּ לָנוּ׃

לָכֵן

ל״ו v. 36. ע״כ לספרדים v. 37. הפטרה לשבת וחול המועד של פסח
והספרדים מתחילין היתה עלי [illegible] v. 38 ibid. עד כאן לאשכנזים

36 דאַן וועלען אנערקענען די פעלקער, וועלכע זיינען געבליעבן ארום אייך, אַז איך גאָט האָב אָבגעבויט די צושטערטע שטעדט און פערפלאַנצט דאָס פערוויסטעטע לאַנד — איך, גאָט, האָב גערעדט און געטהאָן !

37 אַזוי זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער : אָט וואָס נאָך איך וועל איינוויליגען צו טהאָן צו זיי, צו דאָס הויז פון ישראל : איך וועל זייערע מענשען פערמעהרען ווי שעפסען,

38 ווי הייליגע שעפסען, ווי די שעפסען וואָס מען האָט אין ירושלים גע־בראַכט אין די פייערטאָגען, אַזוי וועלען זיין די פערוויסטע שטעדט פול מיט מענשען־שעפסען ; דאַן וועלען זיי וויסען, אַז איך בין גאָט.

קאַפיטעל לז

1 אַמאָל איז אויף מיר געווען גאָט'ס מאַכט, עס האָט מיר ארויסגעטראָגען אַ שטאַרקער ווינד און האָט מיר אָוועקגעלעגט אין אַ טהאָל, וועלכע איז פול געווען מיט ביינער.

2 ער האָט מיר ארומגעפיהרט רונד־ארום, ערשט זיי זיינען זעהר פיעל אי־בער'ן גאַנצען טהאָל, און זיי זיינען זעהר טרוקען.

3 און ער האָט צו מיר געזאָגט : מענשענקינד ! וועלען דיעזע ביינער לעבעדיג ווערען ? האָב איך געענטפערט : „אַלמעכטיגער גאָט, נאָר דו ווייסט דאָס !"

4 האָט ער צו מיר געזאָגט : פּראָפעצייהע אויף דיעזע ביינער און זאָג צו זיי : איהר טרוקענע ביינער, הערט אויס גאָט'ס וואָרט !

5 אַזוי זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער צו דיעזע ביינער : איך וועל אַריינ־געבען אין אייך אַ לעבענס־גייסט און איהר וועט לעבעדיג ווערען !

6 איך וועל אויף אייך ארויפלעגען אָדערן און לאָזען וואַקסען אויף אייך פלייש, דאַן וועל איך בעציהען אויף אייך הויט און אַריינגעבען אין אייך אַ לעבענס־גייסט, אום איהר זאָלט לעבעדיג ווערען און וויסען אַז איך בין גאָט.

7 איך האָב פּראָפעצייהעט ווי איך בין בעפוילען געווען, פּראָפעצייהענדיג האָט זיך אַ שטימע דערהערט, נאָכדעם איז געוואָרען אַ שטורם און די ביינער האָבען זיך צוגערוקט איינער צום אַנדערן,

8 דאַן האָב איך געזעהען, אַז עס ווערט אויף זיי אָדערן און עס וואַקסט פלייש, אויך איז אויף זיי פערצויגען אַ הויט פון אויבען ; נאָר קיין לעבענס־גייסט איז אין זיי ניט געווען.

9 דאַן האָט ער צו מיר געזאָגט : פּראָפעצייהע צום לעבענס־גייסט, פּראָפעצייהע, מענשענקינד, און זאָג צום לעבענס־גייסט : אַזוי זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער — קום, לעבענס־גייסט, פון אַלע פיער זייטען, בלאָז אויף די ערשלאַגענע ביז זיי וועלען לעבעדיג ווערען !

10 איך האָב פּראָפעצייהעט ווי ער האָט מיר געהייסען, און דער לעבענס־גייסט איז אַריין אין זיי ; זיי זיינען לעבעדיג געוואָרען און געשטעלט זיך אויף זייערע פיס, זעהר אַ גרויסע אַרמעע.

11 און ער האָט צו מיר געזאָגט : מענשענקינד ! אָט דיעזע ביינער בע־דייטען דאָס גאַנצע הויז ישראל — זיי זאָגען אויך : אונזערע ביינער זיינען אויסגעטריקענט און אונזער האָפנונג איז פערלאָרען, מיר זיינען אונטערגעגאַנגען.

12 לָכֵן הִנָּבֵא וְאָמַרְתָּ אֲלֵיהֶם כֹּה־אָמַר אֲדֹנָי יֱהֹוִה הִנֵּה
אֲנִי פֹתֵחַ אֶת־קִבְרוֹתֵיכֶם וְהַעֲלֵיתִי אֶתְכֶם מִקִּבְרוֹתֵיכֶם
13 עַמִּי וְהֵבֵאתִי אֶתְכֶם אֶל־אַדְמַת יִשְׂרָאֵל׃ וִידַעְתֶּם כִּי־אֲנִי
יְהֹוָה בְּפִתְחִי אֶת־קִבְרוֹתֵיכֶם וּבְהַעֲלוֹתִי אֶתְכֶם
14 מִקִּבְרוֹתֵיכֶם עַמִּי׃ וְנָתַתִּי רוּחִי בָכֶם וִחְיִיתֶם וְהִנַּחְתִּי
אֶתְכֶם עַל־אַדְמַתְכֶם וִידַעְתֶּם כִּי אֲנִי יְהֹוָה דִּבַּרְתִּי וְעָשִׂיתִי
טו 16 נְאֻם־יְהֹוָה׃ • וַיְהִי דְבַר־יְהֹוָה אֵלַי לֵאמֹר׃ וְאַתָּה
בֶן־אָדָם קַח־לְךָ עֵץ אֶחָד וּכְתֹב עָלָיו לִיהוּדָה וְלִבְנֵי
יִשְׂרָאֵל חֲבֵרָו וּלְקַח עֵץ אֶחָד וּכְתוֹב עָלָיו לְיוֹסֵף עֵץ
17 אֶפְרַיִם וְכָל־בֵּית יִשְׂרָאֵל חֲבֵרָו׃ וְקָרַב אֹתָם אֶחָד אֶל־
18 אֶחָד לְךָ לְעֵץ אֶחָד וְהָיוּ לַאֲחָדִים בְּיָדֶךָ׃ וְכַאֲשֶׁר יֹאמְרוּ
אֵלֶיךָ בְּנֵי עַמְּךָ לֵאמֹר הֲלוֹא־תַגִּיד לָנוּ מָה־אֵלֶּה לָּךְ׃
19 דַּבֵּר אֲלֵהֶם כֹּה־אָמַר אֲדֹנָי יֱהֹוִה הִנֵּה אֲנִי לֹקֵחַ אֶת־עֵץ
יוֹסֵף אֲשֶׁר בְּיַד־אֶפְרַיִם וְשִׁבְטֵי יִשְׂרָאֵל חֲבֵרָו וְנָתַתִּי אוֹתָם
עָלָיו אֶת־עֵץ יְהוּדָה וַעֲשִׂיתִם לְעֵץ אֶחָד וְהָיוּ אֶחָד בְּיָדִי׃
כ 21 וְהָיוּ הָעֵצִים אֲשֶׁר תִּכְתֹּב עֲלֵיהֶם בְּיָדְךָ לְעֵינֵיהֶם׃ וְדַבֵּר
אֲלֵיהֶם כֹּה־אָמַר אֲדֹנָי יֱהֹוִה הִנֵּה אֲנִי לֹקֵחַ אֶת־בְּנֵי
יִשְׂרָאֵל מִבֵּין הַגּוֹיִם אֲשֶׁר הָלְכוּ־שָׁם וְקִבַּצְתִּי אֹתָם
22 מִסָּבִיב וְהֵבֵאתִי אוֹתָם אֶל־אַדְמָתָם׃ וְעָשִׂיתִי אֹתָם לְגוֹי
אֶחָד בָּאָרֶץ בְּהָרֵי יִשְׂרָאֵל וּמֶלֶךְ אֶחָד יִהְיֶה לְכֻלָּם לְמֶלֶךְ
וְלֹא יִהְיֶה־עוֹד לִשְׁנֵי גוֹיִם וְלֹא יֵחָצוּ עוֹד לִשְׁתֵּי מַמְלָכוֹת
23 עוֹד׃ וְלֹא יִטַּמְּאוּ עוֹד בְּגִלּוּלֵיהֶם וּבְשִׁקּוּצֵיהֶם וּבְכֹל
פִּשְׁעֵיהֶם וְהוֹשַׁעְתִּי אֹתָם מִכֹּל מוֹשְׁבֹתֵיהֶם אֲשֶׁר חָטְאוּ
בָהֶם וְטִהַרְתִּי אוֹתָם וְהָיוּ־לִי לְעָם וַאֲנִי אֶהְיֶה לָהֶם
24 לֵאלֹהִים׃ וְעַבְדִּי דָוִד מֶלֶךְ עֲלֵיהֶם וְרוֹעֶה אֶחָד יִהְיֶה
כה לְכֻלָּם וּבְמִשְׁפָּטַי יֵלֵכוּ וְחֻקּוֹתַי יִשְׁמְרוּ וְעָשׂוּ אוֹתָם׃ וְיָשְׁבוּ
עַל־הָאָרֶץ אֲשֶׁר נָתַתִּי לְעַבְדִּי לְיַעֲקֹב אֲשֶׁר יָשְׁבוּ־בָהּ
אבותיכם

v. 14. עד כאן v. 15. הפטרת ויגש v. 16. 19. חברו קי v. 22. יהיו קרי

12 דערפאר פראפעצייהע און זאג צו זיי: אזוי זאגט גאט דער אלמעכ־
טיגער — איך זעלבסט וועל עפענען אייערע גראבען, איך זעלבסט וועל
אייך, מיין פאלק ארויסנעהמען פון אייערע גראבען און וועל אייך ברענ־
גען צו דאס לאנד ישראל.
13 דאן וועט איהר אנערקענען אז איך בין גאט, ווען איך וועל עפענען
אייערע גראבען און וועל אייך, מיין פאלק, ארויסנעהמען פון אייערע
גראבען.
14 ווען איהר וועט לעבעדיג ווערען וועל איך מיין גייסט אריינגעבען אין
אייך און וועל אייך לאזען רוהיג זיצען אויף אייער לאנד, אום איהר זאלט
וויסען אז ווען איך, גאט, רייד איז עס געטהאן — זאגט גאט.
15 און גאט'ס ווארט איז געוועזן צו מיר אזוי צו זאגען:
16 און דו, מענשענקינד, נעהם זיך איין האלץ און שרייב אויף איהם:
„פאר יהודה און די קינדער ישראל זיינע פריינדע", דאן נעהם נאך א
האלץ און שרייב אויף איהם: „פאר יוסף, אפרים'ס שטאם און דאס
גאנצע הויז ישראל זיינע פריינדע";
17 און ברענג זיי נאהענט איינעם צום אנדערן ווי זיי וואלטען איין האלץ
געוועזן און זאלען זיי אין דיין האנד פעראייניגט ווערען ווי איין בוים.
18 אויב די קינדער פון דיין פאלק וועלען דיר פרעגען זאגענדיג: „קענסטו
אונז ניט ערקלעהרען וואס דאס בעדייט פאר אונז?"
19 זאלסטו זיי זאגען: אזוי זאגט גאט דער אלמעכטיגער — איך זעלבסט
וועל נעהמען דעם שטאם יוסף'ס, ד. ה. אפרים, אויך די שטאמען פון
ישראל זיינע פריינדע, און איך וועל זיי נאהענט מאכען צום שטאם
יהודה — איך וועל זיי מאכען ווי איין בוים, און זיי זעלבסט וועלען זיך
אין מיין האנד פעראייניגען.
20 זיי וועלען ווערען ווי די העלצער אויף וועלכע דו וועסט אין זייער געגענ־
ווארט מיט דיין האנד שרייבען.
21 אויך ערקלעהר זיי: אזוי זאגט גאט דער אלמעכטיגער — איך וועל
צוזאמענגעהמען די קינדער ישראל פון צווישען די פעלקער וואוהין זיי
זיינען אוועקגעגאנגען, איך וועל זיי פערזאמלען פון ארום און וועל זיי
ברענגען אויף זייער לאנד.
22 אינ'ם לאנד, אויף די בערג פון ישראל, וועל איך זיי מאכען פאר א פער־
אייניגטע פאלק און איין קעניג וועט איבער זיי רעגיערען; זיי וועלען
מעהר ניט זיין צוטהיילט אויף צוויי פעלקער און ניט צושפאלטען אויף
צוויי קעניגרייכען.
23 זיי וועלען זיך ניט מעהר פעראונרייניגען מיט זייערע געצען און גרויל־
טהאטען און אנדערע פערברעכענס, איך וועל זיי ארויסהעלפען פון אלע
זייערע וואוינונגען אין וועלכע זיי האבען געזינדיגט; איך זעלבסט וועל
זיי רייניגען — דאן אז זיי וועלען מ י י ן פאלק זיין וועל איך זיין
זייער גאט.
24 מיין קנעכט דוד וועט זייער קעניג זיין, ער וועט דער איינציגער הירט
זיין פאר זיי אלעמען; דאן וועלען זיי געהן לויט מיינע רעכטע, זיי
וועלען היטען און טהאן מיינע געזעצע.
25 זיי וועלען זיצען אויף דאס לאנד וועלכע איך האב געגעבען צו מיין
קנעכט, צו יעקב'ן, די, אויף וועלכע אייערע עלטערן זיינען געזעסען.

אֲבוֹתֵיכֶם וְיָשְׁבוּ עָלֶיהָ הֵמָּה וּבְנֵיהֶם וּבְנֵי בְנֵיהֶם עַד־
26 עוֹלָם וְדָוִד עַבְדִּי נָשִׂיא לָהֶם לְעוֹלָם׃ וְכָרַתִּי לָהֶם בְּרִית
שָׁלוֹם בְּרִית עוֹלָם יִהְיֶה אוֹתָם וּנְתַתִּים וְהִרְבֵּיתִי אוֹתָם
27 וְנָתַתִּי אֶת־מִקְדָּשִׁי בְּתוֹכָם לְעוֹלָם׃ וְהָיָה מִשְׁכָּנִי עֲלֵיהֶם
28 וְהָיִיתִי לָהֶם לֵאלֹהִים וְהֵמָּה יִהְיוּ־לִי לְעָם׃ וְיָדְעוּ הַגּוֹיִם
כִּי אֲנִי יְהוָה מְקַדֵּשׁ אֶת־יִשְׂרָאֵל בִּהְיוֹת מִקְדָּשִׁי בְּתוֹכָם
לְעוֹלָם׃ ׃

לח Cap. XXXVIII. לח

א 2 וַיְהִי דְבַר־יְהוָה אֵלַי לֵאמֹר׃ בֶּן־אָדָם שִׂים פָּנֶיךָ אֶל־גּוֹג
3 אֶרֶץ הַמָּגוֹג נְשִׂיא רֹאשׁ מֶשֶׁךְ וְתֻבָל וְהִנָּבֵא עָלָיו׃ וְאָמַרְתָּ
כֹּה אָמַר אֲדֹנָי יְהוִה הִנְנִי אֵלֶיךָ גּוֹג נְשִׂיא רֹאשׁ מֶשֶׁךְ
4 וְתֻבָל׃ וְשׁוֹבַבְתִּיךָ וְנָתַתִּי חַחִים בִּלְחָיֶיךָ וְהוֹצֵאתִי אוֹתְךָ
וְאֶת־כָּל־חֵילֶךָ סוּסִים וּפָרָשִׁים לְבֻשֵׁי מִכְלוֹל כֻּלָּם קָהָל
ה רָב צִנָּה וּמָגֵן תֹּפְשֵׂי חֲרָבוֹת כֻּלָּם׃ פָּרַס כּוּשׁ וּפוּט
6 אִתָּם כֻּלָּם מָגֵן וְכוֹבָע׃ גֹּמֶר וְכָל־אֲגַפֶּיהָ בֵּית תּוֹגַרְמָה
7 יַרְכְּתֵי צָפוֹן וְאֶת־כָּל־אֲגַפָּיו עַמִּים רַבִּים אִתָּךְ׃ הִכֹּן
וְהָכֵן לְךָ אַתָּה וְכָל־קְהָלֶךָ הַנִּקְהָלִים עָלֶיךָ וְהָיִיתָ לָהֶם
8 לְמִשְׁמָר׃ מִיָּמִים רַבִּים תִּפָּקֵד בְּאַחֲרִית הַשָּׁנִים תָּבוֹא ׀
אֶל־אֶרֶץ ׀ מְשׁוֹבֶבֶת מֵחֶרֶב מְקֻבֶּצֶת מֵעַמִּים רַבִּים עַל
הָרֵי יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר־הָיוּ לְחָרְבָּה תָּמִיד וְהִיא מֵעַמִּים
9 הוּצָאָה וְיָשְׁבוּ לָבֶטַח כֻּלָּם׃ וְעָלִיתָ כַּשֹּׁאָה תָבוֹא כֶּעָנָן
לְכַסּוֹת הָאָרֶץ תִּהְיֶה אַתָּה וְכָל־אֲגַפֶּיךָ וְעַמִּים רַבִּים אוֹתָךְ׃
י כֹּה אָמַר אֲדֹנָי יְהוִה וְהָיָה ׀ בַּיּוֹם הַהוּא יַעֲלוּ
11 דְבָרִים עַל־לְבָבֶךָ וְחָשַׁבְתָּ מַחֲשֶׁבֶת רָעָה׃ וְאָמַרְתָּ אֶעֱלֶה
עַל־אֶרֶץ פְּרָזוֹת אָבוֹא הַשֹּׁקְטִים יֹשְׁבֵי לָבֶטַח כֻּלָּם יֹשְׁבִים
12 בְּאֵין חוֹמָה וּבְרִיחַ וּדְלָתַיִם אֵין לָהֶם׃ לִשְׁלֹל שָׁלָל וְלָבֹז
בַּז לְהָשִׁיב יָדְךָ עַל־חֳרָבוֹת נוֹשָׁבֹת וְאֶל־עַם מְאֻסָּף מִגּוֹיִם

עשה

לח כד v. עד כאן

אויף איהר וועלען זיי זיצען זיי מיט זייערע קינדער און קינדס קינדער, אייביג לאַנג ; מיין קנעכט דוד וועט אימער זייער פירשט זיין.
26 איך וועל מיט זיי שליסען אַ פריעדענס־בונד און דאָס וועט זיין אַ אייביגער בונד מיט זיי ; איך וועל זיי פעסט מאַכען און פערמעהרען זיי, איך וועל אויף אימער מיין היילינגטהום ביי זיי האָבען.
27 מיין וואוינונג וועט זיין איבער זיי — איך וועל זייער גאָט זיין און זיי וועלען מיין פאָלק זיין.
28 דאַן וועלען די פעלקער אנערקענען אַז איך גאָט הייליג דאָס פאָלק ישראל, ווען מיין היילינגטהום וועט אימער זיין ביי זיי.

קאַפּיטעל לח

1 און גאָט'ס וואָרט איז געווען צו מיר אַזוי צו זאָגען :
2 מענשענקינד ! ווענדע דיין געזיכט צו גוג (דאָס לאַנד מגוג), דער הויפּט פירשט פון משך און תובל, פּראָפעצייהע אויף איהם,
3 און זאָג אַזוי זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער — איך וועל זיך נעהמען צו דיר גוג, הויפּט פירשט פון משך און תובל !
4 איך וועל דיר איינשטילען ; איך וועל ארויפטהאָן רינגען אויף דיינע באַקען און וועל דיר ארויספיהרען מיט דיין גאַנצע ארמעע, פערד און רייטער, אַלע שעהן געקליידעט, אַ גרויסע פערזאַמלונג פון פּאַנציר־ און שילדענטרעגער, אַלע שווערד־בעוואַפענטע.
5 פּרס, כוש און פוט זיינען מיט זיי, אַלע אויף פּאַנצירען און העלמס.
6 גמר מיט אַלע זיינע טרופּען, דאָס הויז תוגרמה, די צפון פּראָווינצען מיט אַלע זייערע טרופּען — פיעל פעלקער זיינען מיט דיר.
7 גרייט זיך צו און זיי פערטיג דו און אַלע דיינע טרופּען וועלכע האָבען זיך פערזאַמעלט מיט דיר, זיי פאַר זיי אַ וועכטער.
8 שוין פיעלע יאָהרען זינט דו מאַכסט זיך קריעגס־פערטיג און אין ערשט שפּעטערע יאָהרען דענקסטו צו קומען צו דאָס לאַנד וואָס קומט צו זיך נאָך אַ שווערד אנפאַל, (צו אַ פאָלק) וואָס איז צוזאַמענגעקליבען געוואָרען פון פיעלע פעלקער, ד. ה. אויף די בערג ישראל, וועלכע זיינען אימער וויסט געווען און דאָס פאָלק ישראל וועלכע איז ארויסגענומען געוואָרען פון פעלקער, און זיצען יעצט אַלע רוהיג,
9 אויף זיי ווילסטו אַרויפגעהן ווי אַ שטורם, דו ווילסט קומען בעדעקען דאָס לאַנד ווי אַ וואָלקען, ווען דו וועסט זיין מיט אַלע דיינע טרופּען און פיעל פעלקער מיט דיר.
10 אַזוי זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער : אָט אין יענער צייט וועלען דיר איינפאַלען געדאַנקען און דו וועסט אויסטראַכטען שלעכטע פּלענער —
11 דו וועסט זאָגען : איך וועל ארויף אויף די אונבעפעסטיגטע שטעדט, איך וועל בעפאַלען די שטילע וואָס זיצען זיך רוהיג, זיי וואוינען אַלע אָהן אַ מויער־וואַנד און האָבען קיין ריגעל און קיין טהיר.
12 אום צו רויבען פיעל און פּלינדערן פערמעגען, דיין האַנד צוריקלעגען אויף די בעוואוינטע רואינען און אויפ'ן פאָלק וואָס איז פערזאַמעלט פון פעלקער, וועלכע טרייבט געשעפט זיצענדיג אויף די געבירגע פונ'ם לאַנד.

13 עֹשֶׂה מִקְנֶה וְקִנְיָן יֹשְׁבֵי עַל־טַבּוּר הָאָרֶץ׃ שְׁבָא וּדְדָן
וְסֹחֲרֵי תַרְשִׁישׁ וְכָל־כְּפִירֶיהָ יֹאמְרוּ לְךָ הֲלִשְׁלֹל שָׁלָל
אַתָּה בָא הֲלָבֹז בַּז הִקְהַלְתָּ קְהָלֶךָ לָשֵׂאת ׀ כֶּסֶף וְזָהָב
14 לָקַחַת מִקְנֶה וְקִנְיָן לִשְׁלֹל שָׁלָל גָּדוֹל׃ לָכֵן הִנָּבֵא בֶן־
אָדָם וְאָמַרְתָּ לְגוֹג כֹּה אָמַר אֲדֹנָי יֱהוִה הֲלוֹא ׀ בַּיּוֹם
טו הַהוּא בְּשֶׁבֶת עַמִּי יִשְׂרָאֵל לָבֶטַח תֵּדָע׃ וּבָאתָ מִמְּקוֹמְךָ
מִיַּרְכְּתֵי צָפוֹן אַתָּה וְעַמִּים רַבִּים אִתָּךְ רֹכְבֵי סוּסִים כֻּלָּם
16 קָהָל גָּדוֹל וְחַיִל רָב׃ וְעָלִיתָ עַל־עַמִּי יִשְׂרָאֵל כֶּעָנָן לְכַסּוֹת
הָאָרֶץ בְּאַחֲרִית הַיָּמִים תִּהְיֶה וַהֲבִאוֹתִיךָ עַל־אַרְצִי לְמַעַן
17 דַּעַת הַגּוֹיִם אֹתִי בְּהִקָּדְשִׁי בְךָ לְעֵינֵיהֶם גּוֹג׃ כֹּה־
אָמַר אֲדֹנָי יֱהוִה הַאַתָּה־הוּא אֲשֶׁר־דִּבַּרְתִּי בְּיָמִים קַדְמוֹנִים
בְּיַד עֲבָדַי נְבִיאֵי יִשְׂרָאֵל הַנִּבְּאִים בַּיָּמִים הָהֵם שָׁנִים לְהָבִיא
18 אֹתְךָ עֲלֵיהֶם׃ וְהָיָה ׀ בַּיּוֹם הַהוּא בְּיוֹם בּוֹא גוֹג עַל־
אַדְמַת יִשְׂרָאֵל נְאֻם אֲדֹנָי יֱהוִה תַּעֲלֶה חֲמָתִי בְּאַפִּי׃
19 וּבְקִנְאָתִי בְאֵשׁ־עֶבְרָתִי דִּבַּרְתִּי אִם־לֹא ׀ בַּיּוֹם הַהוּא יִהְיֶה
כ רַעַשׁ גָּדוֹל עַל אַדְמַת יִשְׂרָאֵל׃ וְרָעֲשׁוּ מִפָּנַי דְּגֵי הַיָּם וְעוֹף
הַשָּׁמַיִם וְחַיַּת הַשָּׂדֶה וְכָל־הָרֶמֶשׂ הָרֹמֵשׂ עַל־הָאֲדָמָה וְכֹל
הָאָדָם אֲשֶׁר עַל־פְּנֵי הָאֲדָמָה וְנֶהֶרְסוּ הֶהָרִים וְנָפְלוּ
21 הַמַּדְרֵגוֹת וְכָל־חוֹמָה לָאָרֶץ תִּפּוֹל׃ וְקָרָאתִי עָלָיו לְכָל־
הָרַי חֶרֶב נְאֻם אֲדֹנָי יֱהוִה חֶרֶב אִישׁ בְּאָחִיו תִּהְיֶה׃
22 וְנִשְׁפַּטְתִּי אִתּוֹ בְּדֶבֶר וּבְדָם וְגֶשֶׁם שׁוֹטֵף וְאַבְנֵי אֶלְגָּבִישׁ
אֵשׁ וְגָפְרִית אַמְטִיר עָלָיו וְעַל־אֲגַפָּיו וְעַל־עַמִּים רַבִּים אֲשֶׁר
23 אִתּוֹ׃ וְהִתְגַּדִּלְתִּי וְהִתְקַדִּשְׁתִּי וְנוֹדַעְתִּי לְעֵינֵי גּוֹיִם רַבִּים
וְיָדְעוּ כִּי־אֲנִי יְהוָה׃

CAP. XXXIX. לט

לט

א וְאַתָּה בֶן־אָדָם הִנָּבֵא עַל־גּוֹג וְאָמַרְתָּ כֹּה אָמַר אֲדֹנָי יֱהוִה
2 הִנְנִי אֵלֶיךָ גּוֹג נְשִׂיא רֹאשׁ מֶשֶׁךְ וְתֻבָל׃ וְשֹׁבַבְתִּיךָ

וששאתיך

לט v. 18. הפטרה שבת וחול המועד של סוכות

13 שבא, דדן, די קויפלייטע פון תרשיש און אַלע איהרע לאַנד־בעזיצער
וועלען דיר פרעגען : ביזטו געקומען אום פיעל צו רויבען ? האָסטו
דיינע טרופּען פערזאמעלט אום פערמעגען צו פּלינדערן ? דו ווילסט
אַוועקטראגען זילבער און גאָלד, צו נעהמען האנדעל און אייגענטהום
רויבענדיג פיעל ? !
14 דערפאר פּראָפעצייהע, מענשענקינד, און זאָג צו גוג : אזוי זאָגט גאָט
דער אַלמעכטיגער, אָט אין יענעם טאָג ווען מיין פאָלק ישראל וועט
זיך אין רוהע בעזעצען וועסטו וועגען דעם ערפאהרען,
15 און וועסט קומען פון דיין אָרט, פון די צפון־פּראָווינצען, דו און פיעלע
פעלקער מיט דיר, אַלע פערד רייטער, אַ גרויסע פערזאמלונג און אַ פיעל־
צאהליגע ארמעע.
16 דו וועסט דאן ארויפגעהן אויף מיין פאָלק ישראל, דאָס גאַנצע לאנד
צו פערדעקען ווי אַ וואָלקען — דאָס וועט זיין אין שפּעטערע צייטען
ווען איך וועל דיר אויף מיין לאַנד ברענגען, אום אַלע פעלקער זאָלען
מיר אנערקענען ווען איך וועל דורך דיר, גוג, געהייליגט ווערען אין
זייער געגענוואַרט.
17 אזוי זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער : ביזטו דאָס דער זעלביגער וואָס איך
האָב אין פריהערדיגע צייטען גערעדט דורך מיינע קנעכט, נביאים און
ישראל וועלכע האָבען פּראָפעצייהעט אין יענע טעג און יאָהרען אז איך
וועל דיר אויף זיי ברענגען.
18 עס וועט געשעהען אין יענעם טאָג, ווען גוג וועט קומען אויף דאָס לאַנד
ישראל — זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער — וועט מיין צאָרן און וואוטה
שטייגען.
19 און אין מיין אויפרעגונג מיט מיין פייערדיגען צאָרן האָב איך פּאָראויס־
געזאָגט : אויב ניט אין יענער צייט וועט זיין אַ גרויסער שטורעם אויף
דאָס לאַנד ישראל.
20 עס וועלען פאר מיר ציטערען די פיש פון ים, די פויגלען פון הימעל און
די טהיערען פון פעלד מיט אַלעם וואָס ווימעלט אויף דער ערד, אויך אַלע
מענשען וואָס אויף דר׳ערד; עס וועלען איינגעריסען ווערען בערג, איינ־
פאַלען די הויכע טהורעמס און די מויערוואַנד וועלען פאַלען צו דער ערד.
21 דאן וועל איך קענען איהם צוזאמענרופען אַלע שווערד ארמעען פון מיינע
בערג — זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער — איינעמס שווערד וועט קעגען
צווייטען זיין.
22 איך וועל זיך מיט איהם אָברעכענען דורך שווערד און בלוט, פליייצענדע
רעגענס און האָגעל שטיינער פייער און שוועבעל וועל איך אויף איהם
מאכען רעגענען, אויך אויף זיינע טרופּען און די פיעל פעלקער וואָס זיינען
מיט איהם.
23 איך וועל גרויס און הייליג ווערען, איך וועל בעוואוסט ווערען אין געגענ־
וואַרט פון פיעל פעלקער, אום זיי זאָלען אַנערקענען אז איך בין גאָט.

קאַפּיטעל לט

1 און דו, מענשענקינד ! פּראָפעצייהע אויף גוג און זאָג : אזוי זאָגט גאָט
דער אַלמעכטיגער — איך וועל זיך נעהמען צו דיר, גוג, הויפּט־פירשט פון
משך און תבל.
2 איך וועל דיר איינשטילען, איך וועל דיר אונערוואַרטעט ארויספיהרען פון
די צפון־פּראָווינצען און וועל דיר ברענגען אויף די בערג פון ישראל.

וְשִׁשֵּׁאתִיךָ וְהַעֲלִיתִיךָ מִיַּרְכְּתֵי צָפוֹן וַהֲבִאוֹתִךָ עַל־הָרֵי
3 יִשְׂרָאֵל׃ וְהִכֵּיתִי קַשְׁתְּךָ מִיַּד שְׂמֹאולֶךָ וְחִצֶּיךָ מִיַּד יְמִינְךָ
4 אַפִּיל׃ עַל־הָרֵי יִשְׂרָאֵל תִּפּוֹל אַתָּה וְכָל־אֲגַפֶּיךָ וְעַמִּים
אֲשֶׁר אִתָּךְ לְעֵיט צִפּוֹר כָּל־כָּנָף וְחַיַּת הַשָּׂדֶה נְתַתִּיךָ
ה לְאָכְלָה׃ עַל־פְּנֵי הַשָּׂדֶה תִּפּוֹל כִּי אֲנִי דִבַּרְתִּי נְאֻם אֲדֹנָי
6 יֱהוִה׃ וְשִׁלַּחְתִּי־אֵשׁ בְּמָגוֹג וּבְיֹשְׁבֵי הָאִיִּים לָבֶטַח וְיָדְעוּ
וְהִנִּיחוּ אוֹתָם בְּלִשְׁכֹת הַקֹּדֶשׁ וְלָבְשׁוּ בְּגָדִים אֲחֵרִים וְלֹא־
כ יְקַדְּשׁוּ אֶת־הָעָם בְּבִגְדֵיהֶם׃ וְרֹאשָׁם לֹא יְגַלֵּחוּ וּפֶרַע
21 לֹא יְשַׁלֵּחוּ כָּסוֹם יִכְסְמוּ אֶת־רָאשֵׁיהֶם׃ וְיַיִן לֹא־יִשְׁתּוּ
22 כָּל־כֹּהֵן בְּבוֹאָם אֶל־הֶחָצֵר הַפְּנִימִית׃ וְאַלְמָנָה וּגְרוּשָׁה
לֹא־יִקְחוּ לָהֶם לְנָשִׁים כִּי אִם־בְּתוּלֹת מִזֶּרַע בֵּית יִשְׂרָאֵל
23 וְהָאַלְמָנָה אֲשֶׁר־תִּהְיֶה אַלְמָנָה מִכֹּהֵן יִקָּחוּ׃ וְאֶת־עַמִּי
24 יוֹרוּ בֵּין קֹדֶשׁ לְחֹל וּבֵין־טָמֵא לְטָהוֹר יוֹדִעֻם׃ וְעַל־רִיב
הֵמָּה יַעַמְדוּ לְ*שְׁפֹּט בְּמִשְׁפָּטַי *וּשְׁפָטֻהוּ וְאֶת־תּוֹרֹתַי
וְאֶת־חֻקֹּתַי בְּכָל־מוֹעֲדַי יִשְׁמֹרוּ וְאֶת־שַׁבְּתוֹתַי יְקַדֵּשׁוּ׃
כה וְאֶל־מֵת אָדָם לֹא יָבוֹא לְטָמְאָה כִּי אִם־לְאָב וּלְאֵם וּלְבֵן
26 וּלְבַת לְאָח וּלְאָחוֹת אֲשֶׁר־לֹא־הָיְתָה לְאִישׁ יִטַּמָּאוּ׃ וְאַחֲרֵי
27 טָהֳרָתוֹ שִׁבְעַת יָמִים יִסְפְּרוּ־לוֹ׃ וּבְיוֹם בֹּאוֹ אֶל־הַקֹּדֶשׁ
אֶל־הֶחָצֵר הַפְּנִימִית לְשָׁרֵת בַּקֹּדֶשׁ יַקְרִיב חַטָּאתוֹ נְאֻם
28 אֲדֹנָי יֱהֹוִה׃ וְהָיְתָה לָהֶם לְנַחֲלָה אֲנִי נַחֲלָתָם וַאֲחֻזָּה
29 לֹא־תִתְּנוּ לָהֶם בְּיִשְׂרָאֵל אֲנִי אֲחֻזָּתָם׃ הַמִּנְחָה וְהַחַטָּאת

והאשם

v. 15. הפטרת אמור v. 24. למשפט קרי ibid. ישפטהו קרי

14 זיי וועל איך אנשטעלען נאָר צו בעוואכען דאָס הויז און טהאָן די ארבייט וואָס ווערט אין איהם געטהאָן,
15 אָבער די כהנים און לוים די קינדער פון צדוק, וועלכע האָבען אָבגעהיט דאָס בעוואכונג פון היילינגטהום ווען די קינדער ישראל האָבען אָבגעטרע־טען פון מיר, זיי וועלען נאָהענט זיין צו מיר, צו מיין דיענסט, און זיי וועלען שטעהען פאר מיר צו אָפּפערן פאר מיר פעטס און בלוט — זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער.
16 זיי וועלען אריין אין מיין היילינגטהום און נאָר זיי וועלען צוקומען צו מיין טיש, מיר צו דיענען, אויך זיי וועלען בעוואַכען מיין היילינגטהום.
17 ווען זיי וועלען אריינקומען אין די טהויערן פון אינערליכען הויף, זאָלען זיי אָנטהאָן לינען־קליידער, זיי זאָלען אויף זיך קיינע וואָלענע קליידער האָבען ווען זיי וועלען ביים דיענסט זיין אין די טהויערן פון אינערליכען הויף אָדער אינווייניג.
18 ליינענע טורבאנען זאָלען זיין אויף זייער קאָפּ און ליינענע הויזען אויף זייערע לענדען, זיי זאָלען זיך ניט פערגאָרטלען מיט שווייסברענגענדע קליידער.
19 ווען זיי וועלען ארויסגעהן צום אויסערליכען הויף, צו דאָס פאָלק וואָס אין אויסערליכען הויף, זאָלען זיי אראָבנעהמען פון זיך די קליידער אין וועלכע זיי טהוען די ארבייט און איבערלאָזען זיי אין די היילינע צימערן, דאן זאָלען זיי אנדערע קליידער אָנטהאָן, אום ניט אָנצוגעהמען דאָס פאָלק אין זייערע (היילינע) קליידער.
20 דעם קאָפּ זאָלען זיי ניט אָבגאָלען אויך ניט ווילד וואקסען לאָזען זייערע האָאָר ; זיי זאָלען אָפּט שערען די האָאָר פונ'ם קאָפּ.
21 קיין כהן זאָל וויין טרינקען ווען זיי קומען אריין אין אינערליכען הויף
22 קיין וויטווע אָדער געשידענע (גע'גט'ע) פרוי זאָלען זיי ניט הייראטהען, נאָר מיידלאַך פון די קינדער פון ישראל אָדער א וויטווע פון א כהן זאָלען זיי הייראטהען.
23 מיין פאָלק זאָלען זיי לערנען אונטערצושיידען צווישען הייליג און ניט־הייליג, אויך זאָלען זיי ערקלעהרען זיי דעם אונטערשיעד צווישען אונ־ריין און ריין.
24 אין א קריעג זאָלען זיי אין געריכט שטעהן און אורטהיילען לויט מיינע רעכטע ; מיינע לעהרען און געזעצע וועגען מיינע פייערטאגען זאָלען זיי אָבהיטען, און מיינע רוהעטעג זאָלען זיי הייליג האַלטען.
25 צו א טוידטען מענשען זאָלען זיי ניט צוגעהן און אונריין ווערען, בלויז צו א פאָטער און מוטער, צו א זוהן און טאָכטער, צו א ברודער און א שוועסטער וואָס איז נאָך ניט פערהייראטה, מעגען זיי זיך אונריין מאַכען.
26 נאָכדעם ווי ער וועט זיך רייניגען זאָל מען איהם זיעבען טעג צעהלען.
27 און ווען ער וועט אריינגעהן אין היילינגטהום, אין אינערליכען הויף, צו די היילינע ארבייט, זאָל ער א זינד־אָפּפער ברענגען — זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער.
28 דאָס זאָל ביי זיי זיין א ערבטהייל ; איך, גאָט, בין זייער ערבטהייל דערפאר זאָל מען זיי קיין בעזיץ געבען אין ישראל — איך בין זייער בעזיץ.

וְהָאָשָׁם הֵמָּה יֹאכְלוּם וְכָל־חֵרֶם בְּיִשְׂרָאֵל לָהֶם יִהְיֶה׃
וְרֵאשִׁית כָּל־בִּכּוּרֵי כֹל וְכָל־תְּרוּמַת כֹּל מִכֹּל תְּרוּמֹתֵיכֶם ל
לַכֹּהֲנִים יִהְיֶה וְרֵאשִׁית עֲרִסוֹתֵיכֶם תִּתְּנוּ לַכֹּהֵן לְהָנִיחַ
31 בְּרָכָה אֶל־בֵּיתֶךָ׃ כָּל־נְבֵלָה וּטְרֵפָה מִן־הָעוֹף וּמִן־
הַבְּהֵמָה לֹא יֹאכְלוּ הַכֹּהֲנִים׃

מה — CAP. XLV. מה

א וּבְהַפִּילְכֶם אֶת־הָאָרֶץ בְּנַחֲלָה תָּרִימוּ תְרוּמָה לַיהוָה ׀
קֹדֶשׁ מִן־הָאָרֶץ אֹרֶךְ חֲמִשָּׁה וְעֶשְׂרִים אֶלֶף אֹרֶךְ וְרֹחַב
2 עֲשָׂרָה אָלֶף קֹדֶשׁ־הוּא בְכָל־גְּבוּלָהּ סָבִיב׃ יִהְיֶה מִזֶּה
אֶל־הַקֹּדֶשׁ חֲמֵשׁ מֵאוֹת בַּחֲמֵשׁ מֵאוֹת מְרֻבָּע סָבִיב
3 וַחֲמִשִּׁים אַמָּה מִגְרָשׁ לוֹ סָבִיב׃ וּמִן־הַמִּדָּה הַזֹּאת תָּמוֹד
אֹרֶךְ חֲמֵשׁ וְעֶשְׂרִים אֶלֶף וְרֹחַב עֲשֶׂרֶת אֲלָפִים וּבוֹ־יִהְיֶה
4 הַמִּקְדָּשׁ קֹדֶשׁ קָדָשִׁים׃ קֹדֶשׁ מִן־הָאָרֶץ הוּא לַכֹּהֲנִים
מְשָׁרְתֵי הַמִּקְדָּשׁ יִהְיֶה הַקְּרֵבִים לְשָׁרֵת אֶת־יְהוָה וְהָיָה
ה לָהֶם מָקוֹם לְבָתִּים וּמִקְדָּשׁ לַמִּקְדָּשׁ׃ וַחֲמִשָּׁה וְעֶשְׂרִים
אֶלֶף אֹרֶךְ וַעֲשֶׂרֶת אֲלָפִים רֹחַב יִהְיֶה לַלְוִיִּם מְשָׁרְתֵי
6 הַבַּיִת לָהֶם לַאֲחֻזָּה עֶשְׂרִים לְשָׁכֹת׃ וַאֲחֻזַּת הָעִיר תִּתְּנוּ
חֲמֵשֶׁת אֲלָפִים רֹחַב וְאֹרֶךְ חֲמִשָּׁה וְעֶשְׂרִים אֶלֶף לְעֻמַּת
7 תְּרוּמַת הַקֹּדֶשׁ לְכָל־בֵּית יִשְׂרָאֵל יִהְיֶה׃ וְלַנָּשִׂיא מִזֶּה
וּמִזֶּה לִתְרוּמַת הַקֹּדֶשׁ וְלַאֲחֻזַּת הָעִיר אֶל־פְּנֵי תְרוּמַת
הַקֹּדֶשׁ וְאֶל־פְּנֵי אֲחֻזַּת הָעִיר מִפְּאַת יָם יָמָּה וּמִפְּאַת
קֵדְמָה קָדִימָה וְאֹרֶךְ לְעֻמּוֹת אַחַד הַחֲלָקִים מִגְּבוּל יָם
8 אֶל־גְּבוּל קָדִימָה׃ לָאָרֶץ יִהְיֶה־לּוֹ לַאֲחֻזָּה בְּיִשְׂרָאֵל וְלֹא־
יוֹנוּ עוֹד נְשִׂיאַי אֶת־עַמִּי וְהָאָרֶץ יִתְּנוּ לְבֵית־יִשְׂרָאֵל
9 לְשִׁבְטֵיהֶם׃ כֹּה־אָמַר אֲדֹנָי יְהוִה רַב־לָכֶם נְשִׂיאֵי
יִשְׂרָאֵל חָמָס וָשֹׁד הָסִירוּ וּמִשְׁפָּט וּצְדָקָה עֲשׂוּ הָרִימוּ
י גְּרֻשֹׁתֵיכֶם מֵעַל עַמִּי נְאֻם אֲדֹנָי יְהוִה׃ מֹאזְנֵי־צֶדֶק וְאֵיפַת־

צדק

מ״ד v. 21. עד כאן   מ״ה v. 3. חמשה קרי   v. 5. והיה ס״י

29 די שפּייז־אָפּפער, זינד־ און שולד־אָפּפער זאָלען זיי עסען, אַלע קאָנפעס־קירטעס אין ישראל זאָל צו זיי געהערען.

30 די ערשטע פון אַלע פריהצייטיגע, אויך אַלע אויפהויבונגס אָפּפער, פון אַלעס וואָס איהר הויבט אויף, זאָל געהערען צו די כהנים. די ערשטע פון אייער טייג זאָלט איהר געבען צום כהן, אום אויפצוהאַלטען די ברכה אין דיין הויז.

31 אַלע געפאַלענע אָדער צוריסענע פון פויגלען אָדער פיה, זאָלען די כהנים ניט עסען.

קאַפּיטעל מה

1 אז איהר וועט דאָס לאַנד פונאַנדערוואַרפען (מיט אַ גורל) טהיילווייז, זאָלט איהר אבזונדערן פון דאָס לאַנד אַלס הייליג צו גאָט. פינף־און־צוואַנציג טויזענד איילען די לענג און צעהן טויזענד איילען די ברייט — דאָס איז הייליג מיט דעם גאַנצען גרענעץ ארום.

2 דערפון זאָל זיין פאר דאָס הייליגטהום פינף הונדערט אויף פינף הונדערט, פיערעקיג, ארום ; אויך פופציג איילען אַלס פארפלאַץ ארום.

3 פון העם אָבגעמאָסטענעם פלאַץ מעסט אויס פינף־און־צוואַנציג טויזענד איילען לענג און צעהן טויזענד איילען ברייט, אויף דעם פלאַץ זאָל זיין דאָס הייליגע הויז — דאָס אַלערהייליגסטע.

4 דאָס איבריגע הייליגע לאַנד איז פאר די כהנים וואָס טהוען דעם דיענסט אין הייליגטהום, די וואָס זיינען בעשטימט גאָט׳ס דיענסט צו טהאָן ; דערפון וועט זיין אַן אָרט פאר זייערע הייזער און א פלאַץ פאר׳ן הייליגטהום.

5 פינף־און־צוואַנציג טויזענד די לענג און צעהן טויזענד די ברייט, זאָל זיין אַלס אייגענטהום פאר די לוים וואָס פאַסען אויף דאָס הויז, זיי זאָלען האָבען צוואַנציג צימערן.

6 פונ׳ם שטאָדט אייגענטהום זאָלט איהר אָבגעבען פינף טויזענד די ברייט און פינף־און־צוואַנציג טויזענד די לענג, דאָס זאָל זיין גענענאיבער דעם פלאַץ וואָס איז אָבגעטהיילט פאר׳ן הייליגטהום — דאָס געהערט פאר דאָס גאַנצע הויז ישראל.

7 דעם פירשט׳ס פלאַץ איז פון ביידע זייטען, ביי דעם שטאָדט־אייגענטהום, אין פאָרענט פון דעם אָרט וואָס איז אָבגעטהיילט פאר׳ן הייליגטהום און אין פאָרענט פונ׳ם שטאָדט־אייגענטהום, פון מערב ברעג אין מערב־זייט און פון מזרח־ברעג אין מזרח־זייט ; די לענג איז געווען גענגען יעדערן פון די טהיילען פון מערב־גרענעץ ביז׳ן מזרח־גרענעץ.

8 אַלס אַ לאַנד אייגענטהום אין ישראל זאָל דאָס זיין פאר איהם, אום די פירשטען זאָלען מעהר ניט בעדריקען מיין פאָלק ; דאָס לאַנד זאָל גע־געבען ווערען פונ׳ם הויז ישראל לויט זייערע שטאַמען.

9 אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער : גענוג אייך, פירשטען פון ישראל ! שאַרפט אָב געוואַלדטהאַטען און רויבעריי, טהוט רעכט און גערעכטיגקייט, הערט אויף אייערע פערפאָלגונגען פון מיין פאָלק — זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער.

10 ריכטיגע וואָג, אַ ריכטיגע איפה און א ריכטיגען בת זאָלט איהר האָבען.

11 צֶדֶק וּבַת־צֶדֶק יְהִי לָכֶם׃ הָאֵיפָה וְהַבַּת תֹּכֶן אֶחָד יִהְיֶה
לָשֵׂאת מַעְשַׂר הַחֹמֶר הַבָּת וַעֲשִׂירִת הַחֹמֶר הָאֵיפָה אֶל־
12 הַחֹמֶר יִהְיֶה מַתְכֻּנְתּוֹ׃ וְהַשֶּׁקֶל עֶשְׂרִים גֵּרָה עֶשְׂרִים
שְׁקָלִים חֲמִשָּׁה וְעֶשְׂרִים שְׁקָלִים עֲשָׂרָה וַחֲמִשָּׁה שֶׁקֶל
13 הַמָּנֶה יִהְיֶה לָכֶם׃ זֹאת הַתְּרוּמָה אֲשֶׁר תָּרִימוּ שִׁשִּׁית
הָאֵיפָה מֵחֹמֶר הַחִטִּים וְשִׁשִּׁיתֶם הָאֵיפָה מֵחֹמֶר הַשְּׂעֹרִים׃
14 וְחֹק הַשֶּׁמֶן הַבַּת הַשֶּׁמֶן מַעְשַׂר הַבַּת מִן־הַכֹּר עֲשֶׂרֶת
טו הַבַּתִּים חֹמֶר כִּי־עֲשֶׂרֶת הַבַּתִּים חֹמֶר׃ וְשֶׂה־אַחַת מִן־
הַצֹּאן מִן־הַמָּאתַיִם מִמַּשְׁקֵה יִשְׂרָאֵל לְמִנְחָה וּלְעוֹלָה
16 וְלִשְׁלָמִים לְכַפֵּר עֲלֵיהֶם נְאֻם אֲדֹנָי יְהוִה׃ כֹּל הָעָם
17 הָאָרֶץ יִהְיוּ אֶל־הַתְּרוּמָה הַזֹּאת לַנָּשִׂיא בְּיִשְׂרָאֵל׃ וְעַל־
הַנָּשִׂיא יִהְיֶה הָעוֹלוֹת וְהַמִּנְחָה וְהַנֵּסֶךְ בַּחַגִּים וּבֶחֳדָשִׁים
וּבַשַּׁבָּתוֹת בְּכָל־מוֹעֲדֵי בֵּית יִשְׂרָאֵל הוּא־יַעֲשֶׂה אֶת־
הַחַטָּאת וְאֶת־הַמִּנְחָה וְאֶת־הָעוֹלָה וְאֶת־הַשְּׁלָמִים לְכַפֵּר
18 בְּעַד בֵּית־יִשְׂרָאֵל׃ כֹּה־אָמַר אֲדֹנָי יְהוִה בָּרִאשׁוֹן
בְּאֶחָד לַחֹדֶשׁ תִּקַּח פַּר־בֶּן־בָּקָר תָּמִים וְחִטֵּאתָ אֶת־
19 הַמִּקְדָּשׁ׃ וְלָקַח הַכֹּהֵן מִדַּם הַחַטָּאת וְנָתַן אֶל־מְזוּזַת
הַבַּיִת וְאֶל־אַרְבַּע פִּנּוֹת הָעֲזָרָה לַמִּזְבֵּחַ וְעַל־מְזוּזַת שַׁעַר
כ הֶחָצֵר הַפְּנִימִית׃ וְכֵן תַּעֲשֶׂה בְּשִׁבְעָה בַחֹדֶשׁ מֵאִישׁ
21 שֹׁגֶה וּמִפֶּתִי וְכִפַּרְתֶּם אֶת־הַבָּיִת׃ בָּרִאשׁוֹן בְּאַרְבָּעָה
עָשָׂר יוֹם לַחֹדֶשׁ יִהְיֶה לָכֶם הַפָּסַח חָג שְׁבֻעוֹת יָמִים
22 מַצּוֹת יֵאָכֵל׃ וְעָשָׂה הַנָּשִׂיא בַּיּוֹם הַהוּא בַּעֲדוֹ וּבְעַד כָּל־
23 עַם הָאָרֶץ פַּר חַטָּאת׃ וְשִׁבְעַת יְמֵי־הֶחָג יַעֲשֶׂה עוֹלָה
לַיהוָה שִׁבְעַת פָּרִים וְשִׁבְעַת אֵילִים תְּמִימִם לַיּוֹם שִׁבְעַת
24 הַיָּמִים וְחַטָּאת שְׂעִיר עִזִּים לַיּוֹם׃ וּמִנְחָה אֵיפָה לַפָּר
כה וְאֵיפָה לָאַיִל יַעֲשֶׂה וְשֶׁמֶן הִין לָאֵיפָה׃ בַּשְּׁבִיעִי בַּחֲמִשָּׁה

עשר

v. 16. הפטרת פרשת החדש והספרדים מתחילין כה אמר אדני

11 אַן איפה און אַ בת זאָלען האַלטען דאָס זעלביגע: אַ בת זאָל האַלטען
אַ צעהנטעל חמר, אויך די איפה אַ צעהנטעל חמר, די מאָס פון אינהאַלט
זאָל נאָך דעם חמר זיין.

12 דער שקל איז צוואַנציג גרה; אַ מנה זאָל ביי אייך זיין פון פינף־און־
צוואַנציג, צוואַנציג, צעהן און פינף שקל.

13 דאָס זאָל ביי אייך זיין דער תרומה־געשאַנק: איין זעקסטעל איפה פון
אַ חמר ווייץ, אויך איין זעקסטעל איפה פון אַ חמר גערשטען.

14 פון אויל איז דאָס בעשטימונג (פאַר תרומה) איין בת אויל, ד. ה. אַ בת
איז אַ צעהנטעל פון אַ כר, דאָס גלייכען איז אַ בת איין צעהנטעל פון אַ
חמר, ווארום אַ חמר איז צעהן בת.

15 און איין יונגען שעפּס פון צוויי הונדערט פון די הערדען פון ישראל, אַלס
שפּייז־ גאַנץ־ און פריעדען־אָפּפער, צו פערצייהען אויף זיי — זאָגט גאָט
דער אַלמעכטיגער.

16 דאָס גאַנצע פאָלק פון לאַנד זאָל ביישטייערן צו דעם געשאַנק פון דעם
נשיא אין ישראל.

17 דער פירשט דאַרף אויפפּאַסען אויף די גאַנץ־, שפּייז און גיס־אָפּפער,
פאַר די פייערטעג, מאָנאַטען און שבתים, אַלע פייערטאַגען פון׳ם הויז־
ישראל; ער זאָל צובערייטען די זינד־ שפּייז־ גאַנץ־ און פריעדען־
אָפּפער, אום צו פערצייהען פאַר דאָס גאַנצע הויז פון ישראל.

18 אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער: דעם ערשטען טאָג פון
ערשטען מאָנאַט, זאָלסטו נעהמען אַ יונגען אָקס אָהן אַ פעהלער, און
אָפּפערן אויפ׳ן הייליגטהום.

19 און דער כהן זאָל נעהמען פון׳ם בלוט פון זינד־אָפּפער און שפּריצען אויף
די פּפאָסטען פון הויז און די פיער ווינקלען פון פערזאַמלונגס צימער
נעבען מזבח אויך אויף די פּפאָסטען פון אינערליכען טהויער פון׳ם הויף.

20 דאָס זעלביגע זאָלסטו טהאָן דעם זיעבעטען טאָג פון מאָנאַט פאַר יעדער
איררענדען און אונפאָרזיכטיגען, אום דעם טעמפּעל צו ענטזינדיגען.

21 אין ערשטען מאָנאַט, פיערצעהן טעג אין מאָנאַט, זאָל ביי אייך זיין דער
פסח־פעסט, אַ פייערטאַג אין וועלכען זיעבען טעג זאָל מען מצות עסען;

22 יענעם טאָג זאָל דער פירשט מאַכען פאַר זיך און פאַר דאָס גאַנצע פאָלק
פון לאַנד, אַן אָקס אַלס זינד־אָפּפער.

23 אַלע זיעבען טעג פון פייערטאַג זאָל ער מאַכען פאַר גאָט, אַלס גאַנץ־
אָפּפער, יעדער טאָג פון די זיעבען טעג, זיעבען אָקסען און זיעבען ווידער,
אָהן אַ פעהלער. אויך אַ ציעגענ־באָק יעדער טאָג אַלס זינד־אָפּפער.

24 אַלס שפּייז־אָפּפער זאָל ער ברענגען אַן איפה פאַר יעדער אָקס און אַן איפה
פאַר יעדער באַראַן; צו יעדען איפה אַ הין אויל.

25 אין זיעבענטען מאָנאַט, פופצעהן טעג אין מאָנאַט, אין דעם [סוכות־]

כה עָשָׂר יוֹם לַחֹדֶשׁ בֶּחָג יַעֲשֶׂה כָאֵלֶּה שִׁבְעַת הַיָּמִים כַּחַטָּאת
כָּעֹלָה וְכַמִּנְחָה וְכַשָּׁמֶן׃

מו Cap. XLVI. מו

א כֹּה־אָמַר אֲדֹנָי יֱהֹוִה שַׁעַר הֶחָצֵר הַפְּנִימִית הַפֹּנֶה קָדִים
יִהְיֶה סָגוּר שֵׁשֶׁת יְמֵי הַמַּעֲשֶׂה וּבְיוֹם הַשַּׁבָּת יִפָּתֵחַ וּבְיוֹם
2 הַחֹדֶשׁ יִפָּתֵחַ׃ וּבָא הַנָּשִׂיא דֶּרֶךְ אוּלָם הַשַּׁעַר מִחוּץ וְעָמַד
עַל־מְזוּזַת הַשַּׁעַר וְעָשׂוּ הַכֹּהֲנִים אֶת־עוֹלָתוֹ וְאֶת־שְׁלָמָיו
וְהִשְׁתַּחֲוָה עַל־מִפְתַּן הַשַּׁעַר וְיָצָא וְהַשַּׁעַר לֹא־יִסָּגֵר עַד־
3 הָעָרֶב׃ וְהִשְׁתַּחֲווּ עַם־הָאָרֶץ פֶּתַח הַשַּׁעַר הַהוּא בַּשַּׁבָּתוֹת
4 וּבֶחֳדָשִׁים לִפְנֵי יְהוָה׃ וְהָעֹלָה אֲשֶׁר־יַקְרִב הַנָּשִׂיא לַיהוָה
ה בְּיוֹם הַשַּׁבָּת שִׁשָּׁה כְבָשִׂים תְּמִימִם וְאַיִל תָּמִים׃ וּמִנְחָה
אֵיפָה לָאַיִל וְלַכְּבָשִׂים מִנְחָה מַתַּת יָדוֹ וְשֶׁמֶן הִין לָאֵיפָה׃
6 וּבְיוֹם הַחֹדֶשׁ פַּר בֶּן־בָּקָר תְּמִימִם וְשֵׁשֶׁת כְּבָשִׂים וָאַיִל
7 תְּמִימִם יִהְיוּ׃ וְאֵיפָה לַפָּר וְאֵיפָה לָאַיִל יַעֲשֶׂה מִנְחָה
8 וְלַכְּבָשִׂים כַּאֲשֶׁר תַּשִּׂיג יָדוֹ וְשֶׁמֶן הִין לָאֵיפָה׃ וּבְבוֹא
9 הַנָּשִׂיא דֶּרֶךְ אוּלָם הַשַּׁעַר יָבוֹא וּבְדַרְכּוֹ יֵצֵא׃ וּבְבוֹא עַם־
הָאָרֶץ לִפְנֵי יְהוָה בַּמּוֹעֲדִים הַבָּא דֶּרֶךְ שַׁעַר צָפוֹן
לְהִשְׁתַּחֲוֺת יֵצֵא דֶּרֶךְ־שַׁעַר נֶגֶב וְהַבָּא דֶּרֶךְ־שַׁעַר נֶגֶב יֵצֵא
דֶּרֶךְ־שַׁעַר צָפוֹנָה לֹא יָשׁוּב דֶּרֶךְ הַשַּׁעַר אֲשֶׁר־בָּא בוֹ כִּי
י נִכְחוֹ יֵצֵאו*׃ וְהַנָּשִׂיא בְּתוֹכָם בְּבוֹאָם יָבוֹא וּבְצֵאתָם יֵצֵאוּ׃
11 וּבַחַגִּים וּבַמּוֹעֲדִים תִּהְיֶה הַמִּנְחָה אֵיפָה לַפָּר וְאֵיפָה לָאַיִל
12 וְלַכְּבָשִׂים מַתַּת יָדוֹ וְשֶׁמֶן הִין לָאֵיפָה׃ וְכִי־יַעֲשֶׂה הַנָּשִׂיא
נְדָבָה עוֹלָה אוֹ־שְׁלָמִים נְדָבָה לַיהוָה וּפָתַח לוֹ אֶת־הַשַּׁעַר
הַפֹּנֶה קָדִים וְעָשָׂה אֶת־עֹלָתוֹ וְאֶת־שְׁלָמָיו כַּאֲשֶׁר יַעֲשֶׂה
13 בְּיוֹם הַשַּׁבָּת וְיָצָא וְסָגַר אֶת־הַשַּׁעַר אַחֲרֵי צֵאתוֹ׃ וְכֶבֶשׂ
בֶּן־שְׁנָתוֹ תָּמִים תַּעֲשֶׂה עוֹלָה לַיּוֹם לַיהוָה בַּבֹּקֶר בַּבֹּקֶר
14 תַּעֲשֶׂה אֹתוֹ׃ וּמִנְחָה תַעֲשֶׂה עָלָיו בַּבֹּקֶר בַּבֹּקֶר שִׁשִּׁית

הָאֵיפָה

9. v יצא קרי

פעסט, זאָל ער דאָס זעלביגע מאַכען אַלע זיבען טעג — די זינד־ גאַנץ־ און שפּייז־אָפּפער, אויך דאָס אויל.

קאַפּיטעל מו

1 אַזוי זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער : דער טהויער פון אינערליכען הויף, וואָס ווענדעט זיך מזרח־צו, זאָל זיין פערשלאָסען די זעקס ארבייטס טעג, נאָר דעם שבת'דיגען טאָג זאָל ער געעפענט ווערען און דעם (ערשטען) טאָג פון מאָנאַט זאָל ער געעפענט ווערען.

2 דער פירשט זאָל אַריינגעהן דורך דעם אויסערליכען איינגאַנגס־טהויער און בלייבען שטעהן ביי די פּפאָסטען פון טהויער. און ווען די כהנים וועלען מאַכען זיין גאַנץ־אָפּפער און פריעדען־אָפּפער, זאָל ער זיך בוקען ביים שוועל פון טהיר און אַרויסגעהן ; דער טהויער זאָל ניט פערשלאָסען ווערען ביז אָבענד.

3 אין איינגאַנג פון יענעם טהויער זאָל דאָס פאָלק פון לאַנד זיך בוקען יעדען שבת און [אָנפאַנג] מאָנאַט פאַר גאָט.

4 דער גאַנץ־אָפּפער וואָס דער פירשט דאַרף ברענגען פאַר גאָט יעדען שבת — זעקס שעפּסען און איין ווידער, אָהן פעהלער.

5 אויך אַ שפּייז־אָפּפער אַן איפה צו אַ ווידער, צו אַ שעפּס איז דער שפּייז־אָפּפער וויפיעל ער וויל געבען ; אויל איז אַן איפה צו יעדער הין.

6 אין דעם [ערשטען] טאָג פון מאָנאַט — אַ יונגען אָקס אָהן אַ פעהלער, זעקס שעפּסען אָהן פעהלערן און איין ווידער.

7 אַלס שפּייז־אָפּפער זאָל ער ברענגען אַן איפה צו אַן אָקס און אַן איפה צו אַ ווידער, צו די שעפּסען לויט זיין פערמעגען ; אויל — אַ הין צו אַן איפה.

8 ווען דער פירשט קומט זאָל ער אַריין דורך דעם איינגאַנגס טהויער און אַרויס מיט די זעלביגע וועג.

9 ווען דאָס פאָלק פון לאַנד קומט צו גאָט אין די פייערטעג, איז דער וואָס געהט אַריין בוקען זיך דורך דעם צפון־טהויער, זאָל אַרויס געהען דורך דעם דרום־טהויער, און דער וואָס געהט אַריין דורך דעם דרום־טהויער זאָל אַרויסגעהען דורך דעם צפון־טהויער ; ער זאָל ניט צוריק געהען דורך דעם טהויער וואָס ער איז אַריין, נאָר דורך דעם געגענאיבערליגענדען זאָל ער אַרויס.

10 ווען דער פירשט איז מיט זיי, איז ווען זיי דאַרפען אַריינגעהען, געהט ער פאַראויס ; אָבער אַרויסגעהען געהען זיי פאַראויס.

11 אין פעסט־טעג אָדער פייערטעג זאָל דער שפּייז־אָפּפער זיין אַן איפה צו אַן אָקס אויך צו אַ ווידער ; צו שעפּסען לויט זיין פערמעגען, אויל — אַ הין צו אַן איפה.

12 ווען דער פירשט וועט ברענגען פרייוויליג אַ אָפּפער, אַ גאַנץ־ אָדער אַ פריעדען־אָפּפער צו גאָט, זאָל ער זיך עפּענען דעם טהויער וואָס איז געווענדעט צו מזרח־צו און מאַכען זיין גאַנץ־אָפּפער אָדער פריעדען־אָפּפער אַזוי ווי ער מאַכט אין אַ שבת'דיגען טאָג, דאַן זאָל ער אַרויסגעהען און פערשליעסען דעם טהויער נאָך זיין אַרויסגעהען.

13 אַ שעפּס, איין יאָהר אַלט, אָהן אַ פעהלער זאָלסטו מאַכען אַלס גאַנץ־אָפּפער צו גאָט יעדען טאָג — יעדען פריה־מאָרגען זאָלסטו עס מאַכען.

14 און אַ שפּייז אָפּפער זאָלסטו מאַכען דערצו יעדען פריה־מאָרגען אַ זעקס־

האיפה ושמן שלישית ההין לרס את־הסלת מנחה ליהוה
15 חקות עולם תמיד: ועשו את־הכבש ואת־המנחה ואת־
16 השמן בבקר בבקר עולת תמיד: * כה־אמר אדני
יהוה כי־יתן הנשיא מתנה לאיש מבניו נחלתו היא לבניו
17 תהיה אחזתם היא בנחלה: וכי־יתן מתנה מנחלתו לאחד
מעבדיו והיתה לו עד־שנת הדרור ושבת לנשיא אך
18 נחלתו בניו להם תהיה: ולא־יקח הנשיא מנחלת העם
להונתם מאחזתם מאחזתו ינחל את־בניו למען אשר לא־
19 יפצו עמי איש מאחזתו: * ויביאני במבוא אשר על־כתף
השער אל־הלשכות הקדש אל־הכהנים הפנות צפונה
20 והנה־שם מקום בירכתם ימה: ויאמר אלי זה המקום
אשר יבשלו־שם הכהנים את־האשם ואת־החטאת אשר
יאפו את־המנחה לבלתי הוציא אל־החצר החיצונה
21 לקדש את־העם: ויוציאני אל־החצר החיצונה ויעבירני
אל־ארבעת מקצועי החצר והנה חצר במקצע החצר חצר
22 במקצע החצר: בארבעת מקצעות החצר חצרות קטרות
ארבעים ארך ושלשים רחב מדה אחת לארבעתם
23 מהקצעות: וטור סביב בהם סביב לארבעתם ומבשלות
24 עשוי מתחת הטירות סביב: ויאמר אלי אלה בית
המבשלים אשר יבשלו־שם משרתי הבית את־זבח העם:

CAP. XLVII. מז

מז

א וישבני אל־פתח הבית והנה־מים יצאים מתחת מפתן
הבית קדימה כי־פני הבית קדים והמים ירדים מתחת
2 מכתף הבית הימנית מנגב למזבח: ויוציאני דרך־שער
צפונה ויסבני דרך חוץ אל־שער החוץ דרך הפונה קדים
3 והנה־מים מפכים מן־הכתף הימנית: בצאת־האיש קדים
וקו בידו וימד אלף באמה ויעברני במים מי אפסים:

וימד

v. 15. ויעשו ק׳ מ״ו ibid. ע״כ לספרדים v. 18. ע״כ לאשכנזים
v. 19. בירכתים ק׳ v. 22. נקוד עליו מ״ו v. 3. כצ״ל מ״ו

טעל איפה און אויל אַ דריטעל הין צו בעטריפען די פיינמעהל, אַלס שפייז־אָפּפער צו גאָט, אַ אייביגעס געזעץ פאר אימער.

15 דעם שעפּס, דעם שפייז־אָפּפער און די אויל, זאָלט איהר ברענגען יעדען פריה־מאָרגען, אַלס שטענדיגען אָפּפער.

16 אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער : אויב דער פירשט וועט איינעם פון זיינע קינדער אַ געשאַנק מאַכען, קוים איז דאָס זיין אייגענ־טהום זאָל דאָס זיין פאר זיינע קינדער ; דאָס בלייבט זייער אייגענטהום אַלס ערבטהייל.

17 אויב ער וועט פון זיין בעזיץ אַ געשאַנק מאַכען צו איינעם פון זיינע קנעכט, זאָל עס ביי איהם זיין ביז דעם יאָהר פון פרייהייט (יובל), דאַן קעהרט דאָס זיך צוריק צום פירשט ; אָבער וואָס ער גיט פון זיין בעזיץ צו זיינע קינדער, דאָס בלייבט ביי זיי.

18 דער פירשט זאָל ניט נעהמען פון פאָלקס אייגענטהום אום ניט צו בע־רויבען זיי פון זייער בעזיץ, נאָר פון זיין אייגענעם פערמעגען קען ער איינטהיילען זיינע קינדער, אום מיין פאָלק זאָל ניט ערוויטערט ווערען קיינער פון זיין אייגענטהום.

19 ער האָט מיר געבראַכט אין אריינגאַנג וואָס ביים זייט פון טהויער, נעבען היילינען צימער פון די כהנים, וואָס אין צפון־ווינקעל, דאָרטען איז אַן אָרט געוועזען אין מערב־ווינקעל,

20 און ער האָט צו מיר געזאָגט : דאָס איז דער אָרט וואו די כהנים קאָכען דעם שולד־ און זינד־אָפּפער, וואו זיי באַקען דעם שפייז־אָפּפער, אום ניט ארויסצוטראָגען אין אויסערליכען הויף פונאַנדער־צו־געבען דעם פאָלק.

21 ער האָט מיר ארויסגעפיהרט צום אויסערליכען הויף און האָט מיר דורכ־געפיהרט אַלע פיער ווינקלען פון הויף, ערשט אַ בעזונדער הויפ׳ל איז אין יעדען ווינקעל פון הויף.

22 אין אַלע פיער ווינקלען פון הויף זיינען געוועזען אבגעצאַמטע הויפלאַך, פיערציג די לייננ און דרייסיג די ברייט, איין מאָס צו אַלע פיער, אָב־געצאַמט אין די ווינקלען.

23 אַ וואַנד איז געוועזען ארום זיי, ארום אַלע פיער ; אונטער׳ן וואַנד ארום זיינען געמאַכט געוועזען קיכען.

24 און ער האָט צו מיר געזאָגט : דאָס זיינען די קיכען, וואו די דיענער פון הויז קאָכען די אָפּפער פון פאָלק.

קאַפּיטעל מז

1 דאַן האָט ער מיר געבראַכט צום איינגאַנג פון הויז, ערשט וואַסער קוועלט פון אונטער׳ן שוועל פון הויז, מזרח־צו, ווארום דער פאָרענט פון הויז איז מזרח־צו ; דאָס וואַסער איז ארויס פון אונטען, פון רעכטען זייט פון הויז קעגענאיבער דעם מזבח.

2 ער האָט מיר ארויסגעפיהרט דורך דעם צפון טהויער און האָט מיר ארומ־געפיהרט צום ארויסגאַנג דורך דעם אויסערליכען טהויער, וואָס איז גע־ווענדעט מזרח־צו ; דאָרט האָט וואַסער גערונען פון רעכטען זייט.

3 ווען דער מאַן איז ארויס מזרח־צו מיט דעם מאָסשנור אין האַנד, ער האָט אָבגעמאָסטען טויזענד איילען און האָט מיר אַריבערגעפיהרט דאָס וואַסער אַ פלאַכער וואַסער.

4 וַיָּמָד אֶלֶף וַיַּעֲבִרֵנִי בַמַּיִם מַיִם בִּרְכָּיִם וַיָּמָד אֶלֶף וַיַּעֲבִרֵנִי
ה מֵי מָתְנָיִם׃ וַיָּמָד אֶלֶף נַחַל אֲשֶׁר לֹא־אוּכַל לַעֲבֹר כִּי־גָאוּ
6 הַמַּיִם מֵי שָׂחוּ נַחַל אֲשֶׁר לֹא־יֵעָבֵר׃ וַיֹּאמֶר אֵלַי הֲרָאִיתָ
7 בֶן־אָדָם וַיּוֹלִכֵנִי וַיְשִׁבֵנִי עַל־שְׂפַת הַנָּחַל׃ בְּשׁוּבֵנִי וְהִנֵּה
8 אֶל־שְׂפַת הַנַּחַל עֵץ רַב מְאֹד מִזֶּה וּמִזֶּה׃ וַיֹּאמֶר אֵלַי הַמַּיִם
הָאֵלֶּה יוֹצְאִים אֶל־הַגְּלִילָה הַקַּדְמוֹנָה וְיָרְדוּ עַל־הָעֲרָבָה
9 וּבָאוּ הַיָּמָּה אֶל־הַיָּמָּה הַמּוּצָאִים וְנִרְפְּאוּ הַמָּיִם׃ וְהָיָה כָל־
נֶפֶשׁ חַיָּה ׀ אֲשֶׁר־יִשְׁרֹץ אֶל כָּל־אֲשֶׁר יָבוֹא שָׁם נַחֲלַיִם יִחְיֶה
וְהָיָה הַדָּגָה רַבָּה מְאֹד כִּי בָאוּ שָׁמָּה הַמַּיִם הָאֵלֶּה וְיֵרָפְאוּ
י וָחָי כֹּל אֲשֶׁר־יָבוֹא שָׁמָּה הַנָּחַל׃ וְהָיָה יַעַמְדוּ עָלָיו דַּוָּגִים
מֵעֵין גֶּדִי וְעַד־עֵין עֶגְלַיִם מִשְׁטוֹחַ לַחֲרָמִים יִהְיוּ לְמִינָה תִּהְיֶה
11 דְגָתָם כִּדְגַת הַיָּם הַגָּדוֹל רַבָּה מְאֹד׃ בִּצֹּאתָו וּגְבָאָיו וְלֹא
12 יֵרָפְאוּ לְמֶלַח נִתָּנוּ׃ וְעַל־הַנַּחַל יַעֲלֶה עַל־שְׂפָתוֹ מִזֶּה ׀
וּמִזֶּה ׀ כָּל־עֵץ־מַאֲכָל לֹא־יִבּוֹל עָלֵהוּ וְלֹא־יִתֹּם פִּרְיוֹ לָחֳדָשָׁיו
יְבַכֵּר כִּי מֵימָיו מִן־הַמִּקְדָּשׁ הֵמָּה יוֹצְאִים וְהָיוּ פִרְיוֹ
13 לְמַאֲכָל וְעָלֵהוּ לִתְרוּפָה׃ כֹּה אָמַר אֲדֹנָי יֱהֹוִה גֵּה
גְבוּל אֲשֶׁר תִּתְנַחֲלוּ אֶת־הָאָרֶץ לִשְׁנֵי עָשָׂר שִׁבְטֵי יִשְׂרָאֵל
14 יוֹסֵף חֲבָלִים׃ וּנְחַלְתֶּם אוֹתָהּ אִישׁ כְּאָחִיו אֲשֶׁר נָשָׂאתִי
אֶת־יָדִי לְתִתָּהּ לַאֲבֹתֵיכֶם וְנָפְלָה הָאָרֶץ הַזֹּאת לָכֶם
טו בְּנַחֲלָה׃ וְזֶה גְּבוּל הָאָרֶץ לִפְאַת צָפוֹנָה מִן־הַיָּם הַגָּדוֹל
16 הַדֶּרֶךְ חֶתְלֹן לְבוֹא צְדָדָה׃ חֲמָת ׀ בֵּרוֹתָה סִבְרַיִם אֲשֶׁר
בֵּין־גְּבוּל דַּמֶּשֶׂק וּבֵין גְּבוּל חֲמָת חָצֵר הַתִּיכוֹן אֲשֶׁר אֶל־
17 גְּבוּל חַוְרָן׃ וְהָיָה גְבוּל מִן־הַיָּם חֲצַר עֵינוֹן גְּבוּל דַּמֶּשֶׂק
18 וְצָפוֹן ׀ צָפוֹנָה וּגְבוּל חֲמָת וְאֵת פְּאַת צָפוֹן׃ וּפְאַת קָדִים
מִבֵּין חַוְרָן וּמִבֵּין־דַּמֶּשֶׂק וּמִבֵּין הַגִּלְעָד וּמִבֵּין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל
הַיַּרְדֵּן מִגְּבוּל עַל־הַיָּם הַקַּדְמוֹנִי תָּמֹדּוּ וְאֵת פְּאַת קָדִימָה׃
19 וּפְאַת נֶגֶב תֵּימָנָה מִתָּמָר עַד־מֵי מְרִיבוֹת קָדֵשׁ נַחֲלָה אֶל־

הים 58*

v. 6 כנ״א לא נמצא מלה על   v. 7 כ״א על   v. 8 הא׳ נחה   v. 9 קמץ בז״ק
v. 10 עמדו קרי   ibid. הה׳ רפה   v. 11 בצאתיו קרי   v. 12 יהיה קרי

4 דאן האָט ער נאָך טויזענד אָבגעמאָסטען און האָט מיר אַריבערגעפיהרט
דאָס וואסער — ביז די קניע ; ער האָט אָבגעמאָסטען נאָך טויזענד און
האָט מיר אַריבערגעפיהרט א וואסער ביז די לענדען.
5 ער האָט אָבגעמאָסטען נאָך טויזענד — א טייך וואָס איך קען ניט אַרי־
בער, ווארום דאָס וואסער איז זעהר הויך ; א וואסער וואָס מען דארף
שווין שווימען — א טייך וואָס מען קען ניט אַריבערגעהען.
6 און ער האָט צו מיר געזאָגט : „האָסטו געזעהען, מענשענקינד ?" דאַן
האָט ער מיר צוריקגעפיהרט צום ברעג טייך.
7 ווען איך בין צוריקגעגאַנגען ערשט אויפ'ן ברעג טייך זיינען זעהר גרויסע
ביימער פוןביידע זייטען.
8 און ער האָט צו מיר געזאָגט : דיעזע וואסער געהען צו די איסטליכע
פּראָווינצען, פון דאָרט געהען זיי אַרונטער צום פּלוין ; אַזוי וועלען זיי
פליסען פון איין ים אין אַנדערן און ווען זיי געהען אַרויס איז דאָס וואַסער
טרינקבאַר.
9 וואו נאָר דער שטראָם וועט קומען טייכלעכווייז וועט אַלס לעבעדיגעס
און קריכענדעס אָבלעבען און עס וועט זיין פיעל פיש ; וואו נאָר דיעזע
וואסערן וועלען קומען וועט אַלס פריש און לעבעדיג ווערען, וואו נאָר עס
וועט שטראָמען איינער פון די טייכלאך.
10 עס וועט ווערען א פּלאַץ וואו עס וועלען שטעהען פישער פון עין גדי
ביז עין עגלים, עס וועט זיין אויסצושפּרייטען נעצען ; די פיש וועלען
זיין פונאַנדערגעטהיילט אין פערשיעדענע אַרטען, אַזוי פיעל ווי די פיש
פון גרויסען ים.
11 בלויז די זומפּען אין וואסערגריבער וועלען ניט אַנדערש ווערען, זיי וועל־
לען בלייבען געזאַלצען.
12 אַרום טייך, פון ביידע זייטען, וועלען וואקסען פערשיעדענע פרוכט־
ביימער, עס וועט פון זיי קיין בלאַט וועלקען און קיין פרוכט אויסגעהען—
עס וועט צייטיגע פרוכט געבען יעדער מאָנאַט, ווארום זיינע וואַסערען
ציהען זיך פון היילּיגטהום ; זיינע פרוכט וועלען גוט זיין צום עסען און
זיינע בלעטער צום היילמיטעל.
13 אַזוי זאָגט דער אַלמעכטיגער — אָט דאָס איז דער גרענעץ ביז וועלכען
איהר זאָלט איינטהיילען דאָס לאַנד צו די צוועלף שטאַמען פון ישראל,
יוסף בעקומט צוויי טהיילען.
14 איהר זאָלט פונאַנדערטהיילען צו איינעם ווי צום צווייטען אָט דאָס
לאַנד וואָס איך האָב געשוואָרען צו געבען אייערע עלטערען, אָט דיעזע
לאַנד וועט אַלס ערבטהייל בלייבען ביי אייך.
15 דאָס איז דער גרענעץ פון לאַנד צום צפון ברעג, פון גרויסען ים וואָס געהט
דורך חתלון און געהט אַריין אין צדד.
16 חמת, ברותה און סברים וואָס צווישען די גרענעצען פון דמשק און חמת,
דער אינערליכער הויף וואָס ביי'ן גרענעץ פון חורן.
17 דער גרענעץ פון ים זייט ביז חצר עינון איז דער גרענעץ פון דמשק ביז
אין טיעף צפון און דער גרענעץ פון חמת מיט דעם זייט פון צפון.
18 דער מזרח זייט פון צווישען חורן, דמשק, גלעד און דאָס לאַנד פון ישראל,
איז דער ירדן גרענעץ ביז דעם איסטליכען ים זאָלט איהר מעסטען, איינ־
שליעסענד דעם מזרח זייט.
19 דער ברעג פון עבט דרום פון תמר ביז מי־מריבות אָדער קדש, א טייכעל
נעבען גרויסען ים ; דאָס איז דער דרום ברעג.

כ הַיָּם הַגָּדוֹל וְאֵת פְּאַת־תֵּימָנָה נֶגְבָּה׃ וּפְאַת־יָם הַיָּם הַגָּדוֹל
21 מִגְּבוּל עַד־נֹכַח לְבוֹא חֲמָת זֹאת פְּאַת־יָם׃ וְחִלַּקְתֶּם אֶת־
22 הָאָרֶץ הַזֹּאת לָכֶם לְשִׁבְטֵי יִשְׂרָאֵל׃ וְהָיָה תַּפִּלוּ אוֹתָהּ
בְּנַחֲלָה לָכֶם וּלְהַגֵּרִים הַגָּרִים בְּתוֹכְכֶם אֲשֶׁר־הוֹלִדוּ בָנִים
בְּתוֹכְכֶם וְהָיוּ לָכֶם כְּאֶזְרָח בִּבְנֵי יִשְׂרָאֵל אִתְּכֶם יִפְּלוּ
23 בְנַחֲלָה בְּתוֹךְ שִׁבְטֵי יִשְׂרָאֵל׃ וְהָיָה בַשֵּׁבֶט אֲשֶׁר־גָּר הַגֵּר
אִתּוֹ שָׁם תִּתְּנוּ נַחֲלָתוֹ נְאֻם אֲדֹנָי יֱהֹוִה׃

Cap. XLVIII. מח

מח

א וְאֵלֶּה שְׁמוֹת הַשְּׁבָטִים מִקְצֵה צָפוֹנָה אֶל־יַד דֶּרֶךְ־חֶתְלֹן
לְבוֹא־חֲמָת חֲצַר עֵינָן גְּבוּל דַּמֶּשֶׂק צָפוֹנָה אֶל־יַד חֲמָת
2 וְהָיוּ־לוֹ פְאַת־קָדִים הַיָּם דָּן אֶחָד׃ וְעַל ׀ גְּבוּל דָּן מִפְּאַת
3 קָדִים עַד־פְּאַת יָמָּה אָשֵׁר אֶחָד׃ וְעַל ׀ גְּבוּל אָשֵׁר מִפְּאַת
4 קָדִימָה וְעַד־פְּאַת־יָמָּה נַפְתָּלִי אֶחָד׃ וְעַל ׀ גְּבוּל נַפְתָּלִי
ה מִפְּאַת קָדִמָה עַד־פְּאַת יָמָּה מְנַשֶּׁה אֶחָד׃ וְעַל ׀ גְּבוּל
6 מְנַשֶּׁה מִפְּאַת קָדִמָה עַד־פְּאַת יָמָּה אֶפְרַיִם אֶחָד׃ וְעַל ׀
גְּבוּל אֶפְרַיִם מִפְּאַת קָדִים וְעַד־פְּאַת־יָמָּה רְאוּבֵן אֶחָד׃
7 וְעַל ׀ גְּבוּל רְאוּבֵן מִפְּאַת קָדִים עַד־פְּאַת יָמָּה יְהוּדָה אֶחָד׃
8 וְעַל גְּבוּל יְהוּדָה מִפְּאַת קָדִים עַד־פְּאַת יָמָּה תִּהְיֶה
הַתְּרוּמָה אֲשֶׁר־תָּרִימוּ חֲמִשָּׁה וְעֶשְׂרִים אֶלֶף רֹחַב וְאֹרֶךְ
כְּאַחַד הַחֲלָקִים מִפְּאַת קָדִימָה עַד־פְּאַת־יָמָּה וְהָיָה
9 הַמִּקְדָּשׁ בְּתוֹכוֹ׃ הַתְּרוּמָה אֲשֶׁר תָּרִימוּ לַיהוָה אֹרֶךְ
י חֲמִשָּׁה וְעֶשְׂרִים אֶלֶף וְרֹחַב עֲשֶׂרֶת אֲלָפִים׃ וּלְאֵלֶּה
תִּהְיֶה תְרוּמַת־הַקֹּדֶשׁ לַכֹּהֲנִים צָפוֹנָה חֲמִשָּׁה וְעֶשְׂרִים
אֶלֶף וְיָמָּה רֹחַב עֲשֶׂרֶת אֲלָפִים וְקָדִימָה רֹחַב עֲשֶׂרֶת
אֲלָפִים וְנֶגְבָּה אֹרֶךְ חֲמִשָּׁה וְעֶשְׂרִים אָלֶף וְהָיָה מִקְדַּשׁ־
11 יְהוָה בְּתוֹכוֹ׃ לַכֹּהֲנִים הַמְקֻדָּשׁ מִבְּנֵי צָדוֹק אֲשֶׁר שָׁמְרוּ
מִשְׁמַרְתִּי אֲשֶׁר לֹא־תָעוּ בִּתְעוֹת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל כַּאֲשֶׁר תָּעוּ

הלוים

מ״ח v. 8. כצ״ל v. 10. ב׳ טעמים

20 דער מערב ברעג איז דער גרויסער ים, פון גרענעץ ביז קעגנאיבער דעם
אַריינגאַנג פון חמת; דאָס איז דער מערב ברעג.
21 דאָס לאַנד זאָלט איהר צווישען זיך צוטהיילען לויט די שטאַמען פון
ישראל.
22 איהר זאָלט עס [מיט אַ גורל] פונאַנדער אײַנטהיילען פאַר אײַך און
פרעמדלינגע וואָס וואָהנען צווישען אײַך און וועלען ביי אײַך קינדער
האָבען; זיי זאָלען ביי אײַך זיין ווי די אײַנגעבאָרענע אונטער די קינדער
ישראל גלייך מיט אײַך זאָל מען זיי אַ טהייל צו וואַרפען צווישען די שטאַ־
מען פון ישראל.
23 אין דעם שטאַם וואָס דער פרעמדלינג וואהנט, דאָרט זאָלט איהר איהם
אַ טהייל געבען — זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער.

קאַפּיטעל מח

1 דאָס זיינען די נעמען פון די שטאַמען פון צפון ברעג געהענדיג צו חתלון
ביי'ן אַריינגאַנג פון חמת — עינן, דער גרענעץ פון דמשק צפון צו, נע־
בען חמת, צוזאַמען מיט דעם מזרח ברעג פון ים — איין טהייל פאַר דן.
2 נעבען דן'ס גרענעץ, פון מזרח ברעג ביז דעם מערב ברעג — איין טהייל
פאַר אשר.
3 נעבען אשר'ס גרענעץ פון מזרח ברעג ביז מערב ברעג — איין טהייל
פאַר נפתלי.
4 נעבען נפתלי'ס גרענעץ, פון מזרח ברעג ביז מערב ברעג — איין טהייל
פאַר מנשה.
5 נעבען מנשה'ס גרענעץ, פון מזרח ברעג ביז מערב ברעג — איין טהייל
פאַר אפרים.
6 נעבען אפרים'ס גרענעץ, פון מזרח ברעג ביז מערב ברעג — איין טהייל
פאַר ראובן.
7 נעבען ראובן'ס גרענעץ, פון מזרח ברעג ביז מערב ברעג — איין טהייל
פאַר יהודה.
8 נעבען יהודה'ס גרענעץ, פון מזרח ברעג ביז מערב ברעג, זאָל זיין דער
אָבגעטהיילטער פּלאַץ וואָס איהר דאַרפט אָבטהיילען, פינף און צוואַנ־
ציג טויזענד (איילען) די ברייט, און די לענג ווי איינער פון די טהיילען
וועלכע ציהען זיך פון מזרח ברעג ביז מערב ברעג; אין דעם אָרט זאָל
דאָס הייליגע הויז זיין.
9 דער פּלאַץ וועלכען איהר דאַרפט אָבטהיילען פאַר גאָט זאָל זיין פינף־
און־צוואַנציג טויזענד (איילען) די לענג און צעהן טויזענד די ברייט.
10 פאַר דיעזע — פאַר די כהנים, זאָל זיין דאָס אָבגעטהיילטע הייליגע לאַנד:
אין צפון זייט פינף־און־צוואַנציג טויזענד איילען (די לענג), אין מערב
זייט צעהן טויזענד איילען די ברייט אויך אין מזרח זייט צעהן טויזענד
איילען די ברייט; אין דרום זייט פינף־און־צוואַנציג טויזענד איילען די
לענג. אויף דעם פּלאַץ זאָל גאָט'ס הייליגטהום זיין.
11 פאַר די כהנים פונ'ם הייליגטהום, וואָס שטאַמען פון צדוק, וועלכע האָבען
אָבגעהיט מיינע בעפעהלען און האָבען ניט צוזאַמען מיט די קינדער ישראל
אָבגעטראָטען פון מיר ווי די לוים האָבען געטהאָן;

12 הַלְוִיִּֽם׃ וְהָיְתָ֨ה לָהֶ֧ם תְּרוּמִיָּ֛ה מִתְּרוּמַ֥ת הָאָ֖רֶץ קֹ֣דֶשׁ
13 קָֽדָשִׁ֑ים אֶל־גְּב֖וּל הַלְוִיִּֽם׃ וְהַלְוִיִּ֞ם לְעֻמַּ֨ת גְּב֤וּל הַכֹּֽהֲנִים֙
חֲמִשָּׁ֨ה וְעֶשְׂרִ֥ים אֶ֙לֶף֙ אֹ֔רֶךְ וְרֹ֖חַב עֲשֶׂ֣רֶת אֲלָפִ֑ים כָּל־אֹ֗רֶךְ
14 חֲמִשָּׁ֤ה וְעֶשְׂרִים֙ אֶ֔לֶף וְרֹ֖חַב עֲשֶׂ֥רֶת אֲלָפִֽים׃ וְֽלֹא־יִמְכְּר֣וּ
מִמֶּ֗נּוּ וְלֹ֥א יָמֵ֛ר וְלֹ֥א יַעֲב֖וֹר רֵאשִׁ֣ית הָאָ֑רֶץ כִּי־קֹ֖דֶשׁ לַיהוָֽה׃
טו וַחֲמֵ֣שֶׁת אֲלָפִ֗ים הַנּוֹתָ֤ר בָּרֹ֙חַב֙ עַל־פְּנֵי֙ חֲמִשָּׁ֣ה וְעֶשְׂרִ֔ים
אֶ֗לֶף חֹל־ה֥וּא לָעִ֛יר לְמוֹשָׁ֖ב וּלְמִגְרָ֑שׁ וְהָיְתָ֥ה הָעִ֖יר בְּתוֹכֹֽה׃
16 וְאֵ֙לֶּה֙ מִדּוֹתֶ֔יהָ פְּאַ֨ת צָפ֜וֹן חֲמֵ֧שׁ מֵא֣וֹת וְאַרְבַּ֣עַת אֲלָפִ֗ים
וּפְאַת־נֶ֗גֶב חֲמֵ֥שׁ חמש מֵא֖וֹת וְאַרְבַּ֣עַת אֲלָפִ֑ים וּמִפְּאַ֣ת
קָדִ֗ים חֲמֵ֤שׁ מֵאוֹת֙ וְאַרְבַּ֣עַת אֲלָפִ֔ים וּפְאַת־יָ֕מָּה חֲמֵ֥שׁ
17 מֵא֖וֹת וְאַרְבַּ֥עַת אֲלָפִֽים׃ וְהָיָ֣ה מִגְרָשׁ֮ לָעִיר֒ צָפ֗וֹנָה
חֲמִשִּׁ֣ים וּמָאתַ֔יִם וָנֶ֖גְבָּה חֲמִשִּׁ֣ים וּמָאתָ֑יִם וְקָ֗דִימָה חֲמִשִּׁים֙
18 וּמָאתַ֔יִם וְיָ֖מָּה חֲמִשִּׁ֥ים וּמָאתָֽיִם׃ וְהַנּוֹתָ֨ר בָּאֹ֜רֶךְ לְעֻמַּ֣ת ׀
תְּרוּמַ֣ת הַקֹּ֗דֶשׁ עֲשֶׂ֨רֶת אֲלָפִ֤ים קָדִ֙ימָה֙ וַעֲשֶׂ֣רֶת אֲלָפִ֣ים
יָ֔מָּה וְהָיָ֕ה לְעֻמַּ֖ת תְּרוּמַ֣ת הַקֹּ֑דֶשׁ וְהָיְתָ֤ה תְבוּאָתֹה֙ לְלֶ֔חֶם
19 לְעֹבְדֵ֖י הָעִֽיר׃ וְהָעֹבֵ֖ד הָעִ֑יר יַעַבְד֕וּהוּ מִכֹּ֖ל שִׁבְטֵ֥י יִשְׂרָאֵֽל׃
כ כָּל־הַתְּרוּמָ֗ה חֲמִשָּׁ֤ה וְעֶשְׂרִים֙ אֶ֔לֶף בַּחֲמִשָּׁ֥ה וְעֶשְׂרִ֖ים
אָ֑לֶף רְבִיעִ֗ית תָּרִ֙ימוּ֙ אֶת־תְּרוּמַ֣ת הַקֹּ֔דֶשׁ אֶל־אֲחֻזַּ֖ת הָעִֽיר׃
21 וְהַנּוֹתָ֣ר לַנָּשִׂ֣יא מִזֶּ֣ה ׀ וּמִזֶּ֣ה ׀ לִתְרֽוּמַת־הַקֹּ֣דֶשׁ וְלַאֲחֻזַּ֣ת
הָעִ֡יר אֶל־פְּנֵי֩ חֲמִשָּׁ֨ה וְעֶשְׂרִ֥ים אֶ֙לֶף ׀ תְּרוּמָ֜ה עַד־גְּב֣וּל
קָדִ֗ימָה וְיָ֡מָּה עַל־פְּנֵי֩ חֲמִשָּׁ֨ה וְעֶשְׂרִ֥ים אֶ֙לֶף֙ עַל־גְּב֣וּל יָ֔מָּה
לְעֻמַּ֥ת חֲלָקִ֖ים לַנָּשִׂ֑יא וְֽהָיְתָ֗ה תְּרוּמַ֤ת הַקֹּ֙דֶשׁ֙ וּמִקְדַּ֥שׁ
22 הַבַּ֖יִת בְּתוֹכֹֽה׃ וּמֵאֲחֻזַּ֤ת הַלְוִיִּם֙ וּמֵאֲחֻזַּ֣ת הָעִ֔יר בְּת֛וֹךְ אֲשֶׁ֥ר
לַנָּשִׂ֖יא יִהְיֶ֑ה בֵּ֣ין ׀ גְּב֣וּל יְהוּדָ֗ה וּבֵין֙ גְּב֣וּל בִּנְיָמִ֔ן לַנָּשִׂ֖יא
23 יִהְיֶֽה׃ וְיֶ֖תֶר הַשְּׁבָטִ֑ים מִפְּאַ֥ת קָדִ֛ימָה עַד־פְּאַת־יָ֖מָּה בִּנְיָמִ֥ן
24 אֶחָֽד׃ וְעַ֣ל ׀ גְּב֣וּל בִּנְיָמִ֗ן מִפְּאַ֥ת קָדִ֛ימָה עַד־פְּאַת־יָ֖מָּה
כה שִׁמְע֥וֹן אֶחָֽד׃ וְעַ֣ל ׀ גְּב֣וּל שִׁמְע֗וֹן מִפְּאַ֥ת קָדִ֛ימָה עַד־פְּאַת־

ימה

v. 14. יעבור ק׳ v. 15. בתוכו ק׳ v. 16. חמש כתוב ולא ק׳ v. 18. תבואתו ק׳ v. 21. בתוכו ק׳

12 פֿאַר זיי זאָל זיין דאָס אָבגעטהיילטע פֿון דאָס לאַנד איינטהיילונג, דאָס איז אַלס הייליגעס בעשטימט פֿאַר דעם גרענעץ פֿון די לוים.

13 די לוים זאָלען האָבען, קעגענאיבער די כהנים׳ס גרענעץ, פֿינף־און־צוואַנ־ציג טויזענד די לענג און צעהן טויזענד די ברייט, ד. ה. דעם גאַנצען לענג פֿון פֿינף־און־צוואַנציג טויזענד און די ברייט פֿון צעהן טויזענד.

14 דערפֿון זאָל ניט פֿערקויפֿט ווערען אויך ניט אויסגעביטען ווערען, אום עס זאָל צו קיינעם ניט אַריבער די הויפּט־לאַנד, ד. ה. דאָס פֿערהייליגטע צו גאָט.

15 די פֿינף טויזענד וואָס בלייבט איבער פֿון די ברייט אין פֿאָרענט פֿון די פֿינף־ און־צוואַנציג טויזענד, דאָס איז אונהייליג אַלס אַ שטאָרט צום וואָהנען און פֿארשטעדט, דאָרטען זאָל די שטאָדט זיין.

16 דאָס איז איהר אויסמעסטונג : אין צפֿון ברעג פֿיער טויזענד פֿינף הונדערט, אין דרום זייט פֿיער טויזענד פֿינף הונדערט, אין מזרח זייט פֿיער טויזענד פֿינף הונדערט אין מערב זייט פֿיער טויזענד פֿינף הונדערט.

17 אַ פֿאָרשטאָדט זאָל די שטאָדט האָבען אין צפֿון זייט צוויי הונדערט און פֿופֿציג, דרום זייט צוויי הונדערט און פֿופֿציג, מזרח זייט צוויי הונדערט און פֿופֿציג און מערב זייט צוויי הונדערט און פֿופֿציג.

18 דאָס געבליעבענע פֿון די לענג קעגענאיבער דאָס הייליגע איינטהיילונג, צעהן טויזענד אין מזרח זייט און צעהן טויזענד אין מערב זייט, דאָס זאָל זיין קעגענאיבער דאָס הייליגע איינטהיילונג, דאָרטען זאָל געטריידע וואַקסען צו שפּייז פֿאַר די אַרבייטער פֿון שטאָדט.

19 די שטאָדט אַרבייטער קענען זיין פֿון אַלע שטאַמען ישראל׳ס.

20 דער גאַנצער אָבגעטהיילטער פּלאַץ זאָל זיין פֿינף־און־צוואַנציג טויזענד אויף פֿינף־און־צוואַנציג טויזענד ; איין פֿיערטעל דערפֿון זאָלט איהר אָבטהיילען, אַלס הייליגע אָבטהיילונג פֿאַר שטאָדט אייגענטהום.

21 וואָס עס בלייבט פֿון ביידע זייטען פֿונ׳ם פֿירשט׳ס אייגענטהום, ווי פֿון דאָס הייליגע איינטהיילונג אַזוי פֿון שטאָדט־אייגענטהום, אין פֿאָרענט פֿון די פֿינף־און־צוואַנציג טויזענד אָבגעטהיילטע ביי די גרענעצען פֿון מזרח און מערב זייטען ; אויך אין פֿאָרענט פֿון די פֿינף־און־צוואַנציג טויזענד ביי׳ן מערב גרענעץ נעבען די איינטהיילונגען דעם פֿירשט׳ס, דאָס זאָל זיין דאָס טהייל פֿאַר׳ן הייליגטהום, אויף דעם אָרט זאָל זיין דאָס הייליגע הויז.

22 פֿון די לוים׳ס אייגענטהום אויך פֿון די אינערליכע שטאָדט־אייגענטהום, זאָל געהערען צום פֿירשט ; דאָס וואָס עס ליעגט צווישען די גרענעצען פֿון יהודה און בנימין, זאָל געהערען צום פֿירשט.

23 פֿאַר די איבעריגע שטאַמען : פֿון מזרח ברעג ביז מערב ברעג — איין טהייל פֿאַר בנימין.

24 נעבען בנימין׳ס גרענעץ, פֿון מזרח ברעג ביז מערב ברעג — איין טהייל פֿאַר שמעון.

25 נעבען שמעון׳ס גרענעץ, פֿון מזרח ברעג ביז מערב ברעג — איין טהייל פֿאַר יששכר.

26 יָמָּה יִשָּׂשכָר אֶחָד׃ וְעַל ׀ גְּבוּל יִשָּׂשכָר מִפְּאַת קָדִימָה
27 עַד־פְּאַת־יָמָּה זְבוּלֻן אֶחָד׃ וְעַל ׀ גְּבוּל זְבוּלֻן מִפְּאַת קָדְמָה
28 עַד־פְּאַת־יָמָּה גָּד אֶחָד׃ וְעַל גְּבוּל גָּד אֶל־פְּאַת נֶגֶב תֵּימָנָה
וְהָיָה גְבוּל מִתָּמָר מֵי מְרִיבַת קָדֵשׁ נַחֲלָה עַל־הַיָּם הַגָּדוֹל׃
29 זֹאת הָאָרֶץ אֲשֶׁר־תַּפִּילוּ מִנַּחֲלָה לְשִׁבְטֵי יִשְׂרָאֵל וְאֵלֶּה
ל מַחְלְקֹתָם נְאֻם אֲדֹנָי יֱהוִה׃ וְאֵלֶּה תּוֹצְאֹת הָעִיר
31 מִפְּאַת צָפוֹן חֲמֵשׁ מֵאוֹת וְאַרְבַּעַת אֲלָפִים מִדָּה׃ וְשַׁעֲרֵי
הָעִיר עַל־שְׁמוֹת שִׁבְטֵי יִשְׂרָאֵל שְׁעָרִים שְׁלוֹשָׁה צָפוֹנָה
32 שַׁעַר רְאוּבֵן אֶחָד שַׁעַר יְהוּדָה אֶחָד שַׁעַר לֵוִי אֶחָד׃ וְאֶל־
פְּאַת קָדִימָה חֲמֵשׁ מֵאוֹת וְאַרְבַּעַת אֲלָפִים וּשְׁעָרִים
שְׁלֹשָׁה וְשַׁעַר יוֹסֵף אֶחָד שַׁעַר בִּנְיָמִן אֶחָד שַׁעַר דָּן אֶחָד׃
33 וּפְאַת־נֶגְבָּה חֲמֵשׁ מֵאוֹת וְאַרְבַּעַת אֲלָפִים מִדָּה וּשְׁעָרִים
שְׁלֹשָׁה שַׁעַר שִׁמְעוֹן אֶחָד שַׁעַר יִשָּׂשכָר אֶחָד שַׁעַר זְבוּלֻן
34 אֶחָד׃ פְּאַת־יָמָּה חֲמֵשׁ מֵאוֹת וְאַרְבַּעַת אֲלָפִים שַׁעֲרֵיהֶם
שְׁלֹשָׁה שַׁעַר גָּד אֶחָד שַׁעַר אָשֵׁר אֶחָד שַׁעַר נַפְתָּלִי אֶחָד׃
סָבִיב שְׁמֹנָה עָשָׂר אָלֶף וְשֵׁם־הָעִיר מִיּוֹם יְהוָה ׀ שָׁמָּה׃

חזק

סכום הפסוקים של יחזקאל אלף ומאתים ושבעים ושלשה. כא״ל תערג על אפיקי מים כן נפשי תערג אליך אלהים סימן. וחציו. ויהי בעשתי עשרה שנה באחד לחדש. וסדריו תשעה ועשרים ותרא אתו כי טוב הוא סימן:

26 נעבען ישׂשכר׳ס גרענעץ, פון מזבח ברעג ביז מערב ברעג — איין טהייל
פאַר זבולן.
27 נעבען זבולן׳ס גרענעץ, פון מזרח ברעג ביז מערב ברעג — איין טהייל
פאַר גד.
28 נעבען גד׳ס גרענעץ, צום דרום ברעג, זאָל זיין דער גרענעץ פון תמר און
דעם טייכעל מי־מריבת־קדש ביז דעם גרויסען ים.
29 דאָס איז דאָס לאַנד וועלכע איהר זאָלט דורך גורל־וואַרפען צוטהיילען צו
די שטאַמען ישראל׳ס, און דאָס זיינען זייערע אַיינטהיילונגען — זאָגט גאָט
דער אַלמעכטיגער.
30 דאָס זיינען די אַרויסגאַנגען פון שטאָדט: פון צפון ברעג פיער טויזענד
פינף הונדערט איילען, אויסגעמאָסטען.
31 די טהויערען פון שטאָדט נאָך די נעמען פון די שטאַמען ישראל׳ס, די
דריי פון צפון — איין טהויער ראובן, איין טהויער יהודה, איין טהויער
לוי.
32 אין מזרח ברעג — פיער טויזענד פינף הונדערט און דריי טהויערען:
איין טהויער יוסף, איין טהויער בנימין, איין טהויער דן.
33 אין דרום זייט — פיער טויזענד פינף הונדערט איילען, אויסגעמאָסטען
און דריי טהויערען: איין טהויער שמעון, איין טהויער ישׂשכר, איין
טהויער זבולן.
34 אין מערב זייט — פיער טויזענד פינף הונדערט און דריי טהויערען:
איין טהויער גד, איין טהויער אשר, איין טהויער נפתלי.
35 דער אומקרייז איז געווען אַכטצעהן טויזענד; דער נאָמען פון שטאָדט
איז פון יעצט — „גאָט־איז־דאָרטען”.

חזק.

אין יחזקאל געפינען זיך טויזענד צוויי הונדערט דריי און זיעבעציג
פסוקים און אכט און פערציג קאַפּיטלאַך.

הושע

LIBER HOSEÆ.

CAPUT I. א

א דְּבַר־יְהוָה ׀ אֲשֶׁר הָיָה אֶל־הוֹשֵׁעַ בֶּן־בְּאֵרִי בִּימֵי עֻזִּיָּה
יוֹתָם אָחָז יְחִזְקִיָּה מַלְכֵי יְהוּדָה וּבִימֵי יָרָבְעָם בֶּן־יוֹאָשׁ
מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל׃ תְּחִלַּת דִּבֶּר־יְהוָה בְּהוֹשֵׁעַ וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־ 2
הוֹשֵׁעַ לֵךְ קַח־לְךָ אֵשֶׁת זְנוּנִים וְיַלְדֵי זְנוּנִים כִּי־זָנֹה תִזְנֶה
הָאָרֶץ מֵאַחֲרֵי יְהוָה׃ וַיֵּלֶךְ וַיִּקַּח אֶת־גֹּמֶר בַּת־דִּבְלָיִם 3
וַתַּהַר וַתֵּלֶד לוֹ בֵּן׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה אֵלָיו קְרָא שְׁמוֹ יִזְרְעֶאל 4
כִּי־עוֹד מְעַט וּפָקַדְתִּי אֶת־דְּמֵי יִזְרְעֶאל עַל־בֵּית יֵהוּא
וְהִשְׁבַּתִּי מַמְלְכוּת בֵּית יִשְׂרָאֵל׃ וְהָיָה בַּיּוֹם הַהוּא וְשָׁבַרְתִּי ה
אֶת־קֶשֶׁת יִשְׂרָאֵל בְּעֵמֶק יִזְרְעֶאל׃ וַתַּהַר עוֹד וַתֵּלֶד בַּת 6
וַיֹּאמֶר לוֹ קְרָא שְׁמָהּ לֹא רֻחָמָה כִּי לֹא אוֹסִיף עוֹד אֲרַחֵם
אֶת־בֵּית יִשְׂרָאֵל כִּי־נָשֹׂא אֶשָּׂא לָהֶם׃ וְאֶת־בֵּית יְהוּדָה 7
אֲרַחֵם וְהוֹשַׁעְתִּים בַּיהוָה אֱלֹהֵיהֶם וְלֹא אוֹשִׁיעֵם בְּקֶשֶׁת
וּבְחֶרֶב וּבְמִלְחָמָה בְּסוּסִים וּבְפָרָשִׁים׃ וַתִּגְמֹל אֶת־לֹא 8
רֻחָמָה וַתַּהַר וַתֵּלֶד בֵּן׃ וַיֹּאמֶר קְרָא שְׁמוֹ לֹא עַמִּי כִּי אַתֶּם 9
לֹא עַמִּי וְאָנֹכִי לֹא־אֶהְיֶה לָכֶם׃

CAP. II. ב

ב

א וְהָיָה מִסְפַּר בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל כְּחוֹל הַיָּם אֲשֶׁר לֹא־יִמַּד וְלֹא
יִסָּפֵר וְהָיָה בִּמְקוֹם אֲשֶׁר־יֵאָמֵר לָהֶם לֹא־עַמִּי אַתֶּם
יֵאָמֵר לָהֶם בְּנֵי אֵל־חָי׃ וְנִקְבְּצוּ בְּנֵי־יְהוּדָה וּבְנֵי־יִשְׂרָאֵל 2
יַחְדָּו וְשָׂמוּ לָהֶם רֹאשׁ אֶחָד וְעָלוּ מִן־הָאָרֶץ כִּי גָדוֹל יוֹם
יזרעאל

v. 1. הפטרה במדבר סיני

הושע

קאַפּיטעל א

1 גאָט'ס וואָרט וואָס איז געווען צו הושע, בארי'ס זוהן, אין די צייטען
פון עזיה, יותם, אחז און יחזקיה, די קעניגע פון יהודה, אויך אין די
צייטען פון ירבעם, יואש'ס זוהן, קעניג פון ישראל.

2 די ערשטע רעדע גאָט'ס צו הושע'ן. גאָט האָט צו הושע'ן געזאָגט:
געה הייראטהע אַ גאַסען־פרוי, וועלכע האָט קינדער פון אויסגעלאסענ־
הייט, ווארום דאָס לאַנד וועט זאַ־ווי־זאָ אָבקעהרען פון גאָט."

3 ער איז געגאַנגען און געהייראטהע גמר, דבלים'ס טאָכטער, זי איז שוואַנ־
גער געוואָרען און האָט איהם אַ זוהן געבוירען.

4 דאַן האָט גאָט צו איהם געזאָגט: גיב איהם אַ נאָמען „יזרעאל", וואַ־
רום אין אַ קורצע צייט וועל איך אויפמאהנען יזרעאל'ס בלוט פון יהוא'ס
הויז און וועל צושטערען די רעגיערונג פונ'ם הויז ישראל.

5 אין יענער צייט וועל איך צוברעכען ישראל'ס בויגען אינ'ם טהאָל
יזרעאל.

6 זי איז ווידער שוואַנגער געוואָרען און האָט אַ טאָכטער געבאָרען; האָט
גאָט צו איהם געזאָגט: גיב איהר אַ נאָמען „לאַ־רחמה", ווארום איך
וועל שוין מעהר קיין מיטלייד האָבען מיט דאָס הויז ישראל אַזוי ווי
איך האָב זיי אַלץ פערציהען ביז יעצט.

7 אָבער מיט דעם הויז פון יהודה וועל איך מיטלייד האָבען און איך וועל זיי
העלפען זאָ וואהר ווי איך בין זייער גאָט; איך וועל זיי ניט העלפען
דורך בויגענס, שווערדען און קריעג, דורך פערד און רייטער.

8 אַז זי האָט ענטוועהנט לאַ־רחמה'ן איז זי שוואַנגער געוואָרען און נאָך
אַ זוהן געבוירען.

9 האָט ער געזאָגט: גיב איהם אַ נאָמען „לאַ־עמי", ווארום, קיום זייט
איהר ניט מיין פאָלק וועל איך מיט אייך ניט זיין.

קאַפּיטעל ב

1 די צאָהל פון די קינדער ישראל וועט זיין ווי די זאַמד ביים ים, וועלכע
מען קען ניט מעסטען און ניט צעהלען; דאַן וועט עס געשעהען אַז
אָנשטאָט וואָס מען זאָגט יעצט צו זיי: „איהר זייט ניט מיין פאָלק!"
וועט מען צו זיי זאָגען: „איהר זייט די קינדער פונ'ם לעבעדיגען גאָט.

2 דאַן וועלען זיך צוזאַמענקומען די קינדער יהודה מיט די קינדער ישראל,
זיי וועלען זיך אָנשטעלען אַ הויפּטמאַן און אַוועקגעהן פונ'ם לאַנד —
גרויס וועט זיין דער טאָג פון דער געטליכער פערזאַמלונג!

3 4 יִזְרְעֶאל׃ אִמְרוּ לַאֲחֵיכֶם עַמִּי וְלַאֲחוֹתֵיכֶם רֻחָמָה׃ רִיבוּ
בְאִמְּכֶם רִיבוּ כִּי־הִיא לֹא אִשְׁתִּי וְאָנֹכִי לֹא אִישָׁהּ וְתָסֵר
ה זְנוּנֶיהָ מִפָּנֶיהָ וְנַאֲפוּפֶיהָ מִבֵּין שָׁדֶיהָ׃ פֶּן־אַפְשִׁיטֶנָּה
עֲרֻמָּה וְהִצַּגְתִּיהָ כְּיוֹם הִוָּלְדָהּ וְשַׂמְתִּיהָ כַמִּדְבָּר וְשַׁתִּהָ
6 כְּאֶרֶץ צִיָּה וַהֲמִתִּיהָ בַּצָּמָא׃ וְאֶת־בָּנֶיהָ לֹא אֲרַחֵם כִּי־
7 בְנֵי זְנוּנִים הֵמָּה׃ כִּי זָנְתָה אִמָּם הֹבִישָׁה הוֹרָתָם כִּי
אָמְרָה אֵלְכָה אַחֲרֵי מְאַהֲבַי נֹתְנֵי לַחְמִי וּמֵימַי צַמְרִי
8 וּפִשְׁתִּי שַׁמְנִי וְשִׁקּוּיָי׃ לָכֵן הִנְנִי־שָׂךְ אֶת־דַּרְכֵּךְ בַּסִּירִים
9 וְגָדַרְתִּי אֶת־גְּדֵרָהּ וּנְתִיבוֹתֶיהָ לֹא תִמְצָא׃ וְרִדְּפָה אֶת־
מְאַהֲבֶיהָ וְלֹא־תַשִּׂיג אֹתָם וּבִקְשָׁתַם וְלֹא תִמְצָא וְאָמְרָה
אֵלְכָה וְאָשׁוּבָה אֶל־אִישִׁי הָרִאשׁוֹן כִּי טוֹב לִי אָז מֵעָתָּה׃
י וְהִיא לֹא יָדְעָה כִּי אָנֹכִי נָתַתִּי לָהּ הַדָּגָן וְהַתִּירוֹשׁ
11 וְהַיִּצְהָר וְכֶסֶף הִרְבֵּיתִי לָהּ וְזָהָב עָשׂוּ לַבָּעַל׃ לָכֵן אָשׁוּב
וְלָקַחְתִּי דְגָנִי בְּעִתּוֹ וְתִירוֹשִׁי בְּמוֹעֲדוֹ וְהִצַּלְתִּי צַמְרִי
12 וּפִשְׁתִּי לְכַסּוֹת אֶת־עֶרְוָתָהּ׃ וְעַתָּה אֲגַלֶּה אֶת־נַבְלֻתָהּ
13 לְעֵינֵי מְאַהֲבֶיהָ וְאִישׁ לֹא־יַצִּילֶנָּה מִיָּדִי׃ וְהִשְׁבַּתִּי כָּל־
14 מְשׂוֹשָׂהּ חַגָּהּ חָדְשָׁהּ וְשַׁבַּתָּהּ וְכֹל מוֹעֲדָהּ׃ וַהֲשִׁמֹּתִי
גַּפְנָהּ וּתְאֵנָתָהּ אֲשֶׁר אָמְרָה אֶתְנָה הֵמָּה לִי אֲשֶׁר נָתְנוּ־
טו לִי מְאַהֲבָי וְשַׂמְתִּים לְיַעַר וַאֲכָלָתַם חַיַּת הַשָּׂדֶה׃ וּפָקַדְתִּי
עָלֶיהָ אֶת־יְמֵי הַבְּעָלִים אֲשֶׁר תַּקְטִיר לָהֶם וַתַּעַד נִזְמָהּ
וְחֶלְיָתָהּ וַתֵּלֶךְ אַחֲרֵי מְאַהֲבֶיהָ וְאֹתִי שָׁכְחָה נְאֻם־יְהוָה׃
16 לָכֵן הִנֵּה אָנֹכִי מְפַתֶּיהָ וְהֹלַכְתִּיהָ הַמִּדְבָּר וְדִבַּרְתִּי עַל־
17 לִבָּהּ׃ וְנָתַתִּי לָהּ אֶת־כְּרָמֶיהָ מִשָּׁם וְאֶת־עֵמֶק עָכוֹר לְפֶתַח
תִּקְוָה וְעָנְתָה שָׁמָּה כִּימֵי נְעוּרֶיהָ וּכְיוֹם עֲלוֹתָהּ מֵאֶרֶץ־
18 מִצְרָיִם׃ וְהָיָה בַיּוֹם־הַהוּא נְאֻם־יְהוָה תִּקְרְאִי אִישִׁי
19 וְלֹא־תִקְרְאִי־לִי עוֹד בַּעְלִי׃ וַהֲסִרֹתִי אֶת־שְׁמוֹת הַבְּעָלִים
כ מִפִּיהָ וְלֹא־יִזָּכְרוּ עוֹד בִּשְׁמָם׃ וְכָרַתִּי לָהֶם בְּרִית בַּיּוֹם
הַהוּא עִם־חַיַּת הַשָּׂדֶה וְעִם־עוֹף הַשָּׁמַיִם וְרֶמֶשׂ הָאֲדָמָה

וקשת

3 רופט אייערע ברידער „עמי” און אייערע שוועסטער — „רחמה”.

4 שטרייט קעגען אייער מוטער, שטרייט! ווארום אויב זי איז ניט מיין פרוי, בין איך ניט איהר מאַן; ביז זי וועט אָבשאַפען די פרעכהייט פון איהר געזיכט און איהר אויסגעלאַסענהייט פון איהר בוזים.

5 אויב ניט וועל איך איהר אויסטהאָן און לאָזען שטעהען ווי אין דעם טאָג ווען זי איז געבוירען געוואָרען, איך וועל איהר מאַכען ווי אַ וויסטע, איך וועל איהר פערדאַרען ווי אַ טרוקענעס לאַנד און וועל איהר לאָזען שטאַרבען פון דאָרשט.

6 אויך מיט איהרע קינדער וועל איך קיין מיטלייד האָבען, ווארום זיי זיינען פון אויסגעלאַסענהייט געבוירען.

7 אויסגעלאַסען איז זייער מוטער, פערשעהמט איז זייער געבערערין — זי האָט אימער געזאָגט: „איך וועל מיר נאָכגעהן מיינע געליעבטע, וועלכע גיבען מיר מיין ברויט און וואַסער, מיין וואָל און פלאַקס, מיין שמיר־אויל און געטראַנקען.”

8 דערפאַר וועל איך דיין וועג מיט דערנער פערלעגען, איך וועל עס אַזוי ארומצוימען אַז זי וועט קיין אויסוועג געפינען.

9 זי וועט לויפען נאָך איהרע געליעבטע און וועט זיי ניט גרייכען, זי וועט זיי זוכען און וועט ניט געפינען; דאַן וועט זי זאָגען: איך וועל שוין געהן און אומקעהרען זיך צו מיין ערשטען מאַן, ווארום דאַמאָלס איז מיר בעסער געוועזען אַלס יעצט.

10 ווען איך האָב איהר געגעבען קאָרן, וויין און אויל, האָט זי דאָס ניט אנערקענט; דאָס זילבער און גאָלד וואָס איך האָב איהר פיעל געגעבען איז געזאַמעלט געוועזען פאַר׳ן בעל.

11 דערפאַר וועל איך צוריק נעהמען מיין קאָרן אין זיין צייט און מיין וויין אין זיין בעשטימטע צייט; איך וועל אויך צונעהמען מיין וואָל און מיין פלאַקס, מיט וועלכע זי האָט איהר נאַקעטקייט פערדעקט.

12 יעצט וועל איך אויפדעקען איהר שאַנדע פאַר די אויגען פון איהרע געליעבטע און קיינער וועט איהר פון מיין האַנד רעטען.

13 איך וועל פערשטערען איהר גאַנצע פ״ייד — איהר פייערטאָג, מאָנאַטטאָג און שבת, אויך אַלע איהרע פעסט־טעג.

14 איך וועל פערוויסטען איהר וויינבוים און פייגענבוים, וועגען וועלכע זי האָט געזאָגט: „דאָס איז אַ געשענק פאַר מיר, וואָס מיינע געליעבטע האָבען מיר געגעבען”. איך וועל עס פערוואַנדלען אין וואַלדבוימער און די פעלד־טהיערע וועלען דערפון עסען.

15 איך וועל איהר דערמאָהנען די צייטען פון די בעלים, צו וועלכע זי האָט גערויכערט, און האָט זיך פערפוצט מיט איהר נאָזרינג און ציערונג, אום צו געהן נאָך איהרע געליעבטע פערגעסענדיג מיר — זאָגט גאָט.

16 דערנאָך וועל איך איהר איבעררעדען, איך וועל איהר אַוועקפיהרען אינ׳ם מדבר און רעדען צו איהר פריינדליך.

17 פון דאָרטען וועל איך איהר צוריקגעבען איהרע וויינגערטנער, און אין אונגליקס טהאָל וועל איך מאַכען אַן אנפאַנג צום האָפנונג, און זי וועט דאָרטען ליעדער זינגען ווי אין איהרע יוגענד־יאָהרען, ווען זי איז ארויס פונ׳ם לאַנד מצרים.

18 דאַמאָלס — זאָגט גאָט — וועסטו מיר רופען „„מיין צערטליכער מאַן” און וועסט מיר ניט מעהר רופען „„מיין הערשער”.

19 איך וועל אָבשאַפען פון איהר מויל די נעמען פון די פערשיעדענע בעלגעצען און זיי וועלען מעהר ניט דערמאָהנט ווערען מיט זייער נאָמען.

20 דאַמאָלס וועל איך מיט זיי אַ בונד שליעסען מיט די טהיערע פון פעלד, די פויגלען פון הימעל און די ווערים פון דער ערד; איך וועל פער־

וְקֶשֶׁת וְחֶרֶב וּמִלְחָמָה אֶשְׁבּוֹר מִן־הָאָרֶץ וְהִשְׁכַּבְתִּים
לָבֶטַח׃ וְאֵרַשְׂתִּיךְ לִי לְעוֹלָם וְאֵרַשְׂתִּיךְ לִי בְּצֶדֶק 21
וּבְמִשְׁפָּט וּבְחֶסֶד וּבְרַחֲמִים׃ וְאֵרַשְׂתִּיךְ לִי בֶּאֱמוּנָה וְיָדַעַתְּ 22
אֶת־יְהוָה׃ וְהָיָה ׀ בַּיּוֹם הַהוּא אֶעֱנֶה נְאֻם־יְהוָה אֶעֱנֶה 23
אֶת־הַשָּׁמָיִם וְהֵם יַעֲנוּ אֶת־הָאָרֶץ׃ וְהָאָרֶץ תַּעֲנֶה אֶת־ 24
הַדָּגָן וְאֶת־הַתִּירוֹשׁ וְאֶת־הַיִּצְהָר וְהֵם יַעֲנוּ אֶת־יִזְרְעֶאל׃
וּזְרַעְתִּיהָ לִּי בָּאָרֶץ וְרִחַמְתִּי אֶת־לֹא רֻחָמָה וְאָמַרְתִּי לְלֹא־ כ
עַמִּי עַמִּי־אַתָּה וְהוּא יֹאמַר אֱלֹהָי׃

Cap. III. ג

וַיֹּאמֶר יְהוָה אֵלַי עוֹד לֵךְ אֱהַב־אִשָּׁה אֲהֻבַת רֵעַ וּמְנָאָפֶת א
כְּאַהֲבַת יְהוָה אֶת־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְהֵם פֹּנִים אֶל־אֱלֹהִים
אֲחֵרִים וְאֹהֲבֵי אֲשִׁישֵׁי עֲנָבִים׃ וָאֶכְּרֶהָ לִּי בַּחֲמִשָּׁה עָשָׂר 2
כָּסֶף וְחֹמֶר שְׂעֹרִים וְלֶתֶךְ שְׂעֹרִים׃ וָאֹמַר אֵלֶיהָ יָמִים 3
רַבִּים תֵּשְׁבִי לִי לֹא תִזְנִי וְלֹא תִהְיִי לְאִישׁ וְגַם־אֲנִי אֵלָיִךְ׃
כִּי ׀ יָמִים רַבִּים יֵשְׁבוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אֵין מֶלֶךְ וְאֵין שָׂר 4
וְאֵין זֶבַח וְאֵין מַצֵּבָה וְאֵין אֵפוֹד וּתְרָפִים׃ אַחַר יָשֻׁבוּ ה
בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וּבִקְשׁוּ אֶת־יְהוָה אֱלֹהֵיהֶם וְאֵת דָּוִד מַלְכָּם
וּפָחֲדוּ אֶל־יְהוָה וְאֶל־טוּבוֹ בְּאַחֲרִית הַיָּמִים׃

Cap. IV. ד

שִׁמְעוּ דְבַר־יְהוָה בְּנֵי יִשְׂרָאֵל כִּי רִיב לַיהוָה עִם־יוֹשְׁבֵי א
הָאָרֶץ כִּי אֵין־אֱמֶת וְאֵין־חֶסֶד וְאֵין־דַּעַת אֱלֹהִים בָּאָרֶץ׃
אָלֹה וְכַחֵשׁ וְרָצֹחַ וְגָנֹב וְנָאֹף פָּרָצוּ וְדָמִים בְּדָמִים נָגָעוּ׃ 2
עַל־כֵּן ׀ תֶּאֱבַל הָאָרֶץ וְאֻמְלַל כָּל־יוֹשֵׁב בָּהּ בְּחַיַּת הַשָּׂדֶה 3
וּבְעוֹף הַשָּׁמָיִם וְגַם־דְּגֵי הַיָּם יֵאָסֵפוּ׃ אַךְ אִישׁ אַל־יָרֵב 4
וְאַל־יוֹכַח אִישׁ וְעַמְּךָ כִּמְרִיבֵי כֹהֵן׃ וְכָשַׁלְתָּ הַיּוֹם וְכָשַׁל ה
גַּם־נָבִיא עִמְּךָ לָיְלָה וְדָמִיתִי אִמֶּךָ׃ נִדְמוּ עַמִּי מִבְּלִי 6
הַדָּעַת כִּי־אַתָּה הַדַּעַת מָאַסְתָּ וְאֶמְאָסְאךָ מִכַּהֵן לִי

ותשכח

ב׳ v. 22. עד כאן ד׳ v. 2. קמץ בז״ק v. 6. יתיר א׳

ניכטען פונ׳ם לאַנד בויגען, שווערד און קריעג, איך וויל זיי לאָזען
ליעגען רוהיג.
21 איך וועל דיך פאַר מיר פערלאָבען אויף אייביג, איך וועל דיך פערלאָבען
מיט גערעכטיגקייט און רעכט, מיט גנאַדע און באַרמהערציגקייט.
22 איך וועל דיך פאַר מיר פערלאָבען מיט טרייהייט, אום דו זאָלסט אַנ־
23 ערקענען גאָט. אין יענער צייט — זאָגט גאָט — וועל איך (אַלעמען)
ענטפערען; איך וועל ענטפערען דעם הימעל און זיי וועלען ענטפערען
24 די ערד. און די ערד וועט ענטפערען די קאָרן, די וויין און אויל, און
25 זיי וועלען ענטפערען די גאָט׳ס צושפּרייטע. איך וועל זי אין לאַנד
פרוכטבאַר מאַכען, און איך וועל מיטלייד האָבען אויף „לא רחמה״;
איך וועל צו „לא עמי״ זאָגען, דו ביזט מיין פאָלק, און ער וועט זאָגען:
„דו ביזט מיין גאָט!״.

קאַפּיטעל ג

1 און גאָט האָט צו מיר געזאָגט: געה, ליעב ווידער א פרוי, וועלכע איז אויסגעלאַסען האָבענדיג א געליעבטען פריינד, אַזוי ווי גאָט ליעבט די קינדער ישראל און זיי ווענדען זיך צו אַנדערע געטער, וועלכע ליעבען טרויבענוויין.

2 האָב איך איהר איינגעהאַנדעלט פאַר פופצעהן זילבערשטיק מיט אַ חמר אָדער א לתך גערשטען.

3 איך האָב מיט איהר אָבגערעדט: א לאַנגע צייט זאָלסטו מיט מיר וואוינען, זאָלסט ניט אויסגעלאַסען זיין און זאָלסט קיין אַנדער מאַן געהערען, דאַן וועל איך אויך נאָר דיינער זיין.

4 ווארום אַ לאַנגע צייט וועלען די קינדער ישראל זיין אָהן אַ קעניג און אָהן אַ פירסט, אָהן אָפּפער און אָהן סטאַטוען, אָהן אפוד און אָהן תרפים.

5 נאָכדעם וועלען זיך די קינדער ישראל צוריקקעהרען, זיי וועלען זוכען דעם עוויגען זייער גאָט און דוד זייער קעניג, זיי וועלען אין די שפּעטערע צייטען איבערראַשט זיין פון גאָט׳ס הילפע און זיין גוטס.

קאַפּיטעל ד

א וְהָיָה אַחֲרֵי־כֵן אֶשְׁפּוֹךְ אֶת־רוּחִי עַל־כָּל־בָּשָׂר וְנִבְּאוּ
בְּנֵיכֶם וּבְנוֹתֵיכֶם זִקְנֵיכֶם חֲלֹמוֹת יַחֲלֹמוּן בַּחוּרֵיכֶם
2 חֶזְיֹנוֹת יִרְאוּ׃ וְגַם עַל־הָעֲבָדִים וְעַל־הַשְּׁפָחוֹת בַּיָּמִים
ההמה

14 פיעלייכט וועט ער זיך אויך יעצט צוריקציהען און איבערלאָזען נאָך
איהם אַ ברכה, שפּייז — און גיס אָפּפער צו אייער גאָט.
15 בלאָזט שופר אין ציון, בעשטימט אַ פאסט־טאָג, רופט צונויף אַ פער־
זאַמלונג.
16 קלייבט צוזאַמען דאָס פאָלק, פעררופט אַ צוזאַמענקונפט, קלייבט צו־
זאַמען די אַלטע, רופט צוזאַמען קליינע און זויגעדיגע קינדער, זאָל אַ
חתן אַרוים פון זיין צימער און אַ כלה פון אונטער איהר חופּה.
17 צווישען גרויסען צימער און מזבח וויינען די כהנים, גאָט'ס דיענער
און זאָגען: האָב מיטלייד, אָ גאָט, אויף דיין פאָלק און מאַך ניט דיין
ערבטהייל צו שאַנדע, אַז נאַציאָנען זאָלען זיי אלס שפּריכוואָרט מאַ־
כען; ווארום זאָלען די פעלקער זאָגען „וואו איז זייער גאָט?"
18 און גאָט האָט זיך אָנגענומען פאַר זיין לאַנד און ערבאַרעמט זיך איבער
זיין פאָלק.
19 און גאָט האָט געענטפערט און געזאָגט צו זיין פאָלק: איך שיק אייך
קאָרן, וויין און אויל, און געניסט דערפון ביז זאַט; איך וועל אייך
שוין מעהר ניט מאַכען צו שאַנדע אונטער די פעלקער.
20 אויך דעם היישעריק וועל איך פון אייך דערווייטערן, איך וועל איהם
פערוואַרפען אין אַ טרוקענע און וויסטע לאַנד, זיין ערסטע רייהע אין
מזרח־ים און די לעצטע אין מערב־ים; עס וועט אויך אַוועק זיין גערוך
און שטאַנקעריי, וועלכע ער האָט אָנגעמאַכט גרויס.
21 שרעק זיך ניט, לאַנד! פרעה זיך און זיי צופריעדען, ווארום גאָט האָט
דיר גרויסע וואונדער געטהאָן.
22 שרעקט זיך ניט פיה פון פעלד, עס זיינען שוין אָנגעגראָזט די פיטער־
פּלעצער פון מדבר, דער בוים טראָגט שוין פרוכט, דער פייגענבוים און
וויינבוים גיבען זייער קראַפט.
23 און איהר קינדער פון ציון זייט צופריעדען און פרעהט זיך מיט אייער
גאָט, ווייל ער האָט אייך וואָהלטהעטיג רעגען געגעבען; ער האָט
אייך געגעבען פריה־ און שפּעט־רעגען ווי אַמאָל.
24 די שייערס וועלען פול ווערען מיט געטריידע, און די קעלטערס וועלען
פול זיין מיט וויין און אויל.
25 איך וועל אייך אויסצאָהלען פאַר די יאָהרען וואָס עס האָט אָבגעפרעסען
דער היישעריק, דער שרעטער, דער גריל און דער קעפער; מיין גרויסע
אַרמעע וואָס איך האָב אויף אייך אָנגעשיקט.
26 איהר וועט עסען ביז צו זאַט און וועט לויבען דעם נאָמען פון אייער
גאָט, וועלכער האָט מיט אייך וואונדער געטהאָן; מעהר וועט שוין
מיין פאָלק ניעמאַלס פערשעהמט ווערען.
27 דאַן וועט איהר וויסען אַז איך בין צווישען ישראל, און אַז איך, עוּוי־
גער, בין אייער גאָט, ניטאָ (קיין גאָט) אויסער מיר — מעהר וועט שוין
מיין פאָלק ניעמאַלס פערשעהמט ווערען.

קאַפּיטעל ג

1 נאָך דער צייט וועל איך גיסען מיין גייסט אויף אַלע בעשעפעניסען —
עס וועלען פּראָפעצייהען אייערע זיהן און אייערע טעכטער, אייערע
אַלטע וועלען חלומות זעהען און אייערע יונגע וועלען ערשיינונגען
זעהען.
2 זאָגאַר אויף די קנעכט און דיענסטען פון יענער צייט וועל איך מיין
גייסט אויסגיסען,

3 הָהֵמָּה אֶשְׁפּוֹךְ אֶת־רוּחִי׃ וְנָתַתִּי מוֹפְתִים בַּשָּׁמַיִם
4 וּבָאָרֶץ דָּם וָאֵשׁ וְתִימְרוֹת עָשָׁן׃ הַשֶּׁמֶשׁ יֵהָפֵךְ לְחֹשֶׁךְ
ה וְהַיָּרֵחַ לְדָם לִפְנֵי בּוֹא יוֹם יְהוָה הַגָּדוֹל וְהַנּוֹרָא׃ וְהָיָה
כֹּל אֲשֶׁר־יִקְרָא בְּשֵׁם יְהוָה יִמָּלֵט כִּי בְּהַר־צִיּוֹן וּבִירוּשָׁלַםִ
תִּהְיֶה פְלֵיטָה כַּאֲשֶׁר אָמַר יְהוָה וּבַשְּׂרִידִים אֲשֶׁר
יְהוָה קֹרֵא׃

Cap. IV. ד

ד

א כִּי הִנֵּה בַּיָּמִים הָהֵמָּה וּבָעֵת הַהִיא אֲשֶׁר אָשׁוּב אֶת־
2 שְׁבוּת יְהוּדָה וִירוּשָׁלִָם׃ וְקִבַּצְתִּי אֶת־כָּל־הַגּוֹיִם וְהוֹרַדְתִּים
אֶל־עֵמֶק יְהוֹשָׁפָט וְנִשְׁפַּטְתִּי עִמָּם שָׁם עַל־עַמִּי וְנַחֲלָתִי
3 יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר פִּזְּרוּ בַגּוֹיִם וְאֶת־אַרְצִי חִלֵּקוּ׃ וְאֶל־עַמִּי
יַדּוּ גוֹרָל וַיִּתְּנוּ הַיֶּלֶד בַּזּוֹנָה וְהַיַּלְדָּה מָכְרוּ בַיַּיִן וַיִּשְׁתּוּ׃
4 וְגַם מָה־אַתֶּם לִי צֹר וְצִידוֹן וְכֹל גְּלִילוֹת פְּלָשֶׁת הַגְּמוּל
אַתֶּם מְשַׁלְּמִים עָלָי וְאִם־גֹּמְלִים אַתֶּם עָלַי קַל מְהֵרָה
ה אָשִׁיב גְּמֻלְכֶם בְּרֹאשְׁכֶם׃ אֲשֶׁר־כַּסְפִּי וּזְהָבִי לְקַחְתֶּם
6 וּמַחֲמַדַּי הַטֹּבִים הֲבֵאתֶם לְהֵיכְלֵיכֶם׃ וּבְנֵי יְהוּדָה וּבְנֵי
יְרוּשָׁלִַם מְכַרְתֶּם לִבְנֵי הַיְּוָנִים לְמַעַן הַרְחִיקָם מֵעַל
7 גְּבוּלָם׃ הִנְנִי מְעִירָם מִן־הַמָּקוֹם אֲשֶׁר־מְכַרְתֶּם אוֹתָם
8 שָׁמָּה וַהֲשִׁבֹתִי גְמֻלְכֶם בְּרֹאשְׁכֶם׃ וּמָכַרְתִּי אֶת־בְּנֵיכֶם
וְאֶת־בְּנוֹתֵיכֶם בְּיַד בְּנֵי יְהוּדָה וּמְכָרוּם לִשְׁבָאיִם אֶל־גּוֹי
9 רָחוֹק כִּי יְהוָה דִּבֵּר׃ קִרְאוּ־זֹאת בַגּוֹיִם קַדְּשׁוּ
מִלְחָמָה הָעִירוּ הַגִּבּוֹרִים יִגְּשׁוּ יַעֲלוּ כֹּל אַנְשֵׁי הַמִּלְחָמָה׃
י כֹּתּוּ אִתֵּיכֶם לַחֲרָבוֹת וּמַזְמְרֹתֵיכֶם לִרְמָחִים הַחַלָּשׁ יֹאמַר
11 גִּבּוֹר אָנִי׃ עוּשׁוּ וָבֹאוּ כָל־הַגּוֹיִם מִסָּבִיב וְנִקְבָּצוּ שָׁמָּה
12 הַנְחַת יְהוָה גִּבּוֹרֶיךָ׃ יֵעוֹרוּ וְיַעֲלוּ הַגּוֹיִם אֶל־עֵמֶק
יְהוֹשָׁפָט כִּי שָׁם אֵשֵׁב לִשְׁפֹּט אֶת־כָּל־הַגּוֹיִם מִסָּבִיב׃
13 שִׁלְחוּ מַגָּל כִּי בָשַׁל קָצִיר בֹּאוּ רְדוּ כִּי־מָלְאָה גַּת הֵשִׁיקוּ

היקבים

ד v. 1. אשיב קרי v. 8. כצל

3 און איך וועל מאַכען וואונדער אויפ'ן הימעל און אויף דער ערד — בלוט, פייער און רויך־זיילען.
4 די זונן וועט פינסטער ווערען און די לבנה רויט ווי בלוט, איידער עס וועט קומען גאָט'ס טאָג, דער גרויסער און שרעקליכער.
5 דאַן וועט געראַטעט ווערען נאַר דער וואָס וועט רופען גאָט'ס נאָמען; ווארום נאַר אויפ'ן בארג ציון און אין ירושלים וועט זיין אַ רעטונגס־פּלאַץ, אַזוי ווי גאָט האָט פאַראויס געזאָגט, פאַר די איבערגעבליבענע וואָס גאָט אַליין האָט אויסערוועהלט.

קאַפּיטעל ד

1 אין יענע טעג און אין יענער צייט ווען איך וועל צוריק קעהרען דאָס געפאַנגענשאַפט פון יהודה און ירושלים,
2 וועל איך צונויפקלייבען אַלע פעלקער און וועל זיי אַראָבפיהרען צום טהאָל יהושפט, דאָרטען וועל איך זיך מיט זיי רעכענען פאַר מיין פאָלק און ערבטהייל ישראל, וועלכע זיי האָבען צושפּרייט אונטער די פעל־קער און צוטהיילט זיך מיין לאַנד.
3 איך אויף מיין פאָלק האָבען זיי גורל געוואָרפען, קליינע אינגלאַך האָ־בען זיי אויף שפּייז אויסגעביטען און קליינע מיידלאַך האָבען זיי פער־קויפט פאַר וויין צום טרינקען.
4 און וואָס פערלאַנגט איהר, צר און צידון, פון מיר? קומט אייך פון מיר וועלכע געצאָהלט? אויב איהר קומט אויסצוצאָהלען וועל איך אייך גאַנץ שנעל לויט אייער ווערטה בעצאָהלען.
5 מיין זילבער און גאָלד האָט איהר צוגענומען, און מיינע קאָסטבאַרקייטען האָט איהר אין אייערע טעמפּלען אַריינגעבראַכט.
6 די קינדער פון יהודה און ירושלים האָט איהר צו גריכען פערקויפט, אום זיי צו ערווייטערן פון זייער לאַנד.
7 איך וועל זיי ערמונטערן פון דעם אָרט, דאָרטען וואו איהר האָט זיי פער־קויפט און אייער בעלוינונג וועל איך אויף אייער קאָפּ ברענגען:
8 איך וועל אייערע זיהן און טעכטער פערקויפען דורך די קינדער פון יהודה, וועלכע וועלען זיי פערקויפען צו די שבא'ער — אַ ווייטעס פאָלק, אַזוי ווי גאָט האָט גערעדט.
9 רופט דאָס אויס אונטער די פעלקער, גרייט זיך צו קריעג; ערמונ־טערט די העלדען, זאָלען זיי קומען און ארויפגעהן אַלע קריעגס־לייט.
10 צוברעכט אייערע גראַב־אייזענס און מאַכט פון זיי שווערדען, און פון אייער צווייגענשניידערן מאַכט שפּיזען, זאָל דער שוואַכער זאָגען: „איך בין אַ העלד!"
11 איילט זיך! קומט שנעל צוזאַמען אַלע פעלקער פון ארום אַהין וואו גאָט צוברעכט די העלדען.
12 זאָלען זיי זיך אויפמונטערן די פעלקער און קומען צום טהאָל יהושפט, ווארום דאָרטען וועל איך זיצען אום צו פעראורטהיילען אַלע פעלקער פון ארום.
13 ציהט אויס דעם שנייד־מעסער, ווארום דער שניט איז שוין רייף; קומט, געהט אַראָב! עס איז שוין פול דער קעלער, איבערפילט זיינען די וויינ־קעלטער, ד. ה. זייער פערברעכען איז גרויס.

14 הַיְקָבִים כִּי רַבָּה רָעָתָם׃ הֲמוֹנִים הֲמוֹנִים בְּעֵמֶק הֶחָרוּץ
טו כִּי קָרוֹב יוֹם יְהוָה בְּעֵמֶק הֶחָרוּץ׃ שֶׁמֶשׁ וְיָרֵחַ קָדָרוּ
16 וְכוֹכָבִים אָסְפוּ נָגְהָם׃ וַיהוָה מִצִּיּוֹן יִשְׁאָג וּמִירוּשָׁלִַם יִתֵּן
קוֹלוֹ וְרָעֲשׁוּ שָׁמַיִם וָאָרֶץ וַיהוָה מַחֲסֶה לְעַמּוֹ וּמָעוֹז לִבְנֵי
17 יִשְׂרָאֵל׃ וִידַעְתֶּם כִּי אֲנִי יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם שֹׁכֵן בְּצִיּוֹן הַר־
קָדְשִׁי וְהָיְתָה יְרוּשָׁלִַם קֹדֶשׁ וְזָרִים לֹא־יַעַבְרוּ־בָהּ עוֹד׃
18 וְהָיָה בַיּוֹם הַהוּא יִטְּפוּ הֶהָרִים עָסִיס וְהַגְּבָעוֹת
תֵּלַכְנָה חָלָב וְכָל־אֲפִיקֵי יְהוּדָה יֵלְכוּ מָיִם וּמַעְיָן מִבֵּית
19 יְהוָה יֵצֵא וְהִשְׁקָה אֶת־נַחַל הַשִּׁטִּים׃ מִצְרַיִם לִשְׁמָמָה
תִהְיֶה וֶאֱדוֹם לְמִדְבַּר שְׁמָמָה תִּהְיֶה מֵחֲמַס בְּנֵי יְהוּדָה
כ אֲשֶׁר־שָׁפְכוּ דָם־נָקִיא בְּאַרְצָם׃ וִיהוּדָה לְעוֹלָם תֵּשֵׁב
21 וִירוּשָׁלִַם לְדוֹר וָדוֹר׃ וְנִקֵּיתִי דָּמָם לֹא־נִקֵּיתִי וַיהוָה
שֹׁכֵן בְּצִיּוֹן׃

עמוס

LIBER AMOS.

CAPUT I. א

א דִּבְרֵי עָמוֹס אֲשֶׁר־הָיָה בַנֹּקְדִים מִתְּקוֹעַ אֲשֶׁר חָזָה עַל־
יִשְׂרָאֵל בִּימֵי ׀ עֻזִּיָּה מֶלֶךְ־יְהוּדָה וּבִימֵי יָרָבְעָם בֶּן־יוֹאָשׁ
2 מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל שְׁנָתַיִם לִפְנֵי הָרָעַשׁ׃ וַיֹּאמַר ׀ יְהוָה מִצִּיּוֹן
יִשְׁאָג וּמִירוּשָׁלִַם יִתֵּן קוֹלוֹ וְאָבְלוּ נְאוֹת הָרֹעִים וְיָבֵשׁ
3 רֹאשׁ הַכַּרְמֶל׃ כֹּה אָמַר יְהוָה עַל־שְׁלֹשָׁה פִּשְׁעֵי
דַמֶּשֶׂק וְעַל־אַרְבָּעָה לֹא אֲשִׁיבֶנּוּ עַל־דּוּשָׁם בַּחֲרֻצוֹת
4 הַבַּרְזֶל אֶת־הַגִּלְעָד׃ וְשִׁלַּחְתִּי אֵשׁ בְּבֵית חֲזָאֵל וְאָכְלָה

ארמנות

ד׳ v. 16, קמץ בלא אס״ף v. 19. כצ״ל א׳ v. 3. קמץ בז״ק

14 געמיינדענוויז אין טיעפען טהאל ! עס ערנעהענט זיך גאָט'ס טאָג אין
טיעפען טהאל.
15 די זונן און לבנה זיינען פינסטער געוואָרען, אויך די שטערען האָבען
אויפגעהערט שיינען.
16 אָבער גאָט שרייט פון ציון און שיקט זיין שטימע פון ירושלים, עס וועלען
שטורמען הימעל און ערד. צו זיין פאָלק אָבער איז גאָט אַ שוץ און פאר
די קינדער ישראל — אַ פעסטונג.
17 דאן וועט איהר אנערקענען אַז ווען איך, עוויגער, אייער גאָט, געפין
זיך אין ציון, מיין הייליגען באַרג, וועט איהם מעהר קיין פרעמדע בע־
טרעטען.
18 אין יענער צייט וועלען די בערג טריפען זאפט און פון די בערגלאך וועט
פליסען מילך, און פון אַלע קוואַלען אין יהודה וועט קוועלען וואסער ;
אויך וועט זיך ציהען אַ קוואַל פון גאָט'ס הויז און וועט בעוואסערן טהאל
שטים.
19 מצרים וועט פערוויסטעט ווערען און פון אדום וועט ווערען אַ וויסטער
מדבר, איבער זייער מיסהאַנדלען די קינדער פון יהודה און האָבען
אונשולדיגעס בלוט פערגאָסען אין זייער לאַנד.
20 יהודה וועט שוין אויף לאַנג בערוהיגט ווערען און ירושלים אויף פיעלע
דורות.
21 איך וועל זיי רייניגען אָבער פאר דאָס פערגאָסענע בלוט וועל איך זיי
ניט אונבעשטראפט לאָזען, זאָלאנג איך, עוויגער, געפין זיך אין ציון.

עמוס

קאפיטעל א

1 די ווערטער פון עמוס, וועלכער איז געוועזן איינער פון די פיה־הענדלער
אין תקוע, דאָס וואָס ער האָט פאָראויסגעזעהען אויף ישראל אין די
טעג פון עזיהו, קעניג פון יהודה און ירבעם, יואש'ס זוהן, קעניג פון
ישראל, צוויי יאָהר פאר דעם שטורם.
2 ער האָט געזאָגט : ווען פון ציון הערט זיך גאָט'ס געשריי און פון
ירושלים — זיין שטימע, וועלען פערוויסטעט ווערען די פיטער־פלעצער
וואו עס געפינען זיך די הירטען, און עס וועט טרוקען ווערען דאָס גראָז
פון כרמל.
3 אַזוי האָט גאָט געזאָגט : איבער דריי פערברעכענס פון דמשק, און
פאר דעם פיערטען פערברעכען וועל איך [מיין שטראף] ניט צוריק צי־
העז — וואָס זיי האָבען מיט שפיציגע אייזענס געדראָשען די בעוואָהנער
פון גלעד.
4 דערפאר וועל איך ארויפשיקען אַ פייער אויפ'ן הויז פון חזאל און עס
וועט פערניכטען די פאלאצען פון הדד'ס זיהן.

אַרְמְנוֹת בֶּן־הֲדָד׃ וְשָׁבַרְתִּי בְּרִיחַ דַּמֶּשֶׂק וְהִכְרַתִּי יוֹשֵׁב ה
מִבִּקְעַת־אָוֶן וְתוֹמֵךְ שֵׁבֶט מִבֵּית עֶדֶן וְגָלוּ עַם־אֲרָם קִירָה
6 אָמַר יְהוָה׃ כֹּה אָמַר יְהוָה עַל־שְׁלֹשָׁה פִּשְׁעֵי עַזָּה
וְעַל־אַרְבָּעָה לֹא אֲשִׁיבֶנּוּ עַל־הַגְלוֹתָם גָּלוּת שְׁלֵמָה
7 לְהַסְגִּיר לֶאֱדוֹם׃ וְשִׁלַּחְתִּי אֵשׁ בְּחוֹמַת עַזָּה וְאָכְלָה
8 אַרְמְנֹתֶיהָ׃ וְהִכְרַתִּי יוֹשֵׁב מֵאַשְׁדּוֹד וְתוֹמֵךְ שֵׁבֶט מֵאַשְׁקְלוֹן
וַהֲשִׁיבוֹתִי יָדִי עַל־עֶקְרוֹן וְאָבְדוּ שְׁאֵרִית פְּלִשְׁתִּים אָמַר
9 אֲדֹנָי יְהוִה׃ כֹּה אָמַר יְהוָה עַל־שְׁלֹשָׁה פִּשְׁעֵי־צֹר
וְעַל־אַרְבָּעָה לֹא אֲשִׁיבֶנּוּ עַל־הַסְגִּירָם גָּלוּת שְׁלֵמָה
לֶאֱדוֹם וְלֹא זָכְרוּ בְּרִית אַחִים׃ וְשִׁלַּחְתִּי אֵשׁ בְּחוֹמַת צֹר י
11 וְאָכְלָה אַרְמְנֹתֶיהָ׃ כֹּה אָמַר יְהוָה עַל־שְׁלֹשָׁה
פִּשְׁעֵי אֱדוֹם וְעַל־אַרְבָּעָה לֹא אֲשִׁיבֶנּוּ עַל־רָדְפוֹ בַחֶרֶב
אָחִיו וְשִׁחֵת רַחֲמָיו וַיִּטְרֹף לָעַד אַפּוֹ וְעֶבְרָתוֹ שְׁמָרָה נֶצַח׃
12 וְשִׁלַּחְתִּי אֵשׁ בְּתֵימָן וְאָכְלָה אַרְמְנוֹת בָּצְרָה׃
13 כֹּה אָמַר יְהוָה עַל־שְׁלֹשָׁה פִּשְׁעֵי בְנֵי־עַמּוֹן וְעַל־אַרְבָּעָה
לֹא אֲשִׁיבֶנּוּ עַל־בִּקְעָם הָרוֹת הַגִּלְעָד לְמַעַן הַרְחִיב אֶת־
14 גְּבוּלָם׃ וְהִצַּתִּי אֵשׁ בְּחוֹמַת רַבָּה וְאָכְלָה אַרְמְנוֹתֶיהָ
בִּתְרוּעָה בְּיוֹם מִלְחָמָה בְּסַעַר בְּיוֹם סוּפָה׃ וְהָלַךְ מַלְכָּם טו
בַּגּוֹלָה הוּא וְשָׂרָיו יַחְדָּו אָמַר יְהוָה׃

ב CAP. II. ב

א כֹּה אָמַר יְהוָה עַל־שְׁלֹשָׁה פִּשְׁעֵי מוֹאָב וְעַל־אַרְבָּעָה לֹא
2 אֲשִׁיבֶנּוּ עַל־שָׂרְפוֹ עַצְמוֹת מֶלֶךְ־אֱדוֹם לַשִּׂיד׃ וְשִׁלַּחְתִּי־
אֵשׁ בְּמוֹאָב וְאָכְלָה אַרְמְנוֹת הַקְּרִיּוֹת וּמֵת בְּשָׁאוֹן מוֹאָב
3 בִּתְרוּעָה בְּקוֹל שׁוֹפָר׃ וְהִכְרַתִּי שׁוֹפֵט מִקִּרְבָּהּ וְכָל־שָׂרֶיהָ
4 אֶהֱרוֹג עִמּוֹ אָמַר יְהוָה׃ כֹּה אָמַר יְהוָה עַל־שְׁלֹשָׁה
פִּשְׁעֵי יְהוּדָה וְעַל־אַרְבָּעָה לֹא אֲשִׁיבֶנּוּ עַל־מָאֳסָם אֶת־
תּוֹרַת יְהוָה וְחֻקָּיו לֹא שָׁמָרוּ וַיַּתְעוּם כִּזְבֵיהֶם אֲשֶׁר־

הלכו

א v. 6. מלעיל   ב v. 4. קמץ בז״ק

5 איך וועל אויך צוברעכען די פעסטונג פון דמשק, און וועל אויסראָטהען די איינוואָהנער פון בקעת־און, און יעדען איינעם וואָס האַלט אַ שטעקען פון בית־עדן. און די פאָלק פון ארם וועט פערטריעבען ווערען אין קיר, זאָגט גאָט.
6 אזוי האָט גאָט געזאָגט: איבער דריי פערברעכענס פון עזה, און פאַר דעם פיערטען פערברעכען וועל איך מיין שטראָף ניט צוריק ציהען — ווייל זיי האָבען זיי אין גאַנצען פעריאָגט, אום איבערצוגעבען זיי צו אדום.
7 איך וועל אָנשיקען אַ פייער אין די מויערן פון עזה און עס וועט פער־ניכטען איהרע פּאַלאַצען.
8 איך וועל פערניכטען איינוואוינער פון אשדוד און אַ שטעקען האַלטער פון אשקלון; איך וועל מיין האַנד לעגען אויף עקרון און די איבערגעבליבענע פון פלשתים וועלען אונטערגעהן — זאָגט גאָט.
9 אזוי האָט גאָט געזאָגט: איבער די דריי פערברעכענס פון צר, און פאַר דעם פיערטען וועל איך מיין שטראָף ניט צוריק ציהען — וואָס זיי האָ־בען די וואַנדערער אין גאַנצען איבערגעגעבען צו אדום און ניט געדענקט דעם ברידערליכען פערבאַנד.
10 איך וועל אַנשיקען אַ פייער אין די מויערן פון צר און עס וועט פערניכטען איהרע פּאַלאַצען.
11 אזוי האָט גאָט געזאָגט: איבער די דריי פערברעכענס פון אדום, און פאַר דעם פיערטען וועל איך מיין שטראָף ניט צוריק ציהען — וואָס ער האָט זיין ברודער מיט'ן שווערד נאָכגעיאָגט; ער האָט זיין באַרעמ־הערציגקייט פערדאָרבען, זיין צאָרן איז גרויזאם געווען און זיינע ראַכע געפיהלען האַלט ער אויף אימער.
12 איך וועל אָנשיקען אַ פייער אויף תימן און עס וועט פערניכטען די פּאַ־לאַצען פון בצרה.
13 אזוי האָט גאָט געזאָגט: איבער די דריי פערברעכענס פון עמון, און פאַר דעם פיערטען וועל איך מיין שטראָף ניט צוריקציהען — וואָס זיי האָבען צושטערט די באַרג־טהורעמס פון גלעד אום ברייטער צו מאַכען זייער גרענעץ.
14 איך וועל אָנצינדען אַ פייער אין וואַנד־מויער פון רבה און עס וועט פער־ניכטען איהרע פּאַלאַצען, מיט אַ טומעל ווי אין טאָג פון קריעג, און מיט אַ שטורעם ווי אין אַ שטורמישען טאָג.
15 זייער קעניג וועט אויסוואַנדערן, ער מיט זיינע פירסטען צוזאַמען — זאָגט גאָט.

קאַפּיטעל ב

1 אַזוי האָט גאָט געזאָגט: איבער די דריי פערברעכענס פון מואָב, און פאַר דעם פיערטען וועל איך מיין שטראָף ניט צוריק ציהען — וואָס ער האָט פערברענט די ביינער פון אדום'ס קעניג ווי קאַלך.
2 איך וועל אָנשיקען אַ פייער אויף מואב און עס וועט אויסשטאַרבען פון גערויש, פון טומעל און שופר־בלאָזען.
3 איך וועל פערניכטען פון איהר די ריכטער און אלע פירסטען וועל איך אויס'הרג'ענען אין איהר — זאָגט גאָט.
4 אזוי האָט גאָט געזאָגט: איבער די דריי פערברעכענס פון יהודה, און פאַר דעם פיערטען וועל איך מיין שטראָף ניט צוריקציהען — וואָס זיי האָבען פערהאַסט גאָט'ס לעהרע און האָבען ניט געהערט זיינע גע־זעצע; עס האָבען זיי פערפיהרט די זעלביגע פאַלשקייטען נאָך וועלכע זייערע עלטערן זיינען געגאַנגען.

ה הָלְכוּ אֲבוֹתָם אַחֲרֵיהֶם׃ וְשִׁלַּחְתִּי אֵשׁ בִּיהוּדָה וְאָכְלָה
6 אַרְמְנוֹת יְרוּשָׁלִָם׃ · כֹּה אָמַר יְהוָה עַל־שְׁלֹשָׁה
פִּשְׁעֵי יִשְׂרָאֵל וְעַל־אַרְבָּעָה לֹא אֲשִׁיבֶנּוּ עַל־מִכְרָם בַּכֶּסֶף
7 צַדִּיק וְאֶבְיוֹן בַּעֲבוּר נַעֲלָיִם׃ הַשֹּׁאֲפִים עַל־עֲפַר־אֶרֶץ
בְּרֹאשׁ דַּלִּים וְדֶרֶךְ עֲנָוִים יַטּוּ וְאִישׁ וְאָבִיו יֵלְכוּ אֶל־
8 הַנַּעֲרָה לְמַעַן חַלֵּל אֶת־שֵׁם קָדְשִׁי׃ וְעַל־בְּגָדִים חֲבֻלִים
יַטּוּ אֵצֶל כָּל־מִזְבֵּחַ וְיֵין עֲנוּשִׁים יִשְׁתּוּ בֵּית אֱלֹהֵיהֶם׃
9 וְאָנֹכִי הִשְׁמַדְתִּי אֶת־הָאֱמֹרִי מִפְּנֵיהֶם אֲשֶׁר כְּגֹבַהּ אֲרָזִים
גָּבְהוֹ וְחָסֹן הוּא כָּאַלּוֹנִים וָאַשְׁמִיד פִּרְיוֹ מִמַּעַל וְשָׁרָשָׁיו
י מִתָּחַת׃ וְאָנֹכִי הֶעֱלֵיתִי אֶתְכֶם מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם וָאוֹלֵךְ
אֶתְכֶם בַּמִּדְבָּר אַרְבָּעִים שָׁנָה לָרֶשֶׁת אֶת־אֶרֶץ הָאֱמֹרִי׃
11 וָאָקִים מִבְּנֵיכֶם לִנְבִיאִים וּמִבַּחוּרֵיכֶם לִנְזִרִים הַאַף אֵין
12 זֹאת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל נְאֻם־יְהוָה׃ וַתַּשְׁקוּ אֶת־הַנְּזִרִים יָיִן
13 וְעַל־הַנְּבִיאִים צִוִּיתֶם לֵאמֹר לֹא תִּנָּבְאוּ׃ הִנֵּה אָנֹכִי מֵעִיק
14 תַּחְתֵּיכֶם כַּאֲשֶׁר תָּעִיק הָעֲגָלָה הַמְלֵאָה לָהּ עָמִיר׃ וְאָבַד
מָנוֹס מִקָּל וְחָזָק לֹא־יְאַמֵּץ כֹּחוֹ וְגִבּוֹר לֹא־יְמַלֵּט נַפְשׁוֹ׃
טו וְתֹפֵשׂ הַקֶּשֶׁת לֹא יַעֲמֹד וְקַל בְּרַגְלָיו לֹא יְמַלֵּט וְרֹכֵב
16 הַסּוּס לֹא יְמַלֵּט נַפְשׁוֹ׃ וְאַמִּיץ לִבּוֹ בַּגִּבּוֹרִים עָרוֹם יָנוּס
בַּיּוֹם־הַהוּא נְאֻם־יְהוָה׃

CAP. III. ג

ג

א שִׁמְעוּ אֶת־הַדָּבָר הַזֶּה אֲשֶׁר דִּבֶּר יְהוָה עֲלֵיכֶם בְּנֵי יִשְׂרָאֵל
עַל כָּל־הַמִּשְׁפָּחָה אֲשֶׁר הֶעֱלֵיתִי מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם לֵאמֹר׃
2 רַק אֶתְכֶם יָדַעְתִּי מִכֹּל מִשְׁפְּחוֹת הָאֲדָמָה עַל־כֵּן אֶפְקֹד
3 עֲלֵיכֶם אֵת כָּל־עֲוֹנֹתֵיכֶם׃ הֲיֵלְכוּ שְׁנַיִם יַחְדָּו בִּלְתִּי אִם־
4 נוֹעָדוּ׃ הֲיִשְׁאַג אַרְיֵה בַּיַּעַר וְטֶרֶף אֵין לוֹ הֲיִתֵּן כְּפִיר
ה קוֹלוֹ מִמְּעֹנָתוֹ בִּלְתִּי אִם־לָכָד׃ הֲתִפֹּל צִפּוֹר עַל־פַּח
הָאָרֶץ וּמוֹקֵשׁ אֵין לָהּ הֲיַעֲלֶה־פַּח מִן־הָאֲדָמָה וְלָכוֹד לֹא
ילכוד

ב v. 6. הפטורת וישב v. 14. קמץ בזיק

5 איך וועל אָנשיקען אַ פייער אויף יהודה און עס וועט פערניכטען די פּאַלאַצען פון ירושלים.

6 אַזוי האָט גאָט געזאָגט : איבער די דריי פערברעכענס פון ישראל׳ס, און פאַר דעם פיערטען וועל איך מיין שטראָף ניט צוריקציהען — וואָס זיי האָבען פאַר געלד פערקויפט אונשולדיגע און אָרימע — פאַר שיך.

7 זיי ווילען צו זייער אַקער־לאַנד אויף דעם טהייל פון ארימען צונעהמען און דאָס רעכט פון געדריקטען פערביינגען זיי ; יעדער געהט מיט זיין פאָטער צו אַ מיידעל אום מיין הייליגען נאָמען צו פערשוועכען.

8 אויף פער׳משכון׳טע קליידער לעגען זיי זיך אוים נעבען יעדען אַלטאַר, און געדרויבטען ווין טרינקען זיי אין׳ם הויז פון זייער גאָט.

9 און איך האָב פאַר זיי פערטיליגט דעם אמרי, וועלכער איז הויך ווי אַ צעדער און שטאַרק ווי אַ אייכע, דאָך האָב איך פערניכטעט זיינע פרוכט פון אויבען און זיינע וואָרצלען פון אונטען.

10 איך האָב אייך ארויסגענומען פונ׳ם לאַנד מצרים און ארומגעפיהרט אייך פיערציג יאָהר אין מדבר אום אָבצונעהמען דאָס לאַנד פון אמרי.

11 פון אייערע זיהן האָב איך אָנגעשטעלט נביאים און גאָט׳ס דיענער פון אייערע יונגע קינדער, איז עס ניט אַזוי, קינדער ישראל ? — זאָגט גאָט.

12 איהר האָט גאָט׳ס דיענער מיט ווין אָנגעטרונקען און די נביאים האָט איהר בעפוילען : „איהר זאָלט ניט פּראָפעצייהען״.

13 יעצט וועל איך אייך אונטערדריקען ווי עס דריקט אַ וואָגען וואָס איז פול מיט גארבען.

14 עס וועט די רעטונג אונמעגליך זיין פאַר דעם שנעלסטען און דער שטאַר־קער וועט קיינע קרעפטען האָבען, זאָגאַר דער העלד וועט זיך ניט רעטען.

15 דער בויגענשיסער וועט ניט ביישטעהן און דער פלינקער וועט זיך ניט רעטען, זאָגאַר דער פערדרעהטער וועט זיך ניט רעטען.

16 דער מוטהיגער אונטער די העלדען וועט דאַן ענטלויפען נאַקעט — זאָגט גאָט.

קאַפּיטעל ג

1 הערט, קינדער ישראל, דאָס וואָרט וואָס גאָט האָט וועגען אייך גערעדט, וועגען דער גאַנצע פאַמיליע וועלכע איך האָב ארויסגענומען פונ׳ם לאַנד מצרים, אַזוי צו זאָגען :

2 נאָר אייך אַנערקען איך פון אַלע פאַמיליען פון דער ערד, דערפאַר וועל איך אויף אייך אַ שטראָף ברענגען אויף אַלע אייערע זינד.

3 געהען צוויי צוזאַמען אויב זיי האָבען פאָראויס ניט בעשטימט צו געהן ?

4 ברילט אַ לייב אין וואַלד ווען ער האָט קיין רויב ? לאָזט אַ יונגער לייב ארויס אַ שטימע אין זיין העהל ווען ער האָט נישט געהאַפּט ?

5 פאַלט אַ פויגעל אין אַ נעץ אויף דר׳ערד ווען זי האָט קיין שטרויכלונג ? הויבט זיך אַ נעץ פון דר׳ערד אויב ער האָט נישט געהאַפּט ?

יִלְכּוֹד׃ אִם־יִתָּקַע שׁוֹפָר בְּעִיר וְעָם לֹא יֶחֱרָדוּ אִם־תִּהְיֶה 6
רָעָה בְּעִיר וַיהוָה לֹא עָשָׂה׃ כִּי לֹא יַעֲשֶׂה אֲדֹנָי יֱהוִה 7
דָּבָר כִּי אִם־גָּלָה סוֹדוֹ אֶל־עֲבָדָיו הַנְּבִיאִים׃ אַרְיֵה שָׁאָג 8
מִי לֹא יִירָא אֲדֹנָי יֱהוִה דִּבֶּר מִי לֹא יִנָּבֵא׃ הַשְׁמִיעוּ 9
עַל־אַרְמְנוֹת בְּאַשְׁדּוֹד וְעַל־אַרְמְנוֹת בְּאֶרֶץ מִצְרָיִם וְאִמְרוּ
הֵאָסְפוּ עַל־הָרֵי שֹׁמְרוֹן וּרְאוּ מְהוּמֹת רַבּוֹת בְּתוֹכָהּ
וַעֲשׁוּקִים בְּקִרְבָּהּ׃ וְלֹא־יָדְעוּ עֲשׂוֹת־נְכֹחָה נְאֻם־יְהוָה
הָאֹצְרִים חָמָס וָשֹׁד בְּאַרְמְנוֹתֵיהֶם׃ לָכֵן כֹּה אָמַר 11
אֲדֹנָי יֱהוִה צַר וּסְבִיב הָאָרֶץ וְהוֹרִד מִמֵּךְ עֻזֵּךְ וְנָבֹזּוּ
אַרְמְנוֹתָיִךְ׃ כֹּה אָמַר יְהוָה כַּאֲשֶׁר יַצִּיל הָרֹעֶה מִפִּי 12
הָאֲרִי שְׁתֵּי כְרָעַיִם אוֹ בְדַל־אֹזֶן כֵּן יִנָּצְלוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל
הַיֹּשְׁבִים בְּשֹׁמְרוֹן בִּפְאַת מִטָּה וּבִדְמֶשֶׁק עָרֶשׂ׃ שִׁמְעוּ 13
וְהָעִידוּ בְּבֵית יַעֲקֹב נְאֻם־אֲדֹנָי יֱהוִה אֱלֹהֵי הַצְּבָאוֹת׃ כִּי 14
בְּיוֹם פָּקְדִי פִשְׁעֵי־יִשְׂרָאֵל עָלָיו וּפָקַדְתִּי עַל־מִזְבְּחוֹת בֵּית־
אֵל וְנִגְדְּעוּ קַרְנוֹת הַמִּזְבֵּחַ וְנָפְלוּ לָאָרֶץ׃ וְהִכֵּיתִי בֵית־ טו
הַחֹרֶף עַל־בֵּית הַקָּיִץ וְאָבְדוּ בָּתֵּי הַשֵּׁן וְסָפוּ בָּתִּים רַבִּים
נְאֻם־יְהוָה׃

ד CAP. IV. ד

שִׁמְעוּ הַדָּבָר הַזֶּה פָּרוֹת הַבָּשָׁן אֲשֶׁר בְּהַר שֹׁמְרוֹן הָעֹשְׁקוֹת א
דַּלִּים הָרֹצְצוֹת אֶבְיוֹנִים הָאֹמְרֹת לַאֲדֹנֵיהֶם הָבִיאָה
וְנִשְׁתֶּה׃ נִשְׁבַּע אֲדֹנָי יֱהוִה בְּקָדְשׁוֹ כִּי הִנֵּה יָמִים בָּאִים 2
עֲלֵיכֶם וְנִשָּׂא אֶתְכֶם בְּצִנּוֹת וְאַחֲרִיתְכֶן בְּסִירוֹת דּוּגָה׃
וּפְרָצִים תֵּצֶאנָה אִשָּׁה נֶגְדָּהּ וְהִשְׁלַכְתֶּנָה הַהַרְמוֹנָה נְאֻם־ 3
יְהוָה׃ בֹּאוּ בֵית־אֵל וּפִשְׁעוּ הַגִּלְגָּל הַרְבּוּ לִפְשֹׁעַ וְהָבִיאוּ 4
לַבֹּקֶר זִבְחֵיכֶם לִשְׁלֹשֶׁת יָמִים מַעְשְׂרֹתֵיכֶם׃ וְקַטֵּר ה
מֵחָמֵץ תּוֹדָה וְקִרְאוּ נְדָבוֹת הַשְׁמִיעוּ כִּי כֵן אֲהַבְתֶּם בְּנֵי
יִשְׂרָאֵל נְאֻם אֲדֹנָי יֱהוִה׃ וְגַם אֲנִי נָתַתִּי לָכֶם נִקְיוֹן 6

שנים

ג׳ v. 8. קמץ בלא אסף ibid עד כאן

6 בלאָזט מען שופר אין שטאָדט ווען דאָס פאָלק איז ניט אונרוהיג ? קען
אין שטאָדט אַן אונגליק זיין, וועלכען גאָט האָט ניט געמאַכט ?
7 אזוי טהוט גאָט קיין זאַך איידער ער דעקט אויף זיין געהיימניס צו
זיינע דיענער, די נביאים.
8 ווען אַ לייב ברילט ווער איז ניט אין שרעק ? ווען דער עוויגער הייסט
ווער קען ניט פּראָפעצייהען ?
9 פּראָפעצייהעט וועגען די פּאַלאַצען פון אשדוד און די פּאַלאַצען פונ'ם
לאַנד מצרים און זאָגט : פערזאַמעלט זיך אויף די בערג פון שמרון וועט
איהר זעהען גרויסע אונרוהען אין איהר און בערויבטע אונטער איהרע
איינוואוינער.
10 זיי פערשטעהען ניט ווי ריכטיג צו האַנדלען זאָגט גאָט — זיי פער־
מעהרען געוואַלדטהאַטען און רויב אין זייערע פּאַלאַצען.
11 דערפאַר האָט אַזוי געזאָגט דער אַלמעכטיגער גאָט : דער פיינד איז שוין
ארום דאָס לאַנד, ער וועט פון דיר אראָבנעהמען דיין מאַכט און דיינע
פּאַלאַצען וועלען צורויבט ווערען.
12 אַזוי האָט גאָט געזאָגט : אזוי ווי דער הירט רעטעט פון לייב'ס מויל
צוויי קניען אָדער אַ שטיקעל אויער, אַזוי וועלען גערעטעט ווערען די
קינדער ישראל אין ווינקעל בעט און אין ברעג קינדער־בעטעל.
13 הערט דאָס און וואָרענט דאָס הויז פון יעקב — זאָגט דער אַלמעכטיגער
גאָט, גאָט פון אַרמעען.
14 וואָרום ווען איך וועל ישראל זיין פערברעכען דערמאָהנען, וועל איך אַ
שטראָף לעגען אויף די אַלטאַרען פון בית־אל, דאַן וועלען אָבגעבראָכען
ווערען די ווינקלען פון אַלטאַר און וועלען אויף דער ערד אראָבפאַלען.
15 איך וועל צוברעכען דאָס ווינטער־הויז און דאָס זומער־הויז, עס וועלען
פערניכטעט ווערען די עלפאַנטביינערנע פּאַלאַצען און פיעל הייזער וועלען
אונטער געהען — זאָגט גאָט.

קאַפּיטעל ד

1 הערט אויס דאָס וואָרט, בשן־קיה פונ'ם בארג שמרון, וועלכע בעדריקען
די אָרימע און קוועלען די בעדירפטיגע, די וואָס זאָגען צו זייערע מענער,
„ברענג, מיר וועלען טרינקען !"
2 דער אַלמעכטיגער גאָט האָט געשוואָרען. ביי זיין הייליגטהום, אַז עס
וועלען קומען אויף אייך צייטען וואָס מען וועט אייך אוועקטראָגען אין
רויבערשיפען און אייערע קינדער — אין פישער־שיפלאַך.
3 דורך די וואַנטשפּאַלטען וועלען זיי ארויס איינע קעגען די אַנדערע און
אין די האַרעמען וועט איהר אריינגעוואָרפען ווערען — זאָגט גאָט.
4 געהט אין בית־אל און זינדיגט דאָרטען, אין גלגל זינדיגט פיעל. ברענגט
יעדער פריה מאָרגען אייערע אָפּפער, יעדערע דריי טעג — אייער מעשר.
5 ברענגט אַ דאַנק־אָפּפער פון אונגעזייערט געבעקס און רופט אויס מען
זאָל ברענגען פרייוויליגע אָפּפער, מאַכט בעקאַנט, דען דאָס ליעבט איהר,
קינדער ישראל, — זאָגט גאָט.
6 איך האָב אייך, זאָגט גאָט, געגעבען הונגער־נויטה אין אַלע שטעדט אייּ

שִׁנַּיִם בְּכָל־עָרֵיכֶם וְחֹסֶר לֶחֶם בְּכֹל מְקוֹמֹתֵיכֶם וְלֹא־
7 שַׁבְתֶּם עָדַי נְאֻם־יְהוָה׃ וְגַם אָנֹכִי מָנַעְתִּי מִכֶּם אֶת־הַגֶּשֶׁם
בְּעוֹד שְׁלֹשָׁה חֳדָשִׁים לַקָּצִיר וְהִמְטַרְתִּי עַל־עִיר אֶחָת
וְעַל־עִיר אַחַת לֹא אַמְטִיר חֶלְקָה אַחַת תִּמָּטֵר וְחֶלְקָה
8 אֲשֶׁר־לֹא־תַמְטִיר עָלֶיהָ תִּיבָשׁ׃ וְנָעוּ שְׁתַּיִם שָׁלֹשׁ עָרִים
אֶל־עִיר אַחַת לִשְׁתּוֹת מַיִם וְלֹא יִשְׂבָּעוּ וְלֹא־שַׁבְתֶּם עָדַי
9 נְאֻם־יְהוָה׃ הִכֵּיתִי אֶתְכֶם בַּשִּׁדָּפוֹן וּבַיֵּרָקוֹן הַרְבּוֹת גַּנּוֹתֵיכֶם
וְכַרְמֵיכֶם וּתְאֵנֵיכֶם וְזֵיתֵיכֶם יֹאכַל הַגָּזָם וְלֹא־שַׁבְתֶּם עָדַי
י נְאֻם־יְהוָה׃ שִׁלַּחְתִּי בָכֶם דֶּבֶר בְּדֶרֶךְ מִצְרַיִם הָרַגְתִּי
בַחֶרֶב בַּחוּרֵיכֶם עִם שְׁבִי סוּסֵיכֶם וָאַעֲלֶה בְּאֹשׁ מַחֲנֵיכֶם
11 וּבְאַפְּכֶם וְלֹא־שַׁבְתֶּם עָדַי נְאֻם־יְהוָה׃ הָפַכְתִּי בָכֶם
כְּמַהְפֵּכַת אֱלֹהִים אֶת־סְדֹם וְאֶת־עֲמֹרָה וַתִּהְיוּ כְּאוּד מֻצָּל
12 מִשְּׂרֵפָה וְלֹא־שַׁבְתֶּם עָדַי נְאֻם־יְהוָה׃ לָכֵן כֹּה אֶעֱשֶׂה־
לְּךָ יִשְׂרָאֵל עֵקֶב כִּי־זֹאת אֶעֱשֶׂה־לָּךְ הִכּוֹן לִקְרַאת־אֱלֹהֶיךָ
13 יִשְׂרָאֵל׃ כִּי הִנֵּה יוֹצֵר הָרִים וּבֹרֵא רוּחַ וּמַגִּיד לְאָדָם מַה־
שֵּׂחוֹ עֹשֵׂה שַׁחַר עֵיפָה וְדֹרֵךְ עַל־בָּמֳתֵי אָרֶץ יְהוָה אֱלֹהֵי־
צְבָאוֹת שְׁמוֹ׃

CAP. V. ה

ה

א שִׁמְעוּ אֶת־הַדָּבָר הַזֶּה אֲשֶׁר אָנֹכִי נֹשֵׂא עֲלֵיכֶם קִינָה בֵּית
2 יִשְׂרָאֵל׃ נָפְלָה לֹא־תוֹסִיף קוּם בְּתוּלַת יִשְׂרָאֵל נִטְּשָׁה
3 עַל־אַדְמָתָהּ אֵין מְקִימָהּ׃ כִּי כֹה אָמַר אֲדֹנָי יֱהוִה
הָעִיר הַיֹּצֵאת אֶלֶף תַּשְׁאִיר מֵאָה וְהַיּוֹצֵאת מֵאָה תַּשְׁאִיר
4 עֲשָׂרָה לְבֵית יִשְׂרָאֵל׃ כִּי כֹה אָמַר יְהוָה לְבֵית
ה יִשְׂרָאֵל דִּרְשׁוּנִי וִחְיוּ׃ וְאַל־תִּדְרְשׁוּ בֵּית־אֵל וְהַגִּלְגָּל לֹא
תָבֹאוּ וּבְאֵר שֶׁבַע לֹא תַעֲבֹרוּ כִּי הַגִּלְגָּל גָּלֹה יִגְלֶה וּבֵית
6 אֵל יִהְיֶה לְאָוֶן׃ דִּרְשׁוּ אֶת־יְהוָה וִחְיוּ פֶּן־יִצְלַח כָּאֵשׁ
7 בֵּית יוֹסֵף וְאָכְלָה וְאֵין־מְכַבֶּה לְבֵית־אֵל׃ הַהֹפְכִים לְלַעֲנָה

משפט

ד v. 13. מלע

ערע און ברויט מאַנגעל אין אַלע ערטער אייערע, איהר אָבער האָט זיך נאָך
אַלץ צו מיר ניט אומגעקעהרט — זאָגט גאָט.
7 איך האָב פון אייך פערהאַלטען דעם רעגען דריי מאָנאַטען פאַר דעם
שניט, אויף איין שטאָדט האָב איך רעגען געשיקט און אויף די אַנדערע
שטאָדט קיין רעגען; אויף איין פעלד געהט רעגען און אויף די וואָס עס
רעגענט ניט יענע ווערט אויסגעטריקענט.
8 צוויי אָדער דריי שטעדט וועלען אויסוואַנדערן צו איין שטאָדט אום
וואַסער צו טרינקען, זיי וועלען אָבער ניט זאַט טרינקען; און דאָך האָט
איהר זיך צו מיר ניט געקעהרט — זאָגט גאָט.
9 איך האָב אייך געשטראָפט מיט קאָרנבראַנד און געלזוכט דאָס מעהרסטע
פון אַייערע פעלדער און וויינגערטנער, אַייערע פייגענבוימער, און אויל־
בוימער פערניכטעט דער היישעריק; דאָך האָט איהר זיך צו מיר ניט
געקעהרט — זאָגט גאָט.
10 איך האָב אויף אייך אָנגעשיקט אַ פעסט ווען איהר זייט אין מצרים גע־
גאַנגען, איך האָב מיט'ן שווערד גע'הרג'עט אייערע יונגע מענשען און גע־
לאָזען געפאַנגען נעהמען אייערע פערד, דער געשטאַנק פון אייער לאַגער
האָט זיך אויפגעהויבען אין אייער נאָז; און איהר האָט זיך צו מיר נאָך
ניט געקעהרט — זאָגט גאָט.
11 איך האָב אייך איבערגעקעהרט ווי די גרויסע איבערקעהרעניש פון סדום
און עמורה, איהר זייט געוואָרען ווי אַ האָלץ וואָס מען ציהט אַרויס פונ'ם
פייער; דאָך האָט איהר זיך צו מיר ניט געקעהרט — זאָגט גאָט.
12 **דערפאַר וועל איך דיר טהאָן דאָס זעלבע, ישראל; אָבער ווידער איך
זאָל דיר דאָס טהאָן, בעקעהר זיך, ישראל, צו דיין גאָט!**
13 **וואָרום ער איז דער וואָס פאָרמט בערג, בעשאַפט ווינד און זאָגט דעם**
מענשען וואָס ער רעדט, ער מאַכט די מאָרגענליכט און אָווענד־פינסטער־
ניס און בעטרעט די העכסטע ערטער פון דער וועלט — זיין נאָמען איז
עוויגער — דער גאָט פון אַרמעען.

קאַפיטעל ה

1 הערט אויס דאָס וואָרט וואָס איך רייד וועגען אייך און די קלאָגליעד,
הויז ישראל!
2 זי איז געפאַלען און קען מעהר ניט אויפשטעהען, די יונגפרוי ישראל;
זי איז צו דר'ערד געפאַלען און קיינער הויבט איהר אויף.
3 וואָרום אַזוי זאָגט דער אַלמעכטיגער גאָט: די שטאָדט וואָס האָט אַרויס־
געגעבען טויזענד וועט אין איהר נאָר הונדערט פערבלייבען, און די וואָס
האָט אַרויסגעגעבען הונדערט וועט אין איהר נאָר צעהען בלייבען פון
דאָס הויז ישראל.
4 **וואָרום אַזוי האָט געזאָגט וועגען דאָס הויז ישראל: ווענדעט זיך**
צו מיר און לעבט!
5 ווענדעט זיך ניט צו בית אל, קומט ניט אין גלגל און געהט ניט אין
באר שבע, וואָרום גלגל וועט אויסוואַנדערן און פון בית אל וועט גאָר
נישט ווערען.
6 ווענדעט זיך צו גאָט און לעבט, אום עס זאָל זיך ניט פאַנאַנדערפלאַמען
ווי אַ פייער דאָס הויז יוסף, און בית אל זאָל ניט ברענען אז מען זאָל
איהר ניט קענען אָבלעשען.
7 **איהר וואָס מאַכט די רעכטע צו ביטערע ווערמוט און די גערעכטיגקייט
לעגט איהר אין דר'ערד.**

מִשְׁפָּט וּצְדָקָה לָאָרֶץ הִנִּיחוּ׃ עֹשֵׂה כִימָה וּכְסִיל וְהֹפֵךְ 8
לַבֹּקֶר צַלְמָוֶת וְיוֹם לַיְלָה הֶחְשִׁיךְ הַקּוֹרֵא לְמֵי־הַיָּם
וַיִּשְׁפְּכֵם עַל־פְּנֵי הָאָרֶץ יְהוָה שְׁמוֹ׃ הַמַּבְלִיג שֹׁד עַל־עָז 9
וְשֹׁד עַל־מִבְצָר יָבוֹא׃ שָׂנְאוּ בַשַּׁעַר מוֹכִיחַ וְדֹבֵר תָּמִים י
יְתָעֵבוּ׃ לָכֵן יַעַן בּוֹשַׁסְכֶם עַל־דָּל וּמַשְׂאַת־בַּר תִּקְחוּ מִמֶּנּוּ 11
בָּתֵּי גָזִית בְּנִיתֶם וְלֹא־תֵשְׁבוּ בָם כַּרְמֵי־חֶמֶד נְטַעְתֶּם וְלֹא
תִשְׁתּוּ אֶת־יֵינָם׃ כִּי יָדַעְתִּי רַבִּים פִּשְׁעֵיכֶם וַעֲצֻמִים 12
חַטֹּאתֵיכֶם צֹרְרֵי צַדִּיק לֹקְחֵי כֹפֶר וְאֶבְיוֹנִים בַּשַּׁעַר הִטּוּ׃
לָכֵן הַמַּשְׂכִּיל בָּעֵת הַהִיא יִדֹּם כִּי עֵת רָעָה הִיא׃ 13
דִּרְשׁוּ־טוֹב וְאַל־רָע לְמַעַן תִּחְיוּ וִיהִי־כֵן יְהוָה אֱלֹהֵי־ 14
צְבָאוֹת אִתְּכֶם כַּאֲשֶׁר אֲמַרְתֶּם׃ שִׂנְאוּ־רָע וְאֶהֱבוּ טוֹב טו
וְהַצִּיגוּ בַשַּׁעַר מִשְׁפָּט אוּלַי יֶחֱנַן יְהוָה אֱלֹהֵי־צְבָאוֹת
שְׁאֵרִית יוֹסֵף׃ לָכֵן כֹּה־אָמַר יְהוָה אֱלֹהֵי צְבָאוֹת 16
אֲדֹנָי בְּכָל־רְחֹבוֹת מִסְפֵּד וּבְכָל־חוּצוֹת יֹאמְרוּ הוֹ־הוֹ
וְקָרְאוּ אִכָּר אֶל־אֵבֶל וּמִסְפֵּד אֶל־יוֹדְעֵי נֶהִי׃ וּבְכָל־כְּרָמִים 17
מִסְפֵּד כִּי־אֶעֱבֹר בְּקִרְבְּךָ אָמַר יְהוָה׃ הוֹי הַמִּתְאַוִּים 18
אֶת־יוֹם יְהוָה לָמָּה־זֶּה לָכֶם יוֹם יְהוָה הוּא־חֹשֶׁךְ וְלֹא־
אוֹר׃ כַּאֲשֶׁר יָנוּס אִישׁ מִפְּנֵי הָאֲרִי וּפְגָעוֹ הַדֹּב וּבָא 19
הַבַּיִת וְסָמַךְ יָדוֹ עַל־הַקִּיר וּנְשָׁכוֹ הַנָּחָשׁ׃ הֲלֹא־חֹשֶׁךְ כ
יוֹם יְהוָה וְלֹא־אוֹר וְאָפֵל וְלֹא־נֹגַהּ לוֹ׃ שָׂנֵאתִי מָאַסְתִּי 21
חַגֵּיכֶם וְלֹא אָרִיחַ בְּעַצְּרֹתֵיכֶם׃ כִּי אִם־תַּעֲלוּ־לִי עֹלוֹת 22
וּמִנְחֹתֵיכֶם לֹא אֶרְצֶה וְשֶׁלֶם מְרִיאֵיכֶם לֹא אַבִּיט׃ הָסֵר 23
מֵעָלַי הֲמוֹן שִׁרֶיךָ וְזִמְרַת נְבָלֶיךָ לֹא אֶשְׁמָע׃ וְיִגַּל כַּמַּיִם 24
מִשְׁפָּט וּצְדָקָה כְּנַחַל אֵיתָן׃ הַזְּבָחִים וּמִנְחָה הִגַּשְׁתֶּם־ כה
לִי בַמִּדְבָּר אַרְבָּעִים שָׁנָה בֵּית יִשְׂרָאֵל׃ וּנְשָׂאתֶם אֵת 26
סִכּוּת מַלְכְּכֶם וְאֵת כִּיּוּן צַלְמֵיכֶם כּוֹכַב אֱלֹהֵיכֶם אֲשֶׁר
עֲשִׂיתֶם לָכֶם׃ וְהִגְלֵיתִי אֶתְכֶם מֵהָלְאָה לְדַמָּשֶׂק אָמַר 27
יְהוָה אֱלֹהֵי־צְבָאוֹת שְׁמוֹ׃

8 דער וואָס מאַכט די פּלאַנעטען כימה און כסיל, דער וואָס מאַכט פון פינסטער ליכטיג און פון טאָג — אַ פינסטערע נאַכט, דער וואָס רופט צוזאַמען דאָס וואַסער פון ים און גיעסט זיי אויס אויף דר׳ערד — זיין נאָמען איז גאָט —

9 ער מאַכט דעם בערויבטען שטאַרקער פאַר דעם מעכטיגען און ברענגט אַן אונגליק אויף אַ פעסטונג.

10 זיי האַסען דעם וואָס ווייזט אויף די רעכטע אינ׳ם טהויער, און דעם וואָס רעדט ריכטיגקייט פעראַבשייען זיי.

11 דערפאַר ווייל איהר טרעט אויפ׳ן אָרימען און איהר נעהמט פון איהם אָב אַ האָרן־אָרליוהעי — וועט איהר ניט בעוואוינען די שטיינערנע הייזער וואָס איהר האָט געבויט און וועט ניט טרינקען דעם וויין פון די בעסטע וויינגערטנער וואָס איהר האָט געפלאַנצט.

12 איך ווייס ווי גרויס אַייערע פערברעכענס זיינען און ווי פיעל אייערע זינד זיינען — איהר אונטערדריקט דעם פרומען, איהר נעהמט אויסקויף געלד ; און די רעכטע פון אָרימאַן פערבייגען זיי אין געריכטס אָרט.

13 ווייל דער פערנינפטיגער מענש שווייגט אַייך דאַן, עס איז ווירקליך אַן אונגליקליכע צייט.

14 זוכט גוטס אָבער ניט שלעכטס, אום איהר זאָלט לעבען און גאָט זאָל מיט אַייך זיין ווי איהר פערלאַנגט.

15 האַסט דאָס שלעכטס און ליעבט דאָס גוטס, שטעלט איין אין שטאָדט־טהויער גערעכטיגקייט, פיליכט וועט דער גאָט פון אַרמעען בעגנאַדיגען די איבערגעבליעבענע פונ׳ם הויז יוסף.

16 האָט דערפאַר אַזוי געזאָגט דער עוויגער גאָט פון אַרמעען : **אין אַלע** ברייטע גאַסען וועט זיין אַ קלאָג און אין אַלע קליינע געסלאַך וועט מען זאָגען „אוי, אוי !״ די ערד־אַרבייטער **וועלען אַ טרויער אויסרופען** און אַ קלאָג — **די געניטע קלעגער.**

17 אין אַלע וויינגערטנער וועט אַ קלאָג זיין, וואָרום איך וועל **דורכגעהן צווישען** דיר — **זאָגט גאָט.**

18 וועה צו די וואָס וואַרטען אויף גאָט׳ס טאָג ! וואָס **איז פאַר אַייך** גאָט׳ס טאָג ? — ער איז פינסטער ניט ליכטיג.

19 אַזוי ווי יעמאַנד ענטלויפט פון אַ לייב און טרעפט אַ בער, און אַז ער קומט שוין אין הויז און שפּאַרט אָן זיין האַנד אויפ׳ן וואַנד בייסט איהם אַ שלאַנג.

20 גאָט׳ס טאָג איז דאָך פינסטער און ניט ליכטיג, גאַנץ דונקעל — אָהן שיין.

21 איך האַס און פערהאַס אייערע פייערטעג און וועל ניט שמעקען אייערע פעסט־אָפּפער.

22 אַז איהר וועט מיר ברענגען גאַנץ־אָפּפער אָדער שפּייז־אָפּפער וועל איך ניט אָננעהמען, אויף די פריעדען־אָפּפער פון אייערע געשטאָפּטע אָקסען וויל איך ניט אָנקוקען.

23 ערווייטער פון מיר דיינע פיעל געזאַנגען, **דאָס שפּיעלען פון דיינע האַר־**פען וויל איך ניט הערען.

24 זאָל די גערעכטיגקייט קוועלען ווי וואַסער, **און די** וואָהלטהאַט ווי אַ שטראָהמענדער טייך.

25 האָט איהר מיר געבראַכט **אין מדבר אָפּפער און** שפּייזען, די גאַנצע פערציג יאָהר, הויז פון ישראל ?

26 און איהר טראָגט זיך ארום מיט סכות, אַייער מלך־געץ, מיט אַייערע בילדער פון כיון און אַייער געץ כוכב, וועלכע איהר **האָט פאַר זיך** געמאַכט.

27 **דערפאַר** וועל איך אַייך פערטרייבען ווייטער **ווי דמשק** — זאָגט דער עוויגער וואָס זיין נאָמען איז גאָט פון אַרמעען.

CAP. VI. ו

ו
א הוֹי הַשַּׁאֲנַנִּים בְּצִיּוֹן וְהַבֹּטְחִים בְּהַר שֹׁמְרוֹן נְקֻבֵי רֵאשִׁית
2 הַגּוֹיִם וּבָאוּ לָהֶם בֵּית יִשְׂרָאֵל׃ עִבְרוּ כַלְנֵה וּרְאוּ וּלְכוּ
מִשָּׁם חֲמַת רַבָּה וּרְדוּ גַת־פְּלִשְׁתִּים הֲטוֹבִים מִן־הַמַּמְלָכוֹת
3 הָאֵלֶּה אִם־רַב גְּבוּלָם מִגְּבֻלְכֶם׃ הַמְנַדִּים לְיוֹם רָע וַתַּגִּישׁוּן
4 שֶׁבֶת חָמָס׃ הַשֹּׁכְבִים עַל־מִטּוֹת שֵׁן וּסְרֻחִים עַל־עַרְשׂוֹתָם
ה וְאֹכְלִים כָּרִים מִצֹּאן וַעֲגָלִים מִתּוֹךְ מַרְבֵּק׃ הַפֹּרְטִים עַל־
6 פִּי הַנָּבֶל כְּדָוִיד חָשְׁבוּ לָהֶם כְּלֵי־שִׁיר׃ הַשֹּׁתִים בְּמִזְרְקֵי
יַיִן וְרֵאשִׁית שְׁמָנִים יִמְשָׁחוּ וְלֹא נֶחְלוּ עַל־שֵׁבֶר יוֹסֵף׃
7 לָכֵן עַתָּה יִגְלוּ בְּרֹאשׁ גֹּלִים וְסָר מִרְזַח סְרוּחִים׃
8 נִשְׁבַּע אֲדֹנָי יֱהוִֹה בְּנַפְשׁוֹ נְאֻם־יְהוָֹה אֱלֹהֵי צְבָאוֹת מְתָאֵב
אָנֹכִי אֶת־גְּאוֹן יַעֲקֹב וְאַרְמְנֹתָיו שָׂנֵאתִי וְהִסְגַּרְתִּי עִיר
9 וּמְלֹאָהּ׃ וְהָיָה אִם־יִוָּתְרוּ עֲשָׂרָה אֲנָשִׁים בְּבַיִת אֶחָד וָמֵתוּ׃
י וּנְשָׂאוֹ דּוֹדוֹ וּמְסָרְפוֹ לְהוֹצִיא עֲצָמִים מִן־הַבַּיִת וְאָמַר לַאֲשֶׁר
בְּיַרְכְּתֵי הַבַּיִת הַעוֹד עִמָּךְ וְאָמַר אָפֶס וְאָמַר הָס כִּי לֹא
11 לְהַזְכִּיר בְּשֵׁם יְהוָֹה׃ כִּי־הִנֵּה יְהוָֹה מְצַוֶּה וְהִכָּה
12 הַבַּיִת הַגָּדוֹל רְסִיסִים וְהַבַּיִת הַקָּטֹן בְּקִעִים׃ הַיְרֻצוּן בַּסֶּלַע
סוּסִים אִם־יַחֲרוֹשׁ בַּבְּקָרִים כִּי־הֲפַכְתֶּם לְרֹאשׁ מִשְׁפָּט
13 וּפְרִי צְדָקָה לְלַעֲנָה׃ הַשְּׂמֵחִים לְלֹא דָבָר הָאֹמְרִים הֲלֹא
14 בְחָזְקֵנוּ לָקַחְנוּ לָנוּ קַרְנָיִם׃ כִּי הִנְנִי מֵקִים עֲלֵיכֶם בֵּית
יִשְׂרָאֵל נְאֻם־יְהוָֹה אֱלֹהֵי הַצְּבָאוֹת גּוֹי וְלָחֲצוּ אֶתְכֶם מִלְּבוֹא
חֲמָת עַד־נַחַל הָעֲרָבָה׃

CAP. VII. ז

ז
א כֹּה הִרְאַנִי אֲדֹנָי יֱהוִֹה וְהִנֵּה יוֹצֵר גֹּבַי בִּתְחִלַּת עֲלוֹת
2 הַלָּקֶשׁ וְהִנֵּה־לֶקֶשׁ אַחַר גִּזֵּי הַמֶּלֶךְ׃ וְהָיָה אִם־כִּלָּה
לֶאֱכוֹל אֶת־עֵשֶׂב הָאָרֶץ וָאֹמַר אֲדֹנָי יֱהוִֹה סְלַח־נָא מִי
3 יָקוּם יַעֲקֹב כִּי קָטֹן הוּא׃ נִחַם יְהוָֹה עַל־זֹאת לֹא תִהְיֶה

אמר

ה v. 10. קמץ בז״ק

קאַפּיטעל ו

1 ווערה צו די פריעדליכע איינוואוינער פון ציון און די רוהיגע בעוואוינער
פון'ם באַרג שמרון, וועלכע רופען זיך די בעסטע אונטער פעלקער צו
וועמען דאָס הויז ישראל איז נאָך שטיצע געקומען.
2 געהט אין כלנה און פון דאָרטען צו גרויס חמת, געהט אַרונטער אין גת
(פלשתים) און זעהט אויב זיי זיינען בעסער פאַר די קעניגרייכען, אויב
זייער גרענעץ איז גרעסער פאַר אייער גרענעץ.
3 זיי ערווייטערן דעם אונגליקס טאָג אָבער דאָס געוואַלדטהאַט ערנעהנען
זיי ביסלאַכווייז.
4 זיי ליעגען אויף עלפאַנטביינערנע בעטען און זיינען אויסגעצויגען אויף
זייערע קינדער־בעטען, זיי עסען די בעסטע פון שעפסען און קעלבער פון
מאַסט־שטאַל.
5 זיי זינגען נאָך די האַרפען און טראַכטען זיך אויס אַזעלכע אינסטרומענ־
טען ווי דוד.
6 די וועלכע טרינקען ויין פון בעקענס און שמירען זיך מיט דאָס בעסטע
אויל און זיי אַארט ניט יוסף'ס בראָך.
7 דערפאַר וועלען זיי יעצט וואַנדערן פאָראויס די אויסגעוואַנדערטע,
עס וועט אויפהערען דער יובעלגעשריי פון די אויסגעצויגענע.
8 דער אלמעכטיגער גאָט שווערט מיט זיך זעלבסט, אַזוי רעדט דער עוויגער
גאָט פון ארמעען : איך פעראַבשיי יעקב'ס שטאָלץ און האַס זיינע פּאַ־
לאַצען, איך וועל איבערגעבען (צום פיינד) די שטאָדט מיט אַלץ וואָס
אין איהר געפינט זיך.
9 דאַן אויב עס וועלען צעהן מענשען זיין אין איין הויז, וועלען זיי אַלע
אויסשטאַרבען.
10 זיין פעטער אָדער בערדיגער וועט איהם טראָגען, גליעדערווייז אַרויס־
טראָגען פון הויז, און ער וועט זאָגען צו דעם וואָס שטעהט אין ווינקעל
הויז : „איז נאָך וואָס דאָ נעבען דיר?" און יענער וועט ענטפערען :
„ניין !" ; וועט ער ווידער זאָגען : „שטיל ! דערמאָהן נאָר ניט גאָט'ס
נאָמען."
11 ווי גאָט וועט אַ בעפעהל געבען וועט מען צוברעכען דאָס גרויסע הויז אויף
שפּענער און דאָס קליינע הויז אויף שפּענדלאַך.
12 לויפען פערד אויף אַ פעלז ? אַקערט מען אויף אַ פעלז מיט רינדער ?
איהר האָט אָבער דאָס רעכט איבערקעהרט אויף ביטערנים און די פרוכט
פון גערעכטיגקייט אויף גיפטיגע ווערמוטה.
13 איהר, וועלכע פרעהט זיך אָהן אַן אורזאַכע, זאָגענדיג : מיט אונזער
אייגענע מאַכט האָבען מיר זיך די הערשאַפט גענומען.
14 ווארום איך וועל אויף אייך, הויז ישראל, אויפהויבען אַ פאָלק —
זאָגט דער עוויגער גאָט פון ארמעען — און זיי וועלען אייך פעריאָגען
פון דעם אַריינגאַנג אין חמת ביז דעם טהאָל פון דער וויסטע.

קאַפּיטעל ז

1 אַזוי האָט מיר דער אַלמעכטיגער גאָט געוויזען : אָט בעשאַפט ער אַ היי־
שעריק ווען עס פאַנגט זיך אָן דאָס אָבקלייבען פון פרוכט (דאָס פרוכט
אבקלייבען איז געווען נאָך דעם הויפּט־שניט),
2 און ער וועט פערבלייבען ביז ער וועט אויפעסען דאָס גאַנצע גראָז פון'ם
לאַנד. האָב איך געזאָגט : „אַלמעכטיגער גאָט ! פערצייהע, איך בעט
דיך ! וועט יעקב, וואָס איז אַזוי קראַפטלאָז, דאָס קענען אויסשטעהן ?"
3 דאַן האָט זיך גאָט בעדענקט וועגען דעם — „עס וועט ניט געשעהען !" —
האָט גאָט געזאָגט.

4 אָמַר יְהוִה׃ כֹּה הִרְאַנִי אֲדֹנָי יְהוִה וְהִנֵּה קֹרֵא לָרִב
בָּאֵשׁ אֲדֹנָי יְהוִה וַתֹּאכַל אֶת־תְּהוֹם רַבָּה וְאָכְלָה אֶת־
ה הַחֵלֶק׃ וָאֹמַר אֲדֹנָי יְהוִה חֲדַל־נָא מִי יָקוּם יַעֲקֹב כִּי קָטֹן
6 הוּא׃ נִחַם יְהוָה עַל־זֹאת גַּם־הִיא לֹא תִהְיֶה אָמַר אֲדֹנָי
7 יְהוִה׃ כֹּה הִרְאַנִי וְהִנֵּה אֲדֹנָי נִצָּב עַל־חוֹמַת אֲנָךְ
8 וּבְיָדוֹ אֲנָךְ׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה אֵלַי מָה־אַתָּה רֹאֶה עָמוֹס וָאֹמַר
אֲנָךְ וַיֹּאמֶר אֲדֹנָי הִנְנִי שָׂם אֲנָךְ בְּקֶרֶב עַמִּי יִשְׂרָאֵל לֹא־
9 אוֹסִיף עוֹד עֲבוֹר לוֹ׃ וְנָשַׁמּוּ בָּמוֹת יִשְׂחָק וּמִקְדְּשֵׁי יִשְׂרָאֵל
י יֶחֱרָבוּ וְקַמְתִּי עַל־בֵּית יָרָבְעָם בֶּחָרֶב׃ וַיִּשְׁלַח אֲמַצְיָה
כֹּהֵן בֵּית־אֵל אֶל־יָרָבְעָם מֶלֶךְ־יִשְׂרָאֵל לֵאמֹר קָשַׁר עָלֶיךָ
עָמוֹס בְּקֶרֶב בֵּית יִשְׂרָאֵל לֹא־תוּכַל הָאָרֶץ לְהָכִיל אֶת־
11 כָּל־דְּבָרָיו׃ כִּי־כֹה אָמַר עָמוֹס בַּחֶרֶב יָמוּת יָרָבְעָם וְיִשְׂרָאֵל
12 גָּלֹה יִגְלֶה מֵעַל אַדְמָתוֹ׃ וַיֹּאמֶר אֲמַצְיָה אֶל־עָמוֹס
חֹזֶה לֵךְ בְּרַח־לְךָ אֶל־אֶרֶץ יְהוּדָה וֶאֱכָל־שָׁם לֶחֶם וְשָׁם
13 תִּנָּבֵא׃ וּבֵית אֵל לֹא־תוֹסִיף עוֹד לְהִנָּבֵא כִּי מִקְדַּשׁ־מֶלֶךְ
14 הוּא וּבֵית מַמְלָכָה הוּא׃ וַיַּעַן עָמוֹס וַיֹּאמֶר אֶל־אֲמַצְיָה
לֹא־נָבִיא אָנֹכִי וְלֹא בֶן־נָבִיא אָנֹכִי כִּי־בוֹקֵר אָנֹכִי וּבוֹלֵס
טו שִׁקְמִים׃ וַיִּקָּחֵנִי יְהוָה מֵאַחֲרֵי הַצֹּאן וַיֹּאמֶר אֵלַי יְהוָה לֵךְ
16 הִנָּבֵא אֶל־עַמִּי יִשְׂרָאֵל׃ וְעַתָּה שְׁמַע דְּבַר־יְהוָה אַתָּה אֹמֵר
17 לֹא תִנָּבֵא עַל־יִשְׂרָאֵל וְלֹא תַטִּיף עַל־בֵּית יִשְׂחָק׃ לָכֵן כֹּה־
אָמַר יְהוָה אִשְׁתְּךָ בָּעִיר תִּזְנֶה וּבָנֶיךָ וּבְנֹתֶיךָ בַּחֶרֶב יִפֹּלוּ
וְאַדְמָתְךָ בַּחֶבֶל תְּחֻלָּק וְאַתָּה עַל־אֲדָמָה טְמֵאָה תָּמוּת
וְיִשְׂרָאֵל גָּלֹה יִגְלֶה מֵעַל אַדְמָתוֹ׃

ח Cap. VIII. ח

2 א כֹּה הִרְאַנִי אֲדֹנָי יְהוִה וְהִנֵּה כְּלוּב קָיִץ׃ וַיֹּאמֶר מָה־אַתָּה
רֹאֶה עָמוֹס וָאֹמַר כְּלוּב קָיִץ וַיֹּאמֶר יְהוָה אֵלַי בָּא הַקֵּץ
3 אֶל־עַמִּי יִשְׂרָאֵל לֹא־אוֹסִיף עוֹד עֲבוֹר לוֹ׃ וְהֵילִילוּ שִׁירוֹת
הֵיכָל בַּיּוֹם הַהוּא נְאֻם אֲדֹנָי יְהוִה רַב הַפֶּגֶר בְּכָל־מָקוֹם

השליך

4 אַזוי האָט מיר גאָט געוויזען: אָט, רופט דער אַלמעכטיגער גאָט אַרויס דעם פייער אין קריעג פאַר דעם מעכטיגען גאָט, און ער פערברענט ביז אין טיעפען אַבגרונד אַריין און אויך די פעלדער.
5 האָב איך געזאָגט: „אַלמעכטיגער גאָט! הער אויף, איך בעט דיך! וועט יעקב, וואָס איז אַזוי קראַפטלאָז, קענען דאָס אויסשטעהן?
6 דאַן האָט זיך גאָט בעדענקט וועגען דעם — „אויך דאָס וועט ניט געשעהען — זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער.
7 ער האָט מיר אַזוי געוויזען: אָט שטעהט גאָט אויף אַ גלייכע מויערוואַנד און האַלט זינקבליי אין זיין האַנד,
8 און גאָט האָט צו מיר געזאָגט: „וואָס זעהסטו, עמוס?" האָב איך געענטפערט: „זינקבליי!" דאַן האָט גאָט געזאָגט: „אָט דאָס לעג איך זינקבליי אַוועק אויף מיין פאָלק ישראל (אַלס בעוויז אַז) איך וועל איהם מעהר ניט פערצייהען.
9 פערוויסטעט וועלען ווערען ישחק'ס בארג־אַלטאַרען און ישראל'ס הייליגטהימער וועלען צושטערט ווערען, איך זעלבסט וועל זיך מיט'ן שווערד שטעלען קעגען ירבעם'ס הויז."
10 דאַן האָט אמציה דער פּריסטער פון בית אל געשיקט צו ירבעם, קעניג פון ישראל אַזוי צו זאָגען: „עמוס האָט קעגען דיר אַ פערשווערונג געמאַכט אינ'ם הויז ישראל, דאָס לאַנד קען זיינע ווערטער ניט פערטראָגען;
11 וואָרום עמוס האָט אַזוי געזאָגט: „ירבעם וועט שטאַרבען פונ'ם שווערד און גאַנץ ישראל וועט פון זיין לאַנד פערטריבען ווערען."
12 און צו עמוס דעם פּראָפעט האָט אמציה געזאָגט: „געה, ענטלויף זיך אין לאַנד יהודה, עסס דאָרטען ברויט און פּראָפעצייהע דאָרטען;
13 אין בית־אל אָבער זאָלסטו מעהר ניט פּראָפעצייהען, וואָרום דאָרט איז דאָס הויפּט־הייליגטהום און אויך די רעזידענץ־שטאָדט."
14 עמוס האָט געענטפערט און געזאָגט צו אמציה: איך בין קיין פּראָפעט אויך ניט קיין זוהן פון אַ פּראָפעט, איך בין גאָר אַ פיה־הענדלער און אַ סיקאָמאָרען (עגיפּטישע פייגען) זוכער.
15 נאָר גאָט האָט מיר צוגענומען, געהענדיג נאָך די שעפּסען, און גאָט האָט צו מיר געזאָגט: „„געה, פּראָפעצייהע אויף מיין פאָלק ישראל.
16 אַלזאָ הער אויס גאָט'ס וואָרט! דו זאָגסט צו מיר: „פּראָפעצייהע ניט אויף ישראל און רייד ניט וועגען דאָס הויז ישחק!"
17 דערפאַר האָט גאָט אַזוי געזאָגט: דיין פרוי וועט אין מיטען שטאָדט געשענדעט ווערען, דיינע זיהן און טעכטער וועלען פאַלען פון שווערד און דיין ערד וועט מיט אַ שנור צוטהיילט ווערען; דו זעלבסט וועסט שטאַרבען אויף אַ פעראונרייניגטען באָדען, דאַן ווען ישראל וועט פון זיין לאַנד פערטריבען ווערען.

קאַפּיטעל ח

1 אַזוי האָט מיר דער אַלמעכטיגער גאָט געוויזען: אָט איז אַ קאָרב מיט זומער־פרוכט;
2 דאַן האָט ער געזאָגט: „וואָס זעהסטו, עמוס?" האָב איך געענטפערט: „אַ קאָרב מיט זומער־פרוכט!" האָט גאָט צו מיר געזאָגט: „עס איז געקומען אַן ענדע אויף מיין פאָלק ישראל — מעהר וועל איך איהם ניט פערצייהען!
3 דאַמאַלס וועלען די טעמפּעל זינגערקעס קלאָגען — זאָגט דער אַלמעכטיגער גאָט — עס וועלען פיעל טויטע קערפּער זיין, איבעראַל וועט אַ טויט־שטילקייט זיין.

4 הִשְׁלִיךְ הָס׃ שִׁמְעוּ־זֹאת הַשֹּׁאֲפִים אֶבְיוֹן וְלַשְׁבִּית
ה עֲנִוֵּי־אָרֶץ׃ לֵאמֹר מָתַי יַעֲבֹר הַחֹדֶשׁ וְנַשְׁבִּירָה שֶּׁבֶר
וְהַשַּׁבָּת וְנִפְתְּחָה־בָּר לְהַקְטִין אֵיפָה וּלְהַגְדִּיל שֶׁקֶל וּלְעַוֵּת
6 מֹאזְנֵי מִרְמָה׃ לִקְנוֹת בַּכֶּסֶף דַּלִּים וְאֶבְיוֹן בַּעֲבוּר נַעֲלָיִם
7 וּמַפַּל בַּר נַשְׁבִּיר׃ נִשְׁבַּע יְהֹוָה בִּגְאוֹן יַעֲקֹב אִם־אֶשְׁכַּח
8 לָנֶצַח כָּל־מַעֲשֵׂיהֶם׃ הַעַל זֹאת לֹא־תִרְגַּז הָאָרֶץ וְאָבַל
כָּל־יוֹשֵׁב בָּהּ וְעָלְתָה כָאֹר כֻּלָּהּ וְנִגְרְשָׁה וְנִשְׁקְהָ כִּיאוֹר
9 מִצְרָיִם׃ וְהָיָה ׀ בַּיּוֹם הַהוּא נְאֻם אֲדֹנָי יֱהֹוִה וְהֵבֵאתִי
י הַשֶּׁמֶשׁ בַּצָּהֳרָיִם וְהַחֲשַׁכְתִּי לָאָרֶץ בְּיוֹם אוֹר׃ וְהָפַכְתִּי
חַגֵּיכֶם לְאֵבֶל וְכָל־שִׁירֵיכֶם לְקִינָה וְהַעֲלֵיתִי עַל־כָּל־מָתְנַיִם
שָׂק וְעַל־כָּל־רֹאשׁ קָרְחָה וְשַׂמְתִּיהָ כְּאֵבֶל יָחִיד וְאַחֲרִיתָהּ
11 כְּיוֹם מָר׃ הִנֵּה ׀ יָמִים בָּאִים נְאֻם אֲדֹנָי יֱהֹוִה וְהִשְׁלַחְתִּי
רָעָב בָּאָרֶץ לֹא־רָעָב לַלֶּחֶם וְלֹא־צָמָא לַמַּיִם כִּי אִם־
12 לִשְׁמֹעַ אֵת דִּבְרֵי יְהֹוָה׃ וְנָעוּ מִיָּם עַד־יָם וּמִצָּפוֹן וְעַד־
13 מִזְרָח יְשׁוֹטְטוּ לְבַקֵּשׁ אֶת־דְּבַר־יְהֹוָה וְלֹא יִמְצָאוּ׃ בַּיּוֹם
הַהוּא תִּתְעַלַּפְנָה הַבְּתוּלֹת הַיָּפוֹת וְהַבַּחוּרִים בַּצָּמָא׃
14 הַנִּשְׁבָּעִים בְּאַשְׁמַת שֹׁמְרוֹן וְאָמְרוּ חֵי אֱלֹהֶיךָ דָּן וְחֵי דֶּרֶךְ
בְּאֵר־שָׁבַע וְנָפְלוּ וְלֹא־יָקוּמוּ עוֹד׃

CAP. IX. ט

ט

א רָאִיתִי אֶת־אֲדֹנָי נִצָּב עַל־הַמִּזְבֵּחַ וַיֹּאמֶר הַךְ הַכַּפְתּוֹר
וְיִרְעֲשׁוּ הַסִּפִּים וּבְצַעַם בְּרֹאשׁ כֻּלָּם וְאַחֲרִיתָם בַּחֶרֶב
2 אֶהֱרֹג לֹא־יָנוּס לָהֶם נָס וְלֹא־יִמָּלֵט לָהֶם פָּלִיט׃ אִם־
יַחְתְּרוּ בִשְׁאוֹל מִשָּׁם יָדִי תִקָּחֵם וְאִם־יַעֲלוּ הַשָּׁמַיִם מִשָּׁם
3 אוֹרִידֵם׃ וְאִם־יֵחָבְאוּ בְּרֹאשׁ הַכַּרְמֶל מִשָּׁם אֲחַפֵּשׂ
וּלְקַחְתִּים וְאִם־יִסָּתְרוּ מִנֶּגֶד עֵינַי בְּקַרְקַע הַיָּם מִשָּׁם אֲצַוֶּה
4 אֶת־הַנָּחָשׁ וּנְשָׁכָם׃ וְאִם־יֵלְכוּ בַשְּׁבִי לִפְנֵי אֹיְבֵיהֶם מִשָּׁם
אֲצַוֶּה אֶת־הַחֶרֶב וַהֲרָגָתַם וְשַׂמְתִּי עֵינִי עֲלֵיהֶם לְרָעָה

ולא

רד v. 4. ענוי קרי v. 8. ונשקעה קרי

4 הערט דאָס אויס איהר וואָס פערלאַנגט צו אונטערברענגען דעם בעדירפ־טיגען און פערניכטיגען די אָרימע פונ'ם לאַנד,

5 זאָגענדיג: וואָלט שוין דער מאָנאַט אַוועקגעהן אום מיר זאָלען געטריידע קענען קויפען, וואָלט שוין דער שבת אַריבער אום מיר זאָלען קענען עפענען די שפּייכלערס, קלענער מאַכענדיג די איפה און גרעסער מאַ־כענדיג דעם שקל, אויך קרום אַוועקשטעלען די פאַלשע וואָגשאָלען.

6 ווען די אָרימע וועלען פאַר דאָס לעצטע געלד קויפען און די בעדירפטיגע פאַר זייערע שיך, מיר וועלען זיי פערקויפען די געטריידע אָבפאַל.

7 גאָט האָט געשוואָרען ביי דעם שטאָלץ פון יעקב: **אויב איך וועל אייביג זייערע טהאַטען פערגעסען!**

8 **דאַרף אויף אַזעלכע זאַכען ניט אויפציטערן די ערד, אַז אַלע איהרע איינ־**וואוינער זאָלען פערטרויערט ווערען? דאַרף זי ניט ווי אַ טייך פער־פלייצט ווערען, אַריבערריננען און בעוואַסערן ווי דער מצרים־טייך?

9 עס וועט דאַמאָלס געשעהען — זאָגט גאָט דער עוויגער — אַז איך וועל אונטערברענגען די זונן אין מיטען העלען טאָג, און איך וועל פינסטער מאַכען דאָס לאַנד אין העלען טעגליכען שיין.

10 אייערע פייערטעג וועל איך אויף טרויער פערקעהרען **און אַלע ליעדער אייערע — צו קלאָג,** אויף אַלע לענדען וועל איך אַרויפברענגען אַ טרויער־זאַק און אויף יעדער קאָפּ אַ פּליעך; איך וועל איהר מאַכען ווי אַ טרויער אויף אַיין איינציגען און ענדיגען וועט זיך דאָס מיט אַ ביטערען טאָג.

11 עס קומען אָן טעג — זאָגט גאָט דער עוויגער — ווען איך וועל אַנשיקען אַ הונגער אויפ'ן לאַנד; ניט אַ הונגער אין ברויט אָדער אַ דורשט נאָך וואַסער, זאָנדערן צו הערען גאָט'ס ווערטער.

12 מען וועט וואַנדערן פון איין ים צום צווייטען, פון צפון ביז מזרח וועלען זיי אַרומגעהן זוכען גאָט'ס וואָרט און וועלען ניט געפינען.

13 אין יענער צייט וועלען די שעהנע יונגע מיידלאַך און די יונגע קנאַבען שמאַכטען פון דאָרשט.

14 אויך די אַלע וואָס שווערען ביי די געזעצע פון שמרון און זאָגען: ווי עס לעבט דיין געץ דן און ווי עס לעבען (די געצען) אויפ'ן וועג צו באר שבע; אָט די אַלע וועלען פאַלען און ניט אויפשטעהן מעהר.

קאַפּיטעל ט

1 איך האָב געזעהען גאָט שטעהענדיג ביים מזבח, ער האָט געזאָגט: גיב אַ קלאַפּ אויפ'ן קופּעל אַז די שוועלען זאָלען ציטערן! צושמעטער זיי אַלעמען די קעפּ, די לעצטע וועל איך מיט'ן שווערד הרג'ענען — עס וועט פון זיי קיינער ענטלויפען און קיינער פון זיי וועט זיך ניט רעטען.

2 זאָגאַר אויב זיי וועלען זיך איינגראָבען אין הע‎לל וועט מיין האַנד זיי פון דאָרטען אַרויסנעהמען, אויב זיי וועלען אויפ'ן הימעל אַרויף, וועל איך זיי פון דאָרטען אַראָבשליידערן.

3 אויב זיי וועלען זיך בעהאַלטען אויף די הויכע בערג פון כרמל, וועל איך זיי פון דאָרטען אויסזוכען און אַראָפּנעהמען, און אויב זיי וועלען זיך פערבאָרגען פון מיר אויפ'ן דעק פונ'ם ים, וועל איך דעם שלאַנג הייסען ער זאָל זיי דאָרטען בייסען.

4 אויב זיי וועלען געפאַנגענע געהן פאַר זייערע פיינד, וועל איך הייסען דעם שווערד הרג'ענען זיי דאָרטען — איך וועל מיינע אויגען ווענדען **אויף זיי צו שלעכטען אָבער ניט צו גוטען.**

ה וְלֹא לְטוֹבָה׃ וַאדֹנָי יֱהֹוִה הַצְּבָאוֹת הַנּוֹגֵעַ בָּאָרֶץ וַתָּמוֹג
וְאָבְלוּ כָּל־יוֹשְׁבֵי בָהּ וְעָלְתָה כַיְאֹר כֻּלָּהּ וְשָׁקְעָה כִּיאֹר
6 מִצְרָיִם׃ הַבּוֹנֶה בַשָּׁמַיִם מַעֲלוֹתָו וַאֲגֻדָּתוֹ עַל־אֶרֶץ יְסָדָהּ
הַקֹּרֵא לְמֵי־הַיָּם וַיִּשְׁפְּכֵם עַל־פְּנֵי הָאָרֶץ יְהוָה שְׁמוֹ׃
7 הֲלוֹא כִבְנֵי כֻשִׁיִּים אַתֶּם לִי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל נְאֻם־יְהוָה
הֲלוֹא אֶת־יִשְׂרָאֵל הֶעֱלֵיתִי מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם וּפְלִשְׁתִּיִּים
8 מִכַּפְתּוֹר וַאֲרָם מִקִּיר׃ הִנֵּה עֵינֵי ׀ אֲדֹנָי יֱהֹוִה בַּמַּמְלָכָה
הַחַטָּאָה וְהִשְׁמַדְתִּי אֹתָהּ מֵעַל פְּנֵי הָאֲדָמָה אֶפֶס כִּי לֹא
9 הַשְׁמֵיד אַשְׁמִיד אֶת־בֵּית יַעֲקֹב נְאֻם־יְהוָה׃ כִּי־הִנֵּה אָנֹכִי
מְצַוֶּה וַהֲנִעוֹתִי בְכָל־הַגּוֹיִם אֶת־בֵּית יִשְׂרָאֵל כַּאֲשֶׁר יִנּוֹעַ
י בַּכְּבָרָה וְלֹא־יִפּוֹל צְרוֹר אָרֶץ׃ בַּחֶרֶב יָמוּתוּ כֹּל חַטָּאֵי
11 עַמִּי הָאֹמְרִים לֹא־תַגִּישׁ וְתַקְדִּים בַּעֲדֵינוּ הָרָעָה׃ בַּיּוֹם
הַהוּא אָקִים אֶת־סֻכַּת דָּוִיד הַנֹּפֶלֶת וְגָדַרְתִּי אֶת־פִּרְצֵיהֶן
12 וַהֲרִסֹתָיו אָקִים וּבְנִיתִיהָ כִּימֵי עוֹלָם׃ לְמַעַן יִירְשׁוּ אֶת־
שְׁאֵרִית אֱדוֹם וְכָל־הַגּוֹיִם אֲשֶׁר־נִקְרָא שְׁמִי עֲלֵיהֶם נְאֻם־
13 יְהוָה עֹשֶׂה זֹּאת׃ הִנֵּה יָמִים בָּאִים נְאֻם־יְהוָה וְנִגַּשׁ
חוֹרֵשׁ בַּקֹּצֵר וְדֹרֵךְ עֲנָבִים בְּמֹשֵׁךְ הַזָּרַע וְהִטִּיפוּ הֶהָרִים
14 עָסִיס וְכָל־הַגְּבָעוֹת תִּתְמוֹגַגְנָה׃ וְשַׁבְתִּי אֶת־שְׁבוּת עַמִּי
יִשְׂרָאֵל וּבָנוּ עָרִים נְשַׁמּוֹת וְיָשָׁבוּ וְנָטְעוּ כְרָמִים וְשָׁתוּ אֶת־
טו יֵינָם וְעָשׂוּ גַנּוֹת וְאָכְלוּ אֶת־פְּרִיהֶם׃ וּנְטַעְתִּים עַל־אַדְמָתָם
וְלֹא יִנָּתְשׁוּ עוֹד מֵעַל אַדְמָתָם אֲשֶׁר־נָתַתִּי לָהֶם אָמַר
יְהוָה אֱלֹהֶיךָ׃

v. 6 מעלותו קרי   v. 7 הפטרת קדושים כמנהג האשכנזים   v. 14 קמץ בז״ק   v. 15 ע״כ

5 דער אלמעכטיגער גאָט פון ארמעען, דער וואָס די ערד ווערט צושמאָלצען ווען ער בעריהרט איהר און אלע איהרע בעוואוינער ווערען פערטרויערט, זי ווערט אין גאנצען פערפלייצט ווי אַ טייך און זינקט איין ווי דער מצרים־טייך.

6 דער וואָס בויט זיינע טרעפּ אין הימעל און האָט זיין פערזאמלונג אויף דער ערד פעסטגעשטעלט; דער וואָס רופט די וואסער פון ים און גיסט זיי אויף דער ערד —עוויגער איז זיין נאָמען.

7 זייט איהר צו מיר, קינדער ישראל, ניט ווי די קינדער פון די כושיים? — זאָגט גאָט — האב איך ניט ארויסגענומען ישראל פונ'ם לאנד מצרים אזוי ווי די פלשתים פון כפתור און ארם פון קיר?

8 גאָט'ס אויגען זיינען אימער אויף די פערברעכערישע רעגיערונג, איך וועל איהר פערטיליגען פון דער ערד; איך וועל אָבער ניט פערטיליגען דאָס הויז יעקב'ס — זאָגט גאָט.

9 אָדער איך וועל בעפוילען אָדער איך זעלבסט וועל מאכען וואנדערן דאָס הויז ישראל אונטער די פעלקער ווי מען שאָקעלט וואס אין אַ זיפּ און קיין ברעקעל וועט אויף דער ערד אַראָבפאַלען.

10 פון שווערד וועלען שטארבען אלע זינדיגע פון מיין פאָלק, די וועלכע זאָגען: „אויף אונז וועט דער אונגליק ניט קומען און וועט אונז ניט טרעפען.״

11 אין יענער צייט וועל איך אויפשטעלען דוד'ס פאלענדע ביידעל, איך וועל פערצוימען אלע צובראָכענע ערטער, איך וועל אויפשטעלען זיינע צושמעטערטע געביידען און וועל עס אויפבויען ווי אין די אלטע צייטען.

12 אום זיי זאָלען ערבען דאָס איבריגע פון אדום און פון אלע פעלקער אויף וועמען עס רופט זיך מיין נאָמען — זאָגט גאָט וואָס טהוט דאָס אלעס.

13 עס וועלען קומען טעג — זאָגט גאָט — ווען דער אקערער וועט זיך אנשטויסען אן שניידער, און דער וואָס טרעט די וויינטרויבען — אויף דעם זוימענטרעגער, די בערג וועלען טריפען זאפט און די בערגלאך וועלען צושמאָלצען ווערען.

14 דאן וועל איך צוריק ברענגען די געפאנגענשאַפט פון מיין פאָלק ישראל און זיי וועלען אָפּבויען די פערוויסטעטע שטעדט אום צו בעזעצען זיך, זיי וועלען פלאנצען וויינגערטנער און טרינקען זייער וויין, זיי וועלען פערזעהן גערטנער און עסען זייערע פרוכט.

15 איך וועל זיי איינפלאנצען אויף זייער לאַנד און זיי וועלען שוין ניט מעהר אויסגעריסען ווערען פון זייער לאנד, וועלכע איך האָב זיי געגעבען — זאָגט דער עוויגער, דיין גאָט.

עבדיה

LIBER OBADIÆ.

CAPUT I. א

א ׳ חֲזוֹן עֹבַדְיָה כֹּה־אָמַר אֲדֹנָי יֱהֹוִה לֶאֱדוֹם שְׁמוּעָה שָׁמַעְנוּ
מֵאֵת יְהוָה וְצִיר בַּגּוֹיִם שֻׁלָּח קוּמוּ וְנָקוּמָה עָלֶיהָ
2 לַמִּלְחָמָה׃ הִנֵּה קָטֹן נְתַתִּיךָ בַּגּוֹיִם בָּזוּי אַתָּה מְאֹד׃
3 זְדוֹן לִבְּךָ הִשִּׁיאֶךָ שֹׁכְנִי בְחַגְוֵי־סֶלַע מְרוֹם שִׁבְתּוֹ אֹמֵר
4 בְּלִבּוֹ מִי יוֹרִדֵנִי אָרֶץ׃ אִם־תַּגְבִּיהַּ כַּנֶּשֶׁר וְאִם־בֵּין כּוֹכָבִים
ה שִׂים קִנֶּךָ מִשָּׁם אוֹרִידְךָ נְאֻם־יְהוָה׃ אִם־גַּנָּבִים בָּאוּ־לְךָ
אִם־שׁוֹדְדֵי לַיְלָה אֵיךְ נִדְמֵיתָה הֲלוֹא יִגְנְבוּ דַּיָּם אִם־
6 בֹּצְרִים בָּאוּ לָךְ הֲלוֹא יַשְׁאִירוּ עֹלֵלוֹת׃ אֵיךְ נֶחְפְּשׂוּ עֵשָׂו
7 נִבְעוּ מַצְפֻּנָיו׃ עַד־הַגְּבוּל שִׁלְּחוּךָ כֹּל אַנְשֵׁי בְרִיתֶךָ
הִשִּׁיאוּךָ יָכְלוּ לְךָ אַנְשֵׁי שְׁלֹמֶךָ לַחְמְךָ יָשִׂימוּ מָזוֹר תַּחְתֶּיךָ
8 אֵין תְּבוּנָה בּוֹ׃ הֲלוֹא בַּיּוֹם הַהוּא נְאֻם־יְהוָה וְהַאֲבַדְתִּי
9 חֲכָמִים מֵאֱדוֹם וּתְבוּנָה מֵהַר עֵשָׂו׃ וְחַתּוּ גִבּוֹרֶיךָ תֵּימָן
י לְמַעַן יִכָּרֶת־אִישׁ מֵהַר עֵשָׂו מִקָּטֶל׃ מֵחֲמַס אָחִיךָ יַעֲקֹב
11 תְּכַסְּךָ בוּשָׁה וְנִכְרַתָּ לְעוֹלָם׃ בְּיוֹם עֲמָדְךָ מִנֶּגֶד בְּיוֹם
שְׁבוֹת זָרִים חֵילוֹ וְנָכְרִים בָּאוּ שְׁעָרָו וְעַל־יְרוּשָׁלִַם יַדּוּ
12 גוֹרָל גַּם־אַתָּה כְּאַחַד מֵהֶם׃ וְאַל־תֵּרֶא בְיוֹם־אָחִיךָ בְּיוֹם
נָכְרוֹ וְאַל־תִּשְׂמַח לִבְנֵי־יְהוּדָה בְּיוֹם אָבְדָם וְאַל־תַּגְדֵּל
13 פִּיךָ בְּיוֹם צָרָה׃ אַל־תָּבוֹא בְשַׁעַר־עַמִּי בְּיוֹם אֵידָם אַל־
תֵּרֶא גַם־אַתָּה בְּרָעָתוֹ בְּיוֹם אֵידוֹ וְאַל־תִּשְׁלַחְנָה בְחֵילוֹ
14 בְּיוֹם אֵידוֹ׃ וְאַל־תַּעֲמֹד עַל־הַפֶּרֶק לְהַכְרִית אֶת־פְּלִיטָיו

ואל־

v. 1. הפטרת וישלח. [illegible] קמץ בז״ק v. 11. שערו ק

עבדיה

קאַפּיטעל א

1 דאָס פּאַראויסזעהען פון עבדיה. אַזוי האָט גאָט געזאָגט צו אדום : „מיר
[illegible]
געשיקט געוואָרען (אויסצורופען :) — שטעהט אויף ! לאָמיר זיך אין
קריעג שטעלען קעגען איהר !
2 איך האָב דיך אַלס דעם קלענסטען געמאַכט צווישען די פעלקער, ווייל
דו ביזט זעהר פעראַכטעט —
3 דיין פרעכהייט אָבער האָט דיר איינגערעדט אַז דו וואוינסט רוהיג אין
שטיינער העהלען, ווי איינער וואָס זיצט גאַנץ הויך און זאָגט : „ווער
קען מיר צו דער ערד אראָבברענגען ?”
4 אויב דו וועסט זיך הויך אויפהויבען ווי אַן אדלער און וועסט דיין נעסט
מאַכען צווישען די שטערען, וועל איך דיר פון דאָרטען אראָבוואַרפען —
זאָגט גאָט.
5 זיינען דיר גנבים בעפאַלען, אָדער נאַכט־רויבער ? וואָס ביזטו פער־
שטומט געוואָרען ? זיי וועלען נאָר גנב'ענען ביז זיי וועלען האָבען גענוג.
זיינען דיר פרוכט־קלייבער בעפאַלען ? אַ, זיי וועלען איבערלאָזען אונציי־
טיגע פרוכט !
6 ווי אזוי זיינען אויסגעזוכט געוואָרען (די רייכטהימער פון) עשו ? עס
זיינען אויפגעדעקט געוואָרען זייערע בעהאַלטענע (אוצרות).
7 ביז'ן גרענעץ האָבען דיך בעגלייט אַלע פריינד דיינע, עס האָבען דיר איינ־
גערעדט און בייגעקומען די מיט וועלכע דו האָסט אין פריעדען געלעבט ;
דיינע ברויט־עסער האָבען דיר גיפט אונטערגעלעגט, דו אונפערשטענ־
דיגער מענש !
8 אָט אין דעם זעלביגען טאָג — שפּרעכט גאָט — וועל איך פערניכטען
קלוגע מענשען פון אדום, און יעדען פערשטענדיגען מאַן פון'ם באַרג עשו.
9 אויך דיינע העלדען, תימן, וועלען דערשראָקען ווערען, אום עס זאָל אין
שלאַכט ביז איין מאַן אויסגעראָטהעט ווערען פון'ם באַרג עשו.
10 איבער דיינע געוואַלד־טהאַטען קעגען דיין ברודער יעקב, וועט דיר אַ
שאַנדע פערדעקען און דו וועסט אויסגעראָטהעט ווערען אויף אייביג.
11 פאַר דעם טאָג וואָס דו ביזט פון ווייטען געשטאַנען ווען פיינד האָבען
זיין פערמעגען צורויבט, און פרעמדע זיינען זיינע שטעדט בעפאַלען און
גורל געוואָרפען אויף ירושלים — דו ביזט אויך ניט בעסער פאַר זיי !
12 דו האָסט ניט גערדאַרפט זעהען דיין ברודער ווען ער ווערט פערפרעמדעט,
דו האָסט ניט גערדאַרפט פרעהליך זיין אין דעם טאָג ווען עס איז אַן
אונטערגאַנג געקומען אויף די קינדער יהודה'ס, דו האָסט ניט גערדאַרפט
רעדען מיט שטאָלץ אין טאָג פון זיין ליידען.
13 דו האָסט ניט גערדאַרפט צוגעהן צום שטאָדט־טויער פון מיין פאָלק אין
דעם טאָג פון זיין ניעדערלאַגע, דו האָסט אויך ניט גערדאַרפט איינקוקען
זיך אויף זיין אונגליק אינ'ם טאָג פון זיין ניעדערלאַגע, דו האָסט ניט
גערדאַרפט לעגען אַ האַנד אויף זיין פערמעגען אינ'ם טאָג פון זיין ניעדער־
לאַגע.
14 דו האָסט ניט גערדאַרפט שטעהען אויפ'ן וועג, אום צו פערניכטען

טו וְאַל־תַּסְגֵּר שְׂרִידָיו בְּיוֹם צָרָה׃ כִּי־קָרוֹב יוֹם־יְהוָה עַל־
כָּל־הַגּוֹיִם כַּאֲשֶׁר עָשִׂיתָ יֵעָשֶׂה לָּךְ גְּמֻלְךָ יָשׁוּב בְּרֹאשֶׁךָ׃
16 כִּי כַּאֲשֶׁר שְׁתִיתֶם עַל־הַר קָדְשִׁי יִשְׁתּוּ כָל־הַגּוֹיִם תָּמִיד
17 וְשָׁתוּ וְלָעוּ וְהָיוּ כְּלוֹא הָיוּ׃ וּבְהַר צִיּוֹן תִּהְיֶה פְלֵיטָה
18 וְהָיָה קֹדֶשׁ וְיָרְשׁוּ בֵּית יַעֲקֹב אֵת מוֹרָשֵׁיהֶם׃ וְהָיָה בֵית־
יַעֲקֹב אֵשׁ וּבֵית יוֹסֵף לֶהָבָה וּבֵית עֵשָׂו לְקַשׁ וְדָלְקוּ בָהֶם
וַאֲכָלוּם וְלֹא־יִהְיֶה שָׂרִיד לְבֵית עֵשָׂו כִּי יְהוָה דִּבֵּר׃
19 וְיָרְשׁוּ הַנֶּגֶב אֶת־הַר עֵשָׂו וְהַשְּׁפֵלָה אֶת־פְּלִשְׁתִּים וְיָרְשׁוּ
אֶת־שְׂדֵה אֶפְרַיִם וְאֵת שְׂדֵה שֹׁמְרוֹן וּבִנְיָמִן אֶת־הַגִּלְעָד׃
כ וְגָלֻת הַחֵל־הַזֶּה לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר־כְּנַעֲנִים עַד־צָרְפַת
21 וְגָלֻת יְרוּשָׁלִַם אֲשֶׁר בִּסְפָרַד יִרְשׁוּ אֵת עָרֵי הַנֶּגֶב׃ וְעָלוּ
מוֹשִׁעִים בְּהַר צִיּוֹן לִשְׁפֹּט אֶת־הַר עֵשָׂו וְהָיְתָה לַיהוָה
הַמְּלוּכָה׃ ·

יונה

LIBER JONÆ.

CAPUT I. א

א 2 · וַיְהִי דְּבַר־יְהוָה אֶל־יוֹנָה בֶן־אֲמִתַּי לֵאמֹר׃ קוּם לֵךְ
אֶל־נִינְוֵה הָעִיר הַגְּדוֹלָה וּקְרָא עָלֶיהָ כִּי־עָלְתָה רָעָתָם
3 לְפָנָי׃ וַיָּקָם יוֹנָה לִבְרֹחַ תַּרְשִׁישָׁה מִלִּפְנֵי יְהוָה וַיֵּרֶד
יָפוֹ וַיִּמְצָא אָנִיָּה ׀ בָּאָה תַרְשִׁישׁ וַיִּתֵּן שְׂכָרָהּ וַיֵּרֶד בָּהּ
4 לָבוֹא עִמָּהֶם תַּרְשִׁישָׁה מִלִּפְנֵי יְהוָה׃ וַיהוָה הֵטִיל רוּחַ־
גְּדוֹלָה אֶל־הַיָּם וַיְהִי סַעַר־גָּדוֹל בַּיָּם וְהָאֳנִיָּה חִשְּׁבָה
ה לְהִשָּׁבֵר׃ וַיִּירְאוּ הַמַּלָּחִים וַיִּזְעֲקוּ אִישׁ אֶל־אֱלֹהָיו וַיָּטִלוּ

אֶת־

v. 20. תרי בפתח   v. 21. פר סוף   v. 1. הפטרת יום כפור למנחה

זיינע גערעטעטע, דו האָסט אויך ניט געדאַרפט אינ׳ם טאָג פון אונגליק איבערגעבען זיינע געבליעבענע [צום פיינד].

15 גאָט׳ס שטראָף־טאָג אויף אַלע פעלקער איז נאָהענט, מען וועט דיר טהאָן אַזוי ווי דו האָסט געטהאָן — דיין בעלוינונג וועט אויף דיין קאָפּ פאַלען.

16 וואָרום אַזוי ווי איהר האָט דאַן געטרונקען אויף מיין הייליגען באַרג, אַזוי וועלען אַלע פעלקער אימער טרינקען — זיי וועלען טרינקען און בע־טויבט ווערען ביז זיי וועלען ווערען ווי קיין מאָל ניט געווען.

17 אויפ׳ן באַרג ציון אָבער וועט אַ רעטונגס־פּלאַץ זיין, ער וועט ערישט דאַ־מאָלס הייליג ווערען ווען דאָס הויז פון יעקב וועט צוריק בעזיצען זייערע ערבטהייל.

18 דאַן וועט יעקב׳ס הויז זיין ווי אַ פייער, יוסף׳ס הויז — ווי אַ גרויסער פלאַם און עשו׳ס הויז — ווי שטרוי; זיי [דער פייער מיט׳ן פלאַם] וועלען איהם אָנצינדען און פערברענען, עס וועט דאַן קיין ענטרינונג זיין פאַר עשו׳ס הויז, דען גאָט האָט גערעדט.

19 די איינוואָהנער פון דרום וועלען בעזיצען עשו׳ס באַרג, און די איינוואָה־נער פון ניעדערלאַנד — דאָס לאַנד פלשתים; זיי וועלען צוריק האָבען דאָס פעלד אפרים און דאָס פעלד שמרון, בנימין וועט בעזיצען גלעד.

20 די אויסגעוואַנדערטע פון די קינדער ישראל וועלכע געפינען זיך אין די כנעני׳שע לענדער ביז צרפת, אויך די אויסגעוואַנדערטע פון ירושלים וועלכע זיינען אין ספרד, זיי וועלען בעזיצען אַלע דרום־שטעדט.

21 נאָר דאַן ווען די רעטער וועלען אַרויף אויפ׳ן באַרג ציון אַן אורטהייל אַרויסגעבען קעגען באַרג עשו, וועט די רעגיערונג זיין ביי גאָט.

יונה

קאַפּיטעל א

1 גאָט׳ס וואָרט איז געוועזן צו יונה, אמתי׳ס זוהן, אַזוי צו זאָגען:

2 „שטעה אויף! געה אין נינוה, די גרויסע שטאָדט, און רוף אויף איהר אויס (אַן אונטערגאַנג), וואָרום זייערע שלעכטע טהאַטען זיינען אַרויף ביז צו מיר!”

3 און יונה איז אויפגעשטאַנען אום צו ענטלויפען פון גאָט נאָך תרשיש; ער איז אַוועק אין יפו, דאָרטען האָט ער געפונען אַ שיף וואָס געהט אָב נאָך תרשיש. ער האָט בעצאָהלט און איז אַריין אין שיף מיטצופאָהרען מיט זיי אין תרשיש, [אום צו ענטלויפען] פון גאָט.

4 אָבער גאָט האָט אָנגעשיקט אַ גרויסען ווינד איבער׳ן ים, עס איז געוואָרען אַזאַ גרויסער שטורם אַז די שיף־לייטע האָבען גערעכענט דאָס די שיף וועט באַלד צובראָכען ווערען.

5 די שיף־לייטע האָבען זיך דערשראָקען און געשריען יעדער צו זיין גאָט;

אֶת־הַכֵּלִים אֲשֶׁר בָּאֳנִיָּה אֶל־הַיָּם לְהָקֵל מֵעֲלֵיהֶם וְיוֹנָה
6 יָרַד אֶל־יַרְכְּתֵי הַסְּפִינָה וַיִּשְׁכַּב וַיֵּרָדַם׃ וַיִּקְרַב אֵלָיו רַב
הַחֹבֵל וַיֹּאמֶר לוֹ מַה־לְּךָ נִרְדָּם קוּם קְרָא אֶל־אֱלֹהֶיךָ
7 אוּלַי יִתְעַשֵּׁת הָאֱלֹהִים לָנוּ וְלֹא נֹאבֵד׃ וַיֹּאמְרוּ אִישׁ אֶל־
רֵעֵהוּ לְכוּ וְנַפִּילָה גוֹרָלוֹת וְנֵדְעָה בְּשֶׁלְּמִי הָרָעָה הַזֹּאת
8 לָנוּ וַיַּפִּלוּ גּוֹרָלוֹת וַיִּפֹּל הַגּוֹרָל עַל־יוֹנָה׃ וַיֹּאמְרוּ אֵלָיו
הַגִּידָה־נָּא לָנוּ בַּאֲשֶׁר לְמִי־הָרָעָה הַזֹּאת לָנוּ מַה־מְּלַאכְתְּךָ
9 וּמֵאַיִן תָּבוֹא מָה אַרְצֶךָ וְאֵי־מִזֶּה עַם אָתָּה׃ וַיֹּאמֶר
אֲלֵיהֶם עִבְרִי אָנֹכִי וְאֶת־יְהוָה אֱלֹהֵי הַשָּׁמַיִם אֲנִי יָרֵא
י אֲשֶׁר־עָשָׂה אֶת־הַיָּם וְאֶת־הַיַּבָּשָׁה׃ וַיִּירְאוּ הָאֲנָשִׁים יִרְאָה
גְדוֹלָה וַיֹּאמְרוּ אֵלָיו מַה־זֹּאת עָשִׂיתָ כִּי־יָדְעוּ הָאֲנָשִׁים כִּי־
11 מִלִּפְנֵי יְהוָה הוּא בֹרֵחַ כִּי הִגִּיד לָהֶם׃ וַיֹּאמְרוּ אֵלָיו
מַה־נַּעֲשֶׂה לָּךְ וְיִשְׁתֹּק הַיָּם מֵעָלֵינוּ כִּי הַיָּם הוֹלֵךְ וְסֹעֵר׃
12 וַיֹּאמֶר אֲלֵיהֶם שָׂאוּנִי וַהֲטִילֻנִי אֶל־הַיָּם וְיִשְׁתֹּק הַיָּם
מֵעֲלֵיכֶם כִּי יוֹדֵעַ אָנִי כִּי בְשֶׁלִּי הַסַּעַר הַגָּדוֹל הַזֶּה עֲלֵיכֶם׃
13 וַיַּחְתְּרוּ הָאֲנָשִׁים לְהָשִׁיב אֶל־הַיַּבָּשָׁה וְלֹא יָכֹלוּ כִּי הַיָּם
14 הוֹלֵךְ וְסֹעֵר עֲלֵיהֶם׃ וַיִּקְרְאוּ אֶל־יְהוָה וַיֹּאמְרוּ אָנָּה יְהוָה
אַל־נָא נֹאבְדָה בְּנֶפֶשׁ הָאִישׁ הַזֶּה וְאַל־תִּתֵּן עָלֵינוּ דָּם
טו נָקִיא כִּי־אַתָּה יְהוָה כַּאֲשֶׁר חָפַצְתָּ עָשִׂיתָ׃ וַיִּשְׂאוּ
16 אֶת־יוֹנָה וַיְטִלֻהוּ אֶל־הַיָּם וַיַּעֲמֹד הַיָּם מִזַּעְפּוֹ׃ וַיִּירְאוּ
הָאֲנָשִׁים יִרְאָה גְדוֹלָה אֶת־יְהוָה וַיִּזְבְּחוּ־זֶבַח לַיהוָה
וַיִּדְּרוּ נְדָרִים׃

CAP. II. ב

ב

א וַיְמַן יְהוָה דָּג גָּדוֹל לִבְלֹעַ אֶת־יוֹנָה וַיְהִי יוֹנָה בִּמְעֵי
2 הַדָּג שְׁלֹשָׁה יָמִים וּשְׁלֹשָׁה לֵילוֹת׃ וַיִּתְפַּלֵּל יוֹנָה אֶל־
3 יְהוָה אֱלֹהָיו מִמְּעֵי הַדָּגָה׃ וַיֹּאמֶר קָרָאתִי מִצָּרָה לִי
אֶל־יְהוָה וַיַּעֲנֵנִי מִבֶּטֶן שְׁאוֹל שִׁוַּעְתִּי שָׁמַעְתָּ קוֹלִי׃

ותשליכני

א v. 14. כצ״ל ibid. יתיר א ב v. 3. מלעיל

זיי האָבען אין ים אַריינגעוואָרפען אַלע זאַכען וואָס זיינען אין שיף געווען, אום זיך גרינגער צו מאַכען. יונה איז אַריין אין אַ ווינקעל פון שיף, ער האָט זיך אַניעדערגעלעגט און שטאַרק איינגעשלאָפען.

6 איז דער שיפס־קאַפּיטאַן צו איהם צוגעגאַנגען און געזאָגט צו איהם: „וואָס איז מיט דיר, דו שלעפער? שטעה אויף! שריי צו דיין גאָט, פּיעלייכט וועט זיך גאָט בעדענקען איבער אונז און מיר וועלען ניט אונ־טער געהן.”

7 דאַן האָבען זיי איינער צום צווייטען געזאָגט: „קומט, לאָמיר גורל וואַרפען און אויסגעפינען צוליעב וועמען איז אויף אונז דאָס אונגליק געקומען.” זיי האָבען גורל געוואָרפען און דער גורל איז געפאַלען אויף יונה׳ן.

8 האָבען זיי צו איהם געזאָגט: „זאָג אונז נאָר צוליעב וועמען איז דיעזעס אונגליק אויף אונז געקומען? וואָס איז דיין בעשעפטיגונג? פון וואַנען קומסטו? וועלכע איז דיין פאַטערלאַנד, און פון וועלכען פאָלק ביזטו?”

9 ער האָט זיי געענטפערט: „אַ עברי בין איך! איך גלויב אין דעם גאָט וואָס האָט בעשאַפען ים און יבשה.”

10 די לייטע האָבען זיך שטאַרק דערשראָקען און געזאָגט צו איהם: „וואָס פאַרט האָסטו געטהאָן?” [די לייטע האָבען שוין געוואוסט אַז ער ענט־לויפט פון גאָט — ער האָט זיי דאָס געזאָגט.]

11 דאַן האָבען זיי צו איהם געזאָגט: „וואָס זאָלען מיר דיר טהאָן אום דער ים זאָל פאַר אונז שטיל ווערען?” [דער ים האָט נאָך אַלץ געשטורמט.]

12 האָט ער צו זיי געזאָגט: „נעהמט און וואַרפט מיך אַריין אין ים, וועט דער ים פאַר אייך שטיל ווערען. איך בין איבערצייגט אַז צוליעב מיר האָט איהר דעם גרויסען שטורם.

13 די לייטע האָבען געררודערט אום נעהענטער צו קומען צו דער יבשה, זיי האָבען אָבער ניט געקענט — דער ים האָט נאָך אַלץ געשטורמט קעגען זיי.

14 זיי האָבען אויך גאָט געבעטען און געזאָגט: „אַ גאָט! לאָז אונז ניט אונטערגעהן איבער דעם מאַן און רעכען עס אונז ניט אַלס אונשולדיגעס בלוט, ווארום דו גאָט טהוסט דאָך ווי דו ווילסט!”

15 זיי האָבען גענומען יונה׳ן און אַריינגעוואָרפען אין ים, האָט דער ים אויפ־געהערט שטורמען.

16 די לייטע האָבען זיך געשראָקען פאַר גאָט — זיי האָבען פאַר גאָט גע־אָפּפערט און גענומען אויף זיך נדרים.

קאַפּיטעל ב

1 גאָט אָבער האָט אָנגעגרייט אַ גרויסען פיש איינצושלינגען יונה׳ן, יונה איז געווען אין די געדערים פון פיש דריי טעג און דריי נעכט.

2 דאַן האָט יונה זיין גאָט געבעטען פון דעם פיש׳ס געדערים,

3 און האָט געזאָגט: „אין מיין נויטה האָב איך גאָט געבעטען און ער האָט מיר געענטפערט, פון דער טיעפער העל האָב איך געשריען און דו האָסט מיין שטימע געהערט.

4 וַתַּשְׁלִיכֵנִי מְצוּלָה בִּלְבַב יַמִּים וְנָהָר יְסֹבְבֵנִי כָּל־מִשְׁבָּרֶיךָ
ה וְגַלֶּיךָ עָלַי עָבָרוּ׃ וַאֲנִי אָמַרְתִּי נִגְרַשְׁתִּי מִנֶּגֶד עֵינֶיךָ אַךְ
6 אוֹסִיף לְהַבִּיט אֶל־הֵיכַל קָדְשֶׁךָ׃ אֲפָפוּנִי מַיִם עַד־נֶפֶשׁ
7 תְּהוֹם יְסֹבְבֵנִי סוּף חָבוּשׁ לְרֹאשִׁי׃ לְקִצְבֵי הָרִים יָרַדְתִּי
הָאָרֶץ בְּרִחֶיהָ בַעֲדִי לְעוֹלָם וַתַּעַל מִשַּׁחַת חַיַּי יְהוָה
8 אֱלֹהָי׃ בְּהִתְעַטֵּף עָלַי נַפְשִׁי אֶת־יְהוָה זָכָרְתִּי וַתָּבוֹא
9 אֵלֶיךָ תְּפִלָּתִי אֶל־הֵיכַל קָדְשֶׁךָ׃ מְשַׁמְּרִים הַבְלֵי־שָׁוְא
י חַסְדָּם יַעֲזֹבוּ׃ וַאֲנִי בְּקוֹל תּוֹדָה אֶזְבְּחָה־לָּךְ אֲשֶׁר נָדַרְתִּי
11 אֲשַׁלֵּמָה יְשׁוּעָתָה לַיהוָה׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה לַדָּג וַיָּקֵא אֶת־
יוֹנָה אֶל־הַיַּבָּשָׁה׃

ג CAP. III. ג

א וַיְהִי דְבַר־יְהוָה אֶל־יוֹנָה שֵׁנִית לֵאמֹר׃ קוּם לֵךְ אֶל־נִינְוֵה
הָעִיר הַגְּדוֹלָה וּקְרָא אֵלֶיהָ אֶת־הַקְּרִיאָה אֲשֶׁר אָנֹכִי
3 דֹּבֵר אֵלֶיךָ׃ וַיָּקָם יוֹנָה וַיֵּלֶךְ אֶל־נִינְוֵה כִּדְבַר יְהוָה
וְנִינְוֵה הָיְתָה עִיר־גְּדוֹלָה לֵאלֹהִים מַהֲלַךְ שְׁלֹשֶׁת יָמִים׃
4 וַיָּחֶל יוֹנָה לָבוֹא בָעִיר מַהֲלַךְ יוֹם אֶחָד וַיִּקְרָא וַיֹּאמַר
ה עוֹד אַרְבָּעִים יוֹם וְנִינְוֵה נֶהְפָּכֶת׃ וַיַּאֲמִינוּ אַנְשֵׁי נִינְוֵה
בֵּאלֹהִים וַיִּקְרְאוּ־צוֹם וַיִּלְבְּשׁוּ שַׂקִּים מִגְּדוֹלָם וְעַד־קְטַנָּם׃
6 וַיִּגַּע הַדָּבָר אֶל־מֶלֶךְ נִינְוֵה וַיָּקָם מִכִּסְאוֹ וַיַּעֲבֵר אַדַּרְתּוֹ
7 מֵעָלָיו וַיְכַס שַׂק וַיֵּשֶׁב עַל־הָאֵפֶר׃ וַיַּזְעֵק וַיֹּאמֶר בְּנִינְוֵה
מִטַּעַם הַמֶּלֶךְ וּגְדֹלָיו לֵאמֹר הָאָדָם וְהַבְּהֵמָה הַבָּקָר
וְהַצֹּאן אַל־יִטְעֲמוּ מְאוּמָה אַל־יִרְעוּ וּמַיִם אַל־יִשְׁתּוּ׃
8 וְיִתְכַּסּוּ שַׂקִּים הָאָדָם וְהַבְּהֵמָה וְיִקְרְאוּ אֶל־אֱלֹהִים
בְּחָזְקָה וְיָשֻׁבוּ אִישׁ מִדַּרְכּוֹ הָרָעָה וּמִן־הֶחָמָס אֲשֶׁר
9 בְּכַפֵּיהֶם׃ מִי־יוֹדֵעַ יָשׁוּב וְנִחַם הָאֱלֹהִים וְשָׁב מֵחֲרוֹן אַפּוֹ
י וְלֹא נֹאבֵד׃ וַיַּרְא הָאֱלֹהִים אֶת־מַעֲשֵׂיהֶם כִּי־שָׁבוּ מִדַּרְכָּם
הָרָעָה וַיִּנָּחֶם הָאֱלֹהִים עַל־הָרָעָה אֲשֶׁר־דִּבֶּר לַעֲשׂוֹת־
לָהֶם וְלֹא עָשָׂה׃

4 דו האָסט מיך אין טיעפען וואסער געוואָרפען — אין מיטען ים ; דער וואסער־שטראָם רינגעלט מיר ארום און אלע דיינע וועלען, ווי די גרויסע אזוי די קליינע, געהען איבער מיר אריבער.

5 איך האָב געדענקט, איך בין שוין פערוואָרפען פון דיינע אויגען, איך וועל אָבער ווידער קוקען אויף דיין היילינען טעמפעל.

6 עס האָט מיר ארומגערינגעלט דאָס וואַסער פון ברייטען ים, די טיעפענים איז אַרום מיר, דאָס ים־גראָז איז פערפּלאנטערט איבער מיין קאָפּ.

7 ביז די וואָרצלען פון די בערג בין איך אַרונטער געזונקען אויף אייביג דורך די ריגלען פון דער ערד ; אָבער דו, גאָט מיינער, וועסט מיר אַ לעבעדיגען ארויסנעהמען פון דער טיעפענים.

8 ווען מיין זעלע האָט געשמאַכטעט, האָב איך דיר, א גאָט, דערמאהנט, און מיין געבעט איז צו דיר געקומען אין דיין היילינען טעמפעל.

9 נאָר די וואָס היטען נאַרישע פאלשקייט פערגעסען זייער וואָהלטהעטער.

10 איך אָבער וועל צו דיר אָפּפערן מיט אַ דאנקבארע שטימע — וואָס איך האָב צוגעזאָגט, אָ גאָט, פאַר די הילפע וועל איך ריכטיג בעצאָהלען !"

11 דאן האָט גאָט בעפוילען דעם פיש און ער האָט יונה'ן אַרויסגעשפּיגען אויף די יבשה.

קאַפּיטעל ג

1 און גאָט'ס וואָרט איז געווען צו יונה'ן אַ צווייטען מאָל, אַזוי צו זאָגען :

2 שטעה אויף ! געה אין נינוה די גרויסע שטאָדט און רוף אויף איהר אויף דעם אויסרוף וואָס איך רייד צו דיר.

3 איז יונה אויפגעשטאַנען און אַוועק אין נינוה, ווי גאָט האָט איהם געהייסען. [נינוה איז געווען זעהר אַ גרויסע שטאָדט — דריי טעג גאַנג.]

4 יונה האָט אָנגעפאנגען דורכגעהן די שטאָדט, (ער איז אָבגעגאנגען) איין טאָג גאַנג און האָט אויסגערופען זאָגענדיג : „נאך פערציג טעג וועט נינוה איבערגעקעהרט ווערען !"

5 האָבען די מענער פון נינוה גאָט געגלויבט — זיי האָבען אויסגערופען אַ פאסט טאָג און פון גרויס ביז קליין האָבען זיך אָנגעטהאָן אין זעק.

6 אַז די זאַך האָט געגרייכט ביז'ן קעניג פון נינוה, איז ער אויפגעשטאַנען פון זיין טראָהן, ער האָט פון זיך אראָבגענומען זיין מאַנטעל, צוגעדעקט זיך מיט אַ זאק און געזעצט זיך אויף אַש.

7 ער האָט געלאָזען אויסרופען אין נינוה אַזוי צו זאָגען : אַזוי איז עס בעשלאָסען פון קעניג מיט זיינע גראָס־בעאמטען — ווי מענשען אַזוי אויך פיה, רינדער און שעפּסען זאָלען נישט פערזוכען, קיינע שפּייז עסען און קיינע וואסער טרינקען ;

8 מענשען און פיה זאָלען בעדעקט זיין מיט זעק, מען זאָל הויך שרייען צו גאָט און יעדער זאָל זיך צוריק קעהרען פון שלעכטער אויפפיהרונג און פון די געוואלדטהאַטען וואָס אין זייערע הענד.

9 ווער וויים, פיעלייכט וועט זיך גאָט ווידער בעדענקען און וועט זיין צאָרען שטילען, אום מיר זאָלען ניט אונטערגעהן.

10 אַז גאָט האָט געזעהען זייערע טהאַטען ווען זיי האָבען זיך צוריק געקעהרט פון זייער שלעכטער אויפפיהרונג, האָט זיך גאָט בעדענקט וועגען דאָס שלעכטס וואָס ער האָט זיי געוואָלט טהאָן, און האָט עס ניט געטהאָן.

CAP. IV. ד

ד

2 א וַיֵּרַע אֶל־יוֹנָה רָעָה גְדוֹלָה וַיִּחַר לוֹ׃ וַיִּתְפַּלֵּל אֶל־יְהוָה
וַיֹּאמַר אָנָּה יְהוָה הֲלוֹא־זֶה דְבָרִי עַד־הֱיוֹתִי עַל־אַדְמָתִי
עַל־כֵּן קִדַּמְתִּי לִבְרֹחַ תַּרְשִׁישָׁה כִּי יָדַעְתִּי כִּי אַתָּה אֵל־
3 חַנּוּן וְרַחוּם אֶרֶךְ אַפַּיִם וְרַב־חֶסֶד וְנִחָם עַל־הָרָעָה׃ וְעַתָּה
4 יְהוָה קַח־נָא אֶת־נַפְשִׁי מִמֶּנִּי כִּי טוֹב מוֹתִי מֵחַיָּי׃ וַיֹּאמֶר
ה יְהוָה הַהֵיטֵב חָרָה לָךְ׃ וַיֵּצֵא יוֹנָה מִן־הָעִיר וַיֵּשֶׁב
מִקֶּדֶם לָעִיר וַיַּעַשׂ לוֹ שָׁם סֻכָּה וַיֵּשֶׁב תַּחְתֶּיהָ בַּצֵּל עַד
6 אֲשֶׁר יִרְאֶה מַה־יִּהְיֶה בָּעִיר׃ וַיְמַן יְהוָה־אֱלֹהִים קִיקָיוֹן
וַיַּעַל ׀ מֵעַל לְיוֹנָה לִהְיוֹת צֵל עַל־רֹאשׁוֹ לְהַצִּיל לוֹ מֵרָעָתוֹ
7 וַיִּשְׂמַח יוֹנָה עַל־הַקִּיקָיוֹן שִׂמְחָה גְדוֹלָה׃ וַיְמַן הָאֱלֹהִים
תּוֹלַעַת בַּעֲלוֹת הַשַּׁחַר לַמָּחֳרָת וַתַּךְ אֶת־הַקִּיקָיוֹן וַיִּיבָשׁ׃
8 וַיְהִי ׀ כִּזְרֹחַ הַשֶּׁמֶשׁ וַיְמַן אֱלֹהִים רוּחַ קָדִים חֲרִישִׁית
וַתַּךְ הַשֶּׁמֶשׁ עַל־רֹאשׁ יוֹנָה וַיִּתְעַלָּף וַיִּשְׁאַל אֶת־נַפְשׁוֹ
9 לָמוּת וַיֹּאמֶר טוֹב מוֹתִי מֵחַיָּי׃ וַיֹּאמֶר אֱלֹהִים אֶל־יוֹנָה
הַהֵיטֵב חָרָה־לְךָ עַל־הַקִּיקָיוֹן וַיֹּאמֶר הֵיטֵב חָרָה־לִי עַד
י מָוֶת׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה אַתָּה חַסְתָּ עַל־הַקִּיקָיוֹן אֲשֶׁר לֹא־
עָמַלְתָּ בּוֹ וְלֹא גִדַּלְתּוֹ שֶׁבִּן־לַיְלָה הָיָה וּבִן־לַיְלָה אָבָד׃
11 וַאֲנִי לֹא אָחוּס עַל־נִינְוֵה הָעִיר הַגְּדוֹלָה אֲשֶׁר יֶשׁ־בָּהּ
הַרְבֵּה מִשְׁתֵּים־עֶשְׂרֵה רִבּוֹ אָדָם אֲשֶׁר לֹא־יָדַע בֵּין־יְמִינוֹ
לִשְׂמֹאלוֹ וּבְהֵמָה רַבָּה׃

מיכה

v. 2. כצ״ל v. 11. חטף רפה ibid. עד כאן

קאַפּיטעל ד

1 דאָס האָט יונה׳ן זעהר פערדראָסען און עס האָט איהם געערגערט.
2 ער האָט גאָט געבעטען און געזאָגט: „איך בעט דיר, אָ גאָט! האָב איך דאָס ניט געזאָגט ווען איך בין נאָך געווען אין מיין פאַטערלאַנד? דערפאַר האָב איך פריהער געוואָלט אנטלויפען אין תרשיש, ווייל איך ווייס אַז דו ביזט אַ גנעדיגער און באַרמהערציגער גאָט, לאַנג־געדולדיגער און גרויס־גנעדיגער, און באַדענקסט זיך וועגען אַן אונגליק.
3 און יעצט, גאָט, נעהם מיר דאָס לעבען! מיר איז דער טוידט ליעבער אַלס דאָס לעבען.
4 האָט גאָט געזאָגט: „איז דאָס גוט וואָס דיך פערדריסט?״
5 דאַן איז יונה אַרויס פון שטאָדט און האָט זיך בעזעצט אין פאָרשטאָדט; דאָרטען האָט ער זיך אַ ביידעל געמאַכט און איז אונטער איהר אין שאָטען געזעסען, אום ער זאָל קענען זעהען וואָס עס וועט פאָרקומען אין שטאָדט.
6 האָט גאָט אָנגעגרייט אַ קיקיון, וועלכער איז אויפגעוואַקסען העכער פאר יונה׳ן, אום עס זאָל זיין אַלס שירם איבער זיין קאָפּ, צו רעטען איהם פון זיין שלעכטע לאַגע. יונה האָט זיך זעהר געפרעהט מיט׳ן קיקיון.
7 **אויף מאָרגען ווען עס איז טאָג געוועז, האָט גאָט אָנגעגרייט אַ וואָרעם, וועלכער האָט צובראָכען דעם קיקיון ביז ער האָט אויסגעטריקענט.**
8 און אַז די זונן האָט אויפגעשיינט, האָט גאָט אָנגעגרייט אַ שטילען הייסען מזרח־ווינד, און די היץ פון דער זונן האָט געשלאָגען יונה׳ס קאָפּ ביז ער איז פערשמאַכט געוואָרען, און האָט זיך ווידער דעם טויט געוואונשען, ער האָט געזאָגט: „מיר איז ליעבער דער טוידט איידער דאָס לעבען!״
9 דאַן האָט גאָט געזאָגט צו יונה׳ן: „פערדריסט דיר גוט וועגען קיקיון?״ יונה האָט געענטפערט: „עס פערדריסט מיר גוט ביז צום שטאַרבען!״
10 האָט גאָט געזאָגט: „דיר פערדריסט וועגען קיקיון, אויף וועלכען דו האָסט קיינע מיהע געלעגט און ניט געפלאַנצט איהם — וועלכער איז דורך נאַכט געוואָרען און דורך נאַכט פערלאָרען געגאַנגען,
11 זאָל מיר ניט פערדריסען די גרויסע שטאָדט נינוה, אין וועלכע עס געפינען זיך מעהר ווי צוועלף מאָל צעהן טויזענד מענשען, וועלכע קענען ניט אונטערשיידען פון רעכטס ביז לינקס, אויך פיעל פיה? !״

מיכה

LIBER MICHÆ.

CAPUT I. א

דְּבַר־יְהוָה ׀ אֲשֶׁר הָיָה אֶל־מִיכָה הַמֹּרַשְׁתִּי בִּימֵי יוֹתָם א
אָחָז יְחִזְקִיָּה מַלְכֵי יְהוּדָה אֲשֶׁר־חָזָה עַל־שֹׁמְרוֹן וִירוּשָׁלִָם׃
שִׁמְעוּ עַמִּים כֻּלָּם הַקְשִׁיבִי אֶרֶץ וּמְלֹאָהּ וִיהִי אֲדֹנָי יֱהוִה 2
בָּכֶם לְעֵד אֲדֹנָי מֵהֵיכַל קָדְשׁוֹ׃ כִּי־הִנֵּה יְהוָה יֹצֵא 3
מִמְּקוֹמוֹ וְיָרַד וְדָרַךְ עַל־בָּמוֹתֵי־אָרֶץ׃ וְנָמַסּוּ הֶהָרִים 4
תַּחְתָּיו וְהָעֲמָקִים יִתְבַּקָּעוּ כַּדּוֹנַג מִפְּנֵי הָאֵשׁ כְּמַיִם מֻגָּרִים
בְּמוֹרָד׃ בְּפֶשַׁע יַעֲקֹב כָּל־זֹאת וּבְחַטֹּאות בֵּית יִשְׂרָאֵל ה
מִי־פֶשַׁע יַעֲקֹב הֲלוֹא שֹׁמְרוֹן וּמִי בָּמוֹת יְהוּדָה הֲלוֹא
יְרוּשָׁלִָם׃ וְשַׂמְתִּי שֹׁמְרוֹן לְעִי הַשָּׂדֶה לְמַטָּעֵי כָרֶם 6
וְהִגַּרְתִּי לַגַּי אֲבָנֶיהָ וִיסֹדֶיהָ אֲגַלֶּה׃ וְכָל־פְּסִילֶיהָ יֻכַּתּוּ 7
וְכָל־אֶתְנַנֶּיהָ יִשָּׂרְפוּ בָאֵשׁ וְכָל־עֲצַבֶּיהָ אָשִׂים שְׁמָמָה כִּי
מֵאֶתְנַן זוֹנָה קִבָּצָה וְעַד־אֶתְנַן זוֹנָה יָשׁוּבוּ׃ עַל־זֹאת 8
אֶסְפְּדָה וְאֵילִילָה אֵילְכָה שֹׁילָל וְעָרוֹם אֶעֱשֶׂה מִסְפֵּד
כַּתַּנִּים וְאֵבֶל כִּבְנוֹת יַעֲנָה׃ כִּי אֲנוּשָׁה מַכּוֹתֶיהָ כִּי־בָאָה 9
עַד־יְהוּדָה נָגַע עַד־שַׁעַר עַמִּי עַד־יְרוּשָׁלִָם׃ בְּגַת אַל־ י
תַּגִּידוּ בָּכוֹ אַל־תִּבְכּוּ בְּבֵית לְעַפְרָה עָפָר הִתְפַּלָּשְׁתִּי׃
עִבְרִי לָכֶם יוֹשֶׁבֶת שָׁפִיר עֶרְיָה־בֹשֶׁת לֹא יָצְאָה יוֹשֶׁבֶת 11
צַאֲנָן מִסְפַּד בֵּית הָאֵצֶל יִקַּח מִכֶּם עֶמְדָּתוֹ׃ כִּי־חָלָה 12
לְטוֹב יוֹשֶׁבֶת מָרוֹת כִּי־יָרַד רָע מֵאֵת יְהוָה לְשַׁעַר
יְרוּשָׁלִָם׃ רְתֹם הַמֶּרְכָּבָה לָרֶכֶשׁ יוֹשֶׁבֶת לָכִישׁ רֵאשִׁית 13

חטאת

v. 3. יתיר י   v. 5. מלא ו   v. 7. קמץ בז״ק   v. 8. שולל קרי   v. 10. התפלשי קרי

מיכה

קאַפּיטעל א

1 גאָט'ס וואָרט איז געווען צו מיכה, דעם מרשתי'ער, אין דער צייט פון יותם, אחז און יחזקיהו די קעניגע פון יהודה, וועלכער האָט פאָראויסגעזעהען וועגען שמרון און ירושלים.

2 הערט, אַלע פעלקער ! האָרך, ערד און אַלץ וואָס עס פילט איהר אָן ! דער עוויגער זעלבסט וועט קעגען אייך אַן עדות זיין, גאָט פון זיין הייליגען טעמפעל.

3 אָט געהט גאָט ארויס פון זיין אָרט, ער וועט אראָבגעהן און בעטרעטען די העכסטע פלעצער פון'ם לאַנד.

4 די בערג וועלען אונטער איהם צושמאָלצען ווערען ווי וואקס שמעלצט פון פייער, און די טהאלען וועלען צושפּאלטען ווערען ווי פון וואסער וואָס רינט אַראָפּ באַרג.

5 דאָס אַלץ איז איבער יעקב'ס פערברעכען און איבער די זינד פון'ם הויז ישראל. ווער איז די אורזאכע פון יעקב'ס פערברעכען אויב ניט שמרון ? און וואו זיינען יהודה'ס באַרג אלטאַרען אויב ניט אין ירושלים ?

6 דערפאַר וועל איך שמרון מאַכען ווי פעלד בערגלאַך צו פלאַנצען וויינגערטנער ; איך וועל איהרע שטיינער אַריינשליידערן אין טהאל און וועל אבדעקען איהרע גרונדען.

7 אַלע איהרע בילדער וועלען צובראָכען ווערען, אַלע איהרע בולעריי־געשענקע וועלען אין פייער פערברענט ווערען און אַלע איהרע געצען וועל איך וויסט מאַכען ; פון בולעריי־געשענקע איז דאָס געקומען און אויף בולעריי־געשענקע וועט דאָס צוריק געהן.

8 אויף דעם וויין איך און קלאָג, איך געה אַרום צומיישט און נאַקעט ; איך קלאָג אימער ווי די קראָקאָדילען און טרויער ווי די שטרויסען.

9 וואָרום איהרע וואונדען זיינען אונהיילבאַר. עס האָט ביז יהודה געגרייכט; עס האָט בעריהרט מיין פאָלק'ס הויפּט־שטאָדט — ירושלים.

10 דערצעהלט דאָס ניט אין גת און וויינט ניט פיעל, אינווייניג אין עפרה בעדעק זיך מיט שטויב.

11 געהט זיך אַרום שענדליך נאַקעט, בעפעלקערונג פון שפיר ! די אַלע וועלכע זיינען נימאלס אַרויס פון צאָנן, דער קלאָג פון'ם הויז אצל וועט פון אייך נעהמען זיין שטאַנד־אָרט.

12 די בעפעלקערונג פון מרות האָט אויף גוטס געהאָפט, איז אָבער אראָפּ שלעכטס פון גאָט אויפ'ן טהויער פון ירושלים.

13 שפּאַן דעם וואָגען צו אַ שנעלען פערד, בעפעלקערונג פון לכיש ! די

14 חַטָּאת הִיא לְבַת־צִיּוֹן כִּי־בָךְ נִמְצְאוּ פִּשְׁעֵי יִשְׂרָאֵל׃ לָכֵן
תִּתְּנִי שִׁלּוּחִים עַל מוֹרֶשֶׁת גַּת בָּתֵּי אַכְזִיב לְאַכְזָב לְמַלְכֵי
טו יִשְׂרָאֵל׃ עֹד הַיֹּרֵשׁ אָבִי לָךְ יוֹשֶׁבֶת מָרֵשָׁה עַד־עֲדֻלָּם
16 יָבוֹא כְּבוֹד יִשְׂרָאֵל׃ קָרְחִי וָגֹזִּי עַל־בְּנֵי תַּעֲנוּגָיִךְ הַרְחִבִי
קָרְחָתֵךְ כַּנֶּשֶׁר כִּי־גָלוּ מִמֵּךְ׃

CAP. II. ב

ב

א הוֹי חֹשְׁבֵי־אָוֶן וּפֹעֲלֵי רָע עַל־מִשְׁכְּבוֹתָם בְּאוֹר הַבֹּקֶר
2 יַעֲשׂוּהָ כִּי יֶשׁ־לְאֵל יָדָם׃ וְחָמְדוּ שָׂדוֹת וְגָזָלוּ וּבָתִּים
3 וְנָשָׂאוּ וְעָשְׁקוּ גֶּבֶר וּבֵיתוֹ וְאִישׁ וְנַחֲלָתוֹ׃ לָכֵן כֹּה
אָמַר יְהוָה הִנְנִי חֹשֵׁב עַל־הַמִּשְׁפָּחָה הַזֹּאת רָעָה אֲשֶׁר
לֹא תָמִישׁוּ מִשָּׁם צַוְּארֹתֵיכֶם וְלֹא תֵלְכוּ רוֹמָה כִּי עֵת
4 רָעָה הִיא׃ בַּיּוֹם הַהוּא יִשָּׂא עֲלֵיכֶם מָשָׁל וְנָהָה נְהִי
נִהְיָה אָמַר שָׁדוֹד נְשַׁדֻּנוּ חֵלֶק עַמִּי יָמִיר אֵיךְ יָמִישׁ לִי
ה לְשׁוֹבֵב שָׂדֵינוּ יְחַלֵּק׃ לָכֵן לֹא־יִהְיֶה לְךָ מַשְׁלִיךְ חֶבֶל
6 בְּגוֹרָל בִּקְהַל יְהוָה׃ אַל־תַּטִּפוּ יַטִּיפוּן לֹא־יַטִּפוּ לָאֵלֶּה
7 לֹא יִסַּג כְּלִמּוֹת׃ הֶאָמוּר בֵּית־יַעֲקֹב הֲקָצַר רוּחַ יְהוָה
אִם־אֵלֶּה מַעֲלָלָיו הֲלוֹא דְבָרַי יֵיטִיבוּ עִם הַיָּשָׁר הוֹלֵךְ׃
8 וְאֶתְמוּל עַמִּי לְאוֹיֵב יְקוֹמֵם מִמּוּל שַׂלְמָה אֶדֶר תַּפְשִׁטוּן
9 מֵעֹבְרִים בֶּטַח שׁוּבֵי מִלְחָמָה׃ נְשֵׁי עַמִּי תְּגָרְשׁוּן מִבֵּית
י תַּעֲנֻגֶיהָ מֵעַל עֹלָלֶיהָ תִּקְחוּ הֲדָרִי לְעוֹלָם׃ קוּמוּ וּלְכוּ כִּי
11 לֹא־זֹאת הַמְּנוּחָה בַּעֲבוּר טָמְאָה תְּחַבֵּל וְחֶבֶל נִמְרָץ׃ לוּ־
אִישׁ הֹלֵךְ רוּחַ וָשֶׁקֶר כִּזֵּב אַטִּף לְךָ לַיַּיִן וְלַשֵּׁכָר וְהָיָה
12 מַטִּיף הָעָם הַזֶּה׃ אָסֹף אֶאֱסֹף יַעֲקֹב כֻּלָּךְ קַבֵּץ אֲקַבֵּץ
שְׁאֵרִית יִשְׂרָאֵל יַחַד אֲשִׂימֶנּוּ כְּצֹאן בָּצְרָה כְּעֵדֶר בְּתוֹךְ
13 הַדָּבְרוֹ תְּהִימֶנָה מֵאָדָם׃ עָלָה הַפֹּרֵץ לִפְנֵיהֶם פָּרְצוּ
וַיַּעֲבֹרוּ שַׁעַר וַיֵּצְאוּ בוֹ וַיַּעֲבֹר מַלְכָּם לִפְנֵיהֶם וַיהוָה
בְּרֹאשָׁם׃

ואמר

א v. 15. חסר א   ב v. 2. קמץ במ״ק   v. 8. הטו בשורק

הויפּט־זינד פון טאָכטער ציון איז וואָס אין דיר געפינען זיך די פערברע־כער פון ישראל.

14 דערפאַר מוזטו געשענקע געבען דעם בעזיעגער פון גת, די הייזער פון אכזיב זיינען אַ פאַלשע בעשיצונג פאַר די קעניגע פון ישראל.

15 איך וועל דיר צום בעזיעגער ברענגען, בעפעלקערונג פון מרשה, ביז עדלם וועט ער קומען און וועט אַוועקטראָגען די עהרע פון ישראל.

16 פליק און רייס זיך די האָר פון קאָפּ אויף דיין פערצערטעלטע יוגענד, מאַך גרויס דיין פליעך ווי אַן אָדלער וואָס פערליערט זיינע פעדערען.

קאַפּיטעל ב

1 וועה צו די וואָס טראַכטען אונרעכט און שלעכטע טהאַטען אויף זייער געלעגער, אַז דער פריה מאָרגען ווערט ליכטיג טהוען זיי דאָס אויב זיי האָבען נאָר די מעגליכקייט.

2 פערווילט זיך זיי פעלדער, רויבען זיי עס אוועק, הייזער — נעהמען זיי צו; זיי בערויבען אַ מאַן מיט זיין הויזגעזינד, יעדען איינצעלנעם פון זיין ערבטהייל.

3 דערפאר האָט גאָט אַזוי געזאָגט: איך פּלאַנעווע אויף דיעזע פאַמיליע אזא אונגליק אַז איהר וועט דערפון אייערע העלזער ניט אַרויסשלעפּען און וועט ניט קענען געהן שטאָלץ — עס וועט זיין זעהר אַ שלעכטע צייט!

4 דאַמאַלס וועט מען אויף אייך אַ שפּריכוואָרט זאָגען: „אַז מען קלאָגט איז וואָס קלעגליכעס געשעהען!” מען וועט זאָגען: מיר זיינען בע־רויבט געוואָרען, דער צושטאַנד פון מיין פאָלק האָט זיך איבערגעביטען; אָה, גיט ער מיר צו פיהלען ווען ער צוטהיילט אונזערע פעלדער צום פיינד.

5 וואָרום דו וועסט שוין מעהר ניט האָבען ווער עס זאָל די מאָס־שנור וואַרפען אויפ׳ן גורל פון גאָט׳ס געמיינדע.

6 „רעדט ניט צו אונז” — זאָגען זיי; די וועלכע רעדען ניט צו אַזעלכע וועלען קיינמאָל בעליידיגט ווערען.

7 דאַרף אַזעלכעס געזאָגט ווערען אינ׳ם הויז פון יעקב? איז דען גאָט׳ס מאַכט קליין ווען ער קען אַזוי וואָס טהאָן? מיינע ווערטער זיינען אימער גוט פאַר דעם וואָס געהט אין גלייכען וועג.

8 זינט מיין פאָלק האָט זיך פיינדליך געשטעלט, נעהמט איהר צו די קליי־דער פון האַלב געקליידעטע, פון די רוהיגע פערבייגעהער וואָס געהען צוריק פון קריעג.

9 די פרויען פון מיין פאָלק פערטרייבט איהר פון זייערע פערגעניגענס־פּלעצער, פון די זויגלינגע נעהמט איהר צו אויף אימער זייער שעהנהייט.

10 שטעהט אויף און געהט אַרויס! ניט דאָס הייסט רוהע! די שאַנד־טהאַטען פלעכטען אויס אַ שטאַרקע שטריק.

11 וועלכער ווינד־מענש און ליגנער עס געהט פערביי און זאָגט אַ ליעגען: „איך וועל דיין רעדנער זיין פאַר וויין און ביער” — דער ווערט דער רעדנער פון דיעזען פאָלק.

12 איך וועל גאַנץ יעקב פערזאַמלען, אַלע געבליעבענע פון ישראל וועל איך צונויפקלייבען; איך וועל זיי צוזאַמענברייגען ווי שעפּסען ווען זיי רוהען, ווי אַ הערדע אין זומער־שטאַל וועט דאָרט רוישען פון מענשען.

13 איז זיי דער איינברעכער בעפאַלען, זיינען זיי שנעל דורכגעגאַנגען דעם טהויער און אוועק. זייער קעניג געהט זיי פאָראויס און גאָט — צוערשט.

CAP. III. ג

ג
א וָאֹמַר שִׁמְעוּ־נָא רָאשֵׁי יַעֲקֹב וּקְצִינֵי בֵּית יִשְׂרָאֵל הֲלוֹא
2 לָכֶם לָדַעַת אֶת־הַמִּשְׁפָּט׃ שֹׂנְאֵי טוֹב וְאֹהֲבֵי רָעָה גֹּזְלֵי
3 עוֹרָם מֵעֲלֵיהֶם וּשְׁאֵרָם מֵעַל עַצְמוֹתָם׃ וַאֲשֶׁר אָכְלוּ
שְׁאֵר עַמִּי וְעוֹרָם מֵעֲלֵיהֶם הִפְשִׁיטוּ וְאֶת־עַצְמֹתֵיהֶם
4 פִּצֵּחוּ וּפָרְשׂוּ כַּאֲשֶׁר בַּסִּיר וּכְבָשָׂר בְּתוֹךְ קַלָּחַת׃ אָז יִזְעֲקוּ
אֶל־יְהוָה וְלֹא יַעֲנֶה אוֹתָם וְיַסְתֵּר פָּנָיו מֵהֶם בָּעֵת הַהִיא
5 כַּאֲשֶׁר הֵרֵעוּ מַעַלְלֵיהֶם׃ כֹּה אָמַר יְהוָה עַל־
הַנְּבִיאִים הַמַּתְעִים אֶת־עַמִּי הַנֹּשְׁכִים בְּשִׁנֵּיהֶם וְקָרְאוּ
שָׁלוֹם וַאֲשֶׁר לֹא־יִתֵּן עַל־פִּיהֶם וְקִדְּשׁוּ עָלָיו מִלְחָמָה׃
6 לָכֵן לַיְלָה לָכֶם מֵחָזוֹן וְחָשְׁכָה לָכֶם מִקְּסֹם וּבָאָה הַשֶּׁמֶשׁ
7 עַל־הַנְּבִיאִים וְקָדַר עֲלֵיהֶם הַיּוֹם׃ וּבֹשׁוּ הַחֹזִים וְחָפְרוּ
הַקֹּסְמִים וְעָטוּ עַל־שָׂפָם כֻּלָּם כִּי אֵין מַעֲנֵה אֱלֹהִים׃
8 וְאוּלָם אָנֹכִי מָלֵאתִי כֹחַ אֶת־רוּחַ יְהוָה וּמִשְׁפָּט וּגְבוּרָה
9 לְהַגִּיד לְיַעֲקֹב פִּשְׁעוֹ וּלְיִשְׂרָאֵל חַטָּאתוֹ׃ שִׁמְעוּ־נָא
זֹאת רָאשֵׁי בֵּית יַעֲקֹב וּקְצִינֵי בֵּית יִשְׂרָאֵל הַמְתַעֲבִים
10 מִשְׁפָּט וְאֵת כָּל־הַיְשָׁרָה יְעַקֵּשׁוּ׃ בֹּנֶה צִיּוֹן בְּדָמִים
11 וִירוּשָׁלַםִ בְּעַוְלָה׃ רָאשֶׁיהָ ׀ בְּשֹׁחַד יִשְׁפֹּטוּ וְכֹהֲנֶיהָ
בִּמְחִיר יוֹרוּ וּנְבִיאֶיהָ בְּכֶסֶף יִקְסֹמוּ וְעַל־יְהוָה יִשָּׁעֵנוּ
12 לֵאמֹר הֲלוֹא יְהוָה בְּקִרְבֵּנוּ לֹא־תָבוֹא עָלֵינוּ רָעָה׃ * לָכֵן
בִּגְלַלְכֶם צִיּוֹן שָׂדֶה תֵחָרֵשׁ וִירוּשָׁלַםִ עִיִּין תִּהְיֶה וְהַר
הַבַּיִת לְבָמוֹת יָעַר׃

CAP. IV. ד

ד
א וְהָיָה ׀ בְּאַחֲרִית הַיָּמִים יִהְיֶה הַר בֵּית־יְהוָה נָכוֹן בְּרֹאשׁ
2 הֶהָרִים וְנִשָּׂא הוּא מִגְּבָעוֹת וְנָהֲרוּ עָלָיו עַמִּים׃ וְהָלְכוּ
גּוֹיִם רַבִּים וְאָמְרוּ לְכוּ ׀ וְנַעֲלֶה אֶל־הַר־יְהוָה וְאֶל־בֵּית
אֱלֹהֵי יַעֲקֹב וְיוֹרֵנוּ מִדְּרָכָיו וְנֵלְכָה בְּאֹרְחֹתָיו כִּי מִצִּיּוֹן

ג. v. 2. רע קרי   v. 12. חצי הספר בפסוקים

קאַפּיטעל ג

1 איך האָב געזאָגט : הערט־נאָר איהר הויפּטלייט יעקב׳ס און ריכטער פונ׳ם הויז ישראל ! איהר דאַרפט דאָך וויסען דאָס רעכט,

2 און דאָך האסט איהר דעם גוטען און ליעבט דעם שלעכטען, איהר נעהמט פון זיי אַראָב די הויט און די פלייש פון די ביינער.

3 נאָכדעם אַז זיי האָבען אויפגעגעסען דאָס פלייש פון מיין פאָלק, אָבגע־שונדען פון זיי די הויט, צובראָכען זייערע ביינער און צובראָכען די גליעדער ווי אין טאָפּ צו לעגען אָדער ווי פלייש אין קעסעל,

4 דאַן שרייען זיי צו גאָט ; אָבער ער ענטפערט זיי ניט, ער האָט שוין אָבגעקעהרט זיין געזיכט פון זיי זינט זייערע טהאַטען זיינען שלעכט געוואָרען.

5 אַזוי זאָגט גאָט וועגען די נביאים וואָס פערנאַרען מיין פאָלק, די וועלכע בייסען מיט די צייהנער און זאָגען : „פריעדען", און יעדער וואָס גיט זיי ניט אין מויל אַריין שטרייטען זיי קעגען איהם.

6 דערפאַר וועט אייך פינסטער ווערען פון אייער פּראָפעצייהונג ווי ביי נאַכט, עס וועט אייך גאַנץ פינסטער ווערען פון אייערע צויבערייען ; די זונן וועט אונטערגעהן פאַר די נביאים און דער טאָג וועט פאַר זיי פער־שווארצט ווערען.

7 די פּראָפעטען וועלען צו שאַנדע ווערען און די צויבערער וועלען בעליי־דיגט ווערען — זיי וועלען זיך אַלע איינוויקלען אין טרויער, ניט האָ־בענדיג גאָט׳ס ענטפער.

8 איך אָבער בין פול מיט געטליכע בעגייסטערונג און קראַפט, מיט רעכטע און שטאַרקייט, אום ארויסצוזאָגען יעקב׳ן זיין פערברעכען און ישראל׳ן זיין זינד.

9 הערט־נאָר דאָס, הויפּטלייט פונ׳ם הויז יעקב און ריכטער פונ׳ם הויז ישראל, וועלכע פעראַבשייען די רעכטע און אַלץ וואָס גלייך איז פער־קרימען זיי !

10 מען פערבויט ציון מיט בלוט־שולד און ירושלים — מיט אונרעכט.

11 די הויפּטלייט איהרע ריכטען פאַר שחד, די כהנים איהרע לערנען פאַר אַ פּרייז און איהרע נביאים צויבערן פאַר געלד, און זיי שטיצען זיך נאָך אויף גאָט זאָגענדיג : „קוים איז גאָט מיט אונז וועט אונז קיין אונגליק טרעפען.

12 דערפאַר — איבער אייך וועט ציון צואַקערט ווערען ווי אַ פעלד, ירושלים וועט ווערען רואינען און דער טעמפּעל־באַרג וועט ווערען אַ וואַלד־באַרג.

קאַפּיטעל ד

1 אין די שפּעטערע צייטען וועט דער באַרג פון גאָט׳ס הויז פעסט שטעהן העכער פון אנדערע בערג, זאָגאר העכער פאַר די פעלזען־בערג, און פעלקער וועלען זיך ציהען צו איהם ווי אַ שטראָם.

2 פיעלע פעלקער וועלען געהן און וועלען זאָגען : „קומט ! לאָמיר ארויף אויף גאָט׳ס באַרג צום טעמפּעל פון יעקב׳ס גאָט, ער וועט אונז לערנען זיינע וועגען אום מיר זאָלען קענען געהן אין זיינע שטעגען ; וואָרום

3 תֵּצֵא תוֹרָה וּדְבַר יְהוָה מִירוּשָׁלָֽם׃ וְשָׁפַט בֵּין עַמִּים
רַבִּים וְהוֹכִיחַ לְגוֹיִם עֲצֻמִים עַד־רָחוֹק וְכִתְּתוּ חַרְבֹתֵיהֶם
לְאִתִּים וַחֲנִיתֹתֵיהֶם לְמַזְמֵרוֹת לֹא־יִשְׂאוּ גּוֹי אֶל־גּוֹי חֶרֶב
4 וְלֹא־יִלְמְדוּן עוֹד מִלְחָמָֽה׃ וְיָשְׁבוּ אִישׁ תַּחַת גַּפְנוֹ וְתַחַת
ה תְּאֵנָתוֹ וְאֵין מַחֲרִיד כִּי־פִי יְהוָה צְבָאוֹת דִּבֵּֽר׃ כִּי כָּל־
הָעַמִּים יֵלְכוּ אִישׁ בְּשֵׁם אֱלֹהָיו וַאֲנַחְנוּ נֵלֵךְ בְּשֵׁם־יְהוָה
6 אֱלֹהֵינוּ לְעוֹלָם וָעֶֽד׃ בַּיּוֹם הַהוּא נְאֻם־יְהוָה אֹסְפָה
7 הַצֹּלֵעָה וְהַנִּדָּחָה אֲקַבֵּצָה וַאֲשֶׁר הֲרֵעֹֽתִי׃ וְשַׂמְתִּי אֶת־
הַצֹּלֵעָה לִשְׁאֵרִית וְהַנַּהֲלָאָה לְגוֹי עָצוּם וּמָלַךְ יְהוָה עֲלֵיהֶם
8 בְּהַר צִיּוֹן מֵעַתָּה וְעַד־עוֹלָֽם׃ וְאַתָּה מִגְדַּל־עֵדֶר
עֹפֶל בַּת־צִיּוֹן עָדֶיךָ תֵּאתֶה וּבָאָה הַמֶּמְשָׁלָה הָרִאשֹׁנָה
9 מַמְלֶכֶת לְבַת־יְרוּשָׁלָֽם׃ עַתָּה לָמָּה תָרִיעִי רֵעַ הֲמֶלֶךְ
י אֵין־בָּךְ אִם־יוֹעֲצֵךְ אָבָד כִּי־הֶחֱזִיקֵךְ חִיל כַּיּוֹלֵדָֽה׃ חוּלִי
וָגֹחִי בַּת־צִיּוֹן כַּיּוֹלֵדָה כִּי־עַתָּה תֵצְאִי מִקִּרְיָה וְשָׁכַנְתְּ בַּשָּׂדֶה
וּבָאת עַד־בָּבֶל שָׁם תִּנָּצֵלִי שָׁם יִגְאָלֵךְ יְהוָה מִכַּף אֹיְבָֽיִךְ׃
11 וְעַתָּה נֶאֶסְפוּ עָלַיִךְ גּוֹיִם רַבִּים הָאֹמְרִים תֶּחֱנָף וְתַחַז בְּצִיּוֹן
12 עֵינֵֽינוּ׃ וְהֵמָּה לֹא יָדְעוּ מַחְשְׁבוֹת יְהוָה וְלֹא הֵבִינוּ עֲצָתוֹ
13 כִּי קִבְּצָם כֶּעָמִיר גֹּֽרְנָה׃ קוּמִי וָדוֹשִׁי בַת־צִיּוֹן כִּי־קַרְנֵךְ
אָשִׂים בַּרְזֶל וּפַרְסֹתַיִךְ אָשִׂים נְחוּשָׁה וַהֲדִקּוֹת עַמִּים רַבִּים
14 וְהַחֲרַמְתִּי לַיהוָה בִּצְעָם וְחֵילָם לַאֲדוֹן כָּל־הָאָֽרֶץ׃ עַתָּה
תִּתְגֹּדְדִי בַת־גְּדוּד מָצוֹר שָׂם עָלֵינוּ בַּשֵּׁבֶט יַכּוּ עַל־הַלְּחִי
אֵת שֹׁפֵט יִשְׂרָאֵֽל׃

CAP. V. ה

ה

א וְאַתָּה בֵּית־לֶחֶם אֶפְרָתָה צָעִיר לִהְיוֹת בְּאַלְפֵי יְהוּדָה
מִמְּךָ לִי יֵצֵא לִהְיוֹת מוֹשֵׁל בְּיִשְׂרָאֵל וּמוֹצָאֹתָיו מִקֶּדֶם
2 מִימֵי עוֹלָֽם׃ לָכֵן יִתְּנֵם עַד־עֵת יוֹלֵדָה יָלָדָה וְיֶתֶר אֶחָיו
יְשׁוּבוּן עַל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵֽל׃ וְעָמַד וְרָעָה בְּעֹז יְהוָה בִּגְאוֹן

שם

ד׳ v. 11. 9. קמץ בז״ק

פון ציון וועט זיך פערשפּרייטען אַ לעהרע און גאָט'ס וואָרט — פון
ירושלים,

3 וועלכער וועט אורטהיילען צווישען גרויסע פעלקער און אויסגלייכען
מעכטיגע נאַציאָנען ביז וויט, זיי וועלען זייערע שווערדען צוברעכען
און מאַכען שניידר־מעסערס, און זייערע שפּיזען אויף צווייג־שערען, איין
נאַציאָן קעגען צווייטען וועט קיין שווערד אויפהויבען און מעהר וועלען
זיי קיינע קריעגס־איבונג מאַכען.

4 זיי וועלען זיצען יעדער אונטער זיין וויינשטאָק און אונטער זיין פייגענ־
בוים אונגעשטערט, אַזוי רעדט גאָט פון ארמעען.

5 אַזוי ווי אלע פעלקער געהען זיך יעדער אינ'ם נאָמען פון זיין גאָט, אַזוי
וועלען מיר אייביג און אימער געהן אין נאָמען פון דעם עוויגען אונ־
זער גאָט.

6 דאַמאלס — זאָגט גאָט — וועל איך צונויפזאמלען די הינקעדיגע און צו־
זאמענקלייבען די פערוואָרפענע צו וועלכע איך בין שלעכט געווען.

7 די הינקעדיגע וועל איך איבערלאָזען צו אַ גליקליכע צוקונפט און פון די
פערשוואַכטע וועל איך אַ מעכטיגעם פאָלק מאַכען, גאָט וועט איבער זיי
קעניגען אויפ'ן באַרג ציון פון יעצט ביז אימער.

8 און דו, הויפּט הערדענ־פּאַיז, פעסטונג פון דער טאָכטער ציון, צו דיר וועט
גרייכען און קומען די ערשטע הערשונג, די קעניגרייך צו דער טאָכטער
ירושלים.

9 וואָרום שרייסטו יעצט קלעגליך ? האָסטו קיין קעניג ? זיינען דיינע
ראטהגעבער פערלוירען ? וואָס האָט דיר ארומגענומען אַ שוידער ווי
אַ קינפּעטאָרין ?

10 קרעכץ און בייג זיך איין, טאָכטער ציון, יעצט וועסטו פון שטאָדט
ארויס און וועסט רוהען אין פעלד, ביז דו וועסט קומען אין בבל ; ערשט
דאָרטען וועסטו גערעטעט ווערען, דאָרטען וועט דיר גאָט בעפרייען פון
די הענד פון דיינע פיינד.

11 יעצט האָבען זיך אַרום דיר פערזאמעלט פיעל פעלקער, וועלכע זאָגען :
„זי איז פערברעכעריש, אונזער אויג וועט נאָך אויף ציון (שלעכטס) זעה־
הען."

12 זיי ווייסען אָבער ניט גאָט'ס געדאנקען און פערשטעהן ניט זיין ראטה
פאר וואָס ער האָט זיי פערזאמעלט ווי גארבען אין שייער.

13 שטעה אויף און דרעש, טאָכטער ציון ! איך וועל דיין האָרן שטאַרק
מאַכען ווי אייזען און דיינע קלויען ווי קופּער, דו וועסט צומאָהלען,
גרויסע פעלקער ; זייער פערמעגען וועסטו פערהייליגען צו גאָט און זייער
רייכטהום — צום העררן דער גאַנצער וועלט.

14 יעצט ברענג ארמעען, די שטרייטערן ! מאַך אויף אונז אַ בעלאַגערונג !
מיט אַ שטעקען וועט מען איבער די באקען שלאָגען דעם וואָס וועט שלעכט
אורטהיילען ישראל'ן.

קאַפּיטעל ה

1 און דו בית־לחם פון אפרת, וועלכע איז אימער געוועען די קלענסטע
אונטער די טויזענדער פון יהודה, פון דיר וועט פאר מיר ארויס איינער
אום הערשער צו זיין אין ישראל ; זיין אבשטאַמונג איז אַ פערצייטיגע,
פון גאַנץ אַלטע צייטען.

2 ער וועט זיי געבען ביז דער צייט וואָס די געווינערין וועט געבוירען, ביז די
איבריגע ברידער וועלען צוריק קומען צו די קינדער ישראל.

3 דער וואָס וועט אויפטרעטען וועט זיי פיטערען מיט געטליכער מאַכט, מיט

שֵׁם יְהוָה אֱלֹהָיו וְיָשָׁבוּ כִּי־עַתָּה יִגְדַּל עַד־אַפְסֵי־אָרֶץ׃
4 וְהָיָה זֶה שָׁלוֹם אַשּׁוּר ׀ כִּי־יָבוֹא בְאַרְצֵנוּ וְכִי יִדְרֹךְ
בְּאַרְמְנֹתֵינוּ וַהֲקֵמֹנוּ עָלָיו שִׁבְעָה רֹעִים וּשְׁמֹנָה נְסִיכֵי
ה אָדָם׃ וְרָעוּ אֶת־אֶרֶץ אַשּׁוּר בַּחֶרֶב וְאֶת־אֶרֶץ נִמְרֹד
בִּפְתָחֶיהָ וְהִצִּיל מֵאַשּׁוּר כִּי־יָבוֹא בְאַרְצֵנוּ וְכִי־יִדְרֹךְ
6 בִּגְבוּלֵנוּ׃ וְהָיָה ׀ שְׁאֵרִית יַעֲקֹב בְּקֶרֶב עַמִּים רַבִּים
כְּטַל מֵאֵת יְהוָה כִּרְבִיבִים עֲלֵי־עֵשֶׂב אֲשֶׁר לֹא־יְקַוֶּה לְאִישׁ
7 וְלֹא יְיַחֵל לִבְנֵי אָדָם׃ וְהָיָה שְׁאֵרִית יַעֲקֹב בַּגּוֹיִם בְּקֶרֶב
עַמִּים רַבִּים כְּאַרְיֵה בְּבַהֲמוֹת יַעַר כִּכְפִיר בְּעֶדְרֵי־צֹאן
8 אֲשֶׁר אִם־עָבַר וְרָמַס וְטָרַף וְאֵין מַצִּיל׃ תָּרֹם יָדְךָ עַל־
9 צָרֶיךָ וְכָל־אֹיְבֶיךָ יִכָּרֵתוּ׃ וְהָיָה בַיּוֹם־הַהוּא נְאֻם־
י יְהוָה וְהִכְרַתִּי סוּסֶיךָ מִקִּרְבֶּךָ וְהַאֲבַדְתִּי מַרְכְּבֹתֶיךָ׃ וְהִכְרַתִּי
11 עָרֵי אַרְצֶךָ וְהָרַסְתִּי כָּל־מִבְצָרֶיךָ׃ וְהִכְרַתִּי כְשָׁפִים מִיָּדֶךָ
12 וּמְעוֹנְנִים לֹא יִהְיוּ־לָךְ׃ וְהִכְרַתִּי פְסִילֶיךָ וּמַצֵּבוֹתֶיךָ מִקִּרְבֶּךָ
13 וְלֹא־תִשְׁתַּחֲוֶה עוֹד לְמַעֲשֵׂה יָדֶיךָ׃ וְנָתַשְׁתִּי אֲשֵׁירֶיךָ מִקִּרְבֶּךָ
14 וְהִשְׁמַדְתִּי עָרֶיךָ׃ וְעָשִׂיתִי בְּאַף וּבְחֵמָה נָקָם אֶת־הַגּוֹיִם
אֲשֶׁר לֹא שָׁמֵעוּ׃

CAP. VI. ו

א שִׁמְעוּ־נָא אֵת אֲשֶׁר־יְהוָה אֹמֵר קוּם רִיב אֶת־הֶהָרִים
2 וְתִשְׁמַעְנָה הַגְּבָעוֹת קוֹלֶךָ׃ שִׁמְעוּ הָרִים אֶת־רִיב יְהוָה
וְהָאֵתָנִים מֹסְדֵי אָרֶץ כִּי רִיב לַיהוָה עִם־עַמּוֹ וְעִם־יִשְׂרָאֵל
3 יִתְוַכָּח׃ עַמִּי מֶה־עָשִׂיתִי לְךָ וּמָה הֶלְאֵתִיךָ עֲנֵה בִי׃
4 כִּי הֶעֱלִתִיךָ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם וּמִבֵּית עֲבָדִים פְּדִיתִיךָ וָאֶשְׁלַח
ה לְפָנֶיךָ אֶת־מֹשֶׁה אַהֲרֹן וּמִרְיָם׃ עַמִּי זְכָר־נָא מַה־יָּעַץ
בָּלָק מֶלֶךְ מוֹאָב וּמֶה־עָנָה אֹתוֹ בִּלְעָם בֶּן־בְּעוֹר מִן־הַשִּׁטִּים
6 עַד־הַגִּלְגָּל לְמַעַן דַּעַת צִדְקוֹת יְהוָה׃ בַּמָּה אֲקַדֵּם יְהוָה
אִכַּף לֵאלֹהֵי מָרוֹם הַאֲקַדְּמֶנּוּ בְעוֹלוֹת בַּעֲגָלִים בְּנֵי שָׁנָה׃

ה׳ v. 6. הפטרת וירא בלק

דעם שטאָלץ פונ'ם נאָמען פון עוויגען זיין גאָט ; ווען זיי וועלען זיך רוהיג
בעזעצען וועט ער גרויס ווערען ביז'ן עק וועלט.
4 עס וועט אזא פריעדען ווערען אז אויב אַשור וועט אין אונזער לאַנד קומען
און בעטרעטען אונזערע פּאַלאַצען, וועלען מיר קעגען איהם אַוועקשטעלעי
זיעבען הירטען אָדער אַכט פירסטען פון פאָלק.
5 זיי וועלען דאָס לאַנד פון אשור מיט'ן שווערד צוברעכען און דאָס לאַנד
פון נמרוד מיט איהרע אייגענע שווערדען ; ער וועט אויך רעטען פון
אשור אויב ער וועט קומען אין אונזער לאַנד און בעטרעטען אונזער
גרענעץ.
6 די איבערגעבליעבענע פון יעקב וועלען זיין צווישען די גרויסע פעלקער
ווי דער טהוי פון גאָט, ווי רעגען אויף גראָז, וואָס דאַרף ניט האפען צו אַ
מענשען און ווארטען אויף די הילף פון מענשען.
7 די איבערגעבליעבענע פון יעקב וועלען זיין צווישען די פעלקער, צווישען
די מעכטיגע פעלקער, ווי דער לייב צווישען די וואַלד־טהיערע, ווי אַ יונגער
לייב צווישען די הערדען פון שעפּסען, וואָס אַז ער געהט נאָר פערביי
ציטערט ער און צורייסט אַז מען קען ניט רעטען.
8 אז דיין האַנד וועט זיך אויפהויבען קעגען דיינע געגנער וועלען
אַלע דיינע פיינד פערניכטעט ווערען.
9 דאמאלס — זאָגט גאָט — וועל איך אויסראָטען פון דיר דיינע פּערד און
וועל פערניכטען דיינע וועגען.
10 איך וועל אונטערברענגען די שטעדט פון דיין לאַנד און צושמעטערן אַלע
דיינע פעסטונגען.
11 איך וועל אויסראָטען צויבעריי פון דיין בעזיץ און דו וועסט מעהר ניט
האָבען קיין וואָלקען קוקער.
12 איך וועל אויך אויסראָטען פון דיר דיינע בילדער און סטאַטועז, אום דו
זאָלסט זיך מעהר ניט בוקען צו דיינע הענד־אַרבייט.
13 איך וועל אויסוואָרצלען דיינע געצען־בוימער און פערטיליגען דיינע
שטעדט.
14 מיט צאָרן און וואוטה וועל איך ראכע נעהמען פון די פעלקער וואָס האָ־
בען מיר ניט געפאָלגט.

קאַפּיטעל ו

1 הערט נאָר אויס וואָס גאָט זאָגט : שטעה אויף, הערט די קריעג איהר
בערג, אויך די בערגלעך זאָלען דיין שטימע הערען.
2 הערט, בערג, גאָט'ס קריעג, — אויך איהר מעכטיגע וואָס האלטען אויף
דאָס לאַנד ! גאָט האָט אַ קריעג מיט זיין פאָלק און מיט ישראל רעדט ער
זיך דורך.
3 פאָלק מיין ! וואָס האָב איך דיר געטהאָן, און מיט וואָס האָב איך דיר
בעלעסטיגט ? ענטפער מיר !
4 וואָס איך האָב דיר אַרויסגעבראַכט פונ'ם לאַנד מצרים און אויסגעלייזט
דיר פון שקלאַפענהויז ? אָדער וואָס איך האָב דיר פּאָראויס געשיקט
משה, אַהרן און מרים ?
5 פאָלק מיין ! דערמאָן זיך נאָר וואָס האָט געטהאָן בלק, קעניג פון מואָב,
און וואָס האָט איהם געענטפערט בלעם בעור'ס זוהן ? וואָס איך האָב אין
שטים פאַר דיר געטהאָן און וואָס אין גלגל ? דו האָסט שוין געדאַרפט
אַנערקענען גאָט'ס גנאַדע !
6 מיט וואָס זאָל איך דעם עוויגען עמפפאנגען ? מיט וואָס זאָל איך אונ־
טערטהעניגקייט אויסדריקען צום הימלישען גאָט ? זאָל איך איהם מיט
גאַנץ־אָפּפער עמפפאנגען ? מיט איין־יאָהריגע קעלבער ?

7 הֲיִרְצֶה יְהוָה֙ בְּאַלְפֵי אֵילִים בְּרִבְבוֹת נַחֲלֵי־שָׁמֶן הַאֶתֵּן
8 בְּכוֹרִי֙ פִּשְׁעִי פְּרִי בִטְנִי חַטַּאת נַפְשִׁי׃ הִגִּיד לְךָ אָדָם
מַה־טּוֹב וּמָה יְהוָה דּוֹרֵשׁ מִמְּךָ כִּי אִם־עֲשׂוֹת מִשְׁפָּט
9 וְאַהֲבַת חֶסֶד וְהַצְנֵעַ לֶכֶת עִם־אֱלֹהֶיךָ׃ קוֹל יְהוָה֙
לָעִיר יִקְרָא וְתוּשִׁיָּה יִרְאֶה שְׁמֶךָ שִׁמְעוּ מַטֶּה וּמִי יְעָדָהּ׃
י עוֹד הַאִשׁ בֵּית רָשָׁע אֹצְרוֹת רֶשַׁע וְאֵיפַת רָזוֹן זְעוּמָה׃
11 12 הַאֶזְכֶּה בְּמֹאזְנֵי רֶשַׁע וּבְכִיס אַבְנֵי מִרְמָה׃ אֲשֶׁר
עֲשִׁירֶיהָ מָלְאוּ חָמָס וְיֹשְׁבֶיהָ דִּבְּרוּ־שָׁקֶר וּלְשׁוֹנָם רְמִיָּה
13 בְּפִיהֶם׃ וְגַם־אֲנִי הֶחֱלֵיתִי הַכּוֹתֶךָ הַשְׁמֵם עַל־חַטֹּאתֶךָ׃
14 אַתָּה תֹאכַל וְלֹא תִשְׂבָּע וְיֶשְׁחֲךָ בְּקִרְבֶּךָ וְתַסֵּג וְלֹא
טו תַפְלִיט וַאֲשֶׁר תְּפַלֵּט לַחֶרֶב אֶתֵּן׃ אַתָּה תִזְרַע וְלֹא תִקְצוֹר
אַתָּה תִדְרֹךְ־זַיִת וְלֹא־תָסוּךְ שֶׁמֶן וְתִירוֹשׁ וְלֹא תִשְׁתֶּה־יָּיִן׃
16 וְיִשְׁתַּמֵּר חֻקּוֹת עָמְרִי וְכֹל מַעֲשֵׂה בֵית־אַחְאָב וַתֵּלְכוּ
בְּמֹעֲצוֹתָם לְמַעַן תִּתִּי אֹתְךָ לְשַׁמָּה וְיֹשְׁבֶיהָ לִשְׁרֵקָה
וְחֶרְפַּת עַמִּי תִּשָּׂאוּ׃

CAP. VII. ז

א אַלְלַי לִי כִּי הָיִיתִי כְּאָסְפֵּי־קַיִץ כְּעֹלְלֹת בָּצִיר אֵין־אֶשְׁכּוֹל
2 לֶאֱכוֹל בִּכּוּרָה אִוְּתָה נַפְשִׁי׃ אָבַד חָסִיד מִן־הָאָרֶץ וְיָשָׁר
בָּאָדָם אָיִן כֻּלָּם לְדָמִים יֶאֱרֹבוּ אִישׁ אֶת־אָחִיהוּ יָצוּדוּ
3 חֵרֶם׃ עַל־הָרַע כַּפַּיִם לְהֵיטִיב הַשַּׂר שֹׁאֵל וְהַשֹּׁפֵט
4 בַּשִּׁלּוּם וְהַגָּדוֹל דֹּבֵר הַוַּת נַפְשׁוֹ הוּא וַיְעַבְּתוּהָ׃ טוֹבָם
כְּחֵדֶק יָשָׁר מִמְּסוּכָה יוֹם מְצַפֶּיךָ פְּקֻדָּתְךָ בָאָה עַתָּה
ה תִהְיֶה מְבוּכָתָם׃ אַל־תַּאֲמִינוּ בְרֵעַ אַל־תִּבְטְחוּ בְּאַלּוּף
6 מִשֹּׁכֶבֶת חֵיקֶךָ שְׁמֹר פִּתְחֵי־פִיךָ׃ כִּי־בֵן מְנַבֵּל אָב בַּת
7 קָמָה בְאִמָּהּ כַּלָּה בַּחֲמֹתָהּ אֹיְבֵי אִישׁ אַנְשֵׁי בֵיתוֹ׃ וַאֲנִי
8 בַּיהוָה אֲצַפֶּה אוֹחִילָה לֵאלֹהֵי יִשְׁעִי יִשְׁמָעֵנִי אֱלֹהָי׃ אַל־
תִּשְׂמְחִי אֹיַבְתִּי לִי כִּי נָפַלְתִּי קָמְתִּי כִּי־אֵשֵׁב בַּחֹשֶׁךְ יְהוָה
אור

ו v. 8. עד כאן   v. 10. כצ"ל   v. 13. מלא ו   v. 14. קמץ בז"ק   ז v. 6. פצ"ל

7 וועט גאָט אָננעהמען טויזענד ווידערס און צעהען טויזענד אויל טייכען ?
זאָל איך מיין ערשטגעבוירענעם פאַר מיין פערברעכען אַוועקגעבען ? מיין
לייבליכעס קינד פאַר מיין זינד ?
8 מען האָט דיר, מענש, שוין לאַנג געזאָגט וואָס גוט איז און וואָס גאָט פער־
לאַנגט פון דיר — בלויז רעכט האַנדלען, ליעבען גנאַדע און בעשיעדען
געהען מיט דיין גאָט.
9 גאָט׳ס שטימע רופט די שטאָדט [און יעדער פערשטענדיגער זעהט (דערין)
דיין נאָמען :] „פאָלגט דעם שטעקען אָדער דעם וואָס האָט עס בע־
שטימט !"
10 געפינען זיך נאָך אינ׳ם הויז פון פערברעכער רייכטהימער פון רויב און
אַ קליינע מאָאס, אַ פערשאָלטענע ?
11 קען מען אונשולדיג בלייבען מיט פאַלשע וואָג און אַ בייטעל מיט פאַלשע
געוויכט ?
12 איהרע רייכע זיינען פול מיט געוואַלד־טהאַטען און איהרע איינוואָהנער
זאָגען ליעגען, אַלץ וואָס זיי רעדען מיט׳ן מויל איז פאַלש.
13 דערפאַר האָב איך דיר מיט קראַנקהייטען געשלאָגען און פערוויסטונג אי־
בער דיינע זינד.
14 דו וועסט עסען און ניט זאַט ווערען, ווייל עס וועט אויסטריקענען אין
דיינע געדערים, דו וועסט אַריינגעהמען און קיינע קינדער האָבען, און
וואָס דו וועסט געבוירען וועל איך איבערגעבען צום שווערד.
15 דו וועסט זעהען און וועסט ניט שניידען, דו וועסט טרעטען אויילבערטען
און וועסט זיך מיט דעם אויל ניט שמירען, וויין וועסטו טרעטען און וועסט
פון איהם ניט טרינקען.
16 זאָלאַנג עס ווערען אָנגעהאַלטען עמרי׳ס געזעצע און אַלע טהאַטען פון
אַחאָב׳ס הויז און איהר געהט אין זייערע ראַטהען, אום איך זאָל דיר
מאַכען צו וויסט און איהרע איינוואוינער צו אַ אויספייפונג, און איהר וועט
ליידען פאַר מיין פאָלק׳ס שאַנדע.

קאַפּיטעל ז

1 וועה איז מיר ! איך בין געוואָרען ווי די לעצטע זומער־פרוכט, ווי
דער איינצעלנער טרויב וואָס דער אַרומקלייבער לאָזט איבער — ניטאָ
קיין טרויבען צום עסען, איך שמאַכט נאָך אַ רייפען פרוכט.
2 טוגענדהאַפטע מענשען זיינען אויסגעראָטהען פונ׳ם לאַנד, עס איז קיין
איין ריכטיגער מאַן ניטאָ, אַלע לויערן דעם צווייטענס בלוט, איינער דעם
אַנדערן פאַנגען זיי מיט אַ נעץ.
3 אָנשטאָט גוטס טהוען אַלע הענד שלעכטס — דער פירסט בעט געשענקע
און דער ריכטער וויל בעצאָהלט, דער אָבער־ריכטער רעדט אַרויס דעם
אורטהייל נאָך זיין אייגענעם פערלאַנג — אַזוי פערפלאָנטערן זיי דאָס !
4 די בעסטע פון זיי זיינען ווי אַ דאָרן, דער אָרענטליכער איז ווי אַ צוים
פון דערנער. דער טאָג פון דיינע זעהער [נביאים], ד. ה. דיין שטראָף־
טאָג, קומט שוין אָן, יעצט פאַנגט זיך אָן זייער אונגליק !
5 גלויבט קיין פריינד ניט, פערלאָזט זיך ניט אויף אַ בעקאַנטען ; זיי פאָר־
זיכטיג אין רעדען, זאָגאַר פאַר דיין לייבליכע פרוי.
6 וואָרום אַ זוהן בעשפאָטעט אַ פאָטער, אַ טאָכטער האַסט איהר מוטער
און אַ שנור — איהר שוויגער ; דעם מענשענס פיינד זיינען זיינע
הויז־מענשען.
7 איך אָבער האָף צו גאָט און וואַרט אויף די הילף פון מיין גאָט, מיין גאָט
וועט מיר אויסהערען.
8 פרעה זיך ניט, מיין פיינדין ! איך בין יעצט געפאַלען, איך וועל אָבער

9 אוֹר לִי׃ זַעַף יְהוָה אֶשָּׂא כִּי חָטָאתִי לוֹ עַד אֲשֶׁר
יָרִיב רִיבִי וְעָשָׂה מִשְׁפָּטִי יוֹצִיאֵנִי לָאוֹר אֶרְאֶה בְּצִדְקָתוֹ׃
י וְתֵרֶא אֹיַבְתִּי וּתְכַסֶּהָ בוּשָׁה הָאֹמְרָה אֵלַי אַיּוֹ יְהוָה
אֱלֹהָיִךְ עֵינַי תִּרְאֶינָּה בָּהּ עַתָּה תִּהְיֶה לְמִרְמָס כְּטִיט
11 12 חוּצוֹת׃ יוֹם לִבְנוֹת גְּדֵרָיִךְ יוֹם הַהוּא יִרְחַק־חֹק׃ יוֹם
הוּא וְעָדֶיךָ יָבוֹא לְמִנִּי אַשּׁוּר וְעָרֵי מָצוֹר וּלְמִנִּי מָצוֹר
13 וְעַד־נָהָר וְיָם מִיָּם וְהַר הָהָר׃ וְהָיְתָה הָאָרֶץ לִשְׁמָמָה
14 עַל־יֹשְׁבֶיהָ מִפְּרִי מַעַלְלֵיהֶם׃ רְעֵה עַמְּךָ בְשִׁבְטֶךָ
רוּחַ יְהוֹשֻׁעַ בֶּן־יְהוֹצָדָק הַכֹּהֵן הַגָּדוֹל וְאֶת־רוּחַ כֹּל שְׁאֵרִית
הָעָם וַיָּבֹאוּ וַיַּעֲשׂוּ מְלָאכָה בְּבֵית־יְהֹוָה צְבָאוֹת אֱלֹהֵיהֶם׃
טו בְּיוֹם עֶשְׂרִים וְאַרְבָּעָה לַחֹדֶשׁ בַּשִּׁשִּׁי בִּשְׁנַת שְׁתַּיִם
לְדָרְיָוֶשׁ הַמֶּלֶךְ׃

CAP. II. ב

ב

א בַּשְּׁבִיעִי בְּעֶשְׂרִים וְאֶחָד לַחֹדֶשׁ הָיָה דְּבַר־יְהֹוָה בְּיַד־חַגַּי
2 הַנָּבִיא לֵאמֹר׃ אֱמָר־נָא אֶל־זְרֻבָּבֶל בֶּן־שַׁלְתִּיאֵל פַּחַת
יְהוּדָה וְאֶל־יְהוֹשֻׁעַ בֶּן־יְהוֹצָדָק הַכֹּהֵן הַגָּדוֹל וְאֶל־שְׁאֵרִית
3 הָעָם לֵאמֹר׃ מִי בָכֶם הַנִּשְׁאָר אֲשֶׁר רָאָה אֶת־הַבַּיִת
הַזֶּה בִּכְבוֹדוֹ הָרִאשׁוֹן וּמָה אַתֶּם רֹאִים אֹתוֹ עַתָּה הֲלוֹא
4 כָמֹהוּ כְּאַיִן בְּעֵינֵיכֶם׃ וְעַתָּה חֲזַק זְרֻבָּבֶל ׀ נְאֻם־יְהֹוָה
וַחֲזַק יְהוֹשֻׁעַ בֶּן־יְהוֹצָדָק הַכֹּהֵן הַגָּדוֹל וַחֲזַק כָּל־עַם
הָאָרֶץ נְאֻם־יְהֹוָה וַעֲשׂוּ כִּי־אֲנִי אִתְּכֶם נְאֻם יְהֹוָה צְבָאוֹת׃
ה אֶת־הַדָּבָר אֲשֶׁר כָּרַתִּי אִתְּכֶם בְּצֵאתְכֶם מִמִּצְרַיִם וְרוּחִי
6 עֹמֶדֶת בְּתוֹכְכֶם אַל־תִּירָאוּ׃ כִּי כֹה אָמַר יְהֹוָה
צְבָאוֹת עוֹד אַחַת מְעַט הִיא וַאֲנִי מַרְעִישׁ אֶת־הַשָּׁמַיִם

ואת־

9 איהר שטרעבט נאָך פיעל און האָט ווענִיג, און אַז איהר ברענגט עס אין הויז אַריין, בלאָז איך עס אַוועק, פאַר וואָס איז עס אַזוי ? — זאָגט גאָט פון אַרמעען — ווייל מיין הויז איז וויסט און איהר לויפט יעדער צו זיין הויז.

10 דערפאַר זיינען פאַר אייך די הימלען פערשלאָסען אַז זיי זאָלען קיין טהוי געבען, אויך די ערד פערשליסט איהרע פּראָדוקטען.

11 איך וועל רופען אַ טריקעניס אויף דר׳ערד, אויף די בערג, אויף קאָרן, וויין און אויל, אויף אַלץ וואָס וואַקסט פון דר׳ערד, אויך אויף מענשען און פיה און אויף אַלץ וואָס איהר אַרבייט מיט אייערע הענד.״

12 זרבבל, שאלתיאל׳ס זוהן, יהושע, יהוצדק׳ס זוהן, דער אָבער־כהן און אַלע איבריגע פון פאָלק, האָבען געהערט די שטימע פון עוויגען, זייער גאָט, אויך די רייד פון חגי דעם נביא, ווען דער עוויגער, זייער גאָט, האָט געשיקט ; און דאָס פאָלק האָט געפירכטעט פאַר גאָט.

13 דאַן האָט חגי, דער געשיקטער פון גאָט, געזאָגט צום פאָלק, בעפאָלמעכ־טיגט פון גאָט, אַזוי צו זאָגען : „איך בין מיט אייך !״ — זאָגט גאָט.

14 און גאָט האָט ערוועקט דעם גייסט פון זרבבל שאלתיאל׳ס זוהן, פירשט פון יהודה, אויך דעם אָבער־כהן, און דעם גייסט פון אַלע איבריגע פונ׳ם פאָלק און זיי זיינען געקומען און גענומען אַרבייטען אינ׳ם הויז פון דעם עוויגען, זייער גאָט.

15 דאָס האָט פּאַסירט אין פיער־און צוואַנציגסטען טאָג פון זעקסטען מאָנאַט, אין צווייטען יאָהר פון קעניג דריוש.

קאַפּיטעל ב

1 אין זיבעטען מאָנאַט, איין־און־צוואַנציג טעג אין מאָנאַט איז גאָט׳ס וואָרט געוועזן, דורך חגי דעם נביא, אַזוי צו זאָגען :

2 זאָג נאָר צו זרבבל׳ן, שאלתיאל׳ס זוהן, פירשט פון יהודה, און צו יהושע׳ן, יהוצדק׳ס זוהן, דעם אָבער־כהן, אויך צו די איבריגע פונ׳ם פאָלק. אַזוי צו זאָגען —

3 ווער איז פון די געבליעבענע אונטער אייך וואָס האָט דיזעס הויז געזעהען אין פריהערדיגען גלאַנץ, ווי געפעהלט עס אייך יעצט ? איך דענק אַז עס האָט קיין אויסזעהען אין אייערע אויגען.

4 אַלזאָ שטאַרק זיך, זרבבל — זאָגט גאָט — און שטאַרק זיך, יהושע, יהוצדק׳ס זוהן, דער אָבער־כהן, אויך שטאַרקט זיך דאָס גאַנצע פאָלק פונ׳ם לאַנד — זאָגט גאָט — און זעצט פאָר אייער אַרבייט ; וואָרום איך בין מיט אייך — זאָגט גאָט. זעצט פאָר אייער אַרבייט, וואָרום איך בין מיט אייך — זאָגט גאָט פון אַרמעען.

5 זינט איך האָב מיט אייך אַ וואָרט געשלאָסען אַרויסגעהענדיג פון מצרים און מיין גייסט איז מיט אייך — שרעקט זיך ניט !

6 וואָרום גאָט פון אַרמעען האָט אַזוי געזאָגט : עס וועט ניט לאַנג געדויערן און איך וועל מאַכען שטורמען די הימלען און די ערד, דעם ים און די טריקעניש ;

7 וְאֶת־הָאָרֶץ וְאֶת־הַיָּם וְאֶת־הֶחָרָבָה׃ וְהִרְעַשְׁתִּי אֶת־כָּל־
הַגּוֹיִם וּבָאוּ חֶמְדַּת כָּל־הַגּוֹיִם וּמִלֵּאתִי אֶת־הַבַּיִת הַזֶּה
8 כָּבוֹד אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת׃ לִי הַכֶּסֶף וְלִי הַזָּהָב נְאֻם
9 יְהוָה צְבָאוֹת׃ גָּדוֹל יִהְיֶה כְּבוֹד הַבַּיִת הַזֶּה הָאַחֲרוֹן
מִן־הָרִאשׁוֹן אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת וּבַמָּקוֹם הַזֶּה אֶתֵּן שָׁלוֹם
י נְאֻם יְהוָה צְבָאוֹת׃ בְּעֶשְׂרִים וְאַרְבָּעָה לַתְּשִׁיעִי
בִּשְׁנַת שְׁתַּיִם לְדָרְיָוֶשׁ הָיָה דְּבַר־יְהוָה בְּיַד־חַגַּי הַנָּבִיא
11 לֵאמֹר׃ כֹּה אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת שְׁאַל־נָא אֶת־הַכֹּהֲנִים
12 תּוֹרָה לֵאמֹר׃ הֵן ׀ יִשָּׂא־אִישׁ בְּשַׂר־קֹדֶשׁ בִּכְנַף בִּגְדוֹ וְנָגַע
בִּכְנָפוֹ אֶל־הַלֶּחֶם וְאֶל־הַנָּזִיד וְאֶל־הַיַּיִן וְאֶל־שֶׁמֶן וְאֶל־
13 כָּל־מַאֲכָל הֲיִקְדָּשׁ וַיַּעֲנוּ הַכֹּהֲנִים וַיֹּאמְרוּ לֹא׃ וַיֹּאמֶר
חַגַּי אִם־יִגַּע טְמֵא־נֶפֶשׁ בְּכָל־אֵלֶּה הֲיִטְמָא וַיַּעֲנוּ הַכֹּהֲנִים
14 וַיֹּאמְרוּ יִטְמָא׃ וַיַּעַן חַגַּי וַיֹּאמֶר כֵּן הָעָם־הַזֶּה וְכֵן־הַגּוֹי
הַזֶּה לְפָנַי נְאֻם־יְהוָה וְכֵן כָּל־מַעֲשֵׂה יְדֵיהֶם וַאֲשֶׁר
טו יַקְרִיבוּ שָׁם טָמֵא הוּא׃ וְעַתָּה שִׂימוּ־נָא לְבַבְכֶם מִן־הַיּוֹם
הַזֶּה וָמָעְלָה מִטֶּרֶם שׂוּם־אֶבֶן אֶל־אֶבֶן בְּהֵיכַל יְהוָה׃
16 מִהְיוֹתָם בָּא אֶל־עֲרֵמַת עֶשְׂרִים וְהָיְתָה עֲשָׂרָה בָּא אֶל־
17 הַיֶּקֶב לַחְשֹׂף חֲמִשִּׁים פּוּרָה וְהָיְתָה עֶשְׂרִים׃ הִכֵּיתִי
אֶתְכֶם בַּשִּׁדָּפוֹן וּבַיֵּרָקוֹן וּבַבָּרָד אֵת כָּל־מַעֲשֵׂה יְדֵיכֶם
18 וְאֵין־אֶתְכֶם אֵלַי נְאֻם־יְהוָה׃ שִׂימוּ־נָא לְבַבְכֶם מִן־הַיּוֹם
הַזֶּה וָמָעְלָה מִיּוֹם עֶשְׂרִים וְאַרְבָּעָה לַתְּשִׁיעִי לְמִן־הַיּוֹם
19 אֲשֶׁר־יֻסַּד הֵיכַל־יְהוָה שִׂימוּ לְבַבְכֶם׃ הַעוֹד הַזֶּרַע
בַּמְּגוּרָה וְעַד־הַגֶּפֶן וְהַתְּאֵנָה וְהָרִמּוֹן וְעֵץ הַזַּיִת לֹא נָשָׂא
כ מִן־הַיּוֹם הַזֶּה אֲבָרֵךְ׃ וַיְהִי דְבַר־יְהוָה ׀ שֵׁנִית אֶל־
21 חַגַּי בְּעֶשְׂרִים וְאַרְבָּעָה לַחֹדֶשׁ לֵאמֹר׃ אֱמֹר אֶל־זְרֻבָּבֶל
פַּחַת־יְהוּדָה לֵאמֹר אֲנִי מַרְעִישׁ אֶת־הַשָּׁמַיִם וְאֶת־הָאָרֶץ׃
22 וְהָפַכְתִּי כִּסֵּא מַמְלָכוֹת וְהִשְׁמַדְתִּי חֹזֶק מַמְלְכוֹת הַגּוֹיִם

והפכתי

v. 10. כ״א אל

7 און איך וועל אויפשטורמען אַלע פעלקער און עס וועלען אַהער קומען די בעסטע פון אַלע פעלקער, ביז איך וועל דאָס הויז פול מאַכען מיט עהרע — אַזוי זאָגט גאָט פון אַרמעען.

8 „מיר געהערט דאָס זילבער אויך מיר געהערט דאָס גאָלד !" — זאָגט גאָט פון אַרמעען.

9 עס וועט גרעסער זיין דער פּראַכט פון דיעזעם לעצטעם הויז אַלס דאָס ערשטע איז געווען — זאָגט גאָט פון אַרמעען — און אין דיעזען אָרט וועל איך אַריינגעבען פריעדען — זאָגט גאָט פון אַרמעען.

10 אין פיער־און־צוואַנציגסטען (טאָג) פון ניינטען מאָנאַט, צווייטען יאָהר פון דריוש, איז גאָט'ס וואָרט געווען, דורך חגי דעם נביא, אַזוי צו זאָגען :

11 אַזוי זאָגט גאָט פון אַרמעען — פרעגט נאָר די כהנים אַ געזעץ, זאָגענדיג :

12 „ווען יעמאַנד טראָגט הייליגעס פליייש אין ברעג פון זיין קלייד, און ער בעריהרט מיט זיין ברעג (קלייד) ברויט, געקעכטס, ווייַן אויל אָדער וועלכע־עס־איז שפּייז, בלייבט עס הייליג ?" די כהנים האָבען געענטפערט און געזאָגט : „ניין !"

13 האָט חגי געזאָגט : „אויב איינער וואָס איז אונריין פון אַ טוידטען קערפּער וועט דאָס אַלץ בעריהרען ווערט עס אונריין ?" די כהנים האָבען געענטפערט און געזאָגט : „עס ווערט אונריין !"

14 דאַן האָט חגי געענטפערט און געזאָגט : „ווי דיעזע געמיינדע אַזוי איז פאַר מיר דאָס גאַנצע פאָלק" —זאָגט גאָט— אַזוי איז אַלץ וואָס זיי טהוען מיט זייערע הענד, אַלץ וואָס זיי ברענגען דאָרט איז אונריין.

15 אַלזאָ זייט פאָרזיכטיג פון היינט אָן און ווייטער — איידער מ'האָט נאָך געלעגט אַ שטיין אויף אַ שטיין אין גאָט'ס טעמפּעל.

16 זינט דער צייט ווען מ'פלעגט קומען צו אַ געטריידע קופּע פון צוואַנציג מאָאס און געפינען נאָר צעהן, קומען אין אַ וויינקעלער אָנשעפען פופציג פּורה און געפינען נאָר צוואַנציג.

17 איך האָב אייך געשלאָגען מיט קאָרנבראַנד און פערגעלטקייט, און אַלץ וואָס איהר מאַכט מיט אייערע הענד האָב איך מיט האָגעל צובראָכען, און קיינער פון אייך ווענדעט זיך צו מיר — זאָגט גאָט.

18 זייט פאָרזיכטיג פון דיעזען טאָג אָן און ווייטער — פון פיער־און־צוואַנציגסטען טאָג אין ניינטען מאָנאַט, זינט מ'האָט דעם גרונד געמאַכט צו גאָט'ס טעמפּעל. בעטראַכט גוט.

19 זאָלאַנג עס זיינען נאָך דאָ זוימען אין זוימען צימער, איידער דער וויינבוים, פייגענבוים, מילגרוים און אוילבוים האָבען נאָך ניט צייטיג געמאַכט (זייער פּרוכט) — פון היינט אָן וועל איך אייך בענשען.

20 אַ צווייטען מאָל איז גאָט'ס וואָרט געווען צו חגי'ן אין פיער־און צוואַנציגסטען טאָג פון מאָנאַט, אַזוי צו זאָגען :

21 זאָג צו זרבבל, פירשט פון יהודה, אַזוי צו זאָגען : איך וועל אויפשטורעמען דעם הימעל און די ערד !

22 איך וועל איבערקעהרען טהראָנען און פערטיליגען די שטאַרקסטע פון די

וְהָפַכְתִּי מֶרְכָּבָה וְרֹכְבֶיהָ וְיָרְדוּ סוּסִים וְרֹכְבֵיהֶם אִישׁ
23 בְּחֶרֶב אָחִיו׃ בַּיּוֹם הַהוּא נְאֻם־יְהוָה צְבָאוֹת אֶקָּחֲךָ
זְרֻבָּבֶל בֶּן־שְׁאַלְתִּיאֵל עַבְדִּי נְאֻם־יְהוָה וְשַׂמְתִּיךָ כַּחוֹתָם
כִּי־בְךָ בָחַרְתִּי נְאֻם יְהוָה צְבָאוֹת׃

זכריה

LIBER ZACHARIÆ.

CAPUT I. א

א בַּחֹדֶשׁ הַשְּׁמִינִי בִּשְׁנַת שְׁתַּיִם לְדָרְיָוֶשׁ הָיָה דְבַר־יְהוָה
2 אֶל־זְכַרְיָה בֶּן־בֶּרֶכְיָה בֶּן־עִדּוֹ הַנָּבִיא לֵאמֹר׃ קָצַף יְהוָה
3 עַל־אֲבוֹתֵיכֶם קָצֶף׃ וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם כֹּה אָמַר יְהוָה
צְבָאוֹת שׁוּבוּ אֵלַי נְאֻם יְהוָה צְבָאוֹת וְאָשׁוּב אֲלֵיכֶם
4 אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת׃ אַל־תִּהְיוּ כַאֲבֹתֵיכֶם אֲשֶׁר קָרְאוּ־
אֲלֵיהֶם הַנְּבִיאִים הָרִאשֹׁנִים לֵאמֹר כֹּה אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת
שׁוּבוּ נָא מִדַּרְכֵיכֶם הָרָעִים וּמַעַלְלֵיכֶם הָרָעִים וְלֹא שָׁמְעוּ
ה וְלֹא־הִקְשִׁיבוּ אֵלַי נְאֻם־יְהוָה׃ אֲבוֹתֵיכֶם אַיֵּה־הֵם וְהַנְּבִאִים
6 הַלְעוֹלָם יִחְיוּ׃ אַךְ ׀ דְּבָרַי וְחֻקַּי אֲשֶׁר צִוִּיתִי אֶת־עֲבָדַי
הַנְּבִיאִים הֲלוֹא הִשִּׂיגוּ אֲבֹתֵיכֶם וַיָּשׁוּבוּ וַיֹּאמְרוּ כַּאֲשֶׁר זָמַם
יְהוָה צְבָאוֹת לַעֲשׂוֹת לָנוּ כִּדְרָכֵינוּ וּכְמַעֲלָלֵינוּ כֵּן עָשָׂה
7 אִתָּנוּ׃ בְּיוֹם עֶשְׂרִים וְאַרְבָּעָה לְעַשְׁתֵּי־עָשָׂר חֹדֶשׁ הוּא־
חֹדֶשׁ שְׁבָט בִּשְׁנַת שְׁתַּיִם לְדָרְיָוֶשׁ הָיָה דְבַר־יְהוָה אֶל־
8 זְכַרְיָה בֶּן־בֶּרֶכְיָהוּ בֶּן־עִדּוֹא הַנָּבִיא לֵאמֹר׃ רָאִיתִי ׀ הַלַּיְלָה
וְהִנֵּה־אִישׁ רֹכֵב עַל־סוּס אָדֹם וְהוּא עֹמֵד בֵּין הַהֲדַסִּים

אשר

4 v יתיר י

פעלקער־רעגירונגען ; איך וועל איבערקעהרען דעם וואָגען מיט'ן רייטער,
עס וועלען פאַלען פערד און רייטער — איינער פון דעם אַנדערענס שווערד.

23 אַט אין יענעם טאָג — זאָגט גאָט פון ארמעען — וועל איך דיר, מיין
קנעכט, זרבבל שאלתיאל'ס זוהן נעהמען, איך וועל דיר האַלטען ווי אַ
זיעגעל־רינג, ווייל נאָר דיר האָב איך ערוועהלט — זאָגט גאָט פון אַרמעען.

זכריה

קאַפּיטעל א

1 אין אַכטען מאָנאַט פון צווייטען יאָהר צו דריוש, איז גאָט'ס וואָרט געווען
צו זכריה ברכיה'ס זוהן, זוהן פון עדו, דעם נביא, אַזוי צו זאָגען :

2 דער עוויגער האָט אויף אייערע עלטערן זיין צאָרן געבראַכט.

3 און זאָלסט זיי זאָגען : אַזוי האָט געזאָגט גאָט פון אַרמעען : קעהרט זיך צו
מיר — זאָגט גאָט פון ארמעען — וועל איך זיך צו אייך קעהרען, זאָגט
גאָט פון אַרמעען.

4 זייט ניט ווי אייערע עלטערן, וועלכע די פריהערדיגע נביאים האָבען גע־
ווארענט זאגענדיג : „אזוי זאָגט גאָט פון ארמעען — קעהרט זיך צוריק
פון אייערע שלעכטע וועגען און אייערע שלעכטע טהאַטען !" זיי האָבען
אָבער די נביאים ניט געהערט און אויף מיר ניט צוגעהערט — זאָגט גאָט.

5 וואו זיינען יעצט אייערע עלטערן ? און וועלען דען די נביאים אייביג
לעבען ?

6 אָבער מיינע וואַרנונגען און מיינע בעשטימטע שטראָפען, וואָס איך האָב
אייך פאָראויס געזאָגט דורך מיינע קנעכט, די נביאים, דאָס איז אייערע
עלטערן אָנגעקומען ; דאַן האָבען זיי זיך בעדענקט און געזאָגט : „ווי
גאָט פון אַרמעען האָט בעשלאָסען צו טהאָן מיט אונז, לויט אונזער אויפ־
פיהרונג און טהאַטען, אַזוי האָט ער מיט אונז געטהאָן."

7 אין פיער־און־צוואַנציגסטען טאָג פון עלפטען מאָנאַט, ד. ה. אין מאָנאַט
שבט, אין צווייטען יאָהר פון דריוש, איז גאָט'ס וואָרט געווען, צו זכריה,
ברכיה'ס זוהן, דער זוהן פון עדו, דער נביא, אַזוי צו זאָגען :

8 היינטיגע נאַכט האָב איך געזעהען אַ מאַן רייטענדיג אויף אַ רויטען
פערד, ווען ער איז געשטאַנען צווישען די מירטהען וואָס אין זומפּ, און

אֲשֶׁ֣ר בַּמְּצֻלָ֑ה וְאַחֲרָיו֙ סוּסִ֣ים אֲדֻמִּ֔ים שְׂרֻקִּ֖ים וּלְבָנִֽים׃
וָאֹמַ֖ר מָה־אֵ֣לֶּה אֲדֹנִ֑י וַיֹּ֣אמֶר אֵלַ֗י הַמַּלְאָךְ֙ הַדֹּבֵ֣ר בִּ֔י אֲנִ֥י 9
אַרְאֶ֖ךָּ מָה־הֵ֥מָּה אֵֽלֶּה׃ וַיַּ֛עַן הָאִ֛ישׁ הָעֹמֵ֥ד בֵּין־הַהֲדַסִּ֖ים י
וַיֹּאמַ֑ר אֵ֚לֶּה אֲשֶׁ֣ר שָׁלַ֣ח יְהוָ֔ה לְהִתְהַלֵּ֖ךְ בָּאָֽרֶץ׃ וַיַּֽעֲנ֞וּ 11
אֶת־מַלְאַ֣ךְ יְהוָ֗ה הָעֹמֵד֙ בֵּ֣ין הַהֲדַסִּ֔ים וַיֹּאמְר֖וּ הִתְהַלַּ֣כְנוּ
בָאָ֑רֶץ וְהִנֵּ֥ה כָל־הָאָ֖רֶץ יֹשֶׁ֥בֶת וְשֹׁקָֽטֶת׃ וַיַּ֣עַן מַלְאַךְ־יְהוָה֮ 12
וַיֹּאמַר֒ יְהוָ֣ה צְבָא֔וֹת עַד־מָתַ֗י אַתָּה֙ לֹֽא־תְרַחֵ֣ם אֶת־
יְרוּשָׁלִַ֔ם וְאֵ֖ת עָרֵ֣י יְהוּדָ֑ה אֲשֶׁ֣ר זָעַ֔מְתָּה זֶ֖ה שִׁבְעִ֥ים שָׁנָֽה׃
וַיַּ֣עַן יְהוָ֗ה אֶת־הַמַּלְאָ֛ךְ הַדֹּבֵ֥ר בִּ֖י דְּבָרִ֣ים טוֹבִ֑ים דְּבָרִ֖ים 13
נִחֻמִֽים׃ וַיֹּ֣אמֶר אֵלַ֗י הַמַּלְאָךְ֙ הַדֹּבֵ֣ר בִּ֔י קְרָ֣א לֵאמֹ֔ר כֹּ֥ה 14
אָמַ֖ר יְהוָ֣ה צְבָא֑וֹת קִנֵּ֧אתִי לִירוּשָׁלִַ֛ם וּלְצִיּ֖וֹן קִנְאָ֥ה גְדוֹלָֽה׃
וְקֶ֤צֶף גָּדוֹל֙ אֲנִ֣י קֹצֵ֔ף עַל־הַגּוֹיִ֖ם הַשַּׁאֲנַנִּ֑ים אֲשֶׁ֤ר אֲנִי֙ קָצַ֣פְתִּי טו
מְּעָ֔ט וְהֵ֖מָּה עָזְר֥וּ לְרָעָֽה׃ לָכֵ֞ן כֹּה־אָמַ֣ר יְהוָ֗ה שַׁ֤בְתִּי 16
לִירוּשָׁלִַ֙ם֙ בְּֽרַחֲמִ֔ים בֵּיתִי֙ יִבָּ֣נֶה בָּ֔הּ נְאֻ֖ם יְהוָ֣ה צְבָא֑וֹת
וְקָוֶ֥ה יִנָּטֶ֖ה עַל־יְרוּשָׁלִָֽם׃ ע֣וֹד ׀ קְרָ֣א לֵאמֹ֗ר כֹּ֤ה אָמַר֙ 17
יְהוָ֣ה צְבָא֔וֹת ע֛וֹד תְּפוּצֶ֥ינָה עָרַ֖י מִטּ֑וֹב וְנִחַ֨ם יְהוָ֥ה עוֹד֙
אֶת־צִיּ֔וֹן וּבָחַ֥ר ע֖וֹד בִּירוּשָׁלִָֽם׃

CAP. II. ב

ב
וָאֶשָּׂ֧א אֶת־עֵינַ֛י וָאֵ֖רֶא וְהִנֵּ֥ה אַרְבַּ֖ע קְרָנֽוֹת׃ וָאֹמַ֗ר אֶל־ א 2
הַמַּלְאָ֛ךְ הַדֹּבֵ֥ר בִּ֖י מָה־אֵ֑לֶּה וַיֹּ֣אמֶר אֵלַ֗י אֵ֤לֶּה הַקְּרָנוֹת֙
אֲשֶׁ֣ר זֵר֣וּ אֶת־יְהוּדָ֔ה אֶת־יִשְׂרָאֵ֖ל וִירוּשָׁלִָֽם׃ וַיַּרְאֵ֣נִי 3
יְהוָ֔ה אַרְבָּעָ֖ה חָרָשִֽׁים׃ וָאֹמַ֕ר מָ֛ה אֵ֥לֶּה בָאִ֖ים לַעֲשׂ֑וֹת 4
וַיֹּ֣אמֶר לֵאמֹ֗ר אֵ֣לֶּה הַקְּרָנ֞וֹת אֲשֶׁר־זֵ֣רוּ אֶת־יְהוּדָ֗ה כְּפִי־
אִישׁ֙ לֹא־נָשָׂ֣א רֹאשׁ֔וֹ וַיָּבֹ֣אוּ אֵ֗לֶּה לְהַחֲרִ֤יד אֹתָם֙ לְיַדּ֞וֹת
אֶת־קַרְנ֣וֹת הַגּוֹיִ֗ם הַנֹּשְׂאִ֥ים קֶ֛רֶן אֶל־אֶ֥רֶץ יְהוּדָ֖ה לְזָרוֹתָֽהּ׃
וָאֶשָּׂ֥א עֵינַ֛י וָאֵ֖רֶא וְהִנֵּה־אִ֑ישׁ וּבְיָד֖וֹ חֶ֥בֶל מִדָּֽה׃ ה
וָאֹמַ֕ר אָ֖נָה אַתָּ֣ה הֹלֵ֑ךְ וַיֹּ֣אמֶר אֵלַ֗י לָמֹד֙ אֶת־יְרוּשָׁלִַ֔ם 6

לראות

א׳ v. 16. וקו׳ קרי

הינטער איהם זיינען געשטאַנען פערד טונקעל־רויטע, העלל־רויטע און
ווייסע.
9 איך האָב געזאָגט: וואָס בעדייטעט דאָס, מיין הערר? האָט דער מלאך
וואָס רעדט צו מיר געזאָגט: „איך וועל דיר ערקלעהרען וואָס דאָס בע־
דייטעט!
10 דאַן האָט געענטפערט דער מאַן וואָס שטעהט צווישען די מירטהען און
געזאָגט: „גאָט האָט זיי געשיקט דורכצוגעהן דאָס לאַנד.”
11 און זיי האָבען געענטפערט גאָט'ס מלאך וואָס שטעהט צווישען די מיר־
טהען און האָבען געזאָגט: „מיר זיינען דורכגעגאַנגען דאָס לאַנד, און
עס איז אינ'ם לאַנד רוהיג איבעראַל”.
12 האָט גאָט'ס מלאך אויסגעשריען און געזאָגט: „גאָט פון ארמעען! ווי
לאַנג נאָך וועסטו זיך ניט ערבאַרעמען איבער ירושלים און די שטעדט פון
יהודה, וועלכע דו האָסט מיט דיין צאָרן בעשטראָפט צייט זיעבציג
יאָהר?”
13 דאַן האָט גאָט געענטפערט דעם מלאך וואָס רעדט מיט מיר מיט גוטע
ווערטער — טרייסט־ווערטער.
14 און דער מלאך וואָס רעדט צו מיר האָט צו מיר געזאָגט: „רוף אויס פאָל־
גענדעס: — אַזוי זאָגט גאָט פון ארמעען: „איך וועל זיך מיט גרויס
אייפער אָננעהמען פאַר ירושלים און ציון,
15 און אויף די רוהיגע פעלקער וועל איך גרויס צאָרן לעגען, ווייל ווי איך
בין עטוואָס צאָרניג געוואָרען האָבען זיי זיך דערמיט בענוצט שלעכטעס
צו טהאָן.”
16 דערפאַר האָט גאָט אַזוי גערעדט: איך קעהר זיך צוריק צו ירושלים,
מיט מיטלייד צו איהר — זאָגט גאָט פון ארמעען — וועט מיין הויז
געבויט ווערען, און אַ מאָס־שנור (פון בויער) וועט פערצויגען זיין איבער
ירושלים.
17 רוף נאָך אויס אַזוי צו זאָגען: אַזוי האָט געזאָגט גאָט פון ארמעען —
מיינע שטעדט וועלען נאָך איבערפלייצט ווערען מיט גוטעס, גאָט וועט
נאָך טרייסטען ציון און אויסערוועהלען ירושלים.

קאַפּיטעל ב

1 און איך האָב אויפגעהויבען מיינע אויגען און דערזעהען פיער הערנער,
2 האָב איך געזאָגט צום מלאך וואָס רעדט מיט מיר: „וואָס בעדייטען
דיעזע?” האָט ער צו מיר געזאָגט: דאָס זיינען די הערנער וועלכע האָ־
בען צושפּרייט יהודה, ישראל און ירושלים.
3 דאַן האָט מיר גאָט געוויזען פיער מייסטערס;
4 האָב איך געפרעגט: „וואָס וועלען זיי טהאָן?” האָט ער מיר פאָל־
גענדעס געענטפערט: ווען די הערנער, וועלכע האָבען צושפּרייט די
איינוואוינער פון יהודה, ביז קיינער האָט געקענט אַ קאָפּ אויפהויבען,
זיינען דיעזע געקומען זיי אונערוואַרטעט צו בעפאַלען אום אַבצוברעכען
די הערנער פון די פעלקער, וואָס הויבען אויף אַ האָרן אויפ'ן לאַנד יהודה
צו צושפּרייטען איהר.
5 אַז איך האָב אויפגעהויבען מיינע אויגען האָב איך דערזעהען אַז עס
שטעהט אַ מאַן און האלט אין האנד אַ מאָס־שנור;
6 איך האָב געזאָגט: „וואו געהסטו?” האָט ער מיר געזאָגט „אויס־
מעסטען ירושלים אום צו זעהען ווי לאַנג און ווי ברייט זי איז.”

7 לִרְאוֹת כַּמָּה־רָחְבָּהּ וְכַמָּה אָרְכָּהּ׃ וְהִנֵּה הַמַּלְאָךְ הַדֹּבֵר
8 בִּי יֹצֵא וּמַלְאָךְ אַחֵר יֹצֵא לִקְרָאתוֹ׃ וַיֹּאמֶר אֵלָו רֻץ
דַּבֵּר אֶל־הַנַּעַר הַלָּז לֵאמֹר פְּרָזוֹת תֵּשֵׁב יְרוּשָׁלִַם מֵרֹב
9 אָדָם וּבְהֵמָה בְּתוֹכָהּ׃ וַאֲנִי אֶהְיֶה־לָּהּ נְאֻם־יְהוָה חוֹמַת
י אֵשׁ סָבִיב וּלְכָבוֹד אֶהְיֶה בְתוֹכָהּ׃ הוֹי הוֹי וְנֻסוּ
מֵאֶרֶץ צָפוֹן נְאֻם־יְהוָה כִּי כְּאַרְבַּע רוּחוֹת הַשָּׁמַיִם
11 פֵּרַשְׂתִּי אֶתְכֶם נְאֻם־יְהוָה׃ הוֹי צִיּוֹן הִמָּלְטִי יוֹשֶׁבֶת
12 בַּת־בָּבֶל׃ כִּי כֹה אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת אַחַר כָּבוֹד
שְׁלָחַנִי אֶל־הַגּוֹיִם הַשֹּׁלְלִים אֶתְכֶם כִּי הַנֹּגֵעַ בָּכֶם נֹגֵעַ
13 בְּבָבַת עֵינוֹ׃ כִּי הִנְנִי מֵנִיף אֶת־יָדִי עֲלֵיהֶם וְהָיוּ שָׁלָל
14 לְעַבְדֵיהֶם וִידַעְתֶּם כִּי־יְהוָה צְבָאוֹת שְׁלָחָנִי׃ רָנִּי
וְשִׂמְחִי בַּת־צִיּוֹן כִּי הִנְנִי־בָא וְשָׁכַנְתִּי בְתוֹכֵךְ נְאֻם־יְהוָה׃
טו וְנִלְווּ גוֹיִם רַבִּים אֶל־יְהוָה בַּיּוֹם הַהוּא וְהָיוּ לִי לְעָם
וְשָׁכַנְתִּי בְתוֹכֵךְ וְיָדַעַתְּ כִּי־יְהוָה צְבָאוֹת שְׁלָחַנִי אֵלָיִךְ׃
16 וְנָחַל יְהוָה אֶת־יְהוּדָה חֶלְקוֹ עַל אַדְמַת הַקֹּדֶשׁ וּבָחַר
17 עוֹד בִּירוּשָׁלִָם׃ הַס כָּל־בָּשָׂר מִפְּנֵי יְהוָה כִּי נֵעוֹר
מִמְּעוֹן קָדְשׁוֹ׃

ג CAP. III. ג

א וַיַּרְאֵנִי אֶת־יְהוֹשֻׁעַ הַכֹּהֵן הַגָּדוֹל עֹמֵד לִפְנֵי מַלְאַךְ יְהוָה
2 וְהַשָּׂטָן עֹמֵד עַל־יְמִינוֹ לְשִׂטְנוֹ׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־הַשָּׂטָן
יִגְעַר יְהוָה בְּךָ הַשָּׂטָן וְיִגְעַר יְהוָה בְּךָ הַבֹּחֵר בִּירוּשָׁלִָם
3 הֲלוֹא זֶה אוּד מֻצָּל מֵאֵשׁ׃ וִיהוֹשֻׁעַ הָיָה לָבֻשׁ בְּגָדִים
4 צוֹאִים וְעֹמֵד לִפְנֵי הַמַּלְאָךְ׃ וַיַּעַן וַיֹּאמֶר אֶל־הָעֹמְדִים
לְפָנָיו לֵאמֹר הָסִירוּ הַבְּגָדִים הַצֹּאִים מֵעָלָיו וַיֹּאמֶר אֵלָיו
ה רְאֵה הֶעֱבַרְתִּי מֵעָלֶיךָ עֲוֺנֶךָ וְהַלְבֵּשׁ אֹתְךָ מַחֲלָצוֹת׃ וָאֹמַר
יָשִׂימוּ צָנִיף טָהוֹר עַל־רֹאשׁוֹ וַיָּשִׂימוּ הַצָּנִיף הַטָּהוֹר עַל־
6 רֹאשׁוֹ וַיַּלְבִּשֻׁהוּ בְּגָדִים וּמַלְאַךְ יְהוָה עֹמֵד׃ וַיָּעַד מַלְאַךְ

יהוה

ב v. 8. אליו קרי v. 10. כ״א בארבע v. 14. הפטרת בהעלתך וגם לשבת וחנכה

7 ווען דער מלאך וואָס רעדט צו מיר איז אַוועק, איז אַן אַנדער מלאך
איהם אַנטקעגען געקומען
8 און געזאָגט צו איהם: לויף, זאָג יענעם אינגעל אַזוי: — ירושלים
וועט בעוואוינט ווערען מיט זעהר אַ גרויסע בעפעלקערונג, עס וועלען
אין איהר זיין פיעל מענשען און פיה.
9 און איך זעלבסט — זאָגט גאָט — וועל איהר דיענען אַלס אַ פייער־
דיגע מויער־וואַנד אַרום און אין איהר וועל איך געעהרט זיין.
10 עס איז אַן אויסגעשריי: „לויפט זיך צוזאַמען פון די צפון־לענדער! —
זאָגט גאָט, ווארום איך האָב אייך ווייט פונאַנדערגעשפּרייט ווי די פיער
זייטען פון הימעל.
11 אַנטלויף, אָה ציון, איינוואוינערין פון די בבל לענדער!
12 ווארום אַזוי האָט געזאָגט גאָט פון אַרמעען: „צוליעב עהרע האָט ער
מיר פונאַנדערגעשפּרייט אונטער די פעלקער וואָס בערויבען אייך יעצט,
ווארום דער וואָס בעריהרט אייך בעריהרט זיין אויג־אַפּפעל.
13 איך וועל אויף זיי מיין האַנד אויפהויבען און זיי וועלען ווערען רויב
פאַר זייערע פערשקלאַפּטע, אום איהר זאָלט וויסען אַז גאָט פון אַרמעען
האָט מיר געשיקט.
14 זינג און זינג פרעהליך, ציון טאָכטער! ווארום איך קום און וועל ביי
דיר וואוינען — זאָגט גאָט.
15 דאַן וועלען זיך פיעל פעלקער אַנשליסען צו גאָט און זיי וועלען מיין
פאָלק ווערען; אָבער איך וועל וואוינען נאָר ביי דיר. זיי וויסען אַז
גאָט פון אַרמעען האָט מיר צו דיר געשיקט.
16 און גאָט האָט געמאַכט יהודה'ן ערבען זיין טהייל אויף דאָס הייליגע
לאַנד און ער האָט ווידער אויסגעקליבען ירושלים.
17 שווייגט אַלע בעשעפעניסען אוים פורכט פאַר גאָט! ווארום ער האָט זיך
ערוואַכט פון זיין הייליגער וואוינונג.

קאַפּיטעל ג

1 ער האָט מיר געוויזען יהושע דעם אָבער־כהן שטעהענדיג פאַר גאָטס מלאך
און דער שטן שטעהט נעבען זיין רעכטע האַנד אום צו פערקלאַגען
איהם.
2 אָבער גאָט האָט געזאָגט צום שטן: גאָט פלוכט דיר, אַ שטן! עס
פלוכט דיר דער גאָט וואָס האָט אויסערוועהלט ירושלים! איז עס ניט
אַ שטיק האָלץ אַרויסגעצויגען פון פייער?
3 יהושע איז געווען געקליידעט אין שמוציגע קליידער ווען ער איז געשטאַ־
נען פאַר דעם מלאך.
4 האָט ער הויך געזאָגט צו אַלעמען וואָס זיינען נעבען איהם געשטאַנען
אַזוי צו זאָגען: „נעהמט פון איהם אַראָב די שמוציגע קליידער!" און
צו איהם האָט ער געזאָגט: „זעה! איך נעהם פון דיר אַראָב דיין זינד
און בעקלייד דיר מיט פיינע קליידער."
5 האָב איך געזאָגט: „זאָל מען אַ ריינעם מיץ אויף זיין קאָפּ אַרויפ־
לעגען!" מען האָט גלייך אַ ריינעם מיץ אויף זיין קאָפּ אַרויפגעלעגט און
אָנגעטהאָן פיינע קליידער, אין געגענוואַרט פון גאָט'ס מלאך.
6 דאַן האָט גאָט'ס מלאך, געוואָרענט יהושע'ן זאָגענדיג:

7 יְהוָה בִּיהוֹשֻׁעַ לֵאמֹר׃ כֹּה־אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת אִם־בִּדְרָכַי
תֵּלֵךְ וְאִם אֶת־מִשְׁמַרְתִּי תִשְׁמֹר וְגַם־אַתָּה תָּדִין אֶת־בֵּיתִי
וְגַם תִּשְׁמֹר אֶת־חֲצֵרָי וְנָתַתִּי לְךָ מַהְלְכִים בֵּין הָעֹמְדִים
8 הָאֵלֶּה׃ שְׁמַע־נָא יְהוֹשֻׁעַ ׀ הַכֹּהֵן הַגָּדוֹל אַתָּה וְרֵעֶיךָ
הַיֹּשְׁבִים לְפָנֶיךָ כִּי־אַנְשֵׁי מוֹפֵת הֵמָּה כִּי־הִנְנִי מֵבִיא אֶת־
9 עַבְדִּי צֶמַח׃ כִּי ׀ הִנֵּה הָאֶבֶן אֲשֶׁר נָתַתִּי לִפְנֵי יְהוֹשֻׁעַ
עַל־אֶבֶן אַחַת שִׁבְעָה עֵינָיִם הִנְנִי מְפַתֵּחַ פִּתֻּחָהּ נְאֻם יְהוָה
י צְבָאוֹת וּמַשְׁתִּי אֶת־עֲוֺן הָאָרֶץ־הַהִיא בְּיוֹם אֶחָד׃ בַּיּוֹם
הַהוּא נְאֻם יְהוָה צְבָאוֹת תִּקְרְאוּ אִישׁ לְרֵעֵהוּ אֶל־תַּחַת
גֶּפֶן וְאֶל־תַּחַת תְּאֵנָה׃

ד CAP. IV. ד

א וַיָּשָׁב הַמַּלְאָךְ הַדֹּבֵר בִּי וַיְעִירֵנִי כְּאִישׁ אֲשֶׁר־יֵעוֹר מִשְּׁנָתוֹ׃
2 וַיֹּאמֶר אֵלַי מָה אַתָּה רֹאֶה וַיֹּאמֶר רָאִיתִי ׀ וְהִנֵּה מְנוֹרַת
זָהָב כֻּלָּהּ וְגֻלָּהּ עַל־רֹאשָׁהּ וְשִׁבְעָה נֵרֹתֶיהָ עָלֶיהָ שִׁבְעָה
3 וְשִׁבְעָה מוּצָקוֹת לַנֵּרוֹת אֲשֶׁר עַל־רֹאשָׁהּ׃ וּשְׁנַיִם זֵיתִים
4 עָלֶיהָ אֶחָד מִימִין הַגֻּלָּה וְאֶחָד עַל־שְׂמֹאלָהּ׃ וָאַעַן וָאֹמַר
ה אֶל־הַמַּלְאָךְ הַדֹּבֵר בִּי לֵאמֹר מָה אֵלֶּה אֲדֹנִי׃ וַיַּעַן הַמַּלְאָךְ
הַדֹּבֵר בִּי וַיֹּאמֶר אֵלַי הֲלוֹא יָדַעְתָּ מָה־הֵמָּה אֵלֶּה וָאֹמַר
6 לֹא אֲדֹנִי׃ וַיַּעַן וַיֹּאמֶר אֵלַי לֵאמֹר זֶה דְּבַר־יְהוָה אֶל־
זְרֻבָּבֶל לֵאמֹר לֹא בְחַיִל וְלֹא בְכֹחַ כִּי אִם־בְּרוּחִי אָמַר
7 יְהוָה צְבָאוֹת׃ מִי־אַתָּה הַר־הַגָּדוֹל לִפְנֵי זְרֻבָּבֶל לְמִישֹׁר
וְהוֹצִיא אֶת־הָאֶבֶן הָרֹאשָׁה תְּשֻׁאוֹת חֵן ׀ חֵן לָהּ׃
8 9 וַיְהִי דְבַר־יְהוָה אֵלַי לֵאמֹר׃ יְדֵי זְרֻבָּבֶל יִסְּדוּ הַבַּיִת הַזֶּה
וְיָדָיו תְּבַצַּעְנָה וְיָדַעְתָּ כִּי־יְהוָה צְבָאוֹת שְׁלָחַנִי אֲלֵיכֶם׃
י כִּי מִי בַז לְיוֹם קְטַנּוֹת וְשָׂמְחוּ וְרָאוּ אֶת־הָאֶבֶן הַבְּדִיל בְּיַד
זְרֻבָּבֶל שִׁבְעָה־אֵלֶּה עֵינֵי יְהוָה הֵמָּה מְשׁוֹטְטִים בְּכָל־
11 הָאָרֶץ׃ וָאַעַן וָאֹמַר אֵלָיו מַה־שְּׁנֵי הַזֵּיתִים הָאֵלֶּה עַל־

ימין

ג׳ v. 10. כצ״ל ד׳ v. 2. ואמר קרי v. 7. עד כאן

7 „אזוי זאָגט גאָט פון ארמעען: אויב דו וועסט געהן אין מיינע וועגען און אבהיטען מיינע בעפעהלע, אויב דו וועסט מיט גערעכטיגקייט ריכטען מיין הויז און בעוואכען מיינע הויפען, וועל איך דיר אַ צוגאַנג געבען צווייטען די וואָס שטעהען דאָ.

8 הער נאָר, יהושע, אָבער־כהן! דו, אויך דיינע פריינד, וועלכע זיצען נעבען דיר, וואָס זיינען וואונדערבאַרע מענשען — איך וועל מיין דיענער לאָזען גרויס אויפוואקסען!

9 אָט דעם שטיין וועלכען איך האָב נעבען יהושע׳ן אַוועקגעלעגט, אָט דיעזען שטיין בעוואַכט מיט זיעבען אויגען! איך זעלבסט — זאָגט גאָט פון ארמעען — וועל אויף איהם אַן אויסקריצונג מאַכען, און איך וועל שנעל אָבשאַפען דאָס פערברעכען פון יענעם לאַנד.

10 יענעם טאָג — זאָגט גאָט פון ארמעען — וועט איהר איינלאדען איינער דעם אנדערן אונטער אַ וויינבוים און אונטער אַ פייגענבוים.

קאַפּיטעל ד

1 און דער מלאך וואָס רעדט צו מיר האָט מיר ווידער ערמונטערט, ווי איינעם וואָס מען וועקט אויף פון שלאָף,

2 און ער האָט צו מיר געזאָגט: „וואָס זעהסטו?” האָב איך געענטפערט: איך האָב געזעהען אַ לאָמפּ אין גאַנצען פון גאָלד, אויבען איז אַ אויל־בעקען און זי האָט זיעבען רעהרען, זיעבען מיט דעם מיטעלסטען, אויף זיעבען געשטעלען פאַר די ליכט אויף די שפּיצען.

3 נעבען איהר שטעהען צוויי אויל־בוימער — איינער פון רעכטען זייט אויל־בעקען און איינער פון לינקען.

4 איך האָב אויסגעשריען און געזאָגט צום מלאך וואָס רעדט מיט מיר: „וואָס בעדייטעט דאָס, מיין הערר?”

5 האָט דער מלאך וואָס רעדט צו מיר געענטפערט און געזאָגט: „ווייסטו דען ניט וואָס דאָס בעדייטעט?” איך האָב געזאָגט: „ניין, מיין הערר!”

6 דאן האָט ער מיר געענטפערט און אַזוי געזאָגט: „דאָס בעדייטעט גאָט׳ס וואָרט צו זרבבל, אַזוי צו זאָגען: „ניט מיט אַן ארמעע און ניט מיט קראַפט, זאָנדערן מיט מיין גייסט.” זאָגט גאָט פון ארמעען.

7 ווער ביזטו, גרויסער באַרג? קעגען זרבבל׳ן ביזטו אַ גלייכער פּלאַץ! קוים האָט ער דעם הויפּטשטיין אַרויסגענומען, האָט ער אַ רוישענדען גליקוואונש דערהערט.

8 און גאָט׳ס וואָרט איז געווען צו מיר זאָגענדיג:

9 זרבבל׳ס הענד האָבען דיעזען טעמפּעל געגרינדעט און זיינע הענד וועלען די אַרבייט אין גאַנצען דורכפיהרען, אום דו זאָלסט וויסען אַז גאָט פון ארמעען האָט מיר געשיקט צו אייך.

10 יעדער וואָס האָט שפּאָס געמאַכט ווען קליינע ארבייט איז געטהאָן געוואָרען, וועט זיך יעצט פרעהען זעהענדיג ווי יעדער שטיין ווערט מיט זינקבליי געמאָסטען פון זרבבל׳ס הענד; (דאן וועלען זיי אנערקענען אז) די זיעבען וואכענדע אויגען גאָט׳ס, שוועבען איבעראַל.

11 איך האָב געענטפערט איהם און געזאָגט: „וואָס בעדייטען די צוויי אויל־בוימער ביים רעכטען און לינקען זייט פון דעם לאָמפּ?”

12 יְמִין הַמְּנוֹרָה וְעַל־שְׂמֹאולָהּ׃ וָאַעַן שֵׁנִית וָאֹמַר אֵלָיו
מַה־שְׁתֵּי שִׁבֲּלֵי הַזֵּיתִים אֲשֶׁר בְּיַד שְׁנֵי צַנְתְּרוֹת הַזָּהָב
13 הַמְרִיקִים מֵעֲלֵיהֶם הַזָּהָב׃ וַיֹּאמֶר אֵלַי לֵאמֹר הֲלוֹא
14 יָדַעְתָּ מָה־אֵלֶּה וָאֹמַר לֹא אֲדֹנִי׃ וַיֹּאמֶר אֵלֶּה שְׁנֵי בְנֵי־
הַיִּצְהָר הָעֹמְדִים עַל־אֲדוֹן כָּל־הָאָרֶץ׃

CAP. V. ה

א 2 וָאָשׁוּב וָאֶשָּׂא עֵינַי וָאֶרְאֶה וְהִנֵּה מְגִלָּה עָפָה׃ וַיֹּאמֶר
אֵלַי מָה אַתָּה רֹאֶה וָאֹמַר אֲנִי רֹאֶה מְגִלָּה עָפָה אָרְכָּהּ
3 עֶשְׂרִים בָּאַמָּה וְרָחְבָּהּ עֶשֶׂר בָּאַמָּה׃ וַיֹּאמֶר אֵלַי זֹאת
הָאָלָה הַיּוֹצֵאת עַל־פְּנֵי כָל־הָאָרֶץ כִּי כָל־הַגֹּנֵב מִזֶּה
4 כָּמוֹהָ נִקָּה וְכָל־הַנִּשְׁבָּע מִזֶּה כָּמוֹהָ נִקָּה׃ הוֹצֵאתִיהָ נְאֻם
יְהוָה צְבָאוֹת וּבָאָה אֶל־בֵּית הַגַּנָּב וְאֶל־בֵּית הַנִּשְׁבָּע בִּשְׁמִי
לַשָּׁקֶר וְלָנֶה בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ וְכִלַּתּוּ וְאֶת־עֵצָיו וְאֶת־אֲבָנָיו׃
ה וַיֵּצֵא הַמַּלְאָךְ הַדֹּבֵר בִּי וַיֹּאמֶר אֵלַי שָׂא נָא עֵינֶיךָ וּרְאֵה
6 מָה הַיּוֹצֵאת הַזֹּאת׃ וָאֹמַר מַה־הִיא וַיֹּאמֶר זֹאת הָאֵיפָה
7 הַיּוֹצֵאת וַיֹּאמֶר זֹאת עֵינָם בְּכָל־הָאָרֶץ׃ וְהִנֵּה כִּכַּר עֹפֶרֶת
8 נִשֵּׂאת וְזֹאת אִשָּׁה אַחַת יוֹשֶׁבֶת בְּתוֹךְ הָאֵיפָה׃ וַיֹּאמֶר
זֹאת הָרִשְׁעָה וַיַּשְׁלֵךְ אֹתָהּ אֶל־תּוֹךְ הָאֵיפָה וַיַּשְׁלֵךְ אֶת־
9 אֶבֶן הָעֹפֶרֶת אֶל־פִּיהָ׃ וָאֶשָּׂא עֵינַי וָאֵרֶא וְהִנֵּה שְׁתַּיִם
נָשִׁים יוֹצְאוֹת וְרוּחַ בְּכַנְפֵיהֶם וְלָהֵנָּה כְנָפַיִם כְּכַנְפֵי הַחֲסִידָה
י וַתִּשֶּׂנָה אֶת־הָאֵיפָה בֵּין הָאָרֶץ וּבֵין הַשָּׁמָיִם׃ וָאֹמַר אֶל־
הַמַּלְאָךְ הַדֹּבֵר בִּי אָנָה הֵמָּה מוֹלִכוֹת אֶת־הָאֵיפָה׃
11 וַיֹּאמֶר אֵלַי לִבְנוֹת־לָה בַיִת בְּאֶרֶץ שִׁנְעָר וְהוּכַן וְהֻנִּיחָה
שָּׁם עַל־מְכֻנָתָהּ׃

CAP. VI. ו

א וָאָשֻׁב וָאֶשָּׂא עֵינַי וָאֶרְאֶה וְהִנֵּה אַרְבַּע מַרְכָּבוֹת יֹצְאוֹת
2 מִבֵּין שְׁנֵי הֶהָרִים וְהֶהָרִים הָרֵי נְחֹשֶׁת׃ בַּמֶּרְכָּבָה הָרִאשֹׁנָה

סוסים

ד׳ v. 11. השׁ רפה ibid. הבי בחטף פתח ה׳ v. 9. חסר א v. 11. ההי רפה

12 איך האָב איהם ווידער געענטפערט און געזאָגט, „וואָס בעדייטען די צוויי אוילבוים צווייגען וואָס נעבען די צוויי גאָלדענע גיסרעהרען, וואָס רייבען ארום דאָס גאָלד פון זיי ?"
13 האָט ער מיר געזאָגט : „פערשטעהסטו ניט וואָס דאָס בעדייטעט ?" איך האָב געענטפערט : „ניין, מיין העדר !"
14 האָט ער געזאָגט : די צוויי אוילבוים צווייגען (בעדייטען) די וואָס האָבען א צוטריט צום הערן דער וועלט.

קאַפּיטעל ה

1 אז איך האָב ווידער מיינע אויגען אויפגעהויבען, האָב איך דערזעהען אַז אַ מגלה פליהט,
2 און ער האָט צו מיר געזאָגט : „וואָס זעהסטו ?" האָב איך געענטפערט : „איך זעה אַ פליהענדע מגלה—צוואַנציג עלען די לענג און צעהן עלען די ברייט."
3 האָט ער צו מיר געזאָגט : דאָס בעדייטעט אַ פלוכשטראָף וואָס שפּרייט זיך פונאנדער איבער'ן גאַנצען לאַנד, צום ביישפּיעל, איינער גנב'ט, קען ער דען נאָך אזא פערברעכען אונבעשטראָפט בלייבען ? אָדער איינער שווערט פאַלש, זאָל ער נאָך אזא פערברעכען אונבעשטראָפט זיין ? !
4 יעצט האָב איך דעם פלוך פריי געלאָזען — זאָגט גאָט פון ארמיען — און עס וועט אריין אין גנב'ס הויז אָדער אינ'ם הויז פון דעם וואָס שווערט פאַלש אין מיין נאָמען, און זאָל עס אויפהאַלטען זיך אין זיין הויז און פערניכטען איהם מיט זיינע האָלץ און שטיינער.
5 דאַן איז דער מלאך וואָס רעדט צו מיר ארויסגעגאַנגען און געזאָגט צו מיר : „הויב נאָר אויף דיינע אויגען און זעה וואָס איז דאָס יעצט ארויס !"
6 האָב איך געזאָגט : „וואָס איז דאָס ?" האָט ער געזאָגט : דאָס, די איפה וואָס געהט ארום, בעדייטעט די אויגען (וואָס שוועבען) איבער'ן גאַנצען לאַנד.
7 און אַט הויבט זיך אין דער לופטען אַ שטיק בליי, און דאָרט זיצט אַ פרוי אין איפה.
8 דאַן האָט ער געזאָגט : דאָס איז דאָס שלעכטס, מען האָט איהר אין איפה אריינגעוואָרפען און פערשטאָפּט דעם מויל מיט אַ בליי־שטיין.
9 איך האָב ווידער אויפגעהויבען מיינע אויגען און דערזעהען צוויי פרויען געהען ארום אין ווינד מיט זייערע פליגעל (זייערע פליגעל ווייזען אויס ווי פליגעל פון אַ שטאָרך) און זיי האָבען אויפגעהויבען די איפה צווישען ערד און הימעל.
10 האָב איך געזאָגט צום מלאך וואָס רעדט מיט מיר : „וואו טראָגען זיי די איפה ?"
11 האָט ער מיר געזאָגט : זיי ווילען פאַר איהר אַ הויז בויען אינ'ם לאַנד שנער, אַלץ איז שוין צוגעגרייט דאָרט, מען דאַרף עס נאָר ריכטיג צו־זאַמענשטעלען.

קאַפּיטעל ו

1 אַז איך האָב ווידער אויפגעהויבען מיינע אויגען האָב איך דערזעהען אַז פיער וועגען געהען ארויס פון צווישען צוויי בערג — די בערג זיינען קופּערנע.

סוּסִים אֲדֻמִּים וּבַמֶּרְכָּבָה הַשֵּׁנִית סוּסִים שְׁחֹרִים׃
וּבַמֶּרְכָּבָה הַשְּׁלִשִׁית סוּסִים לְבָנִים וּבַמֶּרְכָּבָה הָרְבִעִית 3
סוּסִים בְּרֻדִּים אֲמֻצִּים׃ וָאַעַן וָאֹמַר אֶל־הַמַּלְאָךְ הַדֹּבֵר 4
בִּי מָה־אֵלֶּה אֲדֹנִי׃ וַיַּעַן הַמַּלְאָךְ וַיֹּאמֶר אֵלָי אֵלֶּה אַרְבַּע ה
רֻחוֹת הַשָּׁמַיִם יוֹצְאוֹת מֵהִתְיַצֵּב עַל־אֲדוֹן כָּל־הָאָרֶץ׃
אֲשֶׁר־בָּהּ הַסּוּסִים הַשְּׁחֹרִים יֹצְאִים אֶל־אֶרֶץ צָפוֹן 6
וְהַלְּבָנִים יָצְאוּ אֶל־אַחֲרֵיהֶם וְהַבְּרֻדִּים יָצְאוּ אֶל־אֶרֶץ
הַתֵּימָן׃ וְהָאֲמֻצִּים יָצְאוּ וַיְבַקְשׁוּ לָלֶכֶת לְהִתְהַלֵּךְ בָּאָרֶץ 7
וַיֹּאמֶר לְכוּ הִתְהַלְּכוּ בָאָרֶץ וַתִּתְהַלַּכְנָה בָּאָרֶץ׃ וַיַּזְעֵק 8
אֹתִי וַיְדַבֵּר אֵלַי לֵאמֹר רְאֵה הַיּוֹצְאִים אֶל־אֶרֶץ צָפוֹן הֵנִיחוּ
אֶת־רוּחִי בְּאֶרֶץ צָפוֹן׃ וַיְהִי דְבַר־יְהוָה אֵלַי לֵאמֹר׃ 9
לָקוֹחַ מֵאֵת הַגּוֹלָה מֵחֶלְדַּי מֵאֵת טוֹבִיָּה וּמֵאֵת יְדַעְיָה י
וּבָאתָ אַתָּה בַּיּוֹם הַהוּא וּבָאתָ בֵּית יֹאשִׁיָּה בֶן־צְפַנְיָה
אֲשֶׁר־בָּאוּ מִבָּבֶל׃ וְלָקַחְתָּ כֶסֶף־וְזָהָב וְעָשִׂיתָ עֲטָרוֹת 11
וְשַׂמְתָּ בְּרֹאשׁ יְהוֹשֻׁעַ בֶּן־יְהוֹצָדָק הַכֹּהֵן הַגָּדוֹל׃ וְאָמַרְתָּ 12
אֵלָיו לֵאמֹר כֹּה אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת לֵאמֹר הִנֵּה־אִישׁ צֶמַח
שְׁמוֹ וּמִתַּחְתָּיו יִצְמָח וּבָנָה אֶת־הֵיכַל יְהוָה׃ וְהוּא יִבְנֶה 13
אֶת־הֵיכַל יְהוָה וְהוּא־יִשָּׂא הוֹד וְיָשַׁב וּמָשַׁל עַל־כִּסְאוֹ וְהָיָה
כֹהֵן עַל־כִּסְאוֹ וַעֲצַת שָׁלוֹם תִּהְיֶה בֵּין שְׁנֵיהֶם׃ וְהָעֲטָרֹת 14
תִּהְיֶה לְחֵלֶם וּלְטוֹבִיָּה וְלִידַעְיָה וּלְחֵן בֶּן־צְפַנְיָה לְזִכָּרוֹן
בְּהֵיכַל יְהוָה׃ וּרְחוֹקִים ׀ יָבֹאוּ וּבָנוּ בְּהֵיכַל יְהוָה וִידַעְתֶּם טו
כִּי־יְהוָה צְבָאוֹת שְׁלָחַנִי אֲלֵיכֶם וְהָיָה אִם־שָׁמוֹעַ תִּשְׁמְעוּן
בְּקוֹל יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם׃

ז CAP. VII. ז

וַיְהִי בִּשְׁנַת אַרְבַּע לְדָרְיָוֶשׁ הַמֶּלֶךְ הָיָה דְבַר־יְהוָה אֶל־ א
זְכַרְיָה בְּאַרְבָּעָה לַחֹדֶשׁ הַתְּשִׁעִי בְּכִסְלֵו׃ וַיִּשְׁלַח בֵּית־ 2
אֵל שַׂרְאֶצֶר וְרֶגֶם מֶלֶךְ וַאֲנָשָׁיו לְחַלּוֹת אֶת־פְּנֵי יְהוָה׃

לאמר

ו v. 7. סבירין ויאמרו   v. 12. קמץ בז״ק   ז v. 1. כצ״ל

2 אין ערשטען וואגען זיינען איינגעשפאנט רויטע פערד אין צווייטען וואַ־
גען — שוואַרצע פערד.

3 אין דריטען וואגען — ווייסע ווערד, אין פיערטען וואגען — אש־פאַרביגע
פערד און מיט פלעקען.

4 איך האָב אויסגעשריען און געזאָגט צום מלאך וואָס רעדט מיט מיר:
„וואָס בעדייטען דיעזע, מיין העדר?"

5 האָט מיר דער מלאך געענטפערט און געזאָגט: „דאָס קומען זיך צוזאמען
די פיער זייטען פון הימעל, וועלכע זיינען (צום געריכט) געשטאַנען פיר
דעם הערין פון דער גאנצער וועלט,

6 (דער וואגען) אין וועלכען עס זיינען איינגעשפאנט די שווארצע פערד
געהט אין צפון־לאנד און די ווייסע געהען זיי נאָך, די געפלעקטע געהען
צום דרום־לאַנד,

7 און די אַש־פאַרביגע זיינען אַוועק, זיי האָט זיך געוואָלט אוועק געהן און
דורכצוגעהן דאָס לאנד, האָט ער זיי געזאָגט: „געהט אייך איבער'ן
לאנד!" און זיי זיינען אַוועק איבער'ן לאנד.

8 דאן האָט ער צו מיר הויך געשריען און גערעדט צו מיר זאָגענדיג: בע־
טראַכט! די וואָס זיינען אַוועק אין צפון־לאנד האָבען מיר צופריעדען
געשטעלט אין צפון־לאַנד.

9 און גאָט'ס וואָרט איז געוועזן צו מיר אַזוי צו זאָגען:

10 נעהם פון די אויסגעוואנדערטע — פון חלדי, טוביה און ידעיה, [דעם
זעלבינען טאָג זאָלסטו געהן און קומען אינ'ם הויז פון יאשיה צפניה'ס
זוהן] וואָס זיינען געקומען פון בבל,

11 און נעהם זילבער און גאָלד און מאך קרוינען, דו זאָלסט איינע פון זיי
ארויפלעגען אויפ'ן קאָפּ פון יהושע, יהוצדק'ס זוהן, דעם אָבער־כהן,

12 און זאָלסט צו איהם אַזוי זאָגען: אַזוי זאָגט גאָט פון ארמעען — דער
מאַן וועמען מען רופט צמח וועט פון זיך זעלבסט אויפוואַקסען און וועט
בויען גאָט'ס טעמפעל.

13 אַז ער וועט גאָט'ס טעמפעל בויען וועט ער אַזאַ גלאַנץ בעזיצען אַז ער
וועט אויפ'ן טראָהן זיצען און רעגיערען און דער כהן וועט זיך אויף
זיין שטוהל זיין, צווישען זיי וועט אימער אַ פריעדען־ראַטה זיין.

14 די איבריגע קרוינען זאָלען זיין פאר חלם, טוביה, ידעיה און חן, צפניה'ס
זוהן, אלס אנדענקונג אין גאָט'ס הויז.

15 זאָגאר פון ווייטע לענדער וועט מען קומען און בויען גאָט'ס טעמפעל,
אום איהר זאָלט וויסען אַז גאָט פון ארמעען האָט מיר געשיקט צו אייך.
דאָס אלץ וועט זיין אויב איהר וועט הערען און געהאָרכען די שטימע פון
עוויגען, אייער גאָט.

קאַפּיטעל ז

1 אין פיערטען יאָהר פון קעניג דריוש איז גאָט'ס וואָרט געוועזן צו זכריה'ן,
אין פיערטען טאָג פון ניינטען מאָנאַט כסלו,

2 דאן האָט מען געשיקט אין גאָט'ס הויז שראצר, רגם־מלך מיט אייניגע
מענשען גאָט צו בעטען.

3 לֵאמֹר אֶל־הַכֹּהֲנִים אֲשֶׁר לְבֵית־יְהוָה צְבָאוֹת וְאֶל־הַנְּבִיאִים
לֵאמֹר הַאֶבְכֶּה בַּחֹדֶשׁ הַחֲמִשִׁי הִנָּזֵר כַּאֲשֶׁר עָשִׂיתִי זֶה
4 כַּמֶּה שָׁנִים׃ וַיְהִי דְּבַר־יְהוָה צְבָאוֹת אֵלַי לֵאמֹר׃
ה אֱמֹר אֶל־כָּל־עַם הָאָרֶץ וְאֶל־הַכֹּהֲנִים לֵאמֹר כִּי־צַמְתֶּם
וְסָפוֹד בַּחֲמִישִׁי וּבַשְּׁבִיעִי וְזֶה שִׁבְעִים שָׁנָה הֲצוֹם צַמְתֻּנִי
6 אָנִי׃ וְכִי תֹאכְלוּ וְכִי תִשְׁתּוּ הֲלוֹא אַתֶּם הָאֹכְלִים וְאַתֶּם
7 הַשֹּׁתִים׃ הֲלוֹא אֶת־הַדְּבָרִים אֲשֶׁר קָרָא יְהוָה בְּיַד
הַנְּבִיאִים הָרִאשֹׁנִים בִּהְיוֹת יְרוּשָׁלַםִ יֹשֶׁבֶת וּשְׁלֵוָה וְעָרֶיהָ
8 סְבִיבֹתֶיהָ וְהַנֶּגֶב וְהַשְּׁפֵלָה יֹשֵׁב׃ וַיְהִי דְּבַר־יְהוָה
9 אֶל־זְכַרְיָה לֵאמֹר׃ כֹּה אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת לֵאמֹר מִשְׁפַּט
י אֱמֶת שְׁפֹטוּ וְחֶסֶד וְרַחֲמִים עֲשׂוּ אִישׁ אֶת־אָחִיו׃ וְאַלְמָנָה
וְיָתוֹם גֵּר וְעָנִי אַל־תַּעֲשֹׁקוּ וְרָעַת אִישׁ אָחִיו אַל־תַּחְשְׁבוּ
11 בִּלְבַבְכֶם׃ וַיְמָאֲנוּ לְהַקְשִׁיב וַיִּתְּנוּ כָתֵף סֹרָרֶת וְאָזְנֵיהֶם
12 הִכְבִּידוּ מִשְּׁמוֹעַ׃ וְלִבָּם שָׂמוּ שָׁמִיר מִשְּׁמוֹעַ אֶת־הַתּוֹרָה
וְאֶת־הַדְּבָרִים אֲשֶׁר שָׁלַח יְהוָה צְבָאוֹת בְּרוּחוֹ בְּיַד
הַנְּבִיאִים הָרִאשֹׁנִים וַיְהִי קֶצֶף גָּדוֹל מֵאֵת יְהוָה צְבָאוֹת׃
13 וַיְהִי כַאֲשֶׁר־קָרָא וְלֹא שָׁמֵעוּ כֵּן יִקְרְאוּ וְלֹא אֶשְׁמָע אָמַר
14 יְהוָה צְבָאוֹת׃ וְאֵסָעֲרֵם עַל כָּל־הַגּוֹיִם אֲשֶׁר לֹא־יְדָעוּם
וְהָאָרֶץ נָשַׁמָּה אַחֲרֵיהֶם מֵעֹבֵר וּמִשָּׁב וַיָּשִׂימוּ אֶרֶץ
חֶמְדָּה לְשַׁמָּה׃

Cap. VIII. ח

ח

א 2 וַיְהִי דְּבַר־יְהוָה צְבָאוֹת לֵאמֹר׃ כֹּה אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת
קִנֵּאתִי לְצִיּוֹן קִנְאָה גְדוֹלָה וְחֵמָה גְדוֹלָה קִנֵּאתִי לָהּ׃
3 כֹּה אָמַר יְהוָה שַׁבְתִּי אֶל־צִיּוֹן וְשָׁכַנְתִּי בְּתוֹךְ יְרוּשָׁלָםִ
וְנִקְרְאָה יְרוּשָׁלַםִ עִיר הָאֱמֶת וְהַר־יְהוָה צְבָאוֹת הַר
4 הַקֹּדֶשׁ׃ כֹּה אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת עֹד יֵשְׁבוּ זְקֵנִים
וּזְקֵנוֹת בִּרְחֹבוֹת יְרוּשָׁלָםִ וְאִישׁ מִשְׁעַנְתּוֹ בְּיָדוֹ מֵרֹב יָמִים׃

ורחבות

ז v. 13. קמץ בז״ק

3 צו זאָגען צו די כהנים וואָס אין גאָט׳ס הויז און צו די נביאים אַזוי צו זאָגען : „זאָל איך טרויערן אין פינפטען מאָנאַט און פון אַלץ צוריקציהען זיך ווי איך האָב געטהאָן שוין פיעלע יאָהרען ?”

4 דאַן איז דאָס וואָרט פון גאָט פון ארמעען געווען צו מיר אַזוי צו זאָגען :

5 זאָג צו דעם גאַנצען פאָלק פון לאַנד אויך צו די כהנים, פאָלגענדעס : אַז איהר האָט געפאַסט און געקלאַגט אין פינפטען מאָנאַט און אין זיעבעטען אין פערלויף פון זיעבציג יאָהר, האָט איהר דען צוליעב מיר געפאַסט ?

6 און ווען איהר עסט און טרינקט, זייט איהר זעלבסט ניט די עסער און טרינקער ?

7 זיינען דאָס ניט די ווערטער וואָס גאָט האָט אויסגערופען דורך די ערשטע נביאים, ווען ירושלים איז רוהיג בעזעצט געווען, אויך איהרע שטעדט ארום איהר, ווען אויך דער דרום־זייט און ניעדער לאַנד זיינען בעזעצט געווען ?

8 און גאָט׳ס וואָרט איז געווען צו זכריה׳ן אַזוי צו זאָגען :

9 אַזוי זאָגט גאָט פון ארמעען — ריכטעט מיט גערעכטיגקייט, טהוט גנאַדע און בארעמהערציגקייט איינער מיט דעם צווייטען.

10 אַן אַלמנה אָדער א יתום, אַ פרעמדלינג אָדער אַן ארימאַן זאָלט איהר ניט בעדרויבען ; קיינער פון אייך זאָל אויפ׳ן צווייטען קיין שלעכטס טראַגען אין האַרצען.

11 זיי האָבען אָבער ניט געוואָלט הערען, זיי האָבען אָבגעקעהרט דעם שולטער און פערשטאָפּט זייערע אויערן אום ניט צו הערען.

12 אויך זייער האַרץ האָבען זיי האַרט געמאַכט ווי שטיין אום ניט צו הערען די לעהרע און די רייד וועלכע גאָט פון ארמעען האָט מיט זיין ווילען געשיקט דורך די פריהערדיגע נביאים ; דערפאַר איז גרויס געווען דער צאָרן פון גאָט פון ארמעען.

13 דער רעזולטאַט איז געווען — אַז גאָט פון ארמעען האָט געזאָגט : „אַזוי ווי ווען איך האָב גערופען האָבען זיי ניט געהערט, אַזוי וועל איך ניט הערען ווען זיי וועלען רופען.”

14 איך האָב זיי מיט אַ שטורם פערוואָרפען אונטער אַלע פעלקער פון וועלכע זיי האָבען ניט געוואוסט, און דאָס לאַנד איז נאָך זיי געבליבען לעדיג פון דורכרייזענדע ; זיי האָבען אַ ליעבליכעס לאַנד צו וויסט געמאַכט.

קאַפּיטעל ח

1 דאָס וואָרט פון גאָט פון ארמעען איז געווען אַזוי צו זאָגען :

2 אַזוי זאָגט פון ארמעען — איך נעהם זיך אַן פאַר ציון מיט גרויס אייפער, און מיט גרויס צאָרן נעהם איך זיך אָן פאַר איהר.

3 אַזוי זאָגט גאָט : איך קעהר זיך צו ציון און וועל וואוינען אין ירושלים, דאַן וועט זיך ירושלים רופען די שטאָדט פון וואהרהייט, און דער באַרג פון גאָט פון ארמעען — דער הייליגער באַרג.

4 אַזוי זאָגט גאָט פון ארמעען : עס וועלען נאָך זיצען אַלטע מענער און אַלטע פרויען אין די ברייטע גאַסען פון ירושלים, יעדער פון זיי וועט האַלטען זיין שטעקען אין האַנד פון גרויס עלטער.

וּרְחֹב֤וֹת הָעִיר֙ יִמָּ֣לְא֔וּ יְלָדִ֖ים וִֽילָד֑וֹת מְשַׂחֲקִ֖ים בִּרְחֹבֹתֶֽיהָ׃ ח
6 כֹּ֣ה אָמַר֮ יְהוָ֣ה צְבָאוֹת֒ כִּ֚י יִפָּלֵא֙ בְּעֵינֵי֙ שְׁאֵרִית֙
הָעָ֣ם הַזֶּ֔ה בַּיָּמִ֖ים הָהֵ֑ם גַּם־בְּעֵינַי֙ יִפָּלֵ֔א נְאֻ֖ם יְהוָ֥ה צְבָאֽוֹת׃
7 כֹּ֤ה אָמַר֙ יְהוָ֣ה צְבָא֔וֹת הִנְנִ֥י מוֹשִׁ֛יעַ אֶת־עַמִּ֖י מֵאֶ֣רֶץ
8 מִזְרָ֑ח וּמֵאֶ֖רֶץ מְב֥וֹא הַשָּֽׁמֶשׁ׃ וְהֵבֵאתִ֣י אֹתָ֔ם וְשָׁכְנ֖וּ בְּת֣וֹךְ
יְרוּשָׁלִָ֑ם וְהָֽיוּ־לִ֣י לְעָ֗ם וַאֲנִ֗י אֶהְיֶ֤ה לָהֶם֙ לֵֽאלֹהִ֔ים בֶּאֱמֶ֖ת
9 וּבִצְדָקָֽה׃ כֹּֽה־אָמַר֮ יְהוָ֣ה צְבָאוֹת֒ תֶּחֱזַ֣קְנָה יְדֵיכֶ֔ם
הַשֹּׁמְעִים֙ בַּיָּמִ֣ים הָאֵ֔לֶּה אֵ֚ת הַדְּבָרִ֣ים הָאֵ֔לֶּה מִפִּי֙ הַנְּבִיאִ֔ים
י אֲשֶׁ֗ר בְּי֨וֹם יֻסַּ֧ד בֵּית־יְהוָ֛ה צְבָא֖וֹת הַֽהֵיכָ֥ל לְהִבָּנֽוֹת׃ כִּ֗י
לִפְנֵי֙ הַיָּמִ֣ים הָהֵ֔ם שְׂכַ֤ר הָאָדָם֙ לֹ֣א נִֽהְיָ֔ה וּשְׂכַ֥ר הַבְּהֵמָ֖ה
אֵינֶ֑נָּה וְלַיּוֹצֵ֨א וְלַבָּ֤א אֵין־שָׁלוֹם֙ מִן־הַצָּ֔ר וַאֲשַׁלַּ֥ח אֶת־כָּל־
11 הָאָדָ֖ם אִ֥ישׁ בְּרֵעֵֽהוּ׃ וְעַתָּ֗ה לֹ֣א כַיָּמִ֤ים הָרִאשֹׁנִים֙ אֲנִ֔י
12 לִשְׁאֵרִ֖ית הָעָ֣ם הַזֶּ֑ה נְאֻ֖ם יְהוָ֥ה צְבָאֽוֹת׃ כִּי־זֶ֣רַע הַשָּׁל֗וֹם
הַגֶּ֜פֶן תִּתֵּ֤ן פִּרְיָהּ֙ וְהָאָ֙רֶץ֙ תִּתֵּ֣ן אֶת־יְבוּלָ֔הּ וְהַשָּׁמַ֖יִם יִתְּנ֣וּ
טַלָּ֑ם וְהִנְחַלְתִּ֗י אֶת־שְׁאֵרִ֛ית הָעָ֥ם הַזֶּ֖ה אֶת־כָּל־אֵֽלֶּה׃
13 וְהָיָ֡ה כַּאֲשֶׁר֩ הֱיִיתֶ֨ם קְלָלָ֜ה בַּגּוֹיִ֗ם בֵּ֤ית יְהוּדָה֙ וּבֵ֣ית
יִשְׂרָאֵ֔ל כֵּ֚ן אוֹשִׁ֣יעַ אֶתְכֶ֔ם וִהְיִיתֶ֖ם בְּרָכָ֑ה אַל־תִּירָ֖אוּ
14 תֶּחֱזַ֥קְנָה יְדֵיכֶֽם׃ כִּ֣י כֹ֣ה אָמַר֮ יְהוָ֣ה צְבָאוֹת֒ כַּאֲשֶׁ֨ר
זָמַ֜מְתִּי לְהָרַ֣ע לָכֶ֗ם בְּהַקְצִ֤יף אֲבֹֽתֵיכֶם֙ אֹתִ֔י אָמַ֖ר יְהוָ֣ה
טו צְבָא֑וֹת וְלֹ֖א נִחָֽמְתִּי׃ כֵּ֣ן שַׁ֤בְתִּי זָמַ֙מְתִּי֙ בַּיָּמִ֣ים הָאֵ֔לֶּה
16 לְהֵיטִ֥יב אֶת־יְרוּשָׁלִַ֖ם וְאֶת־בֵּ֣ית יְהוּדָ֑ה אַל־תִּירָֽאוּ׃ אֵ֥לֶּה
הַדְּבָרִ֖ים אֲשֶׁ֣ר תַּעֲשׂ֑וּ דַּבְּר֤וּ אֱמֶת֙ אִ֣ישׁ אֶת־רֵעֵ֔הוּ אֱמֶת֙
17 וּמִשְׁפַּ֣ט שָׁל֔וֹם שִׁפְט֖וּ בְּשַׁעֲרֵיכֶֽם׃ וְאִ֣ישׁ ׀ אֶת־רָעַ֣ת רֵעֵ֗הוּ
אַֽל־תַּחְשְׁבוּ֙ בִּלְבַ֣בְכֶ֔ם וּשְׁבֻ֥עַת שֶׁ֖קֶר אַל־תֶּאֱהָ֑בוּ כִּ֧י אֶת־
18 כָּל־אֵ֛לֶּה אֲשֶׁ֥ר שָׂנֵ֖אתִי נְאֻם־יְהוָֽה׃ וַיְהִ֥י דְּבַר־יְהוָ֛ה
19 צְבָא֖וֹת אֵלַ֥י לֵאמֹֽר׃ כֹּֽה־אָמַ֞ר יְהוָ֣ה צְבָא֗וֹת צ֣וֹם הָרְבִיעִ֡י
וְצ֣וֹם הַחֲמִישִׁי֩ וְצ֨וֹם הַשְּׁבִיעִ֜י וְצ֣וֹם הָעֲשִׂירִ֗י יִהְיֶ֧ה לְבֵית־
יְהוּדָ֛ה לְשָׂשׂ֥וֹן וּלְשִׂמְחָ֖ה וּֽלְמֹעֲדִ֣ים טוֹבִ֑ים וְהָאֱמֶ֖ת וְהַשָּׁל֥וֹם

אהבו

5 די גאַסען פון שטאָדט וועלען פול זיין מיט קליינע אינגלאך און קליינע מיידלאך וואָס וועלען זיך שפּיעלען אין איהרע ברייטע גאַסען.

6 אַזוי זאָגט גאָט פון אַרמעען: אַזוי ווי דאָ וועט אַ וואונדער זיין אין די אויגען פון די איבערגעבליבענע פון פאָלק אין יענער צייט. אַזוי וועט דאָס פאַר מיר אויך אַ וואונדער זיין — זאָגט גאָט פון אַרמעען.

7 אַזוי זאָגט גאָט פון אַרמעען: איך וועל רעטען מיין פאָלק פון די מזרח־לענדער און די לענדער וואו די זונן געהט אונטער.

8 איך וועל זיי צוזאַמענברענגען און זיי וועלען וואוינען אין ירושלים — זיי וועלען זיין מיין פאָלק מיט וואהרהייט, און איך וועל זיין זייער גאָט מיט טוגענד.

9 אַזוי זאָגט גאָט פון אַרמעען: עס וועלען שטאַרק ווערען אייערע הענד ווען איהר וועט דאַמאַלס הערען דיעזע ווערטער פון די נביאים, אין דעם טאָג וואָס מען וועט דעם גרונדשטיין לעגען פון דאָס הויז פון'ם גאָט פון אַרמעען, אום דעם טעמפעל צו בויען.

10 ווארום פאַר יענער צייט האָט דער מענש קיין פערדיענסט געהאַט, אויך האָט מען פאַר פיה קיין לוין בעקומען, עס איז פון פיינד קיין פריעדען געוועזען פאַר דעם אַרויסגעהער און אריינגעהער, און איך האָב אַלע מענ־שען אָנגערייצט איינעם אויף דעם אַנדערן.

11 יעצט בין איך צו די איבריגע פון דיעזען פאָלק ניט ווי איך בין צו זיי אַ מאָל געוועזען.

12 קוים איז פערזעעהט פריעדען וועט דער וויינבוים געבען פרוכט, די ערד וועט איהרע געוויקסע געבען און דער הימעל וועט זיין טהוי געבען; דאָס אַלץ וועל איך אַלס ערבטהייל געבען צו די איבערגעבליבענע פון דיעזען פאָלק.

13 ווען דאָס וועט געשעהען, איז אַזוי ווי איהר הויז פון ישראל זייט געוועזען אַ פלוך אונטער די פעלקער, אַזוי וועל איך אייך העלפען און איהר וועט זיין אַ בענשונג; שרעקט זיך ניט און זאָלען אייערע הענד שטאַרק זיין.

14 ווארום אַזוי זאָגט גאָט פון אַרמעען: אַזוי ווי איך האָב געדענקט אייך שלעכטס צו טהאָן, ווייל אייערע עלטערן האָבען מיר ערצאָרנט — זאָגט גאָט פון אַרמעען — און האָב עס ניט בעדויערט,

15 אַזוי האָב איך זיך צוריק בעדענקט אין די טעג גוטס צו טהאָן מיט ירושלים און דאָס הויז יהודה, אַלזאָ שרעקט זיך ניט!

16 אָט וואָס איהר האָט צו טהאָן: רעדט די וואהרהייט איינער מיט דעם צווייטען, מיט וואַהרהייט און פריעדענגעריכט ריכטעט אין אייערע שטעדט.

17 קיינער זאָל אויף דעם צווייטען שלעכטס טראַכטען אין האַרצען, ליעבט ניט פאַלש שווערען, ווארום דאָס אַלץ האָב איך פיינד — זאָגט גאָט.

18 און דאָס וואָרט פון גאָט פון אַרמעען איז געוועזען צו מיר אַזוי צו זאָגען:

19 אַזוי זאָגט גאָט פון אַרמעען — דער פאַסט־טאָג פון פיערטען מאָנאַט, דער פאַסט־טאָג פון פינפטען מאָנאַט און דער פאַסט־טאָג פון צעהנטען מאָנאַט וועלען ווערען פאַר דאָס הויז יהודה טעג פון פרעהליכקייט און פריידע און גוטע צייטען; איהר ליעבט נאָר וואהרהייט און פריעדען!

כ אֲהֵבוּ׃ כֹּה אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת עֹד אֲשֶׁר יָבֹאוּ עַמִּים
21 וְיֹשְׁבֵי עָרִים רַבּוֹת׃ וְהָלְכוּ יֹשְׁבֵי אַחַת אֶל־אַחַת לֵאמֹר
נֵלְכָה הָלוֹךְ לְחַלּוֹת אֶת־פְּנֵי יְהוָה וּלְבַקֵּשׁ אֶת־יְהוָה צְבָאוֹת
22 אֵלְכָה גַּם־אָנִי׃ וּבָאוּ עַמִּים רַבִּים וְגוֹיִם עֲצוּמִים לְבַקֵּשׁ
אֶת־יְהוָה צְבָאוֹת בִּירוּשָׁלָםִ וּלְחַלּוֹת אֶת־פְּנֵי יְהוָה׃
23 כֹּה־אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת בַּיָּמִים הָהֵמָּה אֲשֶׁר יַחֲזִיקוּ עֲשָׂרָה
אֲנָשִׁים מִכֹּל לְשֹׁנוֹת הַגּוֹיִם וְהֶחֱזִיקוּ בִּכְנַף אִישׁ יְהוּדִי
לֵאמֹר נֵלְכָה עִמָּכֶם כִּי שָׁמַעְנוּ אֱלֹהִים עִמָּכֶם׃

CAP. IX. ט

ט

א מַשָּׂא דְבַר־יְהוָה בְּאֶרֶץ חַדְרָךְ וְדַמֶּשֶׂק מְנֻחָתוֹ כִּי לַיהוָה
2 עֵין אָדָם וְכֹל שִׁבְטֵי יִשְׂרָאֵל׃ וְגַם־חֲמָת תִּגְבָּל־בָּהּ צֹר
3 וְצִידוֹן כִּי חָכְמָה מְאֹד׃ וַתִּבֶן צֹר מָצוֹר לָהּ וַתִּצְבָּר־כֶּסֶף
4 כֶּעָפָר וְחָרוּץ כְּטִיט חוּצוֹת׃ הִנֵּה אֲדֹנָי יוֹרִשֶׁנָּה וְהִכָּה
ה בַיָּם חֵילָהּ וְהִיא בָּאֵשׁ תֵּאָכֵל׃ תֵּרֶא אַשְׁקְלוֹן וְתִירָא וְעַזָּה
וְתָחִיל מְאֹד וְעֶקְרוֹן כִּי־הֹבִישׁ מֶבָּטָהּ וְאָבַד מֶלֶךְ מֵעַזָּה
6 וְאַשְׁקְלוֹן לֹא תֵשֵׁב׃ וְיָשַׁב מַמְזֵר בְּאַשְׁדּוֹד וְהִכְרַתִּי גְּאוֹן
7 פְּלִשְׁתִּים׃ וַהֲסִרֹתִי דָמָיו מִפִּיו וְשִׁקֻּצָיו מִבֵּין שִׁנָּיו וְנִשְׁאַר
גַּם־הוּא לֵאלֹהֵינוּ וְהָיָה כְּאַלֻּף בִּיהוּדָה וְעֶקְרוֹן כִּיבוּסִי׃
8 וְחָנִיתִי לְבֵיתִי מִצָּבָה מֵעֹבֵר וּמִשָּׁב וְלֹא־יַעֲבֹר עֲלֵיהֶם עוֹד
9 נֹגֵשׂ כִּי־עַתָּה רָאִיתִי בְעֵינָי׃ גִּילִי מְאֹד בַּת־צִיּוֹן
הָרִיעִי בַּת־יְרוּשָׁלַםִ הִנֵּה מַלְכֵּךְ יָבוֹא לָךְ צַדִּיק וְנוֹשָׁע
י הוּא עָנִי וְרֹכֵב עַל־חֲמוֹר וְעַל־עַיִר בֶּן־אֲתֹנוֹת׃ וְהִכְרַתִּי־
רֶכֶב מֵאֶפְרַיִם וְסוּס מִירוּשָׁלַםִ וְנִכְרְתָה קֶשֶׁת מִלְחָמָה
וְדִבֶּר שָׁלוֹם לַגּוֹיִם וּמָשְׁלוֹ מִיָּם עַד־יָם וּמִנָּהָר עַד־אַפְסֵי־
11 אָרֶץ׃ גַּם־אַתְּ | בְּדַם בְּרִיתֵךְ שִׁלַּחְתִּי אֲסִירַיִךְ מִבּוֹר אֵין
12 מַיִם בּוֹ׃ שׁוּבוּ לְבִצָּרוֹן אֲסִירֵי הַתִּקְוָה גַּם־הַיּוֹם מַגִּיד
13 מִשְׁנֶה אָשִׁיב לָךְ׃ כִּי־דָרַכְתִּי לִי יְהוּדָה קֶשֶׁת מִלֵּאתִי

אפרים

ט v. 8. ה׳ כמקום א. v. 9. מלרע ibid.

20 אַזוי זאָגט גאָט פון אַרמעען : עס וועט נאָך קומען אַ צייט וואָס פעלקער
וועלען קומען און איינוואוינער פון פיעלע שטעדט,
21 און איינוואוינער פון איין שטאָדט וועלען געהן אין דער אַנדער שטאָדט
זאָגענדיג : קומט, לאָמיר געהן בעטען דעם עוויגען און זוכען דעם גאָט
פון אַרמעען, איך געה אויך !
22 און גרויסע פעלקער, און מעכטיגע נאַציאָנען וועלען קומען אין ירושלים
זוכען גאָט פון אַרמעען און בעטען דעם עוויגען.
23 אַזוי זאָגט גאָט פון אַרמעען : אין יענע צייטען וועלען זיך צוזאַמענגעה־
מען צעהן מענשען פון אַלע שפּראַכען און פעלקער, זיי וועלען אָננעהמען
אַ מאַן פון יהודה ביים ברעג קלייד און זאָגען : „מיר געהען מיט אייך,
ווארום מיר האָבען געהערט אַז גאָט איז מיט אייך.“

קאַפּיטעל ט

1 אַ פאַרטראָג — גאָט'ס וואָרט אינ'ם לאַנד חדרך און דמשק, זיין רוהע־
אָרט : אַזוי ווי צו גאָט איז די אויג פון יעדען איינציגען מענשען, אַזוי
איז אויך צו אַלע שטאַמען ישראל'ס.
2 אויך חמת וואָס גרענצט זיך מיט איהר, צר אויך צידון, וועלכע איז
זעהר קלוג.
3 צור האָט זיך אַ פעסטונג געבויט, זי האָט אָנגעזאַמעלט זילבער ווי זאַמד
און גוטעס גאָלד — ווי לעהם פון די גאַסען.
4 גאָט אָבער וועט איהר פעראָריכען — איהר פערמעגען אויפ'ן ים וועט
ער צושלאָגען, און וואָס זי האָט אויף דער ערד וועט אין פייער פער־
ברענט ווערען.
5 אשקלון וועט עס זעהען און וועט זיך שרעקען, עזה וועט פערציטערט
ווערען, אויך עקרון וואָס איהר אויסקוק האָט איהר צו שאַנדע גע־
מאַכט ; עס וועט אונטערגעהן די קעניגרייך עזה און אשקלון וועט ניט
מעהר בעזעצט ווערען.
6 אין אשדוד וועלען וואוינען אַלע אויסוואורפען און דעם שטאָלץ פון
פלשתים וועל איך אויסראָטען.
7 איך וועל אַרויסנעהמען זיינע בלוט־אָפּפער פון זיין מויל און זיינע העס־
ליכקייטען פון זיינע צייהנער, ער וועט אויך בלייבען ביי אונזער גאָט
און וועט זיין ווי אַ פירסט אין יהודה, עקרון וועט זיין ווי יבוסי.
8 איך וועל בעוואַכען מיין הויז פון יעדער אַרמעע און פון פערשידענע וואַנ־
דערער, קיין בעדריקער וועט זיי ניט פערבייגעהן, איך וועל שוין גוט
קוקען מיט מיינע אויגען.
9 זיי זעהר פרעהליך, ציון'ס־טאָכטער ! יובעל, ירושלים'ס־טאָכטער ! אָט
קומט דיין קעניג צו דיר, גערעכט און זיעגרייך איז ער, בעשיידען און
רייט אויף אַן עזעל אָדער אַן יונגען עזעל־קינד.
10 איך וועל אויסראָטען וועגען פון אפרים און פערד פון ירושלים, עס וועט
ניט מעהר עקזיסטירען דער קריעגס בויגען ; ער וועט איינפיהרען
פריעדען אונטער די פעלקער, זיין הערשונג וועט זיין פון ים ביז ים,
און פון טייך ביז עק וועלט.
11 אויך דיינע געבונדענע שיק איך אַרויס פונ'ם גרוב אין וועלכען עס איז
קיין וואַסער, צוליעב דיין בלוט־פערבינדונג.
12 קעהרט זיך צום פעסטונג, איהר מיט האָפנונג פערבונדענע, היינט וועל
איך דיר אַ דאָפּעלטע נאַכריכט ברענגען.
13 דו, יהודה, האָסט פאַר מיר דעם בויגען געטראָגען, אפרים האָט עס מיט

אֶפְרַיִם וְעוֹרַרְתִּי בָנַיִךְ צִיּוֹן עַל־בָּנַיִךְ יָוָן וְשַׂמְתִּיךְ כְּחֶרֶב
14 גִּבּוֹר׃ וַיהוָה עֲלֵיהֶם יֵרָאֶה וְיָצָא כַבָּרָק חִצּוֹ וַאדֹנָי יְהוִה
טו בַּשּׁוֹפָר יִתְקָע וְהָלַךְ בְּסַעֲרוֹת תֵּימָן׃ יְהוָה צְבָאוֹת יָגֵן
עֲלֵיהֶם וְאָכְלוּ וְכָבְשׁוּ אַבְנֵי־קֶלַע וְשָׁתוּ הָמוּ כְּמוֹ־יָיִן
16 וּמָלְאוּ כַּמִּזְרָק כְּזָוִיּוֹת מִזְבֵּחַ׃ וְהוֹשִׁיעָם יְהוָה אֱלֹהֵיהֶם
בַּיּוֹם הַהוּא כְּצֹאן עַמּוֹ כִּי אַבְנֵי־נֵזֶר מִתְנוֹסְסוֹת עַל־
17 אַדְמָתוֹ׃ כִּי מַה־טּוּבוֹ וּמַה־יָּפְיוֹ דָּגָן בַּחוּרִים וְתִירוֹשׁ
יְנוֹבֵב בְּתֻלוֹת׃

י CAP. X. י

א שַׁאֲלוּ מֵיְהוָה מָטָר בְּעֵת מַלְקוֹשׁ יְהוָה עֹשֶׂה חֲזִיזִים
2 וּמְטַר־גֶּשֶׁם יִתֵּן לָהֶם לְאִישׁ עֵשֶׂב בַּשָּׂדֶה׃ כִּי הַתְּרָפִים
דִּבְּרוּ־אָוֶן וְהַקּוֹסְמִים חָזוּ שֶׁקֶר וַחֲלֹמוֹת הַשָּׁוְא יְדַבֵּרוּ
הֶבֶל יְנַחֵמוּן עַל־כֵּן נָסְעוּ כְמוֹ־צֹאן יַעֲנוּ כִּי־אֵין רֹעֶה׃
3 עַל־הָרֹעִים חָרָה אַפִּי וְעַל־הָעַתּוּדִים אֶפְקוֹד כִּי־פָקַד יְהוָה
צְבָאוֹת אֶת־עֶדְרוֹ אֶת־בֵּית יְהוּדָה וְשָׂם אוֹתָם כְּסוּס הוֹדוֹ
4 בַּמִּלְחָמָה׃ מִמֶּנּוּ פִנָּה מִמֶּנּוּ יָתֵד מִמֶּנּוּ קֶשֶׁת מִלְחָמָה
ה מִמֶּנּוּ יֵצֵא כָל־נוֹגֵשׂ יַחְדָּו׃ וְהָיוּ כְגִבֹּרִים בּוֹסִים בְּטִיט
חוּצוֹת בַּמִּלְחָמָה וְנִלְחֲמוּ כִּי יְהוָה עִמָּם וְהֹבִישׁוּ רֹכְבֵי
6 סוּסִים׃ וְגִבַּרְתִּי ׀ אֶת־בֵּית יְהוּדָה וְאֶת־בֵּית יוֹסֵף אוֹשִׁיעַ
וְהוֹשְׁבוֹתִים כִּי רִחַמְתִּים וְהָיוּ כַּאֲשֶׁר לֹא־זְנַחְתִּים כִּי
7 אֲנִי יְהוָה אֱלֹהֵיהֶם וְאֶעֱנֵם׃ וְהָיוּ כְגִבּוֹר אֶפְרַיִם וְשָׂמַח
לִבָּם כְּמוֹ־יָיִן וּבְנֵיהֶם יִרְאוּ וְשָׂמֵחוּ יָגֵל לִבָּם בַּיהוָה׃
8 אֶשְׁרְקָה לָהֶם וַאֲקַבְּצֵם כִּי פְדִיתִים וְרָבוּ כְּמוֹ רָבוּ׃
9 וְאֶזְרָעֵם בָּעַמִּים וּבַמֶּרְחַקִּים יִזְכְּרוּנִי וְחָיוּ אֶת־בְּנֵיהֶם
י וָשָׁבוּ׃ וַהֲשֵׁבוֹתִים מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם וּמֵאַשּׁוּר אֲקַבְּצֵם וְאֶל־
11 אֶרֶץ גִּלְעָד וּלְבָנוֹן אֲבִיאֵם וְלֹא יִמָּצֵא לָהֶם׃ וְעָבַר בַּיָּם
צָרָה וְהִכָּה בַיָּם גַּלִּים וְהֹבִישׁוּ כֹּל מְצוּלוֹת יְאֹר וְהוּרַד

גאון

ט׳ v. 14. קמץ בז״ק

פײלען פול געמאַכט ; דו, ציון, האָסט דײנע זיהן אױפגערײצט אױף
יון׳ס זיהן — דערפאַר װעל איך דיר קראַפט געבען װי אַ שװערד אין
האַנד פון אַ העלד.
14 גאָט װעט צו זײ ערשײנען, זײן פײל װעט געהן מיט די שנעלקײט פון
אַ בליץ ; אױך װעט גאָט אין אַ שופר בלאָזען און אַ שטורעם־שטימע װעט
ביז תימן געהן.
15 גאָט פון אַרמעען װעט זײער שוץ זײן, דאַן װעלען זײ עסען און שלינגען
די שלײדער שטײנער, אין טומעל װעלען זײ (זײער בלוט) טרינקען װי
װײן, זײ װעלען פול װערען װי די בעקענס בײ די װינקלען פון מזבח.
16 יענעם טאָג װעט זײ גאָט העלפען אַלס זײן ליעבלינג פאָלק, װי עדעל־
שטײנער װעלען זײ זיך אױסצײכענען אין זײן לאַנד.
17 װי שעהן און פײן װעט עס זײן ! די יונגע לײט װעלען װי קאָרן בליהען
און װי װײנטרױבען — די יונגע מײדלאַך.

קאַפּיטעל י

1 בעט בײ גאָט רעגען אין רעגען צײט — גאָט מאַכט בליצען און גיט
גוס־רעגען, צו יעדערן — גראָז אין פעלד.
2 די אָראַקעל־בילדער רעדען פאַלש און די צױבערער זאָגען ליגען, אױך
די טרױמען רעדען נאַרישקײט — זײער טרױסט איז נישט װערטה ;
דערפאַר אירען זײ אַרום װי שעפּסען, זײ װערען געדריקט װײל זײ האָבען
קײן פיהרער.
3 אױף די פיהרער ברענט מײן צאָרן און די בעק װעל איך שטראָפען, װאָ־
רום גאָט פון אַרמעען עראײנערט זײן הערדע, דאָס הױז יהודה, ער
װעט זײ שטאַרק מאַכען װי אַ פּראַכט־פערד אין קריעג.
4 פון איהם שטאַמט דער װינקעלשטײן, פון איהם שטאַמט דער נאַגעל, פון
איהם שטאַמט דער קריעגס־בױגען — פון איהם װעלען שטאַמען אַלע
אַנפיהרער.
5 זײערע העלדען װעלען אין קריעג טרעטען (איבער קערפּער) װי אױף
דעם לעהם פון גאַס, זײ װעלען די קריעג אָנפיהרען, װאָרום גאָט איז מיט
זײ, די פערד־רײטער װעלען צו שאַנדע װערען.
6 דאָס הױז יהודה װעל איך שטאַרקען און דאָס הױז יוסף — העלפען ;
איך װעל זײ צוריק ברענגען װײל איך ערבאַרעם זיך איבער זײ, זײ װעלען
זײן װי איך װאָלט זײ ניעמאַלס פערלאָזען — איך, עװיגער, בין זײער
גאָט, איך װעל זײ ענטפערען.
7 אפרים װעט אַ קריעגס־העלד זײן, זײ װעלען פרעהליך זײן װי פון װײן ;
זײערע קינדער װעלען עס זעהען און פרעהליך זײן — זײער האַרץ װעט
זיך פרעהען מיט גאָט.
8 איך װעל צו זײ אַ פײף טהאָן און װעל זײ צונױפקלײבען, איך האָב זײ
שױן פרײ געמאַכט, זאָלען זײ זיך יעצט פיעל פערמעהרען.
9 זאָגאַר װען איך האָב זײ אונטער די פעלקער צושפּרײט װעלען זײ מיר
אין די װײטע לענדער דערמאָהנען, און װעלען זײערע קינדער ערציעהען
אַז זײ זאָלען קענען צוריק געהן.
10 אַזױ װי איך האָב זײ אַרױסגעבראַכט פון מצרים אַזױ װעל איך אַרױס־
קלײבען פון אשור, איך װעל זײ ברענגען צו די פּראָװינצען פון גלעד און
לבנון. עס װעט אָבער ניט גענוג זײן פאַר זײ.
11 ער װעט אַריבער דעם ענגען ים, ער װעט אין ים אַזעלכע װעלען שלאָ־
גען אַז אַלע טיעפעניסען פון טײך װעלען זיך שעהמען, אשור׳ס שטאָלץ

12 גְּאוֹן אַשּׁוּר וְשֵׁבֶט מִצְרַיִם יָסוּר׃ וְגִבַּרְתִּים בַּיהוָה וּבִשְׁמוֹ
יִתְהַלָּכוּ נְאֻם יְהוָה׃

CAP. XI. יא

יא

2 א פְּתַח לְבָנוֹן דְּלָתֶיךָ וְתֹאכַל אֵשׁ בַּאֲרָזֶיךָ׃ הֵילֵל בְּרוֹשׁ
כִּי־נָפַל אֶרֶז אֲשֶׁר אַדִּרִים שֻׁדָּדוּ הֵילִילוּ אַלּוֹנֵי בָשָׁן כִּי
3 יָרַד יַעַר הַבָּצוֹר׃ קוֹל יִלְלַת הָרֹעִים כִּי שֻׁדְּדָה אַדַּרְתָּם
4 קוֹל שַׁאֲגַת כְּפִירִים כִּי שֻׁדַּד גְּאוֹן הַיַּרְדֵּן׃ כֹּה אָמַר
ה יְהוָה אֱלֹהָי רְעֵה אֶת־צֹאן הַהֲרֵגָה׃ אֲשֶׁר קֹנֵיהֶן יַהַרְגֻן
וְלֹא יֶאְשָׁמוּ וּמֹכְרֵיהֶן יֹאמַר בָּרוּךְ יְהוָה וַאעְשִׁר וְרֹעֵיהֶם
6 לֹא יַחְמוֹל עֲלֵיהֶן׃ כִּי לֹא אֶחְמוֹל עוֹד עַל־יֹשְׁבֵי הָאָרֶץ
נְאֻם־יְהוָה וְהִנֵּה אָנֹכִי מַמְצִיא אֶת־הָאָדָם אִישׁ בְּיַד־רֵעֵהוּ
7 וּבְיַד מַלְכּוֹ וְכִתְּתוּ אֶת־הָאָרֶץ וְלֹא אַצִּיל מִיָּדָם׃ וָאֶרְעֶה
אֶת־צֹאן הַהֲרֵגָה לָכֵן עֲנִיֵּי הַצֹּאן וָאֶקַּח־לִי שְׁנֵי מַקְלוֹת
לְאַחַד קָרָאתִי נֹעַם וּלְאַחַד קָרָאתִי חֹבְלִים וָאֶרְעֶה אֶת־
8 הַצֹּאן׃ וָאַכְחִד אֶת־שְׁלֹשֶׁת הָרֹעִים בְּיֶרַח אֶחָד וַתִּקְצַר
9 נַפְשִׁי בָּהֶם וְגַם־נַפְשָׁם בָּחֲלָה בִי׃ וָאֹמַר לֹא אֶרְעֶה
אֶתְכֶם הַמֵּתָה תָמוּת וְהַנִּכְחֶדֶת תִּכָּחֵד וְהַנִּשְׁאָרוֹת תֹּאכַלְנָה
י אִשָּׁה אֶת־בְּשַׂר רְעוּתָהּ׃ וָאֶקַּח אֶת־מַקְלִי אֶת־נֹעַם וָאֶגְדַּע
אֹתוֹ לְהָפֵיר אֶת־בְּרִיתִי אֲשֶׁר כָּרַתִּי אֶת־כָּל־הָעַמִּים׃
11 וַתֻּפַר בַּיּוֹם הַהוּא וַיֵּדְעוּ כֵן עֲנִיֵּי הַצֹּאן הַשֹּׁמְרִים אֹתִי כִּי
12 דְבַר־יְהוָה הוּא׃ וָאֹמַר אֲלֵיהֶם אִם־טוֹב בְּעֵינֵיכֶם הָבוּ
שְׂכָרִי וְאִם־לֹא ׀ חֲדָלוּ וַיִּשְׁקְלוּ אֶת־שְׂכָרִי שְׁלֹשִׁים כָּסֶף׃
13 וַיֹּאמֶר יְהוָה אֵלַי הַשְׁלִיכֵהוּ אֶל־הַיּוֹצֵר אֶדֶר הַיְקָר אֲשֶׁר
יָקַרְתִּי מֵעֲלֵיהֶם וָאֶקְחָה שְׁלֹשִׁים הַכֶּסֶף וָאַשְׁלִיךְ אֹתוֹ
14 בֵּית יְהוָה אֶל־הַיּוֹצֵר׃ וָאֶגְדַּע אֶת־מַקְלִי הַשֵּׁנִי אֵת
הַחֹבְלִים לְהָפֵר אֶת־הָאַחֲוָה בֵּין יְהוּדָה וּבֵין יִשְׂרָאֵל׃
טו 16 וַיֹּאמֶר יְהוָה אֵלָי עוֹד קַח־לְךָ כְּלִי רֹעֶה אֱוִלִי׃ כִּי הִנֵּה

אנכי

י״א v. 2. הבציר קרי v. 5. קמץ בז״ק ibid. הא׳ נחה

וועט ערניעדערט ווערען און מצרים׳ס הערשאַפט וועט אָבגעשאַפט ווערען.
12 זייער שטאַרקייט וועט זיין אין גאָט, וויל זיי וועלען געהן נאָך זיין נאָמען —זאָגט גאָט.

קאַפּיטעל יא

1 עפען, לבנון, דיינע טהירען אום אַ פייער זאָל דיינע צעדערן פער־ברענען!
2 קלאָג ציפּרעס־בוים, ווארום דער צעדער איז שוין געפאַלען און די מעכ־טיגע בוקס־בוימער צובראָכען; קלאָגט אייכען פון בשן — דער בוימענ־האַקער איז שוין אין וואַלד אַוועק.
3 די הירטען קלאָגען מיט אַ שטימע ווארום זייער ווייד־פּלאַץ איז צוגראָ־בען, די יונגע לייבען שרייען הויך, וויל עס איז פערניכטעט דער שטאָלץ פונ׳ם ירדן.
4 אַזוי האָט גאָט געזאָגט: פיטער די אונגליקליכע שעפּסען,
5 וואָס זייערע אייגענטהימער ערשלאָגען זיי אין פיהלען זיך ניט שולדיג, און די וואָס פערקויפען זיי זאָגען: „געלויבט איז גאָט איך ווער רייך!” אויך זייערע הירטען האָבען קיין מיטלייד מיט זיי.
6 איך וועל שוין מעהר קיין מיטלייד האָבען מיט די איינוואוינער פונ׳ם לאַנד — זאָגט גאָט — איך וועל איבערגעבען די מענשען איינעם אין האַנד פון צווייטען אָדער אינ׳ם האַנד פון קעניג זיי וועלען אונטער־ברענגען דאָס לאַנד און מען וועט עס פון זיי זעלבסט ניט קענען רעטען.
7 איך זעלבסט וועל אויפּפּאַסען אויף די אונגליקליכע שאָף, די ווירקליך גע־דריקטע שאָף; איך וועל מיר נעהמען צוויי שטעקענס — איינעם רוף איך „נעם”, דעם אַנדערן „חבלים”, מיט זיי וועל איך די שעפּסען פיטערן.
8 די דריי הירטען וועל איך אין איין מאָנאַט אָבשאַפען, איך קען זיי מעהר ניט ליידען און עס עקעלט מיר פון זיי.
9 און אַ מאָל בעשליס איך: איך וועל אייך ניט פיטערן! די שוואַכע זאָל שטאַרבען, די קראַנקע זאָל אונטערגעהן און די איבריגע זאָלען זיך עסען איינע די אַנדערע.
10 דאַן האָב איך גענומען מיין שטעקען „נעם” און האָב איהם צושניטען, אום צו ברעכען מיין בונד וואָס איך האָב געשלאָסען מיט אַלע פעלקער.
11 און נאָך יענעם טאָג איז עס געבראָכען געוואָרען, דאַן האָבען די אָרימע שעפּסען וואָס היטען מיין בעפעהל ריכטיג געוואוסט אַז דאָס איז גאָט׳ס וואָרט.
12 אַז איך האָב זיי געזאָגט: „אויב איהר ווילט צאָהלט מיר מיין לוין און אויב ניט הערט אויף”, האָבען זיי מיר מיין לוין געגעבען — דרייסיג זילבערשטיק..
13 אָבער גאָט האָט צו מיר געזאָגט: „וואַרף אַוועק דעם טהייערן פּרעזענט מיט וועלכען דו ביזט פון זיי פּרעזענטירט געוואָרען צום מייסטער!” האָב איך גענומען די דרייסיג זילבער־שטיקער און האָב עס אַריינגעוואָר־פען אין גאָט׳ס הויז, צום מייסטער.
14 דאַן האָב איך צושניטען מיין צווייטען שטעקען דעם „חבלים”, אום צו צוברעכען די ברודערשאַפט צווישען יהודה און ישראל.
15 און גאָט האָט צו מיר געזאָגט: „שאַף זיך איין נאָך אַ מאָל געצייג פון אַ ניט געניטען הירט!
16 ווארום איך וועל אינ׳ם לאַנד אַזאַ הירט אַנשטעלען וועלכען עס וועט ניט

אָנֹכִי מֵקִים רֹעֶה בָּאָרֶץ הַנִּכְחָדוֹת לֹא־יִפְקֹד הַנַּעַר לֹא־
יְבַקֵּשׁ וְהַנִּשְׁבֶּרֶת לֹא יְרַפֵּא הַנִּצָּבָה לֹא יְכַלְכֵּל וּבְשַׂר
17 הַבְּרִיאָה יֹאכַל וּפַרְסֵיהֶן יְפָרֵק׃ הוֹי רֹעִי הָאֱלִיל עֹזְבִי
הַצֹּאן חֶרֶב עַל־זְרוֹעוֹ וְעַל־עֵין יְמִינוֹ זְרֹעוֹ יָבוֹשׁ תִּיבָשׁ וְעֵין
יְמִינוֹ כָּהֹה תִכְהֶה׃

Cap. XII. יב

א מַשָּׂא דְבַר־יְהוָה עַל־יִשְׂרָאֵל נְאֻם־יְהוָה נֹטֶה שָׁמַיִם וְיֹסֵד
2 אֶרֶץ וְיֹצֵר רוּחַ־אָדָם בְּקִרְבּוֹ׃ הִנֵּה אָנֹכִי שָׂם אֶת־יְרוּשָׁלַםִ
סַף־רַעַל לְכָל־הָעַמִּים סָבִיב וְגַם עַל־יְהוּדָה יִהְיֶה בַמָּצוֹר
3 עַל־יְרוּשָׁלָםִ׃ וְהָיָה בַיּוֹם־הַהוּא אָשִׂים אֶת־יְרוּשָׁלַםִ אֶבֶן
מַעֲמָסָה לְכָל־הָעַמִּים כָּל־עֹמְסֶיהָ שָׂרוֹט יִשָּׂרֵטוּ וְנֶאֶסְפוּ
4 עָלֶיהָ כֹּל גּוֹיֵי הָאָרֶץ׃ בַּיּוֹם הַהוּא נְאֻם־יְהוָה אַכֶּה כָל־
סוּס בַּתִּמָּהוֹן וְרֹכְבוֹ בַּשִּׁגָּעוֹן וְעַל־בֵּית יְהוּדָה אֶפְקַח אֶת־
ה עֵינַי וְכֹל סוּס הָעַמִּים אַכֶּה בַּעִוָּרוֹן׃ וְאָמְרוּ אַלֻּפֵי יְהוּדָה
בְּלִבָּם אַמְצָה לִי יֹשְׁבֵי יְרוּשָׁלַםִ בַּיהוָה צְבָאוֹת אֱלֹהֵיהֶם׃
6 בַּיּוֹם הַהוּא אָשִׂים אֶת־אַלֻּפֵי יְהוּדָה כְּכִיּוֹר אֵשׁ בְּעֵצִים
וּכְלַפִּיד אֵשׁ בְּעָמִיר וְאָכְלוּ עַל־יָמִין וְעַל־שְׂמֹאול אֶת־
כָּל־הָעַמִּים סָבִיב וְיָשְׁבָה יְרוּשָׁלַםִ עוֹד תַּחְתֶּיהָ בִּירוּשָׁלָםִ׃
7 וְהוֹשִׁיעַ יְהוָה אֶת־אָהֳלֵי יְהוּדָה בָּרִאשֹׁנָה לְמַעַן לֹא־תִגְדַּל
תִּפְאֶרֶת בֵּית־דָּוִיד וְתִפְאֶרֶת יֹשֵׁב יְרוּשָׁלַםִ עַל־יְהוּדָה׃
8 בַּיּוֹם הַהוּא יָגֵן יְהוָה בְּעַד יוֹשֵׁב יְרוּשָׁלַםִ וְהָיָה הַנִּכְשָׁל
בָּהֶם בַּיּוֹם הַהוּא כְּדָוִיד וּבֵית דָּוִיד כֵּאלֹהִים כְּמַלְאַךְ
9 יְהוָה לִפְנֵיהֶם׃ וְהָיָה בַּיּוֹם הַהוּא אֲבַקֵּשׁ לְהַשְׁמִיד אֶת־
י כָּל־הַגּוֹיִם הַבָּאִים עַל־יְרוּשָׁלָםִ׃ וְשָׁפַכְתִּי עַל־בֵּית
דָּוִיד וְעַל ׀ יוֹשֵׁב יְרוּשָׁלַםִ רוּחַ חֵן וְתַחֲנוּנִים וְהִבִּיטוּ אֵלַי
אֵת אֲשֶׁר־דָּקָרוּ וְסָפְדוּ עָלָיו כְּמִסְפֵּד עַל־הַיָּחִיד וְהָמֵר
11 עָלָיו כְּהָמֵר עַל־הַבְּכוֹר׃ בַּיּוֹם הַהוּא יִגְדַּל הַמִּסְפֵּד

בירושלם

יא v. 17. קמץ בחיק יב v. 1. קמץ בחיק v. 6. יתיר ה

אַארען פאַר די שוואַכע, די יונגע וועט ער ניט בעזוכען און די קראַנקע
— ניט היילען, די געזונדע וועט ער ניט געבען עסען און די פעטע וועט
ער אויפעסען זאָגאַר זייערע קלויען צוקייען.
17 אַה, דו ניכטסווירדיגער הירט! דו פערנאַכלעסיגסט די שעפסען! אַ
שווערד וועט זיין ארעם צוברעכען און אויסשטעכען זיין רעכטע אויג —
זיין ארעם וועט אויסדאַרען און זיין רעכטע אויג וועט בלינד ווערען.

קאַפּיטעל יב

1 אַ פאַרטראַג. גאָט'ס וואָרט וועגען ישראל. דאָס זאָגט גאָט וואָס האָט
אויסגעשפּרייט דעם הימעל, געגרינדעט די ערד און בעשאַפען דעם מענ־
שען מיט אַ גייסט אין איהם:
2 איך וועל ירושלים מאַכען אַלס אַ גיפט גלאַז פאַר אַלע פעלקער ארום,
אויך פאַר די לייטע פון יהודה וועלכע וועלען העלפען בעלאַגערן ירושלים.
3 דאַמאַלס וועל איך מאַכען ירושלים אַלס אַ לאַסט־שטיין פאַר אַלע פעל־
קער — ווער עס וועט איהם וועלען אויפהויבען וועט זיך זיין פלייש צור־
שניידען, זאָגאַר ווען עס וועלען זיך נעבען איהר פערזאַמלען אַלע פעלקער
פון'ם לאַנד.
4 אין יענער צייט — זאָגט גאָט — וועל איך שלאָגען יעדער פערד מיט
ערשטוינונג און יעדער רייטער — מיט וואַהנזין; נאָר אויף דאָס הויז
יהודה וועל איך מיינע אויגען עפענען, די פערד פון אַלע אַנדערע פעל־
קער וועל איך מיט בלינדקייט שלאָגען.
5 דאַן וועלען יהודה'ס פירסטען טראַכטען אין האַרצען: „איך וועל מיר
שטאַרק האַלטען אין דעם גאָט פון ארמעען — דער גאָט פון די בעוואוינער
פון ירושלים.
6 דאַמאַלס וועל איך די פירסטען פון יהודה מאַכען ווי אַ קיכפייער פאַר
האָלץ אָדער ווי אַ ברענענדען פאַקעל פאַר טרוקענע גאַרבען — זיי וועלען
פערניכטען אַלע פעלקער פון ארום רעכטס און לינקס; ירושלים אָבער
וועט אויף איהר אָרט שטעהן.
7 צוערשט וועט גאָט העלפען יהודה'ס געצעלטען, אום דער פראַכט פון
דוד'ס הויז און דער פראַכט פון די איינוואוינער פון ירושלים זאָל ניט
איבערשטייגען דעם פראַכט פון גאַנץ יהודה.
8 אין יענער זעלביגער צייט וועט גאָט זעלבסט בעשיצען די איינוואוינער
פון ירושלים, דער שוואַכסטער פון זיי וועט דאַמאַלס אַזוי ווי דוד שטאַרק
זיין, און דאָס הויז דוד'ס — ווי די שטאַרקסטע העלדען, ווארום אַ
מלאך פון גאָט געהט זיי פאָראויס.
9 אין יענער צייט וועל איך זוכען צו פערניכטען אַלע פעלקער וואָס קומען
בעלאַגערן ירושלים.
10 איך וועל אויסגיסען אויף דוד'ס הויז און אויף אַלע איינוואוינער פון
ירושלים אַ ליעבליכען און טרייסטפולען גייסט, זיי וועלען זיך שולדיג
ערקלעהרען פאַר מיר אויב זיי האָבען יעמאַנד מיט אַ שווערד געשטאָכען,
זיי וועלען איהם בעקלאָגען ווי מען בעקלאָגט אַן איין־איינציגען, זיי
וועלען אויף איהם ביטערליך וויינען ווי מען וויינט אויף אַן ערשטלינג.
11 עס וועט דאַמאַלס אַ גרויסע קלאָג זיין אין ירושלים ווי דער קלאָג פון
הדרמון אינ'ם טהאל מגדון.

12 בִּירוּשָׁלִָם כְּמִסְפַּד הֲדַדְרִמּוֹן בְּבִקְעַת מְגִדּוֹן׃ וְסָפְדָה
הָאָרֶץ מִשְׁפָּחוֹת מִשְׁפָּחוֹת לְבָד מִשְׁפַּחַת בֵּית־דָּוִיד
לְבָד וּנְשֵׁיהֶם לְבָד מִשְׁפַּחַת בֵּית־נָתָן לְבָד וּנְשֵׁיהֶם לְבָד׃
13 מִשְׁפַּחַת בֵּית־לֵוִי לְבָד וּנְשֵׁיהֶם לְבָד מִשְׁפַּחַת הַשִּׁמְעִי
14 לְבָד וּנְשֵׁיהֶם לְבָד׃ כֹּל הַמִּשְׁפָּחוֹת הַנִּשְׁאָרוֹת מִשְׁפָּחֹת
מִשְׁפָּחֹת לְבָד וּנְשֵׁיהֶם לְבָד׃

CAP. XIII. יג

א בַּיּוֹם הַהוּא יִהְיֶה מָקוֹר נִפְתָּח לְבֵית דָּוִיד וּלְיֹשְׁבֵי יְרוּשָׁלִָם
2 לְחַטַּאת וּלְנִדָּה׃ וְהָיָה בַיּוֹם הַהוּא נְאֻם ׀ יְהוָה צְבָאוֹת
אַכְרִית אֶת־שְׁמוֹת הָעֲצַבִּים מִן־הָאָרֶץ וְלֹא יִזָּכְרוּ עוֹד
וְגַם אֶת־הַנְּבִיאִים וְאֶת־רוּחַ הַטֻּמְאָה אַעֲבִיר מִן־הָאָרֶץ׃
3 וְהָיָה כִּי־יִנָּבֵא אִישׁ עוֹד וְאָמְרוּ אֵלָיו אָבִיו וְאִמּוֹ יֹלְדָיו
לֹא תִחְיֶה כִּי שֶׁקֶר דִּבַּרְתָּ בְּשֵׁם יְהוָה וּדְקָרֻהוּ אָבִיהוּ
4 וְאִמּוֹ יֹלְדָיו בְּהִנָּבְאוֹ׃ וְהָיָה ׀ בַּיּוֹם הַהוּא יֵבֹשׁוּ הַנְּבִיאִים
אִישׁ מֵחֶזְיֹנוֹ בְּהִנָּבְאֹתוֹ וְלֹא יִלְבְּשׁוּ אַדֶּרֶת שֵׂעָר לְמַעַן
ה כַּחֵשׁ׃ וְאָמַר לֹא נָבִיא אָנֹכִי אִישׁ עֹבֵד אֲדָמָה אָנֹכִי
6 כִּי־אָדָם הִקְנַנִי מִנְּעוּרָי׃ וְאָמַר אֵלָיו מָה הַמַּכּוֹת הָאֵלֶּה
7 בֵּין יָדֶיךָ וְאָמַר אֲשֶׁר הֻכֵּיתִי בֵּית מְאַהֲבָי׃ חֶרֶב
עוּרִי עַל־רֹעִי וְעַל־גֶּבֶר עֲמִיתִי נְאֻם יְהוָה צְבָאוֹת הַךְ
אֶת־הָרֹעֶה וּתְפוּצֶיןָ הַצֹּאן וַהֲשִׁבֹתִי יָדִי עַל־הַצֹּעֲרִים׃
8 וְהָיָה בְכָל־הָאָרֶץ נְאֻם־יְהוָה פִּי־שְׁנַיִם בָּהּ יִכָּרְתוּ יִגְוָעוּ
9 וְהַשְּׁלִשִׁית יִוָּתֶר בָּהּ׃ וְהֵבֵאתִי אֶת־הַשְּׁלִשִׁית בָּאֵשׁ
וּצְרַפְתִּים כִּצְרֹף אֶת־הַכֶּסֶף וּבְחַנְתִּים כִּבְחֹן אֶת־הַזָּהָב
הוּא ׀ יִקְרָא בִשְׁמִי וַאֲנִי אֶעֱנֶה אֹתוֹ אָמַרְתִּי עַמִּי הוּא וְהוּא
יֹאמַר יְהוָה אֱלֹהָי׃

CAP. XIV. יד

2 א *הִנֵּה יוֹם בָּא לַיהוָה וְחֻלַּק שְׁלָלֵךְ בְּקִרְבֵּךְ׃ וְאָסַפְתִּי
אֶת־

יד v. 1. הפטרת יום א׳ של סכות

12 דאָס גאַנצע לאַנד וועט אין טרויער זיין, יעדע פאַמיליע בעזונדער — די פאַמיליע פון דוד'ס הויז בעזונדער, אַבגעטהיילט פון זייערע פרויען, אויך די פאַמיליע פון נתן'ס הויז בעזונדער, אַבגעטהיילט פון זייערע פרויען.
13 די פאַמיליע פון לוי'ס הויז בעזונדער, אַבגעטהיילט פון זייערע פרויען, אויך די פאַמיליע פון שמעי בעזונדער, אַבגעטהיילט פון זייערע פרויען.
14 אויך אַלע אַנדערע פאַמיליען — יעדע פאַמיליע בעזונדער אַבגעטהיילט פון זייערע פרויען.

קאַפּיטעל יג

1 יענעם טאָג וועט זיך עפענען אַ קוואַל פאַר דוד'ס הויז און די איינוואוינער פון ירושלים, צור פערצייהונג און ריינִיגונג.
2 אין יענעם זעלביגען טאָג — זאָגט גאָט פון ארמעען — וועל איך אויס־ראָטען פון לאַנד די נעמען פון די געצען, אום זיי זאָלען מעהר ניט דערמאהנט ווערען; אויך די פּראָפעטען מיט דעם אונריינעם גייסט וועל איך אָבשאַפען פונ'ם לאַנד.
3 דאַן אויב יעמאַנד וועט נאָך פּראָפעצייהען, וועלען זאָגען צו איהם זיין פאַטער און מוטער, זיינע עלטערן: „דו קענסט מעהר ניט לעבען! דו האָסט ליגען געזאָגט אין גאָט'ס נאָמען; זיין פאַטער און מוטער, זיינע עלטערן זעלבסט, וועלען איהם שטעכען אַלס ער וועט פּראָפעצייהען.
4 אין יענער צייט וועלען זיך די פּראָפעטען זעלבסט שעהמען מיט זייערע פאַנטאַזיעס און פּראָפעצייהונגען; זיי וועלען שוין מעהר ניט אַנקליידען אַ האָריגען מאַנטעל אום צו פערשטעלען זיך.
ער וועט זאָגען: „איך בין קיין פּראָפעט! איך בין אַ ערד־ארבייטער, ווארום צו ערד־ארבייט בין איך געוואָהנט פון מיין יוגענד.
און אַז מען וועט איהם זאָגען: „פאַר וואָס איז ביי דיר קלעפּ־צייכענס אויף דיינע שולטערן?" וועט ער ענטפערן: „איך האָב קלעפּ געקראָגען אינ'ם הויז פון מיינע פריינד!"
ערמונטער זיך, שווערד, אויף מיין הירט! אויף דעם מאַן וואָס פריינ־דעלט זיך צו מיר — זאָגט גאָט פון ארמעען — שלאָגט דעם הירט וועלען זיך צולויפען די שעפּסען; איך זעלבסט וועל מיט מיין האַנד שטיצען די קליינע שאָף.
עס וועט אינ'ם גאַנצען לאַנד געשעהען — זאָגט גאָט — צוויי טהיי־לען וועלען אויסגעראָטען און פערניכטעט ווערען, און די דריטע טהייל וועט אינ'ם לאַנד בלייבען.
אָבער אויך די דריטע וועל איך דורך פייער פיהרען, איך וועל זי לייי־טערן ווי מען לייטערט זילבער און פּרובירען ווי מען פּרובירט גאָלד — וועט ער רופען מיין נאָמען וועל איך איהם ענטפערן; איך וועל איהם רופען „מיין פאָלק", אויב ער וועט מיר רופען „מיין גאָט".

קאַפּיטעל יד

עס קומט אָן אַ טאָג פון גאָט ווען דיין רויב וועט אין דיר צוטהיילט ווערען.
איך וועל פערזאַמלען אַלע פעלקער אין קריעג קעגען ירושלים, מען וועט

אֶת־כָּל־הַגּוֹיִם ׀ אֶל־יְרוּשָׁלִַם לַמִּלְחָמָה וְנִלְכְּדָה הָעִיר
וְנָשַׁסּוּ הַבָּתִּים וְהַנָּשִׁים תִּשָּׁגַלְנָה וְיָצָא חֲצִי הָעִיר בַּגּוֹלָה
וְיֶתֶר הָעָם לֹא יִכָּרֵת מִן־הָעִיר׃ וְיָצָא יְהוָה וְנִלְחַם בַּגּוֹיִם 3
הָהֵם כְּיוֹם הִלָּחֲמוֹ בְּיוֹם קְרָב׃ וְעָמְדוּ רַגְלָיו בַּיּוֹם־הַהוּא 4
עַל־הַר הַזֵּיתִים אֲשֶׁר עַל־פְּנֵי יְרוּשָׁלִַם מִקֶּדֶם וְנִבְקַע הַר
הַזֵּיתִים מֵחֶצְיוֹ מִזְרָחָה וָיָמָּה גֵּיא גְּדוֹלָה מְאֹד וּמָשׁ חֲצִי
הָהָר צָפוֹנָה וְחֶצְיוֹ נֶגְבָּה׃ וְנַסְתֶּם גֵּיא־הָרַי כִּי־יַגִּיעַ גֵּי־ ה
הָרִים אֶל־אָצַל וְנַסְתֶּם כַּאֲשֶׁר נַסְתֶּם מִפְּנֵי הָרַעַשׁ בִּימֵי
עֻזִּיָּה מֶלֶךְ־יְהוּדָה וּבָא יְהוָה אֱלֹהַי כָּל־קְדֹשִׁים עִמָּךְ׃
וְהָיָה בַּיּוֹם הַהוּא לֹא־יִהְיֶה אוֹר יְקָרוֹת יְקִפָּאוֹן׃ 6
וְהָיָה יוֹם־אֶחָד הוּא יִוָּדַע לַיהוָה לֹא־יוֹם וְלֹא־לָיְלָה וְהָיָה 7
לְעֵת־עֶרֶב יִהְיֶה־אוֹר׃ וְהָיָה ׀ בַּיּוֹם הַהוּא יֵצְאוּ מַיִם־ 8
חַיִּים מִירוּשָׁלִַם חֶצְיָם אֶל־הַיָּם הַקַּדְמוֹנִי וְחֶצְיָם אֶל־הַיָּם
הָאַחֲרוֹן בַּקַּיִץ וּבָחֹרֶף יִהְיֶה׃ וְהָיָה יְהוָה לְמֶלֶךְ עַל־ 9
כָּל־הָאָרֶץ בַּיּוֹם הַהוּא יִהְיֶה יְהוָה אֶחָד וּשְׁמוֹ אֶחָד׃
יִסּוֹב כָּל־הָאָרֶץ כָּעֲרָבָה מִגֶּבַע לְרִמּוֹן נֶגֶב יְרוּשָׁלִָם י
וְרָאֲמָה וְיָשְׁבָה תַחְתֶּיהָ לְמִשַּׁעַר בִּנְיָמִן עַד־מְקוֹם שַׁעַר
הָרִאשׁוֹן עַד־שַׁעַר הַפִּנִּים וּמִגְדַּל חֲנַנְאֵל עַד יִקְבֵי הַמֶּלֶךְ׃
וְיָשְׁבוּ בָהּ וְחֵרֶם לֹא יִהְיֶה־עוֹד וְיָשְׁבָה יְרוּשָׁלִַם לָבֶטַח׃ 11
וְזֹאת ׀ תִּהְיֶה הַמַּגֵּפָה אֲשֶׁר יִגֹּף יְהוָה אֶת־כָּל־ 12
הָעַמִּים אֲשֶׁר צָבְאוּ עַל־יְרוּשָׁלִָם הָמֵק ׀ בְּשָׂרוֹ וְהוּא עֹמֵד
עַל־רַגְלָיו וְעֵינָיו תִּמַּקְנָה בְחֹרֵיהֶן וּלְשׁוֹנוֹ תִּמַּק בְּפִיהֶם׃
וְהָיָה בַּיּוֹם הַהוּא תִּהְיֶה מְהוּמַת־יְהוָה רַבָּה בָּהֶם וְהֶחֱזִיקוּ 13
אִישׁ יַד רֵעֵהוּ וְעָלְתָה יָדוֹ עַל־יַד רֵעֵהוּ׃ וְגַם־יְהוּדָה 14
תִּלָּחֵם בִּירוּשָׁלִָם וְאֻסַּף חֵיל כָּל־הַגּוֹיִם סָבִיב זָהָב וָכֶסֶף
וּבְגָדִים לָרֹב מְאֹד׃ וְכֵן תִּהְיֶה מַגֵּפַת הַסּוּס הַפֶּרֶד טו
הַגָּמָל וְהַחֲמוֹר וְכָל־הַבְּהֵמָה אֲשֶׁר יִהְיֶה בַּמַּחֲנוֹת הָהֵמָּה

כמגפה

v. 2. תשכבנה קרי v. 6. וקפאון קרי v. 13. למדנחאי אל׳

די שטאָדט איינגענומען — די הייזער וועלן בערויבט ווערען און די פרויען געשענדעט ווערען; אַ העלבע שטאָדט וועט אויסוואַנדערן, אָבער דאָס איבריגע פאָלק וועט ניט אָבגעריסען ווערען פון שטאָדט.

3 גאָט זעלבסט וועט קומען קריעג פיהרען מיט יענע פעלקער, ווי ער האָט איין מאָל געקעמפפט אין צייט פון קריעג.

4 ער וועט זיך דאַמאָלס שטעלען אויפ'ן אליוּוען בארג וואָס איז נעבען ירושלים אין מזרח־זייט. דער אליוּוען בארג וועט צושפּאַלטען ווערען אויף צוויי העלפט — מזרח און מערב, און עס וועט ווערען זעהר אַ גרויסער טהאָל; דאַן וועט זיך אָוועקרוקען איין האַלבער באַרג אין צפון און איינער אין דרום.

5 איהר וועט זיך צולויפען פונ'ם טהאָל וואָס צווישען די באַרג שפּיצען, ווארום דער טהאָל וועט טיעף זיין ווי די הויך פונ'ם באַרג; איהר וועט זיך צולויפען ווי איהר זייט געלאָפען פונ'ם ערד־ציטערנים אין די צייטען פון עזיה, קעניג פון יהודה; דאַן וועט גאָט ערשיינען און מיט איהם אַלע זיינע הייליגע.

6 אין יענעם טאָג וועט קיין ליכט זיין — ניט העלע און ניט דונקעלע,

7 עס וועט זיין אַ זאָנדערבאַרער טאָג, בעוואוסט נאָר צום עוויגען אַליין — ניט טאָג און ניט נאַכט, ערשט אבענד־צייט וועט ליכטיג ווערען.

8 אין יענעם טאָג וועט ארויס פרישעס וואַסער פון ירושלים, אַ העלפט צום מזרח ים און אַ העלפט צום מערב ים, עס וועט פליסען ווי זומער אַזוי ווינטער.

9 און גאָט וועט קעניג זיין איבער'ן גאַנצען לאַנד — דאַמאָלס וועט גאָט זיין איינער און זיין נאָמען איינער.

10 רינגס ארום וועט דאָס גאַנצע לאַנד ווי אַ גלייכער פּלאַץ זיין, פון גבע ביז רמון, זיד־ירושלים און ראמה; זי וועט אויף דעם זעלביגען אָרט בעזעצט ווערען, פונ'ם טהויער בנימין ביז דעם אָרט פון ערשטען טהויער און דעם ווינקעל־טהויער, אויף פוּז טהורעם חננאל ביז דעם קעניג'ס ווייִנקעלערן.

11 איבעראַל וועט בעזעצט זיין, עס וועט מעהר קיין שטערונג זיין — ירושלים וועט גאַנץ רוהיג זיין.

12 אָט דאָס וועט זיין דער פּלאָג מיט וועלכען גאָט וועט פּלאָגען אַלע פעלקער וואָס האָבען ירושלים בעלאַגערט — עס וועט דער קערפּער צופוילט ווערען אין אַ קורצע צייט, די אויגען וועלען אין זייערע לעכער צופוילען און דער צונג אין מויל.

13 דאַן וועט זיין אונטער זיי אַ שרעקליכע פערווירונג, ווען איינער וועט דעם אַנדערן פאַר'ן האַנד נעהמען, וועט זיין האַנד אין יענעמס האַנד בלייבען.

14 אויך יהודה וועט פאַר ירושלים שטרייטען ביז עס וועט אויפגעקליבען ווערען דאָס פערמעגען פון אַלע פעלקער ארום — גאָלד, זילבער און זעהר פיעל קליידער.

15 עס וועט אויך זיין אַ פּלאָג אויף פערד, מיולען, קעמלען, עזלען און אַלער־ליי פיה, וואָס וועט זיך געפינען אין יענע לאַגערן — דאָס זעלביגע פּלאָג.

16 בַּמַּגֵּפָה הַזֹּאת׃ וְהָיָה כָּל־הַנּוֹתָר מִכָּל־הַגּוֹיִם
הַבָּאִים עַל־יְרוּשָׁלָ͏ִם וְעָלוּ מִדֵּי שָׁנָה בְשָׁנָה לְהִשְׁתַּחֲוֺת
17 לְמֶלֶךְ יְהוָה צְבָאוֹת וְלָחֹג אֶת־חַג הַסֻּכּוֹת׃ וְהָיָה אֲשֶׁר
לֹא־יַעֲלֶה מֵאֵת מִשְׁפְּחוֹת הָאָרֶץ אֶל־יְרוּשָׁלַ͏ִם לְהִשְׁתַּחֲוֺת
18 לְמֶלֶךְ יְהוָה צְבָאוֹת וְלֹא עֲלֵיהֶם יִהְיֶה הַגָּשֶׁם׃ וְאִם־
מִשְׁפַּחַת מִצְרַיִם לֹא־תַעֲלֶה וְלֹא בָאָה וְלֹא עֲלֵיהֶם תִּהְיֶה
הַמַּגֵּפָה אֲשֶׁר יִגֹּף יְהוָה אֶת־הַגּוֹיִם אֲשֶׁר לֹא יַעֲלוּ לָחֹג
19 אֶת־חַג הַסֻּכּוֹת׃ זֹאת תִּהְיֶה חַטַּאת מִצְרָיִם וְחַטַּאת כָּל־
כ הַגּוֹיִם אֲשֶׁר לֹא יַעֲלוּ לָחֹג אֶת־חַג הַסֻּכּוֹת׃ בַּיּוֹם הַהוּא
יִהְיֶה עַל־מְצִלּוֹת הַסּוּס קֹדֶשׁ לַיהוָה וְהָיָה הַסִּירוֹת
21 בְּבֵית יְהוָה כַּמִּזְרָקִים לִפְנֵי הַמִּזְבֵּחַ׃ וְהָיָה כָּל־סִיר
בִּירוּשָׁלַ͏ִם וּבִיהוּדָה קֹדֶשׁ לַיהוָה צְבָאוֹת וּבָאוּ כָּל־
הַזֹּבְחִים וְלָקְחוּ מֵהֶם וּבִשְּׁלוּ בָהֶם וְלֹא־יִהְיֶה כְנַעֲנִי עוֹד
בְּבֵית־יְהוָה צְבָאוֹת בַּיּוֹם הַהוּא׃

עד כאן v. 21.

16 יענע אַלע וואָס וועלען בלייבען פון אַלע פעלקער, וועלכע האָבען ירושלים
בעלאגערט, זיי וועלען יאָהר־יעהרליך קומען בוקען זיך פאר'ן גאָט פון
ארמעען, און פייערן דעם סכות־פעסט.

17 יענע פון די פאמיליען פונ'ם לאנד, וואָס וועלען ניט קומען אין ירושלים
בוקען זיך פאר'ן קעניג, דעם גאָט פון די ארמעען, זיי וועלען קיין רעגען
האָבען.

18 אויב די פאמיליע מצרים וועט ניט געהן און ניט קומען, וועט דען אויף זיי
ניט זיין דער פלאג, מיט וועלכען גאָט וועט פלאגען די נאַציאָנען וואָס
קומען ניט פייערן דעם סכות־פעסט ?

19 די זינד פון מצרים און פון אַלע אַנדערע נאַציאָנען וועט בעשטעהען אין
דעם וואָס זיי וועלען ניט קומען פייערן דעם סכות־פעסט.

20 דאמאלס וועלען אלע גלעקלאך פון די פערד זיין הייליג צו גאָט, און
די טעפּ פון גאָט'ס הויז וועלען זיין ווי די בעקענס וואָס שטעהען נעבען
מזבח.

21 אַלע טעפּ פון ירושלים און גאַנץ יהודה וועלען הייליג זיין צו גאָט פון
ארמעען ; אַלע אָפּפער־ברענגער וועלען קומען און נעהמען פון זיי אום
אין זיי (דעם אָפּפער) צו קאָכען ; עס וועט מעהר קיין כנעני ארייּנקור־
מען, אין יענער צייט, אינ'ם הויז פון גאָט פון ארמעען.

מלאכי

LIBER MALACHIÆ.

CAPUT I. א

מַשָּׂא דְבַר־יְהוָה אֶל־יִשְׂרָאֵל בְּיַד מַלְאָכִי׃ אָהַבְתִּי אֶתְכֶם א 2
אָמַר יְהוָה וַאֲמַרְתֶּם בַּמָּה אֲהַבְתָּנוּ הֲלוֹא־אָח עֵשָׂו
לְיַעֲקֹב נְאֻם־יְהוָה וָאֹהַב אֶת־יַעֲקֹב׃ וְאֶת־עֵשָׂו שָׂנֵאתִי 3
וָאָשִׂים אֶת־הָרָיו שְׁמָמָה וְאֶת־נַחֲלָתוֹ לְתַנּוֹת מִדְבָּר׃ כִּי־ 4
תֹאמַר אֱדוֹם רֻשַּׁשְׁנוּ וְנָשׁוּב וְנִבְנֶה חֳרָבוֹת כֹּה אָמַר יְהוָה
צְבָאוֹת הֵמָּה יִבְנוּ וַאֲנִי אֶהֱרוֹס וְקָרְאוּ לָהֶם גְּבוּל רִשְׁעָה
וְהָעָם אֲשֶׁר־זָעַם יְהוָה עַד־עוֹלָם׃ וְעֵינֵיכֶם תִּרְאֶינָה וְאַתֶּם ה
תֹּאמְרוּ יִגְדַּל יְהוָה מֵעַל לִגְבוּל יִשְׂרָאֵל׃ בֵּן יְכַבֵּד אָב 6
וְעֶבֶד אֲדֹנָיו וְאִם־אָב אָנִי אַיֵּה כְבוֹדִי וְאִם־אֲדוֹנִים אָנִי
אַיֵּה מוֹרָאִי אָמַר ׀ יְהוָה צְבָאוֹת לָכֶם הַכֹּהֲנִים בּוֹזֵי שְׁמִי
וַאֲמַרְתֶּם בַּמֶּה בָזִינוּ אֶת־שְׁמֶךָ׃ מַגִּישִׁים עַל־מִזְבְּחִי לֶחֶם 7
מְגֹאָל וַאֲמַרְתֶּם בַּמֶּה גֵאַלְנוּךָ בֶּאֱמָרְכֶם שֻׁלְחַן יְהוָה
נִבְזֶה הוּא׃ וְכִי־תַגִּשׁוּן עִוֵּר לִזְבֹּחַ אֵין רָע וְכִי תַגִּישׁוּ 8
פִּסֵּחַ וְחֹלֶה אֵין רָע הַקְרִיבֵהוּ נָא לְפֶחָתֶךָ הֲיִרְצְךָ אוֹ
הֲיִשָּׂא פָנֶיךָ אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת׃ וְעַתָּה חַלּוּ־נָא פְנֵי־אֵל 9
וִיחָנֵנוּ מִיֶּדְכֶם הָיְתָה זֹּאת הֲיִשָּׂא מִכֶּם פָּנִים אָמַר יְהוָה
צְבָאוֹת׃ מִי גַם־בָּכֶם וְיִסְגֹּר דְּלָתַיִם וְלֹא־תָאִירוּ מִזְבְּחִי י
חִנָּם אֵין־לִי חֵפֶץ בָּכֶם אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת וּמִנְחָה לֹא־
אֶרְצֶה מִיֶּדְכֶם׃ כִּי מִמִּזְרַח־שֶׁמֶשׁ וְעַד־מְבוֹאוֹ גָּדוֹל 11
שְׁמִי בַּגּוֹיִם וּבְכָל־מָקוֹם מֻקְטָר מֻגָּשׁ לִשְׁמִי וּמִנְחָה
טהורה׃

v. 1. הפטרת תולדות יצחק

מ ל א כ י

קאַפּיטעל א

1 א פאַרטראַג. גאָט'ס וואָרט צו ישראל דורך מלאכי.
2 „איך האָב אייך געליעבט" — זאָגט גאָט. ווערט איהר זאָגען : „מיט וואָס
ווייזטו אונז דיין ליעבע ?" — איז ניט עשו אַ ברודער יעקב'ס ? דאָך
ליעב איך יעקב'ן;
3 און עשו'ן האַס איך ; זיינע בערג האָב איך געמאַכט צו וויסט און זיין
בעזיץ — צו אַ בעוועלדערטע וויסטע.
4 אויב אדום זאָגט זיך : „מיר זיינען פעראַרימט געוואָרען — מיר וועלען
אָבער צוריק אויפבויען די רואינען !" אַזוי זאָגט גאָט פון ארמעען, זיי
וועלען בויען און איך וועל ברעכען ; מען וועט זייער לאַנד רופען „בעַ־
שטראָפער גרענעץ" און דאָס פאָלק „גאָט'ס פערפלוכטעס" אויף אייביג.
5 איהר וועט עס מיט אייערע אויגען זעהען און וועט זאָגען : גרויס איז
גאָט וואָס איז אימער אויפ'ן גרענעץ פון ישראל.
6 א זוהן דארף כבוד אָבגעבען אַ פאַטער און א קנעכט — זיין הערן ;
בין איך אַ פאַטער, וואו איז מיין כבוד ? בין איך אַ הערר, וואו איז
מיין רעספּעקט ? דאָס זאָגט גאָט פון ארמעען צו אייך כהנים, וואָס
מאַכען מיין נאָמען צו שאַנדע. איהר וועט זאָגען : „מיט וואָס האָבען
מיר דיין נאָמען צו שאַנדע געמאַכט ?"
7 מען ברענגט אויף מיין טיש אבשייליכעס ברויט. איהר וועט זאָגען :
„מיט וואָס האָבען מיר עס אבשייליך געמאַכט ?" מיט דעם וואָס איהר
זאָגט : „גאָט'ס טיש איז אַן העסליכער".
8 און אז איהר ברענגט אַ בלינדען אַלס קרבן, איז דאָס ניט אונרעכט ? אז
איהר ברענגט אָפּפער הינקעדיגע אָדער קראַנקע, איז דאָס ניט אונרעכט ?
פּרוביר דאָס ברענגען צו דיין פירשט, וועט ער דאָס פון דיר אָננעה־
מען ? וועט ער דיר דערפאַר גוט אויפנעהמען ? — זאָגט גאָט פון
ארמעען.
9 אַלזאָ בעט גאָט אום ער זאָל אונז בעגנאַדיגען, איהר זעלבסט האָט אייער
צושטאַנד פערדיענט, וואָלט ער נאָר אייך אויפנעהמען — זאָגט גאָט פון
ארמעען.
10 וואָלט זיך פון אייך איינער געפונען וואָס זאָל די טהירען צושליסען, אום
איהר זאָלט ניט בעלייכטען מיין אַלטאַר נוצלאָז ; איך וויל אייך מעהר
ניט האָבען — זאָגט גאָט פון ארמעען — אויך קיין שפּייז־אָפּפער וויל
איך פון אייער האַנד נעהמען.
11 פון זונען אויפגאַנג ביז זונען אונטערגאַנג איז מיין נאָמען גרויס צווי־
שען די פעלקער, איבעראַל ווערט געריוכערט און געאָפּפערט צו מיין נאָ־

12 טְהוֹרָה כִּי־גָדוֹל שְׁמִי בַּגּוֹיִם אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת׃ וְאַתֶּם
מְחַלְּלִים אוֹתוֹ בֶּאֱמָרְכֶם שֻׁלְחַן אֲדֹנָי מְגֹאָל הוּא וְנִיבוֹ
13 נִבְזֶה אָכְלוֹ׃ וַאֲמַרְתֶּם הִנֵּה מַתְּלָאָה וְהִפַּחְתֶּם אוֹתוֹ
אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת וַהֲבֵאתֶם גָּזוּל וְאֶת־הַפִּסֵּחַ וְאֶת־
הַחוֹלֶה וַהֲבֵאתֶם אֶת־הַמִּנְחָה הַאֶרְצֶה אוֹתָהּ מִיֶּדְכֶם
14 אָמַר יְהוָה׃ וְאָרוּר נוֹכֵל וְיֵשׁ בְּעֶדְרוֹ זָכָר וְנֹדֵר וְזֹבֵחַ
מָשְׁחָת לַאדֹנָי כִּי מֶלֶךְ גָּדוֹל אָנִי אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת
וּשְׁמִי נוֹרָא בַגּוֹיִם׃

CAP. II. ב

ב

2 א וְעַתָּה אֲלֵיכֶם הַמִּצְוָה הַזֹּאת הַכֹּהֲנִים׃ אִם־לֹא תִשְׁמְעוּ
וְאִם־לֹא תָשִׂימוּ עַל־לֵב לָתֵת כָּבוֹד לִשְׁמִי אָמַר יְהוָה
צְבָאוֹת וְשִׁלַּחְתִּי בָכֶם אֶת־הַמְּאֵרָה וְאָרוֹתִי אֶת־בִּרְכוֹתֵיכֶם
3 וְגַם אָרוֹתִיהָ כִּי אֵינְכֶם שָׂמִים עַל־לֵב׃ הִנְנִי גֹעֵר לָכֶם
אֶת־הַזֶּרַע וְזֵרִיתִי פֶרֶשׁ עַל־פְּנֵיכֶם פֶּרֶשׁ חַגֵּיכֶם וְנָשָׂא
4 אֶתְכֶם אֵלָיו׃ וִידַעְתֶּם כִּי שִׁלַּחְתִּי אֲלֵיכֶם אֵת הַמִּצְוָה
ה הַזֹּאת לִהְיוֹת בְּרִיתִי אֶת־לֵוִי אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת׃ בְּרִיתִי ׀
הָיְתָה אִתּוֹ הַחַיִּים וְהַשָּׁלוֹם וָאֶתְּנֵם־לוֹ מוֹרָא וַיִּירָאֵנִי
6 וּמִפְּנֵי שְׁמִי נִחַת הוּא׃ תּוֹרַת אֱמֶת הָיְתָה בְּפִיהוּ וְעַוְלָה
לֹא־נִמְצָא בִשְׂפָתָיו בְּשָׁלוֹם וּבְמִישׁוֹר הָלַךְ אִתִּי וְרַבִּים
7 הֵשִׁיב מֵעָוֺן׃ כִּי־שִׂפְתֵי כֹהֵן יִשְׁמְרוּ־דַעַת וְתוֹרָה יְבַקְשׁוּ
8 מִפִּיהוּ כִּי מַלְאַךְ יְהוָה־צְבָאוֹת הוּא׃* וְאַתֶּם סַרְתֶּם מִן
הַדֶּרֶךְ הִכְשַׁלְתֶּם רַבִּים בַּתּוֹרָה שִׁחַתֶּם בְּרִית הַלֵּוִי אָמַר
9 יְהוָה צְבָאוֹת׃ וְגַם־אֲנִי נָתַתִּי אֶתְכֶם נִבְזִים וּשְׁפָלִים לְכָל־
הָעָם כְּפִי אֲשֶׁר אֵינְכֶם שֹׁמְרִים אֶת־דְּרָכַי וְנֹשְׂאִים פָּנִים
· בַּתּוֹרָה׃ הֲלוֹא אָב אֶחָד לְכֻלָּנוּ הֲלוֹא אֵל אֶחָד בְּרָאָנוּ
11 מַדּוּעַ נִבְגַּד אִישׁ בְּאָחִיו לְחַלֵּל בְּרִית אֲבֹתֵינוּ׃ בָּגְדָה
יְהוּדָה וְתוֹעֵבָה נֶעֶשְׂתָה בְיִשְׂרָאֵל וּבִירוּשָׁלָםִ כִּי ׀ חִלֵּל

יהודה

* ב v. 7 עד כאן

מען, אויך ווערען ריינע שפייז־אָפּפער געבראַכט; ווארום צווישען די נאַציאָנען איז מיין נאָמען גרויס — זאָגט גאָט פון אַרמעען.

12 איהר אָבער פערשוועכט איהם דערמיט וואָס איהר זאָגט: „„גאָט׳ס טיש איז אבשייליך און איהר רעדט וועגען איהם „זיין שפייז איז פערהאַסט.״

13 איך זאָגט איהר: „עס איז אַ לאַסט און מיר ליידען דערפון״ — זאָגט גאָט פון אַרמעען, דערפאַר ברענגט איהר גערויבטעס, הינקעדיגע און קראַנ־קע, קוים ברענגט איהר אויף אַזאַ אַרט דעם שפייז־אָפּפער, קען איך עס פון אייערע הענד אָננעהמען? — זאָגט גאָט.

14 און זאָל פערפלוכט זיין דער קאַרגער, וועלכער האָט אין זיין הערדע אַ גוטען שעפּס און אַז ער פערשפּרעכט אַ אָפּפער צו גאָט, ברענגט ער אַ פערדאַרבענעס! איך בין דער גרעסטער קעניג — זאָגט גאָט פון אַר־מעען — און מיין נאָמען איז שרעקליך צווישען די נאַציאָנען.

קאַפּיטעל ב

1 אַלזאָ, אויף אייך, כהנים, ליעגט דאָס פליכט!

2 אויב איהר וועט ניט געהאָרכזאַם זיין און וועט זיך ניט נעהמען צום האַרצען מיין נאָמען צו עהרען — זאָגט גאָט פון אַרמעען, וועל איך אויף אייך אָנשיקען אַ פלוך, איך וועל אייערע ברכות אין קללות פער־וואַנדלען; איך האָב שוין געשאָלטען נאָר איהר נעהמט זיך ניט צום האַרצען.

3 איך וועל וועניג מאַכען די פּראָדוקטען פון אייער זעהען, און וועל אויף אייערע געזיכטער אַרויפוואַרפען דאָס מיסט פון אייערע פעסט־אָפּפער, ביז איהר וועט זיך צו דאָס צוגעוואָהנען.

4 דאַן וועט איהר שוין וויסען אַז איך האָב אייך געשיקט דיזען בעפעהל אום אַ פערבינדונג צו מאַכען מיט לוי׳ן, — זאָגט גאָט פון אַרמעען.

5 מיין פערבאַנד איז מיט איהם געווען אויף לעבען און פריעדען, איך האָב זיי איהם געגעבען ווען ער האָט מיר רעספּעקטירט, און געציטערט פאַר מיין נאָמען.

6 אַ טרייע לעהרע איז אין זיין מויל געווען, קיין אונרעכט האָט זיך אויף זיינע ליפּען געפונען, אין פריעדען און גערעכטיגקייט איז ער פאַר מיר געגאַנגען און האָט פיעל פון זינד צוריק געקעהרט.

7 דעם כהן׳ס ווערטער בעוואַכען דאָס וויסענשאַפט און פון זיין געשפּרעך זוכט מען לעהרע — אויב ער איז ווי אַ מלאך פונ׳ם גאָט פון אַרמעען.

8 איהר אָבער האָט אָבגעקעהרט פונ׳ם גוטען וועג, איהר האָט פיעל אין אירטהום געבראַכט דורך אייער לעהרע, פערדאַרבענדיג דעם בונד וואָס איך האָב געמאַכט מיט לוי — זאָגט גאָט פון אַרמעען.

9 דערפאַר האָב איך אייך געמאַכט פערהאַסט און ערנידעריגט פון דאָס גאַנ־צע פאָלק, ווייל איהר היט ניט אָב מיינע וועגען און אַכטעט ניט דאָס גע־זעץ.

10 האָבען מיר ניט אַלע איין פאָטער? האָט אונז אַלעמען ניט דער זעלביגער גאָט בעשאַפען? ווארום זאָלען מיר אונטריי זיין איינער צום אַנדערן און און פערשוועכען דערמיט דעם בונד פון אונזערע עלטערן?

11 גאַנץ יהודה איז אונטריי! גרויליטהאַטען ווערען געטהאָן אין ישראל און

12 יְהוּדָה קֹדֶשׁ יְהוָה אֲשֶׁר אָהֵב וּבָעַל בַּת־אֵל נֵכָר׃ יַכְרֵת
יְהוָה לָאִישׁ אֲשֶׁר יַעֲשֶׂנָּה עֵר וְעֹנֶה מֵאָהֳלֵי יַעֲקֹב וּמַגִּישׁ
13 מִנְחָה לַיהוָה צְבָאוֹת׃ וְזֹאת שֵׁנִית תַּעֲשׂוּ כַּסּוֹת דִּמְעָה
אֶת־מִזְבַּח יְהוָה בְּכִי וַאֲנָקָה מֵאֵין עוֹד פְּנוֹת אֶל־הַמִּנְחָה
14 וְלָקַחַת רָצוֹן מִיֶּדְכֶם׃ וַאֲמַרְתֶּם עַל־מָה עַל כִּי־יְהוָה
הֵעִיד בֵּינְךָ וּבֵין ׀ אֵשֶׁת נְעוּרֶיךָ אֲשֶׁר אַתָּה בָּגַדְתָּה בָּהּ
טו וְהִיא חֲבֶרְתְּךָ וְאֵשֶׁת בְּרִיתֶךָ׃ וְלֹא־אֶחָד עָשָׂה וּשְׁאָר רוּחַ
לוֹ וּמָה הָאֶחָד מְבַקֵּשׁ זֶרַע אֱלֹהִים וְנִשְׁמַרְתֶּם בְּרוּחֲכֶם
16 וּבְאֵשֶׁת נְעוּרֶיךָ אַל־יִבְגֹּד׃ כִּי־שָׂנֵא שַׁלַּח אָמַר יְהוָה
אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל וְכִסָּה חָמָס עַל־לְבוּשׁוֹ אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת
17 וְנִשְׁמַרְתֶּם בְּרוּחֲכֶם וְלֹא תִבְגֹּדוּ׃ הוֹגַעְתֶּם יְהוָה
בְּדִבְרֵיכֶם וַאֲמַרְתֶּם בַּמָּה הוֹגָעְנוּ בֶּאֱמָרְכֶם כָּל־עֹשֵׂה
רָע טוֹב ׀ בְּעֵינֵי יְהוָה וּבָהֶם הוּא חָפֵץ אוֹ אַיֵּה אֱלֹהֵי
הַמִּשְׁפָּט׃

ג Cap. III. ג

א הִנְנִי שֹׁלֵחַ מַלְאָכִי וּפִנָּה־דֶרֶךְ לְפָנָי וּפִתְאֹם יָבוֹא אֶל־
הֵיכָלוֹ הָאָדוֹן ׀ אֲשֶׁר־אַתֶּם מְבַקְשִׁים וּמַלְאַךְ הַבְּרִית אֲשֶׁר
2 אַתֶּם חֲפֵצִים הִנֵּה־בָא אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת׃ וּמִי מְכַלְכֵּל
אֶת־יוֹם בּוֹאוֹ וּמִי הָעֹמֵד בְּהֵרָאוֹתוֹ כִּי־הוּא כְּאֵשׁ מְצָרֵף
3 וּכְבֹרִית מְכַבְּסִים׃ וְיָשַׁב מְצָרֵף וּמְטַהֵר כֶּסֶף וְטִהַר אֶת־
בְּנֵי־לֵוִי וְזִקַּק אֹתָם כַּזָּהָב וְכַכָּסֶף וְהָיוּ לַיהוָה מַגִּישֵׁי מִנְחָה
4 בִּצְדָקָה׃ * וְעָרְבָה לַיהוָה מִנְחַת יְהוּדָה וִירוּשָׁלָםִ כִּימֵי
ה עוֹלָם וּכְשָׁנִים קַדְמֹנִיּוֹת׃ וְקָרַבְתִּי אֲלֵיכֶם לַמִּשְׁפָּט וְהָיִיתִי ׀
עֵד מְמַהֵר בַּמְכַשְּׁפִים וּבַמְנָאֲפִים וּבַנִּשְׁבָּעִים לַשָּׁקֶר
וּבְעֹשְׁקֵי שְׂכַר־שָׂכִיר אַלְמָנָה וְיָתוֹם וּמַטֵּי־גֵר וְלֹא יְרֵאוּנִי
6 אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת׃ כִּי אֲנִי יְהוָה לֹא שָׁנִיתִי וְאַתֶּם בְּנֵי־
7 יַעֲקֹב לֹא כְלִיתֶם׃ לְמִימֵי אֲבֹתֵיכֶם סַרְתֶּם מֵחֻקַּי וְלֹא

שמרתם

* v. 4. הפטרה שבת הגדול

ירושלים ! יהודה האָט פערשוועכט די געטליכע הייליגטהימער וועלכע ער האָט געדאַרפט ליעבען, און איז בעהערשט פון א טאָכטער פון פרעמדע געטער.

12 גאָט וועט פערטיליגען דעם מאַן וואָס טהוט אַזעלכע זאַכען, קינדער און קינדס־קינדער פון די געצעלטען פון יעקב, זאָגאַר ווען ער ברענגט א שפּייז־אָפּפער צו גאָט פון אַרמעען.

13 און נאָך דאָס טהוט איהר אויך : מיט טרעהרען בעדעקט איהר גאָט'ס מזבח, מיט געוויין און זיפצעריי, אַז מ'קען זיך שוין צום שפּייז־אָפּפער ניט ווענדען ; קען אַנגענעהם זיין וואָס פון אייערע הענד צו נעהמען ?

14 איהר פרעגט : „פאַר וואָס ?" — ווייל גאָט האָט א וואָרנונג געגעבען צווישען דיר און דיין יוגענדליכע פרוי, קעגען וועלכע דו ביזט אונטריי אָבוואָהל זי איז דיין פריינדין און דיין געזעצליכע פרוי.

15 דאָס טהוט ניט יענער וועלכער האָט אַן ערהאַבענעם גייסט ! יעדער איינער דאַרף ווינשען האָבען געזעצליכע קינדער ; היט אייער גייסט און זייט ניט אונטריי אייער יוגענדליכע פרוי !

16 ווען יעמאַנד האַסט זיין פרוי, דאַרף ער איהר פריי לאָזען — זאָגט דער עוויגער, גאָט פון ישראל, און זאָל זיין אונרעכט פערדעקט זיין — זאָגט גאָט פון אַרמעען ; היט אייער גייסט און זייט ניט טריילאָז.

17 מיט אייערע ווערטער בעלעסטיגט איהר דעם עוויגען, איהר פרעגט : „מיט וואָס בעלעסטיגען מיר איהם ? דערמיט וואָס איהר זאָגט : יעדער וואָס טהוט שלעכטס, איז אַנגענעהם ביי גאָט, און דאָס איז וואָס ער פער־לאַנגט," אָדער : „וואו איז דער גאָט וואָס שטראָפט ?"

קאַפּיטעל ג

1 איך שיק מיין מלאַך, ער וועט דעם וועג פאַר מיר ריין מאַכען, און עס זאָל שנעל צו זיין טעמפּעל קומען דער הערר, וועמען איהר פערלאַנגט, אויך דער מלאַך פון פערבינדונג וואָס איהר ווינשט קומט שוין אָן — זאָגט גאָט פון אַרמעען.

2 ווער קען ערטראָגען דעם טאָג פון זיין קומען ? ווער קען אויף די פיס איינשטעהען ווען ער בעווייזט זיך ? ער ברענט ווי פייער, און רייניגט ווי וועשער־זייף.

3 ער וועט זיך צייט נעהמען און רייניגען ווי זילבער לוי'ס קינדער, ער וועט זיי קלאָהר מאַכען ווי גאָלד און זילבער, דאַן וועלען זיי ווירקליך זיין שפּייז־אָפּפער ברענגען צו גאָט.

4 און עס וועט ביי גאָט אַנגענעהם זיין דער שפּייז־אָפּפער פון יהודה און ירושלים ווי אין די אַלטע צייטען אין די פריהערדיגע יאָהרען.

5 איך זעלבסט וועל צום געריכט קעגען אייך צוטרעטען, איך וועל א שנעל־לער עדות זיין קעגען די צויבערער, די אויסוואורפען, די וואָס שווערען פאַלש און פערהאַלטען דעם לוין פון טאָג־לוינער, פון אַן אַלמנה אָדער א יתום אויך צו די וואָס ערניעדריגען דעם פרעמדלינג און רעספּעקטירען מיר ניט — זאָגט גאָט פון אַרמעען.

6 אַזוי ווי איך, גאָט, בין אונפערענדליך אַזוי זייט איהר, יעקב'ס קינדער, אונאונטערגענגליך.

7 אין די צייטען פון אייערע עלטערן האָט איהר פון מיינע געזעצע אָבגע־

שְׁמַרְתֶּם שׁוּבוּ אֵלַי וְאָשׁוּבָה אֲלֵיכֶם אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת
8 וַאֲמַרְתֶּם בַּמֶּה נָשׁוּב׃ הֲיִקְבַּע אָדָם אֱלֹהִים כִּי אַתֶּם
קֹבְעִים אֹתִי וַאֲמַרְתֶּם בַּמֶּה קְבַעֲנוּךָ הַמַּעֲשֵׂר וְהַתְּרוּמָה׃
9 בַּמְּאֵרָה אַתֶּם נֵאָרִים וְאֹתִי אַתֶּם קֹבְעִים הַגּוֹי כֻּלּוֹ׃ הָבִיאוּ
אֶת־כָּל־הַמַּעֲשֵׂר אֶל־בֵּית הָאוֹצָר וִיהִי טֶרֶף בְּבֵיתִי וּבְחָנוּנִי
נָא בָּזֹאת אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת אִם־לֹא אֶפְתַּח לָכֶם אֵת
11 אֲרֻבּוֹת הַשָּׁמַיִם וַהֲרִיקֹתִי לָכֶם בְּרָכָה עַד־בְּלִי־דָי׃ וְגָעַרְתִּי
לָכֶם בָּאֹכֵל וְלֹא־יַשְׁחִת לָכֶם אֶת־פְּרִי הָאֲדָמָה וְלֹא־
12 תְשַׁכֵּל לָכֶם הַגֶּפֶן בַּשָּׂדֶה אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת׃ וְאִשְּׁרוּ
אֶתְכֶם כָּל־הַגּוֹיִם כִּי־תִהְיוּ אַתֶּם אֶרֶץ חֵפֶץ אָמַר יְהוָה
13 צְבָאוֹת׃ חָזְקוּ עָלַי דִּבְרֵיכֶם אָמַר יְהוָה וַאֲמַרְתֶּם
14 מַה־נִּדְבַּרְנוּ עָלֶיךָ׃ אֲמַרְתֶּם שָׁוְא עֲבֹד אֱלֹהִים וּמַה־
בֶּצַע כִּי שָׁמַרְנוּ מִשְׁמַרְתּוֹ וְכִי הָלַכְנוּ קְדֹרַנִּית מִפְּנֵי יְהוָה
טו צְבָאוֹת׃ וְעַתָּה אֲנַחְנוּ מְאַשְּׁרִים זֵדִים גַּם־נִבְנוּ עֹשֵׂי
16 רִשְׁעָה גַּם בָּחֲנוּ אֱלֹהִים וַיִּמָּלֵטוּ׃ אָז נִדְבְּרוּ יִרְאֵי יְהוָה
אִישׁ אֶל־רֵעֵהוּ וַיַּקְשֵׁב יְהוָה וַיִּשְׁמָע וַיִּכָּתֵב סֵפֶר זִכָּרוֹן
17 לְפָנָיו לְיִרְאֵי יְהוָה וּלְחֹשְׁבֵי שְׁמוֹ׃ וְהָיוּ לִי אָמַר יְהוָה
צְבָאוֹת לַיּוֹם אֲשֶׁר אֲנִי עֹשֶׂה סְגֻלָּה וְחָמַלְתִּי עֲלֵיהֶם
18 כַּאֲשֶׁר יַחְמֹל אִישׁ עַל־בְּנוֹ הָעֹבֵד אֹתוֹ׃ וְשַׁבְתֶּם וּרְאִיתֶם
19 בֵּין צַדִּיק לְרָשָׁע בֵּין עֹבֵד אֱלֹהִים לַאֲשֶׁר לֹא עֲבָדוֹ׃ כִּי־
הִנֵּה הַיּוֹם בָּא בֹּעֵר כַּתַּנּוּר וְהָיוּ כָל־זֵדִים וְכָל־עֹשֵׂה
רִשְׁעָה קַשׁ וְלִהַט אֹתָם הַיּוֹם הַבָּא אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת
כ אֲשֶׁר לֹא־יַעֲזֹב לָהֶם שֹׁרֶשׁ וְעָנָף׃ וְזָרְחָה לָכֶם יִרְאֵי שְׁמִי
שֶׁמֶשׁ צְדָקָה וּמַרְפֵּא בִּכְנָפֶיהָ וִיצָאתֶם וּפִשְׁתֶּם כְּעֶגְלֵי
21 מַרְבֵּק׃ וְעַסּוֹתֶם רְשָׁעִים כִּי־יִהְיוּ אֵפֶר תַּחַת כַּפּוֹת
22 רַגְלֵיכֶם בַּיּוֹם אֲשֶׁר אֲנִי עֹשֶׂה אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת׃ זִכְרוּ
תּוֹרַת מֹשֶׁה עַבְדִּי אֲשֶׁר צִוִּיתִי אוֹתוֹ בְחֹרֵב עַל־כָּל־יִשְׂרָאֵל

חקים

v. 16. קמץ בזיק v. 22 ד׳ רפוי

קעהרט און האָט זיי ניט אָבגעהיט; קעהרט איהר זיך צוריק צו מיר וועל איך זיך קעהרען צו אײַך — זאָגט גאָט פֿון אַרמעען. איהר פֿרעגט: „ווי זאָלען מיר צוריקקעהרען?".

8 דאַרף אַ מענש גאָט בערויבען ווי איהר בערויבט מיר? איהר פֿרעגט: „מיט וואָס האָבען מיר דיר בערויבט?" — די מעשר און די תרומה!

9 איהר ווערט פֿערפֿלוכט, אונרוהיגעס פֿאָלק, און מיר בערויבט איהר!

10 ברענגט אַרײַן דאָס גאַנצע מעשר אין שפּייכלער־הויז, און זאָל שפּייז זיין אין מיין הויז; פּרובירט מיר דערמיט — זאָגט גאָט פֿון אַרמעען — אויב איך וועל פֿאַר אײַך ניט עפֿענען די פֿענסטער פֿון הימעל און וועל אויף אײַך אַראָבגיעסען ברכה מעהר ווי גענוג.

11 איך וועל אָנשרייען אויפֿ'ן פֿערצעהרער און ער וועט מעהר ניט פֿערדאַרבען די פֿרוכט פֿון דר'ערד, אויך ניט פֿערניכטען דעם ווייַנבוים אין פֿעלד — זאָגט גאָט פֿון אַרמעען.

12 אַלע פֿעלקער וועלען אײַך גליקליך שעצען, וואָרום איהר און אײַער לאַנד וועט ווינשענס־ווערטה זיין — זאָגט גאָט פֿון אַרמעען.

13 איהר האָט וועגען מיר האַרטע ווערטער גערעדט — זאָגט גאָט. איהר פֿרעגט: „וואָס האָבען מיר וועגען דיר גערעדט?"

14 איהר האָט געזאָגט: „עס איז נוצלאָז גאָט צו דיענען! און וועלכע נוצען האָבען מיר געהאַט אַז מיר האָבען זיינע בעפֿעהלע אָבגעהיט? און אַז מיר זיינען אַרומגעגאַנגען פֿערפֿינסטערטע צוליעב דעם גאָט פֿון אַרמעען?

15 אָט שעצען מיר גליקליך די פֿערברעכער, וואָרום די שלעכטס־טהוער זיינען פֿעסט געבויט, זיי זיינען זעהר שטאַרק און ווערען אימער גערעטעט."

16 אָבער דאַן ווען די גאָטספֿאָרכטיגע רעדען זיך דורך איינער מיט דעם צווייטען, האָרכט גאָט אויס און הערט, ער פֿערשרייבט זיי ביי זיך אין בוך פֿון עראינערונגען אַלס גאָטספֿאָרכטיגע וועלכע אַכטען זיין נאָמען.

17 זיי וועלען מיינע זיין — זאָגט גאָט פֿון אַרמעען — דאַן ווען איך וועל זיי אַלס מוסטער פֿאָלק מאַכען, איך וועל אויף זיי מיטלייד האָבען, ווי אַ מאַן וואָס האָט מיטלייד מיט זיין געהאָרכזאַמען זוהן.

18 דאַמאָלס וועט איהר זעהען דעם אונטערשייד צווישען אַ פֿרומען און אַ פֿערברעכער, צווישען דעם וואָס דיענט גאָט און דעם וואָס דיענט איהם ניט.

19 יענער קומענדער טאָג וועט ברענען ווי אַן אויווען, אַלע פֿערדאָרבענע און פֿערברעכער וועלען ווערען שוואַך ווי שטרוי, און יענער קומענדער טאָג וועט זיי פֿערברענען — זאָגט גאָט פֿון אַרמעען — און עס וועט פֿון זיי ניט בלייבען קיין וואָרצעל און קיין צווייג.

20 נאָר פֿאַר אײַך, די וואָס רעספּעקטירען מיין נאָמען, וועט שיינען אַ מילדע זונן וועלכע היילט מיט איהרע שטראַהלען; איהר וועט אימער פֿעט זיין ווי די מאַסט קעלבער.

21 די פֿערברעכער וועט איהר צודריקען, זיי וועלען זיין ווי אַש אונטער אייערע פֿיס־טריט, דאַן ווען איך וועל מיין אַרבייט טהאָן — זאָגט גאָט פֿון אַרמעען.

22 געדענקט די לעהרע פֿון משה, מיין דיענער, אויך אַלע געזעצע און רעכטע וואָס איך האָב איהם איבערגעגעבען אין חרב, פֿאַר גאַנץ ישראל.

23 חֻקִּים וּמִשְׁפָּטִים׃ הִנֵּה אָנֹכִי שֹׁלֵחַ לָכֶם אֵת אֵלִיָּה הַנָּבִיא
24 לִפְנֵי בּוֹא יוֹם יְהוָה הַגָּדוֹל וְהַנּוֹרָא׃ וְהֵשִׁיב לֵב־אָבוֹת
עַל־בָּנִים וְלֵב בָּנִים עַל־אֲבוֹתָם פֶּן־אָבוֹא וְהִכֵּיתִי אֶת־
הָאָרֶץ חֵרֶם׃ • ע״ב

הנה אנכי שלח לכם את אליה הנביא לפני בוא יום יהוה הגדול והנורא:

י׳ת׳ק׳ק׳ סימן

חזק

סכום פסוקי תרי עשר

הושע מאה ותשעים ושבעה: ורגלך לא בצקה סימן.

יואל שבעים ושלשה: שלחו מגל סימן.

עמוס מאה וארבעים וששה: קמו בניה סימן.

עובדיה עשרים ואחד: אך טוב לישראל סימן.

יונה ארבעים ושמונה: ישראל עושה חיל סימן.

מיכה מאה וחמשה: עלה אלהים בתרועה סימן.

נחום ארבעה ושבעה: יזל מים סימן.

חבקוק חמשים וששה: ולך תהיה צדקה סימן:

צפניה חמשים ושלשה: גן נעול סימן.

חגי שלשים ושמונה: כי אם גלה סודו סימן.

זכריה מאתים ואחד עשר: אשרי כל ירא ״י סימן.

מלאכי חמשים וחמשה: ויעקב הלך לדרכו סימן:

סכום הפסוקים של כל שנים עשר נביאים אלף וחמשים **כי שרית עם אלהים** סימן. וחציו. לכן בגללכם ציון שדה תחרש. וסדריו **עשרים ואחד. ולכבוד אדוה בתוכה סימן:**

23 איך שיק אייך אליהו דעם נביא איידער עס וועט קומען גאָט'ס גרויסער
און שרעקליכער טאָג.

24 ער וועט צוריקברענגען דאָס הארץ פון עלטערן צו די קינדער און דאָס
הארץ פון קינדער צו זייערע עלטערן, אום איך זאָל ניט קומען און שלאָגען
דאָס גאַנצע לאַנד מיט פערניכטונג.

איך שיק אייך אליהו דעם נביא איידער עס וועט קומען גאָט'ס גרויסער
און שרעקליכער טאָג.

חזק.

די צאהל פון פסוקים אין תרי עשר:

הושע, הונדערט און זיעבען און נײַנציג.
יואל, דריי און זיעבעציג.
עמוס, הונדערט און זעקס און פערציג.
עובדיה, איין און צוואנציג.
יונה, אכט און פערציג.
מיכה, הונדערט און פינף.
נחום, זיעבען און פערציג.
חבקוק, זעקס און פופציג.
צפניה, דריי און פופציג.
חגי, אכט און דרייסיג.
זכריה, צוויי הונדערט און עלף
מלאכי, פינף און פופציג.

צוזאמען געפינען זיך אין תרי עשר, טויזענד און פופציג פסוקים. די
העלפט דאפון איז, מיכה קאפ. ג', פסוק 12.